STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04945

GESHIKHTE FUN SOTSYALIZM

Max Beer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04945-X

9780657049454T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מ. בעער

געשיכטע
פון סאציאליזם

ערשטער טייל

אלטערטום

יידיש: יוסף לעשטשינסקי.

פארלאג „די וועלט" ווארשע, 1932

Printed in Poland
M. BEER—Historja socjalizmu
wyd.: „DI WELT“, Warszawa,
DRUKARNIA „DI WELT“
Warszawa, Nowolipie 7.

אַרײַנפיר

1. וואָס דאַרף מען פאַרשטיין אונטערן וואָרט אַלטערטום?

געוויינלעך טיילט מען די וועלט־געשיכטע אויף פאָלגנדיקע תקופות: אַלטערטום, מיטלאַלטער, נייע צייט און נייסטע צייט. די טיילונג איז אַ ריין כראָנאָלאָגישע, לויט דער אָנגענומענער צייטרעכענונג. אָבער, אַז מען הויבט אָן נענטער צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע, ווייזט זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע טיילונג איז נישט קיין גענויע, ווייל זי קלערט אייגנטלעך גאָרנישט אויף. ווען מיר רעדן וועגן אַלטערטום, האָבן מיר געוויינלעך אין זינען די מעסאָפּאָטאַמישע מלוכה, עגיפּטן, די פּאַרצייטיקע יידן, די גריכן און די רוימער. נו, און די קעלטן, די גערמאַנער, די סלאַוון — האָבן זיי גאָר קיין אַלטערטום־צייט ניט איבערגעלעבט? און גופא די אַלטערטום־פעלקער — האָבן זיי דען ניט געהאַט זייער מיטלאַלטער און זייער נייע צייט? די וועלט־געשיכטע האָט דאָך נישט צו טון מיט איין איינהייטלעכער מענטשהייט, וועגן וועלכער מען זאָל קאָנען זאָגן אַז ביז דער באַקאַנטער פעלקער־וואַנדערונג האָט זי זיך געפונען אין איר אַלטערטום־פּעריאָד און דערנאָך האָט זי נאָכאַנאַנד דורכגעמאַכט די תקופות פון מיטלאַלטער, נייע און נייסטע צייט. ניין, די געשיכטע האָט גיכער צו טון מיט פאַרשיידענע מדינות, מלוכות, שבטים און פעלקער, וועלכע האָבן אין פאַרשיידענע צייטן דורכגעלעבט זייערע אייגענע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן, און קיינער האָט נישט געוואָרט אין זיין אַנטוויקלונג אויפן צווייטן. לויט דער דערמאָנטער געשיכטע־איינטיילונג איז, למשל, שווער צו פאַרשטיין, פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס שוין אין אַלטערטום־פּעריאָד געפינען מיר אַ סך אידעען, וואָס געהערן צו דער נייער צייט? אָדער פאַרוואָס האָט זיך די נייע צייט אין אייראָפּע אָנגעהויבן דערמיט (רענעסאַנס),

דאָס זי האָט געזוכט איר שורש דוקא אין גריכישן „אַלטערטום“? און פאַרוואָס מוזן מיר נאָך איצט, אין דער גאָר נייסטער צייט, זיך אומקערן אָפט צו אידעען און אנשויונגען, וועלכע די אַלטערטום־מענטשן האָבן אַרויסגעזאָגט נאָך מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק? זענען דען די דאָזיקע אידעען און אנשויונגען געשאַפן געוואָרן אויסער צייט און רוים? שטאַמט דען זייער שכלדיקייט פון עפּעס אַ רוח־הקודש?

מיר וועלן אָבער זיין אַ סך מער קרוב לאמת, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז דאָס אַלטערטום גופא האָט נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין שום גייסטיקע און געשיכטלעכע איינהייט. די אַמאָליקע יידן, די גריכן און די רוימער האָבן אויך געהאַט זייער אַלטערטום, זייער מיטלאַלטער און זייער נייע צייט. זיי זענען בלויז געקומען אויף דער געשיכטלעכער בינע פריער, איידער די גערמאַנער און סלאַוון, אָבער זיי האָבן אויך דורכגעמאַכט אין זייער אַנטוויקלונג די אַלע פאַרשיידענע תקופות, און אין יעדער תקופה האָבן זיי געשאַפן די אַנטשפּרעכנדיקע אידעען און אינסטיטוציעס. כראָנאָלאָגיש קומט פּאַקע אוים, אַז די פעלקער מאַכן דורך זייער געשיכטע דורכאַנאַנד איינס נאָכן צווייטן; אָבער אין סאָציאַלן און גייסטיקן זינען איז זייער געשיכטע גיכער אַ פּאַראַלעלע. און אויב די ראָמאַנישע און גערמאַנישע פעלקער פון 15 און 16 יאָרהונדערט האָבן זיך דערפילט גייסטיק נאָענט מיט די גריכן פון 6־טן און 5־טן יאָרהונדערט (פאַר קריסט. געב.), איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל די גריכן האָבן צו יענער צייט שוין געהאַט דורכגעמאַכט זייער אַלטערטום און מיטלאַלטער, זיי האָבן געהאַלטן ביי זייער אייגענער „נייער צייט“ און האָבן דעריבער געשאַפן גייסטיקע פּראָדוקטן, וועלכע פּאַסן בכלל פאַר יעדער „נייער צייט“.

יעדער איינער פון אַט די צייט־פּעריאָדן האָט זיך זיינע באַשטימטע סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע און גייסטיקע סימנים. אין אַלטערטום — ריכטיקער, אין דער יוגנט־צייט פון די פעלקער [illegible] זענען די מענטשן אומעטום גרופּירט אין בלוט־קרובהשע משפחות און שבטים, זיי לעבן צוזאַמען, לויט כללים פון גלייכהייט, זיי ווייסן נישט פון פּריוואַט־אייגנטום, נישט פון מאָנאָגאַמישע [illegible]

קיין שריפט זענען נישטאָ; דאָס גייסטיקע לעבן איז זייער פּרימיטיוו; רגילות און מנהג רעגולירן דאָס זייער איינפאַכע לעבן; מייסטנס איז דאָס לעבן נאָמאַדיש (וואַנדער-לעבן), עס איז בכלל אופן נישט פארבונדן מיט קיין באַשטימטער טעריטאָריע. בראש פון פאָלק שטייען עלטסטע אָדער „קעניגן“. פון קיין שריפט ווייסט מען נאָך דעמאָלט אויך נישט. די משפחות באַשרייבן אַליין קיינמאָל נישט זייערע געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען. אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן יענער צייט, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אָדער די רייזנדיקע, וועלכע זענען אַראָפּגעקומען צו אָט די שבטים פון מער קולטורעלע לענדער און האָבן אונז איבערגעלאָזט שריפטלעכע דאָקומענטן וועגן די אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבן דאָרט געטראָפן, ווי, למשל, צעזאַר און טאַציט וועגן די אַלטע גערמאַנער; אָדער מיר שאַפן זיך אַ פאָרשטעלונג וועגן יענער צייט לויט די לעגענדעס און מסורות, ווי אויך לויט די רעשטן פון אַמאָליקע איינריכטונגען, וועלכע זענען פאַרבליבן צום אָנהויב פון דער היסטאָריש-באַשריבענער צייט. און אַזוי ווי מיר האָבן בכלל איינגעזען אַ רעגלמעסיקייט אין דער אַנטוויקלונג פון פעלקער, האָבן מיר שוין געקאָנט קומען צו דער אַלגעמיינער הנחה — אָדער טעאָריע — אַז אַלע פעלקער האָבן אין זייער פּרימיטיוון אורגעזעלשאַפטלעכן מצב נישט געוווּסט פון פּריוואַט-אייגנטום, אַלע זענען זיי געווען אָרגאַניזירט אין שבטים און האָבן געלעבט אויף יסודות פון אַלגעמיינער גלייכהייט.

זינט סאָציאַליסטן האָבן פאָרמולירט די דאָזיקע שיטה אין זייער געזעלשאַפט-לערע — אין דער סאָציאָלאָגיע, — באַמיען זיך די אַנטי-סאָציאַליסטישע לומדים פון אַלע לענדער צו דערווייזן, אַז ס'קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן קאָמוניזם ביי די פאַרצייטיקע, פּרימיטיווע שבטים. די כוונה פון די דאָזיקע לומדים איז אַ גאַנץ קלאָרע; און ס'איז שווער צו נעמען זייערע רייד ערנסט, וואָרום דאָס זענען כסדר געלערנטע, וואָס זיצן ביי זיך אין שטוב און דורך באַנק-חקירות ווילן זיי אָפּפרעגן זאַכן, וואָס רייזנדיקע און עדי-ראיה פון אַלע צייטן און פון אַלע וועלט-טיילן האָבן באַשריבן און פעסטגעשטעלט אויף אַ זיכערסטן אופן, אָדער זאַכן,

וועלכע דרינגען בהכרח ארויס פון די סאָציאַלע, רעליגיעזע און רעכטלעכע איבערבלייבענישן פון פאַרצייטנס.

די אורגעזעלשאַפטלעכע צייט ענדיקט זיך, ווען די שבטים הערן=אויף צו פירן אַ וואַנדער=לעבן, ווען זיי אָרגאַניזירן זיך ביסלעכווייז טעריטאָריאַל (אין געמיינדעס, דערפער, שטעט, באַצירקן און לענדער) און גייען איבער צו לאַנד=ווירטשאַפט. די מענטשן פרובירן דאַן פאָרטצוזעצן די פריערדיקע פאָרם פון דער געזעלשאַפט; פון קיין אנדערער ווייסן זיי דאָך נישט; אָבער די נייע ווירטשאַפטס=באַדינגונגען פאַרלאַנגען דורכאויס אַ נייע אָרדנונג, — ווייל עס הויבט זיך גלייך אָן די פאַנאַנדערפאַלונג פון דער פריער איינהייטלעכער געזעלשאַפט, איר קלאַסן=צעגלידערונג. עס קומען אויף שטעט; דער טויש=האַנדל ווערט לעבהאַפטער; אַנשטאָט כלל=אייגנטום הויבט אָן הערשן פריוואַט=אייגנטום. דאָס צופּאַסן זיך צו די נייע פאַרהעלטענישן גייט צו נישט גאָר גלאַטיק. די באַעולהטע און געדריקטע, די פאַראָרימטע און פאַרשולדעטע קלאַמערן זיך אין דער אַמאָליקער גלייכהייט, זיי באַהאַלטן זי טיף אין זייער זכרון און הויבן זי אָן צו אידעאַליזירן, אַלס פאַרלאָרענעם גן=עדן, אַלס אַמאָליקע גאָלדענע צייט. די ביבלישע שילדערונג פונם גן־עדן און ווי גאָט האָט די ערשטע מענטשן פאַרטריבן פון אים (בראשית, ב׳ ג׳), ווי אויך די פערזן פונם גריכישן דיכטער העזיאָד („ווערק און טעג“, פערזן 170—108) וועגן דער גאָלדענער תקופה און איר פאַרשווינדן — זענען די עלטסטע געשריבענע דאָקומענטן, וווּ עס קומט צום אויסדרוק די דאָזיקע שטימונג, וועלכע דרינגט דורך דאָס גאַנצע אַלטערטום. גאָר גיך הויבן זיך אָן אינערלעכע קאָנפליקטן; די אַלטע פירער פון די שבטים — די אַזוי גערופענע מלכים (קעניגן) אָדער שופטים, — מוזן אָפּטרעטן פאַרן אדעל, די גרויסע גרונט=אייגנטימער דערשלאָגן זיך צו דער הערשאַפט. פאַקטיש זענען מיר שוין טיף אין *מיטלאַלטער*. ערשט אויף דער שטופע קומט אויף די שריפט=קונסט און די רעליגיעזע דאָגמע: עס אַנטשטייט אַ מיטאָלאָגיע אָדער אַ טעאָלאָגיע; עס ווערן אָנגעשריבן געזעצן: די עשרת הדיברות ביים פאָלק ישראל, דראַקאָנס געזעצן אין גריכנלאַנד, דער צוועלף=טאָוול=

געזעץ אין רוים. בײַ די בני=ישראל האָט זיך דער מיטלאַלטער אָנגעהויבן אין 10=טן יאָרהונדערט פאַר קריסט. געב.; די יידן האָבן זיך דעמאָלט געוויילט מלכים, אָבער די פאַקטישע מאַכט איז געווען אין די הענט פון די באַזיצנדיקע — אויסער אפשר דער צייט, ווען געקיניגט האָבן דוד און שלמה. בײַ די גריכן האָט זיך דער מיטלאַלטער אָנגעהויבן ארום יאָר 1000, און בײַ די רוימער אין 8=טן יאָרהונדערט.

אין משך פונם מיטלאַלטער אַנטוויקלען זיך שטאַרק האַנדל און האַנטווערקעריי. זייער טרעגער ווערט דאָס שטאָטישע בירגערטום — די בורזשואַזיע. ווען די לעצטע וואַקסט אויס און ווערט גענוג שטאַרק, קומט אַ סוף צום מיטלאַלטער. דער אדעל ווערט בורזשואַזיש אָדער ער גייט אונטער; די אַלטע סיסטעם פון מיטאָלאָגישע און טעאָלאָגישע דאָגמעס ווערט צעטרייסלט, און אויף איר אָרט הויבן אָן אויפקומען נייע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע שיטות. די נאַטורוויסנשאַפט ווערט אויפגעריכט; די קונסט ווערט פרייער און פילטעניקער; די מיטלאַלטערלעכע קיבוצים פאַלן זיך פאַנאַנדער, לויט זייערע באַזונדערע עלעמענטן — עס הויבט זיך אָן: נייע צייט.

אין גריכנלאַנד האָט זיך די נייע צייט אָנגעהויבן אין 6=טן, אין רוים — אין 2=טן יאָרהונדערט. בײַ יידן האָבן נאַציאָנאַלע אומגליקן איבערגעריסן די דאָזיקע סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג: אין יאָר 722 איז דאָס לאַנד ישראל (די ביבלישע צפון=מלוכה מיט דער הויפּט=שטאָט שומרון) באַזיגט און צעשטערט געוואָרן דורך אַשור; אין יאָר 586 האָט דערזעלבער גורל געטראָפן די דרום=מלוכה (יהודה מיט ירושלים אלס הויפּט=שטאָט) פון די יידן — די באַבילאָנער האָבן זי חרוב געמאַכט. אָבער דאָס האָט נישט איבערגעריסן דעם רעליגיעזן אַנטוויקלונגס=פּראָצעס, פאַרקערט, עס האָט אים נאָך פאַרשטאַרקט. אין גייסט פון דער „נייער צייט“ — איז בײַ יידן אין דעם פּעריאָד אויפגעקומען דער עטישער מאָנאָטעאיזם; בײַ די גריכן האָט זיך אַנטוויקלט אַ מאָראַל=פילאָזאָפיע, און אירע פירנדיקע גייסטער האָבן אויך פאָרמולירט דעם מאָנאָטעאיזם און די סאָציאַלע עטיק (פּלאַטאָניזם און

די סטאָאישע שיטה). די סאָציאַלע קאַמפן, וואָס האָבן זיך אָנגע=
הויבן אין מיטלאַלטער, ווערן איצט, אין דער נייער צייט, אַלץ
העפטיקער: ביי די יידן טרעטן אַרויס אָרימע קעגן רייכע; אין
גריכנלאַנד — די פאָלקס=מאסן (דעמאָס) קעגן די וווכערער און
עקספּראָפּריאַטאָרס, שפּעטער — דער פּראָלעטאַריאַט קעגן קאַפּי=
טאַל; אין רוים — די פּלעבייער קעגן די פּאַטריציער, די באַזיצלאָ=
זע קעגן די רייכע, די שקלאַפן קעגן זייערע אייגנטימער. די הויפּט=
פאָדערונגען זענען: אַנולירן די חובות און פון
דאָס ניי פאַרטיילן דעם ערד-באָדן. עס
ווערן אונטערגענומען סאָציאַלע רעפאָרמען — וואַרשיינלעך אַרום
אָנהויב פון 7־טן יאָרהונדערט אין ספּאַרטע; אין יאָר 621 — אין
יהודה; אין יאָר 594 (סאָלאָן) אין אַטען; אין די יאָרן 367 און
138 אין רוים. אין ספּאַרטע איז דער קלאַסן=קאַמף אָנגעשוויגן
געוואָרן אויף אַ ריי פון יאָרהונדערטן; פאַרקערט, אין אַטען איז
דער קאַמף געוואָרן אַלץ שאַרפער, און ער האָט אַרויסגערופן צום
לעבן דעם גרעסטן סאָציאַל=פילאָזאָף פון אַלטערטום — פּלאַטאָן
(געבוירן אין 427, געשטאָרבן אין 347); אין אַטען איז אויך גע=
שאַפן געוואָרן אַ קאָמוניסטישע שיטה און די טעאָריע פון נאַטור=
רעכט. אין רוים האָבן די סאָציאַלע קאַמפן נישט געהאַט קיין שום
רעוואָלוציאָנערן איינפלוס אויפן גייסטיקן לעבן — די רוימער זע=
נען בכלל געווען נישט קיין אינטעלעקטועל פאָלק, און זיי האָבן
אַזוי גוט ווי גאָרנישט אויפגעטון פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויק=
לונג נישט פון רעליגיע און פילאָזאָפיע און נישט פון סאָציאַלע
אידעען; דאָס גייסטיקע לעבן פון די רוימער איז בלויז אַ פאַר=
שפּעטיקטער, בלאַסער אָפּשיין פון גריכישן גייסטיקן לעבן. עס
זעט אויס, ווי די רוימער וואָלטן זייער גאַנצע גייסטיקע ענערגיע
אויסגעבראַכט נאָר אויף מלחמות, אויף אונטערצודריקן אַנדערע
פעלקער און אויף צו באַגרינדן דאָס פּריוואַט=אייגנטום=רעכט. אין
דער גייסט=געשיכטע (אַ חוץ רעכט=געשיכטע) פאַרנעמען די רוי=
מער אַ גאַנץ באַשיידענעם פּלאַץ.

עס איז גענוג פון אויבן=אויף אַ בליק צו וואַרפן אויף דער
ווירטשאַפט און פּאָליטיק פון אַלטערטום, כדי צו זען דעם גרויסן

אונטערשייד צווישן דעמאָלט און איצט. קודם=כל — דער פּול=
שטענדיקער מאַנגל פון מאַשינעס און פיינערע אַרבעטס=מכשירים.
אָנשטאָט דעם טרעפן מיר גרויסע מאַסן פון שקלאַפן; לכתחילה
זענען עס געווען מיטגלידער פון אייגענעם פאָלק, וועלכע זענען
פאַר זייערע חובות געמאכט געוואָרן פאַר שקלאַפן, דערנאָך זענען
עס קריגס=געפאַנגענע, די באַפעלקערונג פון באַזיגטע געביטן, אָדער
סתם געפאַנגענע דורך שקלאַפן=הענדלער, ביי וועמען די גריכן און
רוימער האָבן זיי מאַסנווייז אויפגעקויפט און אוממענטשלעך עקס=
פּלואַטירט; ביי די יידן איז געווען נאָר אַ קנאַפּע צאָל שקלאַפן.
דאָס מלוכה=לעבן האָט דעמאָלט אויך אַנדערש אויסגעזען. אין
משך פון לאַנגע יאָרהונדערטן איז די מלוכה באַשטאַנען בלויז פון
איין שטאָט מיט איר אומגעבונג; די באַרימטעסטע צווישן זיי זע=
נען געווען אַטען, ספּאַרטע, רוים. אזא מין שטאָט=מלוכה האָט
אויף גריכיש געהייסן פּ אָ ל י ס (דערפון שטאַמט דאָס וואָרט פּאָ=
ליטיק), אויף לאַטייניש ציוויטאַס (דערפון — דאָס וואָרט ציווי=
ליזאַציע). די דאָזיקע שטעט=מלוכות זענען אַלזאָ געווען קליינע
קרייזן, מיט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 30-40 טויזנט פרייע בירגער.
אין גריכנלאַנד זענען געווען עטלעכע אַזעלכע שטעט=מלוכות, דאָס=
גלייכן אין איטאַליע. טיילווייז אין רעזולטאַט פון מלחמות, טיילווייז
דורך פרייע אָפּמאַכן האָבן זיך די דאָזיקע שטעט פאַראייניקט אין
איין גרויסע מלוכה. יעדער פרייער בירגער איז געווען צוגלייך אַ
סאָלדאַט; די ווירטשאַפטלעכע אַרבעט האָבן אויסגעפירט די שקלאַ=
פּן=מאַסן. ערשט די רוימער האָבן ביסלעכווייז געשאַפן אַ מלוכה
(אימפּעריע), וווּ עס זענען געווען הערשנדיקע שיכטן און אונ=
טערדריקטע פעלקער. שפּעטער האָבן די רוימער אַנטוויקלט אויך
דעם פעאָדאַליזם און די לייב=אייגנשאַפט, ווי נאָר שקלאַפן=אַרבעט
האָט אויפגעהערט לוינען צוליב ווירטשאַפטלעכע אָדער פּאָליטישע
טעמים.

2. די טעאָריע פון פּאַרצייטישן קאָמוניזם: נאַטור=רעכט

מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, אַז די עקספּראָפּריאירטע
פאָלקס=מאַסן האָבן זיך, צום אָנהויב פון מיטלאַלטער, שטאַרק גע=
קלאַמערט אין די טראַדיציעס פון דער אַמאָליקער גלייכהייט און

האָבן אידעאַליזירט די פאַרגאַנגענהייט. אורגעזעלשאַפט אָדער נאַטור=צושטאַנד איז געוואָרן אַן אידעאַל, וועגן וועלכן מען האָט געטרוימט. אין זיין ווערק „איבער די געזעצן“ (3=טער בוך, קאַפּיטל 2 און 3) רעדט פּלאַטאָן וועגן די מענטשן פון דער אורגעזעלשאַפט אַזוי:

„מענטשן זענען אין יענע באַדינגונגען נישט געווען שטאַרק אָרים און אפילו די נויט האָט זיי נישט געטריבן צו פאַרפירן סכסוכים צווישן זיך. אָבער רייך האָט מען אויך נישט געקאָנט ווערן, ווייל מען האָט נישט פאַרמאָגט נישט קיין גאָלד, נישט קיין זילבער. ווי באַלד אָבער אין אַ געזעלשאַפט איז נישטאָ קיין אָרימקייט און נישט קיין רייכקייט, מוזן אין איר כמעט אויף זיכער הערשן די אייזלסטע מדות. וואָרום דאָ איז נישטאָ קיין גדלות, קיין אומגערעכטיקייט, דאָ ווייזן זיך נישט אַרויס נישט קיין אייפערזוכט, נישט קיין קנאָה. בכן זענען דאָס געווען גאַנץ גוטע מענטשן — גוטע אדאַנק די אַנגעוויזענע אומשטענדן, אדאַנק דעם, וואָס מען רופט איינפאַכקייט, תמימות.... מיר מוזן, הייסט עס, זאָגן, אז די פילע דורות, וואָס האָבן געפירט אַזאַ אַרט לעבן, זענען.... אין פאַרגלייך מיטן היינטיקן דור, געווען אַ סך ווייניקער דערפאַרן און געשיקט אין אַלע מינים קונסט און מלאָכה... דערפאַר אָבער איז מען אין יענע צייטן תמיד געווען גוטמוטיקער און אָרענטלעכער, מעסיקער און אין אַלע הינזיכטן גערעכטער... יענע דורות האָבן גאָר קיין שום געזעצגעבער נישט באַדאַרפט האָבן. אין יענער צייט איז אפילו קיין אותיות=שריפט נאָך נישטאָ: די מענטשן פירן זיך אין זייער לעבן לויט די מנהגים און מסורה פון זייערע עלטערן“.

די לערע וועגן גלייכהייטלעכן נאַטור=צושטאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אַלץ ווייטער; און אין אריסטאָס צייט (אַ תלמיד פון פּלאַטאָן און לערער פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן — אָרום די יאָרן 340 ביז 325) איז שוין געווען פאַרשפּרייט דער קוק, „אַז דאָס געוועלטיקן פון האַר איבער זיין קנעכט איז קעגן דער נאַטור, אַז דער אונטערשייד צווישן פרייע און שקלאַפן איז אַ זאַך פון מענטשנס געזעץ, אָבער נישט פון דער נאַטור, און אַזוי ווי דאָס איז

קעגן דער נאַטור, איז דאָס אַן אומגערעכטיקייט" (אַריסטאָטעלעס „פּאָליטיק" 1. 3).

אין די דאָזיקע ציטאַטעס, פון פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס איז שוין אויסגעדריקט דער קערן־געדאַנק פון נאַטור־רעכט. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און פאַרטיפונג פון דער דאָזיקער שיטה טרעפן מיר ביי די סטאָאיקער (אין 3־טן יאָרהונדערט). גרינדער פון דער סטאָאישער שול איז געווען זענאָ, וועלכער האָט געלעבט לערך אין יאָר 300. די געדאַנקען פון דער דאָזיקער שול האָבן, אָנהויבנדיק פון 2־טן יאָרהונדערט פאַר קריסט. געב., געהאַט גאָר אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף די קולטור־קרייזן אין גריכנלאַנד, אויף אַלע רוימישע דענקער, און דערנאָך אויך אויף דער גאַנצער קריסטלעכער ציוויליזירטער אייראָפּע, ביז אויף היינטיקן טאָג. איר איינפלוס איז באַזונדער קענטיק אין אַלע אוטאָפּיש־סאָציאַליסטישע און אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישע קאָנצעפּציעס.

נאַטור־רעכט — איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער ניי־אויפגעקומענער ציוויל־ און מלוכה־אָרדנונג, וואָס האָט באַזירט אויף פּריוואַט־אייגנטום. עס איז די אידעאַליזירונג פון דעם דעמאָקראַטישן און גלייכהייטלעכן צושטאַנד, וואָס האָט געהערשט אין דער קאָמוניסטישער אור־תקופה. אינם רוף: צ ו ר י ק צ ו ד ע ר נ אַ ט ו ר! האָט געפונען זיין אויסדרוק דער משפּט איבער דער נייער ציוויליזאַציע; עס האָט געהייסן: לאָמיר זיך אומקערן צום אַמאָליקן לעבנס־סדר, אָדער לאָמיר נעמען דעם דאָזיקן אַלטן סדר אַלס מוסטער (אידעאַל), כדי איבערצואַנדערשן די איצטיקע סאָציאַלע און רעכטלעכע אָרדנונג. די נייע צייט מיט איר אויפּבלי פון שטעט, האַנדל און האַנטווערק און מיט איר אָפּווישן אַלע רעשטן פון אַמאָליקן כּלַלישן ערד־און באָדן־אייגנטום קומט פאַר דעם מענטשן ווי אַן אָפּקער פון דער נאַטור, פון אַלע גוטע מדות, פון לעבן דורך דער ערד; עס איז אַ קער צום אומנאַטירלעכן, צו אַ קינסטלעכן לעבן, פול מיט טומל און לוקסוס, מיט אַ תהום פון געזעצן, פּאַראַגראַפן און מלוכה־תקנות. אַמאָל האָט מען נישט געוווסט פון קיינע מענטשן־געזעצן, פון קיין מלוכה, פון קיין שום צוואַנג־אינסטיטוציעס. די נאַטור איז זיך געגאַנגען איר לעבנס־וועג,

לויט די געבאָטן פון גאָט, וואָס האָבן אַרויסגעקוואַלט פון איר אינערלעכן רוח אלהים, און אָט דער גייסט האָט תמיד געלערנט צו טון דאָס גוטע, ווילע, גערעכטיקע. נאָר דער געטלעכער מאָראַלישער נאַטור־געזעץ איז די אמתע מאָס; עס איז דאָס רעכט פון קלאָרן פאַרשטאַנד; עס איז העכער און גילטיקער, איידער מענטשלעכע געזעצן, איידער דאָס אַזוי גערופענע פּאָזיטיווע רעכט. דאָס דאָזיקע רעכט גילט פאַר אַלע באַשעפענישן, וועלכע טראָגן דעם צלם מענטש: אַלע מענטשן זענען פריי, אַלע זענען גלייך. דאָס דאָזיקע נאַטור־רעכט האָט געהערשט אינם ווייטן אַמאָל, אין יענער גאָלדענער תקופה, איידער דער מענטש איז באַגאַנגען זיין ערשטן זינד־פאַל. דעמאָלט האָבן מענטשן געלעבט אָן אַ מלוכה, אָן אויסערלעכן צוואַנג, אָן שום געזעצגעבערישער אַפּיטרופּסות און רעגירונג, זיי האָבן געפאָלגט בלויז דעם נאַטירלעכן דראַנג צום גוטן, גערעכטן און יושרדיקן. אָבער די שפּעטערדיקע דורות זענען געוואָרן פאַרדאָרבן; גיריקייט, אומצופרידנקייט, אינערלעכע רייסערייען און קאַמפן זענען אָנגעקומען, און די מענטשן האָבן באַשאַפן די מלוכה, דאָס פּריוואַט־אייגנטום און אָן אַ שיעור געזעצן, אָבער גליקלעך זיין ווי אַמאָל האָבן זיי מער נישט געקאָנט. די מענטשלעכע געזעלשאַפט ליידט, זי איז קראַנק. און דאָס איינציקע היילמיטל איז — אַ סוף מאַכן צו די אַלע קינסטלעכע אויסטראַכטענישן און זיך צוריק אומקערן צו דער נאַטור, צו לעבן אין האַרמאָניע מיט איר.

די סטאָאיקער זענען געווען געשטימט אינטערנאַציאָנאַליסטיש, און זענען געווען אַנאַרכיסטישע קאָמוניסטן. אין דעם פּרט קאָן מען זיי פאַרגלייכן מיט די יידישע נביאים; בלויז פאַר די נביאים איז יהוה געווען דער לייט־שטערן, דער געזעצגעבער, און פאַר די סטאָאיקער איז דאָס געווען די נאַטור גופא מיט איר אינערלעכן רוח אלהים. ביידע ריכטונגען האָבן זיך שפּעטער צונויפגעקוויקט אינם אָנטשטייענעם קריסטנטום.

I. פּאַלעסטינע

1. סאָציאַלער מצב

אין 12־טן יאָרהונדערט פאַר קריסט. געב. זענען די עברים אַלס וואַנדער־שבטים אָנגעקומען אין כנען, פון צפון־אַראַבישן און מזרח־עגיפּטישן מדבר. זיי זענען געווען אָרגאַניזירט אין משפּחות און שבטים, האָבן געהאַט עלטסטע, פירער, און האָבן געזוכט צו איינגעמען נייע פּרוכטבאַרע פּלעצער, כדי צו באַזעצן זיך אויף ערד. רירעוודיקע און עמפּינדלעכע זענען געווען די עברים, און שווער צום דיסציפּלינירן (עם קשה עורף), אָבער פאַרהאַרטעוועט דורך דעם געפאַרפולן לעבן אין דער מדבר און גוט באַהעפט דורך דעם, וואָס זיי האָבן אַ לאַנגע צייט זיך משדך געווען נאָר צווישן זיך; אין לאַנגע פאַרביטערטע קאַמפן האָבן זיי געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון די כנען־איינוווינער, וועלכע זענען געשטאַנען קולטורעל אַ סך העכער פון זיי, און האָבן פאַרנומען זייער לאַנד. דאַן האָבן די זיגערישע באַרבאַרן צעטיילט דאָס לאַנד לויט אַ גורל צווישן זייערע שבטים, און יענע ווידער צווישן זייערע משפּחות. פון פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד און באָדן האָבן זיי לכתחילה נאָך נישט געוווסט; די שבטים האָבן באַטראַכט די באַקומענע לענדער ווי כלל־אייגנטום, און די משפּחות האָבן געקוקט אויף זייערע נחלות, ווי אויף אַ פאַרמעגן פון גאַנצן שבט (במדבר, ל״ו). אינם העברעישן איז דאַן נאָך אפילו נישטאָ קיין וואָרט פאַרן באַגריף פון אייגנטום, אַם נאָענטסטן צו דעם באַגריף איז דאָס וואָרט „נחלה“. אייגנטימער הייסט דאַן „האַר“, אויף העברעיש „בעל“ — אַן אַלגעמיין סעמיטיש וואָרט, וואָס זיין טייטש איז אייגנטלעך מאַן אָדער פּראָדוצירער. נאָר אַזוי ווי יעדע משפּחה האָט באַזונדער באַאַרבעט איר נחלה און פאַרברויכט אירע פּראָדוקטן — און טיילווייז אויך אונ־

טערן איינפלוס פון דער כנעניִשער קולטור — האָבן זיי ביסלעכווייז אָנגעהויבן קוקן אויף דער ערד ווי אויף אומבאַגרענעצט אייגנס, און יעדע משפּחה האָט זיך צוגעוווינט זעלבסטשטענדיק צו באַלעבאַטעווען אויף איר נחלה. דאָס ווייטער האָט שוין געפירט דערצו, אַז עס זענען פאָרגעקומען קניות, אַנדערע נחלות זענען פאַרמשכנט געוואָרן, און אַזוי איז מיט דער צייט בטל געוואָרן די פריערדיקע ווירטשאַפטלעכע גלייכהייט, און אָנשטאָט איר איז אויפגעקומען אַ צעטיילונג אויף קלאַסן.

דער עלטסטער גאָט פון די עברים, בעת זיי האָבן אַריינגעצויגן אין כנען, איז געווען י ה ו ה, דער גאָט פון מדבר, פון ברענענדיקער היץ, פאַרניכטנדיקן פייער און שטורעם, דער קריגס־העלד כלפּי חוץ און דער באַשיצער פון פאָלקס־גאַנצקייט אינעווייניק, אַן אל צדיק וישר, וואָס באַפעלט אָפּצוהיטן אַ שטרענגע זיטן־ריינקייט אין לעבן. יהוה האָט פאַרקערפּערט אין זיך אַלע פיזישע אייגנשאַפטן פון דער מדבר און די סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע און מאָראַלישע לעבנס־פאָרשטעלונגען פון אַן ענערגישן מדבר־פאָלק. די עברים האָבן ווייניק קרבנות געבראַכט צו זייער גאָט — נאָר אַ ביסל מעל און אַ שאָף. וואָס מער האָבן געקאָנט מקריב זיין אָרימע מדבר־שבטים? זייער אייגן לעבן איז געווען שטרענג און ניכטערן, און אַזוי איז אויך געווען דער גאָט, צו וועלכן זיי האָבן געבעטן און פאַר וועמען זיי האָבן מורא געהאַט, לויט דעם צלם פון זייער אייגענער פיזישער סביבה און געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע האָבן זיי געשאַפן די געשטאַלט פון זייער גאָט.

נאָר פון אַן אַנדער שניט איז געווען ב ע ל, דער גאָט פון כנען. ווי דיאָניס אָדער באַכוס ביי די גריכן, אַזוי איז ב ע ל געווען די רעליגיעזע אָפּשפּיגלונג פון שפע און רייכקייט אין דער נאַטור, דער גאָט פון אַ לאַנד, וואָס האָט געטריפט מיט האָניק און מילך, מיט אייל און וויין. ער מאַכט פרוכפּערדיק סיי די מענטשן, סיי די חיות און געוויקסן; ער איז דער סוד און דער יסוד פון יעדער יצירה; זיינע געהייליקטע באַרג־שפּיצן און מזבחות זענען די לוםטיקסטע זאַמל־פּונקטן, די קרבנות־רוישנדיקסטע יום־טובים, די הייליקע וועלדלעך — שאָטן־פּלעצער, ווו ביידע געשלעכטער פאַר=

בדענגען אין תענוג און ווילטאָג. אין די אויגן פון די נביאים איז די דאָזיקע בעל־עבודה געווען הוילע זנות־טרייבעריי. קולטורעל איז כנען לאַנג שוין איבערגעוואַקסן די שטופע פון שבטים־אָרגאַניזאַציע — דאָס לאַנד איז באַשטאַנען פון שטעט־באַצירקן, ווו האַנדל און מלאכה זענען געווען פאַרשפּרייט און אויף אַלע געביטן האָט געהערשט פּריוואַט־אייגנטום.

אין דער דאָזיקער נייער סביבה איז ביי די עברים (אָדער ישראל) אַקערבוי געוואָרן דער יסוד פון לעבן, און זיי זענען גלייך אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון דער כנענישער קולטור. די רעליגיעזע השגות פון דער מדבר האָבן שוין מער נישט האַרמאָנירט מיטן נייעם לאַנדווירטשאַפטלעכן לעבנס־שטייגער: יהוה האָט נישט געקאָנט באַפרוכפּערן דאָס פעלד, דעם וויינשטאָק אָדער דעם איילבירט־בוים — דער גאָט פון מדבר האָט נישט פאַרמאָגט די דאָזיקע אייגנשאַפטן, — און די נייע צעגלידערונג פון דער געזעלשאַפט האָט מען אויך נישט געקאָנט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון יהוהס געבאָטן. דאָס לעבן האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער, איידער די אידעאָלאָגיע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפּקער פון יהוה: אָדער מען האָט אים באַקליידט מיט נייע אייגנשאַפטן, גענומענע ביי בעל, און מען האָט די עבודה געפירט אין אַ נייעם גייסט, לויט דעם בעל־קולט, אָדער מען איז גאָר אָפּגעפאַלן פונם אַלטן גאָט און מען האָט אָנגעהויבן גלויבן אין בעל. פון 9־טן יאָרהונדערט אָן האָבן די בני ישראל דורכגעלעבט אַ טיפן רעליגיעזן קריזיס, וועלכער האָט אָנגענומען אַמאָל שאַרפערע, אַמאָל מילדערע פאָרמען, אָפּהענגיק פון די אומשטענדן און פון דעם, וואָסערע פירנדיקע פערזענלעכקייטן האָבן געשפּילט אין דעם אָדער יענעם מאָמענט די הויפּט־ראָל אין דער באַוועגונג. צווישן די אָנהענגער פון יהוה און פון בעל איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף און אין דעם קאַמף זענען די נביאים, אין זייער מדבר־קליידונג, געווען די פאַרטיידיקער פון יהוה. לכתחילה זענען עס געווען אליהו הנביא און אלישע, וועלכע דריקן נאָך אויס דער עיקר דעם ריין־טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן מאָמענט, דערנאָך יענע גרויסע נביאים, ווי עמוס, ישעיה, ירמיהו, וועלכע פירן שוין דעם קלאַסן־קאַמף פון די אָרים געוואָרענע, פּריי־

דיקן סאָציאַלע גערעכטיקייט און באַטראַכטן יהוה אַלס דעם וועלט=
גאָט, אַלס דעם שופט פון גאַר דער וועלט. די ווירטשאַפטלעכע אַנט־
וויקלונג פון די בני ישראל און די געקומענע דורך דעם קלאַסן=
צעגלידערונג האָבן פאַרשאַרפט דעם רעליגיעזן קריזיס, און דער
יהוה=באַגריף האָט דערבײַ געקראָגן גאָר אַ נײַע באַדײַטונג, אין
וועלכער ס'איז געלעגן פאַרבאָרגן, ווי מיר וועלן זען, אַ גאַנצע רע=
ליגיעזע רעוואָלוציע.

צערודערן און אומאַנדערשן די אַלטע לעבנס=אָרדענונג האָבן
מיטגעהאָלפן אויך די צאָלרײַכע מלחמות, וואָס די בני ישראל האָבן
געפירט, טיילווייז כדי צו שיצן די אייגענע גרענעצן, טיילווייז כדי
זיי אויסצוברייטערן. די מלחמות מיט זייער פאַרשידנאַרטיקן מזל
האָבן ארויסגערופן (איז 10=טן יאָרהונדערט פאַר קריסט. געב.)
בײַ די פויערשע שבטים אַ ווילן צו האָבן אַ צענטראַל=רעגירונג, צו
האָבן אַ מלך,וועלכער זאָל פאַרטיידיקן זייערע גרענעצן פאַר פײַנט=
לעכע אָנפאַלן און זאָל זיך בכלל אָננעמען זייער קשיוודע קעגן
דרויסן. און דער נייער אײַנפיר האָט זיך גראָד ארויסגעוויזן פאַר
געלונגען. אויב ביז אַהער האָבן די שבטים געמוזט פירן אַ פאַר=
צווייפלטן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ, האָבן זיי איצט, בײַ די
מלכים, גלייך דערגרייכט צו אזא מצב, אז אלע האָבן זיך מיט זיי
געמוזט רעכענען. די שכנים האָבן מער נישט געוואגט אָנצופאַלן
אויף זיי, און די רו איז אויף אַ לאַנגע צייט געוואָרן געזיכערט
(שמואל ב'—7; מלכים א', 5). די פראָדוקציע פון איידעלע מע=
טאַלן איז געווען אַ היבשע; די לאַנדווירטשאַפט האָט זיך ג־ט אַנט=
וויקלט; די קאַראַוואַן־וועגן פון די כנענים זענען אויך אריבער צו
די בני=ישראל, און אַ שטיק צייט האָט זיך אפילו דער ים=ברעג
געפונען אין זייער רשות, אזוי אַז זיי האָבן אָנגעקניפט האַנדלס=
באַציונגען מיט די פעניקיאַנער, וועלכע זענען געווען ים=פאָרער און
גענייטע האַנטווערקער. די מלכים האָבן שטאַרק געשיצט דעם האַנדל
און מיטגעהאָלפן זײַן אַנטוויקלונג. די בלוטיקע מלחמות מיט אדום
אין 9־טן און 8־טן יאָרהונדערט זענען טאַקע געווען האַנדל־מלחמות.
די בני ישראל האָבן געמוזט אײַננעמען עלאַט, די האַפן=שטאָט בײַם
רויטן ים, כדי צו קאָנען עקספּאָרטירן גאָלד פון אופיר און קאָלאָ=

ניאל=פראָדוקטן פון אינדיע. די מלכים יהושפט, יורם, עמציה און
אוזיה האָבן געפירט מלחמה צוליב דעם ים=אויסגוס פון אקאבא,
און ווען דער סירישער קעניג רצין האָט איינגענומען די שטאָט
עלאַט (אילת) „האָט ער ארויסגעשטויסן די יידן“ (מלכים ב׳, 16).
אויף צפון איז דאָס געווען דער שבט זבולון, „וועלכער האָט גע=
וווינט ביים ברעג ים, ביים אָנקום פון די שיפן, און וואָט דערלאַנגט
ביז צידון“ (בראשית מ״ט). די בני ישראל האָבן זיך אַרויפגעאַר=
בעט אין לאנדווירטשאַפט און האנדל צו דער שטופע פון כנען, און
זענען דורכדעם באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם בעל=דינסט און
האָבן געטאַנצט אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב.

2. קלאַסן-היפוכים און די נביאים

די צייט, ווען דאָס פאָלק ישראל איז געזעסן יעדער אונטער
זיין וויינשטאָק און פייגנבוים און געלעבט אין שלום און שלוה, איז
אויף אייביק אוועק. די ווירטשאַפטלעכע אומגלייכקייט איז אלץ
געוואקסן און צוזאמען מיט איר דער תהום צווישן די קלאסן:
צווישן אָרימע און רייכע, הערשנדיקע און באהערשטע, באצווינגער
און באצווינגטע. די באזיצנדיקע האָבן — אין הסכם מיט זייערע
לעבנס=באדערפענישן און מיט זייער גאַנצן נשמה=צושטאַנד —
גוטה געווען צו בעל, דעם גאָט פון פרוכטבארקייט, געניס און
געווין. פארקערט, די אָרימע שיכטן, די באזיצלאָזע, האָבן זיך גע=
האלטן פאר יהוה, וועלכער איז פאר זיי געווען דער גאָט פון פעס=
טער פאָלקס=אייניקייט און געמיינשאַפטלעכקייט, דער גאָט פון גוטס
און פון בארמהאַרציקייט. ווי גוט עס איז געווען, ווען ישראל איז
געווען געגלידערט אין שבטים און האָט געלעבט אין דער מדבר!
אַ פיין זיינע געצעלטן זענען דעמאָלט געווען! ער האָט ליב געהאַט
יהוה, און יהוה האָט אים ליב געהאַט... פאַר די באַזיצלאָזע איז
איצט די מדבר=צייט און די אלטע שבטים=אָרדענונג געוואָרן די
פארלאָרענע גאָלדענע תקופה. די תמיד ערנסטע און אומבארחמנות=
דיקע שטרענגע נביאים ברענגען ארויס די מילדסטע און ליבלעכסטע

פענער, ווי נאָר זיי נעמעןריידן וועגן דער פאַרגאַנגענער יוגנט=צייט פון ישראל!

ווי מיר זעען, האָט זיך אינם קאָנפליקט צווישן יהוה און בעל אָפּגעשפּיגלט דער קלאַסן=קאַמף, וואָס דיווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג האָט מיט זיך געבראַכט, — דער קאַמף האָט בלויז אָנגענומען רעליגיעזע פאָרמען.

די אָרימע האָבן זיך אין זייער נויט געווענדעט צו יהוה און צו זיינע נביאים. „דיין קנעכט, מיין מאַן — קלאָגט אַ פרוי פאַרן נביא אלישע — איז געשטאָרבן; דו ווייסט, ער האָט מורא געהאַט פאַר יהוה. איצט קומט דער מלוה און וויל מיינע ביידע קינדער פאַר שקלאַפן צונעמען“ (מלכים ב׳, 4). דער סעמיטישער קאַפּיטאַל האָט געהאַנדלט אין כנען פונקט אַזוי ברוטאַל און אויף דעם זעלבן אופן, ווי דער אַרישער קאַפּיטאַל אין גריכנלאַנד און אין רוים: עס איז געווען וווּכער= און האַנדלס=קאַפּיטאַל. ווי שלעכט די בני ישראל האָבן געקוקט אויף וווּכערער, באַווייזט דער העברעישער אויסדרוק פאַר וווּכעריי — „נשך“, וואָס האָט דעם פשוטן טייטש: בייסן. דאָס אויפקומען פון פּריוואַט=אייגנטום און די אַלץ וואַקסנדיקע פאַרשפּרייטונג פון געלט=ווירטשאַפט האָבן צעטרייסלט און אויפגעריסן די אַלטע ווירטשאַפטס=אָרדענונג און אַלע אַלטע מדות. לוקסוס און גלאַנץ ווערן די זאַך פון די רייכע קרייזן — אונטערדריקונג, נויט און שולד=קנעכטשאַפט ווערן דער גורל פון די אָרימע. דער אומפאַרמיידלעכער פועל יוצא איז געווען אַ טיפער קלאַסן=קעגנזאַץ; ער האָט, אמת, — אויף ווי ווייט מיר פאַרמאָגן געשיכטלעכע באַווייזן — נישט געפירט צו קיין אויפשטאַנדן און הריגות, וועלכע זאָלן דערשיטערן די יסודות פונם סאָציאַלן לעבן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין גריכנלאַנד און אין רוים, — דערפאַר האָט ער אָבער אַרויסגערופן אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אירונג=פּראָצעס, וואָס האָט נישט זיין גלייכן, — די נביאים זענען געווען די וואָרט=פירער פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. די דאָזיקע העלדן פון זיטלעכקייט, וועלכע האָבן פון זייערע פייערדיקע נשמות געוואָרפן אומאויסלעשלעכע פונקען אין קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר, האָבן אַלץ מער און מער געשטעלט דעם טראָפּ אויפן סאָציאַל=עטישן מאָמענט אין דער רעליגיע.

די דאָזיקע רעליגיעזע אומוואַנדלונג האָט געפירט דערצו, אז
יהוה האָט אויפגעהערט צו זיין דער לאָקאלער פאָלקס=גאָט, נאָר
ער איז געוואָרן דער אַלגעמיינער גאָט פון גערעכטיקייט. אזוי האָבן
די נביאים דערהויבן דעם געזעלשאַפטלעך=פרימיטיוון אָפּגאָט פון
די וואַנדער־שבטים פון ישראל צום אוניווערסאלן גאָט פון אמת און
מענטשן=ליבע. און אדאנק דער געאָגראַפיש=פּאָליטישער לאַגע פון
פאַלעסטינע, וועלכע האָט געוועקט זייער אויפמערקזאמקייט צו אלע
פאַסירונגען פון דער וועלט=פּאָליטיק, זענען די נביאים געוואָרן נישט
נאָר נאַציאָנאַלע פירער, נאָר זיי האָבן זיך אויפגעהויבן צו דער
הויך פון וועלט=פּאָליטישע באָאָבאכטער און זעער. לויט איר לאַגע
נאָך און לויט איר באָדן־געשטאַלט איז פאַלעסטינע געווען דער
בריק צווישן פאָדער־אזיען און עגיפּטן; זי איז געווען דער צווישן־
קניפּ צווישן די וועלט=מלוכות, וואָס האָבן דעמאָלט קאָנקורירט
און זיך קעגנזייטיק באַקעמפט, און זי איז דעריבער געווען אָנגעוויזן
אויף דער שטענדיקער סכנה פון אינוואזיעס; דאָס האָט אָבער גע=
וועקט ביי אירע איינוווינער אַ וואכזאמקייט און אַ פארשטענדעניש
פאַר וועלט=פּאָליטישע פאַסירונגען. די נביאים, אָט די מענער פון
הויכן גייסט, האָבן זייער אויג געווענדעט אויף די גרויסע אימ=
פעריעס, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר מאַכט און הערשאַפטן
און זיי האָבן אלץ — מענטשן און זאכן, לענדער און אימפעריעס —
געוואויגן אויף דער וואָגשאָל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. אשור און
בבל, עגיפּטן און פערסיע זענען נישט מער ווי אַ ווערקצייג אין די
הענט פון יהוה, זיין רצון, זיין פּלאן דרינגט דורך דעם גאנצן אוני=
ווערזום (וועלטאל). אַ שטורם ווייטערט דורך דער וועלט=געשיכטע
און ער ברעכט די שטאַרקסטע, שליידערט אום די שטאָלצע און
חוצפּהדיקע — און אין אָט דעם צוזאמענברוך פון ערדישער מאַכט
און מענטשלעכער געוואַלט אַנטפּלעקט זיך אין זיין אַנצער פּראַכט
און שטאַנדהאפטיקייט אַ מאָראַלישער וועלט=סדר, וואָס אין זיין
צענטער שטייט דאָס פאָלק ישראל. די נביאים זענען געוואָרן אָנזאָגער
פון קומענדיקע געוויטערן, פון אָנקומענדיקן אומגליק אויף ישראל
און יהודה און פון דעם אחרית הימים, ווען ישראל און יהודה וועלן
ווערן געלייטערט און די גאנצע מענטשהייט וועט ווערן אויסגע=

לייזט — אויסגעלייזט פון קריג און ווירוואַר, פון אייַערלעכע און אויסערלעכע קאַמפן, ווייל זיגן וועט דער גייסט. און הערשן וועט צדק און יושר, וועלכע יהוה וועט דורך זיין אויסדערוויילטן פאָלק ישראל פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער מענטשהייט. אַ גוואַלטיקע עלעמענטאַר=קראַפט האָט געשטעקט אין די דאָזיקע מענער, און די ראַסע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע קרעפטיקע פערזענלעכקייטן, האָט אויך געמוזט זיין אַ שטאַרקע, אי גייסטיק אי קערפּערלעך. אָנגעהויבן פון אַ ריין לאָקאַלן קאַמף צו שיצן די געדריקטע, האָבן זיי אים דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ מאָראַלישער וועלט=מיסיע, און אויף אַזאַ אופן פאַראייביקט זייער לעבנס=ווערק.

3. פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט

עמוס, דער פּאַסטוך פון תוקע, דערהויבט זיין שטים קעגן אַלע פעלקער פון סיריע און פּאַלעסטינע און זאָגט זיי נביאות וועגן האַרבער שטראָף פאַר זייערע זינד: „רופט אויס אין די פּאַלאַצן פון אשדוד און אין די פּאַלאַצן פון לאַנד מצרים און זאָגט צו זיי: זאַמלט אייך אויף די בערג פון שומרון און זעט די מהומה אין זיין מיטן. זיי היטן נישט די רעכט און זאַמלען אוצרות דורך שווינדל און רויב“ (ג׳ 9—10). זיי גלויבן, אַז דורך קרבנות און תפילות טוען זיי דעם רצון פון יהוה. אָבער יהוה זאָגט: „איך בין זאַט פון אייערע פייערונגען און איך פאַראַכט זיי; איך וויל נישט דעם ווירויך פון אייערע פאַרזאַמלונגען. איך וויל נישט אייערע פייער=אָפּפערן, שפּייז=אָפּפערן און קרבן=מנחות. טוט אָפּ פון מיר דעם טומל פון אייער געזאַנג, אייער האַרפן=שפּיל וויל איך נישט הערן. זאָל בעסער רעכט פליסן ווי וואַסער, און גערעכטיקייט ווי אַ שטאַרקער שטראָם. האָט איר דען, הויז=ישראל, קרבנות און מתנות מיר געבראַכט דורך די פערציק יאָר אין דער מדבר“? (ה׳ 21—25). נישט קיין קרבנות און קיין תפילות פאַרלאַנגט יהוה, נאָר צדק און יושר. די שופטים זאָלן נישט משפטן נאָר פאַר די רייכע. די האַרן און די רייכע זאָלן נישט פאַרגעוואַלטיקן די אָרימע און די נויטליידנדיקע; די ברויט־הענדלער זאָלן אויפהערן צו באַשווינדלען

די הונגעריקע. עמוס שטראָפט די פירשטן און די מאַכטהאָבער, די גאוהדיקע געלט=זעק, די אויפגעקומענע רייכע, וואָס וווינען אין פאַלאַצן פון געטאָקטע שטיינער, וואַלגערן זיך אויף לוקסוס=געלעגערם, אויף בעטן פון עלפאַנט=ביין און האָדעווען זיך מיט געשטאָפטע שאָף און רינדער, „און שפילן אויף דער האַרפע און דיכטן שירים, טרינקען וויין פון בעכערס און שמירן זיך מיט זאַלבן, און דאגהן נישט וועגן שלעכטן צושטאַנד פון פאָלק" (ו' 6—4). די שטראָף וועט נישט געמינערט ווערן: „ירבעם וועט שטאַרבן פונם שווערד און ישראל וועט פאַרטריבן ווערן פון זיין לאַנד" (ז', 11). דעריבער „שטרעבט צו גוטס און נישט צו שלעכטס, כדי איר זאָלט לעבן... האַסט דאָס שלעכטס און האָט ליב דאָס גוטס; שטעלט=אויף גערעכטיקייט אין טויער, אפשר וועט זיך יהוה דערבאַרעמען איבער דעם רעשט פון פאָלק" (ה' 15—14).

הושע וואָרנט די קינדער פון ישראל, אז גאָט האָט אַ גרונט צו זיין אומצופרידן מיט זיי, „וואָרום ס'איז נישטאָ נישט קיין אמת, נישט קיין חסד, נישט קיין גאָט=דערקענונג אין לאַנד; פאַלש=קייט און ליגן, רציחה און גנבה און זנות האָבן זיך געשטאַרקט און בלוט נאָך בלוט גייט" (ד' 1—2). ישראל איז שטאָלץ געוואָרן אויף זיין רייכקייט. „דער הענדלער, אין זיינע הענט איז אַ פאַלשע וואָג, אָפצונאַרן האָט ער ליב. און אפרים זאָגט: אָבער איך בין רייך געוואָרן און צו ווילשטאַנד דערגרייכט" (י"ב, 8—9). און דאָס=גלייכן אין דער אויסערלעכער פאָליטיק האָבן זיי גאָט פאַרלאָזט. ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע טויב לויפט ישראל ארום און שטייט=צו אָט צו אשור, אָט צו מצרים, זוכנדיק שוץ פון פיינטלעכע אָנפאַלן. דערום ליידט דאָס לאַנד און דאָס פאָלק גייט צו גרונט. גאָר אַנדערש איז געווען ישראל אין זיין יוגנט=צייט, ווען ער האָט נאָך געלעבט אין דער מדבר און נישט געוווסט פון דער בעל=עבודה=זרה (י"א, 1—2). איצט אָבער „האָט איר געאַקערט שלעכטס, און געשניטן בייזס, איר האָט געגעסן די פרוכט פון שקר" (י', 13). דעריבער וועט נישט פאַרמיטן ווערן די שטראָף; דאָס לאַנד וועט חרוב ווערן און ישראל וועט ווערן געפאַנגען. טאָ „זייעט מיט גערעכטיקייט און שניידט מיט חסד און אקערט אַנדערש (י', 12)... „היט אָפ חסד

און משפט און האָף שטענדיק צו גאָט" (י״ב, 7). דאַן וועט גאָט „די איבערגעבליבענע ווידער היילן און זיי ליב האָבן"... „און אַ בונד מיט זיי שליסן און אַלע קריג=זאַכן און מלחמה אָפּשאַפן, וואָרום דער בונד וועט רוען אויף רעכט און גערעכטיקייט; אויף ליבע און באַרמהאַרציקייט" (ב׳, 18—19).

דער הייליקער צאָרן פון נביא מיכה איז אויך געווענדעט קעגן די מעכטיקע און רייכע: „הערט זשע, איר עלטסטע פון בית יעקב און הארן פון בית ישראל, וואָס איר פאַראומווירדיקט דאָס רעכט און יעדע רעכטפאַרטיקע זאַך פאַרקרימט איר; וואָס איר בויט ציון מיט בלוט און ירושלים מיט אומגערעכטיקייט; די עלטסטע משפטן פאַר שוחד און די כהנים לערנען פאַר געצאָלט און די נביאים זאָגן נביאות פאַר געלט... דערפאַר וועט ציון פאַר אייך ווערן ווי אַ פאַראַקערט פעלד, און ירושלים ווי אַ הויפן שטיינער און דער הר=הבית וועט פאַרוואַקסן ווערן מיט וואַלד (ג׳, 9—12). אומצוטרוי, מחלוקת, קאַמף פון אַלע קעגן אַלע צערייסן דאָס פאָלק. דורך קרבנות קאָן מען גאָט נישט איבערבעטן. „צי וויל דען גאָט די טויזנטער רינדער און די אָן אַ שיר טייכן בוימל?... ער האָט דיר געזאָגט, מענטש, וואָס גוט איז און וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר: טון משפט און ליב האָבן חסד און זיין פרום פאַר דיין גאָט" (ו׳, 7—8).

דער פלאַמיקער נביא ישעיה, וואָס מיכה איז זיין מעכטיקער ווידער־קול, קריטיקירט אומברחמנותדיק דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבן פון פאַלעסטינע און געפינט נישט אין אים קיין שום גוטס. צדק און משפט זענען מער נישטאָ, נישטאָ קיין ריינקייט פון מדות, נאָר לוקסוס, מאָדע=מלבושים, תענוגים אָן אַ גרענעץ און אַ גייעג נאָך רייכקייט און נאָך כבוד. אָרימע לייט, אלמנות און יתומים ווערן געדריקט און אויסגענוצט, קליינבאַזיצער ווערן באַרויבט, און עס שטייען אויף גרויסע גרונט=אייגנטימער: „ווי איז צו די, וואָס רוקן אַ הויז צו אַ הויז, אַ פעלד צו אַ פעלד, ביז עס בלייבט מער קיין אָרט, און זיי בלייבן אַליין אויף דער ערד" (ה׳, 8). קעגן די יוריסטישע קונצן צו רעכטפאַרטיקן אָט דעם צושטאַנד רופט ער אויס: „ווי צו די געזעצלער, וואָס מאַכן אומגערעכטע געזעצן און שרייבן

אומגערעכטע אורטיילן, כדי צו פארבויגן דאָס רעכט פון די אָרימע **און צו פארגעוואלטיקן** דאָס רעכט פון די באזיצלאָזע פון מיין פאָלק, **אלמנות** לאָזן זיי זיין צו רויב און יתומים שענדן זיי“ (י', 1—2). דערפאר קערט אָפּ גאָט זיין געזיכט פון די תפילות פון ישראל און פון זיינע קרבנות: „איר זאָלט מער נישט ברענגען פאר מיר קיין פאלשע קרבנות, דאָס רויכערן איז מיר מיאוס, דאָס רופן חודש און שבת קאָן איך נישט פארטראָגן... און אז איר שפּרייט־אוים אייערע הענט פארבאָרג איך מיין אויג פון אייך, אז איר זאָלט אפילו לאַנג בעטן, הער איך נישט, וואָרום אייערע הענט זענען פול אין בלוט“ (א', 13—15). גאָטס משפּט וועט זיין איבער אַלץ, וואָס איז הויך און שטאָלץ, אז עס זאָל דערנידעריקט ווערן; איבער די טענענבוימער פון לבנון און איבער די בוימער פון בשן; איבער די שיפן פון תרשיש און איבער אלע גלוסט־זאכן (ב', 11—16). „און גאָט וועט בלויז מאַכן דעם קאָפּ פון די טעכטער פון ציון און זייער צירונג אראָפּרייסן... דיינע מענטשן וועלן פון שווערד פאלן און דיינע גבורים וועלן אומקומען אין קריג“. (ג', 17—24). און ישראל וועט אַוועקגעפירט ווערן אין גלות, זיינע פאָרנעמסטע וועלן פארהונגערן, די רייכע וועלן פון דורשט אומקומען און די העכסטע וועלן דערנידעריקט ווערן (ה', 13—15). דאן „וועלן די באזיצלאָזע ווידער זיך פרייען מיט גאָט און די אָרימע צווישן די מענטשן וועלן פרייד געניסן אין דער הייליקייט פון ישראל; וואָרום די טיראנען וועלן ווערן אוים, דער אָפּשפּעטער וועט פארלענדט ווערן און עס וועלן פארשניטן ווערן אלע, וואָס האָבן געגליסט צו אומרעכט (כ“ט, 19—20). אָבער דאָס גאַנצע פאָלק ישראל קאָן זיך נאָך ראַטעווען, אויב עס וועט זיך צוריקקערן צו גאָט און היטן זיינע געבאָטן: „וואשט אייך און לייטערט אייך, טוט־אָפּ אייערע שלעכטע ווערק פון מיינע אויגן, הערט אויף צו טון שלעכטס. לערנט גוטס צו טון, שטרעבט צו רעכט, העלפט די אונטערדריקטע, נעמט אייך אָן פארן יתום און פארטיידיקט די אלמנה“ (א', 13—17).

ירמיה (ארום יאָר 600 פאר קריסט. געב).. ווארשיינלעך דער באַדייטנדיקסטער צווישן די נביאים, אלס מענטש און אלס דענקער, ווענדעט זיך צו בית־יעקב און צו די בני ישראל אין נאָמען פון

גאָט און דערמאָנט זיי די צייט פון דער מדבר: „איך געדענק די טוגנט פון דיין יוגנט־צייט, דיין ליבע אלס כלה, ווי דו ביזט גע־ גאנגען נאָך מיר אין אַ לאַנד, וווּ מען זייעט נישט; ישראל איז הייליק ביי גאָט, אלע זיינע פיינט זענען זינדיק, שלעכטס וועט קו־ מען אויף זיי, זאָגט גאָט... און איך האָב אייך אריינגעבראכט אין לאַנד פון כרמל צו עסן פון זיינע פרוכט און פון זיין גוטס; זייט איר געקומען און טמא געמאכט מיין לאַנד און פאראומווירדיקט מיין נחלה (ב׳, 7—2), דורך רויב, דרוק, און פאלשקייט". מיט טיפן צער, אָבער אומברחמנותדיק זאָגט ירמיה נביאות וועגן גלות פון יהודה און וועגן חורבן פון ירושלים. עס פייניקט אים אָט דער באוווּסטזיין, און ער פרווּט זיך זיין אַ מליץ יושר פאר יהודהן ביי גאָט: דער מענטש איז דאָך נישט פריי אין זיינע מעשים; די בחירה (פרייע וואַל) איז נישט ביי אים: „איך ווייס, גאָט, אַז נישט אין מענטשנס רשות איז זיין וועג, און נישט דער מענטש האָט כח צו געבן אַ ריכטונג צו זיינע טריט" (י׳, 23). אָבער סאָ־ ציאַלער יושר איז דער אמתער זינען פון לעבן פון די פעלקער; עס מוז אויפשטיין אַ גערעכטער וועלט־סדר. די יידן מוזן אָפּקומען דערפאר, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון גאָט, און ערשט רייף ווערן פאר זייער היסטאָרישער מיסיע.

צפניה, אַ צייט־חבר ירמיהס, נאָר עלטער פון אים, גיט אי־ בער אין געציילטע קאַפּיטלעך דעם גאַנצן קאַמף און וואָרנט, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון יהוה, דער טאָג פון דין איבער יהודה: „אַ גרויס געשריי וועט זיך אויפהויבן פון פיש־טויער, און אַ קלאַנג פון צווייטן טויער, און אַ גרויסער יאָמער פון די בערג: וויינט, איר איינוווינער פון די מילן, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק כנען גייט פארפאַלן, די געלט־זאַמלער ווערן פארשניטן... זייער גאָלד און זילבער וועט זיי נישט קאָנען מציל זיין אין טאָג פון גאָטס צאָרן, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד וועט אומקומען פון פייער פון זיין אייפער" (א׳, 18, 11—10).

יחזקאל באהאַנדלט אויך די זעלביקע פּראָבלעם (אין גלות בבל, ארום יאָר 560 פאר קריסט. געב.), מיט ווייניקער נביאישן פלאַם, אָבער מיט גרויס קענטעניש און טיפער גרינדלעכקייט: „ווי

איז צו די פּאַסטוכער פון ישראל, וואָס היטן זיך אַליין, אָנשטאָט צו פּאַשען די סטאַדעס; איר שפּייזט זיך מיטן פעטס און קליידט זיך מיט דער וואָל, און שעכט די אויסגעפּיטערטע, אָבער די שאָף ווילט איר נישט פּיטערן; די שוואַכע שטאַרקט איר נישט, און דעם קראַנקן היילט איר נישט, דעם פאַרוואונדעטן בינדט איר נישט איבער, די פאַרבלאָנדזשעטע קערט איר נישט אום און די פאַרלאָרענע זוכט איר נישט, נאָר האַרט און שטרענג געוועלטיקט איר איבער זיי... איך אַליין וועל משפּטן צווישן פעטע און מאָגערע שאָף; דערפאַר, וואָס איר שטופּט מיט זייט און אקסל און מיט אייערע הערנער שטויסט איר אַלע שוואַכע, ביז איר וואַרפט זיי ארויס, וועל איך העלפן מיינע שאָף, זיי זאָלן מער נישט זיין צו רויב" (ל"ד, 22—2). יעדער איינער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים; יעטוועדער האָט די ברירה צו טון גוטס אָדער שלעכטס (ל"ג, 19—11). זאָל דעריבער ישראל זיך באַדענקען און אָפּהיטן גאָטס געבאָטן.

די דאָזיקע שטראָף-רייד און וואָרענונגען וועגן אומגליק ווערן ביי אַלע נביאים באַגלייט מיט דער טיפסטער איבערצייגונג, אַז ישראל וועט לסוף ווערן געהאָלפן און די גאַנצע מענטשהייט אויסגעלייזט. אין ישעיה שני (פון קאַפּיטל מ' ביזן סוף) דערגרייכט די נביאות איר העכסטע מדרגה (אַרום יאָר 540 פאַר קר. געב.). די יידן וועלן ווערן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. „גאָטס גייסט איז אויף מיר, וואָרום גאָט האָט מיך געזאַלבט, צו אָנזאָגן די באַשיידענע, ער האָט מיך געשיקט די צעבראָכענע הערצער איבערצובינדן, צו אויסרופן פרייהייט פאַר די געפאַנגענע, און אויסלייזונג פאַר די געבונדענע" (ס"א, 1). דאָס פאָלק, וואָס וועט אויף זיך נעמען די שליחות, וועט ווערן דער מיטלפּונקט פון דער מענטשהייט. עס וועט ווערן דאָס צירונג פון דער וועלט, נאָכדעם, ווי ס'איז אַ לאַנגע צייט געווען פאַראַכטעט און פאַרמיאוסט. „שטיי-אויף, ווער ליכט, דען דיין ליכט קומט און גאָטס הערלעכקייט שיינט אויף איבער דיר. פינסטערניש באַדעקט די ערד און טונקלקייט די פעלקער, און איבער דיר שיינט אויף גאָט און זיין הערלעכקייט באַוויזט זיך אויף דיר און פעלקער וועלן גיין

ביי דיין ליכט און מלכים ביים גלאַנץ פון דיין אויפשיינען.... און דיינע באַפעלער וועלן פרידן מאַכן און דיינע באַצווינגער גערעכטיקייט... און דיין פאָלק וועלן אלע צדיקים זיין און אויף אייביק ירשענען די ערד" (ס׳, 21—1).

ישעיהס צייט=חבר יחזקאל שילדערט אַ בילד פון אַ יידישער ממלכת אלהים (געטלעכע מלוכה), ווו דער הויפּט=תנאי איז מענטשן=גלייכהייט און באַזיץ=גלייכהייט. „און איר זאָלט זי (די ערד) גלייך איינטיילן, איינעם ווי דעם צווייטן... און אַז איר וועט וואַרפן גורל, זאָל עס זיין פאַר אייך און פאַר די פרעמדע, וואָס לעבן צווישן אייך און האָבן געבוירן קינדער צווישן אייך, און זאָלן זיין פאַר אייך ווי אַלטגעזעסענע, ווי די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן זיין אין גורל צווישן די שבטים פון ישראל; און אין דעם שבט ווו דער פרעמדער וווינט, דאָרט זאָלט איר אים געבן זיין נחלה, אַזוי זאָגט גאָט" (מ"ז, 22—14).

מיטן אידעאַל פון רעכט און גערעכטיקייט איז געווען אויך פאַרבונדן אַ טרוים וועגן אייביקן פרידן: „און וועלף וועלן זיין צוזאַמען מיט לעמעלעך, און דער לעמפּערט וועט רוען נעבן די ציגן: אַ קליינער יינגל וועט טרייבן צוזאַמען קעלבער און יונגע לייבן און פעטע פי.... און די שווערדן וועלן זיי אויף גראָבאייזנס און די שפּיזן אויף שניידמעסערס איבערשמידן, קיין פאָלק וועט נישט אויפהויבן אַ שווערד קעגן צווייטן, און מען וועט מער נישט לערנען מלחמה צו האַלטן" (ישעיה ב׳, 4; מיכה ד׳, 3; הושע ב׳, 18). זכריה זאָגט נביאות וועגן אַ צייט, ווען גאָט וועט פאַרטיליקן „די רייטוואָגן פון אפרים און די קריגס=פערד פון ירושלים און די פיילן פון מלחמה און ער וועט אָנזאָגן שלום צו די פעלקער און זיין הערשאַפט וועט זיין פון ים צו ים ביז צום עק פון דער ערד" (ט׳, 10). נישט דורך חיל און נישט דורך כח, נאָר דורך גייסט ווערט אויפגעריכט דאָס קעניגרייך פון גאָט (ד׳, 6) און איינער פון די לעצטע נביאים, מלאכי, שטעלט די פראַגע: „האָבן מיר דען נישט אלע איין פאָטער? האָט אונז נישט איין גאָט באַשאַפן? פאַרוואָס=זשע זאָלן מיר פעלשן איינער אין דעם צווייטן"? (ב׳, 9).

4. פרוון פון רעפאָרמען

אין לעצטן פערטל פון 7־טן יאָרהונדערט (621 פאר קריסט. געב.) איז געמאַכט געוואָרן אַ פרווו דורכצופירן געוויסע רעפאָרם־געזעצן, כדי כאָטש אַ ביסל פארבעסערן דעם שלעכטן מצב. די דאָזיקע געזעצן געפינען זיך אין דער תורה, אין ספרים ויקרא דברים, און זיי באַציִען זיך דער עיקר אויף די צוויי הויפט־פאָדערונגען פון די באַזיצלאָזע אין משך פון גאַנצן אַלטערטום (אויך פון גריכישן און רוימישן): אַנולירן די חובות און פון ס'נײַ פארטיילן די ערד. די געזעצן זאָגן, אַז די ערד געהערט צו גאָט, ד. ה. אַז זי באַדאַרף צו זײַן דאָס אייגנס פון גאַנצן פאָלק. „און די ערד זאָל נישט פארקויפט ווער־ן אויף אייביק וואָרום מיר געהערט די ערד". אַלע פופציק יאָר דאַרף צוריקגעשטעלט ווערן די פרײַהייט און גלײַכהייט. „און איר זאָלט הייליק האַלטן דאָס פופציקסטע יאָר, און זאָלט אויסרופן פרײַהייט אין לאַנד צו אַלע זײַנע אײַנוווינער, אַ יובל זאָל עס זײַן פאַר אײַך, און איר זאָלט אומקערן יעדן מאַן צו זײַן נחלה און צו זײַן משפחה" (ויקרא, כ"ה, 23, 10). די קנעכטשאַפט פאַר חובות דאַרף אויך ווערן געמילדערט: „און אַז דײַן ברודער וועט פאַראָרימט ווערן און וועט זיך צו דיר פארקויפן, זאָלסטו מיט אים נישט אַרבעטן ווי מיט אַ קנעכט, נאָר ווי אַ געדונגענער, ווי אַ תושב זאָל ער זײַן בײַ דיר, ביז צום יאָר פון יובל זאָל ער דיר דינען; און דאַן זאָל ער אַרויס פון דיר, און זײַנע קינדער מיט אים, און ער זאָל צוריק־קערן צו זײַן משפחה און צו דער נחלה פון זײַנע עלטערן" (ויקרא, כ"ה): יעדער זיבנט, יאָר איז אַ שמיטה־יאָר, ווען די חובות ווערן בטל. „אויב עמיצער האָט וואָס אויסגעבאָרגט זײַן נאָענטן, זאָל ער דאָס נישט מאָנען, וואָרום ס'איז אַ יאָר פון שמיטה פאַר גאָט... ס'וועט נישט זײַן קיין אָרימאַן צווישן אײַך... אַז איינער פון דײַנע ברידער וועט אָרים ווערן... זאָלסט דו נישט האַרט מאַכן דײַן האַרץ און זאָלסט נישט פארשליסן דײַן האַנט פון דײַן אָרימען ברודער:.: היט זיך, טאָמער קומט דיר אין האַרצן אַ שלעכטער געדאַנק און דו וועסט זאָגן: עס קומט־אָן דאָס זיבנטע יאָר, דאָס יאָר פון

שמיטה (וועט מיין געלט פארלארן גיין). אויפמאכן זאלסטו דיין האנט פאר אים.... אז ס'וועט זיך פארקויפן צו דיר דיין ברודער אן עברי אדער עבריה, זאל ער דיר דינען זעקס יאר און אויפן זיבנטן יאר זאלסט דו אים פריילאזן פון דיר" (דברים, ט"ו). דאס משכנות־רעכט ווערט אויך באגרענעצט. „אז דו וועסט לייען דיין נאענטן עפעס, זאלסטו נישט אריינקומען צו אים אין הויז צו נעמען א משכון ביי אים, אין דרויסן זאלסט דו שטיין, און דער מענטש, וועמען דו לייסט, זאל דיר אין דרויסן ארויסטראגן דעם משכון. אויב אבער ער איז אן ארימער, זאלסט דו נישט לאזן נעכטיקן זיין משכן, אומקערן זאלסטו אים דעם משכן, ווען די זון גייט אונטער, כדי ער זאל שלאפן אין זיין קלייד" (דברים, כ"ד, 13—10). ביי אלמנות און יתומים טאר מען בכלל נישט נעמען קיין משכנות. ארבעט־לוין דארף אויסגעצאלט ווערן יעדן טאג. (כ"ד, 15—14). ווי שטארק ס'זענען נאך דעמאלט געווען די טראדיציעס פון געמיינשאפטלעכן לעבן און באזיץ, קאן מען זען דערפון, וואס מען מעג פון א צווייטנס פעלד רייסן זאנגען מיט דער האנט, ווי אויך פון די תקנות וועגן שכחה, לקט און פאה.

עס זענען אבער פאראן באווייזן, אז די דאזיקע רעפארמען זענען נישט אינגאנצן דורכגעפירט געווארן אין לעבן. אזוי איז די תקנה וועגן יובל גאר קיין מאל נישט איינגעפירט געווארן, און שמיטה איז אויך בטל געווארן אין דער נאך־גלות־צייט, ווען דער האנדל האט זיך פאנאנדערגעבליט. ירמיה קלאגט טאקע דערויף, וואס מען היט נישט אפ אט די געזעצן, און ביי נחמיהן (ה')הערן מיר שוין ווידער, ווי דאס פאלק באקלאגט זיך, אז מען ווערט געוווכערט דורך אייגענע פאלקס־ברידער, מען ווערט קנעכט פאר חובות און מען פארמישכנט די פעלדער און ווייגערטנער (ארום יאר 500 פאר קריסטוס געב.). אין תלמוד, וועלכער איז אין זיין יורידישן טייל א קאדיפיקאציע פון דעם רעכט, וואס איז אנטשטאנען אויפן באדן פון פריוואט־אייגנטום און פון האנדל, געפינען מיר אפילו די פארמול, וואס דאס געריכט האט אויפגעשריבן ביים אפשאפן דאס שמיטה־יאר. דער טעם ביים אפשאפן איז געווען א ריין עקאנאמישער. דער תלמוד (משנה שבועות, י', 3; גטין ד', 3)

זאָגט וועגן דעם: „ווען מען זאָל געווען איינהאַלטן דאָס שמיטה־יאָר, וואָלט מען די טירן צוגעשלאָסן פאַר אַלע קרעדיט־באַדערפטיקע“. דער תלמוד טייטשט ווייטער אויס: אַזוי ווי ביים מתקן זיין דאָס שמיטה־יאָר איז געבאָטן געוואָרן „נישט צו לאָזן אויפקומען קיין בייזן געדאַנק אין האַרצן וועגן אָפּזאָגן הילף דעם נאָענטן צוליב דער נאָענטקייט פון שמיטה“, און אַזוי ווי מען קאָן דאָך זיך נישט ווערן פון אַזאַ געדאַנק, האָבן די רבנים באַשלאָסן גאָר אָפּצושאַפן דאָס גאַנצע געזעץ: מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז דיווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער, איידער די סאָציאַלע געזעצגעבונג.

פון דער גאַנצער סאָציאַלער געזעצגעבונג זענען געבליבן נאָר די מאָראַל־תקנות וועגן זיין באַרמהאַרציק צו אָרימע, און אַ גאַנץ ברייטער רעכט־קאָדעקס וועגן אָרימע

אין די אונטערשטע קלאַסן האָט אָבער ווייטער געלעבט דער זכרון וועגן קאָלעקטיוו־ווירטשאַפטלעכן לעבן. נאָך אין דער צייט פון יעזוסן געפינען מיר אַ מערקווירדיקע מימרא וועגן די שטרעמונגען, וואָס זענען דאַן געווען ביי יידן בנוגע אייגנטום (פּרקי אָבות ה, 13): „עס איז פאַראַן פיר מינים מענטשן: איינער זאָגט — מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס; דאָס איז די מדה פון מיטל־מענטשן (פון דער בורזשואַזיע), אָדער ווי אַנדערע זאָגן — פון סדום; אַ צווייטער זאָגט: מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס — דאָס איז די מדה פון אָרימען פאָלק; אַ דריטער זאָגט: מיינס איז דיינס און דיינס איז אויך דיינס — דאָס איז די מדה פון צדיקים; און אַ פערטער זאָגט: מיינס איז מיינס און דיינס איז אויך מיינס — דאָס איז די מדה פונם רשע“. די דאָזיקע מימרא וועגן די פיר קאַטעגאָריעס בירגער, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין פּאַלעסטינע, איז ביז גאָר באַלערנדיק. אין דער ערשטער רייע גייט די בורזשואַזיע מיט אירע שטרענגע באַגריפן וועגן אייגנטום; דערביי מאַכט דער תנא פון דער מימרא אַ בייסיקע באַמערקונג, אַז דאָס איז די מדת פון סדום.. דאַן קומען די קאָמוניסטן, וועלכע ווייסן לגמרי נישט פון מיינס און דיינס; דאָס איז וואָס פּשוטע פאָלק, אָדער עם־האָרץ.

אויפֿן לשון פֿון פּרקי אבות; ווייטער גייען די צדיקים, וועלכע זאָגן זיך אָפּ פֿון עשׂוירות, אייגנטום. — די אָנהענגער פֿון אַפּאָסטאָלישער אָרימקייט פֿון דער „Paupertas evangelica“ וועלכע האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אינם אורקריסטנטום און דערנאָך אין 12־טן, 13־טן און 14־טן יאָרהונדערט. די פּערטע קאַטעגאָריע איז קלאָר פֿון זיך: דאָס זענען אויסנוצער, גנבים און מערדער.

5. די יידישע קאָמוניסטן—די איסיים.

נישט נאָר דער פּשוטער המון האָט נישט געהאַלטן פֿון פּריוואַט־אייגנטום. טעלעכע טויזנט איידלסטע לייט פֿון צווישן די יידן פֿון פּאַלעסטינע האָבן געמאַכט אַ פּרווו צו פֿאַרווירקלעכן דעם קאָמוניזם אין לעבן. דאָס זענען די איסיים (גערעכטע), וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין 2־טן יאָרהונדערט פֿאַר קריסט. געוווינט און האָבן זיך גערעכנט פֿאַר אַ באַזונדערע סעקטע. אַלע שריפֿטשטעלער פֿון יענער צייט רופֿן זיך אָפּ וועגן זיי מיט דער גרעסטער אַכטונג און באַוווּנדערונג. ביי די יידישע דענקער, ווי פֿילאָן *) און יוסיפֿון **), וועלכע האָבן גוט געקענט די גריכישע פֿילאָזאָפֿיע און בכלל דאָס גייסטיקע לעבן פֿון דער רוימישער אימפּעריע, איז קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿט דער סינאָנים פֿון טוגנדהאַפֿטיקייט. יוסיפֿון האַלט קינ'ען, דעם ברודער־מערדער, פֿאַרן ערשטן באַ־

*) פֿילאָן האָט געלעבט אין איין צייט מיט יעזוסן, נאָר געווען עלטער פֿון אים. ער האָט געלעבט אין אַלעקסאַנדריע, ווו ער האָט אַנטוויקלט אַ באַדייטנדיקע ליטעראַרישע טעטיקייט און האָט פֿאַרטייטשט די ביבל אין רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישן גייסט.

**) יוסיפֿון האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 1־טן יאָרהונדערט און האָט אָנגעשריבן די געשיכטע פֿון „יידישן אַלטערטום“ און פֿון די לעצטע „יידישע מלחמות“. געלעבט האָט ער טיילווייז אין פּאַלעסטינע, טיילווייז אין רוים. אי ער, אי פֿילאָן האָבן געשריבן זייערע ווערק אויף גריכיש.

גרינדער פון ערד־אייגנטום (יידישע אלטערטימער I, קאפּ. 2). און מערקווירדיק, אז קין איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבויט אַ שטאָט. פילאָן דערציילט מיט אַ געפיל פון אינערלעכער באפרידיקונג: אין פּאלעסטינע לעבן ביז 4000 טוגנדהאפטע מענטשן, מיטן נאָמען איסיים; זיי לעבן אין דערפער און מיידן אוים די שטעט, מחמת צווישן שטאָט־איינוווינער איז געוויינלעך פארשפּרייט אויסגעלאסנקייט. איינע פארנעמען זיך מיט לאנד־ווירטשאפט, די אנדערע מיט פרידלעכע מלאכות און אזוי ברענגען זיי נוצן אי זיך אי אנדערע. דערביי זאמלען זיי נישט נישט קיין גאָלד און זילבער, נישט קיין לאנד־באָדן, כדי זיך צו באוואָרענען גרויסע הכנסות, נאָר זיי זאָרגן בלויז פאר ד' נויטיקסטע באדערפענישן פון לעבן. אויף אזא אופן זענען זיי כמעט די איינציקע, צווישן אלע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין שום אייגנטום און נישט ווייל דאָס מזל גליקט זיי נישט, נאָר ווייל זיי שטרעבן נישט צו קיין רייכטום; און דאָך זענען זיי אין דער אמתן די רייכסטע, ווייל זייער עשירות באשטייט דערין, וואָס זיי האָבן נישט קיין באדערפענישן און זענען צופרידן דערמיט, וואָס זיי האָבן. דו וועסט צווישן זיי נישט געפינען קיינעם, ווער ס'זאָל אויסארבעטן פיילן, שפּיזן, שווערדן, קאסקעס, פּאנצערס און שילדן, נישט קיין שמידן פון געווער, אָדער עמיצן ,ווער ס'זאָל ארבעטן ביים בויען קריג־מאשינעס, אָדער בכלל ביי עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות צו מלחמה. האנדל, שענקעריי, שיפעריי חלומט זיך זיי אפילו נישט, ווארום זיי ווילן נישט וויסן פון קיין זאך, וואָס קאָן פירן צו גיריקייט; קיין שקלאפן איז אויך נישטאָ צווישן זיי ווי איינער. אלע זענען פריי און ארבעטן איינער פארן צווייטן. פון הערשן און רעגירן האלט זיי נישט — נישט נאָר מחמת דאָס צעשטערט אויף אַ אומגערעכטן אופן ד' גלייכהייט, נאָר אויך דערפאר, ווייל דאָס איז גאָטלאָז און קעגן דער נאטור *), וועלכע באשאפט און שפּייזט אלעמען ווי אמתע לייבלעכע ברידער; נאָר אָפּגעגליקטע ערמה

*) די דאָזיקע דערקלערונג האָט מסתמא פילאָן אליין צוגעגעבן; זי איז אויסגעהאלטן אין סטאָאישן גייסט.

און ניריקייט האָבן פאַרניכטעט אָט די קרובהשאפט, אָנשטאָט קעגנזייטיקן צוטרוי האָבן זיי ארויסגערופן פאַרפרעמדקייט און אָנשטאָט פריינטשאַפט — האַס. די איסיים לערנען זיך די יסודות פון פרומקייט, הייליקייט און גערעכטיקייט, זיי לערנען זיך אָנפירן מיטן הויז= און כלל=לעבן, צו אונטערשיידן, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט און דערביי האַלטן זיי זיך ביי דריי מאָראַלישע באַגריפן אָדער גרונט=פּרינציפּן: ליבע צו גאָט, צו טוגנט און צו מענטשן. אלס סימנים פון מענטשן=ליבע איז ביי זיי — גוט=פריינטשאפט, גערעכטיקייט און די באַזונדערקי ליב=ווערטע געמיינשאפט פון פאַרמעגן; וועגן דעם דאַרף מען נאָך עפּעס זאָגן:

קודם כל האָט קיינער נישט קיין אייגן הויז, וואָס זאָל נישט געהערן צו אלעמען גלייך. אַחוץ וואָס אלע וווינען זיי בכלל צוזאַמען, איז יעדער הויז אָפן פאַר חברים, וואָס קומען פון דער פרעמד. די שפייכלער און די זאַפּאַסן אין זיי געהערן אויך צו אלעמען אינאיינעם, די מלבושים זענען שותפישע און דאָס גלייכן דאָס עסנוואַרג, אפילו פאַר די, וואָס עסן נישט ביי איין טיש מיט אלע. בכלל איז אין ערגעץ נישט אזוי פולקאָם דורכגעפירט דאָס געמיינזאַמע וווינען, לעבן און עסן, ווי ביי זיי. וואָרום דאָס וואָס זיי פאַרדינען פאַרן טאָג באַהאַלטן זיי נישט פאַר זיך, נאָר זיי ברענגען צונויף און גיבן עס איבער אין אלגעמיינעם קעסל — פאַר די וואָס ווילן דערפון געניסן. קראַנקע און אלטע ווערן באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער גוטסקייט און זאָרגעוודיקייט.

פילאָן דערציילט ווייטער, אז די איסיים ווערן אומעטום געאכטעט ביז גאָר. די גרויזאַמסטע הערשער און פּראָקאָנסולן האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרוואַרפן גאָרנישט. פאַרקערט, זיי פלעגן נתפּעלווערן פאַר דער ריינער טוגנדהאַפטיקייט פון די איסיים און האָבן זיי באַהאַנדלט מיט חסד, אלס מענטשן, וועלכע קאָנען זיך אליין געזעצן שאַפן און זענען פון דער נאַטור אויס פריי; זיי האָבן געלויבט זייערע געמיינזאַמע מאָלצייטן און דער עיקר די געמיינזאַמקייט פון זייער פאַרמעגן, וועלכע איז ווירקלעך א סימן פון א פולקאָמענעם און גליקלעכן לעבן.

אזוי דערציילט פילאָן. און יוסיפון רעדט אויך פון זיי מיט

גרויס ליבשאַפט: זיי פאראכטן עשירות און מען דאַרף באַוואונדערן זייער געמיינזאַם לעבן. מען קאָן ביי זיי נישט געפינען קיין איינעם, וואָס זאָל זיך ארויסרוקן אויבן אָן דורך אייגנטום. וואָרום עס איז אַ כלל, אז ווער עס טרעט אריין אין דער סעקטע, גיט איך איבער זיין אייגנטום. און דעריבער טרעפט מען נישט צווישן זיי קיין אָרימקייט און נויט און נישט קיין רייכקייט און לוקסוס, ווייל די פארמעגנס פון אלעמען זענען אויסגעמישט, אלע האָבן צוזאַמען איין פארמעגן, ווי ברידער. דערביי ווערן געוויילט פאָרשטייער פונם אלגעמיינעם פארמעגן און יעדערער אָן אונטערשיד ארבעט פאַרן וווּיל פון אלעמען („יידישע מלחמות“ II, פאר. 8, 13—2).

וואָס געהער צו פאַמיליען-לעבן, איז איינע געבן איבער, אז די איסיים פלעגן זיך אָפּהאלטן פון הייראטן, אנדערע ווידער באַהויפּטן, אז זיי האָבן יאָ געהייראטעט. ווי עס שיינט, האָבן זיי צו דער פראגע זיך באַצויגן ווי דער אַפּאָסטאָל פּוילוס, וועלכער האָט אויך בעסער געהאלטן פון הייראטלאָזיקייט, אָבער ער האָט נישט פארבאָטן צו הייראטן.

די אויבן געבראַכטע מימרא פון פּרקי אבות און די לעבנספירונג פון די איסיים פירן אונז אייגנטלעך שוין אריין אין גייסטיקן לעבן פון די ערשטע קריסטן, פונם אורקריסטנטום.

כאַראקטעריסטיש איז פאר די איסיים זייער אנטי-פּאָליטישע טענדענץ; מלוכה האָט זיי נישט אינטערעסירט. דער עיקר איז דאָס סאָציאַל-עטישע און סאָציאַל-ווירטשאפטלעכע. און אָט דער שטריך לאָזט זיך מערקן אין דער גאנצער געשיכטע פון ישראל אין פּאלעסטינע. להיפּך צו די גריכן, וועלכע האָבן אזוי לעבהאַפט זיך אָפּגעגעבן מיט קאָנסטיטוציע-פראגן און האָבן איבערגעפּרובירט כלערליי מלוכה-פאָרמען, האָבן די יידן דורכגעמאכט נאָר איין איינציקן פּאָליטישן קריזיס — ארום יאָר 1000, ווען זיי זענען איבערגאנגען פון אַ שבטים-אָרדענונג צו אַ מלוכה-אָרגאניזאציע און האָבן געקרוינט דעם ערשטן מלך. ביזלעכווייז האָט זיך ביי די יידן אויסגעבילדעט אַ שטאַרקער ווידערווילן קעגן יעדער מלוכהשער געוואלט־ארגאניזאציע. דער דאזיקער ווידערווילן געפינט זיין ערשטן אויסדרוק אין שמואל א׳ קאַפּ. ח׳, וו די מאָנארכיע ווערט

שאַרף געשטעמפּלט — געשריבן איז עס איז אַ שפּעטערדיקער צייט. די אויפפירונג פון די גרויסע מלוכות, וואָס האָבן באהערשט פּאלעסטינע, — די גאַנצע געשיכטע פון די גרויסע אימפּעריעס פון יענער צייט, וועלכע האָבן פארפלייצט פּאלעסטינע מיט זייערע חיילות, איז ווייניק מסוגל געווען צו אויסבילדן מלוכה־פּאָליטיקער פון די יידן, בעת זיי זענען געווען אזוי ערנסט פארכאַפּט פונם גע־ראַנגל פאר סאָציאלן יושר. אַ העלע שיין אויף דער באציונג פון די דעמאָלטיקע יידן צו מלוכה ווארפט פאָלגנדיקע מימרא פון תלמוד: „קיינער ווערט נישט דאָ אונטן קיין שוטר (פּאָליציי־מאַן), ער זאָל נישט אויבן געשטעמפּלט ווערן, ווי אַ מנוול“. דער איינ־ציקער האר איז גאָט. זיינע געבאָטן זענען דער יסוד פון לעבן און דער וועגווייזער פארן מענטשן.

II. ג ר י כ נ ל אַ נ ד

1. ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג

די דאָרישע, יאָנישע און עאָלישע שבטים, וועלכע זענען גע־קומען פון צפון און פאַרכאַפּט דעם דרום־טייל פון באַלקאַנישן האַלב־אינזל און זענען דערנאָך באַרימט געוואָרן אין דער געשיכטע אַלס העלענער אָדער גריכן, האָבן זיך געטיילט לויטן סימן פון בלוט־קרובהשאַפט אויף משפחות, פראַטריעס און פיליעס. פון אַ די שבטים האָבן זיך אין אַ צייט אַרום באַזונדער אויסגעצייכנט די דאָרישע דעראָבערער פון לאַקאָניען (ספּאַרטאַנער) און די יאָ־נישע דעראָבערער פון אַטיקע (אַטענער) — די ערשטע מיט זייערע מיליטערישע גבורות און מלוכהש־ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, די צווייטע מיט זייערע פילאָזאָפישע, קינסטלערישע און פּאָליטישע אויפטוען. אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם שפּילן אַט די ביידע פעלקער אַ באַדייטנדיקע ראָל: די ספּאַרטאַנער און בכלל די דאָר־יער זענען געווען די פּראַקטיקער פון קאָמוניזם; די אַטענער און בכלל די יאָניער זענען געווען די פילאָזאָפן פון קאָמוניזם און פון ווירטשאַפטלעכער גלייכהייט.

לכתחלה האָבן די העלענער זיך פאַרנומען מיט פי־צוכט און אַקערבוי און נישט געוווסט נישט פון קיין פּריוואַט־אייגנטום, נישט פון קיין שטעט. ווי לאַנג אַט דער מצב האָט געדויערט און ווי אַזוי איז פאַרגעקומען זיין אויפלעזונג — דאָס ווייסן מיר נישט. אין דער צווייטער העלפט פון 9־טן יאָרהונדערט, ווען עס איז אין איר ענדגילטיקער פאָרם געשאַפן געוואָרן די אַלטסטע גריכישע פּאָעזיע — איליאַדע און אָדיסייע — האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן דער פאַנאַנדערפאַל פון דער געזעלשאַפט, איר צעגלידערונג אויף קלאַסן.

העלאַדע איז שוין דעמאָלט אַריינגעטרעטן אין איר מיטל=אַלטער=
תקופה. לויט ווי פּלאַטאָן דערציילט אין זיין בּוך „וועגן געזעצן“
(בּוך 3, קאַפּ. 4), זיינען אין העלאַדע בעת דעם טראָיאַנישן קריג,
וועלכן סבּאַשרייבּט האָמער, שוין געווען שטעט, און סזענען געווען
אין זיי אויפשטאַנדן קעגן די אַלטע אַכעישע הערשער=משפּחות;
אומעטום זענען פאָרגעקומען רויבּערייען, מאָרדן און פאַרשיקונגען
אַלס שטראָפן.

מסתמא איז דאָס געווען מלחמות, האַנדל און ים=שיפעריי,
וועלכע האָבּן אונטערגעגראָבּן די אור=געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג פון
העלאַדע. קריג איז געווען אין העלאַדע אַ פּראָפעסיע, פּונקט ווי יאַגד
אָדער פיש=פאַנג. און קריג האָט זיך גערעכנט פאַר אַ בּכבודיקע
פּראָפעסיע; אפילו די גרעסטע גריכישע פילאָזאָפן, פּלאַטאָן און
אַריסטאָטעלעס האָבּן זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן סזאָל מעג=
לעך זיין אַ מצב פון אייבּיקן פרידן. די עקספּעדיציע צו זוכן דעם
„גאָלדענעם האָרן“, דער לאַנגיאָריקער קאַמף קעגן טראָיע אָדער
דער קאַמף פאַרן צוטריט צום שוואַרצן ים — פירן אַרויף אויף
דער השערה, אַז די העלענער האָבּן דאן דורכגעלעבּט זייער מיטל=
אַלטער. ס'האָט זיך אָנגעהויבּן אַ קאָלאָניזאַציע, און צוזאַמען מיט
איר אויך אַ האַנדל און ים=שיפעריי. די דאָריער האָבּן געגרינדעט
קאָלאָניעס אין קרעטאַ, אין ראָדאָס, אין קאָס, אין קנידאָס און האַ=
ליקאַרנאַסאָס (אין דרום=טייל פון מערב=בּרעג פון קליין=אַזיען).
לערך פון יאָר 750 בּיז 600 האָבּן די העלענער געפירט זייער אַ
לעבּהאַפטע קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט. זיי זענען געוואָרן די יורש=
שים פון די פעניציאַנער. יאָנישע ישובים זענען אַנטשטאַנען בּיי די
בּרעגעס פון שוואַרצן ים, אין סיציליען, נידער=איטאַליען און צפון=
אַפריקע. אַדאַנק דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט איז אויסגע=
וואַקסן דער האַנדל, און צוליבּן האַנדל האָט זיך אויך אַנטוויקלט
דער האַנטווערק. די יאָניער האָבּן ארויסגעפירט געפעס, שמוק=זאַכן,
וויין, קליידער=שטאָפן און געווער. אריינגעפירט האָט מען קיין הע=
לאַדע צווישן אַנדערע זאַכן אויך איידעלע מעטאַלן פון די גרובּנס
פון לידיען, ציפערן און שפּאַניען. אויפן אָרט פון דער נאַטוראַל=
ווירטשאַפט און לאָקאַלן טויש=האַנדל איז אויפגעקומען אַ געלט=

ווירטשאפט. אין האָמערס צייט האָט נאָך שאף געדינט פאַר אַ ווערט־מעסטער און מיטל פון אויסטויש; שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן גיסן קופּערנע און אייזערנע מטבעות, און אין 8־טן יאָרהונדערט זענען שוין געווען מטבעות פון גאָלד און זילבער. דאָס געיעג נאָך עשירות, וואָס האָט זיך שוין געלאָזט מערקן נאָך אין האָמערס צייטן — אָדיסיי האָט אַ פאַרמעגן אָנגעזאַמלט אויף זייגע רייזעס — איז איצט געוואָרן ביי די באַזיצערישע עלעמענטן אַן אמתע ליידנשאַפט. די ערשטע, וואָס האָבן געליטן דערפון, זעגען געווען די פויערים, ביי וועלכע מען האָט אויסגעקויפט אָדער געריכטלעך אויסגעלאָדן זייער לאַנד. קוים איין יאָרהונדערט נאָך דער פאַרפאַסונג פון איליאַדע און אָדיסייע, ד. ה. אין 8־טן יאָרהונדערט, הערן מיר שוין דעם ערשטן אינדיווידועלן דיכטער, העזיאָד פון אַסקראַ און בעאָטיען, וועמען די מסורה האַלט פאַר אַ קליין־פויער — ווי ער קלאָגט דערויף, וואָס מען אונטערדריקט די ווייניק־פאַרמעגלעכע, וואָס די אומגערעכטיקייט פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער, וואָס די רייכע קריגן אַלץ מער מאַכט. ער באַקלאָגט זייער רירנדיק די פאַרשוואונדענע גאָלדענע צייט, ווען „איטלעכער האָט לויט זיין אייגענעם חשק רויק געאַרבעט אויף זיין געבענטשטער נחלה“; יעם איז אַריבער די צווייטע, דריטע און פערטע תקופה און סאיז אָנגעקומען אַ אייזערנע צייט, אַ צייט פון מי און אומגליק:

אָ, ליבער וואָלט איך אין מיין פינפטן דור נישט געוואָלט
זיין אַדאָ אין מיין היים
וואָלט איך פריער געוועזן אַ מת. אָדער וואָלט איך שפּעטער
געבוירן געוואָרן!
ווייל איצט איז דאָס אַן אייזערן פאָלק; און קיינמאָל ביי
זונשיין
רוען זיי אויס פון אַרבעטלאַסט און לייד, יאָ, אויך אין
דער נאַכט נישט —

אָ, קינדיש פאָלק! דיר שיקן די געטער די ביטערסטע זאָרגן
ס׳איז נישט דער פאָטער דעם קינד קיינעם ליב, און פיינט
האָט דאָס קינד דעם פאָטער

אפילו אַ ברודער איז ניִשט מער דאָס וואָס אַ ברודער איז
איינמאָל געווען
כּוח איז רעכט; אַזוי מאַכט אַ תל פון דער שטאָט איינער
דעם צווייטן להכעיס.
ערלעך געטריי זיין דער שבועה, אָ, דאָס איז היינט קיין
געווינס ניִשט. און ס'לוינט נישט.
אפילו גערעכטיקייט מער; אָ ניין, ווער זונדיק איז. דער
טאַט פון אומרעכט
שענקט מען היינט כּבוד מער...
וואָס ס'בלייבט איז טרויעריקער עלנט.
דעם שטערבלעכן דור פון דער ערד. און ס'איז נישט אין
ערגעץ קיין סוף צו זען פון דעם אומגליק

(העזיאָד: שטוב־פרעדיקן אָדער מעשים און טעג. פערז: 201—174).

די שטאַרקע וואַרפן זיך אויף די שוואַכע, ווי רויב־פויגל.
נאָך די אויבן געבראַכטע פערזן, דערציילט העזיאָד אַזאַ מעשהלע:

צום נאַכטיגאַל, צום פראַכטפולן זינגער האָט איינמאָל
געזאָגט דער שפּאַרבער
בשעת ער האָט אים אין הויכן הימל געטראָגן אין זיינע
נעגל.
(יאָמערלעך האָט דער זינגער געשריגן פון קרומען נאָגל
צובלוטיקט):
„שוטה, וואָס שרייסטו? דיך האלט דאָך אַ שטאַרקערער
איצטער געפאַנגען.
איצטער גייסטו וואוהין מען פירט דיך. עס העלפט דיר
גאָרנישט דיין זינגען
ווייל איך, קאָן איך דיך פרעסן, ווייל איך לאָז איך דיך פרים
נאַריש דער, ווער עס וויל קעמפן מיט שטאַרקערע שונאים
קיינמאָל וועט ער נישט זיגן. און טראָגן אין בושה זיין
אומגליק".
אַזוי האָט געזאָגט דער פלינקער, דער פליגלאויסברייטער,
דער שפּאַרבער

אָבער העזיאָד איז נישט קיין רעוואָלוציאָנער. ער רופט זיין פֿאָלק זיך אומקערן צו אָרנטלעכער פּראַצע, כדי דורך פּראַצע צו דערגרייכן וווילשטאַנד.

אַרבעט איז נישט קיין בושה, די פֿוילקייט ברענגט ערשט
די בושה

ווען דו וועסט דינען דער אַרבעט, וועט באַלד דיך מיידן
דער פֿוילער.

וועסט דאָך זיין אַזוי רייך; און כבוד און גוטע מידות
גייען דעם עושר נאָך.

העזיאָד איז נישט קיין נביא, וועלכער דראָט מיט גאָטס-שטראָף, נאָר אַ געמיטלעכער פּריידיקער, אין נייסט פֿון שלמה המלכ׳ס משלים.

2. ווירטשאַפֿטלעכע קענגזאַצן

די מוסר=רעדעס האָבן אָבער נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פֿון אינערלעכן פֿאַנאַנדערפֿאַל. געלט=ווירטשאַפֿט, האַנדל און האַנטווערק האָבן צעגלידערט די העלענישע געזעלשאַפֿט אויף רייכע און אָרימע. די קליינע פּויערים זענען אריינגעפֿאַלן אין חובות; צינזן האָט מען געצאָלט גרויסע; דער וווכערער איז געווען האַרט און די געזעצגעבונג שטרענג, וויל זי איז דאָך געווען באַשאַפֿן צוליב די אינטערעסן פֿון די פֿאַרמעגלעכע — ווי עס פּאַסירט געוויינלעך, ווען אַ געמיינשאַפֿט פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ קלאַסן מלוכה. ווי צוגעטראָפֿן זענען פּלאַטאָנס באַמערקונגען אויף דער דאָזיקער טעמע! אין בוך „וועגן געזעצן" (בוך 4, קאַפּ. 6) דערקלערט ער רויק=פּילאָזאָפיש, ווי זיין שטייגער איז: „וואָרום דאָ (ביי דער פֿראַגע וועגן געזעץ און מלוכה=אָרדנונג) שטייען מיר ווידער פֿאַר דער גרויסער פֿראַגע וועגן ציל און כונה פֿון רעכט און אומרעכט. די געזעצן — זאָגט מען — האָבן דאָך נישט פֿאַר קיין ציל נישט קיין קריג און נישט קיין פולע טוגנט; זיי דאַרפֿן בלויז אָפּהיטן דאָס, וואָס איז אין אינטערעס פֿון דער פֿאַראַנענער אָרד-

בונג—זי זאָל זיך כּסדר האַלטן און קיינמאָל נישט אומגעוואָרפן ווערן. און דאָס זאָל זיין דער בעסטער נאַטירלעכער ציל פון יעדער געזעץ... געזעצן, זאָגט מען, ווערן דאָך אין אַ מלוכה שטענדיק גע־געבן דורך די הערשנדיקע עלעמענטן... דער שעפער פון די געזעצן וועט דעריבער באַשטראָפן יעדן, וואָס איז עובר אויף זיי און וועט דאָס האַלטן פאַר אַן אַקט פון רעכט".

אַזוי רעדן די אַנהענגער פון אַ קלאַסן־מלוכה, „מיר אָבער — דערקלערט פּלאַטאָן — האַלטן נישט קיינע געזעצן פאַר גערעכטע, אויב זיי זענען נישט געשאַפן צוליב דעם אַלגעמיינעם אינטערעס פון דער גאַנצער מלוכה". אָבער אין דער אייזערנער תקופה האָט געהערשט די קלאַסן־מלוכה, און דער פּראָסטער עולם האָט דער־פון שטאַרק געליטן. האָט ווער נישט געקאָנט צאָלן זיינע חובות, איז ער און זיין פאַמיליע געוואָרן קנעכט, האַנטווערקער האָבן אָנ־געווירן זייער זעלבסטשטענדיקייט, און דעסגלייכן די קליינע הענד־לער. נעבן דעם אַדל פון די רייכע גרונט־באַזיצער איז אויפגע־קומען אויך אַ רייכע בורזשואַזיע — און באַלד זענען זיי געוואָרן איינס, איין הערשנדיקער קלאַס. „דער אַדלמאַן איז זיך מתחתן מיט געמיינעם יונג, און דער געמיינער יונג מיט אים, דאָס פאַרמעגן מישט זיי אויס" — קלאָגט איינער אַ דיכטער. רייכקייט איז געוואָרן אַ קוואַל פון ערע און מאַכט. צום סוף פון 6־טן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן אין העלאַדע די נייע צייט. ביי טעאָגנים פון מעגאַראַ — אַ שטאָלצער נאָר פאַראָרעמטער לאַנדווירט, וועלכער האָט זיך באַ־צויגן מיט פאַראַכטונג אי צו דער פּלוטאָקראַטיע אי צום המון — געפינען מיר אַ בילד פון די מדות פון יענער צייט. געשריבן האָט ער עס צום סוף פון 6־טן יאָרהונדערט, אין מעגאַראַ, אַ ישוב צווי־שן קאָרינט און אַטען: שוין אַרום יאָר 640 זענען דאָרט אויפגע־רעגטע מאַסן באַפאַלן די סטאַדעס פון די גרונט־באַזיצער און זיי אויסגעקוילעט — ווייל די אַלץ וואַקסנדיקע שאָף־צוכט, צוליבן האַנדל מיט וואָל, האָט געפירט צו דעם, אַז ביי מאַסן פּויערים זע־נען צוגערויבט געוואָרן זייערע נחלות, פּונקט ווי אין ענגלאַנד אין דער צייט פון טאָמאַס מאָר. אין זיינע „עלעגיעס און מאָראַל־מימ־רות" קלאָגט טעאָגנים:

נישט קריגסטו, פּלוטאָס, אומזיסט פון מענטשן כבוד אַזויפיל,
ווייל דו באַפרידיקסט זיך לייכט מיט דעם קבצנישן זין
עס וואָלט געווען אויפן אָרט — די אוצרות זאָל האָבן דער גוטער
און לייַדן זאָל דער אויסוואורף, דאָס וואָלט זיך גאָר געפּאַסט
פיל טפּשים נאַראַנים שווימען אין אוצרות, בשעת נישט איינער,
וואָס שטרעבט צו איידלקייט, ווערט אויפגעפרעסן פון נויט;
און אוממאַכט איז אין זיי ביידע און ספּעלט זיי כוח צו טאָט, —
איינעם שטערט די אָרעמקייט, אַ צווייטן זיין אייגן האַרץ.

רייך זיין גילט ביי דעם גרעסטן טייל מענטשן ווי די איינציקע פיינקייט,
נישטאָ עפּעס אַנדערש, וואָס זאָל זיין פון נוצן פאַר זיי...
עס מוזן די ווערטער יעדערן טיף אין דער נשמה אַריין
רייכקייט גייט צו דער מאַכט קודם כל און פאַר אַלץ.
און אָט איז נאָך אַ שטים פון אַ דיכטער, פון דער צווייטער העלפט פון 6-טן יאָרהונדערט — פון אַנאַקרעאָן, דעם פּאָעט פון וויין און ליבע:

נישט אויף יחוס קוקט די ליבע;
נישט אויף חכמה, נישט אויף צדקה;
נאָר דאָס גאָלד, דאָס איז דער יחוס.
אָ, פאַרשאָלטן זאָל דער ערשטער
ליבהאָבער פון גאָלד-גליק ווערן!
וואָס מיר ברודער, וואָס מיר שוועסטער —
גאָלד שטייט איבער פאָטער — מוטער;
מאָרד, מלחמה אַלץ פאַר גאָלד נאָר,
און צו אַלדע צרות מוזן

מיר, די ליבנדע, די צאַרטע
אונטערגייען צוליב דעם גאָלד.

די סאָציאַלע אויפרודערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צום סוף פון 8-טן יאָרהונדערט, איז אַלץ געוואַקסן איז משך פון פאָלגנדיקן יאָרהונדערט. די פאָלקס-מאַסע — אָדער דעמאָס, ווי זי האָט געהייסן אין גריכנלאַנד — וועלכע איז באַשטאַנען פון פאַרשקלאַפטע פויערים, פון האַנטווערקער, הענדלער און מאַטראָסן, האָט נאָך נישט פאַרגעסן די אַמאָליקע גלייכהייט, וועלכע די דיכטער האָבן באַזונגען, אַלס די גאָלדענע צייט. אין צייטן פון שווערער נויט האָבן זיי בונטן געמאַכט קעגן די ערד- און געלט-מאַגנאַטן; עס פלעגן אויסברעכן קלאַסן- און פאַרטיי-קאַמפן, וועלכע האָבן שטאַרק באַשעפטיקט די יאָנישע און דאָרישע פאָליטיקער און דענקער. אין אַטען האָט מען לעת עתה נאָר אַ סך דיסקוטירט און פילאָזאָפירט, און בלויז אייניקע רעפאָרמען דורכגעפירט לטובת דעם מיטלשטאַנד; די ספּאַרטאַנער דאַקעגן זענען גלייך צוגעטרעטן פראַקטיש צו די אַלע פראַגן און האָבן דורכגעפירט אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע.

III. קאָמוניסטישע פּראַקטיק אין ספּאַרטע.

1. די געזעצגעבונג פון ליקורג.

צווישן די דאָריער האָט זיך דער געדאַנק וועגן פּרימיטיווער גלייכהייט געהאַלטן אַ סך פעסטער און לענגער, איידער ביי די יאָניער; מחמת די דאָרישע ישובים זענען געווען דער עיקר לאַנדווירטשאַפטלעכע, און מען האָט זיך דאָרט זייער ווייניק אָפּגעגעבן מיט האַנדל און מיט ים־שיפעריי. עס האָבן דאָרט דערום אויסגעפעלט די צוויי הויפּט־פאַקטאָרן, וועלכע האָבן אומעטום פאַרגיכערט דעם אונטערגאַנג פון דעם אורגעזעלשאַפטלעכן סדר.

לויט דער מסורה, איז דער ערשטער קאָמוניסטישער געזעצגעבער אין ספּאַרטע געווען ליקורג — אַ לעגענדאַרישע פיגור, ענלעך צו משה רבינו ביי די יידן. פּלוטאַרך (געבוירן 50 יאָר נאָך קריסט. געב.), וועלכער האָט געהאַט פאַר זיך אַלע ליטעראַרישע מקורים פון דער גריכישער און רוימישער געשיכטע, דערציילט וועגן ליקורגן אַזוי: „וועגן ליקורגן דעם געזעצגעבער קאָן מען קיין זאַך נישט זאָגן אויף געוויס, ווייל די געשיכטע־שרייבער גייען זיך זייער שטאַרק פאַנאַנדער אין זייערע דערציילונגען וועגן זיין אָפּשטאַמונג, וועגן זיינע רייזעס, וועגן זיין טויט און דער עיקר וועגן די אַלע געזעצן און תקנות, וואָס ער זאָל האָבן איינגעפירט; ווייניקער פון אַלץ איז די איינשטימיקייט בנוגע דער צייט, ווען ליקורג זאָל האָבן געלעבט“. אין זכרון פון די ספּאַרטאַנער האָט ליקורג געלעבט אַלס קלוגער, גוטהאַרציקער און אָפּפערוויליקער געזעצגעבער, וועלכער האָט נישט בלויז דורכגעפירט אַ פּאָליטישע רעפאָרם, נאָר ער האָט אומגעאַנדערשט די גאַנצע ווירטשאַפטלעכע אָרדנונג אין אַ קאָמוניסטישע. „דער צווייטער און צוגלייך [illegible]ר דרייסטסטער אויפטו פון ליקורגן — דערציילט פּלוטאַרך — איז געווען די לאַנד-

פאַרטיילונג. אין ספּאַרטע האָט דעמאָלט געהערשט אַ אויסעראָר=
דנטלעכע אומגלייכהייט; אַ גרויסע מאַסע נויטבאַדערפטיקע און
אָרעמע האָבן געמוזט אויסגעהאַלטן ווערן פון דער מלוכה, און אַלע
רייכטימער האָבן זיך געזאַמלט אין די הענט פון אַ קליינער צאָל
פאַמיליעס; דאָס האָט געפירט בלויז צו גאוה, קנאה, שווינדל און
פאַרשווענדעריי. כדי אַ סוף צו מאַכן צו אָט די שלעכטע זייטן פון
דער מלוכה און, וואָס נאָך וויכטיקער איז, אָפּשאפן אינגאַנצן רייכ=
קייט און אָרעמקייט, האָט ער איינגערעדט די בירגער, זיי זאָלן
אָפּגעבן אַלע זייערע ערד=נחלאות, מען זאָל זיי פון דאָס ניי פאַר=
טיילן. און אַלע זאָלן לעבן צווישן זיך אין פולער גלייכהייט, אין
יעותפישן פאַרמעגן, אַזוי אַז טוגנט זאָל פון אַלעמען געשעצט
ווערן און די איינציקע אומגלייכהייט אָדער פאַרשיידנקייט זאָל באַ=
שטיין נאָר דעריין, וואָס גוטע מעשים ווערן געלויבט און שלעכטע
געטאַדלט". עס איז אָבער שווער צו גלויבן, אַז די פּאַזיצנדיקע זאָלן
מסכים זיין אָפּצוגעבן זייערע נחלאות נאָר ווייל ליקורג האָט זיי
צוגערעדט דערצו. אַ סך אַ גרעסערע באַטייטונג האָט געוויס גע=
האַט דער פאקט, וואָס די נויטבאַדערפטיקע און אָרעמע זענען גע=
ווען א צאָלרייכע מאַסע, בעת די רייכטימער זענען פאַרקערט געווען
קאָנצענטרירט אין אַ קליינער צאָל הענט, און דערצו זענען די ספּאַר
טאַנער געווען מאַקע ספּאַרטאַנער, און האָבן פאַרשטאַנען ווי צו
מאַכן געברויך פון וואָפן. אַ פאַקט איז, אַז די רייכע האָבן געמוזט
געבן זייער הסכמה אויף די קאָמוניסטישע רעפאָרמען. מען האָט
זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט און מען האָט צעטיילט גאַנץ
לאַקאָניען אויף דרייסיק טויזנט חלקים און די פעלדער פון דער
שטאָט ספּאַרטע אויף 9 טויזנט חלקים — לויט דער צאָל בירגער.
מען דערציילט, אַז ווען ליקורג איז אין אַ צייט אַרום, נאָכן שניט
נעגאַנגען דורכן לאַנד און האָט געזען אומעטום ליגן גלייכע תבו=
אה=סקירדעס, האָט ער זיך מיט שמייכל אָפּגערופן צו די אַרומיקע,
אַז גאַנץ לאַקאָניען זעט אויס ווי איין פעלד, וואָס ברידער האָבן
אָקאָרשט צעטיילט צווישן זיך. דערנאָך האָט זיך ליקורג פאָרגענו=
מען דורכצופירן אויפן זעלבן אופן אַ חלוקה אויך פון אַלע ווערק=
צייג און מבשירים, אַזוי אַז די אומגלייכהייט זאָל אינגאַנצן פאַר=

שווינדן. ווען דאָס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן, האָט ער זיך געלאָזט אויף אַן אַנדער וועג — צו באַקעמפן און דערשטיקן די אייגנטום־גיריקייט דורך פּאָליטישע מיטלען. קודם כל האָט ער אָפּגעשאַפט אַלע גאָלד־ און זילבער־מטבעות און האָט אויף זייער אָרט איינגעפירט אייזערנע מטבעות; דערביי האָט ער די מטבעות, נישט געקוקט אויף דער שווערער וואָג און גרויסן אומפאַנג, געמאַכט פון אַזאַ קליינעם ווערט, אַז כדי צו האַלטן אין שטוב בלויז א סומע פון 10 מינען (900 מאַרק) האָט מען באַדאַרפט צו האָבן אַ באַזונדער קאַמער און אַ געשפּאַן פון צוויי פערד אויף זיי איבערצופירן. ווען די דאָזיקע מטבע איז איינגעפירט געוואָרן, האָט זיך באַלד שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל פאַרברעכנס אין לאַקאָניען, וואָרום ווער וועט זיך איינשטעלן צו גנבענען, רויבן אָדער צו נעמען כאַבאַר צוליב א חפץ, וואָס מען קאָן אים נישט באַהאַלטן און מען קאָן זיך מיט אים נישט אויספּוצן און זיך גרוים האַלטן? פּונקט אַזוי האָט ליקורג באַזייטיקט אַלע מלאכות, וואָס זענען נישט דורכוים נויטיק אויף צו דערהאַלטן דאָס לעבן. האנדל און יםהאַנדל האָבן אויפגעהערט. די מאָלצייטן זענען געוואָרן איינפאַכע און קאָלעקטיווע; זיי זענען באַשטאַנען פון דעם באַרימטן שוואַרצן זופּ, פון ברויט, קעז, וויין, פייגן און גרינס, אמאָל נאָר פוי נעבראָטן טיר־פלייש. דאָס קאָלעקטיווע שפּייזן זיך איז געווען אַ שטרענגער חוב פאַר יעדן בירגער. די קינדער האָט מען אויך מיטגעבראַכט צו די דאָזיקע מאָלצייטן, כדי זיי זאָלן זיך צוהערן צו די שמועסן פון די עלטערע און זיך לערנען. גאָר אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט איז געלייגט געוואָרן אויף דער דערציונג. „אין דער דערציונג — דערציילט פּלוטאַרך — האָט ליקורג אָנגעהויבן גאָר פון אָנהויב און האָט צו אַלעם ערשטן געווענדעט זיין אויג אויף די חתונות און אויפן קינדער־האָבן. ער האָט קודם כל געשטרעבט צו פאַרהאַרטעווען דעם קערפּער פון די מיידלעך דורך לויפן, דורך וועט־קאַמפן און דורך וואַרפן פון שפּיזן און פיילן. כדי אויסצוּוואָרצלען יעדע געצערטלטקייט, שוואַכקייט און אלע אנדערע ווייבלעכע איינגנשאַפטן, האָט ער איינגעפירט אַז סיי יונגלעך סיי מיידלעך זאָלן נאַקעטערהייט זיך באַטייליקן אין אַלע פייערלעכע צוגן,

די נאַקעטקייט פון די מיידלעך האָט אָבער נישט געהאַט אין זיך קיין שום שענדלעכעס, ווייל תמיד האָט געווירקט דאָס געפיל פון בושה און יעטוועדע תאווה איז געווען אויסגעשלאָסן; פאַרקערט, די נאַקעטקייט איז געוואָרן אַן אומשולדיקע רגילות, זי האָט אַרויסגערופן אַ געוויסן פליים ביי יעדן איינעם צו האָבן א פיינעם קערפער און האָט דערצויגן אין די פרויען איידעלע און דערהויבענע געפילן, וואָרום עס האָט זיי צוגעווינט צום געדאנק, אז זיי קאָנען צוגלייך מיט די מענער שטרעבן צו זיין מוטיק און באַרימט... אין די באַציונגען צווישן מאַן און ווייב האָט ליקורג איינגעפירט שטרענגע כללים און אפילו שעמעוודיקייט, אָבער די פוסטע ווייבערשע אייפערזוכט האָט ער זיך באַמיט צו פאַריאָגן פון די דאָזיקע באַציונגען. ער האָט אפילו געהאַלטן פאַר געוונטשן, אַז אין חתונה־לעבן זאָל מען זיך אָפּהאַלטן פון „פרייהייט" און אויסגעלאַסנקייט, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער געהאַלטן פאַר נוצלעך פאַר דער מלוכה, אַז בכבודיקע מענער זאָלן האָבן בשותפותדיקע קינדער. די געזונטע קינדער האָט מען אָפּגעקליבן אויף אויסצוהאָדעווען זיי און דערציען, די קרענקלעכע האָט מען גאָרנישט געלאָזט לעבן. די דערציונג האָט דער עיקר געשטרעבט צו געבן דער מלוכה קרעפטיקע, געשיקטע און נישט־שרעקעוודיקע קעמפער צו אַנטוויקלען אין מענטשן א פעסטן כלל=געפיל, א באַוווסטזיין פון סאָלידאַריטעט—קורץ, צו דערציען מענטשן פון טאַט און נישט קיין פוסטע פלאַפּלערס.

„בכלל האָט ליקורג אַזוי צוגעוויינט זיינע בירגער, אַז זיי האָבן גאָרנישט געוווסט פון קיין שום אָפּגעזונדערטן פריוואַט=לעבן און האָבן עס אויך נישט פאַרלאַנגט; ווי די בינען האָבן זיי זיך תמיד פעסטגעהאַלטן ביי די ענינים פון כלל, אַרום זייער קעניג (מיליטער=פירער), און מיט באַגייסטערונג און ערע=געפיל געלעבט פאַרן פאָטערלאַנד און פאַרגעסן אין זיך".

אַדאַנק דער דאָזיקער קאָמוניסטיש=מיליטערישער אָרדנונג האָבן די ספּאַרטאַנער געוווּנען דעם פּעלאָפּאָנעזער קריג און האָבן דערנאָך אויך די אַטענער צעשלאָגן (404 פאַר קר. געב.) און זיי געצוווּנגען צו קאַפּיטולירן. די גרעסטע גריכישע גייסטער, ווי פּלאַ=

טאָן און אנטיסטען, האָבן געהאַלטן די ספּאַרטאַנישע מלוכה פּאַר דעם פּעסטן פּונקט אינם העלענישן מלוכה־ווירוואַר. אַזוי, למשל, זאָגט אנטיסטען, אַ תּלמיד פון סאָקראַטעסן: „ספּאַרטע שטייט אַ סך העכער פון אַלע אנדערע מלוכות, און איר שייכות צו אַטען איז ווי פון אַ מענער־פאַרזאַמלונג צו ווייבער־געדערדיי אין אַ פּרויען־הויז”. די ליקורגישע קאָנסטיטוציע איז איבערהויפּט געווען זייער מפורסם אין גאַנצן אַלטערטום, אויף ווי ווייט סהאָט נאָר געגרייכט די ווירקונג פון דער העלענישער קולטור. זי איז געוואָרן דער אידעאַל פאַר פיל דענקער, און אפשר איז זי עס אויך געווען דער וועגווייזער פאַר די שקלאַפן־אויפשטאַנדן אין דער רוימישער מדינה.

מיר אָבער, וועלכע פאַרמאָגן שוין היינט צו טאָג נישט אַזוי אַ רייכערע דערפאַרונג אין פּאָליטישע פראַגן, מוזן דאָך האַלטן די ליקורגישע מלוכה פאַר זייער איינזייטיק. די דאָזיקע מלוכה איז געווען אַריסטאָקראַטיש און מיליטאַריסטיש, און האָט זיך געהאַלטן אויף דער אַרבעט פון די העלאָטן — אַ גרויסע צאָל אומפרייע מענטשן, וועלכע זענען געווען דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער מלוכה און זענען געווען אירע אייגנטלעכע פּראָדוקציע־מיטלען. די ספּאַרטאַנער האָט דעריבער געפעלט דער וויכטיקסטער יסוד (עלעמענט) פון מענטשלעכער אנטוויקלונג — די פּראָדוקטיווע אַרבעט. זייער קאָמוניזם האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ שותּפישן באַזיץ און געברויך, אָבער נישט קיין שותּפישע פּראָדוקציע. אין תּוך גענומען, איז דאָס געווען נישט קיין דערציונג, נאָר אַ דרעסירונג, כּדי אויסצוהאָדעווען אויבער־האַרן און קריגזעלנער. דער פולשטענדיקער מאַנגל פון דעמאָקראַטיזם, וועלכער זאָל כאָטש וויפיל ס'נישט איז איינצוימען די הערשנדיקע; דאָס וואָס קונסט און פילאָזאָפיע זענען אינגאַנצן פאַרוואַרלאָזט געוואָרן, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט אויספיינערן דאָס גייסטיקע לעבן; דאָס שטענדיקע אָפּגעבן זיך מיט גימנאַסטישע און מיליטערישע איבונגען — דאָס אַלץ האָט געמאַכט די ספּאַרטאַנער פאַר קריגסלייט, וועלכע זענען געווען אַגרעסיוו לגבי זייערע שכנים און אכזריותדיק צו די פּראָדוקטיוו־אַרבעטנדיקע העלאָטן. און כּדי צו

באוואָרענען זיך פאַר אויפשטאַנדן מצד די געדריקטע און עקס־
פּלואַטירטע, ווי דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 464, פלעגן די ספּאַר־
טאַנער פון צייט צו צייט דורכפירן שחיטות צווישן די העלאָטן,
כדי אָפּצורוימען פון וועג די מוטיקסטע און פעהיקסטע צווישן זיי.
די מאָראַל, וואָס ליקורג האָט פאַרשפּרייט צווישן זיינע מיטבירגער,
איז געווען אַ ריין לאָקאַלע און מלוכהשע, אָבער נישט קיין הומאַ־
ניטאַרע און פערזענלעכע. בכל אופן האָט עס געמוזט זיין אַן אויס־
געצייכנטע מענער־ און פרויען־ראַסע, אויב זי האָט געקאָנט אויפ־
שטעלן אַזאַ לעבנס־אָרדענונג; און זיי וואָלטן אפשר געווען
אַרויסגעגעבן אויך גרויסע גייסטיקע מענער, ווען צו זייער פיזישער
דערציונג זאָל נאָך געווען צוקומען אויך אַ אינטעלעקטועלע און
פערזענלעך־מאָראַלישע דערציונג. און ווירקלעך, ווען אייניקע
ספּאַרטאַנישע אַדעל־מענער זענען, אין 3־טן יאָרהונדערט אַרונטער־
געפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון דער יאָנישער פילאָזאָפיע און
פון דער סטאָאישער סאָציאַל־עטיק, האָבן זיי זיך גייסטיק אַנט־
וויקלט און זיך אַרויסגעוויזן פאַר העלדישע כאַראַקטערן. דער
ערשטער מאַרטירער פאַר קאָמוניזם איז געווען גראָד אַ ספּאַר־
טאַנער.

2. אַגיס — דער ערשטער קאָמוניסטישער מאַרטירער

קריג און רויב האָבן אין אַ משך פון עטלעכע יאָרהונדערטן
אונטערגעגראָבן די יסודות פונם ספּאַרטאַנישן קאָמוניזם. דער זיג־
רייכער אָנטייל פון ספּאַרטע אין די פּרייהייטס־מלחמות פון די
יאָניער קעגן די פּערסן (479—492) און די אין 40 יאָר אַרום
אויסגעבראָכענע קאַמפן פאַר דער אויבערהערשאַפט (העגעמאָניע)
אין גריכנלאַנד, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם פּעלאָפּאָנעזער קריג
(431—404) און די ווייטערדיקע מלחמות ביז צום יאָר 371 —
האָבן געבראַכט די ספּאַרטאַנער פיל כבוד, גאָלד און זילבער, זיי
האָבן אָבער אויך געבראַכט אַ רייע קאַטאַסטראָפאַלע מפלות און
אַן אינערלעכע צערודערונג און האָבן צונישט געמאַכט אַלע אויפ־
טוען פון ליקורגס געזעצגעבונג. פּלוטאַרך דערציילט: „חורבן און
אויסאַרטונג האָבן זיך אָנגעהויבן אין לאַנד פון די לאַקעדעמאָניער

פון יענעם מאָמענט אָן, ווען זיי האָבן צעבראָכן די הערשאַפט פון אַטען און האָבן באַקומען אַן עשירות פון גאָלד און זילבער... אַז די תאווה צו גאָלד און זילבער האָט זיך אַריינבאַקומען אין ספּאַר־טע, אַז די עשירות האָט געבראַכט מיט זיך קאַרגשאַפט און זשעדנעקייט און דער געגנזאַץ — לוקסוס, זנות און תענוג־לעבן, האָט די מלוכה אָנגעוווירן כמעט אַלע אירע מעלות און האָט זיך געפינען כסדר אין אַ נעבעכדיקן מצב, ביז צו דער צייט, ווען אגיס און לעאָנידאַס האָבן דערגרייכט צום קעניגלעכן טיטל", דאָס הייסט ביז אַרום מיטן פון 3־טן יאָרהונדערט. אין גאַנג פון די מלחמות איז די גלייכהייט פאַרשוווּנדן געוואָרן. „די רייכע און פאַרנעמע דעו־צייילט ווייטער פלוטאַרך — האָבן אָן שום רחמנות אַרויסגע־שטויסן זייערע נאָנטע פון די ערד־נחלאות און האָבן דערוואָרבן אויף אַזאַ אופן אַ מענגע מיט פאַרמעגנס. דאָס רייכטום האָט זיך גיך צונויפגעזאַמלט ביי אַ קליינער צאָל פאַמיליעס און אָרימקייט האָט זיך באַוויזן אין שטאָט... פון די אמתע ספּאַרטאַנער זענען קוים געבליבן אַ 700 און פון זיי זענען אפשר קוים 100 געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך פאַרמאָגט לאַנד און נחלאות; דער איבע־ריקער טייל פון פאָלק איז געזעסן נעבן זיי אין שטאָט אין נויט און פאַראַכטונג, אַזוי אַז ער האָט פאַרלאָרן יעדן מוט און חשק צו אויסערלעכע מלחמות און האָט נאָר אויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט צו מאַכן אַ רעוואָלוציע און מיט געוואַלט אומענדערן דעם איצטיקן מצב".

אגיס איז געווען פון קעניגלעכן הויף און האָט געהערט צו איינער פון די רייכסטע פאַמיליעס פון ספּאַרטע. ווי עס שיינט, איז ער געווען באַקאַנט מיט דער סטאָאישער פילאָזאָפיע און האָט פאַרמאָגט גרויסע גייסטיקע פעיקייטן און ערלעכע איבערצייגונגען; כאָטש ער איז נאָך דעמאָלט אפילו קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען און כאָטש זיין מוטער אגיסטראַטע און זיין באָבע אַרכידאַ־מיע האָבן אים געצערטלט און דערצויגן אין גרויסער רייכקייט — האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע תענוגים און זיך אומגעקערט צו דער אַלטער ספּאַרטאַנישער איינפאַכקייט, אָדער ווי די סטאָאיקער פלעגן זיך אויסדריקן — צוריק צו דער נאַטור. אגיס האָט אויך

דערקלערט, „אז עס וואָלט אים לחלוטין נישט געגאנגען אין דעם קעניגלעכן כבוד, ווען ער זאָל נישט קאָנען דורך אים צוריק אויפ־ שטעלן די אלטע געזעצן און די גאנצע אמאָליקע פירעכץ". דער יונגער עולם האָט גערן אויפגענומען זיינע אידייען; פארקערט, די עלטערע מענער און פרויען זענען ארויסגעטראָטן קעגן. זיין אייג־ גענע פאמיליע איז לכתחילה אויך געווען קעגן זיין רעפאָרם־פלאן, נאָר ער האָט זי איבערגערעדט, אויפווייזנדיק דער מוטער, אז דער פלאן איז בפירוש דורכפירבאר און וועט זיין א גרויסע טובה פאר דער מלוכה. „אין פרט פון געלט — האָט ער געזאָגט — קאָן איך מיך במילא נישט פארמעסטן מיט די איבעריקע קעניגן (פון מזרח). ווען איך וועל אָבער קעגן זייער לוקסוס אנטקייגנשטעלן שפּאָרזאמקייט, איינפאכקייט און ערלעכע איבערצייגונג, ווען איך וועל העלפן די בירגער צו קומען ווידער צו גלייכהייט און צו אַל־ געמיינעם פארמעגן, וועל איך קריגן אַ שם פון אַ באמת גרויסן קעניג". זיין מוטער און זיין באָבע זענען געוואָרן אָנהענגער פון זיינע אידייען — און אגיס איז צוגעטראָטן צו פארווירקלעכן זיי אין לעבן. לויט דער ספּארטאנישער קאָנסטיטוציע זענען בראש פון לאנד געשטאנען צוויי קעניגן, וועלכע פלעגן קאָנטראָלירט ווערן דורך פינף עפאָרן (אויפזיכטס־באאמטע, געוויילט דורך די חשובסטע משפחות); אין פאל פון אַ חילוקי דעות צווישן די ביי־ דע קעניגן, האָבן אנטשיידעט די עפאָרן. געזעץ־פּראָיעקטן זענען פריער באטראכט געוואָרן אין סענאַט, דערנאָך זענען זיי אריבער צו דער פאָלקס־פארזאמלונג, וועלכע האָט באשלאָסן וועגן זייער גורל. אגיס האָט אנטוויקלט זיין געזעץ־פּראָיעקט פארן סענאט: אלע חובות צווישן איין מענטשן און צווייטן זאָלן ווערן געשענקט און דאס גאנצע לאנד זאָל איבעראַניים פארטיילט ווערן — אויף 19500 גלייכע חלקים; 4500 חלקים צווישן די אייגנטלעכע ספּאר־ טאנער און ספּארטאנערינס; 15000 חלקים צווישן די פעריעקן (שטאמענדיקע פון דער פארדאָרישער באפעלקערונג אָדער פאר־ אָרימטע ספּארטאנער) און פרעמדע, וועלכע זענען לויט זייערע פיזישע און גייסטיקע אייגנשאפטן פאסיק צו זיין בירגער אין דער ספּארטאנישער מלוכה. אלע זאָלן איינגעטיילט ווערן אין שפּייז־

קאָלעקטיוון און זאָלן זיך אומקערן צום אמאָליקן לעבנס=שטייגער
פון ספּאַרטע.

דער סענאַט האָט נישט געקאָנט קומען צו קיין אייניקייט
איבער דעם געזעץ=פּראָיעקט; דאַן האָט איינער פון די עפאָרן,
אגיס'ס אן אָנהענגער, געבראַכט דעם פאָרשלאָג צו דער פאָלקס=
פאַרזאַמלונג און האָט דאָרטן קריטיקירט די סענאַט=קעגנער פונם
געזעץ. נאָך דער דיסקוסיע האָט אגיס אַליין אויך גענומען אַ
וואָרט און דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו ברענגען די גרעסטע
קרבנות צוליב דער קאָנסטיטוציע, וואָס ער וויל איינפירן. „ראשית,
גיב איך אוועק מיין גאַנצן פאַרמעגן, וואָס באַשטייט פון אַ היפּש
ביסל אַקער=פעלד און לאָנקעס און חוץ דעם 600 טאַלענטן (לערך
300 טויז. מאַרק) מזומן געלט. דאָס זעלבע טוען מיין מוטער און
גרויסמוטער און אַלע מיינע קרובים און פריינט, וועלכע זענען די
רייכסטע צווישן די ספּאַרטאַנער“. די פאָלקס=פאַרטרעטער זענען
געווען זייער גערירט פון אגיס'ס גרויסהאַרציקייט, נאָר דאָ האָט
גענומען אַ וואָרט דער צווייטער קעניג לעאָנידאַס און האָט גע=
רעדט קעגן דער רעפאָרם, באַזונדער קעגן דעם שענקען פון די
חובות און קעגן צולאָזן פרעמדע צו דער חלוקה. אגיס האָט ווי=
דער געענטפערט אויף דער קריטיק און דאָס פאָלק האָט זיך אַרויס=
געזאָגט פאַרן געזעץ=פּראָיעקט; אָבער דער סענאַט און די עפאָרן
האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסן ווידערשטאַנד; זיי האָבן געהאַט פאַר
אַ פירער לעאָנידאַסן, אַ מענטשן אַ האַרטן, און וועלכער האָט גע=
ווּסט ווי אָפּצוּוואַרטן און אויסצונוצן דעם פּאַסיקן מאָמענט. כדי
צו זיין געוואָרנט פון אַן אָנפאַל, האָט זיך אגיס אויסבאַהאַלטן אין
טעמפּל פון נעפּטון, פון וואַנען ער פלעגט אַרויסקומען נאָר אויף
צו גיין זיך באָדן. לעאָנידאַס האָט טאַקע צונויפגעקליבן אַרום זיך
אַ מחנה סאָלדאַטן און צוגעגרייט אַן אָנפאַל אויף אגיסן. איינמאָל
ווען אגיס איז געווען אונטערוועגס צו זיין באַהעלטעניש, זענען
אים באַפאַלן דריי שפּיצלען און אים מיט געוואַלט גענומען גע=
פאַנגען. באַלד איז געקומען לעאָנידאַס מיט זיינע סאָלדאַטן און
האָט באַלאַגערט דאָס הויז, וווּ אגיס האָט זיך געפונען. אייניקע

סענאטאָרן און די עפארן זענען אויך תיכף אָנגעקומען אין זעלבן הויז, האָבן אויפן אָרט אויסגעבילדעט אַ טריבונאל און זיך גע־פרווווט מיט פארשידענע מיטלען צו פועלן ביי אגיסן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיינע רעפאָרם־פּלענער. אגיס האָט אָבער געטענהט פארעקשנט, אז ער האָט קיין ברעקל חרטה נישט און קאָן זיך פון קיין זאך נישט אָפּזאָגן, ווייל די ליקורגישע קאָנסטיטוציע איז פאָרט די בעסטע. דאן האָט דער טריבונאל אים פארמשפּט צום טויט אויף דער תליה. די מוטער און די באָבע פון אגיסן האָבן געפאָדערט, מען זאָל דעם משפּט איבערגעבן צו אַ נאָרמאלן גע־ריכט און די פארהאנדלונגען זאָלן פאָרקומען עפנטלעך, אָבער די עפארן האָבן דאָס אָפּגעוואָרפן, ווייל זיי האָבן גוט געוווסט, ווי פּאָ־פולער זייער געפאנגענער איז ביים פאָלק. צוליב דעם זעלבן טעם האָבן זיי זיך שטארק געאיילט מיטן אויספירן דעם פסק. גלייך נאָכן אורטייל איז אגיס שוין אוועקגעפירט געוואָרן צו דער תליה, אויפן וועג האָט ער דערזען איינעם פון זיינע דינער, ווי ער וויינט און קלאָגט, האָט ער זיך צו אים אָפּגערופן: „הער אויף צו וויינען, מיין פריינט, איך שטארב אויף אן אומגערעכטן און אומגעזעצ־לעכן אופן, אזוי אז אין דעם פּרט האלט איך בעסער איידער מיינע הענקער". מיט די ווערטער האָט דער ערשטער מארטירער פאר קאָמוניזם פרייוויליק אויסגעשטרעקט זיין האלז צו דעם תלין. דער־נאָך זענען געטויט געוואָרן אויך זיין מוטער און גרויסמוטער. ווען אגיסטראטע האָט קומענדיק אויפן תליה־פּלאץ דערזען איר זון ליגן אויף דער ערד און איר מוטער הענגען אַ טויטע אויף דער תליה, האָט זי אַליין מיט דער הילף פון אַ דינער זי אראָפּגענומען פון דער תליה און זי אוועקגעלייגט נעבן אגיסן. דערנאָך האָט זי זיך געוואָרפן אויף איר זון, אים געקושט דאָס פּנים און אויסגערופן: „דיין צו גרויסע איידלקייט, מיין זון, דיין מילדקייט און ליבע צו מענטשן האָט אויף דיר און אויף אונז דעם אומגליק געבראכט"! און באלד דערויף האָט זי זיך געשטעלט צו דער תליה, מיט די ווערטער:

„הלואי זאָל דאָס אויספאלן צו גוטן פאר ספּארטע!"
פאסירט האָט דאָס 240 יאָר פאר קריסט. געבורט.

3. די רעפאָרם=פּרוּוון פון קלעאָמענעס

פינף יאָר נאָכן טויט פון אגיסן איז געקומען צו דער מאַכט קלעאָמענעס (פון 235 ביז 222), דער זון פון לעאָנידאַס. ער האָט חתונה געהאַט מיט אגיסעס אלמנה, האָט זיך געגוי באַקענט מיט אַלע זיינע פּלענער און באַשלאָסן זיי דורכצופירן אין לעבן. אָבער ער איז געווען קריגערישער פאַר אגיסן — אַן עכטער ספּאַרטאַנער, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז אַמבעסטן וועלן אים פירן צום ציל אַ גוטע אַרמיי און נצחונותדיקע מלחמות. נאָר אַלס זיגרייכער קריגס=פירער, האָט ער געהאַלטן, קאָן ער קריגן אַזאַ אויטאָריטעט אין דער מלוכה, אַז ער וועט בייקומען די אַנטי=קאָמוניסטן, די עפאָרן און די רייכע. ער האָט איינגיכן אויסגענוצט אַ געלעגנהייט צו באַפאַלן די שכנישע מלוכות און אָפּצוהאַלטן אַ נצחון, אָבער דערביי איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ גאַנצער רייע פון מלחמות. נאָך די ערשטע נצחונות האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער קאָנסטיטוציע און האָט אָפּגעשאַפט די עפאָרן=אַמטן; דערנאָך האָט ער אַרויסגעשיקט פון לאַנד 80 בירגער, וועלכע זענען געווען פיינטלעך צו די רעפאָרמען און האָט צוזאַמענגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, כדי צו באַגרינדן פאַר איר זיינע מעשים. דאָ האָט ער אָנגעקלאָגט די עפאָרן, אַז זיי שטרעבן אַלץ צו פאַרגרעסערן זייער אייגענע מאַכט, קעגן דעם גייסט פון דער קאָנסטיטוציע, אַז זיי האָבן אומבאַמערקטערהייט איינגעפירט אַן אייגענעם נייעם טריבונאַל און אַז זיי האָבן פאַרשיקט אָדער פאַרמשפּט צום טויט פונקט יענע קעניגן, וועלכע האָבן געוואָלט ווידער אויפלעבן און איינפירן די אויסגעצייכנטע שיינע אויפטוען פון ליקורגן. דערום האָט ער זיי, די עפאָרן, געלאָזט באַזייטיקן. ווייטער האָט קלעאָמענעס אַזוי געזאָגט: „ווען איך זאָל קאָנען אָן בלוט=פאַרגיסן באַפרייען לאַקעדעמאָן פון די אַלע פּלאָגן, ווי לוקסוס, זנות, חובות און וווּכער און פון דעם נאָך גרעסערן אומגליק — פון רייכקייט און אָרימקייט, וואָלט איך מיך געשעצט פאַרן גליקלעכסטן פון אַלע מלכים... אָבער איך האָב אין דער קלענסטער מאָס זיך באַנוצט מיט געוואַלט=מיטלען און די, וואָס זענען געשטאַנען אויפן

זעג פון לאקעדעמאן צום גליק, האָב איך בלויז אָפּגערוקט אין אַ זייט, צווישן אלע איבעריקע וועל איך איצט דאָס לאנד גלייך פאַרטיילן, די פארשולדעטע וועל איך באפרייען פון זייערע חובות און צווישן די פרעמדע וועל איך מאכן אן אָפּקלייב, אזוי אז נאָר די לייטישסטע זאָלן אָנגענומען ווערן פאר ספּארטאנער און זאָלן העלפן באשיצן די שטאָט; מיר טאָרן אָבער נישט דערלאָזן מער, אז לאקאניען זאָל ווערן גערויבט פון די עטאָליער און איליריער צוליב דעם, וואָס זי האָט צו ווייניק פארטיידיקער". דערביי האָט ער אויך געמאָלדן, אז ער גיט איבער אין רשות פון פאָלק זיין גאַנץ פארמעגן; זיין ביישפּיל האָבן נאָכגעטון זיינע קרובים און פריינט און דאן אלע איבעריקע בירגער. דאָס לאנד איז געוואָרן פארטיילט און אפילו פאר די פארשיקטע בירגער זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן חלקים, ווייל קלעאָמענעס האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט זיי אלעמען דערלויבן צוריקקומען. ווי נאָר די מלוכה וועט זיך בארויקן. ער האָט ווידער איינגעפירט דעם אלטן איינפאכן ספּארטאנישן לעבנס=שטייגער, און האָט אליין דערביי געוויזן דעם ערשטן ביישפּיל.

ווען קלעאמענעס זאָל געווען פירן א פרידלעכע אויסערלעכע פּאָליטיק, וואָלט ספּארטע ווידער געוואָרן א מוסטער=מלוכה, און דאָס וואָלט געשטויסן אלע איבריקע העלענישע מלוכות דורכצופירן יי זיך אויך די זעלבע סאציאלע רעפארם. אבער צוליב זיין קריגס־פּאָליטיק זענען אלע שכנים אים געוואָרן ביטערע שונאים. די סאָציאל=רעפאָרמירטע ספּארטע האָט געוועקט נישט ליבע צו זיך, נאָר מורא. אין א מאָמענט פון נויט האָבן די שכנים זיך געווענדעט נאָך הילף צו די מאקעדאָניער, כדי אָפּצושלאָגן די ספּארטאנישע אָנפאלן. א לענגערע צייט האָט דער איינזאמער קלעאָמענעס זיך דאָך געהאלטן קעגן דער פיינטלעכער קאָאליציע און האָט זי מיט זיין טרייען חיל אפילו שאכירט און געשלאָגן, אָבער סוף=כל=סוף האָט ער געליטן א מפּלה. פּלוטארך באשרייבט אזוי דעם גאנג פון די קריגס=געשעענישן:

קלעאָמענעס האָט נישט נאָר באגייסטערט און צוגעגעבן מוט זיינע בירגער נאר ער אליין האט געשמט ביי זיינע פיינט פאר א

אויסגעצייכנטן גענעראל. ווען ער האָט מיט די כוחות בלויז פון איין איינציקע שטאָט געקאָנט זיך האַלטן קעגן די מאַקעדאָניער צוזאַמען מיט אַלע פעלאָפּאָנעזער, און דערביי נישט נאָר שיצן לאַקאָניען פון אָנגריף, נאָר נאָך אַליין אַריינדרינגען אין לאַנד פון שונא און פאַרכאַפּן אַ רייע גרויסע שטעט, האָבן אַלע דערין געזען אַ סימן פון אומגעווייינלעכער געשיקטקייט און פון גרויסן גייסט. אָבער ווער סהאָט דער ערשטער געזאָגט, אַז געלט איז דער הויפּטנערוו פון אַלץ אין דער וועלט, האָט עס געוויס אין דער ערשטער ליניע געמיינט בנוגע צו מלחמה... ווייל די מאַקעדאָניער זענען געווען פאַרזאָרגט מיט אַלע נויטיקע הילפס-מיטלען אויף צו פירן די מלחמה אַ לאַנגע צייט, — האָבן זיי סוף-כל-סוף געמוזט אָפּהאַלטן אַ זיג איבער קלעאָמענעסן, וועלכער האָט באַדאַרפט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי אויסצוצאָלן דעם לוין די סאָלדאַטן און באַזאָרגן זיינע בירגער מיט לעבנס-מיטלען.

אַז קלעאָמענעס איז ענדגילטיק צעשלאָגן געוואָרן (אין יאָר 222 ביי סעלאַזיאַ), האָט ער געמוזט הייסן די בירגער פון ספּאַרטע, זיי זאָלן עפענען דעם שטאָט-טויער פאַר אַנטיגאָנען, דעם מלך פון מאַקעדאָניען. אַנטיגאָן האָט באַזעצט די שטאָט, אָבער מיט דער באַפעלקערונג איז ער זיך באַגאַנגען גאַנץ ווייך און גוטהאַרציק; ער האָט נישט באַליידיקט דעם כבוד פון ספּאַרטע, נאָר ער האָט צוריק אויפגעשטעלט אַלע אַלטע געזעצן, וואָס האָבן געגאָלטן פאַר אַגיסן און קלעאָמענעסן, ד. ה. די נישט-סאָמוניסטישע געזעצן.

4. דער קאָמוניסטישער ישוב אין ליפּאַרע.

ווי דער סיצילישער שרייבער דיאָדאָר דערציילט, האָבן אַרום יאָר 580 אַ גרופּע קנידיער און ראָדיער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זייער היימאַט, ווייל זיי זענען געווען אומצופרידן מיט דער דריקנדיקער הערשאַפט פון די לידישע מלכים. זיי האָבן זיך געלאָזט איבערן ים צו מערב צו און ווען זיי זענען צוגעקומען צום ברעג פון ליפּאַרע (אַ אינזל לעבן סיציליען), האָבן די אָרטיקע איינוווי=

נער זייער פריינטלעך זיי אויפגענומען און האָבן זיך געלאָזט
איינגרעדן צו בילדן צוזאמען איין ישוב. ווען שפּעטער האָבן טי=
רענישע ים=רויבער זיי אָנגעהויבן פארפאָלגן, האָבן זיי זיך אויס=
געבויט א פלאָט און האָבן זיך אָרגאניזירט אויף אזא אופן, אז
איין טייל פון זיי האָט באארבעט א ריי אינזלען אלס געמיינזאם
אייגנטום און דער אנדערער טייל האָט זיי דערפאר פארטיידיקט
פאר די ים=רויבער. זיי האָבן דאָס גאנצע אייגנטום געמאכט פאר
שותפישעם און איינגעפירט א קאָלעקטיווע דערנערונג (סיסיטיעם).
דאָס דאָזיקע קאָלעקטיווע לעבן האָט זיך געצויגן א לענגערע צייט;
דערנאָך האָבן זיי דעם אינזל ליפּארע, וו סהאָט זיך געפונען די
שטאָט, פארטיילט צווישן זיך, און די איבעריקע אינזלען האָבן
זיי ווייטער באארבעט געמיינזאם. אין א צייט ארום האָבן זיי אלע
אינזלען פארטיילט אויף א זמן פון 20 יאָר, און ווען דער דאזיקער
זמן איז אריבער, פלעגן זיי מאכן איבעראנייס א חלוקה.

דער איינפיר פון שפּייז=קאָלעקטיוון איז געווען אויך אין
קרעטא. אלע קרעטישע בירגער פלעגן פארזאָרגט ווערן מיט עסן
אויף קהלשן חשבון. פּלאטאָן האלט, אז די שפּייז=קאָלעקטיוון זע=
נען געשאפן געוואָרן, כדי צו האלטן די בירגער קריגס=גרייט אָדער
כדי צו שיצן זיי פון וועלכער סנישט איז נויט. ער האלט די קאָ=
לעקטיוון פאר א „געטלעכע נויטווענדיקייט“, („איבער די געזעצן“
בוך 6, קאפּיטל 21) און דער אידעאל פון א מלוכה מוז אין זיך
בולל זיין אָט דעם איינפיר (מלוכה, בוך 8).

IV. קאָמוניסטישע שיטות אין אטען.

1. ווי סאָלאָן האָט רעפאָרמירט דעם מיטלשטאַנד.

אין דער זעלבער צייט, ווען ספּארטע איז געוואָרן א קאָמוניסטישע מלוכה, האָט אין אטיקע געהערשט דער אדל, וועלכער האָט אלץ מער אָפּגענומען ביי די פּויערים זייערע רעכט, צוגערויבט זייער פארמעגן און דורך ווכערישע מאכינאציעס זיי געהאלטן אין אמתער קנעכטשאפט. די גלחים און די ריכטער האָבן זיך אויך רעקרוטירט נאָר פון צווישן אַדל. די מיטלשיכטן פון דער באפעלקערונג זענען געווען אומצופרידן; דער שלעכטער ווירטשאפטלעכער, פּאָליטישער און רעכטלעכער מצב האָט געפירט צו פארשווערונגען, וועלכע פלעגן בלוטיק דערשטיקט ווערן. ווען דאָס פאָלק האָט אלץ העכער גענומען פאָדערן געזעצלעכקייט, האָט דער אדל איבערגעגעבן דעם רעכטס-געלערנטן דראקאָן צו שאפן א געזעץ-קאָדעקס; אָבער דער קאָדעקס איז געווען אזא, אז צוליב זיין שטרענגקייט איז ער געוואָרן א שם-דבר: יעדעם שטרענגע און פאָלקס-פיינטלעכע געזעץ טראָגט פון דעמאָלט אָן דעם נאָמען דראקאָנישעם. ממילא פארשטייט זיך, אז די דאָזיקע געזעצן האָבן נישט געקאָנט איינשטעלן קיין פרידן אין לאנד. דאָס פאָלק האָט אלץ שטורמישער געפאָדערט, מען זאָל אים באפרייען פון דער לאסט פון די חובות און מען זאָל אויפסניי פארטיילן די ערד. צום אָנהויב פון 6-טן יאָרהונדערט האָט זיך די לאגע אזוי פארשארפט, אז דער אַדל האָט דערפילט די נאָענטקייט פון א פאָלק-אויפשטאנד; דאן האָט ער אין יאָר 594 איינגעלאדן סאָלאָנען, וועלכער איז באקאנט געווען אלס פאָלקס-פריינט, אז ער „זאָל מאכן שלום צווישן אַדל און צווישן פאָלק, און זאָל שאפן די נויטיקע צוליב דעם געזעצן“. סאָלאָן האָט אונטערגענומען א ווירטשאפטלעכע און פּאָליטישע רעפאָרם. אלע חובות אויף ערד

(היפּאָטעקן) זענען דערקלערט געוואָרן פאר בטל, און ס'איז בכלל
פארבאָטן געוואָרן צו מאכן עמיצן פאר א קנעכט צוליב וואָסער
ס'נישט איז חובות. די דאָזיקע רעפאָרם איז באקאנט אונטערן
נאָמען „סייזאכטייע" (לאסט־באפרייונג). פּאָליטיש איז איינגעפירט
געוואָרן א טימאָקראטישע קאָנסטיטוציע: זי האָט זיך באזירט
אויף א באשטימטן באַדן־צענז. אלע בירגער זענען איינגעטיילט
געוואָרן, לויט דער הכנסה פון זייער ערד=באזיץ, אויף 4 קלאסן:
1) גרויסגרונטבאזיצער 2) ריטער 3) פויערים 4) און טאָג=לוין=
ארבעטער. די העכסטע אמטן אין דער מלוכה האָבן געקאָנט פאר=
נעמען נאָר די מיטגלידער פון ערשטן קלאס; די מיטגלידער פון
צווייטן און דריטן קלאס האָבן געקאָנט פארנעמען אלע אנדערע
מלוכה=אמטן, א חוץ די העכסטע; און די מיטגלידער פון פערטן
קלאס האָבן נאָר געהאט דאָס רעכט צו באטייליקן זיך אין די
פאָלקס־פארזאמלונגען און אין די געשווירענע געריכטן — דערפאר
אָבער זענען זיי געווען פריי פון מלוכה=לאסטן.

די דאָזיקע סאָלאָן=קאָנסטיטוציע האָט אָבער נישט צופרידן
געשטעלט נישט דעם אַדל און נישט דאָס פאָלק. פארן אַדל איז
זי געווען צו רעוואָלוציאָנער, פארן פאָלק -- צו קנאפּ. נאָך לאנגע
אינערלעכע און אויסערלעכע מהומות איז צום סוף פון 6=טן יאָר=
הונדערט (509) איינגעפירט געוואָרן דורך קלייסטענעסן פאָלקס=
גלייכהייט — פּאָליטישע דעמאָקראטיע — אָבער באזירט האָט זי
זיך אויף שקלאפעריי, אזוי אז פוןווירקלעכן דעמאָקראטיזם, ווו
אלע איינוווינער אָן אויסנאם האָבן גלייכע רעכט קאָן אין דעם
פאל נישט זיין קיין רייד. אינגיכן נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן
די פערסישע מלחמות (500—431) אין וועלכע אטען האָט אָפּ=
געהאלטן גרויסע נצחונות, געוואָרן א ים=מאכט און עקאָנאָמיש
אויפגעבליט. אינאיינעם מיט ספּארטע האָט אטען געשלאָגן די פּער=
סער — און פון א קליין מלוכהלע איז זי איצט געוואָרן א מלוכה=
פארבאנד, ווו ס'האָבן געבליט און זיך אנטוויקלט אינדוסטריע און
האנדל, שיפעריי, בילדונג, דיכטונג און קונסט. צוזאמען מיטן קאַ=
פּיטאליזם האָט זיך אָבער באלד אָנגעהויבן א תקופה פון אימ=
פעריאליזם (דער קאמף פאר העגעמאָניע אין דער העלענישער

װעלט) פון קלאַסנקאַמפן און פון עקסטרעמען אינדיװידואַליזם: די אַטישע געזעלשאַפט איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אויף יחידים מיט קעגנזײַטיקע שטרעבונגען.

2. קאַפּיטאַליזם און צעפאַלונג

די אַטישע מלוכה מיט איר ים מאַכט, אויסערן האַנדל און האַנטװערקערײַ איז גאָרנישט געװען ענלעך צו יענער קלײנטער אַטיקע, פאַר װעלכער סאָלאָן האָט געשאַפן זײַנע רעפאָרם־געזעצן. די לאַנדװירטשאַפט, װעלכע האָט שױן צום אָנהויב פון 6־טן יאָרהונדערט נישט געקאָנט דערנערן די באַפעלקערונג, האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט לױט די פאָדערונגען פון האַנדל. גרױסע שטרעקעס ערד זענען אָפּגעגעבן געװאָרן פאַר דער קולטור פון אײלבירט־בױמער, װײַל אײל איז געװאָרן אײנער פון די בעסטע עקספּאָרט־אַרטיקלען. די באַפעלקערונג איז שױן געװאָרן אָפּהענגיק פון אױסלענדישן קאָרן, װאָס די שיפן פלעגן ברענגען צופירן אין די אַטישע האַפנס — באַזונדערס אין פּירײ — פון די צפון־לענדער פון שװאַרצן ים. דאָס גלײַכן, פלעגט מען פון די זעלבע לענדער אַרײַנפירן פי, פיש, האָלץ, פלאַקס, מושטאַרדע און זאַלץ. די האַנטװערקערײַ האָט אָנגענומען אַ פאַבריק־כאַראַקטער און האָט געאַרבעט פאַרן אַרױספיר, אַזױ אַז זי איז אױך געװאָרן אָפּהענגיק פונעם האַנדלס־קאַפּיטאַל. און אַזױ װי די סחורות האָבן אָנגעװירן זײער לאָקאַלן כאַראַקטער און מען האָט זײ דער עיקר באַצױגן דורך די גרױס־הענדלער און דורך די שיף־אײגנטימער, ממילא האָבן די קרעמער און קלײנע געשעפטס־לײַט אױך אָנגעװירן אין אַ גרױסער מאָס זײער געװעזענע זעלבסטשטענדיקײט. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז דעם גרעסטן ריוח האָט בײַ די אַלע אָפּעראַציעס באַקומען דער קאַפּיטאַל. „אָנגעזעענע לײַט זענען דעריבער געװאָרן גרױסע סוחרים אָדער שיף־אײגנטימער; די באָדן־פּריצים זענען געװאָרן קאַפּיטאַליסטן און האָבן געלעבט פון רענטע, און איבער די לאַנדװירטשאַפטלעכע מאַיאָנטקעס האָבן זײ אװעקגעשטעלט

פאַרוואַלטערס, וועלכע האָבן געפירט די אַרבעט מיט דער הילף פון שקלאַפן".*)

די פרייע אַרבעטער איז שוין איצט אויסגעקומען מער צו קעמפן קעגן דער הערשאַפט פונם קאַפּיטאַל, איידער קעגן דעם, וואָס די שקלאַפן=אַרבעט דריקט אַראָפּ די לוינען. דער קליינער מיטלשטאַנד איז אויך געוואָרן אַלץ מער און מער אָפּהענגיק. און דערום האָט דער דעמאָס געפירט אַזאַ פאַרביטערטן עקשנותדיקן קאַמף קעגן די רייכע. דאָס אינערלעכע לעבן פון אַטיקע איז טיף צערודערט געוואָרן, און די מלוכה=מענער האָבן מיט מורא און זאָרג צוגעזען די צעפאַלונג פון זייער פאָטערלאַנד. דער פעלאָפּאָנעזישער קריג האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם סאָציאַלן און מאָראַלישן קריזיס. דער קריג איז געקומען טיילווייז צוליב דער ים=קאָנקורענץ צווישן קאָרינט און אַטען, טיילווייז צוליב דעם שטרייט, וואָס האָט זיך געפירט צווישן אַטיקע און ספּאַרטע פאַר דער העגעמאָניע אין גריכנלאַנד. אָנגעהויבן האָט זיך דער קריג אין יאָר 431 און האָט זיך פאַרענדיקט אין יאָר 404 — מיט דער פולשטענדיקער מפּלה פון אַטען, ווי די מפּלה פון דייטשלאַנד אין 1918.

3. פלאַטאָן

בעת פלאַטאָן איז צוגעטרעטן צום אויסאַרבעטן די טעאָרעטישע יסודות פון אַ נייער מלוכה — געבויט אויף גערעכטיקייט — האָט ער אין זינען געהאַט דעם ערשט געשילדערטן מצב אין אַטען. פלאַטאָן איז געבוירן געוואָרן אויפן דריטן יאָר פונם פעלאָפּאָנעזישן קריג, אין איינער פון די בכבודיקסטע משפחות פון אַטען. דער געזעצגעבער סאָלאָן איז געווען אַ קרוב זייגער פון דער מוטערס צד. לכתחילה איז פלאַטאָן געווען אַ תלמיד ביי סאָקראַטעסן, דערנאָך איז ער געפאָרן קיין עגיפּטן און איטאַליע, כדי פאָרטצוזעצן זיין בילדונג. זיין כוונה איז געווען צו ווידמען זיך דעם עפנטלעכן לעבן, אָבער די צייט איז דעמאָלט געווען זייער אַ

---

*) Ed. Mayer Geschichte des Altertums 2 Auflage. 3 Band.

אומגינסטיקע פאר מלוכה=מענער פון זיין שניט; האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט פילאָזאָפיע, און איז געוואָרן דער באַרימטסטער לערער פון דער גריכישער וועלט און איינער פון די גרעסטע וועלט דענקער בכלל.

פּלאַטאָן איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע. פאַרקערט, ער איז געווען דורך און דורך א גייסט=אַריסטאָקראַט און האָט די ברייטע געדאַנקענלאָזע מאַסע, וואָס לאָזט זיך פירן פון דעמאַגאָגן, נישט ווייניקער פיינט געהאַט, ווי די פּלוטאָקראַטיע. און ווי בכלל יעדן מין געוואַלט=הערשאַפט. די וויכטיקסטע ווערק זיינע, וואָס האָבן א באַטייט פאַר דער סאָציאַלער וויסנשאַפט זענען: „פּאָליטעא“ (די מלוכה, אָדער די רעפּובליק) און „די געזעצן“. דאָס ערשטע ווערק אַנטהאַלט אין זיך אידעאַלערע פאָרשלאַגן, איידער דאָס צווייטע; אָבער ס'איז נישט גענוג אויסגעהאַלטן אין אַלע זיינע טיילן, און א רייכער אינהאַלט איז נאָר אין די טיילן 5, 6 און 8 (ס"ה באַשטייט „פּאָליטעא“ פון 10 ביכער). ביידע ווערק זענען געשריבן אין א פאָרם פון דיאַלאָגן, אָבער די געשפּרעכן זענען נישט „אָנציִענדיק“, גאָר פאַרקערט שול=אַרטיק און צומאָל אפילו פּעדאַנטיש.

1. „פּאָליטעא“ איז נישט קיין אוטאָפּישע שילדערונג. ס'איז אין איר נישטאָ קיינע בילדער פון דער צוקונפט=מלוכה, און אפילו נישט דיווירטשאַפטלעכע יסודות פון א סאָציאַליסטישער אָרדנונג. א סך מער איז עס א פאָרשונג וועגן גערעכטיקייט, וועגן די דעפעקטן פון אַלע היסטאָרישע באַקאַנטע קאָנסטיטוציע-פאָרמען און וועגן די וויכטיקסטע הייל=מיטלען פאַר קראַנק=געוואָרענע מלוכות. אָבער די גערעכטיקייט, ווי פּלאַטאָן פאָרמולירט זי, האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער גערעכטיקייט פון די יידישע נביאים.

דער העלענער איז קודם כל א מלוכה=מאַן: מיט מאָס, באַרעכנט, א פעסטער פּאַטריאָט, האָט ער גאָר ווייניק אין זינען אָנצופירן מיט די אָרעמע און באַזיצלאָזע און זיי באַוואָרענען מיט גערעכטיקייט, אָדער גאָר צו דערהויבן די אָרעמע און אומוואַרפן די רייכע; ביי אים איז קיין שום שפּור נישטאָ פון דער נבי-

אימשער וועלט־שטורמעריי, און נישט פון אינטערנאַציאָנאַליזם. ער טראַכט א סך מער וועגן דעם, ווי צו ראַטעווען בלויז זיין פאָטערלאַנד, וואָס לעבט איבער א קאַטאַסטראָפאַלן צוזאַמענבראָך, ווי אַרום צו מאַכן אַזוי, אַז שלום ושלוה זאָלן הערשן אין זיין מלוכה און אַז יעדער בירגער זאָל זיך קאָנען טון זיין זאַך, נישט דאַנהנדיק וועגן צווייטן.

פּלאַטאָן גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז לכתחילה איז די מלוכה געווען א גוטע, אַן אידעאַלע; ער גיט אונז נישט אין פּאָליטעא קיין בילד אפילו פון אָט דער אידעאַלער מלוכה, ער פאַררופט זיך אין דעם פּרט בלויז אויף העזיאָדן; דאַן דרינגט ער, אַביסל אין א מיסטישער פאָרם, אַז די מענטשן זענען פון דור צו דור געוואָרן אַלץ ערגער און האָבן פאַרפירט סכסוכים צווישן זיך ווייל מאַנכע האָבן זיך דערשלאָגן צו געלט־פאַרמעגנס און אַריינגעקריגן אין זייער רשות שטיקער באָדן, הייזער, גאָלד און זילבער. דערפון איז אַרויסגעקומען די מלחמה פון אַלע קעגן אַלע, ביז מען האָט ענדלעך געפועלט ביי זיך צו פאַרטיילן דעם באָדן און די הייזער, איינפירן פּריוואַט־אייגנטום און איינטיילן די באַפעלקערונג אויף באַלעבאַטים און קנעכט (בוך 8, קאַפּיטל 3). אין א צווייטן אָרט גייט שוין פּלאַטאָן צו צו דער פראַגע פון איר פּסיכאָלאָגישער זייט און פּרוּווט זיך צו דערקלערן די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער מלוכה מיט דעם צושטאַנד פונם מענטשלעכן גייסט און מיט זיינע באַדערפנישן (בוך 2, קאַפּיטל 11—10). ווי א יחיד איז דער מענטש אומבאַהאָלפן; זיינע פיזישע באַדערפנישן קאָן ער באַפרידיקן נאָר לעבנדיק צוזאַמען מיט נאָך מענטשן; צוליב דעם טאַקע נעמען זיך די מענטשן צונויף און בילדן די מלוכה. יעדער בירגער האָט זיך זיין טועכץ: דער איז א ערד־אַרבעטער, דער — א האַנטווערקער, און זיי בייטן זיך מיט די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט. אַזוי קומט אויף האַנדל און געלט. אינגיכן הערן די מענטשן אויף צו באַנוגענען זיך מיט דעם, וואָס זייערע פיזישע באַדערפנישן זענען באַפרידיקט, זיי פאַרלאַנגען שוין לוקסוס־זאַכן; עס הויבט זיך אָן א לעבן פון תענוגים

איז פון לוקסוס, און דאָס פירט שוין צו זשעדנעקייט און צו דעראָבערונגס־מלחמות, אַזוי אז מען מוז שוין אויך אויפשטעלן א מיליטערישע קראַפט. די מלוכה ווערט אלץ קאָמפּליצירטער. רייכקייט און אָרעמקייט ווערן א פאקט, דער אינערלעכער שלום ווערט צעשטערט, און די מלוכה ווערט געשפּאָלטן אין צוויי פיינט־לעכע מחנות. „אפילו די קלענסטע שטאָט איז פאקטיש צעטיילט אויף צווייען; די איינע איז די שטאָט פון די אָרעמע, די צווייטע — די שטאָט פון די רייכע, און זיי פירן צווישן זיך מלחמה“ (בוך 4, קאפיטל 2). ווו עס גילטן אָרעמקייט און רייכקייט, דאָרט ווערט די מלוכה אונטערגעגראָבן. דער רייכער פארנאכלעסיקט זיין ארבעט, און דער אָרעמער טוט שלעכט זיין ארבעט. און ווו רייכקייט איז פארבונדן מיט כבוד, פארגעסן די בירגער אלע גוטע מדות און שטרעבן צו ווערן רייך. דער רייכער ווייס נישט פון קיין אָפּהאַלט, און דער אָרעמער ווערט קנעכטיש און בונטאריש, און אלע פארנאכלעסיקן זיי די מלוכה־אינטערעסן; די מלוכה גייט צו גרונט. עס דערגייט סוף־כל־סוף דערצו, אז איין און דיזעלבע געשעעניש רופט ארויס א פרייד ביי איין העלפט פון דער באפעל־קערונג, און א טרויער ביי דער צווייטער. אויף דעם פעלער ליידן סיי די טימאָקראטיע (סאָלאָנס צענז־קאָנסטיטוציע) סיי די אָלי־גארכיע (די הערשאפט פון א קליינער צאָל באזיצנדיקע), סיי די דעמאָקראטיע און סיי די טיראנישע אָרדנונג (בוך 8, קאפיטל 12 —3): אלע באזירן זיי אויף פריוואט־אייגנטום. די טימאָקראטיע האָט נאָך לפּחות אייניקע רעשטן פון דער אמאָליקער אידעאל־מלוכה — גוטע הערשער און קאָלעקטיווע דערנערונג פון די בירגער. דאַן קומט די אָליגארכיע, ווו דער דראנג צו געלט און צו פּראָפיט ווערט אלץ גרעסער, אזוי אז רייכקייט ווערט שוין דער מאסשטאב פאר בירגער־רעכט; חכמה און תורה ווערן אָן זייער ווערט; די געלט־גיריקייט מאכט צונישט אלע מדות טובות. די רייכע ווייסן נישט פון קיין גענוג — דער פועל יוצא איז מאסן־אָרעמקייט, עס הויבט זיך אָן א פארטיי־קאמף, וועלכער פירט — ביי דעם מינדסטן דרוק פון אויסן — צום זיג פון די באזיצלאָזע און צו דער דעמאָקראטיע, ווו ביידע גרופּן ווילן נישט וויסן פון

קיינע מלוכה־פליכטן. ענדלעך קומט די טיראניע — די געוואלט־הערשאפט פון יחידים, וועלכע חנפענען זיך לכתחילה צו די מאסן, כדי דערנאָך זיי צו אונטעריאָכן.

די דאָזיקע אָרדנונגען און געזעצן איז נישט שייך אויסצו־בעסערן. „פשוט לעכערלעך זענען די יעניקע, וועלכע האלטן אין איין ארויסגעבן געזעצן און בעסערן זיי אלעמאָל אויס, ווי מיר האָבן אָקאָרשט געזען, אין דער איינרעדעניש, אז זיי וועלן אויף אזא אופן שאפן א גרענעץ פאר די דערמאָנטע אומשטענדן אינם מלוכה־לעבן און זיי ווייסן נישט, אז אין דער אמתן איז עס, ווי זיי וואָלטן זיך פארנומען מיט אָפּהאקן די קעפּ פון א הידרע" (בוך 4, קאפּיטל 5—4). בכן איז רעפאָרמירן די מלוכה קאָן מען נישט, ביז מען גיט איר נישט גאָר א נייע ריכטונג, אנדערע הערשער און אן אנדערע קאָנסטיטוציע, ד. ה. ביז זי ווערט נישט אינגאנצן באנייט.

ווי אזוי זשע באנייט מען די מלוכה? ווי ארום שטעלט מען איין א פּאָליטיק אויפן יסוד פון גערעכטיקייט? דערויף גיט פּלאַ־טאָן זיין בארימטע תשובה:

„אָפּשאפן דאָס שלעכטס אין די מלוכות און אין גאנצן מענ־טשן־מין קאָן מען נישט אנדערש, סיידן די חכמים (פילאָזאָפן) זאָלן הערשן אין די מלוכות אלס קעניגן, אָדער די איצטיקע אזוי גערופענע קעניגן און הערשער זאָלן באמת און פול ליב קריגן די חכמה (פילאָזאָפיע) — אלזאָ נישט אנדערש, סיידן די ביידע זאכן — מלוכה־מאכט און חכמה (פילאָזאָפיע) — זאָלן זיך צוזאמענ־פאלן אינאיינעם" (בוך 5, קאפּ. 18; בוך 6, קאפּ. 13).

מלכים־פילאָזאָפן דארפן אָנפירן מיטן פאָלק; זיי זענען די שומרים פון דער מלוכה. זייערע מיטהעלפער זענען די באאמטע און די קריגס־לייט, וועלכע דארפן סיי לויט זייער ראנג, סיי אינ־טעלעקטועל און מאָראליש — שטיין העכער פארן איבעריקן המון.

פונקט אזוי וויכטיק איז אויך דער דורכויספולער קאָמו־ניזם, אָדער ווי פּלאַטאָן דריקט זיך אויס:

„דאָס אלזאָ מוז מען אָנערקענען, אז אין א מלוכה, וועלכע וויל פארנעמען א דערהויבענעם מעמד, מוזן די פרויען און קינ־

דער און די אלגעמיינע. דערציִונג זיין קאָלעקטיווע, און דאָסגלייכן
יעטוועדע טעטיקייט סיי בעת מלחמה סיי אין צייט פון שלום;
קעניגן איבער אלע מוזן אָבער די, וואָס האָבן זיך ארויסגעוויזן
פאר די בעסטע אין זייער ליבע צו פילאָזאָפיע און אין פרט פון
קריג=פירעריי" (בוך 8, קאפיטל 1).

דער קאָמוניזם וועט מאכן א סוף צו דער צעריסנקייט פון
דער מלוכה. „בשותפותדיקע הנאות און יסורים בינדן צוזא=
מען, ד. ה. אלע בירגער זאָלן אין וואָס א גרעסערער מאָס פילן
דיזעלבע פרייד און דיזעלבע שמערצן ביים אָנקומען אָדער פאר=
שווינדן פון געוויסע זאכן. די יחידישקייט פארקערט ווירקט אין
דעם פרט אויפלייזנדיק... און צי נעמט זיך דען נישט אזא מצב
דערפון, וואָס די ווערטער „מיין" און „נישט מיין" אָדער „פריינט"
און „פיינט" ווערן אין דער מלוכה נישט פון אלעמען גלייך גע=
ברויכט"?

אָבער דער עיקר איז פאָרט די דערציִונג. אלגעמיינע שול=
פליכט וועט העלפן צו שאפן די אויסדערוויילטע, די קינפטיקע
הערשער (שומרים), באאמטע און מיטהעלפער דארפן באקומען
די בעסטע פיזישע און קינסטלערישע בילדונג. אָבער מער פון אלע
— די אויבערשטע שומרים, די פילאָזאָפן=קעניגן. די אויסדערוויל=
טע תלמידים, וועלכע וועלן זיך דורך זייערע מעשים און פעיקייטן
ארויסווייזן מסוגל פאר אָט די הויכע אמטן, מוזן זיך אָפגעבן מיט
לערנען ביז אין עלטער פון 50 יאָר, זיי דארפן זיך אויסצייכענען
אין אלע וויסנס=צווייגן און אין אלע פאָליטישע האנדלונגען. ערשט
דעמאָלט וועלן זיי זיין בכוח אויפצוהויבן זייערע אויגן און צו
דערזען די אידעע פון גוטס. פאר פלאטאָנען איז אָט די אידעע
נישט קיין לאָגישער, געדאנקלעכער באגריף, נאָר א מין העכערע
ווירקלעכקייט, אן אייביק=רעאל אור=בילד, וואָס נאָר דער פארטיפ=
טער אין זיך גייסט קאָן עס משיג זיין און עס נעמען פאר א
מוסטער. די אידעע פון גוטס איז דער מוסטער, לויט וועלכן די
פילאָזאָפן=קעניגן דארפן אויסגעשטאלטן די מלוכה: „אונזער מלו=
כה וועט ערשט דאן פולקאָם געבראכט ווערן אין אָרדנונג, ווען
אזא מין שומר, וועלכער ווייס דעם סוד פון גוטס, וועט זיין דער

אויפזועער איבער איר“ (בוך 6, קאפּ. 17). צו אזא הויבן גייסטי=
צושטאנד קאָנען נישט דערלאנגען קיין קינדער פון האנטוועקער,
ארבעטער אאַז״וו, ווייל דער גרויסער המון זעט דאָס גוטס אין
תענוגים, אָבער נישט אין גייסט; איבער זיין שווערער פראצע און
נידעריקע מינים באשעפטיקונגען איז דער המון סיי פיזיש סיי
נשמהש פארדאָרבן (בוך 6, קאפּ. 9). פּלאטאָן האלט, אז נאָר די
אָנגעזעיגסטע משפּחות, מיט א הויכן גראד פון פּאָליטישער, גע=
זעלשאפטלעכער און עסטעטישער קולטור, קאָנען פון זיך ארויס=
געבן יענע גדולים, וועלכע זאָלן ביי א געהעריקער אויסבילדונג
פעיק זיין צו פארנעמען די העכסטע אמטן.

2. „די געזעצן“ זענען געשריבן שפּעטער און זענען נישט
אזוי אידעאליסטיש, ווי פּאָליטעא. די קריטיק פון די אייגנטום=
פארהעלטנישן איז דאָ נאָך אויך אזוי שארף ווי פריער, אָבער די
פּאָזיטיווע קאָמוניסטישע פּאָרשלאגן זענען שוין נישט אזוי קאַ=
טעגאָריש פאָרמולירט. מען וואָלט געקאָנט זאָגן — אין „פּאָלי=
טעא“ איז פּלאטאָן א רעוואָלוציאָנער, אין „די געזעצן“ — א רע=
פאָרמיסט, אזוי שרייבט ער דאָ („געזעצן“ בוך 5, קאפּיטל 10):
די בעסטע מלוכה, די חשובסטע קאָנסטיטוציע און די בעסטע גע=
זעצן זענען דאָרטן, וו אין גאנצן לאנד גילט דאָס באקאנטע
שפּריכוואָרט: „צווישן פריינט איז אלץ שותפותדיק“. צי איז ער=
געץ שכיח אָדער וועט אמאָל ערגעץ שכיח זיין אזא מצב — היינו,
אז ווייבער און קינדער זאָלן זיין אלגעמיינע, האָב און גוטס זאָלן
אָן אויסנאם זיין אלעמענס צוזאמען, און דאָס אזוי גערופענע
אייגנטום זאָל פון אומעטום מיט אלע מעגלעכע מיטלען לגמרי
ווערן אויסגעראָטן, און דאקעגן זאָלן אפילו ווי ווייט מעגלעך די
נאטור-אייגנשאפטן בענוצט ווערן געמיינזאם (למשל, אז אפילו די
אויגן, אויערן און הענט זאָלן דינען צו הערן, זען און ארבעטן
געמיינזאם)... יעדנפאלס, איז עס א העכסט גליקלעכער ישוב, ווו
עס גיט זיך איין א צוזאמענלעבן אויף אזא אופן. דעריבער דארף
מען נישט זוכן קיין שום אנדער מוסטער פון קאָנסטיטוציע, נאָר
פעסט זיך האלטן ביי דעם דערמאָנטן מוסטער און ווי ווייט מעג=
לעך שטרעבן צו דערנענטערן זיך צו אים... אָדער צוקומען אזוי

נאָענט, אז סזאָל מער נישט בלייבן ווי איין שטאפּל ביז צו דעם מצב. ווי קאָן אזא מין אָרדנונג פארווירקלעכט ווערן? דאָס ערשטע מוז זיין, אז דאָס לאנד און די הייזער פארטיילט מען, אלזאָ דאָס באארבעטן פון באָדן קומט פאָר נישט קאָלעקטיוו; ווייל דאָס איז צו א הויכע מדרגה פארן איצטיקן דור און פאר זיין דערציונג און אוסבילדונג. אָבער דאָך דארף די פארטיילונג אזוי געמאכט ווערן, אז יעדער איינער, וועלכער באקומט א לאנד־נחלה, זאָל אויף איר קוקן ווי אויף א פארמעגן פון גאנצן כלל". די פארטיילונג פונם באָדן זאָל ווי ווייט מעגלעך זיין א גלייכע. די צאָל פון די לכתחילהדיקע באָדן־חלקים זאָל נישט פארקלענערט ווערן, ד. ה. מען דארף אכטונג געבן, אז סזאָל נישט אויפקומען נישט קיין גרויסע גרונט־באזיצער און נישט קיין באזיצלאָזע. בכלל, קאָנען די חסרונות פון דער אלטער אָרדנונג אויסגעמיטן ווערן נאָר דורכדעם, וואָס „מען וועט באזייטיקן די באזיץ־גיריקייט און אָנווענדן גערעכטיקייט" (בוך 5, קאפּ. 8). דער באזיץ פון גאָלד און אפילו פון זילבער ווערט פארבאָטן; מען זאָל נאָר האָבן קליינגעלט, אויף וויפיל דאָס איז נויטיק פארן פארקער. ביי חתונה האָבן טאָר מען נישט געבן און נישט נעמען קיין נדן. דער קלוגער מלוכה־מאן דארף זיך נישט קימערן וועגן די מלוכה־באגריפן פונם המון. דער המון וויל א מלוכה, וואָס זאָל זיין וואָס גרעסער און רייכער, וואָס זאָל האָבן א סך גאָלד און זילבער און וואָס זאָל וואָס מער אויסברייטערן איר הערשאפט איבערן ים און אויף דער יבשה. דערביי וועט דער המון אפשר נאָך וועלן, אז די מלוכה זאָל זיין טוגנטהאפט און גליקלעך. אָבער די ביידע פאָדערונגען צוזאמען איז אוממעגלעך אייסצופירן. מען קאָן נאָר פארמאָגן איינס פון די ביידע: אָ׳ער עשירות און מאכט אָדער טוגנט און גליקזעליקייט. רייכקייט און טוגנטהאפטיקייט צוזאמען געפינען מיר קיינמאָל נישט. „עס איז פשוט אוממעגלעך, אז א העכסט גוטער מענטש זאָל אויך זיין העכסט רייך... דער, וואָס גיט אוים געלט אויף אידעלע צוועקן און שאפט זיך עפּעס איין נאָר אויף א כשרן וועג, דער קאָן קיינמאָל נישט שטארק רייך ווערן, ווי אויך נישט שטארק אָרעם. בכן בלייבט ריכטיק אונזער

הנחה, אז זייער רייכע לייט קאָנען נישט זיין גוט“ (בוך 5, קאפּ. 12). וועט די אָרדנונג זיין א גוטע, וועלן קיין שום גרויסע גבירים נישט זיין אין לאנד, און איז קיין גרויסע עשירות נישטאָ — איז ממילא נישטאָ אויך קיין שטארקע אָרעמקייט, ווייל איינס איז גורם דאָס צווייטע (בוך 5, קאפּ. 13).

פלאטאָנס געזעצגעבונג און זיינע רעפאָרם־פלענער באציען זיך בכלל אויף די העלענער, און בפרט — אויף וויפיל ער האָט אין זינען די אויסבילדונג פון א באזונדער שיכט פירער — אויף די חשובערע משפחות פון העלאדע. פלאטאָן, קאָן מען זאָגן, רעדט פאקטיש וועגן א העלענישער נאציע. די דאָזיקע נאציע זאָל אין פרט פון אייגנטום־פארהעלטנישן אויסגעבילדעט ווערן ווי ווייט מעגלעך סאָלידאריש און איינהייטלעך; זי זאָל אָבער זיין דיפערענצירט לויט די אינטעלעקטועלע און מאָראלישע פעיקייטן. דער קולטורעלער גייסטיקער אדל זאָל הערשן, אָנפירן און ארויסגעבן געזעצן; די לאנדווירטן און האנטווערקער זאָלן זיך אָפּגעבן אָרנטלעך מיט זייערע פאכן, זיך נישט פארנעמען מיט פיל עסקים מיטאמאָל, יעדערער זאָל זיך באשרענקען מיט זיין פאך, אין אים ווערן טיכטיק. אָבער דאָך דארפן די העלענער זיך נישט פארנעמען מיט קיינע שווערע האנט־מלאכות אָדער מיט נידעריקע שליחותן — דאָס דארף געלאָזן ווערן פאר די איינגעוואנדערטע פרעמדע (גרים) און פאר די קנעכט. העלענער דארפן זיך אָפּגעבן מיט איידעלערע מלאכות און מיט זייערע בירגער־פליכטן.

אין די „געזעצן“ איז פאר פלאטאָנען דער שווערפונקט אין דעם, ווי צו באזייטיקן די שארפע ווירטשאפטלעכע קעגנזאצן; אין „מלוכה“ האָט ער זיך דער עיקר פארנומען מיטן לעבנס־אופן און מיט דער אויסבילדונג פון די פילאָזאָפן־קעניגן, פון די באאמטע און פון די קריג־פירער. לייענט מען די „מלוכה“ פון אויבן אויף, קאָן זיך אויסדוכטן — און א סך האָבן עס טאקע אזוי פארשטאנען — אז פלאטאָן האָט רעקאָמענדירט דעם קאָמוניזם נאָר פאר אָט די אויבערשטע שיכטן, און אז אלע איבעריקע קלאסן האָט ער געזאָלט לאָזן ביי זייער אלטן לעבנס־מצב. דאָס איז אָבער דורכויס פאלש. פון די אויבן געבראכטע ציטאטעס איז

פולשטענדיק קלאָר, אז פלאטאָן האָט געזאָלט אײנפירן דעם קאָמוניזם פאר אלע העלענער. אָן דעם וואָלט געווע׳ לגמרי אומפארשטענדלעך, אין די בײדע ווערק, זײן קריטיק פ׳ן די ווירטשאפטלעכע, פאָליטישע און מאָראלישע פארהעלטענישן פ׳ן זײן פאָטערלאנד.

פלאטאָן איז געווען א פארגײסטיקטער ליקורג; דער איז געווען לאָקאל - מלוכהש (ספארטאניש), און יענער נאציאָנאל-העלעניש. ליקורגן זענען אלע אנדערע העלענישע מלוכות געווען פרעמד, פונקט ווי א וועלכער ס׳נישט איז ישוב ערגעץ אין אזיע אָדער אין אפריקע. פאר פלאטאָנען זענען אלע העלענישע מלוכות געווען נאָר באשטאנדטײלן פון דער העלענישער נאציע; אין זײנע אויגן איז דער פעלאָפאָנעזישער קריג געווען א ברידער-קריג. אָבער בײדע געזעצגעבער, סײ ליקורג און סײ פלאטאָן, האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן די מענטשהײט אָן מלחמות; וועגן אינטערנאציאָנאלער פארברידערונג האָבן זײ בײדע נישט געטראכט. דער נישט-העלען איז פאר פלאטאָנען געווען א בארבאר, א מינדערווערטיקער מענטש, וואָס דארף נאָר האלטן פאר א כבוד און פאר א געווינס צו זײן אונטער העלענישער הערשאפט. ערשט די סטאָיקער האָבן די ערשטע געשאפן בײ די העלענער דעם באגריף וועגן גלײכהײט פון גאנצן מענטשלעכן מין.

4. אריסטאָטעלעס קעגן פלאטאָנען און קעגן פאַלעאסן.

אריסטאָטעלעס איז געווען א קעגנער פון קאָמוניזם; זײן „פאָליטיק“ איז א ווערק פון א אומגעווײנלעך קלוגן און דערפארענעם מלוכה-מאן און דענקער, וועלכער פילט א ווידערטעם אין אלע רעוואָלוציעס, אין אלע עקסטרעמע רעפאָרמען און אפילו אין די פארביסענע פארטײ-שטרײטן גופא. די בכבודיקסטע אויפגאבע פון א מלוכה-מאן, האָט ער געהאלטן, איז אויפשטעלן און אײנהאלטן א געוויסן גלײכגעוויכט פון די כוחות אין דער מלוכה: עס דארפן נישט זײן קײן שטארק רײכע און מעכטיקע, און נישט קײן צו אָרעמע און מאכטלאָזע בירגער, ווײל יעדע דיספראָפאָרץ צווישן רײכקײט און אָרעמקײט, אײנפלוס און מאכט=

לאָזיקייט שטעלט אין סכנה די גאנצע מלוכה („פּאָליטיק“, בּוך V, ווו עס ווערט גערעדט וועגן רעוואָלוציעס און זייערע סיבּות). די גרויסע אומגלייכהייט שטויסט די ליידנדיקע צו וועלן אומענדערן די אָרדנונג, און באלד געפינען זיך דעמאגאָגן, וועלכע ווארפן אין די אומצופרידענע מאסן דעם לאָזונג פון אן אויפשטאנד; און א דאנק דערזעלבער אומגלייכהייט פארכאפּן די פאָלקס-פיינטלעכע אָליגארכן די גאנצע מאכט און באמיען זיך אויך צו ענדערן די אָרדנונג לויט זייער פארלאנג. דעריבער דארפן די געזעצגעבער שטרעבן דערצו, אז סזאָל זיך נישט אָנזאמלען צופיל עשירות אין איינצלנע הענט און אז יחידים זאָלן נישט האָבן צופיל מאכט.

פון אָט דער כאראקטעריסטיק ביים צווייטן גרעסטן פילאָזאָף פון גריכנלאנד קאָן מען שוין לייכט פארשטיין, אז ער איז געווען א קעגנער פלאטאָנס, וועמעס „מלוכה“ און „געזעצן“ זענען אפשר נישט אזוי „פּראקטיש“, אָבער אנטהאלטן אין זיך פיל אמתע חכמה און אידעאליזם. אריסטאָטעלעס ווידמעט לאנגע באטראכטונגען אויף צו באקעמפן די קאָמוניסטישע אידעען פון זיין לערער („פּאָליטיק“, בּוך 2), ער ווייזט דערביי ארויס זייער פיל שארפזין, אָבער ער באנוצט זיך דערביי אָפט מיט מעטאָדן, וועלכע האָבן שפּעטער געקריגן דעם פאראכטונגס-נאָמען סכאָלאסטישע: אפולע ווערטער-פּלפּול און האר-שפּאלטעריי. מערקווירדיק איז, אז שוין דעמאָלט האָט אריסטאָטעלעס ארויסגעבראכט אלע טענות, וועלכע ווערן אין אלע צייטן ארויסגערוקט קעגן סאָציאליזם. ער האלט, אז קאָמוניזם געפינט זיך אין א סתירה מיט דער מענטשלעכער נאטור; עס וואָלט שאָדן געבראכט דער פּראָדוקציע פון רייכטימער, ווייל יעדער יחיד וויל נאָר פאר זיך זאָרגן און באוואָרענען זיינע אייגענע אינטערעסן; די אויסזיכט צו אָנזאמלען אייגנטום איז דעריבער די טרייב-קראפט צום ארבעטן און שאפן. חוץ דעם נעמט קאָמוניזם נישט אריין אין חשבון דאָס, וואָס די מענשהייט פארמערט זיך. ווייטער: שותּפישע געשעפטן פירן נישט צו שלום, נאָר צו רייסערייען. און ענדלעך: דער ווירקלעכער מקור פון שלעכטס איז נישט פּריוואט-אייגנטום, נאָך

די שלעכטיקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור. „מיר זעען פּאַקטיש, אז צווישן די, וואָס האָבן אַלץ בשותפות, איז א סך מער רייסערייען, כאָטש זיי זענען א קליינער מיעוט אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער צאָל מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן פּריוואַט-אייגנטום". דאָך געפינען מיר ביי אים לסוף אזא דערקלערונג: „די איצטיקע אינסטיטוציעס (פון דער געזעלשאַפט, וואָס באַזירט אויף פּריוואַט-אייגנטום), ווען זיי זאָלן אויפן וועג פון רגילות אָדער דורכן געזעץ אויסגעבעסערט ווערן, וואָלטן זיי געקאָנט האָבן די מעלות פון ביידע סיסטעמען. דאָס אייגנטום זאָל אין געוויסע פּרטים זיין קאָלעקטיוו, אָבער בדרך כלל זאָל עס זיין פּריוואַט; וואָרום אז יעדער איינער וועט זיין באַזונדער פאַרינטערעסירט, וועלן מענטשן ווייניקער זיך באַקלאָגן איינער אויפן צווייטן; און זיי וועלן מאַכן גרעסערע דערפאָלגן, אז יעדערער וועט אין זינען האָבן זיין אייגן געשעפט. און וואָס איז שייך צום געברויך פון זאַכן, איז צווישן בעסערע מענטשן וועט גילטן דער מנהג: „פריינט האָבן אַלץ בשותפות". אפילו איצט זענען נאָך פאַראַן שפּורן פון אזא פּרינציפּ, און זיי ווייזן, אז דאָס איז נישט אומדורכפירבאַר; אין א וויל-איינגעאָרדנטער מלוכה עקזיסטירט אָט די „שותפישקייט" ביז א געוויסן גראַד און זי קאָן נאָך אויסגעברייטערט ווערן. הגם יעדערער האָט טאַקע זיין אייגנס, זענען דאָך פאַראַן זאַכן, מיט וועלכע ער וועט זיך לאָזן באַנוצן זיינע פריינט, און דאָסגלייכן זאַכן ביי זיינע פריינט, מיט וועלכע ער וועט זיך באַנוצן. די לאַקעדעמאָנער, למשל, באַנוצן זיך קעגנזייטיק, איינער ביים צווייטן, מיט די שקלאַפן, פערד און הינט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען זייערע אייגענע; און זענען זיי צופעליק אין פעלד, נעמען זיי דאָרט די נויטיקע שפּייז ווי אייגנס. עס איז געוויס בעסער, אז דער באַזיץ זאָל זיין א פּריוואַטער, אָבער דער געברויך זאָל זיין א געמיינשאַפטלעכער; און פאַרן געזעצגעבער שטייט טאַקע די אויפגאַבע צו דערציען אין די בירגער אָט די וווילטועוודיקע נייגונג" (בוך 5,2). די דאָזיקע קאָנצעסיע לטובת קאָמוניזם ביי אריסטאָטעלעס האָט אָבער נישט קיין פּרינציפּיעלע באַדייטונג. פאַר אים איז דאָס נאָר איינער פון די מאָסמיטלען אויף איינצוצוימען אַביסל דעם

עגאָיזם. דער ביישפּיל מיט ספּארטע, וועלכן ער ברענגט, באַווייזט גאָרנישט, ווייל דאָרטן זענען די בירגער, טאקע אדאנק דער ליַ־קורגישער געזעצגעבונג אין א געוויסער מאָס נעווען צונעווינט צום קאָמוניסטישן ארט לעבן, בעת ווען אריסטאָטעלעס ווארפט אָפּ דעם פּרינציפּ גופא פון דער דאָזיקער געזעצגעבונג.

בער צו קריטיקירן די סאציאליסטישע פארשלאגן פון איינעם א
בער צו קריטיקירן די סאָציאַליסטישע פּאָשלאַגן פון איינעם א אומבאקאנטן פאלעאס פון כאלצעדאָן; דאָ שרייבט אריסטאָטע־לעס: „אנדערע מיינען, אז דאָס וויכטיקסטע איז רעגולירן דאָס אייגנטום, וואָרוב אלע רעוואָלוציעס דרייען זיך ארום דער פראגע. אָט די געפאר האָט דערקענט פאלעאס פון כאלצעדאָן, און ער האָט דער ערשטער ארויסגערוקט די הנחה, אז בירגער פון א מלוכה באדארפן אלע האָבן א גלייכן באזיץ. ער האָט געהאלטן, אז אין א נייער קאָלאָניע קאָן מען די אייגנטום־גלייכהייט איינ־פירן אָן באזונדערע שוועריקייטן, סאיז אָבער נישט אזוי לייכט אין אן אלטער מלוכה; און אז דער קורצסטער וועג צו דערגרייכן אָט דעם ציל וואָלט געווען, אז רייכע זאָלן געבן נדן און נישט נעמען, און פארקערט, די אָרעמע זאָלן באקומען נדן און אליין גאָרנישט געבן“ (7,2). דערויף ענטפערט אריסטאָטעלעס: „נישט די פארמעגנס דארף מען אויסגלייכן נאָר די פארלאנגען פון די מענשטן; און דאָס איז נישט אנדערש מעגלעך, ווי דורך א גע־העריקע דערציונג פון די בירגער אויפן חשבון פון דער מלוכה. נאָר פאלעאס וועט מסתמא ענטפערן, אז ער פארלאנגט אויך אזא מין דערציונג, אז די בירגער, הייסט דאָס, זאָלן נישט נאָר האָבן א גלייכן באזיץ, נאָר אויך א גלייכע דערציונג.. פאלעאס נעמט אָן, אז די באזיץ־גלייכהייט וועט א סוף מאכן צו פארברעכנס, ווייל זי וועט באוואָרענען דעם מענטש פון הונגער און קעלט און וועט ביי אים אוועקנעמען דעם חשק צו ווערן א רויבער. אָבער נויט איז נישט די איינציקע סיבה פון פארברעכנס; די מענטשן ווילן אמאָל באפרידיקן עפּעס א ליידנשאפט, וואָס באפאלט זיי, אָדער זיי ווילן זיך פארשאפן תענוגים און ווילן נישט האָרעווען אויף זיי צו דערגרייכן, דעריבער באגייען זיי פארברעכנס, וואס זענען

אָבער די ווירקלעכע הייל=מיטלען קעגן אָט די קראנקהייטן? קעגן דערנויט — מעסיקער אייגנטום=באַזיץ; קעגן ליידנשאַפטן — דערציונג צו מעסיקייט; קעגן תאווה צו תענוגים — פילאָזאָפישע אריינטראכטונג. עס איז א פאקט, אז די גרעסטע פארברעכנס ווערן באגאנגען פון אויסגעלאסנקייט און ווילטאָג און נישט פון מאנגל און נויט. מענטשן ווערן טיראנען, נישט ווייל זיי זענען אין נויט — און דערפאר טאקע באַצייט מען זיך מיט א סך מער אכטונג צו דעם, וואָס הרגעט א טיראן, איידער צו דעם, וואָס הרגעט א גנב. פאלעאסעס רעפאָרמען קאָנען אלזאָ פארהיטן נאָר פון קליינע פארברעכנס... די התחלה פון אלע רעפאָרמען, דערקלערט ווייטער אריסטאָטעלעס, ליגט גיכער אינם דערציען די מענטשען צו באהערשן זייערע תאוות, איידער אינם אויסגלייכן פון זייערע פארמעגנס. די גוט סיטווירטע זאָלן נישט וועלן נאָך העכער ארויפכאפּן זיך, און די אָרעמע זאָלן נישט כסדר פאָדערן אלץ מער, דאָס הייסט: מען זאָל זיי נישט שלעכט באהאנדלען, נאָר זיי האלטן אין צוים. און אחוץ דעם איז די באַזיץ-גלייכהייט, וואָס פאלעאס לייגט פאָר, נישט קיין פולקאָמענע, ווייל ער וויל אויסגלייכן נאָר דעם באָדן=באַזיץ; מען קאָן דאָך אָבער זיין רייך נאָך אין שקלאפן, רינדער און געלט, בכלל אין אלץ, וואָס מען רופט אָן באוועגלעכע גיטער. אָדער די גלייכהייט דארף זיך פארשפּרייטן אויף אלץ, און דאן מוז מען באגרענעצן דאָס אייגנטום פון אלע זאכן, אָדער מען דארף זיך גאָר אָפּזאָגן פון דער גלייכמאכונג. עס קומט אויס, אז פאלעאס וויל שאפן געזעצן נאָר פאר א קליין מלוכהלע, ווייל ער נעמט אָן, אז אלע האנטווערקער דארפן פארוואנדלט ווערן אין מלוכה=שקלאפן און נישט זיין קיין שום טייל פון דער מלוכה=באפעלקערונג" (7,2).

פון אָט דער קריטיק ווערט אונז בלויז קלאָר, אז פאלעאס האָט געוואָלט אויסגלייכן דעם באַזיץ פון ערד און באָדן, איינפירן מלוכהשע דערציונג און מאכן די האנטווערקער פאר מלוכהשע. אזוי ווי אריסטאָטעלעס זאָגט, אז פאלעאס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן איבער באַזיץ=גלייכהייט, האָט ער געמוזט אודאי לעבן נאָך פאר פלאטאָנען.

5. סאָציאַלע קאָמעדיעס.

די יאָניער זענען געווען זייער א גייסטרייך פאָלק. האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט אויפן געביט פון איראָניע, סאַטירע און וויץ. און די אַלע מעלות צוזאמען האָט פאַרמאָגט אריסטאָפאַנעס, א דראמאטישער דיכטער פון מערקווירדיקער קראַפט. ער האָט דורכגעלעבט די פּעלאָפּאָנעזישע מלחמה און איר טראַגישן סוף. ער האָט צוגעזען די קאָמוניסטישע אויפרודערונג, וואָס האָט באַהערשט די אָרעמע שיכטן פון אטען בעת אָט דער מלחמה און באַזונדערס נאָך איר. בעת דער אטענישער קאטאסטראָפע זענען אַלע אויטאָריטעטן דערשיטערט געוואָרן, דער מלוכהשער צוזאמענהאַלט האָט זיך אָנגעהויבן וואקלען. דאָס אטענישע פאָלק האָט זיך געריסן צו יעטוועדער נייס און לײדנשאַפטלעך געגאַרט איבערצואַנדערשן די געזעלשאַפט אויף קאָמוניסטישע יסודות. דערביי האָט זיך דער דאָזיקער נשמה־צושטאַנד געשפּייזט מיט די לעגענדעס וועגן דער גאָלדענער תקופה, וועגן די סאָציאַלע קאַמפן זייט דעם 8־טן יאָרהונדערט. קיין דירעקטע עדות־שפּורן מצד די אָרימע שיכטן וועגן אָט די קאַמפן זענען אפילו נישט פאַראַן, אָבער אומדירעקטע באַווייזן זענען פאַראַן זייער פיל — און מיר געפינען זיי אין די סאָציאַלע קאָמעדיעס פון פּערעאַקראַטעס, טעלעקליידעס, אייפּאָלים און גאַנץ באַזונדער — פון אריסטאָפאַנעסן. פון די ווערק פון די ערשטע דריי זענען נאָר קליינע רעשטן פאַרבליבן; דערפאַר אָבער זענען די בעסטע קאָמעדיעס פון אריסטאָפאַנעסן — דעם באַרימטסטן צווישן זיי — אַלע דערהאַלטן געוואָרן גאַנצערהייט, און זיי שטייען נישט אין ערך העכער פאַר יענע. אָבער דאָס זענען קאָמעדיעס: די קאָמוניסטישע שטרעבונגען ווערן אין זיי מיט דער הילף פון גוזמאות און קאַריקאַטור־שילדערונגען גוטמוטיק אויסגעלאַכט, אָבער די פּלוטאָקראַטישע און אימפּעריאַליסטישע תאוות ווערן אויך נישט געשאַנעוועט. די דיכטער זענען געווען קאָנסערוואַטיוו און זיי האָבן וועגן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען גערעדט אָדער מיט געלעכטער אָדער מיט באַדויערן. אהער קומט נאָך צו דאָס, וואָס דער פּאַרציייטיקער קאָמוניזם האָט געקוקט אויף פּראָדוקטיווער אַרבעט, ווי אויף א

קללה. זיין ציל דעמאָלט איז נישט געווען אויפצושטעלן אַ שאפנדיקע ארבעטס־מלוכה — ארבעט איז געווען דער סינאָנים פון שקלאפעריי. די ארבעטס־מכשירים זענען נאָך געווען פרימיטיוו ביז גאָר; פון מעכאנישער קראפט האָט מען נאָך נישט געוווסט; נאָר אומפרייע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט שווערער ארבעט, און זי איז דעריבער געווען אן אומכבוד פאר יעדן איינעם.

פּאָליטיק און קריג זענען באטראכט געווארן פאר די עיקר פונקציעס פון די פרייע בירגער — דעם פאקטיש הערשנדיקן קלאס. מיר האָבן דאָס שוין געזען, בעת מיר האָבן באטראכט די פלאָטאָנישע מלוכה. די פרייע נאָר אָרימע בירגער האָבן אויך געזען זייער גאולה אין א געזעלשאפט, וואָס זאָל זיין באפרייט פון ארבעט. זייער קאָמוניזם האָט דערום אָפּט אויסגעזען ווי אַ טרוים וועגן אַ לאנד פון ליידיקגייער. וואָס מער איך פארטיף זיך אינם לעבן פון אלטערטום, אלץ קלאָרער ווערט פאר מיר, אז דער מאָראלישער און פּאָליטישער אונטערגאנג פון דער אלטער וועלט איז געקומען אלס דירעקטער פועל יוצא פון דער דעמאָלטיקער שקלאפעריי און לייב־אייגנטום, ד. ה. פון דעם, וואָס די ארבעט איז געווען אומפריי, צו פּראָדוקטיוון שאפן איז געווען אַ באציונג פון פאראכטונג און די ארבעטס־טעכניק איז דערום געשטאנען אויף איין אָרט. די סאָציאלע קאָמעדיעס, וועגן וועלכע מיר ריידן, זענען געווען געווענדעט קעגן די ליידיקגייעריי־חלומות, קעגן די טרוימען וועגן אַ לעבן אָן שום מי, וועלכע האָבן באהערשט די אטענער, באזונדער נאָך דער אָפּגעשוואכטקייט, וועלכע די קאטאסטראָפאלע מפּלה פון יאָר 404 האָט מיט זיך געבראכט.

לאָמיר זיך פריער אָפּשטעלן אויף פערעאקראטעסן, טעלעקליידעסן און אייפּאָליסן; זיי זענען כראָנאָלאָגיש געווען פאר אריסטאָפאנעסן, און זיי האָבן אויך אַ קלענערן ווערט. זיי האָבן צו טון מיט די דערמאנטע חלומות פון די אומצופרידענע אטענער, וואָס גארן נאָך נייס, און אויך מיט די גוזמאות וואָס זענען דאן געווען פארשפרייט וועגן דעם גאָלדענעם צייט־אלטער.

צווישן פערעאקראטעסעס קאָמעדיעס זענען די „פערסער“ די סאמע כאראקטעריסטישסטע. די גריכן האָבן געהאלטן פערסיען

פאר א לאנד מיט גאָלדענע בערג, און אז ווען זיי האָבן אָט דאָס לאנד וואָלטן אלע זייערע טרוימען מקוים געוואָרן. עס טרעטן אויף צוויי געשטאַלטן: רייכקייט און אָרעמקייט. די אָרעמקייט פאָדערט אויף די מענטשן צו ארבעט און צו זעלבסטבאַהערשונג, אלס צו די קוואלן פון יעטוועדן גליק. דערויף ענטפערט דער וואָרט־פירער פון דער רייכקייט:

„וואָס טויג אונז דיין גאנצע חכמה וועגן אָקסן־געשעפטן און אקעראייזן, וועגן סערפ־מאכעריי און שמידעריי, וועגן זייען און שניידן און וועגן צוימען־בויונג! האָסט דאָך געוויס געהערט, פון זיך זעלבער וועלן פליסן איבער די גאסן רוישנדיקע שטראָמען פון הייסער זופ, זיי וועלן מיטברענגען פון די קוואלן פון רייכקייט פיינע טייגעלעך און שמאלץ, און ווער עס וויל נאָר, וועט קאָנען אָננעמען א פולע שיסל!.. און די אלע בוימער אויף די בערג וועלן מער נישט זיין באַדעקט מיט בלעטער, נאָר מיט ווורשטלעך און מיט פיינע געבראָטענע טייבעלעך...“

אייפּאָלים שילדערט אין זיין קאָמעדיע „דער גאָלדענער צייט אלטער“, ווי עס קערט זיך ווידער אום די פארשוואונדענע אמאָליקע גליקזעליקייט. די טעמע איז באַארבעט ענלעך ווי ביי פערעאקראַטעסן: עס טרעטן אויף צוויי רעדנער — איינער פארטיידיקט דעם נוצן פון אָרימקייט און מעסיקייט אלס מיטלען צו דער־גרייכן גליק, דער צווייטער — פארטיידיקט די שיינקייט פון א לעבן אָן מי און ארבעט.

„הער נאָר מיר אויך אויס. איך וויל גראד פארזאָרגן מיינע פריינט נישט מיט א ווארעמער באָד נאָר מיט וואסער פון ים דורך א וואסערלייטונג, געבויט אויף זיילן, ווי עס ווערט געזונגען אין ליד: און אזוי וועט די וואסער שטראָמען צו יעדן אין וואנע אריין; איז זי פול — זאָגט מען „גענוג“! און עס באווייזן זיך גלייך א שוואָם, א פלעשל און סאנדאַליעס...“

אויפן זעלבן אופן לאכט אויך טעלעקליידעס אוים די פריי־הייט־חלומות פון די העלענישע אומפארמעגלעכע און שקלאפן, אין זיין קאָמעדיע „אמפיקטיאָנען“. דער אוראַלטער לעגענדאַרי־שער מלך פון אטען אמפיקטיאָן קערט זיך ווידער אום אויף דער

וועלט און ברענגט זיינע בירגער פרידן און גליק:

קודם כל איז שלום ושלוה געוואָרן א שטענדיקע זאך אין לאנד, ווי לופט און וואסער. נישט קיין מורא און נישט קיין ליידן איז מער נישט געווען אויף דער ערד; זי האָט געגעבן גוטס לרוב און די טייכן האָט געפליסט פורפור=רויטער וויין; גלאנצנדיקע זעמל און בייגל האָבן ארומגעשוועבט איבער די מענטשנס קעפ און זיך געבעטן, מען זאָל זיי גיך אויפעסן. די פיש זענען אליין נאָבגעגאנגען דעם מענטש אין שטוב אריין, זיך אליין געפרעגלט אויף דעם בעקן, זיך אליין געלייגט אויף די טעלער און אויף די שימערירנדיקע פאָלומיסקעס. א שטראָם פון זופ איז געפלאָסן איבער דער שטאָט און געקוילערט געבראָטענע קניידלעך; פון די רינוועס האָט אראָפּגערונען הייסע קאשע — די הונגעריקע האָבן געהאלטן דעם ביסן א ווײלע אין מויל און דאן א ווארעמען און זאפטיקן אים אראָפּגעשלונגען... שמאלץ=קוכנס האָבן זיך פון הינטן ארומגעריסן מיט א שטופעריי, געזידלעריי און געשלעג. קינדער האָבן זיך אָנשטאָט שפילן מיט שטיינדלעך געשפילט מיט שטיקלעך פלייש און הינער=דרויבן. און די מענטשן זענען געווען א שטארקער דור, ווי די ריזן, וואָס וואקסן ארויס פון דער ערד".

6. אריסטאָפאנעס.

גאָר פון אן אנדער מין איז געווען אריסטאָפאנעס. ער דרינגט אריין אין די סאמע געדיכטענישן פון אטענישן לעבן, ער פירט פאר אונז דורך און ווייזט אונז פארזאמלונגען, פאָליטישע קאמפן, עקאָנאָמישע שטרעבונגען, פלוטאָקראטישע מאכטגיריקייט און פרויען=פארלאמענטן, ווי זיי שאפן אוטאָפיעס. מיר באקומען א השגה וועגן דער גרוים פון יאָנישן זשעני, וועלכער איז כמעט איינציק אין זיין ארט, און אין דערזעלבער צייט באגרייפן מיר אויך דאָס פעלערהאפטע אין דער אנטיקער ציוויליזאציע — דאָס אלץ געשילדערט דורך א גייסט=אריסטאָקראט, וועלכער האָט נישט געשפירט קיין סימן פון סימפאטיע נישט צו דער ראשיקער עקאָנאָמישער און וועלט=פאָליטישער טעטיקייט פון דער פלוטאָקראטיע, און נישט צו די עקסטרעמע טרוימערישע גלייכהייטס־שטרעבונגען

פון די באזיצלאָזע. אריסטאָפאנעס, ווי עס שיינט, האָט זיך געהאַלטן ביים זעלבן אידעאל, וואָס אריסטאָטעלעס. זיין אָפּאָזיציאָנעליש־קייט כלפּי זיין צייט איז געווען דער מקור פון דער סאטירע, העכערן שפּאָט און גראציעזע איראָניע, מיט וועלכער זיינע קאָמעדיעס צייכענען זיך אזוי אוים. פון אלע זיינע קאָמעדיעס — זיי באלייכטן סאטיריש די קאפּיטאליסטישע וועלט־פּאָליטיקער, די סאָפיסטן, די ליבהאָבער פון לאָדענישן און פּראָצעסן, די מוסרים, די שטערן־קוקערס און די קאָמוניסטן — קומען פאר אונז אין באטראכט: די „עקלעזיאצוזן" (פרויען־פּארלאמענט, אויפגעפירט אין יאָר 393) און „פּלוטאָס" (אויפגעפירט אין 388).

דער אינהאלט פון דער ערשטער קאָמעדיע איז אין קורצן אזא: די פּאָליטיק פון די מענער האָט דערפירט די בליענדקע אטענישע רעפּובליק צו א צוזאמענבראָך. דער פּעלאָפּאָנעזישער קריג האָט זיך געענדיקט (404) מיט דער פולשטענדיקער קאפּיטולאציע פון אטען. די פרויען האָבן זייער פיל געליטן בעתן קריג, און די טרויעריקע פּאָלגן פון דער מפּלה האָבן זייער גורל נאָך שווערער געמאכט. זיי האָבן דעריבער באשלאָסן א סוף צו מאכן צו דער הערשאפט פון די מענער און אליין איבערנעמען די רעגירונג.

די פרויען גנבנען זיך ארוים בײנאכט פון זייערע מענער, טוען זיך איבער פאר מאנסבילן און רופן צונויף א פּארלאמענט, וו עס טרעטן ארוים רעדנעריגס, מיט פּאָרשלאָגן וועגן ראדיקאלע רעפאָרמען. פרויען, זאָגן זיי, קאָנען בעסער פירן א ווירטשאפט און זענען בארעכנטער פאר די מענער, ווען זיי די מלוכה אויך קאָנען בעסער אָנפירן און אויפהאלטן. די פירערין פון אָט דער רעוואָלוציע הייסט פּראקסאגאָרא, איר מאנס נאָמען איז בלעפּיראָס. צווישן זייביידע קומט פאָר אזא דיאלאָג:

די פרוי זאָגט*): איך בעט זיין רויק און אויפמערקזאם. זאָל מיך קיינער נישט איבעררייסן, ביז איך וועל נישט ענדיקן מיין רעדע. הערט גוט אוים דעם געדאנקען־גאנג פון מיין פּלאן

---

*) דער דיאלאָג איז איבערגעגעבן פריי, נישט אין פערזן, ווי אין אָריגינאל.

און פארטראכט זיך גוט. דער גרונט=פרינציפ, וועלכן איך וויל דורכזעצן, איז: אלע זאָלן זיין גלייך, אלע זאָלן גלייך געניסן פון רייכטום און פון אלע תענוגים פון לעבן. עס קאָן ווייטער אזוי נישט גיין, אז איינער זאָל זיין רייך און דער צווייטער אָרים; איינער זאָל האָבן גרויסע שטרעקעס ערד און דער צווייטער זאָל נישט פארמאָגן קיין ברעקל ערד אפילו אויף א קבר; איינער זאָל האָבן הונדערט דינער און דער צווייטער קיין איינעם נישט. אָט דאָס אלץ וויל איך אויסבעסערן, רעפאָרמירן. אלע זאָלן פריי און גלייך געניסן פון דעם, וואָס גאָט גיט; א ײ ן לעבנס=אופן, א ײ ן סיסטעם פאר אלע מענטשן.

בלעפיראָס: און ווי אזוי ווילסטו דאָס דורכפירן?

פראקסאגאָרא: דאָס ערשטע מוז מען זען, אז דאָס גאנצע זילבער, די ערד און יעדער אנדער פארמעגן זאָלן אריבער אין רשות פון דער געזעלשאפט; פון דעם אלעם זאָל געבילדעט ווערן אן עפנטלעכער פאָנד; און פון דעם פאָנד וועלן מיר שוין, אלס גוטע באלעבאָסטעס, אייך מענער שפייזן און קליידן און בכלל זאָרגן פאר אייך.

בלעפיראס: וואָס געהער צו דער ערד, פארשטיי איך דיין פלאן, ווארום ערד קאָן מען נישט אויסבאהאלטן; אָבער ווי אזוי וועסטו פארגעזעלשאפטלעכן דאָס גאָלד און זילבער?

פראקסאגאָרא: אלע מוזן זייער פארמעגן אריינטראָגן אין מלוכה=אוצר

בלעפיראס: די רייכע וועלן עס אָבער באהאלטן; דורך א שבועה קאָן מען זיי אויך דערצו נישט צווינגען, ווייל זיי וועלן פאלש שווערן און באשווינדלען די מלוכה. ווי האָבן זיי דען בכלל דערוואָרבן זייער פארמעגן!

פראקסאגאָרא: דאָס איז אמת. אָבער זייער פארמעגן וועט זיי דאָך קיין שום נוצן נישט ברענגען, ווי באלד עס וועט מער קיין אָרימקייט נישט זיין. יעדערער וועט קאָנען אלץ האָבן, וואָס ער וועט פארלאנגען, אָן געלט: ניס, קאשטאנעס, ברויט, קליידער, ווייַן, בלומען, פיש. דאָס אלץ וועט מען קאָנען קריגן אין די קהלישע שפייכלערס. צוליב וואָס זאָל מען דאן קלויבן געלט אין פריוואטע

הענט? צוליב וואָס זאָל דאן דער רייכער ווייטער אויסבאהאלטן זיין פארמעגן, וואָס ער האָט באקומען דורך שווינדל?

בלעפיראָס: דו ווייסט דאָך, אז די, וואָס האָבן גרויסע בארמעגנס, זענען די גרעסטע שווינדלער, און זיי קאָנען נישט אויפהערן גנבענען און ליגנס זאָגן.

פראקסאגאָרא: דאָס איז אלץ ריכטיק לגבי דער פארגאנגענהייט; ביי דער אָרדנונג, וועלכע מיר שאפן איצט אָפּ, איז דאָס ווירקלעך געווען אזוי. אָבער צו וואָס קאָן איצט טויגן פריוואטע עשירות, בעת אלץ געהער דעם כלל?

בלעפיראָס: אָבער א שטייגער, אז א יונגערמאן שדכנט זיך צו א מיידל, אָדער ער גייט צו א פרוי אין א שאנד=הויז, מוז ער דאָך איר ברענגען מתנות.

פראקסאגאָרא: לגמרי נישט. אלע מענער און פרויען וועלן זיין פריי און וועלן קאָנען געהערן איינער דעם צווייטן. חתונה אָדער אן אנדער מין צוואנג וועט נישט זיין.

בלעפיראָס: ווי אָבער, אז עטלעכע שדכענען זיך צו איין שיין מיידל, ווי זאָל דעמאָלט זיין?

פראקסאגאָרא: געוויס וועלן זיך צו איין שיינער [illegible] א סך מענער, לייטישע ווי נישט לייטישע; אָבער קיינער וועט קיין רעכט נישט האָבן אויף קיין שיין מיידל, ביז ער וועט נישט פריער לעבן מיט א מיאוסער.

בלעפיראם: גוט. איז די מיידלעך האָבן שוין נישט וואָס מורא צו האָבן, אז זיי וועלן פארזיצן אויף זייער גאנץ לעבן. וואָס וועט אָבער זיין מיט די מענער? מען דארף דאָך רעכענען, אז די מיידלעך וועלן אויך האָבן חשק נאָר צו די שיינע מענער. וואָס זשע וועלן די מיאוסע מענער טון?

פראָקסאגאָרא: דאָס ליבע=לעבן פון די מיידלעך וועט אויך רעגולירט ווערן דורך דער מלוכה. נעבן די יונגע, שיינע און שטאָלטנע מענער וועלן זיין אויך די קליינע, מיאוסע און נידריקע. און איידער די מיידלעך וועלן קריגן די דערלויבניש צו צונויפגיין זיך מיט זייערע געליבטע, וועלן זיי מוזן באשענקען מיט זייער ליבע מענער, וואָס זענען באעולהט פון דער נאטור... פראסטיטו-

ציע וועט ווערן אָפּגעשאפט, די פאַרדאַרבענע מיידלעך וועלן גע־לאָזן ווערן פאר די קנעכט, אזוי אז פאר די בירגערינס וועלן בלייבן די בעסטע קרעפטן...

בלעפיראס: און ווי אזוי וועלן מיר דאן דערקענען אונזערע קינדער?

פראקסאגאָרא: מען וועט זיי טאקע קיינמאָל נישט דער־קענען. אלע קינדער וועלן געהערן צו אלע דערוואקסענע..

בלעפיראס: און ווער וועט ארבעטן פאר דער געזעלשאפט?

פראקסאגאָרא: די שקלאפן וועלן אויספירן יעטוועדע ארבעט.

דער דיאלאָג פירט זיך נאָך ווייטער, און פראקסאגאָרא שיל־דערט די צוקונפט־מלוכה, ווי אלץ וועט זיין געמיינשאפטלעך, פריי און גלייך און אומאָפּהענגיק, פון אלע פריוואטע אונטערנעמונגען וועט ווערן איין גרויס כלל־אייגנטום, און אלע קלאסן־אונטערשיידן, באגרענצונגען און צוואנגס־מיטלען וועלן אויף שטענדיק פאר־שווינדן. נישט קיין געריכטן און נישט קיין וואל־לאָקאלן וועלן נישט זיין — די געביידעם וועט מען פארוואנדלען אין שפּייז־האלעס, וו מען וועט קריגן פון אלע פיינסטע מאכלים. די ביר־גער וועלן לויטן אלף־בית קריגן זייערע שפּייז־צעטלען אויף דער אָהער יענע האלע. די געמיינזאמע מאָלצייטן וועלן אויסזען ווי יום־טובים; יעדערער וועט פון זיי אוועקגיין אין א געהויבענער שטימונג, מיט א פעקל אין האנט און א בלומען־קראנץ אין די האָר, און אז זיי וועלן אזוי גיין דורך די גאסן, וועלן שיינע מייד־לעך און פרויען זיי פארבעטן צו זיך, צו געניסן פון זייער שיינקייט.

אין אָט די דיאלאָגן, אין א פארבן־רייכער, וויציקער און אויסגעלאסענער שפּראך ווארפט אריסטאָפאנעס אָן א רייצנדיק בילד פון א גן־עדן אויף דער ערד — און דער סוף איז, זעלבסט־פארשטענדלעך, אז די אוטאָפּישע מלוכה ענדיקט מיט א קאָמישן דורכפאל. די טראגיקאָמישע הארבע שאלות, וואָס דאָס רעגולירן פון דער ליבע ברענגט מיט זיך, און דאָס וואָס אלע עפנטלעכע ענינים ווערן פארנאכלעסיקט מאכט אוממעגלעך דאָס לעבן אין דער צוקונפט־מלוכה. די יוגנט קאָן גאָרנישט צוקומען צו אירע

געליבטע מיידלעך, וואָרום דער צינש, וואָס זיי דאַרפן פריער אָפּצאָלן די אַלטע ווייבער און די מיאוסע מיידלעך, פאַרצווימט זיי דעם וועג און מאַכט זיי פּשוט אומגליקלעך. און אַז די בירגער קומען מיט גרויס אימפּעט אין די שפּייז־האַלעס, אונטער דעם איינפלוס פון די אויסערגעוויינלעכע צוזאָגן, לאָזט זיך אויס, אַ כדי זאַט צו ווערן, מוז מען עפּעס מיטברענגען מיט זיך פון שטוב.

אין די „עקלעזיאַצוזן", ווי מיר זעען, לאַכט אַריסטאָפאַנעס אויס די קאָמוניסטישע טרוימער. אין „פּלוטאָס", זיין לעצטער קאָמעדיע, אַטאַקירט ער די רייכע פאַר זייער גיריקייט, פאַר דעם אומאויפהערלעכן יאָגן זיך נאָך רייכקייט, אָן אַ שום מאָראַלישן אָפּהאַלט. דאָ ווערט באַהאַנדלט אַן אַלטע פראַגע, וועלכע בלייבט אָבער כסדר ניי: פאַרוואָס זענען די שווינדלער רייך און די אָרנטלעכע אָרים? מיר האָבן דאָ פאַר זיך זייער אינהאַלטסרייכע דיאַלאָגן. דער גרונט־געדאַנק זייערער איז אַזאַ: פּלוטאָס, דער גאָט פון עשירות, איז בלינד און ווייסט אַליין נישט, וואָס ער טוט. אויף דער פראַגע פונם אָרנטלעכן נאָר אָרימען ק ר ע מ י ל אָ ס, פאַרוואָס ער פאַרטיילט אויף אַזאַ אומגערעכטן אופן זיינע חסדים, ענטפערט פּ ל ו ט אָ ס: זעוס האָט מיך בלינד געמאַכט. דער העכסטער גאָט פאַרגינט נישט די מענטשן. אַז איך בין אַ קליינער יונג געווען, האָב איך זיך באַרימט, אַז איך וועל באַזוכן נאָר די קלוגע און גוטע. און דערפאַר האָט ער מיך בלינד געמאַכט, כדי איך זאָל נישט וויסן, צו וועמען צו קומען.

קרעמילאָל: און ווען דו וואָלסט געזען, וואָלסטו אויסגעמיטן די שלעכטע?

פּלוטאָס: יאָ. איך וואָלט עס געטון. איך וואָלט באַזוכט נאָר די גוטע. אַלע פאַרזיכערן מיך, אַז זיי זענען גוט, אָבער אַז איך קום און מאַך זיי רייך, איז גאָר קיין שיעור נישטאָ צו זייער שלעכטקייט.

קרעמילאָס: אַזוי איז דאָס. דעם מענטשן קאָן זיך דאַכטן, אַז אַלץ האָט ער גענוג: ברויט, נאַשערייען, פייגן, מוט, ליטעראַטור, — נאָר נישט קיין רייכקייט. גיב אַ מענטשן דרייצן טאַלענטער (אַ גריכישע מטבע), וועט ער וועלן זעכצן; גיב אים זעכצן, וועט ער

בעטן פערציק. א נישט וועט ער טעגהן, איז דאס לעבן גאר נישט ווערט. רייכקייט איז די ערגסטע זאך...

קרעמילאס עצהט פלוטאסן, ער זאל גיין אין טעמפל פון עסקולאפן (גאָט פון היילונג) און דאָרט איבערנעכטיקן, וועט ער זיך אויסהיילן פון זיין בלינדקייט. פלוטאס פאָלגט אים און ווערט זעענדיק. איצט דארף שוין די אָרימקייט פארטריבן ווערן פון העלאדע. אָבער דאָ באווייזט זי זיך — די פערסאניפיצירטע אָרימקייט — און וויל דערוייזן, אז זי איז נויטיק. זי רייסט זיך ארום מיט קרעמילאסן און זאָגט צו אים: ווילסט מיך פון העלאדע פארטרייבן? און דו גלויבסט, אז דערמיט וועסטו טון די גרעסטע טובה די מענטשן? אין דער אמתן אָבער, וועסטו דער מענטשהייט א גרויסן שאָדן אָנטון, אז די וועסט די גוטע רייך מאכן. קרעמילאס האלט א לענגערע רעדע קעגן אָט דער מיינונג און ווייזט, ווי גערעכט עס וואָלט געווען, אז די שלעכטע זאָלן זיין אָרים און די גוטע רייך. דערויף ענטפערט די אָרימקייט: אויב אלע וועלן רייך זיין, ווער וועט זיך דאן געבן די מי צו זאָרגן פאר וויסנשאפט און פאר קונסט? און אז די לעצטע וועלן בטל ווערן, ווער וועט דעמאָלט בויען אונזערע שיפן, באַארבעטן דאָס לאנד, זיך אָפּגעבן מיט האנטווערקעריי?

קרעמילאס: נארישקייטן! דאָס וועלן שוין אונזערע דינער טון.

די אָרימקייט: דינער? ווו וועסטו זיי נעמען, ווייבאלד אלע וועלן זיין רייך.

קרעמילאָס: עס וועלן זיך שוין געפינען גענוג מענטשן, וואָס וועלן אונז ברענגען שקלאפן פון אויסלאנד, אבי מיר וועלן זיי גוט באצאָלן.

די אָרימקייט: ווער וועט דען וועלן ריזיקירן צו פארגעמען זיך מיט מענטשן־פאנג, אז מען קאָן אזוי אויך זיין רייך? דערלויבט מיר אייך צו זאָגן: אז אלע וועלן האָבן א סך געלט, וועלן אלע אליין מוזן ארבעטן, כדי זיך פארשאפן די תענוגים פון לעבן; אייער גאָלד און זילבער וועט דאָ גאָרנישט העלפן; היינט קאָנען די רייבע אלץ קריגן, ווייל ס'איז פאראן אָרימע, וואָס ארבעטן אויס אלער־

ליי זאכן, מאכן אייך מעגלעך דאָס לעבן און פאַרשענערן עס. מישט נאָר נישט צונויף אָרימקייט מיט נויט. מען דאַרף נישט, די מענטשן זאָלן לעבן אין נויט, אָבער זיי טאָרן נישט לעבן אין לוקסוס און פאַרלירן דעם חשק צו שאַפנדיקער ארבעט. איר זאָגט דאָך אַליין, אז די אָרימע זענען בעסערע מענטשן, איידער די רייכע.

קרעמילאס און זיינע פריינט זענען איבערראשט פון אָט די ארגומענטן. און דאָ באווייזט זיך פּלוטאס, אַן אויסגעהיילטער און זעענדיקער: ער באגריסט די זון און דאָס שיינע לאנד פון אַטיקע און רופט אויס: איך שעם מיך פאַר מיין פאַרגאנגענהייט, איך וועל רויט פאַר דער געזעלשאפט, אין וועלכער כ'האָב מיך ביז איצט געפונען, אויסמיידנדיק גראָד די, וועלכע זענען ווערט געווען מיין פריינטשאפט. פון איצט אָן וועל איך גיין מיט אַ אומגעקערטן וועג און ווייזן דער מענטשהייט, אז דאָס וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט לומפּן און שווינדלער איז געווען קעגן מיין אייגענעם ווילן.

די רעזולטאטן פון אָט דער איבערקערעניש זענען ביז גאָר אינטערעסאנט. די שלעכטע פאַרלירן זייער רייכקייט. אלע הויבן איצט אָן צו באזוכן פלוטאסן, אָבער דער וועג צו אים ליגט דורך אָרנטלעכקייט און קלוגשאפט. און צום סוף קאָמעדיע קומט דער שענסטער וויץ: די גייסטלעכע באקלאָגן זיך, אז זיי הונגערן איצט. איינער פון זיי קלאָגט: זינט פּלוטאס איז געוואָרן זעענדיק, הונגער איך. כאָטש איך בין אַ כוהן פון זעווסן. פריער, איידער אלע זענען רייך געווען, פלעגן די מענטשן קומען אין טעמפּל אריין און ברענגען קרבנות. איז אַ קויפמאַן ניצול געוואָרן פון עפּעס אַ סכנה, צי א רייזע־געפאר אָדער פון אַ געריכט־שטראָף, איז ער געקומען אין טעמפּל און געבראַכט מתנות; האָט עמיצער אַ נדר געטון, האָט ער גערופן דעם גייסטלעכן. איצט קומט קיינער נישט. אין קלער שוין אויפהערן דינען צו זעווסן. אלע זענען געוואָרן גוט און קלוג און רייך. —

דעם זינען פון אָט דער קאָמעדיע קאָן מען איבערגעבן נאָר מיט געטעס ווערטער: „לאָמיר אליין נאָר בעסער ווערן, און אלץ וועט ווערן בעסער“. און דאָס איז אויך דער עיקר־געדאנק פון אריסטאָטעלעסן.

7. זענאָן. — קאָמוניסטישע שילדערונגען. — דאָס גריכישע עגיפּטן.

דער קאָמוניסטישער געדאנק — אָדער ווייניקסטנס דער געדאנק וועגן גלייכהייט — האָט געמוזט זיין זייער שטארק אין גריכנלאנד, אויב אפילו אזא אינדיווידואליסטישער און „בורזשואז"־געשטימטער גייסט ווי אריסטאטעלעס האָט אים געמוזט מאכן קאָנצעסיעס. דערנאָך איז געקומען די סטאאישע שול, וועלכע האָט פארשפרייט די יסודות פון אנארכישן קאָמוניזם און פון אינטערנאציאָנאלער ברידערלעכקייט, ווי מיר האָבן עס שוין אָנגעוויזן אין אונזער ארייַנפיר. וועגן זענאנען, דעם גרינדער פון דער דאָזיקער שול, ווייסט מען זייער ווייניק; זיינע שריפטן זענען כמעט אלע פארפאלן געוואָרן, א חוץ געציילטע פראגמענטן, פון וועלכע מען זעט, אז ער האָט געהאלטן דאָס נאטור־רעכט פארן איינציק ריכטיקן וועגווייזער אין לעבן. דאָס הייסט: מען דארף נישט קיין מלוכה, קיין געריכטן, קיין געזעצן — נאָר געמיינשאפטלעכקייט פון אלע גיטער, גלייכהייט פון ביידע געשלעכטער, פארברידערונג פון דער גאנצער מענטשהייט.

צו דער פארשפרייטונג פון פלאטאנס אידייען דורך דער סטאאישער שול האָבן נאָך מיטגעהאָלפן צוויי פאָליטיש־געאָגראַפישע געשעענישן: 1) די עקספעדיציע פון אלעקסאנדר דעם גרויסן אין קליין־אזיען און אינדיען (334—323); קיין וועלט־אימפעריע פון א דויערנדיקן קיום האָט ער טאקע נישט געגרינדעט, אָבער די גריכישע שפראך און קולטור איז דאן באקאנט געוואָרן אין ווייטע געגנטן — פון אדריאטישן ים ביזן אינדישן און פונם דונאַי ביזן נילוס. 2) די אנטשטייונג פון דער רוימישער וועלט־אימפעריע, וועלכע האָט אחוץ יענע געגנטן ארומגעכאפט נאָך אפילו לענדער אויף מערב און אויף צפון — אזוי אז ס'זענען געשאפן געוואָרן באדינגונגען פאר דער אויסבילדונג פון אן איינהייטלעכער געדאנקען־וועלט. אין דער רוימישער אימפעריע האָט גייסטיק געהערשט דער העלעניזם און אינם העלעניזם האָבן געהערשט די פילאָזאָפיע און סאָציאלע עטיק פון פלאטאָנען און פון די סטאָאי־

קער. שותפישקייט פון פארמעגן האָט זיך גערעכנט פאר דער בעסטער סאָציאלער מדה און מען האָט זייער הויך געהאלטן די געזעצגעבער און קעניגן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט סאָציאלע רעפאָרמען און דאָסגלייכן די קאָמוניסטישע דענקער און קאָמוניסטישע חברות. די דאָזיקע באציונג האָבן מיר שוין געזען ביי פילאָנען און יוסיפון לגבי די עסייער און ביי פלוטארכן לגבי די ספארטאנישע געזעצגעבער און רעפאָרמאטאָרם.

זייער גערן האָט מען זיך דאן אויך אָפּגעגעבן מיט באשרייבן אומבאקאנטע קאָמוניסטישע קיבוצים. דיאָדאָר (ארום דער העלפט פון 1־טן יאָרהונדערט פאר קריסט. געב.) האָט אין זיין „געשיכטע־ביבליאָטעק" צונויפגעזאמלט איניקע פון אָט די באשרייבונגען (בוך 2, קאפּ. 60—55; בוך 5, קאפּ. 46—41). דאָרט דערציילט זיך, ווי איינער יאַמבולאָס מיט זיינעם אַ פריינט האָבן בעת אַ געשעפט־רייזע נאָך געווירצן אנטדעקט וואונדערבארע מענטשן אויף איינעם אן אינזל אין אינדישן אָקעאן: „די איינוווינער (מיט אַ וואונדערלעכן געשטאלט) לעבן נאָך אין קרובֿהשאפט, געטיילט אין משפחות און שבטים, נאָר קיינמאָל נישט מער פאר 400 אין איין חברה. זיי לעבן אויף פעלדער און לאָנקעס און די ערד גיט זיי שפּייז בשפע. דער באָדן איז אן אויסגעצייכנטער, די לופט די בעסטע, אזוי אז אלץ וואקסט אַ סך מער, ווי מען באדארף... ס'זענען אויך פאראן אַ סך וואסער־קוואלן, אַ טייל ווארימע, צום באָדן זיך, וועלכע מאכן פריש, ווי מיד מען זאָל נישט זיין און אַ טייל קאלטע, זייער געשמאקע און פון אַ גרויסער הייל־קראפט. מען גיט זיך דאָרט זייער שטארק אָפּ מיט אלע וויסנשאפטן, באזונדערס מיט אסטראנאָמיע... פון קיין חתונה ווייסט מען דאָרט נישט, עס הערשט ווייבער־געמיינשאפט און די געבוירענע קינדער ווערן פון אלעמען באגלייך אויפגעצויגן און געליבט. בעת זיי זענען נאָך קליין, מאכט זיך אָפט, אז די אמען פארטוישן די זויג־קינדער און אפילו מאמעס קאָנען נישט דערקענען זייערע אייגענע קינדער. דערפאר איז ביי זיי נישט פאראן קיין ערגייץ, זיי ווייסן נישט פון קיין אומרוען און אויפשטאנדן און שטעלן דעם שלום העכער פאר אלץ... אלע פירן זיי אַ געמעסיקט לעבן, עסן נאָר אזוי פיל, וויפיל

ס'איז דורכאוים נויטיק. די קיך איז אן איינפאכע; פון ראפינירטע מאכלים, געמיזעס און כלערליי געווירצן ווייסן זיי נישט"...

אין דעם בילד זעען מיר פארווירקלעכט דעם מלוכה־אידעאל פון פלאטאנען. א צווייטע שילדערונג ביי דיאָדאָרן האָט צו טון מיט מלוכה־סאָציאליזם. די שילדערונג איז גענומען פונם גריכישן שריפטשטעלער אייהאָמעראָס, — א צייט־חבר זענאָנס, — וועלכער פרווט זיך דערווייזן אין זיין „הייליקן דאָקומענט", אז די געטער זענען נישט קיין איבערנאטירלעכע וועזנס, נאָר פשוט העלדישע מענער, וועלכע די מענטשן האָבן פארגעטערט. אייהאָמעראָס פאר־זיכערט, אז אָט דער אמת איז אים אנטפלעקט געוואָרן פון געווי־סע אויפשריפטן אויפן אינזל היעראַ (ביים דרום־אראבישן אָדער דרום־עגיפטישן ברעג). ביי דער געלעגנהייט באשרייבט ער אויך דאָס לעבן פון דעם דאָזיקן אינזל, וואָס דערמאָנט דעם אידעאל פון עגיפטישן מלוכה־סאָציאליזם. דער באָדן פונם אינזל איז פאר־טיילט צווישן די איינוווינער און די בעסטע ערד־נחלה געהער דעם קעניג. די איינוווינער פונם אינזל הייסן פאנכייער... די באפעלקע־רונג באשטייט פון דריי קלאסן: צום ערשטן קלאס געהערן די גייסטלעכע און ד' האנטווערקער; צום צווייטן — די פויערים; צום דריטן — די קריגס־לייט און פאסטוכער. די אויבערשטע פארוואל־טונג מיט אלץ ליגט אין די הענט פון די גייסטלעכע. די פויערים באארבעטן ד' ערד און געבן אָפ די פראָדוקטן אין כלל־אייגנטום; דאָסגלייכן שטעלן צו די פאסטוכער שעכט־פי און בכלל אלע פי־פראָדוקטן, אלץ אויפן גענויעסטן אופן, לויט צאָל און וואָג. וואָרום עס איז אַ געבאָט, אז קיינער טאָר קיין זאך נישט האָבן אייגנס, אויסער אַ דירה מיט אַ גאָרטן; אלע פראָדוקטן און הכנסות נעמען צו די גייסטלעכע און געבן ארוים יעדן אַ חלק, אויף אַ יושרדיקן אופן. זיי אליין אָבער באקומען אַ דאָפלטן חלק (בוך 5, קאפ. 46—41).

אין דער באשרייבונג ווערט, אפנים, אידעאליזירט די אָרדע־נונג פון עגיפטן, ווי די גריכן האָבן זי געטראָפן בעת זייער הער־שאפט (זייט יאָר 300). דאָס האָט אלעקסאנדער דער גרויסער דער־אָבערט עגיפטן, האט געגרינדעט די האפן־שטאט אלעקסאנדריע, וועלכע איז געוואָרן אַ הויפט־צענטר פון גריכישער קולטור. נאָך זיין

טוים (323) איז די מאקעדאנישע אימפּעריע צעפאלן געוואָרן אויף אַ סך קליינע און דריי גרויסע מלוכות: מאקעדאָניען (מיט גריכנלאנד), סיריען (קליין־אזיען) און עגיפּטן; אין זיי האָבן אלעקסאנדרס פעלד־מארשאלן געגרינדעט זייערע דינאסטיעס. אין עגיפּטן האָבן געהערשט די פּטאָלאמייער אָנשטאָט די אַלטע פּרעהס. די סאָציאלע פארהעלטענישן האָבן דאן אזוי אויסגעזען: דער קעניג, אָדער די מלוכה, האָט זיך גערעכנט פארן איינציקן איינגנטימער פון גאנצן ערד־באָדן. אין פּריוואט־איינגנטום האָט מען געקאָנט האָבן נאָר אַ הויז און די ערד, אויף וועלכער דאָס הויז געפינט זיך און אַ וויין־ אָדער פּרוכט־גאָרטן; דער גאנצער תבואה־באָדן אָבער האָט געהערט דעם קעניג, דער מלוכה און די פּויערים האָבן נאָר ארענדירט די ערד; די ארענדע איז געווען אָדער אויף אַ טערמין, אָדער אַ באשטענדיקע, מיטן רעכט פון ירושה — אלנפאלס איז זי געווען פארבונדן מיט געוויסע באדינגונגען. די פּטאָלאָמייער האָבן צוגענומען די נחלות אויך ביי די גייסטלעכע און ביי די לען־איינגנטימער, וואָס יענע האָבן נאָך געהאט פון פריערדיקע צייטן און זיי געמאכט פאר באאמטע ביים פארוואלטן מיט די ארענדע־אָפּצאָלן. דער רעכטלעכער מצב פון די פּויערים איז געווען אַ גוטער. נאָר וואָס מער באדייטונג עס האט געקראָגן דער פיסקאלישער מאָמענט, אלץ גרעסער איז געוואָרן דער ווילקיר פון דער מלוכה לגבי דער פּויערישער באפעלקערונג, ביז מען האָט זי לסוף גאָר דערדריקט און פארשקלאפּט *).

8. דער אונטערגאנג פון גריכנלאנד:

דער פּעלאָפּאנעזישער קריג און דערנאָך די מלחמות צווישן די איינצלנע מלוכות (404—362) פאר דער העגאמאָניע (ספּארטע, אַטען און טעבּ) האָבן געבראכט דערצו, אז אָט די קיבוצים פון דיכטער, פילאָזאָפן און ליבהאָבער פון סאָציאלע עקספּערימענטן

*) Rostowzew, Studien zur Geschichte des römische Kolonats. S. 11, 15, 58, 61.

האָבן גאָר פֿאַרלאָרן זייער מלוכה־זעלבשטענדיקייט. זייער אומגליק איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן אויסצובילדן איין איינהייטלעכע גריכישע אימפּעריע. פֿריער זענען זיי ארונטערגעפֿאַלן אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די מאַקעדאָניער און דערנאָך צוזאַמען מיט זיי, ארום דער העלפֿט פֿון 2־טן יאָרהונדערט פֿאַר קר. געב., אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די רוימער. אין דער זעלבער צייט, ווען ס'האָבן זיך געפֿירט די אויסערלעכע מלחמות, זענען אינעווייניק פֿאָרגעקומען פֿאַרביטערטע קאַמפֿן צווישן באַזיצלאָזע און באַזיצנדיקע, צווישן סאָציאַלע דעמאָקראַטן און פּלוטאָקראַטישע אָליגאַרכן. אין הייסע מאָמענטן, בעת שאַרפֿע קריזיסן, פֿלעגן אָפֿט פֿאָרקומען אַ טיילווייזע איבערפֿאַרטיילונג פֿון דער ערד און אַ אַנולירונג פֿון חובות, און דערביי האָט מען די קעגנער פֿאַרשיקט אָדער אויסגעמאָרדעט, דער האַס צווישן די צוויי קלאַסן איז נישט געשטילט געוואָרן די גאַנצע צייט. אַ באַגריף וועגן דעם האַס קאָן מען זיך מאַכן דערפֿון, וואָס אַריסטאָטעלעס דערציילט, אַז ס'זענען געווען אָליגאַרכיעס, וווּ די העכערע באַאַמטע פֿלעגן ביים איבערנעמען די מאַכט אָפּגעבן אַזאַ שבֿועה: „איך וועל זיין אַ פֿיינט פֿון פֿאָלק און וועל מאַכן כּלערליי מעגלעכע פּלענער אויף אים שאָדן צו ברענגען" (פּאָליטיק V, 9, 11). איזאָקראַטעס גיט איבער, אַז די שטימונג פֿון די רייכע איז געווען אַזאַ פֿאַרביטערטע, אַז זיי וואָלטן ליבער אין טייך אַריינגעוואָרפֿן זייער פֿאַרמעגן, איידער עפּעס אָפּגעבן דערפֿון פֿאַר די אָרימע. ווי דער דעמאָס איז געווען געשטימט, האָבן מיר שוין געזען פֿון די ווערק פֿון פּלאַטאָנען, אַריסטאָפֿאַנעסן און די איבעריקע סאָציאַלע דיכטער. וואָרום אָט די אַלע דענקער און דיכטער שפּיגלען אָפּ נישט נאָר דעם ווירטשאַפֿטלעכן און פּאָליטישן צושטאַנד פֿון זייער צייט, נאָר אויך די פּסיכאָלאָגישע שטימונג, די קלאָגן און פּרעטענזיעס פֿון די קעמפֿנדיקע באַזיצלאָזע פֿאָלקס־שיכטן. די גריכן האָבן קיין זאַך נישט פֿאַרשוויגן; און זיי האָבן גוט באַהערשט די שפּראַך, כּדי איבערצוגעבן זייערע געדאַנקען און געפֿילן. זיי זענען געווען לחלוטין פֿריי פֿון צביעות — און שוין דעריבער אַליין זענען זיי נישט געווען פֿעיק צו טרייבן אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק און אויפֿצושטעלן אָדער אויפֿהאַלטן אַ גרויסע אימפּעריע.

V. רוים.

1. דער כאַראַקטער פֿון דער רוימישער געשיכטע=ליטעראַטור.

ביז צום יאָר 300 פֿאַר קר. געב. איז די געשיכטע פֿון רוים מײסטנס נישט קײן געשריבענע; איר יסוד איז נאָר די מסורה שבעל פּה; װײל די רוימישע אַרכיװן זענען פֿאַרניכטעט געװאָרן אין יאָר 390 פֿאַר קר. געב., בעתן אײנבּרוך פֿון די קעלטישע שבטים. רוימישע אַנאַלן=שרײַבער האָבן זיך באַװיזן ערשט אין 2=טן יאָרהונדערט פֿאַר קר. געב., אונטער דעם אײנפֿלוס פֿון די גריכן און ערשט מיט הונדערט יאָר שפּעטער זענען שױן געװען רוימישע היסטאָריקער, װעלכע האָבן געשריבן די געשיכטע פֿון זײער לאַנד, לכתחילה אויף גריכיש, דערנאָך אויף לאַטײניש, — אָבער שטענדיק אין אַ פּאַטריאָטיש= קאָנסערװאַטיװן, אַנטי=רעװאָלוציאָנערן גײסט. אַפֿילו די גריכישע שריפֿטשטעלער, װאָס האָבן געשריבן רוימישע געשיכטע אויף גריכיש, װי פּאָליביאָס 1), פּלוטאַרך 2) און אַפּיאַן 3), האָבן זיך אויך אין זײער שרײַבן געפֿונען אונטער

1) פּאָליביאָס האָט געשריבן אין סוף פֿון 2=טן יאָרהונדערט פֿאַר קר. געב.

2) פּלוטאַרך האָט אָנגעשריבן אין 2=טן יאָרהונדערט פֿאַר קר. געב., אַ רײע ביאָגראַפֿיעס פֿון גרויסע מענער פֿון גריכנלאַנד און פֿון רוים. זײנע װערק איז זײער כדאַי צו לײענען.

3) אַפּיאַן איז אַ יונגערער צײט=חבר פֿון פּלוטאַרכן; באַזונדערס אינטערעסאַנט איז זײן באַשרײַבונג פֿון רוימישן בירגער=קריג.

רוימישן איינפלוס. די רוימישע היסטאָריקער, ווי סאַלוסטיוס 4), ליוויוס 5) און טאַציטוס 6) האָבן זייער זעלטן ארויסגעוויזן אַ גוטע באציונג צו די רעפאָרמאטאָרס צו די רעוואָלוציאָנערע פרווון האָבן זיי זיך באצויגן מיט אָפענער פיינטשאפט, און אויף די טוער און פירער פון אזעלכע פרווון האָבן זיי געקוקט ווי אויף פשוטע פארברעכער. אין נאציאָנאלע אָנגעלעגנהייטן, סיי אין קאמף מיט די אינערלעכע רעוואָלוציאָנערן, סיי מיט די אויסערלעכע פיינט, זענען די רוימער געווען פארבלענדעט ביז גאר פון נאציאנאלן עגאָאיזם און פארגלויבט נאָר אין זייער אייגענער גערעכטיקייט: יעדער קעגנער פון רוים איז אין זייערע אויגן געווען פעיק אויף אלץ — שווערן פאלש, אומטריי זיין, עובר זיין אויף אַן אָפמאַך. ביי דיזעלביקע מיינונגען האָבן זיך אויך געהאַלטן זייערע לאטיינישע היסטאָריקער, און זיי זענען עס דאָך דער מקור, פון וואַנען מיר קאָנען שעפן אלע אונזערע ידיעות וועגן די רעפאָרמאטאָרס, רעוואָלוציאָנערן און בונטאָרן, וואָס האָבן באקעמפט די רוימישע אָרדענונג. די פריער דערמאנטע גריכישע שרייבער זענען, אמת, נישט געווען אזוי גענייגט צו פארורטיילן פון פאָרויס יעטוועדן קעגנער פון רוים, אָבער אזוי ווי זיי האָבן אויך געשריבן פאר די רוימער, זענען זיי געווים נישט געווען פריי פון חניפה, אַ חוץ וואָס זיי האָבן זיך בכלל זייער אָפט געפונען אונטערן איינפלוס פון רוימישע פארורטיילן. מער פאר אלץ האָבן דערפון „געלימן" קאטילינא און ספארטאַק, וועלכע זענען אלס טרעגער פון רעוואָלוציע און אויפשטאַנד געווען אַן ערנסטע געפאַר פאר די

סאלוסט, אַ צייט=חבר פון יוליוס צעזאר און זיינער אַן אָנהענגער (געבוירן 86 און געשטאָרבן 35 פאר קר. געב.) איז דער עיקר באקאנט מיט דער באשרייבונג פון קאטילינאס אויפשטאנד.

5) ליוויוס, געבוירן 59 פאר קר. געבורט, געשטאָרבן 17 יאָר נאָך קר. געב.

6) טאציט איז געבוירן ארום יאָר 55, געשט. ארום 120 נאָך קר. געב., באקאנט איז ער דער עיקר אדאנק זיין באשרייבונג פון די אלטע גערמאַנער.

רוימער. דערצו נאָך איז דער אינטעלעקטועלער ניווא פון די רוי־מער געווען נישט קיין הויכער, און זיי זענען נישט געווען מסוגל צו פאַרינטערעסירן זיך אינערלעך מיט אַ גרויסער באַוועגונג אָדער אידעע, ווי באַלד דאָס איז געווען קעגן רוימס אינטערעסן. אין רוים געפינען מיר נישט נישט קיין פּלאַטאָנען, נישט קיין אַריס־טאָפאַנעסן און נישט קיין סאָפאָקל; פון אַזעלכע מענער, ווי די יידישע נביאים, איז שוין אָפּגערעדט. און צוליב דעם אַלעם איז זייער שווער צו שרייבן אַ רעוואָלוציאָנערע געשיכטע פון רוים.

2. פּאַטריציער און פּלעבייער

פון די רוימישע לעגענדעס זעט מען אַרויס, אַז די רוימער האָבן לכתחילה געלעבט משפּחותווייז (Gentes) און שבטימווייז (Tribus), און האָבן נישט געוווּסט פון קיין פּריוואַט־אייגנ־טום. בראש פון דעם קיבוץ, וואָס האָט צום אָנהייב פאַרנומען נאָר די שטאָט רוים, זענען געשטאַנען „קעניגן“, ד. ה., עלטסטע, וועלכע זענען געווען אין דערזעלביקער צייט קריג־פירער, העכערע גייסטלעכע און ריכטער. לויט דער לעגענדע, איז דער גרינדער פון רוים געווען ראָמולוס, אַ ברודער־מערדער ווי קין. שוין זייער פרי געפונען מיר אין רוים צוויי שטאַנדן — פּאַטריציער און פּלעבייער, וועלכע פירן צווישן זיך אַ קאַמף. די פּאַטריציער זענען געווען רייכע פּויערים; זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלע וויכטיקע אַמטן און געוואָרן דער הערשנדיקער שטאַנד; פּלעבייער זענען געווען די אָרימע פּויערים; זיי זענען אויך געווען פריי, אָבער באַזייטיקט פון דער פּאָליטישער מאַכט. דער קעגנזאַץ צווישן אָט די צוויי שטאַנדן איז נישט געווען קיין ק ל א ס ן ־ ק א מ ף; די פּלע־בייער האָבן נישט געשטרעבט צו קיין שום אַנדער עקאָנאָמישער אָרדענונג און זייער וועלט־באַנעם איז געווען דער זעלביקער, וואָס ביי די פּאַטריציער. אי די אי יענע זענען שטענדיק געווען גרייט צו מאַכן אַנדערע פאַר שקלאַפן, צו עקספּלואַטירן אַנדערע פעל־קער. די פּלעבייער האָבן בלויז געפאָדערט פאַר זיך אַ גלייכן פּאָ־

ליטישן און עקאָנאָמישן חלק אין אָט דער עקספּלואַטאַציע. אַדאַנק זייער פּאָליטישער מאכט האָבן די פּאַטריציער פאַרכאַפּט גרויסע טיילן פון קהלישן באָדן (Ager publicus); זייער ווירטשאַפטלעכע איבערמאכט האָט אַלץ מער געדריקט; די פּלעבייער זענען געוואָרן אַלץ מער אָפּהענגיק פון זיי, געוואָרן בעלי=חובות ביי זיי; דער שטראָף=קאָדעקס איז געווען זייער אַ האַרבער פאַר בעלי=חובות, די ציגזן — זייער הויכע. די פּלעבייער האָבן געפאָדערט פאַר זיך אַנטייל אין דער פּאָליטישער מאכט, און דער עיקר — אַ חלק אינם געזעלשאַפטלעכן באָדן. לכתחילה איז אָט דער געזעלשאַפטלעכער באָדן געווען רעשטן פונם אַמאָליקן כלל=אייגנטום; דערנאָך איז אָט דער ערד=פאָנד באַשטאַנען פון די ניי דעראָבערטע געגנטן, וואָס זענען געוואָרן מלוכהשע מאַיאָנטקעס.

צום אָנהייב פון 6=טן יאָרהונדערט איז די אַלטע משפּחה=אָרדענונג שוין געווען אַזוי צעטרייסלט, אַז די פּאַטריציער האָבן גאָר אַראָפּגעוואָרפן די „מאָנאַרכיע“ און איינגעפירט אַ פּריצישע רעפּובליק; די גאַנצע מאכט, וואָס די „קעניגן„ האָבן געהאַט, איז אַריבער צו די פּאַטריציער. בראש פון דער רעפּובליק זענען געשטאַנען צוויי קאָנסולן, וועלכע האָבן פון זיך באַשטימט נאָך צוויי אונטער=קאָנסולן (Quästoren) אויף צו פאַרוואַלטן מיט די פינאַנצן און מיט די אַרכיוון. אין אַ צייט פון געפאַר פלעגט איינער פון די קאָנסולן באַשטימט ווערן פאַר ד י ק ט א ט אָ ר מיט אומבאַגרענעצטע פולמאכטן, העכסטנס אויף 6 חדשים.

אין דער צייט פון די „קעניגן“ איז דער קעגנזאַץ צווישן ביידע שטאַנדן שוין אויך געווען גענוג שטאַרק, אָבער דערנאָך האָט ער זיך נאָך מער פאַרשאַרפט, ווייל רוים האָט דעמאָלט גראָד פאַרנומען ביי זיינע שכנים א סך געביטן און די דעראָבערטע ערד איז כמעט אינגאַנצן אַריינגעפאַלן צו די פּאַטריציער. אין יאָר 494 פאַר קר. געב. איז שוין דער פּלעבס געווען אַזוי פאַרביטערט, אַז ער האָט גאָר געוואָרפן דאָס פאָטערלאַנד און זיך געלאָזט וואַנדערן צום הייליקן באַרג, כדי צו גרינדן דאָרט אַ נייעם קיבוץ.

די פּאַטריציער האָבן זיך אָבער צוליב זייער מלחמה=פּאָליטיק גע=
גוויטיקט אין סאָלדאַטן — האָבן זיי געמאַכט הנחות די פּלעבייער,
און זיי געגעבן דאָס רעכט צו באַשטימען פון זיך צוויי פאָלקס=
טריבונען, וואָס זייער אויפגאַבע זאָל זיין צו שיצן די
קליין־פּויערים פונם ווילקיר און די פּאַטריצישע באַאַמטע; זיי האָבן
זיי אויך דערלויבט צו אָפּהאַלטן באַזונדערע פּלעבייער=פאַרזאַמ=
לונגען און אָננעמען באַשלוסן (פּלעביסציטן). די פּלעביסציטן זע=
נען אָבער געווען נישט מער ווי רעזאָלוציעס פון פאַרזאַמלונגען.—
זענען זיי געבליבן פרומע ווונשן, אָן שום געזעצלעכער קראַפט,
דער קאַמף האָט זיך דערום ווייטער געפירט, און אַ קאַמף אַ בלוּ=
טיקער. אָבער וואָס מער די פּאַטריציער האָבן זיך אַריינגעצויגן
אין אויסערלעכע מלחמות און זענען געוואָרן אַלץ רייכער, זענען
זיי געוואָרן אויך נאָכגיביקער לגבי די פּלעבייער, ווייל אָן זייער
מיטהילף האָבן זיי נישט געקאָנט אויסקומען אין דער אויסערלע=
כער פּאָליטיק. אין 4=טן יאָרהונדערט האָט דער פּלעבס סיי עקאָ=
נאָמיש סיי פּאָליטיש זיך דערשלאָגן זייער פיל. אין יאָר 367 זע=
נען אָנגענומען געוואָרן די געזעץ=פּראָיעקטן פון ליציניוס, לויט
וועלכע: 1) די חובות=לאַסט פון די פּלעבייער ווערט באַדייטנדיק
פאַרלייכטערט; 2) פון געזעלשאַפטלעכן באָדן קאָן מען העכסטנס
באַקומען 500 מאָרג, אַזוי אַז דער פּלעבס זאָל אויך קאָנען עפּעס
באַקומען פון דעם רעשט ערד, וואָס ווערט אַזוי אַרום פריי;
3) איינער פון די קאָנסולן זאָל זיין אַ פּלעבייער. פון צייט צו
צייט זענען נאָך געמאַכט געוואָרן ווייטערדיקע פּאָליטישע הנחות,
אַזוי אַז אין יאָר 287 איז שוין דער פּלעבס געווען פולקאָם גלייכ־
באַרעכטיקט. ער האָט שוין געקאָנט געניסן פון אַלע עקאָנאָמישע
רעזולטאַטן פון דער דעראָבערונגס=פּאָליטיק. וואָרום די גאַנצע
צייט האָבן די פּאַטריציער נישט אויפגעהערט צו אונטעריאָכן אַלע
איטאַליענישע פעלקער, איינס נאָכן אַנדערן, ביז זיי האָבן באַקומען
די הערשאַפט איבער גאַנץ איטאַליע.

אָט די דעראָבערונגען זענען דעמאָלט געווען אַ גרויסע פּאָ=
ליטישע עובדא, און געווען איז עס הויפּטזעכלעך דער פאַרדינסט
פון די פּאַטריציער. אָט די אָבערגלויביקע, איינגעשפּאַרטע, פּראַק=

טיש-אויסגערעכנטע נאָר מיליטעריש-טיכטיקע רייכע פויערים האָבן באַוויזן צו צעמענטירן איטאַליען. — דאָס וואָס די אַטענישע פריצים, די גייסט-רייכע, הויך-קולטורעלע און פילאָזאָפירנדיקע, האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט דערגרייכן אין גריכנלאַנד.

אָבער באַלד ווי די ביידע שטאַנדן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן, האָט זיך פון די רייכע פאַטריציער און פלעבייער אויסגעבילדעט א נייער אדעל, וועלכער האָט אַלע אמטן פאַרנומען אין זיינע הענט. די אויסערלעכע פאָליטיק האָט זיך איצט אויסגעשפרייט ווייט איבער די נאַציאָנאַלע גרענעצן — זי איז געוואָרן א וועלט-פאָליטיק, און דעמאָלט האָט וועלט-פאָליטיק באַטייט — באַהערשן דעם מיטל-לענדישן ים מיט זיינע ברעגעס.

3. וועלט-פאָליטיק און אינערלעכע צעפאַלונג.

אין משך פון דער צייט פון יאָר 264 ביז 133 פאַר קר. געב. איז רוים אַלץ געוואַקסן און געוואָרן די גרעסטע וועלט-מאַכט. אָבער צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן וווּקס האָבן זיך שטאַרק געענדערט די עקאָנאָמישע יסודות פונעם לעבן: אָנשטאָט דער פויערים-ווירטשאַפט איז איצט אנטשטאַנען געלט-ווירטשאַפט און ספעקולאַציע. אין יאָר 269 האָט מען אָנגעהויבן גיסן זילבער-מטבעות, און אין פינף יאָר אַרום איז אויסגעבראָכן די ערשטע פונישע מלחמה — מיט קאַרטאַגען, וואָס איז געווען דעמאָלט די גרעסטע האַנדלס-מלוכה אויפן מיטל-לענדישן ים. קאַרטאַגען האָט געהערשט איבער די צפון-אַפריקאַנישע ברעגעס, איבער דרום-שפאַניען, סאַרדיניען און מערב-סיציליען. די מלחמה האָט געדויערט פון 264 ביז 241, און רוים האָט איינגענומען סיציליען און סאַרדיניען. ערשט דאַן האָבן די רוימער דערקענט די גרויסע באַדייטונג פון ים-הערשאַפט און האָבן אויסגעבויט א גרויסן פלאָט אי פאַר קריגס-צוועקן, אי פאַר האַנדלס-צילן. עס זענען געשאַפן געוואָרן שיף-קאָמפאַניעס און האַנדלס-געזעלשאַפטן. די צווייטע פונישע מלחמה (201—218), ווען דער סעמיטישער קריגס-העלד

האניבאל, איינער פון די גרעסטע מיליטער=מענער אין דער וועלט=
געשיכטע, האָט געוואָרפן א אימה אויף רוים, וואָלט געווען גע=
קאָנט גאָר א סוף מאכן צו די רוימישע דעראָבערונגען, ווען די
קארטאגענישע פּלוטאָקראטיע זאָל געווען האָבן אביסל מער מלו=
כה=פארשטאנד, אָדער ווען דער רוימישער סענאט וואָלט נישט
ארויסגעוויזן אזוי פיל אויסדויער=קראפט און די רוימער גופא
— אזוי פיל פּאטריאָטיזם. ביי די באדינגונגען אָבער איז פון
האניבאלס נצחונות גאָרנישט ארויסגעקומען *). קארטאגען איז
באזיגט געוואָרן, און אין דער דריטער פונישער מלחמה (146—
149) האָבן זי די רוימער אינגאנצן פארניכטעט, מיט דער גאנצער
ברוטאלער גרויזאמקייט, אויף וועלכער זיי זענען געווען פעיק.
פאר דער צייט האָבן די רוימער נאָך איינגענומען גריכנלאנד,
קליין=אזיען און שפּאניען. קיין רוים האָט געגומען שטראָמען אָן
א שיעור איידעלע מעטאלן און שקלאפן, און דאָס האָט אונטער=
געשוועגקט די יסודות פון דער פריער קרעפטיקער פויערשער
מלוכה. דער אינערלעכער חורבן איז נאָך פארלייכטערט געוואָרן
דורך דעם, וואָס אין די מלחמות, באזונדער אין דער צווייטער
פונישער מלחמה, איז אומגעקומען א גרויסער טייל פון אלטן
פּאטריציִשן און פּלעבעישן דור, פון אָט דער שרעקלעכער בלוט=
אָפּצאפּונג האָט רוים מער נישט געקאָנט קומען צו זיך. פונקט
ווען רוים האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאפּל פון מאטעריע=
לער מאכט, האָט זיך אָנגעהויבן זיין מאָראלישע ירידה. דער
פּראָצעס איז געגאנגען לאנגזאם אָבער זיכער, און אין ערשטן
יאָרהונדערט פאר קר. געב. זענען שוין געווען קלאָרע סימנים פון
אָט דער ירידה. אָדער ווי דער רוימישער היסטאָריקער סאלוסטיוס
דערציילט (Verschwörung Catilinas Kap. 10—13) די זינגער
האָבן נישט געוווסט קיין מאָס און קיין גרענעץ... ווי נאָר

*) דער רוימישער היסטאָריקער ליוויוס דריקט זיך אוים נאָך
שארפער: „נישט דאָס רוימישע פאָלק האָט באזיגט האניבאלן,
נאָר די שלעכטע באציונג פון קארטאגענישן סענאט.“

Römische Geschichte xxx, 20.

סאיז געקומען דערצו, אז רייכקייט איז געוואָרן א כבוד, און האָט געצויגן נאָך זיך רום, מאכט און איינפלוס, איז אָפּגעטעמפּט גע־וואָרן דער זין פאר טוגנט, אָרעמקייט איז געוואָרן א שאַנד... נישט קלענער איז געווען די תאוה צו זנות און אויסגעלאסנקייט. מע־נער האָבן זיך פארקויפט צוגלייך מיט פרויען, פרויען האָבן גע־האנדלט אָפן מיט זייער לייב...“

בעת די מלחמות זענען אויפגעקומען קאפּיטאליסטישע סוחרים און האנדלס־געזעלשאפטן, וואָס האָבן געגעבן הלואות דער מלוכה און האָבן איר צוגעשטעלט שיפן, פּראָוויאנט און קריגס־מכשירים צו וווכערישע פרייזן. אין די דעראָבערטע לענדער האָבן זיי ארענ־דירט די מלוכה־ערד און די גרובנס. איינגעמאָנט די שטייערן און צוגעשטעלט שקלאפן פאר די גרויסע לאנדווירטשפטלעכע מאַ־יאָנטקעס. דער רוימישער גרויס־קאפּיטאל איז נישט גע־ווען פּראָדוקטיוו, ווי למשל דער אייראָפּעישער קאפּיטאל בעת דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. ער איז גיכער געגליכן געווען צו א מין היענע אויף די רוימישע שלאכט־פעלדער: ער האָט געפרעסן פונם רויב פון די רוימישע לעגיאָנען און געדריקט די איינגענו־מענע לענדער. די סענאטאָרן און באאמטע האָבן זיך אריינגעצויגן אין האנדלס־געשעפטן; די העכסטע מלוכה־באאמטע זענען גע־ווען קאָרומפּירט און פון יאָר 160 אָן האָט מען אפילו דעם סע־נאט געהאלטן פאר אונטערגעקויפט. דער פּויערים־שטאנד איז שוין בעת די מלחמות שטארק פארקלענערט געוואָרן, און דערנאָך איז זיין צאָל ווייטער אלץ מער געפאלן, טיילווייז צוליב דער קאָנקו־רענץ פון דער פּראָווינץ (דעראָבערטע לענדער), פון וואנען מען האָט אריינגעפירט תבואה, און טיילווייז צוליב דעם, וואָס די אויפגעקומענע גבירים האָבן כסדר אויסגעקויפט דעם באָדן, כדי צו גילטן וואָס מער פאר אדל־לייט, פאר פּריצים. אויפן אָרט פון די אמאָליקע פּויערשע הויפן זענען איצט אויפגעקומען לאטי־פונדיעם: גרויסע מאיאָנטקעס, מיט פיל וויינגערטנער און פּאַ־שע־פעלדער. די ארבעט האָבן אלץ מער אויסגעפירט שקלאפן, און די פרייע דאָרפישע און שטאָטישע ארבעטער האָבן אלס ארבעט־לאָזע אויסגעוואנדערט קיין רוים; דאָרטן האָבן זיי געלעבט אויפן

חשבון פון דער מלוכה. ווי לומפן-פראָלעטאריער; מען האָט זיי געוויילט מיט עפנטלעכע שפּילן און געקויפט זייערע שטימען בעת וואלן. די רייכטימער האָבן זיך אלץ מער געזאמלט ביי א קליינער צאָל יחידים. אין יאָר 104 פאר קר. געב. קלאָגט זיך א פאָלקס-טריבון, אז אין דער גאנצער מלוכה איז קוים דאָ 2000 רייכע לייט! א יסוד פאר ערנסטע סאָציאלע אומרוען איז אויף אזא אופן שוין געווען. די אומרוען האָבן געטראָגן אזא כאראקטער: 1) מען האָט געשטרעבט צוריק אויפצושטעלן דעם פּויערים-שטאנד (די ברידער גראקך) אדער פון דאס ניי צו פארטיילן דאָס אייגנטום (קאטילינא). 2) אויפשטאנדן פון שקלאפן, פון וועלכע דער וויכטיקסטער איז געווען דער ספּארטאקוס-אויפשטאנד.

4. דער קאמף פאר רעפאָרמען: גראקך, קאטילינא און ציצעראָן.

די ברידער טיבעריוס און קאיוס גראקך, אליין פון רוימישן אדל, זענען געווען די, וואָס האָבן זיך געפּרווט צוריק אויפצושטעלן דעם פּויערים-שטאנד. בעת טיבעריוס איז געווען פאָלקס-טריבון, אין יאָר 134 פאר קר. געב., האָבן די אָרעמע פון אים פארלאנגט, ער זאָל זיי העלפן קריגן א חלק אין די מלוכהשע ערד-פאָנדן. מיט א יאָר שפּעטער האָט ער געמאכט דעם פאָרשלאג, מען זאָל באגרענעצן די רעכט אויף מלוכה-ערד ביז א געוויסער נאָרמע, און פון דעם פאָנד, וואָס וועט אזוי ארום פריי ווערן, זאָל מען אויסבילדן קליינע פּויערשע ווירטשאפטן אָן דעם רעכט פון זיי איבערפארקויפן, אָדער ארענדע-ווירטשאפטן, צו 30 מאָרג אין יעדער. ווי עס שיינט, האָבן די גרונט-באזיצער געזאָלט באקומען דערביי אן אנטשעדיקונג פאר דער צוגענומענער ערד (וואָס העכער דער נאָרמע), אָבער דערפאר האָבן די ניי-געשאפענע קליין-פּויערים אויך געזאָלט באקומען א מלוכה-סובסידיע אויף אינווענטאר. דער אדל האָט זיך געשטעלט אנטקעגן דעם פאָרשלאג, און טיבעריוס האָט גענומען פירן א גרויסע קאמפּא-

ביע. אין איינער פון זיינע רעדעס שילדערט ער אזוי די נויט פון פאָלק:

„די ווילדע חיות, וואָס לעבן אין איטאַליען, האָבן זיך זייערע היילן; יעדע פון זיי האָט איר געלעגער, איר ווינקל. אָבער די מענטשן, וואָס קעמפן און שטאַרבן פאַר איטאַליען, זיי האָבן קיין זאַך נישט, אויסער לופט און ליכט; אומזיכער און היימלאָז מוזן זיי מיט ווייבער און קינדער נע ונד זיין איבערן לאַנד. די קריגפירער זאָגן ליגנס, ווען זיי מונטערן אין שלאַכט די סאָלדאַטן צו פאַרטיידיקן פונם שונא זייערע קברים און הייליקטימער, ווייל וויפיל רוימער זענען פאַראַן, וואָס האָבן נישט קיין אייגן שטובווינקל און ווייסן אפילו נישט, ווו זייערע אבות זענען צו קבורה געקומען. זיי פאַרגיסן זייער בלוט און שטאַרבן נאָר צוליבן רייכטום און לוקסוס פון אַנדערע. זיי רופן זיך די הארן פון דער וועלט, בעת זיי פאַרמאָגן נישט זייער אייגנס קיין איין טריט ערד" (פלוטאַרך, ט. ס. גראַקך).

אז די פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט שוין באַדאַפט דורכפירן די אָפּשטימונג איבערן פּראָיעקט, האָט טיבעריוס, ווי אַפּיאַן דערציילט (Römische Bürgerkriege 1 Bnch 11 Kap.) געהאַלטן א לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער פרעגט, „צי וואָלט נישט געווען יושרדיקער, מען זאָל די געמיינשאַפטלעכע פאַרמעגנס געמיינשאַפטלעך פאַרטיילן, צי איז דען נישט א בירגער אלע מאָל בעסער איידער א שקלאַף, און איז א קריגס־מאַן נישט נוצלעכער, איידער א אומפעיקער צום קריג? די רוימער האָבן שוין מיט זייער כוח באַהערשט די מערהייט לענדער, און האָפן נאָך צו באַהערשן אלע איבריקע אויך, אלץ שטייט פאַר זיי דער יבער איצט אין קאָן: אָדער זיי וועלן דורך א קריג־פעיקן חיל איינגעמען אלע איבעריקע לענדער, אָדער זיי וועלן איבער זייער שוואַכקייט און אינערלעכער קנאה פאַרלירן אויך די ביזאיצטיקע דעראָבערונגען. ער וואָרנט די רייכע, זיי זאָלן נעמען אין אכט אָט דעם אומשטאַנד און זאָלן מיטן אייגענעם ווילן, צוליב דער אייגענער צוקונפט, שענקען אָט די לענדער פאַר די, וועלכע האָרעווען אויס קינדער

פאר דער מלוכה; זיי זאָלן נישט ארומרייסן זיך איבער קלייניקייטן און דערביי פארזעון דאָס וויכטיקערע". לויט ווי אפּיאַן שרייבט, איז גראַקכן דער עיקר געגאַנגען דערין, די מלוכה זאָל האָבן וואָס מער קריגספעיקע בירגער, כדי זי זאָל קאָנען פארהיטן אירע דעראָבערונגען און זיי נאָך ווייטער אויסברייטערן... יעדנפאלס, איז די פאָרגעלייגטע רעפאָרם געווען לויט איר כאראַקטער א סאָציאַל-קאָנסערוואַטיווע.

טיבעריוס האָט ארויסגערופן אזא באגייסטערונג צווישן פאָלק, אז דער סענאט האָט לסוף דעם פּראָיעקט אָנגענומען, נאָר דערנאָך ביים דורכפירן אים אין לעבן, האָט ער געמאכט גרויסע שוועריקייטן. טיבעריוס האָט דערום באשלאָסן צו דערשלאָגן זיך צום טריבון-אמט, אין יאָר 132, און האָט אָנגעהויבן רופן וואַלפארזאמלונגען. אויף איינער פון די פארזאמלונגען זענען געקומען די אָנהענגער פון דער סענאט-פּארטיי, באוואָפנטע מיט דרענגער און שטעקנס, און האָבן דערהרגעט טיבעריוסן און א סך פון זיינע אָנהענגער. דאָך איז זיין ארבעט נישט געגאַנגען גאָר לאיבוד — אויפן יסוד פונם אָנגענומענעם אגראַר-געזעץ זענען געשאפן געוואָרן ארום 80 טויזנט קליינע פויערים-ווירטשאַפטן.

אין יאָר 123 האָט דער צווייטער ברודער קאיוס באַגייסטערטע דיזעלבע קאמפּאַניע. ער איז געוואָרן טריבון און האָט זיך דערשלאָגן, אז יעדער פאָלקס-מענטש זאָל יעדן חודש קריגן א געוויסן סכום תבואה אויפן חשבון פון דער מלוכה. ער האָט רעפאָרמירט די געריכטן, גענומען דורכלייגן גאסן איבער גאַנץ איטאַליען, כדי צו באשעפטיקן די ארבעטלאָזע, געפּרוווט דעמאָקראַטיזירן דאָס וואַל-רעכט און האָט פארטראכט דורכצופירן גאָר א גרויסע אייגערלעכע קאָלאָניזאציע. עס האָט אים אָבער געטראָפן דערזעלבער גורל, וואָס זיין ברודער — אין יאָר 121 איז ער דערהרגעט געוואָרן.

עס איז פולקאָם אין גייסט פון רוימישער צביעות, וואָס אויפן פּלאַץ, ווו די ברידער גראַקך און זייערע אָנהענגער זענען אומגעקומען, האָבן די רוימער אויסגעבויט א טעמפּל פון פרידן (Concordia).

דער שלום=טעמפּל האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. עס האָט זיך באַלד ווידער אָנגעהויבן א בירגער=קריג און בלוטיקע אויפשטאנדן פון די שקלאפן. אין יאָר 100 האָט דער אזוי גערופענער דעמאקראט מאריוס געלאזט אויסקוילן 50 סענאטארן און 1600 ריטער, און זיין קעגנער סולא (אין יאָר 82) — האָט אויסגעהרגעט 40 סענאטאָרן און 1600 ריטער. דאָס פארמעגן פון די דערהרגעטע איז געוואָרן קאָנפיסקירט; סולאס קאָנפיסקאציע האָט אָנגעטראָפן 81 מיליאָן מארק; די וווכערער און הענדלער האָבן פאר א נישטיקן פרייז אויסגעקויפט די אלע קאָנפיסקירטע גיטער. אין יאָר 73 איז אוסגעבראָכן דער ספּארטאַק=אויפשטאנד, וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך ווייטער רעדן. אָט די אלע אומשטענדן האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאר דער פארשווערונג פון קאטילינא — אין יאָר 63 פאר קר. געב.

דער רוימישער היסטאָריקער סאלוסטיוס, וועלכער באשרייבט די דאָזיקע פארשווערונג פון זיין קאָנסערוואטיוו=פאטריאָטישן שטאנדפונקט, זאָגט, אז דאָס רוימישע פאָלק האָט זיך דאן געפונען אין א קלאָנגעדיקן גייסט=צושטאנד: „בעת ד' גאנצע וועלט, פון מזרח ביז מערב, האָט זיך אונטערגעגעבן דער באוואָפנטער קראפט פון רוים, און אינעווייניק איז געווען רייכקייט לרוב און פרידן האָט געהערשט, האָבן זיך דאָך געפונען בירגער מיט פארדאָרבענעם שכל, וואָס האָבן געוואָלט אומברענגען אי זיך אי די מלוכה. וואָרום נישט געקוקט אויף די ביידע באשלוסן פון סענאט (באשלוס קעגן דער פארשווערונג און א צוזאָג פון הויכער באלוינונג פאר די, וואָס וועלן אויסגעבן די פארשווערונג), האָט זיך פון אזא גרויסער מאסע נישט געפונען קיין איין איינציקער, וואָס זאָל צוליב דער באלוינונג פאראטן די פארשווערונג, אָדער לפּחות פארלאָזן קאטילינאס מחנה. אזוי' געוואלטיק איז געווען די קרענק, וואָס האָט ווי א מגפה פארסמט די געמיטער פון סרוב בירגער. און נישט נאָר ביי די, וואָס זענען געווען פארמישט אין דער פארשווערונג, האָט געהערשט אזא פיינטלעכע שטימונג, נאָר דער גאנצער פּלעבעער=שטאנד האָט מיטגעפילט מיט קאטילינאן, און געטרוימט וועגן דעם, אז אלץ זאָל ווערן אנדערש“.

די שטימונג פון די מאַסן איז אַלזאָ געווען אַ רעוואָלוציאָנערע. אָבער די היסטאָריקער מאָלן קאַטילינאַן, דעם פירער פון דער באַוועגונג, ווי דעם שרעקלעכסטן אויסוואורף, וואָס די וועלט האָט ווען סאיז פאַרמאָגט. ביי פלוטאַרכן, אין זיין לעבנס=באַשרייבונג פון טעזעוסן, איז פאַראַן אַזאַ קלוגער אויסדרוק: „סאיז געפערלעך צו ווערן פאַרהאַסט אין אַ מלוכה, ווו עס בליען רעדנער=קונסט און פּאָעזיע". דאָס זעלבע גילט, משמעות, אויך פאַר יחידים. קאַטילינאַ האָט געהאַט דעם אומגליק צו האָבן פאַר אַ פּאָליטישן און פּערזענלעכן פיינט ציצעראָנען, איינעם פון די גרעסטע רעדנער פון אַלע צייטן. אַ גרעסערן כאַראַקטער=קאָנטראַסט ווי צווישן זיי ביידע, איז זיך גאָר שווער אויסצומאָלן. קאַטילינאַ איז אַרויסגעקומען פון הויכן רוימישן אדל; ציצעראָ איז געווען אַן אויפגעקומענער פּראָווינצער. קאַטילינאַ איז געווען אַן אָפיציר, און שטענדיק גרייט מיט דער גרעסטער העלדישקייט „צו פאַרטיידיקן די זאַך פון די באַוועלהטע אין דער מלוכה"; ציצעראָ איז געווען אַן אַדוואָקאַט, אַ טיפּ פון אַ שרעקעדיקן בירגער, וואָס מאָראַליזירט און ציטערט פאַר זיין ביסל אייגנס. ביידע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין יאָר 63, אַלס קאַנדידאַטן אויפן פּאָסטן פון קאָנסול. ציצעראָ איז געווען דער פאַרטרעטער פון אַלע באַזיצערישע עלעמענטן; קאַטילינאַ איז געווען דער פירער פון די באַזיצלאָזע, אַן אויפריכטיקער רעפאָרמאַטאָר, וועלכער האָט געוואָלט אַלעמען באַטיילן מיט ערד=חלקים, אָפּשאַפן די חובות=לאַסט, איינפירן אַ שטרענגע קאָנטראָל איבער די מלוכה=פינאַנסן און בכלל זען פאַרגרעסערן דעם וווילשטאַנד פון די פּאָלקס=מאַסן דורך געהעריקע סאָציאַל=פּאָליטישע תקנות; ער האָט, דוכט זיך, אויך געוואָלט פאַרלייכטערן דעם גורל פון די אונטעריאָכטע פעלקער. ווי אַזוי ציצעראָ, דער ליבלינג פון אונזערע גימנאַזיעס, האָט זיך באַצויגן צו אָט די אַלע פראַגן, קאָן מען קלאָר זען פון די געדאַנקען, וועלכע ער זאָגט אַרויס אין זיין בוך „וועגן פליכטן" (בוך 2, קאַפּיטל 24—22):

„די יעניקע, וואָס שטעלן זיך אַרויס פאַר פּאָלקס=פריינט און

ווילן צוליב דעם מאכן אזא עקספּערימענט, אז די באַלעבאַטים
זאָלן פאַרטריבן ווערן פון זייערע גיטער, אָדער זיי זאָלן שענקען
די בעלי־חובות דאָס אנטליענע געלט — זיי פּרייסלען אויף די
יסודות פון דער מלוכה... וואָרום דער אייגנטלעכער צוועק פון
א מלוכה און פון א שטאָט איז — שיצן די פרייהייט און אומ=
בארירלעכקייט פון אייגנטום... וואָס פאַר א יושר איז דאָס, אז
א נחלה, וואָס האָט לאנגע יאָרן אָדער דורות נאָכאנאנד געהאַט
א געזעצלעכן באַלעבאָס, זאָל אריבער צו א צווייטן, וואָס האָט
פריער גאָר קיין נחלה נישט געהאַט, און דער, וואָס האָט יאָ גע=
האַט, זאָל זי אָנווערן? פאַר אזא אומגערעכטיקייט האָבן שוין
די לאַקעדעמאניער געהרגעט אמאָל זייער קעניג אגיס, — א פאַל,
וואָס איז ביי זיי אזוי קיינמאָל נישט פאַרגעקומען. פון דעמאָלט
אָן איז דאָרט אוועק א רייע פון אומרוען, צוליב וועלכע די דאָ=
זיקע מלוכה, מיט איר אויסגעצייכנטער קאָנסטיטוציע, איז גאָר
חרוב געוואָרן. און נישט נאָר זי אליין איז געפאַלן, נאָר זי האָט
מיטגעשלעפּט מיט זיך גאַנץ גריכנלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגע=
שטעקט מיט דער זעלבער לאַקעדעמאנישער קרענק. און אונזערע
גראַקכעס?.. איבער וואָס זענען זיי אומגעקומען, אויב נישט אי=
בער די רייסערייען ארום דער ערד־פאַרטיילונג"? ציצעראָן האָט
געהאַלטן פאַר שעדלעך יעטוועדע אגראַר־רעפאָרם, אפילו די גראַק=
כישע. און פונקט אזוי האָט ער זיך באַצויגן אויך צו יעדער
ראַדיקאַלער וווינונג־רעפאָרם: „מען זאָל אומזיסט וווינען אין א
פרעמד הויז? וואָס הייסט? אז איך האָב געקויפט, געבויט, אויס=
געהאַלטן, מיין געלט דערויף אויסגעגעבן, זאָלסטו קעגן מיין ווילן
געניסן פון מיין אייגנס? וואָס אנדערש איז דאָס, אויב נישט
אָפּרויבן ביי איינעם דאָס זייניקע און אָפּגעבן א צווייטן פרעמד
גוטס? נייע חובות־ביכער באַטייטן דאָך נישט עפּעס אנדערש, ווי
אז דו קאָנסט פאַר מיין געלט קויפן ערד. דו וועסט האָבן די ערד,
און איך מיין געלט וועל שוין מער נישט האָבן"?

אויף אזא אופן איז פאַרשטענדלעך, אז ווען ציצעראָן האָט
געזיגט אין וואַל־קאַמף און איז געוואָרן קאָנסול, האָט ער אָנגע=
הויבן א קאַמף קעגן קאַטילינאַן אין נאָמען פון אָרדנונג און אייגנ=

טום. ער האָט דערבײַ אויסגענוצט זײַן בעסט געווער: רעדנערקונסט, דעמאַגאָגישע אַדוואָקאַטישע שפּיצלעך, שטעמפּלען דעם קעגנער, ווי א מענטשן אָן שום מאָראַל, אָן אנשטענדיקייט, אָן ערע. און די וועלט האָט טאקע איבערגענומען בײַ ציצעראָנען אָט די פארקריפּלטע פאָרשטעלונג וועגן קאַטילינען. דער סאָציאַל־קאָנסערוואַטיווער פּאַטריאָט סאַלוסטיוס, וועלכער האָט געשריבן אין 20 יאָר ארום, האָט זיך געהאַלטן בײַ ציצעראָנס קוק אויף קאַטילינען, און אפילו די גריכיש־שרײַבנדיקע היסטאָריקער פון רוים, ווי פּלוטארך און אַפּיאַן, האָבן אויך נישט געפּרוווט אים צו פארטיידיקן. פּלוטארך חזרט אפילו איבער אָן שום קריטיק די געשמאַקלאָזעסטע בבא־מעשיות וועגן קאַטילינען און זײַנע פרײַנט. עס איז אָבער א פאקט, אז קאַטילינא האָט זיך מקריב געווען פאר אלע אָרעמע און אונטערדריקטע, און די מאסן האָבן אים ממש פארגעטערט. ווי די קאַטילינא־אָנהענגער זענען געווען באַגײַסטערט, קאָן מען זען פון דער ווענדונג, וואָס זייער מיליטערישער פירער מאַנליוס האָט געמאַכט צום רוימישן פעלדמאַרשאַל מארציוס: „...מיר פארלאַנגען נישט קיין הערשאַפט און נישט קיין רײַכקייט, ווײַל זיי זענען דער קוואַל פון אלע מלחמות און שטרײַטן אויף דער וועלט; מיר פארלאַנגען נאָר פרײַהייט“.

קאַטילינא האָט צוויי מאָל קאַנדידירט אויפן אמט פון קאָנסול, כדי צוצוקומען צו דער גנזצלעכער מאכט, ארויסרײַסן דעם מלוכה־רודער פון די געציילטע יחידים, וואָס באַלעבאַטעווען אין דער מלוכה, ווי זי וואָלט געווען זייער אייגנטום, און אומקערן דעם פאָלק זײַנע רעכט און זײַן פרײַהייט“. בײַ די וואַלן האָבן אָבער געזיגט די היטער פון אָרדנונג. קאַטילינא האָט געליטן א מפּלה. און אזוי ווי דער לעגאַלער וועג איז שוין געווען פאַר אים פארצוימט, האָט ער זיך גענומען אָרגאַניזירן די אומצופרידענע מאסן און צוגרייטן אן אויפשטאַנד. ציצעראָ, דער זיגרײַכער קעגנער קאַטילינאַס, האָט אָבער אומעטום געהאַט זײַנע שפּיאָנען — און זיי איז נאָך לײַכטער געווען אלץ אויסצושפּירן, ווײַל קאַטילינא איז אוועק אויף דער פּראָווינץ, כדי צו פארבינדן זיך דאָרטן מיטן רוימישן מיליטער. דעם 5 דעצעמבער פון יאָר 63 האָט מען

אין רוים אויסגעשפירט די הכנות צום אויפשטאנד און מען האט די פֿאַררעטער געטויט. קאטילינא מיט זיין מחנה זענען אין קומענ־ דיקן יאָר 62 באזיגט געוואָרן אין אן אָפּענער שלאכט, נישט ווייט פֿון פלאָרענץ. קאטילינא און מאגליוס זענען ביידע געפאלן אין דער דאָזיקער שלאכט. ווי העלדיש און הארטנעקיק דער קאמף איז געווען, קאָן מען זען פון דער באשרייבונג ביי סאלוסטיוסן (שלום־קאפיטל). :

„ערשט אז די שלאכט האָט זיך געענדיקט, האָט מען גע־ קאָנט זען, וואָסער מוט און באגייסטערונג סהאָבן געהערשט צווישן קאטילינאס חיל. כמעט יעדער איינער איז געפאלן טויט אויף דעם זעלבן אָרט, וואָס ער האָט געשיצט לעבעדיקערהייט אין קאמף. קאטילינען אליין אָבער האָט מען געפונען צווישן די טויטע קער־ פער פונם קעגנער; ער האָט נאָך שוואך געאָטעמט, און זיין געזיכט האָט נאָך אויסגעדרוקט די זעלבע עקשנות, מיט וועלכער עס האָט זיך אויסגעצייכנט ביי זיין לעבן“.

די אָליגארכישע קאָרומפירטע רעפובליק האָט זיך שנעל דער־ גענטערט צו איר אונטערגאנג. אין צוויי יאָר ארום נאָך קאטילי־ נאס טויט האָט שוין רוים געהאט דעם מיליטערישן דריילינג — פאמפייאוס קראסוס און יוליוס צעזאר. די מיליטערישע מאָנאר־ כיע האָט זיך שוין געקלאפט אין די טירן פון דער רוימישער וועלט־אימפעריע.

5. די אויפשטאנד פון די שקלאפן.

פון נאָך דער צווייטער פונישער מלחמה (201 פאר קר. נעב.) און נאָך די זיגרייכע מלחמות קעגן מאקעדאָניען און סיריען האָט זיך אין די גרויסע מאיאָנטקעס זייער שנעל פארשפרייט די שקלא־ פן־ארבעט. דער גורל פון די דאָזיקע קנעכט־ארבעטער איז גע־ וואָרן אלע מאָל ערגער און שווערער, וואָרום די ווירטשאפט האָט זיך געפירט אויף א קאפיטאליסטישן אופן און די רוימער, ווי וועלט־הערשער, האָבן זיך געמיאוסט מיט ארבעט און פאראכטעט יעדן אומפארמעגלעכן. אלע מלאכות, און אפילו הויז־ארבעט — אלץ האָבן געטון שקלאפן. אומגעהויערע מאסן זענען געווען פאר־

נומען בײם אויפשטעלן לוקסוס-בנינים און פארלייגן גערטנער. און איז די פלוטאָקראטן איינגעפאלן — האָט מען בערג איבערגעטראָגן, אָזערעס געגראָבן. די שטענדיקע מלחמות אין אלע טײלן וועלט האָבן געבראכט הונדערטער טויזנטער געפאנגענע, וועלכע מען האָט געשפאנט אין יאָך — און דאָך האָט עס נישט געקלעקט פאר די רוימישע מאגנאטן. האָט מען זיך פארנומען מיט מענטשן-יאגד, מיט מענטשן-רויב, אבי צו זעטיקן דעם נאָכפרעג אויף שקלאפן. רוים איז געוואָרן דער טיראן פון דריי וועלט-טײלן. מיט די שקלאפן איז מען זיך באגאנגען אלץ אכזריותדיקער. וועגן דער אכזריות קאָן מען אורטײלן לויט דעם פאקט, אז אפילו קאטאָן דער עלטערער, וואָס האָט געשמט אין רוים מיט זיין גרויסער טוגנט, פלעגט זיינע שקלאפן פשוט פארקויפן, ווי נאָר זיי זענען אלט געוואָרן און נישט געקאָנט מער ארבעטן. סאיז דעריבער פארשטענדלעך, אז די שקלאפן זענען נישט געווען רויק, און זענען געווען גענייגט ארויסצווייזן א ווידערשטאנד און צו אנטלויפן ביי יעדער געלעגנהייט. כדי זיי זאָלן נישט קאָנען אנטלויפן, האָט מען די לאנדווירטשאפטלעכע שקלאפן געשטעמפלט מיט אָנגעגליטן אייזן און בעת דער ארבעט זענען זיי געווען געפענטעט. פאר אנטלויפן האָט געדראָט טויט-שטראָף דורך קרייציקן. אמביטערסטן אָבער איז געווען דער גורל פון די שקלאפן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער פיזישער קראפט: פון זיי האָט מען אויסגעבילדעט מחנות גלאדיאטאָרן, וועלכע האָבן באדארפט ווײלן דעם פאטריציש, ריטערלעכן און פלעבעישן המון מיט זייערע טויט-געפעכטן אויף דער ארענע.

די געבילדעטע קריגס-געפאנגענע און ערוב'ניקעס, ווי למשל די גריכן און סיריער, האָט מען געמאכט פאר לערער אָדער הויזפארוואלטערס, און מען האָט זיי מיט דער צייט געגעבן די פרייהייט. איינער פון אָט די פריי-געלאָזענע איז געווען דער גריכישער היסטאָריקער פאָליביאָס, וואָס זיינע היסטאָרישע ווערק פון יענער צייט געהערן צו די בעסטע פון דעם מין. די רוימישע פריצים און פלוטאָקראטן האָבן זיך אָבער באצויגן מיט פאראכטונג צו די גריכן, און האָבן באדויערט, וואָס יענע האָבן אַ איינפלוס אויף

דער רוימישער קולטור. עס זענען געווען איינצעלנע אויסנאמען, אָבער בכלל גענומען האָבן די רוימער זייער שלעכט געקוקט אויף אלץ, וואָס איז גריכיש.

אז ס'האָט זיך אָנגעקליבן אויף איין אָרט א מאסע שקלאפן, — מענטשן איבערפולטע מיטן ביטערסטן האס — האָט דאָס פריער אָדער שפּעטער געמוזט פירן צו פארשווערונגען און אויפשטאנדן; ס'זענען בלויז נויטיק געווען ענערגישע פירער, וואָס זאָלן געבן דעם שטויס דערצו. דער ערשטער שקלאפן-אויפשטאנד אין איטאליע איז אויסגעבראָכן אין יאָר 187 פאר קר. געב. אין אפּוליען. ער איז באלד דערשטיקט געוואָרן, און 7000 שקלאפן זענען דערביי געקרייציקט געוואָרן. א סך בלוטיקער און פארעקשנטער זענען געווען דערנאָך די צוויי גרויסע אויפשטאנדן אין סיציליען (פון 134 ביז 132 און פון 104 ביז 101). אויף אָט דעם פרוכטבארן אינזל האָט זיך באזונדער פאנאנדערגעבליט די שקלאפן-ווירטשאפט. דאָרטן זענען געווען גרויסע מלוכהשע לאטיפונדיעס: קאָלאָסאלע תבואה-פעלדער, איילבירטן-פלאנטאציעס און פאשע-פעלדער פאר פי-צוכט. גרויסע מאסן פון שקלאפן האָבן באארבעט דעם באָדן, געבאוועט די בוימער און געפיטערט די סטאדעס — אזוי אז סיציליען איז געוואָרן דער שפּייכלער פון גאנץ רוים. דער אויפשטאנד, וואָס האָט דאָרט אויסגעבראָכן אין יאָר 134, האָט זיך פארוואנדלט אין אן אמתער דויערנדיקער מלחמה. אָנגעפירט מיטן אויפשטאנד האָבן דער סירער איינוס און דער מאקעדאָניער קלעאָן; זיי האָבן צענויפגענומען א מחנה פון 70 טויזנט באוואָפנטע שקלאפן און האָבן כמעט דעם גאנצן אינזל פארכאפּט אין זייערע הענט. א פּאָר יאָר האָבן זיי זיך געהאלטן קעגן רוימישן חיל, ביז זיי זענען לסוף באזיגט געוואָרן, טיילווייז דורך הונגער און טיילווייז דורך באוואָפנטער קראפט. נישט ווייניקער פון 20 טויזנט מאן זענען געקרייציקט געוואָרן. און דאָס איז פאָרגעקומען גראָד אין דערזעלביקער צייט, ווען אין רוים האָבן די ברידער גראַקך געפירט זייער אגיטאציע. דער צווייטער סיצילישער אויפשטאנד האָט אויך געהאט פאר אָנפירער איינעם א סירער, מיטן נאָמען סאַלוויוס, און איינעם א מאקעדאָניער, אטעניאָן. ערשט אז ביידע

פירער זענען שוין אומגעקומען אין שלאכט, האָבן די רוימער באַוויזן צו דערשטיקן דעם אויפשטאנד.

די יאָרן, ווען ס'האָט זיך געפירט די גראקכישע אגיטאציע, זענען בכלל געווען אַ צייט פון אויפשטאנדן. אין קליין־אזיע האָבן זיך אי די באַלעבאַטים אי די שקלאפן געבונטעוועט קעגן דער אַלץ־וואַקסנדיקער הערשאפט פון רוים. אין יאָר 133 איז אין פערגאמאָן געשטאָרבן דער קעניג אטאלאָס 111, א גייסטיק־קראַנקער מאָנארך, וועלכער איז ארונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאפט פון רוים. מיט געוואַלט אָדער מיט שווינדל האָבן די רוימער ארויסבאַקומען פון אים אַ צוואָה, אַז ער שרייבט אָפּ פאַר רוים זיין גרויסן פארמעגן און דאָס גאנצע לאנד. אין דער צייט איז אין פערגאמאָן פונקט איינגעפירט געוואָרן אַ פולקאָמע פּאָליטישע דעמאָקראטיע; אַלע איינוווינער, סיי אָרטיקע סיי פרעמדע, סיי פארמעגלעכע סיי אָרימע, האָבן באַקומען וואַל־רעכט און די מעגלעכקייט אליין צו פארוואַלטן מיט זייער מלוכה. און ווען די רוימער האָבן אויפן סמך פון זייער ירושה־רעכט געוואָלט איבערנעמען די מאכט אין לאנד, איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאנד; אָנגעפירט האָט מיט אים אריסטאָניקאָס, אַ שטיף־ברודער פון פארשטאָרבענעם קעניג אטאלאָס. געוווינט האָט אריסטאָניקאָס אין אַ קליינער האפן־שטאָט לייקא, צווישן סמירנע און פאָקייע. איינע שטעט זענען צוגעשטאַנען צו אים, אנדערע ווידער, ווי עפעס, האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די רוימער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה, אין וועלכער אריסטאָניקאָס האָט לכתחילה געליטן אַ מפלה. באַלד איז ער אָבער ווידער ארויס אַלס באַפרייער פון די שקלאפן, און האָט אויפגעפאָדערט אַלע פארקנעכטעטע ארבעטער צום קאמף קעגן רוים. די שקלאפן זענען מאסנווייז געגאנגען נאָך אים, און ער האָט מיט זיי געגרינדעט אַ „זון־שטאָט“ אָדער אַ „זון־מלוכה“. וואָס דאָס איז געווען פאַר אַן אויפטו, איז נישט קלאָר; די היסטאָרישע מקורים קלערן דאָס נישט אויף. מען קאָן זיך אָבער משער זיין, אַז דאָס האָט געמוזט זיין אַ מין קאָמוניסטישער ישוב. צום סוף פון אלטערטום און אויך אין מיטלאַלטער האָט מען געוויינלעך אונטער די ווערטער „זון־מלוכה“

פארשטאנען אַ קאָמוניסטישן ישוב. די בירגער פון דער זון־שטאָט, וואָס אריסטאָניקאָס האָט געגרינדעט, ד. ה. די באפרייטע שקלאפן, האָבן זיך זייער שנעל אָרגאניזירט און האָבן זיך זיגרייך פאר־שפרייט איבערן גאנצן פערגאמאָנישן לאנד. די רוימער האָבן זיך דערשראָקן, אז זיי קאָנען פארלירן זייער „ירושה“, און האָבן אין יאָר 131 ארויסגעשיקט אַן ארמיי קיין פערגאמאָן, אונטער דער אָנפירונג פון אַ קאָנסול. די ארמיי איז געווים געווען אַ באדייטנ־דיקע, און דאָך האָט אריסטאָניקאָס אָפגעהאלטן איבער איר אַ נצחון. די מלחמה האָט זיך ווייטער געצויגן ביזן יאָר 129, און לסוף זענען די „זון־בירגער“ פאָרט באזיגט געוואָרן. אריסטאָניקאָסן האָט מען גענומען געפאנגען, געבראכט קיין רוים און דאָרט אים געטויט.

6. ספארטאַק.

פאר אָט די אלע אומצאָליקע קרבנות פון רוימישער אונ־טערדריקונג האָט געזאָלט נקמה נעמען ספארטאַק; אַ נקמה, וואָס אזא האָט נאָך רוים ביז דאן נישט געזען. דער אויפשטאנד פון די עקספלואטירטע און אונטערדריקטע אונטער ספארטאקס אָנ־פירונג (פון 73 ביז 71 פאר קר. געב.) איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוואָרפן אזא אימה אויף די רוימישע וועלט־הערשער און האָט זיי טאקע געבראכט די שענדלעכסטע מפלות. די סאמע דערנידעריקטע שקלאפן, די גלאדיאטאָרן, האָבן זיך פארמאָסטן קעגן די קאָנסולארישע רוימישע חיילות און האָבן זיי אין אַ רייע שלאכטן שטארק צעשלאָגן. ווי רוים האָט זיך געפילט נאָך אָט די מפלות, קאָן מען זען פון אַ באמערקונג ביים רוימישן היסטאָרי־קער פלאָרוס (Römische Geschichte, 3 Band, 20 Kap.)

„די שאנד פון אַ שקלאפן־קריג קאָן מען נאָך פארטראָגן. ווי דער גורל האָט נישט דערנידעריקט די שקלאפן, זענען זיי דאָך פאָרט מענטשן, זאָל זיין פון צווייטן ראנג, און קאָנען אמאָל ווי־דער ווערן פרייע. אָבער ווי זאָל איך באצייכענען דעם קריג מיט

ספארטאקן, דאָס ווייס איך אליין נישט. שקלאפן זענען דאָ גע־וואָרן קריגס־לייט און גלאַדיאַטאָרן — קריג־פירער. אָט די נידע־ריקסטע און פאראכטעטע קלאסן האָבן א חוץ געפאר נאָך גאַ־רעקט אונז מיט שפּאָט".

ספארטאק האָט זיך ארויסגעוויזן פאר אַ מיליטער־פירער און אָרגאַניזאַטאָר, כמעט אזוי גרויס, ווי האַניבאַל. וואָלט ער געהאט אַ געגוגנדיקע צאָל גוט באוואָפנטע כחות, וואָלט ער געקאָנט ברעכן די הערשאפט פון רוים. פלוטארך שילדערט אים (אין דער ביאָ־גראַפיע פון קראסוסן), ווי „אַ אויסערגט שטארקן און ערגסטן מאַן, אויסערגעווייגלעך קלוג און גוט, — ניכער אַ עכטער גריך, איידער א באַרבאַר". פאר פלוטארכן דעם העלענער איז דאָס זיי־ער א גרויסער לויב. ספארטאק האָט ארויסגערופן אנטציקונג אויך ביי אזעלכע מענטשן, ווי לעסינג און מארקס.

וועגן ספארטאקס יוגנט־יאָרן און בכלל וועגן זיין לעבן ביזן יאָר 73 ווייסט מען זייער ווייניק. ער איז געווען פון טראַקיען, פון אַ נאָמאדישן שבט; קיין רוים האָט מען אים געבראכט אלס אַ קריגס־געפאנגענעם און פארקויפט פאר אַ שקלאף. איז ער אנטלאָ־פען און זיך פארדונגען פאר אַ זעלנער; דערנאָך האָט מען אים פארקויפט צו איינעם אַ איינגעמימער פון אַ געפעכט־שול אין קאַ־פוע, ער זאָל אים מאכן פאר אַ גלאַדיאַטאָר. מיט אים צוזאמען האבן זיך דארט געפונען נאך ביז 200 שקלאפן, טראַקיער און גאַליער, און זיי האָבן זיך אלע פארשוואָרן אויסצונוצן די ערשטע בעסטע געלעגנהייט אויף צו ראטעווען זיך אויף דער פריי. די פארשווערונג איז אויסגעגעבן געוואָרן, אָבער ספארטאקן מיט נאָך אַ 70 אנדערע האָט זיך פאָרט איינגעגעבן ארויסצורייסן זיך. אויפן וועג האָבן זיי פארכאפּט אַ וואָגן מיט געווער, און האָבן מיט דער־פאָלג זיך פארטיידיקט קעגן די פארפאָלגער, וואָס דער אייגנטימער האָט באלד ארויסגעשיקט קעגן זיי. וועגן זייער דערפאָלג האָט מען זיך גלייך דערוווסט אין דער אומגעגנט, און ס'האָבן זיך צו זיי אַ לאָז געטון נייע אָנהענגער און קעמפער. זייער צאָל איז שוין איצט געווען ארום 200 — און זיי האָבן גענומען אָן שום רחמנות באפאלן די פארמעגלעכע. לכתחילה האָט מען אויף זיי געקוקט

זוי אויף א נעפערלעכע רויבער־באנדע, און די רוימישע מיליטער־מאכט האט קעגן זיי ארויסגעשיקט דעם פרעטאר קלאוודיוס פול־כער מיט 3,000 זעלנער. כדי א סוף צו מאכן צו די רויבערייען.

ספארטאק האט פארנומען א פאזיציע אויפן שפיץ פון בארג וועזוויוס און האט שטארק צעשלאגן דאס רוימישע חיל. דער גאנ־צער לאגער פראוויאנט און וואפן, איז ארייגעפאלן אין זיינע הענט. פון דעם מאמענט אן איז ספארטאק שטארק מפורסם גע־ווארן. זיין נאמען איז געווארן באוווסט אין גאנץ איטאליען. ער האט זיך עפנטלעך דערקלערט פאר א שונא פון רוים, און ארויסגע־לאזט א רוף צו אלע שקלאפן און אונטערדריקטע, זיי זאלן צושטיין צו אים און אויפנעמען דעם באפרייאונגס־קאמף. מאסן שקלאפן און באזיצלאזע, פרעמדע און היימישע, האבן זיך אפגערופן אויף זיין אפעל. דארפסלייט האבן געווארפן דעם אקער, פאסטוכער זייערע סטאדעס, שקלאפן זייערע הארן; געפאנגענע האבן אויפגעריסן די תפיסות, און צוואנג־ארבעטער האבן געריסן די קייטן — אלע זענען געלאפן צו ספארטאקן, אום זיך אפרעכענען מיט רוים. ספארטאק האט אויסגעבילדעט פון זיי אלע א חיל, וואס האט זיך אין שלאכט זייער גוט געהאלטן; אבער אפילו ער האט זיך נישט געקאנט דערשלאגן, אז אט די פארביטערטע איבערפולטע מיט האס מענטשן זאלן זיך ווי געהעריק באגיין מיט דער פרידלעכער באפעלקערונג. גייענדיק איבערן לאנד, האבן זיי גערויבט, גע־צונדן און וויסט געמאכט די בליענדיקע געגנט קאמפאניען; די לייכטע מחנות זענען שוין אונטערגעקומען גאנץ נאענט צו רוים און האבן אומעטום א שרעק פארשפרייט. און צוליב אט די רויבערייען האט ספארטאק צומאל נישט געקאנט אויסנוצן ווי געהעריק זיינע נצחונות אדער באצייטנס אנצופאלן אויפן פיינט. זיין חיל איז באשטאנען פון פארשידענע עטנישע עלעמענטן — טראקיער, סיריער, גאליער, גערמאנער, איטאליקער א. א. וו.— און ס'איז געווען שווער אויפצוהאלטן לאנג די אייניקייט צווישן זיי.

די ידיעה וועגן דער מפלה פונם פרעטאר קלאוודיוס פול־כער האט ארויסגערופן אין רוים פארווונדערונג און שטארקע אומ־צופרידנקייט. מען האט אויף גיך פארמירט אן ארמיי פון 8 ביז

10 טויזנט מאַן. אונטער דער אָנפירונג פון נייע צוויי פּרעטאָרס: די שטענדיקע רוימישע לעגיאָנען האָט מען פאַר אַזעלכע עקספּע־דיציעס געוויינלעך נישט גענומען, און זיי זענען טאַקע געווען פאַרנומען אויך אין שפּאַניען און ביים דונאַי, וווּ עס האָבן אָפּגערירט די גרויסע קריג־פירער פּאָמפּייוס און לוקולוס. ספּאַרטאַק אַליין איז געווען גענוג פאַרזיכטיק און האָט נאָך מורא געהאַט אָנצונע־מען א שלאַכט מיטן שונא אין אָפענעם פעלד; זיינע געהילפן אָבער, באַזונדער די גאַליער, האָבן געהאַלטן זיין פאַרזיכטיקייט פאַר פּחדנות און האָבן מיט 3000 מאַן אונטערגענומען אויף אייגענער אחריות א אָנגריף — און זענען צוקלאַפּט געוואָרן. ערשט דעמאָלט האָבן די איבעריקע פאַרשטאַנען די אויסגערעכנטקייט פון זייער פירער, האָבן זיך אונטערגעוואָרפן זיינע באַפעלן און זענען אָפּגעטראָטן — אָן שום פאַרלוסטן. אין גיכן האָט ספּאַרטאַק געפונען א געלעגנהייט צו פאַריכטן דעם שאָדן פון דער געליטענער מפּלה. נאָך איניקע געלונגענע אָנפאַלן און צוזאַמענשטויסן איז עס ווידער געקומען צו א שלאַכט, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט פאַר ספּאַרטאַקן מיט אַ גלענצנדיקן זיג. די גלאַדיאַטאָרן האָבן שוין געהאַט איינגענומען גאַנץ נידער־איטאַליען.

די שקלאַפן־חיילות האָבן געיובלט און גערויבט. ספּאַרטאַק אָבער איז געוואָרן אַלץ מער פאַרזאָרגט און ערנסט. ער האָט גוט געקענט די רוימישע אימפּעריע און האָט געוווּסט, אַז דער איצ־טיקער קאַמף איז נישט מער ווי א פאַרשפּיל ערשט און רירט נאָך גאָר ווייניק אָן די מאַכט פון רוים. זיין געדאַנק איז געווען פאַרנומען דער עיקר מיט דעם, ווי צו באַפרייען די שקלאַפן. און דעריין, האָט זיך אים געדאַכט, קאָן ער זייער פיל אויפטון. אין ני־דער־איטאַליען זענען די שקלאַפן שוין געווען באַפרייט. ער האָט דעריבער געוואָלט וואָס גיכער זיך לאָזן אויף צפון, דורכמאַרשירן גאַנץ איטאַליען, צעקלאַפּן אַלץ וואָס וועט זיך אים שטעלן אין וועג, איידער נאָך די רוימער וועלן צייט האָבן קומען צו זיך פון שרעק, איידער זיי וועלן באַוויזן אַרויסצורופן פּאָמפּייוסן און לוקולוסן מיט זייערע לעגיאָנען. אָט דער פּלאַן זאָגט עדות וועגן ספּאַרטאַקס גרויסן פּאָליטישן פאַרשטאַנד. אָדער זיינע געהילפן און אויך דאָס היל... יוּ... האָט שוין פאַרזוכט רוימיש בלוט, זענען זייער שאַרף

און פארעקשנט ארויסגעטראטן קעגן דעם דאזיקן פלאן. אומזיסט
האט זיי ספארטאק אנגעוויזן, אז זיי וואלטן נאך נישט בכוח
געווען צו פארמעסטן זיך מיט די אייננטלעכע רוימישע לעגיאנען:
אומזיסט האט ער זיי געשילדערט, ווי מעכטיק די רוימישע אימ־
פעריע איז, און אז אויב אפילו זי איז א שטיק צייט ווי צעטומלט,
איז אבער אז זי וועט צענויפזאמלען אלע אירע קרעפטן, וועט זיין
שווער זי צו באזיגן. די מיינונג פונם חיל האט זיך צעטיילט: די
גאליער און די גערמאנער, אנגעפירט פונם געהילף קריקסיוס, זע־
נען געשטאנען פאר א תיכפדיקן מארש אויף דער שטאט רוים:
די טראקיער און די נידער־איטאליקער האבן געהאלטן מיט ספאר־
טאקן. דערווייל האט רוים געמאכט אלע נויטיקע הכנות, כדי צו
באגעגענען די גלאדיאטארישע ארמיי מיט א געהעריקער קראפט.
אנשטאט דער פריערדיקער גרינגשעצונג איז איצט געקומען די
ערנסטע זארג. דריי שטארקע ארמייען זענען געשיקט געווארן.
צוויי מיט קאנסולן אין דער שפיץ, און איינע מיט א פרעטאר אין
דער שפיץ. האבנדיק פאר זיך אזא קראפט, איז ספארטאק מיט
קריקסיוסן אפילו געקומען צו אן אויסגלייך אבער קיין אמתע
איינינקונג איז דאס שוין נישט געווען. זיי האבן פאקטיש מאר־
שירט באזונדער: ספארטאק מיט 40 טויזנט מאן, און קריקסיוס
מיט 30 טויזנט מאן, וועלכע זענען אריבער אפוליען. קריקסיוס
האט זיך באלד אנגעשטויסן אויף דער פרעטארישער ארמיי,
וועלכע האט נישט אויסגעהאלטן דעם אנגריף פון די גאליער און
גערמאנער און זיך געלאזט אין אומארדענונג אנטלויפן. קריקסיוס
האט אבער נישט ווי געהעריק ארגאניזירט די פארפאלגונג. אזוי
אז אויפן צווייטן טאג האט זיך די פרעטארישע ארמיי ווידער צע־
נויפגענומען, אומגעריכטערהייט באפאלן די גאליער און זיי צע־
שלאגן. קריקסיוס אליין איז אויך געפאלן אין שלאכט, קוים א 10
טויזנט מאן האט זיך געראטעוועט און זיך דורכגעריסן צו ספאר־
טאקן. די זיגרייכע ארמיי פונם פרעטאר האט זיך דאן פאראייניקט
מיט איינער פון די קאנסול־ארמייען און געטיילט אין צוויי פא־
לאנגעס, האבן זיי גענומען זוכן ספארטאקן מיט זיין חייל. ספאר־
טאק האט נישט געלאזט לאנגווארטן אויף זיך. א קלענערן טייל
פון זיין חייל האט ער ארויסגעשיקט קעגן דער צווייטער קאנסול־

ארמיי, כדי זי פארהאלטן אין איר וועג, און מיט זיבּ גרעסטן טייל פון זיין חיל האט ער זיך געווארפן אויף דער ערשטער קאנסול־ארמיי און האט זי פולשטענדיק צעשלאגן. דאן האט ער זיך אויף גיך פאריייניקט מיטן איבעריקן חיל זיינעם און אפגעהאלטן אין זעלבן טאג נאך אן אנטשיידענעם זיג, שוין איבער דער צווייטער קאנסול־ארמיי. ער האט פארנומען א מאסע רויב און זייער פיל געפאנגענע. אז א שום אפרו האט ער גלייך אוועקמארשירט ווייטער, צו צפון צו, האט האסטיק אפגעווארפן אלע מחנות וואס די רוימישע פרעטארן און פראקאנסולן האבן אים אנטקעגנגעשיקט, און איז צוגעקומען ביז מאדענא. ס'האט אויסגעזען, אז ער איז אומבאזיגבאר. דא האט ער געטון א זאך, וואס האט שמערצלעכער פאר אלץ געטראפן און באליידיקט די רוימער. ער האט געמאכט א פייערלעכע לויה פאר קריקסיוסן און דערביי באפוילן, אז 300 געפאנגענע רוימער זאלן אויפטרעטן ווי גלאדיאטארן און דורכפירן אין אנוועזנהייט פון גאנצן חיל א געפעכט אויף לעבן און טויט. די אקארשט פאראכטעטע שקלאפן זענען איצט געווען די צושויער— און די שטאלצע רוימער האבן געפירט ווי גערונגענע דאס געפעכט אויף דער ארענע! קיין שום מפלה האט נישט פארשאפט די רוימער אזא ביטערן ווייטאג, ווי אט די שפיל. דער גלאדיאטארישער טויט פון 300 רוימישע זעלנער איז געווען די שענדלעכסטע באליידיקונג פאר דער מאיעסטעט פון רוים, אן אייביקער שאנדפלעק אויף זיין ערע, זייער ריכטיק באמערקט מייסנער אין זיין „ספארטאקוס" (ז. 71): „משפטן געפאנגענע קיסרים און פירשטן מיט קאלטער אויסגערעכנטער אכזריות, זיי פייניקן אין תפיסה מיט הונגער. רייסן פון זיי שטיקער, אנטון דעם שווערסטן טויט: אדער פאריאגן גאנצע פעלקער און זיך באגיין מיט זיי ווי מיט סטאדעס פי — דאס אלץ האבן די רוימישע בירגער, דאס אזוי גערופענע ערשטע און איידלסטע פאלק אויף דער ערד, געהאלטן פאר זייער אויסשליסלעך רעכט. אז מען זאל גאר אבער זייערע געפאנגענע בירגער אויך קאנען צווינגען, זיי זאלן זיך קעגנזייטיק ממיתן, — ווענן אזא חוצפה האט קיינמאל קיין שום רוימערס אויער נישט געהערט, אפילו דער געדאנק פון אזא מעגלעכקייט איז אין זיין הארץ קיינמאל נישט אויפגעקומען. און ווער האט עס

זיי אָנגעטון אזא שאַנד? א מענטש, וואָס ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק, האָט וועגן זיין לעבן און טויט געקאָנט אָנטשיידן דער אויפגעמאַכטער אָדער פאַרבויגענער פינגער פון א פּאָר פּלעבייער! א מענטש וואָס וואָלט, צוזאַמען מיט נאָך פופציק אָדער זעכציק אַזעלכע ווי ער, זיך געמוזט לאָזן הרגענען, ווי נאָר א ייִנגן רוימישן פּאַטריציער וואָלט איינגעפאַלן צו ברענגען א קרבן זיין פאַרשטאָרבענער מומע!"

ספּאַרטאַק האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון מאַכט. איצט האָט ער געקאָנט אויספירן זיין לכתחלהדיקן פּלאַן: באַפרייען די שקלאַפן־מאַסע, פאַנאַנדערלאָזן דאָס חיל, און לעבן מיט דעם באַוווסטזיין, אַז ער האָט איינגענומען רוים, דעם אונטערדריקער פון דער וועלט. אָבער פּלוצים האָט ער געענדערט זיין פּלאַן. ער איז נישט אַריבער דעם טייך פּאָ, נאָר זיך פאַרקירעוועט און אַוועק צו דרום צו. אין איטאַליען האָט מען געמיינט, אַז ער קלייבט זיך גייען אויף דער שטאָט רוים. א נייע פּרעטאָר־אַרמיי איז אים אַרויס אַנטקעגן, כדי אים פאַרצוימען דעם וועג: אין פּיצענישער געגנט איז געקומען צו א שלאַכט, פון וועלכער ספּאַרטאַק איז ווידער אַרויס א זיגער. אין רוים איז מען געוואָרן פאַרצווייפלט. אָבער ספּאַרטאַק האָט גאָר פאַרבייגעלאָזט רוים: ער האָט אַוועקגעפירט זיין אַרמיי אין נידער־איטאַליען, פאַרנומען טוריום און עס דערקלערט פאַר א פרייען האַפן און אַרויסגעגעבן א רייע הומאַניטאַרע געזעצן. עס זענען פאַראַן סימנים, אַז ספּאַרטאַק האָט געהאַט בדעה צ ו מאַכן פון נידער־איטאַליען א מלוכה, ענלעך צו דער ליקורגישער ספּאַרטע. ער האָט אָפּגעשאַפט דעם געברויך פון גאָלד און זילבער, איינגעשטעלט ביליקע פרייזן אויף אַלע לעבנס־מיטלען, און געזען איינצופירן דעם פּשוטן ספּאַרטאַנישן אַרט לעבן. די אַלע אַנטלאָפענע פון פאַרשידענע פעלקער וואָס האָבן געלעבט אונטער זיין שוץ, האָט ער זיך געמיט צו פאַראייניקן אין איין ברידערלעכער משפּחה און זיי דערציען פאַר גוטע קריגס־לייט. ספּאַרטאַק איז געווען פאַרטון מיט אַט די פּלענער, און האָט גאָר פאַרגעסן, אַז דער שונא נוצט דערוויל אויס די צייט און גרייט זיך מיט אַלע כוחות צו א נייעם קאַמף. די רוימער האָבן ווידער אויפגעשטעלט א שטאַרקע, גוט דיסציפּלינירטע אַר־

מיי, און דער דערפאַרענער פּרעטאָר קראַסוס איז באַשטימט גע־ וואָרן אַלס העכסטער קאָמאַנדיר. קראַסוס איז שוין איצט געווען אַ סך פאַרזיכטיקער, ער האָט אויך אויסגענוצט די העכערע רוימי־ שע טעכניק אין פאַרגלייך מיט דער ספּאַרטאַקישער, — אָבער דאָך האָט ער אין אָנהויב געליטן עטלעכע מפּלות. די לאַגע איז פאַר קראַסוסן געוואָרן גינסטיקער ערשט דעמאָלט, ווען ביי ספּאַר־ טאַקן אין לאַגער האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן סיכסוכים: די הי־ ציקע נישט דיסציפּלינירטע גאַליער האָבן ווידער גענומען האַנד־ לען אויף אייגענער האַנט און האָבן געליטן גרויסע פאַרלוסטן. ספּאַרטאַק האָט נאָך אָפּגעהאַלטן אַ רייע נצחונות איבער קראַסוסן, אָבער לסוף איז זיין קראַפט, אין יאָר 71, געוואָרן געבראָכן. ער אַליין איז שטערבלעך פאַרווונדעט געוואָרן אין שלאַכט. אַרום 6 טויזנט מאַן זענען אַריינגעפאַלן צו קראַסוסן אין האַנט — און ער האָט זיי אַלע געקרייציקט בעת ביי ספּאַרטאַקן אין לאַגער האָבן זיך געפונען 3 טויזנט לעבעדיקע רוימער. די „נידעריקסטע" מענטשן, די ספּאַרטאַקישע גלאַדיאַטאָרן, האָבן גראָד געשוינט דאָס לעבן פון זייערע פיינט. אָבער דער שרעק פון אָט דער מלחמה מיט די גלאַדיאַטאָרן האָט זיך נאָך געלאָזט פילן אין רוים צענדליקער יאָרן. די רוימישע פאָלקס־פרויען פלעגן שרעקן זייערע נישט פאָלגנדיקע קינדער מיט די ווערטער: „אט וועט ספּאַרטאַק קומען"!

וו. רוימישע סאציאלע קריטיק

1. די אומצופרידנקייט פון די עקספראפריאירטע.

די סאציאלע דערשיינונגען, וועלכע מיר האבן העכער (קאפיטל 3, 5) אנגעמערקט, זענען געווארן אלץ בולטער צום סוף פון רעפובליקאנישן פעריאד. פון די אלע מלחמות, וואס די רוימישע לעגיאנען האבן געפירט, פון דעם ריין ביזן טייך פרת און פון דעם דונאי ביז דעם מדבר סאכארע, זענען ארויס אלס אמתע זיגער נאר דער גרויסער גרונד־באזיץ און דער גרויס־קאפיטאל, וואס האט געהאט א שייכות צום מלחמה־אפאראט. יוליוס צעזאר, וועלכער איז אמאל געווען א אינטימער פריינט פון קאטילינען און איז שפעטער געווארן א זיגרייכער פעלדמארשאל, האט געטרוימט וועגן א סאציאלער מאנארכיע: ער האט געמאכט א פרווו אויפצוהויבן די רוימישע און איטאליענישע מאסן, צו רעארגאניזירן די פראווינצן און זיי היילן פון די ווונדן, וואס זיי האבן געקראגן פונם גרויסן גרונט־באזיץ און קאפיטאל. אבער זיין פרווו האט געטראגן א ריין דיקטאטארישן כאראקטער. דעם 15 מערץ, יאר 44 פאר קר. געב., איז ער געווארן דערמארדעט — אבער מיט 13 יאר שפעטער איז די רוימישע אימפעריע שוין געווען א מאנארכיע: דער ערשטער רוימישער קייזער איז געווען אויגוסט (פון 31 פאר קר. ביז 14 נאך קר. געב.).

די יארן, ווען אט די פאליטישע איבערקערעניש האט זיך אפגעשפילט, זענען גראד געווען א צייט פון הויכער גייסטיקער קולטור, אויף וויפיל די רוימער זענען בכלל געווען קולטור־שעפעריש. די דיכטער ווירגיל (פון 70 ביז 19 פאר קר.), אוויד (פון 43 פאר ביז 9 נאך קר.) און האראציוס (פון 65 ביז 8 פאר קר.) זענען געווען די ליטעראַרישע צירונג פון יענער צייט. די היסטאריקער סאלוסטיוס און ליוויוס געהערן אויך צו דער צייט. דאס איז געווען דער העכסטער שטאפל פון לאטיינישער גייסטיקער קולטור. און דאס איז אויך געווען די צייט, ווען אין די טיפענישן פון

פאלק און אין די ישיבות פון פאלעסטינע און אלעקסאנדריע האבן זיך שוין געזאמלט די עלעמענטן פאר א נייער וועלט־רעליגיע, פארן קריסטנטום.

דערווייל האט זיך געזעלשאפטלעך נאך גאר נישט געענדערט. איטאליען איז געווען פול מיט לאטיפונדיעס, וועלכע זענען באארבעט געווארן דורך שקלאפן און קליינע פאכטערס; גענאסן פון דער ארבעט האבן נאר די אייגנטימער, וועלכע האבן באקומען די לאטיפונדיעס דורכדעם, וואס זיי האבן אראפגעטריבן גאנצע ישובים פויערים און קריגס־אינוואלידן פון זייער ערד און אויך פארכאפט אלע מלוכהשע גיטער. אין די פראווינצן האבן געבאלעבאטעוועט די שטייער־אויפמאנערס, וועלכע האבן געהאלטן די שטייערן אין ארענדע און האבן אומברחמנותדיק עקספלואטירט די באפעלקערונג פון גאנצע לענדער אין אזיע און אפריקע. די באפעלקערונג איז אלץ געווארן קלענער אין צאל; אנשטאט אלגעמיינער מיליטער־דינסט האט מען איינגעפירט געדונגענע סאלדאטן שפעטער, אז די גרויסע מלחמות האבן אויפגעהערט, איז די צאל שקלאפן אויך קלענער געווארן. די איטאליענישע פאלקס־קראפט האט זיך אנגעהויבן אויסשעפן. דער בארימטער אויסדרוק פון פליניוס דעם עלטערן (פון 23 פאר ביז 79 נאך קר.), אז „די לאטיפונדיעס האבן רוינירט איטאליען, איצט רויגירן זיי שוין אויך די פראווינצן" — כאראקטעריזירט גענוג דעם מצב, וועלכער האט זיך אנגעמערקט אין לעצטן יאר־הונדערט פאר קריסט. געבורט, און האט זיך וואס ווייטער אלץ מער פארשארפט. פליגיוס האט געשריבן ארום דער העלפט פון ערשטן יארהונדערט, אבער שוין א סך פריער איז אין רוים אומגעגאנגען א שפריכווארט, אז דער מענטש באטייט נאך אזוי פיל, וויפיל ער פארמאגט.

דער רוימישער דיכטער האראציוס, וועלכער איז געווען א היפשער דעמאגאג, האט געקלאגט (אדע 18, 2):

„די גיריקייט, וואס ווייסט נישט פון קיין זעט, רוקט אלץ ווייטער אפ דעם גרענעץ פון יעדן שכנישן פעלד. אומעטום טרעטסט דו אריבער דעם גרענעץ־סלופ פון פויער. ארויסגעשטויסענע וואנגלען מאן און ווייב; אין שויס טראגן זיי די הויז־כלים פון זייערע אבות און די ארימע קינדער".

סענעקא דער עלטערער אדער דער רעטאר (פון 54 פאר ביז 38 נאך קר..) באשרייבט דאס קלאגן זיך פון איינעם א לאנדווירט, ביי וועמען דער רייכער שכן האט אויסגעהאקט די ביימער און אים אונטערגעצונדן דאס שטיבל: „אייך, רייכע, געהער דאס פלאך־לאנד, און די שטעט מיט זייער אומגעבונג פילט איר אויך אן מיט אייערע פאלאצן... כדי אייערע ווילעס זאלן שטיין פריי אויף אלע זייטן און זאלן אום ווינטער האבן זומערדיקע ווארימקייט און זומער פרישע קילונג, און דער בייט פון די יארצייטן זאל זיי נישט שאדן, כדי איר זאלט אויף אייערע העכסטע דעכער קאנען פארפירן וועלדער און שווים־טייכן, — האט איר דערבראכט דערצו, אז איצט זעט מען בלויז איינזאמע ארבעט־היטער אויף פעלדער, וועלכע פריער האט א גאנץ פאלק באארבעט, און די מאכט פון אייערע פארוואלטערס גרייכט ווייטער, איידער די מאכט פון די קעניגן“.

אין א צווייטן ארט קלאגט זיך א ארימער פויער אויף א רייכן און דערציילט אוים זיין ביטער הארץ: „פון אנהויב בין איך נישט געווען קיין שכן פון א רייכן מאן. ארום מיר האבן געוווינט אין א סך הויפן גלייך פארמעגלעכע באזיצער, וועלכע האבן בשלום באארבעט זייער באשיידענעם באדן. ווי אנדערש עס איז איצט געווארן! דאס לאנד, וואס האט פריער געשפייזט אט די אלע בירגער, איז איצט איין גרויסער מאיאנטעק, וואס געהער דעם איינציקן רייכן. זיין גוט האט אויסגעברייטערט זיינע גרענעצן אין אלע זייטן: די פויערישע הויפן זענען פארשלונגען און פארשוואונדן, די הייליק־טימער פון די אבות זענען צעשטערט· די אלטע אייגנטימער האבן זיך געזעגנט מיטן גאט, דעם שיצער פון זייער משפחה, און האבן מיט ווייב און קינד געמוזט אוועקציען אין דער ווייט. גרויסע שטעט זענען איצט א איינטאניקע וויסטעניש. פון אלע זייטן רינגלט מיך די רייכקייט ארום ווי מיט א מויער: דא איז דער גארטן פונם רייכן, דארט — זיינע פעלדער, דא זיינע ווייננגערטנער, דארט — זיינע וועלדער און פאשעס... און אט דאס אויסשפרייטן זיך גייט אן א מאס און אן א גרענעץ, ביז סיידן דער רייכער שטויסט זיך אן אויף רייכע“.

(Pöhlmann, Geschichte der sozialen Frage, 1912, II, s. .553-4)

דאס זענען די לעצטע ווי־געשרייען פונם אונטערגייענדיקן

רוימישן פויערטום. און נישט בעסער איז אויך געווען די לאגע פונם שטאטישן פראלעטאריאט. די מעבר־לים־דעראבערונגען פון רוים האבן געבראכט אומגעהויערן שאדן די רוימישע און בכלל די איטאליענישע ארבעטער.

די נייע צייט פון דער קריסטלעכער מערב־אייראפע צייכנט זיך אין פלוג אויך אוים מיט דעם פאריאגן און אויסרויבן די פוי־ערים און מיט פארכאפן ים־לענדער. פארוואס אבער איז דא און דארט דער זעלבער פראצעס געווען אזוי פארשידן? נאך דער נייער צייט אין רוים איז געקומען א ירידה, אונטערגאנג — און אין מערב־אייראפע האט די נייע צייט געבראכט מיט זיך א פאליטישן אוןווירטשאפטלעכן אויפשוווּנג!

אין מערב־אייראפע האט דער פויער, פארלירנדיק זיין אייגנ־טום, אויסגעוואנדערט אין שטאט אריין; דארט האט ער זיך גע־פונען באשעפטיקונג אין האנטווערק און אין מאנופאקטור־אינדוס־טריע. די מעבר־לים לענדער האבן צוגעשטעלט רוי־מאטעריאלן. די אויסגעארבעטע סחורות האבן געהאט אן אפזאץ; דער נאכפרעג איז געוואקסן, דער מארק איז געווארן אלץ ברייטער. ווען אבער דער רוימישער פויער האט אויסגעוואנדערט אין שטאט, האט ער דארט געטראפן בלויז א פרימיטיוון האנטווערק אדער א קאנקורענט, וואס איז געשטאנען א סך העכער פון אים — דעם שקלאף. די איינגענומענע ים־לענדער זענען קולטורעל געשטאנען העכער פאר רוים. אין קליין־אזיען און אין עגיפטן זענען געווען אזוינע געשיק־טע האנטווערקער און זיי האבן אויסגעארבעט אזעלכע זאכן, וואס די פרייע רוימער האבן דערפון נישט געוווסט אפילו. פונקט ווי די גריכן האבן גייסטיק געשלאגן זייערע באזיגער, אזוי האבן קליין־אזיע און עגיפטן איבערגעשטיגן רוים מיט זייער פראדוקציע. רוים איז אליין גאר געווארן אן אפזאץ־מארק פאר די פראווינצן. און די פארארימטע מאסן האבן געמוזט לעבן אויפן חשבון פון דער מלוכה אדער פון פריוואטער צדקה, אדער זיי האבן געמוזט צוריק ווערן קליינע ערד־פאכטערס, אבער שוין אויף די באדינגונגען, וואס די גרונט־באזיצער האבן זיי דיקטירט.

אין דער קריסטלעכער אייראפע האט זיך אין משך פון דער בייער ביז דער נייעסטער צייט שטארק אנטוויקלט די טעכניק.

פארגעקומען א גאנצעווירטשאפטלעכע רעוואלוציע. רוים אבער איז פון דער נייער צייט צוריק אריבער צום מיטאלטער: ער איז פעאדאליזירט געווארן, און די קליינע פויערים זענען אראפגעדריקט געווארן צום מצב פון לייב־קנעכט. דאס איז געווען דער אזוי גערופענער קאלאנאט, וועלכער האט זיך זייט דעם 1־טן יארהונדערט פון דער קייזער־תקופה אומעטום פארשפרייט.

נאטירלעך, האט דער דאזיקער צוריקגאנג אריינגעווארפן דעם רוימישן שטאטישן פראלעטאריאט אין א תהום פון נויט, עלנד און פארווילדונג. און די אומצופרידנקייט און בונט־שטימונג, וואס האט שוין אין דער צייט פון ספארטאקן און קאטילינען ארומגעבאפט אלע באזיצלאזע, פארחוב'עטע און בכלל אלע נויט־לײַדנדיקע — אט די שטימונג איז איצט נאך מער געוואקסן.

פארוואס אבער הערן מיר גאר נישט וועגן א קאמוניסטישער באוועגונג צווישן רוימישן פראלעטאריאט?

כדי צו ענטפערן אויף אט דער וויכטיקער פראגע, מוזן מיר זיך כאטש אביסל באקענען מיט די רוימישע שריפטשטעלער פון יענער צייט; זיי האבן דאך, נאטירלעך, נישט געקאנט פארשוויגן די שטימונגען, וואס האבן געהערשט אין א צייט פון אזא טיפן סאציאלן קריזיס.

2. די בענקשאפט נאך א איינפאכן לעבן, נאך פרייהייט און הארמאניע.

פונקט ווי אין העלאדע, אין די צייטן פון שטארקער געזעלשאפטלעכער צעריסנקייט און פראלעטארישע באוועגונגען, אזוי האבן אויך די לאטיינישע דיכטער און דענקער געווענדט זייער בליק אויף צוריק, צו יענער אור־קאמוניסטישער צייט, ווען מענטשן האבן געלעבט אין פרידן, איינפאך און פריי. מען האט געזונגען שבחים דער „גאלדענער צייט“ און געטרוימט וועגן איר. — ממילא האט דאס געהייסן, אז מען פארורטיילט די איצטיקע צייט מיט איר פריוואט־אייגנטום, געוואלט־פאליטיק און האנדל־ספעקולאציע, מיט אירע אינערלעכע און אויסערלעכע מלחמות.

שוין סאלוסטיוס רעדט אין זיין „קאטילינא“ מיט צער וועגן יענער צייט, ווען דעם מענטשנס לעבן איז נאך געווען פריי פון זשעדנעקייט און יעדערער האט זיך באפרידיקט מיט דעם, וואס ער האט געהאט. נאך דייטלעכער איז ווירגיליוס אין זיינע געדיכטן וועגן לאנדווירטשאפט (געארגיקא, 1, 125 — 128). ווי ער לויבט יענע צייט, ווען סאטורן האט נאך געוועלטיקט (און נישט יופיטער, דער גאט פון דער אייזערנער תקופה, וואס האט געבראכט די מענטשן אזוי פיל מי און אומגליק):

„פאר יופיטערן האבן פויערשע הענט קיינמאל נישט באארבעט דאס פעלד: דער גרויסער מענטשן־כלל האט נישט געוווסט פון קיין גרענעצן און פון קיין פאנאנדערטיילונג: אלע האבן געארבעט אינאיינעם, און די ערד, פון קיינעם נישט באצוואונגען, האט אליין געטראגן פרוכט בשפע“. *)

ווירגיליוס זאגט דא ארויס דעם געדאנק, אז אין דער צייט פונם אור־קאמוניזם איז דער באדן גופא אויך געווען א סך פרוכטבארער און ער האט געטראגן זיינע פרוכט אן שום מי פון מענטשנס זייט. דאס דערמאנט אין דער ביבלישער דערציילונג וועגן גן־עדן: ערשט נאכן ערשטן חטא האבן אויף דער ערד אנגעהויבן וואקסן דערנער און ווילד־גראז. און ווירגיליוס האט טיף געגלויבט אז די גאלדענע צייט, די ממשלה פון סאטורן, וועט זיך באלד ווידער אנהויבן און באגליקן די מענטשהייט מיט די חסדים פון יענעם אמאל (Bucolica, 4. Ecloge).

---

*) ווי שטארק ס'איז געווען אין רוים דער גלויבן אין דער סאטורן־צייט, זאגן עדות די סאטורנאליעס, וועלכע מען האט געפראוועט יעדעס יאר אין דעצעמבער חודש און וועלכע זענען געווען א יום־טוב פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. — די שקלאפן זענען געזעסן ביי איין טיש מיט די הארן, און די לעצטע האבן באדינט די ערשטע: די געריכטן האבן גערוט: פאר קיין באגאנגענעם חטא אין דעם טאג האט מען נישט באשטראפט: קיינער האט נישט געארבעט: איבעראל האבן געהערשט פרידן און פרייד.

די אור־קייט פון צייט באנייט זיך, די יונג־פרוי*) קומט ווי־דער און מיט איר די סאטורנישע הערשאפט. א נייער דור שטייגט אראפ פון די הימלען. זיי זשע גוט, א יונג**). וואס קומסט, זאל זיך ענדיקן די אייזן־צייט און צעבליען זאל זיך די „גאלדענע צייט אין דער וועלט“.

האראציוס באזינגט אויך די איינפאכקייט פון די בארבארן און זייער קאמוניזם, און פארורטיילט די רייכקייט.

„פיל בעסער לעבט דער סקיט אין פרייען פעלד, זיין וואנ־דער־צעלט באוועגט זיך לייכט אינאיינעם מיטן וואגן.

באגליקטער איז דער רויער געט.
דאס נישט געמאסטענע פעלד ברענגט אים
פרייע פרוכט און ברויט

...טראגט אוועק די איידל־שטיינער און
דאס אומנוציקע גאלד, דעם קוואל פון
אלדאס בייז, אדער אויפן קאפיטאל...
אדער ווארפט עס אין ים אריין אוועק“.

אט דאס בענקען נאך אן איינפאכן, נאטירלעכן לעבן, אן

---

*) אונטער „יונגפרוי“ מיינט דא ווירגיליוס אסטראיא, די געטין פון גערעכטיקייט, וועלכע האט, לויט דער רוימישער מסורה, פארלאזט די ערד אין דער אייזערנער תקופה. פון דע־מאלט אן פינקלט זי אין הימל אלס „יונגפרוי“ (אלס שטערנ־בילד) אין דעם שטערן־קרייז „חיות“. איר צוריק־קער באטייט דעריבער דעם אנקום פון א נייער צייט — פון גערעכטיקייט, פון דער גאלדענער צייט.

**) אונטער „יונג“ מיינט דא ווירגיליוס דעם זון פון זיין באשיצער און וויל־טוער פאליא, וועלכער איז געווען א רוימישער קינסול. דאס געדיכט איז געשריבן געווארן ארום יאר 42 פאר קר. געב., געווידמעט דעם דערמאנטן פאליא, ווען זיין פרוי איז געווען ערב א געבורט. די קאטוילישע מפרשים זעען אין דעם עקלאוש (שבח) א אנזאג אויף מאריאן און יעזוסן. יעדנפאלס איז דער פערז זייער אינטערעסאנט.

לוקסוס, אין די מאטערנישן, זארגן און קאנפליקטן פון דער ציוויליזאציע, איז אין ערשטן יארהונדערט פון דער קייזער־תקופה געווען זייער פארשפרייט צווישן די געבילדעטע קרייזן. עס פילט זיך דא א באדייטנדיקע השפעה פון דער סטאאישער פילאזאפיע: באזונדערש — ביים פילאזאף סענעקא (א זון פון רעטאר, געבוירן 4 יאר פאר קר., געשט. 65 נאך קר. דורך זעלבסטמארד: צוליב דעם טויט־אורטייל, וואס נעראן האט אים ארויסגעטראגן). אין זיינע „בריוו" (אין בריוו 90) גיט ער א רייצנדיקע שילדערונג פונם איינפאכן נאטור־לעבן און פונם אור־קאמוניזם, און רופט אויס: „צי איז ווער געווען אמאל גליקלעכער פאר יענעם דור? געמיינשאפטלעך האבן זיי גענאסן פון דער נאטור, וועלכע האט ווי א מוטער אלעמען גלייך געשיצט און געהיט. דאס איז געווען א פעסטער יסוד פון אלגעמיינעם רייכטום. ווי אזוי זאל מען יענעם דור נישט האלטן פאר רייך, אז קיין ארימע זענען צווישן אים נישט געווען? אלץ איז געווען זייער גוט, ביז די גיריקייט האט זיך באוויזן, מען האט אנגעהויבן עפעס אויף דער זייט שאפן און עס מאכן פאר אייגנס, — און אלץ איז פארדארבן געווארן. און אויב דער מענטש זאל איצט וועלן בייקומען דאס שלעכטס און צוריקקערן דאס, וואס ער האט פארלארן — איז מעג ער גאנצע לענדער דערווערבן, מעג ער זיינע שכנים ארויסיאגן, דורך געוואלט אדער דורך אויסקויף, מעגן זיינע גיטער זיך ציען אויף גאנצע פראווניצן, וואס מען דארף טעג האבן אויף זיי דורכצורייזן — קיין שום אויסברייטערונג פון די גרענעצן קאן אונז נישט צוריקברענגען צו דעם אמאליקן אויסגאנג־פונקט.... דעמאלט האט קיינער נישט געהאט צו פיל און קיינער האט נישט געליטן פון קיין נויט: אלץ האט מען פרידלעך געטיילט. דער שטארקערער האט נישט פארמאסטן זיין האנט אויף דעם שוואכערן; דער גיריקער האט נישט אפגענומען ביי זיינע נאענטע די נויטיקסטע זאכן: מען האט געזארגט פארן צווייטן, גלייך ווי פאר זיך".

סענעקא איז בכלל געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע רוימישע דענקער. דער טויט איז פאר אים געווען דער אנהויב פון אייביקן לעבן. ער האט געגלויבט אין דער גליקזעליקייט פון יע־

נער וועלט. ער האָט היים געפּריידיקט, מען זאָל זיך מענטשלעך באַגייען מיט די שקלאַפן, אפילו מיט די פיינט, יעדער מענטש דאַרף זיין הייליק פאַרן צווייטן. זיינע אַנשויאונגען זענען אין אַ סך פּרטים אַזוי נאָענט צום קריסטנטום, אַז אייניקע קירכן־פאַטערס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פריינט פון אַפּאָסטאָל פּוילוס. די דאָזיקע השערה איז אָבער אומבאַגרינדעט. (די פראַגע וועגן דער שייכות צווישן סענעקען און פּוילוסן באַהאַנדלט:

סענעקא איז נאָר נאָך אַ באַווייז, אַז די שפּעטערדיקע סטאָאישע מאָראַל־שיטה איז געגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג, ווי די יידישע מאָראַל אין פּאַלעסטינע אָדער די העלעניש־יידישע אין אַלעקסאַנדריע. אַלע זענען זיי געווען אַ פּראָדוקט פון דער גייסטיקער, סאָציאַלער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער רוימישער אימפּעריע אין לעצטן יאָרהונדערט פון דער רעפּובליק און אין ערשטן יאָרהונדערט פונם קייזערטום.

פּאַראַלעל מיט דער בענקשאַפט נאָך אַ האַרמאָנישער, נאַטירלעכער, פרייער לעבנס־אָרדענונג איז געגאַנגען דאָס גייסטיקע שטרעבן צו אַ העכערער עטיק און רעליגיע. און אומעטום, ווו גלויבנדיקע זוכן אַ איידעלע, הומאַניטאַרע און פּערזענלעך ריינע עטיק, ווערט געווינלעך די אמונה און די השגה וועגן גאָט פאַרגייסטיקט. מיר האָבן דאָס שוין געזען ביי די יידישע נביאים. ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן גלויבן אין אַ מאָראַלישער וועלט־אָרדענונג, האָט יהוה אָנגעווירן זיין לאָקאַלן און קערפּערלעכן כאַראַקטער און איז געוואָרן דער וועלט־גאָט פון גערעכטיקייט. דער יהוה־באַגריף איז געוואָרן אַבסטראַקטער. דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין דער גרויסער רוימישער אימפּעריע: די אַלטע געטער פאַרלירן זייער אָנזען. געבילדעטע רוימער, פרויען און מענער, ווענדן זיך צו דער סטאָאישער מאָראַל־פילאָזאָפיע און צו אָריענטאַלישע קולטן. עגיפּטישע און אַזיאַטישע מיסטעריען ווירקן אויף די געמיטער; דאָס יידנטום געפינט צווישן זיי פיל אָנהענגער. אין העלענישע קרייזן איז דאָס זעלבע נאָך פריער פאַרגעקומען: די תורה, די 5 חומשים, האָט מען נאָך אין 3־טן יאָרהונדערט פאַר קר. געב. איבערגעזעצט אויף גריכיש און זיי

וענען געווען באקאנט אונטערן נאמען „סעפטואגינטא". די קא־טאסטראפאלע דערשיטערונגען אויפן גאנצן שטח פון רוימיש־העלענישער הערשאפט, וואס די מלחמות פון פאמפייאוסן און צעזארן האבן געבראכט מיט זיך, און דערצו די סאציאלע אינער־לעכע קאמפן אין דער רוימישער מדינה — דאס אלץ האט גע־ווירקט אויף די געמיטער, און זיי אפן געמאכט פאר נייע געפילן און געדאנקען: טיפע צערודערטקייט פון די מאסן און די נאענ־טע בארירונג צווישן דער גריכישער און אריענטאלישער אידעא־לאגיע — פון די צוויי מקורים האבן זיך געשפייזט אט די נייע געדאנקען. א נייע גייסטיקע תקופה האט זיך גענומען אנמערקן: ד א ס ק ר י ס ט נ ט ו ם.

אבער די נייע געדאנקען־וועלט האט באהערשט פארשידענע שיכטן און קלאסן פון די פעלקער פון רוים נישט איז א גלייכער־מאס. די ווירקונג האט געמוזט זיין א פארשידנארטיקע, ווייל צו פארשידן איז געווען די מאטעריעלע לאגע, די דערציונג און די טראדיציעס, די פאליטישע און געאגראפישע באדינגונגען פון די אלערליי פעלקער־ און מענטשן־גרופן אין דער גרויסער מדינה. אין אלגעמיין אבער קאן מען די דאזיקע ווירקונג אויף צוויי מינים איינטיילן. די באזיצלאזע און געדריקטע האבן קודם כל געשטרעבט צו א גערעכטער פארטיילונג פון אלע וועלט־אוצרות, צו באפרייען זיך פון דרוק, אפהענגיקייט און לעבנס־זארגן. זייער גרונט־געדאנק איז געווען: סאציאלע גערעכטיקייט, דערניד־ריקן די שטאלצע און רייכע און דערהויבן די באעולהטע און ארי־מע: א קאמוניסטישע רעוואלוציע — דאס איז געווען זייער ציל. גאר אנדערש איז געווען די שטרעבונג פון די רייכערע און געבילדעטערע שיכטן: ביי זיי האבן געווירקט דער עיקר אידעא־לאגישע מאטיוון: זיי האבן געזוכט א רעליגיעזע טרייסט, א ניי גלויבן, פעסטע מעטאפיזישע אמתן, כדי צו היילן דעם אומרו פון זייער נשמה, כדי אויסצופילן די פוסטקייט פון הארצן נאכן אפשטארבן פון די אלטע געטער — זיי האבן געזוכט א נייע וועלט־אנשויאונג. מיר האבן אויף אזא אופן צו טון מיט צוויי שטרעמונגען — פון קאמוניזם און פון אמת־און גלויבן־זוכעריי. די ערשטע שטרעמונג האט אלץ מער פארכאפט די מאסן: די

צווייטע האָט באַאיינפלוסט די פאַרמעגלעכע און קולטורעלע שיכטן. צווישן די מאַסן זענען אַנטשטאַנען קאָמוניסטישע ריכ־טונגען: די פאַרמעגלעכע האָבן געשאַפן די קריסטלעכע טעאָלאָ־גיע און געפירט שטרייטן וועגן דאָגמעס און אָרטאָדאָקסיע. און ביי אַנדערע טעאָלאָגישע פירער פון די מאַסן זענען די ביידע שטרעמונגען אַרויסגעטראָטן פאַרייניקט.

מיר וועלן זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיט די רעליגיעזע און עטישע דאָגמעס, וואָרום מיר שרייבן דאָך נישט די געשיכטע פון קריסטנטום, נאָר די געשיכטע פון סאָציאַליזם. אונזער אויפ־גאָבע איז בלויז קלאָר צו מאַכן די קאָמוניסטישע אַנשויאונגען פון קריסטנטום. ווייל נאָר אַדאַנק אַט די אַנשויאונגען איז דאָס קריסטנטום געוואָרן די אידעאָלאָגיע פון די רוימישע פּראָלעטאַ־רישע מאַסן. און דאָ קאָנען מיר שוין פאַרענטפערן די פראַגע, וואָס מיר האָבן אין פאַריקן קאַפּיטל געשטעלט — ווי קומט עס וואָס דער רוימישער פּראָלעטאַריאַט האָט ביי אַלע זיינע קאַמפן און אידעאישע זוכענישן נישט אויסגעבילדעט קיין קאָמוניסטישע וועלט־אַנשויאונג? דער ענטפער איז: דאָס קריסטנטום איז טאַ־קע געווען דער קאָמוניזם פון רוימישן פּראָלעטאַריאַט. די הערש־דיקע שיכטן פון רוים זענען נישט פעאיק געווען אויסצואַרבעטן אַן אייגענע פילאָזאָפיע און שאַפן אַן אייגענע רעליגיע. נאָר זיי האָבן דאָס געמוזט איבערנעמען פון די באַזיגטע העלענער: און פונקט אַזוי האָבן די רוימישע און איטאַליענישע באַזיצלאָזע מאַסן אויך נישט באַוויזן אויסצובילדן אַן אייגענע פּראָלעטאַרי־שע אידעאָלאָגיע — נאָר זיי האָבן זי באַקומען אַ פאַרטיקע פון די מיסיאָנערן פון דער יידיש־העלענישער קולטור.

VII. דאָס אורכריסטנטום

1. פּאַלעסטינע אין דער פאַרקריסטלעכער צײַט.

טראַגיש ביז גאָר איז געווען די פּאָליטישע לאַגע פון די ייִדן די לעצטע צוויי יאָרהונדערטן — צוזאַמען דערמיט אויך דער צושטאַנד פון זייער נשמה, פון זייער געמיט.

נאָכן צוריקקער פון גלות בבל האָבן זיך די ייִדן אָרגאַניזירט אַלס אַ רעליגיעזער קיבוץ. די אינערלעכע אָרדענונג איז געווען אַ טעאָקראַטישע, אָבער פּאָליטיש איז פּאַלעסטינע געווען שוין נישט מער ווי אַ קליינע פּראָווינץ פון דער פּערסישער און דערנאָך פון דער מאַקעדאָנישער מלוכה; און ווען די לעצטע איז צעפאַלן געוואָרן, איז פּאַלעסטינע אַריבער צו סיריען אונטער דער ממשלה פון די סעלעווקידן, וועלכע האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו העלעניזירן די ייִדן. שפּעטער, ווען אַנטיוכוס עפּיפאַנוס (168) האָט אָנגעהויבן שטאַרק פאַרפאָלגן די ייִדישע רעליגיע און אַ סך זענען אומגעקומען על קידוש השם, האָבן זיך די פרומע אויפגעהויבן קעגן די באַדריקער, האָבן צעשלאָגן די סעלעווקידישע חיילות און האָבן זיך אויסגעקעמפט פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, אונטער דער אָנפירונג פון יהודה המכבי. די דאָזיקע קורצע תקופה פון ערגסטן שאַנד און פון וווּנדערבאַרער אויסלייזונג האָט אויסערגעוויינלעך גוט געווירקט אויף די ייִדן. אין דער צייט איז צום באַשאַפן געוואָרן דער ספר דניאל, וווּ עס ווערט געזאָגט נביאות וועגן אונטערגאַנג פון די אימפּעריאַליסטישע וועלט־מלוכות און וועגן דער אַנטשטייאונג פון אַ ממלכת אלהים אונטער דער הערשאַפט פון די ייִדן:

„די ממשלה פון פיר רויב־חיות איז געקומען צו איר סוף, און איך האָב געזען, אײנער איז געקומען אין די וואָלקנס פון הימל, ווי אַ געוויינלעכער בן אדם, געקומען צו דעם וואָס איז פון אַלמעכטיקן און אים געגעבן מאַכט, כבוד און הערשאַפט אין אַ גרענעץ... און הערשאַפט, כבוד און מאַכט אונטער דעם גאַנצן

הימל וועט געגעבן ווערן דעם „הייליקן פאלק פונם אויבערשטן, אויף אייביק" (קאפ. 7). אונטער יידישער אויבערהערשאפט זאל אויפשטיין א ניי קעניגרייך פון דער מענטשהייט, אנשטאט די אימפעריאליסטישע מלוכות פון רויב־חיות. דאס איז געווען דער אידעאל.

דערווייל האבן געפירט די ממשלה די מאקאבייער. דריי ריכטונגען האבן זיך דאן אויסגעבילדעט צווישן די יידן: צדוקים, פרושים און איסיים. צו די צדוקים האבן געהערט די כוהנים־שיכטן און אנדערע אויפגעקלערטע, וועלכע האבן געהאלטן פונם העלעניזם און נישט געגלויבט אין דער באזונדערע מיסיע פון יידן. דאס זענען געווען מלוכה־מענער, רעאל־פאליטיקער, וועלכע האבן געהאלטן דעם געדאנק פון יידישער וועלט־הערשאפט פאר אן אוטאפיע — און געווען זענען זיי גאר א קליינער מיעוט. די פרושים־ריכטונג האט ארומגענומען די מיטל־פלאסן, וועלכע האבן שטרענג אפגעהיט דעם יידישן דין: יידן מוזן ווערן א הייליק פאלק, אן עם כהנים. דאס איז געווען זייער ממלכת אלהים. ביי די פרושים זענען נאציאנאלע און רעליגיעזע מאטיוון געווען זייער ענג פארקניפט. די דריטע ריכטונג איז געווען די עסייאישע: ווי מיר האבן שוין דערמאנט, האט זיך א קליינער טייל יידן גאר אפגעקערט פון כלערליי נאציאנאלע אדער מלוכהשע צילן: די איסיים האבן געפירט א קאמוניסטיש לעבן, געשטרעבט צו א דור פון ריינער זיטלעכקייט, צו אן אמתער „ממלכת אלהים", אן מלוכה־צוואנג, אן א רעגירונג און אן כוהנים, ווו יעדער איינער זאל פרייוויליק בלויז פון אינערלעכן דראנג טון זיינע סאציאלע פליכטן פארן וויל פון גאנצן כלל. זיי האבן זיך דערווייטערט פון יעדער פארטיי־מחלוקת, פון יעדער תאוה צו הערשן און דער קאמף צווישן די צדוקים מיט די פרושים איז זיי גאר נישט אנגעגאנגען.

די פאליטישע זעלבשטענדיקייט פון יהודה האט זיך געהאלטן קוים א הונדערט יאר. דאס ווירטשאפטלעכע לעבן האט זיך פארבעסערט, די לאנדווירטשאפט האט געבליט, מלאכה און האנדל זענען געשאצט געווארן הויך, אפילו תלמידי חכמים האבן געהאלטן פאר א חוב צו לעבן פון פיזישער ארבעט. עס האט זיך איינ־

געשטעלט אַ קליינבירגערלעכע פאַרמעגלעכקייט, פרומקייט און
זיטלעכקייט. אָבער אינגיכן האָט זיך די לאַגע גענומען ענדערן.
אין יאָר 63 האָט פּאָמפּעוס איינגענומען סיריען און אַריינמאַר־
שירט קיין פּאַלעסטינע: בעת אין ירושלים האָט זיך געפירט אַ
העפטיקער קאַמף צווישן די כּהנים, האָבן די רוימישע חילות
פאַרנומען די שטאָט און פּאָמפּייוס איז — צום אומגעהויערן
שרעק פון די יידן — אַריין אינם קדשי קדשים פונם בית המקדש.
דאָס לאַנד האָט פאַרלאָרן זיין זעלבשטענדיקייט: די יידישע קע־
ניגן זענען געוואָרן אָפּהענגיק פון רוים: די רוימישע פּראָקוראַ־
טאָרם האָבן געפּייניקט דאָס פאָלק, און דאָס לעצטע האָט זיך גע־
ווערט אַמאָל דורך פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אַמאָל דורך אומרוען
און אויפשטאַנדן. און די אַלטע האָפענונג אויף דער מלכות
אלהים, וואָס מוז קומען האָט איצט ליידנשאַפטלעך אויפגעפלאַמט.
שוין זשע האָבן די נביאים פאַלש נביאות געזאָגט? אָדער האָבן
דען די יידן נישט אָפּגעהיט שטרענג גאָטס געבאָטן? אָדער דאָס
בלוט פון די יידישע מאַרטירער איז אומזיסט פאַרגאָסן געוואָרן?
ניין! משיח, דער גאָט־געזאַלבטער מלך, מוז באַלד קומען און אי־
בערנעמען די ממשלה איבער דער וועלט. עס זענען אויפגעקומען
פאָלקס־פירער, נייע פּאַרטייען האָבן זיך אויסגעבילדעט, צווישן
זיי איינע מיט אַ טעראָריסטישער טאַקטיק — דער נאַציאָנאַלער
באַדן איז געוואָרן אָנגעגליט. אָבער ס'איז געווען נישט נאָר אַ
נאַציאָנאַלע צערודערונג: סאָציאַל איז דאָס פאָלק אויך געווען
צעריסן. וועגן דער שטימונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, זאָגט
עדות דער עוואַנגעליום פון לוקאַשן. בעת מאַריאַ, די מוטער פון
יעזוס, דערשפּירט די ערשטע סימנים פון איר שוואַנגערשאַפט,
לויבט זי גאָט און זאָגט: „ער האָט אַרונטערגעוואָרפן די שטאַר־
קע פון זייערע שטולן, און דערהויבן די נידעריקע, הונגעריקע האָט
ער אָנגעפילט מיט גוטס און רייכע האָט ער ליידיק אַוועקגעלאָזן“
(קאַפּ. 1, 52—51).

סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך איז יהודה געווען דעמאָלט
אַ זודיקער קעסל, אין וועלכן ס'האָבן געפלאַקערט די דערהויבנ־
סטע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן. און ווי עס האָט
שוין נישט איינמאָל פּאַסירט אין יידישן לעבן, — ווען שווערע

אומגליקן קומען אז אויפן פאלק, אדער ווען עס ברעכן אויס גרויסע וועלט־פאליטישע געשעענישן, אזוי ווערן די מאסן באהערשט פון געפיל: „עס שלאגט די שעה, גאטס קעניגרייך קומט אן, דאס קומען פון משיחן קאן מער נישט זיין ווייט".

2. יעזוס

> לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוחי אמר ד" צבאות
> נישט דורך מאכט, און נישט דורך כוח, נאר דורך
> מיין רוח הקודש, זאגט גאט.
>
> זכריה, ד'.

ארויסגעקומען איז ער פון א האנטווערקער־פאמיליע פון נאזארעט, אין צפון־פאלעסטינע: דארט האט ער געלערנט אין א יידישער שול, געלייענט די נביאים, זיך צוגעהערט צו די שמועסן אין בית־המדרש, יעדעס יאר עולה רגל געווען קיין ירושלים, — דעם צענטער פון גייסטיקן לעבן פון די יידן.

זיינע גייסטיקע נטיות האבן זיך זייער פרי ארויסגעוויזן. נאך אלס יונגלינג איז ער שוין געווען אריינגעטון ראשו ורבו אין סאציקן קאמף פון זיין פאלק. ער האט ליב געהאט דעם נביא ישעיה און געלייענט די וואונדערבארע שטעל ביי אים וועגן מיסיע: „גאטס גייסט איז אויף מיר: דען ער האט מיך געזאלבט אנצוזאגן די ארימע די בשורה טובה און האט מיך געשיקט היילן די צעבראכענע הערצער אנצוזאגן די געפאנגענע פרייהייט, די בלינדע זעאונג און די פארוונדעטע פריי צו לאזן און צו פריידיקן דאס יאר פון יהוהס אויסלייזונג". (לוקאש 4, 18—20).

דאס איז געווען דער פראלאג: דער אינהאלט פון יעזוסעס לעבן.

איינגיכן האט ער אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון זיינע פאלקס־ברידער. קיינער האט נישט געקאנט פארבייגיין נעבן אים גלייכגילטיק, יעדע ארויסטרעטונג זיינע האט געוועקט צו זיך אכטונג. אייניקע האבן אין אים דערזען א קומענדיקן פירער אין באפרייאונגס־קאמף קעגן די רוימער, און זיך געפרואוט

אים צו געווינען פאר איינעם פון די אויפשטאנדן, וואס האבן זיך געהאלטן אין גרייטן. ווארום צוליב וואס דען אנדערש האט אים גאט אזוי באשענקט מיט זיין חסד? צי קאן נאך זיין א מער דערהויבענער ציל, ווי צו באפרייען דאס טיף געזונקענע פאלק?

לכתחילה האט יעזוס ארויסגעוויזן א געוויסע נייגונג צו די דאזיקע פרוון. די נאציאנאלע ליידנשאפטן האבן העליש געברענט, זיי האבן אנגעצונדן זייער פיל גרויסע הערצער פארן קאמף קעגן רוים — פאר וואס זאל ער זיך אויך נישט ווארפן אין קאמף? א קורצע צייט האט געדויערט אט די פאליטישע סאלידאריטעט זיינע מיטן אייגענעם פאלק, און פון דער צייט שטאמט משמעות זיין מומרא: „נישט שלום בין איך געקומען צו ברענגען נאר א שווערד", ווארום פאר דער שפעטערדיקער צייט, ווי עס קומט אויס אין מתתיהו־עוואנגעליום (קאפ. 10) פאסט זיך די מימרא לחלוטין נישט.

ביסלעכווייז האט זיך אבער ביי יעזוסן גענומען אויסבילדן גאר אן אנדער אנשויאונג. נישט דורכן שווערד און נישט דורך געוואלט וועט יהודה ווערן אויסגעלייזט: נאר דורך גייסטיקער און פרידלעכער ארבעט, דורך אפפערוויליקייט און אינערלעכער לייטערונג וועלן געהאלפן ווערן אי יהודה אין רוים. וועלטלעכע מאכט פארפירט און מוז פארפירן: וועלטלעכע מאכט איז א פראדוקט פון בייזן גייסט. אט דער בליק האט אגב געהערשט אין דער קאטוילישער טעאלאגיע ביז אין טיפן מיטאלטער אריין.

דער גאנצער פלאן מיטן אויפשטאנד האט דאן אנגעהויבן ביי אים אויסזען ווי א זאך פון בייזן שטן. פערציק טעג און פערציק נעכט האט ער זיך מיט אים געראנגלט אין דער מדבר: און אז מיר וועלן שוין באזיגן די רוימער און צונעמען זייער אימפעריע און איר רייכקייט — וואס דאן? צי איז דאס א אויסלייזונג פאר דעם מענטשן, אז ער וועט שוין האבן א מלוכה פון פרושים, מיט מענטשלעכע געבאטן און געזעצן פון כוהנים? ניין! עס שטייט געשריבן: צו גאט זאלסטו בעטן און אים אליין דינען. און גאטס רצון האבן די נביאים אנגעזאגט די מענטשן: סאציאלע גערעכטיקייט, אויסלייזן די ארימע, פאראכטן און פאראורטיילן רייכקייט באזייטיקן יעדע געוואלט־הערשאפט, ליב האבן אלע מענטשן, —

אַ מענטשהייט, וואָס זאָל טראָגן גאָטס ממשלה אין זיך, אין איר אייגענער נשמה.

דאָס איז דער סוד פון גאָטס קעניגרייך.

אַלע פּאַטריאָטן און רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך דאַן אָפּגעקערט פון יעזוסן. אָבער דאָס פּשוטע פאָלק האָט געשטראָמט צו אים. ער האָט געוווּנען אַלץ מער אָנהענגער און תּלמידים. אַז דער המון האָט זיך אַרום אים געזאַמלט, איז ער אַרויף אויפן באַרג און גערעדט:

„געבענטשט זענען די אָרימע, געדריקטע און שטילע, די וואָס זוכן שלום, די מאַרטירער פון גערעכטיקייט. געבענטשט זענען די, וואָס קעמפן נישט און ענטפערן נישט אויף שלעכטס מיט שלעכטס, נאָר מיט גוטס פאַר שלעכטס. געבענטשט זענען די, וואָס האָבן נישט קיין געריכטן, וואָס ווייסן נישט פון קיין שטראָף־געזעצן, נאָר האָבן ליב זייערע פיינט און בעטן פאַר זייערע פאַרפאָלגער. וואָרום אַלע מענטשן האָבן נאָר איין פאָטער, איין גאָט אין הימל. זאָל קומען זיין ממשלה, זאָל זיין רצון געשען. וואָרום ביי אים איז די הערשאַפט, ביי אים איז די קראַפט און די הערלעכקייט אויף אייביק".

יעזוס האָט גערעדט צו זיינע פילגעפּרוווטע פאָלקס־ברידער: פּאָליטישע קאַמפן, רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן, מאָרד און הריגות, אינערלעכע געזעץ־רעפאָרמען און מלוכה־הערשאַפט — דאָס אַלץ וועט זיי נישט ביישטיין צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון די אַלטע נביאים. גאָטס הערשאַפט באַטייט נישט די הערשאַפט און געוואַלט פון יידן איבער אַלע פעלקער; זי באַשטייט אויך נישט דערין, צו אָפּהיטן די עבודה אין בית־המקדש. די קולט־צערעמאָניעס, די דינים פון טהרה און די יורידישע חוקים, צו האַלטן הויך די פּאַטריאָטישע אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פאָן — דאָס אַלץ וועט נישט האָבן קיין דויערנדן קיום. גאָטס הערשאַפט באַטייט אַ סך מער: באַנייען דאָס גאַנצע לעבן אויפן יסוד פון אומבאַגרענעצטער מענטשן־ליבע — באַרמהאַרציקייט צו אַלע שוואַכע און בלאָנזנדיקע, ענדלאָזער מיטלייד צו אַלע מענטשן; אויסגלייכן אַלע פאַרמעגנס־אונטערשיידן, אַלגעמיינע אַרבעט פון אַלע פאַר אַלע. נאָר דאָס וועט האָבן אַ קיום און וועט אויסלייזן

די מענטשן פון אלדאס שלעכטס.

יעזוס — דאס איז געווען די קווינט־עסענץ פון דער נביאישער קולטור־ארבעט, וועלכע מיר האבן העכער געשילדערט (אפטייל 1, קאפ. 2 און 3). זיין האנדלונג איז געווען אויף אזא אופן אן אנטינאציאנאלע, און לויט דעם איינזען פון דער יידישער מאכט אויך אן אנטי־רעליגיעזע. זיין פראפאגאנדע איז געווען אן אנארכיסטיש־קאמוניסטישע. עס איז געווען די סטאאישע עטיק אין איר לעצטער אויסבילדונג. אבער פארגייסטיקט, באריי־בערט און פארטיפט דורך דער אינטענסיווער רעליגיעזער קולטור פון די יידן אין דער גלות און נאך־גלות־צייט. קיין שום העלען האט נישט פארמאגט די געפילן פון זינדיקייט און הייליקייט, פון גאטספארכטיקייט און גאט־ליבשאפט אין אזא מאס, ווי דער ייד פון יעזוסעס צייט. אט די געפילן האבן עס געגעבן כוח די יידן צו אויפהויבן זיך קעגן די רוימישע טיראנען און צופירן מיט שווערע קרבנות א יארנלאנגען העלדישן קאמף. אבער יעזוס איז אוועק פון זיין פאלק. ער האט צובראכן די נאציאנאלע ראמען און צעשמעטערט דעם טראדיציאנעלן רעליגיעזן בנין, וועלכן גרויסע מייסטער האבן אויפגעשטעלט אונטער אזוי פיל לײדן און שמערצן. ער איז געווען אן „איבערקערער": אמת, א פרידלעכער, אבער זיין פרידלעכקייט אליין איז געווען אן איבערקערערישע ביזן העכסטן גראד. די יידן וואלטן אים אפשר אלץ מוחל געווען, ווען ער וואלט אויסגענוצט זיין פאפולערקייט אויף מיטצוהעלפן דעם קאמף קעגן די רוימער. זיי האבן אויסגעבעטן דאס לעבן פאר בר־אבאן, וועלכער האט געזאלט געקרייציקט ווערן פאר א בונט קעגן דער רוימישער הערשאפט (מארקוס־עוואנגעליום 15, 7) אבער יעזוס און זיינע אנהענגער זענען שוין געווען אזוי דערווייטערט פון יידישן לעבן, אז דער עוואנגעליסט מארקוס באצייכנט די פאטריאטיש־נאציאנאלע טאט פון בר אבאן, ווי א „מארד". אי רעליגיעז אי פאליטיש אי סאציאל איז יעזוס געשטאנען אויסער דער יידישער און רוימישער ציוויליזאציע — ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואס ער איז געווארן פאראורטיילט און געקרייציקט.

3. דער קאמוניזם פון די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס.

צווישן די נאענטע תלמידים פון יעזוסן איז נישט געווען קיין איינער, וואס זאל זיך האבן אויסגעצייכנט מיט זיין פערזענלעכקייט אדער מיט זיין וויסן און זאל זיין בכוח פארטזעצן די ארבעט פונעם אומשטערבלעכן מייסטער אין זיין גייסט. די צייט, אין משך פון וועלכער יעזוס האט אנטוויקלט די גרעסטע ווירקזאמקייט און האט זיך אליין ערשט רעכט קלאר געמאכט זיין מיסיע, איז געווען צו קורץ אויף צו באווייזן אויסבילדן גרויסע נאכפאלגער. און דערמיט דערקלערט זיך, וואס אין עטלעכע יאר ארום האט פוילוס געקאנט איבערנעמען די ראל צו ווערן דער ארגאניזאטאר פון קריסטנטום. פוילוסן איז געווען פרעמד די געדאנקען־ און געפילן־וועלט פון די יידישע פראלעטאריער. ער איז געווען א פרוש, א תלמיד חכם, א גרויסער מקפיד אין טעאלאגישע זאכן, און זיין געוויסן האט אים שטארק געפייניקט, וואס ס'איז אוממעגלעך צו מקיים זיין די אלע געזעצן און דינים, וועלכע האלטן זיך אין איין מערן. דאס קאפיטל 7 פון זיין שרייבן צו די רוימער ווייזט בולט, ווי ער האט זיך אינערלעך געפייניקט נאכדענקנדיק וועגן זינען און קראפט פון יידישן געזעץ. עס איז אויך מעגלעך, אז אויף אים האבן משפיע געווען די סטאאישע אנשויאונגען וועגן דעם, אז געזעצן זענען נאר סימנים פון פארדארבנקייט, בעת דער מענטש זאגט זיך אפ פונעם נאטור־לעבן. פוילוס האט תופס געווען יעזוסעס לערע, אויף ווי ווייט א תלמיד חכם האט געקאנט מיט דער הילף פון שכל און געוויסן באנעמען אט די לערע. אבער לויט זיין עצם נאך און לויט זיין דערציאונג האט ער איר געמוזט צוגעבן א קאנפעסיאנעל־דאגמאטישן כאראקטער. זיין שטארקע פערזענלעכקייט, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט הייליקער פרומקייט, גרויסער מענטשלעכער און גרעניצלאזער גלויביקייט — האט אפגערוקט די פראלעטארישע און אנארכא־קאמוניסטישע עלעמענטן אין הינטערגרונט. די דאזיקע עלעמענטן האבן זיך לאנג געווערט קעגן פוילוסן, אבער זיין ווילנס־קראפט און זיין ענערגישע איבערגעגעבענע פראפאגאנדע

האבן געזיגט אין דעם שטרייט. דער נייער גלויבן האט מנצח געווען די קאמוניסטישע טאט. פוילוס האט זיך פארטיפט אין די העכערע עולמות, זיך אפגעקערט פון אלע ערדישע אינטערעסן, און זיין פאראכטונג צו וועלטלעכע אינסטיטוציעס איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט געהאלטן פאר איבעריק אפילו צו זיין אין אפאזיציע קעגן זיי. די הויפטזאך איז דאך אויסלייזן די נשמה — און דאס גיט די אמונה אין יעזוסן. אבי מען קאן לעבן אין אט דער אמונה, איז שוין אלץ איינס, ווער עס הערשט אויף דער ערד און ווי אזוי ער הערשט.

די ערשטע יארן נאך יעזוסעס מארטירער־טויט האבן פונדעסטוועגן די אור־געמיינדעס, וועלכע זענען באשטאנען כמעט אויסשליסלעך פון יידישע פראלעטאריער, נאך געלעבט קאמוניסטיש אדער לפחות אין גייסט פון קאמוניסטישן אידעאל. זיי זענען געווען שטאלץ אויף זייער ארימקייט: זיי זענען געווען די „אביונים", די באדערפטיקע און עלנטע, די טרעגער פון סאציאלער גערעכטיקייט „איר זאלט נישט דינען אי גאט, אי מאמאנען", האט יעזוס געלערנט זיינע תלמידים אין זיין געוויינלעכן איינפאכן און קאטעגארישן נוסח. און אזוי ווי זיי האבן געוואלט דינען צו גאט, האבן זיי זיך אפגעקערט פון מאמאנען. די אור־געמיינדעס האבן געפירט א קאמוניסטיש לעבן, אדער געשטרעבט צו א קאמוניסטישן לעבנס־סדר: „און אלע גלויביקע האבן זיך פאראייניקט און אלצדינג וואס זיי האבן געהאט איז געווען שותפות... זייערע נחלות און פארמעגנס האבן זיי פארקויפט און האבן צעטיילט צו יעדן נאך זיין באדערפעניש". (אפאסטעל־געשיכטע 2, 45—44). „די פילע גלויביקע האבן געהאט איין הארץ און איין נפש: און קיינער פון זיי האט נישט געזאגט אויף דעם, וואס ער האט פארמאגט, דאס איז מיינס, דען אלץ איז געווען ביי זיי בשותפות" (דארטן, 4, 32). עשירות האט געגאלטן ווי א שאנד, ארימקייט אבער איז געווען כמעט א הייליקע זאך. אלע זענען געווען איבערצייגט, אז די דינסט צו מאמאנען, דאס שטרעבן נאך באזיץ און רייכקייט איז אומפארמיידלעך פארבונדן מיט זינדיקייט, און אז ארימקייט באטייט זיך אפזאגן פון אלע וועלטלעכע הנאות און פון וועלטלעכער מאכט.

ווען די צאָל קריסטן איז אַלץ געוואַקסן, די געמיינדעס זענען געוואָרן גרעסער, און די פּראָפּאַגאַנדע פון פּוילוסן האָט געהאַט דערפאָלג, און זיין אויפפאסונג פון קריסטנטום האָט באַקומען די אויבערהאַנט — האָט דאָס אַלץ אָפּגעשוואַכט דעם קאָמוניזם, און זיין אָרט האָט איצט פאַרנומען בלויז ברייטע צדקה און באַרמהאַרציקייט צו די אָרימע ברידער און שוועסטער.

ביסלעכווייז האָט זיך גענומען באַווייזן סימנים פון קלאַסן־קעגנזאַצן אינם קריסטעגטום גופא: עס זענען געווען צווישן די קריסטן אָרימע און רייכע. אונטערנעמער און אַרבעטער — און די אַלטע ברידערשאַפט האָט מער נישט עקזיסטירט. טעאָרעטיש האָט דער דאָזיקער קלאַסן־קעגנזאַץ געפונען זיין אויסדרוק אינם קאַמף צווישן „הלכה“ (גלויבן) און „מעשים“ (פּראַקטיק). דער קאָנפליקט שפּיגלט זיך אָפּ אינם יעקוב־בריוו, ווו דער מחבר שטעלט קעגנאייגאַנדער די לערע פון יעזוסן און פון פּוילוסן: „וואָס העלפט דאָס, ליבע ברידער, ווען איינער זאָגט, ער האָט דעם גלויבן, און האָט דאָך קיין מעשים נישט? קאָן דען דער גלויבן אים רעטן?“ דער יעקוב־בריוו שילדערט, ווי די רייכע זענען שטאָלץ אויף זייער גלויבן, ווי זיי פאַרלאַנגען פאַר זיך גאָר באַזונדערן כבוד אין די קריסטן־פאַרזאַמלונגען, ווי זיי זענען צביעותדיק לגבי זייערע גלויבנס־ברידער, און ער דערקלערט: „דער גלויבן, ווען ער האָט נישט קיין מעשים, אַזוי איז ער פאַר זיך אַליין טויט“. ער דערמאָנט די רייכע, אַז די אָרימע זענען די גאָטס־אויסדערוויילטע, זיי ווערן אָבער עקספּלואַטירט פון די רייכע און געשלעפּט פון זיי איבער די געריכטן. און דער מחבר רופט אויס: „נון, איר רייכע וויינט און קלאָגט איבער אייער עלנט, וועלכער וועט איבער אייך קומען. אייער רייכטום איז פאַרפוילט, אייערע קליידער האָבן מאָלן אויפגעפרעסן. אייער גאָלד און זילבער איז פאַרראָסטעט געוואָרן, און זייער ראָסט וועט אויף אייך עדות זאָגן, און וועט אייער פלייש אויפפרעסן. ווי צום פייער האָט איר אייערע אוצרות געזאַמלט צו די לעצטע טעג. זעט, דער לוין פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן אייערע פעלדער געשניטן און וועלכן איר האָט זיי נישט אָפּגעצאָלט, שרייט, און דער רופן פון די שניטער איז אין די אויערן פון גאָט געקומען“ (ה', 4—1).

מען דארף אָבער נישט מאַכן קיין צו אַלגעמיינע אויספירן פון די קלאָגן פונם יעקוב־בריוו. אין משך פון די ערשטע דריי יאָרהונדערטן איז דער קאָמוניסטישער גייסט געווען נאָך גענוג שטאַרק אין די קריסטלעכע געמיינדעס. אויב זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן די רוימישע מלוכה־געזעצן און אַנשטאַלטן, איז דאָס געווען מער א פּאַסיווע געהאָרכזאַמקייט — זיי זענען אָבער געווען ווייט פון צו האַלטן, אַז די געזעצן זענען גערעכטע. די גריכישע און לאַטיינישע קירכן־פּאָטערס האָבן לפּחות טעאָרעטיש אויך זיך פעסט געהאַלטן ביי די אַנטי־מלוכהשע קאָמוניסטישע אַנשויאונגען: זיי האָבן פאַראורטיילט דאָס פּריוואַט־אייגנטום, די מאַכט־אַספּיראַציעס פון דער מלוכה, די מיליטער־דינסט און דעם פּאַטריאָטיזם.

4. די קירכן־פּאָטערס און דער קאָמוניזם.

באַרנאַבאַס פון ציפּערן, אפשר דערזעלבער, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער אַפּאָסטעל־געשיכטע, שרייבט אין זיינע „בריוו" (בריוו 19): אַלע זאַכן זאָלסטו האָבן געמיינזאַם מיט דיינע נאָנטע: קיין זאַך זאָלסטו נישט אַנרופן: ס'איז מיינס; וואָרום אויב איר האָט געמיינזאַם חלק אין די זאַכן, וואָס זענען אייביק, טאָ וויפיל מער נאָך מוזט איר געמיינזאַם זיין באַטייליקט אין די זאַכן, וועלכע זענען פאַרגענגלעך!" דער מאַרטירער יוסטין (געבוירן אַרום יאָר 100) זאָגט וועגן זיינע גלויבנס־ברידער: „מיר וועלכע זענען פריער באַמיט געווען צו דערגרייכן צו האָב און גוטס, ברענגען איצט וואָס מיר האָבן אין דער געמיינשאַפט אַריין און טיילן עס מיט יעדן איינעם, וועלכער האָט נויט". זיין צייט־חבר קלעמענס פון אַלעקסאַנדריע פּריידיקט: „אַלע זאַכן זענען געמיינזאַם; נישט דערויף זענען זיי פאַראַן, אַז די רייכע זאָלן זיי מאַכן פאַר זייער אייגנס. און דעריבער איז עס נישט אַנשטענדיק נישט פאַרן יחיד און נישט פאַרן כלל, ווען מען זאָגט: איך האָב אַלץ בשפע, פאַרוואָס זאָל איך נישט געניסן פון דעם?.. גאָט האָט אונז געגעבן די פרייהייט צו געניסן, אָבער נאָר אויף וויפיל דאָס איז נויטיק, און ער האָט געבאָטן, אַז דער גענוס זאָל זיין געמיינזאַם" (Pedagogus II, 13). טערטוליאַן (אַנהויב 3־טן

יארהונדערט) האט אזוי פאלעמיזירט קעגן די רוימער: „מיר
(קריסטן) זענען ברידער אין פרט פון פאמיליען־אייגנטום, און ביי
אייך מאכט דאס אייגנטום א סוף צו יעדער ברידערלעכקייט. מיט
הארץ און נשמה פאראייניקט, האבן מיר נישט קיין שום ספק וועגן
אונזער געמיינזאמען אייגנטום. מיר טיילן אלע זאכן געמיינשאפט־
לעך, אויסער אונזערע פרויען — בלויז אין די דאזיקע אנגעלעגנ־
הייטן הערט אויף אונזער געמיינשאפטלעכקייט: ביי אייך, פאר־
קערט, איז דאס די איינציקע זאך, וועלכע איז געמיינשאפטלעך".
(Apologie, I, 39) אין אלע זיינע שריפטן זאגט זיך טערטוליאן
זייער שארף ארויס קעגן רייכטום. גאט איז ביי אים דער פאר־
אכטער פון רייכטום און דער באשיצער פון ארימע. גאטס קע־
ניגרייך איז נאר פאר די ארימע, אבער נישט פאר די רייכע.

אויב שוין צולאזן אייגנטום, איז נישט מער, ווי דאס איז
נויטיק צום לעבן. „ווער עס פארמאגט מער, ווי ער האט נויטיק,
זאל ער דאס אוועקגעבן און זיך באטראכטן פאר א בעל־חוב אויף
אזוי פיל", ערקלערט היעראנימוס (צווייטע העלפט פון 4־טן יאר־
הונדערט). און פונקט אזוי האט געהאלטן יאהאן קריזאסטאמעס,
דער פאטריארך פון קאנסטאנטינאפאל (סוף פון 4־טן יארהונד.).
„עס איז אוממעגלעך רייך צו ווערן אן אומגערעכטיקייט. ווי איז
אבער, ווען איינער באקומט א ירושה פון זיין פאטער? באקומט
ער טאקע דאס, וואס איז ערווארבן געווארן דורך אומגערעכטי־
קייט". קריזאסטאמעס איז בכלל געווען איבערצייגט, אז מען קאן
דעם קאמוניזם איינפירן צו יעדער צייט, ווען די מענטשן זאלן
דאס נאר אויפריכטיק ווילן; ווארום אויב דער קאמוניזם וואלט
נישט מעגלעך געווען, וואלטן אים די ערשטע קריסטן־געמיינדעס
אויך נישט געקאנט איינפירן ביי זיך. דאס וואס איז אמאל מעג־
לעך געווען, מוז אויך מעגלעך זיין פאר די שפעטערדיקע דורות.

וויכטיק איז אויך, אז די קירכן־פאטערס האבן פארטיידיקט
די לערע פון נאטור־רעכט. אמבראזיוס (4 יארהונד.) זאגט: „די
נאטור האט באשאפן דאס קאמוניסטישע רעכט, און דאס דער־
ווערבן אייגנס דורך געוואלט האט געשאפן דאס רעכט פון פרי־
וואט־אייגנטום". קיריל פון אלעקסאנדריע (ערשטע העלפט פון
5־טן יארהונדערט) זאגט נאך קלארער: „די נאטור און גאט

ווייסן נישט פון קיינע (סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע) אונטער־שידן: די מענטשלעכע גיריקייט האָט זיי אויסגעטראַכט". און אין זעלבן גייסט רעדט אויגוסטין (354—430): „נישט מיטן כוח פון געטלעכן רעכט, נאָר מיטן כוח פון אימפּעראַטאָרן־רעכט קאָן אַ מענטש זאָגן: דאָס איז מיין ווילע, יענער דינער איז מיי־נער, דאָס הויז איז מיינס". פּריוואַט־אייגנטום האַלט זיך, אַלזאָ נאָר מיטן כוח פון מלוכה־מאַכט.

5: די קאָמוניסטישע סעקטע קאַרפּאָקראַטיאַנער

שטאַרקער און לענגער ווי ערגעץ ווו אַנדערש האָבן זיך די אור־קריסטלעכע אָנשויאונגען און טראַדיציעס אויפגעהיט אין די אור־געמיינדעס פון עגיפּטן און צפון־אַפריקע. אַלעקסאַנדריע איז דעמאָלט געווען דער הויפּט־צענטר פון קריסטלעכער געלערנטקייט. די גרויסע קירכן־פּאָטערס קלעמענס, אָריגינעס און טערטוליאַן האָבן געשטאַמט פון אַלעקסאַנדריע און קאַרטאַגען. דער גנאָס־טיציזם איז געווים אויך אַנטשטאַנען אין יענע לענדער — אַ קריסטלעכע ריכטונג, זייער אַ פאַרשפּרייטע, וועלכע האָט אויפ־געפּאַסט די נייע רעליגיע, ווי אַ פילאָזאָפישע וויסנשאַפט (גנאָ־זיס הייסט אויף גריכיש: דערקענטעניש) און איז ווייט אָפּגעטראָטן פון די הויפּט־עיקרים פון קריסטלעכן גלויבן, אָבער אין איר מאָ־ראַל איז זי געווען אַסקעטיש און האָט זיך באַצויגן מיט פאַראַכ־טונג צו אייגנטום און רייכטום.

אין אַלעקסאַנדריע האָט אויך געלעבט און געווירקט דער גנאָסטיקער קאַרפּאָקראַטעס און זיין זייער געלערנטער זון עפּיפאַ־נעס (ערשטע העלפט פון 2־טן יאָרהונדערט), און זיי האָבן געגרינ־דעט אַ באַזונדערע קריסטלעכע סעקטע. די סעקטע האָט געהייסן לויטן נאָמען פון איר גרינדער, קאַרפּאַקראַטיאַנער. געווען איז זי אינגאַנצן קאָמוניסטיש און זייער אַפּיקורסיש. לויט ווי קלעמענס פון אַלעקסאַנדריע גיט איבער, האָבן די קאַרפּאָקראַטיאַנער אַזוי באַגרינדעט דעם קאָמוניזם:

די גערעכטיקייט פון גאָט באַשטייט דער עיקר אין געמיינ־שאַפטלעכקייט און גלייכהייט. אין דער נאַטור איז אַלץ געמיינ־

זאַם. דער הימל איז גלייך אויסגעשפּרייט אין אַלע ריכטונגען און נעמט אַרום די גאַנצע ערד. זון־ליכט איז איבער אַלעמען אויסגע־גאָסן. די נאַטור טיילט אירע חסדים פאַר אַלע באַשעפענישן, וואָס לעבן אין איר. די חיות לעבן אָן שום געזעצן און פּאָרן זיך אָן שום פאַרשריפטן און געבאָטן. גאָט האָט אויך אַלעמען אַלץ געגעבן. ערשט די נידעריקע געפאַלענע מלאכים האָבן גורם געווען צו דער אָפּגעזונדערטקייט און פאַרשיידנקייט. אויפן אָרט פון געמיינזאַמען אייגנטום איז דאַן געקומען דאָס פּריוואַט־אייגנטום און די געזעצגעבונג אויף עס צו שיצן: עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן געזעצן קעגן גנבה. דאָס געשלעכט־לעבן איז פריער אויך געווען געמיינשאַפטלעך. דערנאָך ערשט האָט זיך אָנגעהויבן די אָפּגעזונדערטקייט פון די געשלעכטער און דער פאַרבאָט צו גטן זיך. אָט דאָס מיינט פּוילוס (רוימער, קאַפּ. 7): „דורך דעם געזעץ האָב איך דערקענט די זינד".

די קאַרפּאָקראַטיאַנער האָבן דעם דאָזיקן פּערן אַזוי אויסגעטייטשט, אַז צוליב דער אָפּגעזונדערטקייט זענען אויפגעקומען געזעצן, וועלכע האָבן געשטעמפּלט אַלס זינד יעדע זאַך, וואָס איז געווענדעט קעגן פּריוואַט־אייגנטום. יעזוס איז געקומען, כּדי צו פאַרריכטן דאָס שלעכטס, וואָס די נידעריקע געפאַלענע מלאכים האָבן גורם געווען. ער האָט ווידער געבראַכט דאָס אַמאָליקע גליק פון געמיינשאַפטלעכקייט, וואָס גאָט האָט געגעבן דער וועלט — דאָס גליק, וואָס באַהעפט די נשמות מיט גאָט און מאַכט אַלע געזעצן פאַר איבעריק.

די קאַרפּאָקראַטיאַנער האָבן געלעבט אין פולער געמיינשאַפטלעכקייט: אַפילו די ווייבער זענען געווען געמיינזאַמע. די סעקטע איז געווען פאַרשפּרייט אויך אין רוים.

6. די געטלעכע 1000־יאָריקע קאָמוניסטישע מלוכה.

אין משך פון די ערשטע דריי יאָרהונדערטן איז כמעט אומעטום צווישן די קריסטן געווען פאַרשפּרייט דער גלויבן, אַז אינגיכן וועט יעזוס ווידער קומען און וועט אויפריכטן אויף דער ערד אַ געטלעכע מלוכה, אין וועלכער ער וועט זיין דער קעניג. די פאַר־

שטעלונג וועגן אַט דער מלוכה איז געווען אַ גאַנץ ערדישע. מען
האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז עס וועט זיך אומקערן די גאָלדענע אור־
קאָמוניסטישע צייט, פולשטענדיקע גלייכהייט וועט ווידער הערשן
און די נאַטור, אַ באַפרייטע פון דער קללה פון דעם ערשטן חטא
אָדער פון דער האַרטער הערשאַפט פון יופּיטערן, וועט ווידער
אַרויסברענגען אירע פרוכט אַז שום מי און אין אומגעהויערער
שפע. פאַר דעם, וואָס האָט אויפמערקזאַם געלייענט אונזערע פרי־
ערדיקע אויספירונגען, איז נישט שווער צו דערקענען די וואָרצלען
פון אַט דעם גלויבן:: יידישע נביאות, העזיאָד, ווירגיליוס. די
אַלטע נביאים האָבן נביאות געזאָגט, אַז די יידן, געלייטערטע דורך
ליידן, דרוק און תשובה, וועלן זיין באַרופן צו
וועלט־הערשאַפט אונטער דער פירערשאַפט פון יהוה, און
אַז די דאָזיקע וועלט־הערשאַפט וועט צוריק אויפשטעלן
סאָציאַלע גערעכטיקייט, אייביקן פרידן אין דער געשיכטע און אין
דער נאַטור און אַלגעמיינע לעבנס־לוסטיקייט. אַ אָנווענדונג פון
דעם גלויבן אויף די קריסטן מאַכט די אַנטפּלעקונג (אַפּאָקאַליפּסן)
יאָהאַנס (קאַפּ. 20, 1—6), וועלכע איז געשריבן געוואָרן נאָך די
נעראָנישע קריסטן־פאַרפאָלגונגען. דאָרט זאָגט זיך, אַז גאָט וועט
אויף אַ צייט פון 1000 יאָר בינדן דעם טייוול (די וועלטלעכע
מאַכט) און אים אַראָפּשליידערן אין שאול תחתיה אַריין, און דאַן
וועלן די מאַרטירער אויפשטיין תחית המתים און וועלן מיט
קריסטוסן קעניגן אין דער 1000 יעריקער מלוכה. די דאָזיקע
נעטלעכע מלוכה הייסט דעריבער די 1000 יאָריקע, — מילע־
ניום — און דער גלויבן אין איר הייסט כיליאַזמוס (כיליאַ
הייסט אויף גריכיש: טויזנט). די העלענישע און רוימישע קריסטן
האָבן פאַרבונדן דעם כיליאַזמוס מיטן צוריקקער פונם גאָלדע־
נעם צייט־אַלטער, ווי העזיאָד און ווירגיליוס האָבן אים געשיל־
דערט. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס די נעטלעכע
מלוכה האָט מען זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ צייט פון גרויסער גייס־
טיקער און מאַטעריעלער שפע, און ווי אַ פולשטענדיק קאָמוניס־
טישע מלוכה, אין וועלכער די קריסטן, וויינע פון זינד ווי די ערש־
טע מענטשן, וועלן באַקומען שכר פאַר אַלע זייערע ליידן און פאַר־
פאָלגונגען. די מאַסן האָבן זיך געקלאַמערט אין אַט דעם גלויבן

מיטן גרעסטן פאַנאַטיזם, און אין זייער פאַנטאַזיע איז די 1000 יאָריקע מלוכה באַצירט געווען מיט אַלע מעגלעכע מעלות. אפילו אַזעלכע באַדייטנדיקע קירכן־פאַטערס, ווי אירענעאוס (ביסקופ פון ליאָן אַרום סוף פון 2־טן יאָרהונד.) און לאַקטאַנציוס (אָנהייב 4־טן יאָרהונד.) האָבן געהאַלטן די פאַנטאַסטישע שילדערונגען פון דער געטלעכער מלוכה פאַר רעליגיעזע אמתן. באַזונדער גערן האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיט שילדערן די געבענטשטע פּראָדוקטיווקייט פון דער ערד.

דער כיליאַסטישער גלויבן האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אויסוועבן, און די טעאָלאָגן האָבן זיך אויך באַמיט אַזוי אויסצוטייטשן די עוואַנגעליומס און די אַפּאָסטעל־געשיכטע, אַז דער קאָמוניסטישער גייסט איז פון זיי כמעט ווי פאַרשוווּנדן. אין 4־טן יאָרהונדערט איז דאָס קריסטנטום געוואָרן „מלוכה־קאָנסערוואַטיוו". דער קאָמוניזם האָט דאַן געפונען אַ מקום מקלט נאָר אין די קלויסטערס און ביי די אפיקורסים; אָבער ביי אַלע אויפשטאַנד־באַוועגונגען אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט האָבן די קאָמוניסטישע און כיליאַסטישע שטרעבונגען תמיד ווידער אויפגעלעבט, גאַנץ באַזונדער ביי די אַנאַבאַפּטיסטן און בעת דער ענגלישער רעוואָלוציע. דאָס קריסטנטום איז פאַרט געווען די איינציקע לעבנס־קרעפטיקע מלוכה־אָרגאַניזאַציע. שוין אין 3־טן יאָרהונדערט האָבן די רוימישע קיסרים זייער דייטלעך געפילט די מאַכט פון קריסטנטום, אָבער זיי איז נאָך נישט קלאָר געווען, אַז דאָס קריסטנטום איז פון אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער קראַפט געוואָרן אַ קאָנסערוואַטיוו־מלוכהשער כוח. זיי האָבן ווידער אַמאָל געפּרוווט אָנצווענדן מאַסן־פאַרפאָלגונגען קעגן די קריסטן. אָבער גאָר גיך האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דער אומקלוגער טאַקטיק און האָבן געגעבן דעם קריסטנטום גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע רעליגיעס (313). צום סוף פון 4־טן יאָרהונדערט איז קריסטנטום געוואָרן שוין די מלוכה־קירכע. עס האָט געזיגט, ווייל עס האָט זיך צוגעפּאַסט צו די פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון דער מלוכה. די שטרעבונג צו קאָמוניסטישע אידעאַלן האָט אויפגעהערט — אַנשטאָט דעם זענען געגאַנגען שטרייטן אַרום דאָגמעס. אַרום מעטאַפיזישע רעלי־

גיעזע עיקרים: די מאסן זענען אנטשוויגן געווארן, דאר יווארט האבן איצט געהאט די טעאלאגן.

7. דער אונטערגאנג פון דער אלטער וועלט.

די קולטורעלע ירידה פון דער רוימישער אימפעריע איז אומפארמיידלעך געגאנגען ווייטער. דער גרונט־באזיץ איז געווארן פעאדאליזירט, די קליינע פאכטערס זענען צוגעפעסטיקט געווארן צו דער ערד און די שטאטישע האנטווערקער זענען ארגאניזירט געווארן אין צעכן — די דאזיקע דערשיינונגען זענען געווען א פועל־יוצא פוןווירטשאפטלעכן שטילשטאנד און רעגרעס און זענען אליין געווארן א סיבה פון ווייטערדיקן רעגרעס. די געדריקטע לאגע פון דער לאנדווירטשאפטלעכער באפעלקערונג האט, נאטירלעך, נישט געקאנט צוגעבן קיין חשק די שטאטישע ארבעטער צו וועלן צוריק אין דארף אריין. פארקערט: ווען די פארשקלאפונג פון דער דארף־באפעלקערונג האט זיך פארשטארקט, האט זיך נאך אנגעהויבן אן אנטלויפן אין שטאט אריין; אבער נאר א קליינע צאל האט דארט געקאנט געפינען ארבעט פאר זיך.

די פראדוקציע איז פארקלענערט געווארן, עקזיסטענץ־מיטלען איז געווארן ווייניקער, און דאס האט געפירט דערצו, אז די צאל פון דער באפעלקערונג איז אויך געווארן קלענער און די פאלקס־קראפט איז געפאלן. און דאס איז געשען גראד אין א צייט, ווען די גערמאנישע פעלקערשאפטן — די גאטן, אלעמאנען, וואנדאלן, בורגונדער און פראנקן — האבן אנגעהויבן אלץ מער שפארן צו די גרעניצן פון דער אימפעריע. די מלוכה האט באדארפט סאלדאטן, און די לאנדווירטשאפט האט זיך גענויטיקט אין ארבעטער — און באפרידיקן אי די אי יענע איז געווען נישט מעגלעך, ווייל די באפעלקערונג, ווי געזאגט, איז געפאלן אין איר צאל. די גרויסע גרונט־באזיצער האבן געזיגט אין דעם שטרייט און איינגעהאלטן די ארבעטס־קראפט פאר זיך. די מלוכה־פארטיידיקונג איז צוליב דעם געווארן אלץ שוואכער, און אזוי ארום איז די גערמאנער, הונען, אווארן און אנדערע פעלקערשאפטן ענדלעך געלונגען צו פארנעמען רוים

א דיקטאטארישן פרווו פון גרויסן פארנעם צו רעארגאניזירן די אימפעריע האט נאך געמאכט דער סאלדאטן־קייזער דיאקלעציאן, צום סוף פון 3־טן יארהונדערט. ער האט פארוואנדלט די רוימישע מדינה אין א „צעזאריסטיש־מיליטערישע דעספאטיע: ער האט פארטיילט די גאנצע באפעלקערונג אויף קאסטעס און צוגעפעסטיקט יעדן צו א צוואנג־באשעפטיקונג; ער האט אלץ רעגולירט, — אבער די אימפעריע איז געווען קראנק סאציאל־ווירטשאפטלעך, און קיין זאך האט זי נישט געקאנט מער אויסהיילן. אין יענע צייט האט די קריסטלעכע קירכע אפגעהאלטן איר ענדגילטיקן זיג. די רוימישע וועלט־אימפעריע האט געפירט איר לעצטן טויט־קאמף. צום סוף פון 4־טן יארהונדערט איז זי זיך צעפאלן אויף צוויי טיילן: מערב־רוימישע אימפעריע און מזרח־רוימישע אימפעריע. די ערשטע איז באזיגט געווארן פון די גערמאנער; די צווייטע האט געפירט ווייטער א קלאגעדיקע עקזיסטענץ, אלס ביזאנטישע אימפעריע.

איצט לאמיר זען, אין וואס איז באשטאנען די סאציאל־ווירטשאפטלעכע קרענק פון רוים.

8. די סיבה פארוואס די אלטע וועלט איז אונטערגאנגען

אינם פאריקן קאפיטל האבן מיר אנגעמערקט די לעצטע פאזעס פון דער רוימישער אימפעריע, אדער פון דער אלטער וועלט. מיר האבן גערעדט וועגן דער אומהיילבארער קרענק, אויף וועלכער די אימפעריע האט געליטן. מיר ווייסן אבער נאך נישט, וואס איז געווען די גרונט־סיבה, וועלכע האט באוויזן אומצוברענגען אט דעם פאליטישן ארגאניזם, וואס איז אמאל געווען אזוי מעכטיק. געווים, א שטארקער שונא קאן ברענגען צו א חורבן. אבער די גערמאנישע פעלקער און די הונען האבן דאך נישט פארמאגט נישט מער מענטשן, איידער די רוימישע וועלט־אימפעריע, און נישט קיין בעסערע ארגאניזאציע. אויב די דאזיקע פעלקער האבן אפגעהאלטן אזא אנטשיידענעם זיג, איז דאס נאר ווייל רוים איז שוין סיי ווי געווען קראנק און האט שוין נישט געקאנט

געפינען איז זיך די מיטלען אויף צו ווערן סאָציאַל־געזונט. וואָס זשע איז דאָס געווען פאַר אַ קרענק? וואָס איז געווען די ווירקלעכע אורזאַך, וועלכע האָט גורם געווען דעם אונטערגאַנג פון רוים און דערמיט גופא פון דער אַלטער וועלט?

דער ענטפער קאָן זיין נאָר איינער: רוים האָט נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען די פּראָדוקציאָנס־כוחות פון לאַנד, צו האָבן די פּראָדוקציע און צו באַפרידיקן די מאַטעריעלע באַדערפעענישן פון אַזאַ גרויסער אימפּעריע. ווען רוים וואָלט געבליבן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע מדינה, וואָס האַלט זיך אויף אַ צאָלרייכן אומאָפּהענגיקן פּויערטום, אָדער ווען נעבן דער לאַטיפונדיען־ווירטשאַפט וואָלט נאָך געווען אַ טעכניש גוט אַוועקגעשטעלטער האַנטווערק — דאַן וואָלט רוים געווען אימשטאַנד צו פאַרזאָרגן זיין באַפעלקערונג מיט די נויטיקסטע לעבנס־מיטלען. די באַפעלקערונג וואָלט דעמאָלט נישט אויפגעהערט צו וואַקסן אין צאָל, און זי וואָלט געקאָנט צושטעלן סיי גענוג חיל סיי גענוג טעכנישע מיטלען, כדי צו שיצן ווי געהעריק די גרענעצן פון דער אימפּעריע.

רוים איז אָבער פון איין זייט געבליבן שטיין ביי פּרימיטיווע פּראָדוקציע־פאָרמען, און פון דער אַנדער זייט האָט די לאַטיפונדיען־ווירטשאַפט אַ סוף געמאַכט צום פרייען פּויערטום. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די פּראָדוקציע פון עקזיסטענץ־מיטלען איז געפאַלן, און צוזאַמען דערמיט איז אויך געפאַלן די צאָל פון דער באַפעלקערונג, און ממילא די קראַפט אירע. די דיקטאַטור פון דיאָקלעציאַנען, די אַלע מלוכהשע און פּאָליציייִשע רעגולירונגען האָבן נישט נאָר נישט געהאָלפן צו דעם קלאָגעדיקן צושטאַנד, נאָר זיי האָבן אים נאָך פאַרערגערט, ווייל זיי האָבן דעם אַזוי אויך שוין שמאָלן יסוד פון לעבן נאָך מער באַשרענקט.

פאַרוואָס איז רוים געבליבן שטעקן ביי די פּרימיטיווע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען? פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די מאַטעריעלע אָפּגעשטאַנענקייט? ווייל אין רוים האָט געהערשט אומפרייע אַרבעט. די שקלאַפעריי און אונטעראָכונג האָבן אַרויפגעלייגט אויף יעדער פּראָדוקטיווער אַרבעט דעם שטעמפּל פון מינדערווערטיקייט און אומווערדע. די בעסטע קעפּ און די באַגאַבטעסטע קינסטלער האָבן זיך אָפּגעקערט פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, וואָרום זיי האָבן

עס געהאלטן פאר אן אומכבוד פאר א פרייען מענטשן צו טון וועלכע ס'איז ארבעט. ביי אזא לאגע האט נישט געקאנט זיין קיין שום רייד וועגן א טעכנישן פראגרעס. ווען עס האט אויסגעפעלט לעבנס־מיטלען, האט מען נישט געזוכט צו העלפן זיך דורך נייע ארבעטס־מעטאדן, דערפינדונגען און אויסבעסערונגען אין די ארבעטס־געצייג. נאר מען האט זיך געהאלפן דורך צוואנג, קריג, דעראבערונג און רויב. און ווען רוים האט דעראבערט די אלטע וועלט, זי אויסגערויבט און די אלע רייכטימער אויפגעפרעסן — איז דער מאטעריעלער באזיס געווארן אזוי שמאל, אז די אימפעריע האט זיך אויף אים נישט געקאנט האלטן. און ס'איז געוועזן גענוג די קלעפ פון די אומדיסציפלינירטע, אין באוועגונג געקומענע בארבארישע פעלקערשאפטן, אז די גרויסע אימפעריע זאל צעפאלן אויף שטיקלעך. אויף די חורבות פון רוים האבן דאן די גערמאנער גענומען בויען גאר א נייעם מלוכה־וועזן *).

און אזוי ארום געפינען מיר זיך שוין אין גערמאניש־ראמאנישן מיטלאלטער.

*) פארגלייך ז. 75 און 120.

אינהאלט:

אריינפיר

1) וואָס דאַרף מען פארשטיין אונטערן וואָרט אלטערטום? 3

2) די טעאָריע פון פאַרצייטישן קאָמוניזם: נאַטור-רעכט 9

I. פאַלעסטינע

1) סאָציאַלער מצב — — — 13

2) קלאַסן-היפוכים און די נביאים — — 17

3) פאַר סאָציאַלע גערעכטיקייט — — 20

4) פרווון פון רעפאָרמען — — — 27

5) די יידישע קאָמוניסטן — די איסיים — 30

II. גריכנלאַנד

1)ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג 35

2) ווירטשאַפטלעכע קעגנזאַצן — — 39

III. קאָמוניסטישע פראַקטיק אין ספּאַרטע

1) די געזעצגעבונג פון ליקורג — — 43

2) אגיס — דער ערשטער קאָמוניסטישער מאַרטירער 48

3) די רעפאָרם-פּרווון פון קלעאָמענעס — 53

4) דער קאָמוניסטישער ישוב אין ליפאַרע — 55

IV. קאָמוניסטישע שיטות אין אַטען

1) ווי סאָלאָן האָט רעפאָרמירט דעם מיטלשטאַנד 57

2) קאַפּיטאַליזם און צעפאַלונג — — 59

3) פּלאַטאָן — — — — 60

4) אַריסטאָטעלעס קעגן פּלאַטאָנען און פאַלעאַסן 69

5) סאָציאַלע קאָמעדיעס — — — 74

6) אַריסטאָפאַנעס — — — — 77

7) זענאָן. — קאָמוניסטישע שילדערונגען. — דאָס גריכישע עגיפּטן — — — 85

8) דער אונטערגאַנג פון גריכנלאַנד — — 88

V. רוים

1) דער כאַראַקטער פון דער רוימישער געשיכטע-ליטעראַטור — — — 90

2) פאַטריציער און פּלעבייער — — 92

3) וועלט-פאָליטיק און אינערלעכע צעפאַלונג — 95

4) דער קאַמף פאר רעפארמען: גראקך, קאטילינא און ציצעראָן — — — 98

5) די אויפשטאַנדן פון די שקלאַפן — — 105

6) ספּאַרטאַק — — — — 109

VI. רוימישע סאָציאַלע קריטיק

1) די אומצופרידנקייט פון די עקספּראפּריאירטע 117

2) די בענקשאפט נאך א איינפאכן לעבן, נאך פרייהייט און הארמאָניע — — — 121

I דאָס אורקריסטנטום

1) פּאַלעסטינע אין דער פארקריסטלעכער צייט 128

2) יעזום — — — — 131

3) דער קאָמוניזם פון די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס 135

4) די קירכן-פּאַטערס און דער קאָמוניזם — 138

5) די קאָמוניסטישע סעקטע קארפּאָקראטיאנער — 140

6) די געטלעכע 1000-יאָריקע קאָמוניסטישע מלוכה 141

7) דער אונטערגאנג פון דער אלטער וועלט — 144

8) די סיבה, פארוואָס די אלטע וועלט איז אונטערגעגאנגען — — — [illegible]

דרוק-פעלער:

אויף זייט 37 אונטן שורה 3 שטייט: אַ, קינדיש פאָלק!
דאַרף זיין: אַ זינדיק פאָלק

מ. בּעער

געשיכטע
פון סאציאליזם

צווייטער טייל

מיטלאלטער

יידיש: יוסף לעשטשינסקי

2־טע אויפלאגע

פארלאג „די וועלט“ ווארשע, 1929
Printed in Poland

M. BEER o o o o
HISTORJA SOCJALIZMU.

Wyd.: „Di WELT", Warszawa.

DRUKARNIA o o o o o
o o o „DI WELT"
WARSZAWA, NOWOLIPIE 7.

פאָרוואָרט

דער דאָזיקער טייל נעמט אַרום די געשיכטע פון סאָציאַלע אידייען פון 4־טן ביזן 14־טן יאָרהונדערט, ס'הייסט פון אייגנטלעכן מיטלאַלטער. עס ווערט אויספירלעך באַשריבן די אפיקורסיש־סאָציאַלע באַוועגונג, וועלכע האָט פון 11־טן יאָרהונדערט אָן אַלץ מער פאַרנומען די אויפמערקזאַמקייט פון דער קירך און פון די מלוכות און מיט וועלכער ס'האָבן זיך אַזוי פיל קאָנצילן (גייסטלעכע צוזאַמענפאָרן) באַשעפטיקט. איך דערפיר דאָ די געשיכטע פון דער אַפיקורסיש־סאָציאַלער באַוועגונג ביז צו דעם מאָמענט, ווען זי מישט זיך אויס מיט די פריערשע מלחמות און מיט די סאָציאַלע קאַמפן אין די שטעט. מיט אָט די מלחמות הויבט זיך אָן שוין נייע צייט — מיט איר וועט זיך אָפגעבן דער דריטער טייל, וועלכער וועט אַרומנעמען די צייט פון דער העלפט 14־טן יאָרהונדערט ביז צום אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

ם. בעטה

1. דאָס סאָציאַלע דיינקען אין מיטלאַלטער

1. דער מקור פון מיטלאַלטערלעכן קאָמוניזם און זיין מהות

דער קאָמוניזם פון אַלטערטום, לויט ווי מיר קענען אים פון די גריכישע קאָנצעפּציעס און עקספּערימענטן, האָט דער עיקר געהאַט צו טון מיט מלוכהשע און מאַטעריעלע צילן. פּלאַטאָנס שטרעבן איז געווען — אויסצובויען אַשטאַרקע אַטענישע אָדער העלענישע מלוכה; די ספּאַרטאַנער אין זייער בלי־צייט האָבן געשטרעבט צו אַ סאָציאַל־עוונעמישן ציל — צו דערציען אַ דור פון העכערע איבערהערן: די גריכישע פּוסט־ און פּאָס־טרוימער האָבן געבענקט נאָך אַ לעבן אָן מי און האָרעוואַניע; ווירגילים טרוים איז געווען אַ פרידלעך זאָרגלאָז לעבן, אַ תחית המתים פון דער אַמאָליקער „גאָלדענער צייט“. און דאָס זעלבע — סענעקע.

לויט זיינע צילן איז דער אוראַלטער קאָמוניזם מער ענלעך צום קאָמוניזם פון אונזער צייט. ביידע האָבן זיי דערהויפּט צו טון מיט ערדישע צילן. פאַר דעם היינטיקן מענטשן איז דעריבער אַ סך לייכטער צו באַגרייפן דאָס אַלטערטום, איידער תופס צו זיין דאָס פילן און דענקען פון מיטלאַלטער. סיי דאָס אוראַלטע און סיי דאָס היינטיקע גייסטיקע לעבן זענען לויט זייער מהות אייראָפּעאיש, שכל־מעסיק, לאָגיש, וויסנשאַפטלעך־קריטיש: דאָקעגן, דאָס גייסטיקע לעבן פון מיטלאַלטער האָט אין זיך געהאַט אַ שטאַרקן אָריענטאַלישן עלעמענט, די ריין נשמהשן, איראַציאָנעלן, מיסטישן. דאָס רעליגיעזע דענקען פונם אָריענט־מענטש

רעכנט זיך גאָר ווייניק מיט לאָגישע סתירות אָדער געשיכטלעכע
אַנאַכראָניזמען. ער פּלייסט זיך גאָר נישט קריטיש צו אַנאַלי־
זירן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל, צו באַטראַכטן אים לויט אָרט
און צייט, צו פאַרשטהכולן אים לויט אַ באַשטימטער טעאָריע.
פאַרן רעליגיעזן דענקען איז דער היסטאָרישער שטאָף נישט מער
ווי די אויבערפלאַך, אונטער וועלכער ס'ליגן פאַרבאָרגן די געט־
לעכע סודות: די הייליקע כתבים ווערן דאָ גענומען נישט ווערט־
לעך, נאָר זיי ווערן פאַרטייטשט אַלעגאָריש, סימבאָליש. דער מערב־
מענטש *) זוכט אומעטום טיכטיקייט, פעטקייט: דער מזרח־
מענטש — הייליקייט: דער ערשטער וויל מאַטעריעלע דערפאָלגן,
דער צווייטער — אייביקע ווערטן: און דערפאַר טאַקע ווערט דער
לעצטער פּאָליטיש און ווירטשאַפטלעך אַזוי לייכט באַהערשט פונם
ערשטן.

דער מיטלאַלטערלעכער קאָמוניזם איז געווען אַ געזעלשאַפט־
לעך־מאָראַלישער פּראָטעסט קעגן וווקס פון פּריוואַט־ווירטשאַפט,
קעגן ווקס פון דער וועלטלעכער און קירכלעכער מאַכט, וועלכע
האָבן אַלץ מער צונישט געמאַכט דאָס פּריערדיקע נאַטור־רעכט,
דאָס אורקריסטנטום און דאָס גערמאַנישע געמיינשאַפט־רעכט. אין
דער געשיכטע פון אָט דעם קאָמוניזם האָבן כסדר גאָר אַ גרויסע
ראָל געשפּילט רעליגיעז־פילאָזאָפישע געדאַנקען און רעליגיעז־עטי־
שע מאָטיוון. דער קאָמוניסטישער לעבנס־סדר האָט געזאָלט זיין אַ
מיטל גובר צו זיין דעם מענטשנס עגאָאיזם, איינצוצווימען דאָס
בייז און איינפירן סאָציאַלע גערעכטיקייט.

דער קאַמף פאַר קאָמוניזם און סאָציאַלן יושר איז געווען אַ
שווערער און קרבנות־פולער: רעליגיעזע כוחות, טעאָלאָגישע פיל־
פול־שטרייטן און איבערלעבונגען האָבן גע־
שפּייזט דעם ראַזיקן קאַמף. פּאַראַלעל דערמיט, און טאַקע פון
מיטגעפיל צום קאַמף, שלאָגט זיך דורך אַ וועג דער געדאַנק, אַז
דער יסוד פון פרומען לעבן איז אָרימקייט. דאָס ערדישע אין די

*) די באַגריפן מזרח און מערב נעמען מיר דאָ נישט אין געאָגראַ־
פישן זינען, נאָר אין גייסטיקן, ווייל ס'פעלן אונז אַנדערע ווערטער אויף צו
באַצייכענען דעם אונטערשיד צווישן רעליגיעזן און וויסנשאַפטלעכן דענקען.

קעמפער ווערט דאך אפט פארברענט אויף די שייטער־הויפנס; מען איז זיך מקריב, מען שטארבט מיט א מארטירער־טויט אין נאמען פון ארימקייט און באזיצלאזיקייט. קאן דאס דער היינטיקער איידאפייער לייכט פארשטיין? קאן ער זיך ארייגפילן אין אזא ארט גייסטיק לעבן? שווערלעך. ס'איז אבער דא פיל סימנים דער־רויף, אז אונטער דעם איינדרוק פון דער וועלט־מלחמה און פון דער סאציאלער רעוואלוציע האבן מיר אלע באקומען חשק צו דערקענען נאענטער אויך די רעליגיעז־פילאזאפישע וועלט פון די קאמוניסטישע מאנאכן און אפיקורסים.

די געשיכטע פון מיטלאלטערלעכן קאמוניזם פירט אונז אריין אין א רעליגיעז־עטישע וועלט. דאס מאטעריעלע ווערט אפגערוקט אין הינטערגרונט: דאס ערדישע פארלירט זיין ממשותדיקייט, עס איז נישט מער ווי א קורצער עפיזאד, ווי א משל; און דאס גייס־טיקע ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון אן אייביקן יש (רעאלי־טעט).

דאס קריסטנטום, וואס איז — וועלטלעך גערעדט — געקו־מען לכתחילה אלס פארבינדונג פון דער יידישער אמונה מיט דער אלעקסאנדרינישער פילאזאפיע, איז אין גאנג פון זיין אנטוויק־לונג געווארן דער יורש און דער איבערשאפער פון אלע גייסטיקע אוצרות פון אלטערטום. דאס קריסטנטום האט איבערגענומען פון דער אלטער צייט אלע געדאנקען וועגן געזעלשאפט, מלוכה, עטיק, רעכט און ווירטשאפט — אויב זיי האבן נאר נישט לגמרי אים ווידערגעשפראכן אדער געווען שטארק פארשידן פון אים — און האט זיי איבערגעאנדערשט לויט זיין אייגענעם גייסט. קריסטנ־טום איז אויסגעוואקסן צו א וועלט־אנשויאונג, אין וועלכער דאס רעליגיעזע איז געווארן דער הערשנדיקער עלעמענט און האט גע־האט א געוואלטיקע השפעה אויף דעם גאנעמען פונם געזעלשאפט־לעכן לעבן.

טעארעטיש קאן מען דעם מיטלאלטערלעכן קאמוניזם אנקניפן אין די מסורות פון אורקריסטנטום, אין די כיליאסטישע האפ־נונגען, אין דער עטיק פון די קירכן־אבות (פאטריסטיק), אין די אייגנארטיקע שיטות פון גנאזיס און מיסטיק, און לסוף אין פלא־טאנען און אין דעם נאטור־רעכט. די אלע פאקטארן האבן נישט

געווירקט יעדערער באַזונדער און נישט משפּיע געווען יעדער נאָך אויף זיין באַזונדערן אופן — נאָר זיי זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט איינאַנדער און האָבן אַלע צוזאַמען, ווי איין גאַנצעס, באַאיינפלוסט די קאָמוניסטישע שטרעבונגען. זייער ווירקונג איז געווען אַ באַדייטנדיקע אין משך פון גאַנצן מיטלאַלטער, באַזונדערס אין צייטן פון סאָציאַלע און רעליגיעזע קריזיסן, און די ווירקונג איז געווען זייער גינסטיק פאַרן קאָמוניזם און בכלל פאַר סאָציאַל־רעפאָרמערישע אידייען און שטרעבונגען. די לעצטע האָבן אָבער וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער פאַרנומען דעם צענטער פונם קירכן־לעבן: זיי זענען אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט, אין דער פּעריפעריע; ווייל זינט דאָס קריסטנטום האָט זיך פאַרבונדן מיט דער רוימישער מאַכט און מיט די באַזיצערישע עלעמענטן, אין דער צייט פון קייזער קאָנסטאַנטין (אין ערשטן פערטל פון 4־טן יאָרהונדערט), האָט עס אַלץ מער אָנגענומען אַ אָפיציעלן דאָגמאַטיש־רעליגיעזן כאַראַקטער, אַ אָרגאַניזירט־מלוכהשן און אַנטיקאָמוניסטישן. ס'איז געוואָרן אַ תהום צווישן סאָציאַלן דענקען און סאָציאַלער פּראַקטיק. די קאָמוניסטישע טעאָריעס האָבן נאָך ווייטער באַשיינט די קאַטוילישע ליטעראַטור, אָבער אין לעבן איז אַלץ דייטלעכער געקומען צום אויסדרוק די טענדענץ צו באַרעכטיקן פּריוואַט־אייגנטום, צו דערקלערן עס פאַרן איינציק דערלאָזבאַרן יסוד פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דער דאָזיקער פּראָצעס, וואָס זאָגט עדות, אַז די פראַגן וועגן קאָלעקטיוו־ און פּריוואַט־אייגנטום האָבן דאַן שטאַרק פאַרנומען די מוחות, האָט זיך אָפט אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד אָבער אָפּגעשטעלט איז ער נישט געוואָרן. עס זענען אָבער געווען קריסטלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן נישט מיטגעמאַכט אָט דעם גילגול — צי מחמת טראַדיציע, צי מחמת מאָראַלישע טעמים, אָדער צוליב עקאָנאָמישע אינטערעסן — די זענען געבליבן טריי דעם קאָמוניזם, און זענען אַוועק אין מאָנאַכנטום אָדער אין דער אַפּיקורסישער באַוועגונג. די מאָנאַכן דערמאָנען אין די אוטאָפּיסטן פון דער נייער צייט, וועלכע באַזייטיקן זיך פון פּראַקטישן לעבן און פאַרלייגן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין אָפּגעזונדערטע געגנטן, ווייל אָדער זיי קאָנען נישט אָדער זיי האַלטן בכלל נישט פון קאַמף מיט די הערשנדיקע כוחות; פאַרקערט, די אַפּיקורסים קאָן מען

אין אַ געוויסער מאָס פאַרגלייכן מיט די סאָציאַליסטישע בונטאַרעס
פון דער נייער צייט — זיי זענען אַפן אַרויסגעטראָטן קעגן דער
קירכע און קעגן דער מלוכה און האָבן געבראַכט אַ אַ שיעור
קרבנות פאַר זייערע איבערצייגונגען. עס איז אָבער קלאָר ווי דער
טאָג, אַז סאָציאַל־וויסנשאַפטלעך גענומען, זענען דווקא די מאָ־
נאַכן און די אפּיקורסים געווען אַ סך טרייער דעם גייסט פונם
אור־קריסטנטום און פון דער פּאַטריסטיק, איידער די אָפיציעלע
מושלים פון דער קירכע.

2. דער גייסט פונם אורקריסטנטום און פון דער פּאַטריסטיק.

פון די דריי־פיר יאָרהונדערטן, וואָס מאַכן אויס די יוגנט־
צייט פון קריסטנטום און ווען ס'האָבן געווירקט די גריכישע און
רוימישע קירכן־אבות, איז אַריבער אין מיטלאַלטער אַריין אַ סאָ־
ציאַלע מסורה, וועלכע איז געווען פיינטלעך צו דער ממשלה פון
געלט, צו דער אַלץ וואַקסנדיקער מאַכט פון פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע
ווילטלעכע און מלוכהשע אינטערעסן. די דאָזיקע מסורה האָט פאַר־
קערט, אונטערגעהאַלטן די שטרעבונג צו אַן אַסקעטישן, קאָמוניס־
טישן אָרט־לעבן, אָן אַ שום אייגנטום. באַזונדער האָט אַזאַ השפּעה
געהאַט די אַפּאָסטעל־געשיכטע וועגן דער אור־געמיינדע פון ירו־
שלים; ביי די איידעלערע געמיטער פון דער נייער רעליגיע האָט די
געשיכטע געוועקט די בענקשאַפט נאָך אַ געמיינשאַפטלעך לעבן.
ערנעסט רענאַן ווייזט אַרויס אַ טיפן פאַרשטאַנד פאַרן יידיש־קריסט־
לעכן לעבן. ווען ער שרייבט וועגן דער צייט פון די קירכן־אבות:
„אַלע האָבן געלעבט געמיינשאַפטלעך, איין האַרץ און איין נשמה.
פערזענלעך האָט קיינער קיין אייגנטום נישט געהאַט. ווער ס'איז
געוואָרן אַ תּלמיד יעזוסעס, האָט פאַרקויפט זיינע גיטער און עס
אָפּגעגעבן אין דער געמיינדע.... ס'איז געווען אַבסאָלוטער פרידן,
קיין שום דאָגמאַטישע שטרייטן, קיין שום רייסעררייען פאַרן אויבן־
אָן. דער צאַרטער נאָמען פון יעזוסן האָט אויסגעגלייכט אַלע מח־
לוקתן. אַ לעבעדיקע אינערלעכע פרייד האָט געהערשט ביי יעדן
אין האַרצן. (אין קיין ליטעראַטור ווערט נישט איבערגעחזרט אַזוי
פיל מאָל דאָס וואָרט „פרייד“, ווי אין נייעם טעסטאַמענט). די

מאראל איז געווען א שטרענגע... מען האט זיך גרופירט לויט די היי־זער נאך, כדי צו דאווענען און אפריכטן עקזאלטירטע עבודה. אט די ערשטע צוויי דריי הונדערט יאר זענען פארבליבן אין זכרון, ווי א דערמאנונג וועגן א גן־עדן אויף דער ערד: און דאס קריסטנטום האט דערנאך נישט אויפגעהערט צו טרוימען וועגן דעם גן־עדן און אומזיסט געפרווט זיך צו געפינען ווידער דעם אריינגאנג צו אים. פונקט ווי די „גאלדענע צייטן" איז געווען דער אידעאל פאר אלע דיכטער און דענקער פון אלטערטום, אזוי איז די ירושלימער אור־געמיינדע געווארן דאס מוסטער־בילד פאר די קירכן־אבות און פאר אלע ערנסטע קריסטן. אין משך פון די ערשטע יארהונדערטן האט דער האזיקער אידעאל איינגעזאפט אין זיך אי ביליאסטישע דערהווארטונגען אי די בעסטע עלעמענטן פון גריכיש־רוימישן דענקען — פון די קאמוניסטישע, רעליגיעז־עטישע און נאטור־רעכט־לעכע שיטות פון פלאטאנען, פון די סטאאיקער און פון די נעאפלאטאניקער: און אט די אלע שיטות זענען געווען אידעאליסטיש, ד. ה. זיי האבן אנגענומען, אז די אידייע, דאס גייסטיקע, דאס געטלעכע איז די אור־ערשטע און העכסטע מאכט אינם מענטשנס לעבן, און דאס לעבן מוז זיך אונטערגעבן אט דער מאכט — וואָרום אידייע איז דאס איינציק רעאלע און מוסטערהאפטע. די טרעגער פון אט די רעליגיעז־עטיש־פילאזאפישע געדאנקען זענען געווען: בארנאבאס (אין ערשטן דריטל פון 2־טן יארהונדערט), יוסטין דער מארטירער (ארום דער העלפט פון 2־טן יארהונדערט), קלעמענס דער אלעקסאנדריער (אין לעצטן פערטל פון 2־טן און אין ערשטן פערטל פון 3־טן יארהונדערט), זיין נאכפאלגער אריגינעס (געשט. 254), טערטוליאן (א צייט־חבר פון קלעמענס דעם אלעקסאנדריער, געווירקט אין צפון־אפריקע), זיין נאכפאלגער ציפריאן (צייט־חבר פון אריגינעס), לאקטאנץ (געווירקט אין אנהויב פון 4־טן יארהונד. אין צפון־אפריקע, קליין־אזיע און אין טריר), באזיליוס פון צעזארעא (געשט. 379), גרעגאר פון נאזיאנץ (א ייגערער צייט־חבר פון באזיליוס), יאהאן קריזאסטאם (ביסקופ פון קאנסטאנטינאפאל, געשט. 407), אמבראזיוס (ביסקופ פון מילאן, געשט. 397), אויגוסטין (430 — 354, ביסקופ פון היפפא אין צפון־אפריקע). אלע זענען זיי געווען פיינטלעך צו ערדישע עשי־

דות, אָדער גאָר טאַקע קאָמוניסטיש געשטימט; יעדנפֿאַלס, האָבן
זיי אַלע טעאָרעטיש געהאַלטן, אַז קאָמוניסטישער לעבנס־אופֿן
דאַרף זיין דער אידעאַל פֿון אַ קריסט, אַז נאָר אַזאַ לעבן קאָן אַנט־
וויקלען די טוגנט צווישן די מענטשן.
בארנאַבאַס, דער נאָנטסטער צו דער אַפּאָסטאָל־תּקופֿה, רעדט
אַזוי צו די קריסטן אין אַ אויפֿרוף, וועלכער ווערט אים צוגעשריבן:
„דו זאָלסט אין אַלע זאַכן געמיינשאַפֿט מאַכן מיט דיינע נאָנטסטע
און נישט רעדן וועגן אייגנטום; וואָרום אויב איר זייט חברים לגבי
גייסטיקע גיטער, איז לגבי מאַטעריעלע דויערלאָזע גיטער אוודאי
און אוודאי". יוסטין דער מאַרטירער איז זיך סומך אויפֿן עוואַנגע־
ליום (מתתיהו 5 — 42, 45; 6 — 19, 20, 25, 31; מאַרקוס
8 — 36; לוק 6 — 34; 9 — 25; 12 — 22, 31, 34) און דער־
קלערט אין זיין „אַפּאָלאָגיע" (1. 14, 15): „מיר, וואָס האָבן מער
פֿאַר אַלץ ליב געהאַט רייכטום און באַזיץ, ברענגען איצט אַפֿילו
דאָס, וואָס מיר פֿאַרמאָגן שוין, אין דער געמיינדע אַריין, און טיילן
עס מיט יעדן באַדערפֿטיקן". קלעמענס פֿון אַלעקסאַנדריע, וועלכער
האָט זיך געפֿונען אונטער אַ שטאַרקן סטאָאישן איינפֿלוס, זאָגט:
„נאָר גוטע מעגן האָבן פֿאַרמעגן, גוטע זענען אָבער נאָר קריסטן,
ממילא קומט אויס, אַז נאָר קריסטן זענען פֿעהיג צו האָבן פֿאַרמעגנס"
(פּעדאַגאָג 3, 6). אָבער וואָס הייסט פֿאַרמאָגן? „רייך איז נישט
דער וואָס פֿאַרמאָגט און היט דאָס פֿאַרמעגן, נאָר דער וואָס פֿאַר־
טיילט עס". ער דריקט זיך נאָך אויס אַזוי: „געלט־תּאווה איז די
שוים פֿון זינד". אָריגינעס האַלט זיך אויך ביי די זעלבע אַנשוי־
אונגען. מערטוליאַן, הגם ער איז אַ זון פֿון אַ רוימישן באַאַמטן אין
קאַרטאַגען, איז ער פֿונדעסטוועגן אַן אומבאַדינגטער קעגנער פֿונם
רוימישן מלוכה־וועזן און האַלט, אַז אַ קריסט טאָר נישט פֿאַר־
נעמען קיין שום פּאָסטן אין אַ געצנדינערישער מלוכה: „די געט־
לעכע און מענטשלעכע דינסט־שבועה, די פֿאָן פֿון קריסטוסן און
די פֿאָן פֿון שטן, דאָס געצעלט פֿון ליכט און דאָס געצעלט פֿון
פֿינסטערניש לאָזן זיך נישט פֿאַרבינדן מיט איינאַנדער".
ער איז טאַקע נישט געווען קיין פּאַטריאָט און
נישט קיין מלוכה־מאַן. אין יאָר 197 שרייבט ער: „מיר דאַרפֿן
וואָס דאָס פֿייער פֿון כבוד און ערגייץ לאָזט אונז לגמרי קאַלט, מיה

האבן קיין שום באַדערפעניש נישט צו גרינדן אַ פּאַרטײ, און קיין זאַך איז אונז נישט אַזוי פרעמד ווי פּאָליטיק. מיר ווייסן נאָר איין איינציקע מלוכה פאר אַלע מענטשן — די וועלט" (קאַפּ. 38, אַפּאָלאָגעטיקום). אין דעם זעלבן ווערק, וואָס גיט זיך אָפּ מיט פּאַרטיידיקן די קריסטן קעגן די געצנדינערישע רוימער, זאָגט ער: „גוטע מענטשן זענען נאָר די, וואָס זענען גוטע ברידער. איר האַלט אונז מסתמא פאר ווייניקער אָרנטלעכע ברידער דערפאַר, וואָס מיר בלייבן ברידער אויך דאַן, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן פאַמיליען־פאַרמעגן, בעת ביי אייך ווערט געוויינלעך אויס ברידערלעכקייט אין אַזעלכע פאַלן. און דערום האָבן מיר קיינמאָל קיין מורא נישט צו דערציילן וועגן אונזער האָב און גוטס, ווייל מיר זענען פאַרייניקט מיט לייב און לעבן. מיר האָבן אַלץ צוזאַמען, א חוץ אונדזערע ווייבער". ציפּריאַן איז זייער באַגייסטערט ביים באַשרייבן די ירושלימער געמיינדע, און ער זאָגט: „אַלץ וואָס קומט פון גאָט, ווערט געניצט פון אונז צוזאַמען, קיינער איז נישט אויסגעשלאָסן פון גאָטס חסדים און מתנות, אַזוי אַז אַלע מענטשן קאָנען גלייך געניסן פון זיין שפע... ווער עס פירט זיך לויט דעם דאָזיקן ביישפּיל פון גלייכהייט, און טיילט זיין פאַרדינסט און הכנסה מיט זיינע ברידער, ער איז מקריב זיין עגאָאיסטישן אינטערעס און ווייזט אַרויס ווילטעטיקייט לגבי אַלעמען, — דער גייט אין די וועגן פון גאָט". ציפּריאַן באַקעמפט שטאַרק די תאוה צו פאַרמעגן: „ווי אַזוי קאָנען שטרעבן צום הימל די וועלכע ווערן געשלעפּט אין דער נידער דורך ערדישע באַגערן! זיי חלומען וועגן באַהערשן און ווערן פיל מער אַליין באַהערשט, זיי זענען קנעכט, נישט קיין הארן פון זייער געלט".

אויף לאַקטאַנסען האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס פּלאַטאָנס „פּאָליטעא", און ער האָט געהאַלטן אַז דער ווירטשאַפטלעכער קאָמוניזם איז מעגלעך, אויב נאָר זיינע אָנהענגער זאָלן פאַרערן גאָט, דעם קוואַל פון חכמה און פון גלויבן. ער איז נאָר געווען אַנטשיידן קעגן דער בשותפותדיקייט פון ווייבער. לאַקטאַנץ וויל אויך, ווי פּלאַטאָן, צוריק אומקערן דעם גליקלעכן מצב פון אַמאָל, פון יענער גאָלדענער צייט, ווען גערעכטיקייט האָט געהערשט אויף דער ערד, ווען די ערד האָט נאָך געהערט צו אַלעמען, אַלע האָבן געלעבט

אינאיינעם און קיינעם האָט גאָרנישט געפעלט פון דעם, וואָס איז געוואַקסן פאַר אַלעמען (קאַפּ. 38 — 35, עפּיטאָמע)*).

באַזיליוס דער גרויסער (פון צעזאַרעא) קלאָגט אין זיינע האָמיליעס: „קיין זאַך שטייט נישט אין וועג דער גוואַלט־הערשאַפט פון רייכטום, אַלץ בוקט זיך פאַר זיין טיראַניי... ביזטו נישט קיין גיריקער מענטש אָדער אַ רויבער? דאָס וואָס דו האָסט באַקומען אויף צו פאַרוואַלטן דערמיט, ווילסטו עס מאַכן פאַר דיין אייגנטום? דאָס ברויט וואָס דו פאַרבאַהאַלטסט, געהער דעם הונגעריקן, דאָס געוואַנט וואָס דו היטסט אין די קאַסטנס — דעם נאַקעטן, דער שוך, וואָס שימלט ביי דיר — דעם באָרוויסן, דאָס געלט וואָס דו האַלטסט פאַרבאָרגן — דעם נויטבאַדערפטיקן". זיין קאַמף קעגן רייכקייט באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט נעגאַטיווער קריטיק. באַזיליוס פאַרלאַנגט בשותפישן באַזיץ: „מיר, וואָס זענען באַשענקט מיט שכל, דאַרפן דאָך נישט זיין אַכזרישער, איידער די אומשכלדיקע היות! די לעצטע נוצן די נאַטירלעכע פּראָדוקטן פון דער ערד ווי געמיינזאַמע זאַכן: די סטאַדעס שאָף פּיטערן זיך אויף איין און דעם זעלבן באַרג, די פערד פּאַשען זיך אַלע צוזאַמען אויף איין פעלד. מיר אָבער מאַכן זאַכן, וואָס זענען אַלעמענס, פאַר אייגענס, מיר נעמען צו פאַר זיך דאָס, וואָס געהער דעם כלל" באַזיליוס לייגט לסוף פאָר צו לעבן לויט די ליקורגישע געזעצן: „לאָמיר נאָכטאָן די העלענען און זייער לעבנס־אופן. וואָס איז פול מיט הומאַניטעט: עס איז פאַראַן צווישן זיי פעלקער מיט דעם אויסגעצייכנטן מנהג, אַז אַלע בירגער זאַמלען זיך צענויף אין איין געביידע אַרום איין טיש און עסן צוזאַמען"**).

גרעגאָר [illegible] נאַזיאַנץ שרייבט אינגאַנצן אין גייסט פון די קאָמוניסטישע און נאַטור־רעכטלעכע טענדענצן פון די קירכן־לערער פון זיין צייט. פרייהייט און קנעכטשאַפט, אָרימקייט און עשירות האָבן זיך גענומען דערפון. וואָס מען האָט זיך אָפּגעקערט פונם אורצושטאַנד, זיי זענען אַ פּראָדוקט פון גיריקייט, זינדיקייט, קנאה און מחלוקתן: „דו אָבער, אַ קריסט, קוק אויף דער אַמאָליקער גלייכקייט און נישט אויף דער שפּעטערדיקער צעריסנקייט. שטיץ אונטער לויט דיינע כוחות די נאַטור, האַלט הויך די אַמאָליקע פרייהייט, האָב אַכטונג צו זיך אַליין, טרייסט די אָרימקייט".

קריזאסטאָם האָט געפּרײדיקט קאָמוניסטישע עקספּערימענטן און האָט זיך דערבײ פּאַררופן אויף דער ירושלימער אור־געמײנ־דע: „וואָרום זײ האָבן נישט בלויז אײן טייל אָפּגעגעבן און אַ צווייטן טייל געלאָזן פאַר זיך, און דאָס גאַנצע האָבן זײ אויך אין אַ געוויסער מאָס געגעבן נישט ווי זייער אײגנס. זײ האָבן אָפּגע־שאַפט די אומגלייכהייט און האָבן געלעבט אין גרויסער שפע... די צעברעקלטקייט פון די פאַרמעגנס איז גורם גרעסערע הוצאות און דורכדעם אָרימקייט. לאָמיר נעמען אַ פאַמיליע פון אַ מאַן מיט אַ ווייב, מיט צען קינדער. די ווייב פאַרנעמט זיך מיט וועבעריי, ער פאַרדינט זיך זיין חיונה אויסער זיין הויז. ווען וועלן זײ מער באַדאַרפן, — ווען זײ וועלן לעבן צוזאַמען אין אײן הויז אָדער ווען זײ וועלן לעבן באַזונדער? ס'איז קלאָר, אַז דעמאָלט מער, ווען זײ לעבן באַזונדער. אַז די צען קינדער זאָלן זיך צושיידן, באַדאַרפן זײ האָבן צען הײזער, צען טישן, צען דינער און אַלע אַנדערע זאַכן אויך אַזוי. און ווי גייט עס צו מיט דער מאַסע שקלאַפן? האָדע־וועט מען זײ דען נישט אַלע צוזאַמען בײ אײן טיש, כדי אײנ־שפּאָרן הוצאות? צעשפּליטערטקייט פירט געוויינלעך צו דעם; אַז אַלץ ווערט געמינערט, דאָקעגן שלום און האַרמאָניע ברענגען מיט אַ וווּקס. אַזוי לעבט מען איצט אין די קלויסטערס, ווי די גלוביקע אַמאָל. ווער איז דעמאָלט געשטאָרבן פון הונגער, ווער איז נישט געווען גענוג זאַט? און דאָך האָבן מענטשן מורא דערפאַר מער, ווי פאַר אַ שפּרונג אין אומענדלעכן וועלט־ים. לאָמיר דאָך אַ פּרווו מאַכן און דרייסט זיך נעמען פאַר דער זאַך“. אַזוי האָט גערעדט קריזאָסטאָם אין זיינער אַ דרשה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָר 400.

אַמבראָזיוס האַלט פּריוואַט־אייגנטום פאַר אַ חטא: די זינד האָבן עס ערשט אויף דער וועלט געבראַכט. ער פּאַרטיידיקט דעם סטאָאישן כלל: „די נאַטור גיט אַלעמען אַלץ צוזאַמען. גאָט האָט בפירוש געשאַפן אַלע זאַכן אַזוי, אַז דער גענוס זאָל זיין אַן אַלגע־מיינער און די ערד זאָל זיין דאָס אײגנס פון אַלעמען. די נאַטור האָט בכן געשאַפן דאָס רעכט פון קאָמוניזם, און די גוואַלט האָט דערויף געמאַכט אַ רעכט פון פּריוואַט־אייגנטום“... „אונזער האַר־גאָט האָט געוואָלט, אַז די ערד זאָל געהערן צו אַלעמען און אַלע

זאָלן באַקומען פון אירע פרוכט, אָבער די גיריקייט האָט צעטיילט דאָס באַזיץ־רעכט".

אויך אויגוסטין, אַ תּלמיד פון אַמבראַזיוס, איז אין דער טעאָריע גענייגט צום קאָמוניזם. „צוליב דעם, וואָס יחידים האָבן אייגנטום, אַנטשטייען מחלוקת, שנאה, קריגערייען, מלחמה, אויפשטאַנדן, לייכטע און שווערע פאַרברעכן, טויט־הריגות. פאַרוואָס קומט דאָס אַלץ פאָר? דערפאַר וואָס מיר האָבן פריוואַט־אייגנס... לאָמיר זשע, ברידער, זיך אָפּהאַלטן פון פריוואַט־ אייגנטום, אָדער לפּחות פון גיריקייט, אויב מיר זענען נישט אומשטאַנד גאָר מקריב צו זיין דאָס אייגנס". (6 — 5, 131 קאָמענטאַר צו פּסאַלם). ווייטער דערקלערט אויגוסטין אַזוי: „מיר האָבן אַ סך איבעריקס, אויב מיר האָבן מער, ווי ס'איז נויטיק... זיי צופרידן דערמיט, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן, און באָרג נאָך אויס פון דעם וואָס דיר איז נויטיק. דאָס נויטווענדיקע איז אַ זאַך פון גאָט, דאָס איבעריקע איז אַ זאַך פון מענטשלעכער גיריקייט. דער איבערפלוס פון די רייכע — דאָס איז דער נויטיקער לעבנס־אויסהאַלט פון די אָרימע. ווער ס'האָט איבעריקס, דער האָט פרעמדס"

איבעריקנס, איז דאָס געווען טעאָריע, וואָס מען האָט באַנוצט אין מוסר־דרשות. אין זעלבן יאָרהונדערט (פון פערטן ביזן פינפטן), ווען אַמבראַזיוס און אויגוסטין האָבן אַנטוויקלט אָט די געדאַנקען, האָבן די לאַנד־אַרבעטער אין צפון־אַפריקע געפירט אַ קאַמף פאַר קאָלעקטיוון באַזיץ אָדער לפּחות פאַר אַ גלייכן באַזיץ און פאַר פרייהייט און גלייכהייט. די דאָזיקע לאַנד־אַרבעטער־באַוועגונג קעגן די גרויסע גרונט־באַזיצער איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען ציר־קומצעליאָנען און איז געווען פאַרבונדן מיט דער דאָנאַטיסטישער באַוועגונג: די לעצטע איז לכתחילה געווען אַ ריין רעליגיעז־מאָראַלישע אָדער רעפאָרמאַטאָרישע שטרעמונג אין דער קירכע, געפירט פון דעם בישקופ דאָנאַטוס — פון אים האָט זי עס איר נאָמען באַקומען. די דאָנאַטיסטן זענען דער עיקר אַרויסגעטראָטן קעגן די אומנאָרמאַלע באַציונגען אין דער קירכן־היעראַרכיע (גלחים־הערשאַפט) און האָבן זיך געשטעלט קירכלעך־רעפאָרמאַטאָרישע צילן. צו זיי זענען צוגעשטאַנען די לאַנד־פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען געווען אונטערדריקט דורך די גרויסע גרונט־באַזיצער. די ציר־קום־

צעליאַנען האָבן זיך גענומען אויך פאַר גוואַלט מיטלען. קירכע און מלוכה, דאָגמאַטישע געלערנטקייט און רוימישע תלינים האָבן זיך פאַרייניקט און האָבן ענדלעך צעשלאָגן די לאַנד־פּראָלעטאַריער. אויגוסטין האָט געשריבן (411) קעגן די דאָנאַטיסטן און צירקומ־צעליאַנען, און דערביי אַרגומענטירט אַזוי, אַז נאָר גערעכטיקע האָבן רעכט אויף באַזיץ, די דאָנאַטיסטן און צירקומצעליאַנען קאָנען אָבער אַזאַ רעכט נישט האָבן, ווייל זיי טרעטן אַרויס קעגן דער קירכע און קעגן דער ציווילער מאַכט.

אויב אויגוסטין האָט געווענדעט זיין גייסטיק געווער קעגן דעם לאַנד־פּראָלעטאַריאַט פון צפון־אַפריקע, קעגן זיין שטרעבן צו קאָנאָמישער גלייכהייט, האָט ער דאָס נישט געטון צוליב וועל־כער ס׳נישט איז טעאָריע. ער האָט גוט געקענט דאָס העלעניש־רוימישע נאַטור־רעכט, ווי אויך דעם גייסט פונם אורקריסטנטום און פון גנאָזיס. ער איז בכלל געווען איינער פון די געבילדעטסטע ביסקופּן פון דער קאַטוילישער קירכע. נאָר קאָמוניזם אָדער אַפילו נאָר ווירטשאַפטלעכע גלייכהייט האָבן נישט געהערט צו די אָפי־ציעלע דאָגמעס פון דער קירך. און דאָס אָפיציעלע האָט געהאַט זיין מקור נישט אין דער טעאָריע, נאָר אינם פּראַקטישן ווילן וועלכער ווערט געוויינלעך באַשטימט פון ווירקלעכע אָדער כלומרשטע קלאַסן־ צו געזעלשאַפט־אינטערעסן. מיר האָבן דאָ פאַר זיך דעם טראַגישן קאָנפליקט צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, צווישן גייס־טיקן אידעאַל און מאַטעריעלן לעבן.

אָט דער טראַגישער קאָנפליקט פּילט אויס די גאַנצע געשיכטע פון רעליגיע, פון עטיק, פון קאָמוניזם. ער זאָגט עדות וועגן דער אומפאָלקאָמענהייט פון דער מענטשלעכער נאַטור; אָדער וועגן א דואליזם פון כוחות, וואָס באַקעמפן זיך קעגנזייטיק. דאָס איז אייגנטלעך די פּראָבלעם, איבער וועלכער ס׳אַרבעט דער רעלי־גיעזער, פילאָזאָפישער און קאָמוניסטישער געדאַנק אָנהויבנדיק פון כוף אַלטערטום, דערנאָך אין מיטאַלטער און אויך אין דער נייער צייט. די סטאָאיקער זעען דעם שורש פון אָט דעם קאָנפליקט דערין, וואָס עס פאַרשפּרייטן זיך אַלץ מער פּריוואַט־אייגנטום און ציוויליזאַציע, וואָס מען פאַרלאָזט דאָס אַמאָליקע קאָמוניסטישע לעבן; די קריסטלעכע טעאָלאָגיע דערקלערט דעם קאָנפליקט דורך

דעם זינדן־פאל פונם מענטשן: די שפעטערע גנאזים וויל אים דערקלערן דערמיט, וואס אין דער וועלט ווירקן צוויי קעגנזעצלעכע אור־כוחות: גוטס און בייזס, ליכט און פינסטערניש; דער אוטאפישער סאציאליזם זעט די סיבה פונם קאנפליקט אין דער נישט שכלדיקער פאלשער ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט; און דער מארקסיזם באנעמט אים ווי א פראדוקט פון דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג, וועלכער וועט פארשווינדן, ווי נאר די געזעלשאפט וועט רייף ווערן פאר ווירטשאפטלעכן און גייסטיקן קאמוניזם.

3. גנאזים, מיסטיק און נעא־פלאטאניזם.

א צווייטער קוואל, פון וועלכן ס'האבן זיך געשפייזט די מיטלאלטערלעכע אפיקורסיש־סאציאלע באוועגונגען, איז געווען די גנאזים און די פארבונדענע מיט איר מיסטיק.

גנאזים הייסט אויף גריכיש דערקענטעניש. דער היינטיקער מענטש וואלט געקאנט דעריבער מיינען, אז גנאזים באטייט דאס זעלבע וואס וויסנשאפט. עס איז אבער נישט אזוי. גנאזים האט גאר נישט צו טון מיט די וויסנשאפטלעכע מעטאדן פון דערקענטעניש, ווי מיר פארשטייען זיי איצטער. גנאזים האט נישט צו טון מיט די איינדריקן פון דער דרויסן־וועלט, מיט באטראכטן אויסערלעכע זאכן און פאסירונגען, און אויך נישט מיט יענע אינטעלעקטועלע (לאגישע) הילפמיטלען, דורך וועלכע מיר לערנען צו קענען די נאטור־כוחות און נאטור־געזעצן און אלע דערשיינונגען און האנדלונגען אין דער געזעלשאפט און אין דער מלוכה גנאזים איז פיל מער א לערע וועגן אינערן־לעבן פונם מענטשן: וועגן די מעטאפיזישע וואנדלונגען און שטרעבונגען פון דער נשמה, וועגן דעם ווי דער גאנצער מענטשלעכער גייסט איז משועבד צו די מיסטעריעס פון יענער אור־קראפט, וואס מענטשן רופן אן „גאט” אונטער די פארשידנסטע נעמען, וועגן דעם, ווי דאס בייז איז געקומען און ווי עס ראנגלט זיך מיטן יצר טוב אין מענטשן און אין וועלט. גנאזיס איז א רעליגיעזע שיטה און האט דעריבער א געוויסע שייכות אויך מיט יידנטום און קריסטנטום, אבער זי אונטערשיידט זיך זייער שטארק פון זיי ביידע די גנאסטישע שיטה האט נישט גע־

האלטן פון קיינע דאגמעס, רינים און כללים; צוגעבן דער אמונה וועלטלעכע ארגאניזאציע־פארמען און זי באוואפענען מיט צוואנג־ און גוואלט־מיטלען — דאס האט זי באטראכט פאר א פארשוועכונג, ווייל דאס הייסט בינדן און דערנידעריקן דעם גייסט, אים מאכן גראב און גשמיותדיק. די גאנצע גנאסטישע ריכטונג איז אנטינאמיסטיש (קעגן געשריבענע דינים) און אפיקורסיש. זי איז אויך מער אדער ווייניקער דואליסטיש: להיפך צו דער קריסטלעכער אמונה האלט זי, אז נישט נאר דאס געטלעכע, נאר אויך דאס שטאפלעכע (חומרדיקע) עקזיסטירט פון אייביק אן, אז נישט נאר גוטס נאר אויך שלעכטס איז א אור־אייביקער עלעמענט, און נישט אז דאס שלעכטס איז געקומען ערשט נאכן זינד־פאל פונם מענטשן. דאס שלעכטס האט פון תמיד אן עקזיסטירט — אדער ווי א פאסיווער שטערנדיקער כוח, אדער ווי אן אקטיווע קראפט, ים פירט מלחמה קעגן גוטס.

דער גייסטיקער שורש פון גנאסטיציזם איז געווען דער דראנג צו געפינען א תשובה אויף דער פראגע, וועלכע שווימט אויף בעת יעטווידן קריזיס אין לעבן, סיי פונם כלל, סיי פונם יחיד: פון וואנעי האט זיך גענומען דאס שלעכטס, די נטיה צו שלעכטיקייט אין דער וועלט? פון וואנען שטאמט אט דער טראגישער קאמף צווישן גוטס און שלעכטס, און פארוואס ליידט דער מענטש אזעלכע מפלות אין זיין ראנגלען זיך מיט די בייזע כוחות? דאס מענטשלעכע לעבן, הן פון יחיד און הן פון כלל, איז דאך סוף כל סוף א מאראלישע פראבלעם — ווי מאכט מען, אז דאס גייסטיקע זאל בייקומען דאס מאטעריעלע, רעכט זאל אפהאלטן א זיג איבער אומרעכט, גוטס איבער שלעכטס. אלע אנדערע סיי פריוואט־יחידישע סיי סאציאלע קאנפליקטן — פערזענלעכער אינטערעס קעגן כלל־אינטערעס, אייגנליבע אנשטאט ליבע צום צווייטן, פראפיט אנשטאט סאציאלן נוצן, פריוואט־באזיץ אנשטאט כלל־באזיץ, אונטערדריקונגס־לוסט אנשטאט פרייער אנטוויקלונג — דאס אלץ זענען דאך נאר פארשוידענע אויסערלעכע פארמען פון דעם גרויסן קאמף צווישן שלעכטס און גוטס.

עס איז דער שטארקער שטרעבן צו אויסלייזונג פונם

שלעכטס, אָדער אויף היינטיקן לשון: דער קאַמף פאַר באַפרייאונג.

אין גנאָזיס איז אַט די פראַגע געווען ענג פאַרבונדן מיט נאָך אַ צווייטער פראַגע — וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער וועלט. ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען אַט די וועלט, אין וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ אַזאַ טראַגישער קאַמף?

אויף אַזאַ אופן איז גנאָזיס געווען אַ שיטה פון עטיק פאַרן יחיד און פאַרן כלל און אין דער זעלבער צייט אַ קאָסמאָגאָנישע ספּעקולאַציע (געדאַנקען וועגן וועלט־בראשית). די שיטה איז געווען באַזונדער שטאַרק אין די יאָרהונדערטן ערב און באַלד נאָכן אַנטשטייען פון קריסטנטום; אי די רבנים (אין תלמוד) אי די קירכן־פאָטערס האָבן גלייך באַקעמפט די גנאָסטישע אידייען. אַלס אַפּיקורסות. שפּעט אין מיטאַלטער האָט די גנאָסטישע שיטה ווידער אויפגעלעבט און איז געוואָרן די וועלט־אַנשויאונג פון אַפּיקורסיש־קאָמוניסטישע סעקטעס. פון די גנאָסטישע כתבים זענען פאַרבליבן נאָר קליינע רעשטן, ס׳רוב אין די שריפטן פון די קירכן־פאָטערס און פון די מיטלאַלטערלעכע אינקוויזיטאָרס, ד. ה. אין קעגנערישע שריפטן, וועלכע האָבן געבראַכט ציטאַטעס פון די גנאָסטיקער נאָר כדי זיי אָפּצופרעגן און באַקעמפן ווי אַפּיקורסישע זאַכן. ווי ווייט מען קאָן אורטיילן פון אַט די רעשטן, איז גנאָזיס געווען אַ מין געמיש פון אָריענטאַלישע און נעאָ־פּלאַטאָנישע ספּעקולאַציע־געדאַנקען איבער עטיק און קאָסמאָגאָניע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די קאָסמאָגאָניע פון אַזאַ ספּעקולאַטיווער ריכטונג, ווו געפיל־מאָטיוון זענען געווען דער עיקר און דער שכל איז געווען צו זיי משועבד, — האָט געמוזט זיין היפּש פאַנטאַסטיש. אָבער ביים אָפּשאַצן געדאַנקען־סיסטעמען הענגט זייער פיל אָפּ דערפון, פון וואָס פאַר אַ שטאַנדפּונקט מען מאַכט די אָפּשאַצונג. דער מערב־מענטש, וועלכער נעמט פאַר אַן אויסגאַנג פּונקט די מאַטעריע און די חושים, וועלכער זוכט אומעטום אורזאַכן, נאַטורגעזעצן, פרייע פון סתירות, און וויל אַזוי אַרום קומען צו אַ וועלט־אָרדנונג פון גליק — ער וועט געוויס האַלטן פאַר פאַנטאַסטיש יעטווידע סיסטעם, וואָס האָט אין איר יסוד דאָס נשמהשע לעבן, די אינערלעכע אינטואיציע; און פאַרקערט, דער אָריענטאַלער (מזרח־מענטש), וועלכער שטרעבט צו אַ

דערלייזונג פון שלעכטס און נעמט דערביי נאָר אַן אויסגאַנג־פּונקט ראַס גייסטיקע — ער וועט אויף יעדע מאָדערנע טעאָריע פון וועלט־אַנטוויקלונג קוקן ווי אויף עפּעס נישטיקס און צווייט־ראַנגיקס. דער היסטאָריקער אָבער, און צוגלייך דער לעזער מיט אַ היסטאָרישן חוש, מוז צו יעדער געדאַנקען־סיסטעם זיך באַציען מיט דער זעלבער סימפּאַטיע.

עס איז זייער שווער איבערצוגעבן בקיצור דעם תמצית פון דער גנאָסטישער סיסטעם, מיר האָבן, ווי געזאָגט, נאָר ברעקלעך פון אַט דער סיסטעם; איינהייטלעך איז זי דערצו קיינמאָל נישט געווען און האָט פאַרמאָגט אַ סך מיטאָלאָגישע עלעמענטן. מיר וועלן ברענגען נאָר די וויכטיקסטע געדאַנקען פון דער שיטה, וועלכע האָבן אַ ווערט פאַר אונזער ענין.

פאַרן גנאָסטיקער איז גאָט די אור־קראַפט, וועלכע באַשטראַלט און באַאיינפלוסט דעם גאַנצן וועלט־אַרום — דער אור־קוואַל פון ליכט, דער צענטער פון אומענדלעכער הייליקייט, גוטסקייט און ליבע, פון וועלכן עס ציען זיך שטראַלן (עמאַנאַציע) אין דעם גרעניצלאַז וועלט־אַל *). אָבער וואָס ווייטער די שטראַלן געפינען זיך פון זייער צענטער, אַלץ שוואַכער ווערן זיי; וואָס ווייטער, פון שטאַפּל צו שטאַפּל, מער פאַרלירן זיי זייער אורשפּרינגלעכע קראַפט: די הייליקייט ווערט געמינערט און אויך די ליבע. די דאָזיקע שטאַפּלען רופן זיך עאָנען. די אונטערשטע עאָנען ווערן אַלץ ערדישער, טונקעלער, מאַטעריעלער (הילישטישער), אָבער זיי פאַרמאָגן נאָך פאָרט אין זיך שעפערישע כוחות פון דעם אור־קוואַל. אַט די אונטערשטע עאָנען האָבן עס בצשאַפן פון דער מאַטעריע די וועלט, ווי מיר באַנעמען זי מיט אונזערע חושים. די מאַטעריע גופא איז אפנים שוין פון אייביק אָן געווען, אַלס קעגנזאַץ צום געטלעכן. די עאָנען, אַלס שעפער פון דער וועלט, טראָגן דעם נאָמען אַרכאָנטן. לויט אַן אַנדער באַריכט, אַ־ז געוועזן נאָר א יי ז אונטערשטער עאָן, וועלכער האָט די וועלט באַשאַפן, און ער טראָגט דעריבער דעם נאָמען דעמיאורג. אויף אַזאַ אופן, איז נישט גאָט, דער מקור פון ליכט און פון גוטס,

*) אַנדערע גנאָסטיקער רופן אַט די אור־קראַפט (גאָט) מיטן נאָמען אור־מענטש (אדם קדמון) אָדער פאָטער.

האט די וועלט באשאפן. נאר זיינע אפגעשוואכטע כוחות האבן זי באשאפן. און דעריבער איז די וועלט א געמיש פון ליכט און פינסטערניש, פון גוטס און שלעכטס — און עס גייט אן א קאמף צווישן זיי. די געזעצן, געבאטן און דאגמעס שטאמען פון דיארכאנטן אדער פון דעמיאורגן, און האבן פאר א ציל צו לייטערן די מענטשן פון אלדאס שלעכטס, מאטעריעלעס און טונקעלעס.

מענטשלעכע נשמות זענען פאראן דרייערליי, לויט זייער צוזאמענשטעל. ביי איינע איז דא מער עלעמענטן פון ליכט און פון גוטס — זיי הייסן פנעוומאטיקער (גייסטיקע); די צווייטע באשטייען גלייכמעסיק פון ביידע עלעמענטן — דאס זענען פסיכיקער (נשמהשע); ביי די דריטע איז שטארקער דער עלעמענט פון שלעכטס און פינסטערניש — זיי הייסן היליקער (מאטעריאליסטן).

די פנעוומאטיקער זענען פריי פון אלע דינים, געבאטן און דאגמעס, ווארום אט די כללים זענען דאך געגעבן געווארן דורך די ארכאנטן אדער דורך דעמיאורגן נאר אלס הילף־מיטל אינם קאמף פון גייסט קעגן דער מאטעריע. אויף די פסיכיקער זענען די אלע געזעצן און דינים שוין יא חל, און זיי קאנען זיך מיט זייער הילף אויפהויבן אויף א העכערן שטאפל. די היליקער זענען פיינטלעך צו יעדן געזעץ און צו יעדן גייסט, זיי זענען דעריבער א שפילצייג פון די נידעריקסטע אינסטינקטן און זענען פארמשפט אויף אונטערגאנג.

דער יידישער גאט יהוה איז געווען איינער פון די אונטערשטע עאנען. ער איז געווען דער דעמיאורג. זיין פאלק איז באשטאנען פון פסיכיקער, וועלכע האבן געמוזט לעבן לויט געזעצן, ביז זיי וועלן נישט זיין בכוח גובר צו זיין אינגאנצן דאס הילישע.

דער הראנג נאך אויסלייזונג באשטייט אין דעם, וואס מען שטרעבט צו דערהויבן זיך פון פסיכיקער צו פנעוומאטיקער, ד. ה. גובר צו זיין דאס מאטעריעלע און זיך צונויפגיסן מיט דער אור־ליכט. די מיטלען דערצו זענען: גנאזים, ד. ה. דערקענען, אז איך און די אור־ליכט (אדער: פאטער) זענען איינס, און אסקעזע, ד. ה. אפזאגן זיך פון אלדאס ערדישע, פון רייכטום און באזיץ, פון צוואנג און געוואלט־הערשאפט, ווייל זיי זענען די סיבה פון אייגנליבע, פון אייגננוץ און פון אונטערדריקן דעם צווייטן.

יעזוס איז געווען א פנעוומאטיקער, א זון פון גאט, אדער דער מענטשן־זון*), און געקומען איז ער, כדי צו פארווירקליכן די אויסלייזונג. ער האט דערקענט זיין איינס־זיין מיטן פאטער; ער איז געווען פול מיט ליכט און גוטסקייט, און ער האט אלעמען, ווער ס'האט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון פנעוומאטיקער, באפרייט פון געזעץ, פון דאגמע, פון יעטווידער אויסערלעכער געבונדנקייט.

דער אנטינאמיסטישער עלעמענט אין גנאזיס איז געווען איינער פון די קוואלן פונם מיטלאלטערלעכן קאמוניזם, ווארום דער גרעסטער רוב געזעצן, סיי קרימינעלע סיי ציווילע, ווי בכלל ס'רוב פאלן פון אונטערדריקונג און פארקנעכטונג, זענען אנטשטאנען צוליבן פריוואט־אייגנטום. און אזוי ווי די הייראט־געזעצן זענען דאך אויך געגעבן געווארן נאר צוליב די פסיכיקער און היליקער און די פנעוומאטיקער האבן דאך דעם דאזיקן שטאפל גובר געווען—האבן זיי געמאכט דעם אויספיר, אז זיי זענען פטור אויך פון די דאזיקע געזעצן.

אין אט דער גנאסטישער שיטה, ווי מיר זעען, ווערט נאר דאס געטלעכע, דאס גייסטיקע, ליכטיקע און גוטע באטראכט ווי א באמת־שעפערישער כוח; די מאטעריע, דאס פינסטערע און שלעבטע. איז נישט מער ווי א פאסיווע קראפט, וואס פארהאלט, שטערט. אנדערש איז אבער די זאך אין דער שפעטערדיקער גנאזיס, וועלכע ווערט צוגעשריבן דעם פערסישן רעליגיעזן פילאזאף מאני, וואס האט געלעבט ארום יאר 242. לויט מאני, איז פון בראשית אן געווען שוין א דואליזם פון קעגנזעצלעכע קרעפטן: גאט און מאטעריע, ליכט און פינסטערניש, גוטס און שלעכטס — אט איז דער אור־אייביקער קעגנזאץ, וואס קומט קיינמאל נישט צו קיין אויסגלייך. דער קאמף צווישן די ביידע כוחות קומט פאר כסדר; דער מענטש קאן שטארקן דעם געטלעכן יסוד, ווען ער שוואכט אפ זיינע שלעכטע אינסטינקטן מיט דער הילף פון אסקעטיזם, פון מענטשן־ליבע, פון אפזאגן זיך פון רייכטום. ווי שטארק די מאראלישע פראבלעם האט פארנומען דעם דעמאלטיקן דור, קאן מען זען דערפון, וואס די לערע פון מאני (מאניכעאיזם) האט געפונען א

**) דער זון פונם אור־מענטש אדער פונם פאטער.

שטאַרקע פאַרשפּרייטונג אין דער אונטערגייענדיקער רוימישער מלוכה. אויגוסטין איז געווען אַ מאַניכעער, איידער ער איז געוואָרן אַ קריסט. און כמעט די גאַנצע סעקטן־באַוועגונג פון שפּעט־מיטלאַלטער איז אויך גנאָסטיש־מאַניכעאיש.

דער געדאַנק, אַז גאָר נישט גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, נאָר דער שטן (כּוח פון שלעכטס), איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט.

אַט דער מאָראַלישער דואַליזם — דער קאַמף צווישן די כּוחות פון גוטס און שלעכטס, — ווי די מאַניכעער האָבן אים פאַרשטאַנען, איז נישט געווען קיין אויסגעפּשטלטע טעאָריע. עס איז גיכער געווען דער לעצטער פּעסימיסטישער סך־הכּל פון אַ טויזנט־יאָריקער פּאָליטישער, סאָציאַלער און אינדיווידועלער דערפאַרונג. פאָדער־אַזיען האָט כּסדר צוגעזען די אימפּעריאַליסטישע רויב־אינוואַזיעס און די חורבנות, וואָס ס'האָבן מיט זיך געבראַכט די צוזאַמענשטויסן צווישן די מעסאָפּאָטאַמישע, עגיפּטישע און מיטל־לענדישע מלוכות. עס האָט געזען, ווי אימפּעריעס קומען אויף און ווערן חרוב: ווי גוטע קומען אום און שלעכטע זיגן: ווי ברוטאַלע געוואַלט הערשט אין משך פון הונדערטער יאָרן און טרעט מיט די פיס די מילדע און פרידלעכע. פאַר די מזרח־פעלקער מיט זייער גייסטיקער וועלט־אָריענטירונג איז באַזונדער געווען אַ שרעק־לעכע מאָראַלישע רעטעניש דער לאַנגער זיגרייכער וועג פון דער רוימישער אימפּעריע: די נצחונות פון רוים האָבן זיך אַזוי נישט געקלעבט מיט זייער פאָרשטעלונג וועגן אַ מאָראַלישן וועלט־סדר.

און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט אויך געקאָנט נישט וויי־ניקער צעטומלען. דער קאַמף צווישן רעכט און אומרעכט, צווישן שקלאַפן און הארן, צווישן אויסנוצער און עקספּלואַטירטע, צווישן אָרימע און רייכע איז נישט אויסגעפאַלן לטובת דעם גוטס.

און דער מאָראַלישער אָפּגרונט אינם יחיד גופא? ווי שווער עס איז איינצוצוימען דאָס שלעכטס, דאָס קערפּערלעכע, דאָס אַנסטינקטיווע און מאַכן זיגן דאָס גוטס, דאָס גייסטיקע, דאָס נשמהשע?

די גאַנצע רעליגיע־געשיכטע פון איראַן שפּיגלט אָפּ אַט דעם אינערלעכן און אויסערלעכן געראַנגל, און זיין רעזולטאַט האָט נישט געקאָנט פירן צו קיין אָפּטימיסטישע מחשבות. לכתחילה

האט מען געגלויבט, אז ארמוזד (אדער גאט) און די גוטלעכע
ברואים בילדן אינאיינעם מיט די פרומע מענטשן און מיט אלע
ריינע באשעפענישן א געטלעכע מלוכה, ווו דאס שלעכטס וועט
ענדלעך ווערן באזיגט. אבער קעגן ארמוזד־ן איז אויפגעשטאנען
ארימאן, א שרעקלעכער כוח, וואס האט אין זיין רשות אומגע־
הויערע מיטלען און שטעלט אין סכנה דעם זיג פון גוטס. דאך
איז נאך געווען גרויס די קאמפס־לוסט און די האפענונג, אז ארי־
מאן וועט געשלאגן ווערן. ביסלעכווייז אבער האט די דערפארונג
געוויזן, אז דאס שלעכטס איז פונקט אזא זעלבשטענדיקע מאכט
ווי דאס גוטס, אז בײדע באגלייך ווירקן זיי אין דעם אייביקן
פעלקער - און קלאסן־קאמף, און אז דאס גוטס האט זייער
ווייניק שאנסן צו בלייבן דער זיגער. אין אזעלעם קאמף איז בכן
ג שט מעגלעך ביי צוקומען דאס שלעכטס, די געוואלט, דאס אומ־
רעכט. דער מענטש מוז לויפן פון דער וועלט, און זוכן א רעטונג
אין אסקעטיזם, אין נזירות.

דער מאראלישער דואליזם פון די מאניכעער איז געווען דער
פעסימיסטישער אויספיר פון דער וועלט־פאליטישער, סאציאל־
ווירטשאפלעכער און אינדיווידועל - עטישער געשיכטע — ד. ה.
פון מאראלישן קריזיס — וואס א טייל פון אריענט האט דורכ־
געלעבט אין די לעצטע יארהונדערטן פון דער רוימישער אימ־
פעריע. אויב די יידן און צוזאמען מיט זיי די קריסטן זענען נישט
אנגעשטעקט געווארן פון אט דעם איראנישן פעסימיזם און האבן
איינגעהיט זייער רעליגיעזן אפטימיזם — איז דאס אדאנק די
נביאים און זייער גרויסן לעצטן יורש יעזוסן, וועלכע האבן פעסט
באגרינדעט און געפריידיקט די אמונה אין א מאראלישן וועלט־
סדר.

די גנאסטישע שיטה האט אין זיך אויך עלעמענטן פון מיס־
טיק. דאס איינס־זיין מיט גאט און די אסקעזע זענען דער בריק
צווישן די ביידע גייסט־ריכטונגען. די גרונד־שטריכן פון מיסטיק
זענען — נובה זייז' די קערפערלעכע אינסטינקטן דורך אפטויטן
דעם גוף און אויפלייזן די נשמה אינם וועלט־אל, וואס איז פול
מיט גאט. דער אונטערשיד צווישן די ביידע ריכטונגען איז אין
דעם, ווי זיי באנעמען דעם בורא גאט. דער גנאסטיקער רעדט

זוענן א באזונדערן צענטר, ווי וועגן דעם אור־קוואל פון יעדען
שאפונג, פון יעדן ווירקן; דער מיסטיקער דאקעגן איז א פאנ־
טעאיסט, ער זעט און פילט גאט איבעראל. די גנאסטישע שיטה
האט זיך איר ספעציעלע קאסמאגאניע מיט באשטימטע טעאריעס;
די מיסטיק איז כמעט בלויז רייַנע אינערלעכע פראקטיק: דורך
אכטעזע קומט מען אריין אין עקסטאז (התלהבות), מען דערפילט, ווי
דער גוף ווערט אויפגעלייזט און פארשווונדן און מען באהעפט
זיך אין הייליקער ליבע מיטן גאטפולן וועלט־אל. אין דער מיסטיק
פאלן אוועק אלע אונטערשיידן, אלע מחיצות צווישן גייסט און מא־
טעריע, צווישן הימל און ערד. אלץ איז פארגעטלעכט, פא־איינהייט־
לעכט און פארייניקט. די רעליגיע פונם מיסטיקער ווייסט נישט
פון קיין מורא און אנגסט, און זי אנערקענט נישט קיין שום
קירכלעכע פארמיטלעריי צווישן מענטשן און גאט: זי ווייסט נאר
פון איבערגעבן זיך צום געטלעכן דורך ליבע. זי ווייסט אויך נישט
פון קיין שום אויסערלעכע דינים און שטראפן, ווארום איר איז
אינגאנצן פרעמד דער באגריף פון האר און קנעכט אין די באצי־
אונגען צווישן גאט און מענטש.

דער מיסטיקער איז אלזא, פונקט ווי דער גנאסטיקער, אויך
א קעגנער פון יעטווידן אויסערלעכן רעליגיעזן ריטואל, פון קירכ־
לעכע דאגמעס און מצוות. דער מיסטיקער ווייזט אויך ארויס אנ־
טינאמיסטישע טענדענצן און א נטיה צו א קאמוניסטישן ארט
לעבן: ביידע זענען זיי קעגן אויסערלעכן צוואנג, קעגן געוואלט־
הערשאפט, קעגן קריג און מארד.

סיי דער גנאסטיקער, סיי דער מיסטיקער, ווי בכלל דער גייס־
טיק געשטימטער אפיקורס, קוקן אויף דעם גאנצן רעליגיעזן שולחן
ערוך (רעגלאמענט) ווי אויף עפעס גראב־חומרדיקעס און מעכאני־
שעס, וואס האמעוועט נאר די אינערלעכע פרייהייט און פארמיס־
טיקט זי, א סך גנאסטישע סעקטעס זענען געווען קאמוניסטיש,
אדער זענען כוטה געווען צום קאמוניזם.

אין ענגער פארבינדונג מיט גנאזיס און מיסטיק געפינט זיך
דער נעא־פלאטאניזם. ווי מען זעט שוין פון נאמען גופא. האט דער
נעא־פלאטאניזם, געהאט פאר זיין אויסגאנג־פונקט פלאטאנס אי־

דייען איבער דער שייכות צווישן גאָט און וועלט — אידייען, וועלכע האָבן געטראָגן אַ מאַנאַטעאיסטישן און אַביסל אַ מיסטישן כאַראַקטער.

פּלאַטאָן איז אַן אידעאַליסט: ער האַלט, אַז די אידייען, וואָס מיר האָבן אין קאָפּ וועגן בלערליי מינים זאַכן און דערשיינונגען, — זיי זענען דער אמתער תמצית, דאָס דויערהאַפטע, דאָס באַשטענדיקע אין די דאָזיקע זאַכן און דערשיינונגען: דאַקעגן, די אינדיווידוען גופא (די איינצלנע זאַכן און ערשיינונגען, יעדע פון זיי באַזונדער) זענען דאָס וואָס בייט זיך בסדר, וואָס איז פאַרגאַנגלעך. בכן, זענען די אידייען ביי אונז אין קאָפּ נישט בלויז אָפּבילדונגען. נישט בלויז באַגריפן און אויפפאַסונגען, וואָס אונזער דענקען מאַכט זיך פון די דרויסנדיקע זאַכן און פּאַסירונגען, נאָר זיי זענען ווירקלעכקייטן (רעאַליטעטן), וועלכע עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון אונזער דענקען און נאָך פריער פאַר די זאַכן גופא. דאָס גייסטיקע — אָט איז דאָס רעאַלע אורשפּרינגלעכע און פּערמאַנענטע: דאַקעגן, דאָס קערפּערלעכע איז נישט מער ווי משועבדדיקער רוישטאָף, וועלכער ווערט געפאָרמט דורך דער גייסטיקער רעאַליטעט און באַקומט אַ באַדייטונג ערשט דאַן, ווען ער ווערט פאַרקערפּערט דורך די אידייען. דעם דאָזיקן אידעאַליזם האָט מען אין מיטלאַלטער גערופן „רעאַליזם“, און ער האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל אין דער סכאָלאַסטיק — קעגן דעם נאָמינאַליזם, והעלכער האָט געהאַלטן די באַגריפן בלויז פאַר נעמען פון דרויסנדיקע זאַכן.

ביי אַזאַ אויפפאַסונג איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פאַר פּלאַטאָנען איז דאָס געטלעכע — דער אור־קוואַל פון די אידייען — געווען דאָס עיקרדיקסטע און רעאַלסטע אין גאַנצן וועלט־אַרום. „גאָט איז אַנהויב, מיטן און סוף“. דעם מענטשנס נשמה איז אַ טייל פון דער געטלעכקייט, און זי רייסט זיך צו איר אין טיפער בענקשאַפט, ווי אַ פויגל. דאָס געטלעכע איז דער קערן פון אַלע זאַכן און דער זין פון לעבן. מען דאַרף ליב האָבן און קולטיווירן דאָס געטלעכע אינעם מענטשן: מען דאַרף זיך פאַרטיפן אין די אידייען: מען דאַרף זיך קלאַמערן אין דעם שיינעם, גוטן און אמתדיקן. ווער עס גיט זיך איבער צו אַ לעבן פון תאוות, דער קאָן האָבן

נאר שטערבלעכע געדאנקען: ווער ס׳האט אבער אין זינען דאס געטלעכע און אומשטערבלעכע און טראגט עס אין זיין נשמה — דער וועט זוכה זיין צו אומשטערבלעכקייט און צו העכסטער גליקזעליקייט.

אט די דאזיקע רעליגיעז־פילאזאפישע געדאנקען, וועלכע זענען גאנץ נאענט צו דער יידישער און קריסטלעכער טעאלאגיע, האבן זיך אין אלעקסאנדריע, דעם צענטר פון העלעניש־אריענטאלישער געלערנטקייט, באהעפט מיט יידישע, גנאסטישע און מיסטישע רעליגיע־עלעמענטן, און ס׳האט זיך באקומען א פילאזאפישע סיסטעם, באקאנט אונטערן נאמען נעא־פלאטאניזם. דער גייסטיקער פאטער פון דער סיסטעם איז געווען פילאן, אן עלטערער צייטחבר פון יעזוסן און א אנהענגער פון קאמוניזם (זע ערשטן טייל זייט.....). איינער פון די בארימטסטענע פלאטאניקער איז געווען אמאניאס־סאקא (געבוירן אין אלעקסאנדריע אין יאר 175, געשטארבן אין 242): דער קירכן־פאטער ארגינעס און דער קאמוניסט פלאטין זענען אויך געווען צווישן זיינע תלמידים. פלאטין האט דער ערשטער אנטוויקלט און שריפטלעך פארמולירט דעם נעא־פלאטאניזם.

פלאטין איז געבוירן געווארן אין ליקאפאליס, אין עגיפטן, אין יאר 205 און איז געווען איינע פון די איידלסטע געשטאלטן אין דער וועלט־געשיכטע: די שענסטע הארמאניע, וועלכע איז נאר מעגלעך צווישן טעאריע און פראקטיק. זיין כאראקטער האט פאראייניקט אין זיך די אסקעטישע שטרענגקייט פון אריענט מיט דעם געפיל פון מאס, מילדקייט און הייטערקייט פון די העלענער. פאר זיין צייט איז ער געווען איינער פון די געבילדעטסטע מענטשן. ער האט גוט געקענט די גריכישע פילאזאפיע, און איז געווען גוט באהאוונט אין מוזיק, מאטעמאטיק, מעכאניק און אפטיק. ער איז שוין אלט געווען 28 יאר, ווען ער האט דערפילט א דראנג צו לערנען. ער האט גענומען באזוכן אין אלעקסאנדריע די לעקציעס פון פארשידענע געלערנטע: זיי האבן אים אבער נישט באפרידיקט, ביז ער האט נישט דערהערט אמאניאס סאקאן. צען יאר האט ער דאן שטודירט ביי אים דעם נעא־פלאטאניזם: דערנאך האט ער געוואלט פארן קיין פערסיען, כדי צו באקענען זיך מיט

די דאַרטיקע חכמים; איבער די קריגס־געשעענישן האָט ער דאָס אָבער נישט באַוויזן אויסצופירן. אין יאָר 244 איז פּלאָטין אָנגעקומען קיין רוים, און ער האָט זיך גלייך דערוואָרבן אַ גרויסן ווירקונגס־קרייז. מען איז פון אומעטום, פון נאָענט און ווייט, געקומען הערן זיינע לעקציעס. מענער, פרויען, יונגוואַרג — אַלע האָבן געשלונגען זיינע ווערטער. זיין געלערנטקייט און זיין כאַראַקטער, זיין אַפּערוויליקייט און דירנדיקע ענייות האָבן אים געמאַכט אַ שם, און ער איז געוואָרן איינע פון די חשובסטע פּערזענלעכקייטן אין רוים. בעת סכסוכים האָט מען אים זייער אָפט גענומען פאַר אַ בורר; שטאַרבנדיקע האָבן אים איבערגעגעבן די אַפּיטרופּסות איבער זייערע קינדער; קראַנקע פלעגן זיך ווענדן צו אים נאָך הילף; זיין הויז איז תמיד געווען פול מיט יונגלעך און מיידלעך, וועלכע ער פלעגט דערציען און אַפּהיטן טריי זייער פאַרמעגן. מאָלער און סקולפּטאָרס האָבן נישט איינמאָל געוואָלט מאַכן בילדער פון אים — ער האָט זיך כסדר פון דעם אָפּגעזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו לעבן אין אַ גוף. ער איז נישט געווען אַזאַ גוטער פּליסיקער רעדנער, אָבער זיינע רעדעס זענען תמיד געווען געדאַנקען־רייך, מיט פייער און באַגייסטערונג. זיין אָנגענעמער ליבנסווירדיקער פּנים פלעגט באַקומען נאָך אַ באַזונדערן חן. בעת ער האָט געלייענט זיינע לעקציעס — די אויגן האָבן געשמראַלט מיט אַ מילדן גלאַנץ, פון זיי האָט אַרויסגעלויכטן אַ רייכער גייסט, און די צוהערער זענען געווען ווי פאַרכישופט. ער האָט זיך געהאַלטן ווייט פון דער טאָג־פּאָליטיק; ווי אַ גוטער פּלאַטאָניקער, האָט ער זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט סאָציאַליסטישע פראַגן. אין יאָר 263 האָט ער געפירט אין רוים אַ קאַמפּאַניע פאַר אויפשטעלן אַ קאָמוניסטישן ישוב אין איינער אַ פאַרוואָרפענער קאַמפּאַנישער שטאָט. דער ישוב האָט געזאָלט טראָגן דעם נאָמען פּלאַטאָנאָפּאָליס (פּלאַטאָנס שטאָט). דער רוימישער קייזער גאַליענוס (260 — 268), וועלכער האָט געגעבן פולע פרייהייט אויך די קריסטלעכע רעליגיע־פרײדיקער, איז אפילו געווען גענייגט צו פּלאַטינס געדאַנק, אָבער די הויף־לייט האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן, און דערווייל האָט זיך גראָד אָנגעהויבן אַ מהומה אין לאַנד און דער קייזער איז געוואָרן דערמאָרדעט. — אַזוי איז פון פּלאַן גאָרנישט אַרויסגעקומען.

4. וועגן מיטלאלטערלעכן נאטור־רעכט אין אלגעמיין.

דער דריטער קוואל פון קאמוניזם אין מיטלאלטער איז געווען
דאס נאטור־רעכט. אלע האבן זיך דאן געשטיצט אויף אט דעם
רעכט: סיי די טעאלאגישע, סיי די אפיקורסישע שריפטשטעלער און
פירער; סיי די וואס האבן זיך איינגעשטעלט פאר א קאמוניסטישע
רעליגיעז־וועלטלעכע ארדנונג, אויפן יסוד פון גלייכהייט און גיים־
טיקער פרייהייט; און סיי די וואס האבן געוואלט א פריוואט־ווירט־
שאפטלעכע ארדענונג, נאר ס'זאלן אין איר הערשן קריסטלעכע
ליבע און גוטע מדות און די לעבנס־פירונג זאל זיין שטרענג רע־
גלאמענטירט. נאטור־רעכט — איז געווען דער סאציאלאגישער יסוד
פון דער גאנצער קריסטלעכער געשיכטע־אויפפאסונג אין מיטל־
אלטער.

שוין פון דעם אליין, וואס א רייע דורות האבן גאנץ פארשידענע
לעבנס־אויפפאסונגען באגרינדעט דורך דעם זעלבן נאטור־רעכט,
קאן מען לייכט פארשטייען, אז די נאטור־רעכטלעכע טעאריעס
גופא האבן דורכגעמאכט פארשידענע פאזעס, אז זיי זענען געווארן
אלע מאל געענדערט אדער אנדערש אויסגעטייטשט. ווארום אז
נישט — ווי וואלט עס מעגלעך געווען, אז א שיטה, וואס א ן
אנטשטאנען אין שפעט־אלטערטום, זאל זיך לאזן אן שום שינוים
אנווענדן צו די באדינגונגען, וואס האבן זיך געשאפן אין מיטל־
אלטער? איז דען מעגלעך, אז אזעלכע געשעענישן, ווי דאס אויפ־
טרעטן פון די גערמאנער, די אנטשטייאונג פון דער פראנקישער
מלוכה, די קרייץ־צוגן, דער אויפבלי פון די איטאליענישע שטעט,
דער וווקס פון האנדל און פארקער — אז דאס אלץ זאל נישט
האבן קיין ווירקונג אויף דער עקאנאמישער סטרוקטור און אויף
איר טעארעטישן אויסדרוק? די סאציאלע, ווירטשאפטלעכע, פא־
ליטישע און גייסטיקע אנטוויקלונג הענגט דאך נישט אפ פון א
באשטימטן טעארעטישן יסוד, נאר פארקערט. און פאקטיש איז טאקע
אזוי געווען — דאס נאטור־רעכט האט דורכגעמאכט פארשידענע
גילגולים, אפהענגיק פון די געזעלשאפטלעכע לעבנס־באדינגונגען
אין פארשידענע צייטן און לענדער. און ס'איז זייער אינטערעסאנט

און באַלערנדיק צו זען, ווי אין יעדן גילגול, אין יעדער נייער פאָרמולירונג פונם נאַטור־רעכט שפּיגלט זיך אָפּ אַ געוויסער גילגול אינם סאָציאַלן לעבן.

לכתחילה איז די נאַטור־רעכטלעכע שיטה אַנטשטאַנען אויף דעם גריכישן באָדן, וועלכער איז געווען צעריסן און אָנגעגליט פון סאָציאַלע קאַמפן: איר גרונט־קערן איז דאַן געווען קאָמוניזם, גלייכהייט און פרייהייט. מיר האָבן שוין דערויף אָנגעוויזן אין ערשטן טייל פון בוך. די שיטה האָט געפונען אַ גרויסע פאַרשפּרייטונג אין דער רוימישער מלוכה, וווּ זי האָט באַאיינפלוסט די רוימישע יוריסטן. דאָס רוימישע רעכט האָט אָבער, אין הסכם מיטן פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכן בוי פון דער מלוכה, געטראָגן אַ אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער און נישט געקאָנט אַסימילירן אין זיך דעם קאָמוניסטישן קערן פונם נאַטור־רעכט. דער פּועל יוצא איז — די רוימישע יוריסטן פאָרמולירן אַזוי די נאַטור־רעכטלעכע שיטה, אַז עס בלייבט פון איר נישט מער ווי בלויז דער פּרינציפּ, אַז אַלע מענטשן זענען פון דער נאַטור אויס פריי. דאַקעגן, די גריכישע און לאַטיינישע קירכן־פאָטערס האָבן דווקא ווידער אויפגעפאַסט דאָס נאַטור־רעכט אין זיין לכתחילהדיקן זינען, אָבער זיי האָבן עס שוין נישט געהאַלטן פאַר אַ חוב פאַר אַלעמען. אין אָנהויב מיטלאַלטער טרעפן מיר דאָס נאַטור־רעכט קאָמבינירט מיט די אָנשויאונגען פון די רוימישע יוריסטן. און אין שפּעט־מיטלאַלטער, ווען עס קומען שוין אויף שטעט און עס בליט זיך פאַנאַנדער האַנדל און האַנטווערק, פּרוּווט מען זיך גאָר מיט דער הילף פון נאַטור־רעכט צו באַגרינדן און כשרן דווקא דעם פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכן געזעלשאַפטס־סדר. די קריסטלעכע קרייזן אָבער, וועלכע האָבן געוואָלט אויך אין פּראַקטישן לעבן בלייבן טריי די אַמאָליקע נאַטור־רעכטלעכע און אור־קריסטלעכע טראַדיציעס, — זיי זענען אַוועק אין דער אַפּיקורסישער באַוועגונג, אָדער זיי האָבן זיך דערווייטערט אין די קלויסטערס, כדי צו קאָנען פירן אַ קאָלעקטיוון אָרט לעבן.

איידער מיר גייען איבער צו אילוסטרירן מיט פאַקטן דעם אָנגעוויזענעם אַנטוויקלונגס־וועג פונם נאַטור־רעכט, דאַרפן מיר זיך פריער נאָך באַקענען מיט זיינע גרונט־שטריכן און אויך מיט

דעם. ווי האבן אויפגעפאסט אז דאס נאטור־רעכט די רוימישע יוריסטן און די קריסטלעכע טעאלאגן.

די רוימישע געלערנטע האבן געטיילט דאס רעכט בכלל אויף דריי מינים: נאטור־רעכט, פעלקער־רעכט און ציוויל־רעכט. דער ערשטער טייל — נאטור־רעכט — איז ביי זיי זייער שוואך אנטוויקלט: נאר ווייניקע זאגן בלאסע שפורן פון זיין גריכיש־סטאאישער אפשטאמונג. פאר נאטור־רעכט ווערן באטראכט כמעט נאר די מעשים, וועלכע דער מענטש באגייט אויף א אינסטינקטיוון אופן: הייראט, קינדער־האבן און דערציאונג פון קינדער. עס ווערט פונדעסטוועגן צוגעגעבן, אז אלע מענטשן ווערן געבוירן פריי, אז שקלאפעריי איז דערום א קעגן־נאטירלעכע זאך. דירעקט וועגן ווירטשאפטס־פארמען און אייגנטומס־באציאונגען זאגט זיך גאר נישט. נאר עס ווערט דערקלערט, אז דער צווייטער טייל — פעלקער־רעכט, וואס איז ארויסגערופן דורך זארקער און צוזאמענשטויסן צווישן פעלקער, — אז אט דאס רעכט האט געשאפן אדער אנערקענט די שקלאפעריי און די קאמערציעלע און אויסערלעך־פאליטישע באציאונגען (די רוימישע יוריסטן האבן געהאלטן, אז דאס רעכט שאפט און באגרינדעט די סאציאלע באציאונגען און נישט פארקערט). און פון דער דאזיקער דערקלערונג קאן מען שוין דרינגען, אז דאס נאטור־רעכט איז נישט געווארן פארשפרייט אויף די אינסטיטוציעס פון פעלקער־רעכט. דער דריטער טייל — ציוויל־רעכט — איז די געזעצגעבונג, וואס גילט אין יעדן לאנד און ווערט געשאפן אדער דורכן פאלק אדער דורך זיינע הערשער.

א סך דייטלעכער זענען די שפורן פון נאטור־רעכט אין דער קריסטלעכער טעאלאגיע פון מיטלאלטער. די ווירקונג פונם אור־קריסטנטום און פונם גריכישן קאמוניזם — איז געווען צו שטארק, אז די קירכן־פאטערס זאלן זיך פון איר אזוי לייכט באפרייען. די אנטוויקלונג איז דא געווען אזא:

אין זייער נאטור־[illegible] (איז גאלדענעם צייט־אלטער, אין גן־עדן אדער פאר דעם אדם־הראשון־חטא) האבן די מענטשן געלעבט לויט א אינערלעכן געבאט — א גאט־ אדער נאטור־געבאט: זיי האבן אלץ פארמאגט בשותפות, געלעבט אין פרייהייט און אין גלייכהייט, אן שום אויסערלעכע געזעצן און כללים, אן מלוכה, אן

צוואנג. געהערשט האט דאס אייגנמלעכע נאטור־רעכט, און דאס איז געווען די ערשטע, די אור־סטאדיע אין דער מאראל פון מענטשלעכן מין.

דערנאך איז געקומען די צווייטע סטאדיע. עס האבן זיך גענומען ווייזן תאוות. אינם מענטשן איז פארגעקומען א גייסטיקע פארענדערונג. די גיריקייט האט אוטערגעגראבן דעם נאטור־צושטאנד (דערזינדן־פאל). דער גאלדענער צייט־אלטער איז פארשווונדן: דער קאמוניזם, די גלייכקייט און די פרייהייט זענען צערודערט געווארן (די ערשטע מענטשן זענען פארטריבן געווארן פון גן־עדן). וויבאלד די אינערלעכע ליכטיקייטן פונם נאטור־רעכט איז אויסגעלאשן געווארן, האט זיך דער מענטש דערפילט אן א אנפירונג און איז געווארן צעטומלט. בעת אט דעם ערשטן מאראלישן קריזיס פון מענטשלעכן מין האט זיך באוויזן דער שכל, אלס מלאך הגואל, אלס אויסלייזער. דער שכל האט אנגעוויזן א וועג דעם מענטשן, ער האט אים געגעבן געזעצן (דעקאלאג, עשרת הדברות) און אלגעמיינע זיטלעכע כללים, וועלכע זענען נישט געווען אזוי אויסגעהאלטן, ווי די נארמעס פונם אור־נאטור־רעכט, אבער דאך האבן זיי מעגלעך געמאכט א מענטשלעך צוזאמענלעבן אין דעמאקראטישער פרייהייט און גלייכהייט, זיי האבן געצוימט די תאוות, קלענער געמאכט דעם באגער צו באזיץ און צו הערשאפט און נישט דערלאזט צו קיין מארד און קריג. דאס איז די סטאדיע פון פארשטאנד־רעכט.

אבער אויך דער דאזיקער צושטאנד, ווען ס'האט געהערשט א שכלדיקער רעכט־סדר, האט נישט לאנג געדויערט. אז דער מענטשן־מין האט זיך געמערט און ס'איז געווארן אלץ שווערער צו באקומען די נויטיקע לעבנס־מיטלען, האבן די תאוות אנגעהויבן גובר צו זיין דעם פארשטאנד. דער ווילן צו געוועלטיקן, קריג און מארד און רויב האבן צעטרייסלט די יסודות פון דער ראציאנאלער רעכט־ארדענונג. ס'האט אנגעהויבן בושעווען א קאמף פון אלע קעגן אלע (קין האט דערהרגעט זיין ברודער, אויפגעשטעלט א שטאט, אדער א שטאט־מלוכה און האט איינגעפירט פריוואט־אייגנטום אויף ערד און באדן); די שטארקע זענען זיך טיראניש באנאנגען מיט די שוואכע; זיי האבן צוגענומען אין זייער פרי־

וואָטן רשות די בעסטע ערד, די הייזער און אַנדערע פאַרמעגנס; די געזעלשאַפט האָט זיך צעשפּאָלטן אויף אַ הייפל רייכע און אַ מאַסע אָרימע. די ערד איז פול געוואָרן מיט רויב און געוואַלט. דאַן איז געשאַפן געוואָרן דאָס פּאָזיטיווע רעכט, דאָס מענטשן־רעכט, כדי מעגלעך צו מאַכן אַ געאָרדנט לעבן אין דער געזעלשאַפט, כדי צו שיצן די אָרימע און שוואַכע. דאָס דאָזיקע רעכט איז האַרט און טרוקן: עס איז אין אים גאָר נישט פאַראַן פונם נאַטור־רעכט און זייער ווייניק פונם ראַציאָנעלן רעכט; עס אָנערקענט פּריוואַט־אייגנטום און הערשאַפט־באַציאונגען, נאָר עס גיט דאָך אַ געוויסן שוץ די אָרימע און שוואַכע, עס דערלאָזט נישט צו אַ מלחמה פון אַלע קעגן אַלע, און עס שיצט די פרוכט פון אַרבעט קעגן שווינדל און רויב. מלוכה און פּריוואַט־אייגנטום, קומט אויס, זענען געשאַפן געוואָרן, כדי צו פאַרריכטן די פאָלגן פונם זינדנפאַל, כדי נישט דערלאָזן צו די עקסטרעמען פון אָרימקייט און רייכקייט. קיינער טאָר נישט האָבן קיין מותרות, כל זמן ס'זענען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן נישט דאָס נויטיקסטע. עס איז דעריבער די זאַך פון דער רעליגיע צו זען מילדער מאַכן די האַרטע זייטן פונם פּאָזיטיוון רעכט, צו זען איינצוימען דורך קריסטלעכע ליבע די שטאַרקע און מאַכן וואָס דערטרעגלעכער דעם גורל פון די אונטערדריקטע.

פון אַט דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פונם קריסטלעכן נאַטור־רעכט זעט מען קלאָר, אַז הגם עס שטייט מאָראַליש פיל העכער פאַר די אָנשויאונגען פון די רוימישע יוריסטן, דאָך האָט עס בולט געשטרעבט צו כשרן דאָס פּאָזיטיווע רעכט, ד. ה. צו אָנערקענען די אָרדענונג פון פּריוואַט־אייגנטום, די טיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן און די עקזיסטענץ פון מלוכה־מאַכט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די קאָמוניסטישע קרייזן זענען נישט נוטה געווען צו אַזאַ אויפפאַסונג: זיי האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען נישט דאָס פּאָזיטיווע רעכט, און נישט די נויטיקייט פון מלוכה־מאַכט און פון פּריוואַט־אייגנטום. פאַר זיי איז דאָס געווען נישט מער ווי אַ פרווו צוצופּאַסן די אור־קריסטלעכע לערע צו די אינטערעסן פון די הערשנדיקע. מיר וועלן וועגן דעם נאָך רעדן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל. איצט וועלן מיר זיך דערווייל אָפּשטעלן נאָך אויף אייניקע פּרטים וועגן נאַטור־רעכט גופא.

5. דאס רוימישע און דאס קריסטלעכע נאטור־רעכט.

אויף די רוימישע יוריסטן האט געהאט גאר א באזונדער ווירקונג ציצעראָ, וואס אין זיינע שריפטן פילט זיך א שוואכער אפקלאנג פונם סטאאישן נאטור־רעכט. דער גרויסער רוימישער אדוואקאט זאגט: „עס איז פאראן אזא רעכט, וואס איז אידענטיש מיטן אמתן פארשטאנד און געפינט זיך אין איינקלאנג מיט דער נאטור... עס איז אייביק און אומפארענדערלעך, עס איז דער אויסדרוק און דער באפעל פון דער געטלעכער ממשלה" (De Republica III,22). „די פעלקער און דיפירשטן קאנען ארויסגעבן געזעצן, אבער זיי האבן נישט דעם כאראקטער פון אמתן רעכט, אויב זיי ווערן נישט געשעפט פון דעם אור־קוואל פון יעדן רעכט, וועלכער איז געווען, איידער נאך די מלוכה איז געשאפן געווארן... דאס העכסטע וויל איז — לעבן לויט דער נאטור" (De Legibus I). „אין דער נאטור זענען נישט פאראן קיין שום פריוואט־זאכן" (De Officiis I, 7).

די ארבעט פון די רוימישע יוריסטן האבן מיר פאר זיך אין דעם „ציווילן געזעצבוך" („קארפוס יורים ציוויליס"). דאס דאזיקע ווערק איז צונויפגעשטעלט געווארן אין די יארן 529 —534, לויטן באפעל פון ביזאנטישן קייזער יוסטיניאן 1 אין קאנסטאנטינאפאל. עס האט פיר טיילן: אינסטיטוציעס, פאנדעקטן (דיגעסטן), קאדעקס און נאוועלן (צוגאבן).

אין די „אינסטיטוציעס" זאגט זיך: „נ א ט ו ר ־ ר ע כ ט הייסט אזא רעכט, וואס די נאטור לערנט אלע באשעפענישן; וואָרוב דאס דאזיקע רעכט איז שכיח נישט נאר ביי מענטשן, נאר ביי אלע חיות. פון דאנען קומט ארויס די פארבינדונג פון מאן און ווייב, וואס מיר רופן הייראט, דאס האבן און אויסהאדעווען פון קינדער. — פ ע ל ק ע ר ־ ר ע כ ט הייסט אזא רעכט, וואס א נאטירלעכע סיבה רופט ארויס ביי אלע פעלקער און מיר טרעפן עס ביי אלע גלייך: קריג, געפאנגענשאפט, שקלאפעריי, וואס זענען דערווידער דעם נאטור־רעכט, לויט וועלכן אלע מענטשן ווערן פון לכתחילה אן געבוירן פרייע. ענדלעך. במעט אלע מינים אפ־

מאכן זענען אויך פון פעלקער־רעכטלעכער אפשטאמונג, ווי קויפן, דינגען, דעפאנירן, לייען און אנדערע ענלעכע איינריכטונגען" (בוך 1, טיטל 2, פאראגראף 1—2). אין די פאנדעקטן ווערט איבערגעחזרט די זעלבע דעפיניציע פון נאטור־רעכט. „פעלקער־רעכט נעמט ארום אויך דאס רעכט צו פארטיידיקן זיך קעגן געוואלט" (בוך 1, טיטל 1). לויטן יוריסט גאיוס איז פעלקער־רעכט דאס זעלבע וואס פארשטאנד־רעכט.

מען וואלט געקאנט אזעלכע ציטאטעס ברענגען א סך מער, אבער זיי וואלטן גאר נישט מוסיף געווען. ווי מען זעט, האבן די רוימישע יוריסטן אויסגעליידיקט דאס נאטור־רעכט פון קאמוניסטישן אינהאלט. אן אויסנאם איז נאר דער יוריסט מארציאן, וואס אין די דיגעסטן (1, 8, 2) ווערט געבראכט זיין אויסדרוק: „לויטן נאטור־רעכט איז אלץ אלעמענס בשותפות". אבער אפילו דער זאץ איז אויך אין לאטייניש נישט גאר קלאר אויסגעדריקט.

א סך נאענטער צו די נאטור־רעכטלעכע טראדיציעס פון די סטאאיקער שטייען די קירכן־פאטערס און דאס קאנאנישע רעכט. נאטור־רעכט האט גראד געשטימט דערמיט, ווי די מאראלישע אנטוויקלונג — ריכטיקער, מאראלישע ירידה — פון דעם מענטשלעכן מין ווערט פארגעשטעלט אין דער ביבל; אחוץ דעם האט עס געהאט אויף זיין זייט אזא אויטאריטעט, ווי דער אפאסטל פוילוס, וועלכער האט געזאגט: „דען אזוי זענען די געצן־דינער, וועלכע האבן נישט דאס (ביבלישע) געזעץ, און דאך טוען זיי פון נאטור אויס, ווי עס שטייט אין געזעץ... און דערמיט באווייזן זיי, אז די רייד פון געזעץ זענען פארשריבן אין זייער הארצן, ווארום זייער געוויסן איז זיי א באווייז" (רומיים, ב' 14 — 15).

די קירכן־פאטערס און די סכאלאסטיקער פאררופן זיך אויף די דאזיקע רייד פון פוילוסן און דרינגען דערפון, אז די קריסטלעכע טעאלאגיע מוז זיך שטיצן אויף דעם נאטור־רעכט. גאר קלאר איז פוילוסום זאץ אפילו נישט: ער האט אפשר געקאנט מיינען דאס פארשטאנד־רעכט אדער דאס פעלקער־רעכט; אלנפאלס אנערקענט ער, אז אחוץ דעם געשריבענעם געזעץ איז נאך פאראן ביים מענטשן א אינערלעכער נאטור־געזעץ, אדער נאטור־רעכט. צווישן די קירכן־פאטערס האט קלארער פאר אלע אנגענר־

מען דאָס אַמאָליקע נאַטור־רעכט אַמבראָזיוס. ער זאָגט אָפן, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז נישט קיין נאַטור־זאַך; די נאַטור ווייסט נאָר פון כלל־באַזיץ, זי האָט געגעבן אַלץ פאַר אַלעמען; זי האָט געשאַפן די געמיינשאַפטלעכקייט; פאַרכאַפּעריי און גיריקייט — דאָס האָט געשאַפן דאָס פּריוואַט־אייגנטום־רעכט (De Officis il, 28). אָבער — און אָט דער „אָבער“ ווייזט דעם טראַגישן תהום צווישן טעאָריע און פּראַקטיק — דערפון איז נישט געדרונגען, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז אַ בייז; די תורה פון נאַטור־רעכט פאַרלאַנגט בלויז, אַז די רייכע זאָלן אויסהעלפן די אָרימע מיט אַ טייל פון די גיטער, וועלכע האָבן אַמאָל געהערט צו אַלעמען גלייך. העלפן אָרימע איז נישט קיין חסד, נאָר אַן אַקט פון גערעכטיקייט. און דאָסזעלבע אויגוסטין, דער תלמיד פון אַמבראָזיוסן; ער פּאָלעמיזירט קעגן זיינע פּריערדיקע סעקטע־חברים (די מאַניכייער), וועלכע האָבן פאַראורטיילט פּריוואַט־אייגנטום. ער טענהט קעגן זיי: נישט פּריוואַט־באַזיץ אַליין פאַר זיך איז אַ בייז, נאָר דער ליידנשאַפטלעכער גייעג נאָך רייכקייט, דאָס וואָס מען האַלט אין איין פאַרמערן דאָס אייגנס, דאָס וואָס מען שטעלט מאַטעריעלן פאַרמעגן העכער פאַר אמת, גערעכטיקייט, חכמה און גלויבן, העכער פאַר ליבע צו גאָט און צו מענטשן, אָדער מען האַלט דאָס אייגנטום אפילו גלייך מיט אָט די אידעאַלע ווערטן. אויגוסטין אָנערקענט טאַקע, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז אַ פּראָדוקט פון מלוכה־רעכט און נישט פון געטלעכן רעכט, אָבער דאָס שטערט אים נישט. ער זאָל אין דער פּראַקטיק שטעלן די מלוכה און די „אָרדענונג“ העכער פאַרן געטלעכן רעכט.

פון די ווערק פון די רוימישע יוריסטן און לאַטיינישע קירכן־פאַטערס איז דאָס נאַטור־רעכט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אינעם קאַנאָנישן רעכט (די געזעץ־ביכער פון די קירכלעכע רעכט־לערער). געטון האָט עס איזידאָר פון סעווילא (געב. 560, געשט. 636), אַ פאַרדינסטפולער קאָמפּילאַטאָר, וועלכן די קירך האָט זייער הויך געשעצט. אין זיינע צאָלרייכע שריפטן האָט ער צונויפגע־קליבן אַ טייל פון די גייסטיקע אוצרות און פון היסטאָרישן מאַ־טעריאַל פון דער רוימישער מלוכה, און האָט דאָס אויף אַזאַ אופן איבערגעגעבן דער קריסטלעכער קירך. אין זיין „עטימאָלאָגיע“

ביט ער א רעפיניציע פון נאטור־רעכט, זי איז אבער א געמיש
מיט דער דעפיניציע פון פעלקער־רעכט, אזוי אז זי האט ארויס־
גערופן א גרויסן פלאנטער. ווי עס ווייזט אויס, האט מען דעמאלט
שוין נישט געהאט קיין קלארן באגריף וועגן די קוואלן פון נא־
טור־רעכט, מען האט זיך נישט געקאנט גוט קלאר מאכן דעם אונ־
טערשיד צווישן די אנשויאונגען פון די סטאאיקער, פון די רוימי־
שע יוריסטן און פון די קירכן־פאטערס. בכלל דארף מען וויסן, אז
די שריפטן פון מיטאלטער צייכענען זיך קיינמאל נישט אויס מיט
קלארקייט און פינקטלעכקייט. אין דער דערמאנטער „עטימאלא־
גיע" שרייבט איזידאר: „רעכט איז אדער נאטירלעך, אדער ביר־
גערלעך (מלוכהש), אדער פעלקער־רעכטלעך (צווישן־מלוכהש).
נאטור־רעכט איז שביח ביי אלע פעלקער, צו אים געהער אלץ,
וואס דער מענטש קען דורך זיין נאטור־אינסטינקט און וואס איז
נישט באשטימט געווארן דורך מענטשלעכע געזעצן, דאס איז: הייי־
ראט־פארבינדונג, האבן און דערציען קינדער, אלגעמיין־שותפי־
שער באזיץ און גלייכע פרייהייט פון אלע מענטשן (Communis
omnium possessio, et omnium una libertas)

דאס איינשאפן פון זאכן, וועלכע מען קריגט אין דער
לופט, אין וואסער, אין פעלד, דאס אומקערן הלוואות און משכנות,
און זעלבסט־פארטיידיקונג, ענטפערנדיק מיט געוואלט אויף גע־
וואלט". אין דער דאזיקער דעפיניציע זעען מיר, ערשטנס דאס
נאטור־רעכט, ווי די רוימישע יוריסטן האבן עס פארשטאנען:
צווייטנס, געפינען מיר אין איר אמתע סימנים פון נאטור־רעכט,
ווי די סטאאיקער האבן עס אויפגעפאסט (קאמוניזם און פריי־
הייט פון אלע מענטשן): און דריטנס, איז אין איר פאראן אויך
דאס עיקרדיקע פונם פעלקער־רעכט. צוליב אט דער צענויפמישונג
האבן זיך שפעטער געצוג דעם קאפ געבראכן די סכאלאסטיקער,
בעת זיי האבן געוואלט אויפפלאנטערן אט דעם קנויל פון דעפי־
ניציעס און אויסגלייכן זייערע באזונדערע באשטאנדטיילן. און
באמת: אויב נאטור־רעכט באטייט קאמוניסטישע גלייכהייט און
פרייהייט, טא ווי קאן עס בולל זיין אין זיך פריוואט־אייגנטום,
האנדל און מלאכה, געוואלט־טעטיקייט און די אנווענדונג פון
צוואנג־געזעצן? דער קירכלעכער אויטאריטעט פון איזידארן איז

אַבער געווען צו גרויס, און די סכאָלאַסטיקער האָבן נישט געוואַגט
צו זאָגן, אַז ביי אים איז פּשוט אַ פּלאָנטער. זיי האָבן זיך בעסער
באַמיט מיט כּלערליי פּשטלעך צו דערווייזן, אַז זיין דעפיניציע
איז פריי פון סתירות.

דאָס קאַנאָנישע רעכט האָט איבערגענומען איזידאָרס דעפיני־
ציע פון נאַטור־רעכט. אויסגעאַרבעט איז עס געוואָרן דורך די
קירכלעכע אויטאָריטעטן און רעכט־לערער, און געפינט זיך אינם
„קאָרפּוס יוריס קאַנאָניצי". דאָס דאָזיקע רעכט איז אַנטשטאַנען
שפּעט אין מיטלאַלטער און באַשטייט פון: 1) „דעקרעטום גראַ־
מיאַני" — אַ אויסצוג פון די קאָנציל *)־באַשלוסן, וואָס דער
מאָנאַך גראַטיאַן האָט צונויפגעשטעלט אין 12־טן יאָרהונדערט.
2) אַ זאַמלונג פון פּויפּסטלעכע פּסק־דינים, צוזאַמענגעשטעלט אין
13־טן יאָרהונדערט. און 3) שפּעטערדיקע קירכלעכע פּסקן און גע־
זעצן. אַ טעאָרעטישן ווערט האָבן דער עיקר דער „דעקרעטום גראַ־
טיאַני" און די הערות פון זיינע מפרשים, ווייל זיי זענען אַמנאָ־
ענטסטן צום גייסט פון נאַטור־רעכט. אין זיי פילט זיך נאָך אַ
שטאַרקע אָפּאָזיציע קעגן דעם, וואָס פּריוואַט־ווירטשאַפט באַקומט
אַלץ מער די איבערהאַנט אין לעבן. מיט אַ באַזונדער פרייד ווייזן
זיי אָן אויף די נאַטור־רעכטלעכע עלעמענטן אין איזידאָרס דעפי־
ניציע און פירן אויס: „דאָס זיסעסטע איז שותּפישער באַזיץ פון
זאַכן"; און זיי גיבן צו, אַז „מיין און דיין זענען אַ פּראָדוקט פון
זינדיקייט". די צעריסנקייט צווישן די מענטשן האָט זיך גענומען
דערפון, וואָס מען האָט זיך אָנגעהויבן טיילן מיט זאַכן, וועלכע
זענען פריער געווען אַלעמענס. לויטן קאַנאָנישן רעכט זענען פּריי־
וואַט־אייגנטום און שקלאַפעריי קעגן־נאַטירלעכע אינסטיטוציעס,
ווייל זיי זינדיקן קעגן נאַטור־רעכט. גראַטיאַן פאַררופט זיך אויף
דער נאַטור־רעכטלעכער לערע פון די קירכן־פאַטערס, וואָס לויט
איר זענען אַלע זאַכן דאָס אייגנס פון אַלע מענטשן; ביי דעם כלל
האָט זיך געהאַלטן נישט נאָר די ירושלימער אור־געמיינדע; דאָס
איז אויך די אָנשויאונג פון די פילאָזאָפן; צוליב דעם האָט פּלאַ־
טאָן אויסגעשלאָסן פּריוואַט־אייגנטום פון זיין רעפּובליק, וועלכע

אין די יושרדיקסטע מלוכה; נאָר דאָס געוווינהייטס־רעכט אָדער קאָנווענציאָנעלע רעכט האָט איינגעפירט דעם מיין און דיין אויף זאַכן: אַזוי האָט אויך אויגוסטין דערקלערט, אַז נאָר אויפן סמך פון מענטשן־רעכט קאָן מען זאָגן: „די ווילע איז מיינע, דאָס הויז איז מיינס. יענער קנעכט איז מיינער". אַ אידעאַלער, פאָלקאָמענער לעבנס־סדר, מיינט גראַטיאַן, האָט נישט געוווּסט פון קיין פּריוואַט־אייגנטום; זיין מקור דאַרף מען זוכן אין די זינדיקע תאוות: עס האַלט זיך נאָר אויפן בירגערלעכן ־ דער געוווינהייטס־רעכט. אָבער דאָ מאַכט גראַטיאַן אויך אַ שריט אויף צוריק: דערמיט איז נאָך נישט געזאָגט, אַז ווער ס'האָט אייגנטום, איז זינדיק: מען דאַרף בלויז געדענקען, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז מאָראַליש אַ מינדערווערטיקע אינסטיטוציע, און מען דאַרף דעריבער זען צו האָבן אייגנס נישט מער, ווי ס'איז נויטיק צום לעבן. דאָסזעלבע איז שקלאַפעריי אויך קעגן נאַטור־רעכט, ווייל לכתחילה זענען אַלע מענטשן געווען פריי פון יעטווידן צוואַנג, פון יעטווידער הערשאַפט מצד זייערע מיט־מענטשן. ערשט די זינדיקייט האָט געבראַכט דערצו, אַז איין מענטש זאָל געוועלטיקן איבערן צווייטן.

אַזוי אַרגומענטירט גראַטיאַן, אין פולן הסכם מיט דער לערע פון די קירכן־פאָטערס, און באַזונדער פון אויגוסטינען. די שאלה איז אָבער: ווי קומט עס, וואָס נאָר די שקלאַפן אַליין טראָגן די פאָלגן פון דער זינדיקייט? זענען דען די אייגנטימער פון די שקלאַפן נישט זינדיק? אָט די פראַגן האָבן טאַקע געשטעלט די אַפּיקורסים.

II. פעלקער-וואנדערונג און ווידער-אויפבויונג

1. גערמאנער

די רוימער האבן זיך אין דער צווייטער העלפט פון לעצטן יארהונדערט פאר קריסטוסן און אין ערשטן יארהונדערט נאך קריסטוסן צענויפגעטראפן, אוממיטלבאר אדער מיטלבאר, מיט די גערמאנישע שבטים. האבן זיי דערזעען אויף יענער זייט ריין אזעלכע סאציאלע באדינגונגען, וועלכע זענען זיי אי פרעמד געווען, אי זיי האבן זיי עפעס דערמאנט אין זייער אייגענער פארגאנגענהייט: זיי האבן דערפילט, אז אין דעם לעבן איז עפעס פאראן פונם אמאליקן נאטור-רעכט. באזונדער בולט קומט דאס צום אויסדרוק ביים רוימישן היסטאריקער טאציט; אבער אפילו יוליוס צעזארן האט אויך נישט געפעלט קיין נאטור-רעכטלעכע קענטעניש: נישט מער — ביי אים פארנעמען דעם אויבן אן מיליטערישע און מלוכהשע באטראכטונגען.

צעזאר איז, אגב, געווען דער ערשטער גרויסער רוימישער פעלדמארשאל און מלוכה-מאן, וועלכער האט באשריבן דאס סאציאלע לעבן פון די גערמאנישע פעלקער. אין זיין באריכט פון דעם גאלישן קריג, וואס ער האט געפירט (פון 58 ביז 51 פאר קריסט.), באשרייבט ער די גערמאנער, מיט וועלכע אים איז אויסגעקומען צו טרעפן זיך אין דער דאזיקער מלחמה. ער דערציילט:

„דער סועווישער שבט איז כמעט דער גרעסטער און דער קריגערישסטער פון אלע גערמאנער. זיי פארמאגן הונדערט קרייזן; פון יעדן פון זיי לאזן זיי יעדעס יאר ארויס טויזנט באוואפנטע מענער, כדי צו פירן מלחמה. די וואס בלייבן אין דער היים, דערנערן אי זיך אי די קריגס-לייט. יעדער יאר גייט אזוי אן אנדערשיכט צו פארפולן די ארמיי, און די פריערדיקע בלייבן איצט אין דער היים. מען גיט זיך פלייסיק אפ אי מיט באארבעטן די ערד אי מיט לערנען די קונסט פון קריג. אבער קיין פריוואט-באדן און אפגעזונדערטע פעלדער איז ביי זיי נישט פאראן, און קיינער טאר

נישט בלייבן אויף איין אָרט, כּדי עס צו באַאַרבעטן, לענגער ווי איין יאָר. בכלל איז תבואה נאָר אַ קליינער טייל פון זייער נאָרונג; דער עיקר נאָרונג איז מילך און פלייש; זיי גיבן זיך דערום אָפּ זייער פיל מיט יאָגד. דער אופן פון דערנערן זיך, די טעגלעכע איבונגען און דאָס אומגעצוווּנגענע לעבן (ווייל זיי ווייסן נישט פון קיין שום פליכט און דיסציפלין פון קינדערווייז אָן, און טוען דעריבער קיין זאַך נישט קעגן אייגענעם ווילן) — דאָס אַנטוויקלט זייערע קרעפטן און מאַכט זיי פאַר מענטשן פון אומגעהויערער קערפּערלעכער גרויס... הענדלער לאָזן זיי צו צו זיך נישט מחמת זיי ווילן באַקומען עפּעס אַריינגעפירטע זאַכן, נאָר בלויז כּדי צו קאָנען פאַרקויפן דאָס, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון קריג" (צעזאַרי גאַלישער קריג 4, 1).

ווייטער דערציילט ער:

„דער עיקר נאָרונג ביי די גערמאַנער איז מילך, קעז און פלייש. קיינער האָט נישט קיין באַשטימטן שטח באָדן אָדער אייגענעם גרונט־באַזיץ, נאָר די העכערע מאַכט און די פירשטן (פירער אָדער הויפּטן) צייכענען אָן פאַר די משפּחות און קרובישע קרייזלעך פעלד אויף איין יאָר, און פאַרפליכטן זיי, אַז אין אַ יאָר אַרום מוזן זיי זיך איבערציִען ערגעץ אַנדערשוווּ. זיי האָבן דערויף אַ סך טעמים: כּדי מען זאָל פון רגילות צו איינגעזעסנקייט נישט פאַרלירן דעם חשק צו קריג; כּדי מען זאָל נישט אַזוי זאָרגעוודיק בויען און זיך שיצן צופיל פון היץ און קעלט; כּדי מען זאָל נישט שטרעבן צו דערווערבן וואָס מער ערד, און די שטאַרקע זאָלן נישט אַרויסשטויסן די שוואַכע פון זייערע היימען; כּדי ס'זאָל נישט אויפקומען קיין תאווה צו געלט, וואָס עס וואָלט געפירט צו אַ צעטיילונג אויף פאַרטייען און צו רייסערייען; כּדי דאָס פאָלק זאָל זיין אין אַ גוטער שטימונג, זעענדיק, ווי זיין באַזיץ שטייט אויף איין מדרגה מיטן באַזיץ פון די שטאַרקע" (צעזאַר: גאַלישער קריג, 6, 22).

לויט אַט די באַשרייבונגען — פון זייער אַ אינטעליגענטן עד־ראיה — קאָן מען נישט זאָגן, אַז דער קאָמוניזם פון די גערמאַנישע שבטים זאָל זיין אַ פולקאָמער, אַ נישט־אָנגערירטער, אָבער מיר האָבן דאָ נאָך פאַרט זייער דייטלעכע נאַטור־רעכטלעכע סימנים

פון דער אור־קאמוניסטישער קרובים־ און שבטים־ארגאניזאציע: גלייכהייט און פרייהייט, איינפאכקייט און טיכטיקייט. די שפאלטונג אויף שטארקע און שוואכע, וועגן וועלכער ס'ווערט דערמאנט, איז געווים געווען נישט קיין עקאנאמישע, וואָרום צעזאר נעמט צו, אַז ס'האט געהערשט באַזיץ־גלייכהייט. די קלאַסיפיצירונג אויף מעכטיקע און נידעריקערע האט, ווייזט אויס, באַזירט אויף דעם גראד פון פערזענלעכער טיכטיקייט: די גערמאנער האבן געשאַצט איינער דעם צווייטן נישט לויט דער גרויס פון פארמעגן, נאָר לויט דעם, אויף וויפיל איינער איז געווען טיכטיק אין דער פארוואלטונג און בעתקריג. דאָס איז ריכטיק, אגב, נישט נאָר בנוגע די גערמאנער, נאָר בנוגע אַלע פעלקערשאפטן וועלכע לעבן משפחות־וויַיז און שבטים־וויַיז. דאָס איז געווען איינער פון די הויפט־סימנים פון דער אור־געזעלשאפט.

לערך מיט 150 יאָר שפעטער, נאָך צעזארן, האט געשריבן טאציט (געב. 54, געשט. 117) זיין „גערמאניא", וועלכע איז אויך איינער פון די מקורים פאַר דער אור־געשיכטע פון די דייטשן. ער דערציילט אזוי וועגן דעם סאציאַל־ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די גערמאנער:

„די ערד־נחלות ווערן אויסגעטיילט פאַר אַ געוויסער צאָל ארבעטער־נפשות, לויט דער רייע נאָך, אין זייער געמיינזאמען רשות, און זיי טיילן שוין די ערד צווישן זיך לויט ראַנג און ווערדע. די פאַרטיילונג קומט אָן לייכט אויך צוליב דעם, וואָס פעלד איז דאָ זייער פיל. די פעלדער ווערן באַארבעט יעדעס יאָר דורך אַנדערע, און דאָך איז באָדן פאַראַן איבערגענוג" (גערמאניא, 26).

אין דער צייט פון טאַציטן איז די צעפאַלונג פונם אור־קאָמוניסטישן סדר ביי די גערמאנער שוין געווען אַוועק אַ סך ווייטער, ווי פאַר צעזארס צייטן. דער קאָנטאַקט מיט די רוימער און מיט די לינק־ריינישע געביטן איז שוין געווען לעבהאַפטיקער. לכתחילה האָבן איינצלנע קריגס־לייט אָנגעהויבן פאַרקויפן צו פרעמדע הענדלער זייער מלחמה־רויב. און וואָס מער די גערמאַנער זענען געקומען אין באַריר מיט דער רוימישער קולטור, אַלץ גיכער האָט דער אור־קאָמוניזם אָנגעהויבן פאַרשווינדן, די שבטים־געמיינשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפאַלן, און ס'האָבן זיך

אַלץ מער פֿאַרשפּרייט האַנדל און פּריוואַט־ווירטשאַפֿט.

פֿריער פֿאַר אַלץ האָט זיך באַוויזן פּריוואַט־אייגנטום אויף זאַכן (באַוועגלעכע ג. טער) און אויף פֿי, דערנאָך אויף הייזער און הויפֿן, און לסוף האָט מען אויך דאָס פֿעלד פֿאַרטיילט. נאָר פֿאַשע און וואַלד זענען נאָך ווייטער געבליבן דאָס אייגנס פֿון אַ גאַנצן קרייז, און האָבן געהייסן אַלמענדע (אַלגעמיינעס). אין ענגלאַנד הייסן נאָך עד עתה די פֿאַשע־פֿעלדער „קאָממאָנס“, ד. ה. געמיינשאַפֿטלעכעס.

אין טאַציטס צייטן איז די פֿאַרוואַלטונג ביי די גערמאַנער געווען נאָך אַ דעמאָקראַטישע, און איר יסוד איז געווען די געמיינשאַפֿט. ביים אויסבילדן די פֿאַרוואַלטונג האָט מען גענומען אין באַטראַכט נישט דעם יחיד, נישט דעם איינצלנעם בירגער, נאָר די משפּחה, אָנגעפֿירט פֿון איר ראָש. די משפּחה האָט זיך געהאַלטן אויף בלוט־קרובהשאַפֿט און אויף טראַדיציע. זי האָט זיך אָנגענומען פֿאַר יעדן מיטגליד אירן. איר האָט געהערט די ערד. זי איז אויך געווען דער יסוד פֿון דער אַרמיי. חתונות פֿלעגן אויך געשלאָסן ווערן נישט צווישן יחידים, נאָר צווישן משפּחות. דער יחיד איז אינגאַנצן בטל געוואָרן אין דער משפּחה. שפּעטער, ווען די גערמאַנער האָבן אויפֿגעהערט צו פֿירן אַ נאָמאַדיש לעבן, האָבן זיך געבילדעט די גאַאוען (קרייזן), יעדער גאַאו פֿון אַ געוויסער צאָל משפּחות: דאָס איז שוין געווען אַפֿילו אַ טעריטאָריאַלער פֿאַרבאַנד, ענלעך — צו אַ היינטיקן באַצירק אָדער קרייז, אָבער אייניוויייניק האָט נאָך אַלץ די הויפּט־ראָל געשפּילט בלוט־קרובהשאַפֿט, געהעריקייט צום שבט, און נישט די טעריטאָריע, אויף וועלכער מען האָט געלעבט. און דאָס איז טאַקע איינער פֿון די הויפּט־אונטערשידן צווישן דער משפּחה=אָרגאַניזאַציע פֿון דער אַלטער צייט און צווישן דער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע פֿון דער שפּעטערדיקער צייט. אין יסוד פֿון דער אור־געזעלשאַפֿט ליגט בלוט־קרובהשאַפֿט, און לויט איר רעכטלעכער אָרגאַניזאַציע איז זי אַ געמיינשאַפֿט: אין יסוד פֿון דער שפּעטערדיקער געזעלשאַפֿט ליגט די טעריטאָריע און איר רעכטלעכע אָרגאַניזאַציע איז די מלוכה.

אין די רוימישע באַריכטן וועגן דער גערמאַנישער אור־צייט טרעפֿן מיר די ווערטער: קעניג, פֿירשט, די מאַכט, אָבער די דאָזיקע

ווערטער האבן דעמאלט באטייט גאר עפעס אנדערש, ווי איצט. קעניגן, פירשטן, מאכט־ארגאנען זענען דעמאלט געווען נאר די געוויילטע פירער פון פרייען פאלק; זיי זענען געווען דעמאקראטישע פארוואלטונגס־מענער, אדער די אנפירנדיקע מיטגלידער פון א משפחה צי פון א קרייז (גאאו). זיי פלעגן געוויילט ווערן אויף פארזאמלונגען, וועלכע זענען פארגעקומען אין באשטימטע טעג, ביים ווייזן זיך פון דער לבנה און ביי איר צוקומען צו א פולן קרייז. די דאזיקע פארזאמלונגען פלעגן אנטשיידן איבער אלע וויכטיקע ענינים, ווי אויך איבער מלחמה און שלום. פולע דעמאקראטישע זעלבסטפארוואלטונג, פרייוויליקע משפחה־ און שבט־דיסציפלין — דאס איז געווען דער רוקנביין פונם געזעלשאפט־לעבן פון די גערמאנער אין יענער צייט.

מען דארף אבער נישט פארגעסן, אז די דעמאלטיקע גערמאנישע געזעלשאפט איז עקאנאמיש און קולטורעל געשטאנען אויף זייער א נידעריקער מדרגה. די לאנדווירטשאפט האט זיך נאך געפירט זייער פרימיטיוו, טאקע צוליב די אלערליי אור־קאמוניסטישע טראדיציעס, וואס האבן געהאמעוועט די פערזענלעכע איניציאטיוו. די לאנדווירטשאפט האט דעריבער זייער ווייניק אריינגעבראכט. די טעכניק איז נאך געווען גאר אין די ווינקעלעך; אייזן איז נאך געווען א יקר המציאות. פון האנטווערקער זענען געווען נישט מער, ווי שמידן און טעפער. קיין שטעט איז נישט געווען, אחוץ ביי די לינק־ריינישע גערמאנער. „די שטאט פון די אוביער“ (קעלן ביים ריין), וועגן וועלכער צעזאר דערציילט אפט, איז געווען געגרינדעט דורך די רוימער. די העכערע ווירטשאפטלעכע און טעכנישע קולטור פון רוים האט זיך סוף כל סוף ארויסגעוויזן שטארקער, איידער דער מיליטערישער איבערגעוויכט פון די גערמאנער.

די גערמאנישע פעלקער האבן טאקע חרוב געמאכט די רוימישע אימפעריע, אבער זיי האבן נישט געקאנט באהערשן די באקומענע ירושה: זיי זענען פארקערט אליין ארונטערגעפאלן אונטער דער העכערער קולטור פון רוים. אז זיי האבן אפגעהאלטן זייער ענדגילטיקן זיג איבער רוים — זענען זיי געבליבן פארבלעפט און צעטומלט: זיי האבן דערזען פאר זיך די פארצווייגטע מלוכהשע ארגאניזאציע, די טעכניק, דאס גאנצע ווירטשאפטלעכע און גייס־

טיקע לעבן פון דער רוימישער וועלט, און האָבן נישט געוואוסט וואָס אָנהויבן צו טון מיט דעם אַלעם.

דאָס גאַנצע אַריינרייסן זיך פון די גערמאַנער אויף מערב איז פאָרגעקומען אָן אַ שום פּלאַן, און ס'האָט גאָר אַנדערש נישט געקאָנט זיין. גרויסע היסטאָרישע געשעענישן זענען בכלל נישט קיין רעזולטאַט פון באַוווסטזיניק צוגעגרייטע פּראָיעקטן, נאָר פון סטיכישע באַוועגונגען. און דאַן האָבן דערפאָלג נאָר די פעלקער, וועלכע פאַרמאָגן בעת אַזעלכע באַוועגונגען די געהעריקע גייסטיקע כוחות און מענער אויף אָנצופירן מיט די געשעענישן און זיי צוגעבן די געהעריקע ריכטונג.

די גאַנצע אַנטוויקלונג פון די גערמאַנישע פעלקער איז געווען אַזאַ, אַז זיי האָבן געקאָנט אַרויסגעבן גרויסע קריגס־לייט, אָבער נישט קיין אָרגאַניזאַטאָרישע און גייסטיק־הויכע קרעפטן, וואָס זאָלן פעיק זיין צו פאַרשטייסן די רוימער, — די יורשים פון דער גאַנצער מלוכהשער און גייסטיקער קולטור פון אַלטערטום — און אויפריכטן אַ נייע גערמאַנישע וועלט־אימפּעריע. די משפּחה־אָרגאַניזאַציע איז לויט איר עצם נאָך דעצענטראַליסטיש: זי האָט נישט נישט דעם פאַרנעם און נישט די מיטלען אויף צו פאַרוואַלטן מיט גרויסע געביטן.

אַ פּראָגרעסיווער כוח איז דעמאָלט געווען די פעלקער־וואַנדערונג. די סיבה פון די וואַנדערונגען האָט געמוזט זיין אָדער אַ שטאַרקע קלימאַטישע פאַרענדערונג אין מיטל־אַזיען, אָדער דאָס וואָס די בינעזער האָבן אין 2־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אויסברייטערן זייערע גרענעצן, אַזוי אַז די מיטל־אַזיאַטישע פעלקער האָבן נישט געקאָנט מער פאַרבלייבן אויף זייערע ערטער. פון די סטעפּעס פון אַזיען האָבן זיך נאָמאַדישע און איינגעזעסענע שבטים גענומען רוקן צו מערב צו. איין פעלקער־כוואַליע האָט געשטופּט די צווייטע, ביז זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף די אָסט־ און וועסט־גאָטן, ביים אונטערשטן טייל פון דניעפּר און פון דונאַי. די גאָטן זענען געווען אַ גערמאַנישער שבט, וואָס האָט זיך געפונען מער פאַר אַלע אַנדערע אַרויסגערוקט אויף מזרח. זיי האָבן זיך דאַן אַ לאָז געטון אויף מערב און דרום־מערב און גענומען דריקן אויף זייערע סלאַווישע שכנים און אויף דער רוימישער מלוכה.

הינטער זיי האבן זיך געצויגן די הונען, אבער זייער צוג איז געוועזן נישט מער ווי א קליינער עפיזאד. נאך די גאטן זענען אנגעקומען די וואנדאלן, סוועוון, בורגונדער, פראנקן און אלעמאנען — און אלע האבן זיי געדריקט אויף רוים. אין יאר 410 האבן די וועסטגאטן איינגענומען רוים. אבער קיין שום גערמאנישער שבט פארגיט זיך נישט מיט קיין אלגעמיינעם פלאן, ווי צו באהערשן די רוימישע אימפעריע. זיי רייסן נאר אוים שטיקער פון דער אימפעריע און גרינדן מלוכות, וואס האבן נישט קיין לאנגען קיום: אזוי איז מיט די וועסטגאטן אין דרום־גאליען און שפאניען (415 — 711), מיט די וואנדאלן אין צפון־אפריקע (429 — 534), מיט די אסטגאטן אין איטאליען (493 — 553), מיט די לאנגאבארדן אין איטאליען (568 — 774). דעם גרעסטן געשיכטלעך־מלוכהשן אויפטו האבן באוויזן די פראנקן: זיי האבן געגרינדעט די פראנקישע מלוכה, וועלכע האט ארומגענומען כמעט אלע ראמאנער און גערמאנער, און אין משך פון א געוויסער צייט האבן דא די גערמאנער אנטוויקלט א גרויסע טעטיקייט: אבער אויך די מלוכה האט נישט לאנג געדויערט און זי האט אויך נישט פארמאגט די איינהייט און די פארוואלטונגס־טאלענטן, וואס די רוימישע מלוכה. אנטשטאנען איז די פראנקישע מלוכה צום סוף פון 5־טן יארהונדערט, און צעפאלן איז זי ווידער אין יאר 843 (לויטן ווערדען־אפמאד). די גרעסטע פיגור אין דער מלוכה איז געווען קארל דער גרויסער (768 — 814).

אומעטום האבן די גערמאנישע פעלקער באצאלט פאר זייערע נצחונות מיטן אונטערגאנג פון זייער אלטער פאמיליען־ארגאניזאציע און פון זייערע טראדיציעס און מנהגים — קורץ, זיי זענען ארונטערגעפאלן אונטער דער השפעה פון דער רוימישער קולטור. ביסלעכווייז האבן זיי איבערגענומען ביי רוים די טיילונג אויף קלאסן, דעם ווירטשאפטס־אופן און די גאנצע לעבנס־פירונג.

אבער די רוימישע קולטור־באדינגונגען אליין האבן שטארק געליטן פון דער וואנדערונג־מהומה, פון די איבערפאלן, פון די מלחמות מיט די גערמאנער און הונען און פון די גערמאנישע פרווון צו רעארגאניזירן דאס לעבן. די צאל באפעלקערונג אין די שטעט איז געווארן וויניקער, און די פארוויסטונג פון די שטעט האט

געפירט דערצו, אז די אנטוויקלונג פון דער טעכניק און פון האנדל און פארקער האט זיך אויך אפגעשטעלט. מערב־אייראפע האט זיך אזוי ארום אומגעקערט צו דער נאטוראלער ווירטשאפט, נאר אז די אמאליקע יסודות פון געמיינזאמער ארבעט און דעמאקראטישער פארוואלטונג; איצט איז דאס געווען א פעאדאלער סדר מיט א פויערים־ווירטשאפט און מיט א אויבערשטער מלוכה־מאכט.

די געזעלשאפטלעכע רעארגאניזאציע פון אייראפע אין מיטלאלטער האט מיט זיך פארגעשטעלט א מין קאמפראמיס צווישן גערמאנישן געמיינשאפטס־רעכט און רוימישן פריוואט־אייגנטום־רעכט.

אין אנהויב מיטלאלטער איז דער דעמאקראטישער און קאלעקטיווער כאראקטער פון דער ווירטשאפט נאך נישט געווען אינגאנצן פארשווונדן, ווארום אין די ענגע ראמען פון נאטוראל־ווירטשאפטן האט זיך דער עגאאיסטישער אינסטינקט צו פריוואט־אייגנטום נאך נישט געקאנט אזוי ארויסווייזן. פונם 5־טן ביזן 10־טן יארהונדערט איז דער בוי פון דער גערמאניש־ראמאנישער געזעלשאפט געווען לערך אזא:

עס איז געווען דאס דארף און דער פריצישער הויף. די ערד, — דער הויפט־קוואל פון לעבן אין יענער צייט, — האבן באארבעט די פויערים; א פויערשע ווירטשאפט האט געקאנט שפייזן א פאמיליע פון 5 ביז 18 נפשות. יעדע ווירטשאפט האט געהאט איר הויף און נעבן אים א גארטן אלס פעסטעס אייגנטום; אחוץ דעם האט זי געהאט א רעכט, — וואס פלעגט איבערגיין בירושה, — אויף א געוויסן חלק אין אלגעמיינעם פעלד, וואס פלעגט באארבעט ווערן פון אלע אינאיינעם, לויט די טראדיציאנעלע כללים; און נאך האט זי געהאט רעכט אויף צו נוצן דעם וואלד און די פאשע־פעלדער און רעכט אויף פיש־פאנג און יאגד (אלמענדע). אזא פויערשע ווירטשאפט האט זיך גערופן „הופע“ און האט פארנומען א שטח פון 15 ביז 18 העקטאר. צום טייל איז זי געווען פריוואט־אייגנטום און צום טייל קהליש אייגנטום. אבער דער פויער איז אויסערלעך ניט געווען פריי מער. ער האט געמוזט צו א באשטימטער צייט אפטון געוויסע ארבעט פארן פריץ. און ס׳איז נישט געווען אזוי קלאר באשטימט, ווער איז אייגנטלעך דער בא־

לעבאס איבער דעם אלגעמיינעם פעלד און איבער דער אלמענדע. די פויערים האבן געהאלטן, אז זיי זענען, אלס דארפס־קהל, די באלעבאטים פון אט די באדן־שטיקער; די פריצים האבן אבער געטענהט, אז אויפן יסוד פון פעאדאלן רעכט געהער צו זיי די גאנצע ערד, וואס געפינט זיך אין זייערע גרענעצן. דער שטארקערער צד אין דעם שטרייט זענען געווען די פריצים, און זיי האבן טאקע אויסגעפירט. און דאס איז געווען דער מקור פון די שפעטערדיקע פויערים־מלחמות. לענגער ווי אין דער גערמאניש־ראמאנישער סביבה האט זיך דער אור־קאמוניסטישער מצב אויפגעהאלטן ביי די שאטלענדער, אירלענדער און ביי די מזרח־סלאוון.

האנטווערק און קונסט זענען לכתחילה געווען נאר א מין צוגאב אין פריצישן הויף. ערשט מיט דער צייט האבן די האנטווערקער אנגעהויבן ביסלעכווייז זיך אפרייסן פון די הויפן, און זענען צוזאמען מיט די האנדלס־לייט אריבער אין די אויפגעקומענע שטעט, וווּ זיי האבן זיך ארגאניזירט אין שטאנדן און אין צעכן *).

2. די קירך.

דער נצחון־מארש פון דער קריסטלעכער אמונה אין די ערשטע יארהונדערטן איז געווען אן אויסערגעוויינלעכער. דאס הייפל ארימע פישער און האנטווערקער האבן געהערט צום נידעריקסטן שיכט פון א קליין פאראכטעט פאלק; און נאר ווינציקע אידייען האבן אין אנהויב באשטראלט זייערע מעשים; אבער אט די אידייען און זייער רעליגיעז פרום לעבן האבן געהאט ממש א צויבער־ווירקונג אויף יעדן איינעם, וואס איז נאר געקומען מיט זיי אין בארירונג. קריסטנטום איז געווען דאן דער רוף פון סאציאלער עטיק: דער וויי־געשריי פון א נשמה, וואס האט דערקענט די פוסטקייט און נישטיקייט פון אימפעריאליסטישער געוואלט און מאכט, און וויל זיך פון זיי באפרייען, כדי צו זאמלען אייביקע גייסטיקע אוצרות. און די אלע וואס האבן געלעבט אונטערן ווירטשאפטלעכן און גייסטיקן דרוק פון דער רוימישער הערשאפט און געליטן פון איר, — האבן פארשטאנען דעם וויי־געשריי.

---

*) גענויער וועגן דעם אין דריטן טייל

די לעצטע רעפובליקאנישע אימפעראטארס, דערנאך די נייע צעזארן, די פראקאנסולן און די רוימישע פינאנץ־אריסטאקראטיע האבן, דוכט זיך, באוויזן אויפצוטון אלץ, וואס מען קאן נאר אויפטון מיט מלוכהש־מעכאנישע, גראב־מאטעריאליסטישע מיטלען. און דאך האבן א ווירגיל, א סענעקע אדער א טאציט געבענקט נאך אן אנדער לעבן, נאך איינפאכקייט און ריינער טוגנט. „וואס קומט ארויס דעם מענטשן, אז ער געווינט די גאנצע וועלט, ווען ער פארלירט דערביי זיין נשמה“? אין אט די ווערטער — וואס זענען אזוי אומפארשטענדלעך פאר אימפעריאליסטן און רייכטום־זוכער — האט יעזוס אויסגעדריקט די נייע דערקענטעניש, וועלכע האט זיך אנגעהויבן דורכשלאגן א וועג אין די בעסטע הערצער פון יענער צייט.

און עס האבן זיך געבילדעט קליינע געמיינדעס, וועלכע האבן גענומען פארשפרייטן די נייע דערקענטעניש. ארימע און רייכע, נידעריקע און הויך־געשטעלטע, פרייע און נישט פרייע האבן זיך געזאמלט ארום דער נייער תורה או.ז. אז די געמיינדעס זענען זיך פאנאנדערגעוואקסן, האט זיך דער לעבנס־סדר אין זיי געענדערט, און ס'האבן זיך געענדערט אויך זייערע בליקן און זייער באציאונג צו דער ארומיקער דרויסנדיקער וועלט.

די דיפערענצירונג אין אזעלכע באוועגונגען נעמט זיך געווינלעך אי דערפון, וואס די אנהענגער האבן פארשידענע גייסטיקע באדערפענישן, און אי פון דעם, וואס זיי האבן קעגנזעצלעכע מאטעריעלע אינטערעסן. א סך זענען צוגעשטאנען צו יעזוסן און צו זיין מיסיע, ווייל זיי האבן קודם כל געשטרעבט צו א מער יושרדיקער ווירטשאפטלעכער ארדענונג, זיי האבן זיך געוואלט באפרייען פונם אויסערלעכן דרוק. אנדערע ווידער האבן אנגענומען יעזוסעס לערע, ווייל זיי האבן זיך געפונען אין א שווערן געמיט־צושטאנד: זיי האבן די אלטע אמונה, די אלטע לעבנס־אויפפאסונג אנגעווירן; א פיינלעכע פוסטקייט האט געדריקט זייער הארץ, און זיי האבן געזוכט מיט וואס צו פארפילן אט די פוסטקייט. צום ערשטן מין האט געהערט דער יידישער, גריכישער און רוימישער המון, מערסטענס פשוטע אומגעבילדעטע האנטווערקער און שקלאפן, ביי־

וועלכע ס'איז געווען אַ דורשט נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט. צום צווייטן מין האָבן געהערט די ייִדישע, גריכישע און רוימישע געבילדעטע קרייזן, גייסטיק צעבראָכענע, נאָכדעם ווי די אַלטע רעליגיע און וועלט־אַנשויאונג האָבן באַנקראָטירט, און דורשטיקע נאָך אַ נייעם אמת; ביי זיי האָבן ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע מאָטיוון כמעט נישט געשפּילט קיין שום ראָל. אַדאַנק זייער בילדונג און זייער העכערן סאָציאַלן מעמד זענען זיי גאָר גיך געוואָרן די פירער, לערער און אויסטייטשער פון דער נייער אמונה, און אין הסכם מיט זייער שטימונג האָבן זיי טאַקע געשטעלט דעם טראָפּ נישט אויף דער סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע זייט פון דער נייער אמונה, נאָר אויף איר רעליגיעז־פילאָזאָפישער זייט, וועלכע זיי האָבן זיך באַמיט דער עיקר צו אַנטוויקלען און באַגרינדן. ביי די יעזוס־תלמידים פון ערשטן מין איז דער עיקר געווען דער קאָמוניסטישער אידעאַל, די סאָציאַליסטישע פּראַקטיק; פאַר די אַנדערע פון צווייטן מין איז אָבער דערהויפּט געווען וויכטיק צו האָבן אַ פעסטן אני־מאמין, די נייע תורה זאָל זיין פילאָזאָפיש און רעכטלעך גוט באַגרינדעט. די ערשטע האָבן קודם כל געקלערט וועגן אַ קאַמף קעגן די מעכטיקע און רייכע; די צווייטע האָבן מער אין זינען געהאַט די פּאָלעמיק מיט די אַנדערש־גלויביקע, מיט די ייִדן און מיט די געצן־דינער, און די וויסנשאַפטלעכע אויסשטאַטונג פון דער נייער תורה. די בולטסטע פאַרטרעטער פון אַט דעם לעצטן מין זענען געווען פּוילוס און אויגוסטין, וועלכע האָבן שטאַרק מדקדק געווען אויף דעם אויסערלעכן ריטואַל, אויף דער אָפיציעל איינגעשטעלטער אָרדענונג: דאַקעגן די גריכישע קירכן־פאַטערס, — הגם זיי זענען אייגנטלעך געווען די פילאָזאָפישע באַגרינדער פון דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע — האָבן מער באַטאָנט דעם פרייהייטלעך־אינערלעכן מאָמענט און פאַרטיידיקט די גריכיש־קאָמוניסטישע טראַדיציעס, — אמת, אָפט נאָר אין דער טעאָריע.

אַזוי אַרום האָבן זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט קעגנזאַצן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט באַמערקן נאָך אין די ערשטע אור־געמיינדעס.

און מיטן וווקס פון די געמיינדעס זענען געקומען קריזיסן.

גרויסע ארגאניזאציעס נויטיקן זיך אין א סך א קאמפליצירטען אפאראט, איידער, קליינע ארגאניזאציעס. אחוץ דעם, איז גרויסע מאסן־פארטייען מוזן פרייער אדער שפעטער זיך צענויפטרעפן מיט דער אויסערלעכער מאכט: דערביי איז אדער די מאכט ווערט באאיינפלוסט, אדער די געגעבענע פארטיי, אדער זיי ווירקן אויף זיך קעגנזייטיק און ווערן ביידע אין א געוויסער מאס געענדערט, איבערגעאנדערשט.

ביז ארום מיטן פון 2־טן יארהונדערט איז די ארדענונג אין די קריסטלעכע געמיינדעס געווען א ריין דעמאקראטישע און גלייכהייטלעכע. דער צוזאמענהאלט איז געווען זייער א שטארקער. צו קיין שארפע ווירטשאפטלעכע קאנפליקטן פלעגט כמעט נישט קומען, ווייל ס'האט געהערשט פארמעגן־געמיינשאפט, אדער די אלגעמיינע פירעכץ איז געווען סאציאל־עטיש גאר אין א הויכן גראד אינטערעסאנט: די ערשטע אמטן אין די קריסטלעכע געמיינדעס זענען געווען בלויז דיאקאנעס, וואס זייער עובדא איז געווען צו זארגן פאר ארימע און קראנקע. יעדער מיטגליד, אבי ער איז נאר געווען פעיק דערצו, האט געקאנט געוויילט ווערן אויף אזא אמט. אט די געוויילטע האבן געטראגן דעם נאמען עלטסטע Presbyteroi (דערפון שטאמט דאס ווארט פריסטער); דער חשובסטער מיטגליד פון צווישן די עלטסטע האט געהייסן אויפזעער (Episcopos — דערפון ביסקופ). די געמיינדעס פון יענער צייט איז נאך פרעמד געווען דער אונטערשייד צווישן קלער (אויסדערוויילטע) און וועלטמענטשן (פלעבייער). ערשט אז די קירך איז שטארק אויסגעוואקסן, און זי האט באדארפט אויספילן אזא פארוויקלטע אויפגאבע, ווי דערציען מאסן נייע מיטגלידער און אנפירן מיט זיי און דערצו איז פון דער איינפאכער קריסטלעכער לערע געווארן וואס ווייטער אלץ א קאמפליצירטערע טעאלאגישע געביידע — ערשט דעמאלט איז דער קלער געווארן א באזונדער שטאנד, א גייסטלעכע ביוראקראטיע, מיט זייער א גרויסער מאכט, בפרט נאך ווען קריסטנטום האט באקומען אנזען און ווירקונג אין דער מלוכה. דער קלער איז געווארן אליין א רינג אין די ארגאנען פון מאכט: ער איז געווען פריי פון שטייערן און פון קריגס־פליכטן: אויף אים איז נישט חל געווען דער געוועלטלע־

בער געריכט: ער האט באקומען די אויפזיכט איבער דער פרומער אויפפירונג פון די וועלטלעכע מענטשן און דאס רעכט אנצונעמען מתנות און ירושות. אזוי האבן זיך די אור־קריסטלעכע פרעסביטערם (עלטסטע) פארוואנדלט אין א היערארכיע, אין א הייליקע עדה מיט באזונדערע פריווילעגיעס און פולמאכטן: פון די אמאל קליינע און פארפאלגטע געמיינדעס פון אָרימע פישערס און האנטווערקער, פון אט די שטילע און אונטערטעניקע איז איצט געווארן א מעכטיקע און רייכע מלוכה־קירך, מיט אן א שיעור פריסטערס אין די דערפער און שטעטלעך, מיט ביסקופן אין די גרעסערע שטעט, מיט מעטראפאליטן אדער ארצי־ביסקופן אין די געגנט־שטעט און מיטן ביסקופ פון רוים אלס פויבסט. פון דעם אמאליקן רעליגיעזן סאציאל־עטישן קיבוץ איז געווארן אן אומגעהויערע פאליטיש־ווירטשאפטלעכע מאכט־ארגאניזאציע: להיפוך צו די אור־קרסטלעכע געמיינדעס, האט די דאזיקע ארגאניזאציע זיך גענומען אפילו דאס רעכט צו באשטראפן מיט טויט דייעניקע קריסטן, וועלכע האבן נישט געוואלט אנערקענען די קירכלעכע האגמעס *). וואס ווייטער איז די קירך געווארן אלץ רייכער. אירע הכנסות זענען געווען מעשר, נדבות און ירושות. לכתחילה איז דאס פארמעגן באטראכט געווארן ווי א פאנד פאר ארימע, פארסאציאלע צוועקן, אבער מיט דער צייט איז עס אויף דריי פערטל אריינגע־

---

*) „די קריסטן האבן זייער גיך פארגעסן די יסודות פון רעליגיעזער טאלעראנץ, וועלכע זיי האבן פריער, בעת מען האט זיי פארפאלגט, אזוי הויך געפריידיקט". מען האט גענומען פאדערן צו פארווערן די געצנדינערייי, צו איינפירן באגרענצונגס־געזעצן קעגן יידן און טויט־שטראף פאר אפיקורסים. דער ערשטער אפיקורס,וואס איז אויף אזא אופן געפאלן א קרבן, איז געווען דער גנאסטיקער פריסציליאן, וועלכער איז פארמשפט געווארן אין טריר אין יאר 385. דער טויט־פסק האט ארויסגערופן אן אלגעמיינע אויפרעגונג. אבער אפילו אויגוסטין האט שוין געהאלטן, אז קעגן אפיקורסים מעג מען און און ס'איז צוועקמעסיק אנצווענדן קערפערלעכע שטראפן און לעאן דער גרויסער (מיטן פון 5־טן יארהונדערט) האט געהאלטן, אז אפילו טויט־שטראף איז דערלאזבאר מכוח צו אפיקורסים

(Gieseler — Kirchengeschichte, 1 Band, 2 Abt., S. 237 ff)

פאַלן אין די הענט פון דער היעראַרכיע, און נאָר איין פערטל איז
געגאַנגען אויף אָרימע, און לסוף איז עס אינגאַנצן מגולגל געוואָרן
אין קירכן־אייגנטום; און וואָס מער דער מיטלאַלטערלעכער סדר
האָט זיך איינגעשטעלט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די עשירות פון
דער קירך. זי איז געוואָרן באַלעבאָס איבער אַ גרויסן טייל פונם
גאַנצן ערד־באָדן. צום סוף פון 7־טן יאָרהונדערט האָט זי שוין
פאַרמאָגט אין גאַליען אַ דריטל פונם גאַנצן באָדן, און אין 8־טן
יאָרהונדערט איז איר ערד־באַזיץ אין דער פראַנקישער מלוכה
געווען אַזוי גרויס, אַז די קאַראָלינגער האָבן אַ גרויסן טייל קאָנ־
פיסקירט פאַר דער מלוכה און פאַר מיליטערישע צוועקן (שמאָלער,
די סאָציאַלע פראַגע, 1918, זייט 102 און 547. (דייטש).

צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער צופּאַסונג איז פאָרגעקומען
אויך אַ גייסטיקע צופּאַסונג צו דער דרויסן־וועלט. דער אַמאָלי־
קער ענטוזיאַזם האָט זיך אויסגעוועבט: די גרייטקייט מקריב צו
זיין זיך פאַר דער נייער אמונה איז געוואָרן זעלטענער; אַנשטאָט
דער אַמאָליקער גרייטקייט אַלץ אַוועקצוגעבן, האָט מען אָנגע־
הויבן יוצא זיין בלויז מיט טיילן צדקה; און אויפן אָרט פון דער
פריערדיקער האַרציקער סאָלידאַריטעט זענען איצט געווען שוין
בלויז געוויסע פאַרגעשריבענע פליכטן לטובת דער געמיינדע; די
פריסטער און קירכן־פאַרשטייער האָבן אויפגעהערט ווי אַמאָל אויס־
צומיידן די מלוכהש־וועלטלעכע מאַכט, נאָר זיי האָבן מיט איר
גערן פאַרקערט, און אין דער שטיל באַוואונדערט די קולטור און
געבילדעטקייט פון די גוטע קלוגע געצנדינער. און דאָס וואָס די
נייע רעליגיע האָט באַקומען זייער אַ סך מיטגלידער פון פאַרשי־
דענע שיכטן פון דער רוימישער געזעלשאַפט — האָט אויך גע־
ווירקט צעשטערנדיק אויף דעם אור־קריסטלעכן לעבנס־סדר. אין
3־טן יאָרהונדערט האָט מען שוין געקאָנט טרעפן קריסטן אין די
פאַרשיידנסטע קרייזן: אין די רוימישע לעגיאָנען, אין די צעזאַרישע
הויפן, צווישן באַאַמטע, צווישן הענדלער און צווישן געלערנטע.
דאָס קריסטנטום איז אַריינגעדרונגען אין אַלע שפּעלטעלעך פון
דער רוימישער געזעלשאַפט — און האָט פון דאָרט צוריק גע־
בראַכט אין קירך אַריין די פאַרשיידנסטע איינדריקן, אַנשויאונגען
און טראַדיציעס. אין אַט דעם פּראָצעס פון קעגנזייטיקער ווירקונג

צווישן קירך און וועלט און פון כסדרדיקע קאמפראמיסן האט דאס קריסטנטום זייער פיל פארלוירן פון זיין אמאליקן גייסט און פון זיין אמאליקער קראפט. מיר האבן דאס שוין פריער געזען, בעת מיר האבן גערעדט וועגן נאטור־רעכט: פון קאמוניזם איז מען דערגאנגען ביז צו בארעכטיקן פריוואט־אייגנטום. די צייטווייליקע פארפאלגונגען האבן געהאט אפגערייניקט די קירך פון אומזיכערע קאנטאניסטן, פון קאמפראמיסלער און געשעפט־קריסטן*); אבער ווי נאר די שווערע צייט איז אריבער, איז די „פארוועלטלעכונג“ פונם קריסטנטום געגאנגען ווייטער, צום גרויסן ווייטאג פון די אלטע קריסטן, פון די אלע פרומע, וואס האבן זיך נישט געקאנט שיידן מיט דער מסורה פון אור־קריסטנטום. זיי האבן געלייענט די בארג־רעדע, געשעפט מוט און כוח אין די מעשים פון די אור־געמיינדעס — און געווען אומצופרידן מיט דער געגנווארט. זייער דראנג איז געווען — צוריק צו יעזוסן, צו אסקעטיזם, צו פארמעגן־געמיינשאפט אדער צו אפאסטעלשער ארימקייט! אוועק פון די איינפלוסן פון וועלט און מלוכה, וועלכע גראבן אונטער די אמתע תורה און פעלשן די קריסטלעכע אמונה!

פון אט דער פיינלעכער שטימונג, וועלכע האט צומאל אנגענומען די פארמען פון באוווסטזיניקער אפאזיציע, איז ארויסגעקומען פריער דאס מאנאכנטום אדער קלויסטער־קאמוניזם, און שפעטער די אפיקורסישע באוועגונג. ביידע באוועגונגען האבן געהאט, ווי מיר זעען, איין און דעם זעלבן שורש; אבער די מאנאכישע באוועגונג האט זיך איזאלירט פון דער קירך, זיך אפגעקערט פון איר אן שום קאמף; דאקעגן, די אפיקורסים־באוועגונג האט געוואלט דווקא די קירך גופא אומאנדערשן, רעפארמירן, און

*) „זינט די אמטן אין דער קירך האבן אויפגעהערט צו זיין פארבונדן מיט געפארן און [illegible] פארפאלגונגען, נאר פארקערט, זיי האבן נאך פארשאפט כבוד און מאכט, האבן זיך אלע אנגעהויבן רייסן צו זיי; מען האט אנגעווענדעט אלע מעגלעכע מיטלען, מיאוסע חניפה און געמיינע אינטריגעס, אבי צו קריגן אן אמט אדער אריבערצוגיין פון א נידעריקן פאסטן אויף א העכערן. מאראליש פארדארבענע זענען אריין אין קלער“. (גיזעלער, קירכנגעשיכטע, באנד 1, אפט. 2, ז. 308 דייטש).

דעריבער איז זי געקומען אין אזא שארפן קאנפליקט מיט די מאכטהאבער פון דער קירך. די מאנאכן־ארדנס קאן מען אין א געוויסן זינען פארגלייכן, לויט דעם אופן פון זייער האנדלונג, מיט די סאציאליסטן־אוטאפיסטן, וועלכע זענען קעגן יעטווידן קאמף. זיי לאזן גאר צורו די מלוכה און ווילן הינטער איר רוקן אויסבויען א נייע געזעלשאפט; די אפיקורסים דאקעגן האבן געהאנדלט ווי מאדערנע סאציאליסטן, וועלכע ווילן איבעראנדערשן די מלוכה אדער עווענטועל זי גאר אפשאפן. האט טאקע גאר גיך פאסירט אזוי, אז די קירך האט גענומען באהאנדלען די קלויסטערם ווי פריינט, ווי שותפים, פונקט ווי די ענגלישע מלוכה־מענער האבן זיך באצויגן צום אוטאפיסט ראבערט אווען. אויף די אפיקורסים אבער האט די קירך געקוקט ווי אויף מורדים און קעגן זיי האט זי געהאט נאר איין מיטל — אויסראטן דורך פייער און שווערט.

3. די קאמוניסטישע קלויסטער־ישובים.

אין דער צווייטער העלפט פון 3־טן יארהונדערט האבן פרומע קריסטן גענומען זיך אפשיידן פון דער וועלט, זיך אפזאגן פון אלע ערדישע גיטער און פירן א לעבן אין איינזאמקייט*), אין נאכדענקען (תשובה) און אין נזירות (אסקעטיזם). זיי זענען געווען אומצופרידן דערמיט, וואס קריסטנטום איז דורך דעם קירכלעך־מלוכהשן אפאראט געווארן צו וועלטיש, מעכאניזירט. וואס עס האט שלום געמאכט מיט דער הרויסנדיקער וועלט.' זיי האבן נישט געקאנט צוזען, ווי קריסטנטום איז מגולגל געווארן אין א ווירטשאפטלעך־פאליטישע מאכט־ארגאניזאציע מיט אנטי־קאמוניסטישע טענדענצן. אז די קירך האט זיך פארבונדן מיטן קייזער קאנסטאנטין און קריסטנטום איז געווארן א מלוכה־רעליגיע — האט דאס ארויסגערופן אן אויפלעבונג אין דער מאנאכישער באוועגונג. צווישן די מאנאכישע פיאנערן דארף מען דערמאנען באזונדער דעם הייליקן אנטאניוס (געב. 250, געשט. 356) פון אויבער־עגיפטן: א זון פון רייכע עלטערן, האט ער אין יאר 270

*) מאנאך נעמט זיך פון גריכישן ווארט „מאנאכאר" — א ישובניק.

צעשענקט זיין גאנץ פארמעגן און איז אוועק אלס נזיר אין עגיפּטישן מדבר. שפּעטער האט דער תלמיד זיינער פּאכאמיוס, א קאפּט, דורכגעפירט ארום יאר 320 א פאריינציקונג פון די נזירים און געגרינדעט אויפן נילוס-אינזל טאבענא די ערשטע קלויסטערש-קאמוניסטישע קאלאניע: אויף גריכיש האט זי געהאט דעם ווילקלינגענדיקן נאמען: קוינאביאן (קוינא — געמיינזאם און ביא — לעבן). דאס איז געווען א ישוב פון א היפּשער צאל הייזער, און געפירט האט ער זיך לויט פעסטע כללים, וואס פּאכאמיוס האט איינגעשטעלט: קיין שום פּריוואט-באזיץ, טעגלעכע האנט-ארבעט, געמיינזאמע מאלצייטן, געהארכזאמקייט בנוגע דעם אנפירער (אבאט) און אסקעטיזם.

אין די ערשטע יארהונדערטן פון דער קענאביען-געשיכטע (קלויסטער-געשיכטע) האבן די מאנאכן און די מאנאכינס נישט געהערט צום קלער; זיי זענען געווען וועלטישע מענטשן און האבן געקאנט אלע מאל ווען זיי האבן געוואלט, ארויסטרעטן פון די קענאביעס. א סך פון זיי האבן געפירט אויך א פאמיליען-לעבן. די קלויסטערס זענען דעמאלט געווען נאר פרומע קאמוניסטישע ישובים. ערשט צום סוף פון 4-טן יארהונדערט האט מען אנגעהויבן קוקן אויף הייראט, ווי אויף א נידעריקערע מדרגה פון קריסטלעכן לעבן. אבער אפילו נאך אין 6-טן יארהונדערט איז דאס חתונה-האבן געווען גאר נישט קיין זעלטענע דערשיינונג צווישן די קענאביטן (מאנאכן, קלויסטער-איינוווינער). ערשט שפּעטער איז דאס נישט-חתונה-האבן געווארן א מוז זאך פאר יעדן מאנאך. די געפאר, אז די קאמוניסטישע ישובים זאלן נישט אויפגעריסן ווערן דורך דער פאמיליען-פארמערונג, און דער גרויסער אפשיי פאר אסקעטיזם בכלל האבן לסוף דערפירט דערצו, אז הייראטלאזיקייט איז געווארן א כלל, א געבאט.

דער הויפּט-געדאנק פון די קלויסטערש-קאמוניסטישע ישובים איז געווען — זיך דערווייטערן פון אלע סאציאלע אינסטיטוציעס און גייסטיקע ריכטונגען, וועלכע בינדן נאר צו דעם מענטשן צו דער וועלט און צום שלעכטס אין איר. און שלעכטס זענען: פּריוואט-אייגנטום, חשק צו פארמעגן, פאמיליע, מלוכה, שטאנד-אונטערשידן, הערשאפט-באציאונגען, צוואנג און געוואלט.

די קלויסטערש־קאמוניסטישע קאלאניעס (קענאביען־סיסטעם) האבן זיך באזונדער פארשפרייט אין צפון־אפריקע, ווו די קאמוניסטישע טראדיציעס זענען נאך געווען זייער שטארק. פון דארט האט זיך די באוועגונג אריבערגעטראגן אויך אויף מזרח, אין פאלעסטינע, סיריען, ארמעניען און קאפאדאקיען. דער דראנג אין די קלויסטערס איז אויף מזרח געווען אזא גרויסער, אז דער קייזער וואלענס (375 — 378) האט אפילו געפרוווט צו באקעמפן די באוועגונג, אבער אן דערפאלג. צווישן די קריסטלעכע שריפטשטעלער גופא האבן זיך אויך געהערט שטימען קעגן דער דאזיקער באוועגונג, ווארום זיי האבן אין איר דערפילט — און מיט רעכט — א פראטעסט קעגן דער קירך. אבער אזוי ווי די קלויסטער־קאמוניסטן האבן בכלל גענומען נישט אנגערירט די קירך, און די קירכן־פארשטייער האבן געזען, אז די באוועגונג פרוווט זיך טיילווייז פארווירקלעכן דעם אור־קריסטלעכן אידעאליזם מיט פרידלעכע און אומשולדיקע מיטלען — האבן זיי זי נישט באקעמפט, נאר אדרבא גאר אנערקענט.

די אנגעזעענסטע קירכן־לערער, מיט אפאנאסיוסן בראש, האבן אפילו אויסגעדרונגען, אז נאך אין די בתי־נביאים פון דער אלטער ביבל, אין די עגיפטישע טעראפעווטן (אמין עסייער), וועגן וועלכע ס'דערציילט פילאן, דערנאך אין די ערשטע קריסטן־געמיינדעס מיט זייער גיטער־געמיינשאפט און אין געוויסע שטריכן פון דער אפאסטאלישער תקופה איז שוין פאראן א אנזאג, א מין פארבילד פונם איצטיקן מאנאכנטום.

קריסטן פון אלע שיכטן באפעלקערונג, און גאר באזונדער פון די ארבעטנדיקע קלאסן, האבן זיך געצויגן צו די קלויסטערס. אין דער צייט פון אויגוסטינען האבן זיך אין אפריקע ס'רוב אנגעשלאסן אין די קלויסטערס שקלאפן און פריי־געלאזענע עלעמענטן, פויערים און האנטווערקער און בכלל מענטשן פון „פלעביאישע באשעפטיקונגען". בכלל ווייזט אויס, האט דער הויפט־עלעמענט אין די קלויסטערס געהערט צו די ארבעטנדיקע קלאסן.

אויגוסטין, וועלכער האט זיך באצויגן מיט חשד צו יעטווידער פאלקס־באוועגונג, האט פונדעסטוועגן געשטיצט די קלויסטער־באוועגונג, כדי אזוי ארום האלטן אין צוים די מורדיש־קאמוניסטישע

פויערשע באפעלקערונג (צירקומצעליאנען) פון צפון־אפריקע. ער האט פארשטאנען, אז די קאמוניסטן זענען ווייניקער געפערלעך אין די קלויסטערס, איידער אויסער זיי. אויגוסטין איז געווען א גרויסער קירכן־פירשט און קריסטלעכער מלוכה־מאן, שטרענג און אויפריכטיק קעגן זיך, און שטרענג און רחמנותלאז קעגן אנטי־דאגמאטיקער און מורדים. פאר זיך גאר נישט — אלץ פאר דער הייליקער קירך. וועלכע איז פאר אים געווען דאס געטלעכע קעניגרייך. ווען אויגוסטין רעדט וועגן דער הייליקער קירך — איז ווי מען וואלט הערן קלינגען אלע גלעקער פון רוים און קאנסטאנטינאפאל. זיין ליבע צו די קלויסטערס און זיין קאמף קעגן די צירקומצעליאנען דערמאנען אביסל די האלטונג פון די מאדערנע סאציאליסטן־פיינטלעכע מלוכה־מענער: זיי זענען אויך גרייט פארשיקן די סאציאליסטן אויף באזונדערע אינזלען, זיי זאלן דארט מאכן זייערע עקספערימענטן *).

די קלויסטער־באוועגונג האט זיך דערנאך פארשפרייט אויך אויף מערב, וו מען האט זיך לכתחילה געהאט באציגן צו איר מיט פארוואונדערונג און מיט אומווילן. די קירכן־פאטערס אמבראזיוס און היעראנים זענען אבער געווען הייסע אנהענגער פון די קענאביסטישע ישובים, ווייל זיי זענען נאך געבליבן טריי דעם גייסט פון נאטור־רעכט און דעם קאמוניזם.

קלויסטער־אנשטאלטן זענען אויפגעקומען אויך אויף די אינזלען פון מערב־איטאליענישן און דאלמאטישן ברעג און אין דרום־גאליע. די דאזיקע קלויסטערס האבן זיך שוין אבער נישט אויסגעצייכנט מיט אזא איינהייטלעכער פירונג, ווי אויפן מזרח, און

---

*) מיר וועלן שפעטער נאך אומקערן זיך צו אט דער וויכטיקער פראגע. ווארום מיטן אויפקומען פון דער קענאביען־סיסטעם (קלויסטערי־וועזן) האבן פלוצים אויפגעהערט די קאמוניסטישע און כיליאסטישע באוועגונגען. ערשט ווען דאס מאנאכנטום האט זיך שוין געפונען אין צושטאנד פון אונטערגאנג און ס'זענען געמאכט געווארן פרווון צו רעפארמירן עס — ערשט דאן הויבט זיך אן די שפעט־מיטלאלטערלעכע אפיקורסים־געשיכטע: די קאמוניסטישע און כיליאסטישע עלעמענטן הייבן ווידער אן צו ווירקן, אבער אויסער דער קירך און קעגן איר.

די ישובניקעס האבן דא ארויסגעוויזן וויניקער דיסציפלין און וויניקער איבערגעגעבנקייט צום קלויסטערישן אידעאל. קעגן די דאזיקע דעפעקטן און שוואכקייטן האט אנגענומען מיטלען דער גרויסער קלויסטער־פיאנער פון די מערב־לענדער, בענעדיקט פון נורסיא (געב. 480, געשט. 543), דער גרינדער פון דעם באקאנטן בענעדיקטינער ארדן. אויפן בארג קאזינא אין קאמפאניען (איטא־ליען) האט ער געגרינדעט א קלויסטער און אויסגעארבעט פאר אים (אין יאר 529) א סטאטוט, וועלכער איז מיט דער צייט געווארן אנגענומען דורך אלע קלויסטערס. דריי הויפט־פונקטן זענען גע־ווען אין אט דעם סטאטוט: 1. פיזישע ארבעט; דער קלויסטער־ישוב דארף ווי ווייט מעגלעך זיך איינשאפן אלע נויטיקע לעבנס־מיטל דורך אייגענער געמיינזאמער ארבעט. 2. פולער אפזאג פון פאמיליען־לעבן; חתונות פון מאנאכן זענען נישט גילטיק. 3. דער פארבאט ארויסצוטרעטן צוריק פון קלויסטער, ווי נאר מען איז ענדגילטיק שוין אנגענומען געווארן פאר א מיטגליד.

די גוטע דיסציפלין און די געמיינזאמע ארבעט האבן געהאט ממש א וואונדערבארע פעולה. זיי האבן נישט וויניק מיטגעהאלפן ביים ווידעראויפבויען מערב־ און מיטל־אייראפע נאך די פאר־וויסטונגען, וואס די מלחמות און די פעלקער־וואנדערונג האבן מיט זיך געבראכט. עס זענען דורך די קלויסטער־מאנאכן באארבעט געווארן א סך פארוויסטע און א סך גאר נייע געגנטן. שפעטער זענען די קלויסטערס געווארן פונקטן, וווּ מען האט געלערנט און זיך געבילדעט, און ס'האבן זיך אין זיי אויך געזאמלט ארכיוון פון די אלטע און מיטלאלטערלעכע שריפטן. די מאנאכן האבן זיך אפגעגעבן דערמיט, וואס זיי האבן איבערגעשריבן קאפיעס פון די לאטיינישע שריפטשטעלער, אדער זיי האבן אליין געשריבן כראניקעס.

די קענאביסטישע פראדוקציאנס־געמיינשאפטן האבן זיך ארויסגעוויזן פאר א העכערעווירטשאפטס־פארם, סיי אין פארגלייך מיט די לאטיפונדיעס און מיטן קאלאנאט פון דער אונטערגייענ־דיקער רוימישער מלוכה, און סיי אין פארגלייך מיט דער פעאדא־לער ווירטשאפט פון דער פראנקישער מלוכה. „עס איז נישט קיין וואונדער — שרייבט קויטסקי — וואס דער קלויסטער־וועזן האט

זיך אַזוי גיך פֿאַרשפּרייט אין דער קריסטלעכער וועלט, און וואָס ער איז בכלל געווען דער טרעגער פֿון די רעשטן, וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן פֿון דער רוימישער טעכניק און רוימישער קולטור. פּונקט אַזוי דאַרפֿן מיר זיך נישט חידושן, וואָס די גערמאַנישע פֿירשטן און לאַנד־פּריצים האָבן נאָך דער פֿעלקער־וואַנדערונג געהאַלטן די קלויסטערס פֿאַרן בעסטן מיטל איינצופֿירן ביי זיך העכערע פּראָדוקציאָנס־פֿאָרמען, און זיי האָבן דעריבער נישט נאָר זיך גוט באַצויגן צו די קלויסטערס. נאָר זיי האָבן אָפֿט אַליין געהאָלפֿן זיי צו גרינדן... אויב צו דרום צו פֿון די אַלפּן זענען די קלויסטערס געשאַפֿן געוואָרן דער עיקר אַלס ערד־מקלט פֿאַר פּראָלעטאַריער און פֿאַרפֿאָלגטע פּויערים, איז צו צפֿון פֿון די אַלפּן זייער הויפּט־אויפֿגאַבע געווען אַנטוויקלען די לאַנדווירטשאַפֿט, די אינדוסטרי און דעם פֿאַרקער".

אויף אַזאַ אופֿן האָבן די מאָנאַכן געהאַט אין זייער רשות אי בילדונג, אי רייכקייט, אי מאַכט, און זיי האָבן געלעבט אין פֿריינטשאַפֿט סיי מיט די קירכלעכע סיי מיט די וועלטלעכע פֿירשטן. ביסלעכווייז האָבן זיי אויפֿגעהערט צו זיין מיטגלידער פֿון אַ פּראָדוקציאָנס־געמיינשאַפֿט, נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן צו עקספּלואַטירן פֿרעמדע אַרבעט. אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן כסדר פֿאַרקערט מיטן קלער און מיט די פֿעאָדאַלע פּריצים, האָבן זיי פֿאַרלאָרן זייערע קאָנאָביסטישע מדות די אַסקעטישקייט, די איינפֿאַכקייט און די וועלט־פֿרעמדקייט. די אַבאַטן זענען געוואָרן אָפֿטע איינגייער אין די פּאַלאַצן און הויפֿן פֿונם אַדעל. דער וועלטישער גייסט האָט זיך אַזוי אַרום אַריינגעקריגן אין די קלויסטערס — און האָט מיט דער צייט פֿאַרווישט דעם גרעניץ צווישן מאָנאַכנטום און צווישן קלער. די אַסקעטישע געשטאַלטן פֿון די אַמאָליקע מאָנאַכן זענען געוואָרן אַלץ זעלטענער; איצט האָט מען אויף זייער אָרט געזען גוט אויסגעהאָדעוועטע, פֿיין געקליידעטע מאָנאַכן־מענער, וועלכע האָבן זייער לוסטיק געקוקט אויף דער וועלט. קיין מענטשן פֿון די אַרבעטנדיקע און אונטערדריקטע קלאַסן זענען שוין מער נישט נעגאַנגען אין די קלויסטערס, זייער אָרט האָבן איצט פֿאַרנומען קינדער פֿון אַדל און בכלל פֿון די העכערע קלאַסן.

אין משך פון 8־טן יאָרהונדערט זענען די אַבאַטן אין די קלויסטערס שוין כמעט אומעטום געווען אַדל־לייט. זיי האָבן איצט פאַרגעבן דעם מאָן — און נאַטירלעך, נישט אין קענאָביש־טישן גייסט. די מאַנאַכן, וואָס זענען געווען נישט צופרידן מיט דעם נייעם דרך, האָבן גענומען נאָך שטרענגער אָפּהיטן די דינים פון אַסקעטיזם און אָפּטויטן דעם גוף אין זיך, אָדער זיי האָבן זיך געפּרוווט רעפאָרמירן דאָס מאָנאַכנטום. אַזאַ פּרוּוו האָט גע־מאַכט בענעדיקט פון אַניאַנע (774 — 821), אָבער דער פּרוּוו האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. און דעם זעלבן מזל האָבן געהאַט אַלע אַנדערע רעפאָרם־פּרוּוון פון יענער צייט. דער אַלטער בענע־דיקטינער סטאַטוט איז לגמרי פאַרגעסן געוואָרן; „ווי אַ קלויס־טער איז נאָר אַריין אין די הענט פון אַ וועלטישן אַבאַט, זענען מיט אים אָפּט אַריינגעקומען אויך קריגס־לייט מיט זייערע ווייבער און קינדער, און די ערטער וואָס זענען געווען געהייליקט פאַר תּפילה און ריינקייט זענען פאַרשוועכט געוואָרן דורך שפּי־לערייען, סעודות און יאָגד״.[1]

דער נײַנטער יאָרהונדערט איז בכלל געווען אַ צייט פון מאָראַ־לישער פאַרדאָרבנקייט. די פראַנקישע מלוכה האָט פּאָליטיש געהאַלטן אין זינקען. די קאַראָלינגער זענען אָפּגעשטאָרבן. סלאַוון, נאָרמאַ־נען, מאַדיאַרן און אַראַבער האָבן זיך אַריינגעריסן אין פאַרשידענע טיילן פון דער מלוכה, וועלכע איז געווען צעריסן אינעווייניק; דער אַדעל האָט געקעמפט מיט די קעניגן; די ביסקופן, וועלכע האָבן מייסטנס געשטאַמט פון די אַדעל־משפּחות, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פּשוטע פּאָליטישע אַגענטן פון אָט די משפּחות. אַרום יאָר 900 האָט עס אויסגעזען אַזוי, אַז אי דאָס קעניגטום אין דאָס פּויפּסטום, אי דער קלער און אי די מאָנאַכן, האָבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון ירידה און דעגראַדאַציע.

אַ געוויסן דערפאָלג האָט געהאַט דער פּרוּוו צו רעפאָרמירן דאָס מאָנאַכנטום, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גרינדונג פונם קלויסטער קלוני אין יאָר 910 (אין בורגונד). דער סטאַטוט איז דאָ געווען אין גייסט פון די בענעדיקטינער, נאָר נאָך שטרענגער רעדאַגירט. יעדער מאָנאַך האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון יעטווידן פאַרמעגן, זיך אונטערוואַרפן דער שטרענגסטער דיסציפּלין און

פירן דורכאוים און אסקעטיש לעבן. דער קלוני־קלויסטער האָט אמת
אַרויסגערופן אַ רעפאָרם אויך אין די איבעריקע קלויסטערס,
לפּחות אויף אַ פּאָר הונדערט יאָר; ער האָט אָבער דערפאַר אַריינ־
געצויגן די מאָנאַכנשאַפט אינם ווירוואַר פון דער אייראָפּייאַי־
שער פּאָליטיק, וואָרום דער גרינדער פון קלוני האָט געשטעלט
דעם קלויסטער אונטערן אוממיטלבאַרן שוץ פונם פּויבסט. די
פאַרבינדונג פונם מאָנאַכנטום מיטן פּויבסטלעכן הויף האָט געקראָגן
גאָר אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג פון דעם מאָמענט אָן, זינט
די פאַרטרעטער יעזוסעס האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף מיט די
קעניגן פאַר דער אויבערהערשאַפט איבער דער וועלט, און באַ־
זונדער ווען בראש פון דער קירך האָט זיך געשטעלט גרעגאָר 7,
אַ מענטש פון זייער אַ העלדישן כאַראַקטער.

די ווירקונג פון דער קלונישער רעפאָרם האָט אָבער לאַנג
נישט אָנגעהאַלטן. דאָס קאָן מען זען שוין פון די פאַראָרדנונגען
וואָס דער פּאַריזער סינאָד פון 1212 האָט אָנגענומען, כדי צו
פאַרבעסערן דעם מאָראַלישן צושטאַנד פון די קלויסטערס. צווישן
די דאָזיקע פאַראָרדנונגען זענען פאַראַן אַזעלכע: 1. קיין מאָנאַך
טאָר נישט האָבן קיין אייגנטום... 3. די בישקופן דאַרפן פאַר־
מויערן אַלע פאַרדעכטיקע טירן און ערטער אין די קלויסטערס...
10. קיין מאָנאַך טאָר נישט האָבן קיין געלעגער אויסער דעם
אַלגעמיינעם שלאָף־צימער (דאָרמיטאָריום). ווייטער ווערט אויס־
גערעכנט, אַז אין קאַפּיטאַל טאָר מען נישט פירן קיין ויכוחים,
אין קלויסטער טאָר קיין טומל נישט זיין, פרויען טאָרן נישט
באַזוכן קיינעם, אומדערלויבטע שפּילן טאָרן נישט פאָרקומען,
דאָסגלייכן פויגל־פאַנג, יאַגד א. אַ. וו.... 21. קיין צוויי מאָנאַכן
טאָרן נישט ליגן אין איין בעט, נאָר יעדערער באַזונדער און אין
דער פאַרגעשריבענער הלבשה. ווייטער איז נאָך דאָ אַ פאַרבאָט
פאַר די מאָנאַכן צו אַרענדירן זעלבשטענדיק קלויסטער־מאַיאָנט־
קעס און צו פירן האַנדל מיט אויסגעאַרבעטע סחורות אויף קרע־
דיט

אויב ס'זענען נויטיק געווען אַזעלכע פאַראָרדנונגען, איז אַ קלאָ־
רער סימן, אַז די פריערדיקע רעפאָרמען האָבן שוין נישט גע־
ווירקט. און ס'איז דעריבער היין חידוש נישט, וואָס פראַנץ פון

פּסיז, וועלכער האָט געלעבט צו יענער צייט, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין נטיה צו גרינדן אַ קלויסטער־אָרדן.

וועגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿונם מאַנאַכנטום וועט אונז אויסקומען צו רעדן שפּעטער. דערווייל לאָמיר זיך אומקערן צום רעזולטאַט פֿון אונזער ביז איצטיקער באַשרייבונג: די גערמאַנער און דאָס קריסטנטום זענען געווען די לעבעדיקע כּוחות, וואָס האָבן דורכגעפֿירט דעם ווידעראויפֿבוי פֿון אייראָפּע אויף די חורבות פֿון דער רוימישער אימפּעריע. דער אויסגאַנגס־פּונקט סיי ביי די גערמאַנער סיי ביי די קריסטן איז געווען כּלל־רעכט (געמיינשאַפֿט־רעכט), אָבער אויף ביידע האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה סיי די רוימישע פּריוואַט־רעכטלעכע טראַדיציע סיי די אַלגעמיינעווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג, אַזוי אַז די אויפֿריכטונג פֿון אייראָפּע איז פֿאָרגעקומען אונטערן צייכן פֿון אַ קאָמפּראָמיס צווישן כּלל־רעכט און פּריוואַט־רעכט, און דערביי האָט דאָס לעצטע אַלץ מער באַקומען די אויבערהאַנט. די רוימישע ירושה האָט דערביי געהאַט נאָך אַן אַנדער ווירקונג: אי די גערמאַנישע קיסרים אי די רוימישע פּויבסטן האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף אוניווערסאַל־מאַכטן (וועלט־הערשער), און זיי האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך אַ פֿאַרביטערטן וועט־קאַמף. פֿון 9־טן ביזן 14־טן יאָרהונדערט האָט זיך געצויגן אַט דער קאַמף פֿאַר וועלט־הערשאַפֿט צווישן וועלטלעכן און גייסטלעכן אימפּעריאַליזם. די דאָזיקע צוויי גרונט־פֿאַקטן — *די אַנטוויקלונג פֿון כּלל־רעכט צו פּריוואַט־אייגנטום־רעכט און דער קאַמף צווישן קייזערלעכן און פּויבסטלעכן אימפּעריאַליזם* — דאָס איז דער קערן פֿון דער גאַנצער געשיכטע פֿון מיטלאַלטער. דער פּראָטעסט קעגן אַט די אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן און די פּרוּוון אומצוקערן זיך צום אַמאָליקן אָרט־לעבן פֿון די אור־קריסטן און פֿון די גערמאַנער — דאָס איז דער באָדן, אויף וועלכן ס׳זענען אַנטשטאַנען די מאָנאַכישע באַוועגונג און די פֿאַרשידענע אַפּיקורסיש־סאָציאַלע באַוועגונגען.

III פון קאָמוניזם צו פּריוואַט־אייגנטום

1. ווירטשאַפטלעכער מצב

אין יענער צייט, ווען די קירכן־לערער האָבן געוואָלט געפינען אַ פּשרה צווישן קאָמוניזם און פּריוואַט־אייגנטום און האָבן אין דעם גייסט אויסגעטייטשט דאָס נאַטור־רעכט, איז ווירטשאַפט געווען נאָך אַ נאַטוראַלע, פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד איז שוין געווען, אָבער דער האַנדל איז נאָך געווען אומבאַדייטנדיק, און בלויז — שוואַכע סימנים פון געלט־ווירטשאַפט. די אַמאָליקע רוימישע שטעט זענען פּאַרוויסט געוואָרן, קיין נייע שטעט איז נישט געווען, די גערמאַנישע באַפעלקערונג פון מערב־ און מיטל־אייראָפּע האָט נאָך געקוקט אויפן קויפמאַן מיט אומצוטרוי און האָט ער טייער פאַרקויפט זיין סחורה, האָט זי אים נאָך באַטראַכט ווי אַ גנב, נאָך שאַרפער האָט געמשפּט דעם האַנדל דער רוימישער סינאָד פון נאָוועמבער 1078, וועלכער איז באַשטאַנען פון רוימישע און גאַלישע ביסקופּן, אונטערן פאָרזיץ פון גרעגאָר 7. צווישן די באַשלוסן פון אָט דעם סינאָד איז פאַראַן אַ פּונקט 5, וועלכער זאָגט, אַז דאָס האַנדלען פון די זעלנער און פון די סוחרים קאָן נישט געפירט ווערן ערלעך, אַז אפילו קיין אמתע תשובה איז פאַר זיי נישט מעגלעך, סיידן זיי זאָלן זיך נעמען פאַר אַן אַנדער באַשעפטיקונג

אָבער פון 10־טן יאָרהונדערט אָן האָט די לאַגע אָנגעהויבן ממשותדיק זיך ענדערן. אין די געגנטן צווישן ריין און סענע, ווי אויך צווישן פלאַנדריען און דרום־ענגלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנץ לעבהאַפטער סחורה־אויסטויש, און ס'איז געוואָרן לעבעדיקער אַביסל אין לאַמבאַרדיע און ביי די ברעגעס פון מיטל־לענדישן ים (אין די איטאַליענישע און דרום־פראַנצויזישע שטעט), — די אַמאָליקע פּונקטן פון רוימישן האַנדל און מלאכה. אַלטע שטעט האָבן גענומען אויפלעבן, און נייע האָבן זיך אָנגעהויבן בויען. אָבער ס'איז נאָך דאָ געווען צו ווייניק איידעלע מעטאַלן (אויף צו גיסן מטבעות), כדי די געלט־ווירטשאַפט זאָל גאָר אַרויסשטויסן די נאַטוראַלע ווירטשאַפט. דאָס מייסטע זילבער־געלט, וואָס איז דאָ געווען אין פאַרקער, איז געקומען פון מזרח — פון

אינדיען און פון דער קאליפן־מלוכה. ס'איז אָבער געווען צו קנאַפּ פאַר דער נייער אָדער ווידער אויפגעלעבטער שטאָטישער ווירט־שאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין 10־טן יאָר־הונדערט.

אַרום יענער צייט זענען פּונקט אַנטדעקט געוואָרן די ראַ־מעלסבערגער זילבער־גרובן ביי גאָסלאַר (געגרינדעט אין 920) דעמאָלט די רייכסטע אין אייראָפּע. די טיכטיקע זאַקסישע קעניגן היינריך 1 (פון 919 ביז 936) און אָטאָ דער גרויסער (פון 936 ביז 973) האָבן אַדאַנק אָט דער עשירות גובר געווען די מהומות פון דער קאַראָלינגען־תקופה, געשלאָגן די אונגאַרן, פאַרטריבן די סלאַוון, געבויט שטעט און ווידער אויפגעשטעלט די דייטשע מלו־כה, דאָס גאַנצע לעבן פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, פלאַנדריען און איטאַליען האָט גלייך באַקומען אַ צופלוס פון כוחות, די „בלוט־צירקולאַציע" איז געוואָרן אַ סך אַ שטאַרקערע. אין יאָר 991 האָט ווענעציע — דעמאָלט דער הויפּט־האַפן פון אייראָפּעאיש־אָריענ־טאַלישן און באַזונדער פון איטאַליענישן האַנדל — געשלאָסן אָפּ־מאַכן מיט די סאַראַצינער; אין יאָר 1000 האָט קעלן שוין געהאַט אַ לאַגער פון אייזן־סחורות אין לאָנדאָן; אין יאָר 1016 האָט דער ענגלישער קעניג געגעבן די דייטשע סוחרים גלייכע רעכט, ווי די היימישע סוחרים; אין 1040 איז בריוגע שוין געווען אַ צענטער פון וואָל־האַנדל: פלאַנדרישער געוואַנט איז שוין דאַן געווען באַ־רימט אין דער וועלט; אין צפון־פראַנקרייך האָט זיך פאַרשפּרייט וועבעריי; אינגיכן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן די באַרימטע שאַמ־פּאַניער יאַר־יאַרידן. דער סחורה־אויסטויש צווישן מערב און מזרח האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפלעבונג אין דער גאַנצער ווירט־שאַפט. דער אויסבליק איז געוואָרן אַלץ ברייטער. און די אומ־שטאַנדן זענען איצט געווען גינסטיקער, ווי בעת דער אַלטער רוי־מישער אימפּעריע, וואָרום אַדאַנק די זאַקסישע זילבער־גרובן איז דער אַלץ וואַקסנדיקער שטאָטישער פּראָדוקציע האָט אייראָפּע זיך ווייניקער ווי פריער געניטיקט אין איידעלע מעטאַלן פונם אָריענט און האָט אפילו געקאָנט דערגרייכן צו אַן אַקטיוון האַנדל־בילאַנס (מער אַרויספירן ווי אַריינפירן).

אינגיכן האָט אָבער אייראָפּע איבערגעלעבט אַ נייע שטערונג אין איר אַנטוויקלונג. די סעלדזשוקן האָבן זיך באַוויזן אין פּאַ־

דער־אזיען: אין יאר 1071 האבן זיי איינגענומען ירושלים און
אין 1076 — דמשק; קאנסטאנטינאפאל, דער קולטור־ און האנדלס־
פארפאסטן פון אייראפע, איז געשטאנען אין סכנה; אומזיסט האט
מען געבעטן הילף ביי רוים — דער פויבסט איז דאן פונקט געווען
פארנומען מיטן שטרייט, וואס ער האט געפירט מיטן קייזער פא־
אינוועסטיטור־רעכט; אבער קאנסטאנטינאפאל האט זיך איינגע
געבן צו שליסן א בונד מיט ווענעציע, און די לעצטע האט סוחריש
גוט אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אויסגערעדט א האנדלס־
מאנאפאל אויפן אריענט (אין 1081).

די דאזיקע ווירטשאפטלעך־פאליטישע פאקטארן האבן גע־
שפילט א גרויסע ראל אין די מיליטערישע עקספעדיציעס פון איי־
ראפע קיין פאדער־אזיען, וועלכע זענען באקאנט אונטערן נאמען
קרייץ־צוגן. די עקספעדיציעס האבן אנגענומען א רעליגיעזע פארם,
ווייל בכלל האבן דאן די פויבסטן אנגעפירט מיט דער אייראפײ־
אישער פאליטיק, און דערביי האבן די קריסטלעכע געפילן און גע־
דאנקען געהאלפן שאפן די נויטיקע מאסן־שטימונג פאר די עקס־
פעדיציעס. רעליגיע איז דאך געווען די הערשנדיקע אידעאלאגיע
פון מיטלאלטער; און ס'איז א באקאנטער כלל, אז עקאנאמישע
כוחות, וועלכע מאכן א טיפע איבערקערעניש אין די יסודות פון
דער געזעלשאפט, טרעטן געווײנלעך אויף אין א לבוש פון דער
הערשנדיקער אידעאלאגיע, כדי לייכטער צו ברענגען אין באווע־
גונג די גרויסע מאסן און ארויסרופן ביי זיי די נויטיקע שטימונג.
אין די קרייץ־צוגן האבן זיך הארמאניש פארבונדן שטאטיש־ווירט־
שאפטלעכע מיט קירכלעך־רעליגיעזע אינטערעסן.

די קרייץ־צוגן (1096 — 1270) האבן געבראכט דערצו, אז
איטאליען איז געווארן די ערשטע האנדלס־מלוכה אין אייראפע:
די לאמבארדישע שטעט מיט זייער רייכער פראדוקציע זענען גע־
ווארן דער מיטלפונקט פאר האנדל און פינאנסן; די קאטאלאנישע
און דרום־פראנצויזישע שטעט האבן זיך שטארק אנטוויקלט; אין
אלע שטעט פון מערב־ און מיטל־אייראפע האט זיך אנגעהויבן א
מאטעריעלער און גייסטיקער אויפשוווּנג. די סכאלאסטיק — א
פרווו צו באווייזן די ריכטיקייט פון קריסטנטום בלויז דורך לאגיק
און וויסנשאפטלעכע מיטלען — האט דערגרייכט איר העכסטע

מדרגה. פאריז, קעלן און אקספארד זענען געווארן באַרימט אלס צענטרען פון וויסנשאפט. אין די שטעט האט זיך אלץ מער אנטוויקלט געלט־ווירטשאפט און מיט איר צוזאמען — פּריוואט־אייגנטום. אפילו די זעלבסטשטענדיקע פויערים זענען אויך אריינגעצויגן געווארן אין דער געלט־ווירטשאפט, ווייל זיי האבן צוגעשטעלט פּראָדוקטן פאר די שטעט.

דער קאמף צווישן דער וועלטלעכער מאכט און צווישן פּויבסטום האט אויך געהאט א רעוואלוציאניזירנדיקע באדייטונג; ער האט אין א גרויסער מאס אונטערגעגראבן דעם דרך ארץ פאר אויטאריטעטן. דער קאמף האט זיך געצויגן אין משך פון דריי יאר הונדערטן (פון 1075 ביז 1350), און ער האט ארויסגערוקט א גאנצע רייע שטארקע פערזענלעכקייטן, ווי: פּויבסט גרעגאר 7 (1073 — 1085), פרידריך בארבאראסא (1152 — 1190), פּויבסט אינאקענט 3 (1189 — 1216), פרידריך 2 (1215 — 1250), פיליפּ דער שיינער (1285 — 1314). אין א ווענדונג צו די בישאפן אין יאר 1081 האט גרעגאר 7 געשריבן: „ווער ווייסט נישט, אז די קעניגן און פירשטן קומען ארויס פון די, וועלכע האבן נישט געוווסט פון קיין גאט, נאר אנגערעדטע דורכן טייוול, האבן זיי מיט הויכמוט, רויב, ביטערקייט, מארד, קורץ מיט אלערליי פארברעכן געוואלט הערשן איבער זייער גלייכן, איבער די מיט־מענטשן מיט בלינדער גיריקייט און אומדערטרעגלעכער חוצפה"? קיין שום רעפּובליקאנער און דעמאקראט וואלט שארפער נישט געשריבן קעגן דער מאנארכיע, קעגן דער מלוכה. די מאסן האבן אבער אויך געזעען, ווי פּויבסטן קאנען ווערן אנגעשטעלט און אראפגעזעצט דורך דער וועלטלעכער מאכט, און אז אין גאנג פון קאמף זענען די פּויבסטן גופא, דער קלער און די מאנאכן אויך „פארפאליטישט" און פארוועלטלעכט געווארן און האבן זיך דערווייטערט פון די קריסטלעכע אידעאלן פון ארימקייט, באזיצלאזיקייט, צניעות און פרידלעכקייט.

אויף אזא אופן איז צוגעגרייט געווארן דער באדן פאר דער קאמוניסטישער אפּיקורסעריי. די אלע וואס זענען נאך געבליבן טריי די אור־קריסטלעכע, קאמוניסטישע און נאטור־רעכטלעכע טראדיציעס האבן זיך אפּגעקערט פון דער קירך. וויבאלד אירע

פירער זענען אויך וועלטלעכע פאליטיקער, און זי האט נאך די מאנאכן אויך אפגעווענדעט פון זייער אמתן ציל און זיי דערנידעריקט צו דער מדרגה פון א פשוטן ווערקצייג פאר פאליטישע צוועקן. אין 12־טן יארהונדערט, ווען דאס פויבסטום האט גראד דערגרייכט די העכסטע פאליטישע מאכט, האבן די קאמוניסטישע אפיקורסים — אין זייער גרעסטן רוב האנטווערקער — אנגעהויבן זייער קאמף.

עס זענען אבער געווען אויך אזעלכע, וואס האבן טאקע געשטרעבט זיך אומצוקערן צו אור־קריסטלעכקייט, צו באזיצלאזיקייט און צו אפאסטעלשער־ארימקייט, אבער איינרייסן מיט דער קירך האבן זיי אויך נישט געוואלט. צווישן אט דעם עלעמענט האט זיך אין אנהויב 13־טן יארהונדערט (1208) געבילדעט דער פראנצישקאנער ארדן (אביונים־ארדן), צוגעפאסט צום כאראקטער פון שטאטישע פראלעטאריער. דער ארדן האט זיך אין א צייט ארום אסימילירט מיט דעם אלגעמיינעם מאנאכנטום און אנגעווירן זיין ספעציפישן כאראקטער, אבער פריער האט ער ארויסגערוקט פון זיינע רייען גרויסע פערזענלעכקייטן, וואס האבן זייער פיל אויפגעטון אין פרט פון וויסנשאפטלעך באגרינדן די אלע אנטי־פויבסטלעכע, סאציאל־רעפארמערישע און דעמאקראטישע שטרעבונגען, און וואס האבן פראקטיש אויך פיל געארבעט און געבראכט גרויסע קרבנות פאר זייערע איבערצייגונגען. פון אלע מאנאכישע ארדנס שטייט דער לינקער פליגל פון די פראנצישקאנער און זייער פארגענגער יאאכים פון פלאריס אמנאענטסטן צום סאציאליזם.

אין איין צייט מיטן פראנצישקאנער ארדן איז אנטשטאנען אויך דער ארדן פון די דאמיניקאנער; דאס איז אויך געווען א אביונים־ארדן, אבער ער האט גלייך פון אנהויב ארויסגעוויזן א טענדענץ צו דינען דער הערשנדיקער מאכט און צו פארפאלגן די אפיקורסים — צו שפילן די ראל פון פאליציי־לייט און פון אינקוויזיטארס. עס זענען צווישן די דאמיניקאנער, באזונדער צווישן די דייטשע און איטאליענישע, געווען, אמת, אייניקע ווערטפולע אויסנאמען, ווי אלבערט מאגנוס און מייסטער עקעהארט, קאמפאנעלא און דזשיארדאנא ברונא; זיי האבן אבער גייסטיק גיבער גע־

הערט צו די פראנציסקאנער — און דאס ענדערט נישט די אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון די דאמיניקאנער. דער דאמיניקאנער טאמאס פון אקווינא (געב. 1227 געשט. 1274) האט מיט דער הילף פון אריסטאטעלס „פאליטיק" אזוי אויסגעטייטשט דאס נאטור־רעכט, אז פון קאמוניסטיש־דעמאקראטישן עלעמענט איז גאר נישט פארבליבן, און ער האט אזוי ארום בארעכטיקט די שטאטישע בורזשואזע ווירטשאפטס־ארדענונג, וואס איז אויפגעקומען בעת די קרייץ־צוגן.

מען קאן אן שום ספקות אננעמען, אז אנהויבנדיק פון 10־טן יארהונדערט האט דער אויפשטייג פון דער שטאט מיט איר ווירטשאפט־סדר אלץ מער און מער באאיינפלוסט סיי דאס דענקען סיי די פאליטיק; אין אלע סאציאלע, קירכלעכע און זיטלעכע קאנפליקטן פון יענער צייט קאן מען אין לעצטן סך־הכל געפינען די השפעה פון דער נייער שטאטישער קולטור. דאס הייסט, אז דער אלגעמיינער לעבנס־באנעם איז געווארן אלץ מער א בורזשואזער.

נאך אט דעם אלגעמיינעם איבערזיכט פאר דער צייט פון 10 ביז 14 יארהונדערט, וועלן מיר איצט זיך באקענען מיט די טעארעטישע שטרייטן, וואס האבן זיך דאן געפירט פאר און קעגן קאמוניזם, און אויך מיט די פראקטישע קא[illegible] און ליידן פון די קאמוניסטישע אפיקורסים.

2. יאאכים פון פלאָריס. אמאלריך פון בענא

פון 12 יארהונדערט אן ביז צו דער תקופה פון דער רעפארמאציע האט דער קאמוניזם אלע מאל אנגענומען פארשידענע פארמען; אחוץ מאניכעאיזם, איז ער טעארעטיש געשטיצט געווארן דורך יאאכים פון פלארים און אמאלריך פון בענא.

יאאכים איז געבוירן געווארן אין דרום־איטאליען אין יאר 1130 — לויט אנדערע מקורים אין יאר 1145 — און איז געשטארבן אין יאר 1202. ער האט אלזא געלעבט אין איין צייט מיט פראנץ פון אסיז, דעם גרינדער פון פראנציסקאנער ארדן, נאר געווען עלטער פון אים. ער איז געווען א פארגענגער פון פראנצן, און ס'זענען געווען פראנציסקאנער, וואס האבן זיך געהאלט־

ביי יאַכימס־שריפטן און זיך אָפּגעגעבן מיט זייער פאַרשפּרייטונג. ער האָט באַקומען אַ גוטע דערציאונג, האָט עולה רגל געווען קיין פּאַלעסטינע — ס'איז געווען די צייט פון די קרייץ־צוגן — און דאָרט טאַקע פאַרטראַכט זיינע ווערק. דערנאָך האָט ער זיך אומ־געקערט קיין דרום־איטאַליע און האָט געלעבט אין אַ קענאָביע (קלויסטער); ער איז געוואָרן מאָנאַך, דערנאָך אַבאַט, אָבער כסדר נישט אויפגעהערט צו שטודירן די הייליקע שריפטן. די פּויבסטן האָבן אים געשטיצט אין זיין אַרבעט, און דער קייזער הײנריך 5 (אין יאָר 1191) האָט זיך אויך צו אים גוט באַצויגן. דאָ האָט יאַכים געגרינדעט אין פלאָרים ביי קאָזענצע (קאַלאַבריען) אַן אָרדן: אַליין האָט ער געלעבט שטרענג אַסקעטיש, אַ סך פּיזיש געאַרבעט, זייער מקפּיד געווען אויף ריינלעכקייט, פלעגט אַליין מאַכן די בעטן אין קלויסטער־שפּיטאָל און אַרומגיין אַרום די קראַנקע — געוויזן אַ ביישפּיל פון גרעסטער צניעות און באַשיידנקייט. ער האָט באַקומען אַ שם פאַר אַ נביא. זיינע הויפּט־שריפטן זענען: 1) קאָנקאָרדיאַ" (די איינשטימיקייט צווישן אַלטן און נייעם טעסטאַמענט), 2) אַ פירוש איבער דער אַנטפּלעקונג פון יאָהאַנען און 3) אַ „פּסאַלטעריום", וואָס באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער דריי־איינקייט.

די גרונט־געדאַנקען יאַכימס זענען אַזעלכע:

די וועלט איז פאַרדאָרבן. די שטאַרקע ווענדן אַן געוואַלט, די אונטערדריקטע זענען זינדיק, די גייסטלעכע האָבן פאַרלאָרן דעם אמת און טרעטן אַרויס קעגן די, וואָס שטרעבן צו באַנייאונג. די קירך איז געוואָרן וועלטיש און האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין איר מיסיע; באַזונדער פאַרדאָרבן זענען די מאָנאַכן. דערפון נעמען זיך די אומגליקלעכע קאָנפליקטן צווישן פּויבסט און קייזערטום, די טעאָרעטישע שטרייטן און אַפּיקורסישע מאַסן־באַוועגונגען, די אַלץ גרעסערע שליטה פון די לעגאַליסטן און דער אַלץ שטאַרקערער דראַנג פון די סאַראַצינער, וועלכע באַדראָען דאָס קריסטנטום. די אַלע געפאַרן קאָן מען באַזייטיקן נאָר דורך אַ באַנייאונג פון דער קירך. די באַנייער דאַרפן זיין אָרדנס, וואָס קערן זיך צוריק אום צו דער אַפּאָסטאָלישער אָרימקייט, און זאָגן זיך אָפּ פון יעטווידן פאַרמעגן און פון יעטווידער וועלטלעכער מאַכט. די אָרדנס דאַרפן

אַרויסשיקן פרייריקער, וואָס זאָלן מוסר זאָגן נישט נאָר דעם המון, נאָר אויך די מעכטיקע און רייכע. די דאָזיקע מיסיע איז נויטיק, ווארום עס קומט אָן אַ נייע צייט, די תקופה פון היליקן גייסט.

גאָט האָט די וועלט־צייט איינגעטיילט אין דריי תקופות. די ערשטע — דאָס איז ד' תקופה פון פאָטער, וועלכער האָט געוועלטיקט איבער זיינע קינדער מיט דער הילף פון מורא און האָט זיי געמאַכט פאַר קנעכט. דאַן איז געקומען די צווייטע תקופה — פון זון: ער האָט געוועלטיקט מיט דער הילף פון חכמה און דיסציפּלין. די דאָזיקע תקופה ענדיקט זיך שוין באַלד. און ס'דאַרף קומען די תקופה פון הייליקן גייסט, ווען געוועלטיקן וועלן נאָר ליבע און פרייהייט, אויסערלעכע און אינערלעכע גליקזעליקייט. די צייטן פון מורא און קנעכטשאַפט, פון אַרבעט און דיסציפּלין ענדיקן זיך. די דריטע תקופה וועט זיין אַ צייט אָן שום געוואַלט, אַ צייט פון פרייהייט און פרידן, פון קאָמוניזם: די צייט פון די דערנידעריקטע און אָרימע, אָן שום קלאַסן־היפּוכים און סאָציאַלע אונטערשידן אין דיינס און מיינס ').

יאָאַכימס שריפטן, אָדער אויסצוגן פון זיי, זענען געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „דאָס אייביקע עוואַנגעליום"; זיי זענען אין אַ צייט אַרום פאַרמשפּט געוואָרן *) אַלס אַפּיקורסישע, הגם יאָאַכים אַליין האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ טרייען זון פון דער קירך און האָט שאַרף קריטיקירט די אַפּיקורסיש־קאָמוניסטישע באַווע־

*) אינטערעסאַנט איז, וואָס רענאַן שרייבט וועגן דעם: „די אַפּיקורסישע באַוועגונג פון מיטלאַלטער טיילט זיך אויף צוויי גאַנץ באַזונדערע שטרעמונגען. איין שטרעמונג האָט איר שורש אין „הייליקן עוואַנגעליום" און נעמט אַרום די מיסטיש־קאָמוניסטישע שטרעבונגען, וועלכע ס'האָט פאָרמולירט יאָאַכים פון פלאָרים; די דאָזיקע שטרעבונגען האָבן אויסגעפילט דאָס 12 און 13 יאָר הונדערט (יאָהאַן פון פּאַרמאַ, גערהאַרד פון סאַן־דאָנינאָ, הובערט פון קאַזאַלע, פּעטער פון ברואיס, וואַלדוס, דאָלצינאָ, די ברידער פון פרייען גייסט), און האָבן געפונען זייער המשך ביי די דייטשע מיסטיקער פון 14 יאָרהונדערט. די צווייטע שטרעמונג האָט געהאַט אין איר יסוד דאָס מאַטעריאַליסטישע אומגלויבן, האָט געשטאַמט פון די אַראַבער און איז געווען פאַרבונדן מיטן נאָמען פון אַווראָעס". אין דער לעצטער ריכטונג איז אַריינגעצויגן געוואָרן פרידריך 2.

גונג און הגם זיין לערע וועגן דער דריטער תקופה איז אין תוך נישט מער, ווי א נייע פארם פון דער כיליאסטישער אידייע (די טויזנט־יאריקע מלוכה), וואס איז געווען אלגעמיין אנגענומיי אין דער ערשטער צייט פון קריסטנטום.

א סך אפיקורסישער איז געווען די לערע פון אמאלריכן (געשט. אין 1204). געבוירן געווארן איז ער אין בענא, אין דער קירכן־געמיינדע שארטרע (פראנקרייך). א רייע יארן איז ער געווען לערער פון לאגיק און עקזעגעטיק (ביבל־אויסטייטשונג) אין פא־ריזער אוניווערזיטעט. אבער דער אוניווערזיטעט האט ארויסגע־טראגן אן אורטייל קעגן זיינע אנשויאונגען אויף גאט, און אז דער פויבסט האט דערנאך אויך באשטעטיקט דעם אורטייל, איז ער פאר פארדרוס געשטארבן. קיין כתבים זענען נאך אים נישט געבליבן; ס'זענען אבער געבליבן אייניקע תלמידים, וואס האבן פארשפרייט זיינע אידייען, און זענען דערפאר פארמשפט געווארן. די אידייען פון די אמאלריכיאנער זענען טאקע באקאנט נאר פון די דאזיקע באשולדיקונגס־אקטן, ד. ה. פון נישט גאר א זיכערן מקור. אבער דאך קאן מען פון זיי איינזעען דעם גדאנקען־גאנג און די שטרע־בונגען פון אמאלריכן און פון זיינע אנהענגער. זייערע אידייען האבן געשטאמט נאך פון סקאטוס עריגענא (אין 9 יארהונד. אין ענג־לאנד), וועלכער איז געווען א מיסטיקער און א פאנטעאיסט און האט געגלויבט, אז עס מוז זיך צוריק אומקערן די גן־עדן צייט, די צייט פון נאטירלעכער גליקזעליקייט. אין זיין ווערק: „וועגן דער איינטיילונג פון דער נאטור" (בוך 5, קאפיטל 2 און 19) זאגט ער: „פון דעם ווערט קלאר, אז דאס ארויסטרייבן די מענטשן פון גן־עדן באטייט נישט עפעס אנדערש, ווי אז זיי האבן אנגעווירן די נאטירלעכע גליקזעליקייט, פאר וועלכער זיי זענען באשאפן געווארן... און יאהאן זאגט אין אפאקאליפס: „איך האב געזעען א נייעם הימל און א נייע ערד, ווארום דער ערשטער הימל און די ערשטע ערד זענען נישט געווארן". נייער הימל און נייע ערד בא־טייטן, ווי דאס פארטייטשט דער הייליקער טעאלאג גרעגאר פון נאזיאנץ, אז די מענטשלעכע נאטור ווערט ווידער אומגעקערט צו איר אמאליקן צושטאנד". עריגענא איז געווען אויך א פאנטעאיסט; ער ציטירט דעם טיפזיניקן אויסדרוק פונם ארעאפאגיט דיאניסוס

אַז „גאָט האָט אַלץ באַשאַפֿן אי אַליין דורך אַלץ געוואָרן" (בוך 3, קאַפּיטל 10), אָדער רעדנדיק מיט העגעלס לשון: גאָט האָט אין איין ווערן און אין אָט דעם פּראָצעס פֿון ווערן ווערט אי ער אי די וועלט געשאַפֿן.

אַמאַלריך און זיינע אָנהענגער האָבן אויפגענומען די דאָזיקע געדאַנקען. זיי האָבן געלערנט, אַז גאָט איז געווען אין איז אין אַלץ, אין יעזוסן פּונקט ווי אין די היידנישע דענקער און דיכטער. גאָט רעדט אַרויס פֿון אָווידן אַזוי גוט ווי פֿון אויגוסטינען. אַלס מיסטיקער און פּאַנטעאיסטן זענען זיי געווען אַנטינאָמיסטן (קעגן ריטועלע דינים און קירכלעכע צערעמאָניעס) און קעגן קילט פֿון היילִיקע, סיי פֿון לעבעדיקע סיי פֿון פּאַ־שטאָרבענע. זיי האָבן אַפֿילו געהאַלטן, אַז אויף וועמען עס רוט דער הייליקער גייסט, דער שטייט העכער פֿאַר יעדן געזעץ: קיין הייראַט־ און אייגנטום־געזעצן זענען אויף זיי נישט חל. די תּלמידים אַמאַלריכס האָבן שוין געוווּסט וועגן יאָאַכימס לערע פֿון די דריי תּקופֿות און זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי זענען עס די אָנהויבער פֿון דער דריטער תּקופֿה (פֿון הייליקן גייסט). קעגן דער קירך האָבן זיי געפֿירט אַ קאַמף: דער פּויבסט, האָבן זיי געזאָגט, דאָס איז דער אַנטיקריס־טוס; רוים — דאָס איז בבל. די דאָזיקע לערע האָבן איבערגענומען די לינקע פֿראַנציסקאַנער און האָבן זי מיט גרויס היץ ווייטער אַנטוויקלט און פֿאַרשפּרייט. אין אַ געוויסער קרובֿהשאַפֿט מיט די אַמאַלריכיאַנער האָט זיך געפֿונען אויך די סעקטע פֿון פֿרייען גייסט; צווישן דער סעקטע זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן פֿון גרויס גלויבן, אַז גאָטס שכינה רוט אויף זיי, זיך אויפֿגעפֿירט קעגן יעדער מאָראַל — און זיי האָבן פֿיל שאָדן אָנגעטון דער אַפּיקורסיש־קאָמוניסטישער באַוועגונג.

3. פֿראַנץ פֿון אַסיז; דונס סקאָטוס, מאַרסיליוס פֿון פּאַדואַ, ווילהעלם פֿון אָקאָם.

דער גרינדער פֿון דעם פֿראַנציסקאַנער אָרדן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1181 אָדער 1182 אין אַסיזי (אומבריע, איטאַליען). זיין פֿאָטער איז געווען אַ רייכער סוחר און האָט אַ סך

ארומגערייזט. פראנץ האט נישט באקומען קיין שום נארמאלע דערציאונג, געפירט א לעבן צווישן דער גאלדענער יוגנט, געהוליעט, בעת זיין היים־שטאט האט געפירט מלחמה מיט פערוגיע איז ער גענומען געווארן אין געפענגעניש, שפעטער איז ער באפרייט געווארן און ווידער אנגעהויבן א פריילעך לעבן — ביז ער איז איינמאל קראנק געווארן. די היילונג האט זיך געצויגן א לענגערע צייט. פראנץ האט דאן אנגעהויבן בודק זיין זיין לעבן, דורכגעמאכט א גייסטיקן קריזיס — און איז געווארן גאר אן אנדער מענטש. ער האט אנגעהויבן לעבן אין איינזאמקייט, א סך מתפלל זיין און זיך אפגעבן מיט העלפן ארימע, קראנקע און קרעציקע.

איינמאל האט א אינערלעך קול צו אים גערופן און אים אנגעוויזן אויף פאלגנדיקן פערז אין עוואנגעליום פון מתתיהו (10, 7 — 10): „גייט און פרעדיקט, אז מלכות השמים איז נאענט. היילט קראנקע, רייניקט קרעציקע, זייט מחיה מתים, טרייבט ארויס רוחות. אומזיסט האט איר עס מקבל געווען און אומזיסט גיט עס אוועק. נעמט נישט מיט נישט קיין גאלד, נישט קיין זילבער, נישט קיין קופער אין אייערע בייגארטלען, אויך נישט קיין רייזע־טאשן אויף דעם וועג, נישט קיין צוויי קליידער, נישט קיין שיך, נישט קיין שטעקן, ווען דער ארבעטער איז ווערט זיין שפייז". פראנץ האט פארנומען און געפאלגט דעם דאזיקן רוף. אין ארימקייט האט ער געלעבט, און תמיד א פריידיקער געטון זיין ארבעט. אין יאר 1206 האט ער געהאט א 12 אנהענגער, וועלכע האבן נאכגעטון זיין ביישפיל. קיין שום כונה צו גרינדן א מאנאכן־ארדן האט ער נישט געהאט. ער האט בלויז געוואלט האבן א געוויסע צאל מיסיאנערן, וואס זאלן לעבן אין אפאסטעלישער ארימקייט און טון קריסטוסעס געבאט, זיך פארדינען צום לעבן דורך פיזישער ארבעט, און ווען דאס איז נישט מעגלעך — איז לעבן פון נדבות, אבער נישט האבן קיין שום מגע ומשא מיט געלט; קיין צו גרויסע אסקעטישקייט האט ער פון זיי נישט פארלאנגט. ער האט געוואלט שאפן א מיסיע פון אור־קריסטן, וואס זאלן דורך זייער פליים, איבערגעגעבנקייט און ביישפיל רעפארמירן די וועלט.

דער הייליקער פון אסיזי האָט ליב געהאַט די נאַטור נישט ווי אַ דיכטער, נאָר ווי אַליין אַ טייל פון איר. אין ברידערלעכער ליבע האָט ער זיך אינערלעך באַהעפט מיט אַלע זאַכן און בריאים אין דער וועלט. אומבאַוווסטערהייט איז ער געווען אַ מיסטיקער: ער האָט נישט געהאַלטן נישט פון פילאָזאָפיע, נישט פון וויסנשאַפט, נישט פון טעאָלאָגיע. פּראַקטיש העלפן אַלע שוואַכע, קראַנקע און עלנטע, זיך מאָראַליש־רעליגיעז באַנייען — דאָס איז פאַר אים געווען דער אלף און תיו פון קריסטנטום. ער האָט קענען קיינעם נישט געפירט קיין קאַמף, חוץ קעגן זיך אַליין. און ער איז דער קירך אויך געבליבן טריי.

די צאָל פון זיינע אָנהענגער איז געוואַקסן אויסערגעוויינלעך שנעל. און בעת ער איז געווען אַפּוועזנד פון איטאַליען (1219 — 1220), האָט זיין ממלא־מקום עליאַס פאַרוואַנדלט די פראַנציסקאַנער אין אַ אָרדן און האָט אַביסל ווייכער געמאַכט דעם רעגולאַמין פון דער פירונג. פראַנצן איז דאָס נישט געפעלן, ווען ער איז צוריקגעקומען; אָבער דער פּויבסט האָט אויף אים געווירקט, האָט ער זיך באַרואיקט און געגעבן זיין הסכמה אופין אָרדן (די פראַנציסקאַנער האָבן זיך אויך גערופן מינאָריטן).

פראַנץ האָט אָבער געפילט, אַז זיינע אָנהענגער האָבן זיך אוועקגעלאָזט אויף אַ גליטשיקן וועג דערמיט, וואָס זיי זענען געוואָרן אַ אָרדן און זיך פאַרבונדן מיט דער קירך. האָט ער אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, ווו ער האָט געשריבן: „איך אַרבעט מיט מיינע הענט און וויל אויך ווייטער אַרבעטן, און מיין פעסטער רצון איז, אַז אויך די אַנדערע ברידער זאָלן טון אָרנטלעכע אַרבעט. זאָלן די ברידער זיך היטן פון צו נוצן די קירכן, וווינונגען און אַלץ וואָס ווערט פאַר זיי געבויט אויף אַזאַ אופן, וואָס איז קעגן דער הייליקער אָרימקייט, ווי מיר האָבן זי אָנגענומען אין רעגולאַמין: זאָלן זיי דאָרט זיין שטענדיק נאָר געסט, דורכוואַנדערער, פרעמד־אָנגעקומענע. איך פאַרזאָג אַלע ברידער, זיי זאָלן נישט בעטן קיין שום פּריווילעגיעס ביי דער רוימישער קירך, נישט דירעקט און נישט אומדירעקט, נישט צוליב דער קירך און נישט אונטערן אויסרייד פון פּרייזיקעריי און נישט צוליב אייגענעם נוצן".

איינגיכן איז אונטער פראנצס אנפירונג געגרינדעט געווארן דער קלאריסינער ארדן, און אין יאר 1221 האבן זיך געבילדעט די טערציאריער — א צוגאב־ארגאניזאציע צום פראנציסקאנער ארדן, פון וועלטישע עלעמענטן. ס'רוב זענען דאס געווען ארבעטנדיקע פראלעטאריער, וועלכע האבן געלעבט אויסער די קלויסטערס און זיך אפגעגעבן מיט דער סאציאלער ארבעט פונם ארדן. די טערציאריער זענען געווען א מין פארבינדונגס־רינג צווישן דעם ארדן און צווישן דער סאציאל־אפיקורסישער באוועגונג. זיי זענען, אפנים, גאר גיך געווארן געפערלעך פאר דער „ארדענונג". ווארום די מלוכה־מאכט האט פארווערט די טערציאריער זיך אנצושליסן אין ארדן.

נאך פראנצס טויט (1226) האבן זיך אנגעהויבן שפאלטונגען צווישן זיינע אנהענגער. **ס'האבן זיך** געבילדעט לינקע, וואס האבן געוואלט שטרענג היטן די כללים וועגן ארימקייט, ארבעט און בעטלעריי (לעבן פון נדבות). זיי האבן זיך גערופן קנאים (פאנאטיקער). די רעכטע, דאקעגן, זענען געווען קעגן אפאסטעלישער ארימקייט און האבן געוואלט מאכן פון די פראנציסקאנער א געוויינלעכן מאנאכן־ארדן. אחוץ די צוויי עקסטרעמע פליגלען איז נאך געווען א מיטל־ריכטונג, וועלכע האט געהאט פאר זיך דעם רוב מיטגלידער, און זי האט געוואלט האבן א מאנאכן־ארדן מיט א מעסיקערן סטאטוט — דער ארדן זאל האבן זיין אייגנטום זיך דערשלאגן צו א השפעה אין קריסטנטום און זאל קולטיווירן טעאלאגיע און אנדערע אוניווערזיטעט־וויסנשאפטן. לכתחילה האט זיך דער ארדן געפירט אין גייסט פון אט דער מיטל־ריכטונג; נאר אין יאר 1247 איז יאהאן פון פארמא, דער גייסטיקער ראש פון די לינקע, געווילט געווארן פאר גענעראל פון ארדן; יאהאן האט שטודירט טעאלאגיע אין פאריז און איז געווען א אנהענגער פון יאאכימס „אייביקן עוואנגעליום". ער איז געווען א גרויסער מקפיד אין פרט פון היטן דעם רעגולאמין. זיין אינטימסטער פריינט איז געווען גערהארדט פון סאן דאנינא, דער מחבר פון דעם ארייַנפיר („אינטראדוקטאריום") צו יאאכימס לערע. אינם דאזיקן ווערק ווערן אבער שארף קריטיקירט דאס פויבסטום און די קירך. עס ווערט באזונדערס אונטערגעשטראכן די מיסיאנע־

רישע ראָל פון די אביונישע מאָנאכן, און יאָאכים ווערט באַטראַכט ווי דער נביא פון דער אָנקומענדיקער דריטער תקופה. די פראַנציסקאַנער לינקע און די תלמידים פון אמאַלריכן האָבן דאָס „אייביקע עוואַנגעליום" אָדער די שריפטן פון יאָאַכימען און פון געראַרטן געהאַלטן אַפילו העכער, איידער דעם נייעם טעסטאַמענט.

אין יאָר 1254 האָט דער ביסקופ פון פּאַריז איבערגעשיקט דעם „אינטראָדוקטאריום" (אַריינפיר) צום פּויבסט אינאָקענט IV זיער פּויבסט האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע אויף אויספאָרשן דאָס ווערק, און די קאָמיסיע האָט עס פאַראורטיילט אַלס אַפּיקורסות. דאָן האָט מען געראַרטן אַריינגעזעצט אין תּפיסה. יאָהאַן פון פּאַרמאַ איז געוואָרן אַראָפּגעזעצט פון זיין פּאָסטן, אָבער די לינקע פראַנציסקאַנער האָבן דאָך נישט אויפגעהערט צו האַלטן זיך ביים „אייביקן עוואַנגעליום" און נישט אויפגעהערט אַרויסצוטרעטן קעגן פּויבסט און קעגן דער קירך פאַר זייער זאַמלען כּסדר ערדישע אוצרות. פון די פראַנציסקאַנער לינקע זענען אויך אַרויסגעקומען די ספּיריטואַלן, וועלכע האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דעם, וואָס די פּויבסטן יאָגן זיך נאָך מאַכט און פאַרמעגן. אַריבער הונדערט ספּיריטואַלן זענען אין 14 יאָרהונדערט אומגעקומען אויף די שייטער־הויפנס, ווייל זיי האָבן, קעגן דעם פאַרבאָט פון פּויבסט יאָהאַן xxii (1316—1334), פאַרטיידיקט די אַפּאָסטאָלישע אָרימקייט און פאַראורטיילט די להוטקייט פון דער קירך צו מאַכט און צו רייכקייט. און פון די לינקע פראַנציסקאַנער זענען אויך אַרויסגעקומען די אַ. ג. אַפּאָסטעל־ברידער, וועלכע האָבן זייער פיל געהאָלפן דער אַפּיקורסיש־קאָמוניסטישער באַוועגונג אין לאָמבאַרדיע און אין דרום־פראַנקרייך, ווו זי איז דעמאָלט גאַנץ שטאַרק געווען.און צו די לינקע פראַנציסקאַנער האָבן ענדלעך געהערט אויך אַ רייע גרויסע געלערנטע, וואָס האָבן צוגעשטעלט לודוויק דעם ביירישן (1314 — 1347) אין זיינע קאָנפליקטן מיטן פּויבסט יאָהאַן xxii גייסטיק געווער קעגן פּויבסטום. דער סאַמע באַדייטנסטער צווישן זיי איז געווען דער ענגלישער פראַנציסקאַנער ווילהעלם פון אָקעאַם, אַ תלמיד פונם באַרימטן דונס סקאָטוס.

יאָהאַן דונס סקאָטוס (געבוירן אין צפון־ענגלאַנד, געשט. אין קעלן אין 1308) איז געווען איינער פון די געבילדעסטע

פראַנציסקאַנער, און האָט געהערט צו דער מער מעסיקער ריכטונג. אַפּאָסטעלישע אָרימקייט האָט ער באַטראַכט ווי אַ אידעאַל, וועלן די קריסטלעכע לעבנס־פירונג וועט דערגיין צו איר פולקאָמענהייט. פּריוואַט־אייגנטום האָט זיין שורש נישט אין געטלעכן רעכט און נישט אין נאַטור־רעכט, נאָר אין ציוויל־רעכט און איז אַ פּראָדוקט פונם מענטשלעכן זינדן־פאַל. די מענטשן האָבן אַרומגעכאַפּט אַ תאווה צו הערשן און צו באַרייכערן זיך; עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה פון אַלע קעגן אַלע, וואָרום יעדער איינער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן פאַר זיך וואָס אַ גרעסערן חלק פונם אַלגעמיינעם פאַרמעגן. און צוליב דעם זענען אַנטשטאַנען מלוכה און פּריוואַט־אייגנטום. דער כלל־פאַרמעגן איז פאַרטיילט געוואָרן אויפן יסוד פון ציוויל־רעכט, וואָס רעגולירט דעםווירטשאַפטלעכן פאַרקער. האַנדל און פאַרקער זענען נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט, ממילא זענען זיי אויך געזעצלעך. אָבער די געווינסן פונם האַנדל דאַרפן נישט דינען דערצו, אַז מען זאָל זיך באַרייכערן. די אויפקויפער און פּרייזן־שרויפער זענען אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט.

אַ דענקער און קעמפער איז געווען ווילהעלם פון אָקעאַם (געב. אין דרום־ענגלאַנד, געשט. אין מינכען 1347). ער האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביים כלל פון אַפּאָסטעלישער אָרימקייט און האָט געקעמפט קעגן די וועלטלעכע און מאַטעריעלע שטרעבונגען פון פּויבסטום. דערביי האָט ער אַנטוויקלט זייער אָריגינעלע געדאַנקען וועגן דער אַנטשטייאונג פון מלוכה און פּריוואַט־אייגנטום. דער פּויבסט יאָהאַן XXII האָט אים פאַרזעצט אין תפיסה אין אַוויניאָן, און באַפרייט געוואָרן איז ער דאַנק לודוויק דעם בייערישן, וואָס ביי אים אין הויף איז געווען דער זאַמל־פונקט פאַר אַלע אַנטי־פּויבסטלעכע געלערנטע. צוזאַמען מיט ווילהעלמען האָט זיך געפונען אין מינכען אויך דער פריינט זיינער מאַרסיליוס פון פּאַדואַ (געב. 1270, געשט. 1342): זיי זענען באַקאַנט געוואָרן צווישן זיך אין פּאַריז, וווּ מאַרסיליוס האָט שטודירט פילאָזאָפיע, מעדיצין און טעאָלאָגיע. ביידע האָבן זיי דאָן אַנטוויקלט די טעאָריע וועגן סוּווערעניטעט פון פאָלק, — אַ זאַך, וואָס איז פאַר זייער צייט געווען אויסערגעוויינטלעך דרייסט. מאַרסיליוס האָט באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע אין זיין בוך „דעפענסאָר פּאַצים“ (דער פאַרטיידיקער

פון פרידן), וואס ער האט אנגעשריבן אין יאר 1324 און געווידמעט לודוויק דעם בייערישן.

לויט מארסיליוסן איז דער קוואל פון געזעצגעבערישער מאכט — דאס פאלק. דאס פאלק וויילט אוים אדער באשטימט א קעניג אדער א רעגירונגס־פירער, און ער איז פאראנטווארטלעך פארן פאלק. דאס פאלק קאן פון אים פארלאנגען א חשבון, און עס מוז אכטונג געבן, אז ער זאל זיך נישט שטעלן איבער די בירגער. כדי דאס אלץ אויסצופירן, טאר דאס פאלק נישט דערלויבן דעם קעניג, ער זאל האבן אין זיין רשות א גרויסע באוואפנטע קראפט.. אלס פארטרעטער פון סוווערענעם פאלק שטייט דער קעניג העכער פארן פויבסט, ווארום די מאכט פון פויבסט האלט זיך נאר אויף געוואלט און נישט אויפן ווילן פון פאלק. מארסיליוס האט זיך פארופן אויף דעם דעמאקראטישן סדר אין די אורקריסטלעכע ״מיינ־דעס״, ווו מען האט נישט געמאכט קיין שום אונטערשיד צווישן גייסטלעכע און נישט גייסטלעכע און ווו די ביסקופן האבן נישט געהאט קיין שום מאכט, נישט קיין געזעצגעבערישע און נישט קיין אויספירנדיקע. דעריבער דארף דער העכסטער ביפקופ — דער פויבסט — אויך נישט האבן אזא מאכט.

אקעאם ווידער ווענדט אן די טעאריע וועגן סוווערעניטעט פון פאלק ביים דערקלערן די אנשטייאונג פון פריוואט־אייגנטום. די מאראלישע אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, זאגט ער, איז דורכגעגאנגען דריי סטאדיעס: 1. פאר דעם זינד־פאל; 2. נאך דעם זינד־פאל; 3. די ממשלה פון שלעכטס. אין דער ערשטער סטאדיע האט דער מענטש געלעבט לויטן נאטור־רעכט, אן מלוכה און אן געזעצן, אלץ האט געהערט דעם כלל און אלע זענען געווען גלייך און פריי. אין דער צווייטער סטאדיע האט זיך שוין דער מענטש געפירט לויטן ראציאנעלן רעכט; דער פארשטאנד האט אויפגעשטעלט געזעצן און באפוילן דעם מענטשן צו זיין אויפריכטיק, צו צאמען זיינע תאוות און צו לעבן געמיינשאפטלעך און אין פרייהייט. בעת דער דריטער סטאדיע האט מען שוין געמוזט אנקומען צו אויסערלעכער געוואלט — און זי האט עס געשאפן די מלוכה און די ווירטשאפטלעכע און פאליטישע אומפרייהייט.

אבער ווי ארום איז דאס געשעען, וואס אזא לאגע האט זיך

געקאנט אויסבילדן, נישט געקוקט אויפן נאטור־רעכט און אויפן ראציאנאלן רעכט? דאס דאזיקע רעכט איז דאך אייביק! ווי זשע האט עס געקאנט באזיגט ווערן?

דערויף גיט אקעאם אזא תשובה: מלוכה און פריוואט־אייגנטום זענען געזעצלעך, אויב זיי זענען אנטשטאנען מיטן הסכם פון פאלק. די סוווערעניטעט פון פאלק איז א נאטור־רעכט. ווי באלד דאס פאלק האט ארויסגעוויזן זיין ווילן לטובת דער מלוכישער און פריוואט־ווירטשאפטלעכער אָרדענונג און זי איז איינגעפירט געווארן צוליבן אינטערעס פון כלל — האט זי שוין אין א געוויסער מאס די סאנקציע פונם נאטור־רעכט. די דאזיקע טעאריע, אז מלוכה און פריוואט־אייגנטום זענען אנטשטאנען אויפן יסוד פון א הסכם מצד דעם פאלק, דערמאנט שטארק אין דער טעאריע פון געזעלשאפטלעכן אפמאך, וועלכע זאגט אויך, אז מלוכה און פריוואט־אייגנטום זענען באשאפן געווארן דורך א אפענעם אדער שווייגנדיקן אפמאך צווישן אלע מיטגלידער פון פאלק. די דאזיקע טעאריע פארבינדט מען געוויינלעך מיטן נאמען פון רוסא, אין דער אמתן איז זי א סך עלטער.

די ענגלישע פראנציסקאנער ראדזשער בעקאן, דונס סקאטוס און אקעאם האבן אויך וויסנשאפטלעך און פילאזאפיש־טעאלאגיש א גרויסע באדייטונג; מיר קאנען זיך אבער דערויף נישט אפשטעלן, ווייל אונדז אינטערעסירט דא נאר די אנשויאונגען פאר און קעגן קאמוניזם און פאלקס־פרייהייט.

4. דאמינגא דע גוזמאן. טאמאס פון אקווינא

דאמינגא (דאמיניק) דע גוזמאן, דער גרינדער פונם דאמיניקאנער־אָרדן, שטאמט פון אלט־קאסטיליען (שפאניען). געבוירן געווארן איז ער אין 1170 און געשטארבן אין 1221. ער האט שטודירט טעאלאגיע און האט באקומען א שליחות פון אינאקענטן III צו גייען קיין לאנגעדאק (דרום־פראנקרייך) און זען אומקערן אויפן דרך הישר די אלביגענזער, די וואלדענזישע אפיקורסים. דאמינגא איז דארטן אפגעווען 10 יאר, פון 1205 ביז 1215, געפרווט ווירקן מיט גוטן און מיט בייזן. דורך ב־יידיקן און דורך דראאונגען —

אבער אז דערפאלג. ס'האט זיך אים בלויז איינגעגעבן צו געווינען א געוויסע צאל אנהענגער. און ער האט פון זיי געגרינדעט א ארדן: אין יאר 1215 האט דער ביסקופ פון טולוז אפגעגעבן א קירך, אלס הויז פארן ארדן; און דער ארדן איז געבליבן טריי דער מיסיע פון זיין גרינדער — אפצוגעבן זיך מיט אגיטירן צווישן די אפיקורסים און מיט משפטן זיי. די דאמיניקאנער זענען געווארן — מיט קליינע אויסנאמען — „שפיר־הינט גאטס" (א לאטיינישערווארט־שפיל: דאמיני קאנעס — דעם באלעבאס הינט), אינקוויזיטארן, און האבן זייער פיל אפיקורסים אומגעבראכט דורכן שווערט און אויף שייטער־הויפנס.

דער סאמע בארימטער דאמיניקאנער איז געווען טאמאס פון אקווינא (1227 — 1274), א איטאליענישער אדעל־מאן, א קרוב פון די שטאאופערס. אויסגעצייכנט האט ער זיך מיט זיין אלזייטיקער בילדונג. פאר דער געשיכטע פון סאציאליזם איז זיין באדייטונג, נאטירלעך, א ריין נעגאטיווע. זיין הויפט־אויפטו איז באשטאנען אין אפקערן זיך פון די פלאטאנישע און נעא־פלאטאנישע אידייען, מיט וועלכע ס'זענען שטענדיק געווען פארבונדן מיסטיש־קאמוניסטישע שטרעבונגען, און דאסגלייכן אין אפקערן זיך פון די קאמוניסטישע איבערבלייבעכצן אינם לאנדווירטשאפטלעכן לעבן: ממילא איז דאס געווען א קער צום שטאטישן לעבן, מיט זיין מיטלאלטערלעכן, האנטווערקער־פויערשן כאראקטער, א קער צום אנטיקאמוניסטישן, ארט דענקען פון אריסטאטעלעסן. טאמאס האט טאקע זייער פיל אויפגעטון אין פרט פון ארייגפירן און איינפונדעווען אין דער מיטלאלטערלעכער טעאלאגיע די פאליטישע און עטישע אידייען פון אריסטאטעלעסן. ער איז פאקטיש דער רבי פון די היינטיקע פויבסטן, בעת זיי לאזן ארויס ענציקליקעס (אויפרופן) קעגן סאציאליזם.

דאס וואס טאמאס איז אזוי באהאוונט געווארן אין אריסטאטעלעס ווערק, האט ער בלי ספק צו פארדאנקען זיין דייטש; לערער אלבערט מאגנוס (1193 — 1280), ביי וועמען ער האט געלערנט אין קעלן און אין פאריז. אלבערט, א דאמיניקאנער, איז געווען דער געבילדעטסטער און באלעזנסטער סכאלאסטיקער פון זיין צייט. לויט זיין איידעלן כאראקטער און לויט זיין ארט לעבן איז

אַלבערט גיבער געווען אַ פראַנציסקאַנער, וואָרום געלעבט האָט ער אין אַפּאָסטאָלישער אָרימקייט. האָט ליב געהאַט די וויסנשאַפט און האָט שטודירט די פרייגייסטיקע אַראַבער און יידן, ווי אַוויצענאַ (געשט. 1037), אַווערראָעס (געשט. 1198), משה מיימאָן (יידישער טעאָלאָג, געשט. 1204), וועלכע האָבן געשאַפן אַ ראַציאָנאַליסטישע אָדער גאָר אַ פרײדענקערישע ריכטונג, און הגם זיי האָבן זיך אויך געשטיצט אויף אַריסטאָטעלעסן, האָבן זיי זיך דאָך געפונען אונטער דער השפּעה פון די ניי־פּלאַטאָנישע אידייען. אַווערראָעס האָט זיך אינטערעסירט אויך מיט פּלאַטאָנס קאָמוניסטישער רעפּובליק.

טאָמאַס איז אַוועק ווייטער פאַר זיין לערער. זיין אינסטינקט האָט אים נישט פאַרפירט, ווען ער האָט געלאָזט איבערזעצן אַלע אַריסטאָטעלעס ווערק פון גריכיש אויף לאַטייניש (1260 — 1270) און האָט זיי איינגעפירט אַלס אויטאָריטעטע מקורים אין די שולן. אויב ביז דעמאָלט האָט מען דער עיקר געקענט די לאָגיק, פיזיק און מעטאַפיזיק פון אַריסטאָטעלעסן, האָבן איצטער געפונען אַ פאַרשפּרייטונג אויך זיין „פּאָליטיק" און „עטיק" — ווערק וואָס זיינען בעיקר געווענדעט קעגן פּלאַטאָנען, קעגן קאָמוניזם און קעגן די נאַטור־רעכטלעכע אידייען. די „פּאָליטיק" פון אַריסטאָטעלעסן איז צום טייל (ווי מיר האָבן שוין, אגב, אָנגעוויזן אין ערשטן טייל פון בוך) אַ פּאָלעמיק קעגן פּלאַטאָנס „פּאָליטעיאַ". אַריסטאָטעלעס באַמיט זיך צו דערווייזן, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז אַ נאַטירלעכע זאַך, ווייל עס געפינט זיך אַ סך מער אין הסכם מיטן מענטשנס נאַטור, איידער דער קאָמוניזם; אַז שקלאַפעריי איז אויך נישט קעגן דער נאַטור, וואָרום ס'זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען פון דער נאַטור אויס שקלאַפן; און אַז לויט זייער נאַטור נאָך זיינען מענטשן נישט גלייך, און די לערע וועגן קאָלעקטיוון באַזיץ, וועגן פרייהייט און גלייכהייט פאַררופט זיך דעריבער אומזיסט אויף דער נאַטור.

אַזוי ווי דער אויטאָריטעט פון אַריסטאָטעלעסן איז דעמאָלט אין מיטלאַלטער, געווען זייער גרויס, איז טאָמאַסן געווען נישט שווער אויפצושטעלן אַ קאָמפּראָמיס צווישן דער אורקריסטלעך־פּאַטריסטישער מסורה פונם נאַטור־רעכט און צווישן די אַריסטאָטעלישע מיטלאַלטערלעך־שטאַטישע אָנשויאונגען, וועלכע האָבן אָפּ־

געשפיגלט די פאקטישע לעבנס־באציאונגען. ווארום אינגאנצן אי־בערשטרייכן דאס אלטע נאטור־רעכט איז אויך געווען נישט מער — צו שטארק איז דערויף געווען דער אויטאריטעט פון די קירכן־פאטערס. טאמאס פון אקווינא איז בכלל געווען א גרויסער קאמפראמיסלער און אפארטוניסט, און ווי געווינלעך אין אזעלכע פאלן, קומט מען אפ מיט גרויסן דרך ארץ פארן פרינציפ, אבער פראקטיש רעכנט מען זיך מיט די עקזיסטירנדיקע אין געגעבענעם מאמענט מאכט־פארהעלטנישן, און אין הסכם דערמיט פאסט מען שוין צו די טעאריע. דער קאמוניזם, זאגט טאמאס, האט געהאט פאר א פארבאדינג אידעאלע מענטשן און איז מעגלעך געווען אין א „צושטאנד פון אומשולדיקייט" („אין סטאטן־איננאצענציע"), ווייל דאן איז נישטא קיין שום סכנה, אז דער קאמוניזם זאל פירן צו סכסוכים און רייסערייען. אבער ביי דעם ווי די מענטשן זענען איצטער, איז פריוואט־אייגנטום א סך נאטירלעכער; נישט מער, די רייכע דארפן — לויט נאטירלעכן און געטלעכן רעכט — געבן בשפע נדבות די ארימע, ווארום דער איבערפלוס ביי איינעם באטייט א מאנגל ביים צווייטן. און ווידער זענען אייגנטום און אומגלייכהייט גאר נישט דוקא קיין פועל־יוצא פונם זינד־פאל און פונם אפקערן זיך פונם נאטור־רעכט. אז אט די מאראלישע קאטאסטראפעס וואלט עס אויך געקומען צום זעלבן אייגנטום און צו אומגלייכהייט: די געזעלשאפטלעכע לאגע וואלט געבראכט דערצו, זי וואלט געשטויסן די מענטשן אויפן וועג פון אייגנטום און אומגלייכהייט: ווארום דאס וואס ס'זענען פאראן פארשידענע באפעלקערונגס־שיכטן מיט פארשידענע פארמעגן־פארהעלטענישן נעמט זיך דערפון, וואס די ארבעט פון די מענטשן איז פארשידן אין איר פראדוקטיווקייט. דאסגלייכן, די מלוכה איז אויך נישט דוקא א פראדוקט פון זינד־פאל, און איר אויפגאבע איז נישט בלויז איינצוצוימען די מענטשלעכע זינדיקייט: אדרבא, זי איז בפירוש די בעסטע פארם פאר א געזונטן צוזאמענלעבן פון מענטשן.

מיט דער צייט איז די אריסטאטעליש־טאמאשע שיטה געווארן די הערשנדיקע אין דער קירך, און מיט איר הילף האט מען געפירט דעם קאמף קעגן די סאציאליסטן. צום סוף פון מיטלאלטער, ווען פריוואט־אייגנטום און שטאטישע לעבנס־פארמען האבן

זיך שטארק אנטוויקלט, איז דאס אלטע פאטריסטיש־קאנאנישע נאטור־רעכט נאך פארשוואונדן געווארן פון דער קריסטלעכער טעאלאגיע. געהאלטן זיך ביים נאטור־רעכט האבן נאך די קאמוניסטישע אפיקורסים, זיי האבן אויף אים באגרינדעט זייער סאציאלע עטיק.

VI דער מהות פון דער הערעטיש־סאציאלער באוועגונג

1. גײַסטיקע שטרעמונגען

אז מען ווארפט א בליק אויף מערב־ און מיטל־אייראפע פון 11־טן ביז מיטן 14־טן יארהונדערט — האט מען פאר זיך א בילד פון א ברויזנדיק לעבן ביז גאר.

אייראפע ווערט באדעקט מיט א גרויסער צאל שטעט, ווי מיט אינזלען: מלאכה און האנדל בליען אין די שטעט; די קיסרים און פויבסטן האלטן די וועלט אין כסדרדיקער שפאנונג מיט זייער קעגנזייטיקן קאמף פאר דער אויבער־הערשאפט. גרויסע מאסן ווערן מיטגעריסן אין די קרייץ־ און שווערט־צוגן אויפן מזרח; די גרויסע טעאלאגישע שולן אין פאריז, אקספארד און קעלן באהערשן די גאנצע בילדונג פון יענער צייט מיט זייער רעליגיעזער ספעקולאציע: די סכאלאסטיק פייערט אירע טריומפן; די גאטיק אין דער קונסט שאפט אייביקע דענקמעלער, אין וועלכע זי פארקערפערט דאס אומענדלעכע שטרעבן פון יענער צייט; און אין דער פאעזיע שאפט דאנטע זיין געטלעכע „קאמע־יע“, וועלכע שפיגלט אפ דעם עפאס פון די באוועגונגען און טאטן, דאס טראכטן און דענקען, דאס בלאנזשען און טרוימען פון יענע דורות און יארהונדערטן.

אינעווייניק אין די שטעט פארליינט דאס בירגערטום נייע יסודות פון דער געזעלשאפט, און קעמפט פאר זעלבסטשטענדיקייט און מאכט, קעגן די הערשאפט־אמביציעס פון דער קירך, פון די קעניגן און פון די פעאדאלן. אין פאריז נעמט אבעלאר*)

*) פעטער אבעלאר (געב. 1079, געשט. 1142) איז געווען איינער פון די דרייסטסטע סכאלאסטישע דענקער פון מיטאלטער. דער פויבסט אינאקענט 2 האט אין יאר 1140 פארמשפט זיינע ווערק אלס אפיקורסישע. זיין סאמע בארימטער תלמיד איז געווען ארנאלד פון ברעשוע.

אונטער אַ רעוויזיע פון די רעליגיעזע אידייען דורך דעם מענטשלעכן שכל — ער פאַרלאַנגט ראַציאָנעלע מאָטיוון אַנשטאָט אויטאָריטעטן. אין אָקספאָרד גריבלט זיך איינער פון די שאַרפזיניקסטע קעפּ, דער פראַנציסקאַנער מאָנאַך ראָדזשער בעקאָן**), אין נאַטורוויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען; ער באַפרייט דעם שכל פון זיין אונטערגעוואָרפענער ראָל לגבי דער מאַכטספערע פון רעליגיע און דערקלערט זיין סוווערעניטעט אויפן געביט פון וועלטלעכע פאָרשונגען (נאָמינאַליזם). אין קעלן איז טעטיק דער רעליגיעזער און עטישער גאון, דער דרייסטער דאָמיניקאַנער־מאָנאַך און שאַפער פון דער דייטשער מיסטיק — מייסטער עקעהאַרדט*); ער פּריידיקט וועגן תמצית פון גאָט, וועגן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פונם אוניווערזום, וועגן באַהעפטונג פון דער מענטשלעכער נשמה מיט דעם אור־פּרינציפּ, וואָס פאַרפילט דעם וועלטאַל, און וועגן אָרימקייט און באַזיצלאָזיקייט.

אין אַלע אייראָפּעישע צענטרן טרעטן אויף הערעטישע (אַפּיקורסישע) כוחות, כאַאָטישע אָבער טוגנט־קרעפטיקע, וועלכע אַטאַקירן ענערגיש די יסודות פון דער קירכלעך־דאָגמאַטישער געביידע, ווי פּוילוס, אויגוסטין און טאָמאַס פון אַקווינאַ האָבן

**) ראָדזשער בעקאָן (געב. 1214, געשט. אין אָקספאָרד 1292) האָט זייער פיל אויפגעטון פאַר דער אַנטוויקלונג פון עמפּירישן פאָרשונגס־מעטאָד, און איז געווען איינער פון די פּיאָנירן פון דער נאַטורוויסנשאַפט; פאַר זיין שאַרפער קריטיק פון דער קירך איז ער געזעסן אין תפיסה.

**) יאָהאַן עקעהאַרדט (געבוירן נעבן גאָטאַ אַרום יאָר 1260, געשט. 1327 אין קעלן) איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך טיפער רעליגיעז־פילאָזאָפישער דענקער, האָט פאַרמאָגט אַ רייכע שעפערישע און פאָלקסטימלעכע שפּראַך, און זיין ליבע צו מענטשן איז געווען גאָן אָן אַ שיעור. זיינע רעליגיעז־עטישע אַנשויאונגען זענען כמעט „אַפּיקורסישע“. זיינע ווערק האָט מען טאַקע אָנגעקלאָגט פאַר אַפּיקורסות, ביז דער פּויבסט יאָהאַן 22 האָט זיי לסוף פאַראורטיילט. עקעהאַרדט האָט געהאַט באַציונגען מיט די בעגאַרדן, וועלכע זענען ביי די דאָמיניקאַנער און ביי אַלע קירכלעכע קרייזן געווען אַזוי טריף, ווי היינט, למשל, באָלשעוויקעס פאַר אַ „אַנשטענדיקער“ געזעלשאַפט. און ער איז טאַקע סאָציאַל אויך געשטאַנען זייער נאָנט צו די בעגאַרדן.

זי אויסגעבויט. אָרימע האַנטווערקער — וועבער, שוסטער, מויערער, סטאָלערס — אָרגאַניזירטע אין גייסטיקע חברות, אין גילדעס, צעכן און אַרטעלן, בענקען נאָך עוואַנגעלישער לעבנספירונג און נאָך אינערלעכער פרומקייט, האָפן פלאַמענדיק אַז אָט וועט די סאָציאַלע באַפרייאונג קומען און די כיליאַסטישע הבטחות וועלן מקוים ווערן. מען וואַרפט זיי אויף די שייטער־הויפנס, — זייערע לייבער ווערן צו אַש, אָבער זייער בענקשאַפט גליט ווייטער, זי קאָן נישט דערשטיקט און איינגעשטילט ווערן, סיידן זי זאָל קריגן איר באַפרידיקונג.

עס זענען דריי יאָרהונדערטער פון דערהויבענער גרויסקייט און שיינקייט, פון טיטאַנישע אָנשטרענגונגען און גלענצנדיקע אַנטפּלעקונגען פון מענטשלעכן גייסט, אָבער אויך פון טראַגישע בלאָנזשעניש און דורכפאַלן, פון אומגעהויערע פעלערן און שוואַכקייטן פון מענטשלעכן כאַראַקטער — און ביי דעם אַלעם אַ שטאָפּל פאָר דער ווייטערדיקער העכערער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אין אַלגעמיין זענען די דריי יאָרהונדערטער אַ באַווייז און אַ ערבות, אַז דאָס שטרעבן אויסצובעסערן דאָס זיטלעכע און סאָציאַלע לעבן קאָן קיינמאָל נישט ווערן אויסגעלאָשן.

2. די קאַטאַרער

צום אָנהויב פון 13־טן יאָרהונדערט זענען די שטעט פון מערב־ און מיטל־אייראָפּע געווען איבערפולט מיט אַפּיקורסישע (הערעטישע) סעקטעס. די באַוועגונג האָט אַרומגענומען דעם באַלקאַנישן האַלב־אינזל, צפון־ און מיטל־איטאַליען, פראַנקרייך און שפּאַניען, דעם גאַנצן ריין־בעקן פון עלזאַס ביז האָלאַנד און אויך גרויסע טיילן פון מיטל־דייטשלאַנד, פון קעלן ביז גאָסלאַר; די סעקטעס זענען געווען אין אָפּאָזיציע צו דער קירך און האָבן געשטרעבט אויפצוריכטן אַ נײַ רעליגיעז געמיינשאַפט־לעבן. די מאַסן האָבן זיך אַנטוישט אין דער קירך און האָבן געשטרעבט צו באַווייזן זייער לעבן — רעליגיעז, עטיש און סאָציאַל — אויף אורקריסטלעכע יסודות. די סעקטעס האָבן געהאַט איין אַלגעמיינעם

נאמען: ק א ט א ר ע ר. (אויף גריכיש הייסט קאטארער — ריינע).

פון אנהויב עלפטן יארהונדערט קומען אלע מאל פאר קירכלעכע סינאדן, מען טראגט ארויס שטרענגע אורטיילן קעגן די קאטארער, וועלכע האבן נאך דעמאלט געהאט פארשידענע נעמען, ווי פיפילן, טעקסטארס (וועבער), פאטארענער, ארימע פון לאמבארדיע, פוליציאנער, ארימע פון ליאן, לעאניסטן, וואלדענזער, אלביגענזער, באגומילן, בולגארן, ארנאלדיסטן, פאסאגיער, הומיליאטן (באשיידענע), קאמוניאטן, ארטליבאריער. שפעטער זענען נאך צוגעקומען די בעגינער און בעגארדן, וועלכע זענען לכתחילה נישט געווען קיין אפיקורסים. די אפיקורסישע באוועגונגען און ארגאניזאציעס האבן געקראגן זייערע נעמען אמאל לויט דער שטאט, ווו זיי האבן זיך געבילדעט, אמאל לויט דעם אנגעזעענסטן פירער און אמאל לויטן אינהאלט נאך. אבער אין אלגעמיין זענען דאס אלץ געווען קאטארער.

אנטשטאנען זענען די קאטארער נאך אין דער צווייטער העלפט פון 10 יארהונדערט. צוערשט גראד אין בולגאריען: די פויערשע אפאזיציע קעגן דעם אויפקומענדיקן פעאדאליזם האט דארט געשאפן א גינסטיקן באדן פאר אפיקורסות; דערנאך הערט מען שוין וועגן א קאטארישער באוועגונג אין מערב־אייראפע, ווו זי טראגט א שטאטיש־האנטווערקערישן כאראקטער. אין יאר 1022, בעתן ביסקופן־סינאד אין ארלעאן, ווערן 13 אפיקורסים אנגעקלאגט פאר „פרייע ליבע" און 11 פון זיי ווערן פארמשפט און פארברענט — און פון דאן אן הערן נישט אויף די פראצעסן ביז צום סאמע סוף פון מיטלאלטער. אין יאר 1025 האט דער סינאד אין אראס געמשפט אפיקורסים דערפאר, וואס זיי האבן געפריידיקט אז דער עיקר פון רעליגיע איז טון גוטס, לעבן פון אייגענער ארבעט און ליב האבן די חברים, און ווער עס פירט זיך אזוי, דער באדארף נישט מער קיין שום מיסטישע סודות און קיין שום קירך. די באוועגונג איז אומעטום געוואקסן: אין לאמבארדיע, אין לאנגעדאק (דרום־פראנקרייך), אין עלזאס, אין גאנצן ריין־בעקן, אין מיטל דייטשלאנד. אין יאר 1052 האט מען אין גאסלאר פארברענט עטלעכע אפיקורסים, דערפאר וואס זיי האבן זיך ארויס־

געזאגט קעגן טויטן לעבעדיקע באשעפענישן (קעגן קריג, קעגן מארד און אויך קעגן טויטן חיות). נאך מיט צוויי צענדליג יאר פריער (1030) האט מען שוין געמשפט אפיקורסים (קאטארער) אין מאנפארט (באטורין) דערפאר, וואס זיי האבן נישט געוואלט לעבן לויט די אנווייזונגען פון דער קירכע און האבן פארלאנגט, אז דאס גאנצע אייגנס זאל זיין בשותפות, און מען זאל נישט טויטן קיין חיות און מען זאל זיך אפזאגן פון פאמיליע־לעבן.

די באוועגונג איז געווען א אינטערנאציאנאלע, און דעריבער איז איר טעאריע נישט געווען קיין איינהייטלעכע, פונקט ווי עס איז נישט געווען איינהייטלעך איר פראקטיק און טאקטיק. אין פרט פון וועלט־אנשויאונגען קאן מען אונטערשיידן צוויי ריכטונגען: דעם גנאסטיש־מאניכעאישן דואליזם (אין א שטרענגער אדער מילדערער פארם) און דעם אמאלריציאנישן פאנטעאיזם. די ערשטע ריכטונג האט גערעדט וועגן שארפן קעגנזאץ צווישן צוויי זעלבסטשטענדיקע וועלט־קרעפטן — צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן גייסט און מאטעריע, — און איז געווען שטארק אסקעטיש און שטרענג אין אירע זיטן, ווייל זי האט פארלאנגט, מען זאל גיבר זיין, באהערשן די מאטעריע. פארקערט, די אנהענגער פון דער פאנטעאיסטישער ריכטונג האבן זיך גופא געהאלטן פאר טיילן פון הייליקן גייסט, פאר גלידער פון קריסטוסן, פאר אויסגעלייזטע פון יעטווידער זינד — און דערום האבן זיי נישט געהאלטן פון קיין שום אסקעטיזם, פון קיינע צוימען: אלנפאלס זעט עס אויס, אז געווען זענען מיטגלידער פון אט דער ריכטונג, וועלכע האבן געלעבט ווי איבערמענטשן אויף יענזייטס פון גוטס און שלעכטס. זייער איינפלוס אבער איז געווען נאר א ספאראדישער, א צייטווייליקער: די גרויסע מאסע קאטארער, פון אלע ריכטונגען, האט געלעבט אסקעטיש און האט זיך געהאלטן ביי דער גנאסטיש־מאניכעאישער וועלט־אנשויאונג.

די אלגעמיינע סימנים פון כמעט אלע הערעטישע (אפיקורסישע) פראקציעס זענען געווען: אפאסטאלישע ארימקייט, קאמף קעגן דער וועלטישקייט פון דער קירך און פון מאנאכנטום, די שטרעבונג צו א פרומען געמיינשאפט־לעבן, דאס פארווארפן יעדן ריטואל, דאס נישט האלטן פון קיין דאגמעס און פון די אויטאריטעטן פון

אפיציעלן קריסטנטום. עס זענען געווען אויך טעקטעס, וואס זענען באשטאנען פון צוויי קאטעגאריעס: פולקאמענע (מושלמים) און גלויביקע (מאמינים). די ערשטע האבן זייער שטרענג אפגעהיט די קאטארישע סאציאל־עטיק — געלעבט אסקעטיש, אָרעם, אָדער קאמוניסטיש; די צווייטע האבן בלויז פארלאזן די אפיציעלע קירך, אבער אין ציווילן לעבן האבן זיי זיך אפגעגעבן מיט זייערע געווײנלעכע באשעפטיקונגען; זיי האבן געהאפט, אז עס וועט ערשט קומען א צייט, ווען אלע קאטארער וועלן האבן די מעגלעכקייט צו לעבן לויט זייער סאציאלער עטיק.

די קאטארישע טאקטיק איז בכלל געגומען געווען א פרידלעכע: די קאטארער זענען געווען קעגן יעדער געוואלט, קעגן אויסערלעכן צוואנג; אויף די קרייץ־צוגן האבן זיי געקוקט, ווי אויף איינפאכע מענטשן־שחיטות. בלויז אין עקסטן פאל, ווען זיי האט געדראט פולשטענדיקע פארניכטונג, האבן זיי זיך געכאפט פאר געווער. באזונדער איז דאס ריכטיק לגבי די וואלדענזער, — די שטארקסטע, אגב, פראקציע צווישן די קאטארער. אלע קאטארער האבן געגלויבט, אז סוף כל סוף וועט זיגן דאס גוטס, דורך דער מאכט פון גייסט, פון מענטשן ליבע און פון אמת.

3. קאטארער און קאמוניזם

מיר האבן נישט קיינע דירעקטע ידיעות אָדער דאקומענטן (וואס זאלן שטאמען גופא פון די קאטארער) וועגן די קאטארישע שיטות און — וואס אונז אינטערעסירט אמייסטן — וועגן זייער צוזאמענהאנג מיט סאציאל־עקאנאמישע אידייען. די קירכלעכע און די ציווילע מאכט האבן כסדר קאנפיסקירט און פארניכטעט זייערע שריפטן. אלץ וואס מיר ווייסן וועגן די קאטארער, שטאמט פון זייערע קעגנער און באשולדיקער, וועלכע זענען אלע געשטאנען אויפן קירכלעך־דאגמאטישן באדן. די אינקוויזיטארן און ריכטער זענען געווען ביסקופן, דאמיניקאנער און פויבסטן, און זיי האבן, נאטירלעך, קודם כל געווענדעט זייער אויפמערקזאמקייט אויף די רעליגיעזע אנשויאונגען פון די קאטארער, און פארקערט, דער סאציאל־ווירטשאפטלעכער מאמענט האט זיי ווייניק וואס אינטערע־

סירט: אגב, זעען מיר אין אונזער צייט פונקט דעם היפך: היינטיקע קעגנער פון סאציאליזם לייגן זייער ווייניק אכט אויפן רעליגיעזן מאמענט, נאר דער עיקר אויף די סאציאל־עקאנאמישע אנשויאונגען און שטרעבונגען פון סאציאליסטן אדער קאמוניסטן.

אין מיטלאלטער איז רעליגיע געווען דער עיקר, בפרט דארט ווו דער געריכט איז געלעגן אין די הענט פון דער קירך. האבן דאך מאנאכן, אליין קענאביטן און טעארעטישע אנהענגער פון אפאסטעלשער ארימקייט, נישט געקאנט איינזען קיין אפיקורסות דערין, וואס די קאטארער אדער געוויסע גרופן און ריכטונגען צווישן זיי האלטן פון געמיינשאפט־לעבן, פון געמיינשאפטלעכע ווירטשאפטספארמען. און דעריבער איז ארויסגעקומען אזוי, אז אין די באשולדיקונגס־שריפטן קעגן די קאטארער האבן מיר זייער אויספירלעכע ידיעות וועגן זייערע רעליגיעזע אנשויאונגען און מנהגים, אבער זייער ווייניק וועגן זייער סאציאל־ווירטשאפטלעכע לערע. זיכער איז נאר, אז זיי האבן די עוואנגעלישע ארימקייט געהאלטן פאר א לעבנס־אידעאל פאר אמתע קריסטן, אז פריוואט־אייגנטום און הייראט האבן זיי געהאלטן פאר א בייז. די דאזיקע בליקן זענען, אגב, ארויסגעדרונגען פון זייער גנאסטיש־מאניכעאישער וועלט־אנשויאונג, לויט וועלכער דאס מאטעריעלע און וועלטלעכע איז די פארקערפערונג פון שלעכטס, און אויך פון זייער באציונג צו די טראדיציעס פון דער אור־קריסטלעכער צייט. סאציאל־עטיש גענומען, איז די בארג־רעדע פון יעזוסן געווען דער יסוד פאר דער לעבנס־פירונג פון די אפיקורסים. די קאטארער האבן זייער ערנסט גענומען דעם אנזאג וועגן ליב האבן דעם פיינט, דעם פארבאט צו שווערן, דעם געבאט צו זארגן מיט ליבע פאר די ארימע און קראנקע ברידער, צו זיין פרידלעך און באשיידן און אפצוהיטן געשלעכטלעכע ריינקייט. זיי זענען געווען אנטינאמיסטיש: ריטועלע מצוות, ווי בכלל קירכלעכע דאגמעס און דינים, האבן זיי געהאלטן, זענען נישט קיין היילונג פאר דער נשמה, נאר פארקערט נאד שטערונגען פאר איר. זייער גאנצע שטעלונג לגבי דער קירך און דער מלוכה מיט זייערע געזעצן איז געווען א נעגאטיווע.

אונז איז אבער פארט אינטערעסאנט צו דערגייען עפעס וועגן זייער באציונג צום קאמוניזם. אמת טאקע, די מאנאכישע אינקווי־

וימאַרן האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט די סאָציאַלע אָנשויאונגען און שטרעבונגען פון די הערעטיקער, אָבער דאָך פעלן נישט אין דער רייכער אַנטי־קאַטאַרישער ליטעראַטור קיין אָנווייזונגען דערויף, אַז צווישן די קאַטאַרער זענען געווען פאַרשפּרייט קאָמוניסטישע און נאַטור־רעכטלעכע שיטות. דער טעאָלאָג אַלאַנוס, וועלכער האָט געלעבט אין 12־טן יאָר הונדערט (געשטאַמט אָדער פון ליל, אָדער פון דרום פראַנקרייך) און האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט די קאַטאַרישע שיטות און אַ ווערק געשריבן קעגן זיי באַמערקט: די קאַטאַרער האָבן נאָך געזאָגט, אַז הייראַט־פאַרבינדונג איז קעגן נאַטור־געזעץ, ווייל לויט דער נאַטור־געזעץ איז, אַז אַלץ באַדאַרף זיין געמיינשאַפטלעך. אַ צווייטער קאַטאַרער־אָנקלאָגער פון דער זעלבער צייט פּרוּווט זיך דיסקרעדיטירן זיי אויף אַזאַ אופן. ער טענהט צו זיי: אייער קאָמוניזם איז דאָך נאָר אַן אויסערלעכער, אויף ווערטער: נאָר אַלס אַגיטאַטאָרן זענט איר קאָמוניסטן, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז נישט פאַראַן ביי אייך קיין גלייכהייט, איינע זענען רייך, די אַנדערע זענען אָרים.

צווישן די וואָס זענען אַרויסגעטרעטן קעגן די קאַטאַרער איז געווען אויך יאַאַכים פון פלאָריס, וועלכער האָט זיי פאַרגעוואָרפן, אַז זיי זאָגן צו דעם פאָלק בלעריי מעגלעכע רייכטימער און לעבנסתענוגים. די דאָזיקע פאַרוואָרפן הערן מיר נאָך היינט אויך נישט זעלטן — קעגן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן. אַ ענלעכע אַנטיקאָמוניסטישע פּאָלעמיק געפינען מיר אין אַ אָנקלאָגע, וועלכע איז אין די יאָרן 13 — 1210 אויפגעהויבן געוואָרן קעגן אַ 80 הערעטיקער (וואַלדענזער) אין שטראַסבורג. דער באַשולדיקונגס־אַקט איז באַשטאַנען פון 17 פונקטן, אין וועלכע עס ווערן אָנגעוויזן די פאַלשע בליקן פון די אָנגעקלאָגטע, דער פונקט 13 זאָגט: „כדי צו ווערבירן וואָס מער אָנהענגער פאַר זייער אפּיקורסות, האָבן זיי צווישן זיך געמאַכט שותפות מיט זייערע גיטער...“ ווייטער ווערט פאַרגעוואָרפן די וואַלדענזער, אַז זיי האָבן געשיקט געלט קיין מילאַן צום עלטסטן פון די הערעטיקער, צו פיקהאַרדן און צום שטראַסבורגער פירער יאָהאַנען, כדי מיט דעם געלט צו פאַרשטאַרקן די אפּיקורסישע באַוועגונג און „קאָנען אונטערדריקן און טויטשלאָגן אַלע גלחים“. דער פונקט 10 האָט באַשולדיקט אין פרייער

ליבע. דער אנגעקלאגטער פירער יאהאן האט דערויף געענטפערט, אז דאס געלט זאמלט מען כדי אויסצוהעלפן די ארימע, וואס זענען זייער פיל פאראן צווישן זיי: וואס געהער דער באשולדיקונג אין פרייער ליבע, איז זי דורכאויס פאלש. ווי מען זעט, האט מען די אפיקורסים פארפאלגט נישט אזוי צוליב זייער פארמעגנגעמיינשאפט, נאר צוליב די צוועקן, אויף וועלכע זיי פארווענדן כלומרשט אט די געמיינזאמע מיטלען. צום זעלבן מין געהער אויך די שוין פריער דערמאנטע אנקלאגע קעגן די קאטארער פון מאנפארט (1030), וועלכע האבן דערקלערט: אונזער גאנצן באזיץ האבן מיר געמיינזאם מיט אלע מענטשן.

אינטערעסאנט איז אויך די כאראקטעריסטיק פון פארשידענע סעקטעס, וועלכע מיר געפינען ביים דאמיניקאנער סטעפאן פון בארבאן (געשט. אין 1261 אין ליאן) וועגן די וואלדענזער דריקט ער זיך אויס, אז „זיי פאראורטיילן יעדן באזיצער פון ערדישע גיטער"... דאן זענען נאך פאראן קאמוניאטן, וועלכע הייסן אזוי, מחמת זיי זאגן, אז אלץ דארף זיין געמיינשאפטלעך, סטעפאן לאכט אפ פון די רייסערייען און שפאלטונגען ביי די סעקטעס, ער רעכנט אבער, אז דארט וו עס וועט זיך האנדלען וועגן ארויסטרעטן קעגן דער קירך און קעגן מאנאכטום, וועלן אלע אפיקורסים האלטן צוזאמען. אן אנדער טעאלאג אדער מאנאך, וועלכער האט געלעבט ארום מיטן פון 13 יארהונדערט, דערציילט אזוי וועגן די וואלדענזער: „מיט האנדל פארנעמען זיי זיך נישט, כדי אויסמיידן ליגן, שבועה און שווינדל. צו עשירות שטרעבן זיי נישט, נאר זיי באנוגענען זיך מיטן נויטיקסטן".

איינער פון די איינפלוסרייכסטע און אומברחמנותדיקסטע פארפאלגער פון די אפיקורסים, דער קאטוילישער הייליקער בערנהארד פון קלערווא, וועלכער האט געלעבט אין איין צייט מיט אבעלארן און ארנאלדן (פון ברעשיע) און איז געווען א שטארקער קעגנער זייערער, זאגט וועגן דער סאציאל־עטיק פון די קאטארער: „אז איר פרעגט זיי אויס, קאן גאר נישט זיין קריסטלעכער, ווי זיי זענען: וואס געהער זייער אויפפירונג, קאן מען זיי לחלוטין גאר נישט פארהאלטן, און זייערע מעשים שטימען מיט זייערע ווערטער. דער קאטארער נארט נישט אפ קיינעם, אונטערדריקט

נישט קיינעם, שלאגט נישט קיינעם: די באקן זענען ביי אים בלאס פון פאסטן, ער עסט נישט קיין לײדיקגײעריש ברויט, זיינע הענט הארעווען אויף זיין אויסהאלט".

וועגן די ערשטע וואלדענזער, וועלכע זענען געקומען אלס שלוחים צום לאטעראן־קאנציל (אינטערנאציאנאלער קאנגרעס פון ביסקופן א. א. וו.) אין רוים (1179) און זענען דארט אויסגעפרעגט געווארן אויפן פארלאנג פון פויבסט — דערציילט דער ענגלישער פרעלאט וואלטער מאפי, וואס האט פיגורירט דעמאלט אלס אויספארשער און באריכט־אפגעבער: „זיי האבן אין ערגעץ נישט קיין פעסטן מקום־מנוחה, גייען בארוועס, טראגן וואלענע תשובה־קליידער, האבן נישט קיין שום פערזענלעך אייגנטום, אלץ איז ביי זיי געמיינשאפטלעך". די סעקטע הומיליאטן איז באשטאנען פון רעליגיעזע ארבעטער־קאלעקטיוון, וועלכע האבן געארבעט געמיינזאם.

פון אט די באריכטן, ווי בכלל פון דער גייסטיקער אריענטירונג פון די קאטארער, איז נישט שווער איינצוזען, אז די גאנצע באוועגונג איז געווען אדורכגענומען מיט די אידעאלן פון די אור־קריסטלעכע געמיינדעס: קאטארער האבן נישט אנערקענט דאס פריוואט־אייגנטום און די געבויטע אויף אים געזעלשאפטלעכע ארדענונג; זיי האבן געשטרעבט צו א געמיינשאפט־לעבן, כדי קאנען גובר זיין דאס מאטעריעלע און אנטוויקלען גוטע מדות און טוגנט, ווי זיי האבן דאס פארשטאנען. צי האבן די קאטארער געהאט ברייט־פארצווייגטע קאמוניסטישע אינסטיטוציעס, דאס איז שווער צו זאגן. זיי האבן דאך כמעט נישט געהאט קיין שום מעגלעכקייט צו פארווירקלעכן זייערע אידייען: ווארום ווי נאר זיי זענען געווארן א באוועגונג און זענען שוין געווען אומשטאנד צו צוטו נעמען צו פראקטישער לייזונג פון זייערע פראבלעמען — אזוי האבן זיך גלייך אנגעהויבן די אומברחמנותדיקסטע פארפאלגונגען מצד דער קירך און דער מלוכה, עס האבן געברענט שייטער־הויפנס, עס האט געבושעוועט די שווערט און די תפיסה, און טויזנטער און טויזנטער קאטארער זענען אומגעקומען פון דער וועלט: מאסנווייז זענען זיי געשטארבן פאר זייערע איבערצייגונגען. זייער רירנדיק שילדערן די קעלנער קאטארער זייער לאגע, ווען זיי זענען אין מיטן 12־טן יארהונדערט געמשפט געווארן דורך

א געריכט פון ביסוקפן: „מיר, ארימע קריסטן זענען נישט קיין תושבים, מיר ראטעווען זיך פון שטאט צו שטאט, ווי לעמעלעך צווישן וועלף; מיר שטייען אויס פארפאלגונגען, ווי די אפאסטאלן: איר אבער האט ליב די וועלט און האט מיט איר אייער שלום געמאכט". ס'איז קלאר, אז ביי אזא מין ארט לעבן האט נישט געקאנט קיין רייד זיין וועגן פארווירקלעכן דעם קאמוניזם. דער באקאנטער זייער געלערנטער קירכן־היסטאריקער י. דעלינגער (ער האט צענדלינגער יארן שטודירט די סעקטן־געשיכטע לויט דאקומענטן — ער איז מחבר פון דעם ווערק: בייטרעגע צור סעקטענגעשיכטע, וואס זיין צווייטער גרויסער באנד באשטייט פון דאקומענטן), שרייבט: יעדע אפיקורסישע שיטה, וועלכע איז אויפגעקומען אין מיטאלטער, האט געהאט אפן אויסגעדריקט אדער אין איר לאגישער קאנסעקווענץ א קלאר אויסגעשפראכענעם רעוואלוציאנערן כאראקטער, דאס הייסט: זי האט געמוזט, ווערנדיק די הערשנדיקע שיטה פירן צו דער אויפלייזונג פונם עקזיסטירנדיקן מלוכה־וועזן, צו א פאליטישער און סאציאלער איבערקערעניש. די קאטארער און אלביגענזער — די גנאסטישע סעקטעס, קעגן וועלכע ס'איז דער עיקר געווען געווענדעט די הארטע מיטלאלטערלעכע געזעצגעבונג און וועלכע מען האט בלוטיק באקעמפט — זיי זענען געווען די סאציאליסטן און קאמוניסטן פון יענער צייט. זיי זענען ארויסגעטראטן קעגן הייראט, פאמיליע און אייגנטום. ווען זיי וואלטן געווען געזיגט, וואלט עס באטייט אן אלגעמיינע איבערקערעניש, און דער פועל־יוצא וואלט געווען — א צוריקקער צו בארבאריי און צו געצנדינערישער אויסגעלאסנקייט. אז אויך פאר די וואלדענזער מיט זייערע בליקן אויף שבועה און אויף שטראף־רעכט פון דער מלוכה־מאכט איז נישט געווען קיין באדן אין דער דעמאלטיקער אייראפע, דאס ווייסט יעדער ווער ס'איז באקאנט מיט געשיכטע". (דעלינגער, קירכע און קירכען, פובסטום און קירכנשטאט 1861, ז. 51). דעלינגערס ווערטער האבן אן אפאלאגעטישע כונה — ער האט געשריבן צוליבן אויטאריטעט פון קאטוליציזם. ער האט אבער דאס נישט געזען, אז ווען מען זאל זיך נאר גענוי האלטן ביי דער סאציאל־עטיק פון עוואנגעליום, פון דער בארג־רעדע און פון די קריסטלעכע אור־געמיינדעס, וואלט

שוין אויך אוממעגלעך געוועזן יעטווידע פעאָדאַלע אָדער בירגערלעכע אָרדענונג. אין גרונט גענומען, איז שוין דאָס מאָנאַכנטום געוועזן אַ מין טעאָרעטישע הסכמה דערויף, אַז די פעאָדאַלע און בירגערלעכע וועלט פאַרטראָגט נישט דאָס עוואַנגעליום פון קריסטוסן. יעדנפאַלס באַציט זיך דאָס צו די ערשטע יאָרהונדערטן פון די קענאָביעס. און הערנאָך, אַז די קענאָביעס זענען אויך געוואָרן פאַרוועלטלעכט און אומטריי דעם עוואַנגעליום — דאַן זענען אַנטשטאַנען די קאַטאַרער, די פראַנציסקאַנער ליגקע, די ספּיריטואַלן, די וואַלדענזער א. אַ. וו.

די יסורים צוליבן באַנקראָט פון דער קירך האָבן אַרויסגערופן צום לעבן דאָס מאָנאַכנטום; דער באַנקראָט פון מאָנאַכנטום האָט אַרויסגערופן די קאַטאַרער. אַזוי לאַנג ווי דאָס אור־קריסטנטום איז געווען אין קראַפט, איז נישט געווען און מען האָט נישט באַדאַרפט קיין מאָנאַכנטום; און כל זמן די מאָנאַכן האָבן זיך געהאַלטן ביי די עוואַנגעלישע מידות, איז נישט געווען קיין קאַטאַרישע באַוועגונג. דאָס זענען דערשיינונגען, וואָס זענען אויפגעקומען נישט „פּאָסט האָק" (איינס נאָכן אַנדערן) נאָר „פּראָפּטער האָק". (איינס צוליבן אַנדערן). זיי זענען נישט בלויז צייטלעך, כראָנאָלאָגיש געקומען איינע נאָך דער אַנדערער, נאָר זיי זענען צווישן זיך געווען פאַרבונדן, ווי סיבה (אורזאַך) און פעולה (ווירקונג); דערביי דאַרף מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז דער ווירטשאַפטלעכער מאָמענט האָט געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָל אין דעם דאָזיקן פּראָצעס.

4. די אינקוויזיציע

דריי קוואַלן קאָנען זיין פאַר טאָלעראַנץ. ערשטנס, די איבערצייגונג, אַז אין גייסט־זאַכן זענען געוואַלט און צוואַנג נוצלאָז. צווייטנס, די אַכטונג פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט; דריטנס, די אומזיכערקייט דערין, צי זענען בכלל גאָר פאַראַן ענדגילטיקע (אַבסאָלוטע) רעליגיעזע און וויסנשאַפטלעכע אמתן. דער לעצטער קוואַל קאָן פאַר אונז דאָ נישט קומען אין באַטראַכט — ער קאָן האָבן אַ פּלאַץ נאָר אין קריטישע צייטן, ביי זייער גרויסער

פארשונגס־פרייהייט. דער צווייטער קוואל פאלט אויך אפ — ווארום ער איז מעגלעך נאר דאן, ווען ס'איז דא א ליבעראלע, אינדיווידואליסטיש־געבויטע געזעלשאפט, ווי זי איז אין מיטל־עלטער כמעט אין ערגעץ נישט געווען*). בלייבט בלויז דער ערשטער קוואל — און ער האט טאקע געווירקט אין די ערשטע יארהונדערטן, ווען דאס קריסטנטום איז אנטשטאנען און איז נאך יינג געוועזן: אבער די טאלעראנץ איז געווען איינע פון די שענסטע דערגרייכונגען פון דער אנטיקער קולטור, ד. ה. פון א קולטור, וועלכע האט דעמאלט געהאלטן אין אפשטארבן.

די רעארגאניזאציע פון דער רוימישער אימפעריע דורך גייסטיק אפגעשטאנענע ארמיי־פירער און אינטריגירנדיקע מלוכה־מענער, וועלכע זענען ארויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאך בעת די מהומות, אין דער אויפלעזונגס־צייט פון דער אלטער וועלט (דיאקלעציאן, קאנסטאנטין); די פעלקער־וואנדערונג: דאס דערשיינען פון די גערמאנער מיט זייער פרימיטיוון סאלידאריטעטס־געפיל; און די אלגעמיינע באדערפעניש ווידער אויפצובויען די ציוויליזאציע — דאס אלץ האט געמאכט א סוף צו יעטווידער טאלעראנץ. אונטערווארפן זיך, געהארכזאם זיין — דאס זענען געווארן די פאדערונגען, וואס מלוכה, קירך, מאנאכנטום און אנדערע ארגאניזאציעס האבן געשטעלט צו זייערע מיטגלידער, צו יעדן איינעם. אגב, איז דאס א וויכטיקע אנווייזונג פאר אלע צייטן פון ווידער־אויפבוי.

וואס פרימיטיווער א געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציע איז אדער א גייסטיקע קערפערשאפט — אלץ שטארקער איז אין זיי די סאלידאריטעט. דער געפיל אבער, אז אלע זענען פאראנטווארטלעך פאר איינעם און איינער פאר אלע — דאס שטויסט אלעמען און יעדן איינעם צו האבן תמיד אויפן אויג די געדאנקען און האנדלונגען פון אלע איבעריקע מיטגלידער און צו מישן זיך אין זייערע פערזענלעכע אנגעלעגנהייטן. אויב אלע זענען גלידער פון איין קערפער, איז דאך גליק און אומגליק פונם כלל אפהענגיק

**) אז אויסנאם איז געווען לאנגעדאק, וווּ ס'האט געהערשט א גייסטיקער ליבעראליזם אין 11 און 12 יארהונדערט.

פון דער אויפפירונג פון יעדן יחיד. פון דאנען נעמט זיך די צווייטע זייט פון סאָלידאַריטעט, אומפּרייהייט, וועלכע דער מאָדערנער מענטש קען אַזוי נישט פאַרטראָגן.

און דאָרט, וווּ וועלטלעכע און גייסטלעכע ענינים זענען אויסגעמישט צוזאַמען — ווי אין דער טעאָקראַטיע — דאָרט ווערט דאָס גייסטיקע לעבן אויך אַרומגענומען מיט רייפן, די צענטראַלע מאַכט פילט זיך פאַרפליכטעט נישט צו לאָזן לעסטערן גאָטס נאָמען, און זי וויל מיט געוואַלט יעדן איינעם מזכה זיין מיט הימלישער קדושה. אַזוי אַרום איז דער איינציקער קוואַל פון טאָלעראַנץ, וואָס האָט געווירקט אין דער צייט פון אור־קריסטנטום, אויך געוואָרן פאַרשטאָפּט אין משך פון מיטלאַלטער.

מיר האָבן שוין אויבן באַשריבן, ווי מען האָט צום ערשטן מאָל פאַרברענט אַפּיקורסים אין טריר (385), און וואָס פאַר אַן אַלגעמיינע אויפרעגונג דאָס האָט אַרויסגערופן אין דער דעמאָלטיקער קריסטלעכער וועלט. דער אמתער זינען פון דער עוואַנגעלישער תורה האָט זיך נאָך דעמאָלט ווי ס'איז דורכגעשלאָגן אַ וועג, — נישט געקוקט אויף די איינצעלנע פּראָצעסן איבער אַפּיקורסים — בפרט אַז ביז אָנהויב 11־טן יאָרהונדערט איז די אַפּיקורסות געווען נאָך אַ זעלטענע דערשיינונג. די אַלע, וואָס זענען געווען אומצופרידן מיט דער וועלט און מיט דער קירך, — זיי פלעגן דאַן אַוועק אין דער מאָנאַכישער באַוועגונג און זיך גאָר אָפּזונדערן פון דער אַרומיקער וועלט. ערשט ווען דאָס מאָנאַכנטום איז דעמאָראַליזירט געוואָרן און דאָס קולטור־לעבן איז געוואָרן לעבהאַפטער, דאַן איז די אַפּיקורסות געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג און האָט גענומען באַדראָען די גאַנצע קירכלעכע און סאָציאַלע סטרוקטור פון מיטלאַלטער. נאָך אין יאָר 1048 האָט דער בישוף וואַצאָ פון ליעזש פּראָטעסטירט און אַזוי געשריבן צו זיין אַמט־קאָלעגע אין שאַלאָן: „גאָט וויל נישט דעם טויט פונם רשע... גענוג שייטער־הויפנס. לאָמיר נישט טויטן מיטן וועלטלעכן שווערט די, וועמען אונזער באַשעפער און דערלייזער וויל לאָזן לעבן... די בישופן זענען געזאַלבטע פון גאָט, נישט כדי דעם טויט צו געבן, נאָר כדי צו ברענגען דאָס לעבן". דאָס גלייכן האָט דער ביאָגראַף פון וואַצאָן, אַנסעלם פון ליעזש, פאַרורטיילט די האַנדלונג פון קייזער הענריק

דעם 3־טן קעגן די אַפּיקורסים אין גאָסלאַר (1052): „מען מעג זיך פֿאַרטראַכטן, צי איז דאָס טאַקע יושרדיק, וואָס די אַפּיקורסים פֿון גאָסלאַר, נאָכדעם ווי מען האָט לאַנג געפּאָרשט זייער אַבערגלויבן און זיי באַשטראָפֿט מיט קירכן־חרם, האָט מען זיי נאָך דערנאָך אויפֿגעהאָנגען בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט קוילן קיין הינער".

אָבער וואָס מער די קירך איז געוואָרן וועלטלעכער און רייכער, און וואָס מער ס'איז גלייכצייטיק געוואַקסן די אַפּיקורסישע באַוועגונג, אַלץ מער האָבן די פּויבסטן גענומען פֿאָדערן פֿון די קיסרים, קעניגן און פֿירשטן, זיי זאָלן מיט פֿייער און שווערט אויסראָטן די קאַטאַרער. אין 13טן יאָרהונדערט איז די אינקוויזיציע געווען שוין אין פֿולן גאַנג: פֿרומע טרוימערישע דאָמיניקאַנער, גרויסע קירכן־פֿירשטן, גיריקע פּויבסטן, ריטער, וואָס האָבן געוואָלט אויסקויפֿן זייערע זינד און אַלערליי רויב־דורשטיקע אַוואַנטוריסטן — אַלע האָבן מיט אַ שרעקלעכן פֿאַנאַטיזם גענומען פֿאַרפֿאָלגן די באָגאָמילן, וואַלדענזער, אַלביגענזער און אַנדערע מאַניכעאישע סעקטעס און סאָציאַל־געשטימטע אַרבעטער־שיכטן, ביז זיי האָבן זיי אַכזריותדיק אויסגעראָטן אין פֿאַרמעלע שלאַכטן, אין די תּפֿיסות און אויף די שייטער־הויפֿנס.

דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער קירך בנוגע דער אַפּיקורסישער באַוועגונג גיט אונדז טאָמאַס פֿון אַקווינאַ: „אַפּיקורסות איז אַ זינד, פֿאַר וועלכער מען איז ווערט נישט נאָר פֿאַרטריבן צו ווערן פֿון דער קירך, נאָר אויך אויסגעשלאָסן צו ווערן פֿון דער וועלט. אויב דער הערעטיקער באַשטייט אין זיין זינדיקייט, דאַרף די קירך מער נישט קלערן וועגן אים צו ראַטעווען, נאָר זי מוז זאָרגן אָפּצוהיטן די איבעריקע מענטשן, אויסשליסנדיק צוליב דעם, דעם אַפּיקורס פֿון אירע רייען: דאָס איבעריקע לאָזט זי שוין איבער פֿאַרן וועלטלעכן ריכטער, אַז ער זאָל אים דורכן טויט פֿאַריאָגן פֿון דער ערד".

דער „דאָקטאָר אַנגעליקוס", דער הימלישער לערער, ווי מען האָט גערופֿן טאָמאָסן פֿון אַקווינאַ, האָט דאָ נאָר סאַנקציאָנירט מיט זיין אויטאָריטעט די אינקוויזאַטאָרישע פּראַקטיק, וועלכע האָט זיך שוין פֿון לאַנג געהאַט איינגעשטעלט.

אַ פֿאַרמשפּטער אַפּיקורס פֿלעגט געוויינלעך פֿאַרלירן זיין

גאנץ פארמעגן. און די דאמיניקאנער אדער די פויבסטן האבן עס געטיילט צווישן זיך מיט דער וועלטלעכער מאכט. איז עמיץ געווארן אנגעקלאגט פאר אפיקורסות, האט ער כמעט נישט געהאט קיין אויסזיכט זיך צו ראטעווען, ווייל צום פראצעס איז נישט געווארן צוגעלאזן קיין שום פארטיידיקונג. די צאל פארברענטע איז געווען בארהעלטניסמעסיק נישט זייער גרויס; מיט שייטערהויפנס וואלט מען נישט געקאנט אויסראטן די אפיקורסות. אבער מען האט ארגאניזירט קרייץ־צוגן קעגן די אפיקורסישע געגנטן, און עס פלעגן האן טויזנטער און טויזנטער קרבנות פאלן; מען האט זיי געווארפן אין די תפיסות אויפן גאנצן לעבן, מען האט זיי אזוי געפייניקט, אז די אפיקורסישע מאסע פלעגט ווערן צעבראכן סיי פיזיש סיי מאראליש: און אזוי ארום האט מען באוויזן דורכצופירן די אויסראטונג. אפילו נאכן טויט שוין האט מען די אפיקורסים נאך ווייטער פארפאלגט: זייערע קערפער האט מען אויסגעגראבן און פארברענט, און זייער פארמעגן קאנפיסקירט ביי די יורשים. אן אנדערש מאל פלעגט זיך איינגעבן די פריינט פון די פארפאלגטע צו הרגענען עטלעכע אינקוויזיטארן, — אזעלכע דערהרגעטע האט די קירך געמאכט פאר קדושים, זיי געהייליקט און פארערט, און די אויסראטונג איז געגאנגען ווייטער אומגעשטערט. די ערגסטע געזעצן קעגן די אפיקורסים זענען פארבונדן מיטן נאמען פון פרידריך דעם 2־טן (1220, 1224, 1231, 1238). דער לעצטער איז אפילו געווען א פריי־גייסט, א פריינט פון דער אראבישער פילאזאפיע (וועלכע האט נישט געגלויבט אין וועלט־באשאפונג און אין אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה), ער איז אבער געווען א דיפלאמאט, און א חוץ וואס ער האט די אפיקורסות געהאלטן פאר מלוכה־געפערלעך, האט ער זיי אויסגענוצט אלס מיטל אין זיינע באציונגען מיט די פויבסטן. דער האהענשטויפער פרידריך דער 2־טער דערמאנט זייער אין דעם האהענצאלער פרידריך דעם 2־טן (דעם גרויסן):ביידע זענען זיי אליין געווען אפיקורסים און ציניקער; ביידע האבן געפירט קענטשאפט מיט די פריי־גייסטיקע פילאזאפן פון זייער צייט; און אין זייער וועלטלעכער ממשלה זענען זיי ביידע געווען דעספאטן, קריגעריש און צענטראליסטיש, און גרייט אויף אלערליי פשרות מיט דער קירך;

ביידע זענען געווען גוט באהאוונט אין דער ראמאנישער קולטור: און ביידע זענען אויסגעצייכנטע מוסטערן פון „אויפגעקלערטע" דעספאטן.

אין טאג פון זיין קרוינונג אין רוים (1220) האט פרידריך דער 2־טער אונטערגעשריבן א באפעל, לויט וועלכן אלע אפיקורסים ווערן דערקלערט פאר ערנלאזן און זייערע גיטער ווערן קאנפיס־קירט; אין 1231 האט ער גענומען אונטער זיין שוץ די דאמיני־קאנער, אלס אינקוויזיטארן פאר גאנץ דייטשלאנד. די שטראפן פאר אפיקורסים זענען באשטאנען אין פארברענען, אין אויסרייסן די צונג, און ווען אפילו זיי האבן אין שרעק פארן טויט געוואלט תשובה טון, האט מען זיי פארשפארט אין תפיסות אויפן גאנצן לעבן און זיי געהאלטן אויף ברויט מיט וואסער. אין 1232 האט ער די אפיקורסים פראקלאמירט פאר מורדים און דערקלערט, אז ער האלט פאר זיין פליכט באגלייך צו שיצן אי די קירך אי די מלוכה. די קאמפראמיסן מיט דער קירך האבן אים אבער ווייניק נוצן גע־בראכט. סוף כל סוף האט ער פארשפילט דעם קאמף מיט די פויבסטן.

די גייסטלעכע אינקוויזיציע אדער ווי מען האט זי גערופן — די הייליקע אפיציע, פלעגט פארמשפטן די אפיקורסים, זיי אויס־שליסן פון דער קירך — און דאן זיי איבערגעבן דער וועלטלעכער מאכט, ווארום טעארעטיש גענומען האט קיין גייסטלעכער נישט געטארט פארגיסן קיין בלוט.

גרויזאמער ווי ערגיץ ווו אנדערש האט די אינקוויזיציע גע־בושעוועט אין פראנקרייך און אין שפאניע; פארקערט, אין דייטש־לאנד האט זי נאר צייטווייז געווירקט און האט זיך אנגעשטויסן אויף אן אפאזיציע, וואס האט געצוימט איר אפעטיט, און אין בעהמען און ענגלאנד האט זי גאר נישט געקאנט זיך איינפונדע־ווען. די קרבנות פון דער סאציאל־אפיקורסישער באוועגונג זענען פונדעסטוועגן אומעטום געווען אומגעהויער גרויס, ווי מיר וועלן דאס זען אין ווייטערדיקן קאפיטל.

מיר קומען איצט ארויף אויף הייליקן באדן: אויף דעם מיט בלוט אנגעטרונקענעם באדן פון דער הערעטיש־סאציאלער מאר־טיראלאגיע: קיין שום קירך האט קיינמאל נישט געוווסט פון אזא מאר

טיראַלאָגיע. פּויבסטן, קיסרים און קעניגן האָבן גערודפט די אַפּי־קורסים, דערפאַר וואָס זיי זענען פיינטלעך צו דער קירך און צו דער מלוכה; ביסקופּן, גלחים און מאָנאַכן האָבן זיי פאַרפאָלגט, ווייל זיי זענען נישט קיין גלויביקע און דער גאַנצער אויפגעהעצטער המון האָט זיי געהאַסט און געיאָגט. מסירות נפשדיק איז געווען זייער לעבן, און אַז מורא האָבן זיי באַגעגנט דעם טויט:

זאָג עס קיינעם, נאָר דעם חכם,
דער המון וועט דיך פאַרשפּאָטן;
ווייל דאָס לעבן וויל איך לויבן,
דאָס, וואָס בענקט צום טויט און פלאַמען.

און כל זמן דו האָסט עס נישט
אָט דאָס: שטאַרב און ווער געבוירן!
ביזטו אומעטיקער גאַסט
אויף דער ערד דער טונקעלער.

(געטע. פריי איבערזעצט).

V. די פאַרשפּרייטונג פון די קאַטאַרער און זייער פאַרפאָלגונג.

1. בולגאַריען און די באָגומילן.

דער שטראָם פון דער פעלקער־וואַנדערונג האָט געבראַכט די דרום־סלאַוון אויפן באַלקאַנישן האַלב־אינזל. זיי זענען געווען אָר־גאַניזירט אין „פּלעמעס" (שבטים), „בראַטסטוואָס" (ברודער־שאַפטן) און „זאַדרוגעס" (משפחות) מיט אַ דעמאָקראַטישער אָנפיר־רונג. אָבער אין גיכן זענען זיי פאַרוויקלט געוואָרן אין מלחמות מיט די שכנים און מיט דער מזרח־רוימישער מלוכה — און האָבן זיך אָרגאַניזירט מיליטעריש: קריגס־רויב, רויבערישע אָנפאַלן און פּי־צוכט זענען געוואָרן די הויפּט־קוואַלן פון לעבן. אַזוי אַרום האָט זיך מיט דער צייט אויסגעבילדעט אַ מיליטער־קאַסטע. אונטערן איינפלוס פון דער מזרח־רוימישער (ביזאַנטינישער) קולטור האָט זי זיך פעאָדאַליזירט, פאַרכאַפּט די בעסטע פעלדער און וועלדער, און געצוווּנגען די לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג צו אַרבעטן פאַנשטשיזנע. די באַפעלקערונג האָט זיך געוועהרט קעגן דער פאַר־קנעכטונג — און האָט צוליב דעם נאָך שטאַרקער געבענקט נאָך דער אַמאָליקער פאַרשוווּנדענער (דעמאָקראַטיש־געמיינשאַפטלעכער) אָרדענונג.

דער פעאָדאַלער סדר און די קריסטלעכע אמונה האָבן זיך איינ־געשטעלט אין לאַנד גלייכצייטיק. אין יאָר 864 האָט בולגאַריען אָנ־גענומען די קריסטלעכע רעליגיע, אין איר גריכיש־קאַטוילשן נוסח. צוזאַמען דערמיט זענען אין בולגאַריען אַריינגעדרונגען גנאָסטיש־מאַניכעאישע געדאַנקען און האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ גינסטיקן באָדן צווישן פאָלק. דער קאַמף צווישן „גוטס" און „שלעכטס" איז גראָ לייכט אויפגענומען געוואָרן, ווי אַ סימבאָל פאַר דעם קעגנזאַץ צווישן דער רויבערישער פעאָדאַלער קאַסטע און דעם שווער עקס־

פלואטירט פאָלק, אָדער צווישן דער נייער קלאסן־געזעלשאַפט און דער אַלטער גלייכהייטלעכער אָרדענונג; און וואָס שווערער און טרויעריקער די ווירקלעכקייט איז געווען, אַלץ מער האָט דאָס פּויערים־פאָלק ארויסגעוויזן נייגונג צו באַנעמען דאָס קריסטנטום אויף אַ גנאָסטיש־מאַניכעאישן אופן. אַרום מיטן פון 10־טן יאָרהונדערט האָט שוין דער גלח באָגאָמיל (גאָט־געליבטער), דער גרינדער פון דער סעקטע, געהאַט זייער פיל אַנהענגער. די באַוועגונג איז אַריבער אויך קיין סערביען, און באַזונדער הייסע פאַנאַטישע אַנהענגער האָט זי געהאַט אין באָסניען.

צום סוף פון 10־טן יאָרהונדערט האָבן זיך די אָרטאָדאָקסישע גייסטלעכע שוין געקלאָגט אויף די באָגומילן, אַז זיי רעדן אָן דעם עולם נישט צו פאָלגן די העכערע מאַכט, אַז זיי טרעטן אַרויס קעגן די רייכע, זידלען די פעאָדאַל־פריצים, פאַראַכטן די מלוכה־באַאַמטע און קוקן אויף זיי ווי אויף גאָטלאָזע מענטשן, און אַז זיי הייסן די שקלאַפן נישט צו אַרבעטן אויף זייערע האַרן.

צווישן די באָגומילן אַליין זענען אויך געווען „פּולקאָמענע“ און „גלויביקע“. די ערשטע האָבן טאַקע געלעבט אין באַזונדערע ישובים, אויף געמיינשאַפטלעכע יסודות, די צווייטע האָבן בלויז געהאַלטן פון דער נייער לערע, אָבער פּראַקטיש נישט געמאַכט פון איר אַלע נוצקע אויספירן.

די פאַרפאָלגונגען אויף די באָגומילן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרום סוף פון 11־טן יאָרהונדערט, לויט אַ באַפעל פון די ביזאַנטינער פּויבסטן אינאָקענט דעם 3־טן און האָנאָריוס דעם 3־טן, און האָבן געדויערט ביזן 15־טן יאָרהונדערט: אַלע מאָל זענען פון אונגאַרן אָרגאַניזירט געוואָרן קעגן זיי בלוטיקע קרייץ־צוגן. אין יאָר 1234 איז באָסניען, בעת אַזאַ אונגאַרישן קרייץ־צוג אינגאַנצן פאַרוויסט געוואָרן, אַזוי אַז דאָס האָט געפירט צו בלוטיקע מלחמות. די באָסנישע הערצאָגער האָבן זיך עקשנותדיק פאַרטיידיקט, נאָך יעדער מפּלה האָבן זיי ווידער אויפגעלעבט, אַזוי אַז איינמאָל — אַרום יאָר 1400 — איז קאַטאַריזם אַפילו פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס מלוכה־רעליגיע אין באָסניען. ערשט דער אונגאַריש־פּוילישער קרייץ־צוג, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט ביז 60 טויזנט מאַן, האָט ענדגילטיק געבראָכן די מאַכט פון די באָסנישע קאַטאַרער. אַט די פאַרניכטונגס־

מלחמות האָבן אָבער מער נוצן געבראַכט דעם איסלאַם, איידער דעם קריסטנטום: פֿון יאָר 1385 אָן, ווען די טערקן האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשיידנדיקן זיג איבער די סערבן אויפֿן אַמסעל־פֿעלד, איז דער באַלקאַנישער האַלב־אינזל אַלץ מער אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון איסלאַם. אָבער די קרייץ־צוגפֿירער האָבן זיך דערמיט נישט גערעכנט און נישט אויפֿגעהערט ווייטער צו פֿאַרפֿאָלגן די באָסנישע קאַטאַרער, אַזוי אַז סוף כּל סוף איז אַ גרויסן טייל באָסנייער דאָס קריסטנטום גאָר מיאוס געוואָרן. און ווען די טערקן זענען אין יאָר 1463 אַרויס מיט מלחמה אויך קעגן באָסניען, האָט די באַפֿעלקערונג גלייך קאַפּיטולירט, אָן שום פּרוּוו פֿון ווידערשטאַנד: זי האָט נישט געהאַט נישט קיין כּוח און נישט קיין ווילן צו פֿאַרטיידיקן זיך פֿונעם איסלאַם, כּדי דערנאָך אומקומען פֿונעם קריסטלעכן פֿייער און שווערט. די פֿאַרביטערטקייט קעגן די אָפֿיציעלע קריסטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז די באָסנישע באָגומילן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייער סאָציאַל־רעפֿאָרמערישן מאַניכעאיזם, וועלכן זיי האָבן פֿריער אַזוי פֿאַנאַטיש פֿאַרטיידיקט, און האָבן אָנגענומען דעם איסלאַם. פֿון באָסנישע באָגומילן איז געוואָרן מאַכמעדאַנער*).

2. איטאַליען: דער קאַמף צווישן פּויבסט מיטן קייזער; אַרנאָלדיכטן, הומיליאַטן; אַפּאָסטעל-ברידער.

ווי געזאָגט, האָבן פֿון מיטן 10־טן יאָרהונדערט גענומען שלאָגן נייע כוואַליעס אין ווירטשאַפֿטלעכן און פּאָליטישן לעבן. אָבער פֿריער ווי אומעטום האָט זיך דאָס נייע לעבן געלאָזט פֿילן אין די שטעט פֿון לאָמבאַרדיע. אָט די שטעט זענען געוואָרן די פֿאַרמיטל־פּונקטן פֿאַרן האַנדל פֿון אייראָפּע מיטן אָריענט און צוזאַמען דערמיט אויך די צענטרען פֿון דער מערב־אייראָפּעישער פֿינאַנץ־וועלט. די דאָזיקע מעלות זענען אָבער געווען פֿאַרבונדן מיט איין וויכטיקן חסרון: לאָמבאַרדיע איז געוואָרן אַ צוציאונגס־פּונקט פֿאַר די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פֿון די דייטשע קיסרים און פֿון

*) אין רוסלאַנד זענען אויך געווען באָגומילן, אין 15־טן יאָרהונדערט.

די רוימישע פויבסטן. אגב, איז לאמבארדיע, פונקט ווי פלאנדריע, איינער פון די גרויסע קריגס־פלאצדארמען פון אייראפע.

אט די ווירטשאפטלעך־פאליטישע אומשטענדן האבן זייער געשטארקט דעם זעלבסט־באוווסטזיין פון די לאמבארדישע שטעט: זיי זענען געווארן רעפובליקן מיט מער אדער ווייניקער דעמאקראטישע ארדענונגען און האבן זיך באמיט צו באפעסטיקן זייער זעלבסטשטענדיקייט לגבי דעם קייזער און דעם פויבסט. דערביי האבן זיי זיך קודם כל צוזאמענגעטראפן מיט קלעריקאלע אמביציעס: די גייסטלעכע האבן געפאדערט פאר זיך אומאפהענגיקייט אין די רעפובליקאנישע געמיינדעס; זיי האבן געפאדערט פאר זיך א גאנצע רייע פריווילעגיעס: אייגענע באזונדערע געריכטן, פרייהייט פון שטייערן, און ווען גייסטלעכע טראגן ארויס אן אורטייל קעגן אן אפיקורסישן בירגער, זאל די וועלטלעכע מאכט מוזן אויספירן דעם אורטייל. די שטעט זענען געווען קעגן אזעלכע פריווילעגיעס: האבן זיך געפירט שטרייטן, אין וועלכע די שטאטישע פארשטייער האבן געמוזט האבן ארגומענטן קעגן די פרעטענזיעס פון דער קירך, און זיי האבן די ארגומענטן געפונען טיילווייז אין די אלטע דעמאקראטישע מסורות (שפעטער האט מארסיליוס פון פאדוא אויסגעבויט פון די מסורות א פעסטע טעאריע אין זיין „דעפענסאר פאציס"), און טיילווייז אין דער ביבל און אין אורקריסטנטום: זיי האבן זיך אין די שטרייטן פאררופן אויף דער אפאסטאלישער ארעמקייט, אויף דער בארג־רעדע, אויף דער דעמאקראטישער ארגאניזאציע פון די אור־געמיינדעס — קורץ, אויף די אמאליקע פאלקס־פריינטלעכע, גלייכהייטלעכע, סאציאל־עטישע אנשויאונגען פון עוואנגעליום. עס האבן דערביי זיך געבילדעט אלערליי פארטייען, וועלכע האבן זיך קעגנזייטיק באקעמפט, און יעדע האט זיך געפליסט וואס בעסער צו פירן די קריטיק קעגן דער קירך. געווען זענען דאס שטאטישע קולטור־קאמפן צווישן בירגערטום און קלער: די האנטווערקער און ארימע זענען דערביי געווען א דריטער צד, וואס האט זיך גאר געהאט זיינע אייגענע בליקן: זיי האבן זיך אפגעטרייסלט פונם אפיציעלן קריסטנטום און געווענדעט זייער אויפמערקזאמקייט דער עיקר אויף סאציאלע פראבלעמען.

אין די דאזיקע ארטיקע קאמפן און מהומות איז דאן צוגעקו־

מען דער וועלט־געשיכטלעכער אינוועסטיטור־שטרייט צווישן פויבסט און קייזער — א שטרייט וואס האט זיך אנגעהויבן אין לעצטן פערטל פון 11־טן יארהונדערט און האט געפונען אזא מעכטיקן אפקלאנג אין צפון־איטאליע. דער פויבסט גרעגאר דער 7־טער (1085—1073) מיט זיינע דעמאקראטישע קאנסערוואטיווע און סאציאל־קריסטלעכע אנשויאונגען איז געווען אזא גרויסע פערזענלעכקייט, אז קיין איין צפון־איטאליענער האט נישט געקאנט בלייבן גלייכגילטיק צו אים. דאס וואס גרעגאר דער 7־טער האט פון איין זייט פאראורטיילט דעם פארדארבענעם קלער און פון דער צווייטער זייט האט ער ארויסגעוויזן אזעלכע שטארקע אספיראציעס צו וועלטלעכער מאכט (די זעלבע אספיראציעס האבן געשטויסן הענריק דעם 4־טן אין זיין גאנג קיין קאנאסע, 1077), — דאס האט געמוזט ארויסרופן געמישטע געפילן ביים רעפובליקאנישן בירגערטום. די האנטווערקער און ארבעטער־קרייזן האבן זיך באצויגן מיט גרויס סימפאטיע צו גרעגאר דעם 7־טן פאר זיין ריינעם כאראקטער, פאר זיין קאמף פאר סאציאלע אידייען, פאר זיין ארויסטרעטן קעגן פראפיט־גיריקן האנדל, פאר זיין שטעמפלען די אויפפירונג פון די קעניגן און פירשטן. מיט דער צייט האבן זיך אויסגעבילדעט צוויי צדדים — א קייזערלעכער און א פויבסטלעכער — און דאס האט נאך מער קאמפליצירט די ביז איצטיקע קאמפן צווישן די שטעט. נאך א טיפערע ווירקונג אויף דער געשיכטע נישט נאר פון צפון־איטאליע, נאר פון גאנץ איטאליען האבן געהאט די ראנגלענישן צווישן פויבסטום מיט פרידריך דעם 1־טן בארבאראסע (1190 — 1152) און פרידריך דעם 2־טן (1250 — 1212). גוועלפן (פויבסטלעכע פארטיי) און גיבעלינען (קייזערלעכע פארטיי) זענען געווארן פעסטע באשטאנדטיילן פון פאליטישן לעבן אין איטאליען. אין די אלע סיכסוכים און געראנגלען האט דאס פויבסטנטום ארויסגעוויזן א סך מער דיפלאמאטישע קונסט, איידער די קיסרים. אין לויף פונם אינוועסטיטור־קאמף האט זי די קירכן־מלוכה פארפעסטיקט, די קוריע האט דערווארבן א גרויסע דיפלאמאטישע טראדיציע און — וואס פאר אונז דא איז אמוויכטיקסטן — די קירך האט פארזיכערט פאר זיך די הילף פון דער וועלטלעכער מאכט אין דעם אומברחמנותדיקן אויסראטונגס־קאמף, וואס די פויבסטן, בישקופן און דאמיניקאנער

האבן געפירט קעגן די קאטארער. די קייזער־קרוינונג אין רוים איז פאר די פויבסטן (באזונדער האט זיך צווישן זיי אויסגעצייכנט אינאקענט דער 3־טער פון 1198 ביז 1216) געווארן א דיפלאמא־טישער מיטל צו מאכן די וועלטלעכע מאכט פארן תלין פון דער קאטארישער באוועגונג.

צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון אט די רעוואלוציאנערע כוחות זענען אנטשטאנען נאך ווייטערדיקע קעגנזאצן אין די לאמ־באַרדישע שטעט. אזוי לאנג ווי די פויבסטן האבן מורא געהאט פאר די דייטשע קיסרים, האבן זיי זיך פארהאלטן טאלעראנט צו די אנטי־קירכלעכע און אפיקורסישע באוועגונגען אין די לאמ־באַרדישע שטעט. די דיפלאמאטיע פון די פויבסטן איז, אדרבא, נאך באשטאנען דעריז, צו זען געווינען די דאזיקע שטעט אלס פארביני־דעטע קעגן קייזערטום. דאקעגן, די דייטשע קיסרים האבן זיך אזוי אויפגעפירט, אז די וואס וואלטן אייגנטלעך באדארפט זיין זייערע פארבינדעטע, זענען אויך געווארן זייערע שונאים — ווארום ווי נאר זיי האבן זיך געפילט בכוח, האבן זיי זיך געלאזט וויל גייען אין זייערע עקאנאמיש־אימפעריאליסטישע אמביציעס, האבן זיך גערוקט אויף דער לאמבארדיע און באפאלן די שטעט אירע. זענען טאקע די פרייע בירגער פון לאמבארדיע אנגעפאלן אויף בארבא־ראסעס חיל ביי לעניאנא און עם צעקלאפט (1176). פרידריך דער 2־טער האט אויך אומזיסט געפרווט מלחמה האלטן מיט די זעלבע עלעמענטן.

בעת ס'האט זיך געצויגן דער דיפלאמאטישער און מיליטערי־שער קאמף צווישן פויבסטים, קייזערטום און בירגערטום — האט זיך געשאפן זייער א גינסטיקער באדן פאר די אידייען פון די קא־טארער. די שטעט און דערפער פון לאמבארדיע זענען געווארן מיטל־פונקטן און שוץ־פונקטן פאר די קאטארער. שוין ארום יאר 1030 קומען פאר ביסקופישע געריכטן קעגן די אפיקורסים, וועלכע האבן דארט געהאט נאך א נאמען — פאטארענער, אפנים לויט דעם נאמען פון דעם ארימען טייל שטאט אין מילאן. אבער דאס זענען געווען נאר לאקאלע פארפאלגונגען. אין אלגעמיין האבן די קאטארער גע־לעבט במעט רויק ביזן לעצטן פערטל פון 12־טן יארהונדערט. אין יאר 1125 האט זיך זיי אפילו איינגעגעבן צו פארכאפן די מאכט אין

ארוויעטא, אבער די ארטאדאקסן (די קאנטער־רעוואלוציע) האבן אין בלוטיקן קאמף ארויסגעריסן ביי זיי די מאכט. אין 1150 זענען זיי שוין ווידער געווען דארט גענוג שטארק, אזוי אז די ביסקופן האבן געווארפן אויף זיי אן אויג. צו יענער צייט איז די לאמבארדיע געווען זייער הערעטיש, און אזוי ווי פרידריך דער 1־טער בארבאראסע האט דערוויל שלום געמאכט מיטן פויבסט, איז אין 1184 זיך צונויפגעקומען א קאנציל קיין וועראנע — און דער פויבסט לוציוס דער 3־טער צוזאמען מיט בארבאראסען האבן ארויסגעגעבן א שטרענגען עדיקט קעגן דער אפיקורסות, האבן איינגעפירט די ביסקופישע אינקוויזיציע און האבן פארפליכטעט די ציווילע מאכט, זי זאל אויספירן די אינקוויזיציע־אורטיילן אויף די אפיקורסים און אויף זייערע פריינט און מיטהעלפער. אבער נישט געקוקט דערויף האט די קאטארעריי ווייטער געבליט. האט מען די באוועגונג רערשטיקט אין איין שטאט, האט זי זיך געראטעוועט אין א צווייטער, — די שטאטישע מאכט האט גאר קיין חשק נישט געהאט צו שפילן די ראל פון תליינים ביי די פויבסטן. צום אנהויב פון 13־טן יארהונדערט זענען געווען פאטארענישע ארגאניזאציעס אין מילאן, פעראדא, וועראנע, רוימיני, פלארענץ, פראטא, פאענצא, פיאצענצא, טרעוויסא, וויטערבא. אין סעפטעמבער 1207 איז ארויס א פויבסטלעכער באפעל צו אלע גלויביקע מען זאל ארויסגעבן שטרענגע געזעצן קעגן די אפיקורסים און זארגן דערפאר, אז די געזעצן זאלן אפגעהיט ווערן. אזעלכע באפעלן פלעגן זיך ווייזן פון צייט צו צייט, זיי האבן דא און דארט געפירט צו פארפאלגונגען קעגן די אפיקורסים — אבער קיין אלגעמיינעם דערפאלג האבן זיי נישט געהאט. לאמבארדיע, ספעציעל מילאן, איז געווארן דער צענטער פון קאטאריזם אין אייראפע. מיר האבן שוין פריער דערמאנט, ווי מען האט אנגעקלאגט די שטראסבורגער וואלדענזער דערפאר, אז זיי זאלן האבן איבערגעשיקט קיין מילאן צום הויפט־פירער פון דער באוועגונג זייערע מיטגליד־אפצאלן אדער גאר אינגאנצן זייער פארמעגן. ווען מען האט אין דרום־פראנקרייך אנגעהויבן פארפאלגן די וואלדענזער (אלביגענזער), זענען א סך פון זיי געלאפן קיין לאמבארדיע און דארט געפונען שוץ ביי זייערע חברים.

די לאמבארדישע הערעטיקער האבן אויך געהאט זייער א

בריטן שול־וועזן. די פעיקערע תלמידים האט מען געשיקט קיין פאריז אין אוניווערזיטעט אריין, צו שטודירן כסאלאסטיק און טעאלאגיע, כדי צי קאנען בעסער פירן די דיספוטן מיט די פארטרעטער פון דער קירך. בעת דער קייזער אטא דער 2־טער (1198 — 1215) איז אין יאר 1209 געפארן קיין רוים זיך קרוינען, זענען די גייסט־לעכע און זיין סוויטע געווען שרעקלעך אויפגעבראכט, אז זיי האבן דארט געטראפן שולן, וווּ מען פארשפרייט די גנאסטיש־מאניכעאישע טעאריעס. דאס גלייכן האט זיך פרידריך דער 2־טער באקלאגט אין יאר 1236 אז דער פויבסט געמט גאר נישט אונטער קעגן מילאן, דעם הויפט־פונקט פון דער אפיקורסות. די אנקלאגע האט געהאט א פאליטישן אונטערשלאג: מילאן איז געווען וועלפיש, ד. ה. קעגן דער שטויפער דינאסטיע. און דערפאר טאקע האט דער פויבסט געלאזט מילאן צו רו.

אין 13 יארהונדערט איז דער איטאליענישער קאטאריזם געווען באהערשט פון די ארנאלדיסטן, הומיליאטן, וואלדענזער און דערנאך פון די אפאסטל־ברידער. לאמיר מאקע נאנטער זיך באקענען מיט די דאזיקע סעקטעס.

גרינדער פון דער סעקטע ארנאלדיסטן איז געווען דער אנטי־קירכלעכער אגיטאטאר ארנאלד פון ברעשיע. ער איז געבוירן געווארן אין ברעשיע אנהויב 12 יארהונדערט; ער האט שטודירט טעאלאגיע אין פאריז ביי אבעלארן, זייער פיל זיך אפגעגעבן מיט דער ביבל, איינגעזאפט אין זיך דעם פרייען גייסט פון זיין לערער. און איז געווען אויך א גוטער רעדנער, ווי דער לערער. נאכן ענדיקן דעם שטודיום האט ער זיך אומגעקערט אהיים, און איז געווארן גלח, אבער גאר אין גיכן האט ער אנגעהויבן א קאמף קעגן די מאכט־פרעטענזיעס פונם קלער. ער האט עפנטלעך גע־פריידיקט, אז יעטווידער באזיץ איז אן אומגליק פאר דער קירך. פארן קלער און פאר מאנאכן — און זיינע רעדעס האבן געפונען אן אויסערגעוויינלעכן אפקלאנג צווישן פאלק, און עס האט מער ווייסן נישט געוואלט פונם ביסקופ מיטן קלער. דער ענין איז געקומען פארן לאטעראן־קאנציל אין יאר 1139; דער פויבסט האט אפגערופן ארנאלדן פון זיין אמט, און האט אים ארויסגעשיקט פון איטאליען. ארנאלד איז אפגעפארן קיין פאריז צו אבעלארן.

אבער דערווייל האבן זיך זיינע געדאנקען פארשפרייט אין רוים, און דאס בירגערטום האט זיך דארטן אויפגעהויבן קעגן פויבסט און קאנפיסקירט זיין פארמעגן. דער פויבסט האט דאן ארויסגעגעבן א באפעל, מען זאל אבעלארן און ארנאלדן ארייננזעצן אין א קלויסטער און זייערע ביכער זאל מען פארברענען. אבעלאר האט זיך אונטערגעווארפן דעם באפעל, דאקעגן ארנאלד האט נאך מער פארשטארקט זיין אגיטאטארישע טעטיקייט און האט באקומען אזוי פיל אנהענגער אין פראנקרייך, אז קיין שום פראנצויזישער בישוף האט נישט געוואגט אויסצופירן דעם אורטייל פונם פויבסט. ערשט ווען דער קעניג פון פראנקרייך האט באשלאסן אנצונעמען מיטלען קעגן ארנאלדן — איז דער לעצטער אוועק פון פראנקרייך, האט באזוכט דייטשלאנד און די שווייץ און איז דערנאך צוריקגעקומען קיין איטאליע, ווו זיין פאפולערקייט האט געהאלטן אין איין וואקסן. אין רוים האט זיך ארום אים געזאמלט די סעקטע לאמבארדן (קאטארער), און ער איז געווארן דער מיטלפונקט פון דער גאנצער רעוואלוציאנערער באוועגונג קעגן פויבסטום. „ער איז עפנטלעך ארויסגעטראטן אלס רעדנער אין קאפיטאל און האט זיך דערלויבט די העפטיקסטע אנפאלן אויפן פויבסט און אויף די קארדינאלן. ער האט זיי געשאלטן, ווי צבועקעס און פאלשע למדנים פון קריסטנטום, אז זייער קירך איז נישט די קירך פון גאט, נאר זי איז גיכער א געשעפטהויז, א רויבער־הייל לויט זייער גאוה, גיריקייט, צביעות און פארדארבענקייט. דער פויבסט אליין איז נישט קיין אפאסטעלישער נשמה־פאסטוך, נאר א בלוטהונט, וואס האלט אונטער זיין ממשלה דורך מארד און בראנד, וואס פארגוואלטיקט די קירך און אונטערדריקט די אומשולד, וואס פילט אן זיין אייגענע געלט־קאסע און ליידיקט אויס פרעמדע".
(העפעלע: קאנציליען געשיכטע 5, ז. 526, דייטש)
דער פויבסט האט אבער גאר נישט געקאנט מאכן מיט ארנאלדן, ווייל די רוימישע פאלקס־מאסן האבן געהאלטן מיט אים. ערשט פרידריך דער 1־טער בארבאראסע בעת ער איז אין 1155 געקומען קיין רוים זיך קרוינען, איז באשטאנען דערויף לויט א בקשה פון דער קוריע, מען זאל ארנאלדן ארויסגעבן — און מען האט אים אויפגעהאנגען און דערנאך פארברענט. „דעם אש האט מען אין

טיבר אריינגעוואָרפֿן, כדי קיינער זאָל נישט קאָנען אים פֿאַרערן". און דערפֿאַר האָט דער פּויבסט אַדריאַן דער 4־טער געקרוינט באַר־באַראָסען פֿאַר קייזער פֿון רוים אַז דעם ווילן פֿון די רוימער גופֿא.

אַרנאָלד האָט געלערנט, אַז אויב דער פּויבסט, די ביסקופּן, די מאָנאַכן און די גלחים ווילן נאָכפֿאָלגן קריסטוסן, זענען זיי מחויב זיך אָפּזאָגן פֿון יעטווידן באַזיץ, ליב האָבן דעם נאָנטן און דינען גאָט. אָבער די וועלטלעכע מאַכט פֿון דער קירך, איר רייכ־קייט, אירע פּריווילעגיעס — דאָס אַלץ פֿירט נאָר צו קאַמף און צאַנקערייַ, צו פּאָליטיק און צו לאָרענישן, צו אינטריגעס און דיפּ־לאָמאַטישע שפּיצלעך ד. ה. צום אָפּקער פֿון יעזוסן. אַזעלכע גלחים זענען נישט ווערט צו זיין די פֿאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטש און קאָנען נישט זיין די כוהנים פֿונם ריטואַל.

אַרנאָלד האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך זייער פֿיל תלמידים און אָנהענגער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פֿאַרשפּרייטן די תורה פֿון זייער לערער. דעם גרעסטן דערפֿאָלג האָבן זיי געהאַט אין די אַרבעטער־קרייזן, וועלכע זענען אין די ווירטשאַפֿטלעך בליענדיקע לאָמבאַרדישע שטעט געווען אָרגאַניזירט אין רעליגיעזע געמיינשאַפֿטן און אין הילף־קאַסעס, און האָבן זיך געפֿונען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון קאַטאַרער, — אַרנאָלדיסטן און וואַלדענזער. גאָר גיך האָט זיך ביי זיי אָנגענומען דער געדאַנק וועגן געמיינ־שאַפֿטלעכקייט. פֿון די רעליגיעזע אַרבעטער־פֿאַריינען איז אַרויס־געוואַקסן אַן אַפּיקורסיש־סאָציאַלע סעקטע הומיליאַטן — ס'רוב לאָמבאַרדישע וועבער. זינט דער קאָנציל פֿון וועראָנע (1184) האָט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן איינפֿירן די ביסקופּישע אינקוויזי־ציע, האָט מען די הומיליאַטן אָנגעהויבן באַטראַכטן פֿאַר אַפּיקור־סים — און מען האָט זיי נאָרפֿאָלגט. צוזאַמען מיט די אַרנאָל־דיסטן האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט דער אַלגעמיינער קאַטאַרער־באַוועגונג, און האָבן דאַן געהאַט קעגן זיך די אינקוויזיציע פֿון די דאָמיניקאַנער.

וועגן די וואַלדענזער אָדער אַלביגענזער וועלן מיר רעדן אין קומענדיקן קאַפּיטל, ווייל זיי געהערן צו פֿראַנקרייך. דאָ ווילן מיר בלויז פֿאַרענדיקן מיט דער געשיכטע פֿון דער איטאַליענישער פּאַ־

ציאַל־העַרעטישער באַוועגונג. די מערקווירדיקסטע דערשיינונג אין דער דאַזיקער באַוועגונג זענען געווען די אַפּאָסטל־ברידער.

דער הויפּט־געדאַנק פון אַרנאַלדן איז געווען, אַז אַ אמתער נאָכפאָלגער פון יעזוסן און פון די אַפּאָסטעלן מוז פירן אַ לעבן פון אַפּאָסטעלישער אָרימקייט, — און אָט דער געדאַנק, ווייזט אויס, איז געווען אויך דער יסוד אין דער לערע פון פראַנצן פון אַסיזי. נאָר פראַנץ איז דערביי געבליבן טריי דעם פּויבסטום און האָט דערום אויסגעמיטן פאַרפאָלגונגען. האָט טאַקע זיין אויפטו גאָר גיך אַנגעווירן דעם גרונט־געדאַנק, מיט וועלכן ער האָט אים געהאַט אָנגעהויבן. די פראַנציסקאַנער, — אַ חוץ דעם לינקן פליגל זייערן, — זענען איינגעגאַנגען אויף פשרות, האָבן אָפּגעטראָטן פונם רעגולאַמין און שלום געמאַכט מיט דער קירך. גאָר אַנדערש האָבן געהאַנדלט די קאַטאַרער פון אַלערליי מינים און ריכטונגען. געווען איז צווישן זיי מענער, וועלכע האָבן באַדויערט דאָס אָפּקערן זיך פון די פראַנציסקאַנער פון זייער רעגולאַמין ווי אויך דאָס וואָס די קירך האַלט זיך נישט ביים עוואַנגעליום — און זיי האָבן געוואָלט פאַרריכטן דאָס שלעכטס. אָט די דאָזיקע מענער האָבן עס געגרינדעט די סעקטע אַפּאָסטעל־ברידער. זייער פירער איז געווען גערהאַרד סעגאַרעלי.

אין יאָר 1248 איז אין פּאַרמאַ געקומען צו די דאָרטיקע פראַנציסקאַנער אַ יונגער אומגעבילדעטער פּויער און האָט געבעטן, מען זאָל אים אָננעמען אין אָרדן אַריין. דער פּויער האָט זיך נישט געשעמט, אויסגעקליבן זיך אַפּאָסטעלישע קליידער, ווי ער האָט זיי געזען אויסגעמאָלט אויף בילדער: אַ ווייסן מאַנטל און סאַנדאַלן, זיך געלאָזט אָפּוואַקסן די באָרד און די האָר אויפן קאָפּ, און האָט אָנגעהויבן צו פּריידיקן: „טוט תשובה, וואָרום די הימלישע מלוכה איז נאָענט". ער האָט פאַרקויפט זיין האָב און גוטס, אַריינגעלייגט דאָס געלט אין אַ זאַק און איז אַוועק אויפן מאַרק־פּלאַץ און אָנגעהויבן צו פּריידיקן: און אַז עס האָט זיך צענויפגעקליבן אַ עולם אַרום אים, האָט ער אויסגעשאָטן דאָס געלט און אויסגערופן: „ווער עס וויל, דער מעג עס נעמען"! באַלד האָט ער דערוואָרבן חסידים, און זיי האָבן גערופן צו תשובה, גערעדט קעגן דער פאַרוועלטליכטער קירך און אָנגעזאָגט דאָס גיכע קומען פון גאָטס קעניגרייך (פון

גערעכטיקייט, גלייכהייט און פרידן). גערופן האבן זיי זיך אפאסטל־
ברידער, געלעבט אין ארימקייט, ארומגעוואנדערט און געפרייידיקט
און דאס פאלק האט זיך גערן צוגעהערט צו זייערע רייד: זייער
פיל פרויען זענען צו זיי אויך צוגעשטאנען, ווייל זיי זענען געווען
א סך נאענטער צום געפיל און געמיט פון די מאסן, איידער די
פראנציסקאנער. ביי די בעטל־ארדנס און ביים קלער האט דאס
ארויסגערופן א געפיל פון קנאה, און מען האט די אפאסטל־ברידער
אנגעהויבן צו האלטן פאר א געפאר פאר דער רעליגיע. אויפן קאנ־
ציל אין ליאן (1274) זענען דערום פארבאטן געווארן די ווילדע
ארדנס (נישט באשטעטיקטע דורכן פויבסט): דער קאנציל האט
באפוילן, אז די דאזיקע ארדנס זאלן זיך אנשליסן צו די שוין עק־
זיסטירנדיקע לעגאליזירטע ארדנס, אדער לפחות נישט אננעמען
מער קיין שום נייע מיטגלידער. דער קאנציל־באשלוס האט אבער
קנאפ וואס געהאלפן. די סעקטע פון די אפאסטל־ברידער איז ווייטער
געוואקסן, אזוי אז אין יאר 1286 איז ארויס א פויבסטלעכע ווענ־
דונג צו אלע ארציביסקופן און ביסקופן וועגן אונטערדריקן די
אפאסטל־ברידער. קעגן עטלעכע פון זיי האט מען שוין ארויסגע־
רוקט די באשולדיקונג אין הערעזיע (אפיקורסות). די באפעלקערונג
האט מען אויפגעפאדערט צו האלטן זיך פון דערווייטנס פון דער
סעקטע. אין 1294 האבן די דאמיניקאנער אנגעהויבן פארפאלגן די
אפאסטל־ברידער: סעגאדעלי איז דאן ארעסטירט געווארן און ארום
יאר 1300 האט מען אים פארברענט.

סעגארעלים ארט האט איצט פארנומען דאלצינא, וועלכער איז
געווארן פירער פון דער סעקטע ווען סעגארעלי איז געווארן ארעס־
טירט. דאלצינא האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פירער־טאלענט:
א דרייסטער און אנטשלאסענער, איז ער געווען ווי געבוירן פאר
קאמף. ער האט זיך נישט גערעכנט מיט די קאנציל־באשלוסן און
נישט מיט די פויבסטלעכע באפעלן און האט פארטגעזעצט זיין
עפנטלעכע טעטיקייט — ביז מען האט גענומען פריידיקן א קרייצ־
צוג קעגן אים. און די קאמפן וואס דאלצינא האט געפירט מיט די
קרייצפארער זענען געווען נישט ווייניקער העלדיש — אין זייער
קלענערן מאסשטאב — ווי דער קאמף פון ספארטאקוסן מיט די
רוימער. נישט אומזיסט טראגן די באריכטן וועגן דאלצינאן א ביסל

אַ ראָמאַנטישן כאַראַקטער. לויט אַט די באַריכטן, זאָל דאָלצינאָ געווען זיין אַ זון פֿון אַ גלח וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ אַדעל־פֿאַמיליע; שפּעטער האָט ער זיך פֿאַרליבט אין דער שיינער מאָנאַכין מאַרגאַריטע און האָט זיך פֿאַרדונגען פֿאַר אַ קנעכט אין פֿרויען־קלויסטער אין טרידענט און אַרויסגעגנבעט מאַרגאַריטען פֿון דאָרטן. ווייטער ווערט דערציילט, ווי דאָלצינאָ מיט מאַרגאַריטען האָבן געפֿירט אַ וואַנדער־לעבן אין טרענטינאָ, געפּרײדיקט פֿאַרמעגן־געמיינשאַפֿט און ווייבער־געמיינשאַפֿט און געפֿירט פּראָפּאַגאַנדע אויך אין דאַלמאַציע. פֿעסט איז בלויז, אַז דאָלצינאָ האָט געשטאַמט פֿון דער נאָוואַרע־געגנט, אַז ער איז געווען טעאָלאָגיש געבילדעט, האָט זיך זייער פֿיל אָפּגעגעבן מיט דער ביבל און מיט אַפּאָקאַליפּסישע אויסטייטשונגען, איז געווען באַקאַנט אויך מיט די שריפֿטן פֿון יאָאַכים פֿון פֿלאָרים און איז געשטאַנען נאָענט צו די ספּיריטואַלן. ביי זיינע אַנטי־פּויבסטלעכע אָנשוּואונגען איז מעגלעך, אַז ער איז געווען אַ גיבעלינער, ווי דאַנטע און ווי אַנדערע הויך־געשטעלטע איטאַליענער.

אויפֿן גרונט פֿון פֿאַרשידענע ביבל־אויסרעכנונגען האָט דאָלצינאָ דערוואַרט, אַז אין די יאָרן צווישן 1303 און 1306 וועט זיך אָנהויבן אַ נייער ווענד־פּונקט אין דער מענטשן־געשיכטע. דער קייזער וועט אָפּהאַלטן אַ פֿולשטענדיקן זיג איבערן פּויבסטום, און גאָט וועט דאַן דערוועקן צום לעבן אַ פּויבסט פֿון שלום. „אַרום אים וועלן זיך זאַמלען די אָנהענגער פֿון אַפּאָסטעלישן לעבן, גאָט וועט אויף זיי זיין גייסט מאַכן רוען און זיי וועלן זיך פֿאַרמערן; דער נייער קייזער און דער שלום־פּויבסט, וואָס וועט פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון באַזיגטן פּויבסט (באָניפֿאַץ 3), וועלן הערשן ווי יאָהאַן האָט נביאות געזאָגט, ביז דער גרויסער קעגנער פֿון גאָט וועט זיך ווידער אויפֿהויבן און עס וועט זיך אָנהויבן דער לעצטער משפּט“. אין גרונט גענומען האָט דאָלצינאָ ווידער באַגייסטערט די האָפֿענונג אויף דער טויזנט־יאָריקער מלוכה, אויף אַ תּקופֿה פֿון פֿרידן, ברידערלעכקייט און פֿרומקייט. מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן ווי גרויס דאָלצינאָס אויטאָריטעט איז געוואָרן, ווען ס'האָט גראָד אַזוי פּאַסירט, אַז אין יאָר 1303 האָט דער פּויבסט באָניפֿאַץ דער 3־טער טאַקע געהאַט אַ בייזן סוף. פֿון פֿאַרצווייפֿלונג איבער דעם אומגינס־

טיקן אויסגאַנג פֿון זיין קאָנפֿליקט מיטן פֿראַנצויזישן קעניג פֿיליפּ
דעם שיינעם, ווען ער איז שיער אין געפֿענגעניש נישט אַריינגעפֿאַלן
איז באָניפֿאַץ אַראָפּ פֿון זינען. „די הויף־לייט, וועלכע האָבן אים
געוואָלט אָפּפֿירן אין לאַטעראַן־פּאַלאַץ, האָבן אים געטראָפֿן, ווי ער
בייסט אַ שטעקן, רופֿט פֿאַרצווייפֿלט דעם טייוול קעגן גאָט, קלאַפּט
מיטן קאָפּ אין וואַנט און האָט זיך דעם גרויען קאָפּ צעבלוטיקט...
דעם 11 אָקטאָבער 1303 איז ער געשטאָרבן אין וואַטיקאַן, וועלכער
האָט פֿון דאַן אָן אַ לאַנגע צייט געפּוסטעוועט. דער נייער פּויבסט
האָט געהאַט זיין רעזידענץ אין פּערוגיאַ, און די ווייטערדיקע
פּויבסטן — אין אַוויניאָן". סעגאַדעלי האָט נאָך דאַן געלעבט, ווען
דאַלצינאָ האָט פֿאַרויסגעזאָגט, אַז באָניפֿאַץ וועט האָבן אַ ווייסטן
סוף און אָנגעגעבן דערויף דאָס יאָר 1303. בלויז איינס איז אויס־
געפֿאַלן אַנדערש — נישט אַ דייטשער קייזער האָט באַזיגט דעם
פּויבסט, נאָר אַ פֿראַנצויזישער קעניג. נאָך אַט דער געשיכטע האָט
דאַלצינאָ באַקומען אַ מאַסע אָנהענגער, און זיין אייגענער גלויבן
אין זיך האָט זיך זייער פֿאַרשטאַרקט. ער איז אַוועק אין זיין געבורט־
היים, אין דער פּראָווינץ נאָוואַרע, און אַהין האָבן זיך אַ לאָז געטון
אַלע קאַטאַרישע עלעמענטן. אין גיכן אָבער האָט די אינקוויזיציע
אָנגעהויבן אים פֿאַרפֿאָלגן און ער האָט געמוזט אַרומוואַנדערן פֿון
איין אָרט אויפֿן צווייטן. די אינקוויזיציע האָט שווער פֿאַרפֿאָלגט
אויך אַלע זיינע פֿריינט און מיטהעלפֿער: מען האָט חרוב געמאַכט
זייערע הייזער און קאָנפֿיסקירט זייער האָב און גוטס. דאַלצינאָ
אָבער האָט אומעטום געטראָפֿן געהיימע גוטע־פֿריינט, וועלכע פֿלעגן
אים אויסגעבן די פּלענער פֿון דער אינקוויזיציע. דאָס אַרומוואַנדערן
האָט זיך געענדיקט אין יאָר 1305 אין דער באַרג־געגנט אויף צפֿון־
מערב פֿון מילאַן (אינם ווינקל צווישן איטאַליען, פֿראַנקרייך און דער
שווייץ) — דאַלצינאָ האָט באַשלאָסן אויפֿצונעמען דעם קאַמף מיט
דער אינקוויזיציע. ער האָט זיך געפֿונען אין דאָרף קאַמפּערטאַליאַ
(ביי נאָוואַרע), און מיט אַ מחנה אָנהענגער האָט ער זיך פֿון דאָרט
אַוועקגעלאָזט טיפֿער אין די בערג; דאָרטן האָבן די אַפּאָסטל־ברי־
דער פֿאַרלייגט אַ ישוב, האָבן העקווירט לעבנס־מיטל און זיך צו־
געגרייט צום קאַמף. וואָרום דער פּויפּסט קלעמענס דער 5־טער פֿון
ליאָן האָט אַרויסגעגעבן אַ [illegible] די גלויביקע וועגן אַ קרייץ־צוג

קעגן די הערעטיקער פון נאָוואַראַ. דאָלצינאַ האָט באַצייטנס באַקומען די ידיעה, אַז עס גייט אויף אים אַ קרייץ־אַרמיי, האָט ער באַשלאָסן נישט אָנצונעמען גלייך די שלאַכט, נאָר אין געהיים פּאַרלאָזן דעם לאַגער צוזאַמען מיט זיין חיל; און ווען די קרייץ־אַרמיי איז אַרויף אויף דער הויך, כּדי אָנצוהויבן דעם אָנגריף, האָט זי דאָרט מעקיינעם נישט געטראָפן. באַלד נאָכדעם איז טאַקע די קרייץ־אַרמיי געוואָרן אויפגעלייזט, און די קריגער זענען זיך פּאַנאַנדערגעגאַנגען. דאָלצינאַ האָט דערווייל געגרינדעט אַ נייעם ישוב אין דער געגנט פון וואַראַלאַ און האָט אויסגעבויט אַ פעסטן לאַגער, וואָס האָט געשטעמט פאַר אומבאַזיגבאַר צוליב זיין באַרגיקער לאַגע. הערעטיקער פון סאַוואָיע, פון לאָמבאַרדיע, פון דרום־פראַנקרייך און פון זאַלצבורג האָבן זיך ווידער געזאַמלט אַרום דאָלצינאָן: די קרייץ־פאַרער פון זייער זייט האָבן זיך אויך ווידער אָרגאַניזירט און האָבן אַטאַקירט דעם הערעטישן לאַגער. זיי האָבן אָבער געליטן אַ בלוטיקע מפּלה, און אַ סך פון זיי זענען אַריינגעפאַלן צו דאָלצינאָן אַלס געפאַנגענע — דאָלצינאַ האָט זיי אָפּגעלאָזט, באַקומענדיק דערפאַר פּראָוויאַנט. דערנאָך איז געקומען אַ צווייטער אָנגריף — אָבער מיטן זעלבן רעזולטאַט. די אַרומיקע דערפער האָבן דערווייל שטאַרק געליטן צוליב די שלאַכטן. די מורא פאַר די אַפּיקורסים, וועלכע ס'איז אוממעגלעך צו באַזיגן, איז איצט געוואָרן זייער גרויס אין דער גאַנצער געגנט אַרום. אָבער דאָס חיל פון די הערעטיקער האָט שטאַרק געליטן פון מאַנגל אין לעבנס־מיטל, און וואָס מער דער קאַמף האָט זיך פאַרצויגן, אַלץ וויסטער איז געוואָרן די געגנט אַרום, און די נויט איז געוואַקסן. אין פרילינג 1306 זענען אַ סך אָנהענגער דאָלצינאָס געשטאָרבן פון בלויזער אויסגעשעפּטקייט. קראַנקהייט און טויט האָבן באַהערשט דעם לאַגער, אין מערץ 1306 האָט דאָלצינאַ געמוזט אַוועק פון דאָרטן. די מלחמה האָט זיך פונדעסטוועגן געפירט ווייטער. ביז אויגוסט פון זעלבן יאָר האָט נאָך דאָלצינאַ אָפּגעהאַלטן נאָך צוויי שיינע נצחונות איבערן קרייץ־חיל — אַזוי אַז דער פּויבסט איז צוליב דעם אַרויס מיט צוויי נייע אויפרופן צו די גלויביקע וועגן צושטיין צום קאַמף קעגן דאָלצינאָן. די גראַפן און בישאָפן פון גאַנצן ראַיאָן פון נאָוואַראַ און סאַוואָיע האָבן צוגעשטעלט אַ חיל פון עטלעכע טויזנט מאַן, מיט צוויי ריטער אַלס

קאמאנדירן. דאס דאזיקע חיל האט אטאקירט די הערעטיקער און ווידער געליטן א שווערע מפּלה. די קרייץ־זעלנער זענען זיך צעלאפן, אפּראמענדיק די ארומיקע דערפער — און די הערעטיקער. סאלדאטן האבן זיך געיאגט נאך זיי און דערביי געראבירט די דערפער. באזונדער שטארק האבן געליטן פון די דאלציאנער די קירכן און די גלחים. אבער די אלע נצחונות זענען גארנישט ווערט געווען, וויבאלד דאלצינא מיט זיין ארמיי איז געווען אפּגעשניטן פון דער דרויסנדיקער וועלט און קיין שום צופיר פון לעבנס־מיטל איז נישט מעגלעך געווען. דעם ווינטער פון 07—1306 האבן זיי געליטן שרעקלעכע נויט. קעלט און הונגער האבן שיטער געמאכט זייערע רייען. און אין דער זעלבער צייט האבן זיך די קרייץ־פארער ווידער געזאמלט, באנייט און נאך פארגרעסערט זייערע מיטלען און כוחות. דעם 23 מערץ פון 1307 איז עס געקומען צו א דעציזירנדיקער שלאכט, ביים בארג צעבעלא. די שלאכט האט געדויערט א גאנצן טאג. פון די 1150 דאלציאנער, וואס האבן נאך געקאנט ארויס צום קאמף, זענען טויזנט געבליבן אויפן שלאכט־פעלד, און בלויז 150 האבן זיך אונטערגעגעבן — דאס געווער איז פשוט ארויסגעפאלן פון זייערע הענט, די אויסגעמאטערטע פון הונגער און קעלט. צווישן די געפאנגענע זענען אויך געווען דאלצינא און מארגאריטע, און אין שרעקלעכע יסורים האבן זיי אויסגעהויכט זייער לעצטן אטעם.

3. פראנקרייך: וואלדענזער; לאנגעדאק: אלביגענזער

דער ווערדענער אפּמאך (843), וועלכער האט דורכגעפירט די צעטיילונג פון קארל דעם גרויסנס מלוכה, האט געשאפן דעם געאגראפישן קערן פון פראנקרייך. די יורשים פון קארלען האבן געוועלטיקט אין דעם געביט ביזן יאר 987, אבער די וואסאלן זייערע, די הערצאגן און די גראפן, האבן אזוי אפּגעשוואכט און באגרענעצט זייער מאכט, אז מען האט זי כמעט נישט געשפירט אין פריען מיטלאלטער די טרעגער פון דער פראנצויזישער געשיכטע זענען מער געווען די וואסאלן — די באזונדערע איינצעלנע לאנד־פריצים.

נאכן אויסשטארבן פון די קאראלינגער האט זיך אין יאר 987 אנגעהויבן די דינאסטיע פון די קאפּעטינגער; די דאזיקע דינאסטיע

האט פארשטאנען אויסצונוצן קעגן די פעאדאלן און קעגן דער קירך די אלץ וואקסנדיקע קראפט פון די שטעט און פונם האנדל — און האט געשאפן א פעסטע פראנצויזישע מלוכה. דער האנטווערק פון צפון־פראנקרייך, די יארידים פון שאמפאנער געגנט און די אויסגעוואקסענע שטעט און האפנס פון דרום־פראנקרייך (לאנגעדאק) — דאס אלץ האט געבילדעט איין פעסטע קייט, וואס האט פארבונדן דעם צפון מיטן צענטער און מיטן דרום און געמאכט פון זיי איין געאגראפישן געביט; און פאר די קאפעטינגער איז דאס געווען אן עקאנאמישער באזיס פאר זייער צענטראליסטישער נאציאנאלער פאליטיק.

און ווען די ווירטשאפטלעכע אינטערעסן האבן באקומען די אויבערהאנט אין דער מלוכה און אין דער קירך האט, דאס ווי אומעטום, ארויסגערופן א קעגן־שטרעמונג צווישן די פאלקס־עלעמענטן, וועלכע האבן אדער געליטן פון ווירטשאפטלעכן דרוק אדער זיי האבן זיך געפונען אין גייסטיקער נויט. די דאזיקע קעגן־ריכטונג האט זיך געשטיצט אויפן עוואנגעליום, און האט אויך אנגענומען דעם כאראקטער פון א סאציאל־אפיקורסישער באוועגונג. די ווירקונג פון דער קאטארישער באוועגונג, ווי מיר ווייסן, האט זיך געלאזט פילן אין פראנקרייך נאך אין ערשטן פערטל פון 11־טן יארהונדערט, — און אין סאציאל־עטישן זינען איז דאס געווען א ווירקונג זייער א גוטע. אין זעלבן גייסט האט געווירקט אויך די פראפאגאנדע פון ארנאלדן פון ברעשיע, וועלכער האט זייער פיל מענטשן געשטויסן צו סאציאל־עטישער רעפארם־ארבעט*); אבער א ווירק־

*) וועגן דעם, ווי קאטאריזם האט געווירקט און באאיינפלוסט און וואס פאר א גוטן נאמען די קאטארער האבן געהאט אין צפון־אפריקע — וועגן דעם זאגט עדות פאלגנדיקער פאל, וואס איז געשען ביי ריימס ארום יאר 1180 און וועגן וועלכן איינער פון זיינע באטייליקטע האט איבערגעלאזן א באריכט: גערוואזיוס פון טילבורי, א יונגער גייסטלעכער אין ריימס, איז איינמאל נאכמיטאג ארויסגעפארן מיט זיין ארציביסקופ אויף א שפאציר. אין וועג האט ער דערזען א יונגע שיינע פרוי, וועלכע האט געארבעט איינע אליין אין א וויינגארטן. ער האט איר גלייך אנגעבאטן זיין ליבע, האט אבער באקומען אן אפזאג, מיט דער דערקלערונג, אז דאס וואלט געווען א זינד

לעבע פראנצויזישע סאציאל־אפיקורסישע באוועגונג האט זיך אנגעהויבן ערשט אין יאר 1170 אדער 1173, מיטן אויפטרעטן פון ליאנער סוחר פעטער וואלד: די באוועגונג האט געהאט גאר א גרויסן פארנעם און האט זיך פארשפרייט אויך איבער איטאליען, דייטשלאנד און בעהמען. דאס איז די א. ג. וואלדענזער־באוועגונג.

דער גרינדער פון דער באוועגונג, פעטער וואלד, איז געוועזן א רייכער סוחר אין ליאן; ער איז נישט געווען געלערנט האט אבער געוואלט אויספארשן די אמתן פון עוואנגעליום פון זייער ערשטן מקור; האט ער באשטעלט ביי געלערנטע מענטשן א איבערזעצונג פון דער ביבל אויף ראמאניש, געהייסן מאכן אויך אויסצוגן פון די קירכן־פאטערס, און האט דאס אלץ זייער פלייסיק שטודירט. ער איז אבער נישט געבליבן ביים לערנען בלויז, ער האט געוואלט אנווענדן דאס געלערנטע אין דער פראקטיק.. ער האט געלאזט דער פרוי זיינער, וועלכע איז געבליבן ביים אלטן גלויבן, זיך אפקלייבן א טייל פון זיין פארמעגן, דאס איבעריקע האט ער פארטיילט צווישן ארימע לייט, און האט אנגעהויבן פריידיקן די תורה פון די אפאסטעלן און פון אור־קריסטנטום. ער האט באלד געקראגן א סך אנהענגער, וועלכע האבן זיך גערופן „די ארימע פון ליאן“, האבן געטראגן א ספעציעלע הלבשה און אין אלץ נאכגעפאלגט זייער לערער. ווי מען זעט, איז די התחלה געווען כמעט די זעלבע, ווי מיט א פערטל יארהונדערט שפעטער ביי דעם פראנציסקאנער ארדן. נאר דער פראנציסקאנער ארדן איז באשטעטיקט געווארן דורכן פויבסט און איז געווארן א באשטאנד־טייל פון דער קירך, מיט די וואלדענזער האט דער קלער בשום אופן נישט געוואלט שלום מאכן און האט זיי נישט ווילנדיק געטריבן אין דער אפיקורסישער באוועגונג אריין. און מעגלעך, אז טאקע נאכדעם ווי דער פאל מיט די וואל־

פאר וועלכער זי וואלט אז שום חסד פארמשפט געווארן. דער ארצ־ביסקופ האט פון דער דאזיקער דערקלערונג געדרונגען, אז די פרוי געהער צו די קאטארער, און האט זי גלייך געלאזט ארעסטירן. מען האט פארפירט א משפט אויף איר„ זי האט זיך די גאנצע צייט זייער העלדיש געהאלטן, און זי איז טאקע אומגעקומען אויפן שייטער־הויפן. (לעא, געשיכטע דער אינקוויזיציאן, 1 באנד, ז. 122).

דענזער האָט אָנגעלערנט דעם קלער, איז ער קליגער געוואָרן און האָט פּראַנצן פון אַסיזי בעסער איינגענומען מיט גוטן.

אין יאָר 1179 האָבן די וואַלדענזער געשיקט אַ דעלעגאַציע צום לאַטעראַן־קאָנציל (אין רוים), כּדי צו באַקומען אַ באַשטעטי־קונג פון פּויבסט אויף זייער פּראָפּאַגאַנדע. דאָרט האָט זיי אויס־געפרעגט און אויסגעלאַכט דער ענגלישער פּרעלאַט וואַלטער מאַפּ. ער האָט געלאַכט פון זייער אומוויסנהייט און פּאַרגעלייגט, מען זאָל זיי קיין פּויבסטלעכע הסכמה*) נישט געבן. נאָך אַזאַ קבלת פּנים מצד דער קירך, האָבן זיך די וואַלדענזער גלייך געשטעלט אין פּאַר־בינדונג מיט די קאַטאַרער און זענען געוואָרן אַ סעקציע פון דער סאָציאַל־אַפּיקורסישער באַוועגונג. אויפן קאָנציל אין

פרידריך באַרבאַראָסע איז אויך געווען, האָט מען זיי פּראָקלאַמירט פאַר הערעטיקער און פאַראורטיילט

אַן אויספירלעכע באַשרייבונג פון זייער לערע גיט אונז דער דאָמיניקאַנער בערנאַרד גידאָניס אין זיין „פּראַקטיקאַ אינקוויזי־ציאָניס“ (1331), איינעם פון די הויפּט־מקורים פאַר דער געשיכטע פון די קאַטאַרער. די וואַלדענזער האָבן זיך געטיילט אויף פּולקאָ־מענע און גלויביקע (אָדער פריינט). די פּולקאָמענע זענען געווען די לערער און פירער, ביי זייער צושטייען צום וואַלדענזערטום האָבן זיי זייער פאַרמעגן אָפּגעגעבן אין דער אַלגעמיינער קאַסע, און פון דאָרט שוין האָבן זיי באַקומען דערנאָך די נויטיקע מיטלען צום לעבן; און אויב די מיטלען פון דער קאַסע האָבן נישט געקלעקט, האָבן די גלויביקע, די פּשוטע חברים, אויסגעהאָלפן; געטון האָבן זיי עס זייער גערן, ווייל אַלע וואַלדענזער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע גוטע מידות. ווען די אינקוויזיציע האָט איינעם אַן אָנ־געקלאָגטן וואַלדענזער אין טולוזע געפרעגט, אין וואָס באַשטייט זיין לערע, האָט ער געענטפערט: „נישט רעדן און נישט טון קיין שלעכטס; קיינעם נישט טון דאָס, וואָס דו ווילסט נישט, מען זאָל דיר עס טון; נישט זאָגן קיין ליגנס און נישט שווערן“. אַ ענלעכע תשובה האָט דער אינקוויזיטאָר באַקומען אין יאָר 1394 פון די וואַלדענזער אין פּאָמערן. די שאַרפסטע קעגנער פון דער סעקטע

*) זע אויבן זייט 94.

האבן קיין שום טענות נישט געקאנט ארויסרוקן קעגן זייער ארט לעבן, און קיין זאך נישט געקאנט זיי פארווארפן. איינער א אינקוויזיטאר, וועלכער האט גוט געקענט די וואלדענזער, באשרייבט אזוי זייער לעבן: „די הערעטיקער קאן מען דערקענען שוין לויט זייערע מידות און לויט זייער שפראך; זיי זענען באשיידן און לעבן לויט א גוט איינגעשטעלן כסדר; זייער קליידונג איז אן לוקסוס, נישט קאסטבאר און נישט ברודיק; מיט האנדלס-געשעפטן פארנעמען זיי זיך נישט, כדי אויסמיידן ליגנס, שבועות און שווינדל, נאר זיי לעבן פון זייער האנט-פראצע. שוסטער זענען זייערע לערער. זיי זאמלען נישט קיין אוצרות, נאר זיי זענען צופרידן, אז זיי האבן דאס נויטיקסטע. זיי זענען נישט אויסגעלאסן, און זענען מעסיק אינם עסן און טרינקען. זיי באזוכן נישט קיין רעסטאראנען, קיין בעלער אדער אנדערע פארוויילונגס-ערטער. זיי סטארען זיך נישט ארייצוקומען אין כעס, ארבעטן שטענדיק, לערנען זיך און לערנען יענעם, ממילא זענען זיי ווייניק מתפלל. מען קאן זיי דערקענען לויט זייער באשיידנקייט און לויט דער אפגעהיטער שפראך, ווארום זיי מיידן אויס גראבקייטן, באליידיקונגען און לייכטזיניקע רייד". אומעטום האבן זיי געהאט ביבל-איבערזעצונגען און האבן פון זיי גאנצע טיילן געלערנט אויף אויסנווייניק. דער אינקוויזיטאר פון פאסאו האט געקענט א וואלדענזער א פויער, וועלכער האט געקענט אויף אויסווייניק גאנץ איוב פון טאוול ביז טאוול. ארבעטנדיקע מענער און פרויען, וועלכע האבן געהערט צו דער סעקטע, פלעגן זיך צענויפקומען נאכן טאג שווערער ארבעט און פארברענגען די אוונטן אין לערנען. און טאמער איז איינעם אנגעקומען שווער דאס לערנען, האבן די לערער געזאגט צו אים: „לערן יעדן טאג נאר איין ווארט, וועסטו אין א יאר אויסלערנען 360 ווערטער און אזוי וועלן מיר זיגן"! טריי צו זייערע איבערצייגונגען אן א גרענעץ, זענען טויזנטער וואלדענזער מיט פרייד געגאנגען אין פייער אריין אויף די שייטער-הויפנס, האבן מיט אויסערגעווינלעכער געדולד איבערגעטראגן די גרוילן פון דער תפיסה און פון דער פייניקונגס-קאמער, אבי נאר קאנען פארשפרייטן זייער גלויבן.

אין 13-טן יארהונדערט זענען די וואלדענזער געווען די פאר־

פרייטסטע סעקטע, און באזונדער שטארק זענען זיי געווען אין לאנגעדאק (דרום־פראנקרייך).

אין 11 און 12 יארהונדערט איז לאנגעדאק געווען דאס פרייסטע און גליקלעכסטע לאנד אין אייראפע. האנדל און מלאכה, קינסט און וויסנשאפט האבן געבליט אין די שטעט. נארבאן, טולוז, אלבי, בעזיע, קארקאסאן זענען געווען צענטרען פון פארשן און פון דענקען. די אוצרות פון דער פרייער אראבישער פילאזאפיע פון דרום־שפאניען זענען געווארן באקאנט אין לאנגעדאק דורך יידישע איבערזעצער. אלע רעליגיעזע ריכטונגען זענען דארט געווארן גלייך געשיצט. די שטעט האבן אין א גרויסער מאס גענאסן פון זעלבסט־פארוואלטונג. די הערצאגן פון אקוויטאניע, די גראפן פון טולוז און פראוואנס זענען כסדר געשטאנען אויף דער וואך פון זייערע רעכט און פריווילעגיעס לגבי דער קירך און לגבי דעם פראנצויזישן קעניגטום.

אין אט דעם הויך־קולטורעלן (פאר יענער צייט) געבענטשטן לאנד האבן די קאטארער פון לאנג שוין געהאט זייער פיל אנהענגער. די באפעלקערונג האט זיי גערופן: גוטע מענטשן. דערנאך זענען געקומען די וואלדענזער — האבן זיי געהאט די נויטיקע פרייהייט פון פראפאגאנדע. און פון דאנען האבן זיי פארשפרייט זייער לערע ווייטער אין לאמבארדיע, אין טיראל, אין זאלצבורג און אין דרום־דייטשלאנד: אין מעץ, שטראסבורג און פאסאאו.

ווי עס זעט אויס, האט די וואלדענזישע פראפאגאנדע אין לאנגעדאק געטראגן מער אן אנטי־קירכלעכן, איידער א סאציאל־קריטישן כאראקטער. אין דער אטמאספער פון פרייהייט, פון פריינטלעכער צוזאמענארבעט פון אלע קלאסן — אפילו דער אדעל איז דארט אין זיין רוב געווען וואלדענזיש און האט נישט געלעבט בשלום מיטן קלער. — האט מען ווייניק געוויכט געלייגט אויף סאציאל־עקאנאמישע קריטיק, נאר מען האט דער עיקר געפירט א קאמפאניע קעגן דער קירך. דער צענטר פון דער וואלדענזישער באוועגונג אין דרום־פראנקרייך איז געווען די שטאט אלבי, און דעריבער האבן זיך די וואלדענזער גערופן אויך מיטן נאמען אלבינענזער.

די פארטרעטער פון דער קירך זענען געווארן שטארק אומרויק.

ווען זיי האָבן דערזען ווי די וואַלדענזישע פּראָפּאַגאַנדע איז ברייט פֿאַרשפּרייט אין לאַנגעדאָק. וועגן דעם, אַז די אינקוויזיציע זאָל דאָרט אַרויסטרעטן מיט אַן אַנטשיידענער אַקציע, האָט מען דערווייל נישט געקאָנט טראַכטן אַפילו, ווייל די גאַנצע באַפעלקערונג כמעט איז געווען קעגן אַזאַ אַריינמישונג מצד די ביסקופּן, און די מער היציקע אינקוויזיטאָרן האָט מען אַפילו מיט גוואַלט אָפּגעראַמט פֿון וועג. די קירך האָט דערום באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן קרייץ־צוגן קעגן די דרום־פראַנצויזישע אַפּיקורסים. מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַלע גלויביקע, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דעם הייליקן קריג און דערפאַר וועלן זיי פֿאַרגעבן ווערן זייערע זינד. אין יאָר 1180 איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער ערשטער קרייץ־צוג קעגן דרום־פראַנקרייך, אָבער אָן דערפאָלג — די גראַפן פֿון לאַנגעדאָק האָבן אָפּגעשלאָגן דעם אָנגריף. אין 1195 האָט דער פּויבסט אַרויסגעלייגט אַ חרם אויפֿן גראַף ריימונד דעם 6־טן פֿון טולוז, אָבער דאָס האָט אויך קיין שום פּעולה נישט געהאַט. דאַן האָט די קירך געשיקט מיסיעס פֿון גייסטלעכע קיין לאַנגעדאָק, בכדי פֿירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַפּיקורסים. אין איינער פֿון די מיסיעס האָט זיך אַפילו געפֿונען דאָמיניק־דע־גוזמאַן, דער גרינדער פֿונם דאָמיניקאַנער אָרדן. די מיסיעס האָבן אָבער אויך קיין שום דערפאָלג נישט געהאַט. האָט דער פּויבסט ווידער זיך געכאַפּט פֿאַרן ערשטן מיטל — קרייץ־צוגן, און האָט דעם קרייץ־חיל געגעבן אַן אָנווייזונג, מען זאָל זיך האַלטן ביים כּלל פֿון „דיווידע עט אימפּעראַ" (טייל און הערש), ד. ה. מען זאָל די הייליקע מלחמה נישט אָנהויבן פֿון אַ אָנגריף אויפֿן מעכטיקן טולוזער גראַף, נאָר אַ פֿריער זאָל מען איינציקווייז אַטאַקירן די שוואַכערע געגנטן. אָנגעפֿירט מיטן נייעם קרייץ־צוג האָט סימאָנס פֿון מאָנפֿאָרט, און אָנגעהויבן האָט ער אים (1209) מיט גרויס ענערגיע. בעזיע און קאַרקאַסאָנע זענען גענומען געוואָרן דורך אַ שטורם־אָנגריף, און ס'זענען אומגעקומען דערביי פֿיל טויזנטער, אי וואַלדענזער אי קאַטויליקן: אין דער אַלגעמיינער שחיטה זענען אומגעקומען סיי אַפּיקורסים סיי אָרטאָדאָקסישע גלויביקע. און ווען בעת די אַטאַקעס אויף בעזיע האָבן אַנדערע קרייץ־קריגער געוואָלט אויסמיידן אַזאַ אַלגעמיינע שחיטה, כּדי עס זאָלן נישט געהרגעט ווערן קיין פֿרומע

קאַטויליקן, האָט דער שליח פֿון פּויבסט אַבאַט אַרנאָלד פֿון סיטאָ געזאָגט צו זיי: ס'איז נישט נויטיק, שלאָגט אַלעמען, אַפּיקורסים און קאַטויליקן, זיי מעגן זיין אויסגעמישט, גאָט וועט שוין דערנאָך אָפּקלייבן די זייניקע.

דערמיט האָט זיך אָבער די מלחמה נאָך ווייט נישט געענדיקט. די וואַלדענזישע באַוועגונג האָט אַלע מאָל ווידער אויפֿגעלעבט. קרייץ־אַרמייען האָבן פֿון צייט צו צייט נייע אָנפֿאַלן געמאַכט, — אַזוי ביזן יאָר 1244, — און די פֿראַנצייזישע קעניגן האָבן זיי מיטגעהאָלפֿן; ווייל זייער צענטראַליסטישע פּאָליטיק האָט געשטרעבט קודם כל צו פֿאַרניכטן די מעכטיקע, כמעט אומאָפּהענגיקע גראַפֿן פֿון לאַנגעדאָק און ברענגען גאַנץ דרום פֿראַנקרייך אונטער דער ממשלה פֿון דער קרוין. פֿון יאָר 1232 האָט זיך שוין איינגעגעבן איינצופֿירן אַ שטענדיקע אינקוויזיציע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די דאָמיניקאַנער. און די לעצטע צוזאַמען מיט די קרייץ־חילות האָבן סוף כל סוף באַוויזן אויסצוראָטן די אַלביגענזער ביז אַ לעצטן, אָבער פֿאַרן נצחון האָבן זיי באַצאָלט מיטן חורבן און פֿאַרוויסטונג פֿון דרום־פֿראַנקרייך. און נישט די קירך האָט געירשנט די גראַפֿן פֿון לאַנגעדאָק, נאָר די קאַפּעטינגער־דינאַסטיע: — די זעלבע פֿראַנצויזישע קעניגן, וועלכע האָבן מיט 50 יאָר שפּעטער דעם פּויבסט גענומען געפֿאַנגען און געהאַלטן זיינע נאָכפֿאָלגער אין דער געפֿענגעניש פֿון אַוויניאָן (1309 — 1377).

אונטערפֿירנדיק אַ סך הכל צו די פֿאַרפֿאָלגונגען אויף די אַלביגענזער, זאָגט לעאַ (געשיכטע דער אינקוויזיציאָן, באַנד 2, ז. 119) אַזוי: „די אינקוויזיציע האָט געזיגט, ווי דאָס וועט די געוואַלט אַלע מאָל באַווייזן, ווען זי וועט נאָר זיין גענוג שטאַרק און געשיקט און וועט אָנגעווענדעט ווערן סיסטעמאַטיש, ביז צום סוף (די דאָזיקע מיינונג לעאָס איז אַ פֿאַלשע — מ. ב.). אין 12־טן יאָרהונדערט איז דרום־פֿראַנקרייך געווען דאָס קולטורעלסטע לאַנד פֿון אייראָפּע... זענען געקומען די קרייץ־פֿאָרער אין לאַנד אַריין און וואָס זיי האָבן געלאָזט נאָך נישט פֿאַרענדיקט, האָט עס די אינקוויזיציע אויפֿגעכאַפּט און גרויזאַם דערבראַכט צו אַן ענדע. זי האָט געלאָזן נאָך זיך אַ פֿאַראַרימט ביז צום גרונט לאַנד, וווּ די אינדוסטריע איז געווען פֿאַרניכטעט און דער האַנדל צעשטערט. די קאָנפֿיסקאַציעס

האָבן געמאַכט דורותדיקע אָדעל־לייט פאַר אביונים. אויף זייער אָרט זענען געקומען פרעמדע, פאַרנומען דעם באָדן און איינגעפירט די רויע מידות פון צפונדיקן פעאָדאַל־לעבן אָדער די דעספאָטישע כללים פון רוימישן רעכט. העכער הונדערט יאָר האָט מען גערויבט, געפייניקט און דערנידעריקט אַ פאָלק, וואָס איז פון דער נאַטור אויס געווען זייער באַגאַבט. די פריִ־אויפגעקומענע ציוויליזאַציע, וועלכע האָט געזאָלט ווייזן אַ וועג פאַר דער קולטור פון אייראָפּע, איז חרוב געוואָרן, און דער כבוד פונם רענעסאַנס איז דערנאָך באַשערט געווען שוין נאָר איטאַליען. דערפאַר אָבער איז דערגרייכט געוואָרן די איינהייט פון גלויבן און פון קירך, און די קירך איז אין דעם קאַמף געוואָרן האַרט, פאַרדאַרבן און „וועלטיש".

ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן די וואַלדענזער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער קירך און אויף די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט. אונטערן איינדרוק פון זייער פּראָפּאַגאַנדע זענען אַנשטאַנען די בעטלערשע אָרדנס, לערד ווי איצט, למשל, רופט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַרויס צום לעבן די קריסטלעך־סאָציאַלע באַוועגונג. באַזונדער שטאַרק איז געווען די וואַלדענזישע ווירקונג אין בעהמען: די ראַדיקאַלע עלעמענטן האָבן דאָרטן אין וואַלדענזערטום געשעפּט גייסטיקייט וואָפן בעת די הוסיטן־מלחמות.

4. פלאַנדריע: בעגינער און בעגאַרדן; לאָלהאַרדן

וועגן דער קאַטאַרער־באַוועגונג אין פלאַנדריע האָבן מיר ידיעות ערשט פון 12־טן יאָרהונדערט, ד. ה. פון אַ סך אַ שפּעטערדיקער צייט, איידער וועגן די לאָמבאַרדישע און דרום־פראַנצויזישע קאַטאַרער. אָבער דאָס איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז די סאָציאַל־אַפּיקורסישע באַוועגונג אין פלאַנדריע האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי שפּעט. די פאַרשפּעטיקטע ידיעות נעמען זיך גיכער דערפון, וואָס אין פלאַנדריע האָט געהערשט אַ געוויסע טאָלעראַנץ, און אין 11־טן יאָרהונדערט זענען דאָרט נישט געווען קיין אינקוויזיציע־פּראָצעסן, פון וועלכע מיר זאָלן האָבן די נייטיקע דאָקומענטן וועגן דער באַ־

...ג. פון די שריפטן פון ליעזשער ביסקופ וואַצאָ (זע אויבן זייט 98) ווייסן מיר שוין, אַז די רדיפות אויף די אפּיקורסים זענען דאָרטן אין יענער צייט נישט געווען פּאָפּולער.

אין דער אמתן אָבער זענען צווישן דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון די פלאַנדרישע שטעט שוין זייער פרי געווען פאַרשפּרייט סאָציאַלע געדאַנקען און חברות, ווי אויך גנאָסטיש־מאַניכעאישע שיטות. די דאָזיקע שטעט האָבן געפירט ווייטע האַנדלס־באַציאונגען, און האַנטווערק איז אויך געווען שטאַרק אַנטוויקלט אין זיי. דער נאָמען „טעקסטאַרעס“ (וועבער), מיט וועלכן מען האָט גערופן די קאַטאַרער אין 11־טן יאָרהונדערט, שטאַמט טאַקע פון פלאַנדריע. די פלעמישע קאַטאַרער האָבן שטאַרק אונטערגעשיידט צווישן גאָט פון אַלטן און פון נייעם טעסטאַמענט; מיטן ערשטן, מיטן גאָט פון געזעץ, האָבן זיי נישט געוואָלט האָבן קיין שום מגע ומשא; דער אמתער גאָט איז נאָר דער גוטער גאָט פון נייעם טעסטאַמענט, און ער וויל, מ'זאָל אים דינען מיטן גייסט, אָבער נישט דורך צערעמאָניעס און ריטואַלן, נישט אין הייזער, וואָס ווערן געבויט פון מענטשן. גוטע מעשים — דאָס איז ביי זיי געווען דער עיקר; אין זייער אַרבעט זענען זיי געווען זייער פלייסיק; פון שווערן און פון טויט־שטראָף האָבן זיי נישט געהאַלטן, אין הסכם מיט דער באַרג־רעדע פון יעזוסן. געשלעכטלעכע אומשולד איז געווען איינע פון זייערע הויפּט־מידות. זייער אידעאַל איז געווען — דער אורקריסטלעכער לעבנס־צושטאַנד.

די אייגנטלעכע סאָציאַל־אַפּיקורסישע פּראָדוקטן אויפן פלאַנדרישן באָדן זענען געווען די בעגינער און די בעגאַרדן. וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די דאָזיקע סעקטעס און וועגן זייערע נעמען האָט מען פיל געשריבן און פיל שטרייטן געפירט. אַנדערע מיינען, אַז דער גרינדער פון דער סעקטע איז געווען איינער לאַמבערט־לע־בעג (לאַמבערט דער שטאַמלער), אַ גלח פון ליעזש, וועלכער האָט אַרום יאָר 1180 געפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן דער וועלטישקייט פון דער קירך און קעגן דעם, וואָס די גייסטלעכע אַמטן ווערן געקויפט. מען האָט אים אַרעסטירט, און גלחים האָבן אים דערהרגעט. מיט עטלעכע יאָר פריער זאָל ער האָבן

ארגאַניזירט א מין קענאָביסטישן שוועסטער־בונד פון נישט געהייראַטעטע פרויען. א סך ווארשיינלעכער איז אָבער, אַז די נעמען בעגינער און בעגאַרדן שטאַמען פונעם אַלט־זאַקסישן צייטוואָרט בעג, וואָס האָט דעם טייטש בעטלען אָדער בעטן. די בעגינער זענען אלזא געווען א ווייבלעכער אָרדן (נישט קיין גייסטלעכער), וואָס זיינע מיטגלידער האָבן געלעבט אין אַפּאָסטאָלישער אָרימקייט, אָנגעוויזן דער עיקר אויף נדבות. דאָס וואָס צווישן די פרויען האָבן געקאָנט אויפקומען אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס באַווייזט, אַז אָדער פיל מענער האָבן אונטער דעם איינפלוס פון קאַטאַריזם זיך אָפּגעהאַלטן פון חתונה צו האָבן, אָדער — ווי מען באַהויפּטעט זייער אָפט — אַז ס׳איז געווען א מאַנגל אין מענער, צוליב די גרויסע פאַרלוסטן בעת די קרייץ־צוגן, און ממילא איז געווען א שטאַרקער איבערפלוס פון פרויען. גיכער פון אַלץ האָבן דאָ ביידע פאַקטאָרן געווירקט און געשטויסן די פרויען צו שאַפן זיך אייגענע אָרגאַניזאַציעס — און דאָס האָט דעמאָלט געקאָנט פאָרקומען נאָר אויף א רעליגיעזן באַזיס. דער מוסטער איז געווען די קענאָביען־סיסטעם. יעדע פרוי האָט צוגעזאָגט צו היטן אומשולד די גאַנצע צייט פונם געמיינזאַמען לעבן, צו זיין געהאָרכזאַם, צו העלפן דעם אָרדן זיך אויסצוהאַלטן דורך אַרבעט אָדער דורך בעטלען, צו זיין כסדר גאַסטפריינטלעך און זאָרגן פאַר די קראַנקע. זייערע קענאָביעס האָבן זיך גערופן בעגינישע הויפן. אָבער שטרענג איז די קענאָבישע לעבנס־פירונג נישט געוואָרן אָפּגעהיט, ווייל די פאַריינ־קונגען זענען פאָרט געווען פרייוויליקע.

מיט דער צייט האָבן די מענער גענומען נאָכטאָן די פרויען און האָבן געבילדעט בעגאַרדן־הייזער. נישט פאַרהייראַטע אַרבעטנדיקע מענער, וועלכע האָבן געוואָלט לעבן פרום און ברידערלעך, האָבן געבילדעט אַרבעטס־געמיינשאַפטן, געלעבט און געאַרבעט קאָלעקטיוו, געלערנט אינאיינעם די ביבל און נאָכגעטראַכט איבער גאָט און וועלט. פונקט ווי די וואַלדענזער, האָבן זיי זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זייער פלייסיקייט, ניכטערנקייט און שפּאָרזאַמקייט, און אַלע האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט אַכטונג, באַזונדער די אָרעמע שיכטן פון די בליענדיקע האַנטווערקער־רייכע שטעט פון פלאַנדריע. די אָרגאַניזאַציע פון די בעגאַרדן איז זייער

ענלעך צו דער אָרגאַניזאַציע פון די הומיליאַטן אין די לאַמבאַרדישע שטעט.

עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע בעגינער און בעגאַרדן, וואָס האָס איינגעזעסענע, נאָר טיילווייז קאָלעקטיווע קענאָביסטישע לעבן האָט זיי נישט באַפרידיקט; ביי געמיינזאַמער ווירטשאַפט מוז דאָך אויך זיין געמיינזאַם אייגנטום, און דאָס אַליין אַנטשפרעכט שוין ווייניקער די געבאָטן פון קריסטוסן, אייִדער אַפּאָסטעלישע אָרעמקייט, אָדער פולשטענדיקע באַזיצלאָזיקייט. מיר האָבן דאָ פאַר זיך ווידער דעם זעלבן אינערלעכן קאָנפליקט, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפילט אינם פראַנציסקאַנישן אָרדן. די בעגינער און בעגאַרדן, וועלכע האָבן אַזוי געדענקט, האָבן ליבער אויסגעקליבן פאַר זיך דאָס וואַנדער־לעבן, דאָס בעטלערשע פראַפּאַגאַנדע־לעבן.

די קירכלעכע מאַכט האָט פאַרשידן באַהאַנדלט די צוויי מינים בעגאַרדן. די איינגעזעסענע קאָאָפּערירטע בעגאַרדן און בעגינער זענען אַפילו געשטיצט געוואָרן פון ביסקופן און פרומע פריצים, — מען האָט זיי בלויז געשטעלט אונטער אַ שטרענגער אָרדן־דיסציפלין; פאַרקערט, אויף די וואַנדערנדיקע בעגאַרדן און בעגינער האָט מען גלייך גענומען קוקן ווי אויף הערעטיקער, און מען האָט זיי אומברחמנותדיק פאַרפאָלגט. בעת זייערע וואַנדערונגען זענען די בעגאַרדן געקומען אין באַריר מיט פאַרשידענע קאַטאַרישע ריכטונגען, און זענען אויך געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער אַלגעמיינער אַנטיקירכלעכער און אַנטינאָמיסטישער באַוועגונג. זיי האָבן אָנגענומען די אַמאַלריציאַנישע פריגייסטיק־פאַנטעאיסטישע אָנשויאונגען, ווי אויך די אָנשויאונגען פון די פראַנציסקאַנער לינקע.

די בעגאַרדן און בעגינער האָבן זיך זייער שנעל פאַרשפרייט אינם גאַנצן ריין־געביט. אַרום מיטן 13־טן יאָרהונדערט זענען זיי שוין געווען גאַנץ שטאַרק אין קעלן, מאַינץ, שטראַסבורג און מעץ. און דאָ האָבן זיך טאַקע אָנגעהויבן די רדיפות אויף זיי. זייער ווייטערדיקע געשיכטע האָט זיך שוין אָפּגעשפילט אין דייטשלאַנד — וועגן דעם וועט זיין די ריד אין קומענדיקן קאַפּיטל.

לאָלהאַרדן איז געווען אַ פאַרייניקונג, ענלעך צו די דערמאַנטע

ברודערשאַפטן. זי זאָל האָבן אַנטשטאַנען אין אַנטווערפּן אַרום יאָר 1300. די לאָלהאַרדן האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אַרומגיין אַרום קראַנקע בכלל און אַרום פּסיכיש־קראַנקע בפרט, און דער עיקר מיט מקבר זיין געשטאָרבענע. געלט דערויף האָבן זיי זיך איינגעשאַפט טיילווייז דורך אַרבעט און טיילווייז דורך בעטלערײַ. אין דער סאָציאַל־אַפּיקורסישער באַוועגונג האָבן זיי זיך באַטייליקט ערשט צום סוף פון 14־טן יאָרהונדערט, אין ענגלאַנד — וווּ ס'וועט נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן זיי.

5. דייטשלאַנד: וואַלדענזער, בעגינער און בעגאַרדן; רטליבער, ברידער פון פרייען גייסט, דײַטשע מיסטיקער, ברידער פון געמיינזאַמען לעבן.

קיין אייגענע אַפּיקורסיש־סאָציאַלע באַוועגונג איז אין די דייטשישע לענדער נישט געווען. אַלע ריכטונגען פון דעם מין זענען אַהין פאַרטראָגן געוואָרן פון אַנדערע לענדער, אָבער יעדע פון זיי איז דאָרטן געוואָרן פאַרטיפט און באַרייכערט.

לכתחילה האָבן די דייטשע מאַכט און די דייטשע בישופן אַרויסגעוויזן ווייניק חשק איינצופירן אינקוויזיטאָרישע געריכטן. מעגלעך, אַז צוליב דעם אינוועסטיטור־שטרייט און בכלל צוליב דעם קאַמף צווישן קייזער און פּויפּסט, האָט זיך איינגעשטעלט אַ געוויסער גראַד פון טאָלעראַנץ לגבי אָפּווייכונגען אין רעליגיע־זאַכן. אַלנפאַלס איז אַ פאַקט, אַז פון אַזאַ שרעקלעכן סיסטעמאַטישן אַנטי־אַפּיקורסישן פאַנאַטיזם, ווי ס'האָט געבושעוועט אין פראַנקרייך און אין שפּאַניע, האָט מען אין דייטשלאַנד—אויסער געציילטע אויסנאַמען — נישט געוווּסט. די דייטשע געזעץ־ביכער פון יענער צייט דערמאָנען אַפילו נישט וועגן אינקוויזיציע. דער „זאַקסן־שפּיגל" (אַנטשטאַנען אַרום יאָר 1230), וועלכער האָט צענויפגענומען און סיסטעמאַטיזירט דאָס רעכט פון די צפון־דייטשע לענדער, רעדט אַפילו יאָ וועגן טויט־שטראָף פאַר אומגלויביקע, גיפט־מישער און כישוף־מאַכער, אָבער וועגן געריכטן, וואָס זאָלן געפירט ווערן ספּעציעל דורך אַ אינקוויזיציע, איז קיין וואָרט דאָרט נישטאָ. דער „שוואַבן־שפּיגל" (אַרום יאָר 1270), וועלכער

געמט אַרום דאָס רעכט פון די דרום־דייטשע געביטן, פירט, אמת, איין קעגן אַפּיקורסים אַ געריכט פון ביסקופן, אָבער די אָנגעקלאָגטע ווערן דערביי ספּעציעל געשיצט קעגן נקמה־דורשטיקע דענונציאַנטן (מוסרים): די לעצטע ווערן באַשטראָפט מיט שווערע־הויפּנס, אויב זיי קאָנען נישט באַווייזן די באַשולדיקונגען, וועלכע זיי האָבן אָנגעגעבן.

דער בולגאַריש־לאָמבאַרדישער קאַטאַריזם האָט געהאַט נאָך איינצלנע אָנהענגער אין נאָסלאַנד און אומגעגנט, אין 11 און 12־טן יאָרהונדערט, — און זיי האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט פאַר זייער נייעם גלויבן.

טיפערע וואָרצלען האָבן געשלאָגן די וואַלדענזער, די בעניגער און בעגאַרדן און אויך די „ברידער פון פרייען גייסט".

שוין אין יאָר 1199 האָט דער פּויפּסט אינאָקענט 3 זיך געווענדעט מיט אַן אויפפאָדערונג צו די וואַלדענזער פון מעץ, זיי זאָלן אַרויסגעבן די שריפטן, וואָס זיי האָבן אין זייער פאָלקסשפּראַך. אַזוי ווי די וואַלדענזער האָבן נישט געוואָלט פאָלגן, האָט דער פּויפּסט געשיקט דריי אַבאַטן קיין מעץ, און זיי האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן די אַפּיקורסישע שריפטן און זיי פאַרברענען. אָבער די וואַלדענזער האָבן ווייטער געפירט זייער פּראָפּאַגאַנדע. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט דער ביסקופּ בערטראַן פון מעץ גענומען אַגיטירן קעגן די וואַלדענזער, אָבער די שטאָטישע בירגער האָבן זיך נישט צוגעהערט צו זיין אַגיטאַציע און האָבן פאַרטיידיקט די וואַלדענזער קעגן אַלע רדיפות. ערגער איז צוגעגאַנגען מיט די וואַלדענזער אין שטראַסבורג, אַרום יאָר 1213, ווען מען האָט זיי באַשולדיקט אין פאַרמעגן־געמיינשאַפט און אין פרייער ליבע. אַ סך פון די אָנגעקלאָגטע זענען דאָרטן אַוועק טאָקע אויף די שייטער־הויפּנס. אין 1229 זענען אין שטראַסבורג ווידער פאָרגעקומען וואַלדענזער־פּראָצעסן, און נאָך זיי האָבן די רדיפות געדויערט אַ רייע מיט יאָרן. די פאַרעקשנטע אַפּיקורסים האָט מען געברענט, און די וואָס האָבן תשובה געטון פלעגן אָפּקומען מיט פאַרשידענע קירכן־שטראָפן.

דערנאָך איז אָבער אָנגעקומען אויפן פּאָסטן פון אינקוויזיטאָר קאָנראַד פון מאַרבורג און ער האָט געוויזן די דייטשן, וואָס די אינ־

קווזיציע איז. קאָנראַד איז געווען אַ ווייס־גייסטלעכער, דער פּויפּסט האָט אים שוין פֿון לאַנג געקענט אַלס ריכטער איבער אַפּיקורסים און אַגיטאַטאָר פֿון קרייץ־צוגן, און אין יאָר 1227 האָט אים גרעגאָר 9 באַאויפֿטראַגט אויסצוראָטן די אַפּיקורסות אין דייטשלאַנד און גלייכצייטיק דורכפֿירן אַ רייניקונג אין דער האַרטיקער קירך. אין זיין שרייבן צו קאָנראַדן קלאָגט זיך דער פּויפּסט, אַז די דייטשע גלחימשאַפֿט געפֿינט זיך אין אַ שלעכטן מצב, אַז זי שיכורט און פֿירט אַן אויסגעלאַסן לעבן, און באַגייט פֿאַרברעכנס, וואָס אַפֿילו פּשוטע מענטשן דערלויבן זיך נישט; ס'איז נויטיק דעריבער אַ רעפֿאָרם — און קאָנראַד זאָל זען זי דורכפֿירן. גלייכצייטיק איז קאָנראַד איינגעלאַדן געוואָרן פֿאַר אַ גייסטיקן פֿאָטער און נשמה־באַזאָרגער צו דער פֿרוי פֿונם טיור־רינגישן לאַנדגראַף לודוויג. וועגן רעפֿאָרמען אין קירך האָט מען אָבער גאָרנישט געהערט; קאָנראַד איז צופֿיל געווען פֿאַרנומען אויף זיין אַמט ביי דער לאַנדגרעפֿין און אַלס אַפּיקורסים־ריכטער.

אין גיכן האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די פֿרוכטן פֿון קאָנראַדס טעטיקייט: מע האָט אַלע מאָל אַנטדעקט מאַסן אַפּיקורסים, און דער פּויפּסט האָט אונטערגעמונטערט די דייטשע בישקופֿן, זיי זאָלן אָן שום רחמנות אויספֿירן די אורטיילן אויף די אַפּיקורסים. קאָנראַד האָט באַקומען גרויסע פֿולמאַכטן און האָט זיך גענומען פֿאַר דער אַרבעט. קרבנות זענען געפֿאַלן אויף רעכטס און אויף לינקס. קיינער איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן. ס'איז גענוג געווען, אַז אַ נקמה־דורשטיקער פּאַרשוין זאָל דערלאַנגען אַ מסירה אויף זיין שכן, און דער לעצטער מיט זיין פֿאַמיליע זענען געווען שוין אויסגעשטעלט אויף די שרעקלעכסטע צרות. קאָנראַד האָט זיך צוגעהערט צו יעדער בבא־מעשה, אַבי זי האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַפּצושיקן אַפּיקורסים אויפֿן שייטער־הויפֿן אָדער זיי סתם אָנטון צרות. ער האָט אַזוי געווילדעוועט, אַז אַפֿילו די ערצ־בישקופֿן פֿון טריר און קעלן האָבן אים געמוזט בעטן, ער זאָל האַנדלען אַביסל פֿאָרזיכטיקער און מילדער אויף אַזאַ וויכטיקן אַמט. עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. אין יאָר 1232 איז ער אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעקלאָגט אין אַפּיקורסות, אויפֿן גרונט פֿון אַ מסירה, די גראַפֿן פֿון אַרנסבערג, פֿון לאַאַז און פֿון סיין

(קירכן־געמיינדע טריר). קאָנראַדן האָבן שלאָפן נישט געלאָזט לאָרבער־קרענץ פון דער דרום־פראַנצויזישער אינקוויזיציע, וועלכע האָט זיך נאָכם געווען אין די גראַפן פון לאַנגעדאָק. ער האָט בלויז פאַרזען, אַז די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד איז לגמרי אַן אַנדערע, ווי דער אין פראַנקרייך. אין פראַנקרייך איז אַלץ מער געוואַקסן די נאַציאָנאַלע צענטראַליזאַציע און די גראַפן זענען געוואָרן אַלץ מער אָפּהענגיק פון דער קרוין; און אין דייטשלאַנד איז געווען פּונקט פאַרקערט: דאָ זענען אַלץ מער געוואַקסן די פּריווילעגיעס פון די פירשטן און גראַפן, די קעניגלעכע מאַכט איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און האָט ווייט נישט געקאָנט זיך דערלויבן לגבי די גראַפן דאָס, וואָס די פראַנצויזישע קרוין האָט זיך דערלויבט לגבי די גראַפן פון טולוז.

און כך הוה. די אָנגעקלאָגטע דייטשע גראַפן האָבן זיך נישט דערשראָקן פאַר קאָנראַדן, און האָבן געפּועלט ביים ערצ־ביסקופּ פון מאַינץ, ער זאָל צונויפרופן אַ קאָנציל אויף צו באַטראַכטן זייער ענין. אַזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן הויכגעשטעלטע לייט, האָבן זיך אויף דער איינלאַדונג אָפּגערופן זייער פיל פירשטן און ביסקופן און אפילו דער קעניג הענריק איז געקומען, אַזוי אַז די פאַרזאַמלונג — אין יולי 1233 — איז גיכער ענלעך געווען צו אַ פּאַרלאַמענט, ווי צו אַ קירכן־קאָנציל. דער סיינער גראַף האָט דערקלערט, אַז ער איז אומשולדיק און איז גרייט צוצושטעלן באַווייזן, וואָס מאַכן צונישט די אָנקלאָגע. קאָנראַד האָט גלייך דערהפילט, אַז זיין האַל איז אויסגעשפּילט: די עדות פון זיין זייט האָבן אָדער גאָרנישט געזאָגט, אָדער זיי האָבן געמאָלדן, אַז זיי האָבן געשטיצט די אָנקלאָגע מחמת מורא פאַר קאָנראַדן. דער קאָנציל האָט זיך אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ טריבונאַל אויף צו משפּטן דעם אינקוויזיטאָר. מען האָט דעם פּראָצעס אָפּגעלייגט, כדי אָפּצושיקן אַ באַריכט קיין רוים וועגן פאַרלויף פון דער זאַך. אויפגעבראַכט פון דער געליטענער מפּלה, איז קאָנראַד אַוועק פונעם קאָנציל און האָט גלייך אָנגעהויבן אַגיטירן אין די גאַסן פון מאַינץ פאַר אַ קרייץ־צוג קעגן די הערעטיקער. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט צוריק קיין מאַרבורג צוזאַמען מיט זיינעם אַ באַגלייטער — אָבער ער איז אַהין נישט דערפאָרן: הינטער דער שטאָט מאַינץ

האָבן אים אָפּגעוואַרט עטלעכע פּריצים און האָבן אים דערמאָרדעט (30 יולי פון 1233). דייטשלאַנד האָט לייכט אָפּגעאָטעמט נאָכן טויט פון קאָנראַדן, איינעם פון די ערגסטע טיראַנען.

ווייטער האָבן מיר ידיעות וועגן אַ סאָציאַל-אַפּיקורסישער דעמאָנסטראַציע אין יאָר 1248, אויפן באַרג שוואַביש-האַל, וועלכע איז אַריבער רואיק. די וואַלדענזערײַ איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין קרייז פּאַסאַו, וועלכער האָט אַרומגענומען גאַנץ מזרח-בייערן און צפון-עסטרייך (פון בעהמען ביז שטירמאַרק). 41 שולן אָדער געמיינדעס וואַלדענזישע זענען דאָ געווען, דער עיקר אין די דערפער. דער גרעסטער רוב מיטגלידער זענען געווען פּויערים און האַנטווערקער. אין לעצטן פערטל פון 13-טן יאָרהונדערט האָט דאָ די באַוועגונג שטאַרק געליטן פון דער אינקוויזיציע. דערנאָך גייט אַוועק אַ גאַנץ יאָרהונדערט און מען הערט גאָר נישט וועגן די וואַלדענזער, ווייל די קירך האָט דעמאָלט זיך פאַרנומען מיט אויסראָטן די בעגינער און בעגאַרדן. די וואַלדענזער האָבן אויסגענוצט די האַזיקע פּויזע און האָבן זיך זייער פאַרשטאַרקט, ביז ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגונגען אויך אויף זיי. אַרום יאָר 1390 האָט מען אין מאַינץ איייניקע וואַלדענזער אַריינגעוואָרפן אין דער בישאָפישער תפיסה. מען האָט זיי אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז זיי האָבן אויסגעגעבן נאָך איייניקע חברים זייערע, און מען האָט זיי אַלע איבערגעגעבן אין רשות פון דער ציווילער מאַכט. אין יאָר 1392 האָט מען אין בינגען פאַרברענט 36 וואַלדענזער. און גלייכצייטיק האָט מען אַנטדעקט די וואַלדענזער אין עסטרייך, בעהמען, מאַראַוויע, פּוילן, אונגאַרן, בייערן, שוואַביע, שטירמאַרק, זאַקסן און פּאָמערן. אַרום יאָר 1315 האָבן די וואַלדענזער אין עסטרייך געציילט ביז 80 טויזנט מיטגלידער. דעם דאָמיניקאַנישן אינקוויזיטאָר אַרנאָלד האָט מען אין יאָר 1318 דערהרגעט אין קרעמס אויף דער קאַטעדרע. שפּעטער מיט אַ פּאָר צענדליקער יאָר (1338) האָבן ווידער קרובים פון פאַרפּייניקטע וואַלדענזער דערהרגעט אַגרויסע צאָל אינקוויזיטאָרן מיט זייערע געהילפן. אין 1397 האָט מען אין שטיריע אַרעסטירט ביז טויזנט וואַלדענזער, און הונדערט פון זיי האָט מען אומגעבראַכט אויף די שייטער-הויפנס. פון 15-טן יאָרהונדערט אָן הערן אין דייטשלאַנד ביסלעכווייז אויף די רדיפות אויף די קעצער.

פון אָנהויב 14־טן יאָרהונדערט האָט די קירך זיך גענומען פאַרפאָלגן די בעגינער און בעגאַרדן. אין 1310 זענען פאַרגעקומען פּראָווינץ־קאָנציל אין טריר און אין מאַינץ, און זיי האָבן אַרויסגעגעבן שאַרפע פאַראָרדנונגען קעגן די ביידע סעקטעס. די לעצטע זענען שוין דעמאָלט געווען זייער שטאַרק אינם ריין־געביט; זיי זענען דער עיקר אַרויסגעטראָטן קעגן די אָפיציעלע בעטלער־אָרדנס (דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער), האָבן עפנטלעכע דיספוטן מיט זיי געפירט, און ווי עס שיינט, מיט גרויס דערפאָלג, ווייל דער פראַנציסקאַנער אָרדן־גענעראַל האָט אין 1308 ספּעציעל אַוועקגעשיקט קיין קעלן דעם גרעסטן אָרדן־מאַן — יאָהאַן דונס סקאָטוסן, כדי צו אָרגאַניזירן דאָרט אַ קאָנטער־פּראָפּאַגאַנדע. סקאָטוס איז אָבער גיך געשטאָרבן, און די בעגאַרדן האָבן ווייטער געקאָנט פירן זייער פּראָפּאַגאַנדע. — ערגער איז עס צוגעגאַנגען מיט די בעגינער אין פּאַריז; אין 1310 איז האָרט אומגעקומען אין שרעקלעכע יסורים אויפן שייטער־הויפן די בעגינערין מאַרגאַרעטע פּאָרעט; זי האָט העלדיש באַגעגנט דעם טויט, נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון שוואַכקייט. — דער פּויפּסט קלעמענס 5 (1305 — 1314) האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ רייע פאַראָרדנונגען, וועלכע זענען אַריין אין קראַפט ערשט אין יאָר 1317, שוין פאַרן פּויפּסט יאָהאַן 22. אַ סך בעגינער־הויפן האָט מען דאַן פאַנאַנדערגעיאָגט, די איינוווינער אַרויסגעוואָרפן און זייער קאָלעקטיוו־פאַרמעגן קאָנפיסקירט, אָרעמע, פאַרשטויסענע, האָבן זיך פיל פון זיי פאַרנומען מיט פּראָסטיטוציע. — אין די צוואַנציקער יאָרן פון 14־טן יאָרהונדערט האָט מען די בעגאַרדן שטאַרק גערודפט אין דער געמיינדע פון מאַינץ. אין 1319 האָט זין יאָהאַן 22 געקלאָגט, פאַרוואָס מען ווענדט נישט אָן אין שטראַסבורג די פאַראָרדנונגען פון קלעמענסן. אין אַ דעקרעט פון 1231 זאָגט ער, אַז אין אַ סך טיילן פון דייטשלאַנד „וווינען אין גרויסע מאַסן די אַזוי גערופענע בעגינער. זיי לעבן צוזאַמען און טראָגן אַ באַזונדערע הלבשה“. ער באַשולדיקט זיי דערביי, אַז זייער ז. פרום לעבן איז נישט מער ווי אַ אָנשטעל און פאַרלאַנגט מען זאָל פאַנאַנדערלאָזן זייערע ישובים.

פון יאָר 1230 האָט מען די בעגאַרדן אָנגעהויבן זייער שטאַרק פאַרפאָלגן אין קעלן. אַרויסגעטראָטן קעגן זיי איז דער אַרצי־בים־

סוף הענריק פון קעלן, וועלכער האט פארמסרט אויך דעם מייסטער עקעהארט. אין יאר 1325 איז פארגעקומען א פראצעס איבער א גרויסער צאל בעגארדן, וועלכע מען האט באשולדיקט אין פרייער ליבע און אין פארשפרייטן אפיקורסישע אידייען: דער געריכט איז געווען פון ביסקופן. א מאן פופציק פון די אנגעקלאגטע האבן זיך געהאלטן פעסט און זענען געווארן פארמשפט: א טייל פון זיי האט מען פארברענט און א טייל אין ריין אריינגעווארפן. דעם אורטייל האט אויסגעפירט די ציווילע מאכט

א גרויסן רושם האט געמאכט דער פראצעס איבערן האלענדישן „לאלהארד" וואלטער, איינעם פון די פעאיקסטע מיסיאנערן ביי די בעגארדן. זיינע רעדעס און שריפטן, אין א פאלקסטימלעכער אלגעמיין־פארשטענדלעכער שפראך, האבן זייער פיל געהאלפן צו פארשפרייטן די בעגארדישע לערע. אין יאר 1237 — אין זעלבן יאר ווען מייסטער עקעהארט איז געשטארבן — איז וואלטער געווארן ארעסטירט, — ער איז אויסגעשטאנען די שרעקלעכסטע עינויים און האט זיך נישט אפגעזאגט פון זיינע איבערצייגונגען, קיין זאך נישט געוואלט אויסגעבן און קיין נאמען נישט אנגערופן. נאכן אורטייל האט ער רואיק, מיט א הייטער געמיט געווארט אויף זיין סוף. א פריידיקער איז ער ארויף אויפן שייטער־הויפן און איז אומגעקומען אין די פלאמען.

די אלע קעלנער פראצעסן מאכן דעם איינדרוק, אז זייער אייגנטלעכער ציל איז געווען — שאפן פארן ארצי־ביסקופ שולד־מאטעריאל קעגן מייסטער עקעהארט, כדי אים אויך פטרן אויפן שייטער־הויפן.

אין משך פון זייער אנטוויקלונג האבן די בעגינער און בעגארדן אויפגענומען אויך אמאלריציאנישע אנשויאונגען, וועלכע זענען בכלל נישט געווען כאראקטעריסטיש פאר זיי. אנדערע זענען פארמשפט געווארן אלס בעגארדן, און אין דער אמתן האבן זיי גאר געהערט צו די „ברידער פון פרייען גייסט", אדער צו יענער ריכטונג, וועלכע איז געווען פאנטעאיסטיש און אנטינאמיסטיש און האט מסתמא געהאט אין אירע רייען אויך עלעמענטן, וואס האבן גאר געוואלט לעבן ווי איבער־מענטשן, אויף יענער זייט גרענעץ פון גוטס און שלעכטס. די דאזיקע ריכטונג האט געהאט

לערד אַזאַ שייכות מיט דער אַלגעמיינער סאָציאַל־אַפּיקורסישער באַוועגונג. ווי היינט צו טאָג אַנאַרכיזם מיט סאָציאַליזם. אָבער גראָד אַט די פּאַנטעאיסטיש־אַנטינאָמיסטישע ריכטונג, וועלכע איז אויפגעקומען אין פּאַריז אין אָנהויב פון 13־טן יאָרהונדערט (זע פריער ז. 72—69) האָט, דוכט זיך, געהאַט אַ שטאַרקערן איינפלוס אויף דער דייטשער מיסטיק, איידער אַלע אַנדערע סאָציאַל־אַפּיקורסישע ריכטונגען פון יענער צייט.

קיין דייטשלאַנד האָט די דאָזיקע שיטה איבערגעטראָגן, באַלד נאָך איר אַנטשטייען, איינער אָרטליב פון שטראַסבורג, און זי האָט געפונען פיל אָנהענגער צווישן די געבילדעטע קרייזן. ווי מיר ווייסן, האָט די אַמאַלריציאַנישע שיטה געלערנט, אַז גאָט פילט אויס די גאַנצע נאַטור, אַז ער ווירקט ווי אַ שאַפנדיקער כוח אין אַלע לעבעדיקע און נישט לעבעדיקע זאַכן פונם וועלטאַל. די נשמה פונם מענטשן איז אַ פונק פון גאָט. בכן איז דער מענטש אַ טייל פון דעם וועלטשאַפנדיקן כוח, ד. ה. גאָר נישט אַזאַ אָרעם, הילפלאָז און דורך שלעכט באַשעפעניש, ווי דאָס באַהילפלאָז... הויפּטער די קירך; דעריבער באַדאַרף נישט דער מענטש נישט קיין הייליקע עבודה, און נישט קיין ספּעציעלע פאַרמיטלונג צווישן אים און גאָט; ער נויטיקט זיך נישט אין קיינע קירכלעכע צערעמאָניעס און דאָגמעס און אין קיין שום אַנדערע אָפּשרעק־מיטלען. די נשמה איז אַ טייל פון גאָט, און נאָכן טויט פון קערפּער קערט זי זיך אום צוריק צו גאָט, און זי באַדאַרף נישט פריער דורכגיין קיין פאַנטאַסטישן חיבוט הקבר, קיין גהינום. דער מענטש דאַרף דאָס וויסן, כדי צו פילן זיך פאַר אַ טייל פון הייליקן גייסט, אָדער ווי מיר וואָלטן זיך היינט אויסגעדריקט: כדי צו לעבן ווי אַן אַנאַרכיסט. און ווייבאַלד דער מענטש האָט דעם באַוווסטזיין פון זיין אייניקייט מיט גאָט, איז שוין נישט שייך צו רעדן וועגן זינדיקייט, ווייל די געטלעכע קראַפט וואָס ווירקט אין אים שליסט במילא אויס דאָס זינדיקע. אין אַ ריינעם איז אַלץ ריין. אים איז אַלץ דערלויבט, וואָרום אַלע זיינע האַנדלונגען, בליקן און אַנשויאונגען פליסן אַרויס פון אַ ריינעם געטלעכן קוואַל. פאַר אַזאַ מענטשן איז נישטאָ קיין געזעץ, ער שטייט איבער יעדן געזעץ.

די אָרטליבער האָבן זיך פאַררופן אויפן אַפּאָסטעל פּוילוס,

וועלכער האט אין זיין גייסט קאמף פאר באפרייען זיך פון דער אלטביבלישער געזעצלעכקייט, אזוי געזאגט: „דעריבער איז יעצט קיין פארמשפטונג מער נישטא פאר די, וועלכע זענען עס אין ישוע המשיח, פאר די וועלכע גייען נישט נאך דעם פלייש, נאר נאך דעם גייסט. ווייל דער געזעץ פון דעם גייסט פון לעבן אין ישוע המשיח האט מיך פריי געמאכט פון דעם געזעץ, פון זינד און טויט". (רוימער ח', פערז 1 און 2) און ווייטער: „און ווען איר ווערט געטריבן פונם גייסט, אזוי זענט איר נישט אונטער דער תורה". (גאלאטער ה', פערז 18). און ענדלעך: „און ווייסן, אז די תורה איז נישט געגעבן געווארן פאר דעם צדיק, נאר פאר דעם רשע, פאר די ווידערשפעניקע" (טימאט. א. פערז 9—10) אט דער טיפער געדאנק פון דעם היידנישן אפאסטעל וועגן עצם פון געזעצלעכקייט איז זייער ענלעך צו דער גנאסטישער אויפפאסונג פון די פנעוומאטיקער. ביי רעליגיעז-זיטלעכע מענער ווי מייסטער עקעהארט איז אזא אנשויאונג נישט געפערלעך, פונקט ווי אנארכיזם ביי מענטשן פון גרויסן כאראקטער. אבער ביי זיטלעך-מינדערווערטיקע מענטשן קאן דאס פירן צו פארווילדערונג, צו אומגעצוימטער פרייהייט, צו עגאאיסטישן אינדיווידואליזם. און עס איז זייער מעגלעך, אז די „ברידער פון פרייען גייסט" אדער די ארטליבער אין דייטשלאנד האבן געווירקט אין דעם זין אויף געוויסע בעגינער און בעגארדן און זיי אויך פארדרייט דעם קאפ מיט איבערמענטש-טעאריעס. מען קאן צולאזן, אז ווען די אינקוויזיציע האט באשולדיקט אנדערע אפיקורסים אין געשלעכטלעכער אומגעצוימטקייט, האט זי דאס נישט אינגאנצן אויסגעטראכט; אבער איך מיין, אז אויך וויפיל אזעלכע פארקריפלונגען האבן טאקע געהאט אן ארט, איז עס געווען נאר אדאנק דעם איינפלוס פון די אמאלריציאנער און ארטליבער.

אין די לערעס פון די ארטליבער און בכלל פון די „ברידער פון פרייען גייסט" איז נישט געווען קיין שום שפור פון קאמוניזם. זיי זענען טאקע געווען קעגן פריוואט-אייגנטום, אבער נישט מחמת זיי האבן געוואלט עס פארוואנדלען אין כלל אייגנטום, — נאר זייער שטרעבן איז געווען, אז דער איבערמענטש זאל איינשטעלן זיין געטלעך רעכט איבער אלץ. דער איבערמענטש זאל

האָבן אַ פּרייען צוגאַנג צו אַלע ערדישע גיטער — און אַרבעט, אָן שום התחייבותן.

מייסטער עקהאַרט איז געשטאַנען זייער נאָענט צו די פּאַנטעאיסטישע און אַנטינאָמיסטישע אַנשויאונגען פון די „ברידער פון פרייען גייסט“, אָבער ער איז געווען זייער ווייט פון די פּראַקטישע אויספירן, וואָס זיי האָבן געמאַכט. ער האָט זיין גאַנץ לעבן שטאַרק געהאַלטן פון אַפּאָסטעלישער אָרימקייט און האָט איבערגעלעבט אַ טיפע אינערלעכע פרייד דערפון, וואָס ער האָט גובר געווען אַלע ערדישע תאוות. זיינע באַרימטע תלמידים, די דייטשע מיסטיקער העינריך זוזאָ (געשט. 1361) און יאָהאַן טאַולער (געשט. 1361), האָבן געלעבט איינפאַך ביז גאָר; זייער איבערצייגונג איז געווען, אַז די פאַראייניקונג (די מיסטישע) פונם מענטשן מיט גאָט איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען דער מענטש איז נישט פאַרהייראַטעט און איז פריי פון אַלע פאַרגענגלעכע זאַכן. זייער האָלענדישער צייט- און געזינונגס-חבר יאָהאַן פון ריסברעק (1294 — 1381) האָט אויך פאַרשפּרייט ענלעכע אַנשויאונגען. ביי די „ברידער פון פרייען גייסט“ איז די פּראַקטיק געווען אַ אַנאַרכיסטיש-אינדיווידואַליסטישע; פאַרקערט, ביי מייסטער עקהאַרט און ביי די קרובישע מיט אים מיסטיקער איז די פּראַקטיק געווען אָדער אַפּאָסטעלישע אָרימקייט, אָדער דער קענאָביטישער רעגולאַמין. ריסברעקס תלמיד, גערהאַרט גראָט פון דעווענטער (1340 — 1384) האָט געגרינדעט אַ קאָמוניסטישע געמיינדע „ברידער פון געמיינזאַמען לעבן“, אַפּנים אַלס אָפּאָזיציע קעגן די „ברידער פון פרייען גייסט“. גראָט איז אָבער נישט גאָר פריי געווען פונם חשק צו פאַרפאָלגן אַפּיקורסים. בעת די אינקוויזיציע האָט אַרום יאָר 1370 ווידער אויסגעשפּרייט אירע נעצן אין דייטשלאַנד, זענען אייניקע „ברידער פון פרייען גייסט“ אַנטלאָפן קיין האָלאַנד, וווּ זיי האָבן געהאָפט צו געפינען אַ גינסטיקן באָדן פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע: האָט דאָך ריסברעק אַליין זיין גאַנץ לעבן פאַרשפּרייט קרובישע טעאָריעס. גראָט האָט זיך אָבער געלאָזט אויף אַן אַנדער וועג — ער האָט די „ברידער פון פרייען גייסט“ באַשולדיקט אין אַפּיקורסות און האָט זיי פאַנאַטיש פאַרפאָלגט. און נאָר מחמת ער איז איינגיכן געשטאָרבן, איז אין האָלאַנד נישט געקומען צו די

ברוילן פון דער אינקוויזיציע. די געמיינדע „ברידער פון געמיינ־
זאמען לעבן” האט זיך גאנץ גוט אנטוויקלט אונטער דער אנפי־
רונג פון גראטם נאכפאלגער. די מיטגלידער פון אט די ברודער־
שאפטן האבן געמיינזאם געארבעט און געמיינזאם זייער פארמעגן
געהאט, האבן שטודירט טעאלאגיע, איבערגעשריבן אלטע מאנוס־
קריפטן, אדער זיך געלערנט און געגרייט צו גלחישע אמטן. ד:
ברודערשאפטן האבן זיך פארשפרייט איבער האלאנד און צפון־
דייטשלאנד. אין זייער געמיינשאפט־היים אין ווינדעסהיים האבן
געלערנט צווישן אנדערע טאמאס פון קעמפען, דער בארימטער
מחבר פון בוך „דאס נאכפאלגן קריסטוסן”, און עראזמוס פון
ראטערדאם, דער גרויסער הומאניסט און אנהענגער פון אורקריסט־
לעכן קאמוניזם און א פריינט פון טאמאס מאר. אין דער ברודער־
שאפט אין מאגדעבורג האט אויך לוטער אפגעלעבט א [illegible] יאר.

אינהאלט

פאָרוואָרט

1. דאס סאציאלע דענקען אין מיטלאלטער

1. דער מקור פון מיטלאַלטערלעכן קאָמוניזם און זיין מהות. 5
2. דער גייסט פון אור־קריסטנטום און פון דער פאַטריסטיר 9
3. גנאָזיס, מיסטיק און נעאָ־פּלאַטאָניזם. 17
4. וועגן מיטלאַלטערלעכן נאַטור־רעכט אין אַלגעמיין 29
5. דאָס רוימישע און דאָס קריסטלעכע נאַטור־רעכט. 34

2. פעלקער־וואנדערונג און ווידער־אויפבליונג

1. גערמאַנער 40
2. די קירך. 48
3. די קאָמוניסטישע קלויסטער־ישובים. 55

3. פון קאמוניזם צו פריוואט־אייגנטום

1. ווירטשאַפטלעכער מצב. 64
2. יאָאַכים פון פלאָרים. אַמאַלריך פון בענאַ. 69
3. פראַנץ פון אַסיז; דונס סקאָטוס, מאַרסיליוס פון פּאַדואַ, ווילהעלם פון אָקאַם. 73
4. דאָמיניגאָ דע גוזמאַן. טאָמאַס פון אַקווינאַ. 80

4. דער מהות פון דער הערעטיש־סאציאלער באוועגונג

1. גייסטיקע שטרעמונגען. 85
2. די קאַטאַרער. 87
3. קאטארער און קאָמוניזם. 90
4. די אינקוויזיציע. 96

5. די פארשפרייטונג פון די קאטארער און זייער פארפאלגונג

1. בולגאַריען און די באָגומילן. 103

2. איטאליע: דער קאמף צווישן פויבסט מיט קיידער; ארנאלדיסטן, הומיליאטן: אפאסטעל־ברידער 105
פראנקרייך: [illegible]דענזער. לאנגעדאק: אלבינענזער 118
4. פלאנדריע: בעגינער און בעגארדן; לאלהארדן 126
5. דייטשלאנד: וואלדענזער, בעגינער און בעגארדן, ארט־ליבער, ברידער פון פרייען גייסט, די דייטשע מיסטיקער ברידער פון
געמיינזאמען לעבן 20 1

מ. בעער

געשיכטע
פון סאציאליזם

דריטער טייל

נייע צייט

פון 14 ביז 18 יאָרהונדערט

יידיש: יוסף לעשצינסקי

פארלאג „די וועלט“ ווארשע, 1928

Printed in Poland

M. BEER — Historja socjalizmu

Wyd.: „Di WELT", Wsrszawa.

DRUKARNIA o o o o o
o o o „DI WELT"
WARSZAWA, NOWOLIPIE 7.

ה ק ד מ ה.

דער טייל 3 „אַלגעמיינע געשיכטע פון סאָציאַליזם" נעמט אַרום די נייע צייט — פון סוף 14־טן ביז סוף 18־טן יאָרהונדערט. לויטן אינהאַלט נאָך, צעפאַלט זיך דער טייל אויף צוויי: 1) פעריאָד פון די פויערשע אויפשטאַנדן, און 2) פעריאָד פון אוטאָפּיעס און אוטאָפּיסטישער קריטיק.

דער אונטערגאַנג פון מיטלאַלטער איז באַגלייט געוואָרן פון העפטיקע פויערשע קאַמפן; די פויערים האָבן זיך פאַרשטאַרקט אַ דאַנק דער שטאָטישער ווירטשאַפט, און האָבן געשטרעבט צו דעראָבערן צוריק זייער אַמאָליקע פרייהייט. גלייכצייטיק זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע קאָנפליקטן צווישן די אָרימע שיכטן שטאָטישע באַפעלקערונג מיטן פאַטריציאַט — ס׳הייסט, פאַקטיש אויפשטאַנדן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. אין די דאָזיקע אויפשטאַנדן האָט נאָך צום לעצטן מאָל ווידער אויפגעפלאַקערט דער מיטלאַלטערלעכער אַפּיקורסישער קאָמוניזם. דינם דייטשישן פויערן־קאַמף באַטראַכט איך פאַר אַ טייל פון דער ערשטער דייטשער רעוואָלוציע (פון 1516 ביז 1536), וועלכע נעמט אַרום די רעפאָרמאַציע, די איינהייט־באַוועגונג, דעם פויערן־קאַמף און די ווידער־טויפער.

צום צווייטן פעריאָד געהערן די גרויסע אוטאָפּיסטישע שילדערונגען און סאָציאַלע קריטיק פון טאָמאַס מאָרוס, טאָמאַס קאַמפּאַנעלאַ, דעניס וועראַס, מעטליע, מאָרעלי, מאַבלי; און צום זעלבן פעריאָד געהערן אויך די סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע באַגרינדער פון בורזשואַזן אייגנטום: האָבס, לאָק, לינגע, אַדאַם סמיט, וויליאַם פאַלעי.

אומעטום געפינט דער לעזער די היסטאָרישע פּאָליטיש־סאָציאַלע ראַם, אין וועלכער עס שפּילן זיך אָפּ די קאַמפן און קומען אויף די ליטעראַרישע ווערק. אַלס כּלל, ווערט דערביי מער אויפמערקזאַמקייט געשענקט די גייסטיקע פּיאָנירן פון די דאָזיקע באַוועגונגען.

מ. בער.

I. דער אונטערגאַנג פֿון מיטלאַלטער.

1. די וועלט־הערשאַפֿט פֿון פּויבסטום און פֿון קייזערטום ווערט געבראָכן.

די רוימישע אימפּעריע איז אונטערגעגאַנגען מחמת ווירטשאַפטלעכער שוואַכקייט; דאַקעגן, דער אונטערגאַנג פֿון מיטלאַלטער איז פֿאַרבונדן געווען מיטן אויפשטייג פֿון אַ נייער ווירטשאַפט, און איז באַגלייט געווען פֿון שטאַרקע אינערלעכע קאַמפֿן.

שוין אין 14־טן יאָרהונדערט זענען די סימנים פֿון צעפֿאַלונג געווען קענטיק זייער בולט. דיביידע וועלט־מאַכטן — פּויפּסטום און קייזערטום — וואָס זייער ווירקן און קאָנזייטיקער קאַמף האָט אויסגעפֿילט דעם מיטלאַלטער, זענען ביזן גרונט צעטרייסלט געוואָרן דורך דער ניי אויפשטייגנדיקער מאַכט: דורך דער נאַציאָנאַלער מלוכה, דורך דער מאַכט פֿון די איינצלנע לענדער. אינעווייניק אין די צוויי צענטראַלע אָרגאַניזמען זענען אויפגעקומען נייע קערנדלעך. אַרום די קערנדלעך האָבן זיך גרופּירט אַלע קרובישע צו זיי עלעמענטן, און ס׳האָבן זיך אויסגעבילדעט הגם קלענערע, אָבער דערפֿאַר פֿעסטערע ווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע און נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפֿטן; די לעצטע האָבן גענומען זיך דרייען אַרום זייער אייגענער אַקס: זיי האָבן אַלץ גרעסערע אָנשטרענגונגען געמאַכט אויף גאָר אָפּצורייסן זיך פֿון די צענטראַלע אָרגאַניזמען. די נייע קערנדלעך — דאָס זענען געווען די שטעט, די צענטרען פֿון דער נייער ווירטשאַפֿט, די מיטלפּונקטן פֿון אייגענע באַזונדערע אינטערעסן; לכתחילה האָבן זיי זיך פֿאַרבונדן מיט די לאַנדפֿירשטן און קעניגן, כדי צוזאַמען זיך ווערן קעגן די אוניווערסאַלע מאַכט־אַספּיראַציעס פֿון פּויפּסטום און פֿון קייזערטום. אין איטאַליע האָבן די שטעט געהאַט דערביי אָפּטע קאָנפֿליקטן אי מיטן

פויפסטום צו מיטן קייזערטום; אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד האָבן די שטעט געהאַלטן דער עיקר דאָס פויפסטום פאַר זייער געפערלעכסטן קעגנער.

און אין לויף פון אָט דעם קאַמף פון די שטעט פאַר זייער זעלבסטשטענדיקייט, האָט זיך די ליטעראַטור פון די איינצלנע מלוכות אויך אָפּגעריסן פון דער לאַטיינישער אוניווערסאַל־שפּראַך, און די דיכטער און שרייבער האָבן אומעטום געשאַפן אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך; די גרויסע שעפער פון די נאַציאָנאַל־שפּראַכן אין מערב־ און מיטל־אייראָפּע זענען אַלע געווען אַנטי־פויפּסטלעך. די מלוכה־מענער פון זייער זייט האָבן געשאַפן אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. נאַציאָנאַלע קירכן־פּאָליטיקער און טעאָלאָגן האָבן געלייגט די יסודות פון דער רעפאָרמאַציע, ווי דאָס איז געווען אין ענגלאַנד, בעהמען און דייטשלאַנד; אַ ענלעכע דערשיינונג איז געווען דער קאַלוויניזם אין פראַנקרייך, וואו די קעניגלעכע מאַכט האָט אפילו גענומען געפאַנגען דעם פויפסט און געצוואונגען דעם קלער זיך אונטערצוואַרפן די מלוכה־געזעצן. פון 14־טן יאָרהונדערט אָן ביז טיף אין דער נייער צייט אַריין האָט רוים — דאָס רוים פון די טרענאָרס און אינאָקענטס — געמוזט ביטער קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ, ניט נאָר קעגן די נאַציאָנאַלע מלוכות, נאָר אויך קעגן די אייגענע קירכן־קאָנצילן (קאָנגרעסן), וועלכע האָבן געפאָדערט פאַר זיך קאָנטראָל־רעכט איבערן פויפסט.

נאָך ערגער איז געווען דער גורל פונם דייטשן קייזערטום: עס איז דערשטיקט געוואָרן פון אימפּעריאַליסטישער אינפלאַציע. לפנים האָט עס געוועלטיקט איבער אָן אַ שיעור לענדער, אָבער פּאַקטיש האָט עס ניט פאַרמאָגט קיינע פּאָליטישע ווערטן; אויפן מזבח פון דער דאָזיקער „אינפלאַציע" האָט עס מקריב געווען זייער פיל דייטשיש בלוט, אָבער די אייגנטלעכע דייטשע אינטערעסן האָט עס פאַרנאַכלעסיקט. די קיסרים זענען אַזוי געווען פאַרטון אינם טרוים וועגן וועלט־הערשאַפט, אַז זיי האָבן זיך ניט געקימערט וועגן דער נייער דייטשערווירטשאַפט, וועגן דער האַנזע*, וועגן

---

*) פאַרבאַנד פון דייטשע האַנדלס־שטעט, מיט לובעק אין דער שפּיץ

די בליענדיקע שטעט, וועגן דעם פרי־קאפיטאליזם פון דרום־דייטשלאנד — סיידן ווען זיי האבן זיך געניויטיקט אין הלוואות פאר זייערע אויסערלעך־פאליטישע אוואנטורעס. די טיכטיקסטע עלעמענטן פון פאלק, די נייע פירער פון דער שטאטישער ווירטשאפט, האבן געזוכט אנצוקניפן האנדלס־באציונגען מיט דער ארומיקער וועלט, און האבן זייער ענערגיע אויסגעבראכט דער עיקר אויף מוניציפאלע אנגעלעגנהייטן. אמת, פון צייט צו צייט האט ביי די דאזיקע עלעמענטן אויך אויפגעלעבט דער חוש פאר נאציאנאל־מלוכה'שע אינטערעסן, און זיי האבן געגרינדעט שטעט־פארבאנדן און צוגעהאלפן דעם קייזער אין זיין קאמף קעגן פויפסטום, — אבער די גרויסמאכט־פאליטיק פון די קיסרים האט צעשטויבט די נאציאנאלע ענערגיע און האט אוממעגלעך געמאכט א פאליטישע קאנצענטראציע. זייט דעם טויט פון לודוויג דעם בייערשן (1347) איז פונם קייזערטום פאקטיש געבליבן ניט מער ווי א שאטן; עס איז פארשוואונדן געווארן פונם דייטשן האריזאנט און האט זיך פארקליבן ווייט אויף מזרח פון דער אימפעריע — קיין עסטרייך, קיין ווין און פראג. עס איז געווארן עקסצענטריש. די באזונדערע לאנד־פירשטן האבן דאן באקומען די לאנג געחלומטע מעגלעכקייט צו רעאליזירן זייער שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיקער מאכט, און דייטשלאנד איז געווארן צעריסן און צעברעקלט אויף א רייע יארהונדערטן. און געשעען איז דאס פונקט דאן, ווען אויף מערב פון דער אימפעריע האט זיך די פראנצויזישע מלוכה־מאכט אלץ מער צענטראליזירט; זי האט געלייגט דעם יסוד פאר א שטענדיקער ארמיי, און דער לייט־פאדעם פון איר דיפלאמאטיע איז געווארן — אויפהאלטן די צעריסנקייט פון דייטשלאנד.

און גלייכצייטיק מיט אט די נאציאנאל־פאליטישע פאסירונגען האבן אויך אויסגעבראכן איבערלעכע קאנפליקטן און קלאסן־קאמפן, ווי דאס קומט געוויינלעך פאר, בעת אן אלטע געזעלשאפטלעכע ארדנונג גייט אונטער און סיקומט אויף א נייע.

2. סאציאלע קאנגזאצן.

ווען די שטעט האבן זיך פארמערט, די באפעלקערונג אין [illegible]

איז אויסגעוואקסן און דער האנדל און האנטווערק האבן זיך אויסגעברייטערט — האט דאס געפירט דערצו, אז דאס בירגערטום האט זיך צענויפגעשטויסן אין זיינע אינטערעסן מיט די ערד־פריצים. די אויפגעקומענע נייע ווירטשאפט, די סוחרישע גילדיעס און די פון זיי ארויסגעקומענע האנטווערקער־צעכן, האבן זיך באלד דערפילט זייער ענג אין די ראמען פונם פעאדאלן רעזשים. ער איז געווען פאר זיי, ווי קייטן. פאר דער נייער ווירטשאפט איז נויטיק געווען, אז די באפעלקערונג זאל זיך קאנען פריי באוועגן: פריי קויפן און פארקויפן, פריי זיך מעגן פארנעמען מיט יעדער מלאכה אדער זיך פארדינגען צו עמיצן אויף ארבעט. דער הויפט־שטריך אבער פון דער לען־סיסטעם איז געווען געבונדנקייט; ס׳איז צוגעלאזט געווארן נאר צייטווייליקער ערד־אויסטויש, און די איינציקע פארם פון לוין פאר דינסט־ארבעט איז געווען מיליטערישער שוץ; די גרויסע מאסע פון דער באפעלקערונג, די פויערן, זענען געווען צוגעפעסטיקט צו דער ערד, האבן ניט געקאנט זיך פריי באוועגן און זענען געווען באלאסטעט מיט אזוי פיל דינסט־ארבעט פאר די פריצים, אז זיי האבן כמעט ניט געקאנט געניסן פון די אלע סחורות, וואס די שטאט האט אויסגעארבעט: זיי האבן ניט געהאט פאר וואס יצו קויפן. די לען־סיסטעם האט אזוי ארום געשטערט דעם צופלוס פון ארבעטער אין שטאט אריין, און זי האט באגרענעצט די נאכפראגע אויף די שטאטישע סחורות. די אלע וואס זענען געווען פאראינטערעסירט אינם שטאטישן ארבעט־ און סחורה־מארק האבן דערום געמוזט באקעמפן די לען־סיסטעם.

ביי אזא לאגע האט די פראדוקציע גופא אויך שטארק געליטן, ווארום די רוי־שטאפן, וועלכע זענען נויטיק געווען פאר די שטאטישע האנטווערקערייען, האבן זיך אויך געפונען אין רשות פון די לאנד־פריצים, — וועלטלעכע און גייסטלעכע. די פריצים און די אבאטן האבן געהאט די וועלדער — האבן זיי געהאט געהילץ און פוטערווארג; זיי האבן געהאט סטאדעס פי, אלזא פעל און וואל; אויף זייערע פעלדער זענען געוואקסן פענקע און פלאקס, — אלץ רוי־שטאפן, אן וועלכע די שטאטישע אינדוסטריע האט זיך

אַ ריר טון ניט געקאָנט. די זעלבע פּריצים ווידער האָבן אַרויפֿ־
געלייגט שטייערן אויף די דורכפֿאָר־וועגן און בריקן, און האָבן אַלע
מאָל געקאָנט שטערן דעם פֿאַרקער אָדער גאָר אים אָפּשטעלן. אַט
דער פּריצישער מאָנאָפּאָל אויף דער אַרבעטס־קראַפֿט, אויף די רוי־
שטאָפֿן און אויף די פֿאַרקער־מיטלען האָט עס געשאַפֿן דעם קעגנ־
זאַץ צווישן דער שטאָט און דער לען־סיסטעם. די שטאָט האָט גע־
מוזט זיך איינשטעלן פֿאַר פֿרייהייט, זי האָט געמוזט שטרעבן אָפּ־
צושאַפֿן די לען־סיסטעם, דעם פֿעאָדאַליזם, די שטאָט האָט זיך
דערום באַמיט אָפּצושאַפֿן די ליייב־קנעכטשאַפֿט; זי האָט גערן אַריינ־
געלאָזט צו זיך די אַנטלאָפֿענע פּויערן; און נאָך מער: זי האָט
געקויפֿט די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן ביי די פּויערן, און
די לעצטע האָבן אַזוי אַרום געהאַט געלט אויף זיך אויסקויפֿן פֿון
די פּריצים, ווען יענע האָבן זיך גראָד גענויטיקט אין געלט. און די
פּריצים האָבן געוויינטלעך תּמיד באַדאַרפֿט געלט — אויף וואָפֿן,
אויף לוקסוס, אויף רייזעס; באַזונדער איז געוואָרן גרויס זייער
נויט אין געלט נאָך די קרייץ־צוגן, ווען זיי האָבן זיך באַקענט מיט
דער וועלט און מיט אירע תּענוגים.

אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך פֿאַר די פּויערן געעפֿנט אַן אויסקוק
אויף בעסערע צייטן. אָבער די זעלבע אומשטענדן האָבן דערוויי־ל
מיט זיך געבראַכט נאָך אַ פֿאַרערגערונג פֿון זייער מאַטעריעלער
און רעכטלעכער לאַגע. מחמת גרויס מאַנגל אין געלט, האָבן די
פּריצים גענומען אויפֿטרייבן זייערע הכנסות, האָבן זיי נאָך מער
געדריקט די לייב־קנעכט, נאָך מער געשטרעבט צו פֿאַרכאַפּן אין
זייער אויסשליסלעכן רשות די וועלדער, טייכן, לאָנקעס און פּאַשע־
פֿעלדער, וועלכע זענען פֿון תּמיד אָן (נאָך פֿון דער גערמאַנישער
אור־צייט) געווען דאָס אייגנטום פֿון אַלעמען (אַלמענדע); די
וואַקסנדיקע פּויערשע באַפֿעלקערונג האָט אַזוי אַרום ניט געהאַט
קיין פּלאַץ, וואו אויסצוברייטערן איר ווירטשאַפֿט. די הויפֿן
(נחלות) זענען איבער דעם צעברעקלט געוואָרן, די ווירטשאַפֿטן זע־
נען קלענער געוואָרן — און ס׳איז נאָך פֿאַרבליבן זייער פֿיל פּויע־
ערן, וואָס האָבן גאָר ניט געהאַט קיין נחלה, ניט אין הויף און ניט

אין דער אלמענדע. די דאזיקע פויערן זענען געווארן פראלעטאריזירט.

דער פועל־יוצא פון דעם אלעם איז געווען אן אלץ וואקסנדיקע אומצופרידנקייט צווישן דער דארפישער באפעלקערונג; אין 14־טן יארהונדערט האט די אומצופרידנקייט געהאט ארומגעכאפט גאנץ מערב־ און מיטל־אייראפע, זי האט אנגענומען א רעוואלוציאנערן כאראקטער און איר ציל איז געווארן — צוריק אויפשטעלן די אמאליקע דארף־געמיינשאפט און די אמאליקע דעמאקראטישע פרייהייט.

אין שטאט זענען דעמאלט אויך פארגעקומען קאנפליקטן צווישן פארשידענע שיכטן פון דער באפעלקערונג, און דאס האט נאך מער פארשטארקט די רעוואלוציאנערע ברויזונג. די לאנדווירטשאפט האט געשאפן דאס דארף, פונקט ווי האנדל און האנטווערק האבן געשאפן די שטאט. די דארפס־ישובים, וועלכע זענען געווען אדמיניסטראטיווע אדער קירכלעכע זאמל־פונקטן פאר דער באפעלקערונג, אדער וועלכע זענען גראד געליגן דארט, וואו די וועגן קניפן זיך, — אט די ישובים האבן געטריבן האנדל, זיך פארנומען מיט מלאכה און זענען געווארן שטעט. אזוי ווי די ערד האט געהערט אדער צו א פריץ, אדער צו א ביסקופ אדער אבאט, האבן די שטעט ערשט געמוזט אויסקויפן ביי די דאזיקע באלעבאטים פרייהייטן פאר זיך, זיי האבן געמוזט קויפן ביי זיי דאס רעכט אויף זעלבסט־פארוואלטונג. אויף דעם באדן איז, נאטירלעך, געקומען גאנץ אפט צו רייבונגען און סיכסוכים. לכתחילה האבן די אלע, וואס האבן זיך פארנומען מיט האנדל אדער מלאכה, זיך פאראייניקט אין איין האנדלס־גילדיע, דערנאך האבן באזונדערע פאכן און מלאכות אנגעהויבן זיך אפטיילן און געבילדעט באזונדערע גילדיעס אדער צעכן. די צעכן האבן געארבעט אי אויף אייגענער רעכענונג אי אויף באשטעלונגען פאר קונדן. די באציונגען צווישן די צעכן־מיטגלידער זענען געווען ווי אין א איינקויף־געזעלשאפט, וואס האט אלס ציל אפצושוואכן די קאנקורענץ און צו רעגולירן די פרייזן און לוין־טאריפן. די באציונגען צווישן מייסטער, געזעלן און לערן־ייִנגלעך זענען די ערשטע צוויי יארהונדערטן, ביז ארום דער העלפט פון

14־טן יאָרהונדערט, געווען ניט קיין שלעכטע. אָבער פון דער צייט אָן הערן מיר שוין אָפט וועגן קאָנפליקטן צווישן מייסטערס און געזעלן, וועגן לוין־סיכסוכים און אפילו וועגן פאַלן פון וואַרפן די אַרבעט; עס אַנטשטייען שוין אפילו דאָ און דאָרט באַזונדערע פאַרבאַנדן פון געזעלן; אָבער דאָך האָבן די דאָזיקע קעגנזאַצן נאָך געטראָגן מער אַ צופעליקן און לאָקאַלן כאַראַקטער; פון קיין אַלגעמיינער אַרבעטער־פראַגע קאָן נאָך דאַן ניט זיין קיין רייד. ערנסטער זענען דעמאָלט געווען די קעגנזאַצן צווישן די רייך־געוואָרענע מיטגלידער פון די צעכן און צווישן די אָרימערע מיטגלידער. די אַלטע משפחות האָבן געהאַלטן, אַז דאָס רעכט אויף שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג געהער נאָר צו זיי. זיי האָבן געבילדעט דעם אַזוי גערופענעם פּאַטריציאַט; פון זיי איז באַשטאַנען דער ראַט (אָדער די ערן־ווירדיקע), בעת די אָרימערע צעכן־מיטגלידער האָבן ניט געהאַט קיין וואַל־רעכט. אין 14־טן און 15־טן יאָרהונדערט זענען פאָרגעקומען שאַרפע וואַל־רעכט קאַמפן, וועלכע האָבן זיך אָפט געענדיקט מיט אַ זיג פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטן. צו די דאָזיקע פּאָליטישע קאָנפליקטן האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעמישט סאָציאַלע מאָמענטן — ווייל צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער פּריוואַט־ווירטשאַפט איז געוואַקסן אויך די קלאַסן־צעגלידערונג, און די שטאָטישע באַפעלקערונג איז שוין באַשטאַנען פון צוויי טיילן — פון באַזיצנדיקע און באַזיצלאָזע. קיינע שום תקנות פון די צעכן האָבן ניט געקאָנט פאַרהיטן פון שאַרפע סאָציאַלע קעגנזאַצן. גלייך פון אָנהויב, ווי נאָר די פויערן־אויפשטאַנדן זענען אויסגעבראָכן (אין 14־טן יאָרהונדערט), זענען די אָרימערע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אומעטום געווען אויף דער זייט פון די פויערן, זייערע פאַרבינדעטע אין קאַמף. און מען קאָן מיט פולן רעכט זאָגן, אַז הגם דער קאַמף טראָגט דעם נאָמען פויערן־מלחמות, איז אָבער געפירט דעם קאַמף האָט די גאַנצע אַרבעטנדיקע מאַסע פון יענער צייט. פויערן־מלחמות רופן זיי זיך בלויז דערפאַר, ווייל דעם הויפט־קאָנטינגענט פאַר די אויפשטאַנדן האָט צוגעשטעלט די דאָרפישע באַפעלקערונג.

ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָבן סאָציאַל־רעפאָרמערישע

און קאַמוניסטישע פאָדערונגען געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָל אין די דאָזיקע אויפשטאַנדן; און די דאָזיקע פאָדערונגען האָבן אָנגענומען אַ טעאָלאָגישע פאָרם, טיילווייז מחמת די טעאָרעטיקער זענען געווען טעאָלאָגן, און טיילווייז מחמת זיי זענען אויך געווען געווענדעט קעגן דער קירך, פּונקט ווי די רעפאָרמאַציע־באַוועגונג פון יענער צייט.

II. די פויערשע אויפשטאַנדן.

1. פלאַנדריע

די באַפעלקערונג פון פלאַנדריע, צום גרעסטן טייל פון גערמאַנישער (פריזישער) אָפּשטאַמונג, איז געווען זייער אַ קריגערישע, און האָט זיך צווישן די פעלקער פון מערב־אייראָפּע אויסגעצייכנט מיט איר קאַמף פאַר אירע פרייהייטן. אויפן יסוד פון די אָפּמאַכן פון ווערדען (843) און מערסען (870), בעת ס'איז צעטיילט געוואָרן די פראַנקישע מלוכה פון קאַרל דעם גרויסן, איז פלאַנדריע אַריבער צו קאַרל דעם ליסן, און זי האָט געבילדעט דעם גרונטקערן פון פראַנקרייך. די מאַרקגראַפן פון דער פלאַנדרישער געגנט האָבן, אַזוי ווי אַלע אַנדערע וואַסאַלן פון דער פראַנצויזישער קרוין, אויסגענוצט די שוואַכקייט פון די קאַראָלינגער און האָבן געהאַנדלט אויף אייגענער האַנט, זעלבסטשטענדיק. ערשט די קאַפּעטינגער — די יורשים פון די קאַראָלינגער — האָבן ביסלעכווייז גענומען איינשטעלן אַ צענטראַליסטישע מלוכה־פּאָליטיק און האָבן געמאַכט ענערגישע פּרווון פעסטער צוצובינדן פלאַנדריע צו פראַנקרייך. די דאָזיקע פּרווון האָבן עס געפירט צו מלחמות צווישן די קעניגן פון פראַנקרייך מיט די גראַפן פון פלאַנדריע.

דער דאָזיקער פּאָליטישער קעגנזאַץ איז נאָך קאָמפּליצירט געוואָרן דורך דער קלאַסן־שפּאַלטונג פון דער פלאַנדרישער באַפעלקערונג. דער אויפשוואונג פון דער פלאַנדרישער וואָל־וועבעריי און טוך־האַנדל, דער אויפבלי פון די שטעט, ווי ברוגע, גענט, איפערן, קאַסעל א. א. וו. — דאָס האָט געשפּאַלטן די שטאָטישע באַפעלקערונג אויף צוויי קעגנזעצלעכע קלאַסן: אויף פּאַטריציער און אויף אָרימערע צעכן־מיטגלידער און פּראָלעטאַריאַט. אין דאָרף ווידער האָבן די פויערים זיך אויסגעקויפט פון דער פּאַנשטשיזנע און זענען

געוואָרן אַרענדאַטאָרס מיט ירושה־רעכט אויף דער אַרענדירטער ערד: אויף צפון־מערב פון פלאַנדריע, וואו דער פעאָדאַליזם איז קיינמאָל ניט געווען זייער פעסט, האָט זיך די צאָל פרייע פויערן שטאַרק פאַרמערט. דער אויפבלי פון די שטעט האָט פון זיין זייט אויך זייער גוט געווירקט אויף די פויערן, אַלס צושטעלער פון לעבנסמיטל און רוי־שטאָפן; און זיי זענען אַרויסגעטראָטן קעגן די פרעטענזיעס און פריווילעגיעס פונם אַ דל(פריצים), וועלכער האָט געשטרעבט דורך זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער מאַכט ווי־דער אַרויפצוצווינגען אויף די פויערן די ווירטשאַפטלעכע התחייבותן און דינסט־לאַסטן, וועלכע זענען בטל געוואָרן צוזאַמען מיט דער לען־סיסטעם. פּאַטריציער און פריצים זענען געווען אַ גײַסטיקע מינ־דערהייט לגבי די האַנטווערקער און פויערן, — האָבן זיי געזוכט דעריבער שוץ ביי דער פראַנצויזישער קרוין און זענען שוין בכלל געווען פראַנצויזיש געשטימט; דאַקעגן, די פויערן און די ברייטע מאַסע צעכן־מיטגלידער האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דער אומאָפּ־הענגיקייט פון זייער לאַנד, און האָבן געשטיצט דעם פלאַנדרישן גראַף אין זיין קאַמף קעגן פראַנקרייך. אַנדערע היסטאָריקער ווילן אין דעם קאָנפליקט איינזען אַ קאַמף צווישן דער גערמאַנישער און ראָמאַנישער ראַסע; אין דער אמתן אָבער, האָבן מיר דאָ צו טון מיט אַ קלאַסן־קאַמף, נאָר צוליב די דינאַסטישע שטרעבונגען האָט ער אָנגענומען אַ מלוכה־פּאָליטישן כאַראַקטער.

צום סוף פון 13־טן יאָרהונדערט זענען די באַציונגען צווישן פראַנקרייך און פלאַנדריע געווען זייער אָנגעצויגן — און גאָר גיך איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה. דער פראַנצויזישער קעניג פיליפּ דער שיינער, וועלכער איז אונז שוין באַקאַנט פון זיין קאַמף מיטן פויפּסטום (2־טער טייל, זייט 116), און וועלכער האָט געפירט אַ צענטראַליסטישע פּאָליטיק, איז דער ערשטער אָנגעפאַלן אויף פלאַנדריע. די פריצים און פּאַטריציער האָבן ענטוזיאַסטיש באַ־גריסט די פראַנצויזישע אַרמיי, וועלכע האָט באַזעצט דאָס לאַנד, און האָבן איר אומעטום געהאָלפן, אָבער די פלעמישע האַנטווער־קער האָבן געקענט די קונסט פון ווערן זיך, און זיי האָבן ביטער צעשלאָגן די פראַנצויזישע ריטערשאַפט, ביי קורטרעי (1302). די

מלחמה האט זיך געענדיקט מיטן פארעטערישן אפמאך פון אטיס (1304), לויט וועלכן די באפעלקערונג האט געמוזט צאלן שווערע מלחמה־קאנטריבוציע. די פריצישע און פאטריצישע פריינט פון פראנקרייך האבן געבילדעט „רעפאראציע־קאמיסיעס", און דער פראנצויזישער גובערנאטאר זשאק־דע־שאטיליאן האט זיי דערין צוגעהאלפן. די ארבעטנדיקע באפעלקערונג האט שווער געזיפצט אונטער דעם יאך פון די „רעפאראציעס", פון צייט צו צייט זענען אויסגעבראכן דא און דארט אויפשטאנדן, ביז ברוגע האט ארגאניזירט אן אלגעמיינעם פאלקס־אויפשטאנד, וועלכער איז אויסגעבראכן אין יאר 1323 און האט געדויערט, מיט פארשידענעם מזל, ביז 1328. די פרייע פויערן פון מערב־פלאנדריע און די פויערשע ערד־ארענדאטארן פון מזרח־פלאנדריע האבן געבראכט די גרעסטע קרבנות אין אט דעם ערשטן קאמף פון ארבעטער־פאלק אין אייראפע. פון די שטעט זענען ברוגע, קאסעל און איפערן געווען אויף דער זייט פון די פויערן; דאקעגן גענט איז געווען אויף דער זייט פון די פריצים און פאטריציער. דאס פויפסטום און דאס פראנצויזישע קעניגטום האבן ביידע געקעמפט קעגן פאלק: די קירך האט אויסגערופן א חרם (אינטערדיקט) איבער די צעבונטעוועטע געגנטן, און דער קעניג האט געגעבן מיליטערישע הילף די פריצים און פאטריציער און פארבאטן דעם האנדלס־פארקער מיט פלאנדריע.

פון די כראניק־באשרייבונגען פון יענער צייט קאן מען ניט זוויסן, צי אינם אויפשטאנד האבן געשפילט א ראל סאציאליסטישע (אדער אפיקורסיש־קאמוניסטישע) מאטיוון, צי ניט. פון דעם אויסטענהן זיך פון די אויפשטענדלער זעט מען נאר, אז די ארבעטנדיקע מאסן האבן זיך אויפגעהויבן קעגן דער עקספלואטאציע און אונטערדריקונג מצד די העכערע קלאסן, און אז זיי האבן שטרענג פאראורטיילט יעדע הכנסה, וואס באקומט זיך ניט פון אייגענער ארבעט. צווישן די אנפירער מיטן אויפשטאנד האבן זיך באזונדער אויסגעצייכנט דער פויער ניקאלאאוס צאנעקין און דער בריוגער האנטווערקער יאקאב פעיט. צאנעקין האט באשולדיקט די העכערע קלאסן בלויז דערין, אז זיי באציען זיך מיט פאראכטונג צו

די מנהגים און געוווינהייטן פון פלאַנדרישן פאָלק; יאַקאָב פּעיט דאַקעגן, איז שוין געווען אויסגעשפּראָכן סאָציאַל־אפּיקורסיש. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די רייכע און קעגן דער קירך און האָט געפירט דעם קאַמף מיט אויסערגעוויינלעכער ענערגיע. ווער נאָר ס׳האָט זיך ניט געשטעלט אָפן און ערלעך אויף דער זייט פון אָרעמען פאָלק — דער איז באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ פיינט. ער האָט דערקלערט די הערשנדיקע שיכטן: „איר זאָרגט אַ סך מער פאַר דעם וואויל פון די פירשטן, איידער פאַרן וואויל פון די געמיינדעס, פון וועלכע איר ציט אייער לעבנס־חיונה.“ פּעיט האָט אַגיטירט דאָס פאָלק צו באַציען זיך מיט פאַראַכטונג צום חרם פון פויפּסט, ניט אָנערקענען קיין שום גייסטלעכע, מתפּלל זיין נאָר צו יעזוסן דעם פאַרפאָלגטן און געקרייציקטן און זיך פירן לויט זיין לערע. אין גיכן איז פּעיט אויף אַ פאַרעטערישן אופן דערמאָרדעט געוואָרן, אין פורנע; דאָס פאָלק האָט אים אָבער פאַרערט אַלס הייליקן, באַזונדער נאָכדעם ווי דער קלער האָט באַשלאָסן צו באַהאַנדלען דעם דערמאָרדעטן ווי אַן אפּיקורס און פאַרברענען זיין קערפּער.

די ערשטע יאָרן האָבן די פויערשע אויפשטענדלער אָפּגעהאַלטן גאַנץ היפּשע נצחונות. גאַנץ פלאַנדריע איז שוין געווען כמעט אין זייער רשות. אָבער די אַנטלאָפענע פריצים און פּאַטריציער האָבן געפירט אַן אַקציע אין פּאַריז, צו געווינען אויף זייער זייט די קעניגן קאַרל IV (1321 — 1328) און פיליפּ וואַלואַ (1328 — 1350), אַז יענע זאָלן שיקן אַ מיליטער־עקספּעדיציע קעגן די אויפשטענדלער, „וועלכע שטעלן אין סכנה די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג“. אין די ערשטע יאָרן פון זיין קעניגן האָט פיליפּ וואַלואַ אָרגאַניזירט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע אַרמיי, און אין 1328 איז ער דורך אַראַס אַריינגעדרונגען אין פלאַנדריע, און מיט דער הילף פון דער שטאָט גענט האָט ער דעם 28 אויגוסט 1328 צעשלאָגן די אויפשטענדלער ביי קאַסעל. ביז 9000 פויערן און האַנטווערקער זענען געבליבן אויפן שלאַכטפעלד. די אויפגעשטאַנענע שטעט האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן אָן שום באַדינגונגען. די פראַנצויזישע און פלאַנדרישע פריצים האָבן זיך מוראדיק נוקם געווען אין די פויערן,

ניט געשוינט אַפילו קיין פרויען און קינדער. מען האָט קאָנפיסקירט דאָס פאַרמעגן פון די געפאַלענע, מען האָט פאַרמשפּט צום טויט די אָנפירער, מען האָט אַרויפגעלייגט שווערע קאָנטריבוציעס אויף די שטעט — אַזוי, אַז דער מוט פון דער פלאַנדרישער באַפעלקערונג איז אויף אַ צייט געוואָרן געבראָכן. אין אָקטאָבער 1328 איז די אָרדענונג געווען צוריקגעשטעלט, און דער פויפסט האָט געגעבן זיין הסכמה — ניט גאָר גערן — אויף אַראָפּנעמען דעם גרויסן חרם.

2. פראַנקרייך: די זשאַקעריע.

דער נצחון, וואָס פיליפ וואַלואַ האָט אָפּגעהאַלטן אין פלאַנדריע, האָט נאָך מער צוגעשפּיצט די עקאָנאָמישע סיבות פון דער ענגליש־פראַנצויזישער מלחמה פאַרן טראָן־רעכט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1339 און האָט געדויערט, מיט הפסקות, כמעט גאַנצע הונדערט יאָר. די זאַך איז די, וואָס ענגלאַנד איז געווען דער הויפּט־ליפעראַנט פון וואָל פאַר פלאַנדריע; ענגלאַנד איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אינם פלאַנדרישן טוך־האַנדל און בכלל אינם פלאַנדרישן האַנדל; די ענגלישע פּאָליטיקער האָבן דערום זייער קרום געקוקט דערויף, וואָס פראַנקרייך דרינגט אַריין קיין פלאַנדריע. און ווען דער קעניג פון פראַנקרייך איז, נאָך דער שלאַכט ביי קאַסעל (1328), געוואָרן האַר און באַלעבאָס איבער פלאַנדריע, האָט ענגלאַנד גלייך רעאַגירט דערויף זייער שאַרף: דער ענגלישער קעניג עדוואַרד III (1327 — 1377), דער באַגרינדער פון דער ענגלישער ים־ און הערשאַפט־פּאָליטיק, האָט גענומען מאָנען זיין רעכט אויף דער פראַנצויזישער קרוין. אין יאָר 1328 איז געשטאָרבן דער לעצטער קאַפּעטינגער, קאַרל IV. דעם טראָן האָט געירשנט פיליפ וואַלואַ, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ נעבן־ליניע פון די קאַפּעטינגער, און נישט עדוואַרד II, וועלכער האָט אויך געהערט צו דער קעניגן־פאַמיליע פון די קאַפּעטינגער, אַלס אייניקל פון פיליפ דעם שיינעם. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער א. ג. הונדערט־יעריקער טראָן־קריג אין משך

פון וועלכן ענגלאַנד האָט געשאַפן די יסודות פון איר ים־ און ווירטשאַפט־מאַכט, און פראַנקרייך האָט נאָך אַ רייע מפּלות רעאָרגאַניזירט אירע מיליטערישע כוחות און געלייגט דעם יסוד פאַרן פראַנצויזישן מיליטאַריזם.

דער אָנהייב פון אָט דער לאַנגער מלחמה איז זיך נישט באַגאַנגען אָן גרויסע אַליאַנסן און דיפּלאָמאַטישע אָפּמאַכן. עדוואַרד III איז געווען אַ שוואָגער פונם בייערישן קייזער לודוויג, האָט ער זיך באַמיט ווענן אַ בונד מיט דייטשלאַנד; אַ חוץ דעם האָט ער געשלאָסן פאַקטיש מיט די פלאַנדרישע שטעט אַן אַליאַנס, וועלכע האָט אים געבראַכט ממשותדיקן מיליטערישן און ווירטשאַפטלעכן נוצן, און ער האָט אָנגענומען דעם טיטל: קעניג פון פראַנקרייך *). אָבער בכלל גענומען, האָט די מלחמה גאָר נישט ניט געענדערט אין די באַזיץ־פאַרהעלטענישן פון ביידע צדדים. די נצחונות און מפּלות האָבן זיך סוף כל סוף כמעט באַלאַנסירט; געליטן און געבלוטיקט אונטער דער לאַסט פון דער מלחמה האָט אָבער אי דאָ אי דאָרט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק, און ס׳האָט ניט איינמאָל זיך געבונטעוועט. און צום סוף פון אָט דער שרעקלעכער שחיטה איז דאָס פראַנצויזישע פאָלק שוין געווען אַזוי אָבערגלויבעריש, אַז די באַפרייאונג פונם פאָטערלאַנד פון ענגלישער הערשאַפט האָט עס פאַרבונדן מיטן נאָמען פון דער יונגפרוי פון אָרלעאַן.

נאָך אַ צענדליגן יאָר פון הכנות און אינטריגעס האָט דער ענגלישער קעניג עדוואַרד III דערקלערט מלחמה די פראַנצויזן, אין יאָר 1339. אין 1340 איז ביי סלויס (האַפן פון בריוגע) פאָרגעקומען אַ גרויסער ים־שלאַכט. אַ גאַנצן טאָג איז די לאַגע געווען אומזיכער אויף ביידע זייטן, ביז דער פלאַנדרישער פלאָט האָט זיך נישט אַריינגעמישט און דעצידירט דעם אויסגאַנג פון דער שלאַכט לטובת די ענגלענדער. דער גאַנצער פראַנצויזישער

*) פון יענעם יאָר אָן האָבן די ענגלישע קעניגן זיך גערופן אויך קעניגן פון פראַנקרייך. ערשט אין יאָר 1820 האָט די ענגלישע קרוין זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דעם טיטל.

פלאַט, מיט אַ מאַנשאַפט פון 20 טויזנט מאַטראָזן, איז דער־טרונקען געוואָרן. אַזוי האָט זיך פלאַנדריע נוקם געווען אין פי־ליפּ וואַלואַ. אין 1346, אין דער שלאַכט ביי קרעסי, איז ווידער אומגעקומען אַ גרויסער טייל פון דער פראַנצויזישער ריטערשאַפט. אין 1347 האָבן די ענגלענדער פאַרנומען קאַלע *), און ס'איז פאַרבליבן אין זייער רשות העכער צוויי הונדערט יאָר. אין 1356 האָט די ענגלישע אַרמיי אָפּגעהאַלטן אַ זיג ביי פּואַטיע, הגם דאָס פראַנצויזישע חיל איז געווען פינף מאָל גרעסער אין צאָל; בעת דער שלאַכט האָט מען גענומען געפאַנגען דעם פראַנצויזישן קעניג יאָהאַן דעם גוטן, און אים אַוועקגעפירט קיין ענגלאַנד.

די דאָזיקע מלחמות האָבן זיך זייער שווער אָפּגערופן אויף צפון פראַנקרייך: די כסדרדיקע מלחמה־גרייטקייט און באַוואָפנט־קייט, די מפּלות, און די רויבערייען פון די זיגערישע ענגלענדער האָבן געפירט דערצו, אַז דער אַדל איז געוואָרן פאַרדאָרבן און די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג — פאַראָרימט. דער פּרעסטיזש פון דער קרוין איז געפאַלן; די שטעט, וועלכע זענען ביז ניט לאַנג ערשט געווען די זיכערסטע שטיצע פונם קעניג, האָבן איצט בעסער געוואָלט זיין פאַר זיך, זעלבסטשטענדיק. עס האָבן זיך באַוויזן רויבער־באַנדעס, בראש פון וועלכע ס'פלעגן אָפט שטייען באַנקראָטירטע פּריצים, די באַנדעס האָבן מאַרשירט איבערן לאַנד און גערויבט; רויבעריי איז געוואָרן אַ מלאכה, וואָס גיט גוטע פּרנסה; די פּריצים פלעגן אויספּרעסן פון די פּויערים די לעצטע רעשטן פון זייערע אַרבעט־פאַרדינסטן, און האָבן זיי נאָך גע־רופן מיטן שפּאָטישן נאָמען זשאַק באָנהאָם (זשאַק דער טפּש). און אַ שטימונג פון אויפשטאַנד און בונט האָט אַרומגעכאַפּט שטאָט און דאָרף — פון בוגט קעגן קעניג און קעגן אַדל.

דער ערשטער סיגנאַל איז געקומען פון פּאַריז. די הענדלער און האַנטווערקער, מיטן איידלמוטיקן עטיען מאַרסעל בראש, האָבן אין 1357 זיך דערשלאָגן צו אַ מאַניפעסט מצד דעם טראָן־יורש

---

*) די ענגלענדער האָט דעמאָלט געהערט דווור און קאַלע — די צוויי אויגן פון ענגלאַנד.

(דראַפּען). אז די רעגירונגס־מאַכט גייט איבער פון דער קרוין צו די געזעלשאַפטלעכע שטאַנדן. נאָר אַזוי, ווי דער אַדל און הויך־קלער האָבן ניט געוואָלט שטיצן דאָס בירגערטום, איז דער מאַניפעסט פאַרבליבן נאָר אויפן פּאַפּיר. אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען ס׳האָט זיך געטומלט אין פּאַריז, איז געוואָרן אומרואיק אויך אויפן דאָרף. אין מאַי 1358 איז ביי קאָמפּיען אויסגעבראָכן אַ פּויערשער אויפשטאַנד, וועלכער האָט זיך זייער גיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן צפון, פון פּאַריז ביז אַמיען, און האָט געהאַט פאַר זיך אויך די סימפּאַטיעס פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג פון די שטעט. עטיען מאַרסעל האָט זיך אויך פאַרבונדן מיט די פירער פון די פויערים, כדי אינאיינעם אַ סוף צו מאַכן צו דעם שלימזלדיקן באַלעבאַטעווען פונם אומפּעאיקן, פאַרדאָרבענעם, רויבערישן אַדל.

דער פראַנצויזישער פויערן־קריג — וואָס טראָגט דעם נאָמען זשאַקעריע — איז געווען אַ ניט אָרגאַניזירטער סטיכישער אויפשטאַנד פון עקספּלואַטירטע און באַעולטע זשאַקס (דאָרפסלייט) קעגן זייערע פּייניקער. אָן שום אידייען פון פרייהייט און גלייכהייט, אָן שום שפּורן פון סאָציאַל־אַפּיקורסישע שטרעבונגען. די אינקוויזיציע פון דער ערשטער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט האָט איר אַרבעט אין פראַנקרייך אָפּגעטון בשלמות. סאָציאַלע אומרעכט, עלנט און נויט איז געווען עד בלי די, אָבער ס׳איז ניט פאַרבליבן מער קיין רעוואָלוציאָנערן, קיין אַפּיקורסים, קיין סאָציאַל־רעפאָרמער ניט צווישן די פויערן און ניט צווישן דער שטאָטישער אַרבעט־באַפעלקערונג. בלויז צווישן בירגערטום זענען געווען איינצלנע מענטשן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו בירגערלעכע פרייהייטן; אָבער קיינער האָט זיי ניט אונטערגעהאַלטן. דאַקעגן דער אַדל, וועלכער האָט ניט געקאָנט ביישטיין קעגן אויסערלעכן שונא, איז נאָך אָבער געווען גענוג שטאַרק און סאָלידאַריש, ווי נאָר ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דערשטיקן דעם אינערלעכן פיינט. דעמאָראַליזירטע הערשנדיקע קלאַסן, באַזונדער ווען זיי פאַרבינדן זיך מיט מיליטערישער מאַכט אָדער זיי פאַרמאָגן אַליין אַזאַ מאַכט, האָבן תמיד נאָך גענוג מוט און קראַפט צו דערשטיקן סטיכישע

ניט אָרגאַניזירטע פאָלקס־אויפשטאַנדן; באַזונדער נאָך דערפאַר,
וואָס ביי אַזעלכע מאַסן־אויפשטאַנדן גיט זיך זעלטן איין צו קריגן,
נאָך די ערשטע דערפאָלגן, טיכטיקע פירער און צוצוגעבן דעם
קלאַסן־קריג אָרגאַניזירטע איינהייטלעכקייט:

די זשאַקס זענען און זייער פאַרביטערטקייט זיך באַגאַנגען
זייער ניט איידל מיט די איידעלע לייט — זיי האָבן זיך אין
זייערע אונטערדריקער שווער נוקם געווען; אָבער יענע האָבן איינ־
גיכן גענומען רעוואַנש. די פויערן־באַוועגונג האָט זיך ניט פאַר־
שפּרייט ווייטער, ווי צווישן פּאַריז און אַמיען. סוף יוני האָבן די
פּריצים שוין געקאָנט, מיט דער הילף פון דער רעגירונג, אַריבער צו
אַ קאָנטר־אַנגריף. צוויי שלאַכטן זענען פאָרגעקומען, ביי מאָ און
ביי קלערמאָן־אַן־באָוועזי, און די שלעכט באַוואָפנטע פויערן זענען
געפאַלן אין די טויזנטער. די גאַנצע זשאַקעריע האָט געדויערט
פון 21 מאַי ביז 24 יוני פון 1358. דער אויפשטאַנד איז דער־
שטיקט געוואָרן מיט דער גרעסטער אכזריות. אַ כראָניק־באַשריי־
בער פון יענער צייט דריקט זיך אויס אַזוי: „אַפילו די ענגלענ־
דער, די ערגסטע פיינטפון דער מלוכה, וואָלטן ניט געקאָנט באַ־
גיין זיך מיט די פויערן אַזוי טיראַניש, ווי די פּריצים זענען זיך
מיט זיי באַגאַנגען“. דער פויערן־פירער שאַרל גיליאָם איז פאַר־
נאַרט געוואָרן דורכן דאָפען קאַרל קיין פּאַריז (כלומרשט אויף
צו שליסן אַ וואָפן־שטילשטאַנד), און דאָרט האָט מען אים שרעק־
לעך געפייניקט און דערהרגעט. אויף אַ גליענדיק דרייפוסיק בענקל
האָט מען אים „געקרוינט“ פאַר אַ פויערן־מלך און דערביי האָט
מען אים אָפגעהאַקט דעם קאָפּ. מיט פייער און שווערד האָט מען
וויסט געמאַכט אַלע פויערשע ישובים צווישן די טייכן אואַז,
סענע און מאַרנע. מען האָט אויסגעקוילעט אַ מענגע פרויען און
קינדער. און די זשאַקעריע איז דערטרונקען געוואָרן אין אַט די
טייכן בלוט.

III. נאַציאָנאַלע און סאָציאַל־אַפּיקורסישע קאַמפן.

1. אַרײַנפֿיר־באַמערקונגען וועגן די הויפּט־שטרעמונגען און וועגן די פֿירנדיקע מענער

שווערע, לאַנג דויערנדיקע קאַמפן, — רעליגיעזע, סאָציאַלע און פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע — האָבן באַגלייט די ליקווידאַציע פֿון מיטלאַלטער אין ענגלאַנד, בעהמען און דייטשלאַנד. די רעליגיעזע קאַמפן האָבן אין זייער סך־הכל געבראַכט צו דער רעפאָרמאַציע; די סאָציאַלע קאַמפן האָבן געפֿונען זייער אויסדרוק אין די פּויערן־מלחמות; און די נאַציאָנאַלע קאַמפן זענען באַשטאַנען אָדער דערין, וואָס מען האָט געשטרעבט צו באַפֿרייען זיך פֿון דער אוניווערסאַלער קירך, אָדער אין נאַציאָנאַלע מלחמות: ענגלאַנד קעגן פֿראַנקרייך, בעהמען קעגן דייטשלאַנד.

די גייסטיקע פֿירער פֿון די דאָזיקע באַוועגונגען און צוזאַמענשטויסן זענען געווען: דזשאָן וויקליף אין ענגלאַנד, יאָהאַן הוס אין בעהמען, מאַרטין לוטער אין דייטשלאַנד. אַן אמת געלערנטער מאַן צווישן זיי איז געווען וויקליף; ער איז נאָך געשטאַנען נאָענט צו דער מיטלאַלטערלעכער געלערנטקייט; ער האָט געקענט טעאָלאָגיע און סכאָלאַסטיק; און ער איז אויך געווען דער איינציקער קאָמוניסט צווישן די דריי פֿירער. הוס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אַנטשלאָסענעם און שטאַנדהאַפֿטיקן כאַראַקטער, אָבער אינטעלעקטועל האָט ער זיך געפֿונען אונטערן איינפֿלוס פֿון וויקליפֿן. פֿון קאָמוניזם געפֿינען מיר ביי הוסן נאָר קנאַפּע שפּורן; דער עיקר איז ער געווען אַ נאַציאָנאַל־טשעכישער קירכן־ און מלוכה־רעפֿאָרמאַטאָר. לוטער ווייטער האָט אַלע שטריכן פֿון עלעמענטאַרער דייטשער קראַפֿט — אַ נאַציאָנאַלער

קעמפער לויט נאַטור און אַ מאַן פון זייער אַן ערנסטן כאַראַקטער. לוטער איז זייער טיפּיש פאַרן דייטשן טאַציאַנאַליזם: געוואַלטיקער זיטלעכער ערנסט צוזאַמען מיט אומגעצוימטער זינלעכקייט; שטורמיש־ברויזנדיקע ענערגיע, געהאַמעוועט דורך נייגונג צו קאָנסערוואַטיזם; טיף־גרייפנדער זעלבסט־אַנאַליז — און באַשרענקטער האָריזאָנט; אַטאַקן פון גייסטיקער אָנמעכטיקייט און דעריבער אַ קראַמפּהאַפּטיק קלאַמערן זיך אין וועלכן ס׳איז אויטאָריטעט. פונם סאָציאַלן דענקען פון מיטלאַלטער איז ביי אים שוין גאָר קיין שפּור ניט פאַראַן.

אַלע דריי ווערן זיי קעגן זייער ווילן פאַרבונדן מיט די פויערשע און סאָציאַלע קאַמפן פון זייער צייט: וויקליף — מיטן ענגלישן פויערן־קריג (1381) און מיט זיין עקסטרעם־קאָמוניסטישן פירער דזשאָן באָל; הוס — מיט די הוסיטישע מלחמות (1419—1436) און מיט זייער עקסטרעמען פירער, דעם טאַבאָריט אַנדרעאַס פּראָקאָפּ; און לוטער — מיטן דייטשן פויערן־קריג (1524 — 1525) און זיין קאָמוניסטישן פירער — טאָמאַס מינצער.

די ענלעכקייט פון די אַלע באַוועגונגען, און דאָס וואָס די רעליגיעזע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאַמפן האָבן זיך גלייכצייטיק אָפּגעשפּילט אין דריי לענדער מיט אַמאָל — זאָגט בלי ספק עדות אויף אַ געוויסער געזעצמעסיקייט אינם גאַנג פון אָט די געשיכטלעכע געשעענישן. כראָנאָלאָגיש איז ענגלאַנד געגאַנגען פאַרויס אין דער דאָזיקער באַוועגונג: דער אייגנטלעכער פּיאָניר פון דער נייער צייט אויפן רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן געביט איז געווען וויקליף. אָבער סיי לויט דער שאַרפקייט פון קאַמף, סיי לויט זיין קאָמוניסטישער באַפאַרבונג האָבן בעהמען און דייטשלאַנד פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט, און ניט ענגלאַנד.

2. ענגלאַנד: די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע לאַגע

די ווירקונג פון נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן האָט זיך אָנגעהויבן פילן אין ענגלאַנד אַרום מיטן פון 13־טן יאָרהונדערט. צענדליקער שטאָטישע ישובים זענען גלייך באַקאַנט געוואָרן מיט

זייער האַנטווערקערישער און קאָמערציאַלער טעטיקייט, מיט זייערע גילדיעס און געריכטן. די שטעט זענען געוואָרן אַפּזאַץ־מערק פאַר לעבנס־מיטל פּראָדוקטן, פלאַנדריע מיט איר טוך־אינדוסטריע איז געווען אַ שטאַרקע אָפּנעמערין פון ענגלישער וואָל, און די ענגלישע האַנדלס־לייט האָבן אָנגעהויבן אַלץ מער און מער פאַרלייגן אייגענע טוך־וועבערייען. און דאָס האָט באַלד זיך אָפּגערופן אויף דער סטרוקטור פון די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען: וואָס מער עס זענען געשטיגן די פּרייזן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, אַלץ מער האָבן די פּריצים און אַבאַטן גענומען באַגרעניצן דעם פויערשן קהלשן ערד־באַזיץ, זיי האָבן אַרומגעצוימט גרויסע שטחים ערד און זיי געמאַכט פאַר זייער פּריוואַט־אייגנטום. די דאָרפס־קאָלעקטיוון האָבן אַלץ מער אָנגעוואוירן זייער אַמאָליקע ראָל; די פויערן, וואָס זענען ביז אַהער געווען באַלאַסטעט בלויז מיט געוויסע דינסט־פליכטן פאַר די פּריצים זענען איצט פאַרוואָנדלט געוואָרן אין לייב־קנעכט. און דער דאָזיקער רויב־צוג אויף די פויערשע רעכט איז פאָרגעקומען גראָד אין אַזאַ צייט, ווען בכלל איז די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די פויערן געגאַנגען באַרג אַרויף, ווארום אַלס מיטגלידער פון די דאָרפישע קאָלעקטיוון האָבן זיי געקאָנט אָפּזעצן דעם עודף פון תבואה און גרינסן אין די שטעט פאַר געלט אָדער פאַר האַנטווערקער־פּראָדוקטן, און אַלס לאַנדאַרבעטער האָבן זיי איצט אויך געקאָנט באַקומען העכערע לוינען.

דער דאָזיקער קעגנזאַץ איז נאָך שאַרפער געוואָרן נאָך דער שוואַרצער מגפה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין יאָר 1349: די מגפה האָט אומגעבראַכט אַ גרויסן טייל פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג, און דער נאָכפרעג אויף אַרבעטס־קראַפט איז געוואָרן אַ סך שטאַרקער. כדי די אַרבעטער זאָלן ניט קאָנען אויסנוצן די דאָזיקע לאַגע, האָט די רעגירונג — ד. ה. דער פאַרלאַמענט, וואו געהערשט האָבן די פּריצים — אַרויסגעגעבן אין יאָר 1350 אַן אויסנאַם־געזעץ קעגן אַרבעטער, לויט וועלכן די לוינען מוזן צוריק רעדוצירט ווערן צו זייער גרויס פון יאָר 1348. די דאָזיקע אָנגריפן אויף די דאָרפישע קאָלעקטיוון און אויף די אַר־

בעטער־לוינען האָבן אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אומצופֿרידנקייט צווישן דער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג; די אומצופֿרידנקייט האָט גאָר גיך אָנגענומען אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער: פֿון פֿלאַנדריע זענען אָנגעקומען קיין ענגלאַנד אַ סך לאָלהאַרדן, צום טייל פּשוט אַלס וועבער און צום טייל אַלס פֿאַרפֿאָלגטע אַנטרונענע אַפּיקורסים, און די פֿראַנציסקאַנער ליַנקע האָבן זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט די לאָלהאַרדישע רעדנער; און עס זענען געווען אויך אָרימע טעאָלאָגן און אַפּיקורסישע גלחים, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט פֿאַר די פּויערן און האָבן פֿאַרשפּרייט צווישן זיי די אַלטע אורקריסטלעכע פּאַטריסטיש־נאַטור־רעכטלעכע געדאַנקען.

3. רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע

אין 14־טן יאָרהונדערט האָט די פּויערשע און בכלל אַרבעטנדיקע באַפֿעלקערונג פֿון ענגלאַנד געהאַט גאַנץ היפּשלעך לעדער, רעדנער און אַגיטאַטאָרן. ס׳איז געווען די צייט פֿון די ערשטע ביבל־איבערזעצונגען אויף ענגליש; שריפֿטשטעלער האָבן אויפֿגעהערט צו שרייבן נאָרמאַניש־פֿראַנצויזיש אָדער לאַטייניש און גענומען פֿאַרפֿאַסן ביכער אויף דער פֿאָלקס־שפּראַך, אויף ענגליש — אַ סימן, אַז ס׳איז שוין דאַן געווען אַ נאָכפֿרעג אויף ענגליש געשריבענע ביכער. די צוויי גרעסטע שרייבער פֿון יענער צייט זענען געווען די דיכטער זשאָפֿריי שאָסער (געב. 1328, געשט. 1400) און ווילהעלם לאַנגלאַנד, וועלכער האָט אין לעצטן פֿערטל פֿון 14 יאָרהונדערט אָנגעשריבן דאָס ווערק „דער פּויער פּיער“. שאָסער איז בעיקר געווען דער דיכטער פֿון די העכערע קלאַסן, און לאַנגלאַנד — דער דיכטער פֿון די זעלבסטשטענדיקע פּויערן. ביידע זענען זיי געווען אַנטיקאָמוניסטיש, אָבער דאָך האָבן זיי געשריבן אויף דער פֿאָלקס־שפּראַך. — פֿון די רעדעס און שריפֿטן פֿון די אַפּיקורסיש־סאָציאַלע אַגיטאַטאָרן זענען אונז פֿאַרבליבן נאָר איינצלנע ברעקלעך, וועלכע מיר וועלן ווייטער ברענגען — אַ חוץ נאָך די לאַטיינישע שריפֿטן פֿון וויקליפֿן, וועגן וועלכע ס׳וועט אויך זיין די רייד ווייטער.

דער צענטער פון דער דאָזיקער אַגיטאַציע איז געווען די שטאָט אָקספאָרד. פון דאַנען האָבן אָרימע גלחים און אַפּיקורסישע טעאָלאָגן פאַרשפּרייט זייערע לערעס איבער די „אָפענע פעלדער". *)

די גרונט־געדאַנקען פון דער אַגיטאַציע האָבן בלי ספק געשטאַמט פון דער סאָציאַל־עטיק פון אורקריסטנטום און פון די קירכן־פאָטערס. אַזוי באַקלאָגט זיך לאַנגלאַנד: „זיי פריידיקן לויט פּלאַטאָנען און ברענגען באַווייזן פון סענעקאַן, אַז אַלע זאַכן אונטערן הימל מוזן זיין געמיינשאַפטלעך" (אין „דער פויער פּיער"). און לאַנגלאַנד דערווידערט: אויב די הייליקע שריפטן וואָלטן געהאַלטן פון געמיינשאַפטלעכקייט, טאָ ווי וואָלט גאָט געקאָנט פאַרווערן צו גנבענען אין זיינע צען געבאָטן? גנבה איז דאָך מעגלעך נאָר דאָרט, וואו ס'איז פאַראַן פּריוואַט־אייגנטום. קומט אויס, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז אויך אַ געטלעכע זאַך. די דאָזיקע פּאָלעמיק איז אַ באַווייז, אַז ס'האָט זיך דעמאָלט געפירט אַ זייער לעבהאַפטע קאָמוניסטישע אַגיטאַציע. אָבער דעם גרעסטן אָנזען און איינפלוס האָבן געהאַט די שריפטן פון דזשאָן וויקליף; זייער ווירקונג האָט זיך פאַרשפּרייט ווייט איבער די גרעניצן פון ענגלאַנד.

4. דזשאָן וויקליף

דזשאָן וויקליף (געב. 1320, געשט. 1384) פאַרנעמט גאָר אַ חשובן אָרט צווישן די מענער, וועלכע האָבן גייסטיק צוגעגרייט דעם איבערגאַנג פון מיטלאַלטער צו דער נייער צייט. פאַר דער געשיכטע פון רעליגיע איז ער אייגנטלעך דער פּיאָניר פון דער באַגרינדונג און באַרעכטיקונג פון נאַציאָנאַלן קעניגטום קעגן דער

---

*) „אָפענע פעלדער" האָט מען גערופן די פויערשע געמיינשאַפטן; די פּריוואַטע נחלות פון די פּריצים האָבן געטראָגן דעם נאָמען „אַרומגעצוימטע פעלדער". אַרומצוימען אַ שטיק באָדן מיט אַ פּלויט האָט דעמאָלט באַטייט — פאַרוואַנדלען קאָלעקטיוו־אייגנטום אין פּריוואַט־אייגנטום.

אוניווערסאַל־ממשלה פון פויפסט; אָבער אין ווירטשאַפטלעכן זיינען געהער נאָך וויקליף צום מיטלאַלטער — ער האָט נאָך פאַרטיידיקט די כלל־ווירטשאַפט קעגן דער אַלץ וואַקסנדיקער פריוואַט־ווירטשאַפט. ער האָט שטודירט טעאָלאָגיע אין אָקספאָרד, איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער גאַנצער סכאָלאַסטישער בילדונג פון זיין צייט, און האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון אָקעאַמס שריפטן. וואָס אָקעאַם האָט אויפגעטון אין אייראָפּע (זע 2־טער טייל, זייט 9—78), דאָס האָט וויקליף געוואָלט, אין די יאָרן 1360 — 1380, אויפטון אין ענגלאַנד: באַפרייען דאָס לאַנד פון פויפסטלעכער אַפּוטרופּסות, איינפעסטיקן דאָס ענגלישע קעניגטום און באַשיצן די כלל־ווירטשאַפט. ער האָט פאַר זיך געהאַט אַ צווייענדיקע אויפגאַבע: אַ נאַציאָנאַלע — צו באַפרייען די ענגלישע מלוכה פונם פויפסטס־ממשלה און איינשטעלן די סוווערעניטעט פון דער נאַציאָנאַלער צענטראַל־מאַכט (קעניגטום און פאַרלאַמענט); און צווייטנס, אַ קאָמוניסטישע אויפגאַבע — צו פאַרטיידיקן די דאָרפס־געמיינדע פאַר די רויבערישע אַפּעטיטן פונם אַדל און פון דער קירך. דאָס וואָס ער האָט געפריידיקט עוואַנגעלישע אָרימקייט (די קירך זאָל ניט האָבן קיין שום אייגנטום), וואָלט פּראַקטיש געקאָנט באַדייטן, אַז די וועלטלעכע מאַכט (קעניג, אַדל, שטעט) דאַרף, הייסט עס, קאָנפיסקירן די מאַיאָנטקעס פון דער קירך, און ער וואָלט דעריבער געקאָנט האָבן אויף זיין זייט די דאָזיקע וועלטלעכע מאַכט — נאָר ער האָט אָבער גלייכצייטיק זיך איינגעשטעלט אויך פאַר די רעכט פון די דאָרפס־געמיינדעס און האָט טעאָרעטיש פאַרטיידיקט דעם קאָמוניזם.

די וועלטלעכע מאַכט האָט פאַרשטאַנען די פאָדערונג וועגן דער באַזיצלאָזיקייט פון דער קירך נאָר אין דעם זינען, אַז די קירך דאַרף זיך אָפּזאָגן פון אירע רייכטימער לטובת דער קרוין און די פּריצים. און דערפאַר האָבן די פּריצים טאַקע שטאַרק געהאַלטן פון די רעפאָרמאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך באַגנוגנט נאָר מיט אַזאַ פאָדערונג און ניט אין זינען געהאַט קאָמוניזם און פויערשע פאַרלאַנגען (ווי יאָהאַן הוס), אָדער וועלכע האָבן גאָר באַקעמפט אָט די פאַרלאַנגען. אַנדערש איז געווען וויקליף. לכתחילה האָבן די

פּריצים געהאַלטן פון אים; אָבער ווי נאָר זיי האָבן באַמערקט, צו וואָס זיין לערע קאָן פירן, האָבן זיי זיך פון אים אָפּגעטרייסלט. וויקליף האָט זיך געשטעלט רעפאָרמאַטאָרישע אויפגאַבן: סיי קירכלעכע סייווירטשאַפטלעכע, און דאָס האָט אים געבראַכט אין אַ קעגנזאַץ צו דער קירך, און דערנאָך אויך צום אַדל. און פירנדיק אַ קאַמף מיט דער קירך, איז וויקליף געוואָרן אַן אַפּיקורס; ער האָט פאַרלייקנט די הייליקע צערעמאָניעס (סאַקראַמענטן) און אַ סך וויכטיקע יסודות פון דער קירכן־תורה, ווי דאָס געהיימע מתודה זיין זיך, דאָס זינד־פאַרגעבן און דאָס פאַרגעטערן הייליקע. דער פּויפּסט גרעגאָר IX (1377) האָט פאַרורטיילט פיל פון וויקליפס אָנשויאונגען, און דערנאָך האָט דער סינאָד אין לאָנדאָן (1382) זיי דערקלערט פאַר אַפּיקורסישע. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וויקליף האָט פאַרטיידיקט דעם קאָמוניזם ריין טעאָרעטיש, און זיין איינשטעלן זיך פאַר די געמיינשאַפט־רעכט פון דער פויערישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס ער האָט געפּריידיקט אַ מין סאָציאַלעם קעניגטום. נאָך דעם פויערן־קריג פון 1381 איז וויקליף געוואָרן זייער פאָרזיכטיק מיט זיין קאָמוניזם. זיינע תלמידים, די וויקליפיסטן, זענען שוין גאָר ניט אָנגעפאַלן מער אויפן פּריוואַט־באַזיץ פון געוויינלעכע מענטשען, — זיי האָבן בלויז פאַרלאַנגט, אַז דער פּויפּסט און די קירך זאָלן זיך אָפּזאָגן פון ערדישן באַזיץ און אַז די גלחים און מאָנאַכן זאָלן זיך אויסהאַלטן פון געמיינוווירטשאַפט.

די טעאָרעטישע לייזונג פון זיינע אויפגאַבן איז וויקליפן ניט אָנגעקומען גרינג. די מיטלאַלטערלעכע טעאָלאָגיע איז נאָך אין אַ גרויסער מאָס געווען דורכגעזאַפּט מיט די טראַדיציעס פון נאַטור־רעכט און פון גרעגאָר VII, — לויט וועלכע די אַנטשטייאונג פון קעניגטום האָט איר מקור אין דעם מענטשנס זינדיקייט. אין שפּעט־מיטלאַלטער האָבן די קירכן־לערער זייער פיל געאַרבעט דערויף, אַראָפּצונעמען פון דער מלוכה און פונם קעניגטום דעם זינד־פלעק. מיר האָבן דאָס אויך פריער געזען, ביי טאָמאַס פון אַקווינאָ (2־טער טייל, ז. 83) און אויך ביי מאַרסיליוס פון פּאַדוּאַ און ביי אָקעאַמען (2־טער טייל, ז. 9—78). די מאָטיווירונג איז ביי טאָמאַסן אַ קאָנסערוואַטיווע; ביי מאַרסיליוסן און אָקע־

אַמען — אַ דעמאָקראַטישע. לויט טאָמאַסן קומט אויס, אַז מלוכה פּאַסט זיך פאַרן זינדיקן צושטאַנד פונם מענטשן און פון דער אַל־געמיינער אַנטוויקלונג. פאַרקערט, מאַרסיליוס און אָקעאַם האַלטן, אַז דאָס קעניגטום איז נאָר דעמאָלט באַרעכטיקט, ווען עס אַנט־שטייט מיטן הסכם פון פאָלק. וויקליף האָט ניט געקאָנט פאַרדייען קיין איינע פון די טעאָריעס. קעניגטום האָט פאַר אים נאָך אַלץ געשמעקט מיט זינד; עס וואָלט זיך געקאָנט רייניקן פון אַט דעם פלעק נאָר אין דעם פאַל, ווען עס זאָל זיך שטעלן רעפאָרמעריש־קאָמוניסטישע אויפגאַבן און נעמען אונטער זיין שוץ די פויערשע געמיינשאַפט; נאָר אין פאַרבינדונג מיט קאָמוניזם קאָן דאָס קע־ניגטום קריגן אַ נאַטור־רעכטלעכע לעגיטימירונג. וויקליף האָט גע־האַלטן, אַז קאָמוניזם איז גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון גו־טע מידות, אַז קאָמוניזם איז דער בעסטער יסוד פאַר נאַציאָנאַ־לער מאַכט — און ער פאַרטיידיקט פלאַטאָנס קאָמוניסטישע אי־דייען קעגן די אָנגריפן פון אַריסטאָטעלעסן. „קאָמוניזם, זאָגט ער, איז ניט קעגן קריסטנטום. די אַפּאָסטאָלן האָבן אַלץ געהאַט גע־מיינשאַפטלעך. קאָמוניזם איז פונקט אַזוי העכער פאַר פריוואַט־ווירטשאַפט, ווי אַלגעמיינע אידייען (אוניווערסאַליען) זענען העכער פאַר איינצלנע אמתן. אמת טאַקע, אַז אַריסטאָטעלעס טרעט אַרויס קעגן פלאַטאָנס לערע וועגן גיטער־געמיינשאַפט, אָבער זיי־נע טענות זענען נאָר אַזוי ווייט ריכטיק, אויף וויפל זיי זענען גע־ווענדעט קעגן געמיינשאַפט פון ווייבער. קאָמוניזם מאַכט די מלוכה ניט שוואַכער, נאָר שטאַרקער, ווארום וואָס מער בירגער עס זע־נען פאַראינטערעסירט אינם באַזיץ, אַלץ גרעסער איז זייער פאַר־אינטערעסירטקייט אינם וואוילשטאַנד פונם כלל. געמיינזאַמע אינ־טערעסן פירן צו איינקייט, און איינקייט איז מאַכט.“ (דע צי־ווילי דאָמיניאָ, באַנד 1, קאַפּיטל 14). אָבער וויקליף האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז דעם קאָמוניזם קאָן מען פאַרווירק־לעכן נאָר דורך מאָראַלישע מיטלען, דורך דעם, וואָס מען וועט הויבן דעם זיטלעכן מצב פונם פאָלק, אָבער ניט דורך געוואַלט און אויפשטאַנד. וואו ס'איז פאַראַן פריוואַט־באַזיץ, קאָן ער פאַר־ענטפערט ווערן נאָר דורך טוגנטלעכקייט, דורך באַרמהאַרציקייט.

ווער ס'איז שטאַרק פאַרזינדיקט — דער האָט קיין רעכט ניט אויף פּריוואַט־אייגנטום.

די ראַדיקאַלערע, וואָס פאַלט צונויף מיט די אָנשויאונגען פון אויגוסטינען (זע 2־טער טייל, ז. 16), איז אַ סך רעוואָלוציאָנערער, ווי דאָס קאָן זיך דוכטן פון אויבן אויף. די פריערדיקע פירער האָבן אין זייער אַגיטאַציע לייכט געקאָנט מאַכן פון דער ראַדיקאַלער לערע דעם אויספיר, אַז די אומגערעכטע און זינדיקע פּריצים און אַבאַטן האָבן קיין רעכט ניט אויף זייער פאַרמעגן, און אַז אָפּנעמען ביי זיי מיט געוואַלט זייערע מאַיאָנטקעס איז גאָר אַ מצוה־זאַך. ביי אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט זיך טאַקע געהאַלטן דזשאָן באָל, דער אַגיטאַטאָר פונם פּויערן־אויפשטאַנד אין ענגלאַנד.

5. דזשאָן באָל

אַ לעגענדע איז פאַראַן — אַ ווייניק וואַרשיינלעכע, — אַז דזשאָן באָל איז געווען וויקליפס אַ תלמיד. פון דזשאָן באָלס צייט־חברים ווייסן מיר נאָר, אַז ער איז געווען אַ באַרימטער פּריידיקער, נאָר ס'האָט אָבער ניט געפעלט אויך קיין „ווילד־גראָז אין זיין ווייץ“. די טעמעס פון זיין פּריידיקן זענען געווען פרייהייט און גלייכהייט, דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם. שילדערנדיק דעם אור־צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, פלעגט ער אויספירן מיט אַזאַ רע־טאָרישער פראַגע: „ווען אדם האָט געאַקערט און חוה האָט גע־שפּינט, — וואו איז דאַן געווען דער פּריץ?“

ער האָט געפּריידיקט נאַטור־צושטאַנד, אין הסכם מיט די טע־אָלאָגישע טעאָריעס פון נאַטור־רעכט. צום אָנהויב זענען אַלע מענטשן געבוירן געוואָרן, ווי גלייכע; ערשט די תאווה פון אומ־ווירדיקע מענטשן צו אונטערדריקונג האָט געשאַפן באַציונגען פון דינסט און הערשאַפט, קעגן דעם ווילן פון גאָט. איצט איז געקו־מען די צייט צו ברעכן דעם יאָך פון שקלאַפעריי; די פאָלקס־מאַסן זאָלן נאָר אויף אַן אמת וועלן, קאָנען זיי זיך איצט פריי מאַכן. דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט איז געגליכן צו אַ פאַראַקערט פעלד; דער קלוגער לאַנדווירט רייסט אויס דאָס ווילד־גראָז, באַ־

פרייט דעם באָדן און די גוטע זריעה פון אַלע שעדלעכע געוויקסן: די לאַנד־פּריצים, אַדוואָקאַטן און ריכטער זענען ווילד־גראָזן, וואָס זויגן אויס דאָס געזעלשאַפט־לעבן, און דעריבער מוזן זיי באַזייטיקט ווערן. ערשט דעמאָלט וועלן די דאָרפס־לייט געניסן פון די פּרוכט פון זייערע פעלדער און וועלן הנאה האָבן פונם לעבן. דעמאָלט וועלן אַלע מענטשן זיין פּריצים.

דער פראַנצויזישער כראָניקשרייבער פון יענער צייט, פּראָסאַר, אַ הויף־מענטש און פויערן־פיינט, וועלכער האָט אויך באַשריבן און באַשמוצט די זשאַקעריע, גיט איבער איינע אַ רעדע פון דזשאָן באָל. פּראָסאַר האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין ענגלאַנד און האָט זיך צוגעקוקט — פון זיין שטאַנדפּונקט — צו די דאָרטיקע פאַרהעלטעניש. דזשאָן באָל פּרידיקט ביי אים אַזוי:

„מיינע ליבע לייט! שלעכט איז די לאַגע פון ענגלאַנד, און זי וועט ניט ווערן בעסער, ביז סיוועט ניט איינגעפירט ווערן פאַרמעגן־געמיינשאַפט, ביז סיוועט ניט ווערן אויס הארן און קנעכט, ביז אַלע וועלן ניט זיין גלייך. מיט וואָס פאַר אַ רעכט געוועלטיקן זיי איבער אונז, אָט די וואָס רופן זיך הארן? ווי אַזוי האָבן זיי זיך דאָס פאַרדינט? פאַרוואָס האַלטן זיי אונז אין קנעכטשאַפט? אויב מיר שטאַמען אַלע פון די זעלבע פאָטער און מוטער, פון אדם מיט חוה׳ן, טאָ ווי קאָנען זיי זאָגן אָדער באַווייזן, אַז זיי האָבן מער רעכט פאַר אונז? אפשר דערפאַר, וואָס מיר אַרבעטן און פּראָדוצירן דאָס וואָס זיי פאַרצערן? זיי טראָגן סאַמעט־קליידער, פוטער־ און פוטער־מאַנטלען, בעת מיר טראָגן גראָבע לייוונט. זיי האָבן ווייַן, געווירצן און גוט ברויט, בעת מיר באַקומען קאָרן־ברויט, קלייען, שטרוי און וואַסער. זיי וואוינען אין פאַלאַצן און שלעסער, און אונזער גורל איז מי און פּלאָג, מיר זענען אויסגעשטעלט אויף רעגן און ווינט. פון אונזער אַרבעט ציען זיי דאָך די מיטלען אויף אונטערצוהאַלטן זייער פּראַכט און גלאַנץ. זיי האַלטן אונז פאַר זייערע קנעכט, און באַשטראָפן אונז, טאָמער פאָלגן מיר ניט זייערע באַפעלן.“ (פּרואַסאַר, קאָלעקסיאָן דע קראָניק, באַנד 8, קאַפּיטל 106).

דזשאָן באָל זאָל זיך האָבן באַקלאָגט אויך דערויף, וואָס עס פעלט אַ שטאַרקע צענטראַלע מאַכט, וועלכע זאָל וועלן און זיין

ביכולת זיך אנצונעמען פאר די פויערן. דאס האט, אגב, אנטשפראכן די נאציאנאלע באדערפענישן פון יענער צייט. עדוארד III, וועלכער האט געקעניגט גאנצע 50 יאר, איז אין יאר 1377 געשטארבן; טראן־יורש איז געווען זיין אייניקל ריטשארד II (1377 — 1399), וועלכער איז דעמאלט בסך הכל אלט געווען עלף יאר. באל האט זיך דעריבער אויסגעדריקט: „ווי איז צום לאנד, וואס זיין קעניג איז א קינד“, הגם ער האט געוווסט, אז עדוארד III איז געווען דער וואס האט סאנקציאנירט דעם אויסנאם־געזעץ קעגן ארבעטער.

אויב וויקליף האט זיך געהאלטן ווייט פון יעטוועדער פאלקסטימלעכער אגיטאציע, איז באל, פארקערט, געשטאנען מיט ביידע פיס צווישן פאלק; ווי אויף א גייסטלעכן איז אויף אים חל געווען דער ארציביסקופישער געריכט, און ער איז פארמשפט געווארן צו עטלעכע חדשים געפענגעניש פאר זיינע „העז־רעדעס“. לויט פרואסארן, איז באל געווען א לאלהארד; בכלל האלט פרואסאר, אז די לאלהארדן זענען געווען די גייסטיקע איניציאטארן פון דער גאנצער פויערשער באוועגונג.

6. די פויערשע אויפשטאנדן אין ענגלאנד

אין יוני 1381 איז אויסגעבראכן דער ערשטער אויפשטאנד פון די פויערן. עס וואלט זיין פאלש צו מיינען, אז ריין קאמוניסטישע צילן האבן די פויערשע באפעלקערונג געשטויסן צום אויפשטאנד. די דארפישע באפעלקערונג האט בלויז פארלאנגט שוץ פאר איר דארף־געמיינשאפט קעגן די פריצים און אבאטן, און ווייטער זאלן פויערן און לאנד־ארבעטער קאנען פריי שאפן מיט זייער ארבעטס־קראפט און ניט זיין געצוואונגען צו ארבעטן אויף די פריצים.

אזוי ווי בעתן פלעמישן און פראנצויזישן פויערן־קריג, אזוי האט אויך דא א גרויסער טייל פון די ארימע שטאטישע האנטווערקער פון דרום־ענגלאנד סימפאטיזירט מיט דער פויערן־באווע־

גונג, און דאָסגלייכן די פּאַטריציער האָבן אויך דאָ געהאַלטן מיט
אַדל. אַ חוץ זייער האַס קעגן די רייכע, האָבן די לאָנדאָנער אַר־
בעטער און אָרימערע צעכן־מיטגלידער זיך נאָך געװענדעט קעגן
די פרעמדע סוחרים און געלט־הענדלער (לאָמבאַרדן), מיט װעלכע
דער היימישער קאַפּיטאַל האָט שוין פון לאַנג געפירט אַ קאָנקור־
רענץ־קאַמף, און אויך קעגן די פלאַמאַנדישע װעבער אין לאָנדאָן,
װעלכע האָבן קיין שום ענגלישן אַרבעטער נישט צוגעלאָזט אין
זייערע צעכן און װאַרשטאַטן. אָבער פון דער אַנדער זייט געפי־
נען מיר אין די כראָניק־שריפטן פון יענער צייט, אַז די פלאַמאַנ־
דישע װעבער האָבן זיך אויך באַטייליקט אינם אויפשטאַנד, אויף
דער זייט פון די פּויערן.

דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן אין דער צװייטער יוני־
װאָך פון 1381; באַלד איז גאַנץ דרום־מזרח פון ענגלאַנד געװען
אַרומגעכאַפּט פון דער קלאַסן־מלחמה, און די אַרבעטנדיקע האָבן
אין אָנהויב געהאַט די אויבערהאַנט. זיי האָבן אַרויסגעװיזן אַ גע־
װיסן גראַד פון אָרגאַניזירטקייט — כמעט גלייכצייטיק האָט די
דאָרפישע באַפעלקערונג פון די צפון־ און דרום־גראַפשאַפטן פון
לאָנדאָן זיך געזאַמלט אַרום אירע פירער (װאָט טיילער, דזשעק
סטראָו, דזשאָן באָל, חוש. ליטלװאָוד און ריטשאַרד װאַלינגפאָרד)
און גענומען מאַרשירן אויף לאָנדאָן. אונטערװעגס האָט מען געראַ־
בירט די פּריצישע שלעסער און די זיץ־פּלעצער פון די אַבאַטן,
מען האָט געברענט די אַרכיװן און געריכטס־אַקטן, און די פּויער־
שע הויפן האָט מען פאַרזאָרגט מיט פּראָװיאַנט. די אָרגאַניזאַציע
איז אָבער ניט געװען קיין איינהייטלעכע און געשלאָסענע: יעדע
געגנט האָט זיך געהאַט אירע באַזונדערע פירער, קיין צענטראַ־
לע אָנפירונג איז ניט געװען, און די באַװאָפנונג איז אויך געװען
אַ שלעכטע — קוים אפשר צען פון הונדערט זענען געװען באַ־
װאָפנט מיט פייל און בויגן אָדער מיט אַלטע שװערטן. אָבער
לויט דער צאָל איז דער אויפשטאַנד געװען גאָר אַ היפשער. די
אָרימערע שיכטן פון די שטעט האָבן צוגעהאָלפן. אין לאָנדאָן האָבן
לערן־יונגלעך געהאַסט די קעפּ פון זייערע מייסטערס, די אַר־
בעטנדיקע מאַסע האָט געראַבירט די הייזער פון די לאָמבאַרדן

(געלט־הענדלער) און האט פארכאפט דעם טויער פון שטאט, כדי אים צו עפענען פאר די אנקומענדיקע פויערן. דעם 11 יוני זענען די אויפשטענדלער אנגעקומען צום דרום־מזרח טייל פון לאנדאן, וווּ דזשאן באל האט געפירט זיין פראפאגאנדע און געגרייט די מאסן צו די פארשטייענדיקע געשעענישן.

דא האט מען געמוזט א טייל פויערן אפלאזן, ווייל ס'האט אויסגעפעלט פראוויאנט. אויפן צווייטן טאג זענען די אויפשטענדלער אריבער די שטאטישע ליניע. דער יונגער קעניג מיט זיינע ראטגעבער, מיט א טייל פריצים און מיטן ארצי־ביסקופ האבן זיך געראטעוועט אין דער שטאט־פעסטונג (טאווער) ווייל זיי זענען נאך געווען מיליטעריש צו שוואך, כדי ארויסצוטרעטן קעגן דער פויערן־מחנה. די אויפשטענדלער האבן אזוי ארום פארכאפט די שטאט און האבן זיך נוקם געווען אין זייערע באדריקער — די הויף־אריסטאקראטן, מיניסטארן, אדוואקאטן באאמטע און לאמבארדן. זיי האבן זיך אריינגעריסן אינם סאוואי־פאלאץ פון לאנקאשירער הערצאג און האבן דארט פארכאפט א מענגע גאלד־ און זילבער־כלים און אנדערע קאסטבארע זאכן. די כראניקער פון יענער צייט זאגן אלע גלייך עדות, אז פאר אינדיווידועלן רויב האט מען באשטראפט מיט טויט. ווען מען האט איינעם א פויער געכאפט ביי א גנבה, האט מען אים גלייך אויפן ארט אריינגעווארפן אין פייער. „מיר זענען די פארטיידיקער פון אמת און גערעכטיקייט, האבן דערקלערט די אויפשטענדלער, אבער ניט קיין גנבים און רויבער". דערנאך זענען זיי אריבער אין דער שכנותדיקער קירך — א גאנצער קאמפלעקס געביידעס פון לאנדאנער אדוואקאטן־צעך — און האבן דארט פארברענט די געריכטלעכע פראטאקאלן, אקטן און דאקומענטן. דערנאך האבן זיי אפגעשטאט א וויזיט אין פאלאץ פון פינאנץ־מיניסטער און האבן דעם פאלאץ חרוב געמאכט. דאסזעלבע איז געשען מיט א רייע הייזער פון אנדערע הויכע לייט, און דערביי איז אויך א גרעסערע צאל באאמטע דערמארדעט געווארן. דעם 14 יוני האבן זיך די פויערן דערנענטערט צום טאווער און געלאזט וויסן דעם קעניג, אז זיי ווילן מיט אים פערזענלעך זיך טרעפן, און ער זאל צוליב דעם צוועק קומען צום שכנותדיקן

מייל־ענד (מזרח־לאָנדאָן). דער קעניג האָט אַזוי געטון. ווי נאָר די טויערן פון טאַוער האָבן זיך געעפנט, זענען די פויערן אַריין אינעווייניק, האָבן גוט צעמזיקט די קעניגלעכע ראַטגעבער, און דעם בישוף סודבורי און דעם פינאַנץ־מיניסטער האָבן זיי דערהרגעט אויף טויט.

אין איבערגעשראָקענער, אַ ציטערנדיקער האָט זיך דער יונגער קעניג באַוויזן אין מייל־ענד. אָבער ניט אַלע פויערן־פירער זענען געווען בעת דעם שמועס, ווייל ווי געזאָגט, איז ניט געווען קיין איינהייטלעכע אָנפירונג. די דעלעגאַציע האָט איבערגעגעבן דעם קעניג אַלע טענות און קלאָגן פונם פאָלק און האָט פאַרלאַנגט פון אים פרייהייט און גלייכע רעכט פאַרן פויערטום, און ניט צו באַשטראָפן קיינעם פאַר די אומגעזעצלעכקייטן, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן בעתן אויפשטאַנד. דער קעניג, אין הסכם מיט זיינע ראַטגעבער, האָט געהאַלטן פאַר דאָס גלייכסטע זיך אונטערגעבן און אין אַ שריפטלעכער דעקלאַראַציע אָנצונעמען די פאָדערונגען פון דער דעלעגאַציע; ער האָט בלויז איין באַדינגונג געשטעלט: דער גרעסטער טייל פויערן זאָלן זיך אומקערן אַהיים, צו זייער פעלד־אַרבעט; בלויז איין באַוואָפנטע גרופּע זאָל דאָ בלייבן, ביז די פרייהייטס־דעקלאַראַציע וועט אויסגעפירט ווערן. די דעלעגאַציע איז געווען צופרידן פון אַזאַ ענטפער; די פויערן, סידוב פון צפון־ראַיאָן פון לאָנדאָן, האָבן נאַאיוו געגלויבט אין דעם קעניגלעכן מאַניפעסט און האָבן „זיגרייך" אַוועקגעמאַרשירט אַהיים. דער מאַניפעסט האָט אַזוי געלויטעט:

„איך ריטשאַרד, מיט גאָטס גענאָד קעניג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך און באַפעלער פון אירלאַנד, שיק צו אַלע טרייע אונטערטאַנער, צו וועמען דער מאַניפעסט וועט דערלאַנגען, מיין גרוס. און באַפעל: מיט אייגענעם גנאַדיקן ווילן לאָזן מיר פריי אַלע אונזערע אונטערטאַנער און אַנדערע מינים אָפּהענגיקע פערזאָנען. מיר דערקלערן יעדן איינעם פון זיי פאַר פריי פון יעטוועדער קנעכטישער אָפּהענגיקייט, מיר פאַרגעבן זיי אַלע פאַרברעכנס, פאַראַט־מעשים, אומגעזעצלעכקייטן און אויספּרעסונגען, וואָס זיי זענען באַגאַנגען, ווי אויך די אַלע מעשים, צוליב ווע־

בע זיי זענען געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ. זיי אַלעמען און יעדן איינעם באַזונדער פאַרשפּרעכן מיר אונזער אַלערהעכסטן פרידן.״

אָבער ווי נאָר אַ גרויסער טייל פון די פויערן איז אָפּגעטראָטן, האָבן די העכערע קלאַסן צוריק באַקומען מוט און באַשלאָסן צו אַנטשיידן דעם קאָנפליקט מיט דער הילף פון וואָפן. דער יונגער קעניג האָט אויך פאַרגעסן זיין איבערשרעק; זיינע ראַטגעבער האָבן מיט אים איינגעקנעלט, וואָסער ראָל ער זאָל שפּילן פאַר דער קליינער באַוואָפנטער פויערשער מחנה ביי דער צוגעזאָגטער אויספירונג פונם מאַניפעסט. די דאָזיקע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין סמיטפילד מאַרקעט (מיטן־לאָנדאָן), דעם 15 יוני 1381. בראש פון דער פויערן־גרופּע איז געווען וואַט טיילער. דער קעניג איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון זיינע ריטער און פון שטאָטישע פּאַטריציער. דער פויערן־פירער איז פייערלעך צוגעריטן צום קעניג און אים געבעטן וועגן אויספירן דעם פרייהייטס־מאַניפעסט. אָבער אַנשטאָט דעם מאַניפעסט האָט וואַט טיילער געקראָגן אַ קלאַפּ פון אַ ריטער, אַזוי אַז ער איז אַראָפּגעפאַלן פון זאָטל. באַלד זענען אונטערגעלאָפן נאָך ריטער און האָבן דעם ליגנדיקן טיילערן דערמאָרדעט. די פויערן האָבן זיך אַ לאָזגעטון אויף הילף צו טיילערן, אָבער דער אַבערגלויבערישער צוטרוי צום קעניג האָט זיי ווידער פאַרפירט. ריטשאַרד האָט זיך אָנגערופן צו זיי, אַז ער וועט אַליין זיין זייער פירער, און ער באַשטעטיקט פייערלעך די פאַרשפּראָכענע פרייהייטן. צופרידן פון דער דאָזיקער הבטחה, האָבן די פויערן אויפגעגעבן דעם קאַמף. און דאַן האָבן די הארן באַקומען פרייע הענט. זיי האָבן אָפּגעשאַפט די פויערשע פרייהייטן, און אַרעסטירט און פאַרמשפּט צום טויט די פויערשע פירער. דזשעק סטראָו, דזשאָן בול און די איבעריקע פירער האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן, צום טייל אויף דער תליה און צום טייל דורכן שווערט. גרויזאַם איז געווען דער משפּט איבער די אַלע, וואָס האָבן גענומען אַנטייל אינם אויפשטאַנד. די הארן זענען אַליין געווען די ריכטער. און דער קעניג האָט דערקלערט די פויערן: „קנעכט זייט איר געווען און קנעכט זאָלט

איר ווייטער בלייבן, און ניט נאָר ווי ביז איצט, נאָר אין א פיל שווערערער מאָס נאָך".

אָבער די באַדערפֿנישן גופא פון דער ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג האָבן געשטעלט א געוויסע גרעניץ פאַר די דראָאונגען פונם קעניג און פאַר די אַפּעטיטן פון די לאַנד־פריצים. דער חורבן פון דער דאָרפֿס־געמיינשאַפֿט איז טאַקע געגאַנגען ווייטער, אָבער די לייב־קנעכטשאַפֿט איז ביסלעכווייז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן, ווייל מיטן וואוקס פון די שטעט און מיט דער אַנטוויקלונג אין זיי פון האַנדל און מלאכה האָט די דאָרפֿישע באַפעלקערונג אָנגעהויבן אויסוואַנדערן אין שטאָט אַריין. און דאָרט וואו די פריצים זענען זיך באַזונדער האַרט באַגאַנגען מיט די פויערן, אָדער מען האָט שטאַרק געליטן פון די אויסנאַם־געזעצן קעגן אַרבעטער — דאָרט פלעגן אויסברעכן אויפשטאַנדן; אַזוי האָט פּאַסירט, למשל, אין קענט (דרום־מזרח לאָנדאָן) אין יאָר 1450, ווען די פויערן האָבן אונטער דער פירונג פון דזשעק קייד אַריינמאַרשירט קיין לאָנדאָן און האָבן זיך בלוטיק אָפּגערעכנט מיט די קעניגלעכע ראַטגעבער; דערנאָך איז געווען אן אויפשטאַנד אין קאָרנוועלס אין יאָר 1500; און אין 1549 איז ווידער געווען אויפשטאַנדן אין א גרויסן טייל פון ענגלאַנד. אָבער די אַלע אויפשטאַנדן האָבן ניט געהאַט ניט דעם פאַרנעם און ניט די שאַרפקייט, וואָס ס׳האָט געהאַט דער אויפשטאַנד פון 1381.

7. וויליאַם שעקספּיר און דער קאָמוניזם

דער גרעסטער דראַמען־שרייבער פון ענגלאַנד און פון דער נייער צייט בכלל וויליאַם שעקספּיר (געב. 1564, געשט. 1616), איז געווען אַנטי־דעמאָקראַטיש און אַנטי־קאָמוניסטיש. זיינע פּיעסעס שפּיגלען אָפּ דאָס גייסטיקע לעבן פון די העכערע געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן, פאַר וועלכע ער האָט געשריבן. אין זיין דראַמע הענריק IV (אין צווייטן טייל) קאָנען מיר זען, ווי די העכערע קלאַסן האָבן זיך באַצויגן צו די פויערשע אויפשטאַנדן. די דראַמע איז פאַר אונז וויכטיק דערמיט, וואָס אין איר ווערט דזשעק קעד, דער פירער

פון פריערישן אויפשטאנד פון יאר 1450, געשטעמפּלט אלס קאָמוניסט און דיקטאטאָר. און נישט נאָר דזשעק קעד ווערט סאטיריש געשילדערט און אויסגעלאכט, נאָר וועגן פאָלק בכלל רעדט זיך, אַזוי, אַז ס'איז אומוויסנדיק און האָט פיינט יעדעם וויסן און יאָגט זיך נאָר נאָך גענוס, — און דאָס אַנטשפּרעכט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון שעקספּירן. זייט אַריסטאָפאַנעסן (זע 1 טייל ז. 77—85) ביז צו אונזער צייט האָט די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג זייער וויניק געהאַט דראַמאַטורגן, וועלכע זאָלן האָבן פאַרשטענדעניש פאַר סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגן. די דראַמאַטורגן האָבן בסדר געשריבן פאַר הויפליט, פאַרן אַדל און פאַר דער רייכער בורזשואַזיע, און אַפּילו אַזאַ זשעני, ווי שעקספּיר, איז אין דעם פּרט אויך נישט קיין אויסנאַם.

ווי מיר וועלן זען, איז נאָך עדוואַרד III, וועלכער איז געווען זייער טיכטיק אין קריגס־ענינים און האָט דער עיקר געשטרעבט צו ים־און האַנדלס־מאַכט, אַרויף אויפן טראָן זיין אייניקל ריטשאַרד II, און פאַר זיין צייט איז עס אויסגעבראָכן דער ערשטער פויערן־אויפשטאַנד; דערנאָך האָט געקיניגט הענריק IV (1399 — 1413) פון דער פאַמיליע לאַנקעסטער; דערנאָך הענריק V (1413 — 1422); ער האָט געפירט — און מיט דערפאָלג — אַן אַנטיפראַנצויזישע פּאָליטיק, אַ פּאָליטיק אויף צו אַנטוויקלען די ים־און האַנדלס־מאַכט פון ענגלאַנד (אין גייסט פון עדוואַרד III); ביי אַזענקורט האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג איבער די פראַנצויזן (1415) און פאַרכאַפּט נאָרמאַנדיע — און דאָס האָט שטאַרק צעפלאַמט דעם פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַליזם אין ענגלאַנד. דערנאָך אָבער איז געקומען הענריק VI (1422 — 1461), וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם צווייטן פויערן־אויפשטאַנד (1450) און האָט צוריק פאַרלוירן די פראַנצויזישע געביטן. אין די לעצטע יאָרן פון זיין ממשלה האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה פון די א. ג. ראָזן (פון די אָדל־פאַמיליעס לאַנקעסטער און יאָרק), וועלכע האָט געדויערט פון יאָר 1459 ביז 1485 און האָט געבראַכט דערצו, אַז דער אַלטער פעאָדאַלער מיטלאַלטערלעכער אָדל איז אינגאַנצן

אויפגעקומען, און אויף זיין ארט האט זיך באוויזן א נייער אדל, וועלכער האט זיך שוין פארנומען מיט האנדל און מלאכה.

די טרילאגיע „קעניג הענריק דער זעקסטער" שילדערט די הויפט־געשעענישן פון דער דאזיקער צייט. אין צווייטן טייל האבן מיר דעם צווייטן פויערן־אויפשטאנד און דעם אנהויב קאנפליקט צווישן די פאמיליעס לאנקעסטער און יארק. אין צווייטן אקט, סצענע 2, הערן מיר, ווי דאס ארבעטספאלק באקלאגט זיך אויף זיין גורל און וואסערע הכנעות עס ליגט אויף דזשעק קעדן. די אויפשטענדלער ג׳ארג בעוויס און דזשאן בעוויס פירן א געשפרעך וועגן דעם אויפשטאנד וואס ווערט צוגעגרייט, און ג׳ארג זאגט: „האט קעד דער טוךמאכער קלערט וועגן אומדרייען און אפפרישן די געזעלשאפט, פון דאס ביי די וואל איר קריגן". געמיינט איז: אומצוווארפן די אלטע געזעלשאפט און אויפבויען א נייע. דערויף ענטפערט דזשאן: „דאס איז מאקע נייטיק, ווארום די אלטע געזעלשאפט איז ביז לעצטן פאדים אפגעטראגן; זינט די אדל־לייט זענען אויפגעקומען, איז נישטא מער קיין פריי־לעך ענגלאנד". געזאגט: „א, אומגליקלעכע צייטן! די מענטש פון האנטווערקלייט ווערט נישט געשעצט". דערנאך גייען פאר אונז אדורך פארשיידענע פאך־לייט — גארבער, וועבער, קצבים, און לסוף טרעט אויף קעד און אנטוויקלט אין קורצן זיין פראגראם: די גאנצע מלוכה זאל געהערן אלעמען צוזאמען".

שעקספיר מאכט חוזק פון די מאטעריעלע פארלאנגען פון די אויפשטענדלער: ביליג ברויט, ביליג ביר, פרייע ליבע א. א. וו. און לאזט קעדן אויסרופן: „און איך, פרינץ פון פאלק, קומט נאך מיר! עס גייט אום דער פרייהייט, טא ווייזט אייך, ווי מע־נער! קיין לארד, קיין אדלמאן זאל נישט בלייבן מער; שוינען זאלט איר נאר די, וואס גייען אין צעריסענע שיך; ווייל דאס זענען ארנטלעכע ארבעטס־לייט, וועלכע וועלן אלע צו אונז אריבער, ווען זיי וועלן נאר קאנען". דערויף באמערקט איינער פון זיינע חברים, מערטען: „זיי זענען שוין אין ארדענונג און מארשירן צו אונז". קעד: „מיר וועלן ערשט רעכט אין ארדענונג זיין, ווען מיר

וועלן זיין אויסער יעטוועדער אָרדענונג". מערטען עצהט דאָן איינצוברעכן אַלע תפיסות און באַפרייען די געפאַנגענע. אוממיטלבאַר ערב דעם קאַמף מיטן אָרל מאַכט שעקספּיר קערן פאַר אַ דיקטאַטאָר. מערטען פאָדערט אויף קערן ער זאָל איבערנעמען די דיקטאַטור, און קער ענטפערט: „איך האָב עס באַקלערט, אַזוי זאָל טאָקע זיין. פאַרברענט אַלע אַקטן פון דער מלוכה; מיין מויל זאָל זיין דער פּאַרלאַמענט פון ענגלאַנד. און פון היינט אָן זאָל אַלץ זיין געמיינשאַפטלעך" (אַקט 4, סצענע 7).

דער צווייטער פויערן־אויפשטאַנד איז געוואָרן דערשטיקט, און קער איז אַנטלאָפן און דערנאָך דערשטאָכן געוואָרן. מיטגעהאָלפן צו דער מפּלה האָט ווידער אַמאָל דאָס, וואָס די פויערן האָבן אַזוי קינדעריש געטרויט דעם קעניג; און אפשר האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָל דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פון די פויערן. וואָרום שעקספּיר פירט דאָ אַרויס דעם לאָרד קליפאָרד, וועלכער רעדט צו די פויערן, אַפּעלירט צו זייערע נאַציאָנאַלע געפילן און קערט זיי אָפּ פון קערן. דער לאָרד קליפאָרד זאָגט צו זיי:

„איז דען קער אַ זון פון הענריק דעם פינפטן, וואָס איר שאַלט אַזוי און ווילט מיט אים גיין? פירט ער אייך אפשר אויך אין דער טיפעניש פון פראַנקרייך און מאַכט דעם קלענסטן פון אייך פאַר אַ גראַף אָדער אַ הערצאָג? סאַראַ שאַנד, אַז איר צאַנקט, און די שרעקעוודיקע פראַנצויזן, וועלכע איר האָט נישט לאַנג געשלאָגן שנייען דורך די ימים און באַזיגן אייך?.. לאָזט בעסער צען טויזנט קליינע קערס אומקומען, איידער איר זאָלט אייך בויגן פאַרן חסד פון אַ פראַנצויז. קיין פראַנקרייך! קיין פראַנקרייך! דעראָבערט ווידער דאָס פאַרלוירענע!"

נאַציאָנאַליזם און מלחמה־לאָרבערן, אַלס מיטל קעגן רעוואָלוציע! און קער קלאָגט מיט פאַרביטערונג, אַז „דער נאָמען פון הענריק דעם פינפטן רייסט מיט די פויערן אויף הונדערטערליי אומגליקן, און באַוועגט זיי צו פאַרלאָזן מיך אין דער נויט" (אַקט 4, סצענע 9).

אַלזאָ, שוין אין אָנהויב פון דער נייער צייט זעען סאָציאַליזם

און רעוואָלוציע געשטאַנען אין שווערן געראַנגל מיט נאַציאָנאַלן געפיל און קריגס־געלוסטן. און שעקספּיר, דער נאַציאָנאַלער פּאַטריאָט, פּרוּווט זיך אין זיין לעצטער דיכטונג, אין דעם צווייבער־מעשׂהלע „שטורעם", אויסצומאָלן די צוקונפטס־מלוכה. זיין סאַטירע באַשטייט אָבער נאָר דערין, וואָס ער מישט צונויף קאָמוניזם מיט לייַדיקגייערײַ. מען האָט דעם אייַנדרוק, ווי מען וואָלט הערן אַ מאָדערנעם סאָציאַליסטן־פאַרעסער. דעם „ערלעכן אַלטן קענטיגס־ראַט פון נעאַפּאָל", דעם מלוכה־מאַן גאָנזאַלאָ, לייגט שעקספּיר אַריין אין מויל פאָלגנדיקע גוטמוטיקע סאַטירע אויף דער צוקונפטס־מלוכה: „מיין געזעלשאַפט זאָל זיין דער היפּוך (פון דער איצטיקער אָרדענונג). איך וואָלט נישט דערלויבט קיין שום האַנדל, קיין שום נאָמען פאַר אַ אַמט (ד. ה. קיין טיטלען); פון געלערנטקייט וואָלט מען נישט געוווּסט; רייַכקייט, דינסט, אָרימקייט וואָלט נישט געווען; ס'וואָלטן נישט געווען קיין קאָנטראַקטן, קיין ירושה, קיין גרענעצן צווישן נחלות, קיין שום אָפּצוימונגען און נישט קיין פעלדאַרבעט אָדער וויינגערטנערײַ; קיין שום געברויך פון קאָרן, וויין, אייל, מעטאַל; קיין שום האַנטווערק; אַלע מענער גייען אַרום ליידיק, און דאָסגלייכן די ווייבער; און דאָך אינגאַנצן ריין און אָן חובות. געמיינזאַם זאָל די נאַטור אַלעמען ברענגען אירע פרוכט, אָן מי און שווייס; פאַראַט, שווערד, שפּיז, האַרמאַטן, געווער — דאָס וואָלט ביי מיר נישט געווען..." (אַקט 2, סצענע 1). און די הערן, פאַר וועלכע גאָנזאַלאָ שילדערט זיין פּוסטע־און פּאַס־מלוכה, ווערן צו דעם געשפּרעך מיט ציניש באַמערקונגען. אָבער אַרום און אַרום באַווייזט שעקספּירס „שטורעם" אַז מען האָט זיך אינטערעסירט דעמאָלט מיטן קאָמוניזם. די „אוטאָפּיע" (1516) פון טאָמאַס מאָרוס האָט אויך באַלד געפונען דייַטשע, ענגלישע און פראַנצויזישע איבערזעצער, און מיט קיין שום סאַטירע האָט מען זי אָפּטערן נישט געקאָנט. מאַר ווענן דעם שפּעטער. דערווייל לאָמיר ווייטער פאָרזעצן די געשיכטע פון די סאָציאַלע, רעליגיעז־אַגראַרישע און נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן.

8. בעהמען; פּאָליטישע און סאָציאַלע לאַגע

בעהמען, וואָס זעט אויס לויט זיין געאָגראַפישער לאַגע ווי אַ פויסט געבוילט קעגן די ריפּן פון גערמאַנישן מלוכה־קערפּער — האָט זייער פרי געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די גערמאַנישע שבטים מיט זייערע פירשטן. אָבער פּונקט אַזוי האָבן אויך די בעהמישע פירשטן, ווי נאָר זייער לאַנד איז אַרויס פון צושטאַנד פון אורווירטשאַפטלעכער פּאַסיווקייט, געמוזט אַריינטרעטן אין באַציִונגען מיט די דייטשן, וועלכע זענען קולטורעל געשטאַנען אַ סך העכער פאַר זיי. און סיי די אַלגעמיינע לאַגע, וועלכע איז דאַן, אין די ערשטע יאָרהונדערטן נאָך דער פעלקער־וואַנדערונג בכלל געווען נישט קיין פעסטע אין מיטל־און מזרח־אייראָפּע, און סיי דאָס וואָס די פראַנקן קאַראָלינגער און זאַקסן האָבן אַלעמאָל געזוכט ווי צו פאַרגרעסערן זייערע מזרח־גרענעצן — האָט געפירט צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די בעהמישע פירשטן מיט די דייטשע קיסרים, און דאָס האָט געלאָזן אין בעהמען אויף לאַנגע צייטן אַ באַציִונג פון אומצוטרוי צו די דייטשן.

אָבער די ווירטשאַפטלעכע און געאָגראַפישע באַדינגונגען האָבן זיך פאָרט אַרויסגעוויזן שטאַרקער: אין יאָר 895 האָבן זיך די בעהמישע פירשטן אָנגעשלאָסן צום דייטשן מלוכה־פאַרבאַנד און זיי האָבן כסדר גערופן צו זיך אין לאַנד דייטשע האַנטווערקער, טעכניקער און הענדלער, כדי צו הייבן די שטאָטישע קולטור.

אַ ווירטשאַפטלעכער אויפשוווּנג האָט זיך אָנגעהויבן אין בעהמען, ווען ס׳זענען אַנטדעקט געוואָרן די רייכע זילבער־גרובנס פון קוטנבערג (אין צווייטן פערטל פון 13 יאָרהונדערט); די דאָזיקע גרובנס האָבן געגעבן דעם בעהמישן קעניג אָטאָקאַר II (1257 — 1278) די מיטלען אויף צו גרינדן די גרויס־בעהמישע מלוכה, וועלכע האָט אַ חוץ בעהמען און מערן נאָך אַרומגענומען אויך עסטרייך־שטייערמאַרק, קערנטען און קראַין. אָטאָקאַר האָט פאַרפירט אַ קאָנפליקט מיטן קייזער רודאָלף פאָן האַבסבורג; דער קאָנפליקט איז געלייזט געוואָרן אין דער שלאַכט אויף דעם מאַרכפעלד, ביי ווין, (1276) נישט לטובת בעהמען. אָטאָקאַר II איז אַליין אויך גע־

פֿאַלן און אַט דער שלאַכט. לויטן צוזאַמענגעקומענעם שלום האָט קעניג װענצעל (זון און יורש פֿון אָטאָקאַרן) איינגעהאַלטן בלויז בעהמען און מערן, און רודאָלפֿס זין האָבן אַרײַנגעקראָגן עסטרײַך, שטײַערמאַרק און קראַין אַלס לען־באַזיץ; זײ האָבן דאַן געגרינדעט די האַבסבורגישע דינאַסטיע.

נאָכדעם װי די דינאַסטיע פּשעמיסלידן (אָטאָקאַר האָט געשטאַמט פֿון אָט דער פֿאַמיליע) האָט זיך אויסגעלאָזן, האָבן אין בעהמען געהערשט, פֿון יאָר 1310 ביז 1437, די גראַפֿן פֿון דער פֿאַמיליע לוקסעמבורג. דער באַדײַטנדיקסטער צװישן זײ איז געװען דער קעניג קאַרל I (1346 — 1378); ער איז דערנאָך געװײלט געװאָרן אויך פֿאַר דײַטשן קײסער, קעגן לודװיק דעם בײַערישן, און האָט אַלס אַזעלכער געטראָגן דעם נאָמען קאַרל IV. ער איז געװען אײנער פֿון די געבילדעטסטע צװישן די פֿירשטן; ער האָט שטודירט אין די אוניװערזיטעטן אין פּאַריז און באָלאָניאַ, גערעדט און געשריבן טשעכיש, דײַטש, לאַטײניש, פֿראַנצויזיש און איטאַליעניש. אין 1348 האָט ער געגרינדעט דעם פּראַגער אוניװערזיטעט דעם ערשטן אוניװערזיטעט אין דײַטשלאַנד. גרויסע געלערנטע זענען דאָרט געװאָרן פּראָפֿעסאָרן; פֿון אַלע עקן לאַנד זענען געקומען סטודענטן, און אין גיכן האָט זײער צאָל דערגרײכט אין די טויזנטער. דער אוניװערזיטעט איז געװאָרן באַרימט, באַגלײַך מיט די אוניװערזיטעטן פֿון אָקספֿאָרד, פּאַריז, און באָלאָניאַ.

גוטע רעגירונג, רײַכטום, בילדונג, אַרבעט־פֿלײס און האַנדל — דאָס אַלץ האָט געמאַכט בעהמען פֿאַר אײנע פֿון די בליענדיקסטע אײראָפּעישע מלוכות אין דער צװײטער העלפֿט פֿון 14־טן יאָרהונדערט. זעלבסטפֿאַרשטענדליך, אַז דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע װירקונג אויפֿן גאַנצן בוי פֿון דער געזעלשאַפֿט, אויף דער לאַגע און אויפֿן דענקען פֿון די פֿאַרשידענע שטאַנדן. װען די שטעט האָבן געבליט און ס'איז אין זײ אַלץ געװאַקסן די צאָל סוחרים און האַנטװערקער, באַאַמטע, בוי־אַרבעטער, טאָג־מאַכער א. א. װ. איז דער פּרײַז אויף לאַנדװירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן אויך געשטיגן; פּויערן מיט גרעסערן ערד־באַזיץ זענען רײַך געװאָרן און האָבן זיך אויסגעקויפֿט פֿון די פֿאַנשטשיזנע־פֿליכטן; אַ סך לאַנד־

ארבעטער האבן אויסגעוואנדערט אין שטאט אריין; די לייב־אייגנשאפט איז געווארן אלץ שוואכער; געליטן דערפון האבן נאר די קליינע פריציםלעך, וועלכע האבן געמוזט אדער שטארקער עקספלואטירן זייערע פויערן אדער צאלן העכערע לוינען. ביידע זאכן איז געווען נישט לייכט אויסצופירן, און דא זענען די הוצאות מכדי געוואקסן. איין זאך בלויז האט געקאנט העלפן אט די קליינע פריצים — מען זאל זיי צוטיילן גרעסערע מאיאנטקעס. און זיי זענען צוליבן הונגער אויף ערד, געווארן אנהענגער פון רעפארמען אין דער קירך. אומעטום וואו מען האט זיך געפרואווט האלטן די פויערן אין שטרענגער לייב־אייגנשאפט און שטארקער צו עקספלואטירן די לאנדארבעטער — איז גלייך אנטשטאנען א גרויסע אומצופרידנהייט און אומרויקייט. און סיי די לאגע פון קליינעם אדל, סיי די לאגע פון דער געדריקטער אריימער הארה־באפעלקערונג איז געווען גינסטיק פאר דער סאציאל־אפיקורסישער באוועגונג. פון 13־טן יארהונדערט אן איז די אפיקורסעריי — דאס רוב וואלדענזישער נוסח—געווען פארשפרייט אין בעהמען און שלעזיען, און זי איז געווען געווענדעט דער עיקר קעגן דער מיסברויכשאפט פון די קלויסטערס און קירכן. מען האט בשום אופן נישט געקאנט מער דערשטיקן די פאדערונג, אז די נאכפאלגער פון קריסטוסן זאלן לעבן אין עוואנגעלישער אריםקייט, ד. ה. אז די מאיאנטקעס פון די קלויסטערס און קירכן זאלן קאנפיסקירט ווערן לטובת דעם אדל.

ווי אין אלע לענדער פון דער נייער צייט, אזוי האט אויך אין בעהמען דער אויפשטייג פון דער בורזשואזער ווירטשאפט געוועקט דעם נאציאנאלן געפיל. בפרט דארט, וווּ ס'איז נאך געווען א קעגנזאץ צו א צווייטן לאנד אדער פאלק, — דארטן האט דער נאציאנאלער געפיל זיך קרעפטיק געשפירט פון אט דעם קעגנזאץ. אין בעהמען איז אט דער געפיל גאר שנעל געוואקסן. ווייל צום נאציאנאלן קעגנזאץ איז נאך צוגעקומען אויך א ווירטשאפטלעכער. אין די זילבער־גרובנס און אין די שטעט האט געהערשט דער דייטשער עלעמענט, און ער איז זייער רייך געווארן; די רוימישע קירך, אין איר קאמף קעגן דער אפיקורסעריי, האט זיך

אויך געשטיצט דער עיקר אויף דעם דאָזיקן עלעמענט; אין פּראַגער אוניווערזיטעט זענען געווען מאַסגעבנד די שטימען פון די דייטשע פּראָפעסאָרן און סטודענטן; פּראַג האָט פאַרמאָגט אַ רייכן דייטשן פּאַטריציאַט. דער נאַציאָנאַל־טשעכישער געפיל האָט דעריבער געהאַט פון וואַנען צו ציען יניקה, — און זיין אַנטוויקלונג האָט אָנגענומען אַן אַנטי־דייטשע ריכטונג. דער דאָזיקער געפיל איז פּאַקטיש געוואָרן דער לייטמאָטיוו פון דער טשעכישער געשיכטע.

אַזוי האָט זיך אין 14 יאָרהונדערט אָנגעהויבן אין בעהמען אַ נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און רעליגיעזע באַוועגונג, וועלכע האָט פריער אָדער שפּעטער געמוזט ברענגען צו אַ מוראדיקן אויפרייס, ווייל מען האָט נישט פאַרשטאַנען אַנטקעגנצוקומען די טשעכן מיט באַרעכטיקטע הנחות און קאָמפּראָמיסן. אָבער דאָס האָט מען דעמאָלט נישט געקאָנט דערוואַרטן נישט מצד די דייטשן, נישט מצד דעם פּויבסט, און נישט מצד דעם אדל.

9. יאָהאַן הוס און זיינע פאָרגייער.

שוין אין דער רעגירונגס־צייט פון קאַרל IV האָבן זיך גע־וויזן דייטלעכע סימנים פון אַ נאָנטן אויסברוך. די שטאַרק פרומע גלחים, ווי קאָנראַד פאָן וואַלדהויזן (געשט. 1369), מיליטש פאָן קרעמזייער און מאַטעאַס פאָן יאַנאָוו, זענען אַרויסגעטראָטן קעגן קלער און קעגן די בעטלער־אָרדנס. און פון 1380 אָן האָבן בעהמישע טעאָלאָגן שוין געוואָגט אַפילו צו באַהאַנדלען אַזעלכע קיצלדיקע פראַגן, ווי וועגן פאַרגעטערן הייליקע אָדער וועגן ווערט פון רעליק־וויעס און פון יעזוס־בילדער. דער באַדייטנדסטער צווישן די אַלע מענער איז מיליטש פאָן קרעמזייער — ער איז געווען פּריוואַט־סעקרעטאַר פון קאַרל IV און אויך אַרצי־דיאַקאָן, און האָט אַפילו אויסגענוצט פאַר זיך די הכנסות פון פיל רייכע נחלות, וואָס די קירך האָט באַקומען אַלס מתנה. אָבער אין 1362 האָט ער זיך מיטאַמאָל אַליין אָפּגעזאָגט פון אַלע זיינע אמטן, כדי צו ווערן אַ פאָלקס־פּרעדיקער. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן קעגן האַנדל

קעגן קאפיטאל, קעגן קירכן־אייגנטום; גייסטלעכע, האט ער געפריידיקט, דארפן לעבן אין אפאסטאלישער ארימקייט, אדער זיי מעגן האבן נאר בשותפותדיקן פארמעגן און נאר אזוי פיל, וויפל דאס איז נויטיק צום לעבן. ס׳איז זייער ווארשיינלעך, אז ער איז באקאנט געווען מיט די שריפטן פון יאאכים פון פלאריס און האט זיך געפונען אונטער זייער ווירקונג. נישט ווייניקער דרייסט, הגם נישט אזוי סאציאל־קריטיש, איז געווען אויך מאטעאס פאן יאנאוו, וועלכער האט געהאלטן, אז די פויבסטן באגייען א פאראט לגבי זייער הויכן אמט, אויב זיי פירן נישט דורך קיין רעפארם אין דער קירך. די אלע מענער האבן אויסגעדריקט די שטימונג פון זייער צייט, זיי זענען געווען די פארגייער און גייסטיקע וועג־ברעכער פאר יאהאן הוסן, וועלכער האט פאראייניקט אין זיך סיי די נאציאנאלע שטרעבונגען פון די טשעכן און סיי די שטרעבונגען צו קירך־רעפארמען, און האט, מיט דער הילף פון וויקליפס שריפטן, אויפגענומען דעם קאמף פאר אט די שטרעבונגען.

אין לעצטן פערטל פון 14־יארהונדערט איז געווען א גאנץ לעבהאפטער פארקער צווישן בעהמען מיט ענגלאנד. דער קעניג ריטשארד II, אן אייניקל פון עדוארד III, האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון קארל IV, וואס זיין עלטסטער זון ווענצעל האט געירשנט זיין בעהמישן טראן (1378 — 1419. ווענצעל איז אויך געווען דייטשער קייזער, נאר אין 1400 האט מען אים אראפגעזעצט). ריטשארד II, וואס בעת זיין קעניגן האט געלעבט וויקליף און ס׳האט דאן אויסגעבראכן דער ערשטער פויערן־אויפשטאנד, איז אויף אזא אופן געווען ווענצעלס א שוואגער. היעראנימוס פון פראג, וועלכער האט פיל ארומגערייזט און אומעטום געלערנט, איז געווען אויך אין אקספארד, און האט פון דארטן געבראכט די וויקליפישע שריפטן, וועלכע זענען דא אין בעהמען געווארן דער טעארעטישער יסוד פאר די קירכן־רעפארמערישע און נאציאנאלע שטרעבונגען, און זיי זענען זייער פיל געלייענט און דעבאטירט געווארן אין דעם פראגער אוניווערזיטעט. די ערשטע יארן, ווען די וויקליפישע לערע איז באקאנט געווארן אין פראג, זענען אויך געווען די אנהייב־צייט פון הוסס אויפטרעטן.

יאָהאַן הוס איז געבוירן געוואָרן אַרום יאָר 1369 אין הוסינעץ, ביי אָרימע עלטערן. דאָך האָט זיך אים נאָך אין די יונגע יאָרן זיינע איינגעגעבן צו באַקומען אַ היפּשע בילדונג. שפּעטער האָט ער באַזוכט דעם אוניווערזיטעט אין פּראָג, און אין משך פון די יאָרן 1390 ביז 1396 האָט ער דורכגעמאַכט אַלע אוניווערזיטעט־מדרגות, ביז צום ראַנג פון מאַגיסטער. אין צוויי יאָר אַרום האָט ער שוין דאָרטן אַליין געלייענט לעקציעס איבער טעאָלאָגיע; אין יאָר 1400 האָט ער באַקומען דעם טיטל פּריסטער; אין 1401 ווערט ער דעקאַן פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט, אין 1402 — רעקטאָר, און אין זעלבן יאָר ווערט ער פּריידיקער אין דער בעטלעהעם־קירך, און צייכנט זיך דאָרט אויס מיט זיין ליידנשאַפטלעכער רעדנער־קראַפט.

מיט איין יאָר שפּעטער הויבט הוס אָן זיין אַגיטאַציע פאַר אַ קירכן־רעפאָרם: אויף אַ פאַרזאַמלונג פון גייסטלעכע איז ער אַרויסגעטראָטן און מיט די שאַרפסטע ווערטער געשטעמפּלט זייער וועלטישקייט און זייער שענדלעכע לעבנס־פירונג. אונטערן איינפלוס פון וויקליפס לערע האָט הוס פאַרטיידיקט די עוואַנגעלישע אָרימקייט פון דער קירך און די אַלגעמיינע גלייכהייט אין רעליגיעזע ענינים: מען זאָל אָפּשאַפן דעם חילוק צווישן וועלטישע און גייסטלעכע מענטשן און שאַצן יעדן קריסט נאָר לויט זיינע מדות און איינגנשאַפטן; ער איז אויך געווען קעגן דעם אָפיציעלן מנהג פון מוחל זיין זינד און פון פאַרגעטערן הייליקע. זיין טרייהייט צום עוואַנגעליום איז נישט געווען צום האַרצן פאַר זייער פיל גייסטלעכע, און אין 1407 האָבן אים אָט די אומצופרידענע אָנגעקלאָגט פאַרן אַרצי־ביסקופ, אַז ער פאַרשפּרייט אַפּיקורסישע אידייען. און אין פּראָגער אוניווערזיטעט זענען דאַן אַרויסגעטראָטן קעגן הוסן די דייטשע טעאָלאָגן און פילאָזאָפן. דאָ איז די קעגנערשאַפט אַנטשטאַנען טיילווייז צוליב סכאָלאַסטישע דיפערענצן, טיילווייז צוליב רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע מיינונגס־פאַרשידנהייטן. הוס, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף וויקליפן, איז געווען אַ „רעאַליסט“, בעת די דייטשן זענען געווען נאָמינאַליסטן; אין 1408 האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל קעגן די הויפּט־אָנשויאונגען

פון וויקליפן. הוס האט דאן געפועלט ביים קעניג ווענצעל, אז די צאל דייטשן אינם אוניווערזיטעט זאל ווערן פארקלענערט, כדי זיי זאלן נישט האבן אזא איינפלוס; דאס האט געהאט די פעולה, אז די דייטשע פראפעסארן און סטודענטן זענען אוועק פון פראג און האבן געגרינדעט א נייעם אוניווערזיטעט אין לייפציג. צוליב די אלע פאסירונגען האבן די טשעכן אנגעהויבן זיך באציען צו הוסן מיט גרויס פארערונג און ליבע; זיי האבן אויף אים געקוקט, ווי אויף דעם גייסטיקן קאפ פון פאלק.

עם האט קיין זינען נישט צו נעמען דא פאנאנדערקלייבן די אלע רעליגיעזע שטרייטן, אין וועלכע הוס איז געווען באטייליקט. פאר אונז איז פיל וויכטיקער צו וויסן די שטעלונג פון הוסן צום קאמוניזם. מסתמא האט ער זיך אויך אין דעם פרט געהאלטן ביי די אנשויאונגען פון זיין ענגלישן לערער, אבער עפנטלעך האט הוס נישט פארטיידיקט קיין אלגעמיין־קאמוניסטישע אנשויאונגען. די קאמפאניע פאר דער קירך־רעפארם און פאר דער נאציאנאל־טשעכישער אויפריכטונג האט פארשלונגען זיין גאנצע ענערגיע. דער גורל זיינער איז באקאנט. איר 1413 האט דער פויבסט יאהאן X XIII דערקלערט הוסן אויסערן געזעץ; סוף 1413 איז הוס געפארן קיין קאנסטאנץ, ווו ס'איז זיך דאן צוזאמענגעקומען א קירכן־קאנציל, כדי זיך צו פארטיידיקן; דעם 6 יולי 1415 איז ער דארטן אומגעקומען אויפן שייטער־הויפן, אלס עקשנותדיקער הארטנעקיקער אפיקורס. לערך מיט איין יאר שפעטער איז פארברענט געווארן אויך היעראנימוס פון פראג, אלס אנהענגער פון וויקליפן און פון הוסן. גאנץ בעהמען, — אויסער די דייטשן (אפילו די דייטשע בארגארבעטער און אנדערע ארבעטער) און א קליינער צאל טשעכישע מאגנאטן, — האט געהאלטן הוסן און היעראנימוסן פאר נאציאנאלע מארטירער. אלע האבן זיך געשטעלט אויף זייער זייט, קעגן קאנציל און קעגן פויבסט, און האבן הערן נישט געוואלט פון זייערע מאניפעסטן און באפעלן.

10. די הוסיטישע מלחמות.

פון די פונקען, וואס האבן זיך אין 1415 און 1416 געטראגן

פון די שייטערהויפנס אין קאנסטאנץ, האבן זיך פאנאנדערגעפלאקערט די הוסיטישע מלחמות, וועלכע האבן געדויערט פון 1419 ביז 1436. נאציאנאלע, רעליגיעזע און סאציאל־רעוואלוציאנערע ליידנשאפטן האבן בשפע געשפייזט די דאזיקע מלחמות.

די טשעכישע נאציע איז טאקע געווען איינציק קעגן קאנסטאנץ און רוים און בכלל קעגן אנגריפן פון דרויסן, אבער זי איז פארט געווען אינערלעך געשפאלטן אויף קלאסן, און מען האט נישט געקאנט קומען צו קיין שום אויסגלייך מכוח דעם ציל פון די רעפארמען און מכוח זייער פארנעם. ס'איז געווען אלץ קלארער, אז עס זענען פאראן גרויסע פאלקס־שיכטן, וועלכע קאנען זיך בשום אופן נישט באפרידיקן בלויז מיט א רעפארם פון דער קירך, נאר זיי שטרעבן צו א סאציאלער איבערקערעניש. דער אדל און דאס בירגערטום האבן זיך באנוגנט דערמיט, וואס זיי האבן געפאדערט צו קאנפיסקירן די קירכן־גיטער און אז די הייליקע נאכטסעודה זאל פארקומען אין צווייערליי געשטאלטן — סוב אוטראקווע ספעציע: וויין (קעליש) און ברויט, כדי דורך דעם צו סימבאליזירן די קריסטלעכע גלייכהייט צווישן קלער און פשוטע מענטשן. די פאדערונג וועגן קעליש (קאליקס) איז אין א געוויסער מאס געווען א לאזונג פון דעמאקראטישער גלייכהייט, א רוף זיך אומצוקערן צוריק צו דעם איינפאכן לעבן, וואס האט אמאל געהערשט אין די קריסטלעכע אור־געמיינדעס. די אנהענגער פון אט דער ריכטונג האבן זיך גערופן אוטראקוויסטן אדער קאליקסטינער און זיי האבן בלויז איינס פארלאנגט — מען זאל זיי לאזן רויק געניסן פון די קאנפיסקירטע קירכן־גיטער און נישט לאזן דער קלער צו פארגרייסן צופיל דעם קאפ. דאס איז געווען די מעסיקע (אדל־בירגערלעכע) ריכטונג, — אירע אנהענגער האבן די סאציאלע ארדענונג גופא נישט אנגערירט, אבער קעגן זיי זענען ארויסגעטראטן די ארימערע פאלקס־שיכטן: קליינע פויערן און לאנד־ארבעטער, די פארארימטע אדל־לייט און דאסגלייכן עלעמענטן — זיי האבן פארלאנגט, אז די וויקליפישע לערע זאל דורכגעפירט ווערן פולשטענדיק, אנדערש גערעדט, זיי האבן געשטרעבט אויך צו סאציאלע רעפארמען. דאס איז געווען די ראדיקאלע ריכטונג, און אירע אנהענגער־

האבן זיך גערופן טאבאריטן, ווייל דעם הויפט־זיץ האבן זיי גע־ האט אין א שטעטל אויף א בארג (צו דרום־מערב פון פראג), וועלכן זיי האבן אנגערופן מיטן ביבלישן נאמען טאבאר (תבור).

די ראדיקאלע ריכטונג, **להיפוך צו דער** מעסיקער, איז נישט געווען איינהייטלעך: אמת, אלע אירע אנהענגער האבן געפאדערט א גרינטלעכע רעפארם פון דער קירך אי[illegible]ימט פון אור־קריסטנטום, אבער אין סאציאל־עקאנאמישע פראגן האבן נישט אלע געהאלטן זיך ביי די זעלבע מיינונגען: א טייל פון זיי זענען געווען נישט מער ווי מעסיקע סאציאל־רעפארמלער. און אנדערע ווידער זענען געווען קאנסעקווענטע קאמוניסטן. יעדער צד האט פארטיידיקט זיינע אנשויאונגען מיט טשעכישער עקשנות און קאנסעקווענטקייט אז פאהביסן באקעמפט דעם צווייטן צד; זיי זענען אבער געגאנ־ גען צוזאמען, ווי נאר ס'איז אויסגעקומען אפצושלאגן דעם געמיינ־ זאמען שונא ביי די טאבאריטן איז געווען א שטארקער צושטראם פון אנהענגער, ווייל זיי האבן אין זייער הויפט־קווארטיר געפרא־ וועט פאר דער מאסע די הייליקע סעודה איןביידע געשטאלטן. אין יום־טוב טעג פלעגן זיך פארזאמלען אין טאבאר טויזנטער טשעכן; אויך בעגארדן, וואלדענזער, פאציפיסטן און אנדערע קאמוניסטישע סעקטעס, וועלכע מען האט אין אנדערע לענדער פארפאלגט, האבן פאר זיך א מקום־מקלט אין טאבאר, און האבן דארט פאר־ [illegible]ערע; **אויף א צייט איז טאבאר געווארן** דער מיטל־ פונקט פון דער אפיקורסיש־סאציאלער באוועגונג פון גאנץ אייר ראפע.

מיטן וווקס פון זייערע רייען זענען די הוסיטן געווארן אלץ דרייסטער, און די טאבאריטן האבן אנגעהויבן קלערן וועגן אראפ־ זעצן דעם קעניג ווענצעל פון זיין טראן; דער איינפלוסרייכער גלח קאראדא האט זיי אבער אפגערעדט דערפון, ער האט געהאלטן, אז א טראן־וועקסל וועט גאר נישט געבן, בפרט אז קעניג ווענצעל האט ליב דעם טרונק, און מען קאן מאכן מיט אים וואס מען וויל. אפטער אבער האט זיך געמאכט אזוי, אז דער קעניג האט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די הויכע פריצים און גייסטלעכע, און זיי האבן געפועלט ביי אים, ער זאל ארויסטרעטן קעגן דער

רעפאָרם־באַוועגונג און זאָל פאַרוועדן די פּראַצעסיע, בעת וועלכע מען פלעגט טראָגן די הייליקע סעודה. דער דאָזיקער פאַרבאָט איז געווען דער סיגנאַל צו די הוסיטישע מלחמות. דעם 30 יולי 1419 האָבן די מאַסן אין פּראָג עובר געווען אויפן פּראָצעסיע־פאַרבאָט און דער מעסיקער וויאַבאַריט יאָהאַן ציסקאַ איז דאַן געוואָרן זייער אַנטשלאָסענער פירער. אונטער זיין אָנפירערשאַפט האָט די מאַסע באַלאַגערט דעם ראַטהויז; מען האָט אַרויסגעשליידערט די פאַר־זאַמלטע ראַטמענער דורך די פענסטער, און דאָ האָט זיי דער המון דערהרגעט אויף טויט. ווען דער „גוטער" און כאַראַקטערלאָזער קעניג ווענצעל האָט זיך דערוווסט וועגן אָט דער מעשה, איז ער געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט געקראָגן די אַפּאָפּלעקציע און איז אין צוויי וואָכן אַרום געשטאָרבן. אויפן בעהמישן טראָן איז דאַן אַרויף זיין ברודער זיגמונט, וועלכער איז געווען דייטשער קייזער (פון 1410 יאָר אָן) און בעתן קאָנסטאַנצער פּראָצעס קעגן הוסן האָט ער זייער אַ שלעכטע ראָל געשפּילט, — אַזוי אַז די הוסיטן האָבן נישט געקאָנט זיין צופרידן פון אים; און אויסערדעם איז ער שוין בלויז אַלס דייטשער קייזער געווען פאַרדעכטיק אין די אויגן פון די טשעכן. אָבער דאָך איז געווען רויק אין בעהמען, בעת זיגמונט איז געקומען אַהין איבערנעמען דעם טראָן. די מאַגנאַטן און פּאַטריציער האָבן גלייך געשווירן טריי־הייט צו זיגמונטן; די מאַסן אָבער האָבן פאַרנומען אַן אַפּוואַרטנדיקע שטעלונג, און האָבן אויף יעדן פאַל באַפעסטיקט די שטאָט טאַבאָר און זי פאַרוואַנדלט אין אַ גוט באַשיצטן לאַגער. און ווען די קאַטוילישע פּאַרטיי איז באַלד דערויף אַריבער צו פאַרפאָלגן די הוסיטן און האָט זיך גע־נומען פאַר געוואַלט־מיטלען און דער לעגאַט (שליח) פון פּויבסט האָט אין מערץ 1420 אָנגעהויבן פּריידיקן אַ קרייץ־צוג קעגן די בעהמישע אפיקורסים — איז דער שטורם אויסגעבראָכן.

דעם 3 אַפּריל 1420 האָבן זיך די קאַליקסטינער פאַראייניקט מיט די טאַבאָריטן, כדי צו פירן געמיינזאַם דעם קאַמף. און די איינִיקייט איז טאַקע געווען שטאַרק נויטיק, וואָרום פון אַלע עקן אייראָפּע האָבן זיך אויפן רוף פון פּויבסט אַ לאָז געטאָן קרייץ־מחנות קעגן די הוסיטן. אין 1421 האָט מאַרשירט אויף בעהמען

א גוואַלטיקע אַרמיי ביז 150 טויזנט ריטער, געדונגענע זעלנער, סתם ליבהאָבער פון מלחמה־לעבן און פרומע קאַטויליקער, וועלכע האָבן דערמיט געוואָלט אויסקויפן זייערע זינד — כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערטרינקען אין בלוט די הוסיטישע אפּיקורסעריי. פינף מאָל האָט דאָס קרייץ־חיל געמאַכט אַנגריפן, און אַלע מאָל האָט עס געליטן מפּלות, מיט שווערע פאַרלוסטן. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן מיט גרויס פאַרביטערטקייט אויף ביידע זייטן.

אין 1424 איז געשטאָרבן זשיסקאַ, און זיין אָרט האָבן פאַרנומען די לינקער געשטימטע טאַבאָריטן, פּראָקאָפּ דער גרויסער און פּראָקאָפּ דער קליינער. אין 1427 זענען זיי אַליין אַריבער צום אַנגריף, און האָבן אָרגאַניזירט א ריי אָנפאַל־עקספּעדיציעס אויף די אַרומיקע דייטשע לענדער. אומעטום — אין בייערן, עסטרייך, פראַנקלאַנד, זאַקסן, ביי לוזיץ, אין שלעזיען און אין בראַנדענבורג — אומעטום האָבן זיי צעשלאָגן די חילות פון דער אימפּעריע, וועלכע זענען קעגן זיי אַרויסגעטראָטן. די הוסיטן זענען דעמאָלט געוואָרן א שרעק־בילד פאַר די דייטשע לענדער, פונקט ווי מיט 200 יאָר שפּעטער זענען עס געווען די שוועדן. א פאָלקס־ליד פון יענער צייט זאָגט בולט עדות וועגן דעם: „מייסען און זאַקסן זיינען חרוב, שלעזיען און לוזיץ זענען צעשמעטערט; בייערן איז אויסגעהונגערט, און עסטרייך — פאַרוויסט; מערן איז אויסגעשעפּט, און בעהיים איז אומגעוואָרפן". ווען דאָס קרייץ־חיל האָט אין 1431 ווידער געליטן א מיאוסע מפּלה ביי טויס, האָבן דער פּויבסט און דער קייזער אָנגעהויבן קלערן וועגן שלום, וועגן א קאָמפּראָמיס. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, אויפן קאָנציל אין באַזעל, איז אין 1433 געשלאָסן געוואָרן א שלום; די הוסיטן איז דערלויבט געוואָרן דעם קעליש ביי דער הייליקער סעודה; די טשעכישע לאַנד־שפּראַך איז דערלויבט געוואָרן צו באַנוצן אין קירכן־דרשות; און דאָס צוגערויבטע קירכן־פאַרמעגן איז אָפּגעגעבן געוואָרן דעם אַדל. דער דאָזיקער שלום איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּראַגער קאָמפּאַקטאַטן".

די קאַליקסטינער און די מעסיקע טאַבאָריטן האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט די הנחות, וואָס זיי האָבן באַקומען אין די פּראַגער קאָמפּאַקטאַטן; אָבער ס׳זענען געבליבן ווייטער אומצו־

פריידן די אָנהענגער פון אַנטשיידענע רעפאָרמען און קאָמוניסטן, ד. ה. די טאַבאָריטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן ביז איצט געבילדעט די הויפּט־קראַפט פון די הוסיטן און האָבן געבראַכט אומגעהייערע בלוט־קרבנות אין די אַלע אַפּווער־און אָנגריף־שלאַכטן. אַזוי אַרום זענען נאָך די שלום אָפּמאַכן פון 1433 די הוסיטישע כוחות צעשפּאָלטן געוואָרן, די עקסטרעם־לינקע זענען געבליבן איזאָלירט און אָפּגעשוואַכט, און זייער גורל איז שוין צוליב דעם אַליין געוואָרן אָפּגעחתמעט.

11. דער טאַבאָריטישער קאָמוניזם און דער סוף פון טאַבאָר.

אין יענע יאָרן, פון 1418 ביז 1421 און ווייטער, ד. ה. פּונקט מיט 500 יאָר פאַר דער לעצטער רוסישער און דייטשער רעוואָלוציע, איז טאַבאָר געווען, אַזוי ווי איצט מאָסקווע, דער מיטלפּונקט פון אַלע אַפּיקורסיש־סאָציאַלע און קאָמוניסטישע שטרעבונגען פון אייראָפּע. אין טאַבאָר האָט געהערשט דער זעלבער אורקריסטלעכער גייסט, ווי אין דער אַמאָליקער ירושלימער געמיינדע, די זעלבע באַגייסטערונג. מיט אַ געלייטערט האַרץ זענען אַלע אַהין געקומען, און אַ גייסט פון ברידערלעכקייט האָט אַלעמען באַהערשט. אַלע שטאַנד־און פאַרמעג־אונטערשיידן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן; קיין מיין און דיין — דער מקור פון אַלדאָס שלעכטס — האָט נישט עקזיסטירט. טיפע פרומקייט און פרייד־יקייט, אַרבעט פאַר דער געמיינשאַפט, פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און פאָלקס־יום־טובים אונטערן פרייען הימל — דערמיט האָט זיך אויסגעצייכנט דאָס לעבן פון די טאַבאָריטן.

אָבער ס׳האָבן זיך אָנגערוקט אויף זיי שווערע ערנסטע צייטן: צייטן פון קאַמף און קריג קעגן די פאַרפאָלגער און באַדריקער. די טאַבאָריטן האָבן דערצו צעטיילט די באַפעלקערונג אויף הויזגעמיינדעס און פעלד־געמיינדעס; די ערשטע האָבן געזאָרגט פאַר שאַפן לעבנס־מיטלען און די צווייטע זענען אַוועק אויפן מלחמה־פּלאַץ; ס׳איז די זעלבע פליכט־פאַרטיילונג, ווי מיר האָבן עס געזען

(2־טער טייל, ז. 40—41) ביי די סוועוון און בכלל ביי די גער־מאַנער. די אויסערגעוויינלעך זיגרייכע עקספּעדיציעס פון די טאַ־באָריטן האָבן פאַר זיי לייכטער געמאַכט די געמיינוווירטשאַפט, ווייל דער קריגס־רויב איז געווען זייער גרויס און די הויז־געמיינ־דעס האָבן לייכט געקאָנט באַפרידיקן די באַדערפעניש פון אַלעמען.

די אַטמאָספער אין די טאַבאָריטישע געמיינדעס איז געווען דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט אורקריסטלעכע אידייען וועגן אויפ־לייזונג און מיט אַפּאָקאַליפּסישע שטימונגען; אַרום סוף 1419 איז אויסגעבראָכן אַ כיליאַסטישע באַגייסטערונג, די מאַסע האָט איבערגעלעבט אַ צושטאַנד פון עקסטאַז, פון פרייזדיקער האָפענונג און אָפּפערווייליקייט, און אין דעם צושטאַנד איז זי גרייט געווען אויפצונעמען אַלע מעגלעכע עקסטרעם־קאָמוניסטישע אידייען, וועל־כע זענען נאָר געווען אין מיטלאַלטער, זייט עס האָבן געפירט זייער אַגיטאַציע יאָאַכים פון פלאָרים און אַמאַלריך פון בענא און די קאַטאַרער (ז. 2־טן טייל). די בעגאַרדן (פּיקאַרדן), וועלכע האָבן דעמאָלט, ווי מיר ווייסן, פאַרקערפּערט אין זיך אַלע סאָציאַל־אַפּיקורסישע אידייען פון זייער צייט, האָבן אין 1419 גענומען פּרידיקן אין טאַבאָר אַז באַלד דאַרף ווידער קומען יעזוס און ער וועט אויפריכטן די טויזנטיאָריקע מלוכה, די קאָמוניסטישע צו־קונפט־מלוכה. אַלע מאַרטירער, וועלכע זענען אומגעקומען פאַר דעם אורקריסטלעך־קאָמוניסטישן אמת, וועלן אויפשטיין תחית־המתים, און צווישן זיי אויך הוס און היעראָנימוס. שפע און פרייד ווייסן און קענטניש, אומשולדיקייט און פולקאָמענהייט וועלן הערשן אין אָט דער צוקונפט־מלוכה, פּונקט ווי אדם הראשון האָט פון דעם אַלעם גענאָסן, איידער ער איז באַגאַנגען דעם ערשטן חטא. אַ צייט פון גלייכהייט און פרייהייט קומט אָן, און נישט קיין קעניגן, נישט קיין מענטשן־געזעצן וועלן מער נישט זיין. מלוכה, קירך, טעאָלאָגיע און די גאַנצע סכאָלאַסטישע געלערנטקייט וועלן בטל ווערן און פאַרשווינדן. — וואָרט־פירער פון אָט דער באַ־וועגונג איז געוואָרן דער גלח מאַרטינעק הוסקאַ, מיטן צונאָמען לאָקים (רעדנער).

צווישן אָט די עקסטרעמיסטן איז געווען אויך אַ גרופּע, וואָס

די אַנטינאָמיסטישע אַנשויאונגען האָבן זי דערפירט צו פיל־ווייבעריי. די דאָזיקע גרופּע האָט געטראָגן דעם אַלטן [illegible] סעקטעריי נאָמען אַדאַמיטן (אדם), ווייל אירע מיטגלידער האָבן זיך מיט פאַראַכטונג באַצויגן צו אַלע מנהגים פון דער ציוויליזאַציע און האָבן זיך נישט געשעמט אַרומצוגיין גאָר אדם־נאַקעט.

די מעסיקע טאַבאָריטן, פון ציסקאַס ריכטונג, האָבן שטאַרק געהאַסט די עקסטרעמע קאָמוניסטן (ווי די קאַליקסטינער זענען בכלל געווען קעגן קאָמוניזם), און אַרום סוף 1421 האָבן זיי אָרגאַניזירט אַ פאַרניכטונגס־צוג קעגן די אַדאַמיטן און האָבן זיי אויסגעראָטן מיט פייער און שווערד.

באַטראַכט מען גענויער די אַלע פּאַסירונגען פון דער הוסיטן־געשיכטע, קאָן מען פעסטשטעלן פאָלגנדיקע ריכטונגען: קאַליקסטינער, מעסיקע סאָציאַל־רעפאָרמער, קאָמוניסטן און עקסטרעמע קאָמוניסטן. ביים אָפּשאַצן די דאָזיקע ריכטונגען און זייער באַדייטונג איז נישט איבעריק דורכצופירן אַ פאַרגלייך מיט די ריכטונגען אין דער לעצטער דייטשישער רעוואָלוציע פון 1918. די קאַליקסטינער זענען געווען דאָס, וואָס די היינטיקע בירגערלעכע דעמאָקראַטן; די טאַבאָריטן האָבן לכתחילה אַרומגענומען אַלע עלעמענטן, וועלכע זענען געשטאַנען לינקס פון די קאַליקסטינער, ס׳הייסט, לויט די היינטיקע באַגריפן — סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי*). די מעסיקע טאַבאָריטן מיט ציסקאַן דערמאָנען די מערהייט־סאָציאַליסטן; די לינקע טאַבאָריטן זענען די היינטיקע אומאָפּהענגיקע און קאָמוניסטן; און די כיליאַסטן זענען ווי די היינטיקע עקסטרעמע קאָמוניסטן, וועלכע רעכענען אויס אוממיטלבאַר אויף דער וועלט־רעוואָלוציע.

די פּראַגער קאָמפּאַקטאַטן (דער שלום פון 1433) האָבן באַפרידיקט די ווירטשאַפטלעכע און די נישט איבעריק גרויסע גייסטיקע אינטערעסן פון קאַליקסטינער און רעכטע טאַבאָריטן, און דערמיט גופא האָבן זיי געשאַפן אַ געפערלעכע לאַגע פאַר די לינקע טאַבאָריטן. זאָלן זיי זיך אונטערוואַרפן — וועט עס זיין אַ פּאַראַט לגבי

*) עקסט־לינקע קאָמוניסטן.

דער אייגענער *פאַרגאַנגענהייטן* בלייבן ווידער אין אָפּאָזיציע — האָט געהייסן אַריינטרעטן אין אַ מלחמה קעגן די פריערדיקע פאַרבינדעטע, וועלכע זענען סיי ווירטשאַפטלעך סיי לויט דער צאָל געווען פיל שטאַרקער פאַר די לינקע טאַבאָריטן; און חוץ נאָך האָבן זיי געהאַט קעגן זיך אויך דעם קאַטוילישן און דעם קייזערלעכן לאַגער. נאָך די פּראַגער אָפּמאַכן האָט זיך פאַקטיש געשאַפן אַ מין פּריציש־בירגערלעכע סאָציאַל־רעפאָרמערישע קאָאַליציע קעגן קאָמוניסטישן לינקן פליגל. אָבער נישט געקוקט דערויף, איז דער לעצטער פּאַרט געבליבן אין שאַרפסטער אָפּאָזיציע — און פריער אָדער שפּעטער האָט ער געמוזט זיך נעמען פאַרן געווער. די גאַנצע לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז ס׳איז מעגלעך געווען נאָר איין אַנטשיידונג — דורך קריג, — הגם ס׳איז גאָרנישט שווער געווען פאָרויסצוזען דעם אויסגאַנג פון אַזאַ קריג. דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז געשען טאַקע גאָר גיך, קוים אין זעקס חדשים אַרום נאָכן פּראַגער שלום. 18 טויזנט קאָמוניסטן האָבן געהאַט קעגן זיך אַ קאָאַליציע־אַרמיי פון 25 טויזנט מאַן. די אַנטשייד־שלאַכט איז פאָרגעקומען זונטאָג דעם 30 מאַי 1434, ביי ליפּאַר (נישט ווייט פון בעהמישן בראָד). די שלאַכט האָט זיך געצויגן אַגאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, ביז מאָנטאָג דריי פאַרטאָג, און די קאָמוניסטן זענען געוואָרן באַזיגט; כמעט 13 טויזנט קערפּערס פון די מוטיקסטע טאַבאָריטן — צווישן זיי דער הויפּט־פירער פּראָקאָפּ — האָבן באַדעקט דאָס שלאַכט־פעלד. דאָס איז געווען אין מאַי, און אין דעצעמבער האָבן די רעשט לינקע זיך שוין ווידער געוואָרפן אין קאַמף, אָבער זיי זענען שוין דאַן נישט געווען קיין ערנסטער כוח.

און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פונם פאַראַט פון די מעסיקע לגבי די קאָמוניסטן?

ביסלעכווייז איז גאָר נישט פאַרבליבן פון די מעסיקע קירכלעכע הנחות; צו קיין בעהמישער רעפאָרמאַציע האָבן די פּראַגער קאָמפּאַקטאַטן נישט געבראַכט; אין 1483 האָט מען אַרויפגעצוווּנגען אויף די בעהמישע פויערן די לייב־קנעכטשאַפט.

פון די רעשטן פון די טאַבאָריטן איז אין 1457 אַנטשטאַנען

די סעקטע בעהמישע און מערישע ברידער, וועלכע איז אין א סך פרטים זייער ענלעך צו דער קוואקער־סעקטע. די גרונט־עיקרים פון די „ברידער" זענען געווען אויך פאציפיזם, סאציאלע רעפארמען, ליבע צו ארבעט און ווילטעטיקייט.

דער אייגציקער גייסטיקער רעזולטאט פון די הוסיטישע מלחמות איז געווען דאס, וואס די לערעס פון וויקליפן און פון הוסן זענען אריינגעדרונגען קיין דייטשלאנד. די ווירקונג פון אט די לערעס האט זיך געלאזט פילן אין דער דייטשישער פויערן־מלחמה, און אויך אין דער רעפארמאציע.

VI. דער סאָציאַלער איבערבוי אין דייטשלאַנד
1535 - 1516

1. די ערשטע דייטשע רעוואָלוציע.

אין משך פון די צוויי יאָר־צענדליק 1516 — 1535 האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דייטשלאַנד פיר מעכטיקע באַוועגונגען: די רעפאָרמאַציע (לוטער), די פּלענער וועגן מלוכה־איינהייט (זיקינגען), דער פּויערן־קריג (פלאָריאַן גייער, טאָמאַס מינצער), קאָמוניזם און טויפעריי (סעבאַסטיאַן פראַנק, יאַן פאַן לײדען). די דאָזיקע באַוועגונגען זענען דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דייטשישן פאָלק. ווייל מען ריכטיק אָפּשאַצן די דאָזיקע צוויי צענדליקער יאָר, מוז מען זיך באַקענען מיט אַלע פיר באַוועגונגען מיט אַמאָל: ערשט ווען מען באַטראַכט זיי אין זייער צוזאַמענגעבונדנקייט, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז די אמתע גרויס פון יענער צייט. דאָס רעוואָלוציאָנערע פייער האָט אָנגעצונדן די דייטשע פעלקערשאַפטן אויף אַ ריזיקן שטח, פון וויטנבערג ביז באַזעל און אינסבּרוק, פון טיראָל און שוואַביע ביז האָלאַנד. די ראַדיקאַלסטע קריטיק איז געוואָרן אָנגעווענדעט לגבי רעליגיעזע, נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע אָנשויאונגען און פּראַקטיק. די ריטערשאַפט, דער נידעריקערער קלער,

די געלערנטע, דאָס בירגערטום, דאָס פּויערטום, די אָרימערע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף — אַלע זענען געוואָרן אָפּאָזיציאָנעל, און יעדע גרופּע האָט לויט אירע אינטערעסן און אידעאַלן פאָרמולירט איר רעליגיעזן און סאָציאַל־עקאָנאָמישן אני־מאמין און אַנטוויקלט איר אייגענע פּראָגראַם. דייטשלאַנד האָט זיך געפונען ווי אין אַ שמעלץ־אויוון — זי האָט דורכגעמאַכט איר ערשטע רע־

וואָלוציע. דאָס צענטראַלע אָרט אין די סאָציאַלע קאַמפן האָט דעמאָלט פאַרנומען דאָס פויערטום. פונקט ווי בעת דער צווייטער רעוואָלוציע, אין 1848, האָט דאָס דאָזיקע אָרט פאַרנומען דאָס בירגערטום, און אין דער דריטער רעוואָלוציע, אין 1918 — דער אַרבעטער־קלאַס.

געעפנט אַזוי צו זאָגן דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן פעריאָד האָט לוטער. דער ערשטער אויפטריט זײַנער איז געווען זייער אַ גראָטעסקער, אַ פּיל צוזאָגנדיקער. אין 1516 האָט ער אַרויסגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט פון אַן אַלטן דײַטשן מיסטיקער, אונטערן טיטל „טײַטש טעאָלאָגיע" (Teutsch Theologia) דאָס איז געווען אַ מעסיקע מיסטיש־פּאַנטעאיסטיש־קאָמוניסטישע אָפּהאַנדלונג, וואָס ס'איז אַ גרויסער ספק, צי לוטער האָט טאַקע פאַרשטאַנען איר אמתע באַדײַטונג; אים האָט דער עיקר צוגעצויגן די דײַטשע שפּראַך פון דעם ווערק און זײַן טיפע פרומקייט. די אויסגאַבע זאָגט אָבער עדות דערויף, אַז לוטער האָט שוין דאַן איבערגעלעבט אַ געוויסע איננערלעכע ברוזונג. זײַן ווירקלעכע מיסיע דאַטירט פון דעם טאָג, — 31 אָקטאָבער פון 1517, — ווען ער האָט צוגעקלאַפּט אין קלויסטער אין וויטענבערג זײַנע 95 טעזיסן. ער איז נישט געגאַנגען ווײַטער פון קירכלעכע רעפאָרמען און נאַציאָנאַל־דײַטשע שטרעבונגען, וועלכע זײַנען געווען נישט מער ווי אַ קלענער טייל פון דער ערשטער דײַטשער רעוואָלוציע. מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם ווײַטער. בעת מיר שרײַבן אָבער די געשיכטע פון סאָציאַליזם און סאָציאַלע קאַמפן, איז פאַר אונז וויכטיק אָט וואָסער פאַקט: ווי ווייניק רעוואָלוציאָנער לוטער אַליין איז נישט געווען, אָבער זײַן אַרויסטריט האָט מיט אַמאָל געשאַפן פרײַע לופט פאַר אַלע סאָציאַל־רעפאָרמערישע פונקן, וועלכע האָבן געגליט אונטערן אַש, און האָט זיי פאַנאַנדערגעבלאָזן אין אַ גרויס פײַער. עס האָבן זיך באַוויזן פלוג־שריפטן און פּראָגראַם־בלעטער, ווי צו רעפאָרמירן גרינדלעך די מלוכהשע אָרדענונג און דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן, און עס זײַנען געמאַכט געוואָרן פרוּוון צו פאַרווירקלעכן אָט די רעפאָרמען מיט געוואַלט; מען האָט גענומען רעדן וועגן דעם, אַז עס שטייט פאַר אַ ווענד־פונקט אין דער געשיכטע

און דאָס האָט געוועקט די פאַנטאַזיע פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן; פון 1519 אָן האָבן גרויסע טיילן פון פאָלק געלעבט אין אומרו און געשפּאַנטקייט, גלייך ווי מען וואָלט פון טאָג אויף טאָג געוואַרט אויף אַן אומפאַרמיידלעכער וועלט־איבערקערעניש.

און אויב פון אָט די אומגעהויערע ווייען פון אַ גרויס פאָלק איז אַרויסגעקומען ניט מער ווי די ברעקלדיקע גייסט־אָרימע קירכלעכע רעפאָרמאַציע — איז דאָס געווים איינס פון די טראַגישסטע בלעטלעך פון דער דייטשער געשיכטע!

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער אייגנטלעכער אויפגאַבע, לאָמיר זיך באַקענען מיט דער אַנטשטייאונג און מיטן פאַרלויף פון דער פויערן־מלחמה און פון דער קאָמוניסטישער טויפעריי.

2.ווירטשאַפט און פּאָליטיק.

אין 15 און 16 יאָרהונדערט איז דייטשלאַנד געווען דאָס רייכסטע צווישן די קריסטלעכע לענדער. די קוואַלן פון דער דייטשער נאַציאָנאַלער רייכקייט זענען געווען די מינעראַלע אוצרות פון באָדן, דער פלייס פון די האַנטוועריקער, דער אונטערנעם־גייסט און די רירעוודיקייט פון הענדלער־קלאַס און די אומדערמידלעכע אַרבעט פון די פויערן. זאַקסן, האַרץ, בעהמען, שטייערמאַרק און טיראָל האָבן געגעבן זילבער און גאָלד, אייזן און בליי, קופּער און זאַלץ. אין די שאַכטעס, הוטעס און וואַרשטאַטן האָבן געניטע הענט און קעפּ געאַרבעט מיט אַלע מיטלען פון דער אַרבעט־טעכניק פון יענער צייט. נירנבערג, שטראַסבורג און באַזעל זענען געוואָרן באַרימט מיט די פאַרבעסערונגען, וואָס זיי האָבן איינגעפירט אין די אַלטע אַרבעטס־פּראָצעסן און מיט די דערפונדענע נייע אַר־בעטס־מעטאָדן — צווישן וועלכע ס׳איז, אגב, געווען איינער פון די וויכטיקסטע און רעוואָלוציאָנערסטע — בוך־דרוק. די דרום־דייטשע און צפון־דייטשע סוחרים ווידער האָבן זייט דעם 13 יאָר־הונדערט אָנגעזאַמלט גענוג דערפאַרונג און קאַפּיטאַל, אַזוי אַז זיי האָבן לייכט געקאָנט צופּאַסן זייערע אונטערנעמונגען צום אויס־געוואַקסענעם וועלט־פאַרקער, צו די געענדערטע האַנדלס־וועגן און

צו די נייע מעבר־לים־לענדער, וואָס די שפּאַניער און פּאָרטוגעזען האָבן אַנטדעקט.

שוין אין 13 יאָרהונדערט האָבן די נירנבערגער, אויגסבורגער און אולמער סוחרים אָנגעהויבן טרייבן דעם לעוואַנטע־איטאַליענישן אימפּאָרט פון ווענעציע און גענוע ווייטער קיין צפון־מערב פון דייטשלאַנד און קיין פלאַנדריע. די צפון־דייטשע האַנדלס־לייט זענען געווען אָרגאַניזירט אין דער מעכטיקער האַנזע, און האָבן באַהערשט דעם גאַנצן האַנדל אויפן באַלטישן ים, פון ליובעק ביז נאָווגאָראָד. אָבער צום אָנהייב פון דער נייער צייט האָט די טעטיקייט פון דער האַנזע דאָך געשפּילט אַ פיל קלענערע ראָל, איידער די דרום־דייטשע סוחרים — צוליב צוויי סיבות. ערשטנס, האָבן זיך די צפון־דייטשע האַנזע־סוחרים באַגרעניצט אויסשליסלעך מיט האַנדל, בעת די דרום־דייטשע סוחרים האָבן וואָס ווייטער זיך אַלץ מער פאַרבונדן מיט דער אָרטיקער פּראָדוקציע; און צווייטנס, די האַנזע־לייט, אין זייער האַנדל אויפן באַלטישן ים, האָבן געהאַט באַציאונגען בלויז מיט רוי־שטאָף־געביטן און מיט ראַיאָנען פון קאָלאָניאַלע סחורות, וועלכע זענען נאָך געווען קנאַפּ אַנטוויקלט; פאַרקערט, די דרום־דייטשע סוחרים האָבן געהאַט באַציאונגען מיט צפון־איטאַליען, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ רייכע פּראָדוקציע און די האַנדל־ און פינאַנץ־טעכניק איז דאָרט געווען אַ הויך־אַנטוויקלטע — האָבן זיי דערביי זייער פיל געלערנט פון איטאַליען. די גרעסערע באַוועגלעכקייט און צופּאַסונג־פעאיקייט פון די דרום־דייטשער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, בעת דער האַנדלס־פאַרקער האָט זיך איבערגעטראָגן פון מיטללענדישן ים צום אַטלאַנטישן אָקעאַן און צום דייטשישן ים. ווען די אָסמאַנען (אַ טערקישער שבט) האָבן פאַרנומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1453) און ס'האָט זיך איבער זיי אָפּגעשטעלט דער מיטללענדישער האַנדלס־פאַרקער, האָבן די פעלקער געמוזט זוכן נייע פאַרקער־וועגן צווישן אייראָפּע און אַזיע. די פאָלגן זענען געווען: מען האָט אָנגעהויבן פאָרן מיט שיפן אַרום און אַרום אַפריקע; מען האָט אַנטדעקט אַמעריקע; פּאָרטוגאַל, האָלאַנד און ענגלאַנד זענען מאַטעריעל שטאַרק דערהויבן געוואָרן; ליסאַבאָן, אַנטווערפּען און לאָנדאָן זע־

נען געוואָרן צענטרען פון וועלט־האנדל; דאקעגן אין שפּאניען האָבן
דער קלעריקאַליזם און די אינקוויזיציע אָפּגעטויט אָדער פאַריאָגט
די ווירטשאַפטלעכע כוחות; שפּאניען האָט זיך נאָר פּאָליטיש
ארויפגעאַרבעט, און איז צום אָנהויב 16־טן יאָרהונדערט, אונטער
דער רעגירונג פון פערדינאַנד דעם קאַטוילישן (1479 — 1516)
און איזאבעלא, געוואָרן די ערשטע וועלט־מאכט. אזוי ווי פער־
דינאַנד איז דורך הייראַטן און אָפּמאכן געווען פארבונדן מיט דער
האבסבורגישער דינאַסטיע, ס׳הייסט מיט די דייטשע קייזערס, האָט
זיך דעריבער געמאכט אזוי, אַז נאָך זיין טויט (1516) איז די
שפּאנישע קרוין אַריבער צו זיין אייניקל קארל און אין דריי יאָר
אַרום איז אים צוגעפאַלן אויך די דייטשע קרוין — —און ער
האָט אַלס שפּאנישער קעניג געטראָגן דעם נאָמער קארל I און אַלס
דייטשער קייזער — קארל V. ער האָט רעגירט פון 1519 ביז
1556, און פאַר זיין צייט האָט זיך דער פרי־קאַפּיטאַליזם אַנט־
וויקלט אין דרום־דייטשלאַנד, עס איז פאָרגעקומען די דייטשע רע־
פאָרמאציע, די דייטשע אייגנהייט־באַוועגונג, די דייטשע פּויערן־
מלחמה, און דער אויפבלי און פאַלן פון דער קאָמוניסטישער טוי־
פערייו — קורץ, די ערשטע דייטשע סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטי־
שע און גייסטיקע רעוואָלוציע.

אומבאַוווסטערהייט האָבן די דרום־דייטשע סוחרים זייער פיל
מיטגעווירקט ביי דער דאָזיקער רעוואָלוציע; זיי האָבן אין דער
פולער מאָס אויסגענוצט די אויסברייטערונג פונם דייטש־שפּאנישן
וועלט־פארקער. צווישן די גרויסע האנדלס־הייזער פון אויגסבורג
און נירנבערג האָבן די פירמעס פוגער און וועלזער פארנומען דאָס
ערשטע אָרט. די דייטשע בארג־אינדוסטריע, ווי אויך שפּאנישע
און אונגארישע גרובנס, דער האנדל מיט ליסאַבאָן און אַנטווער־
פּען, די פינאַנץ־אָפּעראַציעס מיט קארל V — דאָס אַלץ איז געלעגן
אין די הענט פון די דאָזיקע פירמעס. און זייער פיל דרום־דייט־
שישע פירמעס זענען געווען אינם האנדל מיט מעטאַל־ און קאָ־
לאָניאַל־סחורות, און זיי האָבן קאַפּיטאַליסטיש באַהערשט די קליין־
פּראָדוקציע. זיי האָבן געטריבן ליי־ און וווכער־געשעפטן. דאָס
שטאָטישע לעבן פון דרום־ און מיטל־דייטשלאַנד ליגט ארויף א

שטעמפּל אויף דער קולטור פון גאַנץ דייטשלאַנד אין דער נייער
צייט. אָבער וואָס ווייטער, איז געוואָרן אַלץ אַ גרעסערער קעגנ־
זאַץ צווישן אָט דעם לעבן און צווישן דער פּאַטריסטיש־קאַנאָני־
שער עטיק, דעם מיטלאַלטערלעך־קריסטלעכן געוויסן, דער גאַנצער
ווירטשאַפטלעכער וועלט־באַנעמונג פון אורקריסטנטום. עס איז גע־
וואָרן אַזוי שווער צו זיין פרום און הייליק אין דער פּראַקטיק!

3. סאָציאַלע פאָלגן.

דער פּרי־קאַפּיטאַליסטישער אויפשוואונג פון די דייטשישע לענ־
דער האָט געהאַט זייער פיל פאַרשידענע פאָלגן. דער האָריזאָנט
איז ברייטער געוואָרן, דער נאַציאָנאַלער וווילשטאַנד איז גע־
וואַקסן, אַלע האָבן זיך געיאָגט נאָך רייכטום, וואָס מער צו דער־
ווערבן — און דאָס האָט אויפגעוועקט אויך ביי די אַרבעטנדיקע
מאַסן אַ פאַרלאַנג נאָך מער פרייהייט און גלייכהייט, אַ פאַרלאַנג
צו באַקומען אַ גרעסערן חלק אין דעם אַלגעמיינעם רייכטום. אַלע
פאָלקס־שיכטן, וועלכע האָבן זיך געפילט באַעולהט און אונטער־
דריקט, זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ גרויסער אומצופרידנ־
קייט. און אַז די קלאַסן־צעגלידערונג פון דער געזעלשאַפט איז
געוואָרן טיפער און דער דרוק אויף די אונטערשטע שיכטן שווע־
רער, איז די אומצופרידנקייט אויך געוואָרן שאַרפער. עס האָבן
זיך אויסגעבילדעט צוויי לאַגערן: אין איינעם זענען געווען די
פּאַטריציער — גרונט־באַזיצער, די גרויסע סוחרים — די מאָנאָ־
פּאָליסטן, די רייך־געוואָרענע פּראָצענטניקעס (וואָס האָבן אויס־
געליען געלט אויף אינדוסטרי־וואַרשטאַטן) און די גייסטלעכע,
וואָס זענען אויך געווען אָדער גרונט־באַזיצער אָדער האָבן געהאַט
אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען; צום צווייטן לאַגער האָבן גע־
הערט די קליינע האַנטווערקער, די פּויערן און דער פּראָלעטאַריאַט
(פּאַראָרימטע האַנטווערקער און פּויערן, און ריטער און לאַנדס־
קנעכט אָן שום באַשעפטיקונג). דער תהום צווישן די צוויי לאַ־
גערן איז געוואָרן אַלץ טיפער, דער קעגנזאַץ אַלץ בולטער און צו־
געשפּיצטער. דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס די לעבנס־
קאָסטן זענען כסדר געוואַקסן, מען האָט אַלץ מער געמוזט אָפּ־

געבן פאַרשידענע שטייערן און אָפּצאָלונגען לטובת דער שטאָט און דער קירך. די גרעסערע פּראָדוקציע פון איידעלע מעטאַלן — ד. ה. פון צאָלונגס־מיטלען — און די אַלערליי מאָנאָפּאָלן האָבן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם וווּקס פון די פּרייזן אויף אַלע לעבנס־מיטלען, און אַממייסטן האָבן דערפון, נאַטירלעך, געליטן די אומפאַרמעגלעכע און פּראָלעטאַרישע שיכטן. די שטייערן זענען אויך געוואַקסן, ווייל — די מלוכה איז געווען צעברעקלט און מאַכטלאָז און די ריטערשאַפט איז געוואָרן אַלץ מער דעמאָראַליזירט, האָבן די שטעט געמוזט אַלץ מער פאַרגרעסערן די אויסגאַבן אויף צו באַוואָרענען זייער מיליטערישע זיכערקייט. די קירך פון איר זייט האָט געפאָדערט אָן אַ שיעור אָפּצאָלן — פאַר טויפן, פאַר דתונה־מאַכן, פאַר מקבר זיין, פאַר אינדולגענציעס; די קירך האָט געמוזט זאַמלען זייער גרויסע סומעס און שיקן יעדעס יאָר קיין רוים. אין אַ צייט ווען די אומצופרידנקייט האָט בכלל אַרומגעכאַפּט ברייטע קרייזן פון פאָלק, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער יערלעכער צינס פאַר רוים האָט נאָך פאַרגרעסערט די דאָזיקע אומצופרידנקייט און איז געוואָרן אַ טעמע פאַר העפטיקער אַגיטאַציע.

באַזונדער שאַרף האָבן די פּויערן געפילט די פאָלגן פון די ווירטשאַפטלעכע ענדערונגען. וואָלטן זיי געווען פריי, וואָלטן זיי גראָד, אַלס פּראָדוצענטן פון לעבנס־מיטלען און רוי־שטאָפן פאַר דער אויסגעוואַקסענער שטאָט־באַפעלקערונג, געקאָנט האָבן גאָר אַ גרויסן חלק אין אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, — אָבער די לייב־קנעכטשאַפט האָט זיי געשטערט דערין. זיי האָבן געמוזט אָפּגעבן פאַר די פּריצים דעם „גרויסן“ צענטן פון קאָרן, דעם „קליינעם“ צענטן פון פי, און אָפט נאָך דעם דריטן גאַרב; חוץ דעם האָבן זיי געהאַט נאָך אַ ריי פליכטן לגבי די פּריצים: טון פאַר זיי גשוויסע אומזיסטע אַרבעטן מיט דער האַנט און מיטן פי; און ענדלעך, האָבן זיי נאָך געהאַט אויף זיך אַ מין ירושה־שטייער לטובת דעם פּריץ, בעת ס׳שטאַרבט דער פאָטער פון דער משפחה — דער אַזוי גערופענער „טויט־פאַל“. אַזוי ווי שפּייז־פּראָדוקטן זענען געוואָרן טייערער אין פּרייז און דער ווערט פון

באָדן איז געשטיגן, האָבן זיך די פּויערן גרייליך דערמאָנט, אַז די פּריצים האָבן צוגענומען ביי די דאָרפס־געמיינשאַפטן אַ טייל פון די פּאַשע־פעלדער און לאָנקעס און האָבן נאָך דערצו מאָנאָפּאָליזירט פאַר זיך דאָס רעכט אויף יאַגד אין די וועלדער און אויף פיש־פאַנג אין די טייכן. וואָרום מען דאַרף וויסן, אַז זייט דעם 14־טן יאָרהונדערט האָבן שוין די פּריצים אויך באַקומען פאַרשטאַנד פאַר געלט־ווירטשאַפט און האָבן געוואָלט וואָס מער אויספּרעסן פון זייערע לייב־אייגענע פּויערן. פונם קאַנאָנישן רעכט און פונם אַלטן גערמאַנישן געמיינשאַפט־רעכט איז איצט מער קיין שפּור נישט פאַרבליבן; זייער אָרט האָט פאַרנומען דאָס רוימישע רעכט; אויפן סמך פון דעם רעכט זענען די אַלמענדעס פון די דאָרף־געמיינדעס צוגעפּסקנט געוואָרן פאַר די פּריצים, און די פּויערן, וואָס זענען ביז איצט געווען נאָר צינס־פּליכטיק, האָט מען אויך פאַררעכנט פאַר לייב־אייגענע פון די פּריצים.

אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ סאָציאַלער גערודער פון גאָר אַ גרויסער קראַפט און ברייטן פאַרנעם. אין דעם גערודער קאָן מען — פון אונזער שטאַנדפּונקט — אונטערשיידן דריי הויפּט־ריכטונגען: איין ריכטונג איז געווען אַ פּויערשע, אַ סאָציאַל־רעפאָרמערישע, די צווייטע — אַ פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטישע, און די דריטע — אַ בירגערליך־קירכן־רעפאָרמערישע. און פּאַראַלעל מיט די דריי ריכטונגען איז געווען נאָך אַ פערטע, וועלכע האָט זיך געשטעלט נאַציאָנאַל־פּאָליטישע צילן: דערגרייכן מלוכה־איינהייט אונטער דער פירונג פון אַ דייטשישן קייזער. די פּראָגראַם פון דער דאָזיקער ריכטונג איז איבערגעגעבן אין דער פלוג־שריפט „די נויטן פון דער דייטשער נאַציע“ (1523); אירע אָנהענגער זענען געווען ריטער (פאַראָרימטע קליינע פּריצים), דאָס פּויערטום און אַ טייל פון בירגערטום; אירע קעגנער זענען געווען — ווי אין 1848 — די לאַנד־פירשטן, דער הויכער אַדל. מיר וועלן זיך אָבער לענגער נישט אָפּשטעלן אויף דער דאָזיקער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער באַוועגונג — ווייל דאָס גייט נישט אַריין אין די ראַמען פון אונזער אַרבעט. מיר וועלן זיך פאַרהאַלטן ביי די סאָציאַליסטישע ריכטונגען און ביי די סאָציאַלע קאַמפן:

די פויערן האָבן אַרויסגעשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען: די אומבאַרירלעכקייט פון דער דאָרף־געמיינשאַפט, דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג אין קירך און געמיינדע, און פערזענלעכע פרייהייט. די פּראָלעטאַריער און די טעגלאָנער, וועלכע האָבן נאָך געלעבט אין דער געדאַנקען־וועלט פון אור־קריסטנטום, האָבן געפאָדערט קאָמוניזם, און זענען, נאַטירלעך, געשטאַנען אויף דער זייט פון די פויערן. דער עקסטרעמער אויסדרוק פון די שטרעבונגען איז געווען די טויפער־באַוועגונג (ווידער־טויפער).

די בורזשואַזיע פון איר זייט האָט — קורץ גערעדט — פאַרלאַנגט, אַז דאָס קריסטנטום זאָל זיך צופּאַסן צו די אינדיווידואַליסטישע אינטערעסן און צו דער פאַרבונדענער מיט אַזעלכע אינטערעסן אינדיווידואַליסטישער עטיק; און דערביי האָט זי געוואָלט זיך באַפרייען פון דער אוניווערסאַלער קירך און אויפשטעלן אויף איר אָרט אַ נאַציאָנאַלע קירך. אויפן גרונט פון דער הונדערטער־יאָרן אַלטער קריסטלעכער טראַדיציע האָט די בורזשואַזיע געוווסט, אַז דאָס ניי אויפגעקומענע לעבן פון זאַמלען פאַרמעגן, פון וווכערן, מאָנאָפּאָליזירן און עקספּלואַטירן איז אַ זינדיק לעבן; זי האָט אָבער געפילט, אַז זי איז אָנמעכטיק קעגן די נייע ווירטשאַפטלעכע כוחות, אַז זי קאָן נישט ווייטער לעבן לויט דער פּאַטריסטישער עטיק און לויטן קאַנאָנישן רעכט, אַז זי קאָן נישט בלייבן פרום אין אירע מעשים. זי האָט זיך אַזוי אַרום מאָראַליש געפילט זייער שלעכט. אין צייטן פון ווירטשאַפטלעכע קריזיסן און סאָציאַלע אויפשטאַנדן האָט זי נישט געקאָנט פאַרטראָגן די רייכקייט פון דער קירך און פון די קלויסטערס און זייער געלט־ און פּראָדוקציע־קאָנקורענץ און דאָסגלייכן דעם גאָלד־שטייער לטובת רוים — און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גרויסער טייל סאָציאַלע צרות נעמען זיך פון אָט די סיבות. און חוץ דעם איז די בורזשואַזיע אויך געווען צווישן די טרעגער פון נאַציאָנאַלן געדאַנק אין דייטשלאַנד, אַזוי אַז צוליב דעם אַליין שוין האָט זי זיך געפונען אין אָפּאָזיציע צום פּויבסטום. שוין אין דער צייט פון לודוויג דעם בייערישן זענען די שטעט געווען קעגן פּויבסטום און פאַר אַ נאַציאָנאַלן קייזערטום. די דאָזיקע בירגערלעכע ווידונג־

און ברויזונג האָט עס געפונען איר גייסטיקן אויסדרוק אין דער לוטערשער רעפאָרמאציע.

די רעפאָרמאציע קאָן מען, ערשטנס, באַטראַכטן, ווי אַ פּרווו גובר צו זיין דעם מאָראַלישן קריזיס, וועלכן ס׳האָבן איבערגעלעבט ברייטע קרייזן פון בירגערטום — צוליב דעם קעגנזאַץ צווישן דער פּאַטריסטיש־קאַנאָנישער טראַדיציע און דער נייער ווירטשאַפט, צווישן מיטלאַלטערלעך־קריסטלעכן געוויסן און דעם אַלץ זיך שטאַרקנדיקן עגאָאיזם; דער דור פון דער רעפאָרמאַציע־צייט האָט זיך מאָראַליש געפילט זייער נישט גוט. אַן ענלעכן קריזיס האָבן אין יעזוסעס צייט דורכגעמאַכט די יידישע מיטל־שיכטן אין פּאַלעסטינע; און אַזוי ווי זיי האָבן זיך אויך געפונען אונטערן גייסטיקן איינפלוס פון די פּרושים, האָבן זיי געוואָלט בייקומען דעם קריזיס דורכדעם, וואָס זיי וועלן אָנהויבן וואָס מער און וואָס שטרענגערע געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס זיי וועלן אויסשפּרייטן דעם רעליגיעזן ריטואַל ביז אויפן מינדסטן טריט פונם מענטשן; די צאָל דינים איז אומגעהויער אויסגעוואַקסן, זייער לאַסט איז געווען אַ דריקנדיקע, אַזוי אַז זיי האָבן נאָך פאַרטיפט דעם געפיל פון מאָראַלישער אָנמעכטיקייט ביים מענטשן. בעת אָט דעם קריזיס האָט פּוילוס, וועלכער איז געווען אַ פאַנאַטישער פּרוש און האָט זייער שמערצלעך איבערגעלעבט אָט די דריקנדיקע געזעצלעכקייט, גאָר פאַרוואָרפן דעם גאַנצן יידישן לעגאַליזם מיט זיין לערע וועגן זינדיקייט; ער האָט צעבראָכן די קוליעס, אויף וועלכע ער האָט זיך געהאַט אָנגעשפּאַרט אין זיין מאָראַלישער שוואַכקייט; און ער איז געפאַלן אויף די קני פאַר דער גייסטיקער דערשיינונג פון יעזוסן, כדי צו שעפּן נייע קראַפט, פרייהייט און מענטשן־ווערדע פון דער גרויסקייט פון דעם געקרייציקטן, פון זיין אויסלייז־קרבן, פון זיין געטלעכער גוטסקייט.

מאַרטין לוטער איז געווען דער פּוילוס פון דייטשן בירגערטום. אָבער אַלס האַרטער שטאַם־גערמאַנער, קוים באַריִרט פון דער ציוויליזאַציע, האָט ער בלויז אין אַ קליינער מאָס פאַרמאָגט די איינגנשאַפטן פון פּוילוסעס נשמה, — יענע איז דאָך געווען איבערגעזעטיקט מיט עטיק און מיסטיק פון אַ רייכער קולטור.

און צווייטנס, איז די רעפאָרמאציע געווען א פּרוו צו שאפן א נאציאָנאַלע קירך, כדי צו באפרייען זיך פונם פויבסטום; אָבער אויך אין דעם פּרט איז געטון געוואָרן נאָר האַלבע אַרבעט. אין נאציאָנאלער הינזיכט שטייט לוטער שטאַרק אָפּ פון זיקינגענען און פון הוטענען: זיי האָבן געשטרעבט צו א נאציאָנאלער קייזער־מלוכה, און לוטער האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיטן לאַנדפירשטנטום.

מיר מוזן זיך באגרעניצן מיט אָט דער קנאַפּער כאַראַקטעריסטיק פון דער רעפאָרמאציע, ווייל די טעמע פון אונזער בוך איז דאָך נישט די געשיכטע פון קריסטנטום, נאָר פון קאָמוניזם. לאָמיר דערום זיך אומקערן צום פויערן־קריג און צו די ווידערטויפער.

4. די פאָרגייער פונם פויערן־קריג.

צוויי יאָר נאָך דער הוסיטן־מלחמה, ד. ה. אין יאָר 1438, האָבן זיך געוויזן די ערשטע סימנים פון סאָציאלן אויפרודער צווישן דייטשן פויערטום. אין 1438 האָט זיך באַוויזן די שריפט: „רעפאָרמאציאָ סיגיזמונדי“, (רעפאָרם־פּראָגראם פון קייזער סיגיזמונד), אין וועלכער ס'זענען געווען פאָרמולירט די קלאגן און פאָדערונגען פון די דייטשע פויערן. טעאָרעטיש שטייט די שריפט אויפן באָדן פון מיטלאַלטערלעכן סאָציאלן דענקען. די פּראָגראם פאָדערט, מען זאָל אָפּשאפן די לייב־קנעכטשאפט, מען זאָל צוריק אומקערן די וועלדער, פעלדער און וואַסערן, וואָס דער אדעל און די קירך האָבן צוגענומען ביי די דאָרף־געמיינשאפטן, און מען זאָל אָפּשאפן די האנדל־געזעלשאפטן און צעכן, וועלכע עקספּלואטירן די פאָלקס־מאסן. אין דער באַגרינדונג פון דער דאָזיקע־ פראָגראם פאַררופט זיך די שריפט אויף דער ביבל און דרינגט אויס, אַז דער „אחרית הימים“ קומט אָן, ווען די אָרימע און נידעריקע וועלן ווערן דערהויבן און די רייכע און שטאַרקע וועלן ווערן דערנידריקט. אין דעם דאָקומענט איז בולט קענטיק דער איינפלוס פון די וויקליפיסטן און פון די טאַבאָריטן. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז קייזער סיגיזמונד, וועלכער האָט אָרגאַניזירט

די קרייז־מחנות קענען די הוסיטן, וואָלט קיינמאָל אזא פּראָגראַם נישט ארויסגערוקט, אָבער ס'איז געווען א צייט, ווען א קייזערלעכער נאָמען האָט נאָך געהאַט א גרויסע צוציאונגס־קראַפט און האָט געקאָנט שטאַרק צוניץ קומען פאַר דער אַגיטאַציע.

לערך מיט 40 יאָר שפּעטער (1476) האָט זיך אין דער געגנט פון ווירצבורג באַוויזן דער פאַסטוך האַנס בעהאַים, באַקאַנט אונטערן נאָמען פויקער פון ניקלאַסהויזן — און האָט אָנגעהויבן האַלטן עפנטלעכע רעדעס, אַז עס קומט אָן די צייט פון גלייכהייט. טויזנטער פויערן זענען געלאָפן הערן זיינע רעדעס. לסוף איז די אויפרעגונג געוואָרן אזוי גרויס, אַז דער אַרציביסקופ פון מאַינץ האָט באַפוילן, מען זאָל דעם נייעם פּריידיקער פאַרפאָלגן ווי א הערעטיקער און אים פאַרברענען.

אין 1493 איז אין עלזאַס אַנטשטאַנען א געהיימע פויערן־אָרגאַניזאַציע „אויפשטאַנד", וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל אָפּצושאַפן דאָס מענטשן־רעכט און עס פאַרבייטן דורך א „געטלעך רעכט" (אָדער נאַטור־רעכט) און באַפרייען דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון זיינע לאַסטן. אינגיכן האָט מען דעם „אויפשטאַנד" אויפגעדעקט און פאַרמשפּט זיינע פירער צום טויט.

אין 1514 איז אין ווירטעמבערג אַנטשטאַנען דער „אָרימער קאָנראַד", א פאַרבאַנד פון פויערן און שטאָטישע פּראָלעטאַריער קעגן אדעל און פּאַטריציאַט. דער דאָזיקער פאַרבאַנד איז אויך אומגעקומען, טיילווייז מיט דער הילף פון פּאַראַט־אַקטן מצד די פּריצים, און טיילווייז מיט דער הילף פון געווער.

אין דער זעלבער צייט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די פויערן, האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַן אור־קריסטלעך־קאָמוניסטישע יוירונג צווישן די האַנטווערקער אין די שטעט. אויפשטאַנדן פון דעם מין זענען פאָרגעקומען אין ערפורט (1509), אין אולם און שוועביש־האַל (1512) און אין ברוינשווייג און קעלן (1513). די שטאָטישע פּריידיקער, וועלכע האָבן געשטאַמט פון די אָרימערע פאָלקסשיכטן און האָבן אליין געהערט צו די נידעריקע שלעכט־באַצאָלטע גייסטלעכע, האָבן געזוכט א תרופה צו די סאָציאַלע צרות אין

דער ביבל, אין דער ערד־ און סאָציאַל־געזעצגעבונג פון דער תורה, אָדער אין עוואַנגעליום און אין דער פאַרמעגן־געמיינשאַפט פון די ערשטע קריסטן. די דאָזיקע פרייִדיקער זענען געווען ווי גייסטיקע פאַרמיטלער צווישן די טעאָרעטישע קאָמוניסטן און סאָציאַל־רע־פאָרמער און צווישן די אַרבעטנדיקע קלאַסן פון שטאָט און דאָרף. דאָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די פּאַטריציער, די רייכע בירגער, דעם הויכן אַדעל און די קירך־רעפאָרמאַטאָרן ווי לוטער, מעלאַנכטאָן א. אַ. וו. דער ראָטענבורגער שטאָט־שרייבער טאָמאַס צווייפל האָט אונז געלאָזן אַ קלאָג־שריפט איבער די דאָזיקע פּאַ־סירונגען: „און אַזוי איז דאָס הייליקע עוואַנגעליום און גאָטס וואָרט אויף אַ פאַרחריסלעכן און שענדלעכן אופן שלעכט פאַר־שטאַנען געוואָרן... ווען מען פּרייִדיקט וועגן קריסטלעכער און ברי־דערלעכער ליבע... אַזוי וויל דאָס געמיינע פאָלק, אַלע זאַכן זאָלן זיין געמיינשאַפטלעך, ס׳זאָל נישט זיין קיין שום אויבערמאַכט, נישט קיין פּריצים און נישט קיין יונקערשאַפט, איינער וויל אַלץ וואָס דער צווייטער וויל, איינער זאָל דעם אַנדערן מוזן לייען, אָבער קיינער זאָל נישט מוזן צוריקגעבן און אָפּצאָלן". און ווען די הערשנדיקע האָבן זיך געווערט קעגן אַזאַ פרייִדיקעריי, האָט דאָס געמיינע פאָלק נאָך געוואָגט זיי צו באַשולדיקן, אַז „זיי לאָזן נישט פּרייִדיקן גאָטס וואָרט".

5. קאָמוניסטישע און סאָציאַל־רעפאָרמערישע שטרעמונגען אינם הומאַניזם, אין דער אָפּשטאַרבנ־דיקער סכאָלאַסטיק און אין דער טויפער־באַוועגונג.

ביים סוף פון מיטלאַלטער און אָנהויב פון דער נייער צייט, ס׳הייסט אין די יאָר הונדערטן פון די מערב־ און מיטל־אייראָ־פּעאישע פויערן־מלחמות, האָבן דריי גייסטיקע באַוועגונגען געהאַט אַ טיפע השפּעה אויפן פילן, דענקען און ווילן אין אייראָפּע. די דאָזיקע באַוועגונגען זענען: דער רענעסאַנס (ווידערגעבורט פון דער

קונסט און פּאָעזיע פון אַלטערטום) *), דער הומאַניזם (די שטרעבונג צו שטודירן סיסטעמאַטיש די גריכישע און לאַטיינישע שפּראַך און ליטעראַטור) און די רעפאָרמאַציע (די נאַציאָנאַלע קירך־רעפאָרם). די רענעסאַנס־באַוועגונג און דער הומאַניזם האָבן געהאַט די פּעולה, אַז צוזאַמען מיט דער אַנטי־קאַטוילישער קריטיק האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָל אין לעבן דער אַלטערטימלעכער אופן פון פילן און דענקען, דאָס פרייערע פאָרשן און דער אויטאָריטעט פון פאַרשטאַנד. אין מיטלאַלטער איז געווען אַזוי, אַז אַלץ וואָס מען האָט געוווסט פון די גריכן און לאַטיינער איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם אויטאָריטעט פון דער קירך און נאָר איר געדינט. אָנהויבנדיק אָבער פון 14־טן יאָרהונדערט איז געוואָרן אַנדערש: אויף אַלטערטום האָט מען גענומען קוקן ווי אויף אַ זעלבשטענדיקן אויטאָריטעט, און קענען דאָס אַלטערטום איז געוואָרן אַ בילדונגס־ציל. איטאַליענישע, דייטשע (האָלענדישע), ענגלישע און פראַנצויזישע געלערנטע האָבן זיך געניוער באַקענט מיט די אוצרות פון דער גריכישער ליטעראַטור, אין אָריגינאַל — אַדאַנק די געבילדעטע גריכן, וועלכע זענען בעת דעם זיגרייכן אָנגריף פון די טערקן אַנטלאָפן קיין איטאַליען, האָבן זיך באַזעצט אין פלאָרענץ, דעם דעמאָלטיקן צענטר פון איטאַליענישע ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער קולטור, און האָבן דאָרטן פאַרשפּרייט די גריכישע שפּראַך. טאָמאַס־אַ־קעמפּיס (געב. 1380, געשט. 1471) האָט זעקס פון זיינע בעסטע תּלמידים געשיקט קיין פלאָרענץ, כּדי צו לערנען די גריכישע שפּראַך; די „ברידער פון געמיינזאַמען לעבן“ (זע 2־טער טייל ז. 139) האָבן אין זייערע שולן געווידמעט פיל אויפמערקזאַמקייט דעם הומאַניזם.

ווען דער מיטלאַלטער האָט אָנגעהויבן **אָפּשטאַרבן,** האָט צווישן אַנדערן אויך די סכאָלאַסטיק אָנגעהויבן פאַרשווינדן, און ס׳איז געפאַלן דער אויטאָריטעט פון איר פילאָזאָפישן פאַרשטייער — פון אַריסטאָטעלעסן. אויפן אָרט פון סכאָלאַסטיק איז איצט

*) אַ גענויערע אָפּשאַצונג פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג וועט דער לעזער געפינען ווייטער, אין קאַפּיטל V.

געקומען פרייע פארשונג, און ס׳איז געוואקסן דער אנזען פון פאר־
שטאנד; דאס ארט פון אריסטאטעלעסן האט איצט פארנומען פלא־
טאן; ער איז געווארן דער ליבלינג־שרייבער פון די הומאניסטן,
סיי צוליב דער פארביקייט פון זיין שפראך, סיי צוליב דער שפע
פון זיינע רעליגיעז־פילאזאפישע און מלוכה־פאליטישע געדאנקען,
ווי בכלל צוליב דעם איידעלן שווונג פון זיין גייסט. אין פלארענץ
איז געגרינדעט געווארן א פלאטאנישע אקאדעמיע, וועלכע איז
באזוכט געווארן אויך פון וויסנס־דורשטיקע אויסלענדער. אדאנק
דער אויפגעקומענער דרוק־קונסט האט מען זיך אין מערב־ און
מיטל־אייראפע באקענט מיט די גייסטיקע אוצרות פון אלטער־
טום; דורך פלאטאנס ווערק „פאליטעא" (רעפובליק) און „געס־
עצן" זענען די הומאניסטן, וואס האבן געהאט א נייגונג צו סא־
ציאלער קריטיק, באקאנט געווארן מיטן קאמוניזם. צוויי פון די־
סאמע בארימטע הומאניסטן, עראזמוס פון ראטערדאם (געב.
1467, געשט. 1536) און דער ענגלענדער טאמאס מארוס (געב.
1480 און צום טויט פארמשפט אין 1535) האבן געהאט א גינס־
טיקע שטעלונג צום קאמוניזם. מארוס איז דער מחבר פון „או־
טאפיע" (1516), פון וועלכער מיר וועלן שפעטער רעדן אויספיר־
לעך; עראזמוס, וועלכער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אנזען
און איינפלוס, האט גערופן די טעאלאגן צוריק צום גריכישן אור־
טעקסט פון נייעם טעסטאמענט און פון די קירכן־פאטערס; אין
זיין עקזעגעטיק (ביבל־אויסטייטשונג) האט ער געגעבן א נייע
אויסטייטשונג פון יעזוסעס לערע, אין גייסט פון פלאטאנען, פון
דער סטאאישער פילאזאפיע און פון דער עטישער טעאריע פון
ציצעראנען. פון דער טעאלאגיע האט ער קודם כל געמאכט א
סאציאלע מאראל־פילאזאפיע. א קריסט, האט עראזמוס געלערנט,
דארף נישט האבן קיין שום אייגנטום, ווארום אלץ, וואס ער
פארמאגט פון ערדישע גיטער האט ער צו פארדאנקען גאט, וועל־
כער האט קיין זאך נישט געגעבן דעם יחיד, נאר ער האט אלע
גיטער פון דער וועלט געגעבן אלע מענטשן געמיינזאם. ווען מארוס
האט פארעפנטלעכט זיין „אוטאפיע", האט עראזמוס זיך געאיילט
צו וויסן צו געבן וועגן דעם זיין הומאניסטישן פריינט אולריך

פאַן הוטענען. די שווייצאַרישע הומאַניסטן האָבן אין 1518 אַרויס־געגעבן אין באַזעל אַ צווייטע אויפלאַגע פון „אוטאָפּיע" און אין 1524 האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ דייטשע איבערזעצונג. אַ סימן, ווי לעבהאַפט ס'איז געווען דאַן דער אינטערעס צום קאָמוניזם, און ווי שטאַרק ס'איז געווען ביי זיי דער ווילן צו פאַרשפּרייטן די קאָמוניסטישע אידייען צווישן די האַנטווערקער.

מען קאָן אָננעמען כמעט פאַר אַ כּלל, אַז די הומאַניסטן, וועלכע זענען געבליבן טריי צו דער קאַטוילישער קירך, האָבן סימ־פּאַטיזירט מיטן קאָמוניזם, אָדער זיי זענען לפּחות געווען אָנ־הענגער פון אַ גרינדלעכער סאָציאַל־עטישער רעפאָרם און האָבן געלייגט פיל געוויכט אויף פרומקייט במעשה (דורך גוטע טאַטן); און פאַרקערט, די לוטערישע קירך־רעפאָרמערישע הומאַניסטן זע־נען געווען אַנטי־קאָמוניסטיש, סאָציאַל־קאָנסערוואַטיוו און קליינ־בירגערלעך — אַזוי, למשל, מעלאַנכטאָן, דער באַדייטנסטער לאַ־טיינישער און גריכישער געלערנטער פון וויטנבערג. ער האָט זיך שטאַרק באַמיט צוניסט צו מאַכן אין זיינע חקירות די קאָמוניסטיש־נאַטור־רעכטלעכע שטעלן פון דער לאַטייניסער ליטעראַטור און פון דער פּאַטריסטיק, ווי אויך די קאָמוניסטישע פערזן פון נייעם טעס־טאַמענט. אין דעם פּרט איז פאַר אים דער פּריוואַט־ווירטשאַפטלע־כער אַריסטאָטעלעס געווען מער אויטאָריטעט, איידער די אור־קריסטלעכע געמיינדע פון ירושלים, איידער אַמבראָזיוס און קריי־זאָסטאָמאָס. די רעפאָרמאַציע, ווי מיר האָבן שוין פריער באַ־מערקט, איז אוממיטלבאַר אַנטשטאַנען פון דעם מאָראַלישן קריי־זיס, וועלכן ס'האָבן איבערגעלעבט די ערנסטערע, אויפריכטיקערע בירגערלעכע עלעמענטן; די רעפאָרמאַציע האָט דעריבער אינס־טינקטיוו זיך שלעכט באַצויגן צו אַלץ, וואָס איז געווען פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטיש אָדער אורקריסטלעך — נאַטור־רעכטלעך. לוטער האָט פאַרטראָגן נישט געקאָנט דעם בריוו פון יעקובן און דעם אַפּאָ־קאַליפּסיס, ווייל זיי זענען צום טייל פּראָלעטאַריש און צום טייל כיליאַסטיש (פאַרגלייך 1־טער טייל, אַלטערטום ז. 136) און זיי ליגן געוויכט אויף פּראַקטישע מעשים, אַלס היילונגס־מיטלען פאַר דעם מענטשן.

די אויסגעבריטערטע סכאָלאַסטיק, אויף וויפיל זי איז געווען באַהערשט פון אָקעאַמס גייסט, האָט אויך געהאַט אַ קאָמוניסטישן איינפלוס אויפן דענקען אין דייטשלאַנד. גאַבריעל ביל (געשט. 1495), פראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע אין טיובינגען, האָט געלערנט, אַז פריוואַט־אייגנטום איז אַ פּראָדוקט פון דעם זינדן־פאַל; און ער האָט זיך פעסט געהאַלטן ביים נאַטור־רעכטלעכן קוק אויף דער אור־גלייכהייט פון אַלע מענטשן.

אַ דויערהאַפטיקערן איינפלוס און שווערערע פאָלגן האָט געהאַט די קאָמוניסטישע טויפער־באַוועגונג; זי איז אַנטשטאַנען אין איין צייט מיט דער קירכן־רעפאָרמערישער באַוועגונג פון לוטערן, ביי זיינע ערשטע אויפטריטן, און מיט דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פויערן־באַוועגונג, — און איר טעאָרעטישע קראַפט האָט זי געצויגן פון הומאַניסטיש־קאָמוניסטישע און אורקריסטלעך־פאַטריסטישע קוואַלן. אַנטשטאַנען איז זי אין טירינגען, אין זאַקסן, אין דער שווייץ, און האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דרום־דייטשלאַנד, עסטרייך, מערן א. אַ. וו. אין דער געשיכטע טראָגט די באַוועגונג דעם נאָמען „ווידער־טויפעריי“, ווייל אירע אַנהענגער האָבן געהאַלטן, אַז דאָס, וואָס מען ווערט געטויפט קינדווייז איז נאָך ווייניק, און יעדער דערוואַקסענער דאַרף זיך פון דאָס ניי טויפן — לויטן מוסטער פון יאָהאַן טויפער, — אַלס צייכן פון אַריינטרעטן אין דער קריסטלעכער געמיינשאַפט. איבעריקנס, דאָס טויפן זיך איז געווען נישט מער ווי אַ סימבאָל; פאַר אונז איז אין דער דאָזיקער באַוועגונג וויכטיק איר ביבלישער קאָמוניזם. אין דער ווידער־טויפעריי האָבן זיך נאָך שטאַרק געפילט די טראַדיציעס פון דער מיטלאַלטערלעכער אַפּיקורסישער באַוועגונג, וועלכע מיר האָבן אין צווייטן טייל באַהאַנדלט. אירע אַנהענגער האָבן ערנסט געהאַלטן בײַ דער סאָציאַל־עטיק פון נייעם טעסטאַמענט, זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די באַרג־רעדע, צוריקצוקערן צו דער אַפּאָסטעלישער תקופה און איינשטעלן אַ געטלעכע מלוכה (ממלכת אלהים). די גרעסטע מערהייט פון אירע אַנהענגער זענען געווען האַנטווערקער, און די פירער פון דער באַוועגונג האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער הומאַניסטישער און

טעאָלאָגישער בילדונג. אַלע האָבן זיי אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון פאַרמעגן־געמיינשאַפט, הגם זיי זענען נישט געווען אייניק צווישן זיך מכוח די פּרטים און מכוח דעם, ווי מען זאָל די דאָזיקע געמיינשאַפט פאַרווירקלעכן אין לעבן. אינטערעסאַנט זענען די טאַקטישע חילוקי־דעות, צוליב וועלכע די באַוועגונג האָט זיך געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן: די שווייצאַרישע טויפער מיט זייערע פירער האַנס דענק, קאָנראַד גרעבעל, פעליקס מאַנץ און באַלטאַזאַר הובמייער זענען געווען קעגן יעדן מין געוואַלט, קעגן יעטווידן מלוכהשן צוואַנג; דאַקעגן, צווישן די דייטשע טויפער זענען געווען אַזעלכע — די, וואָס האָבן געלעבט אין דער אַטמאָספער פון ערב דעם פּויערן־קריג — וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען; באַזונדער ווייט איז אין דעם פּרט געגאַנגען טאָמאַס מינצער; פּאַרקערט, קאַרלשטאַט און סעבאַסטיאַן פראַנק, וועלכע זענען סאָציאַל־רעפאָרמעריש געווען נאָענט צו מינצערן און גייסטיק העכער פאַר אים — זיי זענען מער געווען פרידלעך געשטימטע געלערנטע, איידער אַקטיווע קעמפער.

די קירך־רעפאָרמאַטאָרן לוטער, צווינגלי און קאַלווין האָבן זיך באַצויגן גלייך פיינטלעך אי צו די דייטשע אי צו די שווייצאַרישע טויפער און קאָמוניסטן.

6. סעבאַסטיאַן פראַנק און טאָמאַס מינצער.

פראַנק (געב. 1500 אין דאָנאַווערט, געשט. 1542 אין באַזעל) האָט געלעבט אין איין צייט מיט מינצערן, און איז געווען יונגער פאַר אים, מיט אַ צען אָדער צוועלף יאָר. זיי זענען ביידע געווען טעאָלאָגן און האָבן זיך פון אָנהויב שטאַרק באַגייסטערט מיט לוטערן, אָבער זיין דאָגמאַטיזם און קליינבירגערלעכע באַגרעניצטקייט האָט זיי אָפּגעשטויסן, און זיי זענען אַוועק מיט זייערע אייגענע וועגן. מינצער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער פירער; פראַנק איז געוואָרן אַ קאָמוניסטישער, סאָציאַל־עטישער און רעליגיעז־מיסטישער שריפטשטעלער און געשיכטעשרייבער. אין 1528 האָט פראַנק זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט אַלס

גלח, און האָט אָנגעהויבן לעבן פון פיזישער אַרבעט, צום טייל אַלס בוך־דרוקער און צום טייל אַלס זייף־קאָכער, — און דער־בײַ האָט ער געשריבן ביכער. זיין קאָמוניסטישן אני מאמין האָט ער רעפערירט אין בוך „פּאַראַדאָקסאַ" (1534) — דעם ווײַב־טיקסטן פון זיינע ווערק. פון די „פּאַראַדאָקסאַ" איז קענטיק, אַז זייער מחבר איז גוט באַהאַוונט געווען מיט די קירכן־פּאַטערס און מיט דער דייטשער מיסטישער ליטעראַטור. צוערשט דערקלערט ער די באַדייטונג פונעם וואָרט פּאַראַדאָקסאַ. דאָס ראַזיסע וואָרט באַ־טייט אַזאַ „מימרא, וואָס איז זיכער אַן אמתדיק, וואָס די גאַנצע וועלט אָבער און אַלץ וואָס לעבט לויטן מענטשלעכן שטייגער האַלט נישט פאַר אמת". אַזעלכע „פּאַראַדאָקסאַ" זענען פאַראַן 280. דער 153־טער פּאַראַדאָקס באַהאַנדלט דעם קאָמוניזם, אונ־טער אַזאַ קעפּל: „דאָס געמיינשאַפטלעכע איז ריין, דער דיין און מיין איז אומריין". פראַנק טרעט אַרויס קעגן דער אָנגענומענער מיינונג, אַז דאָס וואָרט „געמיין" באַטייט עפּעס אומריינס און שלעכטס. אונזער שפּראַך איז אַזוי פאַרבײַ־געשלעכט געוואָרן, אַז דעם באַגריף „געמיין", מיט וועלכן מען האָט לכתחילה באַצייכנט דאָס געמיינשאַפטלעכע לעבן פון פאָלק, האָט מען שפּעטער אָנגעהויבן באַנוצן ווי אַ „סינאָנים פון שלעכט", „נישט איידל", „נידעריק". פראַנק טרעט אַרויס קעגן אַט דער פעלשונג פון באַגריף „געמיין" און זאָגט: „מיר באַדאַרפן אַלע זאַכן האָבן געמיין, ווי די געמיינע זון־שיין, ווי לופט, רעגן, שניי און וואַסער, אַזוי ווי קלעמענס ווייזט דאָס אָן... דער אַלגעמיינער גאָט האָט פון אָנפאַנג אָן אַלע זאַכן געמאַכט געמיינזאַם, ריין און פריי, לויט זיין אייגענער געשטאַלט. דעריבער טאַקע איז נאָר דאָס גע־מיינזאַמע און אַלגעמיין־נוצלעכע ריין, ווי גאָט אַליין, און אייגנס, אייגן־נוץ און אייגנטום האָבן נאָך היינט אויך אַ שלעכטן קלאַנג אין די אויערן פון די, בײַ וועמען ס'איז נאָך דאָ דער אינערלעכער געפיל און אין האַרצן בײַ זיי איז דורך גאָטס פינגער אויפגעשריבן, אַז אַלע זאַכן דאַרפן זיין אַלעמענס און נישט געטיילט... דאָס אַל־געמיינע, וואָס זי (די וועלט) שעלט אַלס אומריין — דאָס גראָד האַלט גאָט פאַר ריין. און דאָס אייגנס, וואָס זיי האַלטן פאַר ריין

קענען זייער אייגענעם געוויסן, — דאָס האַלט גאָט פאַר אומריין. ווען עס זאָל נישט זיין קיין עגאָאיסטישער ווילן, דערהווייזט די „דייטשע טעאָלאָגיע" (קאַפּיטל 51), וואָלט נישט געווען נישט קיין אייגנטום און נישט קיין גהינום... דערפאַר האָט דער הייליקער גייסט אין דער ערשטער קירך, אין זיין ריינער געמיינדע געהאַט אַלע זאַכן געמיינשאַפטלעך (אַפּאָסטל־געשיכטע 2, 4) — און זי האָט צוליב דעם געהייסן „קאָמוניאַ", ד. ה. אַ געמיינשאַפטלעכקייט פון גאָט. מען קאָן רעכענען, אַז דער דאָזיקער צושטאַנד האָט נאָך געדויערט אין דער צייט פון (די קירכן־פאָטערס) קלעמענסן און טערטוליאַנען. לייען טערטוליאַנס „אַדווערסוס געגטעס, דע דיסציפּלינאַ קריסטיאַנאָרום" („קעגן היידנער, וועגן דער דיסציפּלין פון קריסטן"), און „אַדווערסוס מאַרציאָנעם, די לאַפּסו פּרימי האָמיניס" („קעגן מאַרציאָנען, וועגן זינד־פאַל פונם ערשטן מענטשן"). לייען קלעמענסן (5. עפּיסט.). פונדעסטוועגן האַלט איך, אַז דאָרט איז נישט געווען קיין שום שטרענגער געבאָט, נאָר ס'איז געווען פרייע ווילקיר, ווי מען קאָן דאָס זען פון די תפלות ביי פּוילוסן (2־טער קאָרינטער בריוו 8, 9) — אַז ער וויל קיינעם נישט אָנוואַרפן קיין געזעץ. וואָרום אַזוי ווי זיי זענען געווען צעזייט צווישן די היידנער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט האָבן מיט זיי קיין געמיינשאַפט, נאָר זיי האָבן זיך געהאַט זייער אייגנס, האָט דערום, מיין איך, דער הייליקער גייסט אויך די קריסטן געלאָזט האָבן אייגנס, אָבער דאָך אַזוי, אַז זיי באַזיצן עס נישט ווי אייגנטום, גלייך ווי זיי וואָלטן עס נישט באַזיצט, און ס'איז נישטאָ ביי זיי קיין שום אייגנס און פאַרבאָרגנס פאַר זייערע נויטבאַדערפטיקע ברידער — ...קריסטען אָבער קעגן קריסטן דאַרפן על פּי יושר נישט האָבן קיין שום אייגנס... עס דאַרף גילטן גלייכקייט און אַלץ מוז זיין געמיינזאַם פאַר אַלעמען, (2־טער קאָרינט. 8)... וואָס אייערער אַ זאַך איז, אַלץ איז זי אַלגעמיינער, און וואָס אַלגעמיינער זי איז, אַלץ איז זי אייד־דעלער, און אַזוי קומסטו דערצו, אַז אייגנס און אייגנטום איז קעגן דער נאַטור און קעגן וועזן פון איר שאַפונג."

אין די גרויסע קאַמפן פון זיין צייט האָט פראַנק זיך נישט באַטייליקט. ער איז געווען כסדר פאַרטון אין זיין אַרבעט און אין

זיינע ביכער — וועלכע ער האָט אָנגעשריבן איבער אַ טוץ.

גאָר אַן אַנדער טעמפּעראַמענט האָט פאַרמאָגט טאָמאַס מינצער. ער איז געווען אַ מענטש פון שטורם און דראַנג, אַ מאַן פון טאַט, פון רעוואָלוציע; שטענדיק מיט די דערצאָרנטע מאַסן קעגן די הערשנדיקע און באַזיצנדיקע, קעגן די פרידלעכע רעפאָרמער. ער איז געווען פון נידעריקן וווקס, מיט שוואַרצע האָר און אַ טונקעלן פּנים, מיט אַ פייערדיקן בליק און מיט אַ שאַרפער פאָלקסטימלעכער צונג; קיין פּאַרטיי־מאַן איז ער נישט געווען, נאָר גיכער מיט אַנאַרכיסטישע נייגונגען, אַ זעלבסטשטענדיקער און האַרטער כאַראַקטער, וואָס האָט זיך צוגעהערט נאָר צו זיין אייגענער איבערצייגונג, און אויסערגעוויינלעך דרייסט און מוטיק. געבוירן געוואָרן איז ער איז שטאָלבערג (האַרץ־בערג), באַקומען אַ גוטע דערציונג, שטודירט טעאָלאָגיע אין לייפּציג (1506) און פראַנקפורט, געלעבט אַ געוויסע צייט אין האַלע, און אין 1519 איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט מאַרטין לוטערן אין לייפּציג, בעת קאַרלשטאַט און עק האָבן געפירט אַן עפנטלעכן דיספּוט. לכתחילה האָט מינצער מיטגעריסן לוטערס פּראָפּאַגאַנדע, און ער האָט אויך געאַרבעט פאַר דער רעפאָרמאַציע. מיט לוטערס מיטהילף האָט ער געקראָגן דעם פּאָסטן פון אַ קאַפּעלאַן אין צוויקאַו. אָבער דאָרטן האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט טויפער־האַנטווערקער — די צוויקאַוער טרוימער — און האָט זיך אין זיי אָנגעשלאָסן. דאָס דאָזיקע טרעפן זיך מיט די טויפעריש־קאָמוניסטישע האַנטווערקער און אַרבעטער אין די יאָרן 1520־21 האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף דער גאַנצער צוקונפט מינצערס. ער האָט זיך אַ קער געטון צו דער מיסטיק, געלייענט די „דייטשע טעאָלאָגיע“, טוילערס שריפטן, יאָאַכים פון פלאָרוס׳עס קאָמענטאַר צו ירמיהו, — און איז אוועק אַ סך ווייטער פון דער רעפאָרמאַציע. ער האָט פון דאַן אָן פאַרטיידיקט די פאָדערונג וועגן אַ גרינטלעכער רעפאָרם פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אויפן יסוד פון רעליגיעז־מיסטישן קאָמוניזם. לוטער האָט אַפּעלירט צו דער ביבל קעגן פּויפּסטום, מינצער האָט פון דער הייליקער שריפט אַפּעלירט צום אינערלעכן מיסטיש־קאָמוניסטישן ליכט, צו דעם געטלעכן גייסט, מיט וועלכן אַלע מענטשן און די

גאַנצע וועלט איז פול, און וועלכער האָט אַלץ געגעבן און גיט אויך איצט נאָר געמיינזאַם.

נאָך אָט דעם קער אין גייסטיקן לעבן פון מינצערן, האָט עס געמוזט קומען צו אַן אומפאַרמיידלעכן איינרייס מיט לוטערן. די פיר־פינף יאָר, וועלכע מינצער האָט נאָך געלעבט, זענען געווען פול מיט אומרו, קאַמף און געפאַרן. ער האָט אָנגעוווירן זיין פּרעדיקער־שטעלע אין צוויקאַו און איז אַוועק קיין פּראָג, דערנאָך קיין נאָרד־הויזן, און האָט אויף אַ קורצע צייט געפונען אַ רו־פונקט אין אַלשטעט, ווו ער האָט ענערגיש דורכגעפירט זיינע רעפאָרמען אין דער גאָט־דינסט און געפירט אַ קאָמוניסטישע אַגיטאַציע. זיינע רעדעס קעגן די פירשטן, קעגן די הערשנדיקע און רייכע, האָבן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי דער פויערשער באַפעלקערונג פון די בערג. טירינגען און מאַנספעלד זענען פון דעמאָלט אָן געווען דער הויפּט־צענטער פון מינצערס אַגיטאַציע. זיין איינפלוס איז גע־ווען אַזוי גרויס, אַז די אויפגעהעצטע דורך לוטערן זאַקסישע פירשטן האָבן נישט געוואַגט אָנצונעמען געוואַלט־מיטלען קעגן די קאָמוניסטישע אויפשטאַנד־אָנפירער.

די פויערן־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דרום־מערב פון דייטשלאַנד, האָט זיך באַלד אַריבערגעוואָרפן אויך קיין טירינגען, ווו די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג איז געוואָרן אומגע־דולדיק און האָט זיך געריסן אין קאַמף. מינצער האָט אפילו געוואָרפן צו געדולד, אָבער דערביי האָט ער אָרגאַניזירט אַ געהיימען בונד „קעגן די, וועלכע פאַרפאָלגן דאָס עוואַנגעליום" — דאָס עוואַנגע־ליום פון קאָמוניזם. זיינע קאָמוניסטישע אידעען האָט מינצער גע־שעפּט נישט נאָר פון דער ביבל, פון די קירכן־פאָטערס און פון די מיסטיקער, נאָר אויך פון פּלאַטאָנס „פּאָליטעיאַ". אין איינער פון זיינע רעדעס זאָגט ער: „יאָ, עס איז פאָרט אַ גוטער גלויבן, ער וועט נאָך פיל גוטס ברענגען. ער וועט שאַפן אַן איידל פאָלק, ווי פּלאַטאָן דער פילאָזאָף האָט געחלומט". אין 1524 האָט ער אויס־גערופן פאַר זיין געמיינדע, אַז די וועלט געפינט זיך ערב אַ גרוי־סער פאַרענדערונג, און די מאַכט וועט אַריבער צום גאַנצן פאָלק. די דאָזיקע דערוואַרטונג איז דעמאָלט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט

אין דייטשלאַנד, און עס זענען געווען אַפֿילו פּירשטן, רעליגיעזגעשטימטע, וועלכע האָבן אין דער שטיל געטיילט דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם גלויבן. עס איז ווירקלעך געווען אַ רעוואָלוציאָנערע צייט.

ווען מינצער האָט שוין געהאַט באַאַרבעט דעם מאַנספעלדער ראַיאָן, איז ער אַריבער קיין טירינגען, אין מילהויזן — אַ קליינע אינדוסטריעלע און פאַרמעגלעכע שטאָט; דאָרט האָט שוין זייט 1523 געאַרבעט דער קליינבירגערלעך־דעמאָקראַטישער פּרעדיקער הענריך פּפייפער, וועלכער האָט אַגיטירט צווישן די נידעריקערע פאָלקסשיכטן קעגן די פּאַטריציער, די „ערנווירדיקע", און קעגן הויכקלער — און די פּאַטריציער זענען טאַקע געצוווּנגען געווען צו דעמאָקראַטיזירן די שטאָטפאַרוואַלטונג. מינצער האָט דאָ אַלזאָ געטראָפן אין אַן אָנגעגליטן באָדן; אָבער לוטער האָט צוגעשיקט אַ בריוו צום שטאָט־ראַט — און מען האָט מינצערן און פּפייפערן פאַרבאָטן צו פּרעדיקן. זיי זענען דאַן אַוועק צוערשט קיין בעבראַ, און האָבן געפונען אַ מקום מקלט ביים טויפער האַנס. פון דאָרטן איז מינצער, אַליין שוין, אָפּגעפאָרן קיין נירנבערג, כדי צו פאַרעפנטלעכן זיין פּאָלעמיק קעגן לוטערן; דערנאָך האָט ער פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט אויף דער דייטש־שווייצאַרישער גרענעץ, אין אַ סביבה פון טויפער, און דאָרט האָט ער שוין געהאַט די געלעגנהייט צו זען די ערשטע אויפברויזן פונם פּויערן־קריג. אין העגאַו, נאָענט פון דער שווייץ, איז אויסגעבראָכן אַ פּויערישער אויפשטאַנד שוין זומער 1524. אויף צוריקוועגס קיין מילהויזן האָט זיך מינצער פאַרהאַלטן אין דרום־דייטשלאַנד, און האָט געפּרעדיקט וועגן אַגראַר־רעפאָרם לויטן אַלטן טעסטאַמענט (יובל־יאָר), און פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט דאָרטן צוגעזען, האָט ער אַרויסגעטראָגן די איבערצייגונג, אַז קיין זאַך קאָן מער שוין נישט פאַרהיטן פאַר אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון די דאָרפישע און שטאָטישע אַרבעטער־מאַסן. ער האָט דעריבער געאיילט צוריק אין זיין אַלטן אַגיטאַציע־געביט, כדי אַרייַנצוציען די טירינגער און מאַנספעלדער מאַסן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי און אַליין זיך שטעלן אין שפּיץ פון אָט דער אַרמיי.

7. דער פויערן־קריג און די צוועלף אַרטיקלען.

אין מערץ 1525 האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פּראַקטיש אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. אויפן גאַנצן שטח, פון אַלגאַו ביז צום האַרץ־געביט און פון וואָסגאַו ביז בעהמען, האָבן מחנות פויערים, שטאָטישע אַרבעטער און אויך פיל קליינבירגער אָנגעהויבן דעם קאַמף, ווי מיט די פאָדערונגען פון דעמאָקראַטיע און אַגראַר־רעפאָרם און ווי אונטערן לאָזונג פון קאָמוניזם. די גרונט־קאַדרען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי זענען אומעטום געווען די פויערן. זייער אַקציאָנס־פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון צוועלף אַרטיקלען, וועלכע האָבן אין זייער וועזנטלעכסטן טייל אַזוי געלויטעט:

1־טער אַרטיקל. אונזער ערשטע אונטערטעניקסטע בקשה און פאַרלאַנג, אונזער אַלעמענס ווילן און מיינונג איז, אַז פון היינט אָן זאָלן מיר האָבן דאָס רעכט און די מאַכט אַליין אויסצוויילן און צו באַשטימען דעם גייסטלעכן פאַר דער געמיינדע. מיר זאָלן אויך האָבן דאָס רעכט אים צו צו באַזייטיקן, אויב ער פירט זיך נישט אויף גוט. דער אויסגעוויילטער גייסטלעכער איז מחויב צו פאַרטייטשן אונדז קלאָר דאָס הייליקע עוואַנגעליום, אָן שום מענטשלעכע צוגאָבן, אויסטייטשונגען און געבאָטן: ער איז מחויב צו פּריידיקן נאָר אונזער אמתע אמונה; ביי יעדן פאַל איז ער מחויב צו בעטן וועגן גאָטס גענאָד, וועקן אין אונדז דעם אמתן גלויבן און אונדז באַפעסטיקן אין אים. ווייל אויב גאָטס גענאָד וועט נישט זיין איינגעזאַפּט אין אונדז, וועלן מיר בלייבן נאָר בלוט און פלייש, וואָס האָט קיין ממשות נישט, ווי עס שטייט געשריבן, אַז נאָר אמתער גלויבן פירט צו גאָט און נאָר גאָטס באַרעמהאַרציקייט איז דער קוואַל פון זעליקייט. דערום איז אונדז נויטיק אַזאַ פירער און גייסטלעכער, ווי מיר האָבן דאָ אויסגעשריבן.

2־טער אַרטיקל. צווייטנס, אַזוי ווי מעשר איז פאַרגעשריבן אין אַלטן טעסטאַמענט און דער נייער טעסטאַמענט זאָגט אויך אָן דאָס זעלבע, — טאָ זענען מיר אויך גערן גרייט צו צאָלן מעשר פון ברויט, אָבער נאָר אַזוי פיל, וויפיל עס קומט; מען ברויכט צו געבן אין גאָטס נאָמען און זיך טיילן מיט די אר־

טיקע; סיקומט אויך דעם גייסטלעכן, וועלכער פריידיקט אונז גאטס ווארט, און מיר וועלן גערן געבן דעם גייסטלעכן פון אונזער קירך, וויפיל די געמיינדע וועט באשטימען. נאכן צונויפנעמען די געדעטעניש וועלן מיר אויסטיילן פארן גייסטלעכן, דעם געוויילטן דורך דער גאנצער געמיינדע, א געהעריקן סכום ברויט, פאר אים און זיין פאמיליע, און דאס וואס וועט בלייבן דארף מען פארטיילן די באדערפטיקע פון זעלבן דארף, לויט זייער נויט און לויט די באשטימונגען פון דער געמיינדע; און די רעשט דארף מען באהאלטן אויפן פאל פון אויסוואנדערן. מען טאר נישט ארויפלייגן קיין באדן־שטייער אויפן ארימאן... מעשר פון פי ווילן מיר איינגאנצן נישט געבן, ווארום גאט דער האר האט באשאפן די פי פאר אלע מענטשן, און מיר האלטן דעריבער אט דעם מעשר פאר אן אומגערעכטע זאך, וואס מענטשן האבן אויסגעטראכט, און מיר ווילן עס מער נישט צאלן.

3־טער ארטיקל. דריטנס: ביז אהער איז געווען איינגעפירט, אז אונז האבן זיי (די פריצים) געהאלטן פאר זייער אייגנס; דאס איז נאר צו באדויערן, אויב מען געדענקט, אז קריסטוס האט אונז אלע אויסגעלייזט און אויסגעקויפט דורך זיין טייער בלוט; אלעמען אן אויסנאם, דעם פאסטוך גלייך ווי דעם גרעסטן פריץ. פון דעם דרינגט ארויס אז לויט די הייליקע שריפטן זענען מיר פרייע מענטשן און ווילן זיין פרייע. נישט וואס מיר זאלן וועלן זיין גאר פריי און נישט אנערקענען קיין שום העכערע מאכט — דאס לערנט אונז נישט גאט. מיר דארפן לעבן לויט די געבאטן, און נישט לויט די קערפערלעכע תאוות, ליבן און ערן גאט און יעדן מענטשן. און מיר וואלטן אלץ געוואלט טון אזוי, ווי גאט האט געהייסן בעת דער לעצטער הייליקער אוונט־סעודה....

4־טער ארטיקל. פערטנס: ביז אהער איז געווען איינגעפירט, אז קיין שום ארימאן האט נישט געטארט טרייבן קיין יאגד אויף חיות אדער עופות, און נישט כאפן קיין פיש אין לויפנדיקן וואסער; דאס האלטן מיר פאר אומגערעכט, עס שטימט ניט מיט ליבע צום נאענטן, עס איז מוטוויליק און קעגן גאטס ווארט. — גאט, אונזער האר, אז ער האט באשאפן דעם מענטשן, האט

ער אים געלאזט געוועלטיקן איבער אלע חיות, איבער די פויגל אין דער לופטן און איבער די פיש אין וואסער...

5־טער ארטיקל: פינפטנס: מיר זענען באוואלהט אין פרט פון וועלדער. אונזערע פריצים האבן פארכאפט פאר זיך אלע וועלדער, און דער ארימער מענטש מוז קויפן האלץ פאר געלט, אז ער באדארף צו האבן. אונזער מיינונג איז, אז ווו ס'איז פאראן א וואלד... דארף ער געהערן צו דער גאנצער געמיינדע...

6־טער ארטיקל. זעקסטנס: עס זענען פאר אונז זייער שווער די דינסט־פליכטן, וועלכע ווערן גרעסער מיט יעדן טאג. מיר פארלאנגען, מען זאל דאס גוט באקלערן, מען זאל אונז נישט אזוי באלעסטיקן, נאר מען זאל אונז גנעדיקסט דערלויבן צו דינען נאר אזוי פיל, וויפיל אונזערע עלטערן האבן געדינט — לויט דעם ווארט פון גאט.

7־טער ארטיקל. זיבעטנס: מיר ווילן מער נישט אזוי פיל עקספלואטירט ווערן פון אונזערע פריצים, נאר מיר ווילן, אז ווען איינער פארדינגט זיך אויף ארבעט, זאל ער ארבעטן לויט א גערעכטן אפמאך צווישן פויער און פריץ. און דער פריץ זאל אים נישט טארן צווינגען אדער אונטערטרייבן צו ארבעטן מער, און נישט פאדערן פון אים קיין שום ארבעט אומזיסט... נאר אויב דער פריץ מוז עפעס האבן א באדינונג, דארף דער פויער פאלגן און טון עס גערן, אבער נאר אין אזא צייט און אזא שעה, אז ס'זאל זיין אן שאדן פארן פויער און ער זאל דערפאר באקומען ווי געהעריק באצאלט.

8־טער ארטיקל. אכטנס: מיר זענען באלאסטעט מיט צו א הויכן באדן־שטייער, וועדלוג אונזערע נחלות, און ווען די פויערן באצאלן מיט מי דעם שטייער, ווערן זיי דאס צווייטע יאר פארארימט; מיר ווילן, די פריצים זאלן גוט באקוקן די נחלות און ארויפלייגן א גערעכטן שטייער, אזוי אז די ארבעט פון פויער זאל נישט גיין לאיבוד, ווארום יעדן ארבעטסמאן קומט זיין טאגלוין.

9־טער ארטיקל. נייננטנס: מען לייגט אויף אונז ארויף גרויסע שטראפן; אלע מאל גיט מען ארויס נייע געזעצן,

און מען שטראפט אונז נישט לויט דער שולד, נאר מיר זענען אנגעוויזן אויפן צארן אדער אויפן חסד פונם פריץ. אונזער מיינונג איז, אז מען דארף אונז שטראפן לויט די געשריבענע געזעצן, ווייל דעמאלט וועט די שטראף אפהענגען פון דער זאך אליין און נישט פון ווילקיר.

10־טער ארטיקל. צענטנס: מיר זענען באעולהט דורך דעם, וואס אייניקע פריצים האבן פארכאפט פאר זיך ערד, וועלכע געהער צו דער גאנצער געמיינדע. די דאזיקע ערדן וועלן מיר אפנעמען און ווידער זיי מאכן פאר אונזער אלעמענס אייגנטום; און אין דעם פאל, ווען די ערד איז ערלעך געווארן אפגעקויפט, וועלן מיר דורכקומען מיט גוטן, אויף א גערעכטן אופן, ברידערלעך.

11־טער ארטיקל. עלפטנס: מיר ווילן גאר אינגאנצן אפשאפן דעם מנהג, וואס רופט זיך „טויט־פאל". מיר קאנען נישט דולדן און דערלויבן, אז מען זאל אויף א שענדלעכן אופן בארויבן אלמנות און יתומים, קעגן גאט און קעגן יעדער גערעכטיקייט.

באשלוס. צוועלפטנס: מיר באשליסן, און דאס איז אונזער ענדגילטיקע מיינונג, אז אויב מען וועט אונז דערווייזן, אז דער אדער יענער פון די ארטיקלען איז ניט אין הסכם מיט גאטס ווארט... אויב מען וועט אונז פארווארפן, אז מיר האבן פאלש פארשטאנען דאס ווארט פון גאט... וועלן מיר זיך אפזאגן פון דעם, אויב די קעגנערישע מיינונג וועט זיין באגרינדעט דורך די הייליקע שריפטן.

די צוועלף ארטיקלען אדער פאדערונגען און באשלוסן פון די דייטשע פויערן זענען זייער געשיקט פארמולירט: קלוג, טאקטפול, מיט גרדים דרך ארץ און מיט פרינציפיעלער פעסטקייט. עס איז קענטיק, אז די פויערן האבן געהאט א קלארן באוווסטזיין וועגן זייערע, וועגן זייערע רעכט און פליכטן. זיי האבן פארלאנגט: דעמאקראטישע פארוואלטונג אין דער קירך; באזייטיקן דעם ווילקיר פון דער הייעראַרכיע און אפשאפן די ביבליש נשט באגרינדעטע אפצאלן; פרייהייט פון פערזאן, ד. ה. אפשאפן דאס לייב־אייגנטום;

צוריק אויפשטעלן די קהלשע (געמיינשאפטלעכע) רעכט אויף וועלדער און וואסערן; פארקלענערן די דינסט־פליכטן לגבי די פריצים בז צו הער מאס, וואס איז אנגענומען געווען אין די אלטע צייטן; פאר אלע אנדערע דינסט־ארבעטן זאל ווערן געצאלט „מיט א גוטער מטבע". אחוץ דעם האבן זיי פארלאנגט, דער באדן־שטייער זאל זיין א מעסיקער, א דערטרעגלעכער; מען זאל אפשאפן אלע ווילקירלעכע שטראפן און צוריק איינפירן אומפארטייאישע געריכטן; און ענדלעך, מען זאל צוריק אנערקענען די אומבארירלעכקייט פון דער דארף־געמיינשאפט, און אומקערן די פעלדער און לאנקעס, וואס די פריצים האבן צוגערויבט.

דער פארלויף פונם פויערן־קריג אין דייטשלאנד איז געווען כמעט דער זעלבער, וואס אין ענגלאנד. צום אנהויב מאי פון 1525 האט די רעוואלוציע שוין געהאט צו פארצייכענען באדייטנדיקע דערפאלגן. אבער צו קיין ענדגילטיקן נצחון האבן זיך די פויערן נישט געקאנט דערשלאגן — צום טייל דערפאר, וואס מען האט זיי פאראטן מיט דער הילף פון אונטערהאנדלונגען, און צום טייל דערפאר, וואס זייער ארגאניזאציע איז געווען א שוואכע, און א געהעריקער אנפירערשאפט, און עס זענען פארגעקומען אינערלעכע רייסערייען. די פויערשע מחנות זענען איינציקווייז געגאנגען אין קאמף, און מען האט זיי איינע נאך דער אנדערער צעשלאגן. דער הויפט־שונא פון חער פויערשער רעוואלוציע איז געווען בייערן. אין הארבסט פון זעלבן יאר 1525 איז די דייטשע פויערן־באוועגונג שוין געווען צעקלאפט. אז לוטער האט ליידנשאפטלעך און גאר נישט מעשה קריסט געהעצט די פירשטן און די מאכט קעגן די אויפגעשטאנענע פויערן — דאס איז זעלבסטפארשטענדלעך. לוטער האט פארמאגט נאר איין קליינעם טייל פון פוילוסעס נשמה — און דאס ווייט נישט דעם בעסטן. אים איז פרעמד געווען די טיף־קוואלנדיקע מענטשן־ליבע, די אינערלעכע זיטלעכע קולטור, מיט וועלכע עס האט זיך אויסגעצייכנט דער היידנישער אפאסטעל, אדער אפילו יעדער איינער פון די גרויסע דייטשע מיסטיקער.

און דעמאלט איז געקומען דער נקמה־צוג קעגן די באזיגטע. „אומעטום — שרייבט איינער א פאטריאטישער היסטאריקער —

ווו די פויערן זענען מיט געוואלט דערהרגעט געווארן, האט מען זיי געשמיסן נישט מיט ריטער, נאר מיט סקארפיאנען; די גרויזאמקייט פון דעם אויפשטאנד איז צענפאך איבערגעשטיגן געווארן דורך די גרוילן פון דער אכזריותדיקער רעאקציע... די צאל אויסגעקוילעטע פויערן שאצט מען אויף 130 טויזנט. די אנפירער, אויב זיי זענען נאר נישט אנטרונען געווארן, זענען אומגעקומען מיט א מארטירער־רישן טויט *); א סך פויערן האט מען פאריאגט פון זייער ערד... דער דייטשער פריץ האט באהערשט די לאגע, און די פויערן האבן טאנציג יארהונדערטן געמוזט נאך ווייטער טראגן דעם יאך. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואס א טיפער יאוש איז באפאלן דאס פאלק, און די זאקסישע פויערן האבן אפגעשפאט פון לוטערן: „וואס פרעדיקט ער, דער שלימזלדיקער גלח, וועגן גאט? ווער ווייסט, וואס איז גאט, און צי איז גאר דא א גאט?“

8. די דערדריקונג פון די ווידערטויפער: דער לעצטער אקט פון דער רעוואלוציע.

הערשנדיקע קלאסן ווען זיי זיגן, טוען זיי אלע מאל די אר־בעט בשלמות; דעם דערפאלג נוצן זיי אויס גרינדלעך, און וואס גרעסער ס'איז געווען די געפאר, אין וועלכער זיי האבן זיך געפונען, אלץ אכזריותדיקער פארפאלגן זיי חערנאך די באזיגטע. אז די פויערן־סכנה איז שוין געווען פארביי, האט זיך ערשט אנגעהויבן א פארניכטונגס־צוג קעגן דער טויפער־באוועגונג. פארברענען, קעפן, דערטרינקען — דאס זענען געווען די שטראפן פאר טויזנטער טויפער־קאמוניסטן. אין עסטרייך, אין דייטשלאנד, אין דער שווייץ זענען די טויפער פאר די יארן 1527 ביז 1536 אויסגעשטאנען די זעלבע צרות און רדיפות, וואס די קאטארער אין מיטלאלטער. אפילו די פרידלעכע טויפער, די רויקע קאמוניסטישע געמיינדעס, האט מען אויך נישט געשוינט; מען האט זיי געווארפן אין די תפיסות, ארויס־

*) דאס איז געווען אויך דער גורל פון טאמאס מינצער; פלאריאן איז אויף א מארטערישן אופן דערמארדעט געווארן.

געשיקט פון לאַנד, קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן און געמאָרדעט גאָר אַ צאָל. און מיט אַ פריילעך געמיט, שטאַרק און שטאַנדהאַפט, האָבן די טויפער באַגעגנט דעם טויט. זיי האָבן אין ערגעץ אַפילו קיין שום ווידערשטאַנד נישט אַרויסגעוויזן, אויסער אין מינסטער (1534—5), ווו האָלענדישע און נידער־דייטשע טויפער האָבן נאָך אַ לעצט מאָל געמאַכט אַ פאַרצווייפלטן פרווו צו ווערן זיך מיט וואָפן אין האַנט.

ווי אין אַ סך דייטשישע שטעט אין 15־טן און 16־טן יאָרהונ־דערט, האָבן אויך אין מינסטער די אָרימערע צעכן־האַנטווערקער געקעמפט קעגן פּאַטריצישן שטאָט־ראַט, קעגן די אויבערהערשאַפט פון קלער און קעגן דער קאָנקורענץ פון דער קלויסטער־אַרבעט. דער פויערן־אויפשטאַנד פון 1525 האָט אַזוי אַרום געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין מינסטער, און ס׳האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַן אויפשטענד־לערישע באַוועגונג; דער שטאָט־ראַט און די אָרטיקע גייסטלעכע זע־נען געגאַנגען אויף געוויסע הנחות און האָבן איינגעשטילט די באַ־וועגונג, אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער אַרציביסקופּ פון קעלן און האָט אָפּגערופן די געגעבענע הנחות. נאַטירלעך, האָט דאָס נאָך מער פאַרשטאַרקט די אַנטי־קלעריקאַלע שטימונגען, און אין 1531 איז מינסטער שוין געווען עוואַנגעליש. בראש פון דער עוואַנגעלי־שער באַוועגונג האָט זיך געשטעלט דער קאַפּעלאַן בערנט ראָטמאַן, אַ הומאַניסטיש־געבילדעטער טעאָלאָג פון מעלאַנכטאָנס שול, און אַרום אים האָבן זיך געזאַמלט אַלע אומצופרידענע בירגער, האַנט־ווערקער און אַרבעטער. צו דער דאָזיקער ווירטשאַפטלעך־רעליגיעז־מוניציפּאַלער באַוועגונג איז נאָך צוגעקומען אַ טויפערישער עלע־מענט, וועלכער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן אַ דאַנק דער צוואַנדע־רונג פון האָלאַנד און פון די יוליכשע אַלפּן. די האָלענדישע טוי־פער, דער בעקער יאַן מאַטיס פון האַאַרלעם און דער שניידער יאָ־האַן באָקעלזאָן פון לײדען (באָקעלזאָן איז געווען אַ דייטש פון אָפּ־שטאַמונג), האָבן באַלד איבערגענומען די פירונג איז זייערע הענט; זיי זענען געווען גוטע רעדנער און מיט פירער־טאַלאַנט. פון די אָר־טיקע האָט זיך אַרויסגערוקט דער טוך־הענדלער בערנהאַרד קניפּערד־דאָלינג, וועלכער איז אויך געגאַנגען צוזאַמען מיט די האָלענדער.

גאָר גיך האָבן די טויפֿער געקראָגן די אויבערהאַנט אין דער באַוועגונג; דאַן האָט דער ביסקופּ פֿון מינסטער דערקלערט קעגן זיי אַ מאָביליזאַציע, און אין פֿעברואַר 1534 האָט ער אָנגעהויבן מיט זיי די מלחמה. אין אָנהויב האָט זיך די טויפֿער איינגעגעבן צו פֿאַרטרייבן דאָס ביסקופּישע חיל אָדער צווינגען עס אָפּצוטרעטן, אָבער דער ביסקופּ האָט זיך נישט פֿאַרלוירן און האָט געהייסן באַלאַגערן די שטאָט. דערווייל זענען אין שטאָט פֿאָרגעקומען וואַלן פֿון אַ נייעם ראַט. די טויפֿער זענען אַרויס זיגער פֿון די וואַלן, און די שטאָט־פֿאַרוואַלטונג פֿון מינסטער איז אַריבער אין זייערע הענט. איצט איז זיי אויסגעקומען גלייכצייטיק אי צו פֿירן מלחמה און אי זען ווי ווייט מעגלעך דורכצופֿירן אין לעבן די טויפֿערישע פּרינציפּן. וועגן דעם, ווי זיי זענען פֿאַרטיק געוואָרן מיט די דאָזיקע אויפֿגאַבן, האָבן מיר באַריכטן נאָר פֿון קעגנערישן צד. אויך אין דעם פּרט טיילן די מינסטערער ווידערטויפֿער דעם גורל פֿון די קאַטאַרער — מען קען זיי נאָר פֿון די בילדער, וואָס זייערע קעגנער און באַשולדיקער האָבן פֿון זיי געשילדערט; נישט פֿון פֿאַרשטאַנד פֿאַר זייערע שטרעבונגען און נישט פֿון אָביעקטיוויקייט האָט דאָ, נאַטירלעך, אַפֿילו קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

נאָך דעם וואַל־זיג פֿון די טויפֿער, האָבן די פֿירונג איבערגענומען יאַן מאַטיס, יאָהאַן פֿון ליידען, קניפּערדאָלינג און קרעכטינג. אַזוי ווי די מלחמה מיטן ביסקופּ האָט נאָך געדויערט און מען האָט געמוזט שיצן די שטאָט פֿאַר פֿאַרעטער, האָט מען די באַקאַנטע אַנטי־טויפֿערישע עלעמענטן אַרויסגעשיקט פֿון שטאָט. דערמיט האָט מען צוויי זאַכן דערגרייכט: מען האָט אָפּגערייניקט די שטאָט פֿון אינערלעכע פֿיינט און מען האָט זיך געקאָנט איינשפּאָרן אַ געוויסן סכום לעבנס־מיטלען. ס'זענען אָבער פֿאָרט נאָך פֿאַרבליבן קעגנער אין שטאָט, און זיי האָבן געפּרוווט העלפֿן דעם שונאס אַרמיי — האָט מען זיי צום טויט פֿאַרמשפּט.

ביי אַזאַ לאַגע האָט, נאַטירלעך, פֿון ווירקלעכן קאָמוניזם נישט געקאָנט זיין קיין רייד. די איינוווינער האָבן דאָס גאַנצע געלט, גאָלד און זילבער פֿרייוויליק אָדער דורך פֿאַראָרדנונגען אָפּגעגעבן אין דער שטאָט־קאַסע; ביי די הענדלער האָט מען דורך אַגיטאַציע און

דורך פאַררופן זיך אויף עוואַנגעליום געפועלט, זיי זאָלן אָפּגעבן זייער סחורה און זיך מער מיט האַנדל און שאַכער נישט פאַרנעמען. פאַרקערט, צו האַנטווערק און אַקערבוי האָט מען זיך באַצויגן מיט גרויס אַכטונג, און מען האָט זיי געשטיצט. די אָרימע זענען געוואָרן אויסגעהאַלטן אויף קהלשן חשבון. מען האָט אויך איינגעפירט געמיינזאַמע מאָלצייטן, און בעת אָט די מאָלצייטן — פאַרלעזונגען פון דער ביבל.

ביים אויסגעצייכנטן דייטש־עסטרייכישן דיכטער ראָבערט האַמערלינג, אין זיין עפּישן „קעניג פון ציון", פּרעדיקט יאָהאַן פון לײדן אַזוי:

„איך האָב עס איבערגעלעבט, מיט די אויגן געזען, — בעת איך האָב גערעדט צו די מענטשן, האָט דער גייסט מיט אַמאָל גערוט אויף זיי און האָט זיי מיטגעריסן; זעט, באַלד וועט דער גייסט אַלעמען גלייך באַהערשן; דעמאָלט וועלן די מענטשן פייערן אַ יום־טוב לכבוד דעם קומען פון הייליקן גייסט, צו ווערן איין געפיל און איין געדאַנק אויף תמיד... און נאָר ווען איין גלייכער ווילן וועט זיין ביי אַלעמען, וועט ווערן איבעריק דער געזעץ פונם גייסטלעכן און פונם ריכטער. דאַן דאַרפן מיר נישט מער קיין שום צוואַנג, קיין שום אייגנטום און אויך נישט קיין שום הייראַט־תקנות. אַלץ איז דאַן איין גייסט, איין מחשבה, איין לעבן... ווייל וועט זיין! לערנט אייך זעלבסט־פאַרטיפונג, הערט זיך איין צום אינערלעכן קול פון אייער נשמה און פרעגט זיך אַליין, צי איז פאַראַן אין אייך דער דראַנג און די קראַפט פאַר אַ געטלעך לעבן?

מיר מוזן אויפבויען אין אונז אינעווייניק, דאָס וואָס מיר צעשטערן אין דרויסן! אויפוועקן גאָט אין אונז, איידער מיר פאַרניכטן די אָפּגעטער פון דרויסן! פּרוווט אייך אויס: וואָרום נאָר דעם ריינעם ברענגט הייליקונג די פרייהייט!..

...אין ציון, דאָ מוז מקוים ווערן דאָס וואָרט: *איך באַניי יעטווידע זאַך!* ווי קאָן פאַר אונז גענוג זיין די לוטערשע תורה? אויף דער האַלב נאָר פאַריונגערט זי די וועלט, זי איז לעבלעך, זי לאָזט דאָס פאָלק אין זיין עלנט, זי איז שרעקעוודיק און זי חנפעט זיך צו די פירשטן פון דער וועלט!"

אין זעלבן גייסט רעדט צום פאלק יאן מאטיס פון האארלעם:

„זייט טוידזנטער יארן שטייט פאר די אויגן פונם אידעלן די פינסטערע נויט ווי א גרויל און שרעק, נאך גרויזאמער ווי דער טויט, בלאס און מיט איינגעפאלענע אויגן, און זי פארמשפט אויף הינגער־יסורים מחנות, וואס נאר גאט קאן זיי ציילן... איר פרעגט, ווי אזוי לעבט מען אוים די דאזיקע מהומה, ווי קויפט מען ענדלעך אוים אט דאס אומרעכט, וואס בושעוועט אזוי לאנג? ברידער, איך האב געפארשט מיט א גליענדיקן קאפ: נאר דער טויט פון דער איינגליבער באפרייט אונז, די ריינע, באגייסטערטע ליבע... קומט, ברידער און שוועסטער, אויב די ליבע גליט אין אייער הארצן, קומט מיט פרייד און לאזט אונז לעבן געמיינזאם, טיילן די מי און ציון, און טיילן אויך דעם לוין, דעם געניום. זאל יעדער איינער ברענגען דאס וואס ער רופט „מיינס", און דערנאך זאל יעדערער נעמען וואס ער ברויכט פון אלגעמיינעם שותפות."

דאס לעבן אין מינסטער איז איינגעשטעלט געווארן אין גייסט פון אלטן און נייעם טעסטאמענט. די געמיינדע האט מען א נאמען געגעבן „דער נייער ישראל", דעם הויפטפירער — מלך, דעם ראט — די עלטסטע פון די צוועלף שבטים און מינסטער האט געקראגן דעם נאמען — נייער ירושלים. גאטס מלכות אויף דער ערד זאל דאס זיין. זיך שטיצנדיק אויפן אלטן טעסטאמענט, האבן די טויפער איינגעפירט פיל־ווייבעריי; א מאן האט געמעגט האבן עטלעכע ווייבער. פאר הייראט־בראך, פאר הייראטלאזע באציונגען מיט פרויען, פאר שיכרות און פאר אנדערע עבירות זענען געווען שטרענגע שטראפן. מען קאן זיך פארשטעלן, ווי דאס איינפירן פון פיל־ווייבעריי האט געמוזט ווירקן אויף די קעגנער פון די ווידער־טויפער. פאר זיי איז דאס געווען א באווייז, ווי אויסגעלאסן און אוממאראליש די קאמוניסטן זענען, און עס האט זיי שרעקלעך אויפגעבראכט.

קעגן אט דער געמיינדע איז איצט געווען געווענדעט דער האס פונם ביסקופ און פון אלע גוטע קריסטן. כמעט פופצן חדשים האבן זיך די טויפער געהאלטן, כאטש דער שונא איז געווען א סך שטארקער פאר זיי. די האלענדישע אידעען־חברים האבן געזאמלט א סך כוחות, כדי צו באפרייען מינסטער פון דער באלאגערונג.

אָבער די האָלענדישע מאַכט האָט בלוטיק דערשטיקט די אַלע הילף־פּרוּוון. סוף יוני פון 1535 איז מינסטער געפאַלן — ווייל ער איז געווען אויסגעשעפּט, ס'איז געווען אַ מאַנגל סיי אין מענטשן, סיי אין לעבנס־מיטלען, אינעווייניק אין שטאָט איז געווען פאַראַט, און פון אויסן האָבן אַלץ העפטיקער אָנגעגריפן די ביסקופּישע לאַנדסקנעכט.

אָן שום יאוש האָט יאָהאַן פון לײדען צוגעזען דעם צוזאַמענברוך. האַמערלינג לייגט אים אַריין אין מויל פאָלגנדיקע נעראַנקענפולע ווערטער:

„...נאָך די געוואַלטיקע שלאַכטן קעמפן נאָך ווייטער די גײַסטער פון די אומגעקומענע אין דעם לופט־רוים — און עס דערציילן די לעגענדעס: אַזוי ווערט דער ציון־קאַמף נאָך ווייטער געפירט אין דער לופטן — עס דויערט נאָך ווייטער אַ גרויסע גייסטער־שלאַכט; און ווער ווייס, ווי די לעצטע אַנטשיידונג וועט נאָך אויספאַלן? דאָס גאַנצע געקלאַפּעריי און טומלעריי פון שווערטן און שפּיזן אויף דער ערד איז נישט מער ווי אַ פּוסטער האַרמידער; די קאַמפן פון די גייסטער אין די וואָלקנס — נאָר זיי זענען די לעצטע, וועלכע אַנטשיידן דעם גורל פון דער מענטשהייט.“

בעת מינסטער איז געפאַלן, זענען אויך אומגעקומען יאָהאַן פון לײדען, קניפּערדאָלינג און קרעכטינג. זעקס חדשים האָט מען זיי אוממענטשלעך געפּייניקט, און ערשט דערנאָך, דעם 22 יאַנואַר פון 1536, האָט מען זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די הענקער:

„בלוט־רויט איז דער באָדן אין די גאַסן פון מינסטער, און אַ געדיכטער בלוט־שטראָם פון הערמאַהדעטע פליסט דורך מינסטער צום טײַך אאַ. אויסגעקוילעטע זענען אויפן פּלאַץ די ציון־קעמפער ביז צום לעצטן. פון די הייזער, ביי די האָר שלעפּט דער לאַנדסקנעכט אַרויס די ציטערנדיקע הערעטיקער און שטעכט זיי, אָדער ער וואַרפט זיי מיט אַ געלעכטער דורך די פענסטער אויף די שפּיזן פון זיינע ווילדע חברים. אין טעג אַרום שטעלט דער ביסקופּ אָפּ די בלוטיקע מאָרדן: אָן געריכט טאָר מען נישט נקמה נעמען אין דעם גאָט־לעסטערער: ניין, איצט ווערט ער ערשט געפּייניקט: מיט

געגליכע צוזאַגונגען ווערט ער צעריסן, אָדער ער ווערט פֿאַרברענט, אויב מען ברעכט אים נישט די גלידער אין אַ ראָד..." (האַמערלינג, קעניג פֿון ציון).

און דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווייניק. די קריסטן האָבן זיך באַמיט צו באַדעקן מיט אייביקער שאַנד דעם אָנדענק פֿון די ווידערטויפֿער — דורך וואָרט און בילד. דער ווייסער טעראָר האָט אויסגעקערט די לעצטע שפּורן פֿון סאָציאַלער אַפּיקורסות און רעוואָלוציע.

9. עפּילאָג.

די ערשטע דייטשע רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט. די הערשער האָבן געזיגט, און אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער, לאַנגער פּעריאָד פֿון ווירטשאַפֿטלעכן, פּאָליטישן, סאָציאַלן און קולטורעלן שטילשטאַנד און רעאַקציע; די שפּראָצונגען פֿון דער שטאָטישער קולטור זענען פֿאַרוועלקט געוואָרן; דער פֿרי־קאַפּיטאַליזם איז געבליבן נאָר אַן עפּיזאָד; די פּויערן זענען געוואָרן פֿאַרשקלאַפֿט, אין פֿיל געגנטן האָט מען ביי זיי מיט געוואַלט אָפּגענומען זייער געמיינשאַפֿטלעכן באַזיץ; די רעפֿאָרמאַציע איז געוואָרן פֿאַרגליווערט, פֿאַרשטיינערט — און דאָס אַלץ איז געווען איינע פֿון די סיבות, פֿאַרוואָס שפּעטער האָט זיך דער דרייסיק־יאָריקער קריג געענדיקט אַזוי קאַטאַסטראָפֿאַל, און דייטשלאַנד — דאָס דייטשלאַנד פֿון די אַטאַנס און שטויפֿערס, פֿון דער האַנזע און פֿון די פֿוגערס און וועלזערס — איז אַרויס פֿון קריג אויסגעשעפּט און צעשענדעט, פֿאַרקריפּלט, צעריסן און צעבראָקלט.

אָבער די „אָרדענונג" האָט געזיגט; דער קלאַסן־קאַמף איז געוואָרן דערשטיקט, יעדע מרידה — פֿאַרניכטעט, און די פֿאָלקס־קראַפֿט — געבראָכן. דער גאַנצער דייטשער עלנט, פֿון יאָר 1550 אָן און ביז אויף הייַנטיקן טאָג, איז אַ פּועל־יוצא פֿון דעם נצחון, וואָס די פֿירשטלעך־פּריצישע אָרדענונג האָט אָפּגעהאַלטן איבער דער ערשטער דייטשער רעוואָלוציע. די אַנטוויקלונג פֿון דייטשלאַנד איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן אויף גאַנצע יאָרהונדערטער. ערשט פֿון יאָר 1750

האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שטיקל אויפלעבונג אין דייטשלאַנד. ווינקלמאַן און געטע האָבן דאָן פאַרייניזאַמט רעפרעזענטירט דעם דייטשן רענעסאַנס, די פראַנקפורטער פוילוס־קירך — די בירגערלעכע רעוואָלוציע, ביסמאַרק — די דייטשע איינהייט, און ווילהעלם II און ביולאָוו — די דייטשע וועלט־פּאָליטיק. אין איין איינציקן יאָרהונדערט האָט דייטשלאַנד געמוזט אָניאָגן — אין אײַלעניש און זינאַגנהאַפטיק — די אַנטוויקלונג פון עטלעכע יאָרהונדערטן. אַלץ איז געקומען שפּעט, פאַרשפּעטיקט: ס׳האָט שוין אויסגעפעלט זוך, כדי אַלץ זאָל געדייען און ווערן צייטיק.

V. די תקופה פון אוטאָפּיעס

1. נאָמינאַליזם, רענעסאַנס און הומאַניזם.

די תקופה, ווען ס׳זענען געשאַפן געוואָרן אוטאָפּיעס, ציט זיך פון אָנהייב 16־טן ביז צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט. אין גייסטיקן זינען איז עס אַ צייט פון אַנטדעקונגען, אַן אויפבלי־צייט פאַר די נאַטורוויסנשאַפטן, אַ צייט פון אויפקלערונג, ווען מער פאַר אַלץ גילט פאַרשטאַנד (ראַציאָנאַליזם) און מאָראַל־פילאָזאָפיע.

אויפן אָרט פון קירכלעכע אויטאָריטעטן האָט מען גענומען אַפּעלירן צום שכל, און דאָס אָרט פון טעאָלאָגיע האָבן פאַרנומען פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפט. צווישן די נאַטורוויסנשאַפטן איז אויפן ערשטן פּלאַץ געגאַנגען די מעכאַניק, און נאָך איר די מאַטעמאַטיק, אַלס איר געהילף. די האָמאַלטיקע פאַרשער האָבן אָנגעהויבן באַנעמען די וועלט, ווי אַ ווונדערפול מעכאַניזם, וועלכער באַוועגט זיך לויט פעסטע מאַטעמאַטישע כללים — אַ מין אוניווערסאַל־מאַשין, אַ פאַרפולקאָמט אויסגעבויטער זייגער. און זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז אַ מעכאַניזם מוז אויך האָבן אַן אינזשינער, אַן אַרכיטעקטאָר. דער אינזשינער איז געווען גאָט, און דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד באַוווּנדערט זיינע ווערק און באַמיט זיך זיי אויסצופאָרשן.

די רעליגיע האָט אָנגעוווירן איר פריערדיקן ספּעציפיש־קאָנפעסיאָנעלן כאַראַקטער: זי איז איצט געווען נישט קריסטלעך, אָדער יידיש, אָדער הייַדניש, נאָר ד ע א י ס ט י ש (פונעם לאַטייניש וואָרט דעאוס־גאָט): איר הויפּט־געדאַנק און הויפּט־געפיל איז געווען איצט דער וועלט־פירער און געטלעכער אינזשינער, וואָס איז אַלווייסנדיק און זאָרגט פאַר אַלע מענטשן. די וועלט־באַנעמונג איז אַלץ מער געוואָרן אַ מעכאַניש־מאַטעמאַטישע. און זי

האָט אויף אַ מערקווירדיקן אופן זיך געפּאַסט צו די באַדערפענישן פונם מאַנופאַקטור־פעריאָד.

אָנגעהויבן האָט זיך אָט די באַוועגונג צום סוף פון מיטלאַלטער, ווען דער נאָמינאַליזם האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבערן רעאַליזם. וואָס דאָס באַטייט, וועלן מיר באַלד זען. דער קאַמף צווישן אָט די צוויי ריכטונגען אין דער סכאָלאַסטיק איז געגאַנגען פּאַראַלעל מיט אַ צווייטן קאַמף — צווישן שטאָטישער און פעאָדאַלער ווירטשאַפט־פאָרם, ס'הייסט צווישן דער נייער אָרדענונג און דער מיטלאַלטערלעכער. און לעצטן סך הכל האָט זיך דער שטרייט געפירט אַרום דער פראַגע וועגן דער ראָל פון שׂכל. די רעאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז אידייען ווערן געבוירן און לעבן זעלבשטענדיק, אומאָפּהענגיק פונם מענטשנס חושים, זיי עקזיסטירן פון אייביק אָן, נאָך פאַר די זאַכן, וועלכע ווערן דורך זיי באַצייכנט; זיי האָבן דעריבער געהאַלטן, אַז דער שׂכל דאַרף זיין אונטערגעוואָרפן דער רעליגיע; די אויפגאַבע פונם שׂכל איז נישט פריי צו פאָרשן, נאָר בלויז צו באַגרינדן די רעליגיעזע אמתן; גאָט און וועלט, גלויבן און דענקען זענען איינס, איינהייטלעך. להיפּוך צו דעם האָבן די נאָמינאַליסטן (דער וויכטיקסטער צווישן זיי איז געווען דער אונז באַקאַנטער אָקעאַם) געלערנט, אַז דער מענטשלעכער שׂכל האָט גאָר נישט צו טון מיט געטלעכקייט; גאָט, נשמה, אומשטערבלעכקייט, ד. ה. אַלע מעטאַפיזישע אמתן, זענען אַ זאַך פון אמונה; זיי געהערן צום געביט פון איראַציאָנעלן, ד. ה. זיי לאָזן זיך נישט באַנעמען דורכן שׂכל; נישט ער (דער שׂכל) קאָן זיי באַגרינדן, און נישט ער קאָן זיי אָפּפרעגן; עס איז דעריבער צוועקלאָז גאָר צו שטעלן דעם שׂכל אַזעלכע אויפגאַבן, וועלכע ער איז נישט אימשטאַנד צו פאַרענטפערן. דער שׂכל איז אַ אינסטרומענט פאַר דעם אַלטעגלעכן, וועלטלעכן געברויך, פאַר דער וועלט, וועלכע מיר באַנעמען דורך אונזערע חושים. דאָ אָבער דאַרף מען לאָזן דעם שׂכל פריי געוועלטיקן און דינען אונזער ערדישן לעבן, אָן שום פּעמטים מצד דעם קירכלעכן אויטאָריטעט.

פאַר די רעאַליסטן האָבן עקזיסטירט נאָר איינהייטלעכע אמתן: דאָס וואָס איז אמת אין דער רעליגיע, מוז אויך אמת זיין

אויף אונזער ערד. פאַר די נאָמינאַליסטן, דאַקעגן, זענען געווען צווייערליי אמתן: די אמת פון דער אמונה און די אמת פון דער נאַטור־וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. אין פּלוג קומט אויס, אַז די רעאַליסטן שטייען העכער, זיי אָנערקענען דאָך נאָר איינהייטלעכע אמת; זייערע אמתן זענען אָבער געווען משועבד (אונטערגעוואָרפן) צו דער רעליגיע: אויב אַ פאָרשער איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט אַ רעליגיעזן אמת, האָט ער געמוזט זיך אונטערגעבן, אָדער האָבן צו טון מיט דער אינקוויזיציע, אָדער נאָר האַלטן בסוד זיין גייסטיקע אַרבעט און לאָזן זי פאַרעפנטלעכן ערשט נאָכן טויט. דאָס איז טאַקע געווען דער גורל פון אַזעלכע גייסטער, ווי אַבעלאַר, קאָפּערניק, גאַלילײ, דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ.

די נאָמינאַליסטן מיט זייערע דואַליסטישע אמתן, זענען אויך געבליבן גלויביקע קריסטן; זיי האָבן נישט געצווייפלט אין די אַנטפּלעקטע געטלעכע אמתן, זיי האָבן זיי נאָר נישט דיסקוטירט; דערפאַר אָבער האָבן זיי אין אַלע וועלטלעכע זאַכן געלאָזט פריי ווירקן דעם שכל. די אַנטדעקונג פון קאָפּערניקן, אַז די ערד דרייט זיך, האָט דעם נאָמינאַליסט אויף אַ האָר נישט געשטערט צו בלייבן ווייטער ביי זיין גלויבן אין די הייליקע שריפטן — דערויף זענען דאָך פאַראַן צווייערליי אמתן. און די פאָלגן פון אָט דער סכאָלאַסטישער ריכטונג זענען געווען זייער באַדייטנדיקע. וויבאַלד דער שכל האָט נישט געהאַט אויף זיך דעם יאָך פון דער רעליגיע, האָט ער געקאָנט פריי אַרבעטן פאַרן אויפבלי פון די נאַטור־וויסנשאַפטן און פון דער נייער ווירטשאַפט־אָרדענונג.

ביסלעכווייז האָט דער שכל אויפגעהערט זיך באַגרענעצן מיט די ראַמען, אין וועלכע דער נאָמינאַליזם האָט אים געשטעלט; ער האָט דערקענט זיין מאַכט און האָט אָנגעהויבן זי פאַרשפּרייטן אויך אויף דער רעליגיע. דער ראַציאָנאַליזם האָט אָנגעהויבן לאָזן אַלץ טיפערע וואָרצלען אין באָדן. די ווונדער, וועלכע דער שכל האָט אויפגעוויזן אין געביט פון נאַטור, האָבן געהויבן זיין אָנזען, און די מענטשן האָבן אַלץ מער און מער גענומען זוכן ביי אים אַן עצה און הילף. מיט דער צייט האָט מען שוין גענומען ריידן וועגן דער שעפערישער קראַפט פון שכל. דער אמתער שכל, פאַר־

קערפּערט אין גרויסע הערציער, געזעצגעבער און פילאָזאָפן־מלכים, קאָן שאַפן א פאָלקאָמע אָרדענונג, ער קאָן מאַכן די פּועל־יוצא־טוגנטהאַפטיק און גליקלעך. קיין חידוש נישט, וואָס דער שכל איז אליין דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון א רעליגיע, ווי דאָס איז געווען בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אָבער לאָמיר נישט פאַרלויפן צופיל פאָרויס.

גלייכצייטיק מיטן זיג פונם נאָמינאַליזם איז געקומען דער רע־נעסאַנס, אָדער די ווידערגעבורט פון דער אַנטיקער קונסט און ליטעראַטור. אין דער אמתן איז דאָס געווען פיל מער, ווי בלויז די ווידער־אויפלעבונג פון אַלטערטימלעכער קונסט. רענעסאַנס איז געווען די ווידער־אויפלעבונג פונם אייראָפּעאישן מערב־מענטש: דער אָפּקער פון דעם מיטלאַלטערלעך־אַריענטאַלישן אַרט לעבן מיט זיין פאַראַכטונג צום שכל און צו די וועלטלעכע תענוגים פונם לעבן. רענעסאַנס האָט באַטייט, אַז אייראָפּע כאַפּט אויף דעם פאַ־דעם פון דער אַנטוויקלונג, האָרט ווו די אַלטע וועלט האָט אים געלאָזן — און מיטלאַלטער ווערט באַטראַכט בלויז ווי אַ צווישנ־צייט פון פינסטערניש. דער אייראָפּייער איז ווידער געוואָרן ער־דיש, ער האָט זיך אַנטשיידן געגומען אָריענטירן אויף דער וועלט און אויף וועלטלעכן גליק*). ער האָט אָנגעהויבן אַלץ שטאַרקער זיך ווערן קוגן יאָך פון מיטלאַלטערלעכן געוויסן און האָט אים פריער אָדער שפּעטער גאָר פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. באַזונדער שאַרף האָט זיך דאָס געלאָזט מערקן ביי די פירנדיקע פּאָליטיקער און קינסטלער פון איטאַליע; פאַרקערט, אין די גערמאַנישע לענדער, ווו פאַרבינדונג מיט דער רוימישער אימפּעריע, — דעם יורש פון דער אַלטער וועלט — איז כמעט ווי נישט געווען, — דאָרט האָט די רעפאָרמאַציע פאַרהאַלטן און געשטערט דער פאַרטיפונג פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג. אין איטאַליע, ווו דאָס שטאָטישע לעבן און די שטאָטישע ווירטשאַפט זענען געווען עלטער און אינטענ־סיווער און דער צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטיקער וועלט איז גע־

*) כדי גוט פאַרשטיין דעם ריזיקן [illegible], איז נייטיק צו לייענען די אַריינפירן צום טייל I און II פון דער „געשיכטע".

וועט אַן אָרגאַנישער, אינטימער — דאָ איז כמעט קיין סימן נישט געווען פון דעם מאָראַלישן קריזיס, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט פריער, ביים באַהאַנדלען די רעפאָרמאַציע. די פויפּסטן זענען דאָ געווען גיכער וועלטלעכע הערשער, איידער גייסטלעכע פּאַסטוכער. דער פויפּסט אַלעקסאַנדער VI (1492 — 1503) מיט זיינע קינדער לוקרעציע און צעזאַר באָרדזשיאַ זענען געווען דורכאויס וועלטלעכע, אַמאָראַליש געשטימטע מענטשן. צעזאַר באָרדזשיאַ, וועלכער האָט געהערשט אין ראָמאַניאַ, איז טאַקע געווען דאָס פאָרבילד פאַר מאַקיאַוועליס „פירשט" (1515), אַלזאָ פאַר אַ מלוכה־מאַן, וואָס איז לגמרי פריי פון וועלכע ס'נישט איז עטישע מאָטיוון, ד. ה. וואָס איז אַמאָראַליש. דער זיטן־שטרענגער דאָמיניקאַנער סאַוואָנאַראָלאַ, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן אָט די נייעסן, האָט אין 1498 באַצאָלט דערפאַר מיט זיין לעבן. און די נאָכפאָלגער פון אַלעקסאַנדער VI: די פויפּסטן יוליוס II (1503 — 1513), לעאָ X (1513 — 1521), קלעמענס VII (1523 — 1534), האָבן אַלע געשטיצט די אויפגעלעבטע קונסט און די הומאַניסטישע בילדונג; ביי זיי האָבן געאַרבעט די באַרימטסטע קינסטלער פון זייער לאַנד און פון זייער צייט: לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי (געשט. 1519), ראַפאַעל (געשט. 1520), קאָרעדזשיאָ (געשט. 1534), מיקעל־אַנדזשעלאָ (געשט. 1564). קונסט און וויסנשאַפט האָבן זייער פיל צו פאַרדאַנקען דער רענעסאַנס־באַוועגונג, וועלכע האָט גובר געווען דעם פויפּסט און געעפנט רוים פאַרן פרייען גייסט פון אַלטערטום — ד. ה. זי האָט באַזיגט דעם מיטלאַלטער.

די הומאַניסטן זענען געווען אַ סך מער נאָענט צו די נאָמינאַליסטן, ווי צו די רענעסאַנס־פירער. אמת, טעאָרעטיש האָבן זיי פאַרמאָגט אַ פרייערן קוק אויף רעליגיע און עטיק, אַדאַנק דעם וואָס זיי האָבן געקענט די גריכישע שפּראַך און ליטעראַטור. און דער עיקר דעם געטלעכן פּלאַטאָנען און די סטאָאישע פילאָזאָפיע, — אָבער ביי דעם אַלעם זענען די הומאַניסטן פאַרבליבן, באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק, אָנהענגער פון דאָפּלטע אמתן. זיי האָבן זיך באַצויגן צו פּלאַטאָנען מיט גרויס ליבע, אָבער צו יע־

זוםן — מיט נאך מער ליבע, און זיי האבן פארגעטערט אי די פילאזאפיע אי די קריסטלעכע גרונט־עיקרים; זיי האבן געהאלטן הויך אי דעם אויטאריטעט פונם פויפסט און אי דעם אויטאריטעט פון פארשטאנד. אין דעם פרט זענען די הומאניסטן געווען איבערגאנגס־געשטאלטן: זיי זענען נישט געווען פריי פון דער פארגאנגענהייט, אבער אין זייער וועלט־באנעם זענען שוין געווען עלעמענטן פון דער צוקונפט. טאמאס מארוס איז געווען איינער פון די גרעסטע צווישן אט די מערקווירדיקע פערזענלעכקייטן. ער האט אנגעשריבן א קאמוניסטישע אוטאפיע, וואס אירע יסודות זענען געווען פארשטאנד און מאראל־פילאזאפיע, און דערביי איז ער געשטארבן אויפן עשאפאט ווי א גלויביקער קאטאליקער, טריי דעם פויפסט. דער צווייטער גרויסער אוטאפיסט, דער דאמיניקאנישער מאנאך טאמאס קאמפאנעלא, האט אויך פארערט דעם שכל, די נאטור־וויסנשאפט, און גלייכצייטיק געערט דעם אויטאריטעט פון פויפסט און אפגעהיט דעם רעליגיעזן ריטואל.

2. מאראל־פילאזאפיע, מאטעריאליזם און נאטור־רעכט.

סיי בנוגע איינצלנע מענטשן, סיי בנוגע גאנצע פעלקער קאן מען אויפשטעלן אזא געזעץ פון גייסטיקער אנטוויקלונג: ווי נאר זיי פארלירן די דאגמאטישע רעליגיע אדער אפילו נאר ווען זיי דערפילן זיך נישט גאר פעסט אין זייער טראדיציאנעלן גלויבן — אזוי ווענדן זיי זיך צו מאראל־פילאזאפיע, צו ראציאנאליסטישער (געשטיצט אויף שכל, פארשטאנד) עטיק, און זוכן אין זיי א שטיצפונקט, א סורראגאט פאר דער פארלוירענער אדער אפגעשוואכטער אמונה. אזוי איז געווען אין העלאדע: ווען די גריכישע מיטאלאגיע האט פארלוירן איר קראפט, איז די גאנצע פילאזאפיע געווארן עטיש און ראציאנאליסטיש; דאס איז געווען דער אויפטו פון סאקראטעסן (געב. 469, געשט. 399 פאר קריסטוסן). און דער דערפאלג פון דער סטאאישער פילאזאפיע ביי די רוימער, זייט דעם לעצטן יארהונדערט פאר קריסטוסעס געבורט, דערקלערט זיך אויך אויף דעם זעלבן אופן. און פונקט אזוי האט עס אויך פאר

סירט, ווען די מיטלאַלטערלעכע טעאָלאָגיע איז צעטרייסלט געוואָרן: די אויף שכל געשטיצטע מאָראַל־פילאָזאָפיע האָט זיך אַרויסגערוקט אויבן אָן, און אין 17 און 18־טן יאָרהונדערט איז זי געווען די הויפּט־טעמע פאַר יעטווידער פילאָזאָפישער חקירה. מער נאָך, אַפילו דאָס קריסטנטום האָט מען אויך אָנגעהויבן אָנערקענען מיט דער מאָטיווירונג — ווייל די קריסטלעכע מאָראַל געפינט זיך אין איינקלאַנג מיטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. די אמתן פון דער מאָראַל־פילאָזאָפיע האָבן אויסגעזען אַזוי פעסט, אַז זיי גרונטיקן זיך נישט אין קיין שום רעליגיעזער, ד. ה. איראַציאָנעלער אונטערשטיצונג; מאָראַלישע השלמה קאָן מען זיך לערנען און אויסלערנען, פּונקט ווי מען לערנט זיך אויס שרייבן אָדער רעכענען; מאַכן דעם מענטשן פאַר א מאָראַליש וועזן. איז דאָס זעלבע, ווי מאַכן אים פאַר א שרייבער, רעכנער, אַרצט, אינזשינער א. ד. גל. און אַזאַ מיינונג איז זייער נאַטירלעך, ווייבאַלד מען האַלט, אַז דער שכל איז אַלמעכטיק, אַז דער געדאַנק, די לאָגיק הערשט אויך איבערן ווילן פונם מענטשן. אין 18־טן יאָרהונדערט איז דאָס געווען אַן אַקסיאָמע, א פעסט אָנגענומענער אמת, — אַז דורך דערציאונג קאָן מען אַלץ דערגרייכן. און דערציאונג איז נישט בלויז א זאַך פון שול; דערציאונג קומט פאָר אויך אין לעבן; אין דער געזעלשאַפט, אין דער מלוכה — דורכדעם, וואָס מען שטעלט איין גוטע אינסטיטוציעס, געזעצן און מנהגים, אַזוי ווי דער קאָמוניזם קאָן דאָס אַלץ מאַכן.

אונטער דעם איינפלוס פון זיגרייכן מאַרש פון דער נאַטורוויסנשאַפט איז די פילאָזאָפיע מיט דער צייט געוואָרן סענסואַליסטיש־מאַטעריאַליסטיש, דאָס הייסט: זי האָט געלערנט, אַז אונזער שכל פאַרמאָגט נישט אַליין אין זיך קיין שום אידייען, נאָר ער איז נישט מער ווי א הוילע אויפנעם־פּלאַטע, וואָס באַקומט איינדריקן דורך אונזערע חושים און אַרבעט זיי איבער אין געדאַנקען; אַז אונזערע געדאַנקען, הייסט עס, זענען נאָר א גייסטיקער שפּיגל פון די מאַטעריעלע דערשיינונגען פון דער דרויסנדיקער וועלט; דערפון איז אומפאַרמיידלעך אַרויסגעדרונגען דער אויספיר, אַז אויב מען וויל ריכטיק דענקען און האַנדלען, מוז מען

ריכטיק און שכלדיק אָרגאַניזירן די אויסערלעכע וועלט, די געזעלשאַפט, די מלוכה, די גאַנצע מענטשלעכע אָרדענונג. וויל מען האָבן גוטע בירגער, ד. ה. אַזעלכע, וואָס זאָלן דעם כּלל־אינטערעס שטעלן העכער פאַר דעם אייגענעם אינטערעס, — מוז מען די געזעלשאַפט אוועקשטעלן אויפן יסוד פון קאָמוניזם, פון כּלל־אינטערעס. וועט דאָס זיין געטון, וועט שוין דער גייסטיקער שפּיגל ממילא זיין קאָמוניסטיש: אונזער דענקען און האַנדלען וועלן מוזן ווערן קאָמוניסטיש, לויט דער זעלבער שייכות ווי צווישן סיבה און ווירקונג.

די דאָזיקע נאַטור־רעכטלעכע טענדענץ איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דאַנק די דערפאַרונגען, וואָס מען האָט געמאַכט אין די ניי־אַנטדעקטע לענדער (אַמעריקע). מען האָט דאָרטן דערזען אור־געזעלשאַפטלעכע שבטים־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געלעבט אָן פּריוואַט־אייגנטום און אָן מלוכה־צוואַנג. וואָס נאָענטער אַלזאָ דער מענטש איז צום נאַטור־לעבן, אַלץ ווייניקער ווייסט ער פון פּריוואַט־אייגנטום און פון מלוכה־צוואַנג. פון דעמאָלט אָן האָט מען די אוטאָפּיעס אַלע מאָל פאַרבונדן מיט פרעמדע אומבאַקאַנטע לענדער און מען האָט זיי באַשאָנקען מיט אַלע מעגלעכע מעלות און טוגנטן. מיר האָבן שוין אָן ענלעכע דערשיינונג געזען (1־טער טייל ז. 56, 86, 87), בעת אַלעקסאַנדר דער גרויסער האָט געמאַכט זיין עקספּעדיציע קיין אַזיען. די מייסטן רעכט־געלערנטע און פילאָזאָפן פון דער נייער צייט האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביי דער איבערצייגונג, אַז אַמאָל, אין נאַטור־צושטאַנד, האָט אין דער אָרער אַנדערער פאָרם געהערשט קאָמוניזם, ד. ה. אַז ער איז נאַטירלעך. מען וואָלט א גאַנצן באַנד געקאָנט אויספילן מיט ציטאַטעס פון דעם מין. מיר וועלן בלויז ציטירן דעם וויכטיקסטן געלערטן פון פעלקער־רעכט פון דער נייער צייט, הוגא גראָציוסן (געב. אין דעלפט 1583, געשט. אין ראָסטאָק 1645). אין זיין ווערק „וועגן רעכט פון קריג און פרידן" (1625, צווייטער בוך, צווייט קאַפּיטל) זאָגט ער:

„ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער געגעבן דעם מענטשן דאָס רעכט אויף אַלע זאַכן פון נידעריקערן מין, און דאָס

האָט זיך איבערגעחזרט נאָך אַמאָל, ווען די וועלט איז ווידער אויפֿגעריכט געוואָרן נאָכן מבול... דעריבער האָט דעמאָלט יעדער איינער געקאָנט נעמען, וואָס ער האָט געוואָלט, לויט זיינע באַדערפֿענישן, און פֿאַרברויכן, וויפֿיל ער האָט געקאָנט... אַזאַ צושטאַנד האָט געקאָנט אָנהאַלטן נאָר אַזוי לאַנג, ביז די מענטשן האָבן געלעבט אין גרויסער איינפֿאַכקייט אָדער זיי האָבן פֿאַרמאָגט גרויסע קעגנזייטיקע ליבע איינער צום צווייטן. דעם ערשטן פֿאַל געפֿינען מיר ביי איניקע פֿעלקער אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אופֿן דורכגעלעבט פֿיל הונדערטער יאָרן אָן שום צרות. אַלס ביישפּילן פֿון צווייטן פֿאַל קאָנען דינען די איסיים און שפּעטער די ערשטע קריסטן אין ירושלים".

און אויב דער קאָמוניזם אַנטשפּרעכט דעם נאַטור־צושטאַנד, הייסט דאָס, אַז ער איז נאַטירלעך — ער איז אין הסכם מיט דער מענטשלעכער נאַטור — און ער איז שכלדיק. וויבאַלד אַזוי — דאַרף מען די געזעלשאַפֿט בויען אויף אָט דעם נאַטירלעכן און שכלדיקן יסוד. אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון פּריוואַט־אייגנטום זענען צרות אומפֿאַרמיידלעך: זיי זענען אַ רעזולטאַט פֿון דער ווירטשאַפֿט־אָרדענונג, וואָס איז געבויט אויף אַ פֿאַלשן יסוד, קעגן דער נאַטור.

ווען מען פֿאַרגלייכט אָט דעם קאָמוניזם מיטן קאָמוניזם אין מיטלאַלטער, זעט מען, ווי דער אידעאָלאָגישער שטאַנדפּונקט האָט זיך געביטן. אין מיטלאַלטער האָט זיך דער קאַמף אָפּגעשפּילט אויפֿן רעליגיעז־מאָראַלישן געביט — צווישן גוטס און שלעכטס; אין דער נייער צייט האָבן די קאָמוניסטן געזען דעם קעגנזאַץ אַלץ מער דורך אַ אינטעלעקטועלער פּריזמע: דער קאַמף גייט צווישן אמת און נישט־אמת, צווישן וויסן און אומוויסן; דער מאָראַלישער קעגנזאַץ ווערט טאַקע אויך נישט איגנאָרירט, אָבער מען באַנעמט אים שוין ווי אַ פּועל יוצא פֿון דעם אינטעלעקטועלן קעגנזאַץ: אמת איז דער מקור פֿון גוטס, נישט־אמת איז דער מקור פֿון שלעכטס.

ווייטער, ווען מיר וועלן באַהאַנדלען די פֿאַרשידענע אוטאָפּישע ווערק, וועלן מיר האָבן די געלעגנהייט נאָך נאָענטער צו באַקענען זיך מיט איינצלנע כאַראַקטער־שטריכן פֿון יענער צייט.

VI די ענגלישע אוטאָפּיעס

1. טאָמאַס מאָרוס.

טאָמאַס מאָרוס איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן, אין יאָר 1478. זיין פֿאָטער איז געווען א ריכטער, און ער האָט דעם זון דערצויגן אויף בילדונג. טאָמאַס האָט באַזוכט די לאַטיין־שול, און דערנאָך דעם אוניווערזיטעט אין אָקספֿאָרד, אָט דעם צענטער פֿון טעאָלאָגישער און הומאַניסטישער בילדונג אין ענגלאַנד. אויפֿן באַגער פֿון פֿאָטער האָט ער אויך שטודירט רעכטסוויסנשאַפֿט אין לאָנדאָן און איז געוואָרן אַדוואָקאַט; ער האָט אָבער דערביי נישט אויפֿגעהערט אָפּצוגעבן זיך מיט פֿילאָזאָפֿיע, טעאָלאָגיע און סאָציאַלער פֿאָרשונג; ער האָט שטודירט פּלאַטאָנען און אויגוס־טינען, און האָט גאָר גיך געקראָגן א שם, אַלס איינער פֿון די גרעסטע הומאַניסטישע געלערנטע פֿון זיין צייט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַריינצוטרעטן אין פֿראַנציסקאַנער־אָרדן, ווי דאָס האָבן געטון זיינע גרויסע פֿאָרגייער דונס סקאָטוס און אָקעאַם; אָבער נאָך א שווערן זעלבסט־אַנאַליז איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער וואָלט נישט געקאָנט אויס־האַלטן דעם נדר פֿון אומשולד — און ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן א וועלטלעכער מענטש.

ער האָט חתונה געהאַט, געוואָרן א פֿאָטער פֿון א קינד. זיך פֿאַרנומען מיט אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק, און גאָר גיך האָט ער זיך דערוואָרבן א גאַנץ גוטן מעמד אין לאָנדאָן. ער איז געוואָרן מיטגליד פֿון פּאַרלאַמענט, דערנאָך אויך — דער פֿאַרטרויאונגס־מאַן פֿון די לאָנדאָנער סוחרים; ער איז, אגב, געווען זייער שיד־ריכטער אין די סכסוכים מיט דער דייטשער האַנזע. אין 1515 האָט אים דער קעניג הענריק IIIV דעלעגירט קיין אַנטווערפּן, צו

דערליידיקן האָרטן אַ רייע האַנדלס־פראַגן צווישן ענגלאַנד און פלאַנדריע; מאָרוס האָט נאָך באַוויזן אין זעלבן אַנטווערפּן אָנ־צושרייבן אַ טייל פון זיין „אוטאָפּיאַ“. אין 1518 האָט ער אָנגע־הויבן זיין מלוכה־דינסט, און אין 1529 איז ער געוואָרן לאָרד־קאַנצלער (העכסטער באַאַמטער פון דער אימפּעריע), און האָט אַזוי אַרום געהאַט די געלעגנהייט צו דערקענען די פּאָלגן פון דער ענג־לישער געזעלשאַפט; ער האָט שטאַרק באַקלאָגט דאָס, וואָס די דאָרף־געמיינשאַפטן זענען פאַרניכטעט, וואָס די תבואה־פעלדער זענען פאַרוואַנדלט אין פּאַשע־לאָנקעס, וואָס די פּויערן זענען פאַריאָגט געוואָרן פון זייער באָדן, כדי די פּריצים און די אבאטן זאָלן זיך קאָנען אָפּגעבן מיט שאָף־צוכט און רייך ווערן אויפן האַנדל מיט וואָל (מיט פלאַנדריע).

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מאָרוס איז געווען אַן איבערצייג־טער אָנהענגער פון נאַטור־רעכט. בעת מען האָט אַנטדעקט אַמע־ריקע, האָט די דאָרטיקע געזעלשאַפטלעכע איינאָרדענונג אויסגע־זען ווי אַ נייער באַווייז פאַר דער ריכטיקייט פון נאַטור־רעכט. מאָרוס האָט מיט גרויס אינטערעס געלייענט דעם „מונדוס נאָ־ווּס“ (נייע וועלט) פון אַמעריגאָ וועספּוטשי — אַ קליין ביכעלע פון אַכט זייטלעך, וווּ דער באַרימטער רייזנדער באַשרייבט זיין צווייטע רייזע, וועלכע ער האָט אונטערגענומען פון ליסאַבאָן, דעם 4־טן מאַי 1501. די רייזע איז געמאַכט געוואָרן פאַרביי די קאַ־נאַרישע אינזלען צום ערד־שפּיץ ווערדע צו, „וווּ די מענטשן לעבן לויט דער נאַטור; מען קאָן זיי גיכער אָנרופן עפּיקורייער, איידער סטאָאיקער. זיי האָבן נישט קיין פּריוואַט־אייגנטום, אַלץ איז געמיינשאַפטלעך. זיי לעבן אָן אַ קעניג, אָן אַ שום איבערהערשאַפט, יעדערער איז באַלעבאָס איבער זיך אַליין“. מאָרוס האָט אויף אַ האָר נישט געצווייפלט, אַז מענטשן וועלכע לעבן לויט דער נאַטור, מוזן זיך אויסצייכענען מיט זיטלעכער פולקאָמענהייט: נאַטור־צושטאַנד און אומשולד־צושטאַנד זענען פאַר אים געווען סינאָני־מען. אין אַ בריוו צו זיין פריינט יאָהאַן קאָלעט, איינעם פון די באַדייטנדיקסטע ענגלישע הומאַניסטן און לערער, לויבט מאָרוס זייער שטאַרק די מעלות פון דאָרפישן לעבן: „אין דאָרף — להיפך

צו דער שטאָט — זעט די ערד אויס פריילעך און דער אנבליק פון הימל איז אנטציקנד; דאָרטן זעט מען נאָר די געבענשטע שפע פון דער נאַטור און הייליקע שפורן פון אומשולד". אין זיין „אוּר־טאָפּיא" באַגעגענען מיר זייער אָפט די אויסדרוקן „געזעצן פון דער נאַטור" און „לעבן לויט דער נאַטור".

אַזאַ מין מלוכה־מאַן האָט, נאַטירלעך, געמוזט פריער אָדער שפּעטער קומען צו אַ שאַרפן קאָנפליקט מיטן דעספּאָטישן קעניג הענריק VIII (1509 — 1547). דער קאָנפליקט האָט אָנגענומען אַ בלוטיקע ווענדונג, ווען מאָרוס האָט — פון זיין קאַטוילישן שטאַנדפּונקט — נישט געוואָלט אַפּראָבירן די גט־אַקטן פונם קע־ניג. דעמאָלט איז קעגן אים פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס פאַר מלוכה־פאַראַט, און ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אין יאָר 1535.

2. אוטאָפּיא.

„אוטאָפּיא" פון מאָרוסן — דערשינען אין 1516 — איז געווען אַ פּרוּוו אָנצוווענדן די עטיק און פּאָליטיק פון די קירכן־פאָטערס ווי אויך די פילאָזאָפיע פונם הומאַניזם צו דער גרעסטער וועלטלעכער פּראָבלעם: ווי דאַרף בכלל אָרגאַניזירט זיין די מענטש־לעכע געזעלשאַפט, און ספּעציעל ווי זאָל אָרגאַניזירט ווערן די ענגלישע געזעלשאַפט ביי איר איבערגאַנג פון פעאָדאַלער ווירט־שאַפט צו בורזשואַזער.

„אוטאָפּיא" באַשטייט פון צוויי טיילן: דער ערשטער טייל גיט זיך אָפּ מיט סאָציאַלער קריטיק; מאָרוס דעקט דאָ אויף די ווונדן פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף פּריוואַט־אייגנ־טום און ספּעציעל פון סאָציאַלן אָרגאַניזם פון ענגלאַנד אין 15־טן יאָרהונדערט. דער צווייטער טייל איז שוין אַ פּאָזיטיווער, עס ווערט געוויזן דער אויפבוי און צושטאַנד פון אַ קאָמוניסטישער מוסטער־ווירטשאַפט.

לויט דער פאָרם איז „אוטאָפּיא" כמעט דורכאויס דערציי־

לונג. די הויפּט־פיגור איז ראַפאַעל היטלאָדעאוס, אַ וועלט־רייזנדער און הומאַניסטישער פילאָזאָף; ער איז אַ געלערנטער און אַ אויפגעקלערטער, גרינדלעך באַקאַנט מיט די בעסטע ווערק פון גריכישן דענקען, און אַן אַנטשיידענער, קאָמפּראָמיסלאָזער, רעוואָלוציאָנערער קאָמוניסט: „דאָס האָט ער טאַקע אַנטדעקט די „אוטאָפּיע“ און באַשריבן אירע גרויסע מעלות. די צווייטע פיגור איז מאָרוס אליין; ער איז אין אַלע פּרטים מסכים מיט ראַפאַעלס סאָציאַלער קריטיק, אָבער נישט אַלע מאָל איז ער מסכים מיט די פּראַקטישע מעגלעכקייטן פונעם קאָמוניזם, און אויך נישט דערמיט, וואָס ראַפאַעל איז קעגן יעטווידן קאָמפּראָמיס. די דריטע פיגור איז פּעטער עגידיוס, אַ געבילדעטער אָבער קאָנסערוואַטיווער סוחר, אַ מענטש וואָס איז לויט די אַלגעמיין גילטיקע באַגריפן אַ גוטער קריסט און בירגער, ער פאַרשטייט זיך גוט אויף מסחר און איז צופרידן מיט די געזעצן און מיט דער לאַגע פון זיין לאַנד; ער פאַרטיידיקט די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג; זיין ראָל איז אָבער אַ צווייטראַנגיקע: די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג איז דאָך טעאָרעטיש אָן אַ שום פונדאַמענט און לאָזט זיך גאָר נישט פאַרטיידיקן; עגידיוס ווערט אַרויסגעפירט, בלויז כדי נאָך בולטער צו מאַכן היטלאָדעאוסן.

אַזוי אַרום ווערן אין „אוטאָפּיאַ“ געשילדערט צוויי סאָציאַלע געדאַנקען־ריכטונגען: פון רעוואָלוציאָנערן קאָמוניזם און פון סאָציאַלער רעפאָרם. היטלאָדעאוס איז איבערצייגט, אַז „ווו דער באַזיץ איז אַ פּריוואַטער און געלט איז די מאָס פאַר אַלע זאַכן, דאָרט איז שווער אָדער גאָר אוממעגלעך צו פאַרזיכערן די געזעלשאַפט מיט אַ גערעכטער רעגירונג און מיט אַלגעמיינעם וווילשטאַנד“. דאַקעגן, מאָרוס קומט צו דעם אויספיר, אַז הגם ער קאָן נישט מסכים זיין מיט אַלץ וואָס ראַפאַעל האָט געזאָגט, אָבער „דאָך מוז איך עס אַרויסזאָגן און צוגעבן, אַז אין דער אוטאָפּיסטישער געזעלשאַפט איז פאַראַן זייער פיל זאַכן, וועלכע איך קאָן אַוודאי ווינטשן פאַר מיין לאַנד, אָבער איך קאָן אויף זיי נישט האָפן“.

3. סאָציאַל־קריטיק.

אין אַ לאַנד, ווו פּריצים, באַנקירן, וווכערער, הויף־לייט אַ. ד. גל. באַקומען די גרעסטע פּענסיעס און באַלוינונגען, און פאַרקערט, מען זאָרגט לחלוטין נישט, פאַר די פּויערן און לאַנד־אַרבעטער, פאַר די שמידן, טישלער, באַרג־אַרבעטער א. אַ., אָן וועלכע די געזעלשאַפט קאָן גאָרנישט עקזיסטירן אפילו — אין אַזאַ לאַנד קאָן נישט זיין קיין שום סימן פון רעכט און גערעכטיקייט.

דער גורל פון די אַרבעטס־לייט איז נאָך ערגער, איידער דער גורל פון אַרבעט־חיות; אָרעמקייט איז זייער לוין, כל זמן זיי זענען נאָך געזונט קרעפטיק און קאָנען האָרעווען; און ווערן זיי קראַנק און אַלט און אומפעאיק צו דער אַרבעט — אַזוי בלייבן זיי פאַרלאָזט און אָן שום מיטלען. און די געזעצן זענען תמיד קעגן זיי. האָבן מיר דאָס אַלץ אין זינען, אַזוי מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג איז נישט אַנדערש נאָר אַ פאַרשווערונג מצד די רייכע, כדי צו פאַרזיכערן זייער אייגענעם וווּיל.

געלט און גאווה זענען די סיבות פון אַלדאָס בייז. זאָל קיין געלט נישט זיין, וועלן אַלע פאַרברעכנס אויפהערן; אפילו אָרימקייט, וועלכע איז אין פלוג אַ רעזולטאַט פון מאַנגל אין געלט, — אפילו זי וואָלט אויך פאַרשווונדן געוואָרן מיט פאַרשווינדן פון געלט. די רייכע פאַרשטייען דאָס געוויס אויך, און זיי וואָלטן גרייט געווען צו ענדערן דעם געזעלשאַפט־סדר, נאָר די גאווה — דער מקור פון אַלדאָס בייז — שטערט זיי דערין; דער עלנט פון אַנדערע ווערט די מאָס פון זייער גליק. אַ צווייטער מקור פון אומגליק, שוין ספּעציעל ענגלישן, איז דאָס, וואָס די נחלות ווערן אָפּגעצאַמט איינע פון דער צווייטער און וואָס אַקערבאָדן ווערט פאַרוואַנדלט אין פּאַשע־פעלד. די שאָף, וועלכע זענען אַמאָל געווען אַזוי מילד און רויק זענען איצט געוואָרן ווילד און רויבגיריק. זיי מאַכן אַ תל פון פּויער און פון זיין פעלד. דאָרטן ווו ס'ווערט געאַרבעט די פיינסטע וואָל, — לאָזן די פּריצים און אַבאַטן נישט איבער קיין שום באָדן פאַר תבואה־פעלד. זיי שטעלן זיך שוין מער נישט צופרידן מיט דער הכנסה און מיט די פאַרגעניגנס, וואָס פעלד־אַרבעט גיט, נאָר זיי יאָגן זיך נאָך רייכקייט; די אומ־

געזעטיקטע גיריקייט פירט דערצו, אַז מען נוצט ליבער אויס דעם באָדן פאַר שאָף־צוכט, איידער אים צו באַפעלקערן מיט מענטשן; דאָס אַלץ ווערט געטון מיט דער הילף פון געזעצלעכע און אומגע־זעצלעכע שווינדלערייען און געוואַלט־טאַטן. און אַז ס'ווערט ווייניקער תבואה־פעלדער, רופט דאָס אַרויס אַ יקרות; דער יקרות פון זיין זייט פירט דערצו, אַז מען זאָגט אָפּ די דינער־שאַפט, און זי בלייבט אָן מיטלען צום לעבן; די פרייזן אויף וואָל הויבן זיך אויך, און דעם אָרימען טוכמאַכער ווערט אוממעגלעך צו פאַרנעמען זיך מיט זיין מלאכה. דאָס רייכקייט פון לאַנד פאַלט אַלץ מער אַריין אין די הענט פון אַ קליינער צאָל מענטשן.

די האָב־גיריקייט האָט שטאַרקן שאָדן געבראַכט דעם וווילשטאַנד פון דעם אינזל. אָרימקייט און אַרבעטלאָזיקייט האָבן געפירט צו רויבערייען און גנבות. אַרבעטלאָזע מוזן דאָך אָדער בעטלען אָדער גנבענען; נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז איינגעפירט זייער האַרבע שטראָפן, ווערט פונדעסטוועגן די צאָל פאַרברעכנס נישט קלענער. דאָס פאָלק האָדעוועט אַליין אויס גנבים און שלעפערס, און דערנאָך באַשטראָפט עס זיי.

צי דאָס הייסט גערעכטיקייט? מען פירט איין די שרעקלעכסטע שטראָפן אויף גנבים, אַנשטאָט וואָס מען זאָל בעסער זאָרגן דערפאַר, זיי זאָלן זיך קאָנען זייער חיונה קריגן, און אַז קיין מענטש זאָל נישט זיין גאָר אין דער לאַגע, ווען ער מוז גנבענען און — גייען דערפאַר אויף דער תליה!

4. רעפאָרם אָדער רעוואָלוציע.

צי קאָן עפּעס וואָס אַרויסקומען דערפון, מען זאָל זיך ווענדן צו די קעניגן און צו זייערע רעגירונגען און זיי פאָרלייגן סאָציאַלע רעפאָרמען? אָדער — מיט אַנדערע ווערטער: צי מעג אַ קאָמוניסט אַריינטרעטן אין אַ נישט קאָמוניסטישע רעגירונג?

ראַפאַעלס ענטפער איז: ניין. עס איז צוועקלאָז צו קומען צו נישט קאָמוניסטישע הערשער און רעגירונגען מיט פאָרשלאָגן וועגן רעפאָרמען. מאָרום אָבער האַלט, אַז מען דאַרף זיך נישט

אָפּזאָגן פון דער מעגלעכקייט אויסצוטון עפּעס מיט דער הילף פון אַ קעניג, מחמת „מען טאָר נישט מקריב זיין אַ שיף בעת אַ שטורם נאָר דערפאַר, וואָס מען קאָן דעם שטורם נישט באַהערשן; און דאָסגלייכן, דאַרף מען נישט קומען מיט עצות, וואָס באַזירן אויף גאָר נייע אידעאַלן, און וועלכע קיין שום קעניג וועט נישט אָננעמען — סיידן אַ קעניג אַ פילאָזאָף, אָבער דער נויטיקט זיך נישט אין קיין עצות; מען דאַרף בעסער מיט שכל צוגיין צו דער זאַך און זי אַזוי דיפּלאָמאַטיש פירן, אַז אויב מען איז נישט איימשטאַנד צו דערגרייכן דאָס בעסטע, זאָל מען לפחות קאָנען זיך פאַרהיטן פון דעם ערגסטן; וואָרום ס'איז גאָר נישט מעגלעך, אַלע זאַכן זאָלן זיין גוט, וויבאַלד די מענטשן זענען נישט אַלע גוט — און דערויף איז נאָך נויטיק זייער אַ סך יאָרן".

דערויף ענטפערט אים ראַפאַעל: פירשטן און רעגירונגען האָבן מייסטנס אין זינען מלחמה־אַנטוויקלונגען (דעראָבערונגען, עקספּאַנסיעס, אַרמייען) און דאַגהנען וועגן וואָס פעטערע מלוכה־פינאַנסן. זייערע מיניסטאָרן און ראַטגעבער העלפן זיי אויסצופירן די דאָזיקע פּלענער; דערפאַר טאַקע האַלט מען זיי; זיי רעדן מיט חניפה וועגן די קעניגלעכע איינפאַלן און לויבן און רימען די קעניגלעכע קלוגשאַפט; לכבוד די פירשטן דריקן זיי און באַשטייערן דאָס פאָלק. וואָס קאָן אַ סאָציאַל־פילאָזאָף אויספועלן ביי אַזעלכע פירשטן? ער וואָלט זיך נאָר צום נאַר געמאַכט, אָדער נאָך ערגער: ער וואָלט אַליין אויך געוואָרן אַזוי פאַרדאָרבן ווי די רעגירונג, אָדער דאָס אָרימע פאָלק וואָלט אים געהאַלטן פאַר אַזעלכן, און עס וואָלט אָנגעהויבן פאַראַכטן די גאַנצע קאָמוניסטישע לערע. וועט דען אַ קעניג זיך צוהערן צו דעם מיניסטער, וועלכער וועט אים זאָגן, אַז דאָס פאָלק האָט אים די קרוין פאַרטרויט נישט צוליב זיין פערזענלעכן נוצן, נאָר צוליבן נוצן פון אַלעמען? און וועט ער דען פאַרשטייען דעם אמת, אַז אפילו דאָס קלענסטע מלוכהלע איז צו גרויס, אַז איין מענטש זאָל אין דעם געוועלטיקן? ניין. אין אַזעלכע ענינים טויג נישט קיין דיפּלאָמאַטיע. אַלע פרוון צו לינדערן דאָס סאָציאַלע שלעכטס דורך קונצן און דורך רעפאָרמיסטישע מיטלען פירן נישט צו גאָר נישט. דאָס איינציקע מיטל איז —

ראדיקאל ענדערן די גאנצע סאציאלע סיסטעם. פלאטאן האט זייער ריכטיק געהאנדלט, ווען ער האט זיך אפגעזאגט צו מאכן געזעצן פאר א לאנד, אין וועלכן ס׳הערשט פריוואט־אייגנטום. אזעלכע לענדער מעגן ארויסגעבן געזעצן אויף געזעצן, ביז קיין יוריסט וועט שוין זייער צאל נישט וויסן — אבער פון וווילשטאנד, גליקזעליקייט און פרידן וועלן זיי קיינמאל נישט וויסן. ווארום כל זמן עס הערשט פריוואט־אייגנטום, וועט דער גרעסטער און בעסטער טייל פון פאלק תמיד זיין פארמשפט אויף צופיל ארבעט און אויף ארימקייט. רעפארם־געזעצן קאנען אויסהיילן איין טייל פון די ווונדן, אבער גלייכצייטיק פארערגערן זיי א צווייטן טייל פון די ווונדן, אזוי אז ברענגענדיק נוצן פאר איין טייל פאלק, ברענגען זיי שאדן פאר א צווייטן טייל.

קעגן דער דאזיקער רעוואלוציאנערער אויפפאסונג פון קאמוניזם דערווידערט מארוס אזוי: אפשאפן דעם סטימול צו פערזענלעכן פראפיט, אפשאפן דעם חשק צו פערזענלעכע אנשטרענגונגען, ווי דאס מוז פאסירן ביי א סיסטעם פון כלל־אייגנטום, וואלט געפירט צו אלגעמיינער נאכלעסיקייט אין דער ארבעט און צו אלגעמיינער פאראָרימטקייט; און אז די ארימקייט וועט דאן אויפרייצן דאס פאלק, און קיין שום געזעצן אויף צו שיצן די פראדוצירמיטלען און דאס מענטשלעכע לעבן וועלן נישט זיין, — וועט דען נישט מוזן קומען צו רייסערייען, צו שנאה און צו בלוטפארגיסונג?

אויף אט די פראגן, — וועלכע ווערן געשטעלט כסדר, זייט ס׳זענען אויפגעקומען קאמוניסטישע סיסטעמען, — גיט נישט ראפאעל קיין דירעקטן ענטפער, נאר ער פאררופט זיך אויף די אוטאפיע־איינוווינער, וועלכע זענען אדאנק דעם גוטן פארשטאנד, דער קלוגער רעליגיע און די גוטע געזעצן געווארן טוגנטהאפט, פליכט־באוווסט און לעבנס־לוסטיק. ראפאעל האלט דעריבער, אז מארוסעס ארגומענטאציע קעגן דער מעגלעכקייט פון קאמוניזם שטאמט אליין אויך פון אזא געזעלשאפטלעכן סדר, וועלכער איז געבויט אויף פריוואט־אייגנטום, וועלכער ווייסט נישט פון קיין גוטע געזעצן, און וועלכער געפינט זיך אין בפירושן קעגנזאץ צום

שכל הישר און צו קלוגער רעליגיעזישקייט. דאַקעגן, דער גייסט און דער כאַראַקטער פון די אוטאָפּיא־מענטשן זענען אויסגעבילדעט געוואָרן דורך אַ קאָמוניסטישן סדר פון לעבן.

5. דער אויפבוי און די אינסטיטוציעס פון „אוטאָפּיא“.

אוטאָפּוס, אַ קעניג אין דעם זינען, ווי פּלאַטאָן און ווי די הומאַניסטן האָבן דאָס פאַרשטאַנען, האָט דעראָבערט דעם ווילדן טרוקענעם האַלב־אינזל אַבראַקסאַ און האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ וווילגעאָרדנטן ישוב, וואָס טראָגט פון דאַן אָן זיין נאָמען, און איז ווערט אויך דעם נאָמען „אייטאָפּיא“ — לאַנד פון גליק. די איינוווינער, וועלכע זענען פריער געווען ווילד און אָרעם און האָבן זיך אַרומגעריסן צוליב רעליגיעזע סכסוכים, האָבן איצט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון פּאָלקאָמענהייט, און זיי שטייגן איבער אַלע אַנדערע פעלקער מיט זייער מענטשלעכקייט, מיט זייערע גוטע מידות, מיט זייער ערלעכקייט, געלערנטקייט און מאַטעריעלן וווילשטאַנד.

די מיטלען, מיט וועלכע אוטאָפּוס האָט דאָס אַלץ דערגרייכט, זענען קאָמוניזם און דערציִונג; דערציִונג — אין ברייטסטן זינען פון וואָרט: נישט בלויז שול־בילדונג, נאָר אויך די בילדונג און דערפאַרונג, וועלכע מען קאָן באַקומען פון דער אַרומיקער וועלט, וועלכע סגיבן געהעריקע אַרבעט, זיטן און געזעצן. דער אינזל אוטאָפּיאַ באַשטייט פון 54 קרייזן; יעדער קרייז האָט אַ שיינע רחבותדיקע שטאָט, — וועלכע איז דער צענטער פון פאַרוואַלטונג, פון בילדונגס־וועזן, פון האַנדל און מלאכה, פון אַלערליי שפּיטעלער, פון אויסערלעכן האַנדל; די שפּיטאַלן געפינען זיך אין דער אומגעגנט פון די שטעט. די איינוווינער רעדן אַלע איין לשון, און האָבן אַלע די זעלבע מידות און די זעלבע געזעצן; די דאָזיקע גלייכאַרטיקייט האַלט אונטער דעם שלום צווישן אַלעמען. קיין קרייז האָט נישט ווייניקער ווי 20 מייל (32 קילאָמעטער) ערד־באָדן; און קיינער ווילט נישט אַרום קיין חשק אויסצובנייטערן זיין נחלה, ווייל די איינוווינער האַלטן זיך נישט פאַר אייגנטימער פונם באָדן, נאָר

פאַר אַרבעטער אויף אים. אין צענטער פון „אוטאָפּיאַ“ ליגט די הויפּט־שטאָט אַמאַוראָטע — דאָרט געפינט זיך דער נאַציאָנאַלראַט. די רעפּובליק „אוטאָפּיאַ“ איז אַ דעמאָקראַטישער פאַרבאַנד פון אויטאָנאָמע קרייזן. געזעצן איז פאַראַן זייער ווייניק, אָבער ס'איז גענוג; די איינוווינער קענען גוט די געזעצן און האָבן פיינט יעטוועדן פּלפּול איבער אַ געזעץ. די צענטראַלע רעגירונג באַשטייט פון אַ סענאַט אָדער ראַט פון 162 מיטגלידער, צו דריי מיטגלידער פון יעדן קרייז, — יעדעס יאָר קומען זיי זיך צונויף אין דער הויפּט־שטאָט אויף אַ סעסיע, כדי צו באַטראַכטן די אַלגעמיינע אָנגעלעגנהייטן פון פאָלק. אַן אַנדערש מאָל פאַרענטפערט דער סענאַט די פראַגן, וועלכע די לאָקאַלע קערפּערשאַפטן האָבן נישט געקאָנט אַליין פאַרענטפערן; דער סענאַט פירט אויך אַ רעגיסטראַציע פון אַלע פאַראַנענע גיטער און פון די, וואָס מען באַדאַרף צו האָבן, כדי דאָס פאָלק זאָל נישט ליידן קיין מאַנגל אין קיין שום זאַך. אָבער די ווירקלעכע פאַרוואַלטונג מיטן לאַנד ליגט אין די הענט פון די קרייז־רעגירונגען (לאָקאַלע קערפּערשאַפטן). יעדער קרייז ציילט 6000 משפּחות, אָדער פּויערשע הויפן; יעדע משפּחה ציילט נישט ווייניקער פון 40 מיטגלידער און 2 לייב־אייגענע; יעדע משפּחה ווערט אָנגעפירט פון אַ פאָטער און אַ מוטער (פאַטער־פאַמיליאַס און מאַטער־פאַמיליאַס); יעדע 30 משפּחות וויילן זיך יערלעך אויס זייער פילאַרך אָדער סיפאָגראַנט (לאַנד־נאַטשאַלניק); יעדע 10 פילאַרכיעס אָדער 300 משפּחות וויילן אַ הויפּט־פילאַרך אָדער טראַניבאָר. די פילאַרכן וויילן אויס דעם פירשט אָדער הויפּט־מאַגיסטראַט פון זייער קרייז. דער פירשט ווערט געוויילט אויף זיין גאַנץ לעבן, אָראָפּזעצן קאָן מען אים נאָר, אויב ס'איז דאָ אַ באַגרינדעטער חשד, אַז ער שטרעבט צו טיראַניי. די הויפּט־פילאַרכן אָדער אויבער־מאַגיסטראַטן בילדן דעם ראַט פון קרייז; זיי האַלטן געוויינלעך אָפּ זיצונגען יעדן דריטן טאָג, און לאַדן איין צו די זיצונגען אויך צוויי פילאַרכן. עפנטלעכע ענינים טאָרן נישט באַטראַכט ווערן מחוץ פון ראַט אָדער פון וואַלהויז פונם פילאַרך; פאַר אומגעזעצלעכער האַנדלונג קומט טויט־שטראָף.

דערווירטשאַפטלעכער יסוד פון דער געזעלשאַפט איז — לאַנדווירטשאַפט; יעדער בירגער פון „אוטאָפּיאַ“ מוז לערנען און קענען די לאַנדווירטשאַפט, סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש. יעדעס יאָר בייטן זיך אַ געוויסע צאָל שטאָט־לייט מיט זייערע וווינ־ערטער מיט די לאַנדווירטן, כדי די שטאָט זאָל נישט פאַרפרעמדט ווערן פונם דאָרף. אַ חוץ לאַנדווירטשאַפט לערנט נאָך יעדער בירגער וועלכע ס'נישט איז נוצלעכע מלאכה: טוך־וועבעריי, סטאָלעריי, שמידעריי און בוי־קונסט. קיין אַנדערע מלאכות זענען אין „אוטאָפּיאַ“ גאָרנישט פאַראַן, ווייל דאָס לעבן איז איינפאַך, אָן שום לוקסוס. בכלל גענומען, לערנט יעדער איינער די מלאכה פון זיין פאָטער. די הויפּט־אויפגאַבע פונם פילאַרך איז אכטונג געבן, אַז יעדער איינער זאָל דערפילן זיין אַרבעט־פליכט. ליידיקגייער ווערן אַרויסגעשיקט פון לאַנד. די אַרבעט־צייט איז זעקס שעה אַ טאָג. דאָרט ווו אַלע אַרבעטן, פאַרשפּאָרט מען אָנקומען צו איבער־אַרבעט. נאָר קראַנקע, גרייז־גרויע זקנים און די וואָס שטודירן ווערן באַפרייט פון פיזישער אַרבעט. אַ לאַנדווירט אָדער אַ האַנטווערקער, וועלכער שטודירט אין דער פרייער צייט און ער באַווייזט, אַז ער קאָן מיט זיין לערנען ברענגען גרעסערן נוצן דעם כלל איידער מיט זיין פיזישער אַרבעט — ווערט אַריבערגעפירט אין אָרדן פון געלערנטע.

אַלע שווערע און שמוציקע אַרבעטן ווערן געטון דורך די לייב־אייגענע. דאָס זענען אָדער פאַרברעכער, וועלכע זענען פאַרורטיילט געוואָרן פאַר שווערע פאַרברעכנס, וואָס אין אַנדערע לענדער וואָלט מען זיי דערפאַר פאַרמשפט צום טויט; אָדער דאָס זענען אָרימע אויסלענדישע אַרבעטער. די ערשטע באַהאַנדלט מען שטרענג, פאַרקערט די צווייטע ווערן באַהאַנדלט זייער מילד און מען זיך אומקערן אַהיים, ווען זיי ווילן עס נאָר — און דאַן שיקט מען זיי אויך נישט אָפּ מיט ליידיקע הענט.

מאָנאָגאַמיע ווערט שטרענג אָפּגעהיט; הייראַט־ברוך ווערט באַשטראָפט מיט שווערער לייב־קנעכטשאַפט. עס ווערט אויך פיל אכט געלייגט אויף געשלעכטלעכער ריינקייט ביז צו דער הייראַט. און די הייראַט גופא איז פאַר אַלעמען אַזאַ פייערלעכער און הויי־

ליקער אקט, אז מען האלט פאר נויטיק, מאן און ווייב זאלן זיך קאנגזיימיק גוט קענען, איידער זיי גייען חתונה האבן. און דעריבער איז געווען א מנהג, אז א פרומע מאטראנע זאל אדורכפירן פארן חתן די כלה א נאקעטע, און א גרייזגרויער מאן זאל פארשטעלן פאר דער כלה דעם חתן א נאקעטן.

די אוטאפיער האלטן זייער פון געמיינשאפטלעכע מאלצייטן. אין די דירות פון פילארך זענען דעריבער פאראן גרויסע עסשטובען מיט זייער געשמאקע בופעטן. יעדער מאלצייט הויבט זיך אן מיט א פארלעזונג וועגן גוטע מידות און וועגן טוגנטהאפטיקייט. בעתן מאלצייט פארפירן די עלטערע לייט שמועסן אויף ערנסטע אבער נישט אומאנגענעמע טעמעס און מונטערן אונטער די יונגערע, זיי זאלן זיך אויך ארויסזאגן. דאס מיטאג־עסן איז זייער קורץ, אוונט־ברויט דויערט שוין לענגער, און נאכן עסן קומט מוזיק און אלערליי אומשולדיקע פארוויילונגען. אכט אין אוונט גייט מען שלאפן, און פיר פארטאג שטייט מען אויף. די פרימארגנס און בכלל די פרייע צייט ווערן אפגעגעבן אויף פארלעזונגען, אויף שטודירן און אויף אלערליי שפילן.

מלחמה האלטן די אוטאפיער פאר א גראב גרויזאם אומרעכט. אבער דאך גיבן זיי זיך אפ מיט מיליטערישע איבונגען, כדי צו קאנען אפשלאגן פיינטלעכע אנפאלן אדער באפרייען וואסער סיניט איז פאלק פון קנעכטשאפט. און זיי פארפירן אפילו אליין מלחמה קעגן יעדן פאלק, וואס פארמאגט פרייען באדן און וויל נישט ארייגלאזן צו זיך די איבערפליסיקע באפעלקערונג פון „אוטאפיא“, וועלכע וויל אהין אויסוואנדערן און פארלייגן א אוטאפישע קאלאניע. אזא מין פארבאט פון איינוואנדערונג באטראכטן זיי ווי א האנדלונג קעגן די געזעצן פון נאטור־רעכט.

די קאנסטיטוציע פון דער אוטאפישער רעפובליק שטרעבט דערצו, אז די בירגער זאלן וואס ווייניקער דארפן ארבעטן, זיי זאלן האבן וואס מער פרייע צייט אויף צו אנטוויקלען דאס גייסטיקע לעבן. דערין, האלטן זיי, ליגט פארבארגן דער סוד פון גליק פארן מענטשן. ס׳איז איינגעפירט אלגעמיינע שול־פליכט. די קינדער לערנען מוזיק, לאגיק, אריטמעטיק און געאמעטריע, אסטרא־

נאָמיע און פיזיקאַלישע געאָגראַפיע. קינדער, וואָס וויזן אַרויס באַזונדערע פעאיקייטן, ווערן באַפרייט פון פיזישער אַרבעט, און געבן זיך אָפּ נאָר מיט לערנען. פון זיי רעקרוטירט זיך עס דערנאָך דער אָרדן פון געלערנטע.

די אוטאָפּיער דעבאַטירן זייער פיל איבער מאָראַל־פילאָזאָפישע און מעטאַפיזישע פראַגן. די גרונט־עיקרים פון זייער וועלט־אַנשויאונג זענען: די נשמה איז אומשטערבלעך, גאָט האָט זי אין זיין גוטסקייט געשאַפן צו זיין גליקלעך; פאַר פרומקייט באַקומט מען שכר אויף יענער וועלט, פאַר זינדיקייט ווערט מען דאָרט באַשטראָפט. זיי האַלטן אָבער, אַז מען קאָן מיט דער הילף פון לאָגיק באַגרינדן אָט די ריין־רעליגיעזע אמת'ן, וואָס גייען אַרויס פון גדר פון אונזער שכל. דער עיקר אָבער פירן זיי וויכוחים וועגן גליק. לויט זייער מיינונג, באַשטייט גליק אין פאַרגניגן — אָבער נישט אין אויסגעלאַסענע פאַרגניגנס, נאָר אין גוטע און אָנשטענדיקע. זיי זענען נישט מסכים מיט די סטאָאיקער, וועלכע האָבן געלערנט, אַז דער מקור פון גליק איז פרומקייט, און אַז זעלבסטפּיין און זעלבסט־פאַרלייקענונג גייען אויך אַריין אין כלל פון פרומקייט. לעבן איי הכּכם מיט דער נאַטור און מיטן פאַרשטאַנד הייסט ביי זיי אַזוי זיך פירן, אַז עס זאָל פאַרשאַפן פרייד אי זיך אי אַנדערע. זיי מאַכן אַ חילוק צווישן אמתע און פאַלשע פאַרגניגנס. אַן אמתער פאַרגניגן איז אַ דערלייכטערונג פאַרן גייסט, אַ באַפרידיקונג פאַרן געוויסן; אַזוי איז ווען מען טראַכט וועגן אַ וויסנשאַפטלעכן אמת אָדער וועגן קונסט, ווען מען הערט מוזיק, ווען מען דערמאָנט זיך עפּעס גוטע מעשים פון אַמאָל אָדער ווען מען האָפט אויף גליק אין דער צוקונפט. פאַלשע פאַרגניגנס זענען פאַרבונדן מיט באַריימעריי, מיט ערד־טיטלען, מיט לוקסוס — מיט די אַזוי גערופענע איידעלע מעטאַלן און איידל־שטיינער, מיט דער תּאווה צו שפּילעריי, צו יאַגד אויף חיות און צו אַנדערע אַכזרישע פאַרוויילונגען, וועלכע פאַרשאַפן סיי דעם מענטשן סיי די חיות יסורים.

די אוטאָפּיער געניסן פון פולקאָמער רעליגיע־פרייהייט. מיט אָט דער פרייהייט האָט אוטאָפּוס טאַקע געהיילט די וווּנדן, וואָס דאָס פאָלק האָט באַקומען פון די רעליגיעזע אַרומרייסענישן. אַ

דאנק דער פרייהייט האָבן די אוטאָפּיער געקאָנט רויק דעבאַטירן איבער רעליגיעזע פראַגן, אויסהערן איינער דעם צווייטנס טענות און אַרגומענטן און קומען צו אַ געוויסער איינשטימיקייט איבער דעם תמצית פון רעליגיע. די גרויסע מערהייט גלויבט, אונטער פאַרשיידענע פאָרמען, אין אַ העכסטע גייסטיקע מאַכט — דעם שעפער און פירער פון וועלט־אַל; ער איז די אור־ערשטע און לעצטע סיבה פון אַלע זאַכן. אַטעאיסטן האַלט מען פונדעסטוועגן נישט פאַר גוטע בירגער!

סומירנדיק דאָס אַלץ, זאָגט היטלאָדעאוס: „אוטאָפּיאַ“ איז דער איינציקער געמיינוועזן, וואָס פאַרדינט דעם דאָזיקן נאָמען. עס איז אַווירקלעכע רעפּובליק: דאָס לעבן איז געמיינשאַפטלעך, און דאָס רייכטום געהער דעם כּלל. אין אַלע אַנדערע לענדער רעדט מען נאָר וועגן אַלגעמיינעם וווּל, בעת אין דער אמתן באַמיט זיך יעדערער צו באַזאָרגן זיין אייגענעם וווילשטאַנד און זיין פּריוואַטע עשירות אויפן חשבון פון זיין נאָענטן. גאָר אַנדערש איז אין „אוטאָפּיאַ“, וווּ קיין זאַך איז נישט פּריוואַט, וווּ יעדערער זאָרגט פאַר די ענינים פון גאַנצן כּלל. אין אַנדערע לענדער איז קיינער נישט באַוואָרנט פון נויט און הונגער, מעג דאָס נאַציאָנאַלע רייכטום זיין ווי גרויס, און יעדער איינער איז געצוווּנגען צו זאָרגן פאַר זיך זעלבסט, אַזוי אַז ער האָט נישט אין זינען די אינטערעסן פון כּלל. דאָרט אָבער ווּו אַלץ איז געמיינשאַפטלעך, האָט קיינער נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר הונגער, כּל זמן די עפנטלעכע מאַגאַזינען זענען פול; און אַלע זענען ממילא פאַראינטערעסירט צו זאָרגן פאַרן גאַנצן כּלל. אין אַזאַ רעפּובליק איז יעדער איינער רייך, כאָטש ער קאָן אויף קיין זאַך נישט זאָגן, אַז דאָס איז זיינס. דער דאָזיקער געזעלשאַפט־סדר וועט אייביק באַשטיין, ווייל אָפּשאַפנדיק גאווה און געלט, האָבן די אוטאָפּיער באַזייטיקט דערמיט די סיבות פון ערגייץ און פון אויפשטאַנד און פון יענע אַלע פאַרדאָרבענע מידות, וועלכע פירן אין אַנדערע לענדער צו אינערלעכע קאַמפן, צו בירגער־קריג, און לסוף צום אונטערגאַנג און פאַנאַנדערפאַל פון פעלקער און מלוכות.

6. די „נייע אַטלאַנטידע“ פון לאָרד בעקאָן

סימבאָליש גענומען, קאָן מען דעם געוואַלט־מאָרד פון טאָמאַס מאָרוס (1535) רעכענען פאַר דעם צייט־פּונקט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון קאַטאָליציזם אין ענגלאַנד און ס׳האָט זיך דאָרט גענומען פירן אַ קאַמף פאַר רעפאָרמאַציע. דער קאַמף צווישן דער אַלטער און נייער קירך האָט זיך געצויגן ביז צום סוף פון 16־טן יאָרהונדערט, ד. ה. ביז טיף אין דער רעגירונגס־צייט פון דער קעניגין עליזאַבעט (1558—1603). אין משך פון דער צייט האָט ענגלאַנד געלייגט די גרונט־שטיינער פון איר קאָלאָניאַל־הערשאַפט. אין 1584 האָט וואַלטער ראַלי געגרינדעט די קאָלאָניע ווירגיניע; אין 1588 האָט אַן ענגלישע עסקאַדרע, כמעט אויסשליסלעך פון האַנדלס־רייזנדע, פאַרניכטעט די שפּאַנישע אַרמאַדע (פלאָט); אין 1600 איז אַנטשטאַנען די אָסט־אינדישע האַנדלס־געזעלשאַפט. עס האָט זיך אומעטום געפילט די ווירקונג פון דער נייער צייט: נאַטור־וויסנשאַפט און מאָראַל־פילאָזאָפיע, עקספּערימענטן און אינדוקטיווע לאָגיק (אַזאַ דענקען, וואָס שטיצט זיך אויף דערפאַרונג) האָבן געהאַט אָנהענגער. פראַנציס בעקאָן, דער אָנזאָגער פון דער נייער צייט (באַקאַנט אונטערן נאָמען לאָרד בעקאָן פון ווערולאַם (געב. 1560, געשט. 1626), האָט שטיצנדיק זיך אויף די לערעס פון די איטאַליענישע פאָרשער טעלעזיוס און גאַליליי, באַגרינדעט דעם עמפּירישן מעטאָד (שטיצן אַלץ אויף דערפאַרונג) אין זיין ווערק „נאָוום אָרגאַנום“, און אין זיין „נייער אַטלאַנטידע“ האָט ער געשאַפן אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכע אוטאָפּיע. דאָס לעצטע ווערק איז געווים פאַרטראַכט געוואָרן אונטערן איינפלוס פון מאָרוסעס „אוטאָפּיאַ“, אָבער אַזוי איז צווישן די ביידע ווערק כמעט נישטאָ קיין שום געמיינזאַמעס. בעקאָן האָט געוואָלט פאַרזיכערן דעם מענטשנס גליק דורך אָנווענדן די נאַטור־וויסנשאַפט אין דער פּראָדוקציע, אָבער נישט דורך ענדערן די אייגנטום־באַציונגען.

נייע אַטלאַנטידע איז אַן אינזל אויפן שטילן אָקעאַן. זי ווערט געפירט פון אַ חכם אַ געזעצגעבער; אַ דאַנק דער אָנווענדונג פון

נאַטור־וויסנשאַפט, האָט ער געשאַפן אַ בליענדיק גליקלעך לעבן. דער צענטער פון דער ניי־אַטלאַנטישער געזעלשאַפט איז „דאָס הויז פון שלמה המלך" אָדער דער „אוניווערזיטעט אויף זעקס טעג"; לויט היינטיקע באַגריפן וואָלט עס געווען אַ מין פּאָליטעכניקום. דער דאָזיקער לערן־אַנשטאַלט, אין דער הויפּט־שטאָט בענזאַלעם, האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו דערלערנען און אויספאָרשן די סיבות און די געהיימע באַוועגונגען פון אַלע זאַכן און ווי ווייט מעגלעך אויסצוברייטערן די גרעניצן פון מענטשלעכן קענען און וויסן. אין אַנשטאַלט זענען פאַראַן אַלערליי מכשירים און אינסטרומענטן פאַר פיזיקאַלישע און טעכנאָלאָגישע עקספּערימענטן; טיפע הייל אויף צו פאָרשן די אינגעווייד פון דער ערד; הויכע טורעמס אויף צו פאָרשן די לופט און אירע דערשיינונגען; לאַבאָראַטאָריעס אויף אויסצואַרבעטן אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע שטאָפן, און פאַר מעדיצינישע פאָרשונגען; לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָווערסטאַציעס; וואַרשטאַטן פאַר קונסט און מלאכה; אויוונס פאַר הויכע טעמפּעראַטורן; האַלעס פאַר עקספּערימענטן מיט ליכט און קלאַנג. עס זענען דאָרט אויך פאַראַן מאַשין־הייזער, וווּ ס'ווערן אויסגעאַרבעט די פאַרשיידנאַרטיקסטע מאַשינעס און אינסטרומענטן. די פאָרשער, וועלכע אַרבעטן דאָרטן, קאָנען נאָכמאַכן די פויגל אין זייער פליען; זיי האָבן שיפן און שיפלעך, וואָס פאָרן אונטערן וואַסער. און עס זענען אויך פאַראַן טעאָרעטיקער, וואָס פּרוּוון אויס אַלע דערפונדענע זאַכן און פאַקטן, סומירן די דערפאַרונג און שטעלן אַזוי אַרויס אויף לערן־כללים. די איינוווינער פון אָט דעם גליקלעכן וויסנשאַפטלעכן קיבוץ פאַרגעטערן די דערפינדער און פאָרשער. פאַר יעדער גרויסער דערפינדונג שטעלט מען דעם דערפינדער אַ דענקמאָל, און ער באַקומט אַ געהעריקע באַלוינונג. די גאָטסדינסט באַשטייט דערין, וואָס מען לויבט גאָט פאַר זיינע וווּנדערפולע ווערק, און מען בעט גאָט ער זאָל לאָזן רוען זיין הילף און ברכה אויף די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן און זאָל העלפן די מענטשן צו פאַרנוצן די נייע דעראָבערונגען צו גוטע צוועקן. פון די לאַבאָראַטאָריעס מיט זייערע דערפינדונגען און אַנטדעקונגען קומען אַרויס די כוחות, וועלכע הויבן די פּראָדוקציע, פאַרגרעסערן דאָס אַלגעמיינע רייכ־

טום און פֿאַרזיכערן אַלע בירגער מיט אַ מענטשן־ווירדיקער עקזיסטענץ.

7. „געזעץ פֿון פֿרייהייט“ פֿון ווינסטענלי.

ווי מיר האָבן געזען, זענען אין עליזאַבעטס צייט מאַטעריעל און גייסטיק אויסגעוואַקסן די סוחרישע און האַנטווערקערישע שיכטן, און דער מיט זיי פֿאַרבונדענער נייער אדל. קעניגין עליזאַבעט איז געווען גענוג קלוג, כּדי אויסצומיידן קאָנפֿליקטן מיט אָט די שיכטן און לעבן מיט זיין בשלום אויפֿן וועג פֿון קאָמפּראָמיסן. אַנדערש אָבער האָבן זיך געפֿירט אירע נאָכפֿאָלגער יאַקאָב I (1603—1625) און דער שלימזלדיקער קאַרל I (1625—1649). באַזונדער דער לעצטער האָט לחלוטין נישט פֿאַרשטאַנען דעם גייסט פֿון זיין צייט — ער האָט געוואָלט מחיה מתים זיין דעם אַבסאָלוטיזם; דאָס ווירטשאַפֿטלעכע לעבן איז פֿאַר אים געווען נישט מער ווי אַ מקור פֿון שטייערן, ער האָט נישט געשאַצעוועט די רעליגיעזע און גייסטיקע פֿרייהייט פֿון בירגערטום, און איז אַזוי אַרום געקומען אין אַ שאַרפֿן קעגנזאַץ מיט די נייע שטרעמונגען, וועלכע זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דער שטאָטישער אַנטוויקלונג, מיט דער רענעסאַנס־באַוועגונג, מיט דער רעפֿאָרמאַציע און מיט דער אויפֿגעלעבטער נאַטורוויסנשאַפֿט. אין 1642 האָט זיך צעפֿלאַקערט דער בירגער־קריג — אָנגעפֿירט מיט אים האָט אָליווער קראָמוועל, אַ מענטש פֿון אומגעהייערער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, אָבער דורכויס בירגערלעך געשטימט. אין 1649 האָט ער געלאָזט אויספֿירן דעם טויט־אורטייל איבערן קעניג קאַרל I.

אונטערן איינפֿלוס פֿון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָבן ווידער אויפֿגעלעבט נאַטור־רעכטלעך־קאָמוניסטישע אידעען. די אָנהענגער פֿון אַזעלכע אידעען האָבן זיך דאַן גערופֿן „אמתע גלייכמאַכער“ אָדער „גרעבער“ (Diggers), ווייל זיי האָבן זיך נישט צופֿרידנגעשטעלט בלויז מיט פּאָליטישער פֿרייהייט, מיט רעפּובליק, נאָר זיי האָבן געפֿאָדערט, מען זאָל פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכן דעם

גרונט און באָדן, און אַז יעדער איינער זאָל געניסן פון פרייהייט און גלייכהייט און זאָל האָבן אַ שטיקל נחלה צו באַאַרבעטן; דערביי האָבן די „גרעבער" אַליין געוויזן אַ ביישפּיל, ווי זיי מאַרשירן מיט די אינסטרומענטן אויף די הענט און הויבן אויף צום באַאַרבעטן שטיקער רוי־ערד.

דער באַדייטנדיקסטער שריפטשטעלער צווישן די „גרעבער" איז געווען געראַרד ווינסטענליי (געב. 1609). פון זיינע שריפטן זעט מען, אַז ער האָט גוט געקענט די גאַנצע פּאַטריסטיש־קאַנאָניש־נאַטור־רעכטלעכע שיטה. דאָס איז געווען פאַר אים דער טעאָרעטישער יסוד, בעת ער האָט קריטיקירט די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן פון זיין צייט: ווען גאָט אָדער דער שכל האָט באַשאַפן די וועלט, האָט געהערשט דאָס קאָמוניסטישע נאַטור־רעכט; דערנאָך איז געקומען דער זינד־פאַל — דער עגאָאיזם, דער „דיין" און „מיין" (פּריוואַט־אייגנטום), דאָס קויפן און פאַרקויפן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ליידן־געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער עגאָאיזם קאָן דערשטיקט און אויסגעוואָרצלט ווערן נאָר אויף איין אופן — מען זאָל דעם ערד־באָדן ווידער מאַכן פאַר אייגנס פון גאַנצן כלל. אין זיין ווערק „דער געזעץ פון פרייהייט" (1652) האָט ער אַנטוויקלט אַ נייעם פּלאַן פון אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך באַזירן אויף דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם און זאָל אַלעמען פאַרזיכערן מיט פרייהייט און ברויט. די דאָזיקע אידעאַלע געזעלשאַפט זאָל געפירט ווערן אויף אַזאַ אופן:

בראש פון דער געזעלשאַפט שטייט אַ פּאַרלאַמענט, געוויילט פון גאַנצן פאָלק, און דער פּאַרלאַמענט דאַרף אַרויסגעבן געזעצן אין גייסט פון נאַטור־רעכט און פון שכל הישר און אַכטונג געבן, די געזעצן זאָלן ווערן אויסגעפירט. דער געזעץ דאַרף פאַרזיכערן דעם קאָלעקטיוון באַזיץ פונם ערד־באָדן, פּראָקלאַמירן אַלגעמיינע אַרבעט־פליכט, שטרענג פאַרווערן יעטווידן האַנדל, און אָפּשאַפן אַלע אַלטע טיראַנישע אין קירכלעכע געזעצן און מנהגים. אַלע פּראָדוקטן פון דער גערעטעניש דאַרפן געזאַמלט ווערן אין אַלגעמיינע מאַגאַזינען און שפּייכלערס; דאָסגלייכן די זאַכן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין די ווערקשטאַטן; און בכלל דאַרף זיין אַ קאָמוניס־

טישע פאַרוואַלטונג מיט אַלע געברויכס־אַרטיקלען, מיט די הויז־
חיות און מיט אַלע אַנדערע גיטער. יעדע פאַמיליע דאַרף פּראָדוצירן
לויט אירע פעאיקייטן און באַקומען פון די אַלגעמיינע מאַגאַזינען
לויט אירע באַדערפענישן. די דורכפירונג פון די אַלע געזעצן וועט
איבערגעגעבן אין די הענט פון באַאַמטע, געוויילטע דורכן פאָלק.
ווײַלן דאַרף מען מענטשן פון אַ רויקן, פרידלעכן כאַראַקטער; אַזעל־
כע, וואָס האָבן אַ סך געליטן ביי דער פריערדיקער טיראַנישער
רעגירונג און האָסן דעריבער יעדע אונטערדריקונג; האָסגלייכן
אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך ביי דער פריערדיקער טיראַנישער רע־
גירונג אויסגעצייכנט מיט מוט, אָפנקייט און אָפּערווילקייט און
זענען דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן צו תפיסה אָדער צו גלעלט־
שטראָפן; חוץ דעם, דאַרפן די געוויילטע זיין אין עלטער פון איבער
40 יאָר, כדי זיי זאָלן שוין האָבן די נויטיקע דערפאַרונג און קענטע־
ניש פון מענטשן. יעדע געמיינדע קלייבט נאָך אַ חוץ דעם אויס
פרידנס־ריכטער און שידס־ריכטער, אויפן פאַל פון סכסוכים צווי־
שען די בירגער, און אויך אויפזעער, וועלכע דאַרפן נאָכקאָנטראָ־
לירן, צי די אַרבעט־פליכט ווערט אָפּגעהיט און צי אַלץ, וואָס ווערט
פּראָדוצירט, ווערט אָפּגעגעבן אין רשות פון דער געזעלשאַפט. די
אויפזעער דאַרפן זיין מענטשן פון איבער 60 יאָר אַלט. עס ווערט
נאָך געוויילט אַ שטראָף־מייסטער, וועלכער פירט צו דער אַרבעט די
בירגער, וואָס זענען פאַרורטיילט געוואָרן פאַר פוילקייט. די שול־
פליכט איז אַלגעמיין און אָבליגאַטאָריש. קינדער דאַרפן דערצויגן
ווערן הויפּטזעכלעך אַלס פּראָדוצענטן און נישט אַלס לערנער. דאָס
אָרט פון אמונה און פּלפּול דאַרף פאַרנעמען וויסן און עקספּערי־
מענט. מאָנאָגאַמיע, זיטלעכע אויפפירונג אין פאַמיליען־לעבן און
געשלעכטלעכע ריינקייט מוזן ווערן שטרענג אָפּגעהיט.

8. טשעמבערלען און בעלערס אַלס סאָציאַל־רעפאָרמלער

די רעוואָלוציאָנערע און נאָכרעוואָלוציאָנערע צייט האָט
אַרויסגערוקט אַ גרויסע צאָל סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרן, צווישן וועל־

בע פעטער טשעמבערלען און דזשאָן בעלערס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַרבעטער־פריינטלעכקייט. אין זיין בוך „דער אַדוואָקאַט פונעם אָרימען מענטשן" (1649) זאָגט טשעמבערלען אַרויס דעם געדאַנק, אַז אַרבעט איז דער מקור פון יעדער רייכקייט. די אָרימערע קלאַסן אָדער די אַרבעטער זענען אומעטום די הויפּט־קראַפט פון לאַנד, ווייל זיי פירן אויס אַלע נייטיקע פאַר דער געזעלשאַפט אַרבעטן און זיי שלאָגן זיך אין אַלע שלאַכטן. זיי קומט דעריבער די זעלבע רעכט וואָס די רייכע, זיי באַזאָרגן דאָך די רייכע מיט אַלץ וואָס יענע געניסן. די רייכע דאַרפן דעריבער קוקן אויף זיך בלויז ווי אויף פאַרוואַלטערס, און נישט ווי אויף באַלעבאַטים פונעם לאַנד־פאַרמעגן. די רייכטימער ווערן געשאַפן נישט צוליבן געניס פון די רייכע, נאָר כדי אָפּצושאַפן די אָרימקייט. טשעמבערלען פאַרלאַנגט, מען זאָל נאַציאָנאַליזירן די קעניגלעכע און קירכלעכע מאַיאָנטקעס און בילדן פון זיי אַ געמיינווירטשאַפט לטובת די אָרימערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

דזשאָן בעלערס (געב. 1655, געשט. 1725), אַ קוואַקער, האָט אין זיין שריפט „אַרבעט־קאָלאָניעס" (1696) פאָרגעוואָרפן די רייכע, אַז זייער עקזיסטענץ האָבן זיי צו פאַרדאַנקען די אָרימע. „די אַרבעט פון די באַזיצלאָזע איז דאָס געלט פון די רייכע"; ער לייגט זיי פאָר צו גרינדן קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, צו 300 באַזיצלאָזע אין יעדער קאָלאָניע; די קאָלאָניסטן דאַרף מען אַזוי צוטיילן, אַז אין יעדער קאָלאָניע זאָלן קענען אויסגעפירט ווערן אַלע נייטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן. די גרינדונג פון יעדער קאָלאָניע וועט פאָדערן אַ הוצאה פון 18 טויזנט פונט שטערלינג; די דאָזיקע סומע דאַרף מען שאַפן מיט דער הילף פון אַקציעס. „אין אַזאַ קאָלאָניע וואָלטן די באַזיצלאָזע געבילדעט אַ געמיינוועזן לויטן אורקריסטלעכן מוסטער". פאַר אַ מאַסשטאַב פון ווערט וואָלט דאָ געדינט נישט געלט, נאָר אַ באַשטימטער סכום פון אַרבעט.

ראָבערט אָועןאון קאַרל מאַרקס האָבן געהאַט זייער אַ הויכע מיינונג וועגן בעלערסן.

9. די בירגערלעכע סאָציאַלע טעאָריעס: געזעלשאַפטס־אָפּמאַך; האָבס, לאָק, סמט, פּאַלע.

אין די סאָציאַלע טעאָריעס פון דער נייער צייט האָט אויך דאָמינירט דער געדאַנק וועגן נאַטור־רעכט, פּונקט ווי אינם סאָציאַלן דענקען פון מיטלאַלטער (זע 2־טן טייל פון אונזער געשיכטע). די בעסטע קעפּ פון דער נייער צייט האָבן זיך אויך קודם כל געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי איז געשעען דער איבערגאַנג פונם אורשפּרינגלעכן קאָמוניזם צו פּריוואַט־אייגנטום? זאָגן, אַז דער דאָזיקער איבערגאַנג איז געשעען אויפן וועג פון אוזורפּאַציע, דורך געוואַלט און שווינדל, וואָלט דאָך געהייסן מאָראַליש פאַרורטיילן די בירגערלעכע געזעלשאַפט. מען האָט דעריבער געזוכט צו לעגיטימירן דאָס פּריוואַט־אייגנטום, ווי אָקעאַם און וויקליף האָבן דאָס געטון לגבי דעם קעניגטום. און די לעגיטימירונג גופא (באַרעכטיקונג, באַגרינדונג) איז אויך געמאַכט געוואָרן כמעט אויף דעם זעלבן אופן. אונטער דעם איינפלוס פון דער וואַקסנדיקער שטאָטישער ווירטשאַפט, ווו די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען באַשטייען פון קעגנזייטיקע אונטערהאַנדלונגען און אָפּמאַכן, איז מען געקומען צו אַזאַ הנחה: ווען דער אור־מצב פון דער געזעלשאַפט איז געוואָרן פאַרוויקלטער און קאָמפּליצירטער (צוליבן וווּקס פון דער באַפעלקערונג, צוליב וואַקסנדיקן נאָכפרעג אויף אַלע זאַכן און צוליבן טויש־פאַרקער מיט די שכנישע פעלקער) האָבן די מענטשן, וועלכע זענען אַלע געווען פריי און גלייך, עפנטלעך אָדער שטילשווייגנדיק אָפּגעמאַכט צווישן זיך, מען זאָל פאַרטיילן די ערד, כדי יעדן איינעם זיכערן זיין עקזיסטענץ און פרייהייט; מען האָט אויך אָפּגעמאַכט צווישן זיך צו בילדן א רעגירונג, כדי זי זאָל אָפּהיטן די איינגעשטעלטע לעבנס־אָרדנונג. פּריוואַט־אייגנטום און מלוכה זענען אַלזאָ אַ פּראָדוקט נישט פון געוואַלט, נאָר פון אָפּמאַך (געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך). אין רעזולטאַט איז אַנטשטאַנען דאָס נייע רעכט, וואָס איז פּונקט אַזוי געזעצלעך, ווי דאָס נאַטור־רעכט.

דער ענגלישער קאָנסערוואַטיווער מלוכה־טעאָרעטיקער טאָ־

מאַס האָבס, וועלכער האָט געשריבן אין דער צייט פון דער ענגלישער רעוואָלוציע (1651) — ער האָט געהאַלטן, אַז אַמאָל איז טאַקע געווען אַלץ געמיינזאַם, אָבער אַזאַ צושטאַנד האָט באַטייט קריג פון אַלע קעגן אַלע, און דעריבער זענען די מענטשן געקומען צו אַ הסכם איינצופירן פּריוואַט־אייגנטום, גרינדן אַ מלוכה און געבן דעם הויפּט־מאַן געהעריקע מאַכט. און פון דעמאָלט אָן האָט שוין נישט דאָס פאָלק וואָס אַ דעה צו זאָגן — עס האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון זיין זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט.

לאָק איז געווען אַן אָנהענגער פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע און האָט זיך געפרייט מיטן זיג פון דער גרויס־בורזשואַזיע אין 1689, און ער האָט נישט געטיילט די מיינונג פון האָבסן מכוח דער סוווערעניטעט פון קעניג; אָבער וואָס געהער די פּריוואַט־אייגנטום, האָט ער געהאַלטן, — אַז פּריוואַט־אייגנטום איז געווען נאָך איידער ס'איז אַנטשטאַנען דער געזעלשאַפטס־אָפּמאַך, ד. ה. אַפילו נאָך בעתן נאַטור־צושטאַנד פון מענטשן — און במילא איז פּריוואַט־אייגנטום דאָפּלט באַרעכטיקט. זיין אַרגומענטאַציע איז אַזאַ: דאָס, וואָס די נאַטור גיט — אירע אוצרות און פּראָדוקטן — געהער טאַקע צו אַלע מענטשן געמיינזאַם, אָבער אַ ווערט באַקומען די נאַטור־פּראָדוקטן ערשט אַ דאַנק דער פּערזענלעכער אַרבעט פון דעם אָדער יענעם מענטשן. און אַזוי ווי דער מענטש געהער נאָר זיך אַליין, און זיין אַרבעט גיט עס צו אַ ווערט די פּראָדוקטן פון דער נאַטור — איז דעריבער געהערן די געשאַפענע דערביי ווערטן דעם אַרבעטנדיקן מענטשן אַלס זיין פּריוואַט־אייגנטום. אַז דער מענטש נעמט עפּעס פון דער נאַטור, האָט ער עס דורך זיין אַרבעט פאַרמערט און עפּעס אין דעם אַריינגעגעבן, וואָס געהער צו זיין פּערזענלעכקייט — דורכדעם מאַכט ער עס פאַר זיין אייגנס. די אַרבעט האָט געשאַפן די גרעניץ־ליניע צווישן די באַאַרבעטע זאַכן און צווישן דער געמיינשאַפט. די אַרבעט האָט אַריינגעבראַכט אין די זאַכן עפּעס אַזוינס, וואָס זיי האָבן פון דער אַלגעמיינער מאַמע־נאַטור נישט געהאַט באַקומען, און דערפאַר באַקומט זיך אַ פּריוואַט־רעכט... אַרבעט איז די רעכט־צייכניש אויף אייגנטום.” אַזאַ שאַפן (דורך אַרבעט) איז פאָרגעקומען נאָך בעתן נאַטור־צו־

שטאַנד, הייסט עס אַז דעמאָלט איז שוין געווען פּריוואַט־אייגנטום — און דעריבער איז עס נאַטור־רעכטלעך באַגרינדעט, לעגיטימירט. אָבער — נאָר אַזאַ אייגנטום, וואָס שטאַמט טאַקע פון אייגענער אַרבעט. מיט דער הוספה האָט לאָק נישט געהאַט בדעה צו שטיצן די קאָמוניסטישע וועלט־אַנשויאונג, נאָר גראָד די בירגערלעכע וועלט־אַנשויאונג קעגן דער פעאָדאַלער; ער האָט דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז בורזשואַז אייגנטום איז אַ פּראָדוקט פון אַרבעט, בעת דער פּריצישער ערד־באַזיץ שטאַמט נאָר פון רויב און גזלה. שפּעטער איז לאָקס געדאַנק, אַז אַרבעט איז דער מקור פון אייגנטום, אויסגענוצט געוואָרן שוין אַלס סאָציאַליסטישער אַרגומענט קעגן דער בורזשואַזיע.

דער עקאָנאָמיסט אַדאַם סמיט זאָגט אַרויס אַזאַ געדאַנק: דאָס געמיינשאַפטלעכע אייגנטום פון דער אור־צייט האָט טאַקע פאַרזיכערט פאַרן אַרבעטער דעם פּראָדוקט פון זיין אַרבעט, אָבער דאָס פּריוואַט־אייגנטום האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער פּראָדוקטיוויקייט פון דער אַרבעט, און דעריבער איז עס באַרעכטיקט.

דער אַרכי־דיאַקאָן וו. פּאַלעי, וואָס זיין ווערק „מאָראַל און פּאָליטישע פילאָזאָפיע“ (לאָנדאָן, 1785) איז געוואָרן אַ לערן־בוך אין די ענגלישע אוניווערזיטעטן, האָט געהאַלטן, אַז מאָראַליש און לאָגיש איז פּריוואַט־אייגנטום טאַקע נישט אָננעמבאַר, אָבער עס איז נייטיק, צוליב דער פּראָדוקטיוויקייט פון דער אַרבעט. פון אים שטאַמט עס די באַרימטע פאַבל וועגן די טויבן:

„לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז מיר זעען אַ טשאַטע פון הונדערט טויבן אויף אַ פעלד. און אַנשטאָט וואָס יעדע טויב זאָל געניסן און אויספּיקן פון די פעלד־פּראָדוקטן וויפיל זי וויל, לויט איר באַדאַרף, נישט מער, זעען מיר פּלוצים, ווי 99 פון זיי שאַרן צונויף די קערנער אין איין קופּע און לאָזן נישט פאַר זיך גאָרנישט אויסער שאָלעכץ און אָפּפאַל, און איינער פון זייער טשאַטע, אפשר נאָר דער שוואַכסטער און ערגסטער, גיבן זיי אָפּ דעם אויבן אָן און לאָזן פאַר איר איבער די גאַנצע קופּע. דורכן גאַנצן ווינטער זיצן די 99 און ליידן נויט און הונגער, און זעען רויק צו, ווי די איינע פרעסט אַלץ אויף, ווי זי לאָזט זיך וואַלגערן מיט די קערנער און

פֿאַרשווּנדעט זיי אויף אַלע זייטן. דאָן פֿאַסירט פֿאָלגנדיקעס:
איינע פֿון די טויבן, דרייסטער און הונגעריקער פֿאַר די איבעריקע,
שטעלט זיך איין אָנצורירן אַ קערנדל פֿון דער קופּע. באַלד וואַרפֿן
זיך אויף איר די אַנדערע 98 טויבן, שלאָגן זי און צערייסן זי אויף
שטיקלעך. — דאָס זעלבע פֿאַסירט טאָג טעגלעך צווישן די מענטשן.
99 פֿון הונדערט האָרעווען און זאַמלען די פּרוכט פֿון זייער האָרע־
וואַניע, כּדי איין איינציקער זאָל קענען לעבן אין הרחבות, און זיי
אַליין באַגנוגענען זיך אַלע מיט די אָרימסטע לעבנס־מיטלען. זיי
האָבן אַלץ פּראָדוצירט, און דאָך גיבן זיי עס אַוועק איינעם פֿון זיי־
ער סביבה, וועלכער איז אָפֿט דער שוואַכסטער און ערגסטער צווי־
שען זיי: אַ קינד, אַ פֿרוי, אַ נאַר, אַ משוגענער. און זיי זעען רויק
צו, ווי די פּרוכטן פֿון זייער אַרבעט ווערן פֿאַרניכטעט און פֿאַר־
שווענדעט. און טאָמער רירט איינער פֿון זיי דאָס מינדעסטע, באַ־
פֿאַלן זיי אים און הענגען אים אויף פֿאַר גנבה."

די דאָזיקע אומגערעכטיקייט און אומזיניקייט קאָן זיך פֿונ־
דעסטוועגן האַלטן, ווייל פּריוואַט־אייגנטום האָט זיך אַרויסגעוויזן
פֿאַרן בעסטן מיטל צו העכערן די פּראָדוקטיוויטעט פֿון אַרבעט און
צו הייבן דעם וווילשטאַנד.

אויף אַזאַ אופֿן איז אין ענגלאַנד באַגרינדעט געוואָרן פּרי־
וואַט־אייגנטום, און דאָס נאַטור־רעכט איז געוואָרן באַזייטיקט.

ט״. די איטאַליענישע אוטאָפּיע.

1. טאָמאַס קאַמפּאַנעלאַ.

דער גורל פון איטאַליען, זייט דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע ביזן לעצטן דריטל פון 19־טן יאָרהונדערט, איז אין פּאָליטיש־נאַציאָנאַלער הינזיכט געווען נאָך טראַגישער, ווי דער גורל פון דייטשלאַנד. פרעמדע הערשער, היימישע טיראַנען, זויפּסטלעכע אַמביציעס, מוניציפּאַלער סעפּאַראַטיזם און קאָנקורענץ־קאַמף — דאָס אַלץ האָט געהאַלטן דאָס לאַנד אין אַ צוגשטאַנד פון צעריסנקייט און צעשפּליטערטקייט. די אומשטערבלעכע ווערק — אויפן געביט פון רעליגיע, ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט, — וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין איטאַליע, האָבן עס אָבער נישט געקאָנט שיצן נישט פאַרן צאָרן פון דייטשלאַנד און נישט פאַר די הערשערישע געלוסטן פון פראַנקרייך, נישט פאַר די בייזע שפּיצלעך פון שפּאַניען און נישט — שפּעטער — פאַר דער טעמפּער באַגרעניצטקייט פון עסטרייך. אָפט זענען פאָרגעקומען דאָ און דאָרט לאָקאַלע אויפשטאַנדן, פאַרשווערונגען — אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג.

אין איינער פון אָט די נישט געלונגענע פאַרשווערונגען איז געווען פאַרמישט דער גרעסטער איטאַליענישער אוטאָפּיסט: ער האָט געוואָלט באַפרייען זיין פאָטערלאַנד, דרום־איטאַליען, פון שפּאַנישן יאָך.

קאַמפּאַנעלאַ, איינער פון די געבילדעטסטע מענער און פון די שענסטע רעדנער פון זיין צייט, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1568 אין קאַלאַבריע, ביי אָרימע עלטערן. שוין יינגלווייז האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן צו פילאָזאָפיע, האָט געלייענט די ווערק פון אַלבערטוס מאַגנוס און פון טאָמאַס פון אַקווינאָ, גע־

וואָרן אַ קעגנער פון אַריסטאָטעלעסן, און ווי אַלע הומאַניסטישע געלערנטע, געוואָרן אַ אַנהענגער פון פּלאַטאָנען, ד. ה. האָט געקראָגן אינטערעס אויך פאַר סאָציאַל-פּאָליטישע פראַגן, אין גייסט פון קאָמוניזם. שפּעטער האָט ער גענומען אין שוץ פּלאַטאָנס „פּאָליטעא" קעגן די אומגערעכטע פּעדאַנטישע טענות פון אַריסטאָטעלעסן. אין זיין דראַנג אַלץ צו וויסן האָט ער זיך באַקענט אויך מיט דער יידישער גנאָזים — קבלה, — וועלכע איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער, און אויך מיט די ווערק פון דער נאַטור-וויסנשאַפטלעכער ריכטונג. ער איז אַריינגעטראָטן אַלס מיטגליד אין דעם דאָמיניקאַנער-אָרדן; דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט אָפּצוגעבן זיך אויך מיט פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן. ביי קאַמפּאַנעלאַן זעט מען גאַנץ בולט דעם דואַליסטישן כאַראַקטער פונם הומאַניזם: דאָגמאַטישער גלויבן געפּאָרט מיט ראַציאָנאַליסטישן דענקען; פאַרגעטערונג פון פּויפּסטלעכן אויטאָריטעט צוזאַמען מיט פרייער פאָרשונג; אַסטראָנאָמישע און מעדיצינישע געלערנטקייט געפּאָרט מיט אַסטראָלאָגישע און מאַגישע אַבערגלויבענס, מאָנאַכישע פּרישות — מיט פּאָליטישן פאַרשטאַנד.

די וויכטיקסטע פּאָליטישע אָנגעלעגנהייט פון זיין פאָטערלאַנד איז געווען די שטרעבונג אַראָפּצוּוואַרפן די שפּאַנישע הערשאַפט איבער דרום-איטאַליען און גרינדן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה. קאַמפּאַנעלאַ איז געווען די נשמה פון דער אַנטי-שפּאַנישער פאַרשווערונג, וועלכע איז געוואָרן צוגעגרייט צום יאָר 1599. די שפּאַניער האָבן זיך אָבער באַצייטנס דערוווּסט וועגן דעם פּלאַן און אין יאָר 1600 איז קאַמפּאַנעלאַ געוואָרן אַרעסטירט. כמעט גאַנצע 27 יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין תפיסה און האָט איבערגעטראָגן די שרעקלעכסטע יסורים. שפּעטער האָט זיך דער פּויפּסט איינגעשטעלט פאַר אים, און זיין אַרעסט איז געוואָרן פאַרלייכטערט, אַזוי אַז ער האָט זיך געקאָנט אין תפיסה-קאַמער פאַרנעמען מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. אין תפיסה האָט ער אָנגעשריבן זיין אוטאָפּיע „ציוויטאַס סאָליס" (די זונען-מלוכה) און האָט זי, צוזאַמען מיט אַנדערע זיינע שריפטן, איבערגעגעבן איינעם אַ דייטש, וועלכער האָט זיי פאַרעפנטלעכט אין פראַנקפורט

אם־מאַין אין די יאָרן 1620—1623. ווען ער איז לסוף אַרויס אויף דער פריי, איז ער אָפּגעפאָרן קיין פראַנקרייך, און דאָרטן האָט אים דער קעניג לודוויג XIII מיט זיינע מיניסטאָרן אויפגענומען מיט גרויס כבוד. די לעצטע יאָרן זיינע האָט ער געלעבט רויק אין פּאַריז, אין אַ דאָמיניקאַנישן קלויסטער, און איז דאָרטן געשטאָרבן אין יאָר 1639.

2. די זונען־מלוכה.

פלאַטאָן האָט געשריבן זיין „פּאָליטעא“ און זיינע „געזעצן“ אלס פּאַטריאָט, אַריסטאָקראַט און פילאָזאָף — און דעם הויפּט־געוויכט האָט ער געלייגט אויף דער העכסטער אַלזייטיקער אויסבילדונג פונם מלוכה־אַפּאַראַט, אויף דעם קעניג־פילאָזאָף און די טיכטיקע באַאַמטע. מאָרוס ווידער האָט זיין „אוטאָפּיא“ געשריבן אַלס מלוכה־מאַן, אַלס אַקטיווער פּאָליטיקער און דעמאָקראַטישער קאַטוילישער סאָציאַל־קריטיקער. און קאַמפּאַנעלאַ האָט טאַקע, ווי ער האָט אַליין צוגעגעבן, געשריבן זיין „זונען־מלוכה“ לויטן מוסטער פון „אוטאָפּיא“ — אָבער דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ ווערק פון אַן אַבסטראַקטן דענקער, פון אַ מאָנאַך אַ ראַציאָנאַליסט. ער האָט אַליין געגעבן זיין ווערק נאָך אַזאַ נאָמען: „די אידעע פון אַ פילאָזאָפישער געמיינשאַפט“. די גרונטשטריכן פון זיין ווערק זענען: מאָנאַכישע, אויטאָריטאַרע שטרענגקייט אין דער מלוכה־פירונג, אַ פילאָזאָפן־קאַבינעט, וועלכער רעגירט אַבסאָלוטיסטיש, און אַ שכלדיק־מענטשלעכע איינאָרדנונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַר מאָרוסן איז דאָס הויפּט־בייז דער עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער סדר, וואָס איז געבויט אויף פּריוואַט־אייגנטום; קאַמפּאַנעלאַ שטרייכט אויך אונטער מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די חסרונות פון פּריוואַט־אייגנטום און פון אינדיווידואַליזם, אָבער ער האַלט, אַז די הויפּט־צרה איז דער שלעכטער מענטשן־מאַטעריאַל און די שלעכטע דערציונג. ער לייגט דעריבער דעם הויפּט־געוויכט דערויף, מען זאָל באַוווסטזיניק קולטיווירן טיכטיקע טוגנטהאַפטע מענטשן, מען זאָל איינשטעלן אַ גוטע פיזישע און גייסטיקע דער־

ציונג. קאַמפּאַנעלאַ האָט געהאַט פאַר די אויגן נישט נאָר פּלאַטאָנען און מאָרוסן, נאָר אויך ליקורגן.

די „זונען־מלוכה“ (וועגן דער באַדייטונג פון דעם דאָזיקן וואָרט זע 1־טער טייל ז. 108) איז געשריבן אין פאָרם פון א דיאַלאָג צווישן דעם גרויס־מייסטער פונם האָספּיטאַליער־אָרדן און איינעם א גענועזער, וועלכער האָט פיל אַרומגערייזט; דער גענועזער האָט אויף זיינע רייזעס באַזוכט די זונען־מלוכה און קענען געלערנט אירע אינסטיטוציעס, און איצט דערציילט ער זיינע איינדרוקן.

אויף א אינזל אין שטילן אָקעאַן זענען פאַראַן פיר שטעט־מלוכות; דריי פון זיי זענען אָרגאַניזירט לויטן אייראָפּעישן מוסטער; די פערטע איז די זונען־מלוכה. אזוי ווי די זונען־מלוכה מוז זיך ווערן פאַר יענע דריי מלוכות, איז זי דערום אַרומגערינגלט מיט זיבן שטאַרקע מויערן. ביי די זונען־בירגער (סאָלאַריער) איז די לעבנס־פירונג א געמיינשאַפטלעכע, א פילאָזאָפישע. אַלץ איז אַלעמענס; אפילו די פרויען זענען נישט דאָס אייגנס פון דעם אָדער יענעם מאַן; הייראַט איז נישט קיין פריוואַט־זאַך, נאָר א מלוכה־אָנגעלעגנהייט. קאַמפּאַנעלאַ זאָגט אַרויס א השערה, אַז פריוואַט־אייגנטום האָט זיך גענומען פונם אינדיווידועלן פאַמיליען־לעבן. די מענער, וועלכע האָבן געוואָרפן א ספּעציעלן חן אויף געוויסע פרויען, האָבן שוין מער נישט אָפּגעלאָזט אָט די פרויען, און ווען זיי האָבן געהאַט פון זיי קינדער, האָבן זיי זיך אויך באַצויגן צו זיי בעסער און זיי פאַרזאָרגט מיט העכערע ערן־אַמטן און מיט רייכטימער. אזוי אַרום האָט די אינדיווידועלע עלטערן־ליבע גורם געווען, אַז מענטשן האָבן געשטרעבט צו האָבן וואָס מער פאַרמעגן און צו פאַרזיכערן פאַר זייערע מער געליבטע קינדער דאָס רעכט אויף ירושה — און דורכדעם איז אויפגעריסן געוואָרן דער אורשפּרינגלעכער קאָמוניזם. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אַנטוויקלט דער עגאָאיזם און צוזאַמען מיט אים זענען געקומען די אַלע צרות, וואָס מאַכן אונזער געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג פאַר אַן אומגליק.

בראש פון דער זונען־געזעלשאַפט שטייט א גייסטלעכער פּי־

לאזאף, א מעטאפיזיקוס, וועלכער טראגט דעם נאמען סאל (זון). ער איז דער העכסטער באאמטער אין אלע וועלטלעכע און גייסטיקע ענינים. ער האט צו הילף דריי מיניסטעריומס: מאכט, קלוגשאפט, ליבע, וועלכע הייסן אויף זייער לשון פאן, סין און מאר. „מאכט" איז דאס קריגס־מיניסטעריום; דאס קלוגשאפט־מיניסטעריום פארנעמט זיך מיט אלע ענינים פון קונסט, וויסנשאפט, דערציונג און בילדונג. און דאס מיניסטעריום פון ליבע דארף זארגן דערפאר, סיזאל דערצויגן ווערן א געזונטער, טיכטיקער, פיזיש און גייסטיק הויך אנטוויקלטער דור. די דערציונג פונם מענטשן דורך שול און ביישפיל קאן ווייניק וואס געבן, אויב מען זאל ניט ספעציעל קולטיווירן אינם מענטשן געוויסע אינסטינקטן אדער נטיות. דערפאר האט אזא גרויסע באדייטונג דער צוקלייב פון זיווגים. ערשט ווען מען האט צו טון מיט א געהעריקן מענטשן־מאטעריאל,, — דאן קאנען דערציונג און בילדונג געבן די געוואונטשענע רעזולטאטן. די מענטשן זענען ביז אהער געווען אין דעם פרט פארבלענדעט פון פארורטיילן. זיי האבן פארשטאנען, אז שיינע און טיכטיקע חיות אדער פלאנצן קאן מען באקומען נאר דורך קולטיווירונג און אפקלייב, אבער ביי זייערע אייגענע זיווגים האבן זיי זיך פארלאזט אויפן צופאל אדער זיך גערעכנט מיט עגאאיסטישע נייגונגען און אינטערעסן. די הויפט־אויפגאבע פון דער זונען־מלוכה איז טאקע די קולטיווירונג און דערציונג פון מענטשן. דער צוועק פון געשלעכט־לעבן איז נישט תענוג, געניוס, נאר קינדער געבוירן לטובת דער געזעלשאפט. דאס מיניסטעריום פון ליבע האט וצוליב דעם ארויסגעגעבן פאלגנדיקע כללים: קינדער האבן מעגן נאר אזעלכע מענער, וועלכע צייכענען זיך אויס קערפערלעך און גייסטיק; מינדערווערטיקע מענער קאנען האבן באציונגען נאר מיט פרויען־עקרות, אדער מיט אזעלכע וועלכע זענען שוין סיי ווי שוואנגער. די פרוי מעג האבן באציונגען מיט א מאן פון 19־טן יאר אן פון איר עלטער, דער מאן — צו 21 יאר; פאר געשלעכטלעכע אומשולדיקייט ביזן עלטער פון 27 יאר ווערט מען באלוינט מיט באזונדערן כבוד און באזונגען אין ספעציעלע לידער. אויב עמיץ דערפילט, אז ער קאן נישט ביישטיין דעם געשלעכט־דראנג

פֿאַרן באַשטימטן עלטער, דאַרף ער דאָס פּאַרטרייַלעך מיטטיילן די באַשטימטע דערויף מאַטראָנעס, דאָקטוירים אָדער באַאַמטע, און יענע פֿירן אים צעניויף מיט אַן עקרה אָדער מיט אַ שוואַנגערער פֿרוי. לעגאַל־פֿאַרהייראַטע מעגן פֿאַרקערן מיט די פֿרויען נאָר צוויי מאָל אין וואָך — און פֿריער דאַרפֿן מאַן און ווייב זיך באָדן און בעטן גאָט, ער זאָל זיי שיקן שיינע און טיכטיקע קינדער. אין די שלאָף־צימערן דאַרפֿן זיין אַרויסגעשטעלט בילדער פֿון באַרימטע מענטשן, אויף וועלכע די פֿרויען זאָלן זיך פֿאַרקוקן. די שעה פֿון געשלעכט־פֿאַרקער ווערט באַשטימט דורך אַ דאָקטאָר און דורך אַן אַסטראָלאָג; ביז צו דער שעה שלאָפֿן מאַן און ווייב אין באַזונדערע צימערן; ערשט אין דער באַשטימטער שעה עפֿנט אַ מאַטראָנע די טירן, און דער מאַן גייט אין שלאָף־צימער פֿון דער פֿאַר אים באַשטימטער פֿרוי. מאַכט־פֿאַרשטייער, גייסטלעכע, האָבן די אויפֿגאַבע צוצוקלייבן הייראַט־באַרעכטיקטע מענער און פֿרויען; גרויסע און שיינע פֿרויען ווערן געפּאָרט מיט גרויסע גוט געבויטע מענער; דיקע מענער ווערן געפּאָרט מיט שלאַנקע פֿרויען און פֿאַרקערט; אָנגעשטרענגטע קאָפּ־אַרבעטער, ביי וועלכע דער געשלעכט־אינסטינקט איז געוויינלעך אָפּגעשוואַכטער, ווערן געפּאָרט מיט שיינע טעמפּעראַמענטפֿולע פֿרויען; סאַנגווינישע, היציקע מענער באַקומען פֿלעגמאַטישע מיושבֿדיקע פֿרויען; מענער מיט אַ רייכער פֿאַנטאַזיע באַקומען ניכטערנע אויסגערעכנטע פֿרויען. מיט איין וואָרט — מען גיט אַכטונג דערויף, אַז די מישונג פֿון טעמפּעראַמענטן און כאַראַקטערן, די קרייצונג פֿון פֿיזישע און גייסטיקע נטיות און איינגנשאַפֿטן זאָלן אַרויסברענגען אויף דער וועלט אַ דור פֿון האַרמאָנישע מענטשן.

בעת שוואַנגערשאַפֿט געפֿינען זיך די פֿרויען אונטער מעדיצינישער אויפֿזיכט; אַ דאָקטאָר פֿאַרשרייבט זיי אַ דיעטע און זייער גאַנצע לעבנס־פֿירונג. נאָכן געבוירן האָדעווען זיי די קינדער אין משך פֿון צוויי יאָר אָדער נאָך לענגער, אויב דער דאָקטאָר הייסט. ווי נאָר מען אַנטוויינט די קינדער פֿון דער מוטערס ברוסט, אַזוי ווערן די ייִנגלעך איבערגעגעבן צו ספּעציעלע אויפֿזעערס און די מיידלעך — צו אויפֿזעערינס. דערמיט הויבט זיך אָן די דערציונג.

גימנאסטיק (נאקעטע קערפער־איבונגען) פאר ייִנגלעך און מיידלעך; און בכלל באקומען ייִנגלעך און מיידלעך כמעט די זעלבע דערציונג. דאס לערנען קומט פאר נישט אין פארמאכטע לאקאלן, נאר בעת שפאציר־אויספלוגן, באזונדער ארום די זיבן מויערן, וווּ דער באָדן איז ספּעציעל באדעקט מיט אַלערליי געאָגראפישע, אסטראנאמישע, זאאלאגישע, באטאנישע און מינעראלאגישע געגנשטאנדן. די לערער מוזן גוט אבסערווירן און דערקענען די ספּעציעלע פעיקייטן און טאלענטן פון די תלמידים און מעלדן וועגן דעם דער מאכט — די לעצטע באשטימט שוין אויף דעם סמך א געוויסן באַרוף פאר יעדן קינד. דער ציל פון דער דערציונג איז קודם כל — מאכן די קינדער פאר פּראָדוקטיווע ארבעטער. דער לימוד פון לאנדווירטשאפט און מלאכה איז אָבליגאטאָריש פאר אלעמען. אלע דערוואקסענע סאָלאַריער דערפילן גערן זייער ארבעט־פליכט — ווייל אין א געזונטן קערפער, וועלכער איז געוווינט צו ציל־באוווּסטער טעטיקייט, איז דער גייסט אויך געזונט. אזוי ווי אלע ארבעטן, ובאטרעפט די ארבעט־צייט נישט מער ווי 4 שעה א טאָג. אלע ארבעטן ווערן גלייך גע־אכטעט. די קליידונג איז אן איינפאכע און נאטירלעכע, און דאס־גלייכן די שפּייזונג.

א דאנק אָט די גרונט־יסודות פון דער זונען־מלוכה — געמיינ־שאפטלעכער באזיץ, צוכט־אָפּקלייב און האציאנעלע דערציונג — האט זיך אויסגעבילדעט א סאָלידארישע געזעלשאפט, וווּ אלע צייר בענען זיך אוים מיט כלל־געפילן און מיט ארבעט־פּריידיקייט, מען האט ליב די וויסנשאפט און מען פארערט גאָט און מען פירט זיך אויף מוגנטהאפט. די סאָלאריער שטרעבן צום אייביקן לעבן דורך באהעפ־טונג מיט גאָט און צו א גליקלעך ערדיש לעבן דורך באהעפ־טונג מיטן גאנצן כלל. נישטאָ ביי זיי נישט קיין רייכקייט און נישט קיין אָרימקייט, נישט קיין ליידיקגייער און נישט קיין שקלאפן, נאָר אלע איז אין דער מאָס און אין פולער הארמאָניע.

3. ארגומענטן קעגן קאָמוניזם.

קאמפּאנעלא פארנעמט זיך אויך מיט די ארגומענטן, וועלכע

פלעגן געוויינלעך ארויסגעשטעלט ווערן קעגן קאָמוניזם, פון אריסטאָטעלעסן אָן (פּאָליטיק, בוך II).

1. קאָמוניזם איז קעגן דער נאַטור פון מענטשן.

דער ענטפער: קאָמוניסטישע ישובים זענען נישט נאָר טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש מעגלעך. די אור־געמיינדע פון ירושלים, אין דער צייט פון די אַפּאָסטאָלן, איז געווען קאָמוניסטיש; דאָסגלייכן די אור־געמיינדע אין אַלעקסאַנדריע, אין דער צייט פון הייליקן מאַרקוס. די גייסטלעכע האָבן אויך געפירט אַ קאָמוניסטיש לעבן ביז דער צייט פון פּויפּסט אורבאַנוס I. די הייליקע קלעמענס, אַמבראָזיוס און קריזאָסטאָמאָס לויבן אויך פּלאַטאָנס מלוכה.

2. דער קאָמוניזם פאַרניכטעט דעם חשק צו דער אַרבעט.

דער ענטפער: נאָר דאָרט ווו מענטשן ווערן צוליבן פּריוואַט־אייגנטום דערצויגן אויף אייגנליבע — דאָרט איז אָט די אייגנליבע אַ טרייב־קראַפט צו אַרבעטן; וואָרום אייגנטום מאַכט אַ תל פון דעם אינסטינקט פון קריסטלעכער ליבע און פון די כלל־געפילן ביים מענטשן; אייגנטום רופט אַרויס גייציקייט, וווכעריי, שנאה צום נאָענטן, קנאה צו די גרויסע און נאָך אַנדערע שלעכטע מידות. און ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביי פאַרדאָרבענע מענטשן איז נאָר אייגנליבע אַ טרייב־קראַפט צו אַרבעטן. אָבער אין אַ קאָמוניסטישן ישוב, ווי די זונען־מלוכה, ווו מענטשן ווערן צילבאַוווסט דערצויגן פאַרן כלל, ווו מען קולטיווירט ביים מענטשן אַרבעט־לוסט, טיכטיקייט און טוגנטהאַפטיקייט, ווו יעדער אַרבעטער באַקומט זיין געהעריקן לוין און ווו אַלע מינים אַרבעט ווערן גלייך געאַכטעט און געשעצט — דאָרט איז ליבע צום כלל די בעסטע טרייב־קראַפט פאַר דער אַרבעט.

3. ווייבערגעמיינשאַפט איז אומנאַטירלעך און אומזיטלעך.

דער ענטפער: קעגן־נאַטירלעך איז נאָר דאָס, וואָס ברענגט שאָדן אָדער דעם יחיד אָדער דעם גאַנצן כלל; מאָרד, גנבה, רויב, הייראַט־ברוך, סדום־מידות א. ד. גל. זענען קעגן דער נאַטור, ווייל זיי זענען אַ רעה פאַר די אַנדערע מענטשן אָדער זיי שטערן בכלל דעם וווּקס פון מענטשלעכן מין. דאַקעגן, ווייבער־געמיינשאַפט איז

פֿאַר קיינעם קיין רעה נישט, מאַכט פֿון קיינעם נישט קיין תל און שטערט נישט דער אַנטוויקלונג פֿון מענטשן־מין. ממילא איז עס נישט קעגן דעם נאַטור־רעכט. און ווייבער־געמיינשאַפֿט איז אויך נישט אומזיטלעך — ווייל זי איז נישט אַ פּראָדוקט פֿון תאווה, פֿון פֿיזישער לײדנשאַפֿט, נאָר זי ווערט איינגעפֿירט צוליב אַ גוט באַרעכנטן מלוכה־צוועק; זי קומט פֿאָר לויט די געזעצן פֿון גאַנצן זיבוג, לויט די כללים פֿון מעדיצין און פֿילאָזאָפֿיע. אין דער זונען־מלוכה איז נישט פֿאַראַן קיין שום כאַאָטישע, ווילקירלעכע ווייבער־געמיינשאַפֿט; קיינער טאָר נישט זיך אויסוויילן וואָסער פֿרוי ער וויל; דאָס געשלעכט־לעבן ווערט רעגולירט לויט אַ באַשטימטן מלו־כה־צוועק; נאָר די רעגולירונג קומט פֿאָר נישט לויט קירכלעכע, נאָר לויט פֿילאָזאָפֿישע כללים. אַזאַ האַנדלונג, וואָס אַליין איז זי נישט קעגן־נאַטירלעך, קאָן זיין שלעכט נאָר דאַן, ווען זי ווערט גע־טון צוליב תאווה, צוליב פֿיזישן פֿאַרגעניגן, צוליב עגאָאיסטישע טעמים. פֿאַרקערט, אַזאַ האַנדלונג איז זיטלעך, אויב זי ווערט נאָר געטון מיט באַרעכנטקייט און צוליב די אינטערעסן פֿון גאַנצן כלל.

VIII. סאָציאַל־קריטיק און אוטאָפּיעס אין פראַנקרייך.

1. פּאָליטיק אוןווירטשאַפט.

ווען דער הונדערטיאָריקער דינאַסטישער קריג צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך האָט זיך פאַרענדיקט (1329—1421), האָבן די פראַנצויזישע קעניגן ווייטער פאָרטגעזעצט זייער פּאָליטיק פון צענטראַליזאַציע. זיי האָבן ביז אַ געוויסער מאָס געשיצט די פּויערן און שטאָטישע האַנטווערקער, און האָבן באַגרעניצט די רעכט פונעם אָדל, פון דער קירך און פון די צעכן, אַלס באַזונדערע קערפּערשאַפטן. און ווען די קעניגן האָבן זיך פאַרשטאַרקט אינעווייניק, איז ביי זיי געבוירן געוואָרן דער חשק צו אויסערלעכער עקספּאַנסיע. לודוויג XII (1498—1515) האָט געשאַפט די ציין אויף מילאַן, און אין איינעם מיט פערדינאַנד דעם קאַטוילישן האָט ער דעראָבערט נעאַפּאָל, נאָר פראַנקרייך האָט דערנאָך געמוזט רעזיגנירן פון דער דעראָבערונג. פראַנץ I (1515—1547), אַ צייט־חבר און קאָנקורענט פון קאַרל V, האָט געפירט מלחמות קעגן דער שווייץ און קעגן דער דייטשער אימפּעריע, און האָט זיך דערשלאָגן ביים פּויפּסט די קאָנצעסיע, אַז די פראַנצויזישע קרוין זאָל אַליין דורכפירן די וואַל פון ביסקופּן און אַבאַטן. אין זיין צייט איז אויך אויפגעטרעטן דער פראַנצויזישער קירכן־רעפאָרמאַטאָר יאָהאַן קאַלווין (געב. 1509, געשט. 1564), צו וועלכן ס'זענען צוגעשטאַנען אַ סך בירגערלעכע עלעמענטן, ווי אויך געלערנטע און פּריצים; די קאַטוילישע פּאַרטיי האָט אָבער פאַרפאָלגט די קאַלוויניסטן. קאַלווין האָט דאַן אַריבערגעטראָגן זיין טעטיקייט קיין גענף. אין דער צייט פון די פראַנצויזישע קעניגן העינריך II (1547—1559), פראַנץ II (1559—

1560) און קאַרל IX (1560—1574) האָט מען בלוטיק פאַרפאָלגט די פראַנצויזישע קאַלוויניסטן (הוגענאָטן), און אין 1572 איז געשעען די באַרימטע באַרטאָלאָמייער נאַכט (פּאַריזער בלוט־חתונה) — דער גרויזאַמער הויך־פּונקט פון אָט די פאַרפאָלגונגען. אין דער נאַכט האָט מען אויסגעקוילעט איבער 20 טויזנט קאַלוויניסטן. הענריך III (1574—1589), וועלכער האָט סימפּאַטיזירט מיט דער רעפאָרמירטער רעליגיע, איז דערפאַר דערמאָרדעט געוואָרן דורכן מאָנאַך יאַקאָב קלעמענט. ער איז געווען דער לעצטער פון דער דינאַסטיע וואַלואַ, און נאָך אים איז דער פראַנצויזישער טראָן אַריבער צו די בורבאָנער (1589—1792).

דער ערשטער קעניג פון די בורבאָנער איז געווען הענריך IV (1589—1610), אַ קאַלוויניסט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין קאַלוויניזם און איז אַריבער צו דער קאַטוילישער קירך: „פּאַריז איז ווערט אַ מעסע". זיין טאָלעראַנטע (טאָלעראַנץ־דעקרעט פון נאַנט, 1598) און פויערן־פריינטלעכע פּאָליטיק (יעדער פויער זאָל האָבן אַ הון אויף זונטאָג) זענען געווען זייער גינסטיק פאַרןווירטשאַפטלעכן אויפבלי פון לאַנד. ער און זיין מיניסטער סולי האָבן סאָלידאַריש געשטיצט די מאַנופאַקטור־פּראָדוקציע (זיידנס, טעפּיכער, שפּיצן), באַלעבט די מלאכות און דעם ים־האַנדל און געגרינדעט קאָלאָניעס אין קאַנאַדע. זיי האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט אַ גרויסן פּלאַן, ווי צו קרייצן און באַקעמפן די האַבסבורגיש־שפּאַנישע אייראָפּע־פּאָליטיק. הענריך IV איז דאָן דערמאָרדעט געוואָרן דורך איינעם אַ רעליגיעזן פאַנאַטיקער, מיטן נאָמען ראַוואַיאַק. זיינע נאָכפאָלגער לודוויג XIII (1610—1643) און לודוויג XIV (1643—1715) מיט זייערע מלוכה־מענער רישעליע און מאַזאַרען האָבן איינגעפירט אַ געוואַלט־רעזשים, האָבן אַ סוף געמאַכט צו די לעצטע רעשטן מאַכט פון אַדל, און אָנגעהויבן די לאַנגע סעריע מלחמות מיט שפּאַניען און מיט דייטשלאַנד; אין פראַנקרייך האָבן זיי אונטערגעדריקט די הוגענאָטן, און אין דייטשלאַנד, פאַרקערט, האָבן זיי צוגעהאָלפן דעם פּראָטעסטאַנטיזם, כדי אונטערצוהאַלטן אַ מהומה־צושטאַנד אין דער דייטשער אימפּעריע; אַ דאַנק דער פראַנצויזישער פּאָליטיק

האָט זיך פאַרצויגן און פאַרשאַרפט דער קאַטויליש־פּראָטעסטאַנטישער קריג, וועלכער איז אויסגעבראָכן אין דייטשלאַנד אין יאָר 1618; דער קריג וואָלט זיך געווען געענדיקט שוין אין יאָר 1635, ווען פראַנקרייך וואָלט אים נישט פאַרוואַנדלט אין אַ 30־יאָריקע מלחמה — ביז דאָס דייטשע פאָלק איז געוואָרן איינגאַנצן אויסגעשעפּט. לודוויג XIV האָט דערנאָך פאַרפירט מלחמות מיט האָלאַנד, ענגלאַנד, שפּאַניען און עסטרייך, ביז ער האָט אין דער שפּאַנישער דינאַסטיע ־ מלחמה 1701—1714) געליטן אַ פולשטענדיקע מפּלה: לויטן אוטרעכטער שלום (1713) האָט ער געמוזט אָפּטרעטן ענגלאַנד כמעט אַלע זיינע טראַנס־אָקעאַנישע קאָלאָניעס.

ווי די לאַגע פון פראַנקרייך האָט נישט אויסגעזען גלענצנדיק בעת לודוויג XIV , באַזונדער אַרום סוף 17־טן און אָנהויב 18־טן יאָרהונדערט, ווי זיינע מיניסטאָרן — און אין דער ערשטער רייע דער באַרימטער קאָלבער — האָבן זיך נישט באַמיט צו אַנטוויקלען דעם האַנדל און פאַבריקאַציע, אָבער די מלחמות און די אומפּעריאַליסטישע פּאָליטיק האָבן פאָרט רואינירט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן. די אַדל־לייט האָבן אַלץ מער אויסגעוואַנדערט קיין פּאַריז און ווערסאַל, און די מאַיאָנטקעס האָבן זיי געלאָזן אויף די הענט פון די גרויסע ערד־פּאַכטערס, וועלכע האָבן נאָר איינס אין זינען געהאַט — אויסשלאָגן פון דער ערד וואָס מער באַרן־רענטע; די הויכע שטייערן, וואָס די שטייער־פּאַכטערס מיט זייערע באַאַמטע האָבן אומברחמנותדיק איינגעמאָנט, האָבן דערדריקט די פּויערן; די אַנולירונג פונם נאַנטער טאָלעראַנץ־דעקרעט האָט געפירט דערצו, אַז די אַרבעטזאַמע הוגענאָטן האָבן גאָר פאַרלאָזן דאָס לאַנד און האָבן אויסגעוואַנדערט; און איז נאָך עפּעס פאַרבליבן ביים פאָלק נאָך די מלחמות — האָט דאָס אויפגעפרעסן דער גיריק־פאַרשווענדערישער הויף; באַרייכערט האָט זיך נאָר די גרויס־בורזשואַזיע, די ספּעקולאַנטן, וווכערער און שטייער־פּאַכטערס; זייערע זין האָבן פאַר גרויסע געלטער פאַרנומען אַלע באַמטענס פון ריכטער און אַנדערע באַאַמטן־שטעלעס. בעת לודוויג XIV איז געשטאָרבן, איז דאָס פראַנצויזישע פאָלקסטום געווען שוין פאַר־

אַרימט; דער אַדל איז געוואָרן פֿאַרדאַרבן דורכן קעניגלעכן הויף און האָט נאָר געזוכט, ווי לייכטער געלט צו מאַכן; און דער אויבערשטער שיכט פֿון דער בורזשואַזיע איז געווען רייך און צום טייל אויך „אויסגעאַדלט“. די לאַנגע מלחמות האָבן אַרונטערגעריסן דעם גלויבן אין אָרנטלעכער אַרבעט און געשעפֿט־פֿירונג; יעדער איינער האָט נאָר געקלערט, ווי שנעל רייך צו ווערן. ס'איז געווען אַ גוטע צייט פֿאַר פֿינאַנץ־שווינדלער; אַזאַ איינער ווי דזשאָן לאָו האָט מיט זיינע אַקציעס־ און באַנקנאָטן־אָפּערעס געקאָנט גאַנץ פֿראַנקרייך דעם קאָפּ פֿאַרדרייען און אַריינוואַרפֿן דאָס לאַנד אין אַ שווערן פֿינאַנציעלן קריזיס (1720).

אויף דער רעגירונגס־צייט פֿון לודוויג XIV (1715—1774) פֿאַלט שוין אויס דער אָנהויב — פֿון אַרום יאָר 1750 — פֿון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, און ס'הויבן זיך אָן דייטלעך צו הערן רעוואָלוציאָנערע שטימען וועגן פֿרייהייט. דער געזעלשאַפֿטלעכער געדאַנק האָט גענומען אָן אַנדער ריכטונג: קעגן דער אַריינמישונג פֿון דער מלוכה אין דער פּראָדוקציע און פֿאַרקער, קעגן אַלע טראַדיציאָנעלע באַגרענעצונגען; מען האָט גענומען פֿאַרלאַנגען פֿרייע לופֿט פֿאַר דער נאַטור, פֿאַר נאַטור־רעכט. ס'האָט זיך דערהערט אַ רוף קעגן אויטאָריטעט פֿון דער קירך (וואָלטער), קעגן אַלע רעשטן פֿון פֿעאָדאַלע און אַבסאָלוטיסטישע פּריווילעגיעס, קעגן גאַנצן אָפּגעלעבטן כאַאָס פֿון באַציונגען און פֿאַרפֿליכטונגען, קעגן אַלע קאָלעקטיוו־זאַכן אין פּויערשן לעבן, קעגן די אַלטע צעכן און קעגן האַנטווערקער־באַגרענעצונגען! פֿריי זאָל דער מענטש אַרבעטן און שאַפֿן אונטערן שוץ פֿון מענטשן־רעכט און נאַטור־געזעץ! און איינמיטן דער פֿאַרשיכורטקייט מיט דער בירגערלעכער פֿרייהייט האָבן סאָציאַלע און קאָמוניסטישע קריטיקער געפֿירט זייער אַרבעט פֿון אונטערגראָבן די וועלט פֿון פּריוואַט־אייגנטום.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופֿה פֿון גרויסע און דרייסטע דענקער. פֿון אַרום 1750 ביז 1793 האָט דער פֿראַנצויזישער גייסט באַלויכטן די גאַנצע קולטור־וועלט. ער האָט אָנגעזאָגט דאָס קומען פֿון דער רעוואָלוציע.

די געדאַנקען פֿון רוסאָ, פֿון די פֿיזיאָקראַטן און פֿון די ענ־

ציקלאָפּעדיסטן האָבן ווי בליצן באַלויכטן דעם האָריזאָנט. —

די דאָזיקע סאָציאַליסטישע קריטישע אַרבעט טייל איך איין אויף דריי גרופּעס: מער אָדער ווייניקער קאָמוניסטישע קריטיקער; דאַן בירגערלעכע סאָציאַל־קריטיקער, וועלכע זעען אפילו אויך די צרות פון פּריוואַט־אייגנטום, נאָר אָדער זיי נעמען עס פאַטאַליסטיש אָן, אָדער זיי ווילן לינדערן אָט די צרות מיט אַלערליי רעפאָרמען; און לסוף אוטאָפּיסטישע שריפטשטעלער, וועלכע ראַטעווען זיך פון דער ביטערער ווירקלעכקייט אין דער וועלט פון קאָמוניסטישער פּאָעזיע. גאָר שטרענג קאָן אָט די קלאַסיפיקאַציע נישט ווערן דורכגעפירט, ווייל די ערשטע און דריטע גרופּע האָבן צווישן זיך אַ סך געמיינזאַמע שטריכן. אָבער די קלאַסיפיצירונג קאָן אונז פאָרט העלפן זיך בעסער צו אָריענטירן.

2. סאָציאַל־קריטיקער: מעליע, מאָרעלי, מאַבלי.

אין דער זעלבער צייט, ווען קאָרנעל, ראַסין און מאָליער האָבן געשריבן זייערע דראַמעס פאַרן קעניגלעכן הויף און פאַר אַדל, לאַפאָנטען האָט זיינע פאַבלען געדיכטעט, באָסוע האָט געפּריידיקט, און זיי אַלע האָבן געמאַכט די צייט פון לודוויג XIV פאַר דער גאָלדענער תקופה פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, — אין דער זעלבער צייט האָט זייט 1692 געלעבט אין דאָרף עטרעפּיני (אַרדענען) אַן אָרימער גלח, וועלכער האָט דערפילט זיינע פליכטן פון אַ גייסטלעכן, כאָטש אין האַרצן האָט ער דאָס גאַנצע קריסטנטום געהאַלטן פאַר אַן אומזין און מלוכה און געזעלשאַפט האָט ער אויפן שאַרפסטן אופן פאַרורטיילט פון נאַטור־רעכטלעך־קאָמוניסטישן שטאַנדפונקט. זאָל דאָס זיין פון ליבע צו זיין אָרימער פויערן־געמיינדע, צי פון מאַנגל אין מוט, און אפשר צוליב דער איבערצייגונג, אַז ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט צו פּראָקלאַמירן די רעוואָלוציאָנערע אמתן און די מאַרטירעריי וואָלט דעריבער געווען אַן אומנוצלעכע זאַך — אָבער ער האָט זיינע רעוואָלוציאָנערע אָנשויאונגען באַהאַלטן ביי זיך, זיי נישט אַרויסגעוויזן, און האָט זיי בלויז איבערגעלאָזט אין אַ כתב יד, אַלס צוואה.

דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער גלח איז געווען זשאַן מעליע, (געב. אין שאַמפּאַן 1664, געשט. אין עטרעפּיני 1729 אָדער 1733), און זיין ליטעראַרישע ירושה „די צוואה פון זשאַן מעליע“ איז דערשינען ערשט אין יאָר 1864 אין אַמסטערדאַם, אין דריי בענדער; ביז דאַן איז זי אין משך פון 100 יאָר געווען באַקאַנט בלויז פון אַ צעקאַליעטשעטן אויסצוג, וואָס וואָלטער האָט געבראַכט אין זיינע שריפטן. די אַמסטערדאַמער פולשטענדיקע אויסגאַבע פון אָט דעם ווערק אַנטפּלעקט פאַר אונז אַ מענטשן, וועלכער האָט געפילט אַ ברענענדיקן האַס צום קריסטנטום. רעליגיע און קירך זענען פאַר אים נישט מער ווי מיטלען צו האַלטן דאָס פאָלק אין פינסטערניש און געהאָרכזאַמקייט. מיט אויסערגעוויינלעכער שאַרפקייט אַטאַקירט ער דאָס קעניגטום, דעם אַדל, די גייסטלעכע, דעם מיליטאַריזם, די באַאַמטע, די שטייער־פּאַכטערס און די געלט־יחסנים. ביי קיין ראַדיקאַלן פריידענקער אָדער רעפּובליקאַנער געפינען מיר נישט אַזאַ שאַרפע קריטיק לגבי די אַלע אינסטיטוציעס און פערזאָנען. אמת, די קריטיק האָט קודם כל אין זינען געהאַט דאָס פראַנקרייך פון לודוויג XIV, אָבער צוזאַמען דערמיט איז זי שוין געווען געווענדעט בכלל קעגן יעדער מאָנאַרכיע, קעגן יעדער רעליגיע, קעגן יעדער געוואַלט־הערשאַפט. אָבער אונז אינטערעסירן דאָ דער עיקר זיינע בליקן אויף פּריוואַט־אייגנטום און קאָמוניזם. וועגן די פראַגן זאָגט ער זיך אַרויס אַזוי:

אַ צווייטער מיסברויך, וואָס איז כמעט איבעראַל פאַרשפּרייט און ווערט אַפילו הויך געשעצט, איז דאָס, וואָס מען מאַכט פאַר אייגנס די גיטער און רייכטימער פון דער ערד, אַנשטאָט זיי זאָלן זיין געמיינשאַפטלעך און אַלע זאָלן פון זיי געניסן. די איינוווינער פון יעדער געמיינדע וואָלטן זיך באַדאַרפט האַלטן ווי איין איינהייטלעכע משפחה פון ברידער און שוועסטער און זען, אַז אַלע אחבעטן זאָלן געטון ווערן און אַלע נוצלעכע זאַכן זאָלן אויפגעבראַכט ווערן, כדי אַלעמען צו פאַרזאָרגן מיט די נויטיקע לעבנסמיטלען. די אָנפירונג מיט די באַזונדערע געמיינדעס דאַרף ליגן אין די הענט נישט פון הערשערישע מענטשן, נאָר פון די קלוגסטע און בעסטע. די איינצלנע געמיינדעס דאַרפן זיך פאַרבינדן צווישן

זיך, כדי צו פאַרזיכערן פריִדן און זיך קעגנזייטיק אַרויסהעלפן... צוליב דעם פּריוואַט־אייגנטום זענען אויפגעקומען די קעגנזאַצן צווישן רייכע און אָרימע, צווישן זאַטע און הונגעריקע, צווישן הויך־געשטעלטע און נידעריקע... קוקט מען זיך צו צו די דאָזיקע אומגערעכטיקייטן, זעט מען דעם לוקסוס פון די איינע און דעם עלנט פון די צווייטע, דעם איבערפלוס און די נויט־באַדערפטיקייט — און די קלאַסן־טיילונג דעקט זיך דאָך לחלוטין נישט מיט דער טיילונג אויף טוגנטהאַפטע און טוגנטלאָזע — אַזוי ווערט אוממעגלעך צו גלויבן, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט; ווייל ס'איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ גאָט זאָל קאָנען פאַרטראָגן דעם דאָזיקן חורבן פון דער גערעכטיקייט. די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס האָבן געלעבט קאָמוניסטיש, אָבער סאָפיסטישע גייסטלעכע האָבן די געמיינשאַפט פון ערדישע גיטער פאַרביטן דורך דער קאָמוניע, ד. ה. דורך דער געמיינשאַפט פון פאַנטאַסטישע גיטער. אויף וויפיל עס רירט זיי אַליין אָן, פאַרשטייען די מאָנאַכן גאַנץ גוט דעם ווערט פון ערדישער גיטער־געמיינשאַפט און זיי זענען טאַקע באַוואָרנט פון יעטוועדער נויט. פּאַסקאַל האַלט זיך, זעט אויס, אויך ביי דער זעלבער מיינונג, ווען ער באַמערקט אין זיינע „געדאַנקען“, אַז פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד און אַלע פאַרבונדענע דערמיט צרות נעמען זיך דערפון, וואָס יעדער איינער האָט זיך באַמיט צו פאַרכאַפּן פאַר זיך זאַכן, וועלכע דאַרפן געהערן דעם גאַנצן כלל. און דער געטלעכער פּלאַטאָן האָט געוואָלט שאַפן אַ רעפּובליק, אין וועלכער מ'זאָל נישט זיין קיין „מיין“ און „דיין“.

די אוממעגלעכקייט איז קעגן דעם נאַטור־רעכט. „אַלע מענטשן זענען פון דער נאַטור אויס גלייך, זיי האָבן אַלע גלייך רעכט צו לעבן און זיך באַוועגן, צו געניסן פון זייער נאַטירלעכער פרייהייט און צו באַקומען אַ חלק אין די גיטער פון דער ערד, ווייל זיי טוען אַלע צוזאַמען נוצלעכע אַרבעט, כדי אויפצובריינגען די נויטיקע לעבנס־מיטלען; נאָר אַזוי ווי די מענטשן לעבן אין געזעלשאַפט, און אַזוי ווי די מענטשלעכע געזעלשאַפט קאָן נישט רעגולירט און געהאַלטן ווערן אין אָרדנונג אָן אַ געוויסער אָפּהענגיקייט און

אינטערעסאַנטקייט — — מוזן די מענטשן איינזיין דעריף, אָבער די אָפּהענגיקייט דאַרף נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אומגלייכקייט.“

„די רעטונג פון דער מענטשהייט באַשטייט דערין, אַז די פעלקער זאָלן זיך פאַרייניקן קעגן די טיראַנען, זיי זאָלן דערקענען און זיך האַלטן ביי די נאַטור־געזעצן, וועלכע פאַרלאַנגען, אַז אַלע זאָלן אַרבעטן און די גיטער זאָלן זיין געמיינשאַפטלעכע.“

אַ גרעסערע ווירקונג אויפן קאָמוניסטישן געדאַנק (איידער מעסליע) האָט געהאַט מאָרעלי, דער מחבר פונם אַמאָל באַרימטן „געזעץ־בוך פין דער נאַטור“ (Code de la Nature). וועגן לעבן פון מאָרעלי איז אונז כמעט גאָרנישט נישט באַקאַנט. ער האָט געשטאַמט פון וויטרי־לע־פראַנסואַ און איז געווען, דוכט זיך, אַ זון פון אַ באַאַמטן און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פריוואַט־לערערײַ. אין 1753 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ נאַטור־רעכטלעכן מליצה־ראָמאַן „דער אויסמעקנבורך פון שווימנדיקע אינזלען“ (Naturfrage pes iles flotantes). דאָס איז אַ העראָאישע פּאָעמע אין 14 געזאַנגען, וווּ ער שילדערט אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז געבויט אויף קאָמוניזם און פרייער ליבע, און זאָגט פאָרויס, אַז די פריוואַט־רעכטלעכע אינסטיטוציעס מיט זייערע שלעכטע מידות וועלן צושמעטערט ווערן, אַזוי ווי יענע אָפּגעריסענע בלאָנדזשענדיקע אינזלען. צוויי יאָר שפּעטער (1755) האָט זיך באַוויזן זיין געזעץ־בוך פון דער נאַטור“, וועגן וועלכן מען האָט אַ לאַנגע צייט געמיינט, אַז גאָר דידראָ איז זיין מחבר. די גרונט־אידעען פון דעם דאָזיקן ווערק זענען אַזעלכע:

די סאָציאַלע נויט נעמט זיך דערפון, וואָס די מאָראַל־פילאָזאָפן און פּאָליטיקער האָבן אָדער נישט פאַרשטאַנען די גרונט־פּרינציפּן פון דער נאַטור, אָדער זיי האָבן געמאַכט פאַלשע אויספירן פון די פּרינציפּן. די נאַטור איז אַ וווּנדערבאַרע שכלדיקע מאַשין, זי גיט דעם מענטשן אַזעלכע באַדערפענישן און קרעפטן און שטעלט אים אַוועק אין אַזאַ סביבה, אַז ווען מען זאָל נאָר ריכטיק באַרשטייען און פאָלגן די כוונות פון דער נאַטור, קאָן ער זיין פול־

שטענדיק גליקלעך און טוגנטהאַפטיק. דער מענטש איז פון גע־
בוירן נישט גוט און נישט שלעכט; ער האָט נישט קיין שום איינ־
געבוירענע אידעען און נייגונגען; ער קומט אויף דער וועלט ווי אַ
באַשעפעניש, וואָס איז אינגאַנצן גלייכגילטיק. ערשט די נאַטיר־
לעכע באַדערפענישן וועקן דעם מענטשן פון זיין גלייכגילטיקייט,
און אַט די באַדערפענישן זענען כסדר גרעסער פאַר זיינע פערזענ־
לעכע כוחות, אַזוי אַז דער איזאָלירטער יחיד איז נישט אימשטאַנד
זיי צו באַפרידיקן. דער דאָזיקער קעגנזאַץ צווישן באַדערפענישן
און באַפרידיקונגס־מעגלעכקייטן האָט זייער אַ גוטע פּעולה: ער
צווינגט דעם מענטשן צו אַרבעטן, צו דענקען און צו
פאַראייניקן זיך מיט זיינע מיטמענטשן, קורץ גערעדט — ער
שטויסט אים צו געזעלשאַפטלעכקייט. די געזעלשאַפט־
לעכקייט ווערט נאָך נויטיקער צוליב דעם, וואָס סיי די באַדערפ־
נישן סיי די פעיקייטן פון די מענטשן זענען זייער פאַרשיידן. כדי
מעגלעך מאַכן די באַפרידיקונג פון זייערע באַדערפנישן, האָט די
נאַטור געגעבן די מענטשן די ערד מיט אירע אוצרות און מיט איר
פרוכטבאַרקייט. די ערד און אַלץ וואָס אין איר האָט געהערט צו
אַלעמען געמיינשאַפטלעך. זי איז דער אַלגעמיינער יסוד פון לעבן.
אויף דעם דאָזיקן יסוד בויט זיך די געזעלשאַפט, און זי וואָלט ביי
דער גאָרער פאַרשיידנקייט פון באַשעפטיקונגען, פאַראייניקונגען
און פאַרשטאַנדן געבילדעט אַ פעסטע אומצושטערבאַרע אינטע־
רעסן־האַרמאָניע, ווען די פילאָזאָפן, געזעצגעבער און פּאָליטיקער
וואָלטן נאָר שטודירט די געזעצן פון דער נאַטור און לויט די גע־
זעצן געהאַנדלט. זיי האָבן דאָס אָבער נישט געטון. זיי האָבן די
ערד געמאַכט פאַר פּריוואַט־אייגנטום, זיי האָבן אַרויסגערופן טיי־
לונגען, שפּאַלטונגען און קעגנזאַצן פון אינטערעסן, און אַזוי אַרום
זענען די כוונות פון דער נאַטור נישט מקוים געוואָרן, און די באַ־
דערפנישן און כוחות, וואָס זי האָט מיט אַזאַ קלוגער אויסגע־
רעכנטקייט באַשאַפן, זענען פאַרדאָרבן געוואָרן. דערפון האָבן זיך
גענומען די אַלע צרות, פון וועלכע סליידט די געזעלשאַפט, און
די דאָזיקע צרות קאָן מען נישט באַזייטיקן דורך מענטשן־געזעצן
און דורך מלוכה־פאָרמען, מעגן זיי זיין דעמאָקראַטיש, אַריסטאָ־

קראַטיש אָדער מאָנאַרכיש. דאָס איינציקע היילמיטל איז — זיך צוריקקערן צו די נאַטור־געזעצן, וועלכע לויטן אַזוי:

קיין זאַך טאָר קיינעם נישט געהערן אַלס אייגנטום, אַ חוץ די זאַכן, וועלכע זענען ווירקלעך נויטיק דעם מענטשן פאַר זיין טעגלעכער אַרבעט אָדער פאַר פאַרגניגן וועגן.

יעדער בירגער רעכנט זיך פאַר אַ געזעלשאַפט־באַאַמטן, און ווערט געשפּייזט, אויסגעהאַלטן און באַשעפטיקט אויף עפנטלעכן חשבון.

יעדער בירגער זאָרגט פאַרן אַלגעמיינעם וויל לויט זיינע כוחות, לויט זיינע טאַלאַנטן און לויט זיין עלטער; די פליכטן פונם בירגער ווערן אויך אויפן וועלכן אופן פעסטגעשטעלט, אין הסכם מיט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע געזעצן.

די דאָזיקע סאָציאַלע עקאָנאָמיע שטעלט זיך פאָר אַזוי:

יעדעס פאָלק דאַרף איינגעטיילט ווערן אויף משפחות, שבטים און געמיינדעס, און ווען נויטיק — אויך אויף פּראָווינצן. יעדער שבט באַשטייט פון אַ גלייכער צאָל משפחות. אַלע אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן ווערן צוגעשטעלט אין עפנטלעכע מאַגאַזינען, און פון דאָרט פאַרטיילט מען זיי שוין אין באַשטימטע ציטן צווישן אַלע בירגער. דער עודף פון אַזעלכע פּראָדוקטן, וואָס קאָנען אויפגעהיט ווערן, ווערט באַהאַלטן אויף אַ פאַל פון נויט. האַנדל מיט שכנישע פעלקער דאַרף פאָרקומען נאָר אין דער פאָרם פון קענגזייטיקן טויש און אונטער עפנטלעכן קאָנטראָל.

יעדער אַרבעטספעיקער בירגער, אָן אויסנאַם, מוז אין עלטער פון 20 ביז 25 יאָר זיך פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט.

די מלוכה־פאַרוואַלטונג דאַרף זיך געפינען אין די הענט פון העכסטן סענאַט, וועלכער ווערט געוויילט יערלעך פון צווישן די הויפטן פון די משפחות, וואָס זענען אַלט איבער 50 יאָר.

הייראַטן קאָן מען נאָר אויף אַ טערמין פון 10 יאָר, מיט דער הסכמה פון שטאָטישן סענאַט. —

אַ סך מער שוין ווייסן מיר וועגן לעבן פון גאַבריעל ב. מאַבלי (געבוירן אין גרענאָבל 1709, געשט. 1785). ער האָט באַקומען אַ גוטע דערציונג, האָט שטודירט טעאָלאָגיע, נאָך דערנאָך האָט

ער זיך גענומען פאַר פּובליציסטיק, און איז געוואָרן סעקרעטאַר אין מיניסטעריום פון אויסערן. ער האָט פיל געשריבן וועגן דער אַלטער און וועגן דער פראַנצויזישער געשיכטע, און אויך איבער פיל דיפּלאָמאַטישע פראַגן; לכתחילה האָט ער פאַרטיידיקט די אַלטע אָרדענונג; שפּעטער איז ער געוואָרן קריטיש געשטימט צו איר, און האָט אין 1768 פאַרעפנטלעכט אַ גייסטרייכע פּאָלעמישע שריפט: „ספקות פאַר די פילאָזאָפן־עקאָנאָמיסטן“; די שריפט איז געווען געווענדעט קעגן גראַף מערסיעדע־לאַ־ריוויער, דעם הויפּט־פאַרטרעטער פון יענע עקאָנאָמיסטן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די נאַטירלעכע און בעסטע אָרדענונג איז — פריוואַט־אייגנטום, געשטיצט דורך אַ דעספּאָטישער רעגירונג. קעגן די דאָזיקע טעאָריעס האָט מאַבלי פאַרטיידיקט דאָס קאָמוניסטישע נאַטור־רעכט, געלויבט די ליקורגישע געזעצגעבונג, די פּלאַטאָנישע מלוכה און אויפגעוויזן אַלע אירע מעלות אין פאַרגלייך מיט די צרות, וואָס נעמען זיך פון פריוואַט־אייגנטום און אומגלייכהייט. מאַבלי געפינט זיך אין אַ גרויסער מאָס אונטערן איינפלוס פון מאָרעלי. אין אַ צווייטער שריפט זיינער זאָגט ער:

„אַז איך לייען ערגעץ אין אַ רייזע־באַשרייבונג וועגן אַ וויסטן אינזל מיט אַ מילדן קלימאַט און געזונט וואַסער, כאַפּט מיך אַרום אַ חשק צו פאָרן אַהין און גרינדן אַ רעפּובליק, וווּ אַלע זאָלן זיין גלייך, אַלע רייך, אַלע אָרים (באַזיצלאָז), אַלע פריי און אַלע זאָלן לעבן ווי ברידער: אונזער ערשטער געזעץ וואָלט געווען: קיינער טאָר נישט האָבן קיין פריוואַט־אייגנטום. מיר וואָלטן די פרוכט פון אונזער אַרבעט געטראָגן אין די עפנטלעכע מאַגאַזינען; דאָרט וואָלט זיך געפונען די מלוכה־קאַסע און דאָס פאַרמעגן פון יעדן בירגער. די משפּחה־פאָטערס וואָלטן יעדעס יאָר געוויילט פאַרוואַלטערס, וואָס זייער אויפגאַבע וואָלט געווען — אַרויסגעבן יעדן איינעם די נויטיקע זאַכן צום לעבן און אים אָנווייזן די אַרבעט, וואָס די געמיינשאַפט פאַרלאַנגט פון אים“.

מאַבלי גיט אָבער צו דערביי, אַז די מענטשן וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט זענען צו פיל באַהערשט פון אייגן־אינטערעסן, אַז כלל־אינטערעס זאָל קאָנען

ווערן די טרייב־קראפט פאר זייערע האנדלונגען. די תאווה צו פארמעגן איז היינט שטארקער, איידער דער סאציאלער פליכט־געפיל. מאבלי ליינגט דעריבער פאר, מען זאל זיך דערוויל באנו־גענוגן נאר מיט רעפארמען, וועלכע זאלן באגרענעצן דאס אייגנ־טום־רעכט און צוימען אביסל די גיריקייט, און פאוואריזירן אזא אייגנטום, וואס שטאמט פון פערזענלעכער ארבעט. ירושה־רעכט דארף ווערן באגרענעצט, די אייגנטימער פון גרונט און באדן און פון באוועגלעכן קאפיטאל דארפן טראגן די גרעסטע שטייער־לאסטן, און פארקערט, אויף די ארבעטער דארף מען ארויפליגן נאר קליינע שטייערן. מען דארף אפשאפן אלע אונטערשיידן צווישן די געהאלטן פון פארשידענע קאטעגאריעס באאמטע, אלע דארפן זיי ווייט מעגלעך גלייך באלוינט ווערן, ווייל די נאטירלעכע אומ־גלייכהייט אין דער ארבעט פארשווינדט כמעט ביי קאלעקטיווער ארבעט, ווען אלע קרעפטן ווירקן צוזאמען, און עס שטעלט זיך איין א געוויסער דורכשניט.

3. בירגערלעכע קריטיקער: רוסא, לינגע, נעקער, בריסא.

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יארהונדערט האבן נא־טור־רעכטלעכע געדאנקען אזוי באהערשט די מוחות אין פראנק־רייך, אז אפילו פאליטיש־פילאזאפישע דענקער, וועלכע זענען געווען ווייט פון קאמוניזם, האבן אויך פארנומען א סאציאל־קריטישע שטעלונג בנוגע צו פריוואט־אייגנטום. דער סאמע בא־רימטער צווישן זיי, הגם נישט דער סאמע קאנסעקווענטער, איז געווען זשאן זשאק רוסא (1712 — 1778). אין זיין ווערק „אומ־גלייכהייט צווישן מענטשן", וואס איז דערשינען אין 1753, זאגט ער: דער ערשטער, וואס האט אפגעצוימט א שטיק ערד און גע־זאגט — דאס איז מיינס, און האט געפונען נאאיווע, וואס האבן אים געגלויבט — ער איז געווען דער אמתער גרינדער פון דער בירגערלעכער געזעלשאפט. וויפיל פארברעכנס, קריג און מארד, וויפיל עלנד און פיין וואלט אונז איינגעשפארט דער, ווער עס

וואָלט אַרויסגעריסן די סלופּעס, פאַרשאָטן די גריבלעך און געזאָגט צו זיינע חברים: היט אייך, גלויבט נישט דעם דאָזיקן שווינדלער; איר זענט פאַרפאַלן, אויב איר וועט פאַרגעסן, אַז די פרוכטן געהערן צו אַלעמען, אָבער די ערד צו קיינעם נישט!".

אין רומאַן „עמיל" (1762) געפינען זיך אויך אייניקע סאָציאַל־קריטישע ערטער. יעדער גענוס אין דער געזעלשאַפט, זאָגט ער דאָרטן, קאָן באַצאָלט ווערן נאָר דורך אַרבעט. „עס איז אַ חוב פאַרן געזעלשאַפטלעכן מענטשן צו אַרבעטן. יעדער בירגער וואָס גייט אַרום ליידיק, מעג ער זיין רייך אָדער אָרים, מעכטיק אָדער מאַכטלאָז, — איז ער אַן אויסוואורף".

דער קאָנסערוואַטיוור יוריסט סימאָן לינגע (1736 — 1794), קלאָגט זיך אין זיין ווערק „די טעאָריע פון ציווילע געזעצן" (דערשינען 1767), אַז די בירגערלעכע געזעלשאַפט פאַרניכטעט די נאַטירלעכע פרייהייט פון די מענטשן... ווי נאָר דער מענטש ווערט געבוירן, בינדט מען אים באַלד צו צו יענער אומגעהייערער קייט, וועלכע הייסט געזעלשאַפט... דער ערשטער בליק זיינער פון וויגעלע אַרויס פאַלט אויף באַשעפענישן, וועלכע זענען ענלעך צו אים, וועלכע זענען באַלאַסטעט מיט קייטן און פרייען זיך, ווען זיי דערזעען אַ קאָלעגע, וואָס וועט מיט זיי טיילן די שקלאַפעריי. האָבגיריקייט און געוואַלט האָבן פאַרכאַפּט די ערד און האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך צו געבן חלק אין דעם באַזיץ נאָר דעם, וואָס גייט אונטער זייער פאָן... „גערעכטיקייט — דאָס איז דער אייביקער פעסטער ווילן צו באַוואָרענען יעדערן זיין רעכט", — אַזוי זאָגן טאַקע די רעכט־געלערנטע. אָבער דער אָרימער האָט נישט גאָר נישט אַ חוץ זיין אָרימקייט. און דעריבער קאָנען אים די געזעצן אויך קיין שום אַנדער זאַך נישט באַוואָרענען. די געזעצן זאָרגן אַ סך מער דערפאַר, צו באַשיצן דעם וואָס האָט אַלץ בשפע קעגן די אָנגריפן פון דעם, וואָס האָט נישט אַפילו דאָס נויטיקסטע. דאָס איז דער אמתער תמצית פון די געזעצן... די געזעצן ווערן דיקטירט דורך די רייכע, און זיי זענען טאַקע די וואָס האָבן דעם גרעסטן נוצן פון די געזעצן. די געזעצן זענען אַזוי ווי פעסטונגען, וואָס די רייכע בויען אויס קעגן שונא

פון לאַנד, אומעטום ווו נאָר עס דראָען זיי געפאַרן... מלחמות זענען א פּראָדוקט פון די געזעצן, ווייל מלחמות אנטשטייען מחמת ליבע צו אייגנטום, און אויף וואָס האַלט זיך דען אייגנטום, אויב נישט אויף די געזעצן?... דער מהות פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט איז צו באַפרייען די רייכע פון צו אַרבעטן... דער פרייער אַרבעטער איז אין דעם פּרט ערגער אַוועקגעשטעלט, איידער דער שקלאַף. דער לעצטער האָט באַקומען צו עסן, אַפילו ווען ער האָט נישט געאַרבעט. וואָס ווערט אָבער מיטן פרייען אַרבעטער, אויב ער געפינט נישט קיין אַרבעט? ווער האָט אים אין זינען, אויב ער שטאַרבט פאַר הונגער און נויט?

אַזעלכע דרייסטע סאָציאַל־קריטישע געדאַנקען געפינט מען ביי לינגען זייער אַ סך. און דאָך איז ער פארבליבן אויסגעהאַלטן קאָנסערוואַטיוו; ער האָט געהאַלטן, אַז קוים וויל מען די געזעלשאַפט, מוז מען אָננעמען פאַר ליב די שווערע אומגליכהייט מיט אַלע צרות, וואָס נעמען זיך פון איר.

זשאַק נעקער, פינאַנץ־מיניסטער פון לודוויג XVI (געבוירן 1732, געשט. 1804), שליסט זיין שריפט „וועגן קאָרן־האַנדל" מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „ווען מען קוקט זיך צו צו דער געזעלשאַפט מיט אירע פאַרהעלטענישן, קומט באַלד אויפן געדאַנק אַז אַלע בירגערלעכע אינסטיטוציעס זענען באַשאַפן געוואָרן לטובת די אייגנטימער. מען ווערט דערשראָקן, אַז מען בלעטערט אַדורך די געזעץ־ביכער און מען שטויסט זיך כסדר אָן אויף באַווייזן פונם דאָזיקן אמת. עס קומט אויס, אַז אַ קליינע צאָל מענטשן האָבן צווישן זיך צעטיילט די ערד און דערנאָך געשאַפן געזעצן, כדי זיך ווערן צוזאַמען קעגן דער מאַסע, פונקט ווי זיי האָבן די וועלדער אַרומגעצאַמט, כדי זיך שיצן פון ווילדע חיות"*).

לאָמיר נאָך ברענגען אַן אויסצוג פון בריסאָ (געב. 1736, פאַרמשפּט צום טויט 1794), פון זיין „פילאָזאָפישער אָפּהאַנד־

*) וועגן לינגע און נעקער פארגלייכט קאַרל מאַרקס: די טעאָריעס פון מערווערט, 1־טער טייל.

לונג וועגן אייגנטום און גנבה", וואס איז דערשינען אין יאר 1780: „אז די גלייכהייט איז פארניכטעט געווארן, זענען די ביטערע אונטערשיידן צווישן רייכע און ארימע געווארן אלץ בולטער און בולטער. די געזעלשאפט האט זיך געשפאלטן אויף צוויי קלאסן: צום ערשטן קלאס געהערן די בירגערלעכע אייגנטימער, צום צווייטן קלאס — די פאלקס־מאסע. און כדי צו באפעסטיקן דאס גרויזאמע אייגנטום־רעכט, זענען איינגעפירט געווארן גרויזאמע שטראפן. יעדע האנדלונג קעגן דאזיקן רעכט רופט מען גנבה; אין נאטור־צושטאנד איז א גנב דער רייכער, דער וואס האט אן איבערפלוס; אין געזעלשאפט־צושטאנד, פארקערט, איז א גנב דער, וועלכער נעמט צו ביים רייכן. ווי די בליקן ענדערן זיך!".

בריסא איז פונדעסטוועגן נישט געווען קיין רעוואלוציאנער, נישט קיין יאקאבינער, נאר א זשיראנדיסט (מעסיקער רעפובליקאנער) — און די יאקאבינער האבן אים אלס זשיראנדיסט געשיקט אויף דער גיליאטינע.

4. די אוטאפישע שילדערונג פון וועראס ד'אללע.

די ערשטע פראנצויזישע שילדערונג פון א קאמוניסטישער אוטאפיע האט געגעבן דעניס וועראס פון אללע (דרום־פראנקרייך), אין זיין „געשיכטע פון די סעוואראמבן", **Historie des Sevarambes**, וועלכע איז פריער דערשינען אויף ענגליש אין לאנדאן אין יאר 1675, און דערנאך ערשט אין 1677־8 אין פאריז אויף פראנצויזיש.

די יוגנט־יארן פון וועראסן זענען געווען זייער טומלדיקע; ער האט געדינט אין דער פראנצויזישער ארמיי, דערנאך (1665) אין ענגלישן פלאט, א שטיקל צייט האט ער געלעבט אין לאנדאן, דערנאך איז ער געווארן אין פאריז א לערער פון שפראכן און האט פארפאסט א פראנצויזישע גראמאטיק (1681, 1683). זיין אויבן דערמאנטע אוטאפישע געשיכטע איז באלד געווארן איבערגעזעצט אויף דייטש און אויף האלענדיש. אין איר ווערט געשילדערט, מיט פיל פאנטאזיע און מיטפיל ראמאנטישע פרטים,

דאָס אויסערסטע גליקלעכע לעבן פון די סעוואראמבן, וועלכע האָבן געוווינט אויף אַן אינזל אין אויסטראַליען און זענען געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירט געוואָרן דורך איינעם אַ חכם פון די פּערסן מיטן נאָמען סעוואַריס. די גליקלעכע איינוווינער פונם אינזל האָבן זיך גערופן סעוואראמבן, אפנים אויפן נאָמען פון זייער מלוכה־גרינדער. די פּרינציפּן, לויט וועלכע סעוואַריס האָט דורכגעפירט די געזעלשאַפטלעכע רעאָרגאַניזאַציע פון דאָזיקן פאָלק, זענען אַזעלכע:

די שלעכטיקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט נעמט זיך פון דריי קוואַלן: הויכמוט, גיריקייט און ליידיקגייעריי. הויכמוט האָט געשאַפן די אומגלייכהייט אינעם אָנזען פונם מענטשן: אַדעליקע און פּשוטע, הערשער און דינער. די גיריקייט האָט געשפּאָלטן די געזעלשאַפט אויף רייכע און אָרימע און האָט געבראַכט די אַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די דאָזיקע קעגנזאַצן. ליידיק־גייעריי פירט צו אויסגעלאַסנקייט, צו פאַרשווערונג און צו דעם, אַז מען פאַרנאַכלעסיקט די אוצרות פון דער נאַטור און פון מענטשלעכן גייסט. כדי צו פאַרשטאָפּן די דאָזיקע דריי קוואַלן, האָט סעוואַריס אָפּגעשאַפט אַלע שטאַנד־אונטערשיידן, אַ חוץ די, וואָס דרינגען אַרויס פון די מאָראַלישע קוואַליפיקאַציעס פון די מענטשן. דערנאָך האָט ער אָפּגעשאַפט פּריוואַט־אייגנטום; אַלע גיטער און רייכטימער, און די גאַנצע ערד זענען דערקלערט געוואָרן פאַרן אייגנטום פון דער מלוכה. „אויף אַזאַ אופן האָט ער באַזייטיקט גיריקייט, ציוויל־פּראָצעסן, שטייערן, צאָל־אָפּצאָלן, יקרות און אָרימקייט, וואָס האָבן אַזוי פיל ליידן געבראַכט אויף דער וועלט. זייט די דאָזיקע געזעצן זענען אַריין אין קראַפט זענען אַלע סעוואראמבן רייך, הגם זיי קאָנען אויף קיין זאַך נישט זאָגן, אַז ס׳איז זייער אייגנס. אַלע גיטער פון דער מלוכה געהערן צו זיי, אַזוי אַז יעדער איינער קאָן זיך שעצן אַזוי גליקלעך, ווי דער רייכסטער מאָנאַרך אין דער וועלט“. ביי געמיינשאַפט פון פאַרמעגן איז נויטיק, אַז די אַרבעט־פליכט זאָל אויך זיין אַלגעמיין. סעוואַריס האָט טאַקע אַזוי איינגעפירט און האָט צוטיילט דעם טאָג אויף דריי טיילן: אַכט שעה אַרבעט,

אכט שעה רו, אכט שעה שלאָפֿן. נאָר אַלטע לײַט, שוואַנגערע פֿרויען, קראַנקע און קינדער ווערן באַפֿרײַט פֿון אַרבעט. און אַזוי ווי ליידיקגייעדיי ווערט גערעכנט פֿאַר דער גרעסטער שאַנד, איז אַפֿילו די באַפֿרײַטע פֿון דער אַרבעט־פֿליכט זוכן אויך עפּעס צו טון.

דער גרעסטער געוויכט ווערט געלייגט אויף דערציִען און בילדן די קינדער. פֿון זיבן ביז עלף יאָר באַקומען אַלע קינדער עלעמענטאַרע שול־בילדונג און ווערן פֿיזיש און גייסטיק טרענירט; דערנאָך באַזוכן זיי לאַנדווירטשאַפֿט־און האַנטווערקער־שולן, וווּ די אַרבעט קומט פֿאַר פֿיר שעה אַ טאָג. זיי ווערן דערצויגן צו זיין מעסיק אין אַלצדינג, צו אַכטן דעם געזעץ, די עלטער און רעליגיע. בכלל גענומען, האַלטן זיך די סעווערעמבן ביי מאָנאָגאַמיע. בלויז באַאַמטע זענען אַן אויסנאַם פֿון דעם כלל, זיי מעגן האָבן צו עטלעכע ווייבער. די רעגירונגס־פֿאָרם איז אַ העליאָקראַטישע, ד. ה. די זון, צו וועלכער מען דינט ווי צו אַ גאָט, איז די הערשערין. אין איר נאָמען פֿירט די רעגירונג איינער פֿון די העכסטע מלוכה־באַאַמטע, געוויילט דורך אַ גורל. אַלע איבעריקע באַאַמטע ווערן געוויילט דירעקט דורכן פֿאָלק.

די סעווערעמבן וווינען געמיינשאַפֿטלעך, אין „אָסמאַזיעס“ (גרויסע לאָקאַלן). ביי יעדער „אָסמאַזיע“ איז פֿאַראַן אַ מאַגאַזין, אַהין גיט מען אָפּ אַלע אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, און דערנאָך באַקומט פֿון דאָרטן יעדער איינער די נויטיקע לעבנס־מיטלען, לויט רעגירונגס־צעטלען.

5. נאָכגעמאַכטע אוטאָפּיעס

שוין וועראַס איז אין זיינע גרונט־געדאַנקען ווייניק אָריגינעל, ער שטיצט זיך דער עיקר אויף מאָרוסן און אויף קאַמפּאַנעלאַ. אָבער די אוטאָפּיעס און אוטאָפּישע רייזע־באַשרייבונגען, וואָס זענען דערשינען נאָך וועראַסן — און זיי זענען דערשינען אין 18 און 19 יאָרהונדערט גאָר אין אַ גרויסער צאָל אין פֿראַנקרייך און ענגלאַנד — זענען שוין סך־הכל נישט מער ווי פּלאַבע

נאָכמאַכונגען אָדער סתם שיינע פּאָעזיע. די אונטערשיידן צווישן
די אַלע ווערק זענען קודם כּל נוגע זייער באַציונג צו פאַמיליע־
לעבן. איינע האַלטן פון מאָנאָגאַמיע אָדער פון הייראַט אויף
טערמין, די אַנדערע האַלטן פון פרייער ליבע. דאַן האָבן זיי פאַר־
שידענע בליקן אויף דער פראַגע וועגן רעגירונגס־פאָרם: איינע
פאַרטיידיקן מאָנאַרכיע אָדער דעמאָקראַטיע, די צווייטע זענען
אָנהענגער פון — אַנאַרכיע.

פאַר אַן אמת נײַ ווערק קאָן מען רעכענען ערשט בעלאַמיס
„אַ בליק אויף צוריק" — אַן עכטער פּראָדוקט פון די אינדוסטריע־
לע באַציונגען פון לעצטן פערטל פון 19־טן יאָרהונדערט, וועגן
בעלאַמי וועט אונדז אויסקומען צו רעדן ערשט אין פינפטן טייל
פון אונדזער אַרבעט.

צוליב פולקייט וועגן וועלן מיר דאָ דערמאָנען די נעמען פון
די וויכטיקערע אוטאָפּיעס. אין 1676 האָט גאַבריעל דע פואַני
פאַרעפנטלעכט אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע שילדערונג:
„Terre Australe Connue"; אין 1710 האָט זשאַק מאַסע אַרויסגע־
געבן זײַנע „Voyages et Aventures" וועלכע זענען געשריבן אין
אַ דעאיסטיש־קאָמוניסטישן גייסט; אין 1746 איז אַרויס דאָס
ווערק פון בערינגטאָן „Memoires de Gaudence de Lucques"
אין גייסט פון קאַמפּאַנעלאַ און וועראַס, אין 1768 איז דערשי־
נען „די רעפּובליק פון פילאָזאָפן" פון פאָנטענעל — אַ
קאָנפעסיאָנעלע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, געבויט אויף שקלאַ־
פערײַ. אין 1770 איז דערשינען Histoire naturelle et civile
des Galligènes» — פון די הויפּט־יסודות זענען פרײַע ליבע
און קאָמוניזם. אין 1781 (?) האָט רעסטיף־דע־לאַ־ברעטאָן (אַ
זשעצער) פאַרעפנטלעכט אַ בוך „Decouverte Australe" פון
אַ עטיש־קאָמוניסטישן אינהאַלט.

פענעלאָנס „Telemach" (1698), ווו עס ווערט אידעאַ־
ליזירט דאָס אַנטיקע (גריכישע) לעבן, האָט אויך אַרויסגערופן אַ
רייע נאָכמאַכונגען — אַלע מיט אַן אוטאָפּישער באַפאַרבונג.

צ ו ג א ב.

די רעליגיעז - קאמוניסטישע ישובים אין אמערקע.

די מחברים פון די אוטאפישע שריפטן האבן זיך באגנוגענט דערמיט, וואס זיי האבן געשילדערט מער אדער ווייניקער אינטערעסאנטע סאציאלע בילדער; אין דער זעלבער צייט אבער זענען אין די קריסטלעכע קרייזן, באזונדער אין דייטשלאנד און ענגלאנד, געווען נאך שטארקע אפיקורסיש־קאמוניסטישע טראדיציעס; די וואס זענען געווען טריי די דאזיקע טראדיציעס זענען אויסגעשטאנען בלעריי פארפאלגונגען, און האבן נישט געקאנט לעבן לויט זייערע אידעאלן. די צייטן פון אינקוויזיציע און שייטער־הויפנס זענען שוין אבער פארט אריבער — דאס איז, אגב, איינע פון די שענסטע דערגרייכונגען פון דער בורזשואזער אויפקלערונגס־תקופה, — אזוי אז די קאמוניסטישע געקמאנטן האבן געקאנט אויסוואנדערן קיין אמעריקע און דארט פרוון פראקטיש פארווירקלעכן זייער אידעאל. די פאריייניקטע שטאטן זענען געווארן דער מקום מקלט פאר די רעשטן פון דער אפיקורסיש־קאמוניסטישער באוועגונג פון מיטלאלטער; אהין האבן זיך געריסן די אלע, וואס האבן געוואלט לעבן לויט זייערע קאמוניסטישע אידעאלן.

שפעטער זענען נאך צוגעקומען די ישובים, וואס עס האבן געגרינדעט די אנהענגער פון ראבערט אאוען, פוריע און קאבע;— אבער וועגן זיי וועלן מיר רעדן אין IV טייל, ווייל די דאזיקע ישובים זענען געגרינדעט געווארן ערשט אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט, און אידעאלאגיש געהערן זיי שוין און־

צו אַן אַנדער צייט — צו דער צייט פֿון א. ג. קריטישן אוטאָפּיזם, וועלכער אַנטשפּרעכט דעם ערשטן פּעריאָד פֿון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע.

איינער פֿון די גאָר ערשטע רעליגיעז־קאָמוניסטישע ישובים איז די קאָלאָניע פֿון די ש ע ק ע ר ס (אויפֿטרייסלער). אַנטשטאַנען איז די קאָלאָניע אין 1776 אין וואָטערפֿליט (שטאַט נוי־יאָרק). אָנגעפֿירט מיט איר האָט די ענגלענדערין אַננאַ לי, וועלכע איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1774. מיט דער צייט איז די צאָל שעקער־געמיינדעס געוואַקסן; די צאָל מיטגלידער איז פֿונדעסטוועגן קיינמאָל נישט געווען מער ווי 5000. זיי האָבן געפֿירט אַ מאָנאַכיש, אַסקעטיש לעבן: הייראַטלאָזיקייט, שטרענגע זיטלעכקייט, עקסטאַז, מעסיקע דערנערונג. זיי זענען געוואָרן זייער רייך. יעדע געמיינדע איז געווען איינגעטיילט אין „פֿאַמיליעס", דער פֿאַרמעגן איז געווען אַ געמיינזאַמער און די פֿאַרוואַלטונג מיט איר אַ קאָמוניסטישע.

אַ וויכטיקער ישוב איז אויך געווען די קאָלאָניע „האַרמאָניע" (אין פּענסילוואַניע), געגרינדעט פֿון שוואַבישע רעליגיעז־קאָמוניסטישע פּויערן. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דיקטאַטאָרישגעשטימטן געאָרג ראַפּ (געב. 1770, געשט. 1847) האָבן זיי אויסגעוואַנדערט אין יאָר 1803 און האָבן געגרינדעט די דערמאָנטע קאָמוניסטישע קאָלאָניע. ביי די ראַפּיסטן, ווי זיי האָבן זיך גערופֿן לויטן נאָמען פֿון זייער פֿירער, האָט געהערשט פֿאַרמעגן־געמיינשאַפֿט, גלייכהייט און איינהייט. אין 1814 האָבן זיי פֿאַרקויפֿט זייער בליענדיקע קאָלאָניע פֿאַר 100 טויזנט דאָלאַר און זענען אַריבערגעפֿאָרן קיין אינדיאַנע; דאָרט האָבן זיי אַ נייע קאָלאָניע געגרינדעט, וועלכע האָט זיך אויך זייער גוט איינגעגעבן און האָט דערגרייכט צו גרויס רייכקייט. אַזוי ווי דער קלימאַט אין אינדיאַנע איז געווען נישט גאָר צוגעפּאַסט פֿאַר זיי, האָבן זיי אין 1824 די נייע קאָלאָניע ווידער פֿאַרקויפֿט, ראָבערט אָענען, פֿאַר 150 טויזנט דאָלאַר; פֿאַרן געלט האָבן זיי דערוואָרבן אַ נייעם ישוב, וועלכן זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „עקאָנאָמיע"; דער נייער ישוב האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אַנטוויקלט, הגם

אביסל צוגעקומענע אוואנטוריסטן האבן געהאט א דעמאראלי־זירנדיקע השפעה און איניקע גרופעס האבן זיך צוליב דעם אפּגעדיסן פון דער קאלאניע. ביז 1807 איז הייראט געווען ביי זיי א דערלויבטע זאך, דערנאך אבער האבן זיי איינגעפירט הייראט־לאזיקייט. די שנעלע אנטוויקלונג פון פענסילוואניע זייט 1870, א דאנק דער נאפט־אינדוסטריע, האט א סוף געמאכט צו דער קאמוניסטישער אידיליע. היינט צו טאג בילדן די האפיסטן אן אקציען־געזעלשאפט, וועלכע פארמאגט א סך ווערטפולן באדן, נאפט־קוואלן, פאבריקן א. א. וו.

אן ענלעכן גורל האט געהאט אויך די קאלאניע „זאאר". אירע מיטגלידער זענען אויך געווען שוואבישע פויערן, וועלכע האבן א סך געליטן אין זייער פאטערלאנד ווירטעמבערג צוליב זייערע רעליגיעז־קאמוניסטישע איבערצייגונגען. זיי האבן באקומען א געלט־שטיצע פון די ענגלישע קוואקערס און האבן עמיגרירט קיין אמעריקע, אונטער דער אנפירונג פון איינעם יוסף בוימלער; דארט האבן זיי געקויפט ערד אין שטאט אהיא און אין 1819 האבן זיי אנגענומען א באשלוס צו פירן א קאמוניסטיש לעבן און זיין הייראט־לאז; פון 1830 האבן זיי ווידער איינגעפירט ביי זיך מאנאגאמיע. די קאלאניע האט ווירטשאפטלעך געהאט א גרויסן דערפאלג און האט עקזיסטירט ביזן יאר 1898. בעת די קאלאניע איז געווארן אויפגעלייזט, האט יעדער מיטגליד באקומען אויף זיין חלק 1500 דאלאר.

פון זעלבן שניט זענען אויך געווען די קאלאניעס „בעטהעל" (בית־אל) און „אוראַרא", אין מיסורי און ארעגאן. געגרינדעט האט זיי דר. קייל (געב. 1821, געשט. 1877). די מערהייט מיטגלידער פון די צוויי קאלאניעס זענען געווען דייטשן. זיי האבן געלעבט קאמוניסטיש; הייראט איז געווען דערלויבט; און געלעבט האבן זיי פרידלעך און גליקלעך, ביז זייער פירער איז געשטארבן. אין עטלעכע יאר ארום נאך זיין טויט זענען ביידע קאלאניעס צעפאלן געווארן.

אינטערעסאנט איז אויך די קאלאניע „אמאנא", אין שטאט יאווא, וואס ס׳האבן געגרינדעט קאמוניסטישע סעקטאנטן פון

מיטל־דייטשלאַנד. נאָך אין אָנהויב 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך די סעקטע אָרגאַניזירט אין מיטל־דייטשלאַנד און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין קאָמוניזם, אָבער ערשט אין יאָר 1842 האָבן טויזנט מיטגלידער פון דער דאָזיקער סעקטע אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אין יאָר 1901 האָט אַמאַנאַ געציילט 1767 מיטגלידער, וועלכע האָבן געלעבט אין זיבן דערפער און זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און האַנטווערק. זייער פאַרמעגן באַטרעפט אין זעלבן יאָר 1 מיליאָן מיט 647 טויז. דאָלאַר. די סחורות, וואָס זיי אַרבעטן אויס אין זייערע וואַרשטאַטן (מילן, שמידרייען, זייף־קאָכעריען, טעקסטיל־פאַבריקן), זענען פון אויסגעצייכנטער קוואַליטעט און האָבן זייער אַ גוטן אָפּזאַץ. זיי באַנוצן זיך אויך מיט לוין־אַרבעטער; די וואַרשטאַטן ווערן געהאַלטן זייער ריין; יעדער אַרבעטער האָט נעבן זיך אַ שטול אויף אָפּרוען; פון אײַלעניש און יאָגעניש ווייס מען דאָרט אַפילו נישט; מען אַרבעט לאַנגזאַם און מיט עטלעכע הפסקות אין משך פון טאָג. די אומגאַנגס־שפּראַך איז נאָך אַלץ דייטש. אַמאַנאַ פּראַקטיקט קאָמוניזם מיט מאָנאָגאַמיע. די לעבנס־פירונג איז זייער אַן אײַנפאַכע, עכט אורקריסטלעך. —

אין אַלגעמיין קאָן מען וועגן אַלע אַזעלכע קאָלאָניעס זאָגן, אַז זייער דערפאָלג הענגט אָפּ פון דעם, אויף וויפיל די מיטגלידער בלייבן טריי דעם אורקריסטלעכן אידעאַל און אויך פון דער טיכטיקייט און ענערגיע פון זייערע פירער. *)

---

*) הילקוויט — געשיכטע פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע; טוגאַן־באַראַנאָווסקי — די קאָמוניסטישע ישובים פון דער נייער צייט (דייטש, 1920).

מ. בעער

געשיכטע פון סאציאליזם

פערטער טייל

די צייט פון 1750 ביז 1860

יידיש: יוסף לעשטשינסקי.

פארלאג „די וועלט" ווארשע 1928

M. BEER o o o o
HISTORJA SOCJALIZMU.

Wyd.: „Di WELT", Wsrszawa.

DRUKARNIA o o o o o
o o o „DI WELT"
WARSZAWA, NOWOLIPIE 7.

הקדמה צו דער ערשטער (דייטשער) אויפלאַג.

דער דאָזיקער טייל באַהאַנדלט איינע פון די וויכטיקסטע תקופות פון דער סאָציאַליסטישער געשיכטע. עס איז דער ווירקלעכער אריינפיר צו דער געשיכטע פונם סאָציאַליזם פון אונזער צייט. מיר איז נישט באַקאַנט קיין שום גרעסערע אַלגעמיינע אָפּהאַנדלונג וועגן אָט דער תקופה. אמת, איינצל מאָנאָגראַפיעס (וועגן באַזונדערע צייט־אָפּשניטן) זענען פאַראַן, אָבער ווי דער לעזער וועט גלייך זען, באַזירט דער דאָזיקער טייל, נאָך מער ווי די פריערדיקע טיילן, אויף זעלבסטשטענדיקע פארשונגען, און ביי דער באַהאַנדלונג פון באַקאַנטע פאַסירונגען אָדער פערזענלעכקייטן גייט ער מיט זיינע אייגענע וועגן.

תחילת האָב איך אין דעם טייל געוואָלט געבן אויך די געשיכטע פון דער דייטשער אַרבעטער־ און סאָציאַליסטישער באַוועגונג פאר די יאָרן 1830 — 1863, ס'הייסט באַהאַנדלען דאָ שוין מאַרקסן אויך. אָבער סיי צוליב דעם פלאַץ, וואָס דאָס וואָלט געפאָדערט, און נאָך מער כדי איינצוהיטן געהעריקע אידעען־שייכות, האָב איך באַשלאָסן איבערצולאָזן די דאָזיקע דייטשע תקופה פאַרן פינפטן (לעצטן) טייל.

בערלין, יולי 1922.

מ. בעער.

הקדמה צו דער צווייטער (דייטשער) אויפלאגע

די נויטיק געוואָרענע נייע אויפלאגע האָט מיר געגעבן די געווינטשטע געלעגנהייט, דורכצוזען און אויסצובעסערן דעם טעקסט. אין אָפּטייל X, קאַפּיטל 6, האָב איך צוגעגעבן די זייער אינטערעסאַנטע געדאַנקען פון הענריק היינע איבער דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1848.

נאָוועמבער 1922.

מ. בער.

I. די ווירטשאַפטלעכע איבערכערעניש אין ענגלאַנד.

1. רעזולטאַטן פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע

די בירגערלעכע רעוואָלוציע*), וועלכע איז אויסגעבראָכן אין ענגלאַנד אין יאָר 1642, האָט זיך געצויגן — אין פאַרשידענע פאָרמען, דורך נצחונות און מפּלות — ביז צום אָנהויב יאָר 1689. געענדיקט האָט זי זיך מיט דער מפּלה פון דער פּערזענלעכער מאָנאַרכיע און מיטן נצחון פון פּאַרלאַמענט. און פון דעמאָלט אָן איז ענגלאַנד געוואָרן אַ רעפּובליק, בלויז מיט אַ מאָנאַרכישן פּאַסאַד. די באַפעלקערונג איז נאָך געווען לערך נישט קיין גרויסע, אינגאַנצן אַ פינף מיליאָן, פון וועלכע ארום אַנדערטהאַלבן מיליאָן האָבן געהערט צום האַנדלס-אינדוסטריעלן שטאַנד. די אינדוסטריע איז נאָך געפירט געוואָרן, ווי האַנטווערקעריי, אָדער ווי הויז-אינדוסטריע; אָבער עס זענען שוין געווען גרעסערע „מאַנופאַקטורן", וועלכע האָבן פאַראייניקט אין זייערע וואַרשטאַטן גאַנצע מחנות לוין-אַרבעטער, הגם די אַרבעט גופא איז געווען אַ האַנטווערקערישע; די „מאַנופאַקטורן" האָבן פאָרגעשמעלט מיט זיך אַ מין ריזיקן מענטשן-מעכאַניזם, איבער וועלכן עס האָט געוועלטיקט דער האַנדלס-קאַפּיטאַל.

שוין בעת דער רעוואָלוציע, אין דער צייט פון אָליווער קראָמוועל, איז די גאַנצע אויסערלעכע פּאָליטיק געשטאַנען אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון די האַנדלס-אינטערעסן. דערנאָך, אין משך פון 18־טן יאָרהונדערט איז די דאָזיקע טענדענץ נאָך שטאַרקער געוואָרן. דיפּלאָמאַטיע און פּאַרלאַמענט, אדל און פינאַנץ-מאַגנאַטן האָבן מיט דער הילף פון קאָמערציעלע און קאָלאָניאַלע אונטערנעמונגען און מלחמות אַנטדעקט ווייטע מערק פאַרן האַנדל און אינ־

*) זע 3־טער טייל ז. 119.

דוסטריע, — און מאָנאָפּאָליזירט די דאָזיקע מערק. זיי האָבן מיט דערפֿאָלג געפֿירט מלחמה קעגן האָלאַנד און פֿראַנקרייך, זיי האָבן געבראָכן די אינדוסטריעלע קאָנקורענץ מצד אירלאַנד, זיי האָבן אין וואָרצל דערשטיקט די אינדוסטריע־פּרוּוון פֿון צפֿון אַמעריקע, און זיי האָבן געגרינדעט די אינדישע אימפּעריע. זיי האָבן געשאַפֿן בענק שיף־וואַרשטאַטן, מאַנופֿאַקטורן; זיי האָבן עקספּראָפּריאירט מאַסן קליין־פּויערן און זיי פֿאַרוואַנדלט אין פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן אָבער באַלד געפֿונען אַרבעט ביים דורכפֿירן נייע וועגן אין לאַנד און אויך וואַקסנדיק אַרבעט אין די נייע אַנטשטייענדיקע פֿאַבריקן. זייער איינציקע מפּלה איז געווען — וואָס די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון ענגלאַנד (1776 — 1783) — אַ דאַנק זייער פֿאַרעלטערטער, קורצזיכטיקער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק.

2. טעכנישע דערפֿינדונגען און פֿאַבריק־סיסטעם.

אַז די מערק האָבן זיך אויסגעברייטערט, דער נאָכפֿרעג אויף סחורות איז געוואַקסן, — זענען גרויס געוואָרן אויך די פֿאָדערונגען, וואָס מען האָט געשטעלט צו די פֿאַרקער־מיטלען און צו דער פּראָדוקציע, — און דאָס ווידער האָט געמוטיקט די אינזשינערן, די דערפֿינדער, די נאַטור־פֿאָרשער, צו באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן פֿונעם מאַרק. גאָר גיך האָט זיך ענגלאַנד באַדעקט מיט אַ געדיכטער נעץ פֿון נייע לאַנד־ און וואַסער־וועגן; די דאַמף־מאַשין איז געוואָרן פֿאַרפֿולקאָמט; אין דער מעטאַל־אינדוסטריע האָט מען אָנגעהויבן מער שטיינקוילן צו פֿאַרווענדן; די שפּין־ראָד און דער מעכאַנישער וועב־שטול האָבן געשאַפֿן די מאָדערנע טעקסטיל־אינדוסטריע. דער גערויש פֿון די מאַשינען, די פֿייער־צונגען פֿון די שמעלץ־אויוונס און די רויך־קנוילן פֿון די פֿאַבריק־קוימענס האָבן אין לעצטן פֿערטל פֿון 18־טן יאָרהונדערט אָנגעזאָגט דעם אָנקום פֿון דער תּקופֿה פֿון קוילן און אייזן.

ענגלאַנד איז מיט ריזן־שריט געגאַנגען צו ווערן פֿון אַן אַגראַר־מלוכה אַן אינדוסטריעל לאַנד. אויפֿן אָרט פֿון אַלטע דערפֿלעך און שטילע דאָרף־ישובֿים זענען אויסגעוואַקסן פֿאַבריקן און גאַנצע אינדוסטריע־קרייזן; די באַפֿעלקערונג איז געוואַקסן מיט אַ

שנעלקייט, וואָס האָט נישט איר גלייכן; די שטעט האָבן זיך געשנעלקייט...

שנעלקייט, וואָס האָט נישט איר גלייכן; די שטעט האָבן זיך געצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט און האָבן פאַרשלונגען דאָס דאָרף־לאַנד. אין יאָר 1750 האָט די באַפעלקערונג פון ענגלאַנד און אויעלס באַטראָפן 6,5 מיליאָן, אין 1821 — שוין איבער 12 מיליאָן. אין 1760 האָט מאַנשעסטער געציילט 40 טויזנט איינוווינער, אין 1816 — 140 טויז.; אין בירמינגאַם איז די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן פון 30 טויזנט אין 1760 ביז 90 טויז. אין 1816; אין ליווערפול פאַר דער זעלבער צייט — פון 35 טויז. אויף 120 טויז. *). אין 1750 האָבן דער אימפּאָרט און עקספּאָרט צוזאַמען באַטראָפן אַרום 20 מיליאָן פונט שטערלינג; אין 1815 האָבן זיי שוין באַטראָפן 92 מיליאָן פונט.

דאָס דאָזיקע געענדערטע בילד איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. ביסלעכווייז האָט די רעוואָלוציע פאַרכאַפּט אין איר ווירקונגס־קרייז די גאַנצע מענטשהייט. און די ווירקונג איז געווען ניט אַן ערך טיפער און אומפאַסנדער, איידער די ווירקונג פון דער אַנטיקער קולטור, פון די קרייץ־צוגן, פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג און פון די צאָרייכע פּאָליטישע רעוואָלוציעס. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָט געשאַפן יסודות פאַר אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג; זי האָט געשאַפן מיטלען אויף צו באַזייטיקן די אָרימקייט, די מענטשן־אונטערדריקונג, די קלאַסן; זי האָט באַשאַפן דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט און דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם.

דער שפּעטערישער פּראָצעס איז באַשטאַנען פון אַזעלכע ריינגען: ווירטשאַפטלעכע באַדערפענישן, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, טעכנאָלאָגישע דערפינדונגען, אינדוסטריעלער שטורם און דראַנג, פאַנאַנדערגעבונדענע פּראָדוציר־קרעפטן, נייע סאָציאַלע אַנשויאונגען,

---

*) די דאָזיקע דערשיינונג (שנעלע פאַרמערונג פון באַפעלקערונג), פאַרבונדן מיט דער פּראָלעטאַריזירונג פון די מאַסן, האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דער פאַרשפּרייטונג פון מאַלטוסעס טעאָריע (1798), אַז די באַפעלקערונג וואַקסט אַ סך שנעלער, איידער די פּראָדוקציע פון לעבנס־מיטלען. די איינציקע רפואה קעגן אָרימקייט איז דעריבער נאָר געשלעכטלעכע זעלבסטבאַהערשונג אָדער — באַשרענקען די צאָל קינדער ביי די אָרימע.

סאָציאַל־קריטיק, קלאַסן־קאַמפן, שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, מאַשינען־פאַרניכטער, פּרוּוון פון סאָציאַל־פּאָליטישע רעפאָרמען, סאָציאַלע רעוואָלוציע.

די וואָס האָבן אַדורכגעפירט די רעוואָלוציע און האָבן אַזוי גוואַלטיק פאַרגרעסערט די מעגלעכקייטן פון דער פּראָדוקציע זענען געווען מייסטערס אַרבעטער, האַנטווערקער און באַשעפטיקטע אין דער קליין־אינדוסטריע. זייער דערפינדערישער גייסט האָט געהאַט אויסצושטיין כּלערליי צרות, אָבער געטריבן פון געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניישן האָבן זיי זיך אויף קיין זאַך נישט אומגעקוקט, זיך נישט גערעכנט נישט מיט די פאָלגן און נישט מיט דער באַלוינונג פאַר זייערע מעשׂים. די מעכאַנישע שפּינערײַ האָבן פאַרפולקאָמט: קעי (אַ זייגערמאַכער), אואַייט (אַ סטאָלער), ערקרייט (אַ פריזירער), הערגרעווס (אַ וועבער) און קראָמפּטאָן (אַ מעכאַניקער). דעם מעכאַנישן וועב־שטול האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם זייגער־מאַכער קעי און דעם טעאָלאָג קערטרייט. די נייע לאַנד־גאַסן און וואַסער־וועגן זענען געבויט געוואָרן דורך צוויי אומגעבילדעטע אַרבעטער ברינדלעי און מעטקעלף, וועלכע האָבן קוים געקאָנט לייענען און שרייבן. די דאַמף־מאַשין און דעם לאָקאָמאָטיוו האָבן פאַרפולקאָמט ניוקאָמען (אייזן־הענדלער), קרעוולען (גלעזער), וואַט (מעכאַניק) און סטעפענסאָן (פּאַסטוך און דערנאָך מאַשיניסט).

די רייכע פינאַנציעלע רעזולטאַטן פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע זענען אַרײַנגעפאַלן נישט צו אַט די פּראַקטישע טוער, וועלכע האָבן דורכגעבראָכן נייע וועגן און נישט צו די וויסנשאַפטלעכע פאָרשער, נישט צו די דערפינדער און נישט צו די פּראָדוקטיווע אַרבעטער, נאָר צו הענדלער און גרונט־מענטשן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט דעם געהעריקן געשעפטלעכן און אונטערנעמערישן גייסט. זיי האָבן סך־רוב גאָר נישט פאַרשטאַנען אין די מעכאַנישע דערפינדונגען, וואָס זיי האָבן באַקומען אין זייער רשות; זיי האָבן אָבער פאַרמאָגט די קענטעניש צו אָרגאַניזירן אַלץ אין גאַנג די צום לעבן אויפגעוועקטע הויך אַנטוויקלטע פּראָדוציר־קרעפטן; און זיי האָבן אויך פאַרמאָגט די אַכזריות, וועלכע איז נייטיק פאַר מאַטעריעלן דערפאָלג, — צו האַלטן פּראָפיט פאַרן העכסטן געבאָט. „די ווייט

גריכטע צאָל פון די נייע אדונים", זאָגט ראָבערט אָאוען, וועלכער איז געווען זייער א צייט־חבר און האָט זיי מייסטנס גוט גע־קענט. „האָט זיך מיט קיין זאך נישט אויסגעצייכנט, א חוץ וואָס זיי האָבן געהאט א חוש פאר געשעפט און געקענט אביסל רעכענען. די שנעלע אָנזאמלונג פון עשירות, צוליב דער אנטוויקלונג פון די מעכאַנישע דערפינדונגען, האָט געשאַפן קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן געהערט צו די אומוויסנדיקסטע און ברוטאַלסטע טיילן פון דער באַפעלקערונג". פון זייערע רייען זענען עם ארויסגעקומען די הויפּט־קאָמאַנדירן פון דער אינדוסטריע, די אָרגאניזאטאָרן פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט־אָרדענונג; פּערזענלעך האָבן זיי די זאך באַנומען אזוי, אז זיי שמידן זייער אייגן גליק, אַז אַלע דער־פּאָלגן האָבן זיי צו פאַרדאנקען זייער אייגענער ענערגיע, און זיי האָבן דעריבער געשטרעבט צו האַנדלען אין אַלץ לויט זייער איי־גענעם פרייען איינזען און האָבן געהאַלטן פאר שעדלעך יעדע מלוכהשע אריינמישונג, יעדע דעה־זאָגעריי מצד דער מאַכט.

3. סמיט, בענטאַם און ריקאַרדאָ.

דער אינדוסטריעלער און האַנדלשער קאַפּיטאַל איז לויט זיינע אינטערעסן און לויט זיין אידעאָלאָגיע געווען קעגן דעם אַלטן אופן פון רעגולירן אַלץ דורך מלוכהשע און פּאָליצייאישע תקנות, וועל־כע האָבן געצאַמט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן; און די דענקער און פאָרשער, וועלכע האָבן געשטרעבט וואָס מער צו אַנטוויקלען די פּראָדוציר־קרעפטן, זענען אויך געווען קעגן אַלטן מלוכהשן און פּאָליצייאישן רעזשים. די גאנצע אַלטע אָרדענונג, וועלכע איז גע־ווען געבויט אויף האַנטווערק, הויז־אינדוסטריע און צעכישער טער־מינאטאָרן־סיסטעם, אויף באַגרעניצונגען פון ארייננפיר, אויף רעג־לאמענטירטער לאנדווירטשאַפט — האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויסגעוויזן אַלס אומדערטרעגלעכע קייטן פאר דער נייער ווירטשאַפט, וואָס אירע לעבנס־נערוון זענען געווען גרויס־באַטריב, טעכניק און פּראָגרעס. דער קאַמף־לאָזונג איז געוואָרן: פרייהייט, פרייהייט פארן יחיד, פרייהייט פארן קאַפּיטאַל צו שאַלטן און וואַלטן, ווי זיין אייגענער אינטערעס זאָגט אים אונטער. נישט

מלוכה, נישט פאָליציי, נאָר דער פריוואַט־אינטערעס פונם מענטשן דאַרף אַלץ רעגולירן און צוגעבן יעדן איינעם חשק צו טון דאָס בעסטע וואָס ער קאָן און צו דערשלאָגן זיך די גרעסטע רעזולטאַטן אין זיין טועכץ.

דאָס יאָר־הונדערט פון אינדוסטריעלער רעוואָלוציע האָט געשאַפן דעם ליבעראַליזם, אַלס מלוכה־וויסנשאַפטלעכן און זיטלעך־עטישן אויסדרוק פון די אינטערעסן און פסיכיק פונם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. אין ענגלאַנד זענען וואָרטפירער פון אָט דעם קלאַס געווען אַדאַם סמיט (1723 — 1790), יערעמיאַס בענטאַם (1748 — 1832) און דאַוויד ריקאַרדאָ (1772 — 1823); פּערזענלעך זענען זיי אַפילו אַלע דריי געווען גרויסע אַרבעטער־פריינט, אָבער אַלס פאָרשער און שריפטשטעלער האָבן זיי פאַרטראָטן די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל און בכלל די אינטערעסן פון פריוואַט־אייגנטום; זיי האָבן אָט די אינטערעסן געהאַלטן פאַר דעם זיכערסטן יסוד פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

לויט סמיטן, איז אַרבעט דער קוואַל פון רייכקייט, און וואָלטן די ערד און אירע רוי־שטאָפן פאַרבליבן כלל־אייגנטום, דאַן וואָלטן די אַרבעטער, אַלס פּראָדוצירער, געבליבן אויך די באַזיצער פונם רייכטום, און יעדער ווערט־צוּוואַקס וואָלט אויך געהערט צו זיי. וואָרום דער ווערט פון אַ פּראָדוקט באַשטייט פון דער אַרבעט, פון דער מי, וואָס איז אויף אים פאַרווענדט געוואָרן. אַזוי ווי קיין כלל־אייגנטום עקזיסטירט אָבער מער נישט, באַקומט דער אַרבעטער נאָר לוין, וועלכער מוז בלויז זיין פּיז אַזאַ הויך, אַז ער זאָל געקענט זיין אויף זיך דורכצולעבן. און דער ווערט צוּוואַקס, וואָס אַ פּראָדוקט באַקומט דורך דער אַרבעט, פאַלט אַריין צום קאַפּיטאַליסט, וועלכער שטעלט צו דעם אַרבעטער די נויטיקע פּראָדוציר־מיטלען.

די מלוכה דאַרף זיך פונדעסטוועגן נישט מישן אינםווירטשאַפטלעכן לעבן, מען דאַרף לאָזן געוועלטיקן דעם פריוואַט־אינטערעס און די נאַטירלעכע פרייהייט, אַרבעט, קאַפּיטאַל און פרייהייט — דאָס זענען די באַדינגונגען פון ווירטשאַפטלעכן אויפבלי. די מלוכה דאַרף זיך באַגרענעצן מיט איין פונקציע — שיצן דאָס אייגנטום. און וואָס איז נוגע די באַציונגען צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, דאַרף מען בלויז, אַז דער קאַפּיטאַל זאָל האַנדלען מיט הו־

מאַנימעט און יושר און איינפירן גוטע לוינען און אַרבעט־באַדינגונגען.

דאָס הויפּטווערק פון אַדאַם סמיט „דאָס רייכטום פון פעלקער" („Wealth of Natiors") איז דערשינען אין יאָר 1776.

בענטאַם איז אַרויסגעטראָטן אי קעגן דער מלוכה אי קעגן די קאָמוניסטן. זיין הויפּט־געדאַנק איז געווען, אַז יעדע געזעלשאַפטלעכע אָדער מלוכהשע אינסטיטוציע דאַרף געמשפּט ווערן לויט דעם, צי זי פאַרשאַפט די גרעסטע מאָס גליק פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן, די מלוכה האָט אָבער קיינמאָל נישט געשטרעבט צו דעם דאָזיקן ציל, נאָר זי האָט, אונטערן אויסרייד פון כלל־אינטערעסן, תמיד אין זינען געהאַט דעם וווילשטאַנד פון אַ קליקע, פון אַ נישטיקער צאָל פּריווילעגירטע יחידים. בכלל איז נישטאָ גאָר קיין כלל־אינטערעסן, נאָר בלויז יחידישע אינטערעסן, ווייל די געזעלשאַפט איז דאָך נאָר אַ סומע פון יחידים. און קאָמוניזם קאָן אויך נישט ברענגען דאָס גרעסטע גליק פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן, ווייל ער פאַרלאַנגט גלייכע פאַרטיילונג, און דאָס מוז ביים פלייסיקן און טיכטיקן אָפּנעמען דעם חשק צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. די נאַטור האָט אַוועקגעשטעלט דעם מענטשן אונטער דער הערשאַפט פון צוויי עלעמענטן: שמערצן און פאַרגעניגן, אָדער נוצלעכקייט און שעדלעכקייט. זיי זאָגן אונדז אונטער, וואָס צו טון און וואָס נישט. אַלץ וואָס פירט צו וווילשטאַנד און גליקזעליקייט איז גוט, דאָס אומגעקערטע איז שלעכט. אַזוי ווי די געזעלשאַפט באַשטייט פון יחידים, פון וועלכע יעדער איינער שטרעבט צו ניצן, וווילשטאַנד און גליקזעליקייט, דעריבער דאַרף יעדער איינער האָבן דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג; אויף וויפיל מען דאַרף בכלל האָבן אַ רעגירונג, דאַרף זי זיין אַ דעמאָקראַטישע; אָבער די דעמאָקראַטישע מלוכה דאַרף זיך אויך באַנוגענען בלויז מיט נעגאַטיווע פונקציעס: באַזייטיקן די מניעות, אויף וועלכע דער יחיד טרעפט אָן אין זיין שטרעבן צו גליק.

בענטאַמס לערע איז איבערגעגעבן אין זיין ווערק „די יסודות פון מאָראַל און געזעצגעבונג" (Principles of Morals and Legislation) וואָס איז דערשינען אין 1789, און איז באַקאַנט אונטערן נאָמען אוטיליטאַריזם (נוצלעכקייט־לערע) אויף דער ענגלישער רע־

פאָרם־באַוועגונג (1825 — 1832) האָט די לערע געהאַט אַ גרויסן אײנפלוס.

ריקאַרדאָ איז געווען הויפטזאַכלעך אַן עקאָנאָמיסט. זיין עיקר־אויפגאבע איז געווען, קלאָר מאַכן דעם ענגלישן פאָלק די ווירקונג, וואָס די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָט געהאַט אויף די קאַטעגאָריעס ווערט, פּרייז, לוין, פּראָפּיט, באָדן־רענטע, און דערקלערן עקאָנאָמיש דעם קעגנזאַץ צווישן בורזשואַזיע און אדל. ריקאַרדאָ טיילט די געזעלשאַפט אויף דריי קלאַסן: קאַפּיטאַליסטן, אַרבעטער און פּריצים. קאַפּיטאַליסטן זענען דער וויכטיקסטער קלאַס פון דער געזעלשאַפט; זיי פירן אָן מיט דער פּראָדוקציע, זיי זענען די טרייבקראַפט פון ווירטשאַפטלעכן לעבן; זייער מקור פון הכנסה איז דער פּראָפּיט. די אַרבעטער זענען בלויז פּראָדוציר־מיטלען, פּונקט ווי לאַסט־חיות, ווי געצייג און מאַשינען; זייער הכנסה־קוואַל איז לוין. פּריצים זענען אין תוך געוועזענע פּאַראַזיטן; זייער קוואַל פון הכנסה איז די באָדן־רענטע. די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל און אַרבעט זענען אין לעצטן סך־הכל אידענטיש, נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ העכערונג פון לוין באַטייט אַ פאַרקלענערונג פון פּראָפּיט; בלויז דורך דעם וואָס מען פירט איין נייע מאַשינען ווערט די דאָזיקע האַרמאָניע געשטערט, וואָרום דעם קאַפּיטאַל ברענגען זיי נוצן, זיי מאַכן אים קאָנקורענץ־פעיקער, און די אַרבעטער, פאַרקערט, ברענגען זיי שאָדן, ווייל זיי שפּאָרן איין לעבעדיקע אַרבעט און פאַררעכנען אַזוי אַרום די צאָל אַרבעטסלאָזע. דאַקעגן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל פון איין זייט און צווישן די פּריצים, וואָס ווערן געשיצט דורך אַגראַר־צאָלן, פון צווייטער זייט איז דער קעגנזאַץ גאָר אַ שאַרפער, ווייל די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און דער אויפבלי פון די שטעט רופן אַרויס אַ פאַרשטאַרקטן נאָכפרעג אויף שפּייז־מיטלען, דאָס פירט צו אַ כסדרדיקן וווּקס פון די פּרייזן און פון דער באָדן־רענטע, אַזוי אַז אַ גרויסער טייל פונם פּראָפּיט און פונם אַרבעט־לוין גייט אַוועק אין די קעשענעס פון די פּריצים. עקאָנאָמיש ליגט דער דאָזיקער קעגנזאַץ נאָך טיפער — וואָרום דער ווערט פון אַ סחורה באַשטייט אין דעם סכום אַרבעט, וואָס איז נייטיק אויף צו פּראָדוצירן און צושטעלן (פון פאַבריק צום קאָנסומענט). אויב עס וואַקסט דער סכום אַרבעט, וואָס עס קאָסט

די פראדוצירונג פון א געווויסער סחורה, אזוי ווערט גרעסער איר ווערט; ווערט דער סכום ארבעט קלענער — אזוי פאלט אויך דער ווערט. אין דער אינדוסטריע האבן מיר טאקע אזא פאל: די פרייזן פאלן, ווייל א דאנק די נייע טעכנישע דערפינדונגען דארף מען איצט ווייניקער ארבעט אויף צו פראדוצירן אלערליי סחורה־ארטיקלען. אבער אין דער לאנדווירטשאפט האבן מיר א פארקערטע דערשיינונג. צוליב דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע וואקסט דער נאכפרעג אויף דערנער־מיטלען; מע הויבט אן באארבעטן דעם ערגערן באדן, ד. ה. דעם באדן, וווּ מען מוז פארווענדן גרעסערע סכומען ארבעט. גרעסערע סכומען ארבעט באטייטן העכערן ווערט, העכערע פרייזן; און אזוי ווי די גרויס פון דער באדן־רענטע ווערט באשטימט לויט דער גערעטעניש פונם ערגערן, מינדערווערטיקן באדן, קומט אויס, אז די רענטע פאר בעסערן ערד־באדן ווערט דערביי פארגרעסערט. דער וווּקס פון די פרייזן אויף דערנער־מיטלען פירט צו דעם, אז די ארבעטער שטעלן ארויס העכערע לוין־פאדערונגען, ווארום לוין איז דאך נישט מער ווי א באשטימטער סכום לעבנס־מיטלען, וואס דער ארבעטער מוז האבן פאר זיין עקזיסטענץ. העכערע לוין־פאדערונגען פירן צו צוזאמענשטויסן צווישן קאפיטאל און ארבעט, צו שטרייקן, צו אומצופרידנקייט פון די מאסן, צו שטערונגען אין דער פראדוקציע. איינגייען אויף העכערע לוין־פאדערונגען — פארקלענערט דאס דעם פראפיט, ווייל וואס העכער דער לוין, אלץ קלענער איז דער פראפיט: די שייכות צווישן לוין און פראפיט איז אן אומגעקערט־פראפארציאנעלע. און איבעריקנס, האט דער ארבעטער אויך קיין שום נוצן נישט פון די העכערע געלט־לוינען, ווייל ער מוז סיי ווי אלץ אויסגעבן אויף לעבנס־מיטלען. עס קומט דעריבער אויס, אז דער איינציקער קלאס, וואס האט דעם גרעסטן נוצן פון דער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג, זענען די פריצים. און דערפאר — דער קלאסן־קאמף צווישן בורזשואזיע און אדל.

דאס הויפט־ווערק פון ריקארדא הייסט „די יסודות פון פאליטישער עקאנאמיע און פון שטייער־וועזן“ („priinces of political economy and taxation“) און איז דערשינען אין יא־ 1817. ריקארדא האט אין זייער א גרויסער מאס צוגעגרייט דעם

באָדן פאַר די שפּעטערדיקע סאָציאַליסטן, דורכדעם וואָס ער האָט דעפינירט די באַגריפן קלאַס, ווערט, לוין, באָדן־רענטע, און אויך אָנגעוויזן אויף די קעגנזאַצן צווישן די קלאַסן. די גאַנצע סאָציאַל־קריטיק זייט 1820, מאַרקס נישט אויסגענומען, קניפּט כסדר אָן אין ריקאַרדאָן; דאָס גילט בפֿרט פֿאַר באָדן־רעפאָרמער. די סאָציאַל־קריטיקער גייען אַרויס פון ריקאַרדאָס ווערט־טעאָריע, די באָדן־רעפאָרמער — פון זיין טעאָריע וועגן באָדן־רענטע; זיי האָבן אַזוי אַרגומענטירט: אַזוי ווי די גרעסערע באָדן־רענטע איז נישט קיין רעזולטאַט פון פּערזענלעכער אַרבעט פון די פּריצים, נאָר אַ פּראָדוקט פון דער אַלץ וואַקסענדיקער אינדוסטריעלער ציוויליזאַציע, דעריבער דאַרף דער נישט־פאַרדינטער ווערט־צוּוואַקס פאַרווענדט ווערן אין די אינטערעסן פון גאַנצן כּלל.

II. ענגלישע סאָציאַל־קריטיק אין דער ערשטער פאַזע פון דער ווירטשאַפט־לעכער איבערקערעניש.

1. ראָבערט אוּאָלעס: קאָמוניזם און איבער באַפעלקערונג

די ווירטשאַפטלעכע רעוואָלוציע האָט באַלד פון איר אָנהייב אָן, געוועקט דעם סאָציאַל־קריטישן געדאַנק און אים געשטויסן צו פאַרנעמען זיך מיט סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען.

איינער פון די ערשטע דענקער פון דעם מין איז געווען דער טעאָלאָג ראָבערט אוּאָלעס (1679 — 1771); אין זיין בוך „פאַרשידענע פּערספּעקטיוון" (1761), שטעלט ער די פראַגע: ווי קומט עס, אַז דער מענטש, ביי זיינע פעהיקייטן און ביי אַלע נאַטור־אוצרות, געפינט זיך פונדעסטוועגן נאָך אויף אַזאַ נידעריקער קולטור־מדרגה? נישט אין עטיק און נישט אין פילאָזאָפיע, נישט אין נאַטור־וויסנשאַפט און נישט אין סאָציאַלן לעבן זענען נאָך ניט דערגרייכט קיין באַפרידיקנדיקע רעזולטאַטן; און דאָס פירט אַרויף אויפן געדאַנק, צי וואָלט מען נישט געקאָנט אָט די אַלע דעפעקטן באַזייטיקן מיט דער הילף פון קאָמוניזם? צוערשט גיט אוּאָלעס אויף דער פראַגע אַ פּאָזיטיוון ענטפער; קאָמוניזם איז נישט קעגן דער מענטשלעכער נאַטור, וואָרום אין דער אור־צייט פון דער מענטשהייט האָט דאָך געהערשט פאַרמעגן־גלייכהייט. און איצט וואָלט מען נאָך אויך געקאָנט ווידער איינפירן קאָמוניזם, הגם די רייכע און מעכטיקע, וועלכע האָבן אַזאַ אומגעהויערן נוצן פונם פּריוואַט־אייגנטום, וואָלטן געשטעלט דעם גרעסטן ווידערשטאַנד קעגן אַזאַ אומענדערונג. דער קאָמוניזם וואָלט אַ סוף געמאַכט צו אָרימקייט, איבעראַרבעט, אומוויסנקייט און אומזיטלעכקייט. עס איז אָבער

פּאַרט אוממעגלעך. און די אמתע מניעה איז די שנעלע פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג, וואָס וואָלט זיך אָנגעהויבן ביי אַ קאָמוניסטישער ווירטשאַפט-אָרדנונג און וואָס וואָלט לסוף געפירט צום קאַמף פון אַלע קעגן אַלע, — וואָרום די דערנער־מיטלען קאָנען קיינמאָל נישט זיך פאַרמערן אַזוי שנעל, ווי די באַפעלקערונג.

מען ווייסט, ווי אַלט די דאָזיקע טענה קעגן קאָמוניזם איז. אָבער זייט דעם לעצטן פערטל פון 19־טן יאָרהונדערט האָט די דאָזיקע טענה שוין פאַרלוירן יעטווידן זינען, ווייל פון דאַן אָן איז די צאָל קינדער־געבורטן אויף אַזוי פיל געפאַלן אין אַלע קולטור־לענדער, אַז מען קלערט איצט גיכער וועגן דעם, ווי אָפּצושטעלן אָט דאָס פאַלן.

2. ספּענס און באָדן־רעפאָרם.

טאָמאַס ספּענס (1750 — 1814) איז געווען דער ערשטער מוניציפּאַל־סאָציאַליסטישער באָדן־רעפאָרמער. ער איז פריער געווען אַ זייגערמאַכער, אַ בוכהאַלטער, אַ לערער אין ניוקעסטל, דערנאָך האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט סאָציאַלע פאָרשונגען, און אין 1775 האָט ער אין דער פילאָזאָפישער געזעלשאַפט אין ניוקעסטל געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן דער אומגערעכטיקייט פון פריוואַט־אייגנטום אויף ערד. דערנאָך האָט ער דעם פאָרטראַג געלאָזט אָפּדרוקן און האָט אים אַליין פאַרשפּרייט, צו אַ ביליקן פּרייז פון עטלעכע פעניג; האָט מען אים דערפאַר אויסגעשלאָסן פון דער פילאָזאָפישער געזעלשאַפט. דעם זעלבן פאָרטראַג האָט מען שפּעטער אַ סך מאָל איבערגעדרוקט, אונטער פאַרשידענע נעמען: אין 1793 אונטערן נאָמען „די ווירקלעכע מענטשן־רעכט", אין 1796 אונטערן נאָמען „דער זון־הויך־פונקט (זעניט) פון פרייהייט", איז 1882 אונטערן טיטל „די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד" א. א. וו. די גרונט געדאַנקען ספּענסערס, ווי אויך פון ס'רוב זיינע נאָכפאָלגער, זענען: בעתן אור־צושטאַנד פון מענטשלעכן מין איז די ערד געווען כלל־אייגנטום, אַזוי אַז יעדער ניי־געבוירן קינד האָט געהאַט אַ געזיכערט רעכט אויף אַ גלייכן חלק ערד. דאָסגלייכן זענען אַלע מענטשן געווען דעמאָלט פריי און האָבן געלעבט אָן שום מלוכה-

צוואַנג, אָן מענטשן־געזעצן. ווירטשאַפטלעכע גלייכהייט און סאָציאַלע פרייהייט זענען בכן איינגעבוירענע מענטשן־רעכט.

ווי אונזערע לעזער ווייסן, שטאַמען אַזעלכע טעאָריעס פון דעם אַלטן נאַטור־רעכט. זייט דעם 18 יאָרהונדערט, זייט מען האָט דעם מענטשן איינגעגלידערט אין דער וועלט פון חיות און אָנגעהויבן פירן זיין אָפּשטאַמונג פון א געוויסן מין מאַלפּעס — פון דאַן אָן האָט מען גענומען קוקן אויפן מענטשלעכן מין, ווי אויף אַ סטאַדע מענטשן־חיות, וואָס די ערד איז זייער געמיינזאַמער פאַשע־פּלאַץ, פּונקט ווי וועלדער, טייכן און אָזערעס זענען די דערנערונגס־ און פאַרמערונגס־פּלעצער פאַר אַנדערע מינים פון דער חיותוועלט. דער נאַטור־צושטאַנד האָט אָבער ביסלעכווייז אויפגעהערט, צום טייל מחמת דער פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט גורם געווען פיל שוועריקייטן און מניעות, און צום טייל מחמת די בייזע תאוות און גוואַלטזאַמע מעשים פון מאַכט־גיריקע פּערזאָנען, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט גרויסע טיילן ערד אין זייער אויסשליסלעכן רשות; אויף דעם זעלבן אופן זענען מסתּמא אַנטשטאַנען די באַגריפן פון פּריוואַט־אייגנטום בנוגע די זאַכן, וואָס מענטשן האָבן געשאַפן מיט זייער אייגענער אַרבעט אָדער זיי האָבן זיי באַדייטנד אויסגעבעסערט. אַלזאָ, שלעכטיקייט און גוואַלט האָבן צעשטערט דעם נאַטור־צושטאַנד פון דער מענטשהייט און געשאַפן פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד און באָדן, און פּערזענלעכע אַרבעט האָט געשאַפן פּריוואַט־אייגנטום אויף באַוועגלעכע זאַכן. די אַלטע נאַטור־אָרדענונג האָט זיך נישט געקאָנט מער האַלטן; א נייע אָרדענונג איז געשאַפן געוואָרן אויפן יסוד פון א שווייגנדיקן אָדער אויסגערעדטן געזעלשאַפטס־אָפּמאַך; עס זענען איינגעפירט געוואָרן פּריוואַט־אייגנטום און מלוכה, כדי צו באַזייטיקן כלערליי שוועריקייטן און מניעות און איינצוצוימען די גוואַלט און שלעכטיקייט פון דעם יחיד.

אַזוי איז אויפגעקומען די בירגערלעכע געזעלשאַפט, אָדער די ציוויליזאַציע. רייכטום איז טאַקע געוואָרן מער, לאַנדווירטשאַפט, האַנדל און אינדוסטריע, וויסנשאַפט און קונסט האָבן זיך אַנטוויקעלט, אָבער די מענטשהייט איז צעשפּאָלטן געוואָרן אויף אָרעמע און רייכע, ס'האָבן זיך געמאַכט גרויסע קעגנזאַצן און קלאַסן־קאַמפן,

עס האָבן זיך געשטאַרקט עגאָאיזם, מאַכט־תאווה, געלט־גיריקייט,
שווינדל, עקספּלואַטאַציע און פאַרברעכנס — קורץ, עס איז געקור־
מען צום איצטיקן גוט־באַקאַנטן סאָציאַלן עלנט. און דעריבער איז
נייטיק א רעפאָרם, וועלכע זאָל קאָנען פאַרבינדן די מעלות פונם
נאַטור־צושטאַנד (גלייכהייט און פרייהייט) מיט די מעלות פון דער
ציוויליזאַציע (פאַרמערונג פון רייכטום, אויפבלי פון וויסנשאַפט
און קונסט).

פאַר אזא רעפאָרם האָט ספּענס געהאַלטן די מוניציפּאַליזאַציע
פונם באָדן. זאָל די נאַציע אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג קינ־
דיקן און מבטל מאַכן דעם איצטיקן געזעלשאַפטס־אָפּמאַך, און זאָל
זי אָפּנעמען די ערד ביי די באָדן־אייגנטימער און זי אָפּגעבן צוריק
צו די געמיינדעס, וועלכע וועלן זי פאַר א מעסיקער רענטע געבן
די פּויערן צו באַאַרבעטן. מיט די הכנסות פונם ערגנדע־אָפּצאָל
וועט מען דעקן די הוצאות אויף פאַרוואַלטונג און אויף בילדונג.
קיין שום אַנדערע שטייערן דאַרפן נישט זיין. פאַרקערט, האַנדל
און אינדוסטריע דאַרפן ווייטער בלייבן פריי און זיך פירן
אויף א ליבעראַלן אופן.

דאָס זענען די גרונט־געדאַנקען — פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע
— אויף וועלכע עס שטיצט זיך די באַוועגונג פאַר א באָדן־רעפאָרם
נאָך ביזן היינטיקן טאָג, — אויב נישט רעכענען נאָך ריקאַרדאָס
טעאָריע וועגן רענטע. די פאַרשידענע ריכטונגען פון אָט דער באַוועג־
גונג גייען זיך פאַנאַנדער נאָר אין פּרטים, בנוגע די פּאָזיטיווע פאָר־
שלאָגן. עס האָט דערום קיין זינען נישט צו באַהאַנדלען באַזונדער
אַלע ריכטונגען מיט זייערע פירער — אָזשילוי, פּעין, דאָוו, הענרי
דזשאָרדזש —און מיט זייערע פראַנצויזישע, בעלגישע און דויי־
טשע נאָכפאָלגער. אַלע פאַרנעמען זיי א מיטל־פּאָזיציע צווישן
סאָציאַליזם און ליבעראַליזם: זיי זענען סאָציאַל ליבעראַל, געוויינ־
לעך מער ליבעראַל ווי סאָציאַל. נישט אַזוי ריכטיק איז דאָס גראָד
לגבי ספּענסן אליין, וועלכער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן פּראָלע־
טאַרישע, ערלעכע און קאָנסעקווענטע נאַטור, אין האָט זיין גאַנץ
לעבן זיך באַטייליקט אין אַלע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע באַ־
וועגונגען, מיט גרויסע קרבנות און ליידן דערביי.

3. גאָדווין און דער אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם

ספּענסס צייט־חבר וויליאם גאָדווין (1756 — 1836), דער
באַגרינדער פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, איז אינטעלעקטועל גע־
שטאַנען אַ סך העכער פאַר ספּענסן, אָבער מאָראַלישע קראַפט
האָט ער פאַרמאָגט אַ סך ווייניקער פאַר אים. גאָדווין איז תּחילת
געווען אַ טעאָלאָג; ער האָט זיך אָבער אין סעמינאַר באַקאַנט מיט
די ווערק פון דער פראַנצויזישער אויפקלערונגס־צייט און האָט לסוף
געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זיין גלחישן אַמט. די ערשטע אויפברויזן
פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן אים שטאַרק פאַרכאַפּט,
און ער האָט אָנגעשריבן אַ ווערק אין צוויי בענדער: „סאָציאַלע
גערעכטיקייט" („Polical justice") דאָס בוך איז דערשינען
אין יאָר 1793, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, און איז אַ לאַנגע
צייט געווען זייער באַרימט. גאָדווין האָט דאָ געפּרוווט אויפ־דעקן
די שלעכטע און פאַלשע זייטן פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג
און די סיבות זייערע, און דערווייזן לאָגיש, אַז אַלגעמיינער וווּיל
קאָן דערגרייכט ווערן נאָר, אויב מען זאָל אָננעמען און פאַרוויר־
קלעכן די געבאָטן פון גערעכטיקייט. זיין בוך איז, אַלזאָ, אַ סאָציאַל־
פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג, געשריבן פון עטישן שטאַנדפּונקט.

די אָפּהאַנדלונג איז איינגעטיילט אין 8 ביכער, וועלכע באַזירן
אַלע אויף פאָלגנדיקע הויפּט־געדאַנקען: די מעכטיקסטע פעהיקייט
פון מענטשלעכן גייסט איז דער פאַרשטאַנד; ער רעגולירט סיי די
פּרייוויליקע סיי די געצווונגענע באַוועגונגען פונם מענטשן; ער
איז די אוממיטלבאַרע טרייב־קראַפט פונם מענטשנס האַנדלונג; פון
אים (פון פאַרשטאַנד) אַלזאָ הענגט אָפּ אויך די מאָראַל פונם
מענטשן. פּאָליטיק (אין אַלטן גריכישן זינען גענומען: געזעלשאַפט־
לעכע טעטיקייט) באַשטייט פון מענטשלעכע האַנדלונגען, ס'הייסט
פון מאָראַלישע אָדער נישט־מאָראַלישע מעשים פון מענטשן, פון
גרופּעס מענטשן, פון דער רעגירונג א. א. וו. פּאָליטיק אַלס לערע
איז דעריבער דאָס זעלבע וואָס עטיק. דער ציל פונם מענטשן איז
גליק, גייסטיקער און פיזישער ווילשטאַנד. גליק קאָן אָבער דער־
גרייכט ווערן נאָר דורך טוגנט און גערעכטיקייט, דורך זיטלעכע־
האַנדלונג. דער מענטש איז אַ פּראָגרעסיוו באַשעפעניש, ער איז

אויפן העכסטן גראד פעהיק צו פארפולקאמען זיך. מען דארף בלויז אפראמען פון וועג, באזייטיקן אלץ, וואס לאזט נישט דעם פאר־שטאנד צו דערקענען די אמתע גערעכטיקייט און זי מאכן פאר דער טרייבקראפט פונם מענטשנס מעשים. און אזוי ווי דער פארשטאנד שעפט זיין דערקענטעניש פון די איינדרוקן פון דער דרויסן־וועלט, קאן ער דעריבער נאר דאן באקומען גוטע איינדרוקן און זיי איבער־ארבעטן אויף ריכטיקע און זיטליכע דערקענטענישן און מאטיוון, ווען די דרויסנדיקע וועלט אדער דאס געזעלשאפטלעכע לעבן איז ארגאניזירט אויף א גוטן און גערעכטן אופן. מען מוז, הייסט עס, אומאנדערשן דאס געזעלשאפטלעכע לעבן לויט עטישע כללים.

די הויפט־מניעות פאר א זיטלעך כאציאל לעבן זענען פרי־וואט־אייגנטום און מלוכה־געוואלט. און דער עיקר טאקע דאס פריוואט־אייגנטום. „פון דער ריכטיקייט אדער נישט־ריכטיקייט פון אונזערע בליקן אויף דער דאזיקער זאך הענגט אפ, ביז וואסער גראד מיר וועלן קאנען באגרייפן די פאלגן פון אן איינפאכער (נא טור־קאמוניסטישער) געזעלשאפט־פארם אן א רעגירונג, און וועלן אפראמען די פאהורטיילן, וועלכע בינדן אונז צו צו דער היינטיקער קאמפליצירטער געזעלשאפט (ד. ה. צו דער געזעלשאפט, אין וועל־כער עס הערשן פריוואט־אייגנטום, מלוכה־געוואלט, פאליציי, האנ־דעל, שאכער א. א. וו.)"*) די איצטיקע פארטיילונג פון רייכטום איז א שלעכטע; די באלוינונג פון ארבעט איז אן אומגערעכטע. איבערפלוס און הונגער, ווילקיר און שקלאפעריי, גאוה און קנעכ־טישקייט זענען זיכערע סימנים דערויף, אז אונזער געזעלשאפט־לעבן איז געפערלעך קראנק. צוליב דער הערשאפט פון פריוואט־אייגנטום איז עגאאיזם געווארן די שטארקסטע טרייב־קראפט פון מענטשלעכע האנדלונגען. דערפון נעמען זיך זינדיקייט, אומווי[illegible]־קייט, מארד און קריג, מענטשן־שנאה און פעלקער־האס, אזוי אז דער מענטש קאן זיין ציל — די גליקזעליקייט — נישט דערגרייכן.

א רפואה קאן נאר זיין איינע — צוריק אויפשטעלן א ווירט־שאפטלעכע גלייכהייט, אפשאפן פריוואט־אייגנטום. די רפואה דארף אבער אנגעווענדעט ווערן נישט אויפן וועג פון געוואלט און

---

*) בוך 8, קאפיטל 1.

צוואַנג, נאָר אויפֿן וועג פֿון אויפֿקלערונג און דערציִונג. מען קאָן און מען מוז דורך פֿרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע איבערצייגן די פֿאָלקס־מאַסן, אַז ס'איז מעגלעך אַ געזעלשאַפֿט אָן פּריוואַט־אייגנטום און אָן אַ צוואַנג־רעגירונג. זאָל זיך נאָר דורכשלאָגן די דאָזיקע איבערצייגונג, אַזוי ווערט פֿריי דער וועג פֿאַרן פֿאַרשטאַנד, און ער וועט פֿירן די מענטשהייט צו העכסטער דערקענטעניש און טוגנט. די קומענדיקע געזעלשאַפֿט וועט נישט זיין אָרגאַניזירט אַזוי שטרענג; דער יחיד וועט זיך קאָנען פֿריי באַוועגן; יעדער איינער וועט טון זיין אַרבעט אין גייסט פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

אין יאָר 1796 האָט גאָדווין געהייראַטעט מיט דער פֿאָרקעמפֿערין פֿאַר פֿרויען־רעכט מאַרי אואָלסטאָנקרעפֿט (די פֿאַרפֿאַסערין פֿון בוך: „פֿאַרטיידיקונג פֿון פֿרויען־רעכט„). פֿון דער הייראַט איז געבוירן געוואָרן מאַרי גאָדווין, שפּעטער די פֿרוי פֿון שעלי, איינעם פֿון די רעוואָלוציאָנערסטע און גרעסטע דיכטער פֿון אַלע צייטן.

די ווערק, וועלכע גאָדווין האָט געשריבן נאָכן יאָר 1798, האָבן שוין אַ קנאַפּן ווערט. און זיין פֿערזענלעכע אויפֿפֿירונג פֿון יענער צייט איז אויך געווען אַ ירידה — צו דער מדרגה פֿון אַ געוויינלעכן בירגערלעכן ליטעראַט. ער האָט איבערגעלעבט זיין אייגענעם רום.

4. שאַרל האָל — דער טעאָרעטיקער פֿון קלאַסן־קאַמף

דער באַדייטנדיקסטער סאָציאַל־קריטיקער פֿון יענער צייט — די ערשטע פֿאַזע פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער רעוואָלוציע — איז בלי ספֿק געווען דער מעדיצין־דאָקטאָר שאַרל האָל (1740—1820). אין 1805 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בוך „די ווירקונגען פֿון דער ציוויליזאַציע“ („Effacts of civilisation“), וווּ ער האָט פֿאָרמולירט דעם שאַרפֿן, אומרחמנותדיקן אינטערעסן־קעגנזאַץ צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, און האָט זיך באַמיט סטאַטיסטיש צו באַגרינדן דעם דאָזיקן געדאַנק. ער גייט אויך אַרויס פֿון דעם נאַטור־

רעכטלעכן געדאַנק, אַז די אור־געזעלשאַפט האָט נישט געווּסט נישט פון פּריוואַט־אייגנטום און נישט פון מלוכה־רעגירונג; ערשט אין דער תקופה פון ציוויליזאַציע האָבן זיך די דאָזיקע צוויי אינסטיטוציעס אַנטוויקלט, און זיי האָבן געשפּאָלטן די געזעלשאַפט אויף אָרימע און רייכע, אויף עקספּלואַטירער און עקספּלואַטירטע, אויף הערשער און אונטערטעניקע. רייכטום איז מאַכט; די וואָס פאַרמאָגן אַ סך, ווערן הערשער איבער די אָרימע; די לעצטע ווערן געצוואונגען צו גיין אין די פאַבריקן און שאַכטעס, צו טון די געפערלעכסטע און שמוציקסטע אַרבעטן. די אַרבעטער שאַפן ווערטן, און באַקומען נאָר לוינען. דער אונטערשייד צווישן ווערט און לוין — דאָס איז פּראָפיט, מיט וועלכן עס טיילן זיך דער ערד־באַזיצער, דער אונטערנעמער און דער הענדלער. וואָס זשע גיט די רייכע די מעגלעכקייט אָפּצונעמען ביי די אַרבעטער אַ טייל פון דעם, וואָס זייער אַרבעט באַטרעפט? דער קאַפּיטאַל, אָדער דער טייל גיטער, וואָס דער אונטערנעמער שטעלט צו די אַרבעטער אין דער פאָרם פון פּראָדוציר־מיטלען, פון רוישטאָפן און לוין, כדי זיי זאָלן אימשטאַנד זיין אויסצופּאַרטיקן וואָס מער גיטער. אָבער די גיטער, וואָס בילדן דעם קאַפּיטאַל, זענען אַליין אויך פּראָדוקטן פון דער אַרבעט פון די אָרימע.

פאַרוואָס אָבער גייען די אַרבעטער איין אויף אַזעלכע באַציאונגען? ווייל דער אָפּמאַך צווישן ביידע צדדים איז נישט קיין פרייוויליקער. די אָרימע האָבן נישט קיין ברירה; זיי מוזן אָננעמען די באַדינגונגען פון די קאַפּיטאַל־באַזיצער, אָדער זיי זאָלן שטאַרבן פאַר הונגער. עס איז אַבסאָלוטער צוואַנג מצד דעם באַזיצער און אַבסאָלוטע געצוווּנגענקייט (מוז) מצד דעם אַרבעטער. צווישן באַזיצנדיקע און נישט באַזיצנדיקע, קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער, איז אַ דירעקטער אַבסאָלוטער קעגנזאַץ.

דער דורכשניטלעכער יערלעכער לוין פון אַן ענגלישן אַרבעטער איז 25 פונט שטערלינג. די אַרבעטנדיקע מאַכן אויס אַכט צענטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אין אַ נאַציע פון 10 מיליאָן מענטשן געהערן, אַלזאָ, 8 מיליאָן צום אַרבעטער־שטאַנד. אויב רעכענען, אַז אַן אַרבעטער־פאַמיליע באַשטייט פון 5 פּערזאָן, האָבן מיר, הייסט עס, 1.600.000 אַרבעטער־פאַמיליעס. זייער אַל־

געמיינע הכנסה פאַר אַ יאָר איז 251.600.000 אָדער 40 מיליאָן פונט שטערלינג. און וואָס באַטרעפט די נאַציאָנאַלע הכנסה אַ יאָר? אַרום 1780 האָט מען די באָדן־רענטע פון ענגלאַנד געשאַצט אויף 20 מיליאָן פונט. פון דעמאָלט אָן איז זי אויסגעוואַקסן אויף 10 מיליאָן, באַטרעפט זי איצט (1804) 30 מיליאָן. לויט ווי אַדאַם סמיט נעמט אָן, מאַכט די באָדן־רענטע אויס אַ דריטל פון דעם ווערט, וואָס די ערד ברענגט אַריין. דער גאַנצער ווערט־באַטרעף איז אַלזאָ 90 מיליאָן פונט שטערלינג. לויט אַנדערע אויסרעכענונגען איז ער 112 מיליאָן. איצט לאָמיר פון דער לאַנדווירטשאַפט אַריבער צו דער אינדוסטרי. ווי דער פּרעמיער־מיניסטער ה' פּיט האָט אין יאָר 1804 מיטגעטיילט, האָבן די אַרויסגעפירטע מאַנופאַקטור־סחורות באַטראָפן 50 מיליאָן פונט. דער היימישער, אינערלעכער מאַרק שלינגט איין די זעלבע סחורות צוויי מאָל אָדער דריי מאָל אַזוי פיל, ווי עס ווערט אַרויסגעפירט. די דאָזיקע פאַבריציעס שטעלן מיט זיך פאַר די הכנסה, וואָס די אַרבעט ברענגט אַריין אין משך פון אַ יאָר. אַלע צוזאַמען מאַכן זיי אויס 312 מיליאָן. דערפון באַקומען די פּראָדוצירער פון אָט דער הכנסה, ד. ה. די אָרימע, 40 מיליאָן פונט שטערלינג, ס'הייסט קוים אָן אַכטל דערפון, וואָס זייער אַרבעט באַשאַפט. אַכט צענטל באַפעלקערונג באַקומען בלויז איין אַכטל, און צוויי צענטל באַקומען זיבן אַכטל פון דער יערלעכער נאַציאָנאַלער הכנסה. און שעפער פון דעם דאָזיקן רייכטום זענען דאָך די ערשטע!

דער שאָדן פון די אָרימע איז דער נוצן פון די רייכע. וואָס מער די ציוויליזאַציע פאַרשפּרייט זיך אַלץ גרעסער ווערט דאָס רייכטום אין די הענט פון זייער באַזיצער. דער וווּקס פון רייכטום ווייזט זיך אַרויס אין דעם, וואָס עס וואַקסט די באָדן־רענטע; אין דעם וואָס עס וואַקסן די מלוכה־חובות, וועלכע מאַכן די מלוכה אַלץ מער אָפּהענגיק פון די געלט־מאַגנאַטן, אין דעם וואָס עס ווערט אַלץ מער מאַנופאַקטורן, געשעפט־הייזער, האַפנס, שיף־וואַרשטאַטן, סחורה־לאַגערס, לאַנד־און וואַסער־וועגן און עס ווערט אַלץ גרעסער דער אַריינפיר און אַרויספיר פון סחורות. דער וווּקס פון רייכטום גייט האַנט אין האַנט מיט אַ וווּקס פון דער אָרימע; די מיטל־שיכטן, וועלכע האָבן זיך נאָך ביז אַ געווויסער מאָס

געקאָנט האַלטן איבער דער ליניע פון אָרימקייט, זינקען איצט אויך נידעריקער פון דער ליניע. די אָרימע אָבער זינקען נאָך טיפער, ווייל מיטן וואַקסן פון רייכטום וואַקסן אויך די אַספּיראַציעס פון די רייכע, עס וואַקסט זייער באַדערפעניש אין פאַרשענערונגען, אין לוקסוס־זאַכן, און צוליב דעם ווערט די אַרבעט נאָך אינטענסיווער און לענגער. די סיטואַציען ווערן דורכדעם אויף אַזוי פיל פאַרשאַרפט, אַז מען מוז מורא האָבן, די אָרימע זאָלן לסוף זיך נישט כאַפּן פאַר געוואַלטזאַמע מיטלען, כדי צו באַפרייען זיך פון דעם דרוק, וואָס לאַסטעט אויף זיי. די רייכע וואָלטן דערויף געענטפערט מיט רעפּרעסיעס, און ביי אַזאַ בירגער־קריג וואָלט געווים געקומען צו דער מיליטאַריזירונג פון דער מלוכה און אפשר אויך צו פּרעטאָריאַנישער הערשאַפט.

די רייכע זענען אַזוי אויך לייכט אויף אָנצוצינדן דאָס פייער פון מלחמה. דער ציל פון יעדער מלחמה איז — אויסברייטערן דעם האַנדל און די מאַנופאַקטורן אָדער די טעריטאָריע, אָדער נקמה צו נעמען. די קאָנקורענץ פון די רייכע פון אַלע האַנדלס־און מאַנופאַקטור־פעלקער אַרום די רוי־שטאָפן און לוקסוס־זאַכן פון פרעמדע לענדער פירט צו מלחמות; די אָרימע האָבן נישט אַבסאָלוט גאָר נישט פון די מלחמות, הגם די רייכע מאַכן תמיד דעם אָנשטעל אַז זיי פירן מלחמה פאַרן וווּל פון פאָלק. די תאווה צו וואָס שטאַרקערער עקספּלואַטאַציע טרייבט די רייכע צו פאַרכאַפּן פרעמדע פעלקער, און דאָס פירט ווידער צו נייע בלוטיקע קאָנפליקטן. די גאווה און די אַגרעסיוויקייט פון די רייכע זענען גורם, אַז ביים מינדסטן ווידערשטאַנד, וואָס זיי טרעפן אָן אין אויסלאַנד, כאַפּן זיי זיך פאַרן געווער, כדי צו שיצן די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע ערע. אָבער אומעטום און כסדר זענען עס די אָרימע — די, וואָס מוזן טראָגן אַלע לאַסטן פון דער מלחמה. דעריבער זענען רייכע אַזוי קריגס־לוסטיק, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן באַפאַלן פרעמדע פעלקער. און נאָך טעמים זענען פאַראַן, פאַרוואָס די רייכע ווילן מלחמה. ווי נאָר זיי זעען, אַז די אָרימע קלייבן זיך צו באַשטייען אויף זייערע רעכט, אָדער ווילן מאַכן אַ פּרוּוו צו פאַרבעסערן זייער לאַגע, אַזוי ברעכט אויס עפּעס אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפליקט, און מען הויבט אָן העצן די אָרימע איינע אויף די צווייטע, זיי זאָלן

איינע אויף די אנדערע שיסן. די מלחמה, וואס מיר פירן שוין זייט יארן מיט פראנקרייך*), האט זיך גיכער פאר אלץ אויך גענומען פון ענלעכע סיבות. ווען דאס פראנצויזישע פאלק האט זיך אויפגעהויבן, כדי צוריק איינשטעלן פאליטישע גלייכהייט און אויך איינפירן געוויסע ווירטשאפטלעכע רעפארמען, האבן זיך די הערשער און רייכע פון אלע לענדער שטארק דערשראקן. זיי האבן מורא געהאט, די רעוואלוציע זאל זיך נישט אריבערווארפן פון פראנקרייך קיין איירָאפּע, אויב די פראנצויזן וועלן האבן דערפאלג אין זייערע שטרעבונגען, כדי צ ושטערן דעם דאזיקן דערפאלג, האבן די רייכע פארפירט א מלחמה קעגן פראנקרייך, און האבן געצוווּנגען די ארימע אליין צו נישט צו מאכן די מעגלעכקייט פון פארבעסערן זייער לאגע. אז מען באטראכט דאס אלץ, טוט ווי דאס הארץ. די ארימע האבן אליין געמוזט א תל מאכן פון זייערע האפענונגען און האבן נאך חוץ דעם געמוזט נעמען אויף זיך די לאסטן פון דער שרעקלעכער אונטערנעמונג. די רייכע ווייסן זייער גוט, וואס פאר א נוצן מלחמה ברענגט. און דערפאר באמיען זיי זיך, אז שוין פון קינדוויז אן זאל מען די שילער דערציען אין גייסט פון מלחמה. די ביכער פון געשיכטע זענען פול מיט אזוינע שילדערונגען. זיי באצירן די מלחמות מיט די צונעמען: פרעכטיק, גלענצנד, דערהויבנדיק; זיי רימען די העלדן און זייערע העלדישקייטן, דאס הייסט די בלוטיקע קריג־פירער, די בלוט־פארגיסונגען און די מלחמה רוצחים. זיי מיידן אבער בכיון אויס צו שילדערן די גרויל־סצענעס פון דער מלחמה — די צעריסענע לייבער, די הארצרייסנדע קרעכצן פון די פארוווּנדעטע, די הויפנס טויטע און די איבערגעפולטע שפיטאלן.

עס מוז נישט אנדערש אן אייזערנע קראפט זיין, אויב זי קאן אויף פעלקער און לענדער אראפלאזן די אומגליקן פון מלחמה, קעגן יעדן פארשטאנד, קעגן אלע געפילן פון דער מענטשלעכער נאטור. און די קראפט איז — רייכטום, קאפיטאל, וואס איז אנטשטאנען נאך דער פארניכטונג פון דער אמאליקער גלייכהייט. אמת, ביי די אזוי גערופענע ווילדע מאכט זיך אויך מלחמה. אבער דארט קומט זי מחמת מאנגל אין לעבנס מיטלען, אדער מחמת זיי ווייסן נישט

*) האל האט דא אין זינען די מלחמה פון ענגלאנד קעגן דער פראנצויזישער רעוואלוציע.

פון לאַנדווירטשאַפט, וועלכע וואָלט געקאָנט באַפרידיקן די באַדער־פעגישן פון אַלע מיטגלידער. אין די ציוויליזירטע לענדער אָבער איז מלחמה אַ פּראָדוקט פון געיעג נאָך לוקסוס, נאָך איבערפלי־סיקע נוצלאָזע זאַכן, וואָס דינען נאָר אויף ווייטער אונטערדריקן די אָרימע. און עס איז קלאָר, אַז ס׳וואָלט היינט קיין שום מלחמות נישט געווען, ווען דאָס פאָלק אַליין זאָל אַנטשיידן וועגן ווירט־שאַפט־לעבן און וועגן מלחמה און שלום.

דאָס אַלץ איז געשריבן געוואָרן מיט 120 יאָר צוריק!

אָבער ווי שאַרף האָל איז נישט אַלס קריטיקער, אַזוי מילד און נישט אַנטשלאָסן איז ער אַלס פּאָזיטיווער רעפאָרמאַטאָר. זייַנע פאָרשלאָגן זענען: פאַרגעזעלשאַפטלעכן די ערד, זיך אומקערן צוריק צו האַנטווערקערייַ, איינפירן וואָס מער איינפאַכקייט אין לעבן, אָפּשאַפן לוקסוס.

שפּעטער ווילן מיר נאָך רעדן וועגן דער ענגלישער סאָציאַל־קריטיק אין דער צווייטער פאַזע פון דער ווירטשאַפטלעכער רעוואָ־לוציע. איצט לאָמיר זיך באַקענען מיט די זעלבע פּראָצעסן אין פראַנקרייַך און אין דייטשלאַנד, כדי זיך קלאָר מאַכן דעם סאָ־ציאַל־קריטישן כאַראַקטער פונם איבערגאַנג פון 18־טן צום 19־טן יאָרהונדערט אין די וויכטיקסטע קולטור־לענדער פון יענער צייַט.

III. פרוון פון ווירטשאַפטלעכער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך

1. פון אַפּוטרופּסות צו פרייהייט

פון אָנהויב 17־טן יאָרהונדערט האָבן פראַנצויזישע מלוכה־מענער געמאַכט פרוון צו הייבן דאָס אינדוסטריעלע לעבן אין לאַנד און אויפצושטעלן מאַנופאַקטור־אונטערנעמונגען. אָבער צוליב דעם וואָס די איניציאַטיוו איז דאָ אַרויסגעגאַנגען פון דער רעגירונג, פון די מלוכהשע אָרגאַנען, האָבן די פרוון געטראָגן אַ ביוראָקראַטיש, רעגלאַמענטירנדיקן כאַראַקטער. די אונטערנעמער האָבן טאַקע באַקומען גרויסע אונטערשטיצונג מצד דער רעגירונג, אָבער זיי האָבן גלייכצייטיק אויך געליטן פון גרויסע באַגרענעצונגען אין זייער געשעפט־טעטיקייט, סיי אין דער פּראָדוקציע און סיי ביים אָפּזעצן די פּראָדוצירטע סחורות. דער גאַנצער פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע איז געוואָרן רעגלאַמענטירט, האָט זיך געפונען אונטער פּאָליציאישן קאָנטראָל, און מען האָט נישט געטאָרט אויף אַ האָר אָפּטרעטן פון די אָפיציעלע פאָרשריפטן. די מאַנופאַקטורן, וואָס מען האָט אָרגאַניזירט אין דער צייט פון הענריך IV (1589 — 1610), זענען זייער גיך חרוב געוואָרן, און ערשט אין לעצטן פערטל פון 17־טן יאָרהונדערט — אונטער דער טיכטיקער פירונג פון ווירטשאַפט־מיניסטער קאָלבער (1619 — 1683) — האָבן די מאַנופאַקטורן ווידער אויפגעלעבט; שפּעטער, בעת די דעראָבערונג־מלחמות פון לודוויג XIV, זענען זיי ווידער געוואָרן פאַרוואָרלאָזט (פאַרגלייך טייל III, ז. 138).

ערשט אַרום מיטן 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווערע אינדוסטריעלע טעטיקייט אין לאַנד; עס זענען אַנטשטאַנען פאַבריק־ישובים, פון וועלכע ס'זענען מיט דער צייט

אויסגעוואַקסן לערך גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען: קרעזאָ, ד
מזרח-הוטעס, פירמיני סענט עטיען. די זייד און טעקסטיל אינדוס-
טרי האָט זיך אַנטוויקלט און געבליט אין קאַרקאַסאָן, ליאָן, רובע,
אַביוויל. אין ליאָן אַליין זענען געווען באַשעפטיקט 48 טויזנט זייד-
אַרבעטער; אין די לייוונט-פאַבריקן אין קאַרקאַסאָן האָבן געאַרבעט
30 טויזנט מאַן. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט מאַנופאַקטור-צענט-
רען אין פּאַריז, האַוור, רואַן, לימאָזש. אין אָט די אַלע שטעט מיט
אַנטוויקלטער אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער טעטיקייט האָט
מען גאַנצע קוואַרטאַלן פאַרבויט. אַרום יאָר 1760 האָט מען דעם
ווערט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פון פראַנקרייך גע-
שאַצט אויף 930 מיליאָן פראַנק. נאַטור-פאָרשער, פיזיקער, כעמי-
קער, שריפטשטעלער האָבן אָנגעהויבן לעבהאַפט זיך אינטערעסירן
מיט אַלערליי אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. עס האָט אויפגע-
וואַכט דער דערפינדונג-גייסט.

דאָס בירגערטום און אַלע קרובהשע צו אים קרייזן פון לי-
בעראַלע פּראָפעסיעס — קורץ, דער דריטער שטאַנד — זענען
געוואָרן זעלבסט-באַוווסטער און פּאָליטיש אַקטיווער, און פאַר זיי
איז די מלוכהשע אַפּיטרופּסות געוואָרן אַן אומדערטרעגלעכער
לאַסט. עס האָט זיך גענומען הערן די פאָדערונג וועגן באַוועגונג-
פרייהייט און כ'האָט זיך שנעל דורכגעשלאָגן אַ וועג דער געדאַנק
וועגן דער שעדלעכקייט פון מלוכהשער אַריינמישונג אין געשעפט-
לעבן. און דער אויבלי פון די שטעט האָט אונטערגעזאָגט
דער פויערשער באַפעלקערונג, אַז זי וואָלט געקאָנט גרויסע
הכנסות אַרויסבאַקומען פון דער לאַנדווירטשאַפט, ווען זי זאָל
האָבן ערד גענוג און נישט האָבן אויף זיך די פאַרפליכטונגען לגבי
דעם אדל און דער קירך.

די שטעט האָבן אַלץ מער געשטרעבט צו פרייהייט אין פּאָלי-
טישער מאַכט; און די פויערן — אָפּצושאַפן די פעאָדאַלע לאַסטן
און פאַרטיילן די קירכלעכע און פריצישע ערדן.

לערקריטיק, וואָס אירע גרונט-געדאַנקען האָבן מיר שוין איבערגע-
אין אָט דער אַטמאָספער איז עס אויפגעקומען יענע סאָציאַ-
געבן פריער (III טייל, ז. 146—149).

די ווירקונג פון די ווירטשאפטלעכע ענדערונגען האט געפונען איר אויסדרוק נישט נאר אין דער סאציאל־קריטיק; זי האט זיך געלאזט פילן אין דער גאנצער טעארעטישער באנעמונג פון ווירטשאפטלעכן לעבן; די ווירטשאפטלעכע ענדערונגען האבן געוועקט דעם געדאנק און אים געשטויסן פארויס, נאר אזוי ווי די ליטעראַרישע וואָרטפירער פון יענער צייט האבן אדער געלעבט ביים קעניגלעכן הויף (ד"ר פראַנסואַ קענעי 1694 — 1774), אָדער זיי האבן געהערט צום אדל־שטאַנד (מארקיז דע מיראבאָ, דער פאָטער פון גרויסן רעדנער פון דער פראַנצויזישע רעוואָלוציע, 1789 — 1791), אָדער זיי זענען געווען הויכע באאמטע (מערסיע דע־לאַריוויער), ד. ה. זיי זענען אָדער פון פאָרויס געווען געניגט צו באַציִען זיך בעסער צו לאַנדווירטשאַפט אָדער זיי זענען בכלל נישט געקומען אין קיין דירעקטן באַריר מיטן אינדוסטריעלן לעבן, — האבן זיי געשאפן אַן עקאָנאָמישע סיסטעם, וועלכע האט אי איבערגעשאצט די לאַנדווירטשאפט און צוגלייך זי באַלעסטיקט צו פיל; די אינדוסטרי האט די זעלבע סיסטעם נישט דערשאצט — און דאָך געהאָלפן דעם קאַפּיטאַליזם אָפּצוהאַלטן זיין נצחון; דעם אַבסאָלוטיזם האט זי געשטיצט — און דאָך צעטרייסלט זיינע יסודות, א גייסטרייכע סיסטעם, פול מיט ווידערשפרוכן, ווי גאַנץ פראַנקרייך פון יענער צייט. מיר האבן אין זינען די פיזיאָקראַטישע לערע.

2. די פיזיאָקראַטן: ווירטשאַפט־פרייהייט:
Laissez faire, laissez aller

די פיזיאָקראַטישע סיסטעם, וועלכע איז געשאפן געוואָרן אין פראַנקרייך אין דריטן פערטל פון 18־טן יאָרהונדערט, איז א ריין בירגערלעכע שיטה, און דאָ דאַרף זי נאָר אויף אַזוי פיל דערמאָנט ווערן, אויף וויפל זי האט באאיינפלוסט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

די שיטה באַשטייט פון צוויי גרונט־געדאַנקען: 1. עס איז פאַראַן אַ נאַטירלעכע אָרדענונג פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. 2. פראַ־

דוקטיוו איז נאָר די אַרבעט אויף ערד־באָדן, אָבער נאַטור־מאַ־טעריע (אויף גריכיש פיזיס — דערפון פיזיאָקראַטן), ד. ה. נאָר אַזאַ אַרבעט גיט אַרויס מער ווערטן, איידער די קאָסטן פון דער פאַרוואַנדעטער אַרבעט: נאָר לאַנדווירטשאַפט גיט אַרויס אַ ווערט־עודף, (Produit net) , און פון אָט דעם עודף אָדער מערווערט לעבט די גאַנצע געזעלשאַפט. לאָמיר אַביסל גענויער באַטראַכטן די ביידע פונקטן:

I. די פיזיאָקראַטן זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז ס'איז פאַראַן אַ נאַטירלעכע געזעלשאַפט־אָרדענונג, וואָס רעגולירט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן, אַזוי אַז מען זאָל קענען אויסקומען אָן מלוכהשער אַריינמישונג און געזעצגעבונג. די יסודות פון אָט דער נאַטירלעכער אָרדענונג זענען: אייגנטום, זיכערקייט, פרייהייט. פאַר די פיזיאָקראַטן זענען דאָס דריי גרונט־רעכט פונם מענטשן, וואָס טאָרן פון קיינעם נישט אָנגערירט ווערן. ווי מען זעט, האָט די נאַטירלעכע אָרדענונג פון די פיזיאָקראַטן קיין שום שייכות נישט מיטן אוראַלטן נאַטור־רעכט, אויף וועלכן עס פאַררופן זיך די קאָמוניסטן און די סאָציאַל־קריטיקער. אַלס פּאַרטיידיקער פון בורזשואַזער אָרדענונג, האַלטן די פיזיאָקראַטן פּריוואַט־אייגנטום פאַרן נאַטירלעכסטן פון אַלע רעכט, און אַז געפּאָרט מיט ווירט־שאַפט־פרייהייט מוז פּריוואַט־אייגנטום פירן די פעלקער צום גע־זונשטן וווילשטאַנד. די בעסטע פּאָליטיק איז: Laisser faire, laisser aller . ה. לאָזן די אייגנטימער אונטערנעמער און הענד־לער די פולע פרייהייט צו האַנדלען ווי זיי געפעלט. דער אינטערעס פונם יחיד וועט ממילא צוזאַמענפאַלן מיטן אינטערעס פונם כלל. די וועלט וועט זיך פירן פון זיך אַליין; Le monde va de lui mëme און מען דאַרף נישט קיין שום אַריינמישונג מצד דער מלוכה.

II. נאָר די אַרבעט אוממיטלבאַר אַרום דער נאַטור איז פּראָ־דוקטיוו. פאַרקערט, האַנדל און אינדוסטרי זענען אומפּראָדוקטיוו; זייער עבודה איז בלויז אומאַנדערשן און אויסטוישן ווערטן. די געזעלשאַפט באַשטייט פון דריי קלאַסן: 1) פּראָדוקטיווע מענטשן (באַשעפטיקטע אין לאַנדווירטשאַפט) 2) הערשנדי־קע (ערד־אייגנטימער און הויכע באַרשטייער פון דער רעגירונג), 3) אומפּראָדוקטיווע: הענדלער, אינדוסטרי־באַשעפטיק

טע, פרייע פראָפעסיעס, דינערשאַפט. אַזוי ווי פּראָדוקטיוו איז נאָר די לאַנדווירטשאַפט, דאַרף נאָר זי אַליין צאָלן שטייערן; אַלע איבעריקע קלאַסן דאַרפן זיין פריי פון שטייערן.

עס איז לייכט איינצוזען, אַז כאָטש די פיזיאָקראַטן האָבן הויכגעהאַלטן די לאַנדווירטשאַפט און דעם קעניגלעכן אַבסאָלוטיזם, זענען זיי דאָך אומבאַוווסטערהייט, געווען די וואָרט־טרעגער פון דער דעמאָלטיקער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, וואָס האָט אָנגעהויבן קומען צו איר קלאַסן־און מאַכט־באַוווסטזיין: פּריוואַט־אייגנטום, זיכערקייט פון פאַרמעגן, האַנדל און אינדוסטרי־פרייהייט, אינדיווידואַליזם. און דאָס איז טאַקע דער אייגנטלעכער טעאָרעטישער אינהאַלט פון די פיזיאָקראַטן; זיי האָבן געהאַט אַן אייגנפלוכ איין אַדאַם סמיטן; מען האָט זיי אויך גערופן די עקאָנאָמיסטן*).

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט איינגיכן פאַרענטפערט די ווידערשפּרוכן פון זייער טעאָריע: די רעוואָלוציאָנערע בורזשואַזיע האָט באַזייטיקט דעם אַבסאָלוטיזם און די הערשאַפט פון די פריצישע ערד־אייגנטימער, נעמענדיק דערביי צו הילף די פּאָליטישע פרייהייט־אידייען פון רוסאָ. פונם קאָמוניסטישן נאַטור־רעכט האָט די בורזשואַזיע גענומען נאָר פּאָליטישע פרייהייט און גלייכהייט — קעגן דעם קעניג און די פריצים, און פון דער נאַטירלעכער אָרדענונג פון די פיזיאָקראַטן האָט זי גענומען נאָר ווירטשאַפטלעכע פרייהייט און הייליקייט פון פּריוואַט־אייגנטום — קעגן די סאָציאַל־רעפאָרמער און קאָמוניסטן.

Theorien über Mehrwert, I ז. 33 א. וו.

*) וועגן פיזיאָקראַטיע פאַרגלייך קאַרל מאַרקס:

VI די פראַנצויזישע רעוואָלוציע

1. קלאַסן און קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנפליקטן.

די אומגליקלעכע יאָרן־לאַנגע מלחמות, וואָס לודוויג XIV און לודוויג XV האָבן געפירט מיט ענגלאַנד און עסטרייך (די מלחמה פאַרן שפּאַנישן טראָן), מיט פּרייסן (זיבן־יאָריקע מלחמה) און מיט ענגלאַנד (קאַנאַדע, אינדיע), האָבן געלאָזן נאָך זיך אַ גרויסע לאַסט פון חובות, וואָס האָט שווער געדריקט דאָס לאַנד; צוגעקומען איז נאָך די פאַרשווענדערישקייט פון קעניגלעכן הויף, דאָס באַלעבאַטעווען פון די מעטרעסעס, די שלעכטע פינאַנץ־פּאָליטיק — דער מלוכה־בודזשעט האָט שטאַרק געליטן, און מען האָט געמוזט וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע שטייער־קרבנות פאָדערן פון די מאַסן. די דעפיציטן פון דער מלוכה זענען געוואַקסן, און אָן דער הילף פון דער בורזשואַזיע האָט מען זיי מער דעקן נישט געקאָנט. לודוויג XVI (1774 — 1793), וועלכער האָט באַקומען בירושה אָט דעם פינאַנציעלן עלנט, האָט זיך ענדלעך, אין 1789, געמוזט אַנטשליסן צונויפצורופן די גענעראַל־שטאַטן. דעם 5־טן מאַי האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אין ווערסאַל, און דריי וואָכן שפּעטער איז שוין די לאַגע געווען אַזאַ, אַז דער דריטער שטאַנד מיט זיינע הויך־געבילדעטע וואָרטפירער האָבן געשפּילט די ערשטע פידל. זיי האָבן די גענעראַל־שטאַטן פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, מיט דער אויפגאַבע — געבן דעם פראַנצויזישן פאָלק אַ קאָנסטיטוציע, ד. ה. פאַרקערפּערן אין געזעצן די נייע אינטערעסן־ און מאַכט־פאַרהעלטנישן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין פאָלק.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע. די אַלטע אָרדענונג איז געפאַלן. די מאַסן זענען געקומען אין באַוועגונג; זיי האָבן געשטורעמט די באַסטיליע און געצוווּנגען די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמ־

לונג זיך איבערצוקלייבן קיין פאריז. די גאנצע אידייען וועלט, וואס איז געשאפן געווארן זייט 1740 איז געווארן אריינגעצויגן און געווירבל פון קאמף; ווייל ווי געוויינלעך, איז דאר ביי א יחיד זיין האנדלונג אן אוממיטלבארער פראדוקט פון זיינע אינסטינקטן, ליידנשאפטן און פערזענלעכע אינטערעסן; ביי פאליטישע מאסן־אקציעס אבער, ווו א פרייער קומען פאר שטרייטן און דיסקוסיעס פאסירט אנדערש: די אינסטינקטן און פערזענלעכע אינטערעסן נעמען אן די געשטאלט פון אידייען — געדאנקען, פרינציפן, טעאריעס — וועלכע געבן צו דער גאנצער אקציע א העכערן, איידעלערן, זיטליכערן, אלגעמיין־מענטשלעכן כאראקטער. אבער אזוי לאנג ווי עס האנדלט זיך אום קלאסן־קאמפן, האלט סוף כל סוף דער אינטערעס פון שטארקערן קלאס אפ א זיג איבער די אלגעמיינע פרינציפן.

צוויי יאר האט די נאציאנאל־פארזאמלונג געארבעט איבער דער קאנסטיטוציע — און אין משך פון דער צייט איז דערווייל דאס לאנד געווארן רעארגאניזירט, די קירך־אוצרות זענען געווארן קאנפיסקירט, ס'איז ארויס נייע פאפיר־געלט (אסיגנאטן), און ס'זענען אויפגעקומען רעוואלוציע־גבירים, באדן־ און וואלוטע־שפעקולאנטן. די גייסטער פון דער נאציע זענען פול געווען מיט גרויסע רעוואלוציאנערע אידייען און די קעשענעס פון די בירגערלעך־סוחרישע קרייזן — מיט גרויסע פראפיטן. די קאנסטיטוציע פון 1791 שפיגלט געטריי אפ אט דעם צושטאנד. זי הויבט אן פון די מענטשן־רעכט: אלע מענטשן זענען פריי און גלייך. דער ציל פון דער געזעלשאפט איז אפצוהיטן אט די מענטשן־רעכט. און נאך אט דעם חשובן פרינציפ ווערן אויסגערעכנט די מענטשן־רעכט: פרייהייט, אייגנטום, זיכערקייט.

אויב די ערשטע זאצן זענען נאטור־רעכטלעך קאמוניסטישע, איז דער שלוס־זאץ א פיזיאקראטיש־בירגערלעכער.

און ענדלעך קומט דא צום אויסדרוק די ריין בורזשואזע ארט באנעמונג: די זעלבע קאנסטיטוציע פון 1791, וועלכע דעקלארירט אלע מענטשן פאר פרייע און גלייכע, טיילט זיי דערנאך אויף אקטיווע און פאסיווע בירגער און גיט וואל־רעכט נאר די ערשטע, די וואלן גופא מאכט זי אומדירעקטע אזוי, אז נאר רייכע וואל־

מענער קאָנען געוויילט ווערן, און פון קעניג פאַרלאַנגט זי (די קאָנסטיטוציע) בלויז ער זאָל זיין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער קעניג.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די אונטערשטע קלאַסן, וועלכע זענען געווען געשטימט דעמאָקראַטיש, רעפּובליקאַניש און סאָציאַל רעפאָרמעריש, האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרידיקן מיט אַזאַ קאָנסטיטוציע.

מיטן אָננעמען די קאָנסטיטוציע (סעפּטעמבער 1791) איז די אויפגאַבע פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג געווען געענדיקט. אויף איר אָרט איז איצט געקומען די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג, וועלכע איז שוין באַשטאַנען פון נייע מענטשן; צווישן זיי זענען געווען אַ סך קלייןבירגערלעכע דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבן אונטערן דרוק פון די פּאַריזער פאָלקס־מאַסן, פון וואַקסנדיקן יקרות און פון די אויסערלעכע געפאַרן גענומען שטופּן צו אַלץ אַנטשלאָסענערע מעשים. דעם 10 אויגוסט 1792 האָבן די פּאַריזער ראַדיקאַלע עלעמענטן גענומען די זאַך פון דער רעוואָלוציע אין זייערע הענט און האָבן אַרעסטירט די קעניגלעכע פאַמיליע. דער ראַזיקער אויפשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן האָט מיט זיך אָנגעהויבן די צווייטע פאַזע פון דער רעוואָלוציע — די וויכטיקסטע אין איר געשיכטע. אַ ריס האָט זיך געבילדעט אין די רייען פון די קעמפער — דער תהום צווישן דער בורזשואזיע און צווישן די מאַסן האַנטווערקער און אַרבעטער איז געשטאַנען אָפן. אויף איין זייט זענען געווען מעסיקע רעפּובליקאַנער, קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיסטן און פאַרמעגלעכע בירגער; אויף דער צווייטער זייט — לינק־רעפּובליקאַנער, סאָציאַל־רעפאָרמער און פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן. צוליב דער בכלל וואַקסנדיקער נויט איז די סאָציאַלע פּראָבלעם געוואָרן אַלץ שאַרפער, הגם די פירנדיקע יאַקאָבינער (לינק־רעפּובליקאַנער און פאָרמעלע דעמאָקראַטן) האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר איר. אין די קלובן פון די האַנטווערקער און אַרבעטער האָט מען אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן מיט סאָציאַל־רעפאָרמערישע פאַרשלאָגן און פּלענער. דער מאַנגל אין לעבנס־מיטל, דער יקרות, דאָס פאַרטאַכלעווען פון נאַציאָנאַלן פאַרמעגן (קאָנפיסקירטע קירך־מאַיאָנטקעס) האָבן געשטויסן דעם געדאַנק אין דער ריכטונג פון באָדן־רעפאָרם, פון מלוכהשער רעגולירונג פון

פרייזן אויף לעבנס־מיטלען און אויך אין דער ריכטונג פון קאָמוניסטישע אידעען.

די שפּאַלטונג פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות האָט צוגעגעבן פרישן מוט דער קאָנטר־רעוואָלוציע און אירע פריינט אין אויסלאַנד. און אַזוי ווי די געזעצגעבנדיקע פאַרזאַמלונג האָט נישט אַרויסגעוויזן די נייטיקע ענערגיע, כדי צו באַקעמפן מיט דערפאָלג די דאָזיקע עלעמענטן, איז זי געוואָרן באַנאַנדערגעלאָזט, סעפּטעמבער 1792, און פאַרביטן דורכן נאַציאָנאַל־קאָנווענט וועלכער איז צושטאַנד געקומען אויפן יסוד פון אַלגעמיינע גלייכע וואַלן פון אַלע דערוואַקסענע פראַנצויזן. פראַנקרייך איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר א רעפּובליק, דעם קעניג האָט מען אַרויסגעטראָגן א טויט־אורטייל. דער קאָנווענט האָט מיט גרויס ענערגיע אויפגענומען דעם קאַמף קעגן דער פאַראייניקטער אייראָפּעישער רעאַקציע, אָבער ער האָט אויך נישט דערלאָזט קיין שום סאָציאַליסטישן אָנגריף אויף אייגנטום. דעם 18 מערץ 1793 האָט דער קאָנווענט פּראָקלאַמירט טויט־שטראָף פאַר יעדער אַגיטאַציע, וואָס האָט אַלס ציל אומצוּוואַרפן די יסודות פון אייגנטום. דעם 31 מאַי 1793 זענען די פּאַריזער מאַסן אַרויס צום אויפשטאַנד און דעם 10 אויגוסט 1793 האָט זיי דער קאָנווענט געגעבן א נייע קאָנסטיטוציע, א ריין־דעמאָקראַטישע: זי איז געווען דער פולקאָמענסטער אויסדרוק פון פאָרמעלער דעמאָקראַטיע. אייגנטום איז ווידער דערקלערט געוואָרן פאַר אומבאַרירלעך. ראָבעספּיער, וועלכער האָט גוט געקענט די פאַרשידענע שטרעבונגען פון די מאַסן, האָט אַפילו געפּרוווט אַריינטראָגן א קאָנסטיטוציע פּראָיעקט, ווו דער אַרטיקל וועגן אייגנטום איז אַזוי געווען פאָרמולירט, אַז סאָציאַליסטן זאָלן אים אויך קאָנען אָננעמען („אייגנטום איז דאָס רעכט פון יעדן בירגער צו געניסן פון יענעם טייל גיטער, וואָס דער געזעץ פאַרזיכערט פאַר אים"), אָבער ראָבעספּיער האָט גאָר נישט געטון, כדי זיין פּראָיעקט דורכצוזעצן נאָר די קאָנסטיטוציע פון אויגוסט 1793 איז סיי ווי גאָר נישט אַריין אין קראַפט — פאַרוואָס, וועלן מיר זען אין נאָענסטן קאַפּיטל. פון אָקטאָבער 1793 ביז יולי 1794 האָט געוועלטיקט אין לאַנד מיט אַבסאָלוטער מאַכט א

רעוואָלוציאָנערע רעגירונג אָדער דיקטאַטור: די דאָזיקע רעגירונג האָט אָרגאַניזירט אַרמייען קעגן דער אייראָפּעישער רעאַקציע, איינגעשטעלט מאַקסימאַלע פּרייזן אויף לעבנס־מיטלען, רעאָרגאַניזירט דעם העכערן בילדונגס־וועזן, איינגעפירט די מעטרישע סיסטעם, — אָבער דערביי אויך אונטערגעדריקט די רעפּובליקאַנישע אָפּאָזיציע פון רעכטס (דאַנטאָן) און פון לינקס (העבערט) און די פאַרשידענע סאָציאַל־רעפאָרמער. באַדראָטע פון דרויסן און פון אינעווייניק, האָבן זיך ראָבעספּיער מיט זיינע אָנהענגער געכאַפּט פאַר טעראָר — אָבער די קרבנות פון טעראָר זענען דערהויפּט געווען רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און אינטעליגענטן. אין געפאַנגענשאַפט ביי זיין קליינבירגערלעכן דעמאָקראַטיזם, האָט ראָבעספּיער גיליאָטינירט די סאַמע ענערגישע, ווייט־שטרעבנדיקע סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישע עלעמענטן, און דערמיט האָט ער אַליין אויסגעגראָבן אַ גרוב פאַר זיך און פאַר דער רעוואָלוציע. סוף יולי 1794 האָט מען אים זעלבסט אַראָפּגעוואָרפן און אויך געקעפּט. נאָך דער קליינבירגערלעכער דיקטאַטור איז געקומען די דירעקטאָריע, וועלכע האָט באַוווסטזיניק געפירט אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק, אַנטוואָפנט די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון פּאַריז, און אין 1795 געשאַפן אַ קאָנסטיטוציע אויפן יסוד פון אַ צענזוס־וואַל־רעכט; עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון פאַרשווענדן די קירכן־מאַיאָנטקעס און פון בערזן־שווינדל אין גרויסן מאַסשטאַב.

די יאָרן 1792 — 1795 זענען פאַר אונז וויכטיק צוליב דריי טעמים: 1) אין די יאָרן איז צושטאַנד געקומען אַ רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור. 2) עס זענען דעמאָלט אַנטשטאַנען סאָציאַל־רעפאָרמערישע שטרעבונגען. 3) די דעמאָלטיקע לאַגע האָט געפירט צו דער באַבעפישער פאַרשווערונג. מיר וועלן די דריי זאַכן באַהאַנדלען נאָכאַנאַנד.

2. די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור.

מיר האָבן פריער אַביסל געזאָגט אַז די קאָנסטיטוציע פון אויגוסט 1793 איז נישט אַריין אין קראַפט. געטון האָט מען עס מיט אַ כיון, ווי האָט געזאָלט אַריין אין קראַפט ערשט נאָכדעם,

ווי עס וועט געשלאָסן ווערן שלום. דאָס אָרט פון העך קאָנסטיטוציע האָט פאַרנומען די דיקטאַטור. די מאָטיוון פון דעם שריט גיט אונז בואָנאַראָטי אין זיין ווערק וועגן באַבעפס פאַרשווערונג.

בואָנאַראָטי, אַ דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט און אַ פריינט פון די חשובסטע יאַקאָבינער, אַ מאַן פון הויכער גייסטיקער איידלקייט און גרויסער מאָראַלישער ריינקייט, דערציילט אונז, אַז פון די מחברים פון דער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע האָבן זיך אייניקע געהאַלטן ביי אַזאַ מיינונג אַז פּאָליטישע רעפאָרמען, ווי באַדייטנדיק זיי זאָלן נישט זיין, קאָנען נישט אַליין באַוואָרענען דאָס גליק פון פאָלק, אויב מען פירט נישט דורך אַ פריער אַ מאָראַלישע און עקאָנאָמישע רעפאָרם. ווייטער האָבן זיי געהאַלטן, אַז פון בלויזער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע קאָנען הנאה האָבן נאָר די רייכע. „כל זמן די לאַגע בלייבט אַזוי ווי זי איז, וועט די פרייסטע פּאָליטישע פאָרם גוט זיין נאָר פאַר די, וואָס ברויכן נישט צו אַרבעטן. כל זמן די פאָלקסמאַסן מוזן, אונטערן דרוק פון נויט, אַרבעטן שווער און אומאויפהערלעך און קאָנען זיך נישט אָפּגעבן מיט עפנטלעכע אָנגעלעגנהייטן ווייל זיי זענען אין זייער עקזיסטענץ אָפּהענגיק פון די רייכע — האָבן די לעצטע די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט, די שווינדלערישע רעגירונגען נאַרן קונציק אויס די מאַכט ביים פאָלק (בואָנאַראָטי — „די פאַרשווערונג פון די גלייכע”). ראָבעספּיער און זיינע אָנהענגער האָבן אפילו נישט געקלערט וועגן שאַפן אַ געזעלשאַפט־סדר אין גייסט פון בואָנאַראָטין, זיי האָבן אָבער געגלויבט, אַז זיי וועט זיך איינגעבן צו פאַרבעסערן די זיטן, צו איינצוימען אַביסל דעם עגאָאיזם אָדער ווי ראָבעספּיער האָט זיך אויסגעדריקט: „מיר ווילן דעם עגאָאיזם אומבייטן אויף מאָראַל, אַריסטאָקראַטישע ערע אויף ערלעכקייט, טיראַניי פון דער מאָדע אויף הערשאַפט פון פאַרשטאַנד פּוסטע באַרימעריי אויף נשמה־גרויסקייט”.... ער האָט געגלויבט אַז ער וועט אָט דעם ציל דערגרייכן דורך רעדעס, דורך פריי־דענקערישע פּראָפּאַגאַנדע און דורך פּאָליציייִשע פאַראָרדענונגען). און ביז דאַן זאָל די דעמאָקראַטיע דערווייל ניט פונקציאָנירן. די דיקטאַטור איז אַזוי אַרום געווען נישט אַ פאַרלייקענונג פון די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, אַדרבא, זי האָט ערשט געזאָלט שאַפן דעם נשמה־צושטאַנד און צוגרייטן

די גייסטער פאר א געהעריקער אנווענדונג פון דער דעמאקראטיע, צום ווייל פון אלעמען. ראבעספיער האט אבער נישט פארשטאנען; — און אלס אנטי־סאציאליסט האט ער עס נישט געקאנט פארשטיין, — אז מיט אידעאלאגישע מיטלען קאן מען נישט באשאפן אזא פסיכאלאגישן צושטאנד. ער האט געגלויבט אין דער אלמעכטיקייט פון פארשטאנד און נישט געוווסט, אז די ריכטונג און אינהאלט פון אונזערע געדאנקען און בכלל פון דער מאסן־פסיכיק איז צום גרעסטן טייל א פראדוקט פון דער סאציאלער סביבה, און אז דעריבער האט די הויפט־אויפגאבע פון דער דיקטאטור באדארפט זיין דורכצופירן שטופנווייז און קאנסעקווענט סאציאלע רעפארמען און בילדונגס־רעפארמען. אנשטאט דעם האט ראבעספיער געלאזט גיליאטינירן א גרויסע צאל סאציאל־רעפארמערישע אגיטאטארן און ארבעטער, אבי איינצוהאלטן די דיקטאטור. די דאזיקע טראגישע אקציע האט זיך נוקם געוועזן אין דעם קליי־בירגערלעכן דיקטאטאר. פון אנהויב 1794 זענען ראבעספיערס מעשים, אומבאוווסט פאר אים גופא, געוועזן שוין קאנטר־רעוואלוציאנער, — ווי דאס האט פאסירט אין אלע ביז איצטיקע דעמאקראטישע רעוואלוציעס ווו די געקומענע צו דער מאכט רעכט־דעמאקראטישע פארטיי האט גערודפט די לינק־רעוואלוציאנערע עלעמענטן און דורכדעם געמאכט וועג פאר דער קאנטר־רעוואלוציע.

צו דער פראגע וועגן דיקטאטור וועלן מיר זיך נאך אומקערן, ווייל די פראגע האט זיך ערשט רעכט בולט געשטעלט אין 1795—96 בעת דער „פארשווערונג פון די גלייכע" (באבעף און קאלעגן).

3. די קאנסטיטוציע פון 1793 און די סאציאל - קריטיק

די רעוואלוציאנערן, וועלכע זענען געווען סאציאליסטיש געשולט, האבן זיך אין יאר 1793 אפגעגעבן א קלארן חשבון, אז דער קאמף וואס קומט פאר איז פאקטיש א קאמף צווישן רייכע און ארעמע, צווישן באזיצנדיקע און באזיצלאזע. בואנאראטי, וועלכער האט זיך דעמאלט געפונען אין ענגע באציונגען מיט די פירער פון דער רעוואלוציע, שרייבט וועגן אט דער פראגע אזוי: וואס האט

פאסירט אין פראנקרייך אוממיטלבאר נאך דער פראקלאמירונג פון דער רעפובליק, — דאס איז לויט מיין מיינונג דער אויסברוך פון דעם קעגנזאץ, וואס איז פאראן צווישן די אנהענגער פון רייכטום און פריווילעגיעס אויף איין זייט און די פריינט פון גלייכהייט אדער דעם צאלרייכן קלאס ארבעטער אויף דער צווייטער זייט" זעלבסטפארשטענדלעך, אז די באציונג פון אלע רייכע און פריווילעגירטע צו דער קאנסטיטוציע פון 1793 איז געווען א פיינטלעכע. זיי זענען געווען קעגן פאליטישער גלייכהייט. דאקעגן, צווישן די פריינט פון גלייכהייט (אדער קאמוניסטן און סאציאל־רעפארמער) איז נישט געווען אין דעם פרט קיין איינשטימיקייט. באבעף און בואנאראטי מיט זייערע פריינט האבן געהאלטן, אז די קאנסטיטוציע האט, אמת, חסרונות, ווארום זי דעקלארירט דאך די אומבארירלעכקייט פון אייגנטום, זיי האבן אבער אויך געהאלטן, אז די פאליטישע דעמאקראטיע איז א גוטער מיטל אויף צו דערשלאגן זיך הערנאך צו עקאנאמישער גלייכהייט. דורך דעמאקראטיע צו סאציאל־רעפארם — מיט א צווישן־פעריאד פון דיקטאטור — דאס איז געווען זייער וועג. די דאזיקע רעוואלוציאנערן האבן געשעטצט ראבעספיערן און די דעמאקראטישע קאנסטיטוציע. לינקס פון זיי זענען געשטאנען דער קאמוניסטישער אבאט זשאק רו און די העבערטיסטן, וועלכע האבן קודם כל געשטרעבט צו א רעוואלוציע אין די אייגנטום־באציונגען; זיי האבן געווארנט דאס פאלק פאר אילוזיעס, פאר די מאנעוורען פון די דעמאקראטן, — די ראבעספיערס, סען זשיוסטס א. ד. גל. נישט אויסגענומען. זיי האבן געטענהט אז די קאנסטיטוציע איז עגאאיסטיש און פאלקספיינטלעך, ווייל זי רירט לחלוטין נישט אן די מלחמה־גבירים, די שפעקולאנטן מיט באדן און וואלוטע און די וואס פאסקעווען מיט לעבנס־מיטלען. זשאק רו האט געטענהט: „די פרייהייט איז נישט מער ווי א פאנטאם, ווי באלד איין קלאס איז אומשטאנד אויסצוהונגערן דעם צווייטן, ווען דער רייכער האט, א דאנק זיין מאנאפאל, דאס רעכט אויפן לעבן און טויט פון די ארימע. די רעפובליק איז נישט מער ווי אן אילוזיע, ווי באלד די קאנטר־רעוואלוציע לאזט זיך פילן אין א כסדרדיקן וווקס פון די לעבנס־מיטלפרייזן, וואס דריי פערטל ביורגער קאנען נישט צאלן, נישט פאר־

גיסנדיק קיין טרערן דערביי. די סאַנקיולאָטן וועלן נישט האַלטן פון דער רעוואָלוציע און פון דער קאָנסטיטוציע, כל זמן מען מאַכט נישט קיין סוף צום וווּכער אויף לעבנס־מיטלען. די מלחמה, וואָס די רייכע פירן אינעווייניק אין לאַנד קעגן די אָרימע, איז שרעקלעכער, איידער די מלחמה, וואָס אויסלאַנד פירט קעגן פראַנקרייך. שוין פיר יאָר, אַז די בורזשואַ ווערן רייך אויף דער רעוואָלוציע; ערגער נאָך פאַרן ערד־אַדל איז דער נייער האַנדלס־אַדל, וועלכער דערדריקט אונז, וואָרום די פרייזן שטייגן און מען זעט גאָר קיין סוף נישט. איז דען דאָס אייגנטום פון שווינדלער הייליקער, איידער דאָס לעבן פון מענטשן?".

פון רו רעדט אַרויס דער טיפער צאָרן פון אַן ערלעכן פאָלקס־מענטש, פון אַ מוטיקן קאָמוניסט; אָבער איז דען באַבעפס און בואָנאַראָטיס שטעלונג נישט געווען ריכטיקער? וואָלט דען נישט בעסער געווען, אַז אַלע רעוואָלוציאָנערן זאָלן געווען בילדן איין אייגהייטלעכן פראָנט, כדי צו שטיצן ראָבעספיערן אין זיינע דער מאַקראָמישע און דיקטאַטאָרישע שטרעבונגען, און גלייכצייטיק גייען ווייטער פאַר אים און דערציען די מאַסן פאַר אַ גרינטלעכע סאָציאַלע אומענדערונג? ראָבעספיער האָט דאָך געמוזט האָבן די מאַסן, כדי צו ווערן זיך קעגן דער זשיראָנדע; ער וואָלט דעריבער געמוזט איינגייען אויף סאָציאַלע רעפאָרמען ווען די אָרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן וואָלטן געווען מיט אים און נישט קעגן אים.

דאָס זענען זייער ערנסטע פראַגן, אויף וועלכע ס'איז נישט אַזוי לייכט צו געבן אַ תשובה. די בעסטע קעפּ פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1792־96) האָבן בשעתּו נישט געגעבן אויף די פראַגן קיין איינשטימיקן ענטפער.

4. לאַנזש און דאָליוויער.

די ערשטע יאָרן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אין ליאָן אַרויסגעטרעטן אַ סאָציאַל־קריטישער און סאָציאַל־רעפאָרמע־רישער שריפטשטעלער, באַקאַנט אונטערן נאָמען „ל'אַנזש" (מלאך) דער פראַנצויזישער היסטאָריקער זשול מישלע רופט אים — דער גייסטיקער פאָטער פון פוריע. גאַנצע 50 יאָר זענען אַריבער, איידער

מען איז דערגאַנגען געוויינטלעכע פּרטים וועגן דעם רעטזלהאַפטן לאַנזש. זשאָרעס האָט אַנטדעקט, אַז דאָס איז דער דייטש לאַנגע, אַ געבוירענער אין קיל, וועלכער האָט זיך דערצויגן אין מינסטער, און צו 16 יאָר איז ער געקומען קיין פּאַריז, און איז שפּעטער אין 1793, געוואָרן אַ מוניציפּאַלער באַאַמטער אין ליאָן. זשאָרעס האָט געשטודירט די יקר־המציאותדיקע שריפטן פון לאַנזשן, און ער שרייבט וועגן זיי: אין 1798 האָט לאַנזש (לאַנגע) פּאַרעפנטלעכט אַ בראָשור, ווו ער האָט דערקלערט די קאָנסטיטוציע פון 1791 — ער האָט זי שוין געקענט אין פּראָיעקט — פאַר ווידערשפּרוכספול, ווייל הייבן הויבט זי אָן מיט אַלגעמיין גילטיקע מענטשן־רעכט, דערנאָך אָבער טיילט זי די מענטשן אויף אַקטיווע און פּאַסיווע בירגער. באַזיצנדיקע ווערן באַצייכנט אַלס אַקטיווע און אַרבעטער אַלס פּאַסיווע בירגער, בעת אין דער אמתן שאַפן דאָך די אַרבעטער אַלע רייכטימער. דער באַזיץ פון די רייכע איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער עודף וואָס זיי נעמען צו ביי די אַרבעטנדיקע (היינט וואָלטן מיר געזאָגט: מערווערט). לאַנגע רעכנט אויס אויף מיטהילף מצד די גרויסע מענטשן־פריינט (פילאַנטראָפּן) און מצד דעם קעניג. זיין צווייטע שריפט האָט זיך פאַרנומען מיט אַ פּלאַן פון אויפשטעלן לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון אויף פּאַיען (אַקציעס), כדי זיך אַרויסהעלפן פון דער נויט אין לעבנס־מיטלען און אַ סוף מאַכן צום וווכער אויף לעבנס־מיטלען. דער דאָזיקער פּלאַן האָט געמוזט האָבן אַ שטאַרקן איינפלוס אויף פוריע, וועלכער האָט דעמאָלט געאַרבעט אין ליאָן אין אַן האַנדלס־אונטערנע־מונג. פוריע דערמאָנט נישט אין ערגעץ לאַנזשס נאָמען, נאָר אין זיין ערשטן ווערק „פיר באַוועגונגען" „Quatre mouvements", 1808 זאָגט ער אַליין אין דער הקדמה, אַז אַלס אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זיין גאַנצער אַרבעט האָט ער גענומען דעם פּלאַן פון אַ לאַנדווירט־שאַפטלעכן קאָאָפּעראַטיוו.

לאַנזשס גרונט־געדאַנקען זענען אַזעלכע: דער אַלגעמיינער ווערט פון אַלע אויסגעאַרבעטע פעלד־פּראָדוקטן קאָן נישט זיין העכער, איידער די געזאַמט־הכנסה פון די אַרבעטנדיקע; יעדער אַרבעטער מוז דעריבער קאָנען לעבן פון זיין לוין; אַזוי ווי ס'איז אָבער נישט אַזוי, איז שולדיק דערינען דער וווכער אויף לעבנס־

מיטלען, מיט גוואַלט לאָזט זיך דאָ גאָר נישט מאַכן. דער איינציקער אויסוועג איז באַדעקן פראַנקרייך מיט אַ נעץ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון. יעדע 100 משפּחות זאָלן בילדן אַ קאָאָפּעראַטיוו. די קאָאָפּעראַטיוון וועלן געגרינדעט אויף אַקציעןיסודות, די אַקציעס לאָזט אַרויס די מלוכה, אַלס הלוואה. די מעלות פון דער קאָלעקטיווער אַרבעט און פון די קאָנסום־פאַריינען וועלן זיין אַזוי גרויס, אַז די רייכע וועלן אויך צושטייען.

אַ צווייטער רעפאָרמאַטאָר איז געווען דער גייסטלעכער פּיער דאָליוויער, וועלכער האָט אַגיטירט פאַר אַ באָדן־רעפאָרם. זיינע קריטישע אידייען דערמאָנען אַביסל באַבעפן. זיין פּאָזיטיווער פאָרשלאָג איז אַזאַ: אָפּשאַפן ירושה־רעכט און פאַרטיילן די גרויסע מאַיאָנטקעס גלייך צווישן אַלע פּויערים. זיין שריפט, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1794, האָט געהייסן: „עסיי וועגן עלעמענטאַרער גערעכטיקייט“

ע די פאַרשווערונג פון באַבעף

1. סיבה, לאָזונג און ציל.

ווען ראָבעספּיער איז סוף יולי 1794 געפאַלן, און דעם קאָנ־ווענט האָבן באַהערשט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, און דער־נאָך איז אָנגענומען געוואָרן די אַנטי־דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע פון 1795, — האָט דאָס אַ שטויס געגעבן די יאַקאָבינער און סאָציאַל־רעפאָרמער, וועלכע זענען טריי געבליבן דער רעוואָלוציע, צו פאַראייניקן זיך און בילדן איין פראָנט קעגן דער דירעקטאָריע. ביידע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען זענען אַרויסגעטראָטן פאַראייניקט; נאָך אַ רוהיקער דיסקוסיע האָבן זיך די יאַקאָבינער געלאָזט איבער־צייגן אַז דעמאָקראַטיע איז נישט מעגלעך אָן עקאָנאָמישער אי־בערקערעניש, אַז די פּאָליטישע רעוואָלוציע מוז האָבן איר המשך אין דער באַזייטיקונג פון די ביז איצטיקע אייגנטום־פאַרהעלטנישן: מען מוז איינפירן כלל־אייגנטום אויף ערד און באָדן, אַלגעמיינע אַרבעטספליכט, סאָציאַלע גלייכהייט. טוגנטהאַפטער איינפאַכער לעבנס־שטייגער, דערציאונג פון טיכטיקע כאַראַקטערן ביי דער יוגנט, אויסראָטונג פון אייגנליבע און פון ליבע צו הערשן — דאָס דאַרפן זיין די יסודות פון דער נייער געזעלשאַפט; דאָס וועט מאַכן פראַנק־רייך פאַר אַ מוסטער־פאָלק פאַר דער גאַנצער וועלט. די דאָזיקע פאַרשווערונג איז עס פאַרבונדן מיטן נאָמען באַבעף, הגם אין דער אמתן איז נישט ער געווען איר גייסטיקער פאָטער און פירער*)

*) פראַנסואַ נאָעל באַבעף, וועלכער האָט אַלס באָדן־רעפאָרמער זיך צוגעגעבן דעם נאָמען גראַקכוס, איז געבוירן געוואָרן אין 1764; ער האָט זיך אַליין געלערנט און דערוואָרבן גרויסע פּובליציסטישע קענטענישן, געדינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט וואָרט און שריפט, אַגיטירט אין „טריבון די פעפּל" (פאָלקס־טריבונע) פאַר באָדן־רעפאָרם און דעמאָקראַטיע, און געשטאָרבן אַלס סאָציאַל דעמאָקראַטישער מאַרטירער דעם 24 מאַי 1797.

ער איז בלויז געווען דער עפנטלעכער פארטרעטער און שריפטשטעלער פון דער פארשווערונג. דער אייגנטלעכער שעפער פון אט דער באוועגונג איז געווען בואנאראטי.

2. פיליפא בואנאראטי און די רעוואלוציאנערע דיקטאטור.

מיר האבן פאר זיך א מאן, וועלכער געהערט בלי ספק צו די גרעסטע פון זיין צייט. רייך מיט וויסן, און נאך רייכער מיט אייגנשאפטן פון כאראקטער. א סאציאליסטיש-רעוואלוציאנערער פראנץ פון אסיזי. זיין בוך „די פארשווערונג צוליב גלייכהייט" 1328 Conspiration pour l'égalité איז א באשרייבונג טאקע פון יענער פארשווערונג. און געשריבן איז עס אזוי מייסטערהאפט, מיט אזא בישופנדיקער קראפט, וואס לאזט זיך בשום אופן נישט איבערגעבן אין איבערזעצונג. בואנאראטי האט געשטאמט פון אן איטאליענישער פאמיליע, וועלכע האט געגעבן דער וועלט דעם גרויסן מיקעלאנזשעלא. ער איז געבוירן געווארן איז פיזע, אין 1760, און האט גיך דערגרייכט צו גרויסע אמטלעכע שטעלעס, — ער האט זיי אבער געווארפן ווי נאר די פראנצויזישע רעוואלוציע האט אויסגעבראכן. תחילת האט ער געארבעט אין קארסיקע (1790-92), וווּ דער יונגער נאפאלעאן באנאפארטי איז מיט אים געווארן שטארק באפריינדעט; דערנאך איז ער איבערגעפארן קיין פאריז; דא האט אים דער קאנווענט געגעבן פארשידענע מיסיעס, ער איז געווארן אינטימע פריינט מיט ראבעספיערן, און דער קאנווענט האט אים געשענקט פראנצויזישע בירגער-רעכט. להיפך צו באבעפן, וועלכער האט פארשידענע אידעאישע גילגולים דורכגעמאכט, האט בואנאראטי זיך פעסט געהאלטן ביים געדאנק, אז די יארן 1789 — 1792 האט די פראנצויזישע רעוואלוציע טאקע געשטרעבט בלויז צו קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע, צו א בורזשואזער, אנטי-פעאדאלער רעגירונג, אבער פון 1792 האט זיך אנגעהויבן דער קאמף צווישן באזיצנדיקע און נישט באזיצנדיקע, און די קאנסטיטוציע פון 1793, הגם זי האט חסרונות פון סאציאלן שטאנדפונקט, איז זי אבער צוליב איר דעמאקראטישן כאראקטער כאטש מסוגל ביישטיין די

נישט־באַזיצנדיקע אין זייער קאַמף, אויב מען זאָל זיי נאָר העַר־ציען אין קאָמוניסטישן גייסט. באַלד נאָכן פאַלן פון ראָבעספּיערן האָט בואָנאַראָטי געגרינדעט דעם פאַריין „פּאַנטעאָן" (אויפן נאָמען פון פּלאַץ, ווו דער פאַריין האָט אָפּגעהאַלטן זיינע פאַרזאַמלונגען), וועלכער איז שנעל געוואַקסן און האָט אָנהויב 1796 געציילט שוין ביז 17 טויזנט מיטגלידער און האָט געהאַט אָנהענגער אויך צווישן גאַרניזאָן פון פאַריז.

פאָרזיצער פון פאַריין איז געווען בואָנאַראָטי. ער האָט פאַר־זאַמלט אַרום זיך די בעסטע קעפּ און געבילדעט פון זיי אַ געהיימען צענטראַלן קאָמיטעט, כדי צוצוגרייטן אַ אויפשטאַנד, אַראָפּוואַרפן די דירעקטאָריע און אָפּשאַפן די קאָנסטיטוציע פון 1795. דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער פראַגע: וואָסער פּאָליטישן רעזשים זאָל מען איינפירן, אַז די דירעקטאָריע וועט שוין זיין אַראָפּגעוואָרפן? אַלע זענען געווען אייניק דערין, אַז באַלד איינפירן די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע פון 1793 קאָן מען נישט. בואָנאַראָטי שרייבט וועגן דעם:

„די דערפאַרונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דער־הויפּט די דייסערייען און די פאַלשע שריט פון קאָנווענט, האָבן גענוג באַוויזן, אַז אַ פאָלק, וואָס זיינע בליקן האָבן זיך פאַרמירט אונטער דער הערשאַפט פון אומגלייכהייט און דעספּאָטיזם, איז ווייניק מסוגל, ביי אַ רעוואָלוציאָנערער ענדערונג, צו וויילן דורך אָפּשטימונג די מענער, וועלכע זאָלן פעיק זיין אָנצופירן מיט דער רעוואָלוציע און זי פאַרענדיקן. די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע קאָן אָנפאַרטרויט ווערן נאָר צו קלוגע און מוטיקע מענטשן וועלכע זענען איינגאַנצן באַהערשט פון ליבע צום פאָטערלאַנד און צו דער מענטשהייט, וועלכע האָבן לאַנג געפאָרשט די סיבות פון דער אַלגעמיינער שלעכטיקייט, וועלכע זענען פריי פון פאַראורטיילן און אַלגעמיינער זינדיקייט און האָבן מער וויסן פאַר די אַרומיקע און באַציען זיך מיט פאַראַכטונג צו גאָלד און צו געוויינלעכע ערן־טיטלען, נאָר זיי זוכן זייער גליק דערין, וואָס זיי וועלן העלפן דעם זיג פון גלייכהייט. אפשר מוז מען ביים אָנהויב פון אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע, דווקא מחמת אַכטונג צו אמתער דעמאָקראַטיע, ווייני־קער אַכט לייגן אויפן וואָל־צעטל ווי אויף דערויף, אַז די העכסטע

מאַכט זאָל זיך געפינען אין קלוגע און שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע הענט".

נאָך לאַנגע באַראַטונגען, ווו מען האָט אָפּגעוויגן און אָפּגעשאַצט אַלע מעלות און חסרונות פון דיקטאַטור, איז דער צענטראַלער קאָמיטעט געקומען צום אויספיר, אַז נאָכן באַזייטיקן די טיראַניי זאָלן די אויפשטענדלער פון פּאַריז און פון די העפּאַרטאַמענטן ווײַלן אַ נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, וועלכע זאָל האָבן אין אירע הענט די העכסטע מאַכט; אָבער דער געהיימער צענטראַלער קאָמיטעט זאָל אויך ווייטער עקזיסטירן, ער זאָל נאָכפאָרשן, ווער זענען די געוויילטע קאַנדידאַטן, און בכלל האַלטן אויג אויף דער אַרבעט פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג.

אין אָט די באַראַטונגען און געדאַנקען האָבן מיר שוין אַ געוויסן אָנהויב פון דער אידייע וועגן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור.

3. דער אויסגאַנג פון דער פאַרשווערונג

צווישן די געהיימע אַגענטן פון דער פאַרשווערונג האָט זיך געפונען איינער אַ קאַפּיטאַן גריזעל וועלכער האָט דעם גאַנצן פּלאַן אויסגעגעבן דער דירעקטאָריע. דער קריגס־מיניסטער קאַרנאָ האָט דאַן באַפולמעכטיקט דעם יונגן גענעראַל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט אויפצולייזן דעם פאַראיין „פּאַנטעאָן" און אַרעסטירן זיינע פירער. סוף פעברואַר 1796 האָט מען דעם פאַראיין אויפגעלייזט, און דעם 10 מאַי האָט מען די פירער אַרעסטירט. איבער עלף חדשים האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג. אויס מורא פאַר אַן אויפשטאַנד פון דער פּאַריזער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, האָט די דירעקטאָריע געלאָזט איבערפירן די אַרעסטירטע אין דער פּראָווינץ־שטאָט וואַנדאָם. און דאָ איז טאַקע פאָרגעקומען דער פּראָצעס, פאַר אַ געריכט פון געשווירענע, וועלכע האָבן דעם 26 מאַי 1797 אַרויסגעטראָגן זייער אורטייל: באַבעפן און דאַרטען האָבן זיי פאַרמשפט צום טויט, בואָנאַראָטין און אַנדערע נאָך — אויף פאַרשיקן. באַבעף און דאַרטע האָבן באַלד געפּרווט זיך אַליין נעמען דאָס לעבן, דורך מעסער־שטעך, מען האָט אָבער באַמערקט און נישט דערלאָזט; צעבלוטיקטע האָט מען זיי אַוועקגעריסן פון געריכט־זאַל,

און דעם צווייטן טאָג אין דער פרי זענען זיי אומגעקומען אויף דער גיליאָטינע.

אין אַ צייט אַרום האָט באַבעפס זון קאַמיל הערשאָסן דעם פּאַרעטער גרייזעל.

בואָנאַראָטי איז געבליבן אין תפיסה אין שערבורג, און אין 1801 האָט אים זיין אַמאָליקער פאַרערער און „יוגנטפריינט" נאַפּאָלעאָן, איצט ערשטער קאָנסול און פּאַקטישער הערשער פון פראַנקרייך, פּאַרגעלייגט אַ הויכן פּאָסטן. בואָנאַראָטי האָט מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן דעם פּאָרשלאָג. אין 1807 האָט מען אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, — האָט ער זיך באַזעצט ביי דער דרום־מערב גרענעץ, ווו ער פלעגט האָבן באַציונגען מיט די איטאַליענישע רעוואָלוציאָנערן; דערנאָך איז ער איבערגעפאָרן אין דער שווייץ, ווו ער האָט זיך קוים דורכגעלעבט פון שטונדן פון מוזיק און שפּראַכן; מען האָט אים אָבער איינגיבן אַרויסגעשיקט פון דער שווייץ, און ער איז אַוועק קיין בריסל, ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ווערק וועגן דער פאַרשווערונג און וועגן פּראָצעס פון באַבעפן מיט זיינע חברים. דאָס ווערק האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער רעוואָלוציאָנער־קאָמוניסטישער באַוועגונג אין די יאָרן 1828 — 1840. נאָך דער יולי־רעוואָלוציע (1830) איז בואָנאַראָטי געקומען קיין פּאַריז, און די רעוואָלוציאָנערן האָבן אים דאָ פאַרערט ווי אַ הייליקן. איינער פון זיינע תלמידים איז געווען אויגוסט בלאַנקי; אין 1834 האָט פּאָליציי געוואָלט אַרויסשיקן בואָנאַראָטין פון פראַנקרייך, אָבער די בירגער־רעכט, וואָס ער האָט באַקומען געשענקט פונם קאָנווענט, האָבן גערעטעוועט דעם גרייז־גרויען בואָנאַראָטין פון פאַרשיקונג. פון דאַן אָן האָט ער געלעבט אין פּאַריז ווי אַ לערער פון מוזיק אונטער דעם פּסיידאָנים רייִמאָנד; געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1837.

VI דער אפּקלאַנג אין דייטשלאַנד

1. ווירטשאַפטלעכע אויפלעבונג און פּאָליטישע אונטערדריקונג.

די ערשטע יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט האָט מען אין די דייטשע געגנטן, סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף, נאָך זייער שמערצלעך געפילט די פאַרוויסטונגען פונם 30 יעריקן קריג. גאַנצע דאָרף־ישובים אין מיטל־און דרום דייטשלאַנד זענען געווען וויסט און פוסט; א סך שטעט זענען געבליבן כמעט אָן באַפעלקערונג; האַנדל און אינדוסטריע זענען געוואָרן פאַרוואָרלאָזט; נאָר אין לייפּציק און האַמבורג האָט זיך נאָך גערירט א האַנדלס־באַוועגונג: די דאָזיקע שטעט — און נישט די צאָלרייכע הויפן פון די וועלטלעכע און גייסטלעכע פירשטן — זענען געווען די אָאזיסן פון חרוב געוואָרענעם נאַציאָנאַלן לעבן. שווער איז אָנגעקומען דעם פיל געפּרוווטן דייטשן פאָלק צו היילן זיינע וואונדן: די פאַרשווענדערישקייט פון די פירשטן, די האַבגיריקייט פון די פּריצים, און די מאַכט־תאווה און ביוראָקראַטישקייט פון די באַאַמטע האָבן שווער געדריקט דאָס פאָלק און געשטערט דעם היילונגס־פּראָצעס. ערשט פון מיטן 18־טן יאָרהונדערט האָט עס אָנגעהויבן גייען בעסער. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, דער אויפבלי פון דער לאַנדווירטשאַפט אין ענגלאַנד און האָלאַנד, די פראַנצויזישע אויפקלערונגס־ליטעראַטור און די חשוב געוואָרענע פּאָליטישע עקאָנאָמיע — די אַלע פאַקטאָרן האָבן געהאַט א גוטע ווירקונג אויך אין די דייטשע געביטן. דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן האָט אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען, צום טייל א דאַנק דער אונטערשטיצונג פון די רעגירונגען, באַזונדער פון פרידריך דעם גרויסן, וועלכער האָט גוט געקענט די מערב־אייראָפּעישע קולטור, און צום

טייל אַ האַנט דער פאַרשטאַרקטער איניציאַטיוו פון די דייטשע לאנדווירטן, אינדוסטריע־אונטערנעמער און סוחרים; מען האָט איינגעפירט נייע מעטאָדן פון פּראָדוקציע, מען האָט געשטיצט די לייוונט־ און זיידן־מאַנופאַקטור; מען האָט די לאנדווירטשאַפט באַקאַנט געמאַכט מיט נייע אופנים פון ארבעט. די לעצטע יאָרצענדליגען פון 18־טן יאָרהונדערט זענען אנטשטאַנען לאנדווירטשאַפטלעכע פאַרבאַנדן און צייטונגען („ברעסלויער עקאָנאָמישע נאַכריכטן", „בערלינער לאנדווירטשאַפטס־ביבליאָטעק", „זשורנאַל פאַרן גאָרטן־קונסט", און אפילו אַן עקאָנאָמישע ענציקלאָפּעדיע").

אין האַמבורג האָט זיך געגרינדעט אַ „געזעלשאַפט צו אַנטוויקלען קונסט און נוצלעכע אינדוסטריען". דער האַנדל־פאַרקער איז שוין דאָרטן געווען אַ גאַנץ לעבהאַפטער, באַזונדער זייט אמעריקע האָט ארויסגעגעבן איר דעקלאַראַציע וועגן אומאָפּהענגיקייט (1776), ווייל די אַמעריקאַנער האָבן פון דאַמאָלט אָן אויסגעמיטן די ענגלישע האַפנס און געניצט זיך באַנוצט מיט די דייטשישע. כמעט 2 טויזנט שיפן פלעגן יערלעך ארויס און אריינפאָרן דורך האַמבורג — און דערפון בלויז אַ 150 — 160 אייגענע שיפן; און עס זענען דאָרט אַנטשטאַנען אויך ים־אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן יערלעך אויסגעשטעלט פּאָליסן אויף אַ סומע פון 60 ביז 120 מיליאָן טאַלער.

צענטרען פון לייוונט־מאַנופאַקטור זענען געווען שלעזיען, אויבערלויזיץ, בילעפעלד, און די ראַיאָנען אָסנאַבריק און מינדען. די יערלעכע לייוונט־פּראָדוקציע פון דייטשלאַנד האָט מען געשאַצט אויף 20 מיליאָן טאַלער.

זייער אינטערעסאַנט זענען די ידיעות וואָס עס גיט אָן יוסטוס מאָזער (מען קאָן נאָך ביז איצט אים לייענען מיט אינטערעס). ער באַקלאָגט זיך (1769) אויף דער ירידה פון דייטשן האַנטווערקער צוליב דער קאָנקורענץ פון די פאַבריקן. „צו דער צרה, זאָגט ער, קאָן מען גאָר נישט העלפן, סיידן רייכע לייט מוזן ווערן האַנטווערקער. אזוי ווי די פאַבריקאַנטן פון גאָלד און זילבער, פון הוטן און זאָקן ווינען אין פיל ערטער אין פּאַלאַצן און געניסן פון די אַלע זאכן, ... וואָס חערבּארונג, קליגשאַפט און רייכטום קאָנען געבן — טא פאַרוואָס זאָל אַ מייסטער אַ הוטן־מאַכער צי אַ מיים־

טער אַ זאַקן־מאַטער אויך ניט דערגרייכן צו אזא אַנזען, אויב ער אנטוויקלט די ארבעט אזוי הויך, ווי יענע?..*).

שפּאַניען איז אויך די שילדערונג פון פאַבריק־אונטערנעמונגען אין אאַכען און בורשייד ביי געאָרג פאָרסטער (1790): „דער דרוס און דער האַס קעגן די פּראָטעסטאַנטן איז די סיבה, פאַרוואָס מען טרעפט אזוי פיל פאַבריקן אויסער אאַכען. בורשייד, ווו ס׳זענען דאָ הייסע קוואלן, האָט גרויסע טוך־און נאָדל־פאַבריקן**). דאָס גלייכן וואַלס. עס האָט מיך אזוי געפרייט צו הערן, ווי מען רופט אָן צוזאַמען עלבערפעלד, וואַלס און סמירנע! ווארום די היגע טוך־שטאָפן גייען קיין טריעסט און ווענעציע און פון דאָרטן קיין טער־קיי. די קוואַליטעט איז אַן אויסגעצייכנטע, און מען אַרבעט נאָר פון שפּאַנישער וואָל פון פיינסטן סאָרט.***).

די באַרג־אינדוסטריע און די הוטעס פון שלעזיען האָבן זיך גוט אַנטוויקלט; די פּראָדוקציע פון מעטאַלן זאָל דאָ האָבן דער־גרייכט פון 12 ביז 14 מיליאָן טאָלער אַ יאָר.

ארום יאָר 1780 האָט זאַקסן שוין פּראָדוצירט 70 טויזנט טוך זאַקן און הענטשקעס. דעם אומזאַץ פון לייפּציקער מאַרק האָט מען געשאַצט אויף 18 מיליאָן טאָלער אַ יאָר.

ארום און ארום — זעען מיר דאָס לעצטע פערטל פון 18־טן יאָרהונדערט אַ נייעם שוווּנג פון ענערגיע אין דייטשלאַנד, אַ נייעם דראַנג פון גאַנצן ווירטשאַפט־לעבן****) און גלייכצייטיק מיט אַט דער ווירטשאַפטלעכער אויפלעבונג האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן גייס־

---

*) Justus Möser, Auswahl aus seinen Szriften 1914 א. ו. 65. א. ו. און זייט 42 .ז

**) אבער דער אויסדרוק „פאַבריק" דאַרף מען ניט פאַרשטייען אין היינטיקן זינען פון דעם וואָרט. אַ פאַבריה איז דעמאָלט געווען נאָר אַ גרויסער ווערקשטאַט.

***) Georg Farster Briefe und Tagebücher, 1790 Ausgade Leitzmau, Halle 1893. .ז. ז׳ 17, 139.

****) Biederman, Deutschland im 18. Jahrhundert I Band La Couvention — זשארעס — דאס גלייכן

טיקע ענעריע אויך אין דער ליטעראַטור, אין טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, און ס'האָט אין זיי גענומען הערשן אַ ליבעראַלער, פּראָגרעסיווער גייסט. די דיכטער און דענקער האָבן דאַן זייער שמערצלעך איבערגעלעבט די פּאָליטישע אָפּגעשטאַנענקייט, דעם סערוויליזם, די אונטערדריקונג און קנעכטשאַפט, אין וועלכער די פירשטן און דער אדל האָבן געהאַלטן דאָס פאָלק. איינער פון די קלינסטע און פּאָליטיש געבילדעטסטע דיכטער פון יענער צייט, קר. מ. ווילאַנד, האָט געגעבן אַ בילד פון אָט דער קנעכטשאַפט אין זיין „גאָלדענעם שפיגל": „אין די אויגן פון די קליינע טיראַנען האָט דאָס פאָלק קיין שום רעכט נישט און די פירשטן האָבן קיין שום פליכטן נישט. זיי באַהאַנדלען דאָס פאָלק ווי אַ הויפן לעבעדיקע מאַשינען, וועלכע דאַרפן אַרבעטן אויף זיי און טאָרן נישט פּרעטענדירן אויף אָפּרו, באַקוועמלעכקייטן און פאַרגעניגן. ווי ס'איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן די מעגלעכקייט פון אַזאַ אומנאַטירלעכן אופן פון הענקען, איז דאָך אַ פאַקט, אַז די פירשטן האָבן עס אַזוי ווייט געבראַכט, אַז זיי האָבן אַליין איינגעהויבן זיך האַלטן פאַר אַ קלאַס העכערע באַשעפענישן... וואָס די נאַטור שטייט גרייט צו טון אַלע זייערע ווילקירלעכע פאַרלאַנגען, וואָס אַלץ מעגן זיי און קיינער קאָן פון זיי קיין זאַך נישט פאָדערן. די קנעכטשאַפט פון אונטערטאַניער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז טאָמער האָט זיך געמאַכט אַ פאַל, און מען האָט זיי אויסנאַמסווייז געלאָזט געניסן פון אַלגעמיין-מענשלעכע רעכט, האָבן זיי געמוזט קוקן דערויף, ווי אויף אַ נישט פאַרדינגטן חסד". אין אָט דעם טרויעריקן בילד איז קיין איין שטריך נישט געמאָלט צו שוואַרץ. ווילאַנד האָט טאַקע דערהויפּט אין זינען געהאַט די לאַגע אין דרום-דייטשלאַנד אָבער אויך אין פּרייסן, אונטער דער ממשלה פון פרידריך דעם גרויסן, איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן וועגן פרייער פּאָליטישער קריטיק. דער דרייסטער לעסינג שרייבט וועגן דעם צו ניקאָלאַין: „אָבער זאָל גאָר אַמאָל עמיץ אין בערלין פּרובירן זאָגן דעם אמת דעם הויכגעשטעלטן הויף-פּעבל, זאָל נאָר עמיץ אין בערלין וועלן אויפהויבן זיין שטים פאַר די רעכט פון אונטערטאַניער קעגן אויסזויגעריי און דעספּאָטיזם, ווי דאָס פּאַסירט איצט אפילו אין פראַנקרייך און אין דענעמאַרק, און איר וועט

באלד א סימן האבן, וואסער לאנד איז ביז היינט צו טאג דאס שקלאפערישסטע אין אייראפע“.

א גרויסן טייל פון איר קראפט האט די דייטשע קלאסישע ליטעראטור געשעפט פון דעם קעגנזאץ צווישן ווירטשאפטלעכן אויפשוואונג און פאליטישן דרוק. דאך איז אט די ליטעראטור בעיקר א בירגערלעכע. איר קלאסישער פארשטייער איז שילער; ער איז עס געווען די נשמה פון לעצטן פערטל פון 18־טן יארהונדערט—פון דער צייט, ווען ס׳איז אנטשטאנען דאס מאדערנע דייטשע בירגערטום, בעת גיטע, דאקעגן, האט גאנצע יארהונדערטער אין זיך פארקערפערט — פון דער רענעסאנס־תקופה ביז טיף אין 19-טן יארהונדערט אריין. אנדערע גייסטער האבן זיך קאנצענטרירט אינגאנצן אויף דער עסטעטיק, און זענען געבליבן שטעקן אין דער רענעסאנס־אידעאלאגיע, ווי ווינקלמאן און היינזע. פאר געציילטע יארצענדליקער איז אין די דייטשע לענדער אריינגעדרונגען די גאנצע זייט 15־טן יארהונדערט געשאפענע, גייסטיקע ארבעט פון מערב-אייראפע, פונקט ווי מען וואלט וועלן מיט איין קלאפ אנייאגן דאס פארזאמטע, דאס פארשפעטיקטע. שילער האט זיך אויך לעבהאפט פארנומען מיט עסטעטישע פראבלעמען, אבער ער איז געבליבן א גוט ביסל בירגערלעך־זיטלעך און געהאלטן דעם וואוילטעטיקן מיטלשטאנד פארן שעפער פון אונזער גאנצער קולטור,—אין וועלכן עס צייטיקט זיך דויערהאפטיק גליק פאר דער מענטשהייט

2. קאמוניזם ביי ווילאנדן און היינזען.

פונקט ווי אין איר ווירטשאפטלעכער אויפלעבונג, אזוי אויך אויפן געביט פון געדאנק און פון פאעזיע האט דייטשלאנד פיל צו פארדאנקען ענגלישע און פראנצויזישע דענקער און דיכטער. לאק, שעפסבורי ריטשארדסאן, פילדינג, יום, רוסא האבן זייט מיטן 18-טן יארהונדערט, געהאט אן איינפלוס אויף דער דייטשער אויפקלערונגס־פילאזאפיע, אויף דער דייטשער דראמע, ראמאן, רעכטס־פילאזאפיע, ווי אויך אויף דער פאליטישער און סאציאלער קריטיק. אפילו די פילאזאפיע פון קאנט וואלט אוממעגלעך געווען אן אקסאמען, לאקן, בערקלייען און יומען. פון דער

רשימה בלויז װעט מען, אז דאס לעצטע פערטל פון 18־טן יאָרהונדערט איז דער פראַנצויזישער איינפלוס שוואַכער געוואָרן, און דער ענגלישער, דאַקעגן,, איז געװאָרן שטאַרקער.

אזוי לאַנג ווי דאס דייטשע בירגערטום איז נאָך געווען שוואַך, האָט געהערשט דער פראַנצויזישער איינפלוס, די פירשטלעכע הויפן האָבן געוואָלט זיין קליינע ווערסאַלס; יעדער פירשט האָט איין אַלץ נאָכגעטון לודוויג דעם XIV; וואָס נאָר ס'איז געקומען פון פּאַריז, האָט זיי אויסגעוויזן צו זיין אַ שטיצע פאַרן אַבסאָלוטיזם. פון מיטן 18 יאָרהונדערט האָט זיך די לאַגע געענדערט: דאָס דייטשע בירגערטום הויבט אָן זיך רירן, און אינגיכן איז אַוועק אַ ליטעראַרישער קאַמף קעגן דער פראַנצויזישער הויףדראַמע, און בכלל קעגן פראַנצויזישן איינפלוס. מען האָט אַנטדעקט דעם בירגערלעכן כאַראַקטער פון דער ענגלישער ליטעראַטור, און דאָס איז מער געווען צום האַרצן. פון די פראַנצויזן איז געבליבן נאָר רוסאָ, וועלכער איז אַליין געווען נוט בירגערלעך, כּישט געקוקט אויף זיינע סאָציאַל־קריטישע אָפּנויגן.

לעסינג איז געווען דער דיכטער און קריטיקער, וואָס האָט אָדורכגעפירט אָט דעם קער אין דער דראַמע,—דעם שפּיגל פון יעדער צייט.

די ליטעראַרישע אָפּאָזיציע קעגן מלוכהשן דעספּאָטיזם, קעגן באַאַמטן־ווילקיר און קעגן פּאָליציייאישע שיקאַנעס האָט געשאַרפט דעם פּאָליטישן געדאַנק און געוועקט פאַרשטענדניש פאַר מלוכה־וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, פאַר קאָנסטיטוציע־פראַגן, און פאַר סאָציאַלע קריטיק. איינער פון די בעסטע ליטעראַרישע וואָרט־פירער פון אָט דער ריכטונג איז געווען קר. מ. ווילאַנד (1813—1773)—אַן אויסגעצייכנטער מענש אויף שמועסן, הייטער און גייסטרייך לויט דער פאָרם און ערנסט און פאַרטיפט לויטן עצם, דערצו באַוואָפנט מיט אויסערגעוויינלעכע קענטעניש פון אַלטערטום און פון דער מערב־איראָפּייאישער ניי־צייט. פאַר אונז האָבן דאָ אַן אינטערעס צוויי ווערק זיינע—„דער גאָלדענער שפּיגל" (1772) און „די ירושה פון דיאָגענעס פון סינאָפּ". אַלע מלוכה־וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַל־קריטיש־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען, ווערן אין די ווערק באַהאַנדלט אין מערב־איראָפּייאישן

גייסט — אין גייסט פון דער אויפקלערונגס־פילאזאפיע, פון יע־
נעם ליבעראליזם און הומאניטעט, וואס זענען פראפאגירט גע־
ווארן די יארצענדליקער ערב דער פראנצויזישער רעוואלוציע.
זעלבסטפארשטענדלעך, אז פאר ווילאנדן איז אויך דער אידעאל
געווען — „לעבן לויט דער נאטור“, ער שילדערט א געזעלשאפט,
וועלכע איז פריי פון געוואלט און צוואנג, און לעבט אין פולשטענ־
דיקער גלייכהייט; ער גיט אבער צו, אז דער קאמוניסטישער אי־
דעאל לאזט זיך פארווירקלעכן נאר אין א קליינער געזעלשאפט,
מיט א קליינער צאל באפעלקערונג. גרויסע אבער און קאמפלי־
צירטע געזעלשאפט מוזן האבן א רעגירונגס־אפאראט, מיט א
קלוגן פירשט אין דער שפיץ, און מיט מענטשן־פריינטלעכע גע־
זעצן. ער לאזט אן אלטן מיטגליד פון א קאמוניסטישער געזעל־
שאפט דערציילן: „...אונזער קליינע נאציע, וועלכע באשטייט א־
ערך פון 500 פאמיליעס, לעבט אין פולקאמענער גלייכהייט, און
מיר ברויכן נישט צו האבן קיין שום אנדער אונטערשייד אחוץ
דעם, וואס די נאטור אליין, אין איר ליבע צו פארשיידנארטי־
קייט, מאכט צווישן **די מענשן. די ליבע צו אונזער** קאנסטיטוציע
און דער דרך־ארץ פאר די אלטע לייט, וועלכע מיר האלטן פא־
די היטער פון דער קאנסטיטוציע, זענען גאנץ גענוג אויף אונטער־
צוהאלטן צווישן אונז ארדנונג און רו — אלס רעזולטאט פון אלגע־
מיין־סאלידארישע פרינציפן און נייגונגען. מיר קוקן אויף זיך
אלע ווי אויף א קליינע משפחה, און די קליינע סכסוכימלעך, וואס
מאכן זיך אמאל צווישן אונז, זענען ענלעך צו קריגערייען צווישן
פארליבטע אדער צו א צייטווייליקן רוגז צווישן ליבנדיקע שווע־
סטער... פון 8 ביז 12 יאר באקומען אונזערע קינדער אזויפיל
בילדונג, וויפיל ס'איז נויטיק, אום צו זיין גליקלעך אלס מיטגלי־
דער פון אונזער געזעלשאפט. פון 12 ביז 20 יאר זענען אלע יונ־
גען ביי אונז פאסטוכער, און אלע מיידלעך — שאף־אויפזעערינס.
פון 20 ביז 60 יאר פארנעמען זיך די מענער מיט פעלד־ארבעט;
גערטנעריי ווערט געלאזן פאר די אלטע לייט. זיידשפינעריי, בא־
ארבעטונג פון בוימוואל און זייד, קולטיווירונג פון בלומען און
די גאנצע אינערלעכע הויז־באלעבאטישקייט — דאס געהער צו
אונזערע ווייבער און טעכטער“. און אז די באפעלקערונג וואקסט,

ווערן פארלייגט נייע קאלאניעס. אויב א יונג ווייזט ארויס א נטיה צו כבוד און ערגייץ, אהער ער ווייזט ארויס גייסטיקן אומרו, גיט מען אים א מעגלעכקייט צו זען א וועלט און ארויסצווייזן זיינע פייהיקייטן אין אויסלאנד, ווייל אין דער קאמוניסטישער געזעלשאפט צושטערן אזעלכע נטיות די גוטע מדות פון איינפאכקייט און מעסיקייט, פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט". אין „דיאגענעס ירושה" ווערט דעם רייכן קארינטער פילאמעדאן פארגעווארפן, אז זיין ליידיקגייעריש לעבן ברענגט שאדן דער מלוכה, און אז אן ארעמער וואסערטרעגער שטייט העכער פארן רייכסטן ליידיקגייער. אויף פילאמעדאנס טענה, אז ער באשעפטיקט אזויפיל ארבעטער און שקלאפן און שפייזט זיי אלע, ענטפערט דיאגענעס: „דאס פארענטפערט דיך נאך לחלוטין נישט, מיין גוטער פילאמעדאן, ווער גיט דיר דאס רעכט צו קוקן אויף מענשן, וואס זענען דיינסגלייכן, ווי אויף דיין אייגנטום? „די געזעצן", וועסטו זאגן; אבער געוויס, נישט דער געזעץ פון דער נאטור, נאר געזעצן וואס האבן צו פארדאנקען זייער קראפט יענעם שטילשווייגנדיקן אדער אויסדריקלעכן אפמאך, אויף וועלכן עס האלט זיך די גאנצע בירגערלעכע ארדנונג. ווארום אויב נישט—וואס דען צווינגט דיינע שקלאפן צו זייער געהארכזאמקייט, וועלכע זיי וואלטן דיר גלייך געקינדיקט, ווען זיי זאלן נישט געהאלטן ווערן אין צוים דורך אזא מוראדיקער מאכט? און צי קאנסטו דיר פארשטעלן, אז צווישן די אלע פרייגעבוירענע, וועלכע ארבעטן אויף דיר פאר באלוינונג, זאל זיין כאטש איינער, וועלכער וואלט זיך נישט ליבער אפגעזאגט פון דער ארבעט, ווען נישט דאס, וואס דרינגענדיקע נויט אדער חשק רייך צו ווערן מאכן אים פאר א פרייוויליקן שקלאף ביי דיר? צי ווייסטו נישט, אז אנשטאט צו פארדינען דורך טעג שווערער ארבעט קוים א צענטויזנט חלק פון דיינע הכנסות, וואלטן מסתמא אלע א סך גערנער געוואלט זיין אויף דיין ארט, ליגן אויף א פראכט-רו-בעט, צווישן דער שמייכלענדיקער ווענוס און באקכוס, דעם פרייד-געבער, און פאר די צוואנציק טאלענטן, וואס זיי וואלטן באקומען יערלעך אן דער מינדעסטער מי — (ווארום אפילו אזא מי לאזסטו אויך איבער פאר דיין פארוואלטער)—וואלטן זיי געלאזט

ארבעטן פאר זיך אנדערע צען טויזנט מענשן? און עס איז דאך קיין ספק נישט, אז די מערסטע אויב זיי וואלטן נאר געוואגט, וואלטן זיי לייכט געמאכט דעם פשוטן חשבון, אז זיי קאנען זיך איינשפארן זייער ארבעט, אויב עטלעכע פון זיי זאלן זיך נאר נעמען אינאיינעם און פארכאפן דיין פארמעגן מיט געוואלט. וואס אנדערש באווארנט דיך פאר אט דער געפאר, א חוץ פאליציי און געזעצן, וואס פון זיי הענגט אפ די גאנצע גילטיקייט פונם אפ-מאך. איך ארבעט ביי דיר, כדי דו זאלסט מיר באצאלן?.. לאז אונז נאר, פילאמעדאן, נאך איין מאל ברענגען, וועלכער איז אזוי מעגלעך, אז מיר זענען פאקטיש קיינמאל נישט זיכער, צי וועט ער טאקע נישט פאסירן. — צענטויזנט מענשן האבן זיכער מיט ניינצן טויזנט אכט הונדערט הענגט מער, איידער הונדערט מענשן. אויב אזוי, איז נישטא קיין קלארערע זאך, ווי אז אויף יעדע הונדערט דיינגלייכן זענען פאראן אין אכציג וויניקסטנס צענטויזנט, וועלכע וואלטן ביי א מלוכה-איבערקערעניש מער געווונען, ווי פארלוירן. איצט לאמיר זיך פארשטעלן, אז די דאזיקע צענטויזנט פאלט אמאל איין צו הארעכענען די צאל הענט זייערע, און דער פועל יוצא פון זייער רעכענען וואלט געווען, אז זיי וואלטן זיך באנוצט מיט זייער איבערגעוויכט. כדי איך, רייכע, ארויס-ווארפן פון אייערע מאיאנטקעס און פארנעמען א נייע טיילונג פון אט די מאיאנטקעס? ווי נאר עס קומט א סוף צו דער מלוכה, אזוי הויבט זיך ווידער אן א נאטור-צושטאנד, אלץ קערט זיך אום צו דער אמאליקער גלייכהייט, און קורץ — די וואלסט נישט באקומען קיין גרעסערן חלק, איידער דער עלעכער האנטווערקער-מענטש, וואס באשיצט דיינע פיס. דער דאזיקער איינציקער קליי-נער אומשטאנד וואלט דיך געצוווּנגען — אדער צו ארבעטן, אדער אויסצוקומען מיט אזוי ווייניק, ווי דיאגענעס; און מסתמא וואלט דיר דאס איינע פונקט אזוי נישט געשמעקט, ווי דאס צווייטע*) און ווילאנד זעצט פאר ווייטער: „אויב אבער דאס איז ריכטיק, דאן דארפן מיר מער נישט קיין באווייזן, אז דער ערשטער בעס-טער טרעגער און קארינט האט מער פארדינסטן פאר דיר. ווייל פאר דער מאגערער חיונה, וואס די געזעלשאפט גיט אים, ארבעט ער פאר אירעטוועגן. דא אבער, וואס די געזעלשאפט גיט איר יער-

*) מען זעט, ווי באקאנט דעמאלט איז געווען די נאטור-רעכטלעכע לערע.

לעך צוואַנציק טאַלענטן, טיסט פֿאַר איר גאָרנישט, אָדער — דיין גאַנצער פֿאַרדינסט פֿאַר דער מלוכה, איז דער פֿאַרדינסט פֿון יענער בין־מיוחסת, וועלכע פּרעסט אויף דעם בעסטן טייל האָניק, וואָס די אַרבעטנדיקע בינען טראָגן צונויף און זי טוט דערפֿאַר גאָרנישט, אַ חוץ וואָס זי שאַפֿט פֿאַר דער מלוכה יונגע איינוווינער; און דערלויבט מיר צו זאָגן, אַז דו וואָלסט דאָס אויך נישט געטון, ווען דער רייץ פֿון פֿאַרגעניגן וואָלט נישט געווירקט אויף דיר שטאַרקער, איידער „דער געפֿיל פֿון דיינע פֿליכטן לגבי דער געזעלשאַפֿט“

ווילהעלם היינזע (1803 — 1749) איז געווען ווילאַנדס אַ תּלמיד. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ הייבשן ליטעראַרישן טאַלענט און געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פֿון רענעסאַנס. אין זיין „אַרדינגעלאָ“ (1787), וועלכער באַשטייט פֿון דיאַלאָגן איבער קונסט און פֿילאָזאָפֿיע און אָטעמט מיט הייסער ליבע צום אַלטערטום, גיט דער מחבר צום סוף ווערק אַ בילד פֿון אַ מעסיק־קאָמוניסטישער מלוכה. אויף איינעם פֿון די גריכישע אינזלען האָבן עטלעכע מענטשן אויפֿגעריכט אַ מלוכה, מיט אַן אָרדנונג לויטן מוסטער פֿון ליקורגן און פּלאַטאָנען, האָר דערביי אין אַכט גענומען איינִיקע טענות פֿון אַריסטאָטעלעסן (פֿאַרגלייך טייל I, זייט 69—73). דעם „פּירשט“ פֿון מאַקיאַוועלי האָט מען אויך געלייענט, אָבער נאָר „כּדי מיר זאָלן זיך אויסהיטן פֿאַר אים“. „פּלאַטאָנס דאָפּעלטן בירגער־שטאַנד, ווו איין קלאַס פֿאַרנעמט די ערן־שטעלעס און דער צווייטער קלאַס די פֿעלד־אַרבעט, האָבן מיר שׂכל געהאַט אויסצומיידן, מיר האָבן אָבער איינגעהאַלטן, קעגן אַריסטאָטעלעסן, די בשותּפֿותדיקייט פֿון פֿאַרמעגן. דער הויפּט שלעכטס, וועלכן מיר האָבן דורכדעם באַזייטיקט, איז געווען גאָר גרויס; און אונדז איז אויסגעקומען, אַז דער שאַרפֿזיניקער קריטיקער פֿון אַלע פֿאַר זיין צייט באַקאַנטע רעפּובליקן איז דאָ נישט נאָר פֿריי געווען פֿון פֿאָראורטיילן פֿון דער דערציונג. דערווייל איז נאָך געווען אייגנטום, נעמלעך עפֿנטלעכע באַלוינונגען; און יעדערער האָט זיך געהאַט ביז צום סוף פֿון זיין לעבן אַלץ וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. ווייטער, די ווייבער זענען, אין הסכם מיט דעם חשובֿן תּלמיד פֿון סאָקראַטעסן, גע־

מיינשאַפטלעך, אָבער דאָך נאָר ביז אַ געוויסן גראַד, און דאָס־זעלבע די מענער; דאָס הייסט, יעדער האָט פולע פערזענלעכע פרייהייט, און יעדע געוואַלט־האַנדלונג ווערט האַרט באַשטראָפט. דערביי האָט מען געזאָרגט וועגן גוטער אָרדענונג. מענער און ווייבער האָבן געוווינט אָפּגעזונדערט איינע פון די צווייטע". צען פּראַציענט ווייבער האָבן געהאַט שטימרעכט ביי אַלגעמיינע ענינים; דערפאַר אין פרויען־ענינים איז אַלץ געווען אָפּהענגיק פון זייער צושטימונג. „אַזוי האָט די ליבע אויסגעשפּרייט אירע פליגל אין אַלערהעכסטער פרייהייט; יעדער האָט זיך געפליסט צו זיין שיין און ליבנסווירדיק.. וואָס איז שייך די באַפעלקערונג, האָבן מיר געוואָלט נאָכטון יענעם ספּאַרטאַנער, וועגן וועלכן די דעלפינישע נביאהטע האָט נישט געוווסט, צי זאָל זי אים באַגריסן אַלס אַ שטערבלעכן, אָדער אַלס אַ גאָט; די קינדער האָבן געהערט צו דער מלוכה.. קורץ, מיר האָבן אויסגעמיטן די אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן פון אַט דער אָרדענונג, וועלכע אַריסטאָטעלעס און צום טייל שוין אַריסטאָפאַנעס באַרירן אין זייערע „עקלעזיאַצוזן". אין היינזעס קאָמוניסטישער מלוכה זענען געווען נאָך שקלאַפן; און די יוגנט האָט מען אויך דערצויגן אַזוי, זי זאָל טויגן צו מלחמה. אַלץ אַזוי, ווי אין די אוראַלטע קאָמוניסטישע רעפּובליקן.

3. סאָציאַל־רעליגיעז־אַפּיקורסישע שטרעמונגען: ווייזהויפּט (אילומינאַטן).

אויב ביי ווילאַנדן און ביי היינזען פילן מיר דער עיקר די ווירקונג פון אַלטערטום און פון דער רענעסאַנס־צייט, איז ביי די אילומינאַטן און ביי לעסינגען נעמט דאָס פּאָליטישע און סאָציאַלע דענקען אָן אַ רעליגיעז־אַפּיקורסישע ווענדונג: עס לעבט אין זיי אויף די מיטלאַלטערלעכע אַפּיקורסעריי, נאָר איצט האַנדלט זיך שוין נישט מער וועגן מאַניכעאישן קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס, נאָר וועגן גאַנג פון דער מענטשהייט צו אַ העכערער שטופע, צו גייסטיקער פולקאָמענהייט, וועגן מיטהעלפן דער געטלעכער הש-

גהה צו דערציען די מענטשהייט און זי אויסלייזן פון מלוכה־צוואַנג, פון גייסטיקן און ווירטשאַפטלעכן דרוק.

דערין איז באַשטאַנען דער סוד פון די אילומינאַטן; און די זעלבע געדאַנקען האָט לעסינג אויסגעדריקט עפנטלעך.

די אילומינאַטן (אויפגעקלערטע) זענען געווען א געהיימער אָרדן, אין דער אַרט, ווי די מאַסאָנען, מיט וועלכע זיי האָבן טאַקע געהאַט פיל געמיינזאַמעס. תחילת האָבן זיי זיך גערופן פּערפעקטיביליסטן (פאַרפולקאָמער), און אַלס אַזעלכע געפירט זייער טעטיקייט פון יאָר 1776 ביז 1784. גרינדער פון אָרדן איז געווען אַדאַם ווייזהויפּט (1748 — 1830), אַ קאַטוילישער פּראָפעסאָר פון נאַטור און קירכן-רעכט אין אוניווערזיטעט אין אינגאָלשטאַט; פריער איז ער געווען א תלמיד ביי די יעזואיטן, דערנאָך איז ער געוואָרן זייערער א קעגנער, און האָט זיך געשמיעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַקעמפן מיט די יעזואיטישע אָרגאַניזאַטאָרישע מיטלען דאָס קירכן־קריסטנטום, דעם דעספּאָטיזם, די אומוויסנהייט און אומפרייהייט, און גרינדן אַ מלוכה פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר דעם גאַנצן מענטשנמין. די אָרגאַניזאַציע איז געווען א געהיימע, און נאָר געלערטע, דיכטער, גייסטלעכע לערער, הויכע באַאַמטע, פירשטן און אַנדערע איינפלוסרייכע און מאַכטפולע פּערזענלעכקייטן האָבן געקאָנט ווערן מיטגלידער. דער אָרדן האָט געהאַט דריי קלאַסן און האָך עטלעכע אונטער־קלאַסן, — כדי צו דערגרייכן א געהעריקן אָפּקלייב און צולאָזן צו די העכסטע שטופן נאָר די פעהיקסטע. אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן געהערט צום אָרדן: הערדער, געטע, דער באַקאַנטער בערלינער בוכהענדלער ניקאָלאַי, די הערצאָגן פון גאָטע, ווײמאַר, ברוינשווייג. די לעצטע האָבן געקאָנט געהערן נאָר צו די אונטערשטע שטופן, וואו מען האָט געהאַט צו טון מיט אויפקלערונג און בילדונג, אָבער נישט מיט די ענד־צילן. איינער פון די בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פונם אָרדן, אין די יאָרן 1780 — 1783 איז געווען באַראָן פאָן קניגע (1752 — 1796), דער מחבר פונם פיל געלייענטן בוך: „ווי דאַרף מען זיך באַגיין מיט מענטשן". און איך בין נוטה צו מיינען, אַז אויך לעסינג איז געווען זייער נאָענט צו די אילומינאַטן, אָדער ער האָט לפּחות געוווּסט וועגן

זייער לערע; זיין פריינט ניקאָלאַי האָט אים אודאי געמוזט פאַרטרויען אָט דעם סוד.

אַ כאַראַקטעריסטיש בילד פון די שטימונגען פון יענער צייט געפינען מיר ביי קניגען; ער דערציילט, אַז „דער שווינדל פון די גלחים האָט כמעט אַלע מענטשן אויפגעבראַכט קעגן דער קריסטלעכער אמונה" און דאָס האָט זיי גלייכצייטיק געמאַכט פאַר טרויער, אַז דער דעספּאָטיזם פון די פירשטן האָט אומעטום אַרויסגערופן אַ דראַנג צו פרייהייט. די דאָזיקע שטימונגען האָט עם אויסגענוצט ווייזהויפּט, כדי צו פאַרווירקלעכן זיין באַפרייאונגספּלאַן; אינטערעסאַנט, אַז אַ פּסיידאָנים האָט ער זיך אויסגעקליבן — ספּאַרטאַקוס. אַזוי ווי יענע צייט האָט מען נישט געקאָנט טראַכטן מכוח אַן אָרגאַניזאַציע פון פאָלקסמאַסן, איז דער פּלאַן באַשטאַנען דערין, אַז די אידייען זאָלן אויסנעמען ביי די גייסטיקע פירער, און זיי זאָלן דורכפירן אַ פרידלעכע רעוואָלוציע.

ווייזהויפּטס געדאַנקען־גאַנג איז געווען לערך אַזאַ: די נאַטור אַנטוויקלט זיך כסדר פון נידעריקסטן צום העכסטן; די אַלערליי מינים, אַרטן און פאָרמען, וואָס די נאַטור ברענגט אַרויס, זענען נישט מער ווי פאַרענדערונגען פון איין און דעם זעלבן וועזן. אָבער אויך דאָס וואָס זעט אויס ווי אַ פולקאָם-אויסגעבילדעטע אַרט, קאָן ווידער אַמאָל זיין די נידעריקסטע שטופע פון אַ נייער, העכערער אַרט. די טרייבקראַפט פון אָט דער אַנטוויקלונג איז — באַדערפעניש. נייע באַדערפענישן רופן אַרויס נייע אַנטוויקלונגס-שטאַפּן. „פון יעדער באַפרידיקטער באַדערפעניש אַנטשטייט אַ נייע ווידער, און די געשיכטע פונם מענטשן־מין איז די געשיכטע פון זיינע באַדערפענישן, ווי זיי זענען אַרויסגעקומען איינע פון דער צווייטער; און אָט די געשיכטע, אָט די אָפּשטאַמונג, אָט די אַנטוויקלונג פון באַדערפענישן איז די געשיכטע פון מענטשן־מין, ווייל לויט אָט די באַדערפענישן גייט די אַנטוויקלונג פון דער קולטור, די פאַרפיינערונג פון די זיטן, די אַנטוויקלונג פון די פאַרבאָרגענע גייסטיקע כוחות; צוזאַמען מיט זייער אַנטוויקלונג ענדערט זיך דער לעבנס-שטייגער, דער מאָראַלישער און פּאָליטישער צושטאַנד, די באַגריפן וועגן גליק, די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן מענטשן, די גאַנצע לאַגע פון דער וועלט". די אונטערשטע שטופע

פון מענטשלעכן מין איז געווען די ווילדקייט, די רויע נאטור; דער קרייז באדערפענישן איז געווען קליין; דערפאר אבער האט מען גענאסן לרוב פון „פרייהייט און גלייכהייט — די צוויי בעסטע ווערט־זאכן פון דער מענטשהייט". אבער דער פלאן פון גאט און פון דער נאטור איז געווען צו דערציִען די מענטשן פאר העכערער קולטור. ווען דער מענטשן־מין האט זיך פארמערט, האט אנגעהויבן אויספעלן לעבנסמיטלען; האבן די מענטשן זיך אפגעזאגט פון נאמאדישן לעבן, זענען געווארן זעסהאפט, האבן אנגעהויבן באארבעטן די ערד און געשאפן פריוואט אייגנטום; די שטארקע און קלוגע האבן זיך דערשלאגן צו הערשאפט איבער די שוואכערע מיטגלידער, ווייל די לעצטע האבן מער נישט געקאנט מיט אייגענע כוחות באפרידיקן זייערע באדערפענישן און האבן זיך גענויטיקט אין דער הילף פון יענע; און ווער ס'איז הילפלאז, דער פארלירט אויך די פרייהייט. אזוי איז געווארן אויס פרייהייט און גלייכהייט, און מען איז שוין מער נישט געווען געזיכערט פון באליידיקונגען און אנפאלן. די באדערפעניש און זיכערקייט האט געשטויסן די מענטשן צו גרינדן מלוכות און איבערגעבן די גאנצע מאכט צו יחידים. און דאס האט געפירט צו דעספאטיזם, וועלכער האט אלעמען געדריקט און אין פחד געהאלטן, אנשטאט צו באזארגן מיט זיכערקייט און פרייהייט. מענטשן זענען געווארן צעטיילט אויף פיינטלעכע מלוכות, נאציאנאליזם און פאטריאטיזם האבן זיי באהערשט; האסן און מארדן פרעמדע האט זיך אנגעהויבן רעכענען פאר א טוגנט; אפילו מענטשן פון איין און דערזעלבער מלוכה זענען געווארן פיינטלעך געשטימט איינער צום צווייטן, צוליב לאקאלן פאטריאטיזם און עגאאיזם. מיט אייגענע כוחות קאנען זיך די פאלקס־מאסן נישט באפרייען פון אט דער אומגליקלעכער לאגע; באווייזן דאס קאן נאר א געהיימע ארגאניזאציע פון אויפגעקלערטע, וועלכע שטרעבן צו דער פארפולקאמונג פון מענטשלעכן מין. עם צייט אום דעם, מען זאל די מענטשן צוריקברענגען צו דער אמאליקער פרייהייט, אבער נישט צום צושטאנד פון ווילדקייט און רויקייט, נאר צו א פיל העכערער געזעלשאפט־ארדענונג. און דאס איז אויך דער זינען פון דער רעליגיאנס־געשיכטע. דער גן עדן איז דער סימבאל פון יענעם נאטור־צושטאנד, וואס האט זיך אויס־

געצייכנט דורך פרייהייט און גלייכהייט; דער זינדפאַל באַטייט זיעם אָנהייב פון קנעכטשאַפט און די גרינדונג פון מלוכות (צוואַנגס־רעגירונגען); דער אויפטו פון יעזוסן איז באַשטאַנען אין ווידער איינפירן פאַרשטאַנדרעכט, מענטשלעכע, פרייהייט און גלייכהייט. וואָרום נאָר דורך דער רעוואָלוציע פון גייסט קאָנען מענטשן ווערן „פּאָליטיק", זיטלעך, פריי און גלייך.

אין 1784 איז דער אילומינאַטן־אָרדן פאַרמסרט געוואָרן פאַר דער בייערישער רעגירונג — און זי האָט אים פאַרבאָטן און גרויזאַם פאַרפאָלגט זיינע מיטגלידער, אַ חוץ די וואָס זענען באַצייטנס אַנטלאָפן. ווייזהויפּט האָט זיך אויך געראַטעוועט קיין ווייַמאַר, און האָט דאָרט געלעבט טלס אַ ראַטגעבער ביים הויף.

4. גאָטהאָלד עפֿראַאים לעסינג.

לעסינג האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ סביבה פון גייסטלעכע, און האָט תחילת געוואָלט זיך אָפּגעבן מיט טעאָלאָגיע, נאָר די קענטשאַפט מיט פילאָזאָפיע און ליטעראַטור און דער פאַרקער מיט ראַציאָנאַליסטן און דעאיסטן האָבן אים אָפּגעווענדט דערפון; דאָך פלעגט ער זיך אָפט אומקערן צו רעליגיעזע און טעאָלאָגישע פאָרשונגען, און פלעג מיט התמדה לייענען די קירכן־פאַטערס און — זייער וואַרשיינלעך — אויך די מיטלאַלטערלעכע אפיקורסים. זיין קריסטנטום האָט אָנגענומען אַ סאָציאַל־עטיש פראַקטישן כאַראַקטער. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי זיין ערשטער דעביוט אויפן געביט פון טעאָלאָגיע: זיין פאַרטיידיקונג פון די „הערנהיטליער" (1750), ווו ער שטעלט אורקריסטלעכן געמיט־צושטאַנד און פּראַקטיק העכער פאַר יעדער וועלט־קלוגשאַפט און פאַר סכאָלאַסטישע המצאות. ער שילדערט דאָרטן איינעם אַן אורקריסט, וועלכער לערנט אונז: „זיך באַגיין אָן רייכקייט, אפילו פטור ווערן דערפון, זיין שטרענג צו זיך אַליין און מילד צו אַנדערע, הויכשעצן פאַרדינסטן, אויב אפילו שאַנד און אומגליק האָבן זיי באַזיגט, און פאַרטיידיקן זיי קעגן דער מאַכט פון טפשות". צום סוף פון לעסינגס קאַמף־רייכן לעבן, זענען די סאָציאַל קריסטלעך־אפיקורסישע אידייען געשטאַנען שוין אין צענטר פון זיין גייסטיקן שאַפן.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָט לעסינג געמוזט לפּחות גייסטיק זיין נאָענט צו די אילומינאַטן. זיינע סאָציאַל־רעליגיעז־אַפּיקורסישע אידייען געפינען זיך אין זיינע „געשפּרעכן פאַר מאַסאָנען" און דערהויפּט אין זיין „דערציִונג פון מענטשן־מין". די ביידע ווערק פאַלן פּונקט אויס אויף די ערשטע יאָרן פון דעם אילומינאַטן־אָרדן. און אויפפאַלנדיק איז אויך, וואָס אָט דאָס ערשטע ווערק איז געווידמעט גראַד חעם ברוינשווייגער הערצאָג פערדינאַנד, א מיטגליד פון אילומינאַטן־אָרדן. „אויך איך — זאָגט לעסינג אין חער ווידמונג — בין געווען ביים קוואַל און האָב געשעפּט פון אים". אין צווייטן געשפּרעך האָבן מיר פּאַרי זיך די טעאָריע וועגן חעם, ווי זינדיק חער מענטש איז אין דער מלוכה; מלוכות טיילן פאַנאַנדער די מענטשן; זיי שאַפן תהומען און מחיצות נישט נאָר צווישן פעלקער, נאָר אפילו צווישן מענטשן פון איין און חער זעלבער מלוכה. דעריבער וואָלט זייער „רעכט געווען צו ווינטשן, אַז אין יעדער מלוכה זאָלן זיין מענטשן, וועלכע קאָנען זיך דערהייבן איבער די פאָרורטיילן פון פאָלק און וויסן גענוי, ווו פּאַטריאָטיזם הערט אויף צו זיין א טוגנט". און נאָך וואָס: נישט גוטע מעשים זענען נויטיק, נאָר נויטיק איז צו שאַפן אזא צושטאַנד, אַז מען זאָל זיך קאָנען באַגיין גאָר אָן ווילטעטיקייט — אזוי זאָגט לעסינג אין ערשטן געשפּריך, און פאַרשטיין קאָן מען דאָס נאָר אין דעם זינען, אַז מען דאַרף שאַפן א צושטאַנד פון פרייהייט און גלייכהייט, ווייל נאָר ביי אזא צושטאַנד ווערן אַלע מיט אַלץ פאַרזאָרגט.

אין „דערציִונג פון מענטשן־מין" באַהאַנדלט לעסינג די פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט — פון ווילדקייט צו פולקאָמענהייט. די וועלט־געשיכטע פאַרקערפּערט אין זיך א דורכגעטראַכטן (פּלאַנפולן) געטלעכן פּראָצעס, אין וועלכן די מענטשהייט ווערט צוגעגרייט (רייף) פאַר דער דריטער תקופה.

דריטע תקופה — דאָס איז די לערע פון יאָאַכים פון פלאָרים און פון די מיטלאַלטערלעכע אַפּיקורסים; עס איז די לערע פון „אייביקן עוואַנגעליום" (פאַרגלייך טייל II, ז. 69 — 73). לעסינג, וועלכער האָט זיך געמוזט פיל אָפּגעבן מיט רעליגיעז־מיסטישע פראַגן, האָט אוודאי געקענט די דאָזיקע לערע:

„§ 86. זי וועט זיכער קומען, די צייט פון נייעם עוואנגעליום, וואס ווערט אונז פארשפראכן אפילו אין די עלעמענטאר־ביכער פון נייעם טעסטאמענט. § 87. מעגלעך, אז געוויסע טרוימער פון 13 און 14 יארהונדערט האבן אויפגעכאפט א שטראל פון אט דעם נייעם אייביקן עוואנגעליום און זיי האבן זיך טועה געווען בלויז דערין, וואס זיי האבן אנגעזאגט דאס גאנצע קומען זיינע. § 88. אפשר זענען זייערע דריי וועלט־תקופות גאר נישט אזא נארישקייט; און געוויס האבן זיי נישט געהאט קיין שום שלעכטע כונות בעת זיי האבן געלערנט, אז דער נייער טעסטאמענט מוז אויך ווערן פארעלטערט, ווי דער אלטער טעסטאמענט איז עס געווארן... § 89. נאר בלויז וואס זיי האבן געגלויבט, אז זיי וועלן קאנען די מענשן פון זייער צייט, וואס זענען אקארשט ארויס פון די קינדער־יארן, מיט איין קלאפ, אן שום אויפקלערונג, אן שום צוגרייטונג מאכן פאר ווירדיקע מענטשן פון דער דריטער תקופה. § 90. און דאס טאקע האט זיי געמאכט פאר טרוימער. דער טרוימער האט אמאל א גאנץ ריכטיקן בליק אויף דער צוקונפט — אבער ער קאן נישט ווארטן אויף אט דער צוקונפט. ער וויל וואס געשווינדער האבן די צוקונפט, און וויל זי אונטעריאגן, צואיילן. דאס וואס די נאטור ברויכט דערויף יארטויזנטער, זאל אין דעם איינעם אויגנבליק פון זיין עקזיסטענץ רייף ווערן... § 91 גיי ווייטער מיט דיין אומגעזעענעם שריט, אייביקע השגחה! נאר לאז מיך נישט פארצווייפלען צוליב אט דער אומגעזעענקייט, ווען אפילו מיר זאל זיך אויסדוכטן, אז דיינע שריט גייען אויף צוריק! — עס איז נישט אמת, אז די גראדע ליניע איז תמיד די קורצסטע. § 92. דו ברויכסט אזוי פיל מיטצונעמען אויף דיין אייביקן וועג! אזוי פיל שריט אין חער זייט צו מאכן! און ווי? ווי ווען עס וואלט ווירקלעך געווען אזוי, אז די גרויסע לאנגזאמע ראד, וועלכע פירט די מענטשהייט צו איר פולקאמענהייט, מוז געבראכט ווערן אין באוועגונג נאר דורך קלענערע, געשווינדערע רעדער".

און עס נעמט צייט, ביז אט די אלע רעדלעך ווערן פארכאפט פונם פארטשריט און געבראכט אין באוועגונג, און זיי פון זייער זייט שטויסן שוין פארויס — קענען אלע ווידערשטאנדן — די שוואונג־קראפט פון דער גרויסער ראד.

5. פרידריך קריסטאף עטינגער.

דער שוואבישער גלח פרידריך קריסטאף עטינגער איז געווען א טעאלאג, אלזייטיק באקאנט מיט דער פאטריסטישער, רבני־שער און מיסטישער ליטעראטור, גרינטלעך באקאנט מיט פילא־זאפיע און נאטור־וויסנשאפט, און האט זיך אויסגעצייכנט מיט טיפער פרומקייט און מיט א שטארקן חוש פאר סאציאלע פראגן. געבוירן געווארן איז ער אין 1702 און געפינגען און געשטארבן, אלס פרעלאט, אין 1782. ער האט געשטודירט אין די קלויסטער־שולן בעבענהויזן Bebenhause און בלויבערן Blaubeuren דערנאך אין טיובינגער אינסטיטוט וווּ ער איז געווארן שפעטער געהילף־לערער. זיין אויטאביאגראפיע איז אן אויסערגעוויינלעך באלערנדיקער דאקומענט צום שטודירן דאס רעליגיעזע לעבן פון 18 יארהונדערט. עטינגער האט געקענט די ווערק פון יאקאב בעהם, און איז געשטאנען אין שריפטלעכע און פערזענלעכע באציונגען מיט די הערנהיטער. פאר אונזער טעמע איז וויכטיק עטינגערס ווערק „גאלדענע צייט" (1759 — 1761), וווּ ער באהאנדלט די טויזנט יאריקע מלוכה און אנטוויקלט פאלגנדיקע סאציאלע פרינציפן און געדאנקען:

„פאר אמתער גליקזעליקייט אין א מלוכה זענען נויטיק דריי באדינגונגען: 1. עס דארף זיין גלייכהייט צווישן די אונטערטאנער, ביי זייער גאנצער פארשיידנארטיקייט, וואס איז פארבונדן מיט דער ארדענונג. ביי אלע שטאנד־אונטערשייד: יעדער זאל זיין גליק זען אינם גליק פון אנדערע, זיין פרייד — אין דער פרייד פון אלע אנדערע, און אזוי ארום זאל יעדער איינער זיין א בארא[ן] נעבן דעם צווייטן. (מיכה ד׳ 4). 2. זיי זאלן אלע גיטער האבן געמיינשאפטלעך, און ך נישט פרייען מיט קיין זאך ווי מיט אייגנטום. פון דער נאטור אויס האט יעדער איינער צוליב זיין געברויך אזוי פיל רעכט אויפן צווייטנס גיטער, וויפל אז דער צווייטער האט רעכט אויף זיינע גיטער. 3. זיי זאלן קיין זאך מער נישט פאדערן איינער ביים צווייטן, ווי נאר דאס פליכטמעסיקע. ווארום ווען אלץ זאל זיין בשפע, וואלט

נישט נויטיק געווען קיין שום הערשאפט, קיין שום אייגנטום, קיין שום געצוווּנגענע און דורך הערשאפט אנגעווארפענע פליכט. יע־דער איינער וואלט גרייט געווען צו דערלאנגען דעם צווייטן, אויב יענער האט עפעס נויטיק, אן שום מוז; העכסטנס, וואלט מען זיך געטוישט מיט זאכן, און קיין געלט וואלט גאר נישט געווען אין פארקער. — ביי אט די דריי באדינגונגען וואלט רעכט פון זיך אליין געבוירן געווארן, פון דער קלוגער פארווענדונג פון די לעבנס־כוחות; יעדער וואלט רעכט געהאט דערויף, וואס די קלוגשאפט האט אים געהאלפן צו געפינען. איצט אבער איז צוליב דער שוואכ־קייט פון אונזערע כוחות אנטשטאנען אומגלייכקייט צווישן מענטשן, דער מאנגל אין גיטער האט געבראכט צו אייגנטום, און די נויטיקייט צו באנוצן זיך מיט יענעמס ארבעט האט געפירט צו דער ענטשטייאונג פון פליכטן און אפמאכן; און אזוי איז געקומען דערצו, אז מען האט דאס זמאליקע נאטור-רעכט, וואס האט ארויסגעקוועלט פון אינערלעכע לעבנס־קרעפטן, געמוזט אויס־גלייכן מיטן געשריבענעם רעכט. דאס געשריבענע רעכט האט בא־גרינדעט די געוואלט פון מענטשן איבער מענטשן, עס האט זאכן פראקלאמירט פאר אייגנטום און מעשים פאר פליכט־האנדלונגען. — אזוי ווי די דאזיקע דריי באדינגונגען פון גליקזעליקייט זענען געווען אין גן עדן און זענען דערנאך, נאכן זינד־פאל, פארוואנדלט געווארן אין זייער היפך, אזוי וועט אין דער גאלדענער תקופה גלייכ־הייט אזוי געמעסיקט זיין דורך געוואלט, געמיינשאפטלעכקייט פון פארמעגן — דורך א מין אייגנטום, און פרייע קעגנזייטיקע באדי־נונג — דורך פליכט און דינסטלעכן חוב. אז אלנפאלס וועלן גלייכהייט, פארמעגנגעמיינשאפט פרייהייט פון ארבעט-דינסט און אפמאכן כסדר שטיין אויפן ערשטן פלאן".

אין אט די זאצן עטינגערס האבן מיר דעם תמצית סאציאלע אנשויאונגען פון דער קריסטלעכער טעאלאגיע*)

*) געניער וועגן עטינגערס אנשויאונגען זע

Dr. C. A Auberlen, Thecsophie Fr. Oetingers

2-טע אויפלאגע, באזעל, 1859

6. פיכטע און זיין סאָציאַל-ווירטשאַפט.

פיכטע (1762 — 1814), אַ לאַנדסמאַן לעסינגס, איז געווען אַן אויפריכטיקער פאָלקס-דעמאָקראַט, אַ מענטש מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט, איינער פון די טיכטיקסטע מענער און דענקער פון דייטשלאַנד; אַלס פּאָליטיקער און רעדנער, קאָן מען אים האַלטן פאַר אַ אידעאַלן פאָרבילד פון די שפּעטערדיקע רעפּובליקאַנישע פאָלקס-מענער פון 1848. פאַר ברייטערע פאָלקס-קרייזן האָבן איצט אַ ווערט נאָך בלויז זיינע „רעדעס צום דייטשן פאָלק"; זיי איז זייער כדאי צו לייענען. די איבעריקע ווערק פיכטעס געהערן שוין בלויז צו דער געשיכטע פון דייטשלאַנדס גייסטיקער אַנטוויקלונג; זיינע בילדונגס-יאָרן זענען אויסגעפאַלן פונקט אין אַ צייט, ווען ס'האָט געברויזט אַלגעמיינע אומצופרידנהייט מיטן פּאָליטישן און רעליגיעזן רעזשים אין דייטשלאַנד, — ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן דערויף. קיין חידוש נישט דעריבער, וואָס פיכטע איז לכתחילה געווען געשטימט קאָסמאָפּאָליטיש און געהאַט אַ קריטישע באַציונג צו רעליגיע, און דעם אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1789) האָט ער ענטוזיאַסטיש באַגריסט, גלייך ווי זיין קוזין קלאָפּשטאָק, און דעם קריג קעגן דער רעוואָלוציע האָט ער אויפגעפאַסט נישט ווי אַ מלחמה צווישן דייטשן און פראַנצויזן, נאָר ווי אַן אָנגריף פון חעספּאָטן אויף דער פרייהייט. אים איז געווען אַלץ איינס, צי „דער לאָטרינגער און עלזאַסער וועלן פון היינט אָן זייער שטאָט אָדער דאָרף געפינען אין די געאָגראַפישע לערן-ביכער אינם קאַפּיטל דייטשע מלוכה" אָדער נישט. 1793 — דאָס איז דער העכסטער פּונקט פון זיין רעוואָלוציאָנערן דענקען: ער האָט געשטעמפּלט די צענזור, פאַרטיידיקט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און זיך לעבהאַפּט אָפּגעגעבן מיט דער פּראָבלעם אידעאַל מלוכה, אָדער ווי דאָס הייסט ביי פיכטען — פאַרשטאַנד-מלוכה, דעמאָלט איז ער געווען אַ ווירקלעכער יאַקאָבינער. אמת עס זענען שפּעטער אויך געווען ביי אים „ראַדיקאַלע" מאָמענטן, ווען ער וואָלט גרייט געווען פאַרטרייבן אַלע דייטשע פירשטן, כדי אויפשטעלן די איינהייט פון דייטשן פאָלק, — וועלכן ער האָט צוגעשריבן אַ הויכע סאָציאַל-פּאָליטישע מיסיע; באַזונדער איז ער אין די יאָרן 1807 און 1813 געווען פלאַם-פייער קעגן יעט-

ווידער אַבסאָלוטיסטישער רעאַקציע; אָבער אין גרויסן און גאַנצן איז פיכטע זייט דעם יאָר 1794 געוואָרן אַלץ מער רעליגיעז־מיסטיש, פּאָליטיש־נאַציאָנאַל און סאָציאַל־קליינבירגערלעך. נאָך ביי דעם אַלעם דאַרף מען געדענקען, אַז פיכטע אַלס פּערזענלעכקייט איז געווען גרעסער פאַר זיינע אידייען, און דעריבער זעען די אידייען אויך אויס גרעסער, ווי זיי זענען געווען אין דער ווירקלעכקייט. פיכטע האָט עפּעס פאַרמאָגט פּראָלעטאַרישע בונטאַרישקייט אין זיך, אָבער די קליינבירגערלעכקייט פון דעמאָלטיקן דייטשלאַנד האָט זי דערדריקט אין אים.

אין זיינע „רעדעס צום דייטשן פאָלק" רופט פיכטע צו זיינע פאָלקס־ברידער: „עס זענען נאָך פאַראַן ביי אַלע פעלקער מענטשן, וואָס קאָנען אַלץ נישט גלויבן, אַז די גרויסע פאַרשפּרעכונגען וועגן אַ מלוכה פון רעכט, פאַרשטאַנד און אמת זאָלן זיין אַ פּוסטע פאַרפירערישע אילוזיע, און זיי מיינען דעריבער, אַז די איצטיקע אייזערנע צייט איז נאָר אַן איבערגאַנג צו אַ בעסערן צושטאַנד. אָט זיי, און דורך זיי די גאַנצע מענטשהייט, רעכענען אויף אייך... די אַלטע וועלט, מיט איר גאָרער הערלעכקייט און גרויסקייט און מיט אירע דעפעקטן, איז פאַרזונקען געוואָרן צוליב איר אייגענער אומווירדיקייט. אויב דאָס וואָס ווערט באַוויזן אין די דאָזיקע רעדעס איז אמת, דאַן זייט איר אויף יעדן פאַל די, אין וועמען עס ליגט דער זוימען פון פאַרפולקאָמונג... עס איז דערום קיין אויסוועג נישטאָ: אויב איר פאַרזינקט, פאַרזינקט צוזאַמען מיט אייך די גאַנצע מענטשהייט". די דאָזיקע ווערטער האָט פיכטע אַרויסגעזאָגט נאָכדעם, ווי די פראַנצויזן האָבן אָקופּירט דייטשלאַנד (1807 — 1808). דאָס דייטשע פאָלק קאָן נישט ראַטעווען זיך און די וועלט מיט די אַלטע פּאָליטישע מעטאָדן און פאָרמען; „דער קאַמף מיטן שווערד איז פאַרענדיקט; עס הייבט זיך אָן, אויב מיר זאָלן נאָר וועלן, דער נייער קאַמף — פון פּרינציפּן, פון זיטן, פון כאַראַקטערס". דאָס דייטשע פאָלק קאָן אַליין ווידעראויפלעבן און מיטהעלפן דער ווידערגעבורט פון דער גאַנצער קולטור דורך זיין אָפּפערפולער אַרבעט ביים פאַרווירקלעכן די פאַרשפּראָכענע מלוכה פון פאַרשטאַנד און אמת. „דער מאָרגנשטערן פון דער נייער וועלט האָט זיך שוין באַוויזן און ער באַרעקט שוין מיט גאָלד די שפּיצן

פון די בערג און זאָגט אָן דעם טאָג, וואָס דאַרף אָט קומען". נישט געקוקט אויף די דאָזיקע וואונדערבאַרע שטעלן, וואָס נאָך איצט, נאָך דער וועלט-מלחמה, וואָלט זיי געמעגט שרייבן אַ רעוואָלוציאָנערער דייטשער סאָציאַליסט, זענען די „רעדעס צום דייטשן פאָלק" דורך און דורך נאַציאָנאַל און זענען אויסגערעכנט דערויף, — צו הויבן און שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון פאָלק אין די טראַגישע שעהן פון דייטשער דערנידעריקונג, צו באַפרייען דאָס פאָלק פון יאָגעניש נאָך אַלץ וואָס איז פראַנצויזיש און עס צוגרייטן צום אַנטשיידענעם קריג קעגן די פרעמדע און היימישע אונטערדריקער. ווי געזאָגט, פיכטע איז געווען אַ פאָלקס-דעמאָקראַט, אַ רעפּובליקאַנער, אַן אידעאַלער אַכט-און-פערציקער.

סאָציאַל-ווירטשאַפטלעך איז פיכטע געווען אַ קליינבירגערלעכער רעפאָרמער. זיינע אידייען אויף דעם געביט האָט ער אַנטוויקלט אין זיינע ווערק „געשלאָסענע האַנדלס-מלוכה", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1800 — דאָ געפינען זיך זיינע סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכע און פּראַקטיש-פּאָליטישע געדאַנקען. פיכטעס סאָציאַל-עקאָנאָמישער פּלאַן איז — אַ מלוכהש-רעגולירטער אויטאַרקישער ישוב (וואָס קאָן זיך אויסלעבן אַליין, אָן באַציונגען מיט אַנדערע ישובים), ווו יעדער אַרבעטנדיקער, לויט זיין פאַך, זאָל האָבן אַ באַשיידענע, איינפאַכע, אָבער געזיכערטע עקזיסטענץ. עס איז נישט קיין קליינער מהלך פון פּלאַטאָנס פאַרשטאַנד-מלוכה ביז פיכטעס „געשלאָסענער האַנדלס-מלוכה".

פיכטע איז אַ קעגנער פון ווירטשאַפטלעכער קאָנקורענץ, פון פרייען האַנדל, פון שטרעבונג צו וועלט-ווירטשאַפט; די דאָזיקע דערשיינונגען און שטרעבונגען זענען, לויט אים, קוואַלן פון גענאַרעריי, פון פּריווילעגיעס, פון רייסערייען, פון פעלקער-האַס און פון מלחמות. זיין פאַרלאַנג איז אַ נאַציאָנאַל-געשלאָסענע, אומאָפּהענגיקע פון אויסלאַנד ווירטשאַפט — אַ געשלאָסענער גרויסער געביט מיט זיכערע גרענעצן, ווו מען זאָל קאָנען פּראָדוצירן און אויסטוישן אַלץ וואָס ס'איז נייטיק פאַר דער באַפרידיקונג פון די עלעמענטאַרע לעבנס-באַדערפנישן. דער ערד-באָדן געהערט אייגנטלעך צו גאָט, דעם באַשאַפער פון דער וועלט; נאָר דער באַנוץ מיט דער ערד געהער צו די, וועלכע באַאַרבעטן זי.

ערשט ווען מען מאכט אַ געברויך פון דער ערד און פון אַנדערע מאַטעריעלע שטאָפן און מען טוט פּראָדוקטיווע אַרבעט אַרום זיי — ערשט דאַן קריגט מען דורכדעם דאָס אויסשליסלעכע רעכט פון באַנוץ. דאָס דאָזיקע אייגנטום ביים געברויך פון זאַכן — האַלט פּיכטע — איז אַנטשטאַנען דורך קעגנזייטיקן אָפּמאַך צווישן די בירגער. זיי האָבן זיך געטיילט מיט די געברויך־זאַכן. אַלזאָ — רעכט אויף באַזיץ גיט נישט דאָס איבערנעמען אַ זאַך אין אייגנטום, נאָר ווען מען מאַכט אַ פּראָדוקטיוון צי אַזוי אַ נוצלעכן געברויך פון דער זאַך.

טעאָרעטיש קלינגט אַט די אייגנטום־לערע סאָציאַליסטיש, אָבער פּראַקטיש האָט זי קיין שום באַדייטונג נישט. די פּריצים וואָלט גאָר נישט געווען אַזוי שווער צו דערווייזן זייער רעכט אויף דער ערד אויפן יסוד פון „געברויך". און פּונקט אַזוי ווייניק שטערט פּיכטעס אייגנטום־לערע צו טרייבן האַנדל מיט ערד, ווייל סיי פאַרקויפער און סיי קויפער קאָנען תמיד זאָגן, אַז זייער געשעפט באַשטייט בלויז אין איבערגעבן דעם געברויך, די נוצונג פון דער ערד. קורץ, אין פּיכטעס אייגנטום־לערע איז נישטאָ קיין סימן פון סאָציאַליזם; אין בעסטן פאַל איז דאָס אַ פיקציע פון אַ מין יורידישן סאָציאַליזם.

וואָס איז שייך די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, טיילט פּיכטע די בירגער אויף דריי ווירטשאַפטלעכע שטאַנדן. צום ערשטן שטאַנד געהערן די אַלע, וואָס אַרבעטן אין דער לאַנדווירטשאַפט; דעם צווייטן שטאַנד בילדן די האַנטווערקער (ביי פּיכטען הייסן זיי: קינסטלער); דעם דריטן — די הענדלער. יעדער שטאַנד דאַרף זיך אָפּגעבן נאָר מיט זיינע פאַכן, וועלכע ווערן פעסטגעשטעלט דורך קעגנזייטיקע אָפּמאַכן: דער לאַנדווירט טאָר זיך נישט פאַרנעמען מיט האַנטווערקעריי אָדער מיט האַנדלס־געשעפטן א. ד. גל. — מיט איין וואָרט, אַלץ איז צעכנמעסיק צעגלידערט און אָפּגעגרענעצט. די מלוכה גיט השגחה, אַז מען זאָל נישט עובר זיין אויף די פאַך־גרענעצן. די מלוכה שטעלט אויך פעסט די צאָל מענטשן, וואָס דאַרפן זיך אָפּגעבן מיט יעדן פאַך באַזונדער, אַזוי אַז יעדער פאַך האָט נאָר זיין נייטיקע צאָל מיטגלידער — און עס ווערט אָפּגעהיט גלייכגעוויכט צווישן די שטאַנדן.

דער יסוד פון דער געזעלשאַפט איז די לאַנדווירטשאַפט — זי דאַרף פּראָדוצירן אַזוי פיל לעבנס-מיטלען און רוי-שטאָפן, אַז מען זאָל קאָנען דעקן אַלעמענס באַדערפענישן. די רעגולירונג פון דער צאָל נישט-פּראָדוצירער הענגט אָפּ דערפון, וויפיל די לאַנדווירטשאַפט ברענגט אַריין; אויב דער לאַנדווירט קאָן אויסאַרבעטן אַן עודף פּראָדוקטן, וואָס זאָל קלעקן פאַר אַ גרעסערער צאָל מענטשן, — דאַן לאָזט מען צו מער האַנטווערקער, מער הענדלער, לערער, באַאַמטע א. אַ. וו. צו זייערע פאַכן. פירן דעם אויסטויש פון זאַכן צווישן די פאַרשידענע פאַכלייט — דאָס איז די עובדא פון די הענדלער; זייער צאָל ווערט אויך פעסטגעשטעלט דורך דער מלוכה, לויט דעם סכום לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע פּראָדוקטן, וואָס זענען פאַראַן צום אויסטויש.

לויט וואָסער ווערט-מאַסשטאַב באַקומען אָבער די הענדלער די פּראָדוקטן, און צו וועלכע פּרייזן גיבן זיי זיי איבער צו די געברויכער?

פאַר אַ ווערט-מאַסשטאַב ווערט גענומען אַ באַשטימטער סכום תבואה. אויב למשל, פיר פונט מעל זענען גענוג אַלס טאָג-ראַציאָן פאַר אַ מענטשן, קאָן אַט דער סכום מעל זיין אַ ווערט-מאַסשטאַב. וואָס לענגער מען קאָן זיך אויסהאַלטן פון אַ געוויסן פּראָדוקט, אַלץ גרעסער איז זיין ווערט. „לויט אָט דעם מאַסשטאַב וואָלט מען קודם כל געדאַרפט שעצן אַנדערע שפּייז-פּראָדוקטן לויט זייער אינערלעכן ווערט. פלייש, למשל, האָט אַלס דערנער-מיטל אַ גרעסערן אינערלעכן ווערט איידער ברויט, ווייל אַ קלענערער סכום פלייש דערנערט פונקט אַזוי לאַנג, ווי אַ גרעסערער סכום ברויט. אַ סכום פלייש, מיט וועלכן אַ מענטש קאָן זיך דורכשניטלעך דערנערן אַ טאָג, איז ווערט אַזוי פיל תבואה, וויפיל דער זעלבער מענטש וואָלט באַדאַרפט האָבן אויף דורכצולעבן דעם זעלבן טאָג, און ער דאַרף טאַקע, ווי מיר זעען איצט, אַזאַ סכום תבואה אָפּגעבן דערפאַר".

און ווי איז, ווען מען דאַרף אויסטוישן אינדוסטריעלע פּראָדוקטן?

„צוגעבנדיק נאָך אַ נייעם פּרינציפּ, קאָן מען מיטן זעלבן

מאַסשטאַב באַרעכענען אויך דעם ווערט פון פאַבריקאַטן און פון יעדער אַנדער אַרבעט, וואָס גייט נישט אוממיטלבאַר אויף צו שאַפן דערנער־מיטלען. דער אַרבעטער מוז די צייט פון זיין אַרבעט קאָנען זיך דורכלעבן, און אויב ער האָט געמוזט זיך פריער לערנען, דאַרף מען די לערן־יאָרן אויך צורעכענען און זיי פאַרטיילן אויף זיין גאַנצן אַרבעט־לעבן. ער דאַרף דעריבער קריגן פאַר זיין אַרבעט אַזוי פיל תבואה, וויפיל ער וואָלט נויטיק געהאַט, אויב ער וואָלט די גאַנצע צייט געלעבט נאָר מיט ברויט. אַזוי ווי ער באַדאַרף אַחוץ ברויט נאָך אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן, קאָן ער זיי באַקומען אַלס טויש פאַר דער תבואה, וואָס ער האָט איבעריק, לויט דעם פריער אָנגעוויזענעם מאַכשטאַב. דער פּראָדוקט צו דער אַרבעט (פּיכטע מיינט דאָ רוי־שטאָף) איז ווערט אַזוי פיל תבואה, וויפיל מען וואָלט געקאָנט אויסאַרבעטן מיט דער זעלבער אַרבעט, וואָס איז פאַרווענדעט געוואָרן אויף פּראָדוצירן אָט דעם פּראָדוקט, אויף דעם זעלבן פעלד, ווו דער פּראָדוקט איז געוואַקסן״

פּיכטע שרייבט זייער וויקלדיק און שווער. דער מיין זייער איז אַזאַ: פאַר ווערט־מאַסשטאַב נעמט מען די דערנער־קראַפט פון אַ באַשטימטן סכום תבואה; דערנער־מיטלען טוישט מען קעגנזייטיק, לויט דער פאַרהעלטעניש פון זייער דערנער־קראַפט. פּראָדוקטן פון אינדוסטריע טוישט מען קעגנזייטיק לויטן סכום אַרבעט, וואָס איז פאַראַן אין זיי, און וועלכע וואָלט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל און אַזוי פיל תבואה, ווען מען זאָל זי פאַרוואַנדלען אויפן פעלד. דער לוין פאַר אינדוסטריעלער אַרבעט מוז דעקן אָט די אַרבעט פּליוס די קאָסטן פונם רוי־שטאָף.

אויף אַזאַ אופן קאָנען לאַנדווירטן און האַנטווערקער באַקומען דעם גערעכטן ווערט פון זייער פּראָדוקציע.

ווי איז אָבער מיטן הענדלער? אַז ער איז פאַרמיטלער ביים אויסטויש לויטן אָנגעוויזענעם מאַסשטאַב, גיט ער ווערט קעגן ווערט. פון וואָס זשע זאָל ער לעבן? איז דער תירוץ אַזאַ: די מלוכה דערלויבט אים מאַכן אַ געוויסן אַמטלעך פעסטגעשטעלטן צוגאָב צום ווערט; אָט דער צוגאָב איז זיין הכנסה.

דערפון דרינגט לאָגיש אַרויס — לויט פּיכטען, — אַז סחורות ווערן אָפּגעזעצט העכער פאַר זייער איינערלעכן ווערט, ד. ה. אַז

די פרייזן זענען שטענדיק העכער, איידער די ווערטן. און דאָס איז דאָך אַ בפירושער אומזין.

ביז איצט האָבן מיר גערעדט וועגן אויסטויש פון גיטער. קלאָר, אַז מען מוז האָבן עפּעס אַן אַלגעמיין גילטיקן טויש־מיטל, כדי צו פאַרלייכטערן די טויש־אָפּעראַציעס. אַזאַ אַלגעמיינער טויש־מיטל איז געלט. אין פּיכטעם האַנדלס־מלוכה וועט טאַקע זיין געלט, אָבער נישט אַזאַ וואָס זאָל אַליין פאַר זיך האָבן אַ ווערט (נישט קיין זילבער אָדער גאָלד), נאָר אַ ווערט־צייכן (פון פּאַפּיר אָדער פון אַנדערע ענלעכע ביליקע שטאָפן). דעם סכום געלט־צייכנס שטעלט פעסט די מלוכה. „דער סכום צייכנס, וואָס די מלוכה לאָזט אַרויס אין פאַרקער, איז לויט דעם אויבן געזאָגטן איינגאַנצן ווילקירלעך. דער סכום מעג זיין ווי גרויס אָדער ווי קליין — ער האָט אַלץ דעם זעלבן ווערט. לאָמיר אָננעמען, אַז זי האָט געוואָלט (די מלוכה הייסט עס) האָבן אַ מיליאָן טאַלער (טיילן דאָס געלט אויף אַ מיליאָן טיילן, וועלכע מען רופט אָן טאַלער). וואָס פלייש, אויבסט א. ד. גל., וואָס פלאַקס, לייוונט אָדער וואָלענער טוך זענען ווערט קעגן תבואה, דאָס איז שוין באַשטימט דורך דער אויבן באַשריבענער שאַצונג. אַז מען פירט איבער דעם ווערט פון אַלע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין פאַרקער און זענען נישט תבואה, אויף תבואה, און מען גיט נאָך צו די סכומען ווירקלעכע תבואה, וואָס גייען אַרום אין האַנדל פון האַנט צו האַנט, קאָן מען דאַן זאָגן: אין פאַרקער געפינט זיך דער ווערט פון אַזוי פיל און אַזוי פיל תבואה. איצט קאָן מען שוין אָט די גאַנצע תבואה פאַרטיילן אויפן געלט. וואָס איז פאַראַן אין פאַרקער. אויב מיר האָבן, צום ביישפּיל. אַ מיליאָן מאָסן תבואה, דאַן באַטרעפט אַ מאָס תבואה, ביי די פריער אָנגעוויזענע הנחות, אַ טאַלער, און דער סכום פלייש, אויבסט, פלאַקס, לייוונט. וואָלענער טוך, וואָס מיר האָבן אין דער פריערדיקער אויסרעכענונג געפונען, אַז ער איז גלייך צו אַ מאָס תבואה, וועט אויך באַטרעפן אַ טאַלער א. אַ. וו.‟ די פרייזן, וועלכע מען פיקסירט אויף אַזאַ אופן, דאַרפן באַשטעטיקט ווערן דורכן געזעץ.

דער אויסערלעכער האַנדל דאַרף זיך געפינען אויסשליסלעך אין די הענט פון דער מלוכה, פונקט ווי אַלע אַנדערע באַציונגען

מיט אויסלאנד (דיפלאמאטיע, קריג, פרידן א. א. וו.). פיכטע וויל, אז די גאנצע וועלט זאל באשטייען פון אזעלכע אפגעשלאסענע, זיך זעלבסטגענוגנדיקע (אויטארקישע) מלוכות. דעמאלט, מיינט ער, וואלט נישט געווען קיין מלחמות, קיין רייסערייען און קיין קנאה. די גלידערונג צווישן פעלקער וואלט פארגעקומען לויט דער נאציאנאלער ליניע, און יעדע נאציע וואלט באקומען איר אויסגעשפראכענעם נאציאנאלן כאראקטער און וואלט געקאנט אנטוויקלען אירע אייגנשאפטן. די געשלאסענע מלוכות וואלטן געלעבט נעבן איינאנדער אין אייביקן פרידן. אינטערנאציאנאל וואלטן געווען נאר קונסט און וויסנשאפט. „די ליטעראטור־אוצרות פון אויסלאנד ווערן אריינגעפירט דורך ספעציעלע אקאדעמיעס און ווערן אויסגעטוישט אויף די אוצרות פון אינלאנד... קיין זאך שטערט נישט, אז די געלערנטע און קינסטלער פון אלע נאציעס זאלן צווישן זיך איינשטעלן די פרייעסטע באציונגען. די צייטונגען וועלן פון איצט אן נישט זיין מער פארנומען מיט דערציילונגען וועגן מלחמות און שלאכטן, וועגן פרידנס־אפמאכן אדער קאאליציעס, ווייל דאס אלץ וועט גאר מער בנמצא נישט זיין. די צייטונגען ברענגען נאך ידיעות נאר וועגן דערפאלגן פון דער וויסנשאפט, וועגן נייע אנטדעקונגען, וועגן אנטוויקלונג פון דער געזעצגעבונג, פון דער פאליציי, און יעדער איילט זיך איינצופירן ביי זיך דעם צווייטנס דערפינדונג". מיט אזא אפטימיזם שליסט פיכטע זיין קליינבירגערלעכע אוטאפיע.

vii די תקופה - נאַפּאָלעאָן און רעסטאַוראַציע

1. קריג, וועלט־פּאָליטיק און האַנדל־שפּעקולאַציע

נאָכדעם ווי באַבעף און דאַרטע זענען געקעפּט געוואָרן און בואָנאַראָטי מיט זיינע חברים זענען געוואָרן פאַרשיקט, איז די פראַנצויזישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויף דריי יאָר־צענדליקער פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער אויבערפלאַך. די דירעקטאָריע האָט דערשטיקט יעדע אָפּאָזיציע, און האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָנען. אין 1799 האָט נאַפּאָלעאָן אַראָפּגעוואָרפן די דירעקטאָריע, און אין 1804 איז ער געוואָרן אימפּעראַטאָר. די פראַנצויזן האָבן גענאָסן פון גלייכהייט — דער דעספּאָטיזם האָט אַלעמען גלייך דערשטיקט; ער האָט אָבער געשפּייזט זייער פאַנטאַזיע מיט מלחמות און נצחונות און זייערע קעשענעס מיט קלינגנדיקע און פּאַפּירענע געלטער פונם האַנדל, פון קריגס־באַשטעלונגען און קריגס־אינדוסטריע. פאַר הענדלער, שפּעקולאַנטן, וווּכערער און בערזע־לייט זענען די יאָרן פון דער רעוואָלוציע און פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות געווען יאָרן פון פעטע פאַרדינסטן. דער אויפקויף פון די קאָנפיסקירטע קירכלעכע און עמיגראַנטישע מאַיאָנטקעס, דער בסדרדיקער וווּקס פון די פרייזן אויף תבואה, די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליזירונג פון היימישע און טראַנס־אַטלאַנטישע רוי־שטאָפן — באַזונדער אַ דאַנק דעם, וואָס דער ענגלישער פלאָט האָט בלאָקירט די פראַנצויזישע האַפנס — דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז דער אויפשטייג נאַפּאָלעאָנס איז געווען אויך דער אויפשטייג פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע.

די וועלט־פאָליטיק האָט אָפּגערוקט אין א זייט אַלע אינער־לעך־פּאָליטישע און קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגן; מען האָט אינטענ־סיוו געפאָרשט די געאָגראַפישע באַדינגונגען פון וועלט־פּאָליטישן דערפאָלג, פון ווירטשאַפטלעכן אויפשוווּנג און פון מלחמה־קאָמ־פליקאַציעס, מען האָט געפאָרשט די באַדייטונג פון ים־הערשאַפט א. א. וו. שוין ביי פיכטען אין זיין „געשלאָסענער האַנדלס־מלוכה" געפינען זיך אויף דער טעמע ווערטפולע באַמערקונגען, — וועל־כע דערקלערן דעם קעגנזאַץ צווישן פראַנקרייך און ענגלאַנד מיט דער אינזל־לאַגע פון ענגלאַנד *). נאָך מערקווירדיקער זענען די באַאָבאַכטונגען פון שאַרל פוריע, וועלכער באַטראַכט די אינזל־לאַגע פון יאַפּאַן און קומט צום אויספיר, אַז די דאָזיקע מלוכה וועט מיט דער צייט שפּילן אַ גרויסע מאַריטימע (אויפן ים) און ווירטשאַפטלעכע ראָל און וועט זיין אַמאָל דער קאָנקורענט פון רוסלאַנד לגבי כינע **). פוריע שילדערט אויך, אַלס הענדלער און עד־ראיה, די ווילדע אָרגיעס פון דער שפּעקולאַציע און פון דער רויבערישער פּרייזן־פּאָליטיק, און די בעריע־מאַנעוורען פון די פינאַנסיסטן און סוחרים פון יענער צייט. פאַלשע קריגס־ידיעות זענען געווען אַ מיטל פאַר בעסערן און האָסעס אויף די קורסן פון די פראַנצויזישע קרעדיט־פּאַפּירן.

די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט זיך באַרייכערט און האָט נישט אין זינען געהאַט קיין רעוואָלוציאָנס־קאַמפן און קאָנסטי־טוציעס, כל זמן נאַפּאָלעאָנס שטערן האָט געגלאַנצט, ד. ה. ביז אַרום יאָר 1811.

---

*) אַזוי ווי אינזלען זענען נאָר אַ צוגאָב צו די קאָנטינענטן, וואָלטן פראַנקרייך און ענגלאַנד געמוזט אייגנטלעך זיין איין מלוכה און פון דאַנען נעמט זיך טאַקע דער קעגנזייטיקער נאַציאָנאַלער האַס צווישן די צוויי פעלקער און די בסדרדיקע פּרוּוון פון קעגנזייטיקע אינוואַזיעס — אַזאַ דערקלערונג גיט פיכטע.

**) די אינוואַזיע פון רוסלאַנד אין כינע וועט אײַנגיכן צווינגען די יאַפּאַנער צו ווערן אַ ים־מאַכט, און אַז זיי וועלן שוין ווערן אַ שוואַכע קעגן רוסלאַנד, וועלן זיי האָבן מיטלען אויף צו אַטאַקירן די וועלט־אינדוסטריע".

2. שאַרל פוריע

א פּראָדוקט פון אָט דער אויסערגעוויינלעך שטורמישער צייט (1792 — 1810) איז — אויפן סאָציאַלן געביט — געווען שאַרל פוריע (1772 — 1837), אַ מענטש מיט אומגעצוימטער פאַנטאַזיע, מיט אָן אַ מאָס אָפּטימיזם, מיט אַ משוגענער גאוה און צוזאַמען דערמיט אַ מענטש מיט אַ שאַרפן שכל, מיט אויסערגעוויינלעכער באַאָבאַכטונגס־פעאיקייט און מיט גרויסער אויפריכטיקייט. אַ כאַראַקטער גאָר נישט פון די גלאַטיקע. לכתחילה איז ער געווען אַ סוחר אין ליאָן. איבער די שאַרפע קאָנקורענץ און די דעמאָלטיקע דעזאָרגאַניזירטקייט פון ווירטשאַפטלעכן לעבן האָבן אים רואינירט, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע קליינע עקזיסטענצן; איז ער געוואָרן סאָציאַל־קריטיש געשטימט, און אַז לאַנזש (לאַנגע) האָט פאַרעפנטלעכט זיינע אַסאָציאַציע־פּלענער, האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָ איז דער אויסוועג פון כאַאָס. דאָ האָבן מיר שוין פאַר זיך דעם גאַנצן פוריע: סאָציאַל־קריטישע באַציונג צו קאָנקורענץ און אַנאַרכיע, סאָציאַל־פּאָזיטיווע באַציונג צו אַסאָציאַציעס, אויפן יסוד פון קאָאָפּעראַטיווע אַקציען־אונטערנעמונגען. זיינע געדאַנקען האָט ער אַנטוויקלט אין זיין ווערק „פיר באַוועגונגען“ „Quartre Mouvements“, וואָס איז דערשינען אין 1808 און איז, דוכט זיך, געדרוקט געוואָרן אין לייפּציג. דאָס איז זיין הויפּטווערק. אַלץ וואָס ער האָט נאָכדעם געשריבן, איז שוין נאָר ברייטערע אַנטוויקלונג און פּירוש. דורך זיין גאַנצער לעבנס־אַרבעט גייען אַדורך פאָלגנדיקע גרונט־געדאַנקען: 1. אַלע מענטשלעכע אינסטינקטן און ליידנשאַפטן זענען גוט, און ביי געהעריקער פרייהייט וואָלטן זיי געפירט צו גליקזעליקייט; די אויפגאַבע איז — זיי באַוואָרענען מיט אָט דער פרייהייט, דורך צוגעפּאַסטער סאָציאַלער איינאָרדענונג. 2. האַנדל איז מאָראַליש און מאַטעריעל שעדלעך, ער פאַרדאַרבט די מענטשלעכע נטיות: האַנדל איז די שמוציקע נשמה פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע גייט באַלד אונטער און דאַרף פאַרביטן ווערן דורך אַן אַסאָציאירטן קאָאָפּעראַטיוון אופן פון לעבן און ווירטשאַפט. 3. הייראַט איז אַ פּראָדוקט פון אַלגעמיינער צביעות, און זי באַטייט אויך שקלאַפעריי פון דער פרוי; זי מוז פאַרביטן ווערן דורך פרייער ליבע. 4. די ציוויליזאַציע,

די איצטיקע שטופע פון דער מענטשהייט-געשיכטע, איז פול מיט שלעכטסקייט; זי שאפט אבער כוחות אויף אויפצוהייבן די מענטשהייט אויף דער שטופע פון אסאציאציע און הארמאניע, ווו מענטשלעכע אינסטינקטן וועלן האבן די נויטיקע פאר זיי פרייהייט און וועלן שאפן רייכטום, א געמיטלעכקייט און פרידן.

פוריע האט געגלויבט, אז ער האט ענדלעך פארענטפערט דעם סוד פון גאטס שאפונג און פון נאטור; דאס וואס קאלומבוס קאפערניק און ניוטאן האבן אויפגעטאן פאר דער דערקענטעניש פון דער מאטעריעלער וועלט, דאס זעלבע טוט ער אויף פאר דער דערקענטעניש פון דער ארגאנישער און סאציאלער וועלט. ער האלט זיין „דערפינדונג" פאר וויכטיקער, „איידער אלע וויסנשאפטלעכע ארבעטן זינט עס עקזיסטירט דער מין מענטש" ("Introduktion"), זאל מען אפשר — פרעגט ער — טרויער אפריכטן דערויף, וואס די פלאטאנס און סענעקעס, די רוסאס און וואלטערס און אלע ווארטפירער פון אלטע און מאדערנע אומזיכערקייטן — אויף וויפיל זייערע ווערק פארנעמען זיך מיט פאליטיק און מאראל-פילאזאפיע — וועלן אונטערגיין אינם שטראם פון פארגעסנהייט"? (ז. 26). און ער ווענדעט זיך מיט א שאלה צו די פילאזאפן, — אויף וואס טויג זייער אידעאלאגיע: „איך, וואס איגנאריר דעם גאנצן מעכאניזם פון אידייען און האב נישט געלייענט נישט לאקן און נישט קאנדיליאקן, האט מיר דען אויסגעפעלט אידייען אויף צו אנטדעקן די גאנצע סיסטעם פון אלגעמיינער באוועגונג, בעת איר האט נאר א פערט-חלק אירן, נאר דעם מאטעריעלן טייל אנטדעקט? און דאס אלץ נאך 2500 יאר וויסנשאפטלעכע אנשטרענגונגען!.. מיר איינעם וועלן די איצטיקע און קומענדיקע דורות האבן צו פארדאנקען די איניציאטיוו פאר זייער גרויסער גליקזעליקייט... גלייך ווי איך וואלט געהאט אין מיין רשות דעם בוך פון שיקזאל, אזוי יאג איך פאנאנדער די פאליטישע און מאראל-פילאזאפישע נעפלען, און אויף די חורבות פון די אומזיכערע וויסנשאפטן בוי איך אויס די טעאריע פון אלגעמיינער הארמאניע" (ז. 268). דער אנהייב פון אט די נייע אמתן איז געווען דאס פארטראכטן זיך וועגן „אסאסיאסיאן אגריקאל" (לאנדווירטשאפטלעכע קאאפעראטיוו). וואס לאנזש (לאנגע), ווי-

באַקאַנט, האָט געהאַט פאָרגעלייגט אין יאָר 1793. אַרויסגייענדיק פון אָט די געדאַנקען, גלויבט פוריע, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטדעקן די מאַטעמאַטישע געהיימנים פון מענטשלעכן גורל. די אויסלייזונג פון דער מענטשהייט הענגט אָפּ פונם איבערגייען צו אַסאָציאַציע, צו קאָאָפּעראַציע. און דער דאָזיקער איבערגאַנג וועט טאַקע אינגיכן פאָרקומען: „מיר וועלן זיין עדות פון אַזאַ בילד, וואָס צוויי מאָל עס זען אויף אונזער ערד איז נישט שייך: דער פּלוצלינגדיקער איבערגאַנג פון אַנאַרכיע צו געזעלשאַפטלעכער פאַראייניקונג; די גלענצנדיקסטע ווירקונג פון באַוועגונג, וואָס קאָן נאָר געבן אינעם וועלט־אַל; דאָס מוז זיין פאַרן איצטיקן דור דער שכר פאַר אַלע זיינע צרות. יעדער יאָר, אין גאַנג פון אָט דער אומענדערונג, וועט ווערט זיין יאָרהונדערטער“ (ז. 30—31).

אָבער גענוג ציטאַטעס. די געבראַכטע קאָנען שוין פולשטענדיק באַשטעטיקן אונזער כאַראַקטעריסטיק — וועגן דער „נישט גלאַטיקייט“ פון פוריעס גייסט. איצט לאָמיר איבערגייען צו זיינע טעאָריעס.

די בליקן פורייעס אויף דער נאַטור זענען אָנשווינגען פון 17 און 18 יאָרהונדערט. אַלע דערשיינונגען זענען פאַר אים באַוועגונגען, וואָס געשעען מיט מאַטעמאַטישער אויסגערעכנטקייט. אַלע באַוועגונגען — זאָגט ער — זענען פאַראַן פיר: סאָציאַלע, אַנימאַלישע, אָרגאַנישע און מאַטעריעלע. דעם געזעץ פון מאַטעריעלער באַוועגונג האָט אַנטדעקט ניוטאָן. דאָס איז דער געזעץ פון גראַוויטאַציע. איצט מוז מען אַנטדעקן דעם געזעץ פון סאָציאַלער באַוועגונג. אין געזעלשאַפטלעכן לעבן ליגט דער באַוועגונגס־געזעץ פאַרבאָרגן אין די אינסטינקטן אָדער ליידנשאַפטן. די אינסטינקטן זענען אָנגעצילט אויף באַשטימטע צוועקן, וועלכע זענען דער „געזעלשאַפטלעכער שיקזאַל“ (Destinees sociales) אויב אונזערע אינסטינקטן באַקומען נאָר די ריכטיקע סביבה, דאַן מעגן מיר זיי אָן שום איבערקלערעניש נאָכפאָלגן, ווייל אין זייער אויסלאָדן זיך, אין דער „אינסטינקטיווער אָנציִונג“ Attraction passionnee ווי פוריע שטרייכט בסדר אונטער, וועלן מיר געפינען אונזער שיקזאַל און די פולע באַפרידיקונג פון אונזערע העכסטע פאַרלאַנגען. און דעריבער איז אַזוי שעדלעך די לערע

פון די מאראליסטן און פילאזאפן, אז מען באדארף איינצוימען אונזערע אינסטינקטן און ליידנשאפטן; די דאזיקע לערע האט, אגב, נישט געהאט קיין שום פעולה: זי איז געבליבן ווירקונגסלאז, און האט געפירט בלויז דערצו, אז ס׳זענען אנטשטאנען גאנצע ביבליאטעקן, וועלכע זענען אין דער אמתן נישט מער ווי מאקולאטור. אויפן ארט פון מאראליסטן זענען דאן געקומען עקאנאמיסטן, וועלכע האבן געשטיצט דעם האנדל, ס׳הייסט זיי האבן בלויז צוגעהאלפן דעם שווינדל, דעם פרייז־וווכער, די באנקראטערן און בערזע־מאכערס, און האבן דערמיט נאר גורם געווען א געוואלטיקע דעמאראליזאציע און צרות אן א שיעור.

עס זענען פאראן דריי פונקטן, אדער צוציונגס־צילן, צו וועלכע עס שטרעבן די מענטשלעכע ליידנשאפטן: 1. זינלעכע (5 חושים); 2. גייסטיק ליידנשאפטלעכע (פריינטשאפט, פארערונג, ליבע, פאמיליען־געפיל); 3. פיינע ליידנשאפטן (וועט־אייפער, באדערפעניש און אפפרישונג אדער ליבע צו נייעסן, איינערלעכע קאנצענטרירטקייט).

די ערשטע גרופע באשטייט אלזא פון פינף אינסטינקטן, די צווייטע — פון פיר, די דריטע — פון דריי, צוזאמען — צוועלף. דאס זענען ווי צוועלף נאדלען, וואס טרייבן די נשמה צו די דריי פונקטן אדער צוציונגס־צילן. די וויכטיקסטע גרופע איז די דריטע, ווייל זי שטרעבט צו אלגעמיינער און סאציאלער איינהייט. אבער נאר דאן, ווען אט די אינסטינקטן אנטפלעקן זיך נישט אינדיווידועל, נאר אין גרופן־ארגאניזאציעס, אין געמיינשאפטן, און געפינען דארטן גענוג פרייהייט פאר זייער אנטוויקלונג (ז. 113 און ווייטער).

פון דער מישונג פון די צוועלף אינסטינקטן קומען ארויס די פארשידנסטע כאראקטערן. דורך קאמבינאציעס פון די צוועלף אינסטינקטן באקומען זיך ביז 800 פארשידענע כאראקטערן, אזוי אז אין א קיבוץ פון 800 מענטשן קאן מען געפינען די קערנדלעך פון יעטווידער מעגלעכער פארפולקאמונג; און אויב מען זאל אט די מענטשן פון קינדהייט אן ריכטיק דערציען, קאן מען צווישן זיי אנטוויקלען די גרעסטע טאלענטן: מענטשן ווי האמער, ניוטאן א. א. וו. „אז מען זאל, צום ביישפיל, טיילן די פראנצויזישע

באפעלקערונג, וועלכע ציילט 36 מיליאן נפשות, אויף 800, ווען מען גיעפינען, אז צווישן איר זענען פאראן 45 טויז. יחידים, וועלכע זענען פעיק צו ווערן א האמער, א דעמאסטענעס, א מאליער א. א. וו." (ז. 116 — 117), אבער נאר אונטער דעם תנאי, אז די דאזיקע אינסטינקטן און טאלענטן זאלן אויפגעצויגן ווערן אין א געמיינשאפטלעכער לעבנס-ארדענונג, אין הסכם מיט זיינע — פוריעס — אידייען.

און די דאזיקע נייע איינארדענונג פון דער מענטשהייט קומט אן. נאך דער שטופע ציוויליזאציע, וואס האלט איצט אין ענדיקן זיך, קומט די שטופע פון אסאציאציע. ביז איצט האט די מענטשהייט דורכגעמאכט פאלגנדיקע שטופן: 1. נאטור-צושטאנד: די גן-עדן-צייט, אדער עדעניזם, ווען ס'האבן געהערשט פרייהייט און גלייכהייט, און ס'איז געווען ליב פרוכטן, פיש און עופות; מענטשן האבן געלעבט גרופעסווייז, אין אלע הינזיכטן געמיינשאפטלעך; פון אינדיווידואליזם און מאנאגאמיע האט מען גאר נישט געוווסט. 2. ווילד-צושטאנד: צוליב דער פארמערונג פונם מענטשן-מין און צוליב דעם וואס ס'זענען נישט געווען קיין באוווסט-שכלדיקע פלאנפולע פארייניקונגען, איז געווארן א מאנגל אין לעבנס-מיטלען, און ס'האבן זיך אנגעהויבן רייסערייען, אנפאלן און רויבערייען. 3. פאטריארכאט. די שטארקע און ברוטאלע האבן זיך דערקלערט פאר פאמיליע-הויפטן, האבן דערנידעריקט די פרוי, האבן איינגעפירט פריוואט-אייגנטום, — ווי מען קאן דאס זען ביי אלע פעלקער, וועלכע האבן געלעבט אדער לעבן נאך איצט אין א פאטריארכאלישער ארדענונג: אזוי איז געווען ביי די יידן אין דער ביבל-צייט, דערנאך אין כינע און אין אנדערע טיילן אזיע. 4. באַרבאַריי: דאס איז מיטלאלטער, ווען ס'האט זיך אנטוויקלט דער פעאדאליזם; ער האט נאר די מעלה געהאט, וואס מען האט צו געוויסע פרויען זיך באצויגן מיט ערע, אבער ווייטער זענען אינם פעאדאליזם אויפגעקומען די קערנדלעך פון דער היינטיקער ציוויליזאציע: האנדל און מלאכה. 5. ציוויליזאציע: פולשטענדיקע אנארכיע, אטאמיזירונג פון די מענטשן, וועלכע קוקן אויינער אויפן צווייטן, ווי אויף פיינט, און באהאנדלען זיך קעגנזייטיק, ווי שונאים. פולשטענדיקער מאנגל

אין אָרגאַניזאַציע. דער גייסט פון האַנדל פאַרניכטעט אַלע העכערע
געפילן; עס פאַרשווינדן מענטשלעכקייט, פּאַטערלאַנד, גערעכטי־
קייט, קעגנזייטיקייט; און די סימנים פון ציוויליזאַציע זענען:
ברויט־וווכער, האַסע און באַסע, קאָניונקטור, הינטער־געדאַנקען,
באַרימעריי, צביעות, רייכע ווערן נאָך רייכער, אָרימע ווערן נאָך
אָרימער, אומפאַרמײַדלעכע פאַראַכטונג מען, קאָנקורענץ, צעשפּלי־
טערטקייט, ווירטשאַפטלעכע אַנאַרכיע, אויס משפחה־געפילן: זיי
קעמפן קעגן פאָטער, אַרבעטער קעגן אונטערנעמער, קאַפּיטאַל
אונטערדריקט די אַרבעט, די רעגירונג פאַרבאַפן די רייכע און די
פאַרצווייפלטע מאַכן אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס. באַזונדער
לײַדט דערפון די פרוי; זי ווערט געקויפט און פאַרקויפט, ווײַל
הייראַט איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ קויף פון מיידלעך, וואָס
ווערן פון יוגנט אָן געגרייט דערצו, קריגן נאָר זיך אַ קויפער; אָבער
דער געשלעכט־אינסטינקט לאָזט זיך נישט אונטערדריקן: די „בכבו־
דיקע" פרויען האָבן זיך זייערע הויז־פרײַנט, די מענער — זיי־
ערע מעטרעסעס; פּראַט און פּראָסטיטוציע זענען אומפאַרמייד־
לעכע באַגלייט־דערשיינונגען פון מאָנאָגאַמישער צביעות. די צי־
וויליזאַציע האָט פונדעסטוועגן אויך עפּעס גוטס געשאַפן: זי האָט
מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון וויסנשאַפט און טעכניק, זי האָט
געוויזן אַ מעגלעכקייט, ווי צו הייבן די פּראָדוקטיווקייט, און גע־
געבן די רייכע אונטערנעמער געלעגנהייט אײַנצופירן ראַציאָנעלע
אַרבעט־פאָרמען אין לאַנדווירטשאַפט און מאַנופאַקטור. איצט
הייבט זיך אָן אַנטוויקלען אַ קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער
פעאָדאַליזם. אַ קליינע צאָל רייכע וועלן אָנפירן מיט די ווירט־
שאַפטלעכע כוחות פון לאַנד, אָדער די מלוכה וועט שאַפן גרויסע
לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, ווו ס'וועלן גילטן אָרגאַ־
ניזאַציע און קאָנצענטרירטקייט, און זי וועט גאַראַנטירן די אַר־
בעטער זייער עקזיסטענץ. נאָך דער ציוויליזאַציע קומט אַזוי אַרום
די 6־טע שטופע, וועלכע פוריע רופט אָן ג א ר א נ ט י ז ם, אַ
מין סאָציאַל־פּאָליטישער איבערגאַנגס־פּעריאָד פון אינדיווידואַליזם
צו דער 7־טער שטופע — צום סאָציאַליזם (פוריע רופט עס
ס א צ י א נ ט י ז ם), וועלכער וועט פירן צו פולער האַרמאָניע און
צו גליקזעליקייט. דעמאָלט וועלן די מענטשן לעבן אין פאַלאַנסטע־

רעס — קאָאָפּעראַטיוו געפירטע גרויסע האָטעלן — און זיי וועלן אַרבעטן קאָלעקטיוו, צו 1600 — 1800 מאַן צוזאַמען (צוויי מאָל 800 און עפּעס מער, כדי צו באַקומען די בעסטע כאַראַקטער־מי־שונג), און אין אַזעלכע קאָלעקטיוון וועלן די דריי „פּיינערע ליידנ־שאַפטן" (וועט־איפער, ליבע צו נייעסן און אינערלעכע קאָנ־צענטרירטקייט) זיך קאָנען פריי אַנטוויקלען.

פון סאָציאַליזאַציע פון די פּראָדוציר־מיטלען וויים נישט פוריע און וויל נישט וויסן; די פאַלאַנסטערעס וועלן זיין פרייע פאַרייניקונגען פון קאַפּיטאַליסטן, אַרבעטער און פאַרוואַלטונגס־טאַלענטן, און דער פּראָדוקט פון דער אַרבעט ווערט אַזוי פאַרטיילט: די אַרבעטער באַקומען פינף־צוועלפטל, דער קאַפּיטאַל — פיר־צוועלפטל, די פאַרוואַלטונג — דריי־צוועלפטל.

פרייע ליבע, דערציונג פון קינדער אויף חשבון פון כלל, זיבן מאָלצייטן אַ טאָג, אָפּערע און דראַמע, פריילעכקייט און לעבנס־לוסט — אַלץ וועט מעגלעך ווערן אין דער פאַלאַנסטעריע, אַזוי אַז מענטשן וועלן ווערן טיכטיקער, און זיי וועלן דערגרייכן אַ דורכשניטלעכן לעבנס־עלטער פון 144 יאָר און אַ גרויס פון קער־פּער ביז זיבן פוס.

פוריע איז געווען פּאָליטיש אינדיפערענט, האָט פיינט געהאַט רעוואָלוציע און יידן, האָט פאַרערט נאַפּאָלעאָנען, און געהאַלטן בסדר אין איין אַרומזוכן אַ גרויסן, רייכן און גוטן מאַן, וואָס זאָל זיך נעמען דורכפירן זיינע פּלענער. זיינע ווערק קאָן מען נאָר גע־וויסע שטעלן לייענען. אַמבעסטן האָט געשילדערט דעם פוריעריזם וויקטאָר קאָנסידעראַן, אין זיין בוך „סאָציאַלער שיקזאַל" Destinée sociale וואָס איז דערשינען אין 1837 — דאָס יאָר, ווען פוריע איז געשטאָרבן; געווידמעט איז דאָס בוך געווען דעם קעניג „לואי פיליפּ, דעם הערשער און גרעסטן אייגנטימער פון פראַנק־רייך". דאָס בוך איז אָבער מער, ווי אַ שילדערונג פונם פורייע־ריזם: עס איז זייער אַ וויכטיקער דאָקומענט פון דער סאָציאַל־קריטישער אַרבעט, וועלכע איז דורכגעמאַכט געוואָרן אין פראַנק־רייך ביז מאַרקס איז געקומען קיין פּאַריז (1843). איך גיב פון דאָרטן פאָלגנדיקע צוויי אויסצוגן: „מיר זענען גרייט, — זאָגט אָבער טראַנסאָן, אַן אָנהענגער סען־סימאָנס און פוריעס — צו

האלטן ענגלאנד פאר א מוסטער. אבער וואס זאגט אונז די וויסנ שאפט? זי זאגט אונז, אז די דאזיקע ריזנהאפטע אינדוסטריע האט א פרינציפ צו קאנצענטרירן דעם ערד־באדן און די קאפיטאלן אין אלץ ווייניקער הענט. און וואס זאגט אונז די דערפארונג? זי שרייט צו אייך: דער רעזולטאט פון די אלע וואונדער איז די אונ־טערדריקונג פון די נידעריקערע קלאסן, די אויפשטעלונג פון א אינדוסטריעלן פעאדאליזם, וועלכער איז נאך אומפארשעמטער און נאך מער ווערט געהאסטצו ווערן, איידער דער פעאדאליזם פון מיטלאלטער *). (Destinee sociale 223 ז) דער צווייטער אויסצוג איז אזא: „דער עקאנאמיזם איז מסוגל צו טויטן דעם ליבעראלן גייסט דורך דער אינטערעסן־פאליטיק, וועלכע שטעמפלט דעם ליבעראלן גייסט ווי חוזק און נארישקייט, פונקט ווי דער ליבעראליזם האט אמאל אפגעטויט דעם גייסט פון ריטערלעכ־קייט און אים אויסגעלאכט אלס דאן־קישאטיזם". ווער עס קען די „הייליקע פאמיליע" פון מארקסן, דער וועט באלד דערקענען אין איר דעם פראנצויזישן איינפלוס.

3. סען־סימאן

מען באדארף שטרענג אונטערשיידן צווישן סען־סימאנען און סען־סימאניסטן, פונקט ווי צווישן קאנטן און נעא־קאנטיאנער. סען־סימאן איז געווען פונקט אזוי ווייניק סאציאליסט, ווי קאנט**); זיי געהערן ביידע גיכער צו דער ליבעראלער וועלט; קאנט איז געווען א פילאזאפישער ליבעראל; סען־סימאן איז געווען אן עקא־נאמישער ליבעראל; פאר ביידן איז רעליגיע געווען די לערע פון פראקטישער עטיק.

ערשט דער יונגערער דור אנהענגער סען־סימאנס, די וואס זענען שוין געווען באקאנט מיט דער אסאציאציע־טעאריע פון פור־

*) אגב אורחא: פוריעס בוך Le nouveau monde industriel וואס געפינט זיך אין דער פרייסישער מלוכה־ביבליאטעק, האט אמאל געהערט צו אבעל טראנסאנען און האט אויף זיך זיין אויטאגראף.

**) פארגלייך: E. Sohlund, Die philosophischen Ideen des kommunismus, מינכען 1922.

יע, מיט די ענגלישע אַרבעטער־קאַמפן און סאָציאַלע טעאָריעס (1810 — 1826) און מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידייען פון בוּאָנאַראָטין (1828) — ערשט זיי האָבן זייט 1829 — פיר יאָר שוין נאָכן טויט פון זייער לערער — אָנגעהויבן אַריינפירן א סאָציאַל־רעפאָרמערישע טענדענץ אין די געדאַנקען, וואָס זיי האָבן באַקומען ירושה פון סען סימאָנען; פונקט ווי די נעאָ־קאַנטיאַנער, וועלכע האָבן זיך באַקענט מיטן מאָדערנעם סאָציאַליזם און ווילן איינשטעלן א פאַרבינדונג צווישן זייער לערער מיטן מאַרקסיזם.

גראַף הענרידאָ סען־סימאָן האָט געשטאַמט פון א הויכער פראַנצויזישער אדל־פאַמיליע; ער איז געווען א קרוב פון באַרימטן מעמואַרן־שרייבער הערצאָג פאָן סען־סימאָן (אין דער צייט פון לודוויג XIV), און זיין יחוס־בריוו האָט געגרייכט ביז צו קאַרל דעם גרויסן. זיין דערציונג איז געווען, ווי געוויינלעך אין דעם שטאַנד: מיליטערישע הויף־דערציונג. אַלס יונגער אָפיציר, האָט ער זיך ביי דער זייט פון לאַפאַיעטן באַטייליקט אינם אַמעריקאַנישן אומאָפּהענגיקייטס־קריג קעגן ענגלאַנד, און האָט פון דאָרט אַרויסגעטראָגן א באַציונג פון באַוווּנדערונג צום ריין בירגערלעכן רעזשים פון די פאַראייניקטע שטאַטן. שוין דעמאָלט האָט ער געהאַט זיינע פּלענער בנוגע דעם אויסבוי פון פאַנאַמער קאַנאַל, — ער איז בכלל געווען זייער פילבאַר צו בורזשואַז־אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע פּראָבלעמען. ער האָט זיך אומגעקערט קיין פּראַנקרייך, אָבער נישט גענומען קיין שום אָנטייל אין דער רעוואָלוציע, נאָר אויסגענוצט די קאָניונקטור אויף צו קויפן און איבערפאַרקויפן קאָפיסקירטע מאַיאָנטקעס און דורכדעם אַריינקריגן אַזוי פיל געלט (140 טויז. פראַנק), אַז ער זאָל קאָנען פאַרפילן די בלויזן אין זיין בילדונג און הנאה האָבן פון אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט אים געקאָנט צוטיילן. אין גיכן האָט ער דאָס געלט פאַרהוליעט אויף אן אינטעליגענטיש־אַריסטאָקראַטישן אופן, און ער האָט ווייטער געלעבט שוין אָרעם און אָפט אין גרויסער נויט, ביז דער יידישער באַנקיר ראָדריגעס און זיינע פריינט האָבן אים געשטעגעבן קיין מיטלען, ער זאָל קאָנען אָן זאָרגן דורכלעבן זיינע לעצטע יאָרן. פאַר די יאָרן 1802 — 1825 האָט ער אַנטוויקלט א

לעבהאפטע שריפטשטעלערישע טעטיקייט. זיינע אידייען האָבן אָפּגעשפּיגלט בירגערלעך־אינדוסטריעלע אינטערעסן און זיינע פערזענלעכע הומאַניטאַרע נייגונגען. דאָס ווערט קלאָר, ווי נאָר מען וואַרפט אַ בליק אויף דער דעמאָלטיקער לאַגע:

די בורזשואזיע, וועלכע האָט זיך באַרייכערט בעת דער רעוואָלוציע און די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, האָט שטיל פאַרטראָגן דעם נאַפּאָלעאָנישן דעספּאָטיזם, כל זמן נאַפּאָלעאָנען האָט געשפּילט דאָס מזל אויפן שלאַכטפעלד. אָבער נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון מאָסקווע און לייפּציג (1812 און 1813) איז די בורזשואזיע געוואָרן אָפּאָזיציאָנעל, און ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך אומגעקערט פון עלבא קיין פּאַריז, האָט ער געטראָפן אַ שטאַרקע קאָנסטיטוציאָנעלע באַוועגונג און געמוזט איר מאַכן קאָנצעסיעס. נאָך זיין ענדגילטיקער מפּלה (1815) זענען די בורבאָנער (לודוויג XVIII, 1814 — 1824 און קאַרל X, 1824 — 1830) ווידער געקומען צו דער מאַכט; זיי האָבן זיך לחלוטין נישט גערעכנט מיט די „לעקציעס“ פון דער רעוואָלוציע, זיי האָבן דעם אדל און די גייסטלעכע ווידער אומגעקערט זייער פריערדיקע פּריווילעגירטע שטעלונג — די בורזשואזיע האָט דעריבער אָנגעהויבן צו ווערן רעוואָלוציאָנער; און עקאָנאָמיש איז די בורזשואזיע איצט געווען פיל שטאַרקער, איידער אירע פאָרגייער פון 1789, ווייל פאַר דער צייט האָבן טעכניק און אינדוסטריע זיך היפּש אַנטוויקלט, און די טרעגער זייערע האָבן געפילט, אַז זיי זענען די אייגנטלעכע מאַכט אין דער מלוכה, נאָר בלויז די בורבאָנער לאָזן זיי נישט קומען צום וואָרט. און ווי געוויינלעך, האָט די רעוואָלוציאָנערע בורזשואזיע געזוכט די אונטערשטיצונג פון די אונטערשטע קלאַסן און זיך געהאַלטן פאַרן שליח ציבור פון גאַנצן פאָלק לגבי דעם קעניג און דער רעאַקציע.

אַ גייסטיקער פּראָדוקט פון אָט די פאַרהעלטנישן איז געווען סען־סימאָן (1760 — 1825) און נאָך מער די סען־סימאָניסטן — ווייל די לעצטע זענען אויפגעקומען פונקט ערב דער יולי־רעוואָלוציע (1830), ווען די בירגערלעכע קרייזן האָבן זיך געפונען אין שאַרפער אָפּאָזיציע צו די בורבאָנער, סען־סימאָן אָבער האָט געהאַט פאַר זיך בלויז די ערשטע סימנים פון אָט דער אָפּאָזיציע,

און ער אַליין האָט נאָך געקלערט וועגן אַ מעגלעכן שלום צווישן קעניגטום און בורזשואַזיע.

דער תמצית פון סען־סימאָנס לערע באַשטייט אין דעם געדאַנק, אַז די ווײכטיקסטע אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט מוז זיין וואָס מער צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון רייכטימער, און דעריבער זאָלן די אינדוסטריעלער (פאַבריקאַנטן, טעכניקער, אַרענדאַרעס פון מאַיאָנטקעס, האַנטווערקער, באַנקירן, סוחרים) אַ ווײכטיקערער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר, איידער דער אַדל און די גייסטלעכע, און דעריבער מוז די פאַרוואַלטונג מיטן לאַנד אַריבער אין בירגערלעכע הענט. „ניישט די פּאָליטישע קאָנסטיטוציע, נאָר דאָס אייגנטום־רעכט האָט דעם גרעסערן איינפלוס אויפן וווילשטאַנד פון דער געזעלשאַפט. דאָס רעכט אויף אייגנטום דאַרף אַזוי אויסגעפורעמט ווערן, עס זאָל זיינע באַזיצער טרייבן וואָס בעסער צו אַנטוויקלען די פּראָדוקציע.. דאָס רעכט אויף אייגנטום דאַרף זיך אָריענטירן אויפן וואַקסן פון רייכטום און פון די פרייהייטן פון דער אינדוסטריע... דער געזעץ, וואָס באַגרינדעט דאָס אייגנטום, איז דער ווײכטיקסטער פון אַלע אַנדערע; דער דאָזיקער געזעץ איז דער פונדאַמענט פונם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן בנין. דאַקעגן דער געזעץ, וועלכער באַשטימט די פאַרטיילונג פון די מאַכט־אַמטן און רעגולירט זייערע פונקציעס (ד. ה. די קאָנסטיטוציע), — איז נאָר א צווייט־ראַנגיקער געזעץ". (Saint Simon, Oeuvres, פּאַריז, 1841, 1־טער טייל ז. 248, 257, 259, 267).

אַן אַנדערש מאָל מאַכט סען־סימאָן אַן אונטערשיד צווישן אייגנטום־רעכט און אייגנטום־געזעץ. דאָס אייגנטום־רעכט האַלט ער פאַר פּראָגרעסיוו: „אַזוי ווי דער מענטשלעכער גייסט גייט פאָרויס, טאָר מען דעם אייגנטום־געזעץ אויך נישט פאַראייביקן, ווי ער שטייט און גייט" (ז. 265). ווייטער האַלט ער, אַז דאָס אייגנטום פונם אַדל איז אַ פּראָדוקט פון אוזורפּאַציע, פון געוואַלט, פאַרקערט, דאָס אייגנטום פון אינדוסטריעלער (פאַבריקאַנטן, אַרענדאַרעס, באַנקירן סוחרים, האַנטווערקער) איז אַ פּראָדוקט פון זייער געזעצמעסיקער אַרבעט. זיין אויפפאַסונג פון אייגנטום איז אַ פאַרטיידיקונג פון בירגערלעכן אייגנטום און אַ פאַראורטיילונג פון אַדל־אייגנטום און פון די פּאָליטישע פּרעטענזיעס פון די הויף־

לייט, פון די הויכע מלוכהשע און קירכלעכע טיטל־טרעגער. אַ פּאָ־
פּולערן סך־הכל פון אַט די געדאַנקען געפינען מיר אין
דעם מעשהלע, וואָס סען סימאָן האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר
1819; קעגן אים איז פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס פאַר אָט דעם
מעשהלע, נאָר די געשווירענע ריכטער האָבן אים פריי־געשפּראָכן.
אין דעם דאָזיקן מעשהלע מאַכט סען־סימאָן אַזאַ פאַרגלייך: וואָ־
סער אבידה וואָלט געווען אַ שמייכטער גרעסער? ווען עס וואָלט
אומגעקומען די ערשטע פּופציק פיזיקער, כעמיקער, טעכניקער,
אינדוסטריעלער, שיף־אייגנטימער, סוחרים און האַנטווערקער, אָדער
פּופציק פרינצן, הויף־לייט, מיניסטאָרן און הויכע גייסטלעכע? דעם
פאַרלוסט פון די ערשטע וואָלט אוממעגלעך געווען צו פאַרפילן,
בעת די פּופציק וואַקאַנטע ערטער פון די לעצטע וואָלט מען לייכט
געקאָנט באַזעצן. סען־סימאָן עצהט דעריבער דעם בורבאָנען־קע־
ניג לודוויג XVIII, ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט די אינדוסטריע־
לער און ווערן בירגערלעכער קעניג. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע
האָט געבענקט נאָך אַן אייגענעם קעניג, און זי האָט אים באַקומען
אין 1830 — נאָך דעם פאַלן פון די בורבאָנער — אין פּערזאָן
פון קעניג לודוויג פיליפּ (1830 — 1848).

סען־סימאָן האָט אויך געשריבן אייניקע געשיכטס־פילאָזאָפישע
אָפּהאַנדלונגען, וווּ ער האָט געפּרוווט שילדערן די פאַרגאַנגענהייט
אין ליכט פון זיינע אָנשויונגען. מיר וועלן זיך באַקענען מיט זיי
אין צווייטן קאַפּיטל, ווען מיר וועלן רעדן וועגן דעם סען־סימאָ־
ניזם. לעת עתה לאָמיר אָט וואָס געדענקען: דאָס עקאָנאָמישע
דענקען פון סען־סימאָן, ווי מיר האָבן געזען, איז ריין־בירגערלעך.
זיין באַציונג צו אַרבעטער איז תחילת אויך געווען אַן אויסגע־
שפּראָכן בירגערלעכע. אין זיין ערשטן ווערק „בריוו פון אַ גענפער
איינוווינער", (Lettres d'un habitant de Genéve 1802) טיילט
ער די געזעלשאַפט אויף דריי קלאַסן: „1. ליבעראַלן (געלערנטע,
קינסטלער, און בכלל די אַלע, וואָס האָבן פּראָגרעסיווע אידייען).
2. באַזיצער, וועלכע ווילן נישט קיין שום נייעסן, און 3. די פער־
זאָנען, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דעם דעוויז „גלייכהייט". צו די
אַרבעטער, וועלכע שטרעבן צו גלייכהייט, זאָגט ער: „די באַזיצנ־
דיקע האָבן באַקומען מאַכט איבער די נישט באַזיצנדיקע נישט צו־

ליב זייער פאַרמעגן, נאָר אַדאַנק דעם וואָס זיי שטייען גייסטיק העכער פאַר יענע" (Oeuvres, 2־טער טייל, ז. 24, 27, 40). „זעט אַקאָרשט — זאָגט ער צו די אַרבעטער, — וואָס אין פראַנקרייך האָט פּאַסירט, בעת אייערע האָבן דאָרט געוועלטיקט: זיי האָבן אַרויסגערופן אַ הונגער־נויט" (ז. 40). סען־סימאָן מיינט דאָ די צייט פונם קאָנווענט (1792 — 1794); ער האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס זענען גאָר נישט געווען קיין אַרבעטער — די וואָס האָבן דאַן געהערשט; ער האָט אויך נישט געוווּסט, אַז די הונגער־נויט איז געווען דער אויפטו פון די קעגנער פון די יאַקאָבינער: פון די אויפקויפער און וווּכערער, פרייזן־שרויפער און שפּעקולאַנטן. בכלל האַלט סען־סימאָן די קאָנווענט־הערשאַפט פאַר דער „פולשטענדיקסטער אַנאַרכיע" (ז. 136). „דער קאָנווענט האָט אומגעבראַכט לודוויג XVI, דעם איידעלן מענטשן־פריינט, און דאָס קעניגטום, די פונדאַמענט־אינסטיטוציע פון פראַנקרייכס געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. דער קאָנווענט האָט געשאַפן אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט דעם גרעסטן איינפלוס געגעבן די אָרימסטע און אומוויסנדיקסטע" (ז. 136).

סען־סימאָן איז, אמת, געבליבן אַ ליבעראַל, ס'הייסט אַן אָנהענגער פון דער הערשאַפט פון די אינדוסטריעלער, אָבער אַלס אויפגעקלערטער מאַן האָט ער זיך גוט צוגעקוקט צו די באַוועגונגען צווישן די אַרבעטער. ער האָט געזען, ווי די ענגלישע אינדוסטריע־אַרבעטער האָבן זינט 1810 זיך געבונטעוועט קעגן די אינדוסטריעלער, ווי זיי האָבן געבראָכן די מאַשינען (לודיסטן־באַוועגונג), ווי זיי האָבן געקעמפט פאַר וואַל־רעכט און פאַבריק־שוץ (1816 — 1818); און חוץ דעם איז ער אַליין געווען אין נויט און איז געווען אַ מענטש פון שטאַרקע זיטלעך־רעליגיעזע געפילן, אַזוי אַז ער האָט זיך צוליב דעם אינטערעסירט מיט די סאָציאַלע אָנשווּנגען פון קריסטנטום; ער האָט אויך געקענט לעסינגס „דערציונג פונם מענטשן־מין" — די געדאַנקען פון אָט דעם ווערק האָבן אויף אים געהאַט אַן איינפלוס. פון אַרום 1819 הייבט סען־סימאָן אָן אַלץ מער אונטערשטרייכן, אַז ס'איז נייטיק אויסצוהעלפן די אַרבעטער. אין „קאַטעכיזיס פון אינדוסטריעלער" (Catéchisme des industriels) אַפּעלירט ער צו די אונטערנעמער,

זיי זאלן זיך איינשטעלן פאר די ארבעטער: „די פירער פון דער אינדוסטריע זענען די געבוירענע באשיצער, די נאטירלעכע פירער פונם ארבעטער־קלאס. כל זמן די פירער פון דער אינדוסטריע וועלן זיך נישט פארייניקן מיט די ארבעטער, וועלן די לעצטע זיך לאזן אנרעדן דורך ראדיקאלן און אינטריגאנטן צו מאכן א רעוואלוציע און ארייננעמען די פאליטישע מאכט" (1זטער טייל ז. 221 (Oeuvres

ער אילוסטרירט דערביי זיין געדאנק מיט די געשעענישן אין ענגלאנד.

די לעצטע יארן פון זיין לעבן האט ביי אים דער אינטערעס פארן וועלטשטאנד פון די ארבעטער איבערגעוויגן אלע אנדערע אינטערעסן; זיינע געדאנקען וועגן דעם האט ער אנטוויקלט אין „נייעם קריסטנטום" (Le nouveau christianisme) וואס האט זיך באוויזן שוין הארט פאר זיין טויט; דאס נייע קריסטנטום דארף אזוי רעגולירן די באציונגען צווישן ארבעט און קאפיטאל, אז ס'זאל זיך באקומען די „מענטלעכסט שנעלסטע פארבעסערונג פונם גורל פון ארימסטן קלאס; דאס נייע קריסטנטום זאל זיך באפרייען פון די קאטוילישע און פראטעסטאנטישע דאגמעס און קולטוס־פארמען און זאל פארוואנדלט ווערן אין סאציאלע עטיק, מיט דער הויפט־פאדערונג, אז מענטשן זאלן באהאנדלען איינער דעם צווייטן ווי ברידער. „דאס נייע קריסטנטום וועט באשטיין פון טיילן, וואס אינם עיקר פאלן זיי צונויף מיט דעם, וואס ס'האבן געפרעדיקט די פארשיידענע אפיקורסישע סעקטעס פון אייראפע און אמעריקע... ווי אמאל דאס אורקריסטנטום, אזוי וועט דאס נייע קריסטנטום געשטיצט, געשיצט און אנטוויקלט ווערן דורך דער קראפט פון מאראל און פון דער עפנטלעכער מיינונג". ווייטער דערציילט סען־סימאן, אז ער האט זיך מיט אט דער לערע קודם כל געווענדעט צו די רייכע, זיי צו געווינען פאר איר, און ער האט זיי געגעבן צו פארשטיין, אז זיין לערע — „איז בשום אופן נישט קעגן זייערע אינטערעסן, ווייל ס'איז דאך קלאר, אז א בעסערונג אין דער לאגע פון די ארימע קאן דערגרייכט ווערן נאר דורך אזעלכע מיטלען, וועלכע ברענגען מיט זיך א פארמערונג פון די לעבנס־אנגענעמלעכקייטן אויך פאר דעם רייכן קלאס. איך האב געמוזט קלאר מאכן פאר די קינסטלער, געלערנטע און גרויסע אונטערנעמער, אז זייערע אינטערעסן זענען אין

תוך אידענטיש מיט די אינטערעסן פון די פאלקס־מאסן, אז פון איין זייט געהערן זיי אליין צום ארבעטער־קלאס, און פון דער אנדערער זייט זענען זיי זייערע נאטירלעכע פירער, אז דער בייפאל פון פאלק פאר טובות, וואס מען טוט אים, איז די איינציקע ווירדיקע באלוינונג פאר זייער רומפולער טעטיקייט". און אויך צום „הייליקן בונד" און צו די איבעריקע קעניגן און פירשטן ווענדט ער זיך: „פארייניקט אייך אין נאמען פון קריסטנטום און פילט אויס די פליכטן, וואס עס לייגט ארויף אויף די מעכטיקע; ווייסן זאלט איר, אז קריסטנטום באפעלט די מעכטיקע צו ווידמען אלע כוחות פאר דער מעגלעכסט שנעלער פארגרעסערונג פון סאציאלן גליק פון די אָרימע"!

סען־סימאן האט בלויז באוויזן צו פראקלאמירן אט דאס „נייע" עוואנגעליום, און איז געשטארבן. סומירנדיק, קאן מען זאגן: סען־סימאן איז נישט געווען נישט קיין סאציאליסט און נישט קיין דעמאקראט, נאר בלויז א סאציאל־עטיש געשטימטער ליבעראל; א דאנק זיין אינטעלעקט און א דאנק דעם, וואס ער האט נישט געהאט קיין פארמעגן, איז ער קאנסעקווענטער (פאר אנדערע ליבעראלן) אין זיינע ליבעראל־עטישע טעאריעס. באזונדער ריכטיק איז דאס בנוגע זיין לערע וועגן אייגנטום; אין יענער צייט, ביים אנטשטיין פון ארבעטער־קלאס, ביים בראשית פונם פראלעטארישן קלאסן־קאמף — האט זיך די דאזיקע לערע געלאזט טייטשן קעגן בורזשואזן אייגנטום. אזא אויסטייטשונג פון דער לערע פון זייער רבין האבן טאקע אונטערגענומען די סען־סימאניסטן.

4. סען־סימאניסטן

די קליינע צאל אנהענגער, וואס האבן זיך געזאמלט ארום סען־סימאנס לערע, האבן כמעט אלע ביז איינעם געהערט צו די געבילדעטע און פארמעגלעכע שיכטן. אנהויבנדיק פון יאר 1827, זענען די פארלאמענט־וואלן אויסגעפאלן אלץ אפאזיציאנעלער און נאך פון יאר 1821 אן האט שוין די פאריזער שטודירנדיקע יוגנט געבילדעט געהיימע חברות אויף אראפצווארפן די בורבאנער, צוריק אויפשטעלן די סוווערעניטעט פון דער נאציע און „באפרייען דאס פאלק". די יוגנט האט פארפירט באציונגען מיט די איטאליענישע

קאַרבאָנאַדיזם אין זיך געלערנט זייערע פאַרשווערונגס־מעטאָדן; זי האָט אויך שטודירט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די סאָציאַלע לאַגע און סאָציאַלע טעאָריעס אין ענגלאַנד; און בכלל איז זי געווען אויפנעמפעניק פאַר יעדער נייער אידייע, ווי דאָס איז דער שטייגער מיט רעוואָלוציאָנערער יוגנט, בפרט ווען זי מוז זיך אָרגאַניזירן געהיים. צווישן דער ראָזיקער יוגנט האָבן זיך געפונען סען־אַמאַן באַזאַר (1791 — 1832), אַ לאָגישער, קלאָר דענקענדיקער קאָפּ, און ביושע (P. B. I. Buchez) (1796 — 1865), וועלכער האָט שפּעטער זיך אָפּגעגעבן מיט פּראָפּאַגאַנדע פון פּראָדוצירער־קאָאָפּעראַטיוון (מיט מלוכה־הילף). אין 1825 איז באַזאַר געוואָרן אַ סען־סימאָניסט, אין 1828 האָט ער דורכגעלייענט בונאָנאַראָטין, אין 1829 האָט ער אָנגעהויבן האַלטן פאַר די סען־סימאָניסטן פאָרלעזונגען אין די פאַריינען וועגן דער שיטה פון זייער לערער. זיינער אַ מיטאַרבעטער איז געווען אַנפענטען (1796 — 1864 P. B. Enfantin), אַ לייטער פון פינאַנץ־אינסטיטוציעס, שפּעטער אַ אייזנבאַן־דירעקטאָר — אַ מענטש מיט פיל פאַנטאַזיע און צוגלייך מיט גרויסער טאַט־קראַפט און מיט שאַרפזין. צוזאַמען מיט זיי זענען טעטיק געווען די ברידער פעריירע, די שפּעטערדיקע גרינדער פון גרויסע פינאַנץ־אינסטיטוציעס און אויך פערדינאַנד לעסעפּס, דער שפּעטערדיקער אויפבויער פונם סועץ־קאַנאַל און לייטער פון די ערשטע אַרבעטן אַרום דעם פּאַנאַמע־קאַנאַל. דאָ זעט מען, ווי דער ווירקלעכער תמצית פון סען־סימאָנס לערע — אינדוסטריעל־קאָמערציאָנעלער ליבעראַליזם — שלאָגט זיך ענדלעך דורך אַ וועג; אָבער דערווייל האָבן זיך די סאָציאַלע מאָמענטן אַרויסגערוקט אויבן אָן, און די סען־סימאָניסטן האָט מען געהאַלטן פאַר סאָציאַליסטן. אין די געזאַמלטע ווערק פון ס.־סימאָן און אַנפאַנטין Oeuvres de Saint Simon et d'Enfantin אין באַנד 41 און 42 (פּאַריז 1877), איז אויסגעצייכנט איבערגעגעבן סען־סימאָנס לערע, לויט די פאָרלעזונגען פון באַזאַרן (1829 — 1830). באַזאַר האָט גענומען געוויסע אידייען ביי סען־סימאָנען און זיי אַנטוויקלט און דערגאַנצט דורך די רעזולטאַטן פון זיין אייגענעם שטודיום און דערפאַרונג, און אַזוי אַרום אויסגעבילדעט אַן איינהייטלעכע סיסטעם. די גרונט־שטריכן פון דער סיסטעם זענען:

סען־סימאָן האָט געלערנט, אַז אין דער געשיכטע פון דער־

מענטשהייט גייען נאָכאַנאַנד אָרגאַנישע און קריטישע פּעריאָדן. בעת אָרגאַנישע פּעריאָדן הערשט איינהייט פֿון געדאַנק און פֿון גלויבן, אַ געוויסע סאָציאַלע אינטערעסן־געמיינשאַפֿט; אַזעלכע פּעריאָדן זײַנען געווען: גריכנלאַנד ביז צום 5־טן יאָרהונדערט (פֿאַר קריסט. געב.) ווען ס'האָט אומבאַגרענעצט געהערשט פּאָליטעאיזם; דאַן מיטלאַלטער ביז לוטערס אויפֿטרעטן, ווען די קאַטוילישע קירך האָט באַוואָרנט די גייסטיקע איינהייט. נאָך אָרגאַנישע פּעריאָדן קומען אָן קריטישע, ווען די איינהייט פֿון געדאַנק צעפֿאַלט זיך, און עס אַנטשטייט אַ סאָציאַלע דיסהאַרמאָניע; אַזוי למשל, אין גריכנלאַנד נאָכן 5־טן יאָרהונדערט (פֿאַר קר. געב.), ווען ס'זענען אויפֿגעקומען פֿאַרשיידנערליי פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען; אין מיטלאַלטער הייבט זיך אָן דער קריטישער פּעריאָד מיט דער רעפֿאָרמאַציע, וועלכע ווערט באַגלייט פֿון פֿאַרשיידענע געדאַנקען־סיסטעמען און רעוואָלוציעס, נאָך וועלכע עס דאַרף ווידער קומען אָן אָרגאַנישער פּעריאָד; אַריינפֿירן אין אָט דעם פּעריאָד — דאָס איז געווען די אויפֿגאַבע פֿון סען־סימאָנען, ער האָט זי פֿאָרמולירט אין זײַן „נייעם קריסטנטום"; דאָס ווערק שליסט אָפּ מיט זיך דעם קריטישן פּעריאָד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿון לוטערן.

דערביי דערקלערט באַזאַר, אַז די אָרגאַנישע און קריטישע פּעריאָדן דערקענט מען לויט דעם, צי עס הערשט אַ צושטאַנד פֿון אַסאָציאַציע אָדער פֿון אַנטאַגאָניזם (פֿאַראייניקונג און קעגנזאַץ, אָדער קאָנפֿליקט). אָבער די קעגנזאַצן, די קאָנפֿליקטן האָבן אַ צווייטראַנגיקע באַדייטונג, זיי זענען אַ פֿאַריבערגייענדיקע זאַך; די הויפּט־שטרעבונג פֿון דער מענטשהייט און דער הויפּט־געזעץ פֿון דער געשיכטע איז אַסאָציאַציע. די קעגנזאַצן און קאַמפֿן צווישן משפּחות און צווישן שטעט האָבן געהאַט פֿאַר אַ ציל די פֿאַראייניקונג צו אַ נאַציע; די קאַמפֿן און קעגנזאַצן צווישן נאַציעס האָבן געצילט צו פֿאַראייניקונג אונטער דער הערשאַפֿט פֿון איין גלויבן, פֿון איין גייסטיקער איינהייט. איצט שטרעבט די מענטשהייט צו יענער גרויסער, אוניווערסאַלער, אָרגאַנישער פֿאַראייניקונג, ווו ליבע, וויסן און רייכטום וועלן זיך האַלטן אין איין מערן.

די קעגנזאַצן און קאָנפֿליקטן האָבן זיך שטענדיק גענומען דערפֿון, וואָס געהערשט האָט פֿיזישע געוואַלט, און דאָס האָט געפֿירט

דערצו, אַז איין מענטש האָט עקספּלואַטירט דעם צווייטן. אָבער די ווירקונג פון געוואַלט ווערט אַלץ שוואַכער; דאָס ווייזט זיך אַרויס אין דעם פּראָגרעס — וואָס פון אַמאָליקן שקלאַף איז געוואָרן דער הייַנטיקער אַרבעטער. די שטאַפּלען אַרויף־צו זענען: שקלאַפערייַ, לייב־אייגנטום, לוין־אַרבעט. דאָ זעט מען קלאָר, ווי די עקספּלואַ־טאַציע פון מענטש דורך מענטש ווערט אַלץ קלענער. דער שקלאַף האָט אינגאַנצן געהערט דעם באַלעבאָס; דער לייב־אייגענער האָט שוין געהאַט אַביסל פרייהייט; דער מאָדערנער אַרבעטער איז שוין פּאָליטיש פריי; וואָס אים פעלט נאָך — איז פריי ווערן פון ווירט־שאַפטלעכער אָפּהענגיקייט. דאָס גלייכן ווייזט זיך דער פאָרשריט אַרויס אינם וווקס פון אַסאָציאַציע, נאָר דער וווקס ווערט נאָך גע־שטערט דורכדעם, וואָס מען האַלט זיך אינערט ביים געזעץ פון אייגנטום, און דאָס גיט די באַזיצנדיקע אַ מעגלעכקייט צו לעבן אַז אַרבעט און צו הערשן איבער אַנדערע מענטשן. ווירקלעך, מען זאָגט „אַז אייגנטום איז דער יסוד פון דער גאַנצער פּאָליטישער אָרד־ענונג. אויך מיר (סען־סימאָניסטן) האַלטן זיך אין אַלגעמיין ביי דער זעלבער מיינונג, אָבער אייגנטום איז אַ סאָציאַלער פאַקט, וואָס איז, באַגלייך מיט אַלע סאָציאַלע פאַקטן, אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון פאָרשריט. אייגנטום קאָן דעריבער אין פאַרשיידענע צייטן פאַרשיידן פאַרשטאַנען, דעפינירט און רעגולירט ווערן“ (באַנד 41, ז. 231). דאָס האָט אַרויסגערופן ביי הענריך הייַנען, וועלכער האָט אין זיינע פּאַריזער בריוו (צו דער „אויגסבורגער אַלגעמיינער צייטונג“) דערציילט דעם דייטשן לעזער וועגן אָט דער באַוועגונג, אַזאַ איראָנישע באַמערקונג: „די סען־סימאָניסטן ווילן — נישט אָפּ־שאַפן אייגנטום, נאָר עס אַוועקדעפינירן“.

די סען־סימאָניסטן האָבן בלויז פאָדלאַנגט, מען זאָל אָפּשאַפן דאָס רעכט אויף ירושה. „דאָס פאַרמעגן פון אַ פאַרשטאָרבענעם גייט אַריבער צו דער מלוכה, וועלכע ווערט אַן אַסאָציאַציע פון אַרבעטנ־דיקע. די גאַנצע נאַציע דאַרף זיין דער יורש, און נישט די געגעבענע פאַמיליע. די פּריווילעגיעס צוליב געבורט, וועלכע זענען שוין סיי ווי שטאַרק אָפּגעשוואַכט, דאַרפן גאָר אָפּגעשאַפט ווערן“ (ז. 243). פאַרוואָס זאָל מען קומען צו עשירות נאָר דערפאַר, וואָס מען איז אַ זון אָדער קרוב פון אַ געוויסן מענטש? רעכט אויף רייכטום

דאַרף געבן נאָר די פעיקייט צו פּראָדוצירן עס. אין דער אַסאָציאירטער מלוכה, אין דער אַסאָציאַציע פון אַרבעטנדיקע, וועט יעדער איינער פאַרנעמען אַ פּלאַץ לויט זיינע פעיקייטן, און יעדע פעיקייט וועט ווערן באַלוינט לויט אירע אויפטוען. די מלוכה וועט פאַרוואַנדלט אין אַ ווירטשאַפטלעכע פאַרוואַלטונג, וואָס אין איר שפּיץ וועלן זיך געפינען די בעסטע פאַרוואַלטונג־טאַלענטן; פּונקט ווי איצט איז פאַראַן אַפּיצירן שולן און שטאַב־אַקאַדעמיעס, כדי אויסצובילדן פעיקע אַרמיי־פירער, אַזוי וועט אין דער אַסאָציאירטער מלוכה זיין שולן און אַקאַדעמיעס אויף צוצוגרייטן אינדוסטריעלע פירער. די אויפגאַבע פון אָט די פירער וועט זיין אָנצופירן מיט דער ווירטשאַפט, קלאַסיפיצירן די אַרבעטנדיקע לויט זייערע פעיקייטן, שטעלן זיי אויף די געהעריקע פלעצער און זיי באַלוינען לויט זייער טועכץ. נישט קיין דעמאָקראַטיע, נאָר אַ היעראַרכיש־געגלידערטע אָנפירונג וועט רעגולירן דעם ווירטשאַפטס־פּראָצעס. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט מעגלעך זיין צו באַזייטיקן לײדיקגייעריי, איבעראַרבעט, אָרימקייט, עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, די איבערבלייבעכצן פון שקלאַפעריי, און אויפריכטן דעם נייעם אָרגאַנישן פּעריאָד, די תקופה פון סאָציאַלער האַרמאָניע.

דער מאָדערנער אַרבעטער, וועלכער איז געוואָרן פּאָליטיש פריי, מוז אויך אינדוסטריעל באַפרייט ווערן. אָבער דאָס דאַרף נישט געשען דורך אַ געוואַלטזאַמער רעוואָלוציע. „די לערע פון סען־סימאָן וויל נישט קיין איבערקערעניש, קיין רעוואָלוציע; זי וויל נאָר אַן אומענדערונג, אַן עוואָלוציע; — אַ נייע דערציונג, אַן ענדגילטיקע ווידערגעבורט ברענגט זי דער וועלט“ (ז. 279). ביז איצט איז די אַנטוויקלונג פאָרגעקומען געוואַלטזאַם, דורך קאַטאַסטראָפעס, ווייל מענטשן האָבן נישט געקענט די געזעצן פון פאָרשריט; אומוויסנהייט האָט די עוואָלוציעס פאַרוואַנדלט אין רעוואָלוציעס; איצט ווייסט די מענטשהייט, אַז זי גייט פאָרויס; זי ווייסט שוין דעם געזעץ פון סאָציאַלע קריזיסן; עס איז דעריבער לייכט צוצוגרייטן באַצייטנס די אומוואַנדלונגען און אויסמיידן געוואַלטזאַמע סיורפּריזן. „די ענדערונגען אין דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר זאָגן אָן — צום ביישפּיל, אַז די איצטיקע אייגנטום־אָרדענונג וועט מוזן פאַרביטן ווערן דורך גאָר אַנדערע אייגנטום־באַציונגען — וועלן ניט

פאַרקומען מיט אַמאָל און נישט אויף אַ געוואַלטזאַמען, נאָר דורך אַ פרידלעכן און בהדרגהדיקן איבערגאַנג" (ז. 281). אין דער סען־סימאָניסטיש אַסאָציאירטער מלוכה וועט דעם העכסטן סאָציאַלן שטאַפל פאַרנעמען די רעליגיע (די פרייִדיקער פון נייעם קריסטנטום): דעם צווייטן שטאַפל וועלן פאַרנעמען די נאַטורוויסנשאַפטלער; דעם דריטן שטאַפל — די אינדוסטריעלער. זיטלעך־רעליגיעזע באַגייסטערונג, קלאָרער דיסציפּלינירטער פאַרשטאַנד, און טיכטיקע אינדוסטריעלע טעכניק וועלן אויסלייזן די מענטשן (באַנד 42, ז. 388 און ווייטער).

די דאָזיקע פאָרלעזונגען באַזאַרס האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם; באַזונדער האָבן זיי געוועקט אינטערעס צו זיך ביי אינטעלעקטועלער, ביי קינסטלער, און ביי גרויסהאַרציקע ליבעראַלן. אָבער אינגיכן האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַלטונג צווישן די סען־סימאָניסטן, און דאָס האָט אוממעגלעך געמאַכט די ווייטערדיקע דערפאָלגרייכע פּראָפּאַגאַנדע. אַנפאַנטען, אין שטאַרקן קעגנזאַץ צו באַזאַרן און ראָדריגעסן, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון פוריערסטישע אידייען וועגן דער באַפרייונג פון דער פרוי, און ער האָט געוואָלט צוגעבן צום סען־סימאָניזם דעם פּרינציפּ פון פרייער ליבע. די מערהייט מיטגלידער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם; איז אַנפאַנטען מיט אייניקע אָנהענגער אַוועק קיין מעניל מאָנטאַן, וווּ ער האָט געלעבט אַ שטיקל צייט מיט זיין געמיינדע, אַלס סאָציאַלער גייסטלעכער. סען־סימאָניזם אַלס באַוועגונג איז געוואָרן אוממעגלעך. אָבער פאַר דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון 1830 — 1848 האָט ער איבערגעלאָזן אַן אוצר מיט סאָציאַל־היסטאָרישע און סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע אידייען, וואָס זייער ווירקונג האָט זיך געלאָזט פילן גאַנץ לאַנג.

VIII. דער אנהויב פון דער ענגלישער ארבעטער-באוועגונג (1792 — 1824)

1. די ווירקונג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע

אין יענע יארן פון אומגעהייערן ווירטשאפטלעכן, פאליטישן און סאציאל-קריטישן אויפברויז, ווען די אויסגעבראכענע פראנצויזישע רעוואלוציע האט נאך פארגרעסערט די אלגעמיינע צערודערונג — איז אנטשטאנען די ערשטע דעמאקראטישע און סאציאל-פאליטישע ארבעטער-באוועגונג אין גרויס-בריטאניען. גרינדער פון דער באוועגונג איז געווען דער שאטלאנדישער שוסטער טאמאס האַרדי (1752 — 1832), וועלכער האט זיך אין 1772 באזעצט אין לאנדאן און דא געווארן אנהענגער פון די דעמאקראטישע אידייען, וואס זענען דעמאלט געווען פארשפרייט אין לאנדאן. ארום סוף 1791 האט ער געגרינדעט דעם פאריין פון ארבעטנדיקע קלאסן, וועלכן ער האט א נאמען געגעבן „לאנדאנער קארעספאנדירנדע געזעלשאפט" (L. K. G.) און האט איינגעשטעלט באציונגען צווישן אט דער געזעלשאפט מיט די פראנצויזישע יאקאבינער. ענלעכע ארגאניזאציעס זענען אנטשטאנען אויך אין שעפילד, קאווענטרי, לידס, נאטינגאם, נארוויטש און עדינבורג. די אלע ארגאניזאציעס האבן אונטערגעהאלטן שריפטלעכע באציונגען צווישן זיך. דערפון נעמט זיך טאקע דער נאמען „קארעספאנדירנדע געזעלשאפט". פאליטישע פאריינען האבן דעמאלט נאך קיין רעכט נישט געהאט צו פאראייניקן זיך אין א פארבאנד; די באציונגען זענען דעריבער פארגעקומען אויפן וועג פון בריוו-וועקסל צווישן איינצלנע מיטגלידער. די פרינציפן פון אט די פאריינען זענען געווען דעמאקראטיע און ארבעטער-פריינטלעכע געזעצגעבונג (סאציאל-פאליטיק). אין א דערקלע-

רונג, וואָס די ל. ק. ג. האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַפּריל 1792, לייענען מיר:

„פֿרייהייט איז דאָס רעכט פֿונם מענטשן פֿון געבוירן אָן; מיר האַלטן פֿאַר אונזער חוב אָפּצוהיטן זי אומגערירט צום וויל פֿון אונזערע מיטבירגער און פֿון אונזערע קומענדיקע דורות. עס איז דאָס רעכט פֿונם בירגער אָנטיילצונעמען אין דער רעגירונג; אָן דעם דאָזיקן רעכט קאָן קיין מענטש נישט הייסן פֿריי. דאָס פֿאָלק פֿון גרויס־בריטאַניע איז צום גרעסטן טייל נישט פֿאַרטראָטן אין פּאַרלאַמענט, און איז באַזייטיקט פֿון אָנטייל אין דער רעגירונג. די פֿאָלגן פֿון דער באַשרענקטער, אומגלייכער און דערום נישט גענוגנדיקער פֿאַרטרעטונג, ווי אויך פֿון דער וואַל־קאָרופּציע, זענען: דריקנדיקע שטייערן, אומגערעכטע געזעצן, פֿרייהייט־באַגרענצונג און פֿאַרשווענדונג פֿון מלוכה־געלטער. דער איינציקער הייל־מיטל קעגן אָט די אומגליקן איז גלייכע, אַלגעמיינע און גערעכטע פֿאַרטרעטונג פֿון פֿאָלק אין פּאַרלאַמענט. די ל. ק. ג. איז אַנטשלאָסן ענערגיש צו אַרבעטן פֿאַר דעם דאָזיקן ציל, אָבער זי פֿאַראורטיילט אַלע געוואַלטמעשׂים און יעטווידע אַנאַרכיע; איר געווער זענען אויסשליסלעך מאָטיוון פֿון פֿאַרשטאַנד, פֿעסטקייט און אַלגעמיינעם הסכּם“.

סוף סעפּטעמבער 1792, ווען אין פֿראַנקרייך איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ רעפּובליק, האָט די ל. ק. ג. געשיקט צום קאָנווענט אין פּאַריז פֿאָלגנדיקע באַגריסונג:

„פֿראַנצויזן! איר זייט שוין פֿריי, און מיר גרייטן זיך איצט צום זיג פֿון דער פֿרייהייט אין בריטאַניע... איר געניסט דעם כּבֿוד — ווערט מקנא צו זיין — פֿון פֿאָרקעמפֿער פֿאַר דער פֿרייהייט, און אונזער גייסט איז פֿאַרנומען מיט טראַכטן וועגן דעם געבענטשטן גליק, וואָס שטייט פֿאַר דער מענטשהייט. ווען איר, ווי דאָס איז אונזער הייסער ווונטש, וועט האָבן ענדגילטיק געזיגט, דאַן וועט אַ דריי־בונד (נישט פֿון די קייניגן, נאָר) פֿון די פֿעלקער פֿון אַמעריקע, פֿראַנקרייך און בריטאַניע ברענגען פֿרייהייט פֿאַר די פֿעלקער פֿון אייראָפּע און פֿרידן פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

„פֿריינט! איר קעמפֿט פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט“!.

באַדייטנדיקע דעמאָקראַטישע פּאָליטיקער זענען צוגעשטאַנען

צו דער ל. ק. ג.; ספענס האט פיל געארבעט פאר איר; אז ס'איז דערשינען גאדווינס „Political Justice“, האבן די מיטגלידער פון די ארבעטער־פאריינען געלייענט דאס דאזיקע ווערק. די מיטגלידערשאפט איז היפש געוואקסן, אזוי אז די רעגירונג, וועלכע איז זייט 1793 געשטאנען אין א מלחמה מיט פראנקרייך, האט געלאזט ארעסטירן די פירער פון דער ל. ק. ג. און האט פארפירט קעגן זיי א פראצעס פאר מלוכה־פאראט. די אנגעקלאגטע זענען כמעט אלע געווארן פרייגעשפראכן, אבער די ארגאניזאציע האט געליטן פון די כסדרדיקע פארפאלגונגען, ביז זי איז ארום יאר 1799 גאר אפגעשטארבן; די מייסטן ארבעטער־פירער, וואס האבן זיך ארויסגערוקט אין די יארן 1810 — 1820, האבן זייער דערציונג באקומען אין דער ל. ק. ג.

2. די לודיסטן (מאשינען־צעשטערער)

דער מאדערנער פראלעטאריאט האט ביי זיין אנטשטייונג זיך אויסגעבילדעט פון פארשיידענע עלעמענטן: לוין־ארבעטער, עקס־פראפרירטע פויערים, האנטווערקער און מאנופאקטור־ארבעטער, — און די ווירקונג פון דער ווירטשאפטלעכער רעוואלוציע האט זיך פארשיידן ארויסגעוויזן ביי יעדן פון אט די עלעמענטן. געוויסע שיכטן, וועלכע האבן מיט בענקשאפט געטראכט וועגן דער צייט פון די צעכן; און געוויסע אנדערע, וועלכע זענען געווארן רעוואלוציאנער און האבן געשטרעבט צו דעמאקראטיע, צו סאציאל־רעפארמען, צו אנראר־קאמוניסטישער רעארגאניזאציע; די מערהייט איז געווען דורכגענומען מיט שארפן האס קעגן די אונטערנעמער און קעגן גאנצן פאבריק־אפאראט.

דער בריטישער פראלעטאריאט איז געווען דער ערשטער, וואס איז אריינגעווארפן געווארן אין אט דעם ווירטשאפט־אין [illegible]־כדר — קאפיטאליסטישע סיסטעם — וואס אויף צו פארשטיין אים האבן דערנאך געארבעט די בעסטע קעפ פון 19־טן יארהונדערט. די ערשטע יארצענדלינגען פון דער אינדוסטריעלער רעוואלוציע האט געהערשט א כאאס, פון וועלכן די נייע מאשינעס האבן ארויסגעבליקט, ווי שרעקנס־באשעפענישן פון עפעס א פרעמדער וועלט, און געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פונם פארוואונדערטן צושויער.

דער היינטיקער מענטש, פון 20־טן יאָרהונדערט, וואָס איז אויף שריט און טריט אַרומגערינגלט מיט וווּנדער פון וויסנשאַפט און טעכניק, וואָס אַלערליי מאַשינען זענען פאַר אים זאַכן פון טאָג־טעגלעכן געברויך — ער קאָן זיך קוים פאָרשטעלן דעם געמיט־צושטאַנד פון די, וועלכע זענען געווען די ערשטע קרבנות פון דער אויפקומענדיקער מאַשינען־תקופה. נאָך ביז אַרום מיטן 19־טן יאָרהונדערט זענען געווען געבילדעטע ענגלענדער, וועלכע האָבן געהאַלטן מאַשינען פאַר אַ קראַנקלעכע אַנטפּלעקונג פון מענטשלעכן גייסט, פאַר אַ סימפּטאָם פון ענגלאַנדס דעקאַדענץ. מען פלעגט אָפט ציטירן פאָלגנדיקע ווערטער פון בעקאָנען: „אין דער יוגנט־צייט פון אַ מלוכה בליט די קריגס־קונסט; אין מענער־עלטער פון אַ מלוכה — געלערנטקייט, און דערנאָך ביידע צוזאַמען אַ לענגערע צייט; און אויף דער עלטער בליִען אין אַ מלוכה טעכנישע קונסטן, מלאכה און האַנדל". דער צענטראַל אָרגאַן פון די טשאַרטיסטן האָט געשריבן: „מען געפינט איצט זעלטן עמיצן, וואָס זאָל וואָגן צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן מאַשינען; מען האָט עפּעס אַזוי ווי מורא פאַר דער פראַגע; יעדערער זעט, ווי מאַשינעריי רופט אַרויס די גרעסטע פון אַלע רעוואָלוציעס, ווייל זי ענדערט פולשטענדיק די באַציונגען צווישן די קלאַסן, אָבער קיינער האָט קיין מוט נישט זיך אַריינצומישן".

דאָס, פאַר וואָס די האַנטווערקער און מאַנופאַקטור־אַרבעטער האָבן זיך געשראָקן פון 16־טן יאָרהונדערט אָן, איז זיי איצט באַפאַלן אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט: אַ אינוואַזיע פון אייזערנע רוחות, וועלכע האָבן שנעל פאַרשטויסן דאָס בכבודיקע, אַלטע, פּאַראַליזירט די געשיקטסטע הענט און געשפּרייט אַרום זיך עשירות און עלנט. מיט שטוינען און שרעק האָט דער פּראָלעטאַרישער דור, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין טיפן תהום פון עלנט, געקוקט אויף אָט די באַשעפענישן, וועלכע זענען געוואַקסן מיט אַזוי פיל הענט, וועלכע רוען קיין מאָל נישט, וועלכע זענען אַזוי ווי מיט אומשטערבלעכע כוחות אָנגעפילט — און שטילערהייט איז געגאַנגען פון מויל צו מויל: לאָמיר זיך צונויפנעמען און זיי פאַרניכטן, ביז זייער צאָל איז נאָך קליין און זיי געפינען זיך נאָך אין קינדער־עלטער. וועלן מיר זיי אומגעשטערט זיך לאָזן פאַרמערן און וואַקסן,

וועלן זיי ווערן די אַבסאָלוטע הערשער און מיר — זייערע שקלאַפֿן.

דער ערשטער געזעץ קעגן פֿאַרניכטן מאַשינעס און פֿאַבריק־געביידעס איז אַרויס אין ענגלאַנד אין יאָר 1769. דער געזעץ האָט באַשטראָפֿט אַזעלכע האַנדלונגען מיט טויט־שטראָף. ווי מיר זעען, האָט זיך דער קוק פֿון דער מלוכה אויפֿן ווערט פֿון באַשינעס געענדערט באַלד ביים אָנהייב פֿון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. אָבער נישט געקוקט אויף די דראַקאָנישע שטראָפֿן, איז די צאָל מאַשינען־צעשטערער געוואַקסן אין צענטראַל־און צפֿון־ענגלאַנד. אין נאָטינגאַם זאָל אַ געוויסער נעד לודהאַם אָדער נעד לוד האָבן צעשטערט אַ זאָקן־וועבשטול; זיין טאַט האָט געפֿונען נאָכפֿאָלגער אין לאַנקאַשיר, און ביסלעכווייז האָט מען די מאַשינען־צעשטערער אָנגעהויבן רופֿן מיטן נאָמען לודיסטן.

אין די יאָרן 1811 און 1812 איז דער לודיזם געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט אי פּאָליטישע אי ווירטשאַפֿטלעכע צילן. די הערשנדיקע קלאַסן האָבן אויפֿגעהויבן אַן אַלאַרם, און די רעגירונג האָט אַריינגעטראָגן אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ־פּראָיעקט, וועלכער האָט פֿאָרויסגעזען טויט־שטראָף פֿאַר מאַשינען־צעשטערערײַ. בעת דער צווייטער לייענונג פֿונם געזעץ אין לאָרדן־הויז, פֿעברואַר 1812, איז אָנוועזנד געווען אויך לאָרד בייראָן, — און ער האָט געהאַלטן קעגן פּראָיעקט אַ פֿלאַמענדיקע רעדע, אין וועלכער ער האָט פֿאַרטיידיקט די אַרבעטער.

אין מערץ 1812 איז דער געזעץ געוואָרן אָנגענומען, און מען האָט אים אָנגעווענדעט מיט דראַקאָנישער שטרענגקייט. אָבער די מאַשין־צעשטערערײַ האָט ער פּונקט אַזוי ווייניק אָפּגעשטעלט, ווי דער געזעץ פֿון יאָר 1769. ביי די אָנפֿאַלן אויף מאַשינעס און פֿאַבריקן איז עטלעכע מאָל געקומען צו מאָרדן, אָבער כאַפּן די מערדער איז געווען זייער שווער, ערשט ווען מען האָט געמאָלדן וועגן הויכע געלט־באַלוינונגען — איינמאָל אַפֿילו אַ סומע פֿון 40 טויז. מאַרק — פֿאַר די קעפּ פֿון די לודיסטן־פֿירער, — ערשט דאַן איז געקומען צו פֿאַראַט. טויט־אורטיילן קעגן לודיסטן האָט בלויז דער געריכט אין יאָרק אַרויסגעטראָגן. דעם 13 יאַנואַר 1813 האָט מען דאָרט דריי אַרבעטער, צווישן זיי דעם לודיסטן־פֿירער געאָרג מעלאָר, געפֿירט אויפֿן עשאַפֿאָט. זיי האָבן זיך געהאַלטן מוטיק ביז צו

דער לעצטער רגע; מעלאָר האָט נאָך פֿונם עשאַפֿאָט אַראָפּ געהאַלטן אַ קורצע רעדע צו די פֿאָלקס־מאַסן. אין באַריכט וועגן דער עקזעקוציע האָט דער „אַנואַל רעדזשיסטער“ (1813) געשריבן, אַז געאָרג מעלאָר און זײַנע לײַדנס־חברים האָבן נישט אויסגעזען ווי מערדער, אַז בײַ אַנדערע באַדינגונגען וואָלטן זיי זיכער געווען טיכטיקע מענטשן. מיט דרײַ טעג שפּעטער האָט דער זעלבער גורל געטראָפֿן נאָך 15 אַרבעטער: איבער זיבן האָט מען דעם טויט־אורטייל אויסגעפֿירט פֿאַרמיטאָג, און איבער אַכט — נאָך מיטאָג. לכתחילה האָבן די טעראָר־אורטיילן און די טויט־עקזעקוציעס דעזאָרגאַניזירט די לודיסטן־באַוועגונג, אָבער ביסלעכווײַז איז די באַוועגונג ווידער געקומען צו זיך, און אין 1816 האָט דער לודיזם — אין תוך אַ סטיכישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג — ווידער איבערגעלעבט אַ צײַט פֿון אויפֿשוונג. בײַראָן האָט אויך באַנומען דעם לודיזם, ווי אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, און דעם 16 דעצעמבער 1816 האָט ער אָנגעשריבן פֿאַר דער באַוועגונג אַ שטורם־ליד, אין וועלכן ער פֿאַרגלײַכט די לודיסטן מיט די קעמפֿער פֿון דער אַמעריקאַנישער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה.

3. סאָציאַלער שטורם און דראַנג

די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן זיך געענדיקט אין יאָר 1815. ווידער איז געקומען אַ צײַט פֿון פֿרידן, פֿון וועלכן ענגלאַנד האָט שוין צענדליקער יאָרן נישט געוווּסט, אָבער די פֿרייד־פֿײַערן, מיט וועלכע דער אויסערלעכער פֿרידן איז געוואָרן באַגריסט, האָבן געוואָרפֿן אַ שרעקנס־ליכט אויף בילדער פֿון אינערלעכער נויט און עלנט, פֿון בונטן, פֿאַרשווערונגען און דעמאָנסטראַציעס. וואָרום די האָפֿענונג אויף אַ פֿאַרלײַכטערונג פֿון דער לאַגע איז נישט מקוים געוואָרן. נידעריקע געלט־לוינען און הויכע לעבנסמיטל־פּרײַזן, אַרבעטלאָזיקייט און שטײַערן־לאַסטן, פּאָליטישע און ווירטשאַפֿטלעכע אומפֿרײַהייט (יונקער־הערשאַפֿט און קאָאַליציע־פֿאַרבאָט) — האָבן צוגעשפּיצט ביז גאָר די אומצופֿרידנקייט פֿון די מאַסן. פֿון 1816 אָן האָט זיך ענגלאַנד געפֿונען אין אַ צושטאַנד פֿון פּערמאַנענטער מרידה; פּאָליצײַישע שפּיאָנען האָבן נאָך דאָס פֿײַער פֿאַנאַנדערגעבלאָזן, אַזוי אַז ס׳איז געקומען צו נוצלאָזע אָבער קרבנות־פֿולע

פאַרשווערונגען אי אויף דער פּראָווינץ, אי אין לאָנדאָן גופא. אין 1816 האָט ווידער דער לודיזם אויפגעלעבט; אינגאַטינגאַם האָבן די זאָקן־שטריקער צעבראָכן 30 מאַשינען; אין די מזרח־געגנטן פון ענגלאַנד האָבן די לאַנד ארבעטער געצונדן די היי־סטויגן; זיי האָבן אויך צעשטערט די דרעש־מאַשינען, און דעמאָנסטרירט אונטער פענער, אויף וועלכע ס'איז געווען אויפגעשריבן: „ברויט אָדער בלוט“! אין בירמינגאַם, פּרעסטאָן, ניו־קעסטל האָבן דעמאָנסטרירט מאַסן ארבעטלאָזע; אין דערבי און גלאַזגאָ איז געקומען צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיטן מיליטער. אין צענטראַל־ענגלאַנד איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו אָרגאַניזירן אין געהיים אַן אויפשטאַנד, און ער האָט אַ 30 מאַן געקאָסט דאָס לעבן אָהער די פרייהייט. אין 1819 איז אין מאַנטשעסטער פאָרגעקומען אַ דיזיקע דעמאָנסטראַציע פאַר אַלגעמיינעם וואַל־רעכט און פאַר סאָציאַל־פּאָליטיק, דערביי האָט מיליטער געשאָסן אין המון און דערהרגעט און פאַרוואונדעט עטלעכע הונדערט דעמאָנסטראַנטן. אין 1820 האָט זיך אין לאָנדאָן געגרייט אַן אויפשטאַנד, און די זאַך האָט זיך געענדיקט מיט טויט־שטראָף פאַר 5 באַטייליקטע. אין די דאָזיקע פיר יאָרן פון סטיכיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט שוין געשאַפן זיין באַרימטע אַרבעטער־מאַרסעליעזע:

די דאָזיקע פיר יאָר זענען אויך די געבורט־צייט פונם ענגלישן סאָציאַליזם.

4. ראָבערט אָאוען.

מיט אָאוענען הויבט זיך אָן די געשיכטע פון מאָדערנעם סאָציאַליזם אין ענגלאַנד. און אגב, געהער אָאוען בכלל צו די גרעסטע געשטאַלטן אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם. ער איז געווען דער ערשטער סאָציאַל־קריטיקער, וואָס האָט באַנומען די באַדייטונג פון דער ווירטשאַפטלעכער רעוואָלוציע, פריער פאַר אַלע בירגערלעכע עקאָנאָמיסטן און מלוכה־מענער, — און אַלס סאָציאַליסט האָט ער געזוכט וועגן און מיטלען, ווי אַרום אויסצונוצן די העראָבערונגען פון אָט דער רעוואָלוציע פאַר דעם סאָציאַלן פּראָגרעס. אָאוען איז געווען אויך טיכטיקער איידער פוריע און סען־סימאָן, און האָט אַ סך טיפער פאַר זיי באַנומען דעם וועזן פון קאַפּיטאַ־

ליזם; דערפאר אין היסטאָרישע קענטעניש און אין פרט פון אַל־געמיינער וועלט־אַנשויאונג זענען זיי געשטאַנען פיל העכער פאַר אים.

ראָבערט אָאוען איז געבוירן געוואָרן זיין 1771, אין ניוטאָן (אועלס), ביי קליינבירגערלעכע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען אַ זאָטל־מאַכער, אַן אייזנהענדלער און אַ פּאָסט־מייסטער. ביז 1781 האָט ראָבערט באַזוכט אַ פאָלקס־שול און האָט זיך דאָרטן אויס־געצייכנט אַלס באַגאַבטער תּלמיד. דערנאָך איז ער געוואָרן אַ לערן־יינגל אין אַ האַנדלס־אונטערנעמונג. און שפּעטער האַנדלס־גע־הילף אין סטאַמפאָרד, לאָנדאָן און מאַנשעסטער. שוין גאָר פרי האָט ער אַרויסגעוויזן באַדייטנדיקע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, און נאָך מער — פעיקייט אָנצופירן מיט מענטשן. די ווונדער־לעכע געזונטקייט און האַרמאָניע פון זיינע פיזישע און גייסטיקע כּוחות, זיין חוש פאַר אָרדענונג, זיין פלייס, זיין גלייכמעסיקער געזעצטער טעמפּעראַמענט — האָבן אין סך הכּל געגעבן אַ פעסטן ציל־באַוווסטן ווילן, אַ גלויבן אין די אייגענע כּוחות, אַ פעיקייט אָנצונעמען שנעלע באַשלוסן; און אָט די אייגנשאַפטן האָבן אים געמאַכט פעיק צו זיין אַ מענטשן־פירער. אָאוען געהערט צו יענע זעלטענע נאַטורן, וואָס דער פּראָצעס פון זייער דענקען קומט פאַר אָן גרויסע רייבונגען און געוויטערן, אַזוי אַז צו די מאַטעריעלע דערגייען, אָן איבעריקן צייט־פאַרלוסט, קלאָרע, אַנטשיידענע באַ־פעלן. פון מענטשן, וואָס זענען אַזוי באַשאַפן, קומען אַרויס גרויסע פעלדמאַרשאַלן, באַרימטע מלוכה־מענער און אויך דערפאָלג־רייכע רעוואָלוציאָנערן, אויב נאָר זייערע מעשׂים ווערן אָנגעפירט דורך ריכטיקע סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע אָנשויאונגען.

אין יאָר 1790 איז אָאוען געוואָרן דירעקטאָר פון אַ טעקסטיל־פאַבריק אין מאַנשעסטער, וווּ ס׳האָבן געאַרבעט פינף הונדערט אַר־בעטער. דער יונגער ראָבערט, מיט זיין באַשיידענער באַנעמונג, האָט באַלד באַקומען אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויף די אַרבע־טער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער זיין אויפזיכט. הגם דער פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט האָט זיך יענע צייט רעקרוטירט פון די סאַמע אונטערשטע און פאַרוואָרלאָזטעסטע שיכטן פון פאָלק, דער געהאַלט אָאוענס האָט אויסגעמאַכט 300 פונט אַ יאָר, און מען

האָט אים אַ חוץ דעם נאָך צוגעזאָגט אַ חלק אין די פּראָפיטן פון דעם זייער גוטן געשעפט. פונדעסטוועגן איז אָוען פאַרבליבן אויף דעם פּאָסטן נאָר ביז 1795, — דערנאָך איז ער געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער אונטערנעמער. די שפּעטערישע שטראָמען פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע האָבן דערהויבן און רייך געמאַכט יעדן געשעפטסמאַן, וואָס האָט נאָר פאַרשטאַנען אויסצונוצן די געלעגנהייט; און די זעלבע שטראָמען האָבן צו גרונט געפירט די, וואָס האָבן נישט געקאָנט זיך צופּאַסן צו דער רעוואָלוציע. אָוען האָט דאָס געזען, פאַרשטאַנען, און געזיגט: אָן שום וואקלעניש האָט ער באַשלאָסן אָנצוהויבן פאַבריצירן אויף אייגענער רעכנונג, און האָט זיך געוואָרפן אויף פיין־שפּינעריי, וועלכע האָט דאן געגעבן די גרעסטע פּראָפיטן. זיין אונטערנעמונג איז געשווינד געוואַקסן, און שוין אין 1797 האָט ער צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע שותפים אָפּגעקויפט אַ טעקסטיל־פאַבריק פאַר 60 טויזנט פונט שטערלינג, ביי דער פירמע דעיל און ערקרייט אין ניו־לאַנאַרק (שאָטלאַנד); און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן זיין פּיאָנערישע סאָציאַל־רעפאָרמערישע אַרבעט, וועלכע האָט אים — צוזאַמען מיט זיינע געשעפטלעכע דערפאָלגן — געמאַכט פאַר איינעם פון די באַרימטסטע מענטשן פון זיין צייט. אין יאָר 1800 האָט ער איבערגענומען אין זיינע הענט די גאַנצע אָנפירונג מיט דער אונטערנעמונג און האָט זיך אויך גענומען סאָציאַל איבעראַנדערשן דאָס פאַבריק־דאָרף ניו־לאַנאַרק; ער האָט נישט נאָר פּיינטלעך גאַרן אויסגעאַרבעט, נאָר ער האָט אויך דערצויגן געזונטערע, גליקלעכערע מענטשן און איידעלערע כאַראַקטערן.

די רעפאָרמען, וועלכע אָוען האָט איינגעפירט אין ניו־לאַנאַרק און וועלכע האָבן געגעבן דעם דערוואַרטעטן דורך אים דערפאָלג, זענען געווען אַזעלכע:

1. ער האָט אויפגעשטעלט קינדער־שולן, וווּ דאָס לערנען האָט זיך באַזירט אויף אָנשוילעכקייט און אַכטגעבונג; שטראָף און באַלוינונג האָט ער אָפּגעשאַפט; ייִנגלעך האָט מען געלערנט טורנען, מיידלעך — זאַכן פון הויז־באַלעבאַטישקייט.

2. קינדער ייִנגער פון 10 יאָר האָט מען אין פאַבריק נישט

אָנגענומען. ער האָט איינגעשטעלט אַ נאָרמאַל־אַרבעטס־טאָג פון 10 און אַ האַלבע שעה.

3. די פאַבריק־לאָקאַלן זענען געוואָרן איינגעאָרדנט שענער און היגיענישער; און ער האָט זיך אויך באַמיט צו סאַנירן דאָס גאַנצע פאַבריק־דאָרף, צוגעוויינען די באַפעלקערונג צו ריינקייט, אָרדענונג און פּינקטלעכקייט. אַ דאַנק דעם אָרגאַניזירטן קאָאָפּעראַטיוון געוועלב, וווּ מען האָט פאַרקויפט גוטע סחורה צו ביליקע פּרייזן, אַ דאַנק דער פיזישער און גייסטיקער געזונטקייט, וואָס די פאַרשענערטע וווינונגען און אַרבעטס־לאָקאַלן האָבן אַרויסגערופן, האָבן די שענק־הייזער פאַרלוירן זייער צוציאונגס־קראַפט. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן ווייניקער טרינקען שפּירט, שכרות מיט אירע שעדלעכע פאָלגן זענען פאַרשוווּנדן.

4. עס זענען איינגעפירט געוואָרן קראַנקן־און עלטער־קאַסעס; אין יאָר 1806, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן אַ געשעפט־קריזיס און ס'האָט געהערשט אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט, האָט אָוען זיינע אַרבעטסלאָזע געצאָלט זייער לוין, ביז דער קריזיס איז געווען אַריבער.

אין יסוד פון גאַנצן רעפאָרם־פּלאַן איז געלעגן דער געדאַנק, אַז פאַרדאָרבנקייט קאָן נאָר דאַן אויסגעהיילט ווערן, ווען מען זאָל פאַרשיטן די קוואַלן, וועלכע שפּייזן זי. די באַדינגונגען, אין וועלכע די מענטשן לעבן, דאַרפן זיין אַזוי צוגעפּאַסט, אַז זיי זאָלן אַנטוויקלען אינעם מענטשן נאָר דאָס גוטע.

וואָרום — דער כאַראַקטער פון מענטשן הענגט אינגאַנצן אָפּ פון די באַדינגונגען, אין וועלכע ער איז געבוירן געוואָרן און אין וועלכע ער לעבט און אַרבעט. דעריבער איז נויטיק אַזוי צופּאַסן די באַדינגונגען — זיי בילדן דאָך אויס דעם כאַראַקטער — אַז דער מענטש זאָל זיין טוגנטהאַפט, ער זאָל פילן און האַנדלען סאָציאַל.

פון 1812 אָן האָט אָוען אָנגעהויבן פירן אַ קאַמפּאַניע פאַר שול־רעפאָרם און פאַבריק־געזעצגעבונג. ער איז אַרויסגעטראָטן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, געוואָרן אַ פרייִדענקער, און אין 1817 — אויך אַ סאָציאַליסט. אַנשטאָט שטיצע פאַר אָרימע האָט ער פאַרלאַנגט, מען זאָל אָרגאַניזירן פאַר די אַרבעטסלאָזע לאַנד־

ווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַציון; און ער האָט אויך גערופן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך אין פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציון: אַזוי אַרום וועלן זיי די טעכנישע דערפינדונגען, וואָס זענען פאַר זיי געוואָרן אַ קללה אונטער דער הערשאַפט פונם קאַפּיטאַל, אַנווענדן פאַר זייער אייגענעם נוצן און זיי פאַרוואַנדלען אין אַ ברכה פאַר אַלעמען. די סיבה, האָט ער געהאַלטן, פאַרוואָס די לאַגע פון די אַרבעטער ווערט אַלץ ערגער און ס'וואַקסט די אַרבעטסלאָזיקייט און אָפּהענגיקייט, איז דאָס וואָס די מאַשינעריי וואַקסט אַזוי אומגעהויער און זי פאַרשאַפט די רייכע אַזאַ שנעל שטייגנדיקע עשירות, בעת פאַר די באַזיצלאָזע ברענגט זי נאָר אַרבעטסלאָזיקייט און לוין־דרוק און טרייבט זייערע ווייבער און קינדער אין פאַבריק אַריין. אין די יאָרן 1818 — 1821 האָט ער אין צייטונגס־אַרטיקלען, אין בראָשורן און אין מעמאָריאַלן צו דער רעגירונג אַנטוויקלט פאָלגנדיקע געדאַנקען:

איידער די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָט טיף פאַרכאַפּט די ענגלישע ווירטשאַפט, ס'הייסט ביז אַרום 1790, האָבן די פּראָדוקטיווע אַרבעט אויסגעפירט דערוואַקסענע מענטשן; אײנגעשפּאַנען קינדער און פרויען צו רעגלמעסיקער לוין־אַרבעט איז געווען בלויז אַן אויסנאַם־זאַך. מען קאָן רעכענען, אַז אַרום יאָר 1792 איז קוים אַ פערטל באַפעלקערונג געווען באַשעפטיקט מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. די באַפעלקערונג פון גרויס־בריטאַניען און אירלאַנד האָט דעמאָלט געציילט אַרום 15 מיליאָן נפשות, פּראָדוקטיוו באַשעפטיקטע זענען, הייסט דאָס, געווען אַרום 3,750.000 נפשות. די וויסנשאַפטלעכע (מעכאַנישע און כעמישע) פּראָדוקטיוו־קראַפט פאַר דעם זעלבן פעריאָד האָט מסתמא באַטראָפן דריי־פאַך, ווי די האַנט־אַרבעט־קראַפט, ס'הייסט 11,250,000, און אין גאַנצן איז געווען פּראָדוקטיוו־קרעפטן 15 מיליאָן. קומט אַלזאָ אויס, אַז די צאָל פּראָדוקטיוו־כוחות און די צאָל באַפעלקערונג זענען געווען גלייך. די פאַרהעלטעניש צווישן פּראָדוקטיוו־קראַפט און באַפעלקערונג איז געווען ווי 1:1.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער שנעלער פּראָצעס פון אַנווענדן מעכאַנישע דערפינדונגען, וועלכע זענען זייט 1760 אַריינגעדרונגען אין דער אַרבעט און דעראָבערט פאַר זיך איין

געביט נאָכן צווייטן. די איבערקערעניש, וואָס זיי האָבן ארויסגערופן, איז אַן אויסערגעוויינלעכע. זיי האָבן פאַרפילט די פאַבריקן מיט קינדער־און פרויען און געפירט צו דער פאַרלענגערונג פון ארבעטס־טאָג. דער וווקס פון דער צאָל פראָדוקטיוו־קרעפטן איז אומגעהויער. אין 1817 האָט די באַפעלקערונג פון די בריטישע אינזלען אויסגעמאַכט 18 מיליאָן, פון וועלכע א דריטל זענען געווען אריינגעצויגן אין פראָדוקטיווער ארבעט, ד. ה. ארום 6 מיליאָן, אָבער נישט אַן ערך שטאַרקער איז געווען דער וווקס פון די מעכאַנישע פראָדוקטיוו־כוחות — זיי מאַכן איצט אויס (1817), באַשיידן גערעכנט, 200 מיליאָן. די דאָזיקע 200 מיליאָן אייזערנע ארבעטער זענען מעטאָדיש, אָן אָפּרו פאַרנומען מיט שאַפן רייכטום, און זיי קאָסטן כמעט גאָר נישט. פאַר יעדן ענגלענדער שאַפן איצט טאָג און נאַכט אַלערליי גיטער מער ווי צען שטאַרקע ארבעט־כוחות; און יעדער מענטש־ארבעטער מוז איצט קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ מיט מער ווי דרייסיק מעכאַנישע קאָנקורענטן, וואָס האָבן קיינע באַדערפענישן נישט. (דרייסיק קעגן איינעם! פאַר די יאָרן פון 1792 ביז 1817 זענען אַזוי ארום פאָרגעקומען פאָלגנדיקע ענדערונגען אין דער ווירטשאַפט פון די בריטישע אינזלען:

די באַפעלקערונג איז אויסגעוואַקסן פון 15 מיליאָן אויף 18 מיליאָן.

די האַנט־ארבעט איז געשטיגן פון ¼ פון 15 מיליאָן אויף ⅓ פון 18 מיליאָן — 6 מיליאָן.

די מעכאַנישע פראָדוקטיוו־קרעפטן זענען געשטיגן ביז 200,000,000.

די אַלטע מעכאַנישע פראָדוקטיוו־קרעפטן האָבן באַטראָפן 11,250,000.

אַלע מעכאַנישע פראָדוקטיוו־קרעפטן באַטרעפן אַלזאָ אין 1817 — 217,250,000.

אויף יעדן מענטשן פון דער בריטישער באַפעלקערונג קומט אויס אין יאָר 1817 מער ווי 12 פראָדוקטיוו־קרעפטן. הייסט דאָס, אַז זייט 1792 איז דער כוח פון בריטאַניען צו שאַפן רייכטום געוואָרן צוועלף־פאַך גרעסער. די דאָזיקע שפע פון רייכטום קאָן

בריטאַניען אָדער פֿאַרשווענדן אויף קריג און אַנדערע אומנוצלעכע זאַכן, אָדער אויסגעבן אויף צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון דער באַפֿעלקערונג. און טאַקע אַ דאַנק אָט דעם רײַכטום האָט די בריטישע רעגירונג געקענט אַזוי פֿיל יאָרן פֿירן קאָסטשפּיליקע מלחמות און אַראָפּוואַרפֿן נאַפּאָלעאָנען.

אָבער אָט דער אומגעהויערער וווּקס פֿון די פּראָדוקטיוו־קרעפֿטן פֿון בריטאַניען איז נאָך אומבאַדײַטנדיק, אויב מען פֿאַרגלײַכט אים מיט די פֿאַראַנענע מעגלעכקייטן. דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט נאָך נישט־אויסגענוצטע אָדער פֿאַלש אויסגענוצטע קאַפּיטאַלן, וועלכע קאָנען קלעקן אויף צו אַנטוויקלען יאָר בײַ יאָר אַזאַ צאָל פּראָדוקטיוו־קרעפֿטן, וואָס וואָלט ווײַט איבערגעשטיגן די צאָל האַנט־אַרבעט־קרעפֿטן. שוין איצט, בײַ אַ באַפֿעלקערונג פֿון קאַרגע צוואַנציק מיליאָן און מיט פּראָדוקטיוו־קרעפֿטן, וואָס ווערן געטריבן בלויז פֿון בלינדן עגאָאיזם, איז בריטאַניען אומשטאַנד צו באַפֿרידיקן עד בלי די אירע אייגענע מערק און חוץ דעם נאָך פֿאַרפֿלייצן דעם וועלט־מאַרק מיט בלעכלײַ פֿאַבריק־סחורות. די בריטישע רעגירונג איז טאַקע דעריבער שטאַרק באַמיט צו קריגן נײַע מערק, אַפֿילו אין די ווײַטסטע עקן וועלט; און ווען די רעגירונג וואָלט געקאָנט אַ נײַע וועלט באַשאַפֿן, וואָלטן די בריטישע אונטערנעמונגען אויך נישט געקומען חערפֿון אין דער מינדעסטער פֿאַרלעגנהייט — זיי וואָלטן לײַכט געקאָנט באַפֿרידיקן דעם נײַעם נאָכפֿרעג.

און דאָך שרײַט די נויט אומזיסט וועגן הילף; גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן זינקען אין אָרימקייט; דער ווערט פֿון האַנט־אַרבעט (לוין) פֿאַלט; די אָרימע ווערן פֿול מיט האַס און כאַפּן זיך פֿאַר גוואַלט־מעשים; מענטשן־פֿרײַנט ווערן פֿאַרצווייפֿלט פֿון אָט דעם נויט־צושטאַנד און קאָנען אָבער גאָר נישט העלפֿן — און מיט די ביז־איצטיקע מיטלען איז טאַקע אוממעגלעך צו העלפֿן; אדרבא, ס'איז אַ זיכערע זאַך, אַז די נויט וועט נאָך ערגער ווערן — אין איר פֿאַרנעם און אין איר טיף. ווײַל דער פּראָגרעס פֿון דער וויסנשאַפֿט, די פֿאַרמערונג פֿון די מעכאַנישע פּראָדוקטיוו־קרעפֿטן און דער וווּקס פֿון רײַכטום שאַפֿן אָט חעם נויט־צושטאַנד, און בײַ די הערשנדיקע באַדינגונגען מוזן זיי אים

בסדר שאפן. וואס איז דען די סיבה פון דער מאסן־אָרימקייט און פון דער אַלגעמיינער שלעכטער לאגע? די סיבה איז די, וואס די נייע פּראָדוקטיוו־קרעפטן וואקסן זייער שנעל, און די געזעל־שאפט איז לחלוטן נישט צוגעגרייט צו פארווענדן זיי ווי געהער־יק: די געזעלשאפט האט נישט באוויזן צו שאפן אזעלכע איינ־ריכטונגען, וואס זאלן געבן אלע אירע מיטגלידער די מעגלעכקייט צו געניסן פון די נייע וויסנשאפטלעכע און עקאנאמישע דערגרייכונגען.

די גרויסע פּראָבלעם פון אונזער צייט ליגט דעריבער נישט אויפן געביט פון פּראָדוקציע, נאר אויפן געביט פון פארטיילונג. שנעל פליסנדיקע, שפּעדיקע שטראָמען רייכטום, פאר וועלכע מען האט נישט געשאפן קיינע איינריכטונגען, אויף זיי צוועקמעסיק אויסצונוצן, און רייכע וויסנס־קוואלן, וועלכע בלייבן נישט אויס־גענוצט — דאס זענען דיווירקלעכע סיבות פון דער קרענק. פון דאנען נעמען זיך אָרימקייט, עלנט, אומוויסנהייט, ליידיקגייערײַ, פארברעכן, דראקאנישע שטראפן און בלוטיקע מלחמות — סימנים חערפון, אז די געזעלשאפט איז מאטעריעל און מאראליש קראנק. נישט די עקאנאמיסטן און נישט די מלוכה־מענער, נישט די גייסטלעכע לערער און נישט די געזעצגעבער האבן זיך נישט ארויס־געוויזן פאר פעיק צו פארשטייען די דאזיקע לאגע און צו קאנען זי היילן.

אאוען, אלזא, איז געווען א סאציאליסט*). אבער ביי דער דעמאָלטיקער אפגעשטאנענקייט פון די אַרבעטער־מאסן, האט ער נישט געגלויבט אין זייער קלאסן־קאמף און באפרייאונג; און לויט דעם פריידענקערישן כאראקטער פון זיינע אנשויאונגען איז בכלל אויסגעקומען, אז נישט קאמף קאן העלפן, נאר אויפקלערונג און פרידלעכע ענדערונג פון די אומשטענדן; ער איז דעריבער ארייג־געפאלן אין אוטאָפּישקייט, און די איינציקע רפואה צו אלע אומ־גליקן איז פאר אים געווארן די גרינדונג פון קאמוניסטישע קאלאָ־ניעס. אין 1820 האט ער זיך צוריקגעצויגן פון געשעפט־לעבן

*) דעם אויסדרוק „סאציאליסט“ טרעפן מיר צום ערשטן מאל אין „Cooperative Magazine“ 1827, 509. ז.

און האָט גענומען גרינדן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס — צום טייל אין אמעריקע און צום טייל אין ענגלאַנד, — וועלכע האָבן אַלע זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל, און ער האָט זיך דערווייטערט פון דער אייגנטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז זייט 1824 (ווען מען האָט אָפּגעשאַפט דעם קאָאַליציע־פאַרבאָט) אַרויף אויפן וועג פון קלאַסן־קאַמף.

5. קאָמב, גרעי, טאָמפּסאָן, מאָרגאַן, ברעי.

אינגאַנצן אונטערן איינפלוס פון ראָבערט אָאוען געפינט זיך אַבראַם קאָמב (1785 — 1827). אין 1820 האָט ער, ווי מויזענטער אַנדרעע, באַזוכט ניו־לאַנאַרק, און איז באַלד באַצויבערט געוואָרן פון דער אָאוענישער גייסט־אַטמאָספער. דריי יאָר שפּעטער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַן אינטערעסאַנט ביכל: „מעטאַפאַרישע סקיצן פון דער אַלטער און נייער סיסטעם" און אין 1825 האָט ער געגרינדעט אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע אין אָרביסטאָן, ביי גלאַזגאָ. פון גרויס איבערגעמאַטערטקייט האָט ער זיך אין קאָלאָניע דאָס לעבן גענומען, און נאָך זיין טויט איז די קאָלאָניע זיך צעפאַלן.

זשאָן גרעי (1798 — 1850?), קאָמבס אַ באַקאַנטער און איינער פון די אַקציאָנערן פון דער קאָמוניסטישער קאָלאָניע אין אָרביסטאָן, איז געווען אַ קאָנסעקווענטער אָנהענגער פון אַ רעפאָרם פון די אויסטויש־און צירקולאַציע־מיטלען. ער האָט באַזוכט אַ מיטל־שול אין רעפּטאָן, דערנאָך איז ער אָנגעקומען אין אַ האַנדלס־אונטערנעמונג אין לאָנדאָן, און דאָרט האָבן אים די קריזיס־יאָרן 1816 — 1820 אַ שטויס געגעבן צו פאַרטראַכטן זיך איבער סאָציאַלע פראַגן. אין יאָר 1825 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור „פאַרטראַג וועגן מענטשלעכן גליק" (Lecture of Human Happiness) וועלכע שפּיגלט אָפּ כמעט אינגאַנצן דעם געדאַנקען־גאַנג פון ראָבערט אָאוען; אין איר ווערט געבראַכט אַ סטאַטיסטישע טאַבעלע, וועלכע באַווייזט מאַטעמאַטיש, אַז דער פּראָדוקטיווער קלאַס באַקומט בלויז אַ פיפטל פון דעם וואָס ער שאַפט, און פיר פינפטל גייען אַוועק אין די קעשענעס פון נישט פּראָדוקטיוון קלאַס. די קאָנקורענץ נישט

נאָר וואָס זי ברענגט מער קיין שום נוצן נישט, נאָר זי האָט בפירוש א שעדלעכע ווירקונג. גרעי האָט געגלויבט אין אָוועגס פּלאַן, דאָך האָט ער צום סוף פון זיין בראָשור צוגעגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונג: „אין א קומענדיקער אָפּהאַנדלונג וועלן מיר אַן אַנדער פּלאַן פּרוּוון אָנוואַרפן, אויפן יסוד פון א נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל; אַז מען וועט יענעם פּלאַן איינפירן, וועט די איינציקע גרענעץ פאַר אונזער רייכטום זיין די אויסגעשעפּטקייט פון אונזערע פּראָדוקטיוו־קרעפטן און די באַפרידיקונג פון אונזערע פאַרלאַנגען".

די פאַרשפּראָכענע אָפּהאַנדלונג איז דאָס בוך „סאָציאַלע סיסטעם", וואָס גרעי האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1831, און ווו די גאַנצע סאָציאַלע רעפאָרם איז קאָנצענטרירט אויפן אויס־טויש־פּראָצעס. די גרונט־פּונקטן פון זיין פּלאַן זענען אַזעלכע:

די וואַלוטע פון איידעלע מעטאַלן דאַרף מען גאָר אָפּשאַפן. געלט אַלס אויסטויש־מיטל מוז מען קענען אַזוי לייכט קריגן און פּראָדוצירן, ווי די גיטער, פאַר וועלכע דאָס געלט דינט אַלס אויסטויש־מיטל; און אַלס ווערט־מאָסשטאַב מוז געלט זיין אַזוי באַשטענדיק ווי א אייל אָדער א פונט. גאָלד אָבער האָט נישט אָט די אייגנשאַפטן: נישט מען קאָן עס לייכט קריגן און נישט זיין ווערט איז שטאַנדהאַפטיק; טויג עס דעריבער נישט פאַר אַן אויס־טויש־מיטל און ווערט־מאָסשטאַב. און דאָס זעלבע באַציט זיך אויך אויף באַנקנאָטן, וואָרום זיי זענען אויך רעפּרעזענטאַנטן פון ווערט, און זיי באַזירן זיך אויף גאַראַנטיעס, וואָס זייער אַלגעמיינער ווערט איז גרעסער פאַרן ווערט פון דעם געלט, וואָס שטיצט זיך אויף זיי. מיר ליידן דעריבער כסדר פון א מאַנגל אין אויסטויש־מיטלען, ווייל זיי דערגרייכן קיינמאָל נישט דעם אַלגעמיינעם ווערט פון די אויסטויש־גיטער. דער ציל פון געלט איז דאָך, אַז מענטשן זאָלן קענען צו יעדער צייט אויסטוישן פאַרשידענע (נאָר גלייכווערטיקע) קעגנשטאַנדן איינס קעגן צווייטן. כדי צו קענען דערפילן אָט דעם צוועק, דאַרף געלט אַליין נישט האָבן קיין שום טויש־ווערט; עס דאַרף זיין בלויז א שיין, אַז דער און דער האָט אַריינגעבראַכט אין נאַציאָנאַלן רייכטום־אוצר א געוויסן סכום ווערטן און האָט דערום רעכט צו יעדער צייט צו באַקומען

פון דער נאציאנאלער רייכטום-קאמער א גלייכן סכום ווערטן.

דער אויסטויש דארף נישט פארקומען אנארכיש און דורך קאנקורענץ, נאר ער מוז ווערן פלאנמעסיק ארגאניזירט. דער גאנצער פרינציפ פון קאלעקטיוויזם, וועגן וועלכן גרעי רעדט אין זיין ערשטלינג-ווערק, ווערט דא אנגעווענדעט אויסשליסלעך צום אויסטויש. און דערין באשטייט דער וויכטיקסטער אונטערשייד צווישן אים און אאועניען. לויט גרעיען, דארף די פראדוקציע ווייטער איינהאלטן איר פריוואט-ווירטשאפטלעכן כאראקטער. ערשט ווען די זאכן זענען שוין אויסגעפארטיקט, זאלן זיי געטוישט ווערן דורך צענטראלע קאלעקטיווע אנשטאלטן. צו דעם צוועק ווערט געגרינדעט א נאציאנאלע באנק, וועלכע האט דאס אויסשליסלעכע רעכט ארויסצולאזן פאפיר-געלט (שיינען). ווייטער ווערן סחורה-לאגערס געבויט, אין זייער שפיץ שטייען אגענטן, וועלכע געפינען זיך אין פארבינדונג מיט דער נאציאנאל-באנק, באקומען פון איר פאפיר-געלט און אינפארמירן זי וועגן צופלוס און אפפלוס פון סחורות.

די פארשידענע פראדוצענטן שטעלן צו זייערע גיטער אין די נאציאנאלע סחורה-לאגערס, באגלויביקטע טאקסאטארס שאצן אפ דעם קאסטן-פרייז (רוי-שטאף, מאשין-אפנוץ, ארבעט-לוין) און רעכענען צו א געווינס, דורך דער נאציאנאלער האנדלס-קאמער באשטימטן צושלאג, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר פראפיט און געשעפט-און פארוואלטונג-הוצאות. קאסטן-פרייז פליוס צושלאג בילדן דעם דעטאיל-פרייז פון די גיטער. די פראדוצענטן באקומען דאן אויפן סכום צוגעשטעלטע גיטער פאפיר-געלט (שיינען), פאר וועלכן זיי קענען באקומען וואסערע זאכן זיי ווילן אין אנדערע סחורה-לאגערס. אויף אזא אופן וואלט דאס צירקולירנדיקע געלט שטענדיק אנטשפראכן דעם סכום פאראנענע סחורות; די פראדוצענטן וואלטן שטענדיק געקאנט, לויט זייער ווונטש, אויסטוישן זייערע גיטער אויף אנדערע גלייכווערטיקע, און זיי וואלטן לייכט געקאנט זיך שאפן א פארשטעלונג וועגן דעם נאכפרעג און אנבאט.

די בוכפירונג פון דער נאציאנאל-באנק וואלט צו יעדער צייט געקאנט געבן א בילאנס פון די גיטער און פארהיטן פון איבערפראדוקציע און פון קריזיסן. די הויפט-זאך איז דערביי די פראדוקציע; וואס מער עמיץ פראדוצירט, אלץ מער שאנסן האט ער צו קאנען

באַפרידיקן זיינע פילפאַכיקע באַדערפענישן. די פּראָדוקציע וועט באַשטימען דעם נאָכפרעג, און נישט ווי איצט, ווען דער נאָכפרעג באַשטימט דעם פארנעם פון דער פּראָדוקציע.

להיפך צו גרעיען, וועלכער האָט אומבאַוווסטערהייט אָנגעהויבן פון אָוועניזם און איז געקומען צו פריוואַט־פּראָדוקציע, איז וויליאַם טאָמפּסאָן (1785 — 1833) צוגעטראָטן צו פאָרשן די סאָציאַלע פּראָבלעמען אַלס אָנהענגער פון אוטיליטאַריסטישע שיטה און אַ קעגנער פון אָאוענען, און איז דערנאָך איינגיכן געוואָרן אַ קאָנסעקווענטער קאָמוניסט און אַ טעאָרעטיקער פון אָאוועניזם. דער ערשטער פּראָדוקט פון זיינע פאָרשונגען איז געווען זיין גרויס ווערק „אָפּהאַנדלונג וועגן די פּרינציפּן פון רייכטום־פאַרטיילונג, וועלכע וואָלטן אַממערסטן געקאָנט מיטהעלפן דער מענטשלעכער גליקזעליקייט“

אין דעם בוך זענען נאָך קענטיק דייטלעכע שפורן פון זיין וואַקלען זיך, פון שווערן פּראָצעס פון זיין זעלבסטבאַשטימען זיך. ערשט זיין קליין ביכל „די באַלוינטע אַרבעט“ (Labour Rewarded), וואָס ער האָט פאַרפאַסט סוף 1825 און פאַרעפנטלעכט מיט צוויי יאָר שפּעטער, איז שוין קאָנסעקווענט אָאוועניסטיש.

אַלס אָנהענגער פון בענטאַמען, איז ער געווען איבערצייגט, אַז ציל פון דער געזעלשאַפט איז גליקזעליקייט, אַז דער גרונט־תנאַי פאַר גליקזעליקייט ליגט אין דער פּראָדוקציע פון גיטער, און אַז געזיכערט אייגנטום איז דער גרונט־סטימול פון פּראָדוקציע. אָן גיטער־פּראָדוקציע קאָנען נישט באַפרידיקט ווערן די פאַרלאַנגען און באַדערפענישן פון די מענטשן, און אָן דער זיכערקייט פון אייגנטום בנוגע די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט איז נישט שייך צו קלערן וועגן דעם, אַז די פּראָדוקציע זאָל זיך הויבן און אַנטוויקלען.

די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָט אָבער געוויזן, אַז פּראָדוקציע אַליין קאָן נאָך נישט שאַפן קיין גליקזעליקייט. פאַר גליקזעליקייט איז נייטיק נישט נאָר פּראָדוקציע, נאָר אויך וואָס אַ מער אַלגעמיינע פאַרטיילונג פון די ווירטשאַפטלעכע גיטער — און דאָס איז איצט נישט דער פאַל. דער אַרבעטער איז דער פּראָדוצירער פונם רייכטום, אָבער דער קאַפּיטאַליסט נעמט ביי אים צו דעם גרעסטן טייל פון אַט דעם רייכטום אַזוי אַז עס אַנטשטייען

גרויסע אומגלייכהייט און אומזיכערקייט, און דורך דעם. ווערט צו נישט דער פרינציפ פון גליקזעליקייט. דער גאנצער צושטאנד פון דער געזעלשאפט איז שלעכט און אומגערעכט. די פראדוקציע פון רייכטום קאן נישט וואקסן דארט ווו ס'איז נישט פאראן זיכערקייט פון באזיץ און פון געניס. אויב אבער זיכערקייט און גלייכהייט זענען די איינציקע מיטל צו באווארענען די כסדרדיקע פראדוקציע פון רייכטום און דעם גרעסטן סכום גליק, דאן איז נישטא קיין שום אנדער אופן פון פארטיילונג, ווי די דערהויבענע איינפאכקייט פון דער גערעכטיקייט: מען זאל יעדערן פארזיכערן דאס פרייע שאפן איבער דעם גאנצן פראדוקט פון זיין ארבעט. און דאס איז טאקע די פאדערונג, וואס די ארבעטער שטעלן ארויס: „די ארבעט־פלייסיקע, וואס האבן פארווענדט זייער צייט, זייערע פיזישע און גייסטיקע כוחות, אויף צו פראדוצירן זאכן, כדי צו פארמערן זייער אייגענעם פארמעגן, — זיי טרעטן ארויס און ווילן האבן אלס אייגנטום דאס וואס זייער ארבעט האט באשאפן“. אבער דארף דען דער ארבעטער אלץ באקומען און דער קאפיטאליסט, וואס האט אים צוגעשטעלט די פראדוציר־מיטלען און מעגלעך געמאכט די ארבעט, זאל נישט באקומען גאר נישט? דערויף גיט טאמפסאן אזא תשובה: געוויס דארף דער ארבעטער באצאלן פאר נוצן די פראדוציר־מיטלען, אויב ער פארמאגט זיי גראד נישט, צו זיין אומגליק; די פראגע איז נאר, וואסער חלק פראדוקטן פון זיין ארבעט זאל ער אוועקגעבן פאר דער באנוצונג. מיר האבן פאר זיך צוויי מאסן פון אט דעם ווערט — די מאס פונם ארבעטער און פונם קאפיטאליסט. לויט דער מאס פונם ארבעטער איז נויטיק אזא אפצאל, וואס זאל סטייען אלס אנטשעדיקונג פארן אפנוץ און פארן ווערט פונם פארברויכטן קאפיטאל, און דערצו זאל נאך צוקומען א געהעריקע אנטשעדיקונג פארן באזיצער און פארוואלטער פונם קאפיטאל, אזוי, אז ער זאל קאנען פירן אזא ארט לעבן, ווי עס לעבן די קוואליפיצירטערע צווישן די פראדוקטיווע ארבעטער. דאקעגן, דער מאסשטאב פונם קאפיטאליסט כאפט ארום דעם גאנצן ווערט־צווווקס, וואס באקומט זיך ביים זעלבן סכום ארבעט א דאנק דער אנווענדונג פון מאשינעס און פון אנדערן קאפיטאל; דער דאזיקער גאנצער מערווערט זאל געהערן דעם קאפיטאליסט פאר זיין

העכערע אינטעליגענץ און געשיקטקייט, צוליב וועלכע ער האָט באַוויזן אָנצוזאַמלען זיין קאַפּיטאַל און קאָן אים איצט געבן די אַרבעטער אויף באָרג. דער חילוק צווישן די אָפּצאָלן, וואָס די אַרבעטער דאַרפֿן לויט די צוויי מאַסשטאַבן אָוועקגעבן פֿאַר נוצן דעם גוטיקן צו זייער אַרבעט קאַפּיטאַל, איז אַ קאָלאָסאַלער. עס איז דער חילוק צווישן כמעט פֿולקאָמענער גלייכהייט און צווישן איבערפֿלוס פֿון רייכטום אויף איין זייט און אונטערדריקונג און אָרימקייט אויף דער אַנדערער זייט.

כדאַי איז נאָך אויך צו דערמאָנען דעם קריסטלעכן אָאוועניסט טשאָן מינטער מאָרגאַן (1782 — 1854). אין יאָר 1826 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט זיין „אויפֿשטאַנד פֿון די בינען" **Rewolt of the Bees** און אין 1834 אַ צווייט ווערק „העמפּטאָן אין 19 יאָרהונדערט", ווו דער אָאועניזם ווערט פּראָפּאַגאַנדירט, אין דיאַלאָגן, וועלכע זענען צוליב זייער שיינער פּאָעטישער שפּראַך פֿיל געלייענט געוואָרן פֿון די אַנטוויקלטערע אַרבעטער.

די בעסטע אָפּהאַנדלונג איבער אָאועניזם האָט געגעבן ברעי, אַ שריפֿטשטעלער פֿון לידס, אין זיין גלענצנד געשריבענעם בוך „די קלאַנגען פֿון די אַרבעטער" **(Labours Wrongs)** 1839.

6. אינדיווידואַליסטישע סאָציאַל־קריטיקער: רעווענסטאָן, האָדזשקין

פּאַראַלעל מיט דער סאָציאַליסטישער קריטיק גייט אויך אַ שטראָם אינדיווידואַליסטישע סאָציאַל־קריטיק: זי איז אויך שאַרף אַנטי־קאַפּיטאַליסטיש, נאָר אין אירע אויספֿירן קומט זי נישט צום סאָציאַליזם. פֿאַר איר איז דער קאַפּיטאַליזם און די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, וואָס האָט דעם קאַפּיטאַליזם געמאַכט פֿאַר אויבערהאַר איבער דער אַרבעט, אַ מין קראַנקהאַפֿטער צושטאַנד פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אַ באַווייז, אַז דאָס לעבן איז צערודערט, צעטרייסלט. און די תרופֿה, וואָס אָט די קריטיק לייגט פֿאָר, איז אַ סאָציאַלע רעפֿאָרם, וואָס זאָל האָבן פֿאַר אַ צוועק צו שאַפֿן אַ געזעלשאַפֿט פֿון זעלבסטשטענדיקע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע און

אינדוסטריעלע אַרבעטער און אומעגלעך מאַכן, דער קאַפּיטאַל זאָל
צונעמען דעם פּראָדוקט פון דער אַרבעט. די דאָזיקע קריטיק איז
דערייבער קעגן רענטע, קעגן קאַפּיטאַל־פּראָפיט, קעגן מאָנאָפּאָלן,
קעגן צאָלן און קעגן הויכע שטייערן, ווי איבערהויפּט קעגן וועלכע
ס'איז פּאָזיטיווע אויפגאַבן און מאַסמיטלען מצד דער מלוכה. אירע
אָנהענגער זענען אָדער פריי־הענדלעריש ליבעראַל, אָדער אַנאַרכיס־
טיש, — אין פולן היפּך צו דער טאַקטיק און צום ציל פון די
סאָציאַליסטן. געמיינזאַם פאַר די ביידע ריכטונגען איז נאָר די סאָ־
ציאַל־קריטיק. געשטיצט האָבן זיך אָט די סאָציאַל־קריטיקער אויף
לאָקן, סמיטן און ריקאַרדאָן און צום טייל אויף גאָדווינען; זיי
האַלטן זיך אַלע ביי דער מיינונג, אַז אינם מענטשן און אין דער
נאַטור ווירקן אינערלעכע געזעצן, וואָס וואָלטן פון זיך אַליין גע־
פירט צו גליקזעליקייט, ווען נישט דאָס וואָס די מלוכה־געזעצן
אָדער די קינסטלעכע רעגולירונגען מישן זיך אַריין און שטערן
די דערמאָנטע געזעצן אַרויסצוווייזן פריי זייער ווירקונג.

דער גייסטיקער ראש פון אָט דער שול איז פּערסי רעווענס־
טאָן; זיין נאָכפאָלגער איז טאָמאַס האָדזשקין. און ענלעכע געדאַנקען
געפינט מען יענע ציינט, פון 1820 ביז 1830, נאָך ביי אַנדערע
שריפטשטעלער, וועלכע האָבן מייסטנס געאַרבעט אַנאָנים אין
פאַרשידענע פּראָגרעסיווע צייט־שריפטן. אגב, איינעם פון אָט די
אַנאָנימע פּובליציסטן האָט מאַרקס אַנטדעקט און האָט וועגן אים
געשריבן, אַ נאָמען געבנדיק אים „פּאַמפלעטיסט“. דאָס הויפּט־
ווערק פון רעווענסטאָנען הייסט: „אייניקע ספקות מכוח דער ריכ־
טיקייט פון געוויסע אָנגענומענע מיינונגען איבער פראַגן פון
פּאָליטישער עקאָנאָמיע“, דערשינען אין 1821. אין 1824 האָט ער
נאָך פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור וועגן דער סיסטעם פון מלוכה־
חובות; מאַרקס האָט שפּעטער אויספירלעך באַהאַנדלט אָט די בראָ־
שור (באַנד 3, Theorien über Mehrwert). רעווענסטאָן איז
אַ שאַרפזיניקער פאָרשער, מיט רייכע קענטענישן. פּאָליטישע עקאָ־
נאָמיע פאַרשטייט ער שוין ווי אַ וויסנשאַפט וועגן סאָציאַלן לעבן;
און דער צוועק פון דער דאָזיקער וויסנשאַפט וואָלט באַדאַרפט
זיין — באַגרינדן דאָס מענטשלעכע גליק, נישט דערלאָזן, אַז
יחידים זאָלן אָנזאַמלען רייכטום אויפן חשבון פונם אַרבעטער־

קלאַס. דעם תמצית פון זיין לערע קאָן מען בקיצור אַזוי פאָרמולירן:

די גרונט־כוחות פון דער געזעלשאַפט זענען פּראָדוקציע פון מענטשן און פון גיטער. עס איז אַ נאַטור־געזעץ, אַז מענטשן ווערט אַלץ מער, און די נאַטור באַוואָפנט דעם מענטשן מיט דער פעאיקייט צו שאַפן זיך חיונה דורך אַרבעט. די פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג רופט אַרויס אַ פאַרמערונג פון דער פּראָדוקציע, פון די מאַטעריעלע און גייסטיקע מיטלען, און דאָס ווידער פירט ווייטער צו ענדערונגען אינם געבוי פון דער געזעלשאַפט. ווען קיין זאַך וואָלט נישט געשטערט אָט די גרונט־כוחות, וואָלט פאַרמערונג פון באַפעלקערונג תמיד באַטייט אויך פאַרמערונג פון גיטער און פאַרווירקליכונג פון גליקזעליקייט — דעם אייגנטלעכן ציל פון דער געזעלשאַפט. ווייל נאָר זי (פאַרמערטע באַפעלקערונג) מאַכט מעגלעך אַ ווייטגייענדיקע אַרבעט־פאַרטיילונג, און דאָס ווידער מאַכט די מענטשן פעיק אויפצושטעלן וואָס בעסער די גיטער־פּראָדוקציע, דאָס גיט אונטער חשק די דערפינדער און פאָרשער, באַוואָפנט זיי מיט דערפאַרונג און פרייער צייט און מאַכט אַקטיוו און טעטיק זייער גייסט. דערפינדונגען זענען נישט אויסשליסלעך דאָס ווערק פון די פּערזאָנען, וואָס אויף זייער נאָמען ווערן זיי אָנגערופן, — זיי זענען אַ פּראָדוקט פון קאָלעקטיוו־אַרבעט פון דער נאַציע אָדער מענטשהייט. די גרונט־כוחות פון דער מענטשהייט ווערן אָבער געהאַמעוועט אין זייער ווירקונג דורך פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען; דער רעזולטאַט דערפון איז אומרעגלמעסיקייטן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין דער אָרימקייט און אונטערדריקטקייט פון די פּראָדוקטיווע קלאַסן. וואָס זשע איז דאָס פאַר איינריכטונגען, וואָס מאַכן וואַקסן אָט דאָס שלעכטס? — אייגנטום (קאַפּיטאַל), הויכע רענטע און הויכע שטייערן. זיי מאַכן אַ תל פונם נאַטירלעכן רעכט פון די אַרבעטער אויף די פּראָדוצירטע דורך זיי גיטער, און זיי פאַרגרעסערן כסדר די צאָל פון די אומפּראָדוקטיווע קלאַסן, וועלכע באַקומען אַלץ אַ גרעסערן חלק אין די הכנסות פון די אַרבעטער.

קאַפּיטאַל אַליין פאַר זיך איז נישטאָ, עקזיסטירט נישט; קאַפּיטאַל איז בלויז אָנגעזאַמלטע אויפגעהיטע אַרבעט. און דאָך איז

קאַפּיטאַל געוואָרן אַ פעטיש, אַ מעטאַפיזיש וועזן, וואָס אים ווערן צוגעשריבן אַלע דערגרייכונגען פון סאָציאַלן לעבן, און די אַרבעט, די אמתע שעפערין פון קאַפּיטאַל, ווערט באַטראַכט ווי אַ בעטלערין, וואָס לעבט נאָר מיטן חסד פון אָט דעם מעטאַפיזישן וועזן. די אויפגעהיטע אַרבעט, די צונויפגעקליבטע ביי אירע פּראָדוצירער, האָט זיך אין די הענט פון אומפּראָדוקטיוון קלאַס פאַרוואַנדלט אין מאַכט. לכתחילה זענען עס געווען פון פאָלק געוויילטע עלטסטע און באַאַמטע; מענטשן, זעט אויס, זענען צו שוואַך צו קאָנען לעבן אָן עלטסטע; אָבער מיט דער צייט האָבן די עלטסטע פאַרכאַפּט די לעבנסקוואַלן און זענען געוואָרן אַ פּאָליטישע מאַכט. עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט גייען שטענדיק האַנט ביי האַנט. דער אופן, ווי אייגנטום ווערט פאַרטיילט, — דאָס באַשטימט די רעגירונגס־פאָרם, די זיטן און דעם כאַראַקטער פון אַ נאַציע. ווען די הערשער האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט די פּאָליטישע מאַכט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַלץ טיפער און טיפער אַראָפּצודריקן די אַרבעט. צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל איז געוואָרן אַ תהום נישט צו פאַרשיטן. דאָס גאַנצע קעמפן פון די אַרבעטער גיט גאָרנישט. עס איז אַ קאַמף צווישן שוואַכקייט און געוואַלט, צווישן אַ געצוימטן פערד און אַ באַוואָפנטן רייטער. דאָס גאַנצע פאָלק ליידט און ווערט צעפאַלן פון אָט דער קאָנוולסיווער ראַנגלעניש. אַליין איז דער אַרבעטער־קלאַס מאַכטלאָז. עס מוזן אים צו הילף קומען די אַלע, וואָס דער ווויל פון דער מלוכה איז זיי נאָענט צום האַרצן. נאָר דורך אַ רעוואָלוציע קאָן זיך דאָס פאָלק באַפרייען פונם דרוק פון קאַפּיטאַל.

ענלעכע געדאַנקען געפינען מיר אין אַן אַנאָנימען פּאַמפלעט, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1820, אין דער פאָרם פון אַ ווענדונג צום לאָרד זשאָן רוסעל. אין פּאַמפלעט ווערן נאָך אַ חוץ דעם אַרויסגעזאָגט אַזעלכע געדאַנקען:

זייט עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון מאַשינען, איז די אַרבעט געוואָרן אויסעראָרדנטלעך פּראָדוקטיוו. מען קאָן איצט שאַפן קאַפּיטאַל אָדער קאָנסערווירטע (אויפגעהיטע) אַרבעט וויפל נאָר מען וויל. אָבער די פּראָדוקטיווע אַרבעטער מוזן זעקס זיבעטל פון זייער אַרבעט־פּראָדוקט אָפּגעבן די קאַפּיטאַליסטן, פאַר דער דערלויבעניש צו נוצן די פּראָדוציר־מיטלען און די רוי־שטאָפן. דער צינז אויף

קאפיטאל איז אלזא זייער הויך. און וואס העכער עס איז דער צינז אויף קאפיטאל, אלץ קלענער איז דער חלק פון די ארבעטער אין זייער אייגענעם פראדוקט, אלץ ארימער איז דער פראדוקטיווער קלאס. דער הויכער צינז אויף קאפיטאל איז א באווייז, אז ס'איז נאך פאראן צו ווייניק קאפיטאל, הגם מען קאן אים איצט אזוי לייכט פראדוצירן. וואס זענען די סיבות פון אט די ווידערשפרוכפולע דערשיינונגען? די סיבות זענען: דאס וואס מען טוישט אויס, דורכן אויסערלעכן האנדל, נוצלעכע היימישע גיטער אויף אויסלענדישע לוקסוס־ארטיקלען; דאס פאפיר־געלט; די מלחמות; דער צאל אויף תבואה; די געזעץ־באשרענקונגען בנוגע פארשידענע פראפעסיעס. די דאזיקע סיבות פארהאלטן דעם שנעלן וווקס פון קאפיטאל, און ממילא קאן נישט פאלן דער קאפיטאל־צינז; אנדערש געזאגט, די דאזיקע סיבות פארהאלטן דעם וווקס פונם ארבעטערס חלק אינם פראדוקט פון זיין שאפן. קלאר, אז דער הייל־מיטל איז — באזייטיקן די אויסגערעכנטע סיבות; און דער עיקר — צוריק איינפירן פרייהייט פון באשעפטיקונג. איז אזא פרייהייט פאראן, וועלן די איבעריקע סיבות שוין אויך לייכט באזייטיקט ווערן. דער קאפיטאל וועט זיך שנעל פארמערן, דער צינז אויף קאפיטאל וועט פאלן, און דער חלק פון די ארבעטער אין זייערע פראדוקטן וועט גרעסער ווערן. די בעסערע עקאנאמישע לאגע פון די ארבעטער וועט פירן דערצו, אז די ארבעטס־צייט זאל ווערן קירצער. און קורצע ארבעטס־צייט און הויכע לוינען זענען די זיכערסטע סימנים, אז דאס לאנד געפינט זיך אין א בליענדיקן צושטאנד.

פריער אדער שפעטער מוז קומען א מאמענט, ווען ס'וועט זיין אזוי פיל קאפיטאל, אז קיינער וועט מער נישט צאלן קיין צינזן פאר נוצן אים. ווען דער צינז־פוס וועט צו קומען צו נול — דעמאלט וועט שלאגן די שעה פון באפרייאונג פון דער מענטשהייט.

טאמאס האדזשקין (1787 — 1869), וועלכן סיי אומשטענדן סיי פערזענלעכע נטיות האבן געשטויסן אויפן וועג פון סאציאלער קריטיק, האט זיך געפונען אונטערן דויערנדיקן איינפלוס פון פיערסי רעווענסטאן. זיינע הויפט־שריפטן זענען: „די פארטיידיקונג פון דער ארבעט", דערשינען אנאנים אין 1825; „פאליטישע עקאנאמי פון שטאנדפונקט פון די פאלקס־מאסן". — פארטראגן, וועלכע ער

האָט געלייענט אין 1826 אין לאָנדאָן, אין א בילדונגס־שול פאר ארבעטער; און דאן „נאַטירלעכע און קינסטלעכע אייגנטום־רעכט", אויך דערשינען אנאָנים, אין יאָר 1832. זיין געשיכטס־טעאריע איז אפילו נישט אויסגעהאלטן־איינהייטלעך, דאָך לאָזט זי זיך לערך אזוי רעזומירן:

די געזעלשאַפט איז א נאַטור פענאָמען, מיט באשטימטע אי־נערלעכע געזעצן. דער וועלט־גייסט, די העכסטע מאָראלישע מאַכט האָט אריינגעגעבן אין דער געזעלשאַפט אָט די געזעצן, כדי צו שאַפן א גערעכטע וועלט־אָרדענונג. די אויפגאַבע פון די עקאָנאָ־מיסטן איז א ריין נעגאַטיווע: דערקענען די געזעצן און נישט לאָזן עובר זיין אויף זיי. נאַטור־געזעצן זענען וויל־טוענדיקע, די מענטשן־געזעצן זענען שעדלעך. אמאָל האָט געהערשט גלייכהייט. ארבעט איז געווען דער איינציקער קוואל פון רעכט אויף אייגנטום און רייכ־טום. א דאַנק די נאַטירלעכע אינסטינקטן האָבן זיך די מענטשן פאר־מערט; און אז די מענטשן האָבן זיך געמערט, זענען געוואָקסן די מאַטעריעלע באַדערפענישן; און דאָס האָט געצוווּנגען אינטענסיווער צו טראַכטן, און דאָס האָט דורך באַאָבאַכטונגען, דערפינדונגען און אנטדעקונגען געפירט צו דעם, אז דאָס מענטשלעכע וויסן און קענען איז רייכער געוואָרן. דערפינדונגען זענען נישט ווערק פון איינצעלנע מענטשן, נאָר זיי זענען דער רעזולטאַט פון דענקען און שאַפן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט; דערפינדער און אנטדעקער פאַר־מאָגן בלויז די גליקלעכע פעיקייט — דורך איין קליינער אייגענער אידייע צו פאַרבינדן און שאַפן א איינהייט פון אלע נייע דערקענ־טענישן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. די געאָגראַפישע לאַגע איז אמאָל אויך גורם, אַז געוויסע פעלקער אנטוויקלען שטאַרקער פאַר אַנדערע זייערע פעיקייטן און זייער מאַכט. ווען מענטשלעכע איינ־ריכטונגען וואָלטן נישט געשטערט דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דער וועלט, וואָלט דער פראָגרעס פון דער מענטשהייט אויפן וועג פון גערעכטיקייט געווען אַן אַלגעמיינער. אָבער עס האָט זיך אריינגע־מישט געוואַלט און האָט צעשטערט די נאַטור־געזעצן; געוואַלט האָט צעשיידט אַרבעט פון רייכטום, און די נישט־אַרבעטער זענען געוואָר די געזעצגעבער. די פאָלגן זענען געווען: אומגלייכהייט, אונטערדרי־קונג, עלנט, לוקסוס, איבעראַרבעט, ליידיקגייעריי, מלחמות, פאַרברע־

בענס. אָבער אינגאנצן פארשטויסן די נאַטור־געזעצן — דאָס האָבן די מענטשן־געזעצן נישט געקאָנט. אונטער דער ווירקונג פון די אינערלעכע געזעצן פון דער געזעלשאַפט קומט פאָר — נישט געקוקט אויף די מענטשן־געזעצן — די בהדרגהדיקע באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע. דער לייב־אייגענער איז אַרויסגעוואָקסן פון די קייטן פון לייב־אייגנשאַפט און האָט זיך דערוואָרבן דאָס רעכט אויף די פּראָדוקטן, וואָס ער אַרבעט אויס. דאַן איז אויפגעקומען דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט זיעם ערד־באַלעבאָס געצוואונגען צו צאָלן צינזן. אין אונזער צייט ווערן די מיטל־קלאַסן אַלץ גרעסער אין צאָל; און ביי זיי האָבן מיר ווידער אַ פּאַרייניקונג פון אַרבעט און באַזיץ. אַז די מעכאַנישע דערפינדונגען וועלן זיך אויסברייטערן און זיי וועלן ביסלעכווייז אָנהויבן טון אַלע שווערע אַרבעטן, וועט דער מיטל־קלאַס מאַכן די גאַנצע געזעלשאַפט פאַר פרייע און גלייכע מענטשן.

די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון האָדזשקין באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז קאַפּיטאַל איז נישט פּראָדוקטיוו, אַז דעם סטאַבילן קאַפּיטאַל (פּראָדוציר־מיטלען) פּראָדוצירן די אַרבעטער און זיי גיבן אים צו די שעפערישע קראַפט, און דעם צירקולירנדיקן קאַפּיטאַל (לויט אין פאָרם פון לעבנס־מיטל) שאַפן אויך טאָג איין טאָג אויס די אַרבעטער.

פאַר דער פּראָדוקציע פון גיטער זענען נייטיק בלויז דריי זאַכן: 1. קענטעניש און דערפינדערישער גייסט; 2. טעכנישע פעיקייטן; 3. געשיקטקייט און כוח צו אַרבעטן מיט די ווערקצייג. אַט די דריי זאַכן, געשאַפן פון קאָפּ־און האַנט־אַרבעטער, האָבן עס ענגלאַנד רייך געמאַכט, אָבער נישט דער אַזוי גערופענער קאַפּיטאַל, וואָס איז נישט מער ווי אַ מיסטישער צייכן. אויב אונטערנעמער באַטייליקן זיך אינעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, זענען זיי ווערט אַן אָנשטענדיקע באַלוינונג, אַלס קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אָבער אַלס קאַפּיטאַליסטן זענען זיי נאָר אויסנוצער, וואָס זייערע אינטערעסן זענען דיאַמעטראַל קעגנזעצלעך צו די אינטערעסן פון די אַרבעטער. צום גליק ווערן די אַרבעטער אויפגערודערט, און זיי שאַפן פאַרבאַנדן און באַמיען זיך צו פאַרגרעסערן זייער נומערישע און פיזישע איבערמאַכט נאָך דורך בילדונג און קולטור. און עס וועט נישט זיין קיין פרידן און קיין

גליק אויף דער ערד אזוי לאנג, ביז ארבעט און רייכטום וועלן זיך גישט געפינען פאריייניקט אין איינע און די זעלבע הענט*).

*) פארגל. מארקס, טעאריעס איבער מערוווערט, באנד 3 (דייטש); דאס וואס האדזשקין רופט סטאבילער און צירקולירנדיקער קאפיטאל, הייסט ביי מארקסן קאנסטאנטער און וואריאבלער קאפיטאל.

XI. די ערשטע סאציאל-רעוואלוציאנערע ארבעטער-באוועגונג אין ענגלאנד

(1855 - 1825)

1. ערשטע פאזע: בירגערלעך פראלעטארישער בלאק צוליב וואלרעכט (1832 — 1825)

ארום יאר 1825 הויבט זיך אן די ערשטע סאציאל-רעוואלוציאנערע באוועגונג פונם בריטישן פראלעטאריאט; די באוועגונג מאכט אדורך דריי פאזעס אין איר אנטוויקלונג.

די ערשטע פאזע איז געווען דער קאמף פאר וואל-רעכט, וועלכן דער פראלעטאריאט האט געפירט צוזאמען מיט דער בורזשואזיע (אין ענגליש: midle class — מיטעלער קלאס). די ווירטשאפטלעכע רעוואלוציע, וועלכע האט פאר די יארן 1760—1825 אינגאנצן אומגעענדערט דאס געזעלשאפטלעכע לעבן פון גרויס-בריטאניען און האט געשאפן גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען, באזונדער אין צפון-ענגלאנד און אין שאטלאנד, האט אויפגעוועקט ביים מיטל-קלאס און ביים ארבעטער-קלאס דעם ווילן א סוף צו מאכן צו זייער ביז איצטיקער פאליטישער רעכטלאזיקייט און אנצוהויבן א קאמף פאר וואל-רעכט. די דעמאקראטישע אידעען, וועלכע זענען אויפגעקומען בעת דער ערשטער ענגלישער רעוואלוציע קעגן דער אבסאלוטער מאנארכיע (1649 — 1642) און אויך די ערשטע יארן פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע (1793 — 1789), — זיי האבן איצט, אין דריטן יארצענדליק פון 19-טן יארהונדערט, ארויסגעוויזן זייער ווירקונג, און די וואל-רעכט באוועגונג איז אוועק גאנץ לעבעדיק. אויסערלעך האט זיך

טאַקע געבילדעט אַ בלאָק צווישן בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט, אויף אויסצוקעמפן אַלגעמיינע וואַל־רעכט, אָבער אינערלעך זענען די עקאָנאָמישע קעגנזאַצן צווישן די ביידע קלאַסן שוין געווען צו דייטלעך, אַז עס זאָל מעגלעך זיין אַן ערלעכע צוזאַמענאַרבעט מצד דער בורזשואַזיע. דער פאָרטגעשריטענער טייל פון אַרבע־טער־קלאַס האָט שוין געהאַט אויפגענומען די סאָציאַל־קריטישע לערעס פון אָוענען, פון די אָוועניסטן, פון גרעיען, פון האָדזשסקי־נען און פון אַנדערע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע שריפטשטעלער: די ראַדיקאַלע אַרבעטער האָבן געהאַלטן, אַז לוין־אַרבעט איז די איינציק־פּראָדוקטיווע, מערוווערט־שאַפנדיקע אַרבעט, נאָר זיי האָבן זיך נאָך נישט געפילט גענוג שטאַרק כדי אָנצוהייבן אַ זעלבשטענדיקן פּאָ־ליטישן קאַמף. זיי האָבן זיך דעריבער פאַרייניקט מיטן מיטל־קלאַס: מיט אינדוסטריעלער, האַנטווערקער און הענדלער, וועלכע האָבן דעמאָלט נאָך אויך אין זייער גרעסטער מערהייט קיין וואַל־רעכט נישט געהאַט. דער קאַמף איז געוואָרן באַזונדער שאַרף נאָכן אויסבראָך פון דער יולי־רעוואָלוציע אין פּאַריז (1830), ביז די טאָריס און זייער יונקער־רעגירונג זענען געווען געצוואונגען אַרייַנ־צוטראָגן פּראָיעקטן פון אַ וואַל־רעכט־רעפאָרם. אין יאָר 1832 האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגענומען אַ נייעם וואַל־רעכט געזעץ, וועלכער האָט באַפרידיקט די בורזשואַזיע, אָבער פולשטענדיק אָנטוישט דעם אַרבעטער־קלאַס: דער לעצטער איז געבליבן אַזוי פּאָליטיש רעכטלאָז, ווי ער איז דאָס געווען ביזן יאָר 1832.

2. צווייטע פאַזע: אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריזם און סינדיקאַליזם (1832 — 1835).

די אַנטוישונג נאָכן נייעם וואַל־רעכט־געזעץ און נאָך דער געמיינזאַמער קאַמף־אַקציע מיט דער בורזשואַזיע האָט גלייך אַרויסגערופן צווישן די אַרבעטער־מאַסן אַן אַנטיפּאַרלאַמענטאַרי־שע און סינדיקאַליסטישע שטרעמונג, — אַגב, זייער אַן אינ־האַלטסרייכע אין פּרט פון גייסטיקער שעפערישקייט. מען האָט אָנגעהויבן קוקן אויפן גאַנצן פּאַרלאַמענטאַריש־פּאָליטישן קאַמף, ווי אויף אַ פאַרפירעריי, וואָס ווענדט נאָר אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט

פון זיין אייגנטלעכן ציל. דער לאזונג איז געווארן: עקאנאמישע אקציעס! עס זענען אנטשטאנען צאל־מעסיק זייער שטארקע פראפעסיאנעלע פאריינען, וועלכע האבן געוואלט דערגרייכן, די פראדוציר־מיטלען זאלן אריבער צום ארבעטער־קלאס, ווער דורך א גענעראל־שטרייק און ווער דורך פראדוציר־קאאפעראטיוון. אין 1833 איז דער גאנצער בריטישער פראלעטאריאט געווען ארייגעצויגן אין דער דאזיקער באוועגונג. אלע געדאנקען, וואס זענען אנהויב 20־טן יארהונדערט ארויסגעזאגט געווארן וועגן סינדיקאליזם, וועגן ארבעטער־ראטן, וועגן פארוואנדלען דעם פארלאמענט אין א רעפרעזענטאנץ־ארגאן פון די ארבעטנדיקע — די אלע געדאנקען געפינט מען שוין אין דער ענגלישער ארבעטער־פרעסע פאר די יארן 1833 — 1834. *) עס זענען פארגעקומען גרויסע קלאסן־קאמפן, מאסן־שטרייקן און דעמאנסטראציעס, קאנגרעסן און קאנפערענצן, וועלכע האבן געהאט דעם ציל צו באפרייען דעם פראלעטאריאט פון קאפיטאליסטישן יאך. די דאזיקע מערקווירדיקע באוועגונג — גייסטיק די סאמע אינטערעסאנטע אין דער געשיכטע פון ענגלישן ארבעטער־קלאס — האט זיך גלייך אנגעשטויסן אויף שארפסטער שנאה מצד דער בורזשואזיע און מצד דער רעגירונג, און מיט פאראייניקטע רעפרעסיווע כוחות האבן די צוויי פאקטארן באוויזן צו דערשטיקן די באוועגונג. מיטגעהאלפן צו דער מפלה האט אויך דער קעגנזאץ צווישן די אוועניסטן און סאציאל־רעפארמערס, וועלכע האבן זיך געהאלטן ביים שטאנדפונקט פון קלאסן־סאלידאריטעט, און צווישן די רעוואלוציאנערע סינדיקאליסטן, וואס האבן געהאלטן פון קלאסן־קאמף: אין די רייען פון דער באוועגונג האט זיך געפירט א קאמף צווישן די צוויי ריכטונגען. **) דער לעצטער דאקומענט פון אט דער באוועגונג איז ווערט, מען זאל אים דא ברענגען. ער איז דערשינען דעם 30־טן סעפטעמבער 1834 אין „Pioneer and Official Gazette"

*) די באדייטנדיקסטע ארבעטער־בלעטער פון יענער צייט זענען געווען „Pioneer" און "Poor Mańs Guardian"

**) אויספירלעך וועגן אט דער באוועגונג זע מ. בעער, געשיכטע פון ענגלישן סאציאליזם (דייטש).

דעם צענטראל־ארגאן פון די פאריינען, און ער לויטעט, אין אויסצוגן, אזוי:

„רעיונות וועגן דעם גייסט פון פאריניקונג, וואס וואקסט צווישן די ארבעטער פון דער וועלט. דער גייסט פון אייניקונג צווישן די ארבעטער פון די פארטגעשריטנסטע פעלקער פון אייראפע איז אן אנטפלעקונג פון א שטארקן נאטירלעכן געפיל, וואס זיינע סיבות גייען ווייט אוועק אין דער פארגאנגנהייט. די נאטור געפינט זיך אין באוועגונג פון קדמונים אן: זי גייט פארויס; זי ווירקט אומאויפהערלעך, מיט אונז און אין אונז. אמת, דער איינציקער מענטש האנדלט אפט לויט מאטיוון, וואס לאקאלע און צייטלעכע אומשטענדן רופן ביי אים ארויס, אבער די נאטור ווירקט אן אויפהער אויפן מענטשן־מין דורך די באשטענדיקע געזעצן פון אסימילאציע, וועלכע באזארגן די אנטוויקלונג פון אלע ארגאנישע באשעפענישן, אזוי אז זיי ענדערן זיך יעדן אויגנבליק, אומבאמערקטערהייט. פאקטיש קאן מען וועגן קיין שום ארגאנישן וועזן נישט זאגן, אז ע ס א י ז פ א ר א ן, ווייל אלע ארגאנישע וועזנס גייען אומאויפהערלעך איבער פון איין פארם צו דער צווייטער, פון איין מאדיפיקאציע צו דער צווייטער. דאס זעלבע פאסירט מיט דער מענטשלעכער געזעלשאפט: זי געפינט זיך כסדר אין פראצעס פון אומגעשטאלטונג... דער געזעץ פון אנטוויקלונג ווירקט דא דורכן גייסט און דורך די קאמפן פון די מענטשן פארן גליק פון דער מענטשהייט... א נייע סיסטעם פון ארבעט שלאגט זיך אדורך. די נייע אינדוסטריעלע ארדנונג און די קאמפן צווישן די קלאסן זענען פאזיטיווע סימנים פון א סאציאלער ארדנונג, וואס האלט אין ווערן. אויפן ארט פון די גרויסע אונטערנעמער מוזן קומען ארבעטער־קאמיטעטן, אדער אינדוסטריע־מיניסטעריומס. אזעלכע מיגים איינריכטונגען וועלן בהדרגה פירן צו דער אפשאפונג פון פריוואט־אייגנטום... דערווייל אבער ווערט דער קאמף ווייטער געפירט, און די ארבעטער ליידן. אבער מיר מוזן האבן געדולד. דער גייסט פון דער נייער צייט איז אן אומבאזיגבארע מאכט; די געווערקשאפטן וועלן ווייטער עקזיסטירן; מען וועט ווייטער מאכן שטרייקן און מיר וועלן איין פעלער נאכן אנדערן באגיין. וויפיל צרות זיי זאלן אונז נישט ברענגען, וועלן

פֿאַרם אַלע מאָל בעסערע אָרגאַניזאַציעס געגרינדעט ווערן, וואָרום פֿון די קאַמפֿן און שוועריקייטן לערנען מיר זיך. ביסלעכווייז וועט אויפֿקומען אַ נייע וועלט. די קאַפּיטאַליסטישע אילוזיעס און בלאָנזשעניש, וועלכע האַמעווען און קרעמפּעווען דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן, וועלן ווערן קלאָר פֿאַר יעדן איינעם; אַ נייער מין וויסן און פֿרייהייט וועלן אויפֿקומען — און דאָס אַלץ צוליב דעם איינציקן טעם, וואָס דער אַלטער אָפּגענוצטער יסוד פֿון דענקען און פֿון האַנדלען איז געוואָרן צו ענג און קליין פֿאַר דער גייסטיקער פֿרוכטבאַרקייט און פֿאַר די מעכאַנישע דערגרייכונגען פֿון דער צייט־תּקופֿה, וועלכע האָט זיך שוין אָנגעהויבן"!

3. דריטע פֿאַזע: טשאַרטיזם (1836 — 1855)

אַרום סוף 1836 האָט די אַרבעטער־באַוועגונג ווידער אויפֿגעלעבט. זי האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך נאָך די מפּלות פֿון די יאָרן 1834 — 1835. איצט האָט זיך שוין אויסגעבילדעט אַ פּאָליטישע קלאַסן־פּאַרטיי, וועלכע האָט געשטרעבט צו דעמאָקראַטיזירן דאָס וואַל־רעכט און דעם פּאַרלאַמענט, אַלס מיטלען צו דערגרייכן די סאָציאַליסטישע אָרדנונג. די באַוועגונג האָט געלערנט פֿון אירע ביז איצטיקע דערפֿאַרונגען: די יאָרן 1825—1832 האָבן איר געוויזן די נוצלאָזיקייט פֿון אַ בונד מיט דער בורזשואַזיע; די יאָרן 1832 — 1835 האָבן איר געוויזן, אַז אַ שנעלער זיג מיט דער הילף בלויז פֿון עקאָנאָמישן קאַמף איז נישט מעגלעך. און זי האָט איצט געשטרעבט צו דעמאָקראַטיע, כּדי זי זאָל קאָנען פֿאַרלאַמענטאַריש און געוועקשאַפֿטלעך פֿירן אָן אַרבעט פֿאַר אירע צילן, אַלס זעלבשטענדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי.

די פּראָגראַם פֿון דער באַוועגונג איז געווען דער פֿאַרפֿאַסטער אין 1837 — 1838 טשאַרטער, וועלכער איז אייגנטלעך געווען נישט מער ווי אַ געזעץ־פּראָיעקט מיט פֿאָלגנדיקע זעקס פּונקטן: 1. אַלגעמיינעם וואַל־רעכט; 2. גלייכע וואַל־קרייזן; 3. אָפּשאַפֿן דעם צענז פֿאַר פּאַרלאַמענט־קאַנדידאַטן; 4. איינייאָריקע פּאַרלאַמענט־קאַדענצן; 5. געהיימע אָפּשטימונג; 6. דיעטעס פֿאַר די מיטגלידער פֿון פּאַרלאַמענט. אויפֿן נאָמען פֿון אָט דעם טשאַרטער האָט מען די גאַנצע באַוועגונג גערופֿן — טשאַרטיזם. עס איז

געווען א סאציאל־דעמאקראטישע באוועגונג אין בעסטן זינען פון דעם ווארט, ווייל זי האט אין זיך פאראייניקט אי דעמאקראטישע אי סאציאליסטישע צילן.

אנהייבנדיק פון יאר 1837 איז דער טשארטיזם געווארן א מאסן־באוועגונג, א רעוואלוציאנערע, אפפער־פולער קאמף פאר פאליטישער מאכט. נאר די באוועגונג האט די גאנצע צייט, ביז צום סוף אירן, געליטן פון פאלגנדיקע שוואכקייטן: פון דער אוממעגלעכקייט צו שאפן א פעסטע איינהייטלעכע מאסן־ארגאניזאציע, ווייל די רעאקציאנערע פאריינס־געזעצן האבן נישט דערלויבט צו גרינדן א לאנד־ארגאניזאציע מיט צווייג־פאריינען. די טשארטיסטן האבן געמעגט בלויז לאקאלע פאריינען ארגאניזירן, אבער נישט איינשטעלן א פארבינדונג צווישן זיי. דאס האט צומאל געפירט צו געהיים־פארשווערדיי, וועלכע האט בלויז געגעבן די רעגירונגס־שפיאנען א מעגלעכקייט אליין צו מיטהעלפן די אויפשטענדלערישע טענדענצן און דערנאך צו פארפירן פראצעסן, וועלכע האבן געקאסט זייער פיל קרבנות. אלס כלל זענען די פירער און רעדנער געווען די פארבינדונגס־גלידער צווישן די ארגאניזאציעס אויף די ערטער. די פירער און רעדנער האבן דעריבער געשפילט גאר א גרויסע ראל אין דער באוועגונג. זיי זענען אבער געווען נישט מער ווי מענטשן — און מיט מענטשלעכע שוואכקייטן. די צאנקערייען צווישן זיי האבן באטייט: אויפרייס און פאנאנדערפאל פון די טשארטיסטישע פאריינען; עס האבן זיך געבילדעט קליקעס און קולטן פון העלדן — און דאס האט זייער שווער געמאכט א מאסנהאפטע גוט ארגאניזירטע האנדלונג. די צווייטע שוואכקייט איז באשטאנען דערין, וואס ס'האט געפעלט אן איינהייטלעכע טאקטיק.

עס זענען געווען אין דער באוועגונג צוויי טאקטישע ריכטונגען, וועלכע האבן זיך קעגנזייטיק באקעמפט: איינע האט זיך גערופן „די ריכטונג פון *פיזישע געוואלט־מיטלען*" (Physical force party) און די צווייטע — „די ריכטונג פון מאראלישע מאכט־מיטלען" (Moral force party). די ערשטע ריכטונג איז געשטאנען פאר ארגאניזירן אין געהיים א באוואפנטן אויפשטאנד, די צווייטע האט געגלייבט אין דערציונג און

געהאלטן פון לאנגזאמער געווערקשאפטלעכער און פאליטישער ארגאניזירונג. און צוליב דעם קאמף צווישן די ריכטונגען איז נים געקומען צו קיין איינהייטלעכע מעשים און צו קיין שום דירעקטן דערפאלג. די איינצלנע קאמפן פון די טשארטיסטן זענען אפט געווען העלדישע, באזונדער אין די יארן 1839 און 1842. אין אט דעם לעצטן יאר איז געקומען צו א גרויסן מאסן־שטרייק, וועלכער איז זייער נאענט געווען צו א גענעראל־שטרייק.

די באוועגונג האט געליטן אויך דערפון, וואס זי האט נישט געהאט קיין געניטע פירער. דער באדייטנדיקסטער פון אירע פירער איז געווען דער אירלענדער פערגוס א׳קאנאר (1798 — 1855), וועלכער איז געווען בלויז א דעמאקראט און אגראר־רעפארמער; ער איז גלייכצייטיק געווען איינגנטימער און רעדאקטאר פון „נארדשטערן" — צענטראל־ארגאן פון די טשארטיסטן (1838 — 1852); א דאנק זיין שטארקן רעדנער־טאלענט האט ער געהאט אן אומגעהויערן איינפלוס אויף די מאסן, אבער קיין גרויסע גייסטיקע פערזענלעכקייט איז ער נישט געווען. די לעצטע יארן זיינע האט ער שוין בלויז געפרידיקט קליין־פויערשע אגראר־רעפארמען.

אין 1848 איז די טשארטיסטישע באוועגונג זיך צעפאלן — לפנים אן שום דערפאלג. אין דער אמתן אבער האט אט דער גאנצער פעריאד געלאזן נאך זיך א רייכע ירושה פון אידעען, רעפארמען און פראלעטארישע דערגרייכונגען:

אין אט די יארן פון סאציאל־דעמאקראטישער פיאנירן־ארבעט איז אנגעגאנגען אן אינטענסיווע רעפארם־טעטיקייט, וועלכע האט דורכגעבראכן נייע וועגן; ענגלאנד האט איבערגעלעבט א צייט פון באנייונג, עס זענען געמאכט געווארן די ערשטע טריט אויפן וועג פון דעמאקראטיזירן די בריטישע אימפעריע. אויף די טשארטיסטישע יארן פאלן אויס דער ערשטער ווירקלעכער פאבריק־געזעץ וועגן קינדער און יוגנטלעכע (1833), דער ערשטער געזעץ וועגן פרויען און קינדער אין דער בארג־אינדוסטרי (1842), דער 10־שעהדיקער ארבעטס־טאג (1847), די באפרייונג פון דער פרעסע (1836), דאס אפשאפן פון צאל אויף תבואה (1846), דאס מילדער מאכן דעם שטראף־קאדעקס (1837) און דאס אפשאפן פונם פאר־

באַט פֿאַר פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס צו פֿאַראייניקן זיך צווישן זיך (1846) — אַלץ מאַסמיטלען, וועלכע האָבן דערנענטערט דעם סוף פֿון דער פֿעאָדאַלער אָליגאַרכיע און אויך אָפּגעשוואַכט די אַבסאָלוטע הערשאַפֿט פֿונעם קאַפּיטאַל. די פֿראַגע וועגן וואַל־רעכט איז פֿון דעמאָלט אָן מער שוין נישט אַראָפּ פֿון סדר־היום פֿון פּאָליטישן לעבן, ביז דאָס וואַל־רעכט איז לסוף (1918) נישט געוואָרן פֿולשטענדיק דעמאָקראַטיזירט.

פֿון טשאַרטיסטישן פּעריאָד האָט דער פּראָלעטאַריאַט באַקומען בירושה אויך דעם קאָאָפּעראַציע־וועזן, און גוט־געפֿירטע געווערקשאַפֿטן און אַ פֿאַרשטענדניש פֿאַר אינטערנאַציאָנאַליזם. אין דעם זעלבן פּעריאָד איז דער פּראָלעטאַריאַט אַריינגעפֿירט געוואָרן אין דער ליטעראַטור און אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אַלס קלאַס, וואָס קעמפֿט און שטויסט דאָס לעבן פֿאָרויס. די קענטשאַפֿט מיטן טשאַרטיזם האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אויף דער געדאַנקען־פֿאָרמירונג פֿון מאַרקס און ענגעלס; די זעלבע קענטשאַפֿט האָט זשאָן סטוּאַרט מיל'ן געמאַכט פֿאַר אַן עטישן סאָציאַליסט; און זי האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקן איינפֿלוס אויף דיזראַעלי, קאַרלייל, קינגסליי, מאָריס, רעסקין און בכלל אויף די קאָנסערוואַטיווע אָדער קריסטלעכע סאָציאַליסטן.

די ירושה פֿון דער אָוועניש־טשאַרטיסטישער צייט איז געווען אַ קאָלאָסאַלע, און קיינער האָט דאָס נישט אַזוי גוט אָפּגעשאַצט, ווי מאַרקס, אין דעם גרינדונגס־מאַניפֿעסט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע, וועלכע איז אַנטשטאַנען 10 יאָר נאָכן אונטערגאַנג פֿונעם טשאַרטיזם:

„נאָך אַ דרייסיק־יאָריקן, מיט באַוווּנדערונגס־ווערטן אויסדויער געפֿירטן קאַמף האָבן די ענגלישע אַרבעטער זיך דערשלאָגן... צום געזעץ וועגן 10 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.. דער 10 שעה־געזעץ איז געווען נישט בלויז אַ פּראַקטישער דערפֿאָלג, ער איז געווען דער זיג פֿון אַ פּרינציפּ: צום ערשטן מאָל, אין מיטן העלן טאָג, האָט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פֿון דער בורזשואַזיע. דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פֿון אַרבעט איז נאָך פֿאַרגעשטאַנען

אַ גרעסערער זיג איבער דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון די באַ־
זיצנדיקע. מיר האָבן אין זינען די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, באַ־
זונדער די פאַבריקן, וואָס זענען געבויט אויפן פּרינציפּ פון קאָאָ־
פּעראַציע און זענען געגרינדעט געוואָרן דורך אַ קליינער צאָל
„הענט", *) אומדערשראָקענע, הגם פון קיינעם נישט געשטיצטע."
פּראָלעטאַרישע קאַמפן און לײַדן גייען קיינמאָל נישט פאַרי־
בער אומזיסט. אויב אפילו זיי דערגרייכן נישט דעם אוממיטלבאַרן
ציל, גרייטן זיי אָבער צו דעם וועג פאַר דעם קומענדיקן ענדגיל־
טיקן זיג.

---

*) געמיינט איז אַרבעטער — איב.

X. פראַנקרייך פאַר די יאָרן 1830 — 1848

1. דאָס בורזשואַזע קעניגטום.

די אָפּאָזיציע קעגן דער פעאָדאַל־קלעריקאַלער רעגירונג האָט זינט 1827 געהאַלטן אין כסדרדיקן וואַקסן, און האָט באַוויזן דעם קעניג קאַרל X צו כאַפּן זיך פאַר רעפּרעסיווע מיטלען. דעם 25־טן יולי 1830 האָט ער אונטערגעשריבן דריי באַפעלן, וועלכע האָבן אָפּגעשאַפט די פּרעסע־פרייהייט, נאָך מער פאַרענגערט דעם וואַל־געזעץ און אַנולירט די לעצטע אָפּאָזיציאָנעלע וואַלן. די דאָזיקע דריי באַפעלן זענען געווען די לעצטע טשוועקעס אין דער טרומנע פון די בורבאָנער. די אָפּאָזיציע האָט דאַן גערופן די אַרבעטער אויף די באַריקאַדעס, און אין משך פון די „דריי באַרימטע טעג“ (27—29 יולי) איז קאַרל X געוואָרן אַראָפּגעוואָרפן. אָבער געקומען איז נישט די רעפּובליק, נאָר דאָס אָרלעאַנישע בורזשואַזע קעניגטום, אין דער פּערזאָן פון לודוויג פיליפּ (1830 — 1848), און מיט א רעגירונג פון די רייען פון דער פּלוטאָקראַטיע. „נאָך דער יולי־רעוואָלוציע, דערציילט מאַרקס, *) ווען דער ליבעראַלער באַנקיר לאַפיט האָט מיט טריומף באַגלייט זיין שותף, דעם הערצאָג פון אָרלעאַן, אין שטאָטראַט אַריין, האָט ער בעת מעשה געזאָגט: „פון היינט אָן וועלן באַנקירן הערשן“. לאַפיט האָט אויסגעגעבן דעם סוד פון דער רעוואָלוציע. נישט די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט געהערשט אין דער צייט פון לודוויג פיליפּן, נאָר בלויז א פראַקציע (א טייל) פון איר: באַנקירן, בערזע־קעניגן, אייזנבאַן־קעניגן, אייגנטימער פון קוילן־שאַכטעס, פון אייזן־הוטעס, פון

*) „קלאַסן־קאַמפן אין פראַנקרייך“.

וועלדער, אַ טייל פאַרבונדענע מיט זיי פּריצים — די אַזוי גע־רופענע פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע... די אייגנטלעכע אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט געבילדעט אַ טייל פון דער אָפּיציעלער אָפּאָזי־ציע, ד. ה. זי איז בלויז אַלס מינדערהייט געווען פאַרטראָטן אין פּאַרלאַמענט". אין די יאָרן פון אָט דעם בירגערלעכן קעניג האָט זיך ווידער באַנייט דיווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג, וואָס די נאָר פּאָלעאָנישע מלחמות און די בורבאָנישע רעסטאַווראַציע האָבן גע־האַט פאַרהאַלטן איר גאַנג, און די קאַפּיטאַליסטישע מיטלען פון פּראָדוקציע און קאָמוניקאַציע האָבן ווידער גענומען שנעל וואַקסן. אמת אין פאַרגלייך מיט די דערפאָלגן פון דער ענגלישער אינ־דוסטריע איז די אַנטוויקלונג פון דער פראַנצויזישער אינדוסטריע נישט געווען אַזאַ גרויסע, אָבער דאָך האָט די דאָזיקע אַנטוויק־לונג געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן געדאַנק און אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג. מערקווירדיק איז די מאַטאָ, וואָס פּעקער (Pepueur), דער באַדייטנדסטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער געלערנטער פון יענער צייט, האָט אויפגעשריבן אויפן שער־בלאַט פון זיין „סאָציאַלער עקאָנאָמיע" (פּאַריז, 1839 Economie socilae) : „שוין דער דאַמף אַליין פאַר זיך איז אַ גערענקווירדיקע רעוואָלוציע" די בויונג פון אייזנבאַנען און פון דאַמפּערס און אַנדערע מינים שיפן, דער וווּקס פון דער קוילן־און אייזן־פּראָדוקציע, דער אויפבלי פון אינערלעכן און אויסער־לעכן האַנדל, דער באַדייטנדיקער וווּקס פון דער צאָל אַקציען־געזעלשאַפטן, דער דראַנג נאָך קאָלאָניעס — דאָס אַלץ זענען גע־ווען קלאָרע סימנים פון די דערפאָלגן פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע.

די אַרבעטער און די קליינע האַנטווערקער האָבן דערווייל געפילט נאָר די שלעכטע זייטן פון אָט דער רעוואָלוציע. פּאָליטיש רעכטלאָז און עקאָנאָמיש הילפלאָז, אונטער דער מאַכט פון אַ פי־נאַנץ־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט אויסגעזויגן דעם מאַרך פון פאָלק און בלוטיק דערשטיקט יעדן פּרווו פון מורידה — זענען די מאַסן אַריינגעפאַלן אין אַ מוראַדיקן עלנט. לאַנגע אַרבעט־צייט, קלאָגעדיקע לוינען, הויכע אומדירעקטע שטייערן, און דערצו די פּאָליטישע אומצופרידנהייט, וועלכע עס האָט אויך אונטערגע־

האלטן דער אפאזיציאנעלער טייל פון דער אינטעליגענץ און פון קליינבירגערטום — דאס אלץ האט צווישן דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג פון די גרויסע שטעט און אינדוסטריע־צענטרען געשאפן זייער א גינסטיקן באדן פאר אויפשטאנד־פלענער און פאר סאציאליסטישע געדאנקען.

פון 1830 ביז 1839 זענען אין פארשיידענע שטעט פון פראנקרייך פארגעקומען א גאנצע רייע רעפובליקאנישע און סאציאליסטישע פוטשן און פארשווערונגען, און פון 1837 ביז 1848 איז פראנקרייך אלץ מער געווארן א פרוכטבארער באדן פאר בלערליי סאציאליסטישע אידעען און פארשלאגן. נאוועליסטן און ראמאנען־שרייבער, טעאלאגן און יוריסטן האבן זיך ליציטירט אין זייער שטרעבן צו באווייזן די אומטויגלעכקייט פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם און צו פארורטיילן די עקזיסטירנדיקע ארדנונג — אזוי באקלאגט זיך רייבא אין יאר 1843 (אין ערשטן קאפיטל פון זיין „אפהאנדלונג וועגן די רעפארמער", פאריז 1843, (Etudes sur les rëformateurs II) .. עס איז געווען פונקט דאס יאר, ווען קארל מארקס איז אנגעקומען קיין פאריז.

2. די קלאסן־טיילונג אויף בורזשואזיע און פאלק

דער סאציאלער רעזולטאט פון אט דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג איז געווען, אז די געזעלשאפט האט זיך געשפאלטן אויף צוויי קלאסן, — וועלכע האבן באקומען די נעמען ב ו ר ז ש ו א ז י ע און פ א ל ק. אין זיין „געשיכטע פון צען יאר" (1830—1840, Histoire de dix ans), דערשינען 1841, שרייבט לואי בלאן: „אונטער בורזשואזיע פארשטיי איך די אלע בירגער, וועלכע באזיצן פראדוקציר־אינסטרומענטן אדער קאפיטאל, וועלכע ארבעטן מיט אייגענע מיטלען און זענען נישט אפהענגיק פון אנדערע. פאלק (Peup e) זענען יענע אלע בירגער, וועלכע פארמאגן נישט קיין קאפיטאל און זענען אין זייער לעבנס־עקזיסטענץ אינגאנצן אפהענגיק פון אנדערע" (אויסגאבע פון 1846, באנד I, ז. 8). די דאזיקע קלאסן־טיילונג איז געווען אזוי פאפולער, אז אין א פעטיציע פון ארבעטער צום פארלאמענט (3 פעברואר 1831)

דערקלערט דער ארבעטער שארל בעראנזשע: „...עס זענען זיכער ווייניק פאראן צווישן אייך אזעלכע, וואס זאלן נישט האבן גע־הערט וועגן פאלק. פאלק — דאס זענען די אלע, וואס ארבעטן, וואס זענען סאציאל בארויבט, וואס פארמאגן נישט גארנישט; איר ווייסט, ווען איך מיין: דעם פראלעטאריאט".

פאלק און פראלעטאריאט האבן דעמאלט באצייכנט איין און דעם זעלבן באגריף (פארגלייך ביי אקטאוו פעסטי די קריטיק פון אנפאנטענען קעגן דער יולי־רעוואלוציע: „דאס פאלק אדער פרא־לעטאריאט האט געקעמפט אויף די באריקאדעס, אבער נאך דעם זיג האט זיך די בורזשואזיע באוואפנט קעגן פראלעטאריאט".

און אז אט די פעסטשטעלונג איז ביז גאר וויכטיק פאר אונז, איז קלאר פון פאלגנדיקן: אויב פאלק און פראלעטאריאט האבן באטייט איין און דאס זעלבע, האט פאלקס־הערשאפט אדער דעמאקראטיע פאקטיש באטייט פראלעטארישע הערשאפט, אדער הערשאפט פון ארבעטער־קלאס, און נישט ווי מען פארשטייט איצט דעמאקראטיע אלס הערשאפט פון דער גאנצער נאציע, להיפך צו מאנארכיע. אין די יארן 1831—1848 האט דעמאקראטיע באטייט פאלקס־הערשאפט, אלס קעגנזאץ צו דער הערשאפט פון דער בור־זשואזיע.

ערשט אין ליכט פון אט דער היסטארישער פעסטשטעלונג הויבן מיר אן ריכטיק פארשטיין א געוויסע שטעל פון „קאמוניס־טישן מאניפעסט", וועלכע איז אן דעם אומפארשטענדלעך און זעט אויס סתירהדיק; די דאזיקע שטעל לויטעט: „דער ערשטער טריט פון דער ארבעטער־רעוואלוציע איז דערהויבן דעם פראלע־טאריאט צו א הערשנדיקן קלאס, אויסקעמפן די דעמאקראטיע". לויט דעם אויבן געזאגטן, דארף מען דעמאקראטיע אין „קאמוניס־טישן מאניפעסט" פארשטיין, ווי הערשאפט פון ארבעטער־קלאס.

פרידריך ענגעלס איז געגאנגען נאך ווייטער און האט געזאגט קורץ און קלאר: „דעמאקראטיע, דאס איז היינט צו טאג דער קא־מוניזם... מיטן אויסנאם פון געציילטע מענטשן, וועלכע קומען נישט אין באטראכט, זענען אין 1846 אלע אייראפעישע דעמא־קראטן מער אדער ווייניקער אויסגעשפראכענע קאמוניסטן". (Literarischer Nachlas, באנד 2, ז. 405).

איצט לאָמיר ווייטער פאָרטזעצן די סאָציאַליסטישע געשיכ־
טע פון אָט דעם פעריאָד.

3. געהיימע פאַרשווערונגען און פוטשן.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אז נאָך אין די רעסטאַוו־ראַציע־יאָרן, באַזונדער זייט דעם יאָר 1821, זענען אנטשטאַנען באַוועגונגען, אי ליבעראַלע אי דעמאָקראַטישע, וועלכע האָבן גע־בילדעט געהיימע אָרגאַניזאַציעס מיטן צוועק אראָפּצוואַרפן די בורבאָנער און צוריקשטעלן די סוווערעניטעט פון פאָלק. אַלס מוס־טער פאַר די אַלע אָרגאַניזאַציעס האָט געדינט די אָרגאַניזאַציע פון די קאַרבאָנאַריער — אַן איטאַליענישע פאַרשווערונג קעגן די פרעמד־הערשער. די טאַקטיק פון די קאַרבאָנאַריער איז געווען באַוואָפנטער פוטש; יעדער קאַרבאָנאַריער איז געווען פאַרפליכטעט צו האָבן שטענדיק גרייט אַן אָנגעלאָדענע ביקס מיט 50 קוילן, אויף יעדן סיגנאַל זיך תיכף צושטעלן און זיך אונטערוואַרפן די באַפעלן פון די פירער. אַ געוויסע צאָל פאַריזער סטודענטן, אונ־טער דער פירערשאַפט פון באַזאַרן און ביושען, האָבן געשאַפן אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע „פריינט פון אמת (Amis de la veritè) כדי צו קעמפן פאַר אַ דעמאָקראַטישע אָרדנונג. ביים אַריינטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע האָט מען אָפּגעגעבן אַ שבועה: איך שווער איינצושטעלן אַלע מיינע כוחות, כדי עס זאָלן זיגן די פרינציפּן פון פרייהייט, פון גלייכהייט, פון האַס צו דער טיראַניי. איך זאָג צו צו פאַרשפּרייטן די ליבע צו גלייכהייט, אומעטום וווּ נאָר איך האָב אַן איינפלוס". באַזאַר און ביושע זענען געווען דעמאָלט סטו־דענטן, אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט, און זיי זענען צווישן יונגן דור געווען פון די ערשטע, וואָס זענען געוואָרן סאָציאַליסטן. באַ־זאַר, ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, איז געווען דער בעסטער אויסטייטשער פון סען־סימאָניזם. די פראַנצויזישע קאַרבאָנאַריער האָבן זיך אויך פאַרבונדן מיט בואָנאַראָטין, און ער האָט, וווי־נענדיק אַליין אין בריסל, פאַרשפּרייט צווישן זיי די אידעען פון דער באַבעפישער פאַרשווערונג. לואי אויגוסט בלאַנקי איז צוגע־שטאַנען צו דער באַוועגונג אַרום יאָר 1825. אין אַלגעמיין אָבער האָבן די דאָזיקע באַוועגונגען געטראָגן צום טייל אַ בורזשואַז־

ליבעראַלן און צום טייל אַ דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישן כאַראַקטער. נאָך דער יולי־רעוואָלוציע (1830) זענען די בירגערלעך־ליבעראַלע עלעמענטן אָפּגעפאַלן, און זייער אָרט האָט פאַרנומען דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון פּאַריז און פון אייניקע אינדוסטריעלע צענטרען, און האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישע עלעמענטן אין זייערע געהיימע פאַריינען; דערביי האָט אָבער דער פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטישער עלעמענט, דער ענערגישסטער טייל פון אַרבעטער־קלאַס, אונטער דער פירונג פון בלאַנקי, געבילדעט דעם אַוואַנגאַרד פון דער באַוועגונג.

פון אויגוסט 1830 ביז מאַי 1839 זענען אין פראַנקרייך געווען, איינע נאָך דער אַנדערער, פיר גרויסע געהיימע אָרגאַניזאַציעס: „פאָלקס־פריינט" (Amis du peuple), „מענטשן־רעכט" (Droits de l'Homme), „פאַרבאַנד פון פאַמיליעס" (Sociétę des fsmilles) און „פאַרבאַנד פון די יאָרצייטן" (Société des saisons). נאָכן יאָר 1839 זענען נאָך געווען קלענערע געהיימע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך גערופן „נייע יאָר־צייטן" (Nouvelles saisons), אָבער קיין ממשותדיקע ראָל האָבן זיי נישט געשפּילט, ווייל עס האָבן זיי שוין געפעלט בואָנאַראָטי און בלאַנקי: דער ערשטער איז שוין געווען טויט; דער צווייטער איז פון 1839 ביז 1848 געזעסן אין טורמע. די מערהייט פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון אָט די געהיים־אָרגאַניזאַציעס, ווי פלאָקאָן, ראַספּאַי, מאַראַסט, בלאַנקי, באַרבעס, קאָסידיער א. אַ. טרעפן מיר דערנאָך צווישן די פירער פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע (1848), צום טייל אַלס בירגערלעכע רעפּובליקאַנער און צום טייל אַלס סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן.

די עוואָלוציע פון די בירגערלעך־דעמאָקראַטישע אידעען אין דער ריכטונג פון פּראָלעטאַרישן קאָמוניזם איז פאָרגעקומען בהדרגה; אַ ראָל האָבן געשפּילט דערביי סיי דער איינפלוס פון בואָנאַראָטין און סיי די שטיכישע אויפשטאַנדן פון די ליאָנער וועבער אין 1831 און 1834, וועלכע זענען אַרויסגערופן געוואָרן צום טייל דורך הונגער־לויזען און צום טייל דורך רעפּובליקאַניש־סאָציאַליסטישע אידעען, און וועלכע טיער, דער ליבעראַלער מלוכה־מאַן פון דער בורזשואַזער רעגירונג, האָט בלוטיק דערשטיקט; דאָס

איז דער זעלבער מיער, וועלכער האָט דורכגעפירט די שחיטה פון די קאָמונאַרן אין יאָר 1871. די „פאָלקס־פריינט“ און „מענטשן־רעכטלער“ זענען געווען בעיקר בירגערלעך־דעמאָקראַטיש אָדער רעפּובליקאַניש־סאָציאַל־רעפאָרמעריש; דאַקעגן, די „פאַמיליעס“ און „יאָר־צייטן“ זענען געווען פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטיש. די לעצטע צוויי פאַרבאַנדן זענען געווען אַ שול פון רעוואָלוציאָנערן קאָמוניזם פאַר די דייטשע קאָמוניסטן וויטלינג, שאַפּער, באַוער, און פאַר אַנדערע מיטגלידער פונם לאָנדאָנער דייטשן אַרבעטער־בילדונגס־פאַריין, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער קערן פונם קאָמוניסטן־בונד. אין די אויסגערעכנטע פראַנצויזישע געהיימע פאַרבאַנדן האָט בואָנאַראָטי און זיין בוך געהאַט זייער אַ שטאַרקן איינפלוס. און די אידעע פון רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור איז אויך אויפגעקומען און רייף געוואָרן אין די דאָזיקע פאַרבאַנדן. פון דאַנען האָבן זי איבערגענומען וויטלינג און דער קאָמוניסטן־בונד.

ביים אויפנעמען מיטגלידער אין „פאַרבאַנד פון פאַמיליעס“ האָט מען צווישן אַנדערן געשטעלט די קאַנדידאַטן פאָלגנדיקע פראַגן און זיי האָבן באַדאַרפט געבן פאָלגנדיקע תשובות:

— וואָס טראַכטסטו וועגן דער רעגירונג? — די רעגירונג אַרבעט פאַר די אינטערעסן פון אַ קליינער צאָל פּריווילעגירטע. — ווער זענען היינט די אַריסטאָקראַטן? — געלט־לייט, באַנקירן, וואַלוטע־ספּעקולאַנטן, מאָנאָפּאָליסטן, גרויסע גרונט־באַזיצער — קורץ די עקספּלואַטאַטאָרן. — אויפן גרונט פון וועלכן רעכט עקזיסטירט די רעגירונג? — אויפן רעכט פון געוואַלט. — וואָס איז די הויפּט־זינד פון דער געזעלשאַפט? — עגאָאיזם, יאָגעניש נאָך געלט, וואָס שטויסט אַרויס אַלע טוגנטן; די אַכטונג פאַר רייכטום, די פאַראַכטונג און פאַרפאָלגונג פון די באַזיצלאָזע. — וואָס איז פאָלק? — דער כלל אַרבעטער; זייער לאַגע איז ווי פון שקלאַפן; דער גורל פון פּראָלעטאַריאַט שיידט זיך נישט אונטער פונם גורל פון לייב־אייגענע אָדער פון שוואַרצע קנעכט. — וואָס דאַרף זיין דער יסוד פון דער געזעלשאַפט? — סאָציאַלע גלייכהייט; די רעכט פון אַ בירגער זענען: געזיכערטע עקזיסטענץ, אומזיסטער אונטעררעכט, אָנטייל אין דער רעגירונג; די פליכטן פון אַ בירגער זענען:

איבערגעגעבנקייט צו דער געזעלשאַפט, ברידערלעכקייט לגבי די מיטבירגער. — צי דאַרף די נאָענטסטע רעוואָלוציע זיין א פּאָליטישע אָדער א סאָציאַלע? — א סאָציאַלע. — צי וואָלט דאָס פאָלק געקאָנט אַליין פאַרוואַלטן מיט זיך נאָך דעם זיג פון דער רעוואָלוציע? — אַזוי ווי די געזעלשאַפט איז מאָראַליש קראַנק, זענען נויטיק העראָאישע מיטלען, כדי צו קאָנען באַלד איינפירן געזונטע פאַרהעלטענישן. אויף א געוויסע צייט מוז דאָס פאָלק האָבן א רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. *)

א רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט דאַמאָלט באַטייט א קאָמוניסטישע דיקטאַטור.

נאָך א מער אויסגעשפּראָכענעם פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטישן כאַראַקטער האָט געהאַט דער „פאַרבאַנד פון יאָר־צייטן". זייער פּרווו צו מאַכן אַן אויפשטאַנד, מאַי 1839, — אין אים האָבן זיך באַטייליקט דייטשע מיטגלידער (וויטלינג, שאַפּער) — האָט זיך געענדיקט מיט א דורכפאַל. די אָנפירער פונם אויפשטאַנד בלאַנקי און באַרבעס זענען געוואָרן אַרעסטירט און פאַרמשפּט צום טויט, נאָר מען האָט זיי באַגנעדיקט און פאַרביטן די טויט־שטראָף אויף אייביקער תּפיסה. מאַרקס, וועלכער האָט געקענט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע און איר טעטיקייט, שרייבט וועגן איר:

„עס איז באַקאַנט, אַז ביז 1830 זענען ליבעראַלע בורזשואַ געשטאַנען בראש פון די פאַרשווערונגען קעגן דער רעסטאַוראַציע. נאָך דער יולי־רעוואָלוציע האָט זייער אָרט פאַרנומען די רעפּובליקאַנישע בורזשואַזיע. דער פּראָלעטאַריאַט, דערצויגן אויף פאַרשווערונגען נאָך אין די רעסטאַוראַציע־יאָרן, האָט אַלץ מער פאַרנומען דעם אויבן־אָן, בעת די רעפּובליקאַנישע בורזשואַ האָבן זיך אָפּגערוקט פון די פאַרשווערונגען, אָפּגעשראָקענע דורך די דורכגעפאַלענע גאַסן־קאַמפן. דער „פאַרבאַנד פון יאָר־צייטן", מיט וועלכע בלאַנקי און באַרבעס האָבן אונטערגענומען זייער אויפשטאַנד, איז שוין געווען אויסשליסלעך א פּראָלעטאַרישער..." בכלל געגאָנען האָלט מאַרקס, „אַז פאַר א מאָדערנער רעוואָלוציע איז אָט דער

---

*) De la Hodde, Histere des sociétès sècretes, 1850

ז. 199 (די געשיכטע פון די געהיימע געזעלשאַפטן).

טייל פּראָלעטאַריאַט שוין אויך נישט גענוג, און אַז נאָר דער גאַנ־
צער פּראָלעטאַריאַט איז אימשטאַנד זי דורכצופירן". *)

4. אויגוסט בלאַנקי.

די גרעסטע פּערזענלעכקייט פון אָט דער צייט איז אויגוסט
בלאַנקי. שאַרפער פאַרשטאַנד, גרויסע קענטעניש, גרויסע רעד־
נער־קראַפט, אָן א שפּור פון פראַזע, — אַבסאָלוטע אומדערשראָ־
קענקייט, אַן אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פונם
פּראָלעטאַריאַט, פאַר וועלכער ער האָט די בעסטע יאָרן פון זיין
לעבן פאַרבראַכט אין טורמע און פאַרשיקונג, פאַר וועלכער ער איז
געוואָרן פאַרפאָלגט און געפּייניקט דורך זשאַנדאַרן און פּאָליציי
— דאָס אַלץ מאַכט בלאַנקין פאַר א העלדישע פיגור. ער איז גע־
בוירן געוואָרן אין 1805 אין פּיזשע־טערניע; זיין פאָטער איז גע־
ווען דאָרטן סוב־פּרעפעקט; דער ברודער זיינער אַדאָלף בלאַנקי איז
געווען א באַרימטער עקאָנאָמיסט. נאָכן ענדיקן גימנאַזיע איז ער
אָנגעקומען אין פּאַריזער אוניווערזיטעט, ווו ער האָט שטודירט
גלייכצייטיק אי מעדיצין אי יוריספּרודענץ, איז אָבער אין דער
זעלבער צייט צוגעשטאַנען צו די געהיימע פּאָליטיש־רעוואָלוציאָ־
נערע חברות פון באַזאַרן און ביושען, און אין 1827 האָט ער זיך,
צום ערשטן מאָל, באַטייליקט אין א גאַסן־קאַמף און איז א פאַר־
וווּנדעטער אַרעסטירט געוואָרן. סוף 1829 איז ער אַריין אין דער
רעדאַקציע פונם לינק־ליבעראַלן, שפּעטער סען־סימאָניסטישן
„גלאָבע"; אין 1830 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער יולי־רעוואָ־
לוציע, אויף די באַריקאַדעס; אָבער אַנטוישט דורך דעם אויסגאַנג
פון דער רעוואָלוציע, איז ער צוגעשטאַנען צו די „פאָלקס־פריינט"
און איז אין 1832 פאַרוויקלט געוואָרן אין זייערן א פּראָצעס, בעת
וועלכן ער האָט זיך געווענדעט צו די ריכטער מיט פאָלגנדיקע
ווערטער: „עס האַנדלט זיך דאָ וועגן א קאַמף צווישן רייכע און
אָרימע, און דער אָנפאַלנדיקער צד זענען די רייכע; די פּריווילע־
גירטע ווערן פעט פון שווייס פון די אָרימע; דער פּאַרלאַמענט
איז בלויז א מאַשין, וואָס פאַרציט צווישן אירע רעדער 25 מיליאָן

*) Literarischer Nachlass באַנד 3, ז. 428 און 433

פויערים און 5 מיליאָן אַרבעטער און פרעסט פון זיי אויס דאָס
בלוט, כדי עס איבערגיסן אין די אָדערן פון די רייכע. די שטייערן
זײַנען אַ רויבערײַ, וואָס ליידיקגייער באַגייען לגבי די אַרבעטנדי-
קע קלאַסן" (ז. 65, De la Hodde). בלאַנקי איז פאַרמשפּט געוואָ-
רען צו איין יאָר תּפיסה. אין דער אָרגאַניזאַציע „מענטשן-רעכט-
לער" האָט ער געבילדעט דעם לינקן פליגל. אין „פאַראַבאַנד פון
פאַמיליעס" איז ער געווען אַ פירער, איז געוואָרן אַרעסטירט און
פאַרמשפּט צו צוויי יאָר תּפיסה. אין 1837 איז ער, אַ דאַנק אַן אַל-
געמיינער אַמנעסטיע, באַפרייט געוואָרן, און געוואָרן אָנפירער פון
דער אָרגאַניזאַציע „יאָר-צייטן"; דעם 12 מאַי 1839 האָט ער גע-
פרווט אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד און איז דערביי ווידער אַרעס-
טירט געוואָרן, און ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, פאַרמשפּט גע-
וואָרן צום טויט; די באַגנעדיקונג האָט אים פאַרביטן די טויט-
שטראָף אויף אייביקע תּפיסה, און פון תּפיסה האָט אים דערנאָך
באַפרייט די פעברואַר-רעוואָלוציע פון 1848. ווען ער איז אָנגעקו-
מען קיין פּאַריז, האָט ער זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דער צייט-
ווייליקער קאָאַליציע-רעגירונג, וואָס איז דעמאָלט געבילדעט גע-
וואָרן, און האָט פאַרלאַנגט אַ ריינע סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָ-
נערע רעגירונג, וואָס זאָל אַ געוויסע צייט רעגירן דיקטאַטאָריש
און זאָל דורך געהעריקע רעפאָרמען — וועלטלעכע שולן, אומזיס-
טער אונטערריכט, קאָאָפּעראַציע, סאָציאַל-פּאָליטיק — צוגרייטן
ביסלעכווייז די באַפעלקערונג פאַר אַ רעפּובליקאַניש-קאָמוניס-
טישע אָרדנונג. „וואָרום דער קאָמוניזם קאָן נישט איינגעפירט
ווערן דורך דעקרעטן, נאָר ער מוז טריט ביי טריט דורך יאָרן-לאַנ-
גער דערציונג און שולונג פאַרווירקלעכט ווערן". די רעוואָלוציע
אַליין פאַר זיך ענדערט נישט נישט די מענטשן און נישט די באַ-
דינגונגען; זי שאַפט בלויז די מעגלעכקייט פאַר אַדמיניסטראַטיווע
און ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמען. אַז די רעוואָלוציע זיגט, דאַרפן
באַלד אַלע ריכטער און הויכע באַאַמטע באַזייטיקט ווערן, און
פאַרביטן ווערן דורך געריכטן פון פּראָסטן פאָלק; די מיטעלע
און נידעריקע באַאַמטע קאָן מען לאָזן אויף די פּאָסטנס, אָבער גע-
קינדיקטע. אַ „פּאַריזער דיקטאַטור" (Dictature parisienne)
מוז איבערנעמען די רעגירונגס-ענינים אין אירע הענט, ביז דאָס

לאַנד וועט נישט ריין ווערן פאַר דעמאָקראַטיע, רעפּובליק און קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט. די הויפּט־זאַך ביי אַ רעוואָלוציע איז פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט און מיט איר הילף דורכפירן קולטורעלע און סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמען. די רעוואָלוציאָנערן דאַרפן זיך האַלטן ווייט פון אַלערליי אוטאָפּיעס, ווייל די אוטאָפּיסטן זענען מייסטנס פּאָליטישע רעאַקציאָנערן *). בלאַנקי איז געווען אַ פאַרערער פון מאַרקסן און האָט זייער גערן געלייענט זיין „אָרימקייט פון פילאָזאָפיע" געווענדעט קעגן פּרודאָנען **).

פאַר אַרויסטרעטונגען קעגן דער כלומרשט רעפּובליקאַנישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג (מאַי 1848) איז בלאַנקי פאַרמשפּט געווארן אויף צען יאָר תפיסה. אין 1869 האָט ער זיך באַמיט אויפצוהויבן אַ באַוועגונג קעגן נאַפּאָלעאָן III און צו אַגיטירן פאַר אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונגס־פאָרם. בעת דער מלחמה פון 1870 איז ער תחילת געבליבן אין פּאַריז און האָט אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט אונטערן נאָמען „דאָס פאַטערלאַנד אין געפאַר" (Patrie endanger) אין פעברואַר 1871 האָט ער פאַרלאָזן פּאַריז, נאָכדעם ווי ער האָט אין איינער אַ בראָשור געשטעמפּלט די פירער פון דער נייער רעפּובליק אַלס רעאַקציאָנערן און פאַררעטער; ער איז אוועק אין פּראָווינץ, צו זיינער אַ שוועסטער, נאָר די ווערסאַלער רעגירונג האָט אים דאָרטן אַרעסטירט, אַזוי אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט באַטייליקן אין דער פּאַריזער קאָמונע, הגם די פירער פון דער קאָמונע האָבן פאַרגעלייגט די ווערסאַלער אים אויסצובייטן אויף אַ גאַנצער רייע ערזבישאָפס. די ווערסאַלער האָבן געוווּסט, ווי מאַרקס דריקט זיך אויס אין זיין „בירגער־קריג", אַז באַפרייענדיק בלאַנקין, וואָלטן זיי דערמיט אַליין אַ קאָפּ אַרויפגעזעצט אויף דער קאָמונע. בלאַנקי האָט דאַן קוים אויסגעמיטן אַ טויט־אורטייל פון אַ קריגס־געריכט; ער איז געוואָרן פאַרשיקט, און האָט זיך אומגעקערט קיין פּאַריז ערשט נאָך דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע פון 1879; ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן די צייטשריפט . Ni Dieu, ni

---

*) L. A. Blanpui. Critipu sociale
פּאַריז 1885, באַנד I). 173 — 220.

**) Marx-Engeis Briefwechsel שטוטגאַרט 1913 ב. 4 ז.140

Maitre (נישט קיין גאָט און נישט קיין האַר). א טיפּער זין איז אָט דער געבוירענער פּראָמעטעוס געשטאָרבן אין פּאַריז דעם 1 יאַנואַר 1881.

5. סאָציאַליסטן און סאָציאַל־קריטיקער: פּעקער, פּרודאָן, קאַבע, לערו, בלאַן.

הגם דער אַוואַנגאַרד פונם אַרבעטער־קלאַס איז געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט און האָט געשטרעבט צו פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט, כדי צו פאַרווירקלעכן זיינע געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע צילן — איז דאָך דער סאָציאַליסטישער געדאַנק פון יענער צייט (1830—1840) געווען דורך און דורך פרידלעך: דאָ (אין סאָצ. געדאַנק) איז נאָך פאַרן פּראָלעטאַריאַט נישט פאַראַן קיין שום אַקטיווע ראָל; ער איז בלויז אַן אָביעקט פון רחמנות, מיטלייד און מענשן־ליבע. דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם פון יענער צייט איז אָדער עטיש־רעליגיעז אָדער אוטאָפּיש.

פּראָלעטאַריאַט און סאָציאַליזם, האָט זיך געדוכט, קערן זיך גאָר נישט אָן מיטאַנאַנדער. אויף איין זייט זענען געווען בואָנאַראָטי—בלאַנקי אַלס פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע קאָמוניסטן, און אויף דער צווייטער זייט די עטיש־רעליגיעזע און אוטאָפּישע סאָציאַליסטן און סאָציאַלקריטיקער. די לעצטע זענען מייסטנס געווען זייער באַדייטנדיקע און פרוכטבאַרע שריפטשטעלער, נאָר זיי האָבן זיך אָדער געפונען אונטערן איינפלוס פון די סען־סימאָניסטן און פוריעריסטן, אָדער זיי זענען געווען געפאַנגען אין נעץ פון קליינבירגערלעכע געפילן און פאָרשטעלונגען. אַלס סען־סימאָניסטן אָדער פוריעריסטן האָבן זיי פאַרבונדן דעם סאָציאַלן פּראָגרעס מיט דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, האָבן אַרויסגעקוקט אויף חסדים פון די גרויס האַרציקע קאַפּיטאַליסטן און פון דער מלוכה, אָדער זיי האָבן געגלייבט, אַז דער קליין־האַנטווערק קאָן געהאָלפן ווערן דורך ביליקן צי אומזיסטן קרעדיט, דורכדעם, וואָס מען וועט באַזייטיקן די הענדלער און די מלוכהשע ביוראָקראַטיע (דעם שטייער־וועזן).

דער באַדייטנדסטער סען־סימאָניסט, נאָך באַזאַר, איז געווען

קאָנסטאַנטין פּעקער (1801—1887), און ער איז בכלל דער לערך אָריגינעלסטער פֿון די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן פֿון יענער צייט. זיין בעסט ווערק איז „Economie sociale“ (פּאַריז, 1839), וווּ ער באַהאַנדלט די באַדייטונג פֿון דער דאַמף־מאַשין פֿאַרן האַנדל, אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפֿט און בכלל פֿאַר דער ציוויליזאַציע. דאָס ווערק, אין צוויי בענדער, איז פּרעמירט געוואָרן בעת אַ קאָנקורס פֿון דער אַקאַדעמיע פֿאַר מאָראַלישע און פּאָליטישע וויסנשאַפֿטן אויף דער טעמע וועגן קולטורעלן איינפֿלוס פֿון דאַמף, אייזנבאַן און דאַמף־שיפֿן. פּעקער האָט באַקומען די פּרעמיע, כאָטש די אַקאַדעמיע האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיט זיינע סאָציאַליסטישע אויספֿירונגען. ער איז שטאַרק באַגייסטערט פֿון די דערגרייכונגען פֿון דער מאָדערנער טעכניק, און ער זעט אין זיי אַ מיטל: 1) צו פֿאַרגרעסערן דאָס רייכטום, דורך קאָנצענטרירונג פֿון די צעשפּליטערטע איינצלווירטשאַפֿטן און אונטערנעמונגען. 2) צו אַנטוויקלען באַציונגען פֿון גלייכהייט און ברידערלעכקייט — וואָרום די מאָדערנע פֿאַרקער־מיטלען און פֿאַבריקן מאַכן די מענטשן נאָענטער איינעם צום צווייטן, צווינגען זיי צו אַרבעטן אינאיינעם און מאַכן אַזוי, אַז יעדערער איז אָנגעוויזן אויפֿן צווייטנס אַרבעט: „מיט איין וואָרט — פֿון דאַנען קומען אַרויס די אַסאָציאַציע און אַלע סאָציאַלע נאָכווירקונגען“ (באַנד I, ז. 80). די דאַמף־מאַשין אין דער פֿאַבריק און דער לאָקאָמאָטיוו אויף די האַנדלס־וועגן טראָגן אַריין אָרדענונג, רעגלמעסיקייט און באַהעפֿטקייט, אָנשטאָט דער ביז איצטיקער אַנאַרכיע און מהומה. אָט און סטעפּענסאָן האָבן אַ סוף געמאַכט צו דער צעשפּליטערטקייט און צעשטויבטקייט און האָבן געשאַפֿן די געמיינזאַמע אַרבעט (באַנד I, ז. 5—64, 95). אַזוי אַז אַסאָציאַציע איז *געוואָרן די אַלגעמיינע טענדענץ פֿון אונדזער צייט* (I, ז. 81): צענטראַליזאַציע — דורכדעם וואָס עס פֿאַרשווינדן די קליינע אונטערנעמונגען, די קליינע הייזער און די איינצל־געשעפֿטן, און עס גרינדן זיך אַקציען־געזעלשאַפֿטן; אין יאָר 1838 זענען אויף דער פּאַריזער בערזע נאָטירט געוואָרן אַרום הונדערט־פֿופֿציק פֿון 860 וועלכע אינלענדישע געזעלשאַפֿטן (I, ז. 88). „די פֿאַראייניקונג פֿון אַ גרויסער צאָל אַרבעטער אונטער

איין דאָך איז דער נויטווענדיקער רעזולטאַט פון קאַפּיטאַלן, פון דעם וואָס פאַרשיידענע צווייגן פון קרובֿהשע אינדוסטריען ווערן פאַראייניקט און עס פאַרשווינדן די קליינע ווערקשטאַטן און קליינע אינדוסטריע־צענטרען... אַלע איינפלוסן פון פאַראיינזאַמקייט און פון פּריוואַטן לעבן פון יחידים טרעטן אָפּ זייער אָרט פאַר די איינפלוסן פון עפנטלעכן לעבן... אין דעם דאָזיקן נייעם אופן פון פּראָדוקציע איז פאַרבאָרגן אַן אינדוסטריעלע, מאָראַלישע און פּאָליטישע רעוואָלוציע (I, ז. 36), דאָס אמת גוטע אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט איז: די בהדרגהדיקע סאָציאַליזירונג פון די רייכטום־קוואַלן, פון די אַרבעטס־אינסטרומענטן, פון די באַדינגונגען פון אַלגעמיינעם וווילשטאַנד (אַריינפיר, באַנד I, ז. VII). אַלץ אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער געגנוואַרט שטרעבט, דוכט זיך, דערצו, אַז די אַרבעטס־אינסטרומענטן זאָלן ווערן סאָציאַליזירט, ד. ה. מען זאָל דעם באָדן און די רוי־שטאָפן אַרויסנעמען פון דער הערשאַפט פון יחידים און זיי ביסלעכווייז פאַרוואַנדלען אין כלל־אייגנטום, וואָס מען זאָל נישט טאָרן נישט פאַרטיילן, נישט פאַרקויפן, נאָר עס זאָל זיין סאָציאַל און קאָלעקטיוו: „מיר באַוועגן זיך אין דער ריכטונג צו דעם דאָזיקן צושטאַנד לאַנגזאַם, אומדירעקט, מיט די געדרייטע אומבאַקאַנטע וועגן פון דער אומפאַרמיידלעכער נויטווענדיקייט, פון דער מאַכט פון די אומשטענדן; מיר באַוועגן זיך אין אָט דער ריכטונג דורך דער רעליגיע, דורך דער פּאָליטיק, דורך דער פּראַקטישער פאָלקסווירטשאַפט, דורך די ענדערונגען פונם אינדוסטריעלן מעכאַניזם; און דורך די אַלע וועגן וועלן מיר קומען צו אַזעלכע איינריכטונגען, וועלכע וועלן אָרגאַניזירן די סאָציאַליזירונג, וועלכע וועלן זי פאָרמולירן און דעקרעטירן פאַר אַ סאָציאַלן געזעץ, פאַרן העכסטן גרונט־געזעץ פון דער קינפטיקער עקאָנאָמישער אָרדנונג" (באַנד II, ז. 12—13). אָבער אין לעצטן סך־הכל הענגט דער פּראָצעס פון סאָציאַליזאַציע אָפּ נישט פון מאַטעריעלע כוחות, נאָר פון דער מאָראַלישער ווידערגעבורט פונם מענטשן, אַ דאַנק וועלכער ער וועט זיין אימשטאַנד צו פאַרבייטן דעם עגאָאיסטישן אינטערעס אויף איבערגעגעבנקייט צום כלל. עס איז נויטיק צו ענדערן די מאָטיוון פונם מענטשנס אַרבעט. בכלל איז די גאַנצע סאָציאַליזירונגס־פּראָגנ־

א רעליגיעז־מאָראַלישע פּראַגע (באַנד II, ז. 24—25). די ליבע צו מענטשן מוז אַרויספליסן פון דער ליבע צו גאָט. און די העכערע השגחה פירט די מענטשן פּאַמעלעך דערצו, זיי זאָלן דערגרייכן דעם דאָזיקן מאָראַלישן ניוואָ. דער מיטל־קלאַס, וואָס איז פלייסיק, ענערגיש און טיכטיק, ווערט אַלץ רייכער און קולטורעלער; און וואָס רייכער און קולטורעלער אָט דער קלאַס ווערט, אַלץ מער איז ער גענייגט בעסער צו באַלוינען און צו באַהאַנדלען די אַרבעטער; ער וועט נאָך צולאָזן די אַרבעטער צו האָבן חלק אין די פּראָפיטן (באַנד II, ז. 233, 132). געוויס, האָבן די דערפינדונגען אויך זייערע שלעכטע זייטן: די אייגנטימער פון די נייע מאַשינען האַלטן זיך צום אָנהויב פאַר מאָנאָפּאָליסטן און פּריווילעגירטע. אָבער דאָס איז אַ פאַריבערגייענדיקע זאַך. „די השגחה וועט דורך דער מאָראַלישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג, וואָס זי וועט צו אַ באַשטימטער צייט אַרויסצווינגען אויף אירע קעגנער, שוין וויסן, ווי מען קאָן אַמבעסטן סאָציאַליזירן, ד. ה. ווי אַרום די מאַשינען זאָלן פאַרווענדט ווערן פאַרן וווויל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט" (I, ז. 451). — פעקער איז אויך געווען אַ הייסער פּאַרטיידיקער פון פעלקער־פרידן און פון אינטערנאַציאָנאַלע שידס־געריכטן. זיין פּסיכיק איז געווען אינגאַנצן ווי ביי די אָפּטימיסטישע אָנהענגער פון פרייען האַנדל, נאָר וואָס די קענטשאַפט מיט די סען־סימאָניסטן און פוריעריסטן האָט אים געמאַכט פאַר אַ סאָציאַליסט. פון זיינע ווערק לייכט אַרויס מילדקייט, הומאַניזם, פיינע קולטור פון גייסט. ער איז וואַרשיינלעך טאַקע דער אויטאָר פונעם אויסדרוק „סאָציאַליזאַציע"; דאָס וואָרט באַגעגנט מען אין זיינע ווערק זייער אָפט. פעקערס אידעאַל איז געווען אַ סאָציאַליסטיש־עטישע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג: „די געטלעכע רעפּובליק".

א צייט־חבר פעקערס איז געווען פּרודאָן **P. I, Proudhon** זיין טעטיקייט איז געווען אַ סך טומלדיקער, הגם זי האָט ווייט נישט געהאַט דעם פאַרנעם און איז נישט געווען אַזוי באַלערנדיק, ווי פעקערס. פּרודאָן איז געבוירן געוואָרן אין 1809 אין בעזאַנסאָן, — דער געבורטשטאָט פון פוריע, און איז אויך געווען אַזוי באַרימעריש און גאווה'דיק, ווי פוריע. כאָטש ער האָט געהאַט אָרימע עלטערן, האָט ער דאָך באַקומען גוטע שול־בילדונג: ביז 19

יאָר האָט ער באַזוכט די גימנאַזיע, אויב אַפֿילו נישט אַלע מאָל אַזוי רעגלמעסיק. ער איז, אַלזאָ, נישט געווען קיין אויטאָ-דידאַקט, ווי איך האָב על פּי טעות אָנגעגעבן אין מיין „קאַרל מאַרקס". ערשט אויפֿן 20-טן לעבנס-יאָר האָט ער זיך אויסגעלערנט דרוקערײַ, איז געוואָרן קאָרעקטאָר, און האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן, פֿריער אויפֿן געביט פֿון פֿילאָלאָגיע און דערנאָך אויפֿן געביט פֿון סאָציאַלער קריטיק. אין 1840 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט דאָס באַרימטסטע ווערק זײַנע „וואָס איז אַזוינס אייגנטום?" מיטן ענטפֿער: „אייגנטום איז גנבֿה". אין 1846 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ צוויי-בענדיק ווערק „ווירטשאַפֿטלעכע ווידערשפּרוכן אָדער די פֿילאָזאָפֿיע פֿון אָרעמקייט", אויף וואָס מאַרקס האָט געענטפֿערט מיט זײַן „אָרעמקייט פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע". אין 1844—45 האָבן זיי זיך ביידע באַקאַנט אין פּאַריז און האָבן פֿיל דעבאַטירט איבער סאָציאַלע און פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען. אין 1848 האָט פּרודאָן פּראָקלאַמירט זײַן לייזונג פֿון דער סאָציאַלער פֿראַגע: אויפֿשטעלן אַ פֿאָלקס-באַנק, וווּ די פּראָדוצענטן זאָלן באַקומען ביליקן אָדער אומזיסטן קרעדיט און זאָלן קאָנען אויסטוישן זייערע פּראָדוקטן אויף גלייכע ווערטן. די דאָזיקע שריפֿטן האָט אים זייער פּאָפּולער געמאַכט אין פּאַריז, און ער איז בעת די צונאָב-וואַלן (יוני 1848) געוואָרן אויסגעוויילט אין דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג. ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ צײַטונג, אַ רייע בראָשורן און ביכער, פֿאַר וועלכע די רעאַקציע האָט אים פֿאַרפֿאָלגט. געשטאָרבן איז ער אין 1865, אין פּאַריז. פּרודאָן איז געווען מער פּאָלעמיסט, ווי סיסטעמאַטישער דענקער. די גרונט-געדאַנקען זײַנע קאָן מען בקיצור אַזוי סומירן: דער אינסטיטוט פֿון אייגנטום איז אומגערעכט און שעדלעך; דער פֿאַקט פֿון פֿאַרנעמען אַ שטיקל ערד קאָן נישט זײַן קיין יסוד פֿאַר אייגנטום; און פּונקט אַזוי קאָן אַרבעט נישט זײַן אַזאַ יסוד, ווײַל קיינער האָט די ערד נישט געמאַכט און איבריקנס, ווײַזט די דערפֿאַרונג, אַז אַרבעט פֿירט נישט צו אייגנטום, וואָרום די אַרבעטער זענען דאָך אָרים. רעכטמעסיק איז נאָר דער באַזיץ (צום אונטערשייד פֿון אייגנטום) פֿון זאַכן, וועלכע עמיץ שאַפֿט מיט זײַן אַרבעט. אָבער דער אויסטויש בײַ דער סיסטעם פֿון אייגנטום איז קיינמאָל נישט קיין אויסטויש פֿון גליי-

כע ווערטן אויף גלייכע: דער אַרבעטער קאָן פאַר זיין לוין קיינמאָל נישט צוריק אָפּקויפן דעם פּראָדוקט, וואָס ער האָט געשאַפן; די באַזיצער פון אייגנטום (פון פּראָדוציר־מיטלען) נעמען זיך צו אַ טייל פון פרעמדן אַרבעט־פּראָדוקט אין דער פאָרם פון באָדן־רענטע, פּראָפיט, צינזן. כדי אָפּצושאַפן אָט די אומגערעכטיקייט, באַדאַרף מען נישט קיין סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם, נאָר מען דאַרף אויפריכטן אַזאַ געזעלשאַפט, וווּ די אַרבעטנדיקע זאָלן קאָנען אויסטוישן זייערע אַרבעט־ווערטן אויף גלייכע אַרבעט־ווערטן.

די האַנטווערקער זאָלן זעלבשטענדיק פּראָדוצירן זייערע פּראָדוקטן, און צוליב דעם זאָלן זיי באַקומען ביליקן קרעדיט פון אַ פאָלקס־באַנק, וואָס זיי אַליין זאָלן טאַקע גרינדן, כדי צו קאָנען טוישן זייערע אַרבעט־פּראָדוקטן אויף גלייכע ווערטן. ק ע ג נ ז יי־ ט י ק ע ר ק ר ע ד י ט א ו ן ג ל יי כ ו ו ע ט י ק ע ר א ו י ס ט ו י ש. אַזאַ מין געזעלשאַפט ברויך נישט צו האָבן קיין שום מלוכה־אָרגאַניזאַציע, נאָר פולשטענדיקע פערזענלעכע פריהייט און גלייכהייט.

קורץ: זיין סיסטעם איז מוטואַליזם (קעגנזייטיקייט) און אַנאַרכיע (מלוכה־לאָזיקייט). די סיסטעם איז קליין־בירגערלעך, ווייל זי איגנאָרירט לחלוטין די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם — אַן אַנטוויקלונג, וואָס טראָגט אין זיך אַ שטאַרקע טענדענץ צו אַסאָציאַציע און צענטראַליזאַציע פון די ווירטשאַפטס־כוחות, ווי פּעקער האָט דאָס ריכטיק אונטערגעשטראָכן.

און איצט צו די קלענערע שריפטשטעלער. עטיען קאַבע (1788—1856), אַן אַדוואָקאַט און גענעראַל־פּראָקוראָר אין קאָרסיקע (1830), איז תחילת געווען אַ בירגערלעכער רעפּובליקאַנער; האָט אים דאָס בירגערלעכע קעניגטום פאַרפאָלגט, און די אָפּאָזיציע האָט אים אָבער אויסגעוויילט אין פּאַרלאַמענט אַריין, און ער האָט דאָרטן מוטיק פאַרטיידיקט זיינע איבערצייגונגען. ווען מ'האָט אים אין 1834 פאַרמשפּט צו תפיסה, איז ער אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן; דאָרטן האָט ער צוגעזען די אוטאָפּיסטישע באַוועגונג, געלייענט די „אוטאָפּיע" פון טאָמאַס מאָרוס — און איז געוואָרן קאָמוניסט. אין 1842, שוין צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך, האָט ער אָנגעשריבן זיין אוטאָפּיש ראָמאַן „די רייזע קיין איקאַריען"; דעם ראָמאַן האָט מען אַ סך געלייענט, און ער האָט פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן די קאָמוניסטישע אידעען.

פיער לערו (1797—1871) איז געווען דער ערשטער ווירקלע־
כער ארבעטער, וואס איז געווארן א סען־סימאניסט, אין יאר 1824.
ער איז געווען א זעצער פון פאך. ער האט עס געגרינדעט די צייט־
סען־סימאניזם שריפט „גלאבע“, אבער שפעטער איז ער אוועק פון
און געווארן א מיסטיש־רעליגיעזער סאציאל־רעפארמער און האט גע־
האט א געוויסן איינפלוס אויף זשארזש זאנד, וועלכע האט, ווי באַ־
קאנט, געשריבן דעמאלט די א. ג. סאציאליסטישע ראמאנען.

לואי בלאן (1811—1882) איז דער עיקר געווען א פובליציסט.
זיינע ווערק איבער געשיכטע האט מען זייער פיל געלייענט. אין
ברייטע קרייזן איז ער באקאנט געווארן אלס סאציאל־דעמאקראט צו־
ליב זיין קליינער שריפט „די ארגאניזאציע פון ארבעט (1839—1840
Organisation du travail)). די „ארגאניזאציע פון ארבעט“ איז
געווארן דאס שלאג־ווארט, דער לאזונג פון דער פעברואר־רעוואלו־
ציע (1848). שארף פארורטיילנדיק די קאנקורענץ, אלס קוואל פון
דער היינטיקער ארימקייט, האט לואי בלאן פארגעלייגט: פארמלוכה־
שען די אייזנבאנען און די בארג־אינדוסטריע, און שאפן ארבעטער־
פראדוציר־קאאפעראטיוון, מיט דער הילף און אונטערשטיצונג פון
דער מלוכה. אין 1848 האט לואי בלאן געשפילט א באדייטנדיקע ראָל.
אפילו אין דייטשלאנד, בעת דער מערץ־רעוואלוציע, זענען אין די אר־
בעטער־קרייזן געווען א סך אנהענגער פון לואי בלאנס אידעען. די
דאזיקע אידעען זענען געווען אזוי פאפולער דעמאלט, אז לאסאל האט
זיי אויך אנגענומען און שפעטער פון זיי אויסגעהויבט דעם פאזיטיוון
טייל פון זיין פראגראם.

6. די פעברואר־רעוואלוציע פון 1848

פאר רעוואלוציאנערן, פאר ארבעטער איז א גרינטלעכע קענט־
שאפט פון דער געשיכטע פון דער פעברואר־רעוואלוציע א סך וויכ־
טיקער, ווי פון וועלכער ס'נישט איז רעוואלוציע פון די פריערדיקע
צייטן. אין פעברואר 1848 טרעט שוין דער פראלעטאריאט ארויס
אויף דער היסטארישער ארענע מיט אייגענע פאדערונגען, מיט א
שטרעבונג צו מאכט אויפן געביט פון פאליטיק אוןווירטשאפט. דער
אויפשטייג פון דער דאזיקער רעוואלוציע, איר פארלויף און איר סוף
טראגן אין זיך וויכטיקע לערן פאר דער קעגנווארט און פאר דער צו־

קונפט. און מיר געפינען אין איר מערקווירדיקע פאראלעלן מיט דער דייטשער נאוועמבער־רעוואלוציע פון 1918.

די וואקסנדיקע קליינבירגערלעך־רעפובליקאנישע אפאזיציאנעלקייט, די ארגיעס פון דער פינאנץ־אריסטאקראטיע, די פארקויפלעכקייט פון די הויכע שרות, די גרויסע פארשפרייטקייט פון עוואלוציאנער־סאציאליסטישע אידעען, די שלעכטע גערעטעניישן פון 1845 און 1846, דער ווירטשאפטלעכער קריזיס און יקרות פון 1847 — די דאזיקע אלע פאקטארן צוזאמען האבן ביז לעצט דיסקרעדיטירט דאס בירגערלעכע קעניגטום. טיילן פון דער בורזשואזיע און דאס קליינבירגערטום פון פאריז האבן גענומען רופן די ארבעטער אויף די באריקאדן; דעם 24 פעברואר האבן די ארבעטער געפאלגט דעם דאזיקן רוף — און נאך אייניקע צוזאמענשטויסן מיטן מיליטער האט די רעוואלוציע געזיגט. דער קעניג איז אנטרונען געווארן, און די מאסן האבן געשטראמט צו די רעדאקציעס פון די אפאזיציאנעלע צייטונגען „נאציאנאל“ און „רעפארב“, ווו ס'איז געווען ארויסגעשטעלט א ליסטע פון דער צייטווייליקער רעגירונג, — דאס פארזאמלטע „פאלק“ האט אפראבירט די ליסטע. די רעפובליקאנער האבן לכתחילה געוואלט א ריין־בירגערלעכע רעגירונג, אבער מחמת מורא פאר די באריקאדן־קעמפער האבן זיי אריינגענומען אין דער רעגירונג די סאציאליסטן לואי בלאן און אלבער (אן ארבעטער). בראש פון דער רעגירונג איז געשטאנען לאמארטין, א פאעט, א רעדנער, א „רעפובליקאנער“, אבער נישט קיין סאציאליסט. ער און זיינע קאלעגן זענען באלד גרייט געווען צו פאראטן זייער „אידעאל“ — זיי האבן אפגעשלעפט מיטן פראקלאמירן די רעפובליק — נאר די דראונג פון די פאריזער ארבעטער, איבערגעגעבן דורך ראספאיען, האט געצווונגען די נייע באלעבאטים צו פראקלאמירן דעם 25 פעברואר די רעפובליק. דאסגלייכן האט דער ארבעטער מארש ארויסגעריסן ביי דער רעגירונג די אנערקענונג פון רעכט אויף ארבעט — מיט א געלאדענעם רעוואלווער אין האנט איז מארש געשטאנען פאר לאמארטינען, ביז מען האט דאס דאזיקע רעכט נישט פארמולירט און אויפגעשריבן. די דאזיקע פאדערונג האט דעמאלט געשפילט לערך אזא ראל, ווי די פאדערונג פון סאציאליזאציע אין דער דייטשער

נאָוועמבער־רעוואָלוציע פון 1918. כדי פּטור צו ווערן פון לואי בלאַנען און אַלבערן האָט די רעגירונג באַשטימט אַן ארבעטס־קאָמיסיע, וועלכע האָט באַהאַרפּט ארבעטן אין לוקסעמבורגער פּאַלאַץ אונטער דער פירונג טאַקע פון לואי בלאַנען און אַלבערן; סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע איז געווען פּעקער. כדי פּאַקטיש דורכצופירן דאָס רעכט אויף ארבעט, האָט מען גענומען אָרגאַניזירן נאַציאָנאַלע װאַרשטאַטן, מיט דער אויסדריקלעכער כונה צו דיסקרעדיטירן די ארבעטער־פאָדערונגען און די סאָציאַליסטישע אידעען. גלייכצייטיק האָט די רעגירונג געהאַלטן אין אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטע מאַכט, כדי צו קאָנען איינצוימען און דערנאָך גאָר הערשטיקן די אַרבעטער, וועלכע זענען געווען שטאָלץ מיט זייער נצחון און האָבן באַקומען „צו גרויסע" אַפּעטיטן. ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, איז אויגוסט בלאַנקי געווען שוין אין פּאַריז; ער האָט פאַרשטאַנען די פּלענער פון דער צייטווייליקער רעגירונג, און האָט אָנגעהויבן פאָדערן מען זאָל זי „דורכרייניקן" און פאַרבייטן אויף אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, וועלכע זאָל אַ געוויסע צייט רעגירן דיקטאַטאָריש און צוגרייטן דאָס לאַנד פאַר די געהעריקע רעפאָרמען. די צייטווייליקע רעגירונג איז אָבער באַשטאַנען אויף אירע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און פאָרגעשלאָגן צענויפצורופן אַ נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אויפן יסוד פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע עלעמענטן, באַגייסטערט פון דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, האָבן געשטיצט די צייטווייליקע רעגירונג און באַקעמפט בלאַנקין מיט זיינע קאָמוניסטישע אָנהענגער. אַזוי אַרום האָט די רעגירונג געהאַט פאַר זיך נישט קיין שווערע שפּיל: זי האָט פאַרשטאַרקט די באַוואָפנטע כוחות כלומרשט קעגן די קאָמוניסטן און אין דער אמתן קעגן פּראָלעטאַריאַט. און אַז בלאַנקי האָט אויפן 16 אַפּריל 1848 אָרגאַניזירט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע, מיטן ציל אַראָפּצוואַרפן די צייטווייליקע רעגירונג און זי פאַרבייטן אויף אַ סאָציאַליסטישע — האָט זיך דער רעגירונג, מיט דער הילף פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איינגעגעבן אָנצושרעקן מיטן קאָמוניסטישן געשפּענסט דעם ברייטן עולם און די באַוואָפנטע כוחות פון לאַנד. דעם 16 אַפּריל האָט אַן אימפּאָזאַנטע אומבאַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע געצויגן דורך די גאַסן פון פּאַריז.

אויף די פּענער האָט מען געקאָנט לייענען די אויפשריפטן: „אָפּשאַפֿן די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש!", „רעכט אויף אַרבעט!", „אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט!". אָבער דאָס שלאָגוואָרט פון דער רעגירונג, אַז זי פירט אַ קאַמף נישט קעגן אַרבעטער און נישט קעגן סאָציאַליסטן, נאָר קעגן קאָמוניסטן, האָט געהאַט די פּעולה, אַז דאָס מיליטער האָט באַגעגנט די דעמאָנסטראַציע מיט פיינטלעכע אויסרופן: „נידער מיט די קאָמוניסטן!". די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנישע קליינבירגער האָבן פון שרעק פאַרן קאָמוניזם אויך אונטערגעכאַפּט דעם דאָזיקן רוף, און בלאַנקיס אונטערנעמונג איז אַדורכגעפאַלן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די רעאַקציע האָט זיך פאַרשטאַרקט. סוף אַפּריל זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, אַלע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן זענען אין די וואַלן דורכגעפאַלן, און אַ סך אַרבעטער זענען דעמאָלט אַפילו דערמאָרדעט געוואָרן.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט אָפּגעטראָטן, באַגלייט מיט ברכות פון דער בורזשואַזיע, מיט קללות פון אַלע קאָמוניסטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. העכסט אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס העגריך היינע זאָגט וועגן אָט דער רעגירונג: „דעם קלאָגעדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט מען צו פאַרדאַנקען די אומגעטרייע שליחים פון פאָלק, וועלכע האָבן דורך זייער שלימזלדיקייט, אָדער פּחדנות, אָדער דאָפּלטרשפּיל אַ תל געמאַכט פון יענעם גרויסן אַקט פון פאָלקס־סוווערעניטעט, וואָס האָט זיי געגעבן אומבאַגרענעצטע מאַכט... באַלד פון דער ערשטער שעה פון דער צייטווייליקער רעגירונג, ווי זי האָט זיך נאָר געגעבן אַליין דעם דאָזיקן נאָמען, האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע נישטיקייט פון אָט די קליינע מענטשן. שוין דער נאָמען „צייטווייליקע רעגירונג" באַווייזט אָפיציעל זייער שרעקעוודיקייט, און האָט פון פאָרויס צונישט געמאַכט אַלץ... וואָס זיי האָבן אפשר געקאָנט אויפטון. קיינמאָל נאָך האָט דאָס פאָלק, אָט דאָס גרויסע יתום־קינד, נישט אַרויסגעצויגן פון גליק־קאַסטן פון דער רעוואָלוציע מער נעבעכדיקע פוסטע נומערן, ווי די פיגורן, וועלכע האָבן געבילדעט יענע צייטווייליקע רעגירונג. עס זענען געווען צווישן זיי נעבעכדיקע קאָמעדיאַנטן, וועלכע זענען ביז צום לעצטן האָר, ביז צו דער

פאַרב פון באָרד ענגלער געווען צו יענע העלדן פונם ליבהאָבער־טעאַטער, וואָס שעקספּיר פירט פאַר אונדז אַזוי לוסטיק אויף אין זיין „זומער־נאַכט־חלום“. אָט די שווערלייביקע געזעלן האָבן פּאַקטיש פאַר קיין זאַך אַזוי נישט מורא געהאַט, ווי טאָמער נעמט מען זיי ערנסט, און שנאָק דער סטאָליער האָט פון פאָרויס פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט קיין אמתער לייב, נאָר אַ צייטווייליקער, אַז ער איז נאָר שנאָק דער סטאָליער, נישט מער, און דאָס פּובליקום דאַרף זיך דעריבער נישט שרעקן פאַר זיין ברומען, ווייל ס'איז נאָר אַ צייטווייליקער געברום“ (היינע, דייטשלאַנד).

דעם 4 מאַי איז זיך צונויפגעקומען די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג און האָט געבילדעט אַ ריין־בורזשואַזע רעגירונג. עלף טאָג שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע לטובת פּוילן און איטאַליען און פאַר אַ „דעמאָקראַטישער אויסערן־פּאָליטיק“; בלאַנקי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט אויף צו שטעלן זיך בראש פון דער דעמאָנסטראַציע און זי פירן צום פּאַרלאַמענט; ער האָט זיך אַריינגעריסן אין פּאַרלאַמענט, מיט געוואַלט גענומען אַ וואָרט און דערמאָנט די סוווערענען, אַז זייער גאַנצע חשיבות האָבן זיי צו פאַרדאַנקען נאָר דער אָפּפערווויליקייט פון די אַרבעטער, אַז די רעגירונג האָט אין זינען די אויסלענדישע פּאָליטיק, זי איז פאַרנומען מיט רוסלאַנד און עסטרייך, אָבער קיינער קלערט אַפילו נישט וועגן צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די מערדער פון די געפאַלענע פראַנצויזישע אַרבעטער, כאָטש זייער אייגנטלעכע אויפגאַבע וואָלט דאָך באַדאַרפט זיין זיך פאַרנעמען מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. בלאַנקיס אַרויסטריט האָט אויף אַ ווײַלע פאַרייניקט אַלע סאָציאַליסטישע עלעמענטן, און מען האָט אַרויסגעשטעלט אַ סאָציאַליסטישע ליסטע, וווּ אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען זענען געווען פאַרטראָטן. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. די רעאַקציע איז שוין געזעסן אין זאָטל און געהאַלטן פעסט דעם שווערט אין האַנט. די נייע רעגירונג האָט משלח געווען די לוקסעמבורגער קאָמיסיע, געשלאָסן די נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן, געראַטן די אַרבעטלאָזע אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי אָדער אָפּצופאָרן אין פּראָווינץ; זי האָט אַזוי לאַנג פּראָוואָצירט די מאַסן, ביז ס'איז אויסגעבראָכן, אין דער לעצטער וואָך פון יוני, אַן אויפשטאַנד. די גאַ־

סען פון פּאַריז זענען געוואָרן פול מיט באַריקאַדן. דער רעפּובּליקאַנישער גענעראַל קאַוועניאַק האָט אַרויסגעפירט דאָס מיליטער, און נאָך דרייטאָגיקער שלאַכט האָט ער צעטרונקען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין בלוט פון אירע מוטיקסטע קעמפער. די רעפּובּליקאַנישע אָדער דעמאָקראַטישע בורזשואַזיע האָט צעשלאָגן די אמתע רעפּובּליקאַנער און האָט געמאַכט פריי דעם וועג פאַר לואי נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז געוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובּליק און האָט דערנאָך, דעם 2 דעצעמבער 1851, געמאַכט אַן איבערקערעניש און זיך דערקלערט פאַר דיקטאַטאָר און אַ יאָר שפּעטער זיך געקרוינט פאַר קייזער. אויגוסט בלאַנקי איז דעמאָלט געזעסן שוין אין תפיסה, און לואי בלאַן און דער רוב סאָציאַל־דעמאָקראַטן זענען שוין געווען אין אויסלאַנד, כדי צו ראַטעווען זיך פון אַרעסט. אַזוי האָט זיך די פעבּרואַר־רעוואָלוציע געענדיקט מיט אַ מוראדיקער מפּלה, אַ דאַנק דער אומאייניקייט און רעוואָלוציאָנערער נישט־געניטקייט פון די סאָציאַליסטן און פון די אַרבעטער.

אינהאלט

הקדמה צו דער ערשטער אויפלאגע.

הקדמה צו דער צווייטער אויפלאגע.

I. די ווירטשאפטלעכע איבערקערעניש אין ענגלאנד

1. רעזולטאטן פון דער בירגערלעכער רעוואלוציע 3
2. טעכנישע דערפינדונגען און פאבריקסיסטעם 4
3. סמיט, בענטאם און ריקארדא 7

II. ענגלישע סאציאל-קריטיק אין דער ערשטער פאזע פון דער ווירטשאפטלעכער איבערקערעניש

1. ראבערט אוּאלעס: קאמוניזם און איבערבאפעלקערונג 13
2. ספענס און באדן־רעפארם 14
3. גאדווין און דער אנארכיסטישער קאמוניזם 17
4. שארל האל — דער טעאָרעטיקער פון קלאסן־קאמף 19

III. פרווון פון ווירטשאפטלעכער רעוואלוציע אין פראנקרייך

1. פון אפוטרופסות צו פרייהייט 25
2. די פיזיאקראטן: **Laissez faire, laissez aller** 27

IV. די פראנצויזישע רעוואלוציע

1. קלאסן און קאנסטיטוציאנעלע קאנפליקטן 30
2. די רעוואלוציאנערע דיקטאטור 34
3. די קאנסטיטוציע פון 1793 און די סאציאל־קריטיק 36
4. לאנזש און דאליוויער 38

V. די פארשווערונג פון באבעף

1. סיבה, לאזונג און ציל 41
2. פיליפא בואנאראטי און די רעוואלוציאנערע דיקטאטור 42
3. דער אויסגאנג פון דער פארשווערונג 44

VI. דער אפקלאנג אין דייטשלאנד

1. ווירטשאפטלעכע אויפלעבונג און פאליטישע אונטערדריקונג 46
2. קאמוניזם ביי ווילאנדן און הייניזען 50
3. סאציאל־רעליגיעז־אפיקורסישע שטרעמונגען: ווייזהויפט (אילומי־נאטן) 56

4. גאטהאלד עפראאים לעסינג 60

5. פרידריך קריסטאף עטינגער 63

6. פיכטע און זיין סאציאליזירטשאפט 65

VII. די חקופה — נאפאלעאן און רעסטאווראציע

1. קריג, וועלט־פאליטיק און האנדל־שפעקולאציע 73

2. שארל פוריע 75

3. סען־סימאן 82

4. סען־סימאניסטן 89

VIII. דער אנהויב פון דער ענגלישער ארבעטער־באוועגונג (1792 — 1824)

1. די ווירקונג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע 95

2. די לודיסטן (מאשינען־צעשטערער) 97

3. סאציאלער שטורם און דראנג 100

4. ראבערט אאוען 101

5. קאמב, גרעי, טאמפסאן, מארגאן, ברעי 109

6. אינדיווידואליסטישע סאציאל־קריטיקער: רעווענסטאן, האדזשקין 114

XI. די ערשטע סאציאל־רעוואלוציאנערע ארבעטער־באוועגונג אין ענגלאנד (1825 — 1855)

1. ערשטע פאזע: בירגערלעך־פראלעטארישער בלאק צוליב וואל־רעכט (1825—1832) 122

2. צווייטע פאזע: אנטי־פארלאמענטאריזם און סינדיקאליזם (1832—1835) 123

3. דריטע פאזע: טשארטיזם (1836—1855) 126

X. פראנקרייך פאר די יארן 1830 — 1848

1. דאס בורזשואזע קעניגטום 131

2. די קלאסן־טיילונג אויף בורזשואזיע און פאלק 133

3. געהיימע פארשווערונגען און פוטשן 135

4. אויגוסט בלאנקי 139

5. סאציאליסטן און סאציאל־קריטיקער: פעקער, פרודאן, לערו, בלאן 142

6. די פעברואר־רעוואלוציע פון 1848

מ. בער

געשיכטע
פון סאציאליזם

פינפטער טייל

די נייסטע צייט ביז 1920

יידיש יוסף רעשצינסקי

פארלאג „די וועלט" ווארשע, 1929

rinted in Poland

M. BEER — Historja socjalizmu
Wyd.: „Di WELT", Wsrszawa.
DRUKARNIA o o o o o
o o o „DI WELT"
WARSZAWA, NOWOLIPIE 7.

הקדמה

מיט דער דאָזיקער פֿינפֿטן טייל קומען מיר צום סוף פֿון אונזער אַרבעט. זייט דעם 19־טן יאָרהונדערט איז דער סאָציאַליזם — פֿון אַ טרוים וועגן דער גאָלדענער גן־עדן צייט, פֿון כיליאַסטישע האָפֿנונגען, אַפּיקורסיש־סאָציאַלע שטרעבונגען און אוטאָפּישע שילדערונגען — געוואָרן אַ ברייטע באַוועגונג, אַזוי אַז אין די יאָרן 1917—1920 איז זי געוואָרן אַ ערשט־ראַנגיקער סאָציאַלער כוח און האָט געקאָנט קלערן וועגן דעראָבערן אייראָפּע. די ירידה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זייט מיטן 1920, איז נאָר אַ צייטווייליקע, און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג וועט זי לייכט בייקומען, ווי נאָר זי וועט זיך באַפֿרייען פֿון די פּסולת, וואָס פֿאַרמיסטיקן זי, און וועגן וועלכע עס וועט זיין אַ רייד אין די לעצטע קאַפּיטלען פֿון בוך. די שענסטע באַלוינונג, וועלכע איך קאָן מיר ווינטשן פֿאַר דער אַרבעט, איז — אַז זי זאָל דערוועקן ביי די לעזער דעם פֿעסטן ווילן מיטצוהעלפֿן צו דער ווידער־אויפֿריכטונג פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. וואָרום פֿונם זיג פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג הענגט אָפּ דער גורל פֿון אייראָפּע און גאַנץ באַזונדער דער גורל פֿון דייטשן פֿאָלק.

די איצטיקע לאַגע פֿון אייראָפּע דערמאָנט די לאַגע פֿון העלאַדע נאָך דעם פּעלאָפּאָנעזישן קריג. נאָך דעם חורבן פֿון דער וועלט־מלחמה, הויבט זיך איצט אָן אַ צייט פֿון ענגליש־פֿראַנצויזישן קאַמף פֿאַר דער העגעמאָניע אין אייראָפּע, און אין דער זעלבער צייט ווערט אייראָפּע צעריסן און געשטערט אין איר אַנטוויקלונג דורך קלאַסן־קאַמפֿן אָן אַ קלאָרער אַנטשיידונג. דאָס דייטשע פֿאָלק וועט אין אָט דעם העגעמאָניע־קאַמף זיין בלויז אַן אָביעקט, אויב עס וועט

ווידער חלומען וועגן די לאַרבער־קרענץ פון אַ נאַציאָנאַליסטיש־קאַפּיטאַליסטישער מלוכה. עס קאָן אָבער שפּילן די ראָל פון אַ וועלט־באַנייער, אויב עס וועט זיך דעצידירט שמעלן אויפן באָדן פון דער פאַרשפּילטער מלחמה און וועט איבעררייסן מיט דער פאַרגאַנגענהייט. פון יאָר 1918 אָן איז די צוקונפט פון דייטשן פאָלק אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער צוקונפט פון סאָציאַליזם.

מ. בעער

בערלין—קאַרלסהאָרט, מערץ 1923.

I. דייטשלאַנד (1800 — 1847)

1. מלחמות און נאַציאָנאַלע פרייהייט און איינהייט

איינער פון די פּאַטאַלסטע פעלער פון דער דייטשער פּאָליטיק איז געווען דאָס, וואָס די דייטשע מלוכות האָבן זיך באַטייליקט אין די מלחמות קעגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און קעגן נאַפּאָלעאָנישן פראַנקרייך פון 1792 — 1815. דאָס דייטשע פאָלק, וואָס האָט ערשט זייט 1750 אָנגעהויבן קומען צו זיך פון די פאָלגן פון דעם 30 יאָריקן קריג, איז ווידער אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ תהום פון אַוואַנטורעס, און עס האָט פאַרגאָסן טייכן בלוט און זאַפט פאַר דער אייגענער דעספּאָטישער רעאַקציע, פאַר דער ענגלישער אינדוסטריעלער און קאָלאָניאַלער פּאָליטיק, פאַרן צאַריזם און פאַרן יונקערטום, קעגן בירגערלעכער פרייהייט, קעגן דער נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דייטשלאַנד, קעגן דעם זיג פון ליבעראַליזם אין אייראָפּע. אָן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מלחמות פון דער קאָאַליציע וואָלט נישט געווען געקומען נישט צום טעראָר פון די יאַקאָבינער און נישט צום אימפּעריאַליזם פון נאַפּאָלעאָנען. די גרעסטע שולד באַר דער מפּלה אָדער דעגענעראַציע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פאַלט אויף די דייטשע מלוכות און אויף ענגלאַנד.

אין ערשטן יאָרצענט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט די פראַנצויזישע פאָלקס־קראַפט כמעט שוין געהאַט באַוויזן צו צעקלאַפּן די אייראָפּעישע רעאַקציע, אַזוי אַז דאָס דייטשע בירגערטום וואָלט באַקומען די מעגלעכקייט פון פרייער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג — וואָרום אונטער נאַפּאָלעאָנס קלעפּ איז די אַלטע דייטשע אימפּעריע צעבראָכן געוואָרן, פרייסן און עסטרייך זענען געוואָרן מאַכט־

לאָז, און די ענגלישע קאָנקורענץ איז געוואָרן באַדייטנד שוואַכער. אָבער די דאָזיקע אויסערסט גינסטיקע באַדינגונגען האָבן נישט אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסן דור, מיט אַ ווייטן בליק. סענטימענטאַלע לאָיאַליטעט, קורצזיכטיקער נאַציאָנאַליזם און באַגרעניצטער אונטערטאַנער־פאַרשטאַנד האָבן ווידער פאַריאָגט דאָס דייטשע פאָלק אין די אָרעמס פון רעאַקציע, פון פאַרקנעכטונג, פון ווירטשאַפטלעכן עלנט; הגם עס איז קלאָר געווען, אַז אַפילו די קליינע רעפאָרמען, וואָס שטיין און האַרדענבערג האָבן דורכגעפירט אין פּרייסן נאָך דער שלאַכט ביי יענאַ — די שטאַטישע קאָנסטיטוציע און די אַזוי גערופענע פויערן־באַפרייאונג (1807 — 1816) — האָט מען אויך צו פאַרדאַנקען נאָר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

בלויז איין לעבעדיקן געפיל האָט נאָך פאַרמאָגט דאָס דייטשע בירגערטום, נישט געקוקט אויף אַלע איבערגעלעבטע קאַטאַסטראָפעס — דעם ועפיל פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, די שטרעבונג צו איינהייט. דער פּרייסישער קעניג פרידריך ווילהעלם III, (1797 — 1840) און דער צאַר אַלעקסאַנדער I האָבן זיך גערעכנט מיט דער דאָזיקער שטרעבונג — און זיי האָבן, נאָך נאַפּאָלעאָנס קאַטאַסטראָפאַלן צוריקמאַרש פון מאָסקווע (1812—1813), צוגעזאָגט דעם דייטשן פאָלק, אַז דייטשלאַנד וועט זיין פריי און זעלבשטענדיק, און דעם 22 מאַי 1815 האָט דער קעניג פון פּרייסן איבערגעחזרט דעם זעלבן צוזאָג, און האָט נאָך חוץ דעם פאַרשפּראָכן אַ ריכטיקע קאָנסטיטוציע.

די דייטשע פעלקער האָבן זיך דאַן מיט גרויס התלהבות געוואָרפן אין די א. ג. באַפרייאונגס־מלחמות (1813—1815), האָבן צעשלאָגן נאַפּאָלעאָנען און געראַטעוועט — פאַר ענגלאַנד דעם וועלט־מאַרק און די קאָלאָניעס, און פאַר די לאַנד־פירשטן די טראָנען און טראָנעלעך. די באַלוינונג פאַר דעם אַלעם איז געווען: די הייליקע אַליאַנץ, די הערשאַפט פון מעטערניך, די אונטערדריקונג פון דער פרעסע און פון פאַריין־וועזן, אַרעסטן און רדיפות אויף די נאַציאָנאַלע פּאַטריאָטן, אַלס אויף דעמאַגאָגן, די נאַציאָנאַלע צעשפּליטערונג פון דייטשישן בונד (1 קייזער, 5 קעניגן, 29 סור־

ווערענע פירשטן) דער פאַרלאַמענט אין פראַנקפורט. אָדער — ווי יוליוס מאָזען האָט געקלאָגט אין זיין געדיכט „די פעלקער־שלאַכט ביי לייפציג:

„אַ סך טרייע געזעלן האָבן געוואָלט זיך קויפן אַ פאָטערלאַנד, אַ פריי פאָטערלאַנד ביי לייפציג, מיט אייזערנע אַרשינען... ביי לייפציג ליגן אין אייביקער רו קינדער פון מאַמעס; ראָבן, וואָס זיינען דאָרטן אַרומגעפלויגן, האָבן דאָס קבורה־ליד פאַר זיי געזונגען. וואָס פרעגט איר, איר געפאַלענע, וואָס איר רוט דאָ אונטן; וואָס איז אַרויסגעקומען דערפון, וואָס אַזוי פיל רויט־בלוט איז געפלאָסן?...

אָבער סיי די קלאָגענישן פון די דיכטער, סיי די פּראָטעסטן פון סטודענטן און אינטעלעקטועלער, פון אויפגעקלערטע בירגער און פון פּאָליטישע שריפטשטעלער, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן פאַר נאַציאָנאַלער איינהייט און פרייהייט (דורך די סטודענטישע חברות, דורך ספּאָרט־פאַריינען, אָדער דורך דעם „האַמבאַכער פעסט“ (1832) און „שטורם אויף דער וואַך“ (1833) אין פראַנקפורט) — האָבן נישט געהאַט קיין שום פּעולה, ביז די יולי־רעוואָלוציע (1830) פון פראַנצויזישן פאָלק און די פעברואַר־רעוואָלוציע (1848) פון פראַנצויזישן קליינבירגערטום און פּראָלעטאַריאַט האָבן נישט דורכגעבראָכן דעם וועג פאַרן ליבעראַליזם און פאַרן סאָציאַליזם.

2.ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער אויפרודער.

די דייטשע פעלקער זענען אַרויס פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עקספּעדיציעס און באַפרייאונגס־מלחמות פאַראָרימטע, צעשפּליטערטע און אויסגעשעפּטע. די פראַנצויזישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט פון זיי אַרויסגעפּרעסט קרוב אַ מיליאַרד מאַרק קאָנטריבוציעס; די יאָרן 1816 און 1817 זענען געווען יאָרן פון אומגערעטעניש און הונגער־נויט; די ווייטערדיקע יאָרן איז געווען שוין אַ נויט פון איבערפלוס: די קויף־קראַפט פון די מאַסן איז געפאַלן כמעט ביז נול; די מאַגאַזינען, שייערן און געוועלבער האָבן זיך

געבראַכן פון זאַפּאַסן. אָבער קיין מאַרק נאָכפרעג איז נישט געווען
און די ענגלישע קאָנקורענץ, באַוואָפנט מיט די דערגרייכונגען פון
דער מאָדערנער טעכניק, האָט אָפּגעטויט די שלעזישע לייוונט־אינדוס־
טריע און אָרעם געמאַכט די דאָרטיקע וועבער; און זי האָט אויך
מיט דערפאָלג געקעמפט קעגן דער זאַקסישער אינדוסטריע, ווייל
צוליב דער גרויסער פּאַראַרימטקייט האָט מען דאָ נישט געקאָנט
אָרגאַניזירן די אינדוסטריע אויף מאַשינעלע יסודות, בפרט אַז די
לוינען האָבן געווען אַזוי נידעריק, אַז אַרבעט־שפּאָרנדיקע מאַשי־
נעס האָבן אויסגעזען, ווי לגמרי אַן איבעריקע זאַך. בלויז אין ריין־
לאַנד־וועסטפאַלן, וווּ די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געשאַפן
אַביסל אַ פרייערן רעזשים, וווּ די פראַנצויזישע פּאָליטיק איז געווען
אַ פּרייננטלעכע — אויסרעכענענדיק אויף דער עווענטועלער פראַנ־
צויזירונג פונם ריין־געביט — בלויז דאָ האָט זיך די אינדוסטריע
ביסלעכווייז אַנטוויקלט, און די געגנט האָט מיטגעמאַכט דעם אַל־
געמיינעם גאַנג פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע.

די לאַגע האָט אָנגעהויבן בעסער ווערן פון נאָך דעם יאָר
1830 — די פּאַריזער יולי־רעוואָלוציע האָט אָנגעפילט מיט נייעם
מוט דאָס דייטשע בירגערטום. אין בראַונשווייג, קורהעסן, זאַקסן
און האַנאָווער זענען אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן, וועלכע האָבן גע־
צוווּנגען די רעגירונגען צו געוויסע פּאָליטישע הנחות; אין די דרום־
דייטשע מלוכות האָבן אַביסל אויפגעלעבט די שטאַנד־פּאַרלאַמענטן;
אין דער צווייטער פּאַלאַטע אין באַדען האָט מען שוין אפילו גע־
וואָגט צו דעבאַטירן מכוח צונויפרופן אַן אַל־דייטשן פּאַרלאַמענט.
דיווירטשאַפטלעכע טעטיקייט איז אויך געוואָרן לעבהאַפטער, און
אין דער נאַטור־וויסנשאַפט האָט זיך אויך געפילט אַ באַוועגונג.
דער פילאָזאָפישער און סאָציאַל־פּאָליטישער שריפטשטעלער פריד־
ריך אַלבערט לאַנגע גיט אין זיין „געשיכטע פון מאַטעריאַליזם"
(1887, צווייטער באַנד, ז. 436, דייטש) זייער אַ שיינע שילדערונג
פון דייטשלאַנדס ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער אַנטוויקלונג
אין יענער צייט: „וואָס עס האָט די יולי־מאָנאַרכיע און דעם
פראַנצויזישן קאָנסטיטוציאָנאַליזם באַזונדער באַליבט געמאַכט ביי

די קריזן, וואָס האָבן איצט פֿאַרגעבן דעם טאָן אין לאַנד, — איז די באַציונג צו די מאַטעריעלע אינטערעסן פֿון די באַזיצנדיקע קלאַסן. ערשט איצט האָט אין דייטשלאַנד אַ סוחר און גרינדער פֿון אַקציען־געזעלשאַפֿטן, ווי האַנזעמאַן, געקאָנט ווערן וואָרט־פֿירער פֿאַר דער עפֿנטלעכער מיינונג. געווערב־פֿאַראיינען און ענלעכע געזעלשאַפֿטן זענען געוואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן; אויפֿן געביט פֿון בילדונגס־וועזן האָבן זיך באַוויזן פּאָליטעכנישע אַנשטאַלטן, האַנטווערקערישע שולן פֿאַר ווייטער־בילדונג און האַנדלס־שולן, געגרינדעט דורך די בירגער פֿון די אויפֿבליענדיקע שטעט... די וויכטיקסטע טעטיקייט פֿון די רעגירונגען איז געווען דער פֿאַרקער־וועזן, און דער באַדייטנדיקסטער סאָציאַל־פּאָליטישער אויפֿטו פֿונעם גאַנצן יאָרצענדלינג איז געווען דער דייטשער צאָל־פֿאַרבאַנד (1834)”, וועלכער האָט ערשט איינגעפֿירט פֿריי־האַנדל צווישן די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דייטשלאַנד. אין דער זעלבער צייט הויבט זיך אויך אָן די בויאונג פֿון אייזנבאַנען אין דייטשלאַנד. באַזונדער מערקווירדיק איז אין דעם פּרט געווען דאָס יאָר 1835: אין דעם יאָר האָט זיך באַוויזן די ערשטע אייזנבאַן, עס איז דערשינען דאָס הייסטע פֿאַר יענער צייט רעליגיאָנס־קריטישע ווערק פֿון שטרויסן „דאָס לעבן פֿון יעזוסן”, און ס'איז אויך דערשינען גוצקאָווס פֿריידענקערישער ראָמאַן „וואַלי, די צווייפֿלערין”, פֿאַר וועלכן דער מחבר איז אָפּגעקומען אַ תּפֿיסה־שטראָף.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפֿשוואונג אין דער נאַטור־וויסנשאַפֿט, און דייטשלאַנד האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע רייע נאַטור־פֿאָרשער: ליביג (כעמיע), יאָהאַנעס מילער (פֿיזיאָלאָגיע), אַלעקסאַנדער פֿאָן הומבאָלדט (געאָגראַפֿיע), קאַרל פֿ. גאַאוס (מאַטעמאַטיק, עלעקטראָ־מאַגנעטיזם, טעלעגראַף).

סיי אין דער וויסנשאַפֿט, סיי אין דער דיכטונג האָט מען זיך דאַן אָפּגעקערט פֿון אידעאַליזם, פֿון ראָמאַנטיק. אַנשטאָט דער אידעאַליסטישער פֿילאָזאָפֿיע, אין וועלכער דאָס געדאַנקלעכע איז געגאַנגען פֿאָרויס פֿאַר דעם זינלעכן, אָדער עס האָט אַלנפֿאַלס פֿאַרנומען דעם אויבן אָן, האָט זיך איצט דורכגעשלאָגן אַ וועג אַ רעאַ־

ליסטישע וועלט־באַנעמונג; דאָס הייסט, מען האָט זיך געזאָגט: קודם איז דאָס זיין, און דערנאָך דאָס דענקען; צוערשט איז די זאַך, און דערנאָך דער באַגריף, די אידייע וועגן איר. פילאָזאָפיש האָט דאָס באַדייט: דער מאַטעריאַליזם האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונם אידעאַליזם.

פאַר דער געשיכטע־פאָרשונג האָט דאָס געהאַט גאָר אַ גרויסע באַדייטונג: אויב פריער האָט מען געזאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, האָט מען איצט געזאָגט פאַרקערט, אַז די מענטשן, אַלס מין, אַלס ראַסע, שאַפן זיך יעדעס מאָל אַ גאָט פון דעם אומבאַגרייפלעכן, וואָס ווירקט אויף זייער פאַרשטאַנד און אויף זייער געמיט — אַ מין גייסטיקער ענד־אויספיר פון זייער דערפאַרונג, פון זייער נאָכטראַכטן איבער וועלט און מענטשהייט, פון יענע אַלע מאָראַלישע געפילן און איבערלעבונגען, וואָס באַהערשן זייערע קעפ און רודערן אויף זייערע הערצער. הייסט דאָס — מענטשן האָבן פאַרגעטערט זייער אייגענעם גייסט; זיי האָבן דעם אייגענעם גייסט דערקלערט פאַר אַן אַבסאָלוטע קראַפט, פאַר אַן איבערפערזענלעכן כוח, וואָס שטייט איבער אַלע באַדינגונגען, אי־בער אַלע גרענעצן. טעאָלאָגיש גענומען, איז אַזאַ אָנשויאונג אַטע־איסטיש, גאָטלאָז. אין דייטשלאַנד האָט די דאָזיקע אָנשויאונג גע־פּרידיקט פויערבאַך; זיינע הויפּט־ווערק „דער מהות פון קריסטנ־טום“ און „פּראָוויזאָרישע טעזן“ זענען דערשינען אין 1841 און 1843.

פילאָזאָפיש האָט די נייע ריכטונג אויך געהאַט אַ גרויסע באַ־דייטונג. פריער האָט מען געקלערט, אַז דער אומענדלעכער גייסט אָדער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און רעגירט מיט איר, אָדער — אַביסל מאָדערנער — אַז אַן אומענדלעכער גייסט אַנטוויקלט זיך און אין זיין אַנטוויקלונג אַנטפּלעקט ער זיך דורך דער שטאָפלעכער וועלט (אומבאַוועגלעכע שטערן, פּלאַנעטן, מינעראַלן, פּלאַנצן, חיות), אַלס זיינע דרויסנדיקע און געזעענע פאָרמען און שטופעס; איצט אָבער האָט מען געהאַלטן, אַז דאָס שטאָפלעכע עקזיסטירט פון בראשית אָן און עס אָרגאַניזירט זיך און אַנטוויקלט זיך פון

זיך אַליין, דו־ד אינערלעכע כוחות, וואָס זענען אין אים פאַראַן: די אַנטוויקלונג גייט פון אומאָרגאַנישן (מינעראַלן) צום אָרגאַנישן (פלאַנצן און חיות); ווייטער — אַז דאָס גייסטיקע קאָן נישט עקזיסטירן אָן דעם שטאָפלעכן; אָדער דאָס גייסטיקע איז אַ פונקציע פונם אָרגאַנישן (דאָס הייסט: דער מאַרך אַרבעט איבער זינלעכע איינדרוקן און געדאַנקען, פונקט ווי דער מאָגן אַרבעט איבער שפייזן און בלוט), אָדער — דאָס גייסטיקע פליסט פון אייביק אָן אינם שטאָפלעכן. נאָר אינם אָרגאַנישן ווייזט זיך עס אַלץ דייטלעכער אַרויס, ביז עס אַנטפלעקט זיך אינם מענטשן, אַלס פאַרשטאַנד. לויט דער ריינער נאַטור־וויסנשאַפטלעך־מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג קומט אויס, אַז גייסט אַלס עפעס אַ באַזונדערער כוח איז גאָר נישט בנמצא: דאָס גייסטיקע איז נאָר אַ פראָדוקט פון פיזישער טעטיקייט. לויט אַ צווייטער אויפפאַסונג, איז יאָ פאַראַן גייסט ווי אַ באַזונדערער כוח, אָבער תמיד און אומעטום נאָר אין פאַרבינדונג מיט מאַטעריע, און ער ווירקט צוזאַמען אָדער פאַראַלעל מיט דער מאַטעריע, גייסט און מאַטעריע בילדן די איינהייטלעכע סובסטאַנץ — דעם אייגנטלעכן עצם פון דער וועלט. די לעצטע אויפפאַסונג קאָן מען אָנרופן פאַנטעאיסטישע אָדער מאָניסטישע.

דער אָנגריף אויף דער טעאָלאָגישער און אידעאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג — אויף גאָט און זיינע מלאכים — איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט אַן אָנגריף אויפן קעניגלעכן אַבסאָלוטיזם און אויף דער בוראָקראַטיזירטער מלוכה. נישט דער קעניג און די פאָליציי שאַפן און האַלטן אויף די מלוכה, נאָר די בירגער, די אַרבעטנדיקע און ווירטשאַפט־פירנדיקע, זיי שאַפן די מלוכה און די געזעלשאַפט -- און דעריבער מוז די רעגירונג אויך זיך געפינען אין די הענט פון די דאָזיקע קרייזן, אָדער זיי דאַרפן לפּחות זיין אַקטיוו באַטייליקט אין דער רעגירונג.

די אָפּאָזיציע קעגן פעאָדאַל־פּריצישן דעספּאָטיזם האָט געצויגן יניקה פון דעם דראַנג פון דייטשן בירגערטום צוזאַמענצונעמען די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטס־כוחות, פאַרייניקן אַלע דייטשע

שבטים און רעאָרגאַניזירן די דייטשע אימפּעריע צו נייער מאַכט און פּראַכט.

פרייע רעליגיעזע חקירה אַנשטאַט קירכלעכע דאָגמעס, נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג אַנשטאַט פילאָזאָפישער ספּעקולאַציע, ווירטשאַפטלעכע אַקטיווקייט אַנשטאַט פּאָליציייאישער רעגלאַמענטירונג, ליבעראַלע קאָנסטיטוציע אַנשטאַט פּערזענלעכער מאָנאַרכיע, נאַציאָנאַלע איינהייט אַנשטאַט פעאָדאַלע צעשפּליטערונג — דאָס איז געווען די פּראָגראַם פון דייטשן בירגערטום לערך פון יאָר 1830 אָן. זיינע וואָרט־פירער אין דער פילאָזאָפיע זענען געווען די יונג־העגעליאַנער (דאַוויד פרידריך שטרויס, 1808 — 1874; לודוויג פייערבאַך, 1804—1872; ברונאָ בויער, 1809—1882), און אין דער ליטעראַטור — די שול יונג־דייטשלאַנד (בערנע, היינע, גוצקאָוו, לאַובע). עס איז געווען אַ דור פון דערוואַקסענער אינטעליגענטועלער אַקטיווקייט, אַ דור, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ וואַך האַרץ פאַר אַלע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן לעבן. אָבער נאָר געציילטע פאָרטרעטער פון אָט דעם דור האָבן באַוויזן זיך צו אַנטוויקלען און צו שאַפן בלייבנדיקע ווערטן — אי דאָס ערשט אין דער עמיגראַציע: אין פראַנקרייך, בעלגיען, אין דער שווייץ, אין ענגלאַנד, וווּ זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון די דייטשע תפיסות און פון דער דייטשער צענזור.

איר עקסטרעמסטן אויסדרוק האָט די דאָזיקע ליבעראַלע שטרעמונג געפונען אין מאַקס שטירנערס (קאַספּאַר שמידט) ווערק „דער איינציקער און זיין אייגנטום“ (1845). ער האָט אַלע אַלגעמיינע באַגריפן — ווי גאָט, מענטשהייט, געמיינשאַפט, מאָראַלישקייט — אָפּגעלייקנט, ווייל זיי זענען נישט מער ווי איינרעדענישן, און דאָס איינציק רעאַלע איז פאַר אים געווען נאָר דער אינדיווידואום און זיין קראַפט. „מיין זאַך איז נישט דאָס געטלעכע און נישט דאָס מענטשלעכע, נישט דאָס אמתע, גוטע, ריכטיקע, פרייע א. אַ. וו., נאָר אויסשליסלעך דאָס מייניקע; און זי איז נישט קיין אַלגעמיינע זאַך, נאָר איינציק איז זי, ווי איך בין איינציק.“ שטירנער איז דער שאַרפסטער אויסדריקער פון אינדיווידו־

אַליסטישן אַנאַרכיזם. די פּאָלעמישע שאַרפקייט פון בוך האָט צום טייל געשטאַמט פון זײַן פון שטירנערס קעגנערשאַפט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט דעמאָלט געהאַלטן אין אַנטשטיין.

3. סאָציאַליסטישע שפּראָצונגען: קריטיק, דיכטונג, צײַטשריפטן. 1825 — 1847

די סאָציאַליסטישע שפּראָצונגען אין דײַטשלאַנד זענען פאַרטראָגן געוואָרן ד.ה. אויסלאַנד, און זײַט 1842 האָט מען זיי אָנגעהויבן צו באַמערקן אין ריינלאַנד־וועסטפאַלן און אין בערלין, דאָרט וווּ די מאָדערנע טעכניק האָט שוין געהאַט אַרײַנגעדרונגען. דער דײַטשער סאָציאַליזם איז נאָך צו יענער צײַט געווען נישט מער, ווי אַן אָפּקלאַנג פון פראַנצויזישן; אָבער אין די לינק־העגעליאַנישע קרײַזן האָט מען שוין געפּרוווט פאַרבינדן דעם סאָציאַליזם מיט דער דײַטשער פילאָזאָפיע. מיר וועלן צו דער פראַגע זיך נאָך אומקערן; דאָ 'אָמיר נאָר אין אַלגעמיין פאַרצייכענען, אַז זײַט 1842 האָבן סאָציאַליסטישע געדאַנקען שוין געהאַט אַ פאַרשפּרייטונג אין דײַטשלאַנד און פאַראַלעל מיט דער נאַציאָנאַלער איינהייט־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אויספּיקן אויך אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג. מען איז געוואָרן אויפמערקזאַם אויך אויף דער באַדײַטונג פון אַרבעטער־אומרוען, וועלכע האָבן אין 1844 אויסגעבראָכן צווישן די וועבער אין שלעזיען און אין בעהמען. *)

מען קאָן מיט רעכט באַהויפּטן, אַז דאָס יאָר 1844 איז געווען דאָס געבורט־יאָר פונם מאָדערנעם דײַטשן סאָציאַליזם. אין 1844 האָט מאַרקס אָנגעהויבן, אין פּאַריז, צו פאָרמולירן זײַנע אָנ־

---

*) „די דאַזיקע אויפשטאַנדן פון די אַרבעטער, נישט קעגן דער רעגירונג, נאָר קעגן די אונטערנעמער... האָבן געגעבן אַ נײַעם שטופּ דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע". מאַרקס, רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע ז. 24 (דײַטש).

שויאונגען; אין 1844 האָט דער יינגער לאַסאַל, דעמאָלט אַ סטו־דענט אין בערלין, געשריבן צו זיין פאָטער, אַז די אַרבעטער־אומ־רוען זענען די ערשטע אויפרודערונג פונם קאָמוניזם; אין 1844 האָט היינע פאַרפאַסט זיין וועבער־ליד און אָנגעשריבן „דייטש־לאַנד, אַ ווינטער־מעשהלע“, וווּ דער פּראָלאָג איז דורכאויס אַ קאָ־מוניסטישער; אין 1844 איז געגרינדעט געוואָרן דער בערלינער האַנטווערקער־פאַריין; אין 1844 האָט אַלפרעד מייסנער פאַר־עפנטלעכט זיינע לידער; און אין 1844 איז אויך געבוירן געוואָרן די סאָציאַליסטישע זשורנאַליסטיק. לאָמיר אויפציילן אייניקע פון אָט די צייטשריפטן, אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר: „דייטש־פראַנצוי־זישע יאָר־ביכער“, פאַריז, 1844; „פאָרווערטס“, פאַריזער צייט־שריפט, 1844; „וועזערדאמפבאָט“, פון ד״ר אָטטאָ ליונינג, בילע־פעלד, 1844; „געזעלשאַפטשפיגל“. פון משה העס, 1845—1846; „ריינישע יאָרביכער, פון הענריך פיטמאַן, 1845—1846; „דייטשעס בירגערבוך“ פון ה. פיטמאַן, 1845—1846; „דאָס בוך גע־הערט דעם פאָלק“, פון אָטטאָ ליונינג, 1845—1847 „דייטשע ברי־סעלער צייטונג“ פון אַדאַלבערט פאָן באָרנשטעט, בריסל 1847. *)

4. סאָציאַל־קריטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנע־רע פרוון: גאַל, ביוכנער.

דעם ערשטן פרוו צו באַנעמען די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן אין דייטשלאַנד (1815—1830) האָט געמאַכט דער באַאַמטער און בעמיקער לודוויג גאַל (1791—1863), אַרום יאָר 1824. ער האָט געזען, ווי פון איין זייט האָט די אָרימקייט — צוליב דער אָר־בעטלאָזיקייט — אַרומגעכאַפּט אַלץ ברייטערע קרייזן „און האָט געדראָט אַלעמען אַראָפּצושליידערן אין איין אַלגעמיינעם אָפּגרונט“ (וואָס קאָן העלפן? טריר 1825), און פון דער אַנדערער זייט זענען

---

*) Ceorg Adler. Geschichte der ersten Socialistischen Arbeiter-bewegung in Deutschland. Breslau, 1885

די שייערן געווען פול מיט תבואה, די ווערקשטאטן און פאבריקן — מיט פראדוציר־מעגלעכקייטן, די האנטווערקער, פויערים און ארבעטער זענען געווען גרייט נאך צו פארמערן די רייכטימער, און נישט געקוקט אויף דעם אלעם האט זיך דאס לאנד געפונען אין מוראדיקן עלנט. דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד — אלע האבן גלייך געליטן פון א קריזיס, וואס זיין סיבה איז געווען רעלאטיווע איבער־פראדוקציע. יאל מען נאר נישט אנגעבן דעם תירוץ — זאגט גאל — אז פון אייביק אן איז פאראן ארימקייט און רייכ־קייט, און אז מענטשלעכע אינסטיטוציעס מוזן זיין אזוי, מיט פע־לערן. דאס איז בלויז פוילע תירוצים. ווייל אין דער אמתן, „גיט די ערד ארויס מער לעבנס־מיטל און מער באקליידונג, ווי ס'איז נויטיק, אויף דאפלט אזוי פיל מענטשן אויסצוהאלטן, ווי ס'איז איצט פאראן; און ס'איז נישט אמת, אז צווישן דער לאגע פון די נידעריקערע און העכערע קלאסן איז פון תמיד אן געווען אזא מורא־דיקער תהום ווי איצט, ווארום דער דאזיקער תהום האט זיך פון יאר צו יאר אלץ אויסגעברייטערט, צוזאמען מיט דעם פארשריט פון די קונסטן און וויסנשאפטן, ווייל פון אט דעם פארשריט האבן הנאה געהאט נאר די העכערע קלאסן" (ז. 9—10). די סיבה פון אומגליק איז לויט גאלן דאס, וואס „די מענטשלעכע ארבעטס־קראפט איז ווערטלאז". גאל מיינט אפנים — וואס די ארבעטער־באפעלקערונג איז שוואך לגבי די קאפיטאליסטן. וועגן דער קלאסן־צעגלידערונג פון דער היינטיקער געזעלשאפט האט גאל זיך נאך נישט אפגעגעבן קיין חשבון; פויערן, האנטווערקער און לוין־ארבע־טער זענען ביי אים איין קלאס, און די געלט־באזיצער (די, וואס לעבן פון צינזן, פראפיטן, רענטע, דירה־געלט, האנאראר און שכי־רות) א צווייטער קלאס. „די דאזיקע צוויי שטאנדן, זאגט ער, זענען פיינטלעך איינער צום צווייטן, צוליב די קעגנזייטלעכע אינ־טערעסן, וואס טיילן זיי שארף פאנאנדער; די לאגע פון די געלט־באזיצער פארבעסערט זיך כסדר, אין דער זעלבער מאס, וואס די לאגע פון די ארבעטנדיקע קלאסן ווערט אלץ ערגער, אלץ עלנטער, אלץ קלאגעדיקער. די דאזיקע אנטוויקלונג, די געפערלעכסטע, וואס

איז ווען געווען ,פירט צו אומגליק; זי פירט אומפארמיידלעך דער־
צו, אז דאָס גאנצע פערמעגן זאָל זיך אָנזאמלען אין די הענט פון
די געלט־פר״ווילעגירטע; אז אַלע אנדערע קלאַסן מלוכה־בירגער
זאָלן פאר יערן פרייז ווערן אונטערגעוואָרפן דעם דאָזיקן איינציקן
קלאַס, זיי זאָלן ווערן ביי אים ווי לייב־קנעכט; אז יעדע שטרעבונג
צו עפּעס העכערס זאָל ווערן דערשטיקט; אז יעדע קולטור זאָל
ווערן פאַרניכטעט; קורץ — זי פירט צו אזא צושטאנד, קעגן וועלכן
די גרעסטע חכמה וועט זיין הילפלאָז" (ז. 93—97). גאָל האָט פאָר־
געשלאָגן, מען זאָל ארויסלאָזן תבואה־קרעדיט־שיינען, כדי דורכדעם
צו מילדערן די געלט־נויט פון די פויערן; און די בעסערע לאגע
פון דער לאנדווירטשאפטלעכער באפעלקערונג וואָלט שוין גע־
ווירקט צו גוטן אויך אויפן האַנדל און אויפן האנטווערק.

גאָל האָט, ווייזט אויס, געקענט די פראַנצויזישע און ענגלישע
סאָציאַל־קריטישע ליטעראטור (פוריע, אָאוען), און ער האָט שפּע־
טער געהאַט פאַרגעלייגט די אסאָציאציע (קאָאָפעראַטיווע אונ־
טערנעמונג), אלס הייל־מיטל; אָבער אינגיכן האָט ער זיך גאָר אָפּ־
געקערט פון סאָציאַל־פּאָליטישער פּראָפּאַגאנדע, און האָט זיך פאַר־
נומען א סך מיט טעכניק און מיט כעמיע פון שפּייז־פּראָדוקטן.

א געוויסע צייט האָט זיך דער דיכטער געאָרג ביוכנער
(1813—1837) אָפּגעגעבן — נישט אזוי מיט סאָציאַל־פּאָליטיק,
ווי מיט ארבעט אויף צו רעוואָלוציאָניזירן דעם ארבעטער־קלאַס.
ער האָט געענדיקט גימנאזיע אין דארמשטאַט, דערנאָך שטודירט
ער אין שטראַסבורג מעדיצין און נאַטורוויסנשאַפט (1831—1833),
און דאָרט מסתמא האָט ער זיך באַקאַנט מיט דער גערדאַנקען־
וועלט פון „אַמי די פּעפּל" און „דרוא דע ל'אָם" *). מסתמא איז
אים אויך באַקאַנט געווען די רעדע, וואָס בלאַנקי האָט געהאַלטן
פאַר די געשווירענע ריכטער אין יאָר 1832 (זע ט׳ 4, ז. 135 א.ו.).
אז ער האָט זיך אין יאָר 1834 אומגעקערט קיין גיסען, איז ער צו־
געשטאנען צו דער געהיימער רעפּובליקאניש־פּאַטריאָטישער חברה

---

*) „Amis du peuple", „Droits [illegible] me".

וואָס עס האָט אָנגעפירט דער פּעדאַגאָג און גלח ד״ר פ. ל. ווײַדיג, און האָט אָנגעשריבן אַ פלוגבלאַט צו די פּויערן, וואָס האָט געהייסן: „דער העסישער לאַנד־אינפאָרמאַטאָר: פרידן די שטיבלעך, מלחמה די פּאַלאַצן!" ווײַדיג האָט נאָך צוגעגעבן געהעריקע פּסוקים פון ביבל, אַזוי אַז דער פלוגבלאַט האָט געקלונגען אַביסל נביאיש־אורקריסטלעך. אין שטענדיקער געפאַר אַרעסטירט צו ווערן, האָט ביוכנער אין 1834 געגרינדעט אַ געהיימע „געזעלשאַפט פאַר מענטשען־רעכט", און איז באַצײַטנס אַנטלאָפן קיין שטראַסבורג און פון דאָרטן קיין ציוריך, וווּ ער איז געוואָרן פּריוואַט־דאָצענט און איז אינגיכן געשטאָרבן. דער חבר זײַנער ד״ר ווײַדיג, איינער פון די טיכטיקסטע, געבילדעטסטע און אָפּפערווייליקסטע אין דײַטשלאַנד, איז אַרעסטירט געוואָרן אין אַפּריל 1835, און אין תפיסה האָט מען אים אַזוי געפּייניקט, אַז ער האָט דעם 23 פעברואַר 1837 — פיר טאָג נאָך ביוכנערס טויט — אַליין אַ סוף געמאַכט צו זײַן לעבן, טאַקע אין תפיסה נאָך.

אין ביוכנערס דראַמעס „דאַנטאָנס טויט" א. אַ. איז פּאַקטיש נישטאָ קיין זכר פון סאָציאַליזם; בלויז שטאַרקער מיטגעפיל צו די אונטערגעדריקטע קלאַסן. אָבער אין זײַנע בריוו צו גוצקאָוון איז פון אייניקע שטעלן קלאָר קענטיק, אַז די געהיימע פראַנצויזישע חברות האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף זײַנע רעפּובליקאַנישסאָציאַלע אָנשויאונגען. אַזוי שרײַבט ער, דעם 5 אַפּריל 1833, צו זײַן פאַמיליע, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אָנפאַל אויף דער פּאָליצײַ־וואַך אין פראַנקפורט: „מײַן מיינונג איז אַזאַ: אויב עפּעס קאָן און וועט העלפן היינטיקע צײַטן, איז עס געוואַלט." מיט אַנדערע מיטלען וועט מען די דײַטשע פירשטן נישט צווינגען צו רעפאָרמעס.

אין יולי 1835 שרײַבט ביוכנער פון שטראַסבורג צו גוצקאָוון: „דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר אין דער וועלט איז די פאַרהעלטניש צווישן אָרימע און רײַכע, נאָר דער הונגער קאָן ווערן די געטין פון פרײַהייט". ביוכנער האָט נישט געגלויבט, אַז מען קאָן עפּעס דערגרייכן דורך דעם, וואָס מען וועט אַגיטירן

דאָס בירגערטום, וואָס מען וועט פאַרשפּרייטן ליבעראַלע אידייען. ער שרייבט צו זיין פאַמיליע, פון שטראַסבורג (1 יאַנואַר 1836): „איבעריקנס, וואָס איז שייך צו מיר, געהער איך נישט צום אַזוי גערופענעם יונג־דייטשלאַנד, צו דער ליטעראַרישער פאַרטיי פון גוצקאָוו און היינע. נאָר וויל זיי קענען לחלוטין נישט אונזערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, קאָנען זיי גלויבן, אַז מיט דער הילף פון ליטעראַטור קאָן דערגרייכט ווערן אַ פולע אומגעשטאַלטונג פון אונזערע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אידייען". און דאָסגלייכן שרייבט ער צו גוצקאָוון: „איבעריקנס, כדי צו זיין אויפריכטיק: איך מיין, אַז איר און אייערע פריינט האָט זיך געלאָזט נישט גראָד מיטן סאַמע קליגסטן וועג. רעפאָרמירן די געזעלשאַפט מיט דער הילף פון אַ אידייע, פון דעם געבילדעטן קלאַס ארויס? אוממעגלעך! אונזער צייט איז אַ ריין מאַטעריעלע. איר וועט קיינמאָל נישט אָפּשאַפן דעם ריס צווישן דער געבילדעטער און נישט געבילדעטער געזעלשאַפט. איך האָב מיך איבערצייגט, אַז וויפיל די געבילדעטע און פאַרמעגלעכע מינדערהייט זאָל נישט וועלן דורך געוואַלט דערשלאָגן זיך צו קאָנצעסיעס פאַר זיך, וועט זי אָבער קיינמאָל נישט וועלן אויפגעבן איר פאַרשאַרפטע באַציונג צום גרויסן קלאַס."

אין ביוכנערן האָבן מיר פאַר זיך אַ סאָציאַלן בונטאַר, וועלכער שפּירט שוין, אַז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז אַ רעוואָלוציאָנערער קלאַס, אָבער ער גלויבט, אַז אָנצינדן אים פאַר מעשים קאָן נאָר הונגער און אורקריסטלעך־עטישער פאַנאַטיזם. ער האַלט, אַז אין סאָציאַלע אַנגעלעגנהייטן מוז מען תמיד אַרויסגיין פון אַבסאָלוטן רעכט־יסוד. אויף ביוכנערס סאָציאַלע אידייען פילט מען זייער שטאַרק דעם איינפלוס פון די רעליגיעז־סאָציאַל־רעפאָרמערישע שטרעמונגען, וואָס האָבן צו יענער צייט געהערשט אין פראַנקרייך (לאַמענע *), לערו א. אַ. וו.).

אַנדערש איז געווען מיט די דייטשע עמיגראַנטן, וואָס האָבן

*) וועגן לאַמענע זע וויטער ז. 22.

געלעבט אין פאריז, אדער אלס שרייבער, אדער אלס ארבעטער. זיי האבן נישט געקאנט נישט פארנעמען זיך אויספירלעך מיט סאציאל־פאליטישע אידייען, אדער גאר באטייליקן זיך אין די געהיימע סאציאל־רעוואלוציאנערע חברות. צו די דאזיקע חברות וועלן מיר טאקע איצט איבערגיין.

II. דייטשע רעוואָלוציאָנערע חברות אין אויסלאַנד

1. דער בונד פון פאַרפאָלגטע

די פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן זיך נאָכן יאָר 1815 אָנגעהויבן קעגן די אַלע, וואָס זענען אַרויסגעטרעטן פאַר דער פרייהייט און איינהייט פון דייטשלאַנד, און דערצו די ווירטשאַפטלעכע נויט האָבן גורם געווען, אַז אַ סך דייטשן זענען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און האָבן געפּרוּווט פון דאָרט אויס צו אַרבעטן פאַר זייער זאַך. נאָך דער יולי־רעוואָלוציע (1830), נאָך דעם האַמבאַכער יום־טוב פון דער דרום־דייטשער דעמאָקראַטיע (1832), וועלכן ס'האָבן באַזוכט ביז 30 טויזנט מאַן, און נאָך דעם איבערפאַל אויף דער פראַנקפורטער פאָליציי־וואַך (1833), האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַ גרויסע עמיגראַציע פון פאָליטיש־פאַרפאָלגטע קיין פאַריז, וווּ זיי זענען געשטיצט געוואָרן פון די דאָרטיקע פּראָגרעסיווע קרייזן. צוערשט האָבן זיי געגרינדעט דעם „דייטשן פאָלקס־פאַריין" *), וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע בלויז צו פאַרשפּרייטן די אידייען פון פרייהייט און דייטשער איינהייט. פון דעם פאַריין האָט זיך דערנאָך אויסגעבילדעט דער „בונד פון פאַרפאָלגטע" (אָנהויב 1834), מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט יאַקאָב ווענעדיי און ד"ר טעאָדאָר שוסטער. ווענעדיי (געבוירן אין קעלן אין 1805) איז געווען אַ פּריוואַט־דאָצענט אין היידעלבערג, האָט זיך באַטייליקט אינם האַמבאַכער יום־טוב און איז אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך, און האָט אין פאַריז אַרויסגעגעבן די צייטשריפט (איצט אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט) „דער פאַרפאָלגטער"; ער האָט סימפּאַטיזירט

---

*) Association patriotipue allemande

מיט די פוריעריסטן, איז אָבער פאַרבליבן אַ דייטשער דעמאָקראַט;
אין 1848 האָט ער זיך אומגעקערט קיין דייטשלאַנד, און איז גע־
וויילט געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון דער פראַנקפורטער נאַציאָנאַל־
פאַרזאַמלונג. זיין קאָלעגע אין ״בונד פון די פאַרפאָלגטע״ איז גע־
ווען דער ד״ר טעאָדאָר שוסטער, וועלכער איז פריער געווען אַ
פּריוואַט־דאָצענט פון רעכט אין געטינגען, און ער האָט דאָרטן צו־
זאַמען מיט ד״ר רוישנפּלאַט געהאַט אָרגאַניזירט אַ פּוטש באַלד נאָך
דער יולי־רעוואָלוציע (1830). ער איז אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך
און צוגעשטאַנען צו די געהיימע חברות; אין „בונד פון די פאַר־
פאָלגטע״ האָט ער פּאָלעמיזירט מיט ווענעדייען און פאַרטיידיקט
אַ סאָציאַליסטיש־פּאָרמערישן שטאַנדפּונקט, אונטערן איינפלוס פון
דער סען־סימאָניסטישער און פוריעריסטישער ליטעראַטור. ער
האָט שוין גערעדט וועגן דעם, אַז די געזעלשאַפט איז געטיילט אויף
אַ מינדערהייט באַזיצנדיקע און אַ מערהייט באַזיצלאָזע. ער איז
געווען אַן אָנהענגער פון בוכעצן און האָט פאַרלאַנגט פּראָדוציר־
קאָאָפּעראַטיוון מיט מלוכה־הילף. ווייטער פאַר בוכעצן איז שוס־
טער נישט געגאַנגען. און אַז די פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע ריכ־
טונג איז שטאַרקער געוואָרן, האָט ער זיך גאָר צוריקגעצויגן פון
דער באַוועגונג; ער האָט דאַן אויך געוואָרפן די רעכט־וויסנשאַפט,
האָט געלערנט מעדיצין און איז געוואָרן אַרצט אין פּאַריז.

דער „בונד פון די פאַרפאָלגטע״ האָט זיך געפונען אין אַ
פאַרבינדונג מיט דער פראַנצויזישער חברה „דרואַ דע ל׳האָם״. דער
סטאַטוט פונם „בונד״ פאָרמולירט אַזוי זיין צוועק: „די באַפריי־
אונג און ווידערזעבורט פון דייטשלאַנד און די פאַרווירקלעכונג
פון די גרונט־געדאַנקען, וואָס זענען אויסגעדריקט אין דער דעקלאַ־
ראַציע פון מענטשן און בירגער־רעכט״. דעם דאָזיקן צוועק האָט
מען מיטגעטיילט די מיטגלידער פון נידעריקערן גראַד. אין סטאַ־
טוט פון „באַרג״, ד. ה. פון העכערן גראַד מיטגלידער, ווערט דער
צוועק פונם „בונד״ אַזוי פאָרמולירט: „באַפרייען דייטשלאַנד פון
יאָך פון שענדלעכער קנעכטשאַפט און איינשטעלן אַזאַ צו־
שטאַנד, וואָס זאָל אוממעגלעך מאַכן, ווי ווייט אַ מענטש קען בכלל

פּאַרויסזען, דעם צוריקקער צו קנעכטשאַפט. דערגרייכן אַט דעם הויפּט־צוועק קאָן מען נאָר, אויב מען זאָל איינפירן און אויפהאַלטן סאָציאַלע און פּאָליטישע גלייכהייט, פרייהייט, בירגער־טוגנט און פאָלקס־אייניקייט, גערשט אין די לענדערייען, וווּ עס הערשן די דייטשע שפּראַך און דייטשע מידות, דערנאָך אָבער אויך ביי אַלע איבעריקע פעלקער פון דער ערד." *)

אין דער פראַנצויזישער חברה „דרוא דע ל'האָם" איז געווען א רעכטער פליגל (א ריין דעמאָקראַטיש־נאַציאָנאַלער) און אַ לינקער (אַ סאָציאַל־פּאָליטישער און אינטערנאַציאָנאַלער), און דאָס זעלבע איז געווען אויך אינם „בונד פון די פאַרפאַלגטע". דער לינקער פליגל, אינטער שוסטערס פירונג, האָט זיך אָרגאַניזירט אין א „בונד פון די גערעכטע" (1836); דער דאָזיקער „בונד" איז תחילת געווען קאָמוניסטיש־אוטאָפּיש, דערנאָך קאָמוניסטיש־רעוואָלוציאָנער, און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם „בונד פון קאָמוניסטן" (1847), פאַר וועלכן מאַרקס האָט געשריבן דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט.

2. דער „בונד פון די גערעכטע": ווייטלינג

פון די 500 מיטגלידער, וואָס דער „בונד פון די פאַרפאָלגטע" האָט פאַרמאָגט, זענען ביז 400 אַריבער צום „בונד פון די גערעכטע". די דערמאָנטע מימרא פון ביוכנער — „אין סאָציאַלע אָנגעלעגנהייטן מוז מען אַרויסגיין פון אָבסאָליטע רעכט־פּרינציפּן", האָט אויסגעדריקט אַן אַלגעמיינע שטימונג; אַזוי האָבן געדענקט אַלע סאָציאַל־פּאָליטיש געשטימטע קרייזן. דער „בונד פון די גערעכטע" האָט געוואָלט קעמפן פאַר סאָציאַלע גערעכטיקייט. עס האָט אויך זיי אַ גרויסן איינפלוס געהאַט לאַמענע'ס ווערק „די ווערטער פון אַ גלויביקן" *), וואָס איז דערשינען אין 1834 און

---

*) ווערמוט און שטיעבער, קאָמוניסטן־פאַרשווערונגען אים 19־טן יאָרהונדערט. בערלין, 1853; ב. I, ז. 177, 181 (דייטש)

„*) Paroles d'un croyant"

איז תיכף דורך לודוויג בערנע איבערגעזעצט געווארן אויף דייטש, און איז שטארק פארשפרייט געווארן צווישן די דייטשע האנט־ווערק־געזעלן. לאמענע (1782—1854) איז געווען א רעוואלוציא־נערער גלח, און האט אין א ביבלישן נוסח געשריבן וועגן דעמא־קראטיע און סאציאלן יושר. אדער ווי היינע האט זיך אויסגע־דריקט: לאמענע האט אויפן צלם אנגעטון א יאקאבינער־מיצל. א חוץ דער איבערזעצונג פון בערנע, איז געווען נאך א צווייטע דיי־טשע איבערזעצונג, פון רווישנפלאט און ווייטלינג — אזוי פאפו־לער איז דעמאלט געווען דאס דאזיקע ווערק!

ווי מיר האבן שוין דערמאנט, האט זיך שוסטער זייער גיך צו־ריקגעצויגן פון זיין ארבעט אין „בונד“; זיין ארט האט פארנומען ווילהעלם ווייטלינג, א האנטווערק־געזעל, אבער א גרויסער בקי אין דער קאמוניסטישער ליטעראטור; ער איז געווארן דער פאקטישער פירער פון „בונד“. צוזאמען מיט אים האט געארבעט קארל שאפער (1821—1870); ער איז געבוירן געווארן אין ווייַלבורג (נאסאו), שטודירט וואלד־וויסנשאפט אין גיסן און געווארן וואלד־מאן; אין 1833 האט ער זיך באטייליקט אינם פראנקפורטער פוטש, און איז דערנאך אנטלאפן אין דער שווייץ; פון דארט איז ער אריבער קיין פאריז, וווּ ער איז צוגעשטאנען צו די געהיימע „פאמיליען“ און שפעטער צו די „יאר־צייטן“. ער איז נישט געווען קיין וויסנ־שאפטס־מאן, אבער דערפאר א מענטש פון טאט — א קאנספירא־טאר, א געהיים־פארשווערער, שטענדיק גרייט צו באטייליקן זיך אין יעדן דעמאקראטישן פוטש. זיין ווייטערדיקער גורל איז שוין פארבונדן מיט גורל פונם קאמוניסטן־בונד. מיט שאפערן האבן נאך מיטגעארבעט:

1. דער שוסטער הענריך באוער, אן אויסערסט ענערגישער מענטש, וועלכער איז אויך טעטיק געווען אין פאריז אין די דער־מאנטע פראנצויזישע און דייטשע געהיימע חברות.

2. דער זינגערמאכער יאזעף מאל, געבוירן אין קעלן אין 1811; אין 1849 איז ער געפאלן אין די רעוואלוציע־קאמפן אין באדען.

3. ד״ר אויג. הערמאן עווערבעק (פסעוודאנים — ווונדעל היפ־

לער) פון דאנציג. וועלכער האט לאנגע יארן געלעבט אין פאריז, אלס שריפטשטעלער, נאר פארט נישט באוויזן דורכצומאכן דעם וועג פון אוטאפישן צום רעוואלוציאנערן קאמוניזם; ער האט איבערגע־זעצט אויף דייטש די „איקאריער" פון קאבע.

4. ד"ר גערמאן מוירער, א בערלינער אויבער־לערער, וועלכער האט פון פאריז פיל געשריבן אין די דייטשע צייטונגען; ווייטער פון דעם עלטערן קאמוניזם איז ער אבער אין זיין אנטוויקלונג נישט אוועק; שפעטער האט ער געלעבט אין פראנקפורט ביים מאין.

אבער דער אייגנטלעכער קאפ פונם בונד אין די יארן 1837—1844 איז געווען ווילהעלם וויטלינג, א טיכטיקער און דענקענדי־קער מענטש, און א מסירת־נפשדיקע נאטור — דער איינציקער ווירקלעך גרויסער קאמוניסט אין דייטשלאנד אין דער ערב־מארקסי־שער צייט. געבוירן געווארן איז ער דעם 5 אקט. 1808 אין מאגדע־בורג, אלס אומגעזעצלעכער זון פון א פראנצויזישן אפיציר און א דייטשער מוטער. געווען איז ער שלאנק, מיט בלאנדע האר און בלויע אויגן. ער האט זיך געלערנט שניידעריי, אין יאר 1828 איז ער אוועק פון זיין היים־שטאט און האט ביז 1835 געארבעט אין זאקסן און אין ווין, דאן איז ער אפגעפארן קיין פאריז, וווּ ער איז צוגעשטאנען צום „בונד פון די גערעכטע" און מסתמא אויך צו די „פאמיליעס"; ער האט זיך נאך אויף א קורצע צייט אומגעקערט קיין ווין. אבער אין 1837 פארלאזט ער שוין ווין ענדגילטיק, און עס הויבן זיך אן באר אים יארן פון קאמוניסטישער פראפאגאנדע אין פאריז. לויט אן אויפטראג פונם „בונד פון די גערעכטע", האט ער אנגעשריבן זיין ערשט קאמוניסטיש ווערק: „די מענטשהייט ווי זי איז און ווי זי דארף זיין" (1838). דאס ווערק איז, לויטן מוסטער פון לאמענע, געשריבן אין ביבלישן סטיל, און האט אלס מאטא: „און אז יעזוס האט געזען דאס פאלק, האט אים דאס זעלבע גע־פלאגט, און ער האט געזאגט צו זיינע יונגען: דער שניט איז גרויס, אבער ווייניק די ארבעטער..." דער שניט — זאגט וויטלינג — מיינט די מענטשהייט, וואס ווערט רייף פאר ערדישע פולקאמענ־קייט. און געמיינשאפט פון פארמעגן איז די פרוכט. מאסגעבנדיק

פאַרן צוזאַמענלעבן פון דער מענטשהייט דאַרפן זיין: נאַטור־געזעץ און קריסטלעכע ליבע. ווייטלינג האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט פירן קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע; ער האָט אָנגעשריבן אַ פּראָיעקט פון אַ קאָנסטיטוציע פאַר דער קומענדיקער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט: ווי צו אָרגאַניזירן די מענטשהייט אין משפּחות, אין פאַרבאַנדן פון משפּחות און אין קרייזן, צוליב געמיינזאַמער ווירטשאַפט און אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג. לאַנדווירטשאַפט און האַנטווערק זאָלן אָנגעפירט ווערן דורך געוויילטע ראַטן, און דאָס גאַנצע לאַנד זאָל ווערן פאַרוואַלטעט דורך אַ ראַט, צונויפגעשטעלט פון די הויפּטן פון די פאַמיליען־פאַרבאַנדן. די קריטישע און פּאָזיטיווע געדאַנקען פון אָט דער שריפט זענען דער קערן פון דער גאַנצער ווייטלינגשער פּראָפּאַגאַנדע; זיינע שפּעטערדיקע שריפטן — „די גאַראַנטיעס פון האַרמאָניע און פון פרייהייט“ (1842) און „דאָס עוואַנגעליום פון דעם אָרימען בעל־חטא“ (1843) זענען נאָר אַ ווייטערדיקע פּאָפּולאַריזירונג פון יענע געדאַנקען. ווייטלינג האָט, אמת, פיל געלערנט ביי פוריע, אָאוען און בלאַנקי, אָבער ער האָט אַליין פיל נאָכגעקלערט און אָריגינעל געווירקט; ער האָט די דייטשע אַרבעטער געגעבן אַ קלאָר בילד פון דער צוקונפט, אַ קאָמוניסטישן אָרגאַניזירפּלאַן, און האָט זיי געלערנט אָנצווענדן די טאַקטיק פון רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור אין דער איבערגאַנגס־צייט פון פּריוואַט־אייגנטום צו „געמיינטום“, ווי ווייטלינג האָט זייער ריכטיק פאַרטייטשט דאָס וואָרט קאָמוניזם. נאָר איין גרויסע שוואַכקייט האָט צייטווייליק פאַרטונקלט זיינע אויפטוען: ער איז אויך געווען אומפּאָליטיש, און האָט אויך, ווי סען־סימאָן און פוריע, אַפּעלירט צו די קעניגן און שׂררות, אַז זיי זאָלן אויף זיך נעמען די אויפגאַבע פון אויסלייזן די מענטשהייט! (די שלום־זאַצן אין די „גאַראַנטיעס“ זענען אינגאַנצן וויטן מוסטער פון סען־סימאָנס שלום־זאַצן אין זיין „נייעם קריסטנטום“, אָדער ווי קאָנסידעראַנס ווידמונג פון זיין „סאָציאַלן גורל“ צום קעניג לואי פיליפּ). דאָס איז געווען אין יאָר 1842. שפּעטער אָבער איז ער געוואָרן דורכאויס אַ רעוואָלוציאָנער. נאָך אין 1839 (12 מאַי) האָט ער שוין גענומען אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד,

וואָס בלאַנקי און באַרבעס האָבן געפּרוווט אָרגאַניזירן קעגן דער יולי־מאָנאַרכיע, אָדער ער איז, ווי עס זעט אויס, אַרויס טרוקן פון אָט דער געשיכטע, להיפּך צו שאַפּערן, בויערן און מאָלן, וועלכע האָבן זיך ער אַנטייל גענומען אויסקויפן מיט לענגערן אַרעסט. אַז מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, זענען זיי אַוועק קיין לאָנדאָן, און זענען דאָרט געוואָרן די צענטראַל־פירערשאַפט פון בונד; און ווייטלינג איז אַריבערגעפאָרן אין דער שווייץ, כדי דאָרט פאָרטזעצן זיין אַגיטאַציע — אין דער חודש־שריפט: „הילף־רוף פון דער דייטשער יוגנט. אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פון איייניקע דייטשע אַרבעטער“ (גענף 1841). ווי אַ פאָרטזעצונג פון אָט דער שריפט איז דערנאָך דערשינען „די יונגע גענעראַציע“, געפירט פון ווייטלינגען. אין פּראָגראַם־אַרטיקל פון „הילף־רוף“ לייענען מיר: „אויך מיר, דייטשע אַרבעטער, ווילן אויפהויבן אַ שטים פאַר אונזער און פאַר דער מענטשהייטס וווּל, כדי מען זאָל זיך איבערצייגן, אַז מיר קענען גוט אונזערע אינטערעסן, און נישט אַנקומענדיק צו לאַטייניש, גריכישע און מליצהדיקע אויסדרוקן, קאָנען מיר גוט, אויף גוטן דייטש, זאָגן, וווּ דער שוך קוועטשט אונז און וווּ דער הונט ליגט באַגראָבן“. גוצקאָוו, וועלכער ברענגט אָט דעם אויסצוג אין זיינע פּאַריזער בריוו, האָט אין איינעם פון די העפטן פון אָט דער צייטשריפט געפונען אַן אַרטיקל „פּאַריז אין יאָר 2000“, וואָס האָט אים באַזונדער פאַראינטערעסירט און וועגן וועלכן ער זאָגט אין זיינע קאָמענטאַר־באַמערקונגען: „צו וועלן פּאַריז און די וועלט אין איינעם יאָרהונדערטן אַזוי אומאַנדערש, אַז מען זאָל מער נישט וויסן, וואָס אַזוינס איז געלט, זעלנער, נאַציעס ווי אויך... די בלענדנד־פאַנטאַסטישע בילדער פון אַ ראַדיקאַלער אומענדערונג פון דער לאַגע פון אַרבעטער־שטאַנד [illegible] דורכגעפירטער פאַרמעגן־געמיינשאַפט — דאָס איז אַזוי דרייסט, אַז מען מוז די דאָזיקע אידייען, וואָס זענען פאַרשפּרייט צווישן די דייטשע אַרבעטנדיקע האַנטווערקער אין פּאַריז און אין דער שווייץ, נישט סתם פאַרווערן, נאָר מען דאַרף ערנסט באַווייזן זייער אומריכטיקייט.“

צוזאַמען מיט ווייטלינגען האָבן אין דער שווייץ געאַרבעט פאַרן

קאָמוניזם אויגוסט בעקער און סעבאַסטיאַן זיילער. בעקער האָט שטודירט אין גיסען, געוואָרן דאָרט אינטים באַפריינדעט מיט געאָרג ביוכנערן (1833—1834), און איז אַנטלאָפן אין דער שווייץ; אין 1842 האָט ער קאָרעספּאָנדירט פון דאָרטן אין דער קעלנער „ריינישער צייטונג". זיילער האָט געשטאַמט פון שלעזיען, געווען קאַנצעלאַריסט אין ליגניץ, געדינט אין דער אַרטילעריע און געוואָרן באָמבאַרדיר. דאַן איז ער געפאָרן קיין פּאַריז און האָט זיך דאָרטן באַטייליקט אין די „יאָר־צייטן"; האָט מען אים אַרויסגעשיקט, און ער איז אַוועק אין דער שווייץ, און פון דאָרט קיין בריסל און ווידער קיין פּאַריז, וווּ ער איז געווען בעת דער פעברואַר־רעוואָלוציע; ער איז געווען טעטיק אויך אין לאָנדאָן (1850), צוזאַמען מיט מאַרקסן, ענגעלסן, וויליכן א. אַ. וו. — ער איז, אַלזאָ, געווען אַ מיטגליד פון קאָמוניסטן־בונד.

אַז די קאָמוניסטישע אַגיטאַציע אין דער שווייץ איז געוואַקסן, זענען די קאָנסערוואַטיווע קרייזן געוואָרן אומרויִק, און זיי האָבן אַפּעלירט צו דער מאַכט, זי זאָל אינטערווענירן. אין יוני 1843 האָט מען וויטלינגען אַרעסטירט אין ציוריך; מען האָט ביי אים צוגענומען מאַנוסקריפּטן, בריוו א. ד. ג. און די רעגירונג האָט איבערגעגעבן אַ קאָמיסיע, מיטן באַקאַנטן גראָפעסאָר פון מלוכה־רעכט בלונטשלי בראָש, אויסצופאָרשן די אַלע פּאַפּירן. דער באַריכט, וואָס איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין 1843, דער א. ג. ב ל ו נ ט ש ל י־ב אַ ר י כ ט — ווי פיינטלעך עס זענען נישט געווען די כונות, וואָס האָבן געפירט מיט דער פעדער פון זיינע מחברים — איז באַלד געוואָרן דער בעסטער אַגיטאַציע־מיטל פאַר די קאָמוניסטן: זיי האָבן אויפן חשבון פון דער רעגירונג באַקומען אַ זאַמלונג פון מאַטעריאַלן, וואָס וואָלטן אַזוי געווען צוגענגלעך בלויז פאַר געציילטע מענטשן. אָבער אויפן גרונט פון דעם באַריכט האָט מען געפירט אַ פּראָצעס קעגן וויטלינגען פאַר גאָט־לעסטערונג און פאַר נישט שאַנעווען אייגנטום, און מען האָט אים פאַרמישפּט צו פיר חדשים תפיסה. די אַפּעלאַציע צום העכערן געריכט האָט געהאַט די פּעולה, אַז די שטראָף איז פאַרגרעסערט געוואָרן: זעקס חדשים תפיסה און דער־

נאָך אַרויסגעשיקט צו ווערן פון לאַנד. נאָכן אָפּקומען די שטראָף איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין מאַגדעבורג; ער איז אָבער פון דאַנען אַוועק איבער האַמבורג קיין לאָנדאָן, און פון דאָרטן קיין בריסל און קיין ניו־יאָרק, ווו ס'איז געווען אַ פיליע פון „בונד", וועלכע ווייטלינג האָט געזאָלט מאַכן פאַר קערן פון אַ באַפרייאונגס־פאַרבאַנד.

3. ווייטלינג און רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור

דער צוועק פונם באַפרייאונגס־פאַרבאַנד האָט געזאָלט זיין: „פאַרווירקלעכן דעם דעמאָקראַטיש־קאָמוניסטישן פאַמיליען־בונד". דעמאָקראַטיש, וואָרום דער יסוד פון אמתער דעמאָקראַטיע באַשטייט נישט אין אַלגעמיינעם שטים־רעכט און פּאָליטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמבינאַציעס, נאָר — אין אָרגאַניזירן די אַרבעט און דעם גענוס, די רעכט און די פליכטן אין הסכם מיטן קאָמוניסטישן ענד־ציל. אַזוי ווי דער דאָזיקער יסוד קאָן געשאַפן ווערן ערשט אויפן וועג פון רעוואָלוציע, „דעריבער דעראָבערן יענע קעמפער, וועלכע מאַכן די רעוואָלוציע, צוערשט דאָס פּראָוויזאָרישע רעוואָלוציאָנערע וואַל־רעכט און זיי ווילן אויף באַוואָפנטע פאַרזאַמלונגען אַ פּראָוויזאָרישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג און רעוואָלוציאָנערע שידס־ריכטער, אויף איינצושטעלן די נייע אָרדנונג. וואַל־רעכט האָט דעמאָלט נאָר דער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַ סאָציאַל־נוצלעכער אַרבעט און ווייזט אַרויס פלייס, פעאיקייט און ליבע צו אָרדענונג. עס האָבן נישט קיין וואַל־רעכט: קאַפּיטאַליסטן, סוחרים, גייסטלעכע, אַדוואָקאַטן, לאַקייען א. ד. ג. פּאַראַזיטישע פּערשוינען."

דער פאַמיליען־פאַרבאַנד איז נישט קיין רעגירונג, נישט קיין מלוכה, נאָר אַ צענטראַל־פאַרוואַלטונג, וועלכע פירט אָן מיטן אויסטויש פון די פּראָדוצירטע גיטער. יעדער צווייג ווירטשאַפט ווערט פאַרוואַלטעט דורך אַ ראַט און אַ מייסטער־קאָלעגיע, גע־

וויילטע דורך די פראדוצענטן; דער ראט און די קאלעגיע באשטי־
מען די לוינען, די ארבעט־צייט א. ד. גל.

נאכן זיג פון דער סאציאלער רעוואלוציע פראקלאמירט די
רעוואלוציאנערע ארמיי, אז פון איצט אן און ווייטער גילטן פאר
דער פארוואלטונג פונם לאנד די פרינציפן פונם באפרייאונגס־בונד.
דער פראלעטאריאט ווערט באוואפנט, די בייזוויליקע רייכע און די
קאנטער־רעוואלוציאנערן ווערן אנטוואפנט; געריכטן און פאליציי
ווערן אפגעשאפט; דאס וואל־בארעכטיקטע פאלק באשטימט זיינע
אייגענע פארטרוי־מענער אויף די וואקאנטע אמטן. אלגעמיינע אר־
בעט־פליכט ווערט דערקלערט פאר א געזעץ; פארשווענדעריי און
ליידיק־גייעריי ווערן באשטראפט, ווי פארברעכנס. פאר געלט גייען
אן נאר ארבעט־שיינען: אויסגעשריבן אזוי פיל ארבעט־צייט פון
אזא און אזא קוואליטעט, פאר וועלכער מען קאן פון די עפנטלעכע
סחורה־לאגערן באקומען א גלייכווערטיקן סכום גיטער. די גוט־
וויליקע רייכע, וואס שליסן זיך אן צו דער רעוואלוציע, אין ווארט
און טאט, באקומען א פענסיע, אנטשפרעכנדיק צו זייער לעבנס־
געוווינהייט. דורך דעם, וואס מען פירט איין ארבעט־שיינען אנ־
שטאט געלט, וועלן די קאנטער־רעוואלוציאנערע גבירים זיין גע־
צווּנגען צו שטעלן זייער פארמעגן אין רשות פון דער געזעלשאפט,
ווייל פאר זייער גאלד און זילבער וועלן זיי דאך נישט באקומען
מער קיין שום זערנער־מיטלען אדער געגוס־זאכן. די גאנצע אר־
בעטס־פעיקע באפעלקערונג גרופירט זיך אין פאך־ארגאניזאציעס
און וויילט אויס אויף צו פארטרעטן אירע אינטערעסן — פאך־קא־
מיסיעס, פאך־קאמערן און א סאציאל־פארלאמענט פונם דעמאקרא־
טיש־קאמוניסטישן פאמיליען־פארבאנד. די פאך־קאמיסיעס בא־
שטימען אין יעדן ארט דעם ארבעט־ווערט פון פארשיידענע פרא־
דוקטן, לויט זייער צאל און אייגנשאפט. „די פראוויזארישע רעגי־
רונג בלייבט ביי דער מאכט אזוי לאנג, ביז עס דויערט די סאציא־
לע מלחמה, און אין משך פון אט דער צייט ווערט זי אלע מאל
פארשטארקט דורך דערגענצונג־וואלן. די סאציאלע מלחמה דויערט
אבער אזוי לאנג, ביז ס׳איז נאך ערגעץ פאראן א ווינקל אויף דער

ערד, ווו עס רעגירן נאָך קרוינען און געלט־זעק און פאַרנאַרישן דאָס פאָלק דורך זייערע משרתים, כדי וואָס איבערער צו קאָנען עס עקספּלואַטירן. *)

4. ווייטלינגס לעבנס־סוף

נאָכן אויסברוך פון דער מערץ־רעוואָלוציע (1848) איז ווייט־לינג צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד. ער האָט געפּרוווט אָנהויבן אַן אַרבעט אין בערלין, אָבער אָן דערפאָלג. איז ער אַוועק פון בער־לין קיין האַמבורג, ווו ער האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער, אָבער מען האָט אים פון דאָרטן אַרויסגעשיקט, און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער געאַרבעט פאַר זיינע אידייען, און צוגלייך האָט ער געמוזט אויך אַרבעטן אויף צו פאַרדינען פאַר זיין און זיין פאַמיליעס עקזיסטענץ. אין קאַמף, נויט און זאָרג, תמיד פאַר־נומען מיט אַלערליי דערפינדונגען, פּלענער און אַנטדעקונגען — אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט נאָך אַ פּאָר צענדליק יאָר, און איז גע־שטאָרבן דעם 25 יאַנואַר 1871. געווען איז ער איינער פון אונזע־רע גרעסטע און בעסטע, און מען האָט אים נאָך ווייט נישט אָפּ־געשאַצט לויט זיין ווערט. בלויז איין חסרון האָט ער געהאַט, אַ שותּפישן מיט סען־סימאָנען, פוריע און פּרודאָנען — ער האָט אויך צופיל געהאַלטן פון זיך. ער האָט אָבער דערפאַר פאַרמאָגט אויך די מעלות פון די אוטאָפּיסטן: קאָנסטרוקטיוו־קריטישע פעיקייטן און אַ גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיינע אידייען. און שוין דאָס אַליין זאָגט גענוג וועגן ווייטלינגס גרויסקייט — וואָס נאָך הייַנט קאָן מען מיט נוצן לייענען זיינע שריפטן.

5. פון די „גערעכטע“ צום „קאָמוניסטן־בונד“

שאַפּער, בויער און אַנד., וועלכע יענע אַרעסטירט געוואָרן פאַר זייער אָנטייל אינם פאַריזער אויפשטאַנד פון די „יאָר־צייטן“,

*) ווערקע און לעבן, 1 טייל, ז. 193—200.

זענען ארויס אויף דער פריי ארום סוף 1839. זיי זענען אוועק קיין לאנדאן און האבן דארטן געגרינדעט דעם 7 פעברואר 1840 דעם דייטשן ארבעטער־בילדונגס־פאריין — ער איז דערנאך באקאנט געווארן, אלס קאמוניסטישער ארבעטער־בילדונגס־פאריין — און דער פאריין איז באלד געווארן דער צענטער פון קאמוניסטישער אגיטאציע צווישן די דייטשע ארבעטער אין לאנדאן. עס האבן זיך געבילדעט א רייע אפטיילונגען, אנדערע פון זיי האבן זיך געפונען אין א פארבינדונג אויך מיט דער טשארטיסטישער באוועגונג, און האבן ביסלעכווייז זיך באקאנט מיט דער דעמאקראטישער און סאציאל־פאליטישער געדאנקען־וועלט, ווי זי האט זיך אנטוויקלט אין לויף פון דער ווירטשאפטלעכער רעוואלוציע און פון דער מאדערנער ענגלישער געשיכטע. די מיטגלידער פונם בונד זענען דא צום ערשטן מאל געקומען אין באריר מיט אן עפנטלעך־געפירטער סאציאל־דעמאקראטישער באוועגונג, וועלכע האט, אגב, געבראכט אויך דערצו, אז אין 1845 איז געגרינדעט געווארן א אינטערנאציאנאלע פאריייניקונג פון די סאציאליסטיש־דעמאקראטישע עלעמענטן, וואס האבן זיך געפונען אין לאנדאן אלס עמיגראנטן. דאס זענען געווען די „ברידערלעכע דעמאקראטן“, וואס זענען באשטאנען פון ענגלענדער, פראנצויזן, דייטשן, איטאליענער, פאליאקן א. א. וו. און האבן זיך אפגעגעבן מיט פארשפרייטן סאציאל־רעוואלוציאנערע אידייען, דורך ווארט און שריפט. דער דייטשער ארבעטער־בילדונגס־פאריין איז געווארן א צווייטע היים פאר אלע נייע דייטשע סאציאליסטישע געזעלן און ארבעטער, וואס האבן זיך צייטווייליק אויפגעהאלטן אין לאנדאן. פון דאנען האט די צענטראלע פון די „גערעכטע“ אונטערגעהאלטן שריפטלעכע באציונגען מיט די חברים אין פאריז, בריסל, שווייץ, דייטשלאנד, זי האט נאכגעשפירט נאך דער אנטוויקלונג פונם קאמוניסטישן געדאנק, לויט ווי דאס האט זיך אפגעשפיגלט אין פאריזער „פארווערטס“, אין עלבערפעלדער „געזעלשאפט־שפיגל“ און אין ענלעכע שריפטן, און זי האט ביסלעכווייז געווענדעט איר אויפמערקזאמקייט אויך אויף די נייע אנשויאונגען, וואס מארקס און

ענגעלס האָבן געפּריידיקט. מיטגעהאָלפן דערין האָט דאָס, וואָס פרידריך ענגעלס, וועלכער איז סוף 1842 איבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן, איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלע, ווי אויך מיט די פּאַריזער בונד־פיליעס, ווו געהערשט האָבן די אידייען פון קאַבע, פּרודאָן און וויטלינג און מען האָט קיין נייע אָנשויאונגען נישט צוגעלאָזט. צוזאַמען מיט עווערבעקן האָבן אין פּאַריז מיטגעאַרבעט ד"ר קאַרל גרין און מאָזעס העס: דעם לעצטן קאָן מען באַטראַכטן פאַר דעם אייגנטלעכן בינד־גליד, פאַר דער גייסטיקער בריק צווישן דעם קריטיש־אוטאָפּישן און דעם מאַרקסיסטישן קאָמוניזם. ער פאַרדינט דעריבער אַ גענויערע באַהאַנדלונג, צו וועלכער מיר וועלן קומען ווייטער.

אין דער שווייץ האָט עס די יאָרן 1845—1846 אויך נישט געהאַלטן בעסער מיטן „בונד פון די גערעכטע". די מיטגלידער זיינען דאָ באַהערשט געווען פון סאָציאַל־רעליגיעזע טרוימערייען, אָדער סתם פון פלענער־מאַכעריי.

דער גייסטיקער צענטר פון „בונד" האָט זיך, אַלזאָ, געפונען אין לאָנדאָן, ווו ס'איז אָנגעגאַנגען אַ אינטענסיווע פאָרש־אַרבעט און מען האָט פיל נאָכגעקלערט וועגן מהות און ציל פון קאָמוניזם. די צום טייל געדרוקטע און צום טייל ליטאָגראַפירטע קאָרעספּאָנדענצן, וואָס מאַרקס האָט פון בריסל פאַנאַנדערגעשיקט צו די בונד־מיטגלידער, האָבן געהאָלפן די לאָנדאָנער אין זייער אָריענטירונג, און אַזוי איז מעגלעך געוואָרן, אַז אין נאָוועמבער 1846 האָט די צענטראַלע (שאַפּער, בויער, מאָל) פאַנאַנדערגעשיקט אַ צירקולאַר צו די מיטגלידער, ווו עס ווערן שוין קלאָר פאָרמולירט די פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטישע פראַגן וועגן ציל און טאַקטיק, און אַ צווייטער צירקולאַר־בריוו, פון פעברואַר 1847, אַנטוויקלט נאָך מער די זעלבע פראַגן *). ביז לבינו האָבן די לאָנדאָנער דעלעגירט

*) די דאָזיקע צוויי זייער וויכטיקע דאָקומענטן, פאַר דער געשיכטע פונם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", געפינען זיך אין „דעמאָקראַטישן טאַשנבוך", לייפּציג, 1849 און אויך אין „נייער צייט" (דייטש) פון 19—1918.

יאַנואַר 1847) זייער פּאַרטרוי־מאַן יאָזעף מאָל קיין בריסל, צו מאַרקסן און ענגעלסן, צו פּועלן בײַ זיי, זיי זאָלן צושטיין צו אַ צוזאַמענאַרבעט.

דאָ — שטייען מיר ערבֿ דער פֿאַרפֿאַסונג פֿון קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט און ערבֿ דעם אויסברוך פֿון דער מערץ־רעוואָלוציע (1848); מוזן מיר דעריבער וואַרפֿן קודם אַ בליק אויף די געשעענישן אין די דייטשע מלוכות אין די יאָרן 1840—1847.

באַנד 2, ז. 133 א. וו., ווו דראַז האָט זיי פֿאַרעפֿנטלעכט: פֿאַרגלייך פּראָפֿעסאָר ד״ר קאַרל גרינבערג: די לאַנדאַנער קאָמוניסטישע צײַטשריפֿט, פֿאַרלאַג הירשפֿעלד, לײַפּציג 1921 (דייטש).

III. פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען אין דייטשלאַנד (1840 — 1847)

1. שטורעמפֿויגל

דער קעניג פרידריך ווילהעלם III, וועלכער האָט גאַנצע 43 יאָר געקעניגט אין פּרייסן, איז געשטאָרבן אין יאָר 1840; זיין נאָכפאָלגער איז געווען פרידריך ווילהעלם IV (1840—1858) — אַ גייסטיק באַגאַבטער מענטש, אָבער זייער אַ כאַראַקטערלאָזער; ער האָט געוואָלט מיט אַלע ריכטונגען לעבן בשלום און איז מיט אַלע געווען צעקריגט, ווייל ס'האָט אים געפעלט קאָנסעקווענטקייט און פאַרשטענדניש פאַר דער לאַגע פון פאָלק. אדער ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין כוח גובר צו זיין די פאָרורטיילן, אין וועלכע ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. אַ סך גוטער ווילן — אָבער אָן אויסדויער ביים דורכזעצן אָט דעם ווילן. און ווי געוויינלעך ביי אַזאַ מין כאַראַקטער, ווייזן זיך אַרויס פאַר שטאַרקער די טראַדיציאָנעלע פעסט איינגעוואָרצלטע פאָרורטיילן, און זיי באַשטימען דאָס האַנדלען, און נישט די נייערע געדאַנקען און אָנשויאונגען.

נאָך די ערשטע האָפענונגס־שטראַלן פון דער נייער ערע, וואָס האָבן מיט פרישן מוט אָנגעפילט די אינטעליגענץ, די יונג־העגעליאַנער און יונג־דייטשלאַנד, איז געקומען אַ ביטערע אַנטוישונג. אַ קרעפטיקן אויסדרוק האָט די אַנטוישונג געפונען אין דער פּאָליטישער ליריק פון די דיכטער הערוועג, פּרוץ, סאַלעט, היינע, פרייליגראַט. בכלל איז די דייטשע פּאָליטישע פּאָעזיע פון די 40־ער יאָרן געשטאַנען אויף זייער אַ הויכער מדרגה, און איר קראַפט האָט זי געצויגן — נאָך מער ווי אין קלאַסישן פּעריאָד פון סוף 18 יאָרהונדערט — פון איין זייט פון דעם מאַטעריעלן און

נאַציאָנאַלן אויפשוווּנג, און פון דער צווייטער — פון דעם פּאָליטישן און גייסטיקן דרוק:

„דעמאַגאָגן, יאַקאָבינער, אָ, זיי ווערן אַלץ דרייסטער... און די יונגע העגעליאַנער, וואָס דרינגען אַריין אין סאַמע האַרצן פון דער קלוגשאַפט, וואָס שפּעטן אַזוי עזותדיק פון הייליקייטן, וואָס זאָגן נביאות וועגן נייעס אין דער וועלט... און מיט אומפאַרשעמטן חוצפּהדיקן שטערן, מיט פאַרליבטן בליק פאַרערן זיי דעם פאַרשטאַנד, — אָט די נאַקעטע מויד — און דערקלערן אים פאַר אַ נייעם גאָט! שטרויס און פייערבאַך און בויער — עס באַפאַלט אונז אַ הייליקע מורא.“

(רודאָלף פאָן גאָטשאַל)

און צו די חכמים, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און אַלץ דערוואַרטן זיי נאָר פון איר, האָט פרידריך פאָן סאַלעט גערעדט אַזוי: — איר זאָגט אונז: „דו, יוגנט מיט צו הייסן בלוט, גיב אויף דיין פאַנטאַסטישן פרייהייטס־טרוים! דאָס גוטס אַנטוויקלט זיך נאָר געשיכטלעך“. — אָבער, צי דאָס הייסט געשיכטע, אַז קיין זאַך געשעט נישט?... געשיכטע הייסט. אַז מען האָט געשטורעמט די באַסטיליע, אַז מען האָט שטורמישע דעבאַטן געפירט אין קאָנווענט. אָ, קינדיש קאַרטןשטיבל פון דער קאַמאַריליע — ס'וועט אַמאָל אַ בלאָז טון — ווער וועט דיך דערקיגען דאַן?

און העזה'דיק האָט פערדינאַנד פרייליגראַט צוגערופן צו זיינע פּאָליציייאישע פאַרפאָלגער:

„נישטאָ קיין בעסער שאַך־ברעט, ווי די וועלט: פון דער שעלדע ביז איך אוועק צום לימאַט! איר קאָנט מיך יאָגן פון פעלד צו פעלד, אָבער איר וועט מיך נישט פאַריאָגן פון פעלד!.. פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד — מיך דירט עס ווייניק! קיין שום צוג פון גורל מאַכט מיך נישט מיד: מ י ד ו ע ר ן ק אָ ן נ אָ ר ד ע ר ק ע נ י ג!“

2. סאָציאַלע דיכטונג: היינע, מייסנער, בעק

„די פראַגע וועגן סאָציאַליזם — האָט געשריבן קאַרל גרין אין יאָר 1845 — הויבט אָן אויך אין דייטשלאַנד צו קומען אויף

דער טאָג־אָרדנונג. אין בלעטער, וואָס האָבן קיינמאָל קיין אנונג נישט געהאַט וועגן סאָציאַליזם, הילכן איצט פּלוצים די אינהאַלט־שווערע ווערטער: דער אויפשטאַנד פון פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזאַציע פון דער ארבעט, פאַרגעזעלשאַפטלעכונג". די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג האָט זיך מאָדנע שנעל אָפּגעשפּיגלט אין דער דיכטונג. די לעצטע גיט זיך אָפּ סיי מיט די ליכט־זייטן, סיי מיט די שאָטן־זייטן פון נייעם ווירטשאַפטס־בילד.

„און אין שוים פון די מיט דאַמף אומגעהילטע שטעט שלאָגט ווילד דאָס פּלאַם פון טויזנט קוימענס! אין ריינע געשטאַלטן ווי־קעלט זיך פאַנאַנדער דאָס, וואָס די נאַטור פאַרמאָגט אין רויער געשטאַלט."

(געאָרג ווירט, פּיטמאַנס בירגערבוך 1845)

און אין עסטרייך האָט קאַרל בעק געפייערט די בויאונג פון אייזנבאַנען, ווי א פאַקטאָר פון פעלקער־פאַרברידערונג:

„אָט די שינעס זענען חופּה־בענדער, קדושין־רינגען, בלאַנק געגאָסן, אין ליבשאַפט מישן זיי די לענדער אויס, און דער זיווג ווערט געשלאָסן".

אָבער העלע זייטן איז געווען ווייניק אין דעם ווירטשאַפטס־בילד אין די ד ײַטשע מלוכות. די דיכטער, וועלכע זענען געווען מער ווייניק סאָציאַל־קריטיש באַאיינפלוסט, האָבן זייער אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער מאָדערנער אָרימקייט. דער סאָציאַל־קריטישער שטראָם איז געקומען קודם כל פון פראַנקרייך. היינעס פּאַריזער בריוו צו דער „אויגסבורגער אַלגעמיינער ציי‌טונג" (1841—1843) וועגן פּאָליטישן און סאָציאַלן מצב אין פראַנקרייך האָבן געוועקט דעם חשק צו שטודירן דעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם. היינע איז טאַקע געווען בעיקר קינסטלער און אַריסטאָקראַט, אָבער זיין שטאַרק אַנטוויקלטער סאָציאַל־עטישער געוויסן האָט אים געשטויסן צו אינטערעסירן זיך מיטן פראַנצויזישן קאָמוניזם. און די צאָלרייכע דייטשע עמיגראַנטן, וואָס האָבן געלעבט אין פּאַריז און געווען טעטיק אַלס זשורנאַליסטן, האָבן אויך נישט געקענט אויסמיידן די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אין 1842 איז דערשינען ד"ר לאָרענץ־פאָן־שטיינס ווערק „דער סאָציאַליזם און קאָמוניזם פון איצטיקן פראַנקרייך", אין וועלכן עס

אין זייער גוט אדורכגעארבעט דער קלאסן־קעגנזאץ צווישן בור־זשואזיע און פאלק *) (בורזשואזיע און פראלעטאריאט), וואס איז שוין געווען גוט באקאנט אין פראנקרייך זייט 1831; שטיינס ווערק איז זייער נישט גלייכמעסיק געשריבן, אנדערע טיילן זענען אויסגעצייכנט, און אנדערע ווידער — באזונדער ווו ס'רעדט זיך וועגן קאמוניזם — וואלטן געמעגט געהערן דער פעדער פון א פאַ־ליציי־אגענט. אבער סיי ווי האט דאס ווערק זייער פיל מיטגעהאל־פען צו דער פארשפרייטונג פון סאציאל־קריטישע אידייען אין דייטשלאנד. נאך ווירקזאמער איז געווען די פראפאגאנדע פון מאַ־זעס העס, וועלכער האט זיך זייט 1839 באמיט — מיר וועלן 'נס נאך אין ווייטערדיקן קאפיטל זען — צו פארבינדן דעם סאציא־ליזם מיט דער יונג־העגעליאנישער שול. די וועבער־אומרוען אין שלעזיען אין 1844 האבן צוגעגעבן דער סאציאלער דיכטונג אין דייטשלאנד אן אקטועלן אינטערעס. געארג ווירט און פערדינאנד פרייליגראט האבן מיט זייערע איבערזעצונגען פון דער ענגלישע־סאציאלער פאעזיע באקאנט געמאכט דעם דייטשן לעזער מיט די שאטן־זייטן פון דער אינדוסטריע, אט „דער געטין פון אונזער־ע טעג" (ווירט). אבער ווירט האט שוין געזען, אז

„די ארבעט־נויט, וועלכע קיינער האט לינדערן נישט געוואלט, זי האט אפילו דעם פעלז אין א זייט אוועקגעשליידערט".

אין עסטרייך האבן דאס סאציאלע געוויסן געוועקט אלפרעד מייסנער און קארל בעק.

„אנדערע קינדער, **א בלאסן דור**, האב איך געזען דארט, ווו הויכע קוימענס רויכערן, ווו אייזערנע רעדער קלאפן אויס אין פייער־בלוט **א טאנץ אין שווערן טאקט**".

א באדייטנדיק ווערק איז אויך מייסנערס „ציסקא", ווו ער שילדערט אין קרעפטיקע שטריכן די סאציאל־עטישע געדאנקען פון די הוסיטן פון טאבאר. זיין גלויבן אין דער ענדגילטיקער אויסליי־זונג פון דער מענטשהייט פון גייסטיקער און מאטעריעלער נויט איז געווען אומדערשיטערלעך:

„און זי וועט קומען, די פארשפראכענע צייט, און אלע פרעמ־

*) Bourgeoise און Peuple

דע מאַכטן וועלן אומפאַלן פאַר דעם גייסט... שוין רוט דער גייסט אויף די אָרימסטע און קלענסטע. עס רוקט אָן, עס דערנענטערט זיך די פאַרשפּראָכענע אויפלעבונג פון דער נייער דערקענטעניש.. און אַז ער קומט אָן, דער נייער אויסלייזער, וועלכער וועט ברענגען די ירושה פון זינד און נויט, וועלכער וועט רעדן וועגן פאַרטיילן די אַרבעט ברידערלעך גלייכמעסיק פאַר אַלע קינדער פון דער ערד — דעמאָלט וועסט דו דיך דערהויבן, אַ שטראַלנדיקער, אַ רויזן־באַקראַנצטער, אַ שענערער אַפילו, ווי דער קריסטלעכער קרייץ."

אין ליד „פאַרוואָס זענען מיר אָרים"? פון קאַרל בעק רופן די אָרימע צו די רייכע:

„מיר באָרגן און זאָרגן, און איר הויפט די גולדנס, מיר פילן אויס די קירכעס און בעטן און דולדן, דאָס דאָזיקע דולדן איז אונזער אומענדלעך פאַרברעכן, און — דעריבער זענען מיר אָרים".

אָבער אַלעמען שטייגט איבער היינע, דער אומשטערבלעכער דיכטער־זשעני: אַ העלען אַלס קינסטלער, אַ ייד אַלס סאָציאַל־עטיקער:

„ווען איך וואָלט אין נעראָנס צייטן געלעבט אין רוים — שרייבט היינע דעם 15 יוני 1843 צו דער „אויגסבורגער אַלגעמיינער צייטונג" — און וואָלט באַדאַרפט קאָרעספּאָנדירן, לאָמיר זאָגן, פאַר דער אויבער־פּאָסט־אַמט־צייטונג פון בעאָטיע... וואָלטן מיינע קאָלעגן מסתמא נישט איינמאָל געחוזקט, וואָס איך שרייב קיין איין וואָרט נישט, למשל, וועגן די מלוכה־אינטריגעס פון דער מוטער־קייזערין... און וואָס איך רעד כסדר וועגן יענע גאַלילייער... מיינע גוט־אינפאָרמירטע קאָלעגן וואָלטן זיכער מיט אַ באַזונדערער איראָניע זיך געוויצלט איבער מיר, ווען איך וואָלט וועגן הויפּבאַל ביי צעזאַרן... קיין שום וויכטיקערע זאַך נישט געפונען צו דערציילן, ווי דאָס, אַז אייניקע פון יענע גאַלילייער האָט מען באַשמירט מיט סמאָלע און אונטערגעצונדן און אויף אַזאַ אופן באַלייכטן די גאָרטנס פון גאָלדענעם פּאַלאַץ... אָבער דער דאָזיקער וויץ האָט זיך זייער מיאוס געענדיקט, די מאַרטירער־פאַקעלן האָבן געשפּריצט פונקען, דורך וועלכע די רוימישע וועלט מיט איר גאָרער פוילער הערלעכקייט איז אויפגעגאַנגען אין פלאַמען..." היינע וויל דערמיט אונטערשטרייכן די באַדייטונג פון זיינע ידיעות וועגן די

פראַנצויזישע קאָמוניסטן. און נאָך מיט דריי יאָר פריער, אין זיין שריפט וועגן לודוויג בערנע (1840), שרייבט שוין היינע:

„די מערקווירדיקסטע ווערטער פון נייעם טעסטאַמענט זענען פאַר מיר די שטעלן פון עוואַנגעליום פון יאָהאַן, 16, 12—13: „איך האָב אייך נאָך פיל צו זאָגן, אָבער איר קאָנט עס איצט נישט פאַרנעמען. אָבער אַז יענער, דער גייסט פון אמת, וועט קומען, וועט ער אייך אין אַלעמען לערנען אמת. וואָרום ער וועט נישט רעדן פון זיך זעלבסט, נאָר וואָס ער וועט הערן, דאָס וועט ער רעדן, און ער וועט אייך אָנזאָגן דאָס, וואָס דאַרף קומען.” דאָס לעצטע וואָרט איז, אַלזאָ, נאָך נישט געזאָגט געוואָרן, און דאָ איז אפשר דער רינג, אין וועלכן עס קאָן אָנקניפּן אַ נייע אַנטפּלעקונג. זי קאָן אָנהייבן מיט דער אויסלייזונג פון וואָרט, מאַכן אַ סוף צו מאַרטירערשאַפט און אויפריכטן דאָס קעניגרייך פון אייביקן פרידן: דאָס טויזנטיאָריקע קעניגרייך. אַלע פאַרשפּרעכונגען געפינען ענדלעך זייער פולסטע דערפילונג.” דאָס איז דאָס דריטע עוואַנגעליום — פון סאָציאַלן פרידן, פון געמיינזאַמער אַרבעט, פון ברידערלעכן צוזאַמענלעבן:

„אויף דעם פעלז בויען מיר די קירכע פון דריטן נייעם טעסטאַמענט; די לײדן זענען אויסגעליטן”. (היינע, צייטגעדיכטע).

3. סאָציאַלע קריטיק: העס, גרין, לינינג, עלקערס

אין דער זעלבער צייט, ווען די דייטשע האַנטווערק־געזעלן האָבן אַריינגעבראַכט קיין דייטשלאַנד די סאָציאַליסטישע שיטות פון די פוריער׳סטן און סען־סימאָניסטן, האָבן זיך דייטשע דענקער באַמיט צו דערוצירן (אַרויסדרינגען) דעם סאָציאַליזם פון דער דייטשער פילאָזאָפיע (פון העגעלן און פייערבאַכן) און שאַפן אַזוי אַרום אַ דייטשן סאָציאַליזם. דער באַדייטנדסטער צווישן אָט די דענקער — ביז מאַרקסן — איז געווען מאָזעס העס, דער פּיאָנער פון סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד.

העס איז געבוירן געוואָרן אין באָן, דעם 21 יאַנואַר 1812. ער איז אויפגעוואַקסן אין הויז פון זיינע עלטערן, אין אַן אַטמאָספער פון פרומקייט און לומדות, האָט באַזוכט אַ שול, און גלייכצייטיק האָט ער פון זיידן אָפט געהערט וועגן משיחן. דערווייל האָט זיך

געמאכט, אז דער פאָטער זיינער האָט געגרינדעט א צוקער־פאבריק אין קעלן, און אין 1826 האָט ער געפּרוווט נעמען דעם יינגן מאָזעס אין געשעפט אריין, כדי אויסצובילדן פון אים דעם קומענדיקן יורש פון דער פירמע. אָבער דעם יינגן מאָזעס איז נישט געפעלן געוואָרן אין ביורא; ער האָט געוואָלט זיך לערנען, און ער האָט שוין צו יענער צייט געהאַט געלייענט שפּינאָזאַן, וועלכן יידישע בחורים פלעגן דעמאָלט בכלל זיך כאַפּן לייענען, ווי נאָר זיי זענען געוואָרן אָנגעשטעקט מיט אפּיקורסישע געדאַנקען. אין 1830 האָט ער אַ שטיקל צייט באַזוכט דעם באָנער אוניווערזיטעט און האָט דאַן, זעט אויס, פיל נאָכגעקלערט איבער רעליגיעזע פּראָבלעמען; ער האָט פלייסיק געלייענט עוואַנגעליום און קירכן־געשיכטע, האָט זיך באַפרייט פונם יידיש־אָרטאָדאָקסישן פּאָרורטייל קעגן קריסטנטום, און האָט זיך צוליב דעם אַלץ מער דערווייטערט פון דער פאַמיליע פון זיינע עלטערן. ער איז אפילו געהאַט אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און דאָרט פאַרבליבן אַ שטיקל צייט, ער האָט אָבער נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן און האָט זיך געמוזט אומקערן. צי האָט ער זיך בעת דער דאָזיקער רייזע באַקענט מיט סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און פון זיי אויפגענומען די אידייע וועגן דריטן עוואַנגעליום — איז נישט באַקאַנט. קלאָר איז נאָר, אַז אָנהויבנדיק פון יאָר 1835, האָט ער זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט סאָציאַל־רעליגיעזע און העגעלשע אידייען; די פרוכט פון אט דעם אָפּגעבן זיך איז זיין „הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט" (1837), ווו די פאַרשיידענע געשיכטלעכע צייט־תקופות ווערן אויף אַ מיסטיש־רעליגיעזן אופן באַטראַכט, ווי שטאַפּלען אין דער אַנטוויקלונג. פון דער מענטשהייט צו גייסטיקער און מאַטעריעלער איינהייט אין האַרמאָניע. דעם אויסדרוק „סאָציאַליזם" אָדער „קאָמוניזם" באַגעגנט מען נישט אין בוך — ווייל קלאָר זיך אויסדריקן איז געווען דעמאָלט געפערלעך; העס רעדט נאָר וועגן אַ „נייער הייליקער קאָנסטיטוציע", וועלכע וועט געבן דער מענטשהייט דעם באַוווסטזיין פון איינהייט און די „הייליקע פאָלקס־מלוכה". פיר יאָר שפּעטער האָט ער פאַרעפנטלעכט די „אייראָפּעאישע טריאַרכיע" (1841), ווו ער אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז די רעטונג פון דער מענטשהייט קאָן קומען נאָר פון אַ פאַראייניקונג פון דייטשער פילאָזאָפיע, פראַנצויזישן רע־

וואָלוציע־גייסט און ענגלישער סאָציאַלער פּראַקטיק. דאָס זעלבע יאָר איז דערשינען פייערבאַכס „גייסט פון קריסטנטום“ — דאָס ווערק האָט אויף העסן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק און האָט אים גלייך געהאָלפן אַריבערצוּוואַרפן אַ בריק צווישן דייטשער פילאָזאָפיע און סאָציאַליזם. געווען איז עס נאָר אַ נויט־בריק און לאַנג האָט זי נישט אָנגעהאַלטן, וואָרום באַלד איז געקומען מאַרקס און האָט מיט דער הילף פון דער העגעלשער דיאַלעקטיק אויסגעבויט זיין סיסטעם — וועגן איר וועלן מיר שמועסן אין קומענדיקן קאַפּיטל. העס אַליין ווייזט אָן אין געציילטע ווערטער, ווי ער האָט רעדוצירט, ריכטיקער אויסגעפּשטלט פון פייערבאַכן דעם סאָציאַליזם. ער שרייבט: „דער מהות פון גאָט, זאָגט פייערבאַך, איז דער טראַנסצענדענטער (איבערזינלעכער) מהות פון מענטשן, און די אמתדיקע לערע וועגן געטלעכן מהות איז די לערע וועגן מענטשלעכן מהות: טעאָלאָגיע איז אַנטראָפּאָלאָגיע (די לערע וועגן גאָט איז די לערע וועגן מענטשן) — דאָס איז אמת, אָבער דאָס איז נישט דער גאַנצער אמת. דער מהות פון מענטשן, דאַרף מען צוגעבן, איז דער געזעלשאַפטלעכער מהות, דאָס צוזאַמענווירקן פון פאַרשיידענע אינדיווידואומען (איינצלמענטשן) פאַר איין און דעם זעלבן צוועק, פאַר די זעלביקע אינטערעסן, און די אמתדיקע לערע וועגן מענטשן, אמתער הומאַניזם, איז די לערע וועגן מענטשלעכער געזעלשאַפטלעכקייט, ד. ה. אַנטראָפּאָלאָגיע און סאָציאַליזם.“ אַזוי האָט העס געשריבן אין יאָר 1845 *). העס וויל דאָ אָט וואָס זאָגן: פייערבאַך האָט באַוויזן, אַז רעליגיע איז נאָר די פאַרהערלעכונג פון מענטשנס גייסט; די וויכטיקע דערקענטעניש פון גאָט איז די דערקענטעניש פוןווירקלעכן מענטשן. צו דעם גיט העס צו: ניין, נישט פונם איינציקן מענטשן, נאָר פון גאַנצן מין מענטשן, אין זייער סאָציאַלן צוזאַמענווירקן, אין זייער געזעלשאַפטלעכער אינטערעסן־האַרמאָניע; ווירקלעכע טעאָלאָגיע איז מענטשן־ליבע און מענטשלעכעס צוזאַמענווירקן. מען קאָן דאָס נאָך פיל איינפאַכער אויסדריקן: יעדע רעליגיע איז סאָציאַל־עטיק.

*) מ. העס, סאָציאַליסטישע אויפזעצע, וועלט־פאַרלאַג, בערלין 1921, ז. 16. איבערגעזעצט פון זלאָטשיסטי, זייער אַ ווערטפולע זאַמלונג.

עס איז גרינג איינצוזען, אַז אָט די גאַנצע רעדוקציע (קאָנישע קייט) איז ביי העסן אַ געצוווּנגענע, אָבער דעמאָלט (1841-1845) האָט זי געפֿונען אָפּקלאַנג און צושטימונג, ווייל זי האָט פֿאַרבונדן דעם סאָציאַליזם מיט דער יונג־העגעליאַנישער פֿילאָזאָפֿיע און מיט דער רעליגיע־קריטיק.

אַרום סוף 1842 האָבן זיך העס און פֿרידריך ענגעלס ביידע געפֿונען אין קעלן. העס האָט געוווּנען ענגעלסן פֿאַר זיינע אידייען און האָט אים אַריינגעפֿירט אין סאָציאַליזם. ביי מאַרקסן אָבער האָט העס קיין מזל נישט געהאַט מיט זיינע רעדוקציעס; מאַרקס איז צופֿיל געווען פֿילאָזאָפֿיש געבילדעט, כּדי זיך לאָזן אויף אַזעלכע חקירות. העס איז צו יענער צייט געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון דער „ריינישער צייטונג“, וועלכע מאַרקס האָט רעדאַקטירט. ווינטער 1842-3 איז העס געפֿאָרן קיין פּאַריז, און האָט זיך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט די מיטגלידער פֿון „בונד פֿון די גערעכטע“. ער האָט דאַן געשריבן פֿאַר פֿאַרשיידענע דייטשע סאָציאַליסטישע צייטשריפֿטן, אין 1846-7 איז ער געוואָרן אַ נאָהענטער פֿון מאַרקסן און האָט אין 1847 געשריבן אין דער „דייטשער בריסעלער צייטונג“ אויסגעצייכנטע אַרטיקלען איבער „די פֿאָלגן פֿון דער רעוואָלוציע פֿונם פּראָלעטאַריאַט“, — אַ סך בעסערע, איידער דער פּראָיעקט פֿון קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט, וואָס ענגעלס האָט געהאַט אויסגעאַרבעט. די אַרטיקלען לייענען זיך, ווי אַ מין פּאָפּולערע איבערדערציילונג פֿון געוויסע קאַפּיטלעך פֿון מאַרקסישן קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט, הגם דער מאַניפֿעסט איז ערשט אָנגעשריבן געוואָרן אין עטלעכע חדשים אַרום; אַמוואַרשיינלעכסטן זענען אָט די אַרטיקלען אַ פּראָדוקט פֿון די פֿאַרלעזונגען, וועלכע מאַרקס האָט האַרבסט 1847 געהאַלטן אין בריסעלער אַרבעטער־פֿאַריין, און פֿון די דיסקוסיעס, וואָס האָבן זיך געפֿירט אַרום די פֿאַרלעזונגען.

די לעצטע צוויי יאָרצענדלינגען פֿון העס לעבן זענען געווען אויסגעפֿילט מיט ייִדיש־נאַציאָנאַלע, מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און מיט נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע פֿראַגן. העס איז דורך און דורך געווען אַ הומאַניטאַרער סאָציאַליסט, טאָלעראַנט, פֿרידלעך, — אַ נאַזאַרעער. נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ דייטשער פּראָסטיטוטקע, און האָט מיט איר זייער גליקלעך גע־

לעבט אַלע זײַנע יאָרן; ער האָט זי באַהאַנדלט מיט אַכטונג און מיט ליבשאַפֿט. געשטאָרבן איז ער אין פּאַריז, דעם 6 אַפּריל 1875. *)

אַן אָנהענגער פֿון העסן איז געווען דער אויבן דערמאָנטער קאַרל גרין (1884—1813); תּחילת אַ פֿילאָלאָג, דערנאָך אַ זשורנאַליסט און זייט 1844 טעטיק אַלס הומאַניטאַר-סאָציאַליסטישער שריפֿטשטעלער; ער האָט אויך געלעבט אַ שטיק צייט, אַלס עמיגראַנט, אין פּאַריז, פֿלעגט אינפֿאָרמירן פּרודאָנען וועגן דער דייטשער פֿילאָזאָפֿיע, פֿלעגט זיך באַגעגענען מיט קאָנסידעראַנען און קאַבע, און האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפֿלוס אין ריינלאַנד. זיין סאָציאַליזם האָט זיך צוגעפֿירט צו ליבע: מענטשן-ליבע און גערעכטיקייט; אויך ביי אים איז דער אויסגאַנג-פּונקט געווען פֿייערבאַך. גרין שרייבט: דער לעצטער אויספֿיר פֿון „מהות פֿון קריסטנטום“ איז: דאָס אָרט פֿון גלויבן מוז פֿאַרנעמען די ליבע... דער מהות פֿון קריסטנטום איז דאָס האַרץ, די ליבע, און נאָר זי דאַרף פֿון איצט און ווייטער גילטן.“

ד״ר אָטאָ ליניגג האָט זיך מער געפֿונען אונטער פֿראַנצויזישע איינפֿלוסן, ווי אונטערן איינפֿלוס פֿון דער דייטשער פֿילאָזאָפֿיע. אין זיין צייטשריפֿט „דאָס דאָזיקע בוך געהער דעם פֿאָלק“ (באַנד I, 1845) סאָלידאַריזירט ער זיך דער עיקר מיט לואי בלאַנען און האַלט פֿאַרן הויפּט-אומגליק די קאָנקורענץ און די „מחיצה צווישן אַרבעטער, וועלכער פּראָדוצירט די זאַך, און דעם פֿאַבריקאַנט, וועלכער זעצט אָפּ די זאַך, אַזוי אַז דעם אַרבעטער פֿאַלט דערביי צו נאָר זייער אַ קנאַפּער לוין“ (ז. 88). און אַזוי ווי לואי בלאַן, האָט ער אויך געהאַלטן, אַז העלפֿן קאָנען נאָר פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון און מלוכהשע סאָציאַלע רעפֿאָרמען. דער קאַמף פֿון די אַרבעטער דאַרף זיין געווענדעט קעגן די פֿאַרהעלטנישן, אָבער נישט קעגן די פֿאַבריקאַנטן.

הערמאַן גלקערם (1869—1816), אַ קעמפֿער און זייער אַ טעטיקער שריפֿטשטעלער, האָט אין 1844 פֿאַרעפֿנטלעכט אַ שריפֿט „די באַוועגונג פֿון סאָציאַליזם און קאָמוניזם“, ווו ער זאָגט זיך

*) ביאָגראַפֿיע פֿון מאָזעס העס, דעם סאָציאַליסט און ציוניסט, פֿון ד״ר ר. זלאָטשיסטי, וועלט פֿאַרלאַג, בערלין 1921 (דייטש).

אָרוים פֿאַר אָרגאַניזירן די ארבעט אויף מלוכה־סאָציאַליסטישע יסודות. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע (1848-49), און מען האָט אים אין זאַקסן פֿאַרמשפּט אויף 10 יאָר שווערע תּפֿיסה.

VI. קאַרל מאַרקס

1. זיין באַדייטונג

אין דער זעלבער צייט, ווי ס'איז אָנגעגאַנגען די אויסאַרבעטונג פון די אידייען און פּלענער פון פראַנצויזישן סאָציאַליזם, ווי אויך דאָס ספּעקולאַטיווע אַרומזוכן נאָך אַ פילאָזאָפישן יסוד פאַר דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט — איז מאַרקס געווען פאַרטון אין פאַריז ביים אויסבוי פון זיין לערע, וועלכער ס'איז באַשערט געווען גאָר אינגיכן אַרויסצושטופּן אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע סיסטעמען און ווערן דאָס כלל־אייגנס פון אַלע סאָציאַליסטן און פון אַלע דענקענדיקע פּראָלעטאַריער. פון דעמאָלט אָן איז סאָציאַליזם געוואָרן די זאַך פון אַרבעטער־קלאַס, און דער אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן איינע פון די הויפּט־פּראָבלעמען פאַר דער מלוכה־קונסט.

פ אַ ר מאַרקסן איז דער פּראָלעטאַריאַט געווען דאָס שיק־ייִנגל פון דער פּאָליטיק, אַן אָביעקט פון מיטלייד פאַר די סאָציאָלאָגן; נ אָ ך מאַרקסן איז ער געוואָרן דער קרוין־פּרעטענדענט, דער קומענדיקער הערשנדער קלאַס, דער וואָס איז באַרופן אומצוּוואַרפן די אַלטע און אויסצובויען די נייע געזעלשאַפט.

פאַר מאַרקסן האָט דער סאָציאַליזם געשעפּט זיין קראַפט פון דער גאָלדענער צייט פון דער פאָרגעשיכטע, פון דעם נאַטור־רעכט, פונם אור־קריסטנטום, פונם הומאַניסטישן געדאַנק, פון דער סאָציאַל־עטיק. ז י י ט מאַרקסן איז סאָציאַליזם געוואָרן פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע קעגנוואַרט־פּאָליטיק, מיטן ציל צו אַנטוויקלען אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע טענדענצן פון סאָציאַלן אָרגאַניזם, וועלכע פירן צו דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די ווירטשאַפטס־כוחות. פ אַ ר מאַרקסן איז סאָציאַליזם געווען דאָס כיליאַסטישע האָפן פון אַלע גוטע און פרומע אויפן דריטן טעם־

טאַמענט; זײַט מאַרקסן איז סאָציאַליזם געוואָרן דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער ציל פון גרויסע און אַלץ וואַקסנדיקע קאַמף־פּאַרטייען און קלאַסן.

מאַרקס האָט געטראָפן דעם סאָציאַליזם, ווי אַ זאַך פון אמונה, אָדער ווי אַ דאָגמאַטישע, פאַרגליווערטע, אײביק גילטיקע לערע; און געמאַכט האָט ער אים פאַר אַ באַוועג־קראַפט אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט — פון פּריוואַט־אייגנטום צו קאָלעקטיוון אייגנטום.

פריער זענען פּראָלעטאַריאַט און סאָציאַליזם געווען צוויי באַזונדערע זאַכן; מאַרקס האָט זיי פאַרבונדן, ווי גוף און נשמה: ער האָט אַ רוח־חיים אַרײַנגעבלאָזן אינם פּראָלעטאַריאַט.

גייסטיק איז דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט דאָס מאָנומענטווערק פון קאַרל מאַרקס. עס איז אים בלויז נישט באַשערט געווען צו פאַרענדיקן דאָס ווערק אין אַלע זײַנע פּרטים. און פון דאַנען — אונזערע בלאָנזשעניש, אונזערע פעלערן און אונזערע לײַדן.

די דאָזיקע ריזן־אַרבעט — ווי אומפאַרענדיקט ער האָט זי נישט געלאָזן — האָט מאַרקס באַוויזן אויפצוטון אַ דאַנק זײַן פעאיקייט צו קוקן אַריבער, אַריבער אַלע דערשײַנונגען און פלאָנטערנישן פון דערשײַנונגען און געשעענישן, אַרײַנצודרינגען אין עצם וועזן פון זאַכן און דערטאַפּן די צענטראַלע ליניע פון דער נײַעסטער געשיכטע־תקופה.

אַט אַ דער דורכדרינגענדיקער בליק, פאַר וועלכן אַלע מאַסקעס, אַלע פראַזעס, אַלע צביעותקייטן, אַלע אָביעקטיווע שטערונגען און שטרויכלונגען ווערן צעשמאָלצן און אויפגעלייזט, ווי נעפּל פאַר דער זון — דאָס הייסט גאון, דאָס הייסט העלד פון גייסט.

2. מאַרקס און די העגעלשע דיאַלעקטיק

מאַרקס איז געבוירן געוואָרן דעם 5 מאַי 1818 אין טריר. זײַן פאָטער איז געווען אַדוואָקאַט און האָט געשטאַמט פון אַ רבנישער משפּחה. אין 1824 זענען זײַנע עלטערן אַריבער צום קריסטנטום. קאַרל האָט באַזוכט גימנאַזיע אין זײַן געבורט־שטאָט, דערנאָך דעם אוניווערזיטעט אין באָן און אין בערלין, און אין 1841 נאָך האָט ער אין יענאַ געהאַלטן עקזאַמען אויף דאָקטאָר פילאָזאָ-

פיע. ער האָט געוואָלט זיך איינאָרדנען אין באַן אַלס פּריוואַט־דאָ־צענט, האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז זיין פּלאַן איז אויסזיכט־לאָז, איז ער געוואָרן פרייער שריפטשטעלער, דערנאָך אין 1842, מיטאַרבעטער פון דער „ריינישער ציימונג“, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין קעלן, און לסוף — שעף־רעדאַקטאָר פון דער זעל־בער צייטונג, וועלכע איז איבער מאַרקס אַרטיקלען אויסגעשטאַנען געברענטע צרות פון דער צענזור. אין 1843 האָט זיך מאַרקס צו־ריקגעצויגן פון דער רעדאַקציע, האָט חתונה געהאַט מיט זשעני פאָן וועסטפאַלען און שפּעט־האַרבסט דאָס יאָר איז ער אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, כדי צו שטודירן דאָרט דעם סאָציאַליזם און אַרויסצוגעבן צוזאַמען מיט אַרנאָלד רוגע, אַ יינג־העגעליאַנישער פאַרלעגער און פּאָליטיקער, די „דייטש־פראַנצויזישע יאָרביכער“. אין די צוויי בענדער „יאָרביכער“, וואָס זענען דערשינען (אין 1844), געפינען זיך שוין התחלות פון מאַרקסיזם, באַזונדער אין דער אָפּהאַנדלונג „צו דער קריטיק פון דער העגעלשער רעכט־פילאָזאָפיע“.

מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אַז מאַרקס האָט זיך דערמיט אונטערגעשיידט פון זיינע פאָרגייער, וואָס ער האָט פאַרבונדן צוזאַמען „סאָציאַליזם“ און „קעמפנדיקער פּראָלעטאַריאַט“ און „געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג“, און האָט פון די פאַקטאָרן אויס־געבויט אַן איינהייטלעכע סיסטעם. ווי אַזוי איז ער געקומען צו די דאָזיקע געדאַנקען?

אַז מאַרקס איז אין 1843 געקומען קיין פּאַריז, האָט ער שוין מיטגעבראַכט מיט זיך גרינדלעכע פילאָזאָפישע בילדונג, דראַנג צו פרייהייט און פאַרלאַנג צו דערלערנען דעם סאָציאַליזם. דער סימן מובהק פון אַ געבילדעטן גייסט איז די לייכטקייט, מיט וועלכער ער אָריענטירט זיך: די פעאיקייט אַרויסצוגעפינען פון דעם ים פאַר־שיידנאַרטיקע דערשיינונגען דאָס סאַמע וועזנטלעכע און איינזען די שייכותן צווישן די דערשיינונגען. די דאָזיקע פעאיקייט האָט מאַרקס פאַרמאָגט אין גאָר אַ הויכן גראַד. וואָס האָט ער געטראָפן אין פּאַריז? אַ מענגע סאָציאַליסטישע געדאַנקען, פּלענער און אָנ־שויאונגען, צוזאַמען מיט פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע טראַדי־ציעס פון דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פון באַ־בעפס פאַרשווערונג און פון בלאַנקיס געהיימע חברות. זעלבסט־

פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט זיך באַקענט אויך מיטן ענגלישן טשאַרטיזם, וועלכער האָט אין 1842 דערגרייכט זיין הויך־פּונקט. די דאָזיקע פאַרשיידענע דערשיינונגען האָט מאַרקס באַנומען מיט דער הילף פון העגעלס דיאַלעקטיק, וועלכע האָט פאַר אים געעפנט, ווי ער האָט געגלייבט, דעם גרונט־געזעץ פון געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

וואָס אַזוינס איז די העגעלשע דיאַלעקטיק?

די אַלטע גריכן האָבן אונטער דיאַלעקטיק פאַרשטאַנען די קונסט פון רעדן און קעגן־רעדן, פון דערווידערן דעם קעגנער, אַ תּל מאַכנדיק פון זיינע באַהויפּטונגען און באַווייזן, אַרויסקריגנדיק פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט די ווידערשפּרוכן און קעגנזאַצן. קוקט מען זיך גענויער צו צו אַט דעם אופן פון דיספּוטירן, זעט מען אַז ער איז זייער נוצלעך, — הגם ער איז געווענדעט נאָר אויף אָפּפרעגן און פאַרניכטן (נעגאַטיווע דענקאַרבעט) — ווייל פון דעם קעגנזייטלעכן צוזאַמענשטויס פון מיינונגען העלפט ער אַרויסצוקריגן דעם אמת און ער רעגט אָן צו ווייטערדיקן נאָכטראַכטן. העגעל (געבוירן אין שטוטגאַרט 1770, געשטאָרבן אין בערלין 1831), אַ דייטשער פילאָזאָף און מיסטיקער, וואָס האָט די אידייע פון אַנטוויקלונג אַריינגעפירט אין דער לאָגיק, האָט אויפגענומען דעם אויסדרוק דיאַלעקטיק, און האָט מיט אים אַ נאָמען געגעבן זיין אייגענעם מעטאָד פון דענקען. לויט דעם דאָזיקן מעטאָד, איז יעדער איינער פון אונזערע באַגריפן האָט אַנטקעגן זיך זיין קעגנזאַץ אָדער ווידערשפּרוך אָדער מיט אַנדערע ווערטער: יעדע פּאָזיטיווע זאַך האָט זיך איר נעגאַציע. דער אויבערפלעכלעכער געדאַנק גייט דאָס לייכט פאַרביי, באַמערקט עס נישט; ער זעט, אמת, אַז די וועלט איז פול מיט פאַרשיידענע זאַכן, אַז ווו עפּעס אַ זאַך, איז פאַראַן אויך איר היפּוך, צ. ב. זיין — נישט זיין, קעלט — היץ, ליכט — פינסטערניש, מילדקייט — האַרטקייט, לופט — שמערץ, ווייכקייט — אָרימקייט, קאַפּיטאַל — אַרבעט, לעבן — טויט, טוגנט — פאַרדאָרבנקייט, אידעאַליזם — מאַטעריאַליזם, רעאַליזם — נאָמינאַליזם, קלאַסיציזם — ראָמאַנטיזם א. אַ. וו. אָבער דער דורכשניט־מענטש גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אַז ער האָט פאַר זיך אַ וועלט פון ווידערשפּרוכן און

קעגנזאַצן. ערשט ביים דענקענדיקן און קריטישן שכל באַקומט זיך אַנשטאָט בלויזער פּילאַרטיקייט און פֿאַרשיידנקייט — קעגנזאַצן, ווידערשפּרוכן, צוזאַמענשטויס פֿונם נעגאַטיוון מיטן פּאָזיטיוון. ערשט אַז דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס, דער קאַמף פֿון קעגנזאַצן איז אויסגעקעמפּט — אַנטשטייט עפּעס העכערס. אונטער ווידערשפּרוך פֿאַרשטייט העגעל נישט אַ פּראָדוקט פֿון כאַאָטישקייט, נישט דעם אומקלאָרן, סתירהדיקן געדאַנק, נאָר אויסערלעכע קעגנזאַצן: דאָס וואָס אין לויף פֿון דער צייט ווערט פֿון רעכט אומרעכט, פֿון שכלדיקס אומשכלדיקס, פֿון נוצלעכקייט — שעדלעכקייט: וואָס געזעצן און איינריכטונגען ווערן פֿאַרעלטערט און קומען אַריין אין אַ סתירה מיט די לעבעדיקע אינטערעסן און נייע אידייען פֿון דער געזעלשאַפֿט: וואָס עס אַנטשטייען, אַלזאָ, סאָציאַלע קאַמפֿן, כדי צו ברענגען די געזעצן און איינריכטונגען אין איינקלאַנג מיט די נייע אינטערעסן און אידייען און דערגרייכן צו אַ העכערער סאָציאַלער שטופֿע. די דאָזיקע העכערע שטופֿע רופֿט העגעל: די נעגאַציע פֿון דער נעגאַציע, אָדער סינטעז.

מען קאָן דעם דאָזיקן גאַנצן מעטאָד נאָך דײַטלעכער באַנעמען מיט דער הילף פֿון אַזאַ ביישפּיל: לאָמיר באַטראַכטן אַן איי. עס איז אַ *פּאָזיטיווע* זאַך. אָבער עס טראָגט אין זיך פֿאַרבאָרגן אַן עמבריאָן (התחלה), וואָס, אויפֿגעוועקט צום לעבן, פֿאַרצערט ער (נעגירט ער) ביסלעכווייז דעם אינהאַלט פֿונם איי.

אָבער די דאָזיקע *נעגאַציע* איז נישט קיין איינפֿאַכע צעשטערונג און פֿאַרניכטונג; פֿאַרקערט, איר רעזולטאַט איז, אַז פֿונם עמבריאָן האָט זיך אויסגעוויקלט אַ לעבעדיק וועזן. אַז די נעגאַציע איז פֿאַרענדיקט, דאַן ברענגט דאָס אויפֿגעקומענע הינדעלע אַדורך די שאָלעכץ פֿונם איי. דאָס איז די נעגאַציע פֿון דער נעגאַציע (אָדער דער *סינטעז*), דורך וועלכער עס איז באַשאַפֿן געוואָרן עפּעס אָרגאַניש העכערס.

לויט העגעלן, איז דער וויכטיקסטער מאָמענט אינם פּראָצעס פֿון לעבן (אָדער אין דער אַנטוויקלונג פֿון געדאַנקען, זאַכן, וועזנס) די אויפֿוואַכונג פֿון די נעגאַטיווע קרעפֿטן, דאָס אַרויסווייזן זיך פֿון די ווידערשפּרעכנדיקע, קעגנזעצלעכע פֿאַקטאָרן. „ווידערשפּרוך איז דער שורש פֿון יעדער באַוועגונג און לעבעדיקייט; יעדע זאַך באַ־

וועגט זיך און ווייזט ארויס יווקס און טעטיקייט נאר אויף א זייפיל, אויף וויפיל זי טראגט אין זיך גופא א ווידערשפרוך" — אזוי זאגט העגעל. דער פראצעס פון אנטוויקלונג ווערט מעגלעך ערשט נאר א דאנק דעם קאמף צווישן דעם פאזיטיוון און דער נעגאציע, און דורך דעם קאמף ווערט דער פראצעס געטריבן צו א העכערן שטאפל. דארט אבער, זאגט העגעל, וווּ עס פעלט די קראפט צו פאנאנדערוויקלען און צושפיצן דעם ווידערשפרוך, דארט גייט דער געדאנק, די זאך, דאס וועזן צוגרונט איבערן ווידערשפרוך.

אז מיר פארשטייען ריכטיק אט די דיאלעקטישע באנעמונג פון דער וועלט, פארשטייען מיר שוין דערמיט גופא דעם קערן, דעם תמצית פון מארקסיזם.

פארשטייט זיך, אז העגעל, דער גרעסטער און דייטשסטער פון אלע דייטשע פילאזאפן, האט זיין מעטאד באשריבן נישט מיט אזעלכע פשוטע ווערטער, ווי מיר האבן דאס געטון. ווארום העגעל איז געווען א אידעאליסט: די אידייע, דאס גייסטיקע, אבסאלוטע, געטלעכע — דאס איז געווען פאר אים דאס אורשפרינגלעכע (פרימערע), די קראפט וואס באוועגט זיך זעלבסט, וואס אנטוויקלט זיך און גלייכצייטיק די וועלט, אלס איר אויסערלעכן לבוש, צו אלץ העכערע שטופעס, ביז זי (אט די קראפט) ווערט, אינם מענטשן, צו א גאטהייט — לויט העגעלן, זענען אלע גלגולים און פאסירונגען פון דער וועלט- און מענטשהייט-געשיכטע א פראצעס פון אנטוויקלונג פון דעם וועלט-גייסט פון דער שטופע, ווען ער איז אידייע (איינפאכער געדאנק) ביז צו דער שטופע, ווען ער ווערט גאטהייט; אזוי אז לויט העגעלן קומט אויס, אז גאט ווערט געשאפן אין גאנג פון דער געשיכטע, ד. ה. גאט אליין געפינט זיך אין צושטאנד פון אנטוויקלונג און אנטפלעקט זיך צום העכסטן אינם מענטשן. דאס איז דער העכסטער שפיץ פון דער דייטשער מיסטיק. אבער דאס אלץ גייט אונז דא נישט אן. מיר דארפן דא בלויז ריכטיק תופס זיין העגעלס דיאלעקטישן מעטאד, ווייל דאס וועט העלפן צו פארשטיין דעם אויפטו פון מארקסן.

זייט דעם יאר 1830 האט זיך אויסגעבילדעט א דייטשע ריכטונג, וואס האט אנגעהויבן זיך אפווענדן פונם אידעאליזם, און

איז געוואָרן אַלץ מער מאַטעריאַליסטיש; צוזאַמען מיט אָט דער ריכטונג איז מאַרקס אין 1840—41 אַריבער צום מאַטעריאַליזם: נישט דאָס גייסטיקע איז געווען דאָס אורשפּרינגלעכע און באַוועגנדיקע, נאָר דאָס מאַטעריעלע צוזאַמען מיט זיינע אינעווייניקסטע כוחות האָבן געבילדעט דאָס אורשפּרינגלעכע, דאָס וואָס אַנטוויקלט זיך. אין די דאָזיקע אַנטוויקלונג געשעט אויפן וועג פון קעגנזעצלעכע קאָנפליקטן. מיט די דאָזיקע אידייען איז מאַרקס געקומען קיין פּאַריז. ער האָט זיך מיט ברען גענומען שטודירן דעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם און די פראַנצויזישע אַרבעטער־באַוועגונג. מיט דער הילף פון דער דיאַלעקטיק האָט ער גלייך באַנומען דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי די נעגאַציע (פאַרניינונג) פונם עקזיסטירנדיקן סדר, און זיין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, ווי דעם העכערן סינטעז. דאָס פּאָזיטיווע איז, הייסט עס, די ווירטשאַפטס־אָרדענונג, וואָס באַזירט אויף פּריוואַט־אייגנטום און קאָנקורענץ; קעגן אָט דער אָרדענונג איז געווענדעט דער קאַמף, דער קעגנזאַץ, דער ווידערשפּרוך. און מאַרקס האָט געוווסט פון דער דיאַלעקטיק, אַז מען דאַרף אונטערהאַלטן דעם דאָזיקן קאַמף, אַז פון אָט דעם קאַמף, אויב מען זאָל אים נאָר פאַרשאַרפן און דערפירן ביזן סוף, מוז אַרויסקומען אַ העכערע שטופע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דאָ האָבן מיר שוין די יסודות פון מאַרקס סאָציאַליסטישער לערע: אומהשלימדיקער קעגנזאַץ צווישן די אָנהענגער פון דער אַלטער אָרדנונג (פּינס פּאָזיטיוון, פונם פּריוואַט־אייגנטום), און די אָנהענגער פון דער אָרדענונג, וואָס האַלט אין ווערן (סינטעז, סאָציאַליזם). אָבער ווער זענען געווען אָט די אָנהענגער? נישט הויכגעשטעלטע יחידים אָדער גרופּעס מענטשן, וואָס זענען נוטה צו דער אָדער יענער מיינונג צוליב אידעאַלע מאָטיוון (געדאַנקלעכע אויספירונגען אָדער מאָראַלישע טעמים), נאָר קלאַסן מיט באַזונדערע ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן, וואָס זענען זיך קעגנזייטיק [illegible] און מען קאָן זיי נישט אויסגלייכן, זיי מוזן אויסגעקעמפט ווערן. לאָמיר זיך אָקאָרשט דערמאָנען, ווי מען האָט אין פראַנקרייך געטראַכט וועגן אָט די פראַגן שוין אין יאָר 1837, ווי דער [illegible]מיזם האָט שוין דעמאָלט זיך באַמיט אַרויסצושטופּן די אידעאָלאָ

ניע (זע 4־טן טייל, ז. 81), אַז דעמאָלט איז שוין באַקאַנט געווען דער קעגנזאַץ צווישן בורזשואַזיע און „פאָלק“ (פראָלעטאַריאַט), צווישן קאַפיטאַל און אַרבעט, און לסוף אַז שוין דעמאָלט איז פאַר סאָציאַליסטן נישט קיין נייעס געווען די דערשיינונג, אַז דער קאַפיטאַליזם קאָנצענטרירט זיך אַלץ מער און דער האַנטווערקערשער מיטלשטאַנד פאַרשווינדט — און מיר וועלן לייכטער פאַרשטיין, ווי אַזוי מאַרקס האָט מיט דער הילף פון זיין דיאַלעקטיק צוזאַמענגעבונדן דעם דאָזיקן גאַנצן קאָמפלעקס דערשיינונגען, ווי ער האָט זיי מיט אַ פעסטער סאָציאַל־פילאָזאָפישער רייף אַרומגענומען, און געשאַפן די יסודות פון זיין סיסטעם. נאָך מער: ווי נאָר ער האָט די דאָזיקע אַרבעט אָפגעטון, איז זי אַליין געוואָרן פאַר אים אַ זיכערער וועגווייזער, וואָס ווייטער צו טון: שטודירן די פאָלקס־ווירטשאַפט, צעגלידערן די קאַפיטאַליסטישע ווירטשאַפטס־אָרדענונג, פאָרשן די ראָל פונם פראָלעטאַריאַט און פון די כוחות, וואָס צייטיקן זיך אין שויס פון דער אַלטער געזעלשאַפט און פירן צו דער העכערער שטופע.

אין מאַרקס אַרטיקלען און אין די „דייטש־פראַנצויזישע יאָרביכער“ (1844) זענען שוין פאַראַן די גרונט־שטריכן פון זיין ווייטערדיקער אַרבעט. אַ יאָר שפעטער האָט ער זיי אַנטוויקלט אין דער „הייליקער פאַמיליע“, און שוין גאָר קלאָר און דייטלעך אין דער קעגן פרודאָן געווענדעטער „אָרימקייט פון דער פילאָזאָפיע“ (בריסל 1847) און באַלד דערנאָך אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אין דעצעמבער 1847 און יאַנואַר 1848.

3. די מאַטעריאַליסטישע געשיכטע־אויפפאַסונג

מאַרקס האָט זיך אַלץ מער און מער אָפגעגעבן מיט שטודירן די פאָלקס־ווירטשאַפט, מיט פאָרשן די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון קאַפיטאַל, וואָרום ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עקאָנאָמיק איז דער יסוד פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט און אַז די גייסטיקע באַוועגונגען זענען אַן אויסדרוק פון ווירטשאַפטלעכע באַוועגונגען. לאָמיר דאָ אַביסל נאָענטער באַטראַכטן אָט די געשיכטע־אויפפאַסונג:

ס'איז גענוג איין בליק צו ווארפן אויף דער מענטשלעכער געשיכטע, כדי איינצוזען, אז פון תקופה צו תקופה בייטן זיך די בליקן פון די מענטשן אויף רעכט, זיטלעכקייט, רעליגיע, מלוכה, פילאזאפיע, לאנדווירטשאפט, האנדל, מלאכות א. א. וו.; אז אין פארשיידענע תקופות האבן די מענטשן פארשיידענע בליקן אויף די אלע זאכן געהאלטן פאר אמת אדער פאר פאלש; אז זיי האבן געהאט פארשיידענע ווירטשאפטלעכע איינריכטונגען און געזעלשאפטלעכע און מלוכהשע פארמען, אז זיי האבן דורכגעמאכט אן אומענדלעכע רייע פון קאמפן, מלחמות און וואנדערונגען. פון וואנען זשע נעמט זיך אט די טומלערישע פילארטיקייט פון מענטשלעכן דענקען און טון? מארקס האט זיך פארגעבן די דאזיקע פראגע, און דערביי האט אים נישט אינטערעסירט צו אנטדעקן קודם כל די אנטשטייאונג פון דענקען, פון רעכט, פון רעליגיע, פון געזעלשאפט, פון האנדל א. א. וו.; דאס אלץ האט ער גענומען, ווי א געשיכטלעך געגעבענע זאך. אים איז מער געגאנגען דערין, צו אנטדעקן די אורזאכן, די באוועג־ אדער טרייב־כוחות, וועלכע רופן ארויס ענדערונגען און אומאנדערשונגען אינם אינהאלט און פארם פון געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען, אדער וואס שאפן די טענדענץ צו אזעלכע ענדערונגען און אומאנדערשונגען. קורץ: מארקסן האט אינטערעסירט נישט דער אורשפרונג פון זאכן, נאר זייער דיאלעקטיק (אנטוויקלונג און ענדערונג) — דער רעוואלוציאנערער יסוד פון דער געשיכטע.

און מארקס ענטפערט: די טרייב־כוחות פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט, וועלכע זענען גורם, אז דאס פילן און דענקען, ד. ה. דער מענטשלעכער באוווסטזיין זאל האבן אלע מאל אן אנדער אינהאלט, אדער וואס רופן ארויס צום לעבן פארשיידענע געזעלשאפטלעכע איינריכטונגען און קאנפליקטן — שטאמען ארויס נישט אין דער ערשטער ליניע פונם דענקען, פון דער אידייע. פונם וועלט־פארשטאנד אדער וועלט־גייסט, נאר — פון די מאטעריעלע לעבנס־פארהעלטנישן. דער יסוד פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז, אלזא, א מאטעריעלער. מאטעריעלע לעבנס־פארהעלטנישן הייסט: דער אופן, ווי די מענטשן, אלס געזעלשאפטלעכע וועזנס,

מיט דער הילף פון דער אַרומיקער נאַטור און פון זייערע אייגענע פיזישע און גייסטיקע פעאיקייטן, אָרדנען איין זייער מאַטעריעל לעבן, ווי זיי שאַפן זייער לעבנס־אונטערהאַלט, ווי זיי פּראָדוצירן, פאַרטיילן און טוישן אויס די גיטער, וואָס זענען נויטיק אויף צו באַפרידיקן זייערע באַדערפנישן.

פון אַלע קאַטעגאָריעס פון מאַטעריעלן לעבן איז **פּראָדוקציע** — דאָס שאַפן פון לעבנסמיטלען — די וויכטיקסטע. און די דאָזיקע קאַטעגאָריע ווערט באַשטימט דורך די **פּראָדוציר־קרעפטן**. אָט די קרעפטן זענען פון צווייערליי מינים: זאַכלעכע און פּערזענלעכע. זאַכלעכע פּראָדוציר־כוחות זענען: ערד און באָדן, וואַסער, קלימאַט, רוישטאָפן, וועדקצייג, מאַשינעס. פּערזענלעכע פּראָדוציר־כוחות זענען: די אַרבעטער, די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאָרשער, די טעכניקער, לסוף די ראָסע: די געשיכטלעך דערוואָרבענע אייגנשאַפטן פון באַשטימטע מענטשן־גרופּעס, וואָס קומען צונויץ ביי דער אַרבעט.

צווישן אַלע פּראָדוציר־קרעפטן פאַרנעמען די אַרבעטער דאָס ערשטע אָרט: זיי זענען דער איינציקער כוח, וואָס שאַפט ווערטן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס צווייט־וויכטיקע אָרט פאַרנעמט די מאָדערנע טעכנאָלאָגיע; זי איז אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער און אומשיכטנדיקער כוח אין דער געזעלשאַפט (קאַפּיטאַל. באַנד I, קאַפּיטל 12, 13 און 14; אָרימקייט פון דער פילאָזאָפיע ז. 188).

אַז די פּראָדוציר־קרעפטן ברייטערן זיך אויס — צוליב פאַרגרעסערטער געשיקטקייט פון די אַרבעטער, צוליב דעם וואָס מען אַנטדעקט נייע רוישטאָפן, מינעראַל־אוצדות און אָפּזאַץ־מערק, אָדער מען האָט דערפונדן נייע מעטאָדן, נייע וועדקצייג און מאַשינעס, מען האָט אָנגעווענדעט די וויסנשאַפט אין דער פּראָדוקציע, מען האָט בעסער אָרגאַניזירט און אויסגעברייטערט דעם האַנדל און פאַרקער — ענדערט זיך דאַן דער מאַטעריעלער יסוד אָדער דער ווירטשאַפטלעכער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט, און די אַלטע פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן הערן אויף צו טויגן פאַר די אינטערעסן פון דער פּראָדוקציע. וואָרום די פּראָדוקציע־

פאַרהעלטנישן — די פריערדיקע געזעלשאַפטלעכע באַציִונג, די פריערדיקע געזעצן, מלוכהשע איינריכטונגען און גייסטיקע סיסטע־מען — זענען געווען צוגעפּאַסט צו אַזאַ צושטאַנד פון די פּראָדוציר־כוחות, וואָס האַלט איצט אין פאַרשווינדן, אָדער ער עקזיסטירט שוין נישט. דער געזעלשאַפטלעכער און גייסטיקער איבער־גאַרן אַנטשפּרעכט נישט מער דעםווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט. עס איז געוואָרן אַ קעגנזאַץ צווישן די פּראָדוציר־כוחות און די פּראָדוקציע־פאַרהעלטנישן.

דער דאָזיקער קעגנזאַץ צווישן נייעם תוך און אַלטער פאָרם, צווישן נייע סיבות און פאַרעלטערטע ווירקונגען פון שוין פאַר־שווונדענע סיבות, הויבט ביסלעכווייז אָן צו ווירקן אויפן דענקען פון די מענטשן. די מענטשן הויבן אָן צו פילן, אַז זיי האָבן פאַר זיך שוין אַן אַנדערע דרויסנדיקע וועלט, אַז ס'הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה. די געזעלשאַפטלעכע שיכטונג ווערט אַן אַנדערע; אַמאָ־ליקע פאַראַכטעטע שטאַנדן און קלאַסן באַקומען איצט ווירטשאַפט־לעכע און סאָציאַלע מאַכט; און די אַמאָל הויכגעשטעלטע שיכטן זינקען איצט אַראָפּ. אין משך פון דער צייט, וואָס עס קומט פאָר די אומענדערונג פונם סאָציאַלן פונדאַמענט, קלאַמערן זיך די אַלטע רעליגיעזע, רעכטלעכע, פילאָזאָפישע און פּאָליטישע סיסטעמען אין זייערע טראַדיציאָנעלע פּאָזיציעס און ווילן ווייטער באַשטיין, הגם זיי זענען פאַרעלטערט און קאָנען שוין נישט מער באַפרידיקן די גייסטיקע באַדערפנישן. וואָרום דער מענטשלעכער געדאַנק איז קאָנסערוואַטיוו: ער גייט לאַנגזאַם נאָך נאָך די אויסערלעכע גע־שעענישן, פּונקט ווי אונזער אויג דערזעט די זון אין אַ ווינקל, וווּ זי איז שוין גאָר מער נישט פאַראַן; ווייל די שטראַלן מוזן האָבן צייט אַ פּאָר מינוט, כדי צו דערגרייכן צו אונזער זע־נערוו. לאָמיר ברענגען דאָס שיינע בילד פון העגעלן: „די סאָווע פון מינערווע הויבט אָן איר פלי, ערשט ווען ס'קומט אָן דער בין השמשות". פאַרשפּעטיקט, אָבער זי הויבט דאָך אָן. ביסלעכווייז קומען אויף גרויסע דענקער, וועלכע קלערן אויף די נייע לאַגע און שאַפן נייע באַגריפן און נייעם געדאַנקען־גאַנג, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן דער נייער לאַגע. אין מענטשלעכן באַוווסטזיין קומען אויף דריקנדיקע ספקות און שאלות, און דערנאָך נייע אמתן; עס קומט צו מיינונגס־

פארשיידנהייטן, צו שטרייטן, צו מהומות, שפאלטונגען, קלאסן־קאמפן און רעוואלוציעס.

4. קלאסן־קאמף

איינער פין מארקס וויכטיקסטע צושטייערס פאר דער דערקענטעניש פון דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג איז זיין געדאנק וועגן געזעלשאפטלעכן קלאס און וועגן קלאסן־קאמף. א באשטימטע געזעלשאפטלעכע מענטשן־גרופע, וואס פארמאגט געמיינזאמע ווירטשאפטלעכע סימנים, איז א קלאס. די מענטשן־גרופע, וואס דער הויפט־קוואל פון איר חיונה איז ארבעט־לוין, איז דער ארבעטער־קלאס. און די מענטשן, וואס זייער הויפט־קוואל פון לעבן איז פראפיט, צינזן, אדער באדן־רענטע — זיי בילדן דעם קאפיטאליסטישן קלאס. צווישן אט די צוויי קלאסן איז א טיפער, נישט אויסצוגלייכן, ווירטשאפטלעכער קעגנזאץ סיי בנוגע דער לוין־פראגע און סיי בנוגע דער ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט; ווארום פונם לכתחילהדיקן קעגנזאץ ארום לוין און ארבעטס־צייט אנטוויקלט זיך מיט דער צייט, וואס דער פראלעטאריאט ווערט מער אינטעליגענטער, א ליידנשאפטלעכער קאמף פון די ביידע קלאסן פאר דער ווירטשאפטלעכער ארדנונג; דער קאפיטאליסטישער קלאס שטרעבט אויפצוהאלטן די עקזיסטירנדיקע ארדענונג, און דער ארבעטער־קלאס וויל אומאנדערשן דאס ווירטשאפטלעכע און געזעלשאפטלעכע לעבן אין גייסט פון סאציאליזם. גרויסע סאציאלע קלאסן־קאמפן ווערן אומפארמיידלעך — פאליטישע קאמפן. דער אוממיטלבארער ציל פון קאמף איז די מלוכה־מאכט: מיט איר הילף וויל דער קאפיטאליסטישער קלאס פעסט־האלטן זיינע פאזיציעס; מיט איר הילף וויל דער ארבעטער־קלאס נעמען זיך פארווירקלעכן זיינע וויטערדיקע צילן.

לויט מארקסן, מוז דער דאזיקער קאמף פריער אדער שפעטער זיך ענדיקן מיט א נצחון פון דעם ארבעטער־קלאס, וועלכער בילדעט אויף דער איבערגאנגס־צייט — פון פריוואט־אייגנטום צו סאציאליזם — א דיקטאטארישע רעגירונג און אנדערשט שטופנווייז איבער די געזעלשאפט.

מאַרקס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געברויכט דעם אויסדרוק „פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור“ (קלאַסן־קאַמפן אין פראַנקרייך אין 1848, י. 98 א. וו., געשריבן 1850, זע אויפלאַגע פון 1920, בערלין, דייטש); מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט מאַרקס געשריבן (אין אַ בריוו צו ווײַדעמייער, ניו־יאָרק), אַז ער איז דער פאָטער פון דעם געדאַנק, אַז „דער קלאַסן־קאַמף פירט צו דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט“ („נייע צייט“, דייטש, באַנד 5 X X, 2, ז. 164); און שליסלעך אין דער קריטיק פון דער גאָטער פּראָגראַם (אין אַ בריוו פון יאָר 1875 צום צ. ק. פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע) רעדט מאַרקס אויך וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אַלס מלוכה־מאַכט פון דער איבערגאַנגס־צייט אָדער פון דעם אייגנטלעכן רעוואָלוציע־פּעריאָד (איבערגעדרוקט אין „נייע צייט, דייטש, 1891, באַנד X I, 1, ז. 573).

5. דער לערן פון מאַרקס עקאָנאָמישער לערע

די עיקרדיקע ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעם פאַר מאַרקסן איז געווען: וואָס איז די טרייב־קראַפט און דער ציל פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און פון וואַנען נעמט זיך, וואָס דאָס רייכטום וואַקסט אַזוי אומגעהויער. די דאָזיקע פּראָבלעם האָט ער באַהאַנדלט אין זיין „קאַפּיטאַל“ (דריי בענדער, 1867—1894).

זיין ענטפער איז געווען: רייכטום דאָס איז די מאַסע געברויך־גיטער, וואָס אַ פאָלק פּראָדוצירט. נאָרמאַל איז אַזוי, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט פּראָדוצירט יעדעס יאָר מער גיטער, ווי פאַראַיאָרן. דער דאָזיקער „מער“ זאַמלט זיך און פּראָדוצירט ווידער אַ „מער“ א. אַ. וו.; אויף אַזאַ אופן וואַקסט דאָס רייכטום.

ווער אָבער פּראָדוצירט אָט דעם „מער“? וועלכע מענטשן־גרופּע, וועלכער קלאַס פאַרמערט עם דאָס רייכטום?

כדי צו קאָנען ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, פאָרשט מאַרקס נאָך, וואָס אַזוינס איז ווערט. רייכטום ווערט דאָך געמאָסטן לויט ווערטן. אָבער וואָס איז אַזוינס ווערט? מאַרקס פּילפּולט זיך נישט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר ער באַטראַכט די בּיורא פונם פאַבריקאַנט, ווי אַזוי מען שטעלט דאָרט פעסט די ווערטן. אין דאָ

זעט מאַרקס, אַז ביים באַרעכענען דעם ווערט נעמט דער פאַבריקאַנט פאַר אַ יסוד די פּראָדוקציע־קאָסטן. וואָס איז אַזוינס פּראָדוקציע־קאָסט? **דאָס איז די הוצאה** אויף **רוי־שטאָף,** אויף דערויף, וואָס די געביידעס, מאַשינעס און ווערקצייג ווערן **אָפּגענוצט,** די הוצאה אויף אויסהאַלטן און לוינען און ענדלעך, דער געוויינלעכער פּראָפיט וואָס ווערט אַרויפגערעכנט אויף דער סחורה. לויט מאַרקסן איז ווערטן שאַפט נאָר די אַרבעט וואָס ווערט פאַרווענדעט אויף דער פּראָדוקציע און אויפן טראַנספּאָרט פון רוי־שטאָפן און סחורות. די געזעלשאַפטלעך־נויטיקע האַנט־ און קראַפט־אַרבעט, וואָס ווערט פאַרווענדעט אויף צו פּראָדוצירן די רוי־שטאָפן און זיי צושטעלן צו די ערטער פון דער פּראָדוקציע — דאָס איז דער קוואַל און מאָס פון ווערט. די באַלוינונג, וואָס די ווערט־שאַפנדיקע אַרבעט באַקומט, איז תמיד קלענער פאַר דעם געשאַפענעם ווערט. אַזוי אַז די פּראָדוקטיווע טעטיקע אַרבעט שאַפט דעם פאַבריקאַנט אַלס כּלל מער ווערטן, איידער זי באַקומט פון אים צוריק אין דער פאָרם פון לוין. דער דאָזיקער אונטערשייד איז דער מקור פון מערווערט און פון אים קריגט עס דער פאַבריקאַנט זיין פּראָפיט, דער באַנקיר זיינע ציִנזן, דער גרונט־באַזיצער זיין ערנדע־געלט און די פאַרמיטלער־הענדלער זייער פאַרדינסט.

אָבער דער איינצלנער פאַבריקאַנט באַקומט נישט דעם מערווערט וואָס ווערט געשאַפן ביי אים אין פאַבריק, ווייל ער מוז זיך רעכענען מיטן וועלט־מאַרק, מיט דער קאָנקורענץ. אויב, למשל, דער מערווערט ביי אים אין פאַבריק טראָגט אויס 50 פּראָצענט, און ביי אַנדערע פאַבריקאַנטן טראָגט ער אויס 60, 40, 30 א. אַ. וו. פּראָצענט — וועט אויפן מאַרק זיך איינשטעלן אַ דורכשניט־פּראָפיט פון קרוב 45 פּראָצענט.

אויב, אַלזאָ, פּראָדוקטיווע אַרבעט איז דער מאַסשטאַב פון ווערט, דאַן איז קלאָר, אַז וואָס ווייניקער האַנט־ און קאָפּ־אַרבעט עס שטעקט אין אַ סחורה, אַלץ קלענער איז איר ווערט. און דאָס איז טאַקע דער פאַל, ווען אויפן אָרט פון מענטשלעכער אַרבעט קומט מאַשין־אַרבעט: די סחורות ווערן — אין נאָרמאַלע צייטן — ביליקער. וואָס ווייניקער מענטשלעכע אַרבעט־קראַפט אין אַ סחורה־אַרטיקל, אַלץ קלענער דער מערווערט אַלץ קלענער דער פּראָפיט, —

די פּראָפּיט־נאָרמע (פּראָצענט) פאַלט. כּדי זיך אויסהעלפן פון אָט דעם פאַלן, כאַפּט מען זיך פאַר מאַסן־פּראָדוקציע, — דאָ זענען אָבער נייטיק גרויסע מענגעס רוי־שטאָף, און ריזיקערע און פיינערע מאַשינעריע און לאָקאַלן. דאָס קאָנען אויפברענגען נאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטן אָדער אַקציען־געזעלשאַפטן, און פאַרקערט, די קאַפּיטאַל־אָרימע קליין־אינדוסטריעלער און האַנטווערקער גייען אונטער. אַ פּראָצעס פון קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע באַהערשט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן, און דאָס פאַרטיפט און ברייטערט אויס דעם תהום צווישן די קלאַסן, עס שאַפט זיך אויף איין פאָליוס אַ הייפל מאַגנאַטן און אויפן צווייטן — אַ גרויסע מאַסע באַזיצלאָזע; מחנות פּראָלעטאַריער זאַמלט אָט דער פּראָצעס צונויף אין די אינדוסטריעלע צענטרען און שטאַרקט דורך דעם זייער אָרגאַניזירטקייט און זייער קלאַסן־באַוווסטזיין, און דער קלאַסן־קאַמף ווערט פאַרשאַרפט, ביז ער דערגרייכט צו רעוואָלוציאָנערער היץ. דער לעצטער אַקט פון אָט דער דראַמע איז, אַז די פאָלקס־מאַסן עקספּראָפּריאירן די מאַגנאַטן, גיבן איבער די פּראָדוקציע־מיטל אין רשות און אונטער דער פאַרוואַלטונג פון דער גאַנצער נאַציע און פאַרווירקלעכן די ווירטשאַפטלעכע דעמאָקראַטיע. נאָר, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, עס מוז זיין אַ צווישן־שטופע, ווען די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור פירט באַוווסטזיניק אָן מיטן פּראָצעס פון אומאַנדערשן די געזעלשאַפט און באַזייטיקט אַלע כּוחות, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן דעם פּראָצעס פון רעוואָלוציע.

6. עוואָלוציע און רעוואָלוציע

ביי מאַרקסן איז נישט פאַראַן קיין שום קעגנזאַץ צווישן רעוואָלוציע און עוואָלוציע. פּונקט אַזוי ווייניק, ווי ביי העגעלן. די העגעלשע דיאַלעקטיק איז אויך אַזוי איינהייטלעך און געשלאָסן, ווי די גאַנצע לעבנס־אַרבעט פון מאַרקסן. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז נישט ווייניקער עוואָלוציאָנער, ווי „קאַפּיטאַל" אָדער „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע", און דאָסזעלבע אומגעקערט: „קאַפּיטאַל" איז נישט ווייניקער רעוואָלוציאָנער, ווי דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט".

ווי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין?

די העגעלשע דיאַלעקטיק באַטייט עוואָלוציע דורך קאַמף, דורך דעם, וואָס דער דענקענדיקער שכל פאַרשאַרפט און שפּיצט־צו די ווידערשפּרוכן. עס איז נישט קיין אויטאָמאַטישער, פרידלעכער און שטילער אויפקום, וווּקס און צופּאַסן־זיך, נאָר — אַ דורכשלאָגן זיך פון דער נעגאַציע, וועלכע צעשטערט און דערמיט גופא אַנדערשט זי איבער דאָס פּאָזיטיווע. די גאַנצע עובדא פון דער נעגאַציע איז אַ רעוואָלוציאָנערע, ביז עס ווייזט זיך אַרויס די נעגאַציע פון דער נעגאַציע. דאָס איז דער תמצית פון דער העגעלשער לאָגיק: די אַנט־דעקונג פון ווידערשפּרוכן (קעגנזאַצן) אין קאָסמישן און סאָציאַלן לעבן, און דער קאַמף פון די דאָזיקע ווידערשפּרוכן, אין וועלכע דאָס אַלטע פּאָזיטיווע ווערט אויפגעלייזט. די העגעלשע דיאַלעקטיק איז אַ עוואָלוציע מיט רעוואָלוציאָנערע מיטלען.

און אַזוי איז אויך די סאָציאַליסטישע דיאַלעקטיק פון מאַרקסן, ווער עס לייענט מאַרקס אַ ווערק, מוז זיך קודם כל קלאָר מאַכן, וועגן וואָס גייט דאָ די רייד: צי וועגן אַן אָביעקטיוון פּראָצעס — וועגן ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וועגן אַנאַליז פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און צירקולאַציע — אָדער וועגן דער טעטיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט.

דער ווירטשאַפט־פּראָצעס איז דער עוואָלוציאָנערער מאָמענט, די טעטיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט און פון זיינע פירער איז דער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט אין דעם פּראָצעס.

אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ אָדער אין די ווענדונגען צום קאָמוניסטן־בונד האָט מאַרקס צו טון מיטן פּראָלעטאַריאַט, ער איז דער געגנשטאַנד פון זיין באַהאַנדלונג. דעריבער ווערט דאָ שאַרף אַרויסגערוקט דער רעוואָלוציאָנערער מאָמענט. מאַרקס דערשיינט דאָ פאַר אונז, אַלס דענקער פון דער רעוואָלוציע.

אין „קאַפּיטאַל“ אָבער באַהאַנדלט מאַרקס די קאַפּיטאַליס־טישע ווירטשאַפט. טרעט דעריבער אַרויס אויבן אָן דער עוואָלו־ציאָנערער מאָמענט. מאַרקס דערשיינט דאָ, אַלס אַנאַליטיקער, פאָרשער פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

די ראָל, וועלכע העגעל טיילט צו אין זיין „לאָגיק“ דעם דינ־

קענדיקן שטל, נעמלעך: די צושפּיצונג פֿון די ווידער־שפּרוכן — אַט די ראָל גיט מאַרקס איבער דעם קלאַסן־באַוווּסטן, מסירת־נפשדיקן אַוואַנגאַרד — ער דאַרף דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, וואָס נעמט זיך פֿון די פּראָדוקציע־באַדינגונגען פֿאַרשאַרפֿן ביז צו דער לעצטער מעגלעכער מדרגה.

ווייל סײַ ביי העגעלן און סײַ ביי מאַרקסן זענען דער צוזאַמענשטויס פֿון ווידערשפּרוכן און די צושפּיצונג פֿון קעגנזאַצן — די ווירקזאַמסטע מיטלען אויף צו אַנטוויקלען דאָס לעבן, אויף צו העלפֿן זיך אַרויסבאַווייזן אַלע כוחות פֿונם אוניווערסום.

עוואָלוציע מיט דער הילף פֿון רעוואָלוציאָנערע מיטלען: סאָציאַל־עקאָנאָמישע דערקענטעניש און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע טאַט — דאָס איז די צוואה פֿון קאַרל מאַרקס. *)

7. די פֿריינטשאַפֿט מיט פֿרידריך ענגעלס.

אַדיוטאַנט ביי מאַרקסן איז געווען ענגעלס — אַ מאַן פֿון גרויס וויסן און בילדונג, אָבער דאָך נישט מער ווי אַ טאַלענט, באַגלייך מיט העס, גרין, לינינג, פּרודאָן, בלאַן א. א. וו.; זיין הויכע שטעלונג אין דער געשיכטע פֿון סאָציאַליזם האָט ער צו פֿאַרדאַנקען דעם פֿאַקט, וואָס ער האָט זיך זייער פֿרי אָנגעשלאָסן צו מאַרקסן — ער האָט באַלד אָפּגעשאַצט זיין געניאַלקייט, דאָס גאַנצע לעבן גייסטיק און מאַטעריעל מיט גרויס אָפּפֿער־גרייטקייט געשטיצט זיינע אַרבעטן, און מיט אייפֿערזוכט אָפּגעהיט אָט די פֿריינטשאַפֿט, וועלכע האָט באַזירט אויף טיפֿער אינטעלעקטועלער ליבשאַפֿט.

---

*) מאַרקסעס ווייטערדיקע לעבנס־געשיכטע איז אַזוי באַקאַנט, אַז ס'איז גענוג צו ברענגען דאָ בלויז פֿאָלגנדיקע אָנגאָבן: אין פּאַריז האָט מאַרקס געלעבט ביז 1845, דערנאָך האָט מען אים אַרויסגעשיקט, האָט ער אָפּגעלעבט אין בריסל ביז 1 מערץ 1848. פֿון אָנהייב מערץ ביז סוף מאַי 1848 איז ער ווידער געווען אין פּאַריז, דערנאָך 1848־9 איז קעלן, אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער „נייער ריינישער צייטונג", און דאַן נאָך אייניקע חדשים אין פּאַריז; סוף 1849 האָט ער געמוזט עמיגרירן קיין לאָנדאָן, וווּ ער איז שוין פֿאַרבליבן ביז צו זיין טויט (14 מערץ 1883). אין לאָנדאָן האָט ער אָנגעשריבן זיין עקאָנאָמישע אַרבעט „קאַפּיטאַל".

ענגעלס איז געבוירן געוואָרן אין באַרמען־עלבערפעלד, אין יאָר 1820; זיין פאָטער איז געווען אַ פאַבריקאַנט און אַ פרומער עוואַנגעלישער קריסט. ענגעלס האָט באַקומען זייער גוטע גימנאַזיע־בילדונג און דערנאָך איז ער אַוועק אין געשעפט; ער האָט דורכגעלעבט אַ רעליגיעזן קריזיס און געוואָרן יונג־העגעליאַנער און אַטעאיסט, און שפּעטער — אַ דאַנק העסן — סאָציאַליסט. זיין שרייבערישע קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן, ווען ער איז נאָך קוים 20 יאָר אַלט געווען — געשריבן האָט ער אין יונג־דייטשן און פאַטריאָטישן גייסט. סוף 1842 איז ער אָפּגעפאָרן קיין מאַנטשעסטער, אויף דער פאַבריק פון זיין פאָטער, און האָט פון דאָרטן געשריבן אין דער „ריינישער ציייטונג" וועגן די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן אין ענגלאַנד; אין 1843 איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט די טשאַרטיסטישע און אָוועניסטישע פירער, און האָט אָנגעהויבן שרייבן אין זייערע צייטשריפטן; גלייכצייטיק האָט ער אָנגעשריבן אַ קריטיק פון פאָליטישער עקאָנאָמיע — פון סאָציאַל־עטישן שטאַנדפּונקט — וועלכע איז דערשינען אין מאַרקס „דייטש־פראַנצויזישע יאָרביכער" (1844), און פון דאַן האָט זיך אָנגעהויבן זייער לעבנס־לאַנגע פריינטשאַפט. אין 1845 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ סאָציאַל־קריטיש ווערק „די לאַגע פונם אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד", און גלייכצייטיק האָט ער געאַרבעט פאַרן קאָמוניזם אין פאַריז, אין בריסל און אין ריינלאַנד; אייניקע אַרטיקלען האָט ער געגעבן אויך פאַר דער „הייליקער פאַמיליע" — מאַרקס אַן אָפּרעכענונג מיט זיינע יונג־העגעליאַנישע פריינט, וועלכע זענען שטיין געבליבן ביים ליבעראַליזם. אין 1847 האָט ער געשריבן אַ פּראָיעקט פון אַ קאָמוניסטישן מאַניפעסט, און איז געווען איינער פון די גרינדער פונם קאָמוניסטן־בונד. זיין גייסטיק לעבן איז פון דעמאָלט אָן אין ווייטער געווען שוין פאַרבונדן מיט מאַרקסן; ער איז געווען מיטאַרבעטער פון דער „נייער ריינישער צייטונג" (1848—1849), האָט זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד אין באַדען (1849), מיטגעאַרבעט אין דער „נייער ריינישער רעווי" (1850); פון 1850 ביז 1869 איז ער געווען טעטיק קאָמערציעל אין זיין פאַטערס פאַבריק אין מאַנטשעסטער, און האָט זיך די יאָרן אינטערע־

סירט דער עיקר מיט מיליטערישע פּראָבלעמען און מיט נאַטור־וויסנשאַפט; און ער האָט ברייט געשטיצט מאַרקסן מיט געלט און מיט ענגלישע צייטונגס־אַרטיקלען. פון יאָר 1870 האָט ער שוין געלעבט אין לאָנדאָן, צוזאַמען מיט מאַרקסן, און האָט מיט זיין מיטהילף אָנגעשריבן דעם „אַנטי־דירינג" (1877). נאָך מאַרקס טויט (1883) האָט ענגעלס אַרויסגעגעבן דעם II און III באַנד „קאַפּיטאַל", און האָט נאָך אָנגעשריבן עטלעכע עטנאָלאָגישע, פילאָזאָפישע און פּאָליטישע אָפּהאַנדלונגען, און איז געשטאָרבן אין יאָר 1895. זיינע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען די לעצטע 10 יאָר פון זיין לעבן זיינען געווען רעפאָרמיסטישע און פּאַרלאַמענטאַריסטישע, און אין זעלבן גייסט האָט ער באַאיינפלוסט זיין נאָענטסטן גייסטיקן תלמיד און נאָכפאָלגער קאַרל קויטסקי און אויך דעם גרויסן פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — אויגוסט בעבעלן. ער האָט אויך אָפּגעשוואַכט די מאַטעריאַליסטישע געשיכטע־אויפפאַסונג. דער אויטאָריטעט פון ענגעלסן, אַלס מאַרקס אַ נאָכפאָלגער, איז אין דייטשלאַנד געווען און איז נאָך איצט זייער גרויס, אַזוי אַז מיין אורטייל וועגן אים וועט געוויס אָנטרעפן אויף פיינדשאַפט.

8. די גרינדונג פונם קאָמוניסטן־בונד און זיין סטאַטוט

פון יאָר 1845 אָן האָבן מאַרקס און ענגעלס פאַרשפּרייט צווישען די מיטגלידער פון „בונד פון די גערעכטע" זייערע נייע אָנשויאונגען. דאָס נייע איז באַשטאַנען דערין, אַז דער קאָמוניזם איז נישט עפּעס אַ פּאַרטיקער פּלאַן פון אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָס מען קאָן צושטאַנד ברענגען מיט דער הילף פון גרויסע פילאַנטראָפּן אָדער דורך דער גרינדונג פון קאָלאָניעס, נאָר אַז קאָמוניזם באַטייט די אָרגאַניזאַציע פונם אַרבעטער־קלאַס צו אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי, וועלכע זאָל האָבן פאַר אַ ציל צו דעראָבערן, מיט רעוואָלוציאָנערע מיטלען, די מלוכה־מאַכט און מיט איר הילף אומוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, זי אומאַנדערשן אין קאָמוניסטישן גייסט.

די דאָזיקע אידייען האָבן פריער ווי אומעטום געפונען אָפּ־

קלאַנג אין לאָנדאָן ווו די טשאַרטיסטן האָבן אויך געשטרעבט צו דערגרייכן סאָציאַלע רעפאָרמען דורך דעמאָקראַטיע.

סוף יאַנואַר 1847 האָט די צענטראַלע פונם בונד דעלעגירט קיין בריסל איר מיטגליד יאָזעף מאָל, ער זאָל איינלאַדן מאַרקסן און ענגעלסן אַריינצוטרעטן אין בונד און זיך מיט זיי אַדורכרעדן וועגן דער לאַגע. אויפן 1 יוני 1847 האָט דער בונד גערופן אַ קאָנגרעס קיין לאָנדאָן, — אין אים האָבן זיך באַטייליקט ענגעלס און ווילהעלם וואָלף (אַלס פאַרטרעטער פון מאַרקסן). אין סעפטעמבער האָט די צענטראַלע אַרויסגעגעבן, אונטער דער רעדאַקציע פון קאַרל שאַפער, דעם ערשטן נומער „קאָמוניסטישע צייטשריפט“, מיט דער מאָטאָ: „פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!“. דער „בונד פון די גערעכטע“ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם קאָמוניסטן בונד און האָט אָפגעהאַלטן זיין קאָנגרעס פון 30 נאָוועמבער ביז 8 דעצעמבער 1847. מאַרקס איז אויך געווען אויפן קאָנגרעס, און ער מיט ענגעלסן האָבן באַקומען דעם אויפטראַג אָנצושרייבן דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“. דער וויכטיקסטע פונקט פונם סטאַטוט, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען, האָט אַזוי געזאָגט:

אַרט. 1. דער צוועק פונם בונד איז שטירצן די בורזשואַזיע, איינשטעלן די הערשאַפט פונם פּראָלעטאַריאַט, אָפשאַפן די אַלטע בירגערלעכע געזעלשאַפט, וואָס האַלט זיך אויף קלאַסן־הערשאַפט און גרינדן אַ נייע געזעלשאַפט, אָן קלאַסן און אָן פּריוואַט־אייגנטום.

אַרט. 2. די באַדינגונגען פון מיטגלידערשאַפט זענען: א) פירן אַ לעבן און אַ טעטיקייט אין הסכם מיטן צוועק פונם בונד ב) רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און פלייסיקייט אין דער פּראָפּאַגאַנדע ג) אָנערקענען דעם קאָמוניזם ד) נישט אָנטיילנעמען אין קיין שום אַנטי־קאָמוניסטישער, פּאָליטישער אָדער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט. ה) זיך אונטערוואַרפן די באַשלוסן פונם בונד, ו) האַלטן בסוד אַלע אָנגעלעגנהייטן פונם בונד, ז) יעדער מיטגליד ווערט אָנגענומען נאָר דורך אַן איינשטימיקן באַשלוס.

אַרט. 3. אַלע מיטגלידער זענען גלייך, ברידער, און אַלס אַזעלכע זענען זיי מחויב אין יעדער לאַגע אויסצוהעלפן איינער דעם צווייטן.

דערנאָך קומט אַ רייע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּונקטן.

מאַרקס איז געפאָרן צוריק קיין בריסל, האָט אָנגעשריבן דעם מאַניפעסט און אָפּגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט קיין לאָנדאָן — דאָרטן האָט מען אים געדרוקט. דער מאַניפעסט איז נאָר וואָס אַרויס פון דרוק, ווי ס'איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין פּאַריז, און זי האָט זיך גיך געפונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין אַלע דייטשע מלוכות.

9. די קאָמוניסטישע צוריקווירקונג אויף דייטשלאַנד: סטעפאַן באָרן, פּראַצעס מענטעל — בערלין.

דייטשע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין פּאַריז, בריסל, לאָנדאָן, האָבן געבראַכט אַהיים די נייע בשורה. בערלין, קעלן און ברעסלוי זענען געווען די ערשטע דייטשע שטעט, וווּ די קאָמוניסטישע אידייען האָבן באַקומען איינגאַנג. די געזעלן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון זייער וואַנדערשאַפט, זענען געוואָרן מיטגלידער פון האַנטווערקערשע און געזעלנשע פאַריינען און האָבן זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן די נייע געדאַנקען. וועגן אָט דער טעטיקייט אין בערלין ווייסן מיר פונעם פּראָצעס מענטעל, וואָס איז פאָרגעקומען אין בערלין אין 1846-47, ווי אויך פון באָרנען, וועלכער האָט אין 1848-49 געאַרבעט, צום טייל אין מאַרקס-גייסט, אין בערלין און אין לייפּציג.

סטעפאַן באָרן איז געווען אַ זון פון יידישע עלטערן, געבוירן אין ליסאַ, אין יאָר 1824. תחילת האָט ער באַזוכט אַ גימנאַזיע, אָבער צוליב דער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע פון פאָטער האָט ער זיך געמוזט נעמען פאַר אַ מלאכה, און אין 1840 אָנגעקומען אין אַ בערלינער בוכדרוקעריי פאַר אַ לערן-יינגל ביי זעצעריי; די פרייע צייט האָט ער אָבער אויסגענוצט אויף זיך ווייטער צו בילדן, אַזוי אַז צום סוף 1846, ווען ער האָט געענדיקט זיין לער פון פאַך, איז ער געווען שוין אויך אַן אַלגעמיין-געבילדעטער מענטש און אַ גוטער שריפטשטעלער. אונטער דעם איינפלוס פון די נייע קאָמוניסטישע געדאַנקען האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּאַריז און דערנאָך קיין בריסל, וווּ ער האָט באַקומען אַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער „דייטשער בריסעלער צייטונג". דאָ האָט ער

קענען געלערנט מאַרקסן, און האָט אָנגענומען אַ טייל פון זיינע אָנשויאונגען, אָבער אַלס פּראַקטיקער איז ער געניגט צו לואי בלאַנס געדאַנק וועגן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציון. באָרן איז געווען אַ טאַקטפולער, געמעסיקטער מענטש, „רעוויזיאָניסטיש" געשטימט, אַ גוטער רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר און זייער אַ מוטיקער באַריקאַדן־קעמפער. אין יאָר 1848 איז ער, ווי מיר וועלן גלייך זען, געווען די באַדייטנדסטע פּערזענלעכקייט צווישן די אַרבעטער פון בערלין, לייפּציג און דרעזדען. נאָך 1849 האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון דער באַוועגונג און האָט געלעבט אין דער שווייץ, אַלס בוכדרוקער, קאָאָפּעראַטאָר, רעדאַקטאָר און פּראָפעסאָר פון פראַנצויזישער ליטעראַטור אין באַזעל, און די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער פאַרעפנטלעכט „זכרונות פון אַן אַכט און פערציקער" (1898).

די ערשטע קאָמוניסטישע אָנרעגונג האָט באָרן באַקומען אין יאָר 1846 פונם שניידער־געזעל קריסטיאַן פרידריך מענטעל — אַ געבוירענעם בערלינער, וועלכער האָט די יאָרן 1840 — 1845 געאַרבעט שניידעריי אין פאַרשיידענע שטעט פון מערב־איראָפּע און האָט זיך אין 1846 אומגעקערט קיין בערלין. מענטעל איז באַלד אַריינגעטראָטן אין האַנטווערקער־פאַריין און האָט אין געהיים אַרומגעזוכט חברים, וועלכע ער זאָל קאָנען איבערגעבן זיין נייע לערע. ווי מענטעל האָט געפירט זיין אַרבעט — וועגן דעם דערציילט באָרן אין זיינע „זכרונות פון אַן אכט און פערציקער": „פאָרזיכטיק זיך אַרומקוקנדיק, האָט איינער אַזאַ שליח, מיטן נאָמען מענטעל, געזוכט צו ווערבירן מיטגלידער פאַר זיין געהיימער חברה... דער שוסטער העצל, אַ טומל־קאָפּ, וועלכן ער האָט אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט האָט מיר פאַרטרויט די סודות. ער האָט נישט געהערט צו דער ריכטונג פון שניידער וויטלינג, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין דער שווייץ; ער האָט מער גערעדט וועגן אַ געהיימער אַרבעטער־חבורה, וואָס זאָל זיך האָבן געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט פון די קייטן פון קאַפּיטאַליזם דורך דער פּאָליטישער פרייהייט, וועלכע מען דאַרף צוליב דעם צוערשט דערגרייכן. פון דעם, וואָס מענטעל האָט גאַנץ כאַאָטיש איבערגעגעבן, האָב איך אַרויסגעפילט דעם גרונט־געדאַנק, אַז ער האַלט זיך ביי דער מיינונג,

אַז מען דאַרף האָבן אין אויג דעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס זאָגט
אָן דאָס קומען פון אַ נייער צייט, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן
אַ נייער מלוכה, וואָס איז אַרויס פון קאָפּ פון אַ שניידער־געזעל,
ווי ווייטלינג, נאָר — וועגן שטיצן אַ פּאַרטיי, וואָס דרינגט מיט היס־
טאָרישער נויטווענדיקייט אַרויס פון די איצטיקע באַדינגונגען וואָס
באַטראַכט דעם אָנגענומענעם ליבעראַליזם נאָר ווי אַ צווישן־שטור־
פּע, וועלכע מען מוז גובר זיין און וועלכע זי, די פּאַרטיי האָט טע־
אָרעטיש שוין איבערגעוואונדן. דאָס איז מיר געווען פולשטענדיק
קלאָר". די אָרגאַניזאַציע, וואָס מענטעל האָט געגרינדעט, איז באַלד
געוואָרן אויסגעגעבן, און סוף 1846 האָט די פּאָליציי אַרעסטירט
די אָנפירער און פּאַרפירט קעגן זיי אַ פּראָצעס. נאָך אַ לענגערן פּאַר־
אַרעסט זענען אין יוני 1847 געמשפּט געוואָרן אין בערלינער קאַ־
מער־געריכט מענטעל, העצעל און זייערע חברים — איינער פון זיי
האָבן באַקומען קליינע תפיסה־שטראָפן, און איינער זענען גאָר
אַרויס פריי פון געריכט.

V. די דייטש־קאָנסערוואַטיווע סאָציאַל־רעפאָרם

1. ראָמאַנטישער כאַראַקטער

גלייכצייטיק מיטן דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און מיטן מאַרקסישן קאָמוניזם האָט זיך געוויזן נאָך אַ גייסטיקע באַוועגונג — אַ סאָציאַל־רעפאָרמערישע, וועלכע האָט, אמת, פאַרנומען אַ קריטישע שטעלונג צום ליבעראַליזם און צום אינדיווידואַליסטישן ווירטשאַפט־סדר, וואָס באַזירט נאָר אויף עגאָאיזם, אָבער דער אידעאַל פון אָט דער באַוועגונג איז געווען נישט קאָמוניזם, נאָר אַ מין מאָדערניזירטע מיטלאַלטערישע אָרדענונג, אָדער אַ מין סאָציאַל־באַפאַרבטער מאָנאַרכיזם. די טרעגער פון אַלערליי אינסטיטוציעס, וואָס האַלטן זיך אויף אויטאָריטעט און טראַדיציע — טעאָלאָגן, אַדל־לייט, צעכמייסטערס, ראָמאַנטישע דענקער און דיכטער — זיי האָבן נישט געקאָנט אַזוי לייכט זיך צוגעווינען צו אידייען, פאָדערונגען און ווירטשאַפט־פאָרמען, וואָס פאַרלאַנגען צו זיכערן דעם יחיד די פולע פרייהייט אין זיינע אורטיילן, אין זיינע האַנדלונגען און אין זיין ווירטשאַפטן; וואָס ווילן זיך לחלוטין נישט רעכענען מיט דער קירכע מיט דער מלוכה, מיטן כלל; וואָס אַנשטאָט אונטערגעוואָרפנקייט, געמיינשאַפטלעכקייט און סאָציאַלער געבונדנקייט רופן זיי אַרויס אויפן אויבן אָן עגאָאיזם, פּערזענלעכן אינטערעס און די פרייע, דורך קיין זאַך נישט באַגרענעצטע האַנדלונג פונם יחיד. די דאָזיקע קרייזן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס גאַנצע לעבן פון דער נייסטער צייט איז געבויט אויף זאַמד, ס'איז תוהו ובוהו, אַנאַרכיע; אוממאָראַליש און גאָטלאָז בושעווען אינטעלעקטועלע און עקאָנאָמישע כוחות, וואָס מוזן פירן צו שאַרפע סאָציאַלע קעגנזאַצן, צו עקסטרעמען פון אָרים און רייך און צו אַן אַלגעמיי־

נער איבערקע־ניש. ביי אזא שטימונג האט דער מיטלאלטער מיט זיין פעסטער ארדנונג אין קירכע וווירטשאפט און סאציאלן לעבן, מיט דער אמונה אין גאט, מיט די פעאדאלע מאיאנטקעס, מיט די קלויסטערס, מיט די אויטאנאמע פארבאנדן, צעכן און גילדיעס — אויסגעזען אין זייערע אויגן, ווי א גוט צעמענטירטער בנין, ווי א פיין נעגלידערטער ארגאניזם, וווּ פאר יעדן פרומען קריסט איז זיך געווען זיין פלאץ, וווּ יעדער איינער איז געווען פעסט פארווארצלט און אלם גליד פון זיין פארבאנד געצויגן זיין יניקה פון אלגעמיינעם באדן. אדער די מלוכה, די מאנארכיע איז געווען פאר זיי דער רו־פאל, דער סטאבילער פונקט אין דעם לויף פון פליסנדיקע דערשיינונגען. מיט שפאנונג האבן דעריבער די דאזיקע דענקער און דיכטער זיך איינגעהערט צו די קלאגענישן פונם פראלעטאריאט, צו די שארפע קריטישע טענער פון די סאציאליסטן און קאמוניסטן, צום בונטארישן, רעוואלוציאנערן געמורמל פון דער אונטערוועלט. זיי האבן די דאזיקע דערשיינונגען אויסגעטייטשט, ווי סימפטאמען פון צעפאלונג, ווי אומפארמיידלעכע פאלגן פון דער ליבעראלער שיטה אין דער ווירטשאפט און אין דער מלוכה, ווי אן אפעל צו אלע קריסטן, עטישע עקאנאמיסטן און מאנארכישע פאליטיקער, ארויסצוטרעטן קעגן דער ליבעראל־קאפיטאליסטישער וועלט, אנצווייזן דעם פראלעטאריאט אן אויסוועג פון זיין עלנט און ווידער אוועקשטעלן די געזעלשאפט אויף קריסטלעכע, רעליגיעז־זיטלעכע, געמיינשאפטלעכע און אויטאריטארע יסודות.

די דאזיקע סאציאל־קאנסערוואטיווע ריכטונג האט געציילט אין אירע רייען זייער א סך באדייטנדיקע שריפטשטעלער, מלוכה־רעכטלער און דיכטער, אבער זייער ווייניק באדייטנדיקע עקאנאמיסטן. זיי האבן נישט געשאפן קיין איינהייטלעכע אידייען־סיסטעם; אייניקע פון זיי זענען ארויסגעטרעטן קעגן אדאם סמיט און זיין ליבעראלער ווירטשאפט־לערע; אנדערע זענען ארויסגעטרעטן קעגן דער אבסאלוטער צענטראליסטישער מלוכה, וועלכע דריקט אונטער אלע אויטאנאמע פארבאנדן; נאך אנדערע ווידער האבן אידעאליזירט דעם מיטלאלטער, דאס גערמאנישע רעכט, די קאטוילישע קירכע, און האבן ארויסגעוויזן אן אומגעהויערן ווידערווילן

קעגן ליבעראַלן און קעגן יידן (אַנטיסעמיטיזם). בלויז צוויי זענען געווען, וואָס האָבן געמאַכט אַ פּרווו צו שאַפן אַ סאָציאַל־קאָנסערוואַטיווע עקאָנאָמישע לערע: קאַרל ווינקלבלעך (פּסיידאָנים — מאַרלאָ) און קאַרל ראָדבערטוס. אויף דער פּראַקטישער פּאָליטיק האָבן זיי נישט געהאַט קיין ממשותדיקע ווירקונג, אָבער זיי זענען געווען טיכטיקע קעפּ, איידעלע נאַטורן: מאַרלאָ האָט אין יאָר 1848 אַנטוויקלט אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט אויף די קאָנגרעסן פון די האַנטווערקער און געזעלן, און ראָדבערטוס האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף לאַסאַלן און אויף דער קריסטלעך־סאָציאַלער באַוועגונג.

2. מאַרלאָ — ווינקלבלעך.

מאַרקס איז געווען אָריענטירט מערב־אייראָפּעיש און אַלס סאָציאַל־פאָרשער האָט ער געדענקט עוואָלוציאָניסטיש; די פאַרגאַנגענע שטופעס פון דער מענטשהייט־געשיכטע האָט ער געהאַלטן פאַר באַרעכטיקט פאַר זייער צייט; און דעם קאַפּיטאַליזם מיטן אומבאַגרענעצטן וועט־קאַמף פון יחידים האָט ער לחלוטין נישט געהאַלטן פאַר אַ תוהו ובוהו צושטאַנד, נאָר פאַרקערט: ער האָט געהאַלטן דעם קאַפּיטאַליזם פאַר אַ פּראָגרעס לגבי דער פאַרגאַנגנהייט, פאַר אַ מעכטיקן רעוואָלוציאָניזירנדיקן פאַקטאָר אין דער קעגנוואַרט און אַלס די ווערנדיקע צוקונפט — מיט איין וואָרט, מאַרקס בליק איז געווען געווענדעט פאָרויס, צו דער קומענדיקער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט־שטופע. מאַרלאָ אָבער האָט געוואָלט דאָס גערמאַניש־מיטלאַלטערישע רעכט, די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשטיצט אויפן פּרינציפּ פון געגלידערטער געמיינשאַפט און פון צעכישער געבונדנקייט, צופּאַסן צו די היינטצייטיקע אומשטענדן, — בלויז באַזייטיקן אַלע פאַרקריפּלונגען פון אַט דער געזעלשאַפט, אירע פּריווילעגיעס און אַנדערע שלעכטע זאַכן, וואָס האָבן זיך אין איר אַריינגעכאַפּט. אַנשטאָט פאַך־פרייהייט — פעסטע פאַך־רעגלאַמענטאַציע; אַנשטאָט פרייער קאָנקורענץ — די גילדיע, דער צעך; אַנשטאָט דעם יחיד, וועלכער באַלעבאַטעוועט פריי — די אָרגאַניזירונג פון גאַנצן ווירטשאַפטלעכן לעבן, פון אַלע מלאכות

און אינדוסטריעס אין ווירטשאפטלעכע געמיינשאפטן. נישט לי־
בעראליזם און נישט קאמוניזם; נישט בורזשואזיע, וועלכע איז גי־
ריק און יאגט זיך נאך מלוכה־מאכט און נאכן רייכטום פון פאלק,
און נישט דער פראלעטאריאט, וואס וויל אין זיין רעוואלוציאנערן
צארן אלץ גלייכמאכן און מאכט אלץ חרוב; נישט מלוכה, וועלכע
צענטראליזירט אלץ און נישט ביוראקראטיע, וועלכע ניוועלירט אלץ
און טויט אפ די איניציאטיוו, נאר פריי־שאפנדיקע אויטאנאמע
ווירטשאפט־ און לעבנס־געמיינשאפטן. מארלא׳ס אידעאל איז גע־
ווען — מאדערניזירטער מיטלאלטער: ארגאניזירן דאס גאנצע ווירט־
שאפטלעכע לעבן אין גילדיעס און צעכן, ווו מייסטער און געזעלן
זענען סאציאל גלייכגעשטעלט, ווו פרייזן און לוינען ווערן בא־
שטימט קאלעקטיוו, דורך קאמיסיעס פון מייסטער און געזעלן, ווו
געווערב־קאמערן רעגולירן דעם איינקויף און די פארטיילונג פון
רוי־שטאפן איז פון באשטעלונגען, און ווו א סאציאלער פארלא־
מענט, פון פארטרעטער פון די גילדיעס און צעכן, גרייט צו די גאנ־
צע ווירטשאפטלעכע געזעצגעבונג און לייגט זי פאר דעם פאליטישן
פארלאמענט אויף צו באשטעטיקן. און ס׳איז אויך פאראן אן ארב־
בעטס־מיניסטעריום, וואס זארגט דערפאר, אז אלע ארבעטלאזע
זאלן קריגן ארבעט, ווארום דאס רעכט אויף ארבעט מוז זיין געזי־
כערט יעדן, ווער נאר ס׳וויל ארבעטן. די פראדוציר־מיטלען בלייבן
טאקע ווייטער אלס פריוואט־אייגנטום, אבער זיי דארפן נישט גע־
לאזן ווערן אינגאנצן, אן שום באדינגונגען, אויפן באראט פון די
אייגנטימער, אין גייסט פון רוימישן רעכט, נאר דאס אייגנטום־
רעכט דארף זיין פארבונדן מיט געוויסע פליכטן לגבי דער גע־
זעלשאפט, אין גייסט פונם קריסטלעך־גערמאנישן רעכט. אין היפוך
צו דער מיטלאלטערישער ארדענונג, זאל, הייסט עס, הערשן דע־
מאקראטישע גלייכהייט, און אלע פריווילעגיעס זאלן ווערן אפגע־
שאפט. די גאנצע פראדוקציע פון א לאנד דארף געפירט ווערן
לויטן באדארף פונם לאנד. מארלא האט די דאזיקע סיסטעם זיינע
א נאמען געגעבן פעדעראטיווער סאציאליזם: די איינ־
צעלנע פראדוקציע־קערפערשאפטן, ווי געזאגט, זאלן אליין מיט זיך
פארוואלטן און זאלן זיך געפינען צו איינאנדער אין פעדעראטי־

ווע באַציונגען, און נישט די מלוכה זאָל צענטראַליסטיש מיט זיי אָנפירן.

מאַרלאָ (קאַרל ווינקלבלעך) איז געבוירן געוואָרן אין 1810 אין ענסהיים (באַדען), האָט געלערנט כעמיע אין מאַרבורג און גיסען (ביי ליביגן), די יאָרן 1836 — 1839 איז ער געווען דאָצענט פון כעמיע אין מאַרבורג, אין 1839 איז ער איבערגעפאָרן קיין קאַסעל, אַלס פּראָפעסאָר פון טעכנאָלאָגישער כעמיע אין דער דאָרטיקער העכערער געווערב־שול. די יאָרן 1838—1839 איז ער געווען עטלעכע חדשים אין פּאַריז; אין 1843 האָט ער צוליב שטודירצוועקן געמאַכט אַ רייזע איבער צפֿון־אייראָפּע, האָט באַזוכט די באַרימטע דעמאָלט פאַרבן־פאַבריק אין מאָדום (נאָרוועגיע) און האָט באַוווּנדערט די מאַשינעריע אין דער פאַבריק און די פּרעכטיקע לאַנדשאַפט אַרום איר — ביז איינער פון די דייטשע אַרבעטער, וואָס האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק, האָט אים געשילדערט דעם עלנט פון די פאַבריק־פּראָלעטאַריער. „איך האָב תמיד — דערציילט מאַרלאָ — ווי אַ סך אַנדערע נאַטור־פאָרשער, קאָנצענטרירט מיינע בליקן אין אינדוסטריעלע וואַרשטאַטן אויף די אויוונס און מאַשינעס און נישט אויף די מענטשן, אויף די פּראָדוקטן פון מענטשלעכער מי און נישט אויף די פּראָדוצענטן, און דעריבער איז די גרויסע וועלט פון אָרימקייט געווען מיר אינגאַנצן פרעמד, — פון דער אָרימקייט, וועלכע איז דער יסוד פון אונזער צוגעפּוצטער ציוויליזאַציע. די איבערצייגנדיקע ווערטער פונם אַרבעטער האָבן מיר געגעבן צו פילן די גאַנצע נישטיקייט פון מיינע וויסנשאַפטלעכע שטרעבונגען, און אין עטלעכע אויגנבליקן איז ביי מיר געווען פאַרטיק אַ באַשלוס צו דערלערנען די ליידן פון אונזער דור און זייערע סיבות און זען זיי צו היילן." *) און ער איז טריי געבליבן אָט דעם באַשלוס; אַ באַזונדערע ליבע האָט ער אַרויסגעוויזן צו די דייטשע האַנטווערק־געזעלן.

אַלס עקאָנאָמיסט איז מאַרלאָ ווערטפול אין זיין אַנאַליז פון

*) מאַרלאָ, סיסטעם פון דער וועלט־ווירטשאַפט, פאָררעדע, באַנד I, אָפּטייל 2, קאַסעל 1857 (דייטש).

פֿאַרשיידענע עקאָנאָמישע סיסטעמעס, פֿון אַלטערטום אָן ביז 1850. דעם מאָדערנעם קאָמוניזם פֿון מאַרקסן האָט ער נישט געקענט, און וואָלט ער אים געקענט, וואָלט ער אים זיכער פֿאַרוואָרפֿן, — ווייל מאַרלאָס פּרינציפּ איז געווען געמיינשאַפֿט און נישט פּאָליטישער און עקאָנאָמישער קלאַסן־קאַמף. לויט מאַרלאָס מיינונג, דאַרפֿן די אַרבעטער זיך קאָנצענטרירן נאָר אויף סאָציאַלע פּראָבלעמען. זיין סאָציאַלע אידייע „פֿאַרוואַרפֿט אַלע געצנדינערישע פּרינציפּן און שטיצט זיך נאָר אויף די קריסטלעכע. זי נעמט אַלע זיטלעכע אינסטיטוציעס פֿונם מיטלאַלטער, נאָר פֿון אַ העכערער מדרגה; זי האָט דעם רייץ פֿון מיטלאַלטער, אָן זיינע שאָטן־זייטן, זיין ראָמאַנטיק אָן זיין באַרבאַריי. מיט אירע צעכן, געמיינדעס, אַסאָציאַציעס און פֿאַמיליעס בילדעט זי איין גרויסן קאָאָפּעראַטיוו — מיט אַ שורה קלענערע אָפּצווייגונגען — אין וועלכן דער אינטערעס פֿון יעדן מיטגליד שטימט מיטן אינטערעס פֿון כּלל." מיר וועלן נאָך שפּעטער ווידער טרעפֿן מאַרלאָן, אין 1848־9, אַלס דעם גייסטיקן פֿירער פֿון די האַנטווערקער און געזעלן.

3. קאַרל יאָהאַן ראָדבערטוס

עס איז פֿאַראַן אַ געוויסע גייסטיקע קרובהשאַפֿט צווישן ראָדבערטוסן מיט מאַרלאָן און אויך מיט מאַרקסן, אָבער די אונטערשיידן צווישן זיי זענען אויך זייער גרויס. ראָדבערטוס איז סאָלידאַר מיט מאַרלאָס אָפּאָזיציע קעגן רוימישן רעכט, קעגן קאַפּיטאַליזם, קעגן דער צעשפּליטערטקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט אויף ווירטשאַפֿטלעכע יחידים; ביידע האָבן זיי געהאַלטן, אַז געמיינשאַפֿט — דאָס איז די לעבנסקראַפֿט פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט; און ביידע האָבן זיי אָפּגעטיילט ווירטשאַפֿט פֿון פּאָליטיק. מיט מאַרקסן ווידער האָט ראָדבערטוס געהאַט געמיינזאַם די אַרבעטס־ווערט־טעאָריע און די טעאָריע וועגן קאָנצענטראַציע פֿון קאַפּיטאַל. פֿון מאַרלאָ־ווינקלבלעך האָט ראָדבערטוס זיך אונטערגעשיידט דערמיט, וואָס ער איז געווען קעגן יעטווידער „גאַלוואַניזירונג פֿון די צעכן" און האָט, פֿאַרקערט, זייער שטאַרק געהאַלטן פֿון מלוכה און פֿון צענטראַליזם — ווייל ער האָט געגלייבט, אַז די מלוכה איז

שוין איצט אומשטאַנד צו נעמען אויף זיך רעגולירן די פאַרטיי־לונג פון די פּראָדוקטן לטובת די אַרבעטער.

ראדבערטוס איז געבוירן געוואָרן אין 1805 אין גרייפסוואלד, וו זיין פאָטער איז געווען פּראָפעסאָר פון רוימישן רעכט. נאָכן ענ־דיקן גימנאַזיע האָט ער שטודירט אין יורא און אין בערלין אויפן יורידישן פאקולטעט, דערנאָך האָט ער אָנגענומען אַ מלוכה־פּאָסטן, געמאַכט עטלעכע רייזעס, געקויפט אַ גוט אין פּאָמערן (יאגעצאָוו), האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שטודיר־אַרבעט אויפן געביט פון געשיכטע און פּאָליטישער עקאָנאָמיע, האָט פארנומען ערן־אמטן — און אין 1839 האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן אין סאָציאַל־רעפאָרמיסטישן גייסט. אין 1842 האָט ער פארעפנטלעכט דאָס ערשטע העפט פון אַ ברייט פאָרטראַכטן ווערק: „צו דער דערקענטעניש פון אונזערע ווירטשאַפטלעכע פארהעלטענישן“ — אָבער ס'האָט נישט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג. אין 1848 איז ער אפילו נאָמינירט געוואָרן פאַר בילדונגס־מיניסטער, ער האָט אָבער נאָך עטלעכע געציילטע וואָכן זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. שפּעטער איז ער געוואָרן ביסמאַרקס אַן אָנהענגער, האָט פּובליקירט זייער אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען, האָט געשריבן די פיר „סאָציאַלע בריוו צו קירכמאַנען“, אין 1862 — 1864 האָט ער אונטערגעהאַלטן באַציונגען מיט לאסאלן, און צען יאָר שפּעטער — מיט האָזענקלעווערן, דעם פירער פון די לאסאַ־ליאנער; פון 1872 אָן איז זיין באַציונג צו ביסמאַרקן געוואָרן אַ קריטישע, ער האָט פאראורטיילט ביסמאַרקס אינערלעכע פּאָליטיק און האָט אים פּאָרויסגעזאָגט אַ פולשטענדיקע מפּלה אין דער סאָ־ציאַלער פראַגע. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן (1874 — 1875) האָט ער שוין געזאָלט אַרויסטרעטן אַלס קאַנדידאַט מצד די סאָציאַ־ליסטן*), ער איז אָבער אין דעצעמבער 1875 געשטאָרבן.

לויט ראדבערטוסן, איז די טרייב־קראַפט פון דער געזעלשאַפט נישט גייסט און נישט ווילן, נאָר דאָס לעבן אליין. זאָגן וויל ער

*) ראדבערטוס, „בריפע און סאָציאַל־פּאָליטישע אויפזעצע“ ז. 352. אַרויסגעגעבן פון ד"ר רודאָלף מייער, בערלין 1882 (דייטש). דאָס בוך איז אַן אוצר פאַר די, וואָס ווילן שטודירן ראדבערטוסן.

דערמיט אָט וואָס: די מענטשלעכע געזעלשאַפט ווערט געפירט נישט פון באַוווסטזיניקע כוחות, נאָר פון איראַציאָנעלע, פונם דראַנג צום לעבן. די נשמה פון אָט דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז די געמיינשאַפט. שפראַך און וויסנשאַפט באַזירן זיך אויף געמיינשאַפט פון גייסט; זיטן און רעכט — אויף געמיינשאַפט פון ווילן; אַרבעט און ווירטשאַפט — אויף דער געמיינשאַפט פון די פאַראַנענע מאַטעריעלע קרעפטן. די נשמה פון דער געזעלשאַפט איז נישט דער יחיד, נישט פריוואַט־אייגנטום און נישט די פרייהייט פונם יחיד, נאָר די געמיינשאַפט פון גייסטיקע און מאַטעריעלע גיטער. די אינדיווידועלע פרייהייט אָדער דער ליבעראַליזם האָט נאָר אַ נעגאַטיווע באַדייטונג: די פרייהייט רייסט אויף און ראַמט אָפּ די נישט פולקאָמע פאָרמען, כדי צו מאַכן פריי דעם וועג פאַר אַנדערע, נייע, פולקאָמענערע קאָמוניסטישע פאָרמען. די מענטשלעכע געזעלשאַפט גייט אַלץ מער אויפן וועג צו געמיינשאַפט־ווירטשאַפט, פון דער שטאַמען־אָרגאַניזאַציע צו מלוכות, און לסוף צו דער איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט — צו דער געזעלשאַפט פון דער צוקונפט. אין אונזער צייט פירט דאָס פרייע באַלעבאַטעווען פון די יחידים צו קעגנזאַצן: עס וואַקסט דאָס עשירות פון דער מינדערהייט און עס וואַקסט די אָרימקייט פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן. וואָרום נישט די אַרבעט הערשט איצט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, נאָר דער באַזיץ. עגאָאיזם איז געוואָרן אַ טוגנט; די קאָנקורענץ פירט נישט צום גליק פון די בעסטע, נאָר צום וועטגעיעג פון ספעקולאַנטן. דער קאַפּיטאַל פאַרייניקט זיך אין געזעלשאַפטן, וועלכע בילדן אַ מלוכה אין אַ מלוכה; ער פאַרכאַפּט די מלוכה־מאַכט אין זיינע הענט, און פאַרמשפּט די האַנטווערקער און לוין־אַרבעטער צו אייביקן עלנט. צו דער צרה פון פּויפּעריזם קומט נאָך צו די פּעריאָדישע ווירטשאַפטלעכע קריזיסן, וועלכע ווירקן ווי אַ חורבן פאַר די ווייניקער פאַרמעגלעכע, — בפרט, אַז אויפן גרונט פונם אייזערנעם לוין־געזעץ באַקומען די אַרבעטנדיקע קלאַסן נאָך דעם מינימום לעבנס־מיטלען, וואָס איז נויטיק פאַר זייער אָרימער עקזיסטענץ, און דער גאַנצער געווינס פון דער אַלץ שטייגנדיקער פּראָדוקטיוויקייט קומט אָן דעם קאַפּיטאַל. דאָס איז דער אָרגאַני־

שעך פּעלער פון דער הײַנטיקער געזעלשאַפט. דאָס איז זי די אײַגנטלעכע „סאָציאַלע פראַגע": דער סכום סחורות וואַקסט כסדר, בעת די גישטיקע קאָנסום־קראַפט פון דעם אײַנצלנעם מאַרק בלײַבט אַלץ די זעלבע. דער עודף סחורות ווערט עקספּאָרטירט; און פון דאַנען — אַזאַ דראַנג צו די מעבר לים לענדער מיטן עפענען נײַע מערק שטופּט מען אָפּ אויף אַ געוויסע צײַט די לייזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע, ווײַל די דעפּרעסיע אויפן מאַרק ווערט צײַטווײַליק באַזײַטיקט. די זעלבע ווירקונג האָט די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק: אײראָפּע קאָן ווידער אַ שטיק צײַט אָטעמען, די סאָציאַלע פראַגע ווערט אָפּגעלייגט, אָבער אײביק וועט מען נישט קאָנען אָפּשטופּן, אָפּלייגן, עס וועט קומען אַ מאָמענט, ווען ס'וועט זיך שטעלן די דילעמע: פאַרענטפערן די סאָציאַלע פראַגע, אָדער די געזעלשאַפט ווערט אויפגעלייזט.

אין וואָס־זשע איז די לייזונג?

הגם ראדבערטוס וואָלט, לויט זײַנע אַלגעמיינע אָנשויאונגען, געמוזט קומען צום אויספיר, אַז די לייזונג איז אינם קאָמוניזם, — האַלט ער אָבער, אַז דאָס קאָן מען דערגרייכן ערשט אין דער ווײַטער צוקונפט. אַזוי ווי די סאָציאַלע פראַגע באַשטייט, לויט ראדבערטוסן, אין דער דיספּראָפּאָרץ צווישן דער שטײַגנדיקער פּראָדוקטיווקייט פון דער ווירטשאַפט און צווישן דעם שטילשטאַנד אָדער רעלאַטיוון פאַלן פון דער קויף־קראַפט פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן — איז קלאָר, אַז די לייזונג מוז זיך אויסדריקן דערין, מען זאָל די אַרבעטער אויך לאָזן באַקומען אַ חלק אין דער שטײַגנדיקער פּראָדוקטיווקייט. וועגן דעם דאַרף זאָרגן די מלוכה, אויפן יסוד פון אַ פּלאַן, וואָס זײַן תמצית איז לערך אַזאַ:

די אײַנצלנע סחורה־אַרטיקלען ווערן געמאָסטן לויט דער צאָל נאָרמאַלע אַרבעט־שעהן, וואָס זיי האָבן אין זיך. די נאָרמאַלע אַרבעט־שעהן באַשטימען דעם ווערט פון די פּראָדוצירטע גיטער, וואָרום אַרבעט איז דער קוואַל און מאָס פון ווערט. די פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן געשעט דאַן אויף אַזאַ אופן: 30 פּראָצענט פון ווערט באַקומען די אַרבעטער (לוין), 30 פּראָצענט — די קאַפּיטאַליסטן (פּראָפיט), 30 — די גרונטבאַזיצער (באָדן־רענטע) און 10 פּראָצענט —

די מלוכה (שטייער). ווײַבאַלד אָט די פּראָפּאָרץ אין דער פּאַרטיילונג איז אײַנגעשטעלט, באַקומט שוין דער אַרבעטער זײַן חלק אויך אין דער אויסגעוואַקסענער פּראָדוקטיוויקייט, און די גאַנצע געזעלשאַפט באַוועגט זיך פּאָרויס: די קעגנזאַצן ווערן אויסגעמיטן, דער סאָציאַלער תהום ווערט פאַרשאָטן. לאָמיר אָננעמען, אַז אין יאָר 1870 האָט די ווערט־סומע פון די פּראָדוצירטע גיטער אין אַ באַשטימטער געגנט באַטראָפן 100 מיליאָן, און די אַרבעטער האָבן דערפון באַקומען 30 מיליאָן. איז מיט 30 יאָר שפּעטער די פּראָדוקטיוויקייט — ביי דער זעלבער אַרבעט־צייט — פאַרדאָפּלט געוואָרן, באַקומען די געגעבענע אַרבעטער 60 מיליאָן. אויפן אָרט פון מעטאַל־געלט, ווי בכלל פון דער הײַנטיקער וואַלוטע, דאַרפן אײַנגעפירט ווערן אַרבעט־צייט־שיינען; מען וועט טוישן, הייסט עס, אַרבעט־צייט אויף אַרבעט־צייט. און די מלוכה דאַרף אַכטונג געבן, אַז די דאָזיקע טייל־פּראָפּאָרץ צווישן אַרבעט, קאַפּיטאַל און גרונט־באַזיץ זאָל ווערן אָפּגעהיט.

ראָדבערטוס האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז כל זמן די פּראָדוציר־מיטלען געפינען זיך אין פּריוואַטע הענט — ס'הייסט ביי די קאַפּיטאַליסטן אין די הענט — מוז די פאַרטיילונג אויך פאָרקומען אויף פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע יסודות. ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען, אַז נישט די מלוכה רעגירט, נאָר די שטאַרקסטע ווירטשאַפט־מאַכט — אין אונזער פאַל, אַלזאָ, דער קאַפּיטאַל. עס איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס די מלוכה האָט זיך נישט צוגעהערט צו ראָדבערטוסעס פּלענער. און ביי די אַרבעטער האָט ער אויך קיין דערפאָלג נישט געהאַט, ווײַל ער האָט מיט זיי אײַנגעטענהט, אַז מען דאַרף לאָזן אי דעם קאַפּיטאַל אי דעם גרונט־באַזיץ*), און מען דאַרף נישט גרינדן קיין געווערקשאַפטן און נישט קיין קאָאָפּעראַטיוון און קיין שוץ־געזעצן אויך נישט פאַרלאַנגען;

*) ראָדבערטוס זאָגט: „מען דאַרף מיט אַלע כוחות אײַנהאַלטן די סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע קלאַסן־טיילונג: אַרבעט, קאַפּיטאַל און גרונט־באַזיץ; אויסבעסערן דאַרף מען נאָר די פאַרטיילונג פונם אַרבעט־פּראָדוקט" (בריפע און סאָציאַל־פּאָליטישע אויפזעצע, ז. 100).

ראדבערטוס איז אויך געווען קעגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל פירן אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטיק. ערשט ביים סוף שוין פון זיין לעבן האָט ער זיך אָנגעהויבן ארויסזאָגן פאַר אַ סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאָליטיק.

מאַרקס, מאַרלאָ און ראָדבערטוס הערשן טעאָרעטיש איבער אַלע שריפטשטעלער און באַוועגונגען, וואָס האָבן סאָציאַל־פּאָליטיש — יעדער לויט זיין ריכטונג — געווירקט אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך פאַר די יאָרן פון 1860 ביז 1920. אַזוי צום ביישפּיל: לאַסאַל, קויטסקי, בעבעל (סאָציאַל־דעמאָקראַטיש); בישאָף קעטעלער, מופאַנג, פאָגעלזאַנג, שינגס, היצע (קאַטוילִיש־סאָציאַל); הערמאַן וואַגענער, רודאָלף מייער (סאָציאַל־קאָנסערוואַטיוו); די פּראָפעסאָרן וואַגנער, שענבערג, שמאָלער (קאַטעדער־סאָציאַליסטן); גלח טאָדט, הויף־פּריידיקער שטעקער (פּראָטעסטאַנטיש־סאָציאַל). מיטן אויסנאַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אירע וואָרט־פירער, זענען די אַלע באַוועגונגען און זייערע פאַרטרעטער געווען מער אָדער ווייניקער אַנטיסעמיטיש. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, וואָס אַנטשטייט וו נישט וו די לעצטע צייט, איז מחיה מתים דעם געדאַנקען־גאַנג פון די דאָזיקע ריכטונגען. מען דאַרף אָבער פאַרצייכענען, אַז נישט מאַרלאָ און נישט ראָדבערטוס*) זענען נישט געווען אַנטיסעמיטיש. וועגן די פאַרשידענע קריסטלעך־סאָציאַלע באַוועגונגען אין פאַרשידענע לענדער (מאָרים און קינגסליי אין ענגלאַנד, פּערען און דע־מען אין בעלגיע און פראַנקרייך) וועלן מיר דאָ גענויער נישט שמועסן, ווייל די דאָזיקע באַוועגונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן גיכער פאַר אַ שטערעניש, איידער פאַר אַ וועג צום סאָציאַליזם.

*) אין צוזאַמענהאַנג מיט איינער אַן אַנטיסעמיטישער באַמערקונג פון רודאָלף מייער שרייבט ראָדבערטוס, אַז ער וווּנדערט זיך, פאַר וואָס די יידן רופן ארויס אַזאַ אומחן, „אַט איז דאָך אַ ייד (סטאַל) אַ לאַנגע צייט געווען דער ערשטער פירער פון די קאָנסערוואַטיסטן, אין ענגלאַנד איז עס כאָטש איצט אויך אַ ייד (דיזראַעלי), און אין פראַנקרייך איז עס אַמאָל געווען אַ ייד (פולד)". בריוו און אַרטיקלען, ז. 129.

V. די צווייטע דייטשע רעוואָלוציע

1. דער פּאָליטישער פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע.

די ערשטע דייטשע רעוואָלוציע (1516 — 1536) איז געווען ווי מיר האָבן געשריבן (טייל 3, ז. 58 א. וו.), דער עיקר אַ פּויערשע, מיט אַ צומיש פון דייטשע איינהייט־שטרעבונגען און פון קאָמוניסטישע אידעען. דער רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע איז געווען אַ טיילווייזע קירכן־רעפאָרם, ווי אויך דער זיג פון די לאַנד־פירשטן און פונם גרונט־אדל. די צווייטע דייטשע רעוואָלוציע, וועגן וועלכער מיר גייען איצט דערציילן (1848 — 1849), איז געווען הויפּטזאַכלעך אַ בירגערלעך־ליבעראַלע און נאַציאָנאַלע, נאָר סאָציאַל־רעפאָרמערישע אידעען האָבן אין איר אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָל.

דער פּאָליטישער פאַרלויף פון דער צווייטער דייטשער רעוואָלוציע — איז געווען אין קורצן אזא: אין די צוויי ווייכטיקסטע פאַרבאַנד־מלוכות — אין עסטרייך און אין פּרייסן — האָט דאָס בירגערטום זייט יאָר 1830 אַלץ מער געשטרעבט אָפּצושאַפן דעם אבסאָלוטיזם, אַ סוף מאַכן צו דער נאַציאָנאַלער צעשפּליטערטקייט, און איינפירן אַ ליבעראַלן רעזשים און איינשטעלן די דייטשע איינהייט. אין די קליינע פאַרבאַנד־מלוכות, באַזונדער אין דרום דייטשלאַנד, זענען די דאָזיקע שטרעבונגען געווען נאָך לעבהאַפטער. דאָס בירגערטום האָט אויסגענוצט די פינאַנץ־נויט פון די רעגירונגען, אַזוי אַז עס האָט געהאַט מוט צו באַשטייען אויף זיינע פּאָליטישע פאָדערונגען לגבי די פירשטן. ארום סוף 1847 איז די שטימונג געווען שוין שטאַרק אָפּאָזיציאָנעל, און אַז ס׳איז געקומען די ידיעה וועגן דער פּאַריזער פעברואַר־רעוואָלוציע (1848), איז דאָ אויך אויסגעבראָכן אַ שטורם: דעם 13 מערץ אין ווין; דעם 18 מערץ אין בערלין; אין די קלענערע פאַרבאַנד־מלוכות איז די צערו־

דערונג געווען שוין קענטיק פון סוף פעברואר. תחילת האָבן די
פירשטן און דער אדל זיך געבויגן פארן שטורם; זיי זענען אָדער
געלאָפן פון לאנד, אָדער זיי האָבן דעם הוט ארונטערגענומען פאר
דער רעוואָלוציע, כדי דעם קאָפּ צו ראטעווען; און די בירגערלעכע
רעוואָלוציע-כוואליעס זענען באלד אָפּגעפאלן, צום טייל מחמת דעם
איינגעבוירענעם קאָנסערוואטיזם פון דייטשן בירגערטום, און צום
טייל מחמת מורא פארן פראָלעטאריאט, וועלכער איז ארויסגע-
טרעטן, ווי מיר וועלן ווייטער זען, מיט סאָציאל-פּאָליטישע פאָדע-
רונגען. אין בערלין האָבן די בירגערלעכע מיניסטאָרן פארפירט אונ-
טערהאנדלונגען מיט דער קרוין, כדי צו קומען צו אן אויסגלייך
מכוח דער קאָנסטיטוציע און שאפן א בירגערליך-אדעליקע קאָא-
ליציע-רעגירונג. אין ווין האָט דאָס בירגערטום פארלאנגט צוריק
דעם קייזערלעכן הויף און וואָס גיכער — איינשטעלן רו און אָר-
דענונג. די דייטשע נאציאָנאַל-פארזאמלונג, וועלכע איז געווילט
געוואָרן אויפן יסוד פון אַלגעמיינעם וואל-רעכט און איז זיך צוזא-
מענגעקומען דעם 18 מאַי אין פראנקפורט ביים מאַין אין דער פּױ-
לוס-קירכע, האָט געפירט אומענדלעכע דעבאַטן און גאָרנישט געטון,
כדי צו באַפעסטיקן די סוווערעניטעט פון פאָלק. צו יעדן סאָציאַל-
פּאָליטישן געדאנק איז די נאַציאָנאַל-פארזאמלונג אויך געווען
פיינטלעך. דערווייל זענען די פירשטן ווידער געקומען צו זיך, די
רעוואָלוציע-שרעק האָט נאָכגעלאָזן, און ווען ס'זענען דערגאנגען,
סוף יוני 1848, ידיעות וועגן דער מפּלה פון פאריזער פראָלעטא-
ריאט, האָט די רעאקציע גלייך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך גע-
נומען גרייטן צו א רעסטאַווראציע. אין אָקטאָבער האָט ווינדיש-
גרעץ אונטערגענומען אן אָנגריף קעגן ווין, און דעם 30 און 31
אָקטאָבער און 1 נאָוועמבער געשטורמעוועט די שטאָט. ווין איז גע-
פאלן. ניין טעג שפּעטער האָט גענעראל וורענגעל פאנאנדערגעיאָגט
דעם פּרייסישן פארלאמענט. אין מערץ 1849 איז שוין אין עסט-
רייך ווידער געווען צוריקגעשטעלט דער אלטער רעזשים. סוף מערץ
האָט די פראנקפורטער נאציאָנאַל-פארזאמלונג פארגעלייגט דעם
פּרייסישן קעניג די דייטשע קרוין און דעם פאָלק — די פארטיק
געמאַכטע ליבעראַלע מלוכה-קאָנסטיטוציע. דער קעניג פון פּרייסן

האָט נישט אָנגענומען די פאָרגעלייגטע קרוין; דאָס פאָלק האָט די פראנקפורטער קאָנסטיטוציע יאָ אָנגענומען, אָבער די רעגירונגען האָבן פאנאנדערגעלאָזט די פארלאמענטן אויף די ערטער. די רעכטע (אין פראנקפורט) האָבן דאן גאָר פארלאָזט די נאַציאָנאַל־פארזאמלונג, און די לינקע זענען, אַלס דעקאָמפּלעטירטער פארלאמענט, אַריבערגעפאָרן קיין שטוטגארט. דער אטענטאַט אויף דער מלוכה־קאָנסטיטוציע האָט געפירט צו אַן אויפשטאַנד אין דרעזדען און אין בייערישן פפאלץ, וועלכער האָט זיך פארענדיקט דעם 23 יולי 1849 מיט דער קאַפּיטולאציע פון ראסטאַט (צו דרום פון קאַרלס־רוהע). אומעטום זענען די אויפשטאַנדן דערשטיקט געוואָרן דורך דעם פּרייסישן מיליטער.

די צווייטע דייטשע רעוואָלוציע האָט זיך געענדיקט — ווידער מיט אַ זיג פון די לאנד־פירשטן און פון אדל. אָבער דאָך האָבן די זיגער געמוזט גייען אויף געוויסע קאָמפּראָמיסן מיט די באזיגטע, ווייל די לעצטע האָבן פארמאָגט ווירטשאַפטלעכע מאַכט. צוליב אָט די קאָמפּראָמיסן זענען די פירשטן און דער אדל געוואָרן די צואה־אויספירער פון יאָר 1848 — און פארשטייט זיך, אַז לויט זייער גאנצן מהות נאָך זענען זיי נישט געווען געאייגנט צו האַנדלען אין גייסט פון 1848. נישט געקוקט אויף די אומגעהויערע אָנשטרענגונגען אין די ווייטערדיקע 50 יאָר, — איז דער רעזשים געווען אַזאַ, אַז ער איז געוואָרן צוזאמענגעבראָכן אין 1914 — 1918. מען קאָן נישט אומבאַשטראָפט פעלשן און צוריקהאַלטן די אַנטוויקלונג פון קלאסן און זייערע קאַמפן — מען עס פּרובירן טון אַפילו די העלדישסטע פערזאָנען.

2. סאָציאַלע שטרעמונגען. 1848 — 1849.

אין די רעוואָלוציע־יאָרן זענען אין דייטשלאַנד אַרויסגעגאנגען אַ רייע צייטשריפטן, וועלכע האָבן געהאַט מער אָדער ווייניקער אַ סאָציאַל־דעמאָקראטישן כאַראַקטער. מען באַגעגנט אין דער פרעסע שוין עטלעכע מאָל דעם אויסדרוק „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“. פון אָט די צייטשריפטן איז כדאי צו דערמאָנען: „נייע ריינישע צייטונג“, קעלן, געפירט פון מארקס, ענגעלס, ווילהעלם וואָלף און

פֿרייליגראַט; „בערלינער ציַיטונגס־האַלע“ פֿון ג. יוליוס; „פֿאָלקס־פֿריינט“, בערלין, פֿון גוסטאַוו אַדאָלף שלעפֿעל*); „דאָס פֿאָלק“, בערלין, פֿון באָרן; „די פֿאַרברידערונג“, בערלין־לייפּציג, פֿון באָרן און שווענינגער; „דער אורוויילער“, בערלין, פֿון וויַיטלינג; „פֿליגנדע בלעטער“, ברעסלוי, פֿון פּ. בערנט; „די האָרניסע“ (בינען), קאַסעל. אַ חוץ דעם זענען דעמאָלט אַנטשטאַנען פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַנען, ווי „פּראָמעטעאוס“ און „קאָנקאָרדיא“, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער אַרבעטער־פֿאַרברידערונג.

אין דעם אַלגעמיינעם וויַיזוואַר פֿון פֿאַרלאַנגען און פֿאָדערונגען מצד די אַרבעטנדיקע שיכטן באַפֿעלקערונג האָט מען דאָך געקאָנט דייטלעך אונטערשיידן צוויי שטרעמונגען. איינע האָט רעפּרעזענטירט מאַרלאָ: רעאָרגאַניזירן די ווירטשאַפֿט אויפֿן יסוד פֿון צעכן. די אַנדערע שטרעמונג האָט פֿאַרטראָטן באָרן: אַנערקענען דעם קלאַסן־קעגנזאַץ צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס און פֿאָדערן קאָאָפּעראַציע מיט מלוכה־הילף. אין לאַנגער פֿון מאַרלאָ האָבן זיך געפֿונען די האַנטווערקער־געזעלן; די פֿאַבריק־אַרבעטער און אַנדערע פּראָלעטאַריער האָבן זיך גרופּירט אַרום באָרנען..

די נומערישע גרויס פֿון די ביידע ריכטונגען קאָן מען ביז אַ געוויסן גראַד אַרויסזען פֿון פֿאָלגנדיקער סטאַטיסטיק: אין 1846 האָט זיך גערעכנט אין פּרייסן אַרום 457.000 האַנטווערק־מייסטער, מעכאַנישע קינסטלער א. א. וו., וועלכע האָבן באַשעפֿטיקט אַרום 385.000 געזעלן און לערן־יינגלעך. און ס'איז געווען לערך 79.000 פֿאַבריק־אונטערנעמונגען, מיט 551.000 אַרבעטער. אין איבעריקן דייטשלאַנד, עסטרייך אַריינגערעכנט, איז די פֿאַרהעלטעניש צווישן די ביידע גרופּעס געווען מסתמא נאָך גינסטיקער פֿאַר דער גרופּע האַנטווערק־אונטערנעמונגען.

---

*) ג. א. שלעפֿעל איז געווען אַ זון פֿון אַ שלעזישן פֿאַבריקאַנט; ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, האָט אָנטייל גענומען אין דער קאָנסטיטוציע־קאַמפּאַניע אין באַדען, און איז צוזאַמען מיט יאָזעף מאָל געפֿאַלן אין קאַמף ביי וואַנהויזל, דעם 19 יולי 1849.

די האַנטווערקערישע פּסיכאָלאָגיע איז געווען די הערשנדיקע: מען האָט געהאַלטן פון צעכיזם, מען איז געווען קעגן פאַך־פרייהייט, אָבער מען האָט אויך אַנערקענט, אַז דער צעך־וועזן דאַרף רעאָרגאַניזירט ווערן, ווייל ביים מאָדערנעם ווירטשאַפטלעכן לעבן איז נישט מעגלעך, מען זאָל זיך איינפאַך אומקערן צום מיטל־אַלטער. דער דאָזיקער אויפפאַסונג איז מאַרלאָ אַנטקעגנגעקומען: אַלס דעלעגירטער פון דער קאַסעלער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, האָט ער זיך באַטייליקט אין די האַנטווערקער־צוזאַמענפאָרן אין האַמבורג (די ערשטע יוני־וואָך 1848) און אין פראַנקפורט־ביים מאַין (פון 15 יולי ביז 15 אויגוסט) און האָט שטאַרק באַאיינפלוסט זייער אַרבעט. דער צוזאַמענקום אין פראַנקפורט איז געווען אַן אמתער קאָנגרעס, מיט 116 דעלעגאַטן, און האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע — אויסצואַרבעטן אַ האַנטווערק־סטאַטוט און אָנוואַרפן אַ פּלאַן, ווי צו לייזן די סאָציאַלע פראַגע. די געזעלן האָבן אויך געשיקט דעלעגאַטן, נאָר מען האָט זיי נישט צוגעלאָזט; ערשט נאָך זייערע פּראָטעסטן האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסן צו צולאָזן 10 פאַרטרעטער פון די געזעלן, אָבער נאָר מיט באַראַטונגס־רעכט; די געזעלן האָבן נישט אָנגענומען די דאָזיקע הנחה און האָבן גערופן אַן אייגענעם קאָנגרעס, אויך קיין פראַנקפורט, און ער האָט אָפּגעהאַלטן זיינע באַראַטונגען אין איין צייט מיטן קאָנגרעס פון די מייסטער. לויטן פאָרשלאַג פון מאַרלאָ, האָבן די מייסטער אָנגענומען אַזאַ סאָציאַלע פּראָגראַם: אַנשטאַט פאַך־פרייהייט — אַ מאָדערניזירטע צעכישע אָרגאַניזאַציע פון האַנטווערק, אַ פעדעראַציע פון די צעכן, דאַן געווערב־ראַטן און געווערב־קאַמערן, און אַ סאָציאַלער פּאַרלאַמענט.

דער פראַנקפורטער מייסטער־קאָנגרעס האָט אַלע זיינע פאַרלאַנגען איבערגעגעבן אין אַ מעמאָריאַל צו דער פאָלקס־ווירטשאַפטלעכער קאָמיסיע ביי דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. די קאָמיסיע, וועלכע איז געווען אַזוי ליבעראַל, ווי די גאַנצע נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, האָט דעם מעמאָריאַל אָפּגעוואָרפן.

דער געזעלן־קאָנגרעס, אויך באַאיינפלוסט פון מאַרלאָ, האָט געפאָדערט: מאָדערניזירן דעם צעך־וועזן („איינפירן אַ נייעם צעך־

סטאַטוט, וואָס זאָל אײַנגאַנצן נישט זײַן ענלעך צום פֿרירעדיקן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן אונזערע העכסט־אַנטוויקלטע אינדוסטריעלע פֿאַרהעלטענישן, וואָס זאָל אַנערקענען די גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון אַלע פּראָדוצענטן און וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע סאָציאַלע באַרופֿן: אָרגאַניזאַציע פֿון אַרבעט"), אײַנפֿירן געווערב־ראַטן און־קאַמערן, אָבער אויך — אַן אַרבעט־מיניסטעריום, אַ חוץ דעם האָט דער זעלבער קאָנגרעס פֿאַרלאַנגט: אַלגעמײנעם וואַל־רעכט, אַלגעמײנע שול־פֿליכטן, פֿאַך־שולן, אַ 12 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג (שוין צוזאַמען מיט די פּויזעס אויף עסן), געזעצלעך פֿעסטגעשטעלטע מינימום־לוינען, אינוואַלידן־קאַסעס, פּראָגרעסיווער פֿאַרמעגן־און הכנסה־שטײַער, שוץ־צאָל אויף אַרײַנגעפֿירטע גאַנץ־פֿאַבריקאַטן, פֿאַרצעלירן די קרוין־מאַיאָנטקעס און פֿאַרטיילן די ערד אָדער אָפּגעבן זי אין פּאַכט צו די לאַנד־אַרבעטער און קלײן־פּויערן; גרינדן קאָלאָניעס פֿאַר דער איבערבאַפֿעלקערונג.

די מורא פֿאַר איבערבאַפֿעלקערונג איז געווען דעמאָלט שטאַרק פֿאַרשפּרייט. מאַרלאָ איז אויך געווען באַהערשט פֿון אָט דער מורא, און ער האָט פֿאַרלאַנגט, מען זאָל אָננעמען מיטלען קעגן שנעלן וווּקס פֿון דער באַפֿעלקערונג: באַגרענעצן דאָס הייראַט־רעכט פֿון אומבאַמיטלטע פּערזאָנען*).

גאָר אַן אַנדער שטימונג האָט געהערשט אין די גרויס־שטאָטישע צענטרען פֿון אינדוסטריע. געציילטע טעג נאָכן אויסברוך פֿון דער מערץ־רעוואָלוציע האָט מען שוין געהערט וועגן קלאַסן־קעגנזאַץ צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. דעם 23 מערץ האָט שוין געשריבן די „בערלינער צײַטונגס־האַלע": „דער אמת איז, אַז אויך בײַ אונז, פּונקט ווי אין פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד, איז דער אײַנרײַס צווישן בירגער־קלאַס און אַרבעט־קלאַס שוין אַ געשעענער פֿאַקט". אין ערשטן נומער „פֿאָלק" (25 מאַי 1848) שרײַבט סטעפֿאַן באָרן: „רעדן מיר וועגן פֿאָלק, אַזוי רעכנט מען אַהער אָפּט אַרײַן די גאַנצע וועלט, אָבער די דאָזיקע צײַטשריפֿט וויל הויפּטזעכלעך פֿאַרטרעטן

*) זע בירמאַן: ביאָגראַפֿיע פֿון ווינקלבלעך, באַנד 2, ז. 252 א. וו. (דײַטש).

נאָר איין באַשטימטן קלאַס אין דער מלוכה: ד ע ם אַ ר ב ע ט נ ד י ק ן ק ל א ס... וועלכער איז אונטערגעדריקט, וועלכער לעבט פון לוין".

דאָס פאַרזאַמלונג־לעבן פון די אַרבעטער האָט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער פולסירט; אינגיכן זענען אויפגעקומען אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און אונטער דער אָנפירונג פון באָרנען — אַן אַל־געמיינער אַרבעטער־בונד, וואָס זיין ציל איז געווען צו אָרגאַניזירן דעם דייטשן אַרבעטער־קלאַס פּאָליטיש און אויפן געביט פון קאָאָפּעראַציע. אָרגאַן פון אַרבעטער־בונד איז געווען די „פאַרברידערונג", וועלכע איז דערשינען אין לייפּציג אין 1848-49 און איז צום אָנהויב רעדאַגירט געוואָרן פון באָרנען. דאָ האָט ער אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז וויכטיק איז נישט צו האָבן פּאַרטיקע אוטאָפּיעס און צו שאַפן אידעאַל־מלוכות דורך פילאָזאָפישע חקירות, נאָר — אַנטוויקלען דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס זיין ציל מוז זיין איינפירן די „קאָלעקטיווע עקספּלואַטאַציע פון די פּראָדוציר־מיטלען" (נומער 10, 1848; נום. 66 און 67, 1849). אַלץ וואָס איז פּאַרטיק, ווירקט רעאַקציאָנער; לעבן און פאָרשריט איז נאָר אין באַוועגונג, אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג (נומער 1).

דער וויכטיקסטער אַרויסטריט פונם אַרבעטער־בונד איז געווען דער אַרבעטער־קאָנגרעס אין בערלין (לעצטע אויגוסט־וואָך פון 1848); ער איז באַשטאַנען פון 40 דעלעגאַטן, פון די גרעסערע שטעט (בערלין, ברעסלוי, כעמניץ, דרעזדען, האַמבורג, קעניגסבערג, לייפּציג, מינכען); דער פראַנקפורטער געזעלן־קאָנגרעס האָט אויך צוגעשיקט אַ דעלעגאַט. דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער אַלטער ברעסלויער פּראָפעסאָר נעעס פאָן עזענבעק (1776—1858)*), צווייטער פאָרזיצער איז געווען סטעפאַן באָרן; סעקרעטאַר איז געווען ל. ביסקו, אַ בערלינער גאָלד־אַרבעטער, וועלכער איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער. די באַשלוסן פונם קאָנגרעס האָבן אַרומגענומען פראַגן וועגן די פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַ־

*) די באַשלוסן פונם געזעלן־קאָנגרעס זענען אָפּגעדרוקט אין ביר־מאַנס ביאָגראַפיע פון ווינקלבלעכן, באַנד 2 (ציגאַב), לייפּציג 1909 (דייטש).

טיווע אָרגאַניזאַציעס פונם דייטשן פּראָלעטאַריאַט; וועגן קרעדיט־בענק צו שטיצן די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע; וועגן רעכט אויף אַרבעט, וועגן אַלגעמיינעם, גלייכן וואַל־רעכט אין דער מלוכה און אין דער געמיינדע; וועגן פאַרקירצן די דינסט־צייט אין מיליטער ביז איין יאָר; וועגן אָפּשאַפן די פּליכט אָנצוגעבן דעם פאַרמעגן ביים ווילן צו הייראַטן; וועגן אָפּשאַפן די אומדירעקטע שטייערן; וועגן פעסטשטעלן אַ 10 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג; וועגן באַגרעניצן די צאָל לערן־ייִנגלעך; וועגן פאַרווערן אַרבעט פון קינדער אונטער 14 יאָר; וועגן אַלגעמיינער שול־פּליכט און אָבליגאַטאָרישע דער־גאַנץ־שולן פאַר לערן־ייִנגלעך; וועגן אַנטייל פון די אַרבעטער ביים אויסוויילן און אָנשטעלן ווערק־פירער אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן.

פון דעם אַרבעטער־בונד איז דערנאָך אַנטשטאַנען די אָרגאַניזאַציע „אַרבעטער־פאַרברידערונג“ (איר צייטשריפט האָט אויך גע־הייסן „פאַרברידערונג“). פירער זענען געווען באָרן, דער אַרכי־טעקט שווענינגער (פון עסען) און דער גאָלד־אַרבעטער ל. ביסקי. זיי האָבן גערופן קאָנפערענצן און קאָנגרעסן, געפירט אַגיטאַציע*), זיך פאַרבונדן מיט מאַרקסן, שאַפּערן א. א. און האָבן אויף אַלע זייטן אַנטוויקלט זייער אַ לעבהאַפטע טעטיקייט, ביז דער אַלגע־מיינער צוריקגאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט נישט איבערגעשניטן דעם לעבנס־פאָדעם אויך פון דער „פאַרברידערונג“.

3. דער סוף פונם קאָמוניסטן־בונד.

באַלד ווי די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן, זענען דער רוב מיטגלידער פון בונד אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, כדי צוצוגעבן דעם קאַמף אַ קאָמוניסטישע ריכטונג. זיי האָבן אומעטום זיך אויס־געצייכנט מיט זייער גרויסן מוט, מיט זייער פירער־ראָל אין דער פּרעסע, אויף פאַרזאַמלונגען און אויף די באַריקאַדעס. זיי זענען

*) זע: „מאַרקס ענטהילונגען איבער דעם קעלנער קאָמוניסטן־פּראָצעס“, אין דייטש, מערינגס אויסגאַבע, פאָרווערטס־פאַרלאַג, 1914

אָבער אין ערגעץ נישט אַרויסגעטראָטן דירעקט פאַר א פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, ווייל מאַרקס האָט געהאַלטן, אַז דייטשלאַנד איז נאָך נישט רייף פאַר אזא רעוואָלוציע. מאַרקס, ענגעלס, פרייליגראַט, וואָלף, ווערט האָבן מיטגעאַרבעט אין דער „נייער ריינישער צייטונג", דעם פירנדיקן רעוואָלוציאָנערן בלאַט פון דייטשלאַנד, וואָרן האָט געאַרבעט אין בערלין און אין לייפּציג; שפּעטער איז ער געשטאַנען אין שפּיץ פון דרעזדענער אויפשטאַנד (מאַי 1849), האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף אויף די באַריקאַדעס און האָט מוסטערהאַפט אַדורכגעפירט דעם ריקצוג פון די קעמפער קיין פרייבורג. ענגעלס, ווילין און מאָל האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנסטיטוציע־קאַמפּאַניע אין באַדען; שאַפּער האָט געאַרבעט אין וויסבאַדען; אַנדערע ווידער זענען אין פּראָווינץ געווען די אייגנטלעכע אָרגאַניזאַטאָרן פונם קאַמף. נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע האָבן דער רוב פון זיי ווידער עמיגרירט קיין לאָנדאָן, און דאָרטן האָט דער בונד זיך רעאָרגאַניזירט און איז געוואָרן דער צענטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג: עס האָבן זיך אין אים אָנגעשלאָסן די ענגלישע טשאַרטיסטן, די פראַנצויזישע בלאַנקיסטן, די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פון פּוילן און פון אונגאַרן א. א. וו. ביז מיטן 1850 האָבן ס'רוב פון זיי נאָך געהאָפט אַלץ אויף א נייעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע און האָבן זיך געגרייט צו די געשעענישן, אַרויסגעקוקט אויף זיי.

סוף זומער 1850 זענען אָבער מאַרקס און ענגעלס געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די האָפנונג האָט פאַרפירט, און אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך פריער נויטיק א האַלב יאָרהונדערט דערציונג־ און אָרגאַניזירונג־אַרבעט, איידער ער וועט רייף ווערן פאַר זיין סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער ראָל. די מער ענטוזיאַסטישע קאָמוניסטן, ווי ווילין, שאַפּער א. א. האָבן נישט געטיילט די דאָזיקע מיינונג. דאָס האָט געבראַכט צו א שפּאַלטונג און צו שאַרפע ריַיסערייען, און מאַרקס האָט דעריבער איבערגעטראָגן דאָס זיץ־אָרט פונם בונד קיין קעלן, ווו מען האָט דעם 1 דעצעמבער 1850 געענדערט דעם סטאַטוט פונם בונד. איצט איז דער הויפּט־צוועק

פונם בונד שוין געווען אזוי פאָרמולירט: „מיט אַלע מיטלען פון פּראָפּאַגאַנדע און פון פּאָליטישן קאַמף שטרעבן צו דער פאַרניכטונג פון דער אַלטער געזעלשאַפט, צו דער גייסטיקער, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפרייאונג פונם פּראָלעטאַריאַט, צו דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. אויף די פאַרשידענע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן, וואָס דער קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט האָט אדורכצומאַכן, פאַרטרעט דער בונד כסדר די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער באַוועגונג, און ער שטרעבט צו פאַרייניקן אין זיך און אָרגאַניזירן אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן פונם פּראָלעטאַריאַט; דער בונד איז א געהיימער און ער ווערט נישט אויפגעלייזט, ביז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וועט נישט דערגרייכן איר ענדציל".

פון קעלן אויס האָט מען געפירט די פּראָפּאַגאַנדע איבער גאַנץ דייטשלאַנד, ביז מען האָט דעם 10 מאַי 1851 אַרעסטירט אין לייפּציג דעם קעלנער בונד־עמיסאַר נאָטיונג (א שניידער־געזעל). מען האָט ביי אים געפונען א רייע דאָקומענטן און אדרעסן, און מען האָט אַרעסטירט נאָך אַ רייע מיטגלידער פונם בונד — און ס'איז צושטאַנד געקומען אין נאָוועמבער 1852 דער באַרימטער קעלנער קאָמוניסטן־פּראָצעס, וועלכער האָט א סוף געמאַכט צו דער עקזיסטענץ פונם בונד*).

---

*) איינער פון די אינטערעסאַנטסטע עפּיזאָדן פון אָט דער אַגיטאַציע איז דער עפנטלעכער דיספּוט צווישן באָרנעז און מאַרקא, סוף יאַנואַר 1849, אין היידעלבערג; באָרן איז ארויס פונם דיספּוט מיט א גלענצנדן זיג.

VII. ווירטשאַפט און פּאָליטיק 1850—1880

1. די תקופה פון ליבעראַליזם.

די פּאָלקס־אויפשטאַנדן פון די יאָרן 1848 — 1849 וענען געוואָרן דערשטיקט — און די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט אומעטום געפייערט נצחון. אין פראַנקרייך איז נאַפּאָלעאָן 3 געזעסן אויפן קייזער־טראָן און האָט געוונע; אויף זיין זייט די בורזשואזיע מיט זיינע אויסערלעך־פּאָליטישע אונטערנעמונגען (קרימער קריג, איטאַליענישער קריג, מעקסיקע) און דערמיט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין צוים דעם פּראָלעטאַריאַט; אין גרויס־בריטאַניען האָט דער אַרבעטער־קלאַס זיך גאָר אָפּגעקערט פון די פּראָלעטאַרישע אידעען און זיך גענומען נאָכשלעפּן נאָך דער ליבעראַלער פּאַרטיי; אין פּרייסן איז אין 1849 געוואָרן איינגעפירט די דריי־קלאַסיקע וואַל־רעכט־סיסטעם, דער פּרעסע האָט מען אָנגעטון אַ שלאָס אויפן מויל, און דער געטויפטער ייד פ. סטאַל האָט דער גאַנצער מלוכה־וויסנשאַפט געגעבן אַן אויטאָריטאַרע, מאָנאַרכיש־קריסטלעכע ריכטונג, עסטרייך האָט מיט דער הילף פון צאַר ניקאָלאַי 1 דערשטיקט די פרייהייט־באַוועגונג אין אונגאַרן, און האָט רעסטאַוורירט דעם דייטשן פאַרבאַנד פון פאַר דער מערץ־רעוואָלוציע. די דאָזיקע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּויזע האָט געדויערט אַ צענדלינג יאָר (1849 — 1859). די מעכטיקע קאַפּיטאַליסטישע און נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זייט דעם יאָר 1850, האָט אומגעשליידערט אַלע דאָמבעס, וואָס די רעאַקציע האָט אויסגעבויט. דער פּולס פון סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן האָט גענומען האַסטיק שלאָגן אין מערב־און מיטל־איראָפּע: מען האָט אַנטדעקט גאָלד אין קאַליפאָרניע און אויסטראַליע און זילבער אין מעקסיקע, מען האָט פיבערהאַפט געבויט אייזנבאַנען, טעלעגראַף־ליניעס, דאמף־שיפן, עס האָט געבליט די באַרג־אינדוסטריע, עס איז זיך

פאַנאַנדערגעוואַקסן די פאַבריק־סיסטעם, און בענק און בערזעס. און די נאַטור־וויסנשאַפט האָט אָפּגעהאַלטן איין זיג נאָכן אַנדערן — אין דער כעמיע, אין דער פיזיק (עלעקטריע) און אין דער ביאָלאָגיע (טשאַרלז דאַרווין); און גלייכצייטיק האָבן ווידער אויפגעוואַכט די נאַציאָנאַלע פרייהייט־באַוועגונגען אין איטאַליען, אין דייטשלאַנד, אין פּוילן און אויף דעם באַלקאַן; אַפילו אין רוסלאַנד האָט זיך געפילט דער אָטעם פון ליבעראַלע און סאָציאַל־רעפאָרמערישע טענדענצן. עס זענען נאָך צוגעקומען די מפּלות, וואָס רוסלאַנד האָט געליטן אינם קרימער קריג (1854-55) אין עסטרייך אין איטאַליענישן קריג (1859) — און רוסלאַנד און עסטרייך זענען געווען די הויפּט־זיילן פון דער אייראָפּעישער רעאַקציע. די צען יאָר 1860 — 1870 זענען שוין געשטאַנען אין צייכן פון ליבעראַליזם. אין גרויס־בריטאַניען האָבן פּאָליטיש טריומפירט דזשאָן סטוארט מיל און וויליאַם ע. גלאַדסטאָן; אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז אָנגעגאַנגען אַ בירגער־קריג (1861 ביז 1865) פאַר נאַציאָנאַלע איינהייט און פאַר דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן, און דער ליבעראַל לינקאָלן איז אַרויס זיגער פון דעם קריג; אין פראַנקרייך האָט די בירגערלעך־רעפּובליקאַנישע אָפּאָזיציע אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און נאַפּאָלעאָנס טראָן האָט אָנגעהויבן זיך וואַקלען; אין פּרייסן האָט זיך דאָס ליבעראַלע בירגערטום אָרגאַניזירט אינם נאַציאָנאַל־פאַריין, אַלס אָפּאָזיציע קעגן ביסמאַרקן — און דער לעצטער האָט סוף כל סוף געמוזט, צוליב דער אינערלעכער פּאָליטיק און צוליב זיין קריגס־פּאָליטיק קעגן עסטרייך (1866), נעמען אַ ליבעראַליזירטן קורס אין זיין פּאָליטיק (אַלגעמיינעס וואַל־רעכט אין 1867); אין רוסלאַנד איז אין 1861 פאָרגעקומען די א. ג. פּויערן־באַפרייאונג, וועלכע האָט מיט זיך אָנגעהויבן אַ דורכגרייפיקן שווערן רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד, פול מיט זיגזאַגהאַפטע שריט אויף פאָרויס און אויף צוריק; יאַפּאַן האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר מיטלאַלטערישער אָפּגעשלאָסנקייט, און ס'האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן אַ תקופה פון אויפקלערונג און פון מאָדערנער ווירטשאַפט.

דאָס יאָרצענט 1859 — 1869 איז באמת געווען וואונדער־רייך־

מיט פאסירונגען: עס האבן זיך באוויזן די ווערק פון דארווין, מען האט דורכגעגראבן דעם סועץ־קאנאל, מען האט באפרייט די נעגער־שקלאפן אין צפון־אמעריקע, עס האט זיך אנגעהויבן די רוסישע פרייהייט־באוועגונג, עס האט זיך אויפגעלייזט דער דייטשער בונד, נאכן קריג פון 1866, אין פרייסן איז אפגעשאפט געווארן דער קאאליציע־פארבאט און ס'איז איינגעפירט געווארן דאס אלגעמיינע וואל־רעכט, אין גרויס־בריטאניען האבן די שטאטישע ארבעטער באקומען וואל־רעכט, און ס'האט זיך אנגעהויבן די שיקזאל־שווערע נאציאנאלע פאראייניקונג פון דייטשלאנד און פון איטאליען און די אויפוואכונג פון יאפאן. — און אין דעם זעלבן יארצענט פאלן אויס די ערשטע נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע פרוון פונם קאנטינענטאל־אייראפעישן פראלעטאריאט צו ארגאניזירן זיך, אלס קלאס, און אנצוהויבן דעם קאמף פאר א נייע ווירטשאפטלעכע ארדענונג.

2. איבערגאנג צו אימפעריאליזם און צו כאציאליזם

דאס יארצענט 1869 — 1879 איז שוין געווען די צייט, ווען דער שטערן פון ליבעראליזם האט אנגעהויבן פארגייען. דער זיג פון פרייסן־דייטשלאנד איבער פראנקרייך (1870־71); די מאסנהאפטע גרינדונג פון כלערליי געשעפטן און אונטערנעמונגען — אין אינדוסטריע, האנדל, פארקער און פינאנץ; די דעפרעסיע אין דער לאנדווירטשאפט, צום טייל צוליב דער אינדוסטריאליזירונג און צום טייל מחמת דער אמעריקאנישער קאנקורענץ; די רעלאטיווע איבערפראדוקציע אין פאבריק־סחורות — דאס אלץ האט באלד געבראכט מיט זיך א שווערן ווירטשאפטלעכן און פאליטישן קריזיס, וואס האט געדויערט, מיט קליינע הפסקות פון אויפבלי־יארן, ביז אין די ניינציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט. דער דאזיקער קריזיס איז טאקע געווען איינע פון הויפט־סיבות פונם נייעם אימפעריאליסטישן פעריאד — ס'הייסט פונם דראנג נאך מעבר־לים־מערק, פונם דראנג צו פארכאפן די נישט קאפיטאליסטישע לענדער אין אפריקע און אזיע. דער קריזיס איז אויך געווען

איינע פון די הויפט־סיבות, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט ווידער אויפגעוואַכט אין מערב־און מיטל־אייראָפּע. אַרום סוף 70־קער יאָרן האָט דער ליבעראַליזם שוין אָנגעוווירן זיין גלאַנץ. נייע נויטן און נייע אידעען האָבן זיך געריסן אין פאָדערגרונט: מלוכה־רעגולירונג, שוץ־צאָל, קאָלאָניאַל־פּאָליטיק — קורץ, אימ־פּעריאַליזם, אַלס פּאָליטיק פון די הערשנדיקע קאַסן, סאָציאַליזם אַלס אידעאַל און פּראָגראַם פון אַרבעטער־קלאַס. אייראָפּע האָט זיך מיט אַמאָל דערזען אין שטראָם פון אַן איבערקערעניש, וועלכע דער ליבעראַליזם איז נישט אומשטאַנד צו באַהערשן. פאָלגנדיקע סטאַטיסטישע ציפערן, וועלכע זענען צום טייל באַזירט אויף מאַכ־מענערישע אָפּשאַצונגען און צום טייל אויף אַמטלעכע ציי־טונגען, אילוסטרירן גענוג בולט די גרונט־ליניעס פון אָט דער איבערקע־רעניש פאַר די יאָרן 1850 — 1880.

דער פאַרברויך פון דאַמף־קראַפט (אויף די אייזנבאַנען, שיפן, פאַבריקן) האָט אויסגעמאַכט (אין פערד־קראַפט גערעכנט):

	1850	1880
ענגלאַנד	1.290.000	7.600.000
פראַנקרייך	370.000	3.070.000
דייטשלאַנד	260.000	5.120.000
רוסלאַנד	20.000	1.740.000
עסטרייך	100.000	1.560.000
גאַנץ אייראָפּע	2.240.000	22.000.000
אַמעריקע *)	1.630.000	14.400.000

די פּראָדוקציע פון רוי־אייזן האָט באַטראָפן (אין טאָנעס):

	1850	1880
ענגלאַנד	2.250.000	7.780.000
פראַנקרייך	570.000	1.730.000
דייטשלאַנד	402.000	2.780.000
אַמעריקע	560.000	3.840.000
וועלט־פּראָדוקציע	4.422.000	18.140.000

*) די פאַראייניקטע שטאַטן.

די פראָדוקציע פון שטאָל האָט אויסגעמאַכט אין יאָר־דורכ־שניט (אין טאָנעם):

	1850 — 60	1880 — 89
ענגלאַנד	2.600.000	25.100.000
פראַנקרייך	800.000	3.800.000
דייטשלאַנד	1.300.000	12.000.000
אַמעריקע	700.000	21.000.000
פאַרש. לענדער	700.000	6.100.000
צוזאַמען	6.100.000	68.000.000

די פראָדוקציע פון קוילן האָט באַטראָפן (אין טאָנעם):

	1850	1880
ענגלאַנד	49.000.000	147.000.000
פראַנקרייך	440.000	19.400.000
דייטשלאַנד	6.700.000	59.100.000
אַמעריקע	8.000.000	70.500.000
וועלט־פראָד.	81.400.000	340.000.000

די פראָדוקציע פון פאַבריק־אַרטיקלען (טעקסטיל, מעטאַל, באַקלייד, געטראַנקען, לעדער, פאַרשידענע) האָט באַטראָפן אין מיליאָנען פונט שטערלינג:

	1840	1888
ענגלאַנד	387	830
פראַנקרייך	264	485
דייטשלאַנד	150	583
אַמעריקע	96	1443

די באַפעלקערונג פון אייראָפע האָט געציילט (לויט שאַצונגען):

אין יאָר 1480	—	46.700.000
אין יאָר 1780	—	110.000.000
אין יאָר 1880	—	315.000.000 (?) (*

*) די סטאַטיסטישע ציפערן זענען אַלע גענומען פון
Mulhall, Dictionaryof statistics, 1899

די וועלט־אויסשטעלונג אין לאָנדאָן (1851), אין פּאריז (1855) און ווידער אין לאָנדאָן (1862) און אין פּאריז (1867) און אין פילאדעלפיע (1873) האָבן אילוסטרירט די ריזיקע אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע.

מערקווירדיק איז דער וווקס פון דער באפעלקערונג. נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע איז דער וווקס נישט געווען אזא שנעלער, ווי אין 19־טן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען א רעזולטאט פון בעסערער היגיענע און פון גרינגערע לעבנס־מעגלעכקייטן, א דאנק די דערפאָלגן פון דער נאטור־וויסנשאפט (מעכאניק, ווארימקייט, עלעקטריע, כעמיע) און פון דער פארקער־טעכניק, און א דאנק דער אנווענדונג פון נאטור־וויסנשאפט אין אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט. פונם וווקס פון דער באפעלקערונג האָט גענאָסן דער עיקר די שטעט. דאָס וואָס אזעלכע אומגעהויערע מענטשן־מאסן האָבן זיך געזאמלט אין די צענטרען פון אינדוסטריע און האנדל האָט בארייכערט דעם אויסטויש פון געדאנקען. און אָט די אלע מענטשן, ארומגעכאפּט פון דער קאפּיטאליסטיש־אינדוסטריעלער אנטוויקלונג און געשליידערט אין אלע זייטן דורך איר, האָבן געמוזט טראכטן וועגן דעם נייעם אומגעהערטן טעמפּ פון געזעלשאפטלעכן לעבן, וואָס אָט הויבט עס אנדערע שיכטן אויף אין דער הויך און אָט ווארפט עס אנדערע אראָפּ אין דער נידער, אין אָפּגרונט אריין. פּראָגרעס, אנטוויקלונג, באוועגונג, איבערקערעניש זענען געוואָרן גאנגבארע ווערטער צווישן די מאסן. העגעל, דארווין, מארקס זענען געוואָרן פאָן־טרעגער פון גרויסע גייסטיקע און סאָציאלע באוועגונגען. דאָס מענטשלעכע דענקען, וואָס איז אין מיטלאלטער געווען רעליגיעז און אין דער נייער צייט מאטעמאטיש־מעכאניש, האָט זיך איצט, אין דער נייסטער צייט, געווענדעט אין דער זייט פון ביאָלאָגישע און סאָציאלע פּראָבלעמען. רעליגיע, מעכאנישקייט, אָרגאנישקייט, אָדער — גאָט, נאטור, מענטשלעך און געזעלשאפטלעך לעבן — אזוי דארפן הייסן די הויפּט־קאפּיטלעך אין דער געשיכטע פון דער אייראָפּעישער מענטשהייט זייט דעם פערטן יאָרהונדערט פון אונזער צייט־רעכנונג.

VIII די צייט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל

1. לאַסאַל און דער אַלגעמיינער דייטשער אַרבעטער־פאַריין

די ערשטע סימנים פון זעלבשטענדיקער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך געוויזן אין לייפּציג, ווו עס האָט זיך אַמשטאַרקסטן געשפּירט די ווירקונג פון די סאָציאַלע געדאַנקען פון 1848—1849. די דאָרטיקע אַרבעטער־עלעמענטן, וועלכע זענען געווען אומצופרידן מיט די ליבעראַלע בילדונגס־שטרעבונגען און האָבן זיך געריסן צו זעלבשטענדיקער פּאָליטיק, האָבן אין 1862 אויסגעבילדעט אַ צענטראַל־קאָמיטעט אויף צונויפצורופן אַן אַלגעמיינעם אַרבעטער־קאָנגרעס. אַזוי ווי זיי האָבן געוווּסט פון לאַסאַלן, פון דעם פּאָרטראַג, וואָס ער האָט יענץ יאָר געהאַלטן פאַר בערלינער אַרבעטער „וועגן דעם באַזונדערן צוזאַמענהאַנג פון דעם איצטיקן געשיכטע־פּעריאָד מיט דער אידייע פונם אַרבעטער־שטאַנד" — האָבן זיי זיך צווישן אַנדערע געווענדעט אויך צו אים, ער זאָל זיי ראַטן, ווי בעסער צו אָרגאַניזירן דעם געפּלאַנטן קאָנגרעס. לאַסאַל האָט זיי אויף זייער ווענדונג געענטפערט מיט זיין „אָפענער תשובה", אין וועלכער ער אַנטוויקלט דער געדאַנק, אַז די אַרבעטער דאַרפן בילדן אַן אייגענע זעלבשטענדיקע פּאַרטיי און קעמפן פאַר אַלגעמיינעם וואַל־רעכט און גרינדן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון מיט מלוכה־הילף, ווייל — מיט די מיטלען, וואָס די ליבעראַלן לייגן פאָר, קאָן מען די אַרבעטער נישט העלפן: כל זמן עס עקזיסטירט לוין־אַרבעט, קאָנען די אַרבעטער זיך נישט באַפרייען פון זייער נויט; דער אייזערנער לוין־געזעץ מאַכט צונישט אַלע פּרוּוון אויסצובעסערן די לאַגע.

פערדינאַנד לאַסאַל (1825—1864), דער גרינדער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט געשטאַמט פון אַ יידישער

סוחרישער פאמיליע פון ברעסלוי. ער האָט באזוכט גימנאזיע, דער־
נאָך א האנדלס־שול אין לייפּציג, האָט זיך אָבער באלד אָפּגעקערט
פון געשעפטן וועגן א סוחרישער קאריערע, און אָנגעקומען איז בער־
לינער אוניווערזיטעט, וו ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע און קלאַ־
סישע פילאָלאָגיע. לאסאל האָט זיך באלד אויסגעצייכנט מיט זיינע
אומגעוויינלעכע גייסטיקע פעאיקייטן, מיט זיין טאַט־קראַפט און
אויסערגעוויינלעכן טעמפּעראַמענט. ער איז בלי ספק געווען אן אײ־
בערצייגטער סאָציאַליסט, אָבער דערביי אויך נאַציאָנאַל־דייטש גע־
שטימט און מיט דיקטאַטאָרישע נטיות. אין ענגלאַנד אָדער פראַנק־
רייך וואָלט ער מסתמא געוואָרן א באַרימטער מלוכה־מאַן — א מין
דיזראַעלי אָדער גאַמבעטאַ; אין פּרייסן אָבער איז אים נישט עפּעס
אַנדערש געבליבן, ווי די קאריערע פון פאַרפאָלגטן סאָציאַליסטישן
אַגיטאַטאָר און אינטעלעקטועלן אַוואַנטוריסט. פון זיינע רעדעס און
שריפטן, מעגן אַנדערע שטעלן אין זיי שוין זיין ווי פאַרעלטערט,
טראָגט זיך נאָך ביז היינט צו טאָג דער אָטעם פון קרעפטיקער
אַגיטאַציע. לאסאַלן איז אָנגעקומען זייער גרינג ארויסצורופן באַ־
וווּנדערונג, אָבער א סך שווערער — צו געווינען צוטרוי. זיין כאַ־
ראַקטער האָט ווייט נישט אַנטשפּראָכן זיין גרויסן אינטעלעקט. לאַ־
סאַל איז געווען געבוירן פאַר שנעלע דערפאָלגן, אָבער נישט פאַר
מאַרטירעריי. הגם ער איז גייסטיק אין א גרויסער מאָס אָפּהענ־
גיק געווען פון מאַרקסן, איז ער דאָך פאַרבליבן אין זיין וועלט־אָנ־
שויאונג אידעאַליסטיש און מלוכה־גלויביק. אין תוך גענומען, איז
ער געבליבן אן אַלט־העגעליאַנער און האָט זיך געהאַלטן ביי דעם
בליק, אַז די מאַטעריעלע און געשיכטלעכע דערשיינונגען זענען נאָר
אַנטפּלעקונגען פון דער אַנטוויקלונג פון גאָט. ער האָט אויך גע־
גלויבט אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה (השארת הנפש).
אים איז זייער געגאַנגען דערין צו דערווערבן מאַרקס אינטעלעקטו־
עלע פריינטשאַפט, אָבער ס'איז צווישן זיי קיינמאָל נישט געקו־
מען צו אמת פריינטשאַפטלעכע באַציונגען. בעסער א סך האָבן זיך
צענויפגעלייגט לאסאַלס באַציונגען מיט ראָדבערטוסן, מיט אַלעק־
סאַנדער פאָן הומבאָלדטן און מיט אַנדערע פרייסישע געלערנטע.
אויך ביסמאַרק האָט פּערזענלעך שטאַרק געהאַלטן פון לאסאַלן. לאַ־

סאַל איז געווען אַ פּרייסישער ייד, אין בעסטן זינען פון דעם וואָרט. זיין דראַמע „פראַנץ פאָן זיקינגען“ איז אַ אידייען־רייכער און קראַפטפולער אויסדרוק פון די דייטשע איינהייטס־שטרעבונגען.

די פארבינדונג צווישן לאַסאַלן מיטן לייפּציגער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געפירט דערצו, אַז אין 1864 איז אַנטשטאַנען דער אַלגמיינער דייטשער אַרבעטער־פאַריין, מיט לאַסאַלן אין דער שפּיץ, אַלס פּרעזידענט. צו דער צייט פון לאַסאַלס טויט האָט דער פאַריין געציילט אַרום 4000 מיטגלידער. איינער פון די באַגאַבטסטע נאָכפאָלגער לאַסאַלס איז געווען שווייצער, אַ יוריסט און אַ קלוגער פּאָליטיקער, אָבער ווילהעלם ליבקנעכט (1826—1900) און אויגוסט בעבעל (1840—1913), טרייע תלמידים פון מאַרקסן, האָבן מיט אים נישט געקאָנט אויסקומען, ווייל ער האָט געוואָלט — אין גייסט פון לאַסאַלן — האַלטן דעם אַרבעטער־פאַריין אין די ראַמען פון פּרייסיש־דייטשער אַנטוויקלונג, בעת ווען ליבקנעכט און בעבעל זענען געווען אָריענטירט אַנטי־פּרייסיש, גרויסדייטשיש־דעמאָקראַטיש און אינטערנאַציאָנאַליסטיש. עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָבן ליבקנעכט און בעבעל געפירט אַ קאַמף מיט די לאַסאַליאַנער, ביז זיי האָבן אין 1869 געגרינדעט אַ באַזונדער פּאַרטיי, אין אייזענאַך — די אַזוי גערופענע „אייזענאַכער“, *) וועלכע האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן אין 1864. בעת ס׳איז אויסגעבראָכן דער דייטש־פראַנצויזישער קריג (1870—71), האָבן די צוויי פּאַרטייען פאַרנומען אַ פאַרשיידענע שטעלונג צו אים. די פאָרשטייער פון די לאַסאַליאַנער אין צפון־דייטשישן פּאַרלאַמענט, שווייצער, פריטשע און מענדע, האָבן געשטימט פאַר די מלחמה־קרעדיטן, און די אייזענאַכער ליבקנעכט און בעבעל האָבן זיך אָפּ־

*) די „אייזענאַכער“ האָבן זיך אָרגאַניזירט א. נ. „אַלגעמיינער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַריין“. ווערט איז צו דערמאָנען דעם פּראָגראַם־פּראָיעקט, וואָס יאָהאַן פיליפּ בעקער האָט אָפּגעדרוקט אין „פאָרבאָטע“ און דערנאָך געבראַכט מיט זיך קיין אייזענאַך; דער פּראָיעקט איז אַרויסגעגאַנגען פון דער גרונט־הנחה, אַז „בלויז די געווערקשאַפטן זענען

געהאַלטן ביי דער אָפּשטימונג. ערשט נאָך מערדאַן שוין, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן די פּריסיש־דייטשישע אַנעקסיע־פּאָליטיק, האָבן ביידע פראַקציעס שוין געשטימט קעגן קרעדיטן. בעבעל און ליבקנעכט זענען דעמאָלט געוועאָרן אָנגעקלאָגט פאַר זייער האַלטונג בעתן קריג און פאַר זייער אָנגעהעריקייט צום אינטערנאַציאָנאַל, און זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו תּפיסה־שטראָפן; נאָך אַ דריטער אָנגעקלאָגטער איז געווען, אַדאָלף העפּנער, אָבער אים האָט דער געריכט פרייגעשפּראָכן.

2. די גרינדונג פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און זיין געשיכטע

אויך אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין די יאָרן 1861—1864 אָנגעהויבן ווידער זיך וועקן צום לעבן. אַ פראַנצויזישע אַרבעטער־דעלעגאַציע איז געווען אין 1862 אין לאָנדאָן אויף דער וועלט־אויסשטעלונג און האָט זיך דאָן פאַרבונדן מיט די ענגלישע אַרבעטער־פירער; אַי די ענגלישע אַי די פראַנצויזישע אַרבעטער האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס סימפּאַטיע צום פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863; די ענגלישע אַרבעטער האָבן דאַן גראָד אָנגעהויבן זייער קאַמף פאַר וואַל־רעכט — און די אַלע געשעענישן האָבן געפירט דערצו, אַז אין 1864, לעצטע סעפּטעמבער־וואָך, איז אין לאָנדאָן געגרינדעט געוואָרן די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אַסאָציאַציע". די ערשטע פאַרזאַמלונג אויף צו פּראָקלאַמירן און פייערן די דאָזיקע גרינדונג איז פאָרגעקומען דעם 28 סעפּטעמבער אין אָוונט, און באַטייליקט האָבן זיך אין איר פאַרטרעטער פון ענגלישע, פראַנצויזישע, איטאַליענישע און דייַ־

די ריכטיקע פאָרם פאַר אַרבעטער־פאַריינען און פאַר דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט בכלל, און אַז די פאַד־קאָנטעניש, וואָס הערשן אין די דאָזיקע קרייזן, קאָנען אויך העלפן לייגן אַ פעסטן יסוד פאַר אַן עקזאַקטער סאָציאַל־וויסנשאַפט". דער קערן פון דער פּאָליטישער אַרבעטער־פּאַרטיי דאַרף, אַלזאָ, זיין די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע — סיי צו פירן דעם קלאַסן־קאַמף און סיי צוצוגרייטן די קינפטיקע געזעלשאַפט.

נישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. צווישן די דייטשע דעלעגאַטן איז
געווען אויך קאַרל מאַרקס, און אים איז צוגעפאַלן די גייסטיקע
אָנפירונג. ער האָט אָנגעשריבן דעם מאַניפעסט (גרינדונגס־אַד־
רעס) *) פונם אינטערנאַציאָנאַל און זיין סטאַטוט. די גרונט־גע־
דאַנקען פון דעם מאַניפעסט זענען: אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט
אין אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי, אַרבעטער־שוץ און
פאַבריק־געזעצגעבונג, די גרינדונג פון קאָאָפּעראַטיוון, אומדערמיד־
לעכער קאַמף קעגן דער דיפּלאָמאַטיע, וועלכע אינטריגירט און
העצט די פעלקער איינס קעגן ס'אַנדערע, פאַראייניקונג פון די פּראָ־
לעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַרניכטונג פון קלאַסן־הערשאַפט און
עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס. דער אינטערנאַציאָ־
נאַל האָט געהאַט זיין זיץ אין לאָנדאָן און איז אָנגעפירט געוואָרן
פון אַ גענעראַל־ראַט, וועלכער איז באַשטאַנען דערהויפּט פון ענג־
לישע אַרבעטער־פירער און פון מאַרקסן. צו קיין מאַסן־באַוועגונג
האָט זיך דער אינטערנאַציאָנאַל נישט אַנטוויקלט; אַרום אים האָבן
זיך געזאַמלט נאָר די אַקטיוועראַ אַרבעטער־פירער און אַרבעטער־
גרופּעס; ער איז גיכער געווען אַן אַקאַדעמיע אויף אויסצואַרבעטן
אַ געוויסע איינהייטלעכע אָנשויאונג מכוח דעם ציל און דער טאַק־
טיק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער ער האָט די דאָזיקע אויפ־
גאַבע דעמאָלט נישט דערפילט. מאַרקס האָט געמוזט אויסשטיין
אַ קאַמף מיט פּרודאָניסטן און באַקוניסטן. דער אינטערנאַציאָנאַל
האָט אָפּגעהאַלטן פינף קאָנגרעסן, אויף וועלכע עס זענען באַהאַנ־
דעלט געוואָרן אַ רייע וויכטיקע פראַגן, ווי: אַרבעטער־שוץ, קאָאָפּע־
ראַציע, פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, קריג, אַגראַר־רעפאָרם. די קאָנ־
גרעסן זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין גענף (1866), אין לאָזאַנע
(1867), אין בריסל (1868) און אין באַזעל (1869). ביז 1867 איז
אין אינטערנאַציאָנאַל דער פּרודאָניסטישער איינפלוס געווען דער
הערשנדיקער; פון 1867—1869 האָט שוין איבערגעוויגן דער איינ־
פלוס פון מאַרקסן: עס זענען דאַן אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן

*) פון דאַס ניי אַרויסגעגעבן דורך קאַרל קויטסקי, בוכהאַנדלונג „פאָר־
ווערטס", בערלין 1921, (דייטש).

וועגן נאַציאָנאַליזאַציע פון ערד און פון פאַרקער־מיטלען. אין 1868 איז צוגעשטאַנען צום אינטערנאַציאָנאַל דער רוסישער רעוואָלוציאָנער מיכאַאיל באַקונין (1814—1876), און ער האָט גלייך פאַרפירט אַ קאַמף קעגן מאַרקסן. אינעווייניק, אין אינטערנאַציאָנאַל האָט באַקונין פאַרלייגט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע — די „אינטערנאַציאָנאַלע אַליאַנץ", וועלכע דער אינטערנאַציאָנאַל האָט נישט געוואָלט אַנערקענען. דער קאַמף האָט לסוף דערפירט צו דער שפּאַלטונג פונם אינטערנאַציאָנאַל, אויפן קאָנגרעס אין האַאַג (1872). מען האָט דאַן איבערגעטראָגן דעם זיץ פונם אינטערנאַציאָנאַל קיין ניו־יאָרק, און אין 1876 האָט מען אים גאָר אויפגעלייזט.

דער אינטערנאַציאָנאַל האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דער אויסשפּרייטונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, און ער האָט צוגעגרייט דעם זיג פונם מאַרקסיזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער קאַמף צווישן די מאַרקסיסטישע און באַקוניסטיש־פּרודאָניסטישע עלעמענטן איז אָפט פון ביידע זייטן אַזוי געפירט געוואָרן, אַז ער האָט ווייניקער פאַר אַלץ געקאָנט אַריינברענגען ליכט און קלאָרקייט אין די עצם שטרייטיקע פראַגן: די דיסקוסיעס זענען ס'רוב פול געווען מיט קעגנזייטיקע פערזענלעכע אָנפאַלן און ריי־סערייען. אין תוך אַריין, זענען ביידע ריכטונגען געווען קאָמוניסטיש — דער פּרודאָניזם איז שוין דאַן געווען אָפּגעלעבט, פון אים איז געבליבן נאָר איינס נאָך: קאַמף קעגן מלוכה, — נאָר די מאַרקסיסטישע ריכטונג איז באַשטאַנען אויף דער נויטיקייט פון פּראָפעסיאָנעלער און פאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט און אויף דער דעראָבערונג פון דער מלוכה־מאַכט, אַלס מיטל צום קאָמוניסטישן ענדציל; און פאַרקערט, די באַקוניסטישע און פּרודאָניסטישע עלעמענטן האָבען געהאַלטן, אַז די בעסטע טאַקטיק איז דער אַנטי־פּאַרלאַמענטאַרישער און אַנטי־מיליטאַריסטישער סינדיקאַליזם. די דאָזיקע ריכטונג, אָנגעפירט פון באַקונין, גיליאַם און הינס, האָט געהאַט פאַר איר אויסגאַנג־פּונקט די ליבעראַלע געזעלשאַפט־לערע, וועלכע באַטראַכט דעם מענטשן פאַר אַ סוווערענעם מאַכטהאָבער, און די מלוכה און יעדע אויטאָריטאַרע צענטראַליזירטע אָנפירונג איז פאַר איר אַ בייז; זייער אָפּווייכן פון דער דאָזיקער לערע איז באַשטאַנען

בלויז דערין, וואָס אויפן אָרט פון פּריוואַט־אייגנטום האָבן זיי גענומען קאָלעקטיווע ווירטשאַפט, אָדער די קעגנזייטיקייט פון אויטאָנאָם אַרבעטנדיקע גרופּעס. די מאַרקסיסטישע ריכטונג, דאַקעגן, האָט געהאַלטן, אַז דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונגס־שטופע, אויף וועלכער ער געפינט זיך, אַזוי אַז ער קען ווירקן אויך נאָר אין די ראַמען פון דער געגעבענער מלוכה און פון דער געגעבענער ווירטשאַפט־פאָרם. די באַקוניסטן און פּרודאָניסטן האָבן שטאַרק באַטאָנט די פרייהייט פונם יחיד: דאָס פרייע אַרבעט־שאַפן פון חברים אין יעדער אויטאָנאָמער גרופּע; מאַרקס דאַקעגן האָט געשטעלט דעם טראָפּ דערויף, אַז דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך אָרגאַניזירן אין פּאַרטייען און פאַראיינען, כּדי צו פירן דעם קלאַסן־קאַמף; ווייטער איז פאַר אים וויכטיק געווען די דעראָבערונג פון דער מלוכה־מאַכט, די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, איבערגאַנג צום קאָמוניזם, וואָס נאָך זיין פאַרווירקלעכונג וועט די מלוכה אָפּשטאַרבן און איר אָרט וועט פאַרנעמען די דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג פון דער קאָאָפּעראַטיוו־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. אי מאַרקס און אי פּרודאָן און באַקונין זענען נישט געווען קיין מלוכה־גלויביקע, אָדער זיי זאָלן וועלן דווקא דערהאַלטן די מלוכה; אַלע האָבן זיי געהאַלטן, אַז די מלוכה איז אַ צוואַנג־אָרגאַניזאַציע צו באַשיצן פּריוואַט־אייגנטום קעגן די באַזיצלאָזע. אָבער מאַרקס האָט געהאַלטן, אַז די מלוכה — אַלס פּראָדוקט פון פּריוואַט־אייגנטום — קאָן פאַלן ערשט דאַן, ווען קיין פּריוואַט־אייגנטום וועט שוין מער נישט זיין; פאַר פּרודאָנען אָבער און פאַר באַקונינען איז מלוכה געווען אַ זעלבשטענדיק בייז, וואָס שטערט בלויז ביי יעדן פּרווו פון אַ געזעלשאַפטלעכער אומענדערונג און דעריבער דאַרף מען אָט דאָס בייז וואָס שנעלער אָפּרוימען פון וועג; באַקונין האָט געגלויבט, אַז דער בעסטער מיטל דערצו איז געהיימע פאַרשווערונג און רעוואָלוציאָנערער פּוטש.

די וויכטיקסטע געשעעניש אין דער געשיכטע פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל איז דער קאַמף פון דער פּאַריזער קאָמונע (1871).

3. די פּאַריזער קאָמונע

כּדי צו באַגרייפן די אַנטשטייאונג פון דער פּאַריזער קאָמונע,

דאַרף מען האָבן אין זינען פאָלגנדיקע דריי הויפּט־פאַקטן: 1. דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג — אַ פּראָדוקט פון דער טראַדיציאָנעלער פראַנצויזישער פּאָליטיק, צו שטערן די דייטשע פעלקערשאַפטן זיך צו פאַראייניקן; 2. די טראַדיציעס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין וועלכער דער פּאַריזער מוניציפּאַליטעט האָט געשפּילט אַ גאָר באַדייטנדיקע ראָל, און 3. די ווירקונג פונם אינטערנאַציאָנאַל אין פּאַריז און אין די גרויסע פּראָווינץ־שטעט, און בכלל די פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַל־רעפאָרמערישע אידייען.

די מלחמה־דערפאָלגן פון פּרייסן (1864, 1866), די גרינדונג פונם צפון־דייטשן בונד (1867) און די דערנענטערונג צו דרום־דייטשלאַנד האָט שטאַרק באַאומרואיקט די פראַנצויזישע דיפּלאָמאַטן. און אַז ס'האָט זיך נאָך געמאַכט, אַז אַ פּרינץ פון הויז האָ־הענצאָלערן־זיגמאַרינגען האָט באַקומען אָנגעבאָטן די שפּאַנישע קרוין, און האָט דעם אָנגעבאָט אָנגענומען (1870), האָט זיך פראַנק־רייך דערפילט באַדראָט און זיך געלאָזט אין די נעצן פון ביס־מאַרקס דיפּלאָמאַטיע — וואָרום פּרייסן איז סיי מיליטעריש סיי דיפּלאָמאַטיש געווען פולשטענדיק צוגעגרייט צו דעם קריג און האָט נאָר אַרויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט, אַז עפּעס וואָס זאָל שטוי־סען די פראַנצויזישע רעגירונג אָנצוהויבן די מלחמה. און די קריג־דערקלערונג איז טאַקע געקומען — דעם 19 יולי 1870. אָנהויב אויגוסט איז אַוועק אַ רייע צוזאַמענשטויסן און שלאַכטן, וואָס זע־נען שוין אויסגעפאַלן נישט גוט פאַר פראַנקרייך. אָנהויב סעפּטעמ־בער איז פראַנקרייך געווען שוין צעקלאַפּט. דעם 4 סעפּטעמבער 1870 האָט פּאַריז רעוואָלטירט, מען האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קיי־זער, דערקלערט פראַנקרייך פאַר אַ רעפּובליק, פּראָקלאַמירט אַ צייטווייליקע רעגירונג פאַר לאַנד־שוץ. אין אָט דער רעגירונג האָט בלויז איין גאַמבעטאַ ריכטיק באַנומען זיין אויפגאַבע און זי ווי ווייט מעגלעך אויסגעפילט; דער גענעראַל טראָשי (פּרעמיער און גובערנאַטאָר פון פּאַריז), דאַקעגן, האָט פון אָנהויב אָן געשפּילט אַ צווייט־דייטיקע ראָל, ווייל ער האָט דעם אינערלעכן פיינט (דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט און די רעפּובליקאַנישע עלעמענטן) נישט ווייניקער געהאַסט און נישט ווייניקער פאַר אים מורא געהאַט, ווי

פאַר דעם אויסערלעכן פיינט (פּרייסן). דעם 31 אָקטאָבער האָט בלאַנקי, וועלכער איז געווען נאָך דעמאָלט אין פּאַריז, געמאַכט אַ פּרווו צו בילדן אַ טיכטיקערע רעגירונג, אָבער די געשעענישן אויפן פראָנט האָבן נישט דערלויבט צו פאַרנעמען זיך מיט אינערלעכער רעאָרגאַניזאַציע. די אַרמייען, וואָס גאַמבעטאַ האָט אָרגאַניזירט, זענען אויך צעקלאַפּט געוואָרן, אַזוי אַז סוף יאַנואַר 1871 האָט מען געמוזט פאַרפירן אונטערהאַנדלונגען וועגן וואָפן־שטילשטאַנד. דעם 8 פעברואַר זענען פאָרגעקומען די אַלגעמיינע וואַלן צו דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, וועלכע האָבן געגעבן אַ רעאַקציאָנערע מער־היים און אַ רעאַקציאָנערע רעגירונג, מיט טיערן אין דער שפּיץ. די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט תחילת אָפּגעהאַלטן אירע זיצונ־גען אין באָרדאָ, דערנאָך אין ווערסאַל — און פון דאָרט אויס האָט די רעגירונג אויפגענומען דעם קאַמף קעגן פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט.

דעם 26 פעברואַר זענען צושטאַנד געקומען די פּרעלימינאַרע שלום־אונטערהאַנדלונגען, די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אָפּגע־געבן עלזאַס־לאָטרינגען, דאָס גאַנצע לאַנד האָט דאָס אויפגענומען ווי אַן אומדערהערטע דערנידערונג, און די געמיטער זענען געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט. באַזונדער גרויס איז געווען די אויפרעגונג אין פּאַריז. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פון פּאַריז, וועלכע איז גע־שאַפן געוואָרן אויף אויפצוהאַלטן די עפנטלעכע אָרדנונג און איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע עלע־מענטן און האָט פאַרמאָגט איר אייגענע אַרטילעריע, האָט סוף פעברואַר געשאַפן אַ צענטראַל־קאָמיטעט, און אַז די ווערסאַלער רעגירונג (טיערס) האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אויפן מאָנמאַרטר (אָן דערפאָלג) די אַרטילעריע פון דער גוואַרדיע — האָט דאַן דער צ. ק. רעוואָלטירט קעגן דער רעגירונג און האָט דעם 18 מערץ 1871 פּראָקלאַמירט פּאַריז פאַר אַן אויטאָנאָמער קאָמונע. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צייטווייליקער רעגירונג, ד. ה. אין אַ ד י ק ט אַ ט ו ר, אָבער שוין אין 8 טאָג אַרום (דעם 26 מערץ) האָט זיך די רעגירונג אָפּגערופן צו אַלגעמיינע וואַלן אין פּאַריז, דאָס הייסט: זי האָט איר מאַכט צוריק איבערגעגעבן אין די הענט פון דער סווערענער פּאַריזער באַפעלקערונג, און די האָט גע־

שאפן פאר זיך א דעמאקראטישע פארוואלטונג. אלס אזעלכע — אלס דעמאקראטישע מוניציפאל־פארוואלטונג — איז די **פאריזער** קאמונע פארבליבן ביז צו איר ענדגילטיקער מפלה, סוף מאי. אלזא, איז די קאמונע נישט געווען קיין דיקטאטור, ווייל זי איז באשאפן געווארן אויפן וועג פון נארמאלע דעמאקראטישע וואלן און האט פארגעשטעלט פון זיך א קאאליציע־פארוואלטונג פון מיטגלידער פון אינטערנאציאנאל, פון בלאנקיסטן, פרודאניסטן, בירגערלעכע רעפובליקאנער און אנטוישטע פאטריאטן. די קאמונע וואלט געווען א דיקטאטור פארבליבן, ווען דער צענטראל־קאמיטעט פון דער נאציאנאלער גווארדיע וואלט געווען ביז צום סוף איינגעהאלטן די מאכט אין זיינע הענט און נישט אפגערופן זיך צו אלגעמיינע וואלן. דאס איז וויכטיק — פאר דער פעסטשטעלונג פון געשיכטלעכן אמת. די קאמונע האט געהאט א קאאליציע־פארוואלטונג, און דעריבער טאקע האט זי נישט געקאנט דערגרייכן צו קיין איינהייטלעכער שטעלונג, האט זי נישט געקאנט פארמולירן קיין איינהייטלעכן ציל און טאקטיק. זייער מילד, אבער דאך גענוג קלאר איז מארקס אורטייל — סעגן צענטראל־קאמיטעט, פאר זיין דעמאקראטישער געוויסנהאפטיקייט און זיין אפרופן זיך צום וואל־רעכט:

„אנשטאט אונטערצונעמען א מארש אויף ווערסאל, וואס איז דאמאלס געווען אינגאנצן הילפלאז, האט מען געגעבן דער ארדענונג־פארטיי א מעגלעכקייט נאכאמאל צו פרובירן אירע כוחות ביי דער וואל־אורנע, בעת ס׳איז דעם 26 מערץ געוויילט געווארן די קאמונע. אין דעם טאג האבן די ארדענונגס־לייט אין די וואל־לאקאלן גערעדט הארציקע ווערטער פון שלום און אויסגלייך מיט זייערע שוין צו גרויסמוטיקע באזיגער, און אין הארצן האבן זיי גלייכצייטיק געווארימט דעם פארלאנג צו נעמען בלוטיקע נקמה, אז ס׳זאל נאר קומען די צייט דערויף". (מארקס, בירגער־קריג אין פראנקרייך, אפטייל II).

און צו זיין פריינט קוגעלמאן, אין האנאווער, האט מארקס דעמאלט געשריבן, אז דער צענטראל־קאמיטעט איז באגאנגען צוויי פעלער, וועלכע האבן געקאנט ברענגען צו מפלה. דער ערשטער

פעלער איז געווען, וואס דער צענטראל־קאמיטעט האט, נאכן דורכגעפאלענעם אנגריף פון ווערסאל אויפן מאנמארטר, נישט געפירט די נאציאנאלע גווארדיע קעגן ווערסאל, כדי צו פארכאפן די דארטיקע רעגירונג. „דער צווייטער פעלער: דער צענטראל־קאמיטעט האט צו פרי געלייגט זיין מאכט, כדי צו מאכן פלאץ פאר דער קאמונע. ווידער אמאל פון צו ערנפולער געוויסנהאפטיקייט”. (נייע צייט, באנד X X, 1, ז. 709).

עס זענען פעלער, וועלכע דער פראנצויזישער פראלעטאריאט איז באגאנגען אין 1848 און דער דייטשער פראלעטאריאט אין 1918—1919. אין ביידע פאלן האט די זיגערישע רעוואלוציע צו גיך אויפגעגעבן איר דיקטאטור און אפעלירט צום דעמאקראטישן וואל־רעכט. און אין ביידע פאלן איז דער סאציאליזם לסוף געווארן געשלאגן. פון די געבראכטע ציטאטעם פון מארקסן קאן מען, אגב, זען, אז ענגעלס האט זיך טועה געווען, ווען ער האט די קאמונע געהאלטן פאר א פראלעטארישע דיקטאטור.

די בלוטיקע מחשבות וועגן נקמה, מיט וועלכע די ארדענונגספארטיי איז דעם 26 מערץ 1871 געגאנגען צו די אורנעס, צו גענימען פונם דעמאקראטישן וואל־רעכט, וואס דער זיגער האט איר געגעבן — די דאזיקע בלוטיקע מחשבות זענען סוף מאי אויפן שרעקלעכסטן אופן געווארן פארווירקלעכט. נאכן פאלן פון דער קאמונע איז געקומען די אומברחמנותדיקע שחיטה פון די קאמונארן און דאן — פארשיקונג פון אלע פארדעכטיקע עלעמענטן. די פראנצויזישע בורזשואזיע האט פאריאגט דאס סאציאליסטישע געשפענסט לערך אויף א צענדלינג יארן. ערשט אין די אכציקער יארן האט דער סאציאליזם ווידער אויפגעלעבט אין פראנקרייך. אין 1889 איז אין פאריז געגרינדעט געווארן דער צווייטער אינטערנאציאנאל.

XI. די תקופה פון אימפּעריאַליזם

1. די עקאָנאָמישע וואָרצלען פונם אימפּעריאַליזם

נאָך דעם קריגס־פּעריאָד 1854—1879, אין משך פון וועלכן
דאָס דייטשע און איטאַליענישע פאָלק און די פאַראייניקטע שטאַטן
פון אַמעריקע האָבן זיך דערשלאָגן צו נאַציאָנאַלער איינהייט און
אויך די דרום־ און מערב־סלאַווישע פעלקער האָבן אָנגעהויבן זייער
נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף — נאָך אָט די יאָרן האָט זיך אָנ־
געהויבן אַ אינדוסטריעל־אימפּעריאַליסטישע תקופה, און וואָס ווײַ־
טער, האָט זי אַלץ מער אַריינגעצויגן אין איר ווירק־קרייז אַלע פעל־
קער און לענדער פון דער ערד. אַפריקע איז געוואָרן אויסגעפאָרשט,
פאַרטיילט און אַרומגענומען מיט אַ נעץ פון רעלסן און טעלעגראַף־
דראָטן; גאַנץ אַזיע איז אויפגעוועקט געוואָרן פון אירע מיטלאַל־
טערלעכע מיסטישע טרוימען און עקסטאַזן דורך דעם גרילצנדיקן
פייפן פון לאָקאָמאָטיוון און דאַמף־מאַשינעס; אייזנבאַן־ליניעס האָ־
בען דורכגעשניטן די פּרעריעס פון צפון־אַמעריקע, האָבן אַוועקגע־
פירט פעלקער־שטראָמען צו איר יונגפרוילעכן מערב, האָבן פאַר־
לייכטערט צו קולטיווירן דאָרט דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן באָדן,
ווי אויך די גרובנס פון קוילן, מעטאַל און נאַפט. עס האָט אויסגע־
זען, ווי די מענטשהייט וואָלט נאָר איין אויפגאַבע געהאַט — צו
שאַפן רייכטום, אַנצוהויפן וואָס מער מאַטעריעלע אוצרות. אַ
בליק נאָר אויף דער ציפערמעסיקער אַנטוויקלונג פון דער קוילן־ און
אייזן־פּראָדוקציע — די וויכטיקסטע גרונט־שטאָפן פון דער מאָ־
דערנער אינדוסטריע — און מיר האָבן אַ בולטע אילוסטראַציע צום
געזאָגטן.

די פראָדוקציע פון קוילן (אין טאָנעם)

	1880	1913
ענגלאַנד	147.000.000	292.000.000
פראַנקרייך	19.400.000	41.000.000
דייטשלאַנד	59.000.000	277.000.000
אַמעריקע (פאַר. שטאַטן)	70.500.000	517.000.000

די פראָדוקציע פון רוי־אייזן (טאָנעם)

	1880	1913
ענגלאַנד	7.780.000	10.400.000
פראַנקרייך	3.070.000	5.300.000
דייטשלאַנד	5.120.000	19.400.000
אַמעריקע (פ. ש.)	3.840.000	31.500.000

די באַפעלקערונג

	1880	1913
אייראָפּע	315.000.000 (?)	499.000.000
אַמעריקע (פאַר. שטאַטן)	51.000.000	105.700.000

די רעוואָלוציאָנערע ראָל פון דאַמף און מעכאַניק איז ביסלעכווייז אַריבער צו עלעקטריע און צו כעמיע. די עקאָנאָמיש הערשנדיקע ראָל, וואָס ענגלאַנד האָט געשפּילט ביז 1880, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַריבערגיין צו דייטשלאַנד און צו צפון־אַמעריקע.

און גלייכצייטיק האָבן זיך אין די אינדוסטריעלע לענדער בולט אַרויסגעוויזן די אינערלעכע טענדענצן פון קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפטס־אופן:

1. די שנעל וואַקסנדיקע פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט, צוזאַמען מיט דעם נישט רעגולירטן, פּלאַנלאָזן אופן פון דער פּראָדוקציע און מיט דער כסדרדיקער פּראָלעטאַריזירונג פון די מאַסן, האָבן געשאַפן אַ שטאַרקע דיספּראָפּאָרץ צווישן אָנבאָט און נאָכפרעג, און דאָס האָט פון צייט צו צייט געפירט צו אָפּזאַץ־קריזיסן. דעפּרעסיע אין די געשעפטן, אַרבעטלאָזיקייט, גיטער־אַנטוואָרטונג האָבן קלאָר באַוויזן, אַז ביי אַלע זייַנע גלענ־

צענדיקע טריאומפן האט דער קאפיטאליזם אויך שטאַרקע שאָטן־זייטן. פון דאַנען איז אַרויסגעקומען, ווי מיר האָבן שוין העכער (ז. 76, 91) באַמערקט, דער דראַנג אויסצובררייטערן די אָפּזאַץ־מערק.

2. מיט דער אַלץ גרעסערער אָנווענדונג פון מעכאַנישע כוחות און מאַשינעלער טעכניק איז קלענער געוואָרן דער סכום נויטיקע לעבעדיקע אַרבעט; ממילא איז אויך קלענער געוואָרן דער ווערט־סכום אין יעדן עקזעמפּלאַר סחורה; דער דאָזיקער פאַקט האָט געפונען זיין אויסדרוק דערין, וואָס די פּרייזן פון די איינצל־סחורות זענען געפאַלן; און וואָס ווייניקער ווערט אַ סחורה האָט אין זיך, אַלץ קלענער איז דער מערווערט אָדער דער פּראָפיט, וואָס זי גיט דעם אונטערנעמער. דערפון האָט זיך גענומען, אַז די פּראָפיט־ראַטע האָט אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו פאַלן — אין נאָרמאַלע צייטן האָט די דאָזיקע טענדענץ געלאָזט זיך מערקן אין אַלע אינדוסטריעלע לענדער — און פאַר די אונטערנעמער איז דאָס געווען אַ גרויסע רעטעניש. די לייזונג פונם רעטעניש איז באַשטאַנען דערין, מען זאָל אויסברייטערן די אונטערנעמונגען, מען זאָל איבערגיין צו גרויס־פּראָדוקציע אויף אַלץ אַ העכערער מדרגה, כדי צו פאַרגרעסערן דעם סכום פּראָפיט דורך מאַסן־פּראָדוקציע און מאַסן־אָפּזאַץ. אַזאַ איבערגאַנג האָבן זיך געקאָנט דערלויבן נאָר קאַפּיטאַל־קרעפטיקע אונטערנעמער. די אונטערנעמער, וואָס האָבן נישט געקאָנט מיטמאַכן דעם איבערגאַנג, זענען אונטערגעגנאַגען, אָדער זיי האָבן זיך פאַראייניקט אין אַקציען געזעלשאַפטן. פאַר דער מאַסן־פּראָדוקציע זענען נויטיק געווען ריזיקע סכומען רוי־שטאָפן, וועלכע מען האָט געקאָנט באַקומען — אויב אין זיינען האָבן איראָפּע און יאַפּאַן — נאָר אין די מעבר־לים־לענדער, אין די סוב־טראָפּישע און טראָפּישע געביטן. פון דאַנען האָט זיך גענומען דער דראַנג צו פאַרכאַפּן טראַנס־אַטלאַנטישע לענדער: קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, פלאָטן־בוי, מיליטערישע באַוואָפנונגען, אויסשפּרייטונג פון פּאָליטישער מאַכט

איבער פרעמדע לענדער, דיפּלאָמאַטישע געשפּאַנטקייטן און מלחמות.

3. דאָס, וואָס די פּראָדוקציע האָט זיך, צוליב דעם פֿאַלן פון דער פּראָפיט־ראַטע, אַזוי פאַרברייטערט, האָט געפירט צום זיג פון דער גרויסער אונטערנעמונג און צו דעם, אַז ריזיקע סכומען פּראָפיט האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די הענט פון אַ קליינער צאָל מענטשן. די קאַפּיטאַלן, וואָס מען קאָן נישט פאַרטון ביי זיך אין דער היים, אָדער מען קאָן זיי נישט פאַרווענדן אויף אַ גענוג פּראָפיטאַבלען אופן, פירט מען אַרויס אין די נישט־קאַפּיטאַליסטישע אָדער ווייניק קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו די פּראָפיט־ראַטע איז נאָך הויך און די אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך שוואַך. און כדי צו קאָנען באַשיצן די אינוועסטירטע קאַפּיטאַלן, שפּרייטן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות אויס זייער הערשאַפט איבער די נישט־קאַפּיטאַליסטישע אָדער ווייניק־קאַפּיטאַליסטישע לענדער: אָדער דירעקט מען פאַרכאַפּט זיי, אָדער מען דערקלערט זיי פאַר איינפלוס־ספערן, אָדער מען באַנוגענט זיך מיט „פרידלעכער אריינדרינגונג" אין די דאָזיקע לענדער. צוליב דעם ווידער איז אויך נויטיק צו בויען פלאָטן, צו זיין וואָס מער באַוואָפנט, כדי צו קאָנען געהעריק באַשיצן די אַריינגעלייגטע קאַפּיטאַלן און די נייע ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן און זיך ווערן קעגן קאָנקורענטן.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז דער הויפּט־מקור פון דער מאָדערנער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק און פון די וועלט־מלחמות.

דער אימפּעריאַליזם איז דער פרווו פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און פון די מיט אים אידייאיש פאַרבונדענע נאַציאָנאַליסטישע און מיליטאַריסטישע שיכטן אויפצוהאַלטן דעם קיום פון דער איצטיקער אָרדנונג.

2. די פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליזם. קאַרל קויטסקי.

די זעלבע אָקאָרשט געשילדערטע רעוואָלוציאָניזירונג פון דער ווירטשאַפט און פון דער פּאָליטיק איז אויך די הויפּט־סיבה, וואָס

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אַזוי מעכטיק אַנטוויקלט, אין די יאָרן 1880 — 1914 איז זי אומגעהויער אויסגעוואַקסן. עס איז נישט פאַרבליבן קיין איין מער אָדער ווייניקער ציוויליזירט לאַנד, וווּ די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל נישט האָבן אירע פאַרטרעטער אָדער אָרגאַניזאַציעס. אירע אָנהענגער האָבן זיך געציילט אין די מיליאָנען, און אומעטום האָבן די מאַרקסיסטישע פּרינציפּן געבילדעט דעם טעאָרעטישן יסוד פון דער באַוועגונג.

פונקט ווי דייטשלאַנד האָט אין דער אַלטער וועלט געשפּילט די פירנדיקע ראָל אין טעכניק און אינדוסטריע, אין דער אָנווענדונג פון וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן און מעטאָדן אין דערווירטשאַפט, אַזוי אויך האָט דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט געשפּילט די זעלבע הויפּט־ראָל אויפן געביט פון סאָציאַליסטישער טעאָריע און פּראַקטיק. פון דייטשלאַנד האָט געצויגן יניקה די אויפגעלעבטע אַרבעטער־באַוועגונג אין פראַנקרייך; די סאָציאַליסטישע דערפאָלגן פון דייטשלאַנד האָבן געגעבן מוט דער דעמאָלט נאָך קליינער צאָל ענגלישע סאָציאַליסטן צו גרינדן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן; די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר די סלאַווישע לענדער. און אויף אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־קאָנגרעסן האָט די דייטשע דעלעגאַציע געשפּילט דעם ערשטן פידל. מיט איין וואָרט, אין משך פון פערציק יאָר, פון 1875 ביז 1914, איז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געשטאַנען אין שפּיץ פון דער מאָדערנער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג. די דייטשע סאָציאַליסטישע פירער אויגוסט בעבעל און ווילהעלם ליבקנעכט האָבער געשמט אין דער גאַנצער וועלט.

טעאָרעטיקער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע כמעט די גאַנצע דאָזיקע פערציק יאָר איז געווען קאַרל קויטסקי. ביז זיין אַרויסטרעטן אַלס מאַרקסיסט, ד. ה. ביזן יאָר 1882, און נאָך איי־ניקע יאָר דערנאָך, האָט מען אין דייטשלאַנד ווייניק געוווּסט פון מאַרקסיזם. די באַוועגונג האָט געשעפּט אירע שיטות, אירע גע־

דאַנקען און געפילן פון לאַסאַלס שריפטן, פון די דערצײלונגען פון 1848, פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור; אַנדערע סאָציאַ־ליסטן האָבן זיך געלערנט ביי ראָדבערטוסן אָדער ביי אויגען דיור־רינג; אַנדערע האָבן העכסטנס געקענט די פובליקאַציעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע, אָדער זיי האָבן באַ־גרינדעט זייערע פאָדערונגען מיט מאָטיוון פון עטיק און הומאַני־טעט. ערשט ביסלעכווייז האָט קויטסקי דורכגעלייגט אַ וועג פאַר דער פאַרשפרייטונג פון מאַרקסיסטישע געדאַנקען. קויטסקי — אַ ראַציאָנאַליסטישער דענקער, מיט באַדייטנדיקע נאַטור־וויסנשאַפט־לעכע, היסטאָרישע און עקאָנאָמישע קענטענישן, מיט אַ קרישטאַל־לויטערן סטיל און מיט אומדערמידלעכער אַרבעט־קראַפט — איז געבוירן געוואָרן אין פראָג, אין 1854. זיין פאָטער האָט געשטאַמט פון אַ טשעכיש־פוילישער פאַמיליע און איז געווען אַ מאַלער לויטן באַרוף; די מוטער — פון דייטש־איטאַליענישער אָפּשטאַמונג — איז געווען אַ ראָמאַן־שרייבערין. נאָך אַלס פאָלקס־שול־תלמיד, איז קויטסקי געקומען קיין ווין, און האָט דאָרט באַזוכט אַ גימנאַזיע. זיינע ערשטע טיפע איינדריקן זענען געווען פון נאַציאָנאַלער נאַ־טור: זיין טשעכישע אָפּשטאַמונג האָט אים געברענגט אין אַ קאָנפליקט מיט זיינע דייטשע שול־קאָלעגן. די ידיעות וועגן דער פאַריזער קאָמונע האָבן געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט צו סאָציאַ־לע פראָבלעמען, און ער האָט געלייענט די ענגלישע עקאָנאָמיסטן און סאָציאָלאָגן — מיל, מאַלטוס, ספּענסער, און אויך די ווערק פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן. אין 1875 איז ער צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, צום לינקן פליגל, האָט געלייענט מאַרקסן און אין 1880 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשט בוך „די ווירקונג פון דער פאָלקס־פאַרמערונג“; פאַר יענער צייט ווייזט דאָ קויטסקי שוין אַרוים היפּשע קענטעניש פון דער מאַרק־סיסטישער עקאָנאָמישער שיטה, דאָס האָט אים אָבער נישט גע־שטערט צו לייגן גרויס געוויכט אויף דער באַפעלקערונגס־פראַגע און אויף דער אַגראַר־פראַגע. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער — נאָכ־

דעם ווי ער האָט אַ צייט מיטגעאַרבעט אינם ציריכער „סאָציאַל־דעמאָקראַט“, איז ער געוואָרן אַ מאַרקסיסט און האָט געגרינדעט די „נייע צייט“, דעם ערשטן אָרגאַן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון מאַרקסיזם. פון 1884 ביז 1887 האָט ער געלעבט אין לאָנדאָן, אַלס מיטאַרבעטער ביי פרידריך ענגעלס. פון 1887 ביז 1907 זע־נען געווען זיינע בעסטע און פּרוכטבאַרסטע יאָרן: אין די צוויי יאָרצענטליק זענען דערשינען זיינע ווערק: טאָמאַס מאָרוס, די עקאָנאָמישע לערע פון קאַרל מאַרקס, דאָס ערפורטער פּראָגראַם, און אַ גרויסע צאָל אַנדערע שריפטן און אַרטיקלען, וועלכע האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט די דייטשע און אינטערנאַציאָנאַלע סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג. אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג איז נישטאָ איצט קיין איין שריפטשטעלער, וואָס זאָל נישט האָבן געלערנט ביי קויטסקין.

IX. דער צווייטער אינטערנאציאנאל

1. דערפאָלגן און דורכפאַלן.

אין דער צייט צווישן אויפלייזונג פון ערשטן און גרינדונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל זענען פאָרגעקומען עטלעכע סאָציאַליסטישע און געווערקשאַפטלעכע קאָנגרעסן, זיי האָבן אָבער נישט געטראָגן קיין איינהייטלעכן כאַראַקטער און נישט געהאַט קיין געמיינזאַמען צענטר. ערשט אין יאָר 1889, ביי דער געלעגנהייט פון דער פאַריזער וועלט־אויסשטעלונג, זענען אין פאַריז אָפּגעהאַלטן געוואָרן צוויי סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קאָנגרעסן, פון די פּאָסיביליסטן (רעפאָרמיסטן) און די מאַרקסיסטן, — און זייער עובדא איז עס געווען די גרינדונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אויף אָט דעם גרינדונגס־קאָנגרעס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן די פייערונג פון 1־טן מאַי.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָפּגעהאַלטן אַכט קאָנגרעסן: אין בריסל (1891), אין ציריך (1893), אין לאָנדאָן (1896), אין פאַריז (1900) , אין אַמסטערדאַם (1904), אין שטוטגאַרט (1907), אין קאָפּענהאַגען (1910) און אין באַזעל (1912). פון 1900 איז דאָס זיץ־אָרט פונם אינטערנאַציאָנאַל געווען בריסל; דאָ האָט זיך געפונען די אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ; פאָרזיצער פון ביוראָ איז געווען עמיל וואַנדערוועלדע, סעקרעטאַר — הויסמאַנס; יעדע אָנגעשלאָסענע נאַציע האָט געהאַט אין ביוראָ צוויי פאַרטרעטער; די פאַרטרעטער פלעגן פון צייט צו צייט זיך צונויפקומען, כדי צו באַטראַכטן וויכטיקערע פראַגן און אָנגעמען וועגן זיי באַשלוסן און אויך צוצוגרייטן די קאָנגרעסן.

די געשיכטע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, לויט זיינע וויכ־טיקע באַשלוסן, קאָן מען איינטיילן אויף דריי טיילן:

1. ביז יאָר 1896 איז די הויפּט־אויפגאַבע געווען — דורכ־פירן אַ קלאָרע שייד־ליניע צווישן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, און זען באַזייטיקן די אַנאַרכיסטן פון די קאָנגרעסן.

2. פון 1896 ביז 1904 האָבן זיך אַלע שטרייטן און דיס־קוסיעס געדרייט אַרום די גרונט־פּרינציפּן פון פּאָליטישן קלאַסן־קאַמף, וועלכע מען האָט זיך באַמיט צו פיקסירן.

3. די לעצטע פּאַזע, ביז 1914, איז געווען אויסגעפילט מיט באַמיאונגען צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פעלקער אויף דער וואַקסנדיקער געפאַר פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות און צו באַשטימען די האַלטונג פונם אינטערנאַציאָנאַל לגבי די מעגלעכע קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן.

דערפאָלג האָט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל געהאַט נאָר אין זיין אַקציע קעגן אַנאַרכיזם. אַלס רעזולטאַט פון די דיסקוסיעס אויף די קאָנגרעסן אין ציריך און אין לאָנדאָן, איז דערנאָך אין פּאַריז, אין 1900, געוואָרן באַשלאָסן: מען לאָזט צו צו די קאָנ־גרעסן נאָר די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אָנערקענען די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם און פון פּאָליטישן קלאַסן־קאַמף.

אין דער צווייטער פּאַזע (1900 — 1904) האָט דער אינ־טערנאַציאָנאַל געהאַט באַשלאָסן, אַז סאָציאַליסטן טאָרן נישט אַריינטרעטן אין בירגערלעכע רעגירונגען, אַ חוץ ביי „אויסער־אָרדנטלעכע אומשטענדן“. מען האָט געגלויבט צו האָבן אויף אַזאַ אופן דערליידיקט די פראַגע וועגן מיניסטעריאַליזם, וואָס איז דער־וועקט געוואָרן אין פראַנקרייך אין 1898, בעת מילעראַן איז, נאָך דער דרייפוס־אַפערע, אַריינגעטראָטן אין מיניסטעריום וואַלדעק־רוסאָ — גאַליפע. אויפן יסוד פון אָט די באַשלוסן איז מילעראַן אין 1904 געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. דאָס זעלבע האָט זיך אין 1906 איבערגעחזרט בנוגע בריאַנען און וויוויאַני — מען האָט זיי ביידע אויך אויסגעשלאָסן פון דער פראַנצויזישער

פּאַרטייִ. אָבער דער אויסנאַם בעת „אויסערגעוויינטלעכע אומ־שטענדן” איז שפּעטער, אין די יאָרן פון דער מלחמה און נאָך דער מלחמה, געוואָרן דאָס כּלל, דורך וועלכן דער מיניסטעריאַ־ליזם איז ווידער אַרויס אויף דער אויבערפלאַך: פּראָלעטאַרישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געבילדעט קאָאַליציע־רעגי־רונגען מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען.

איינגאַנצן אָן דערפאָלג איז געווען די אַרבעט פונם אינטער־נאַציאָנאַל אין באַצוג צו דער געפאַר פון אַ וועלט־מלחמה. מען האָט געפירט אָן אַ שיעור דעבאַטן און נישט אָנגענומען קיין, שום פּאַרפליכטנדיקע. באַשלוסן וועגן דעם, ווי אָפּצווענדן די מלחמה־געפאַר.

2. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל און די מלחמה.

דער צווייטער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל האָט אויף יעדן קאָנגרעס באַהאַנדלט די פראַגע וועגן מלחמה. און אַזוי ווי די קאָנ־גרעסן האָבן אַלץ מער געטראָגן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן כאַראַק־טער, זענען די רעזאָלוציעס וועגן מלחמה געווען סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיש. זייט 1900 האָבן אַלס מלחמה־סיבות גענאָלטן אימפּער־יאַליסטישע און קאָלאָניאַל־פּאָליטישע שטרעבונגען, אָנשטאָט נאַ־ציאָנאַלע קאָנפליקטן און דעספּאָטישן ווילקיר. בלויז צוויי מאָל איז געקומען צו צוזאַמענשטויסן צווישן דער סאָצ. דעמ. ריכטונג און דער סינדיקאַליסטיש - אַנטימלוכהשער: אין בריסל, אין 1891, איז די סינדיקאַליסטישע ריכטונג געווען פאַרטראָטן דורך דאָמעלאַ ניעווענהויס, און אין שטוטגאַרט, אין 1907, דורכן פראַנ־צויזישן דעלעגאַט הערווע. ביידע מאָל האָט געזיגט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ריכטונג. מאַסגעבנד איז געוואָרן די רעזאָלוציע, וואָס ס'האָט אָנגענומען דער קאָנגרעס אין שטוטגאַרט.

די מלחמה־פראַגע האָבן די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן אַרויפ־געבראַכט אויפן סדר־היום נאָכן מאַראָקאָ־קריזיס, וועלכער האָט אויסגעבראָכן אין יאָר 1905 און האָט ווי אַ בליץ מיט אַמאָל באַ־

לייבטן די מלחמה, וואָס האַלט זיך אין גרייטן. אויפן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט זענען אין דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע געווען דריי ריכטונגען: דער אַנטי־מיליטאַריסט (און איצט שאָוויניסט) גוסטאַוו הערווע האָט געהאַלטן, אַז דער איינציקער ענטפער אויף אַ מלחמה־אויסברוך דאַרף זיין גענעראַל־שטרייק און פּראָלעטאַרישער אויפשטאַנד; עדואַרד וואַיאַן און זשאַן זשאָרעס האָבן פאַרטיידיקט הערוועס פאָרשלאַג, נאָר אַלס סאַמע לעצטן מיטל; זשול געד ווידער האָט יעדע אַגיטאַציע קעגן מלחמה געהאַלטן פאַר אַן אוטאָפּיע, ווייל מלחמה איז דער אומפאַרמיידלעכער פּועל יוצא פון קאַפּיטאַליזם; די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע קעגן מלחמה איז סאָציאַליסטישע אויפקלערונג. פון די בעלגיער האָט גערעדט וואַנדערוועלדע; ער האָט סימפּאַטיזירט מיטן שטאַנדפּונקט פון וואַיאַן־זשאָרעס, ווייל „אפילו די קלענסטע נאַציע האָט אַן אינטערעס צו דערהאַלטן דעם שלום. אונזער נייטראַלקייט האָט אפשר נישט אַזאַ ממשות, אָבער אונזער לאַנד קאָן דינען אַלס דורכגאַנג־לאַנד". אין נאָמען פון דער דייטשער דעלעגאַציע האָבן גערעדט בעבעל און פאָלמאַר; ביידע זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן הערוועס פאָרשלאַגן, אַז זיי זענען פאַר קיין פאַל נישט דורכפירבאַר; זיי האָבן זיך פאַררופן אויף דער קולטורעלער באַדייטונג פונם נאַציאָנאַלן געדאַנק; בעבעל האָט נאָך אונטערגעשטראָכן, אַז די אויפגערעגטקייט, וואָס אַנטשטייט בעתן אויסברוך פון אַ מלחמה, כאַפּט אַרום זייער ווייטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג און שאַפט זייער אַ שווערע לאַגע פאַר אַן אָפּאָזיציע, וואָס וויל אַרויסטרעטן קעגן לאַנדפאַרטיידיקונג.

די דיסקוסיע איז געווען אַ לאַנגע און אַ ליידנשאַפטלעכע, אָבער דאָך נישט קיין אויסשעפּנדיקע. די ווייט גרעסטע מערהייט פון קאָנגרעס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג און צוזאַמען פאַר קלאַסן־קאַמף. „נישט פאַרראַטן נישט דאָס פאָטערלאַנד און נישט דעם סאָציאַליזם" — אַזוי האָט זשאָרעס פאָרמולירט דעם רעזולטאַט פון שטוטגאַרטער קאָנגרעס אויף אַ

באריכט־פארזאמלונג אין פאריז (ראפאפארט: זשאן זשארעס, ביאָגראפיע, פאריז 1915, ז. 267-266 (פראנצויזיש). דאָס איז בלי ספק געווען טאקע די גרונט־אויפפאסונג פון דער גרויסער מערהייט, אָבער זי האָט נישט געקאָנט אָפּשאפן די סתירה, וואָס האָט פון אזא אויפפאסונג געמוזט ארויסקומען, — אז כל זמן עס הערשן פריוואט־אייגנטום, קאפיטאליזם און קאָנקורענץ, קאָנען זיך די אינטערעסן פון די פארשידענע פאָטערלענדער נישט דעקן מיט די אינטערעסן פון אינטערנאציאָנאלן סאָציאליזם. דער קאָנגרעס האָט גערעכנט, אז ערשט ווען דער ארבעטער־קלאס וועט שוין האָבן געזיגט אין די וויכטיקסטע לענדער — דעמאָלט וועט בטל ווערן אָט די סתירה. סוף כל סוף האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען א רעזאָלוציע, יעלכע האָט דער עיקר געשטאמט פון בעבעלן. א חוץ די לעצטע צוויי אָפּזאצן, וועלכע האָבן געהערט ראָזא לוקסעמבורג, לענינען און מארטאָוון. די רעזאָלוציע זאָגט:

„דער קאָנגרעס באשטעטיקט די רעזאָלוציעס פון די פריערדיקע אינטערנאציאָנאלע קאָנגרעסן קעגן מיליטאריזם און אימפעריאליזם, און ער שטעלט נאָכאמאָל פעסט, אז דער קאמף קעגן מיליטאריזם קאָן נישט ווערן אָפּגעטיילט פון סאָציאליסטישן קלאסן־קאמף אינגאנצן. מלחמות צווישן קאפיטאליסטישע מלוכות זענען אלס וכלל א רעזולטאט פון זייער קאָנקורענץ־קאמף אויפן וועלט־מארק, ווארום יעדע מלוכה שטרעבט נישט נאָר צו פארזיכערן אירע אָפּזאץ־געביטן, נאָר נאָך צו דעראָבערן נייע, און אונטערדריקונג פון פרעמדע פעלקער און לענדער־רויב שפילן דערביי די הויפּט־ראָל. די מלחמות נעמען זיך ווייטער פון דעם אומאויפהערלעכן וועט־געיעג פונם מיליטאריזם אויפן געביט פון באוואָפענונג, און דער מיליטאריזם גופא איז דאָס הויפּט־ווערקצייג פון דער בורזשואזער קלאסן־הערשאפט און פון דער ווירטשאפטלעכער און פּאָליטישער אונטערדריקונג פונם ארבעטער־קלאס. פארלייכטערט ווערן נאָך די מלחמות דורך דעם, וואָס די קולטור־פעלקער האלטן סיסטעמאטיש אונטער, אין די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאסן,

די פֿאַראורטיילן פֿון איין פֿאָלק קעגן צווייטן, כדי דורך דעם אָפּציען די פּראָלעטאַרישע מאַסן פֿון זייערע אייגענע קלאַסן־אויפֿגאַבן און פֿון די פֿליכטן פֿון אינטערנאַציאָנאַלער קלאַסן־סאָלידאַריטעט. מלחמות געהערן, אַלזאָ, צום עצם פֿון קאַפּיטאַליזם; זיי וועלן אויפֿהערן, ערשט ווען די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפֿטס־אָרדנונג וועט ווערן באַזייטיקט, אָדער ווען די גרויס פֿון די קרבנות — מיט מענטשן און געלט — וואָס די מיליטער־טעכנישע אַנטוויקלונג וועט פֿאָדערן און דער צאָרן, וואָס די באַוואָפֿענונגען וועלן אַרויסרופֿן, וועלן שטויסן די פֿעלקער צו באַזייטיקן אָט די סיסטעם. גאַנץ באַזונדער איז, נאַטירלעך, דער אַרבעטער־קלאַס קעגן מלחמות, ווייל ער דער עיקר ליפֿערט די זעלנער און ער דאַרף עם הויפּטזעכלעך ברענגען די מאַטעריעלע קרבנות, און די מלחמות געפֿינען זיך אין אַ סתירה מיט זיין ציל: שאַפֿן אַ ווירטשאַפֿטס־אָרדנונג, וואָס זאָל באַזירן אויף אַ סאָציאַליסטישן יסוד און זאָל פֿאַרווירקלעכן די סאָלידאַריטעט צווישן די פֿעלקער. דער קאָנגרעס האַלט דעריבער פֿאַר דער פֿליכט פֿון די אַרבעטנדיקע קלאַסן און באַזונדערס פֿון זייערע פֿאַרטרעטער אין די פּאַרלאַמענטן, זיי זאָלן באַקעמפֿן די באַוואָפֿענונגען סיי אויף דער יבשה, סיי אויפֿן ים און שטימען קעגן אַסיגנירונגען דערויף, אונטערשטרייכנדיק דעם קלאַסן־כאַראַקטער פֿון דער בירגערלעכער געזעלשאַפֿט און די טרייב־כוחות פֿון די באַוואָפֿענונגען, און אויך זען ווירקן, אַז די פּראָלעטאַרישע יוגנט זאָל דערצויגן ווערן אין גייסט פֿון פֿעלקער־פֿאַרברידערונג און סאָציאַליזם און זאָל אָנגעפּילט ווערן מיט קלאַסן־באַוווסטזיין. דער קאָנגרעס האַלט, אַז אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פֿון מיליטער־וועזן, פֿאָלקס־מיליץ אַנשטאָט אַ שטענדיקער אַרמיי, איז אַ וויכטיקע גאַראַנטיע דערפֿאַר, אַז ס'זאָלן אוממעגלעך ווערן אָנגריף־מלחמות און ס'זאָל גרינגער ווערן גובר צו זיין די נאַציאָנאַלע קעגנזאַצן. דער אינטערנאַציאָנאַל איז נישט אימשטאַנד צו פֿיקסירן אין שטענדיקע פֿאָרמען די אַקציע פֿונם אַרבעטער־קלאַס קעגן מיליטאַריזם, ווייל די אַקציע דאַרף זיין פֿאַרשידן אין פֿאַרשידענע לענ־

דער, לויט די באַדינגונגען פון צייט און אָרט. אָבער דער אינטער־נאַציאָנאַל האָט די פליכט ווי ווייט מעגלעך צו פאַרשטאַרקן און קאָאָרדינירן די אַרויסטרעטונגען פונם אַרבעטער־קלאַס קעגן מיליטאַריזם און קעגן מלחמה... די אַקציע פון אַרבעטער־קלאַס וועט זיין אַלץ דערפאָלגרייכער, וואָס מער די געמיטער וועלן ווערן צוגעגרייט דערצו דורך אומאויפהערלעכער אַגיטאַציע און די אַרבעטער־פאַרטייען פון פאַרשידענע לענדער וועלן ווערן אָנגעפירט און פאַראייניקט דורכן אינטערנאַציאָנאַל. דער קאָנגרעס איז איבערציינגט, אַז אונטער דעם דרוק פונם פראָלעטאַריאַט קאָן מען זיך דערשלאָגן צו אַן ערנסטער אָנווענדונג פון שיד־געריכטן אָנשטאָט די קלאָגעדיקע איינריכטונגען פון די רעגירונגען און מען קאָן זיכערן די פעלקער דאָס גליק פון אָנטוואָפענונג, און דאָס וואָלט מעגלעך געמאַכט, אַז די ריזיקע הוצאות, אין געלט און אין ענערגיע, וואָס עס פאַרשלינגען די מיליטערישע באַוואָפענונגען און די מלחמות, זאָלן פאַרווענדעט ווערן פאַר דער זאַך פון דער קולטור*).

בעת עס דראָט אַן אויסברוך פון אַ מלחמה, זענען די אַרבעטנדיקע קלאַסן און זייערע פּאַרלאַמענטאַרישע פאַרטרעטער אין די אַנטשפּרעכנדיקע לענדער פאַרפליכטעט, געשטיצט דורך דער פאַראייניקטער טעטיקייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, צו טון אַלץ, אָנצוווענדן די מיטלען, וואָס זיי האַלטן פאַר די ווירקזאַמסטע, כדי ניִשט דערלאָזן צום אויסברוך פון דער מלחמה; נאַטירלעך, אַז די דאָזיקע מיטלען ענדערן זיך לויט דעם, ווי ווייט עס איז אין לאַנד פאַרשאַרפט דער קלאַסן־קאַמף, און לויט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער סיטואַציע.

אויב דער קריג ברעכט אויס, זענען זיי פאַרפליכטעט אַרויסצוטרעטן פאַר זיין שנעלער פאַרענדיקונג און מיט אַלע כוחות שטרעבן אויסצונוצן דעם דורכן קריג אַרויסגערופענעם קריזיס אויף

---

*) הויפּטזעכלעך לויט דער רעזאָלוציע פון בעבעלן.

אויפצוטרייסלען דאָס פאָלק און אַזוי אַרום פאַרגיכערן די באַזייטיקונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן־הערשאַפט"*).

די באַשלוסן פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן אין קאָפּענהאַגען (1910) און אין באַזעל (1912) זענען געווען אין גייסט פון דער שטוטגאַרטער רעזאָלוציע און די צוויי לעצטע אָפּזאַצן זענען אין זיי איבערגעחזרט געוואָרן וואָרט אין וואָרט.

דער קריגס־פּסיכאָז, וואָס האָט סוף יולי און אָנהויב אויגוסט 1914 אַרומגעכאַפּט אי די פירער, אי די מאַסן, האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פאַר די קאָנגרעס־באַשלוסן. נאָר קליינע טיילן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָנצווענדן די פּרינציפּן פון קלאַסן־קאַמף. אַ פולע און ענערגישע אָנווענדונג האָבן די פּרינציפּן געפונען נאָר ביי די באָלשעוויקעס, אין רוסלאַנד. די וועלט־מלחמה (1914 — 1918) האָט צובראָכן דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אָדער ריכטיקער: דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז צובראָכן געוואָרן צוליב דעם נישט געלייזטן ווידערשפּרוך צווישן נאַציאָנאַלן אינסטינקט און סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן פאַרשטאַנד.

איצט לאָמיר איבערגיין צו סקיצירן די געשיכטע פון די איינצלנע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

3. דייטשלאַנד

אין ערגעץ האָט דער סאָציאַליסטישער פונק נישט אַזוי זיך אָנגענומען, ווי אין דייטשלאַנד. די דייטשע אַרבעטערשאַפט — און ביז 1871 זענען די עסטרייכישע אַרבעטער אויך געווען אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פונעם איינהייטלעכן דייטשן פּראָלעטאַריאַט — האָט וואָס ווייטער אַרויסגעוויזן אַלץ אַ גרעסערע גרייטשאַפט צו קעמפן פאַרן סאָציאַליזם. ביי די וואַלן צום ערשטן דייטשן רייכסטאַג (1871) האָבן די אייזענאַכער און לאַסאַליאַנער

*) צוגאָב־פאַרשלאַג לוקסעמבורג־לענין־מאַרטאָוו.

באקומען צוזאמען קיילעכיק 102.000 שטימען, אין 1874 — 352.000 שטימען; די צאל סאציאליסטישע דעפוטאטן איז אויסגעוואקסן פון צוויי אויף צען. עס האט נאך דעמאלט אלץ אנגעהאלטן דער קאמף צווישן דיביידע ריכטונגען, אבער די מאסן האבן זיך געריסן צו אייניקייט, און די פאראייניקונג איז צושטאנד געקומען אין 1875 אין גאטע, אויף א געמיינזאמען קאנגרעס, ווו מען האט אויסגעארבעט און אנגענומען די א. ג. גאטער פראגראם — א געמיש פון דעמאקראטיש-פאציפיסטישע און סאציאל-רעפארמערישע עלעמענטן. אין צוויי יאר ארום, נאך דער פאראייניקונג, זענען ווידער פארגעקומען רייכסטאג-וואלן, און די פאראייניקטע סאציאליסטישע פארטיי האט באקומען כמעט א האלבן מיליאן שטימען און 13 מאנדאטן. און וואס מער די פארטיי איז געוואקסן, מער האט מען גענומען פארפאלגן אירע פירער, אירע רעדאקטארן און אגיטאטארן, ביז לסוף, אין 1878 — נאך פארגעקומענע צוויי אטענטאטן אויף ווילהעלם I — איז די פארטיי גאר געשטעלט געווארן, דורך ביסמארקן, אונטער אן אויסנאם-געזעץ; דאס האט די ערשטע יארן ארייגעטראגן א צערודערונג אין די פארטיי-רייען, אבער פארניכטן די פארטיי האט דאס שוין נישט געקאנט. די פארטיי האט זיך רעארגאניזירט אויף געהיימע יסודות, און האט זיך ווייטער גענומען אנטוויקלען; ביי די וואלן אין יאר 1887, נישט געקוקט אויף דער דעמאלטיקער פראנצויזיש-דייטשער קריגגעפאר, האט די פארטיי באקומען 763,200 שטימען, און אין 1890 — שוין 1,427,128 שטימען און 35 מאנדאטן. אין דעם יאר איז אפגעשאפט געווארן דער אויסנאם-געזעץ, און באלד דערויף איז ביסמארק אוועק אין דעמיסיע. אין 1891 האט די פארטיי אנגענומען די ערפורטער פראגראם (דער צוזאמענפאר איז פארגעקומען אין ערפורט), אנגעשריבן פון קויטסקין, און דערמיט איז געווארן אפגערופן די גאטער פראגראם, וואס האט נאך ביז דאן געגאלטן. די ערפורטער פראגראם, צו וועלכער קויטסקי האט אנגעשריבן א ברייטן קאמענטאר, איז אין איר טעארעטישן טייל מארקסיסטיש,

אין איר פּראַקטישן טייל — דעמאָקראַטיש־סאָציאַל־רעפאָרמעריש; עס פעלן אינגאַנצן די מאָס־מיטלען, מיט וועלכע סאָציאַליסטן דאַרפן זיך באַנוצן אין אַ צייט פון רעוואָלוציע. דער געדאַנק וועגן רעוואָלוציע, ווי ער ווערט שאַרף אונטערגעשטראָכן אין מאַרקס׳ קריטיק פון דער גאָטער פּראָגראַם, איז פאַר דער פּאַרטיי פאַרלוירן געגאַנגען. זי איז פון דעם אויסנאַם־געזעץ אַרויס פּאַקטיש, אַלס דעמאָקראַטיש־סאָציאַל־רעפאָרמערישע פּאַרטיי. די אָפּאָזיציע פון די „יונגע" קעגן אָט דעם קורס (1890 — 1891), אָנגעפירט פון מאַקס שיפּעל, פּאָל קאַמפּמייער און האַנס מילער, איז ווירקלעך געווען רעוואָלוציאָנער, אויף וויפיל עס קומען אין באַטראַכט די טעטיקע אין דער אָפּאָזיציע פּראָלעטאַריער. די אָפּאָזיציע איז אָבער גיך געוואָרן דערשטיקט — דורכן אויטאָריטעט פון ענגעלס, בעבעל און ליבקנעכט און דורך דער קאָלטער עלאָקווענץ פון איגנאַץ אַאוער. עס האָט זיך אָנגעהויבן דורכשלאָגן אַ וועג אַ רעוויזיאָניסטישער פּעריאָד; די אַנטוויקלונג פונם רעוויזיאָניזם איז אָבער צוגעגאַנגען לאַנגזאַם, צוליב דעם שווערן ווירטשאַפטס־קריזיס אין דער ערשטער העלפט פון די ניינציקער יאָרן. עפּנטלעך אָנגעהויבן דעם רעוויזיאָניסטישן פּעריאָד האָט געאָרג פאָלמאַר, באַלד נאָכן אָפּשאַפן פונם סאָציאַליסטן־געזעץ; פאַרענדיקט איז ער געוואָרן, צום סוף פאָריקן יאָרהונדערט, דורך עדוארד בערנשטיין. גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פונם רעוויזיאָניזם איז געווען דאָס, וואָס ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלי־צייט אין דער דייטשער ווירטשאַפט און גלייכצייטיק זענען שטאַרק געוואַקסן די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, און דאָס האָט געשאַפן אַ שטימונג פאַר אָפּטימיסטישע פּראָגנאָזן. די צאָל מיטגלידער פון די פרייע געווערקשאַפטן (פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַריינען — איבערזעצער) איז פון 238,000 אין יאָר 1890 אויסגעוואַקסן ביז איבער צוויי מיליאָן אין 1914*). די פירער פון די געווערקשאַפטן

---

*) אין די קריסטלעכע פאַריינען איז די צאָל מיטגלידער אויך שטאַרק אויסגעוואַקסן, פון פינף טויזנט אין 1890 ביז 218,000 אין 1914.

קאַרל לעגיען, ראָבערט שמידט, פּאָל אומברייט זענען געווען רעוויזיאָניסטן. קאַרל קויטסקי, פראַנץ מערינג און ראָזאַ לוקסעמבורג האָבן אויפגעהויבן זייער אַן ענערגישן קאַמף קעגן דעם רעוויזיאָניזם — אָבער אָן פּראַקטישן דערפאָלג. צווישן טעאָריע און פּראַקטיק איז געווען אַ גרויסער תהום, אַ ווידערשפּרוך, וועגן וועלכן די פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן זיך נישט אַלע מאָל אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון. אין יום־טוב־אַרטיקלען און אויף פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן — באַזונדערס אויף דעם באַרימטן דרעזדענער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון 1903 — האָט געזיגט די פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע ריכטונג; אָבער אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט איז דער גאַנצער אידעאַל באַשטאַנען דערין, מען זאָל זיך דערשלאָגן צו אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים און צו אַ ברייטער סאָציאַלער געזעצגעבונג. דער רעוויזיאָניזם און צוזאַמען מיט אים אַ נאַציאָנאַלער געפיל האָבן געזיגט אויף דער גאַנצער ליניע און האָבן קולטיווירט ביים אַרבעטער־קלאַס אַ שטימונג פון צווייפלען אין די רעוואָלוציאָנערע מעגלעכקייטן און אַ „רעאַל־פּאָליטישן“ חוש פאַר די קעגנוואַרטס־פאָדערונגען. צוליב דער גלענצנדיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן פאַרוואַלטונגס־טאַלענט פון פּאָל זינגער, האָט מען נישט געזען די אינערלעכע גייסטיקע שוואַכקייט פון דער פּאַרטיי. דער אומגעהויערער אויפבלי פון דער דייטשער אינדוסטריע און פון דעם אויסערן־האַנדל, און צוגלייך דער שנעלער, כמעט נומערישער וווקס פון דער פּאַרטיי און פון דער צאָל וואַל־שטימען, וואָס זי האָט כסדר באַקומען — דאָס אַלץ האָט צוגעהאָלפן אויך צום וווקס פון די רעוויזיאָניסטישע שטימונגען. ביי די רייכסטאַג־וואַלן פון 1912 האָט די פּאַרטיי באַקומען איבער 4,250,000 שטימען (אָדער 34,8 פּראָצ. פון אַלע שטימען) און איז אַריין מיט 110 מאַנדאַטן — אין דעם שיין־פּאַרלאַמענט, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום אויספיר־מאַכט און האָט בלויז געהאַט פאַר אַ צוועק צו באַוואָרענען די נאַציאָנאַלע איינהייט פון דייטשלאַנד און צו באַשטימען שטייערן. און דעם

דאָזיקן צוועק האָט דער פּאַרלאַמענט דערפילט. אַז די וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, אָנהויב 1914, האָט זיך די ווייט גרעסטע מער־הייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי געפילט פאַר אַן אָרגאַנישן טייל פון דער נאַציע און נישט ווי אַ פאַרטרעטערין פון אַ קלאַס, וואָס זיינע אינטערעסן זענען דיאַמעטראַל קעגנזעצלעך צו די אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

4. עסטרייך־אונגאַרן.

די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג האָט אין אַלגעמיין דורכגעמאַכט דעם זעלבן אַנטוויקלונגס־וועג, וואָס די באַוועגונג אין דייטשלאַנד, נאָר וואָס זי האָט די גאַנצע צייט, זייט איר געבוירן (1867), געהאַט אויסצושטיין אַ סך מער פּאָליציייִשע רדיפות. ביז 1871 איז זי געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַלגעמיין־דייטשער באַוועגונג. אין 1869־70 זענען די עסטרייכישע פירער אַנדרעאַס שוי, יאָהאַן מאָסט און פּאַבסט אַרעסטירט געוואָרן אין ווין — בעת אַ גרויסער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע — און זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו 5 יאָר שווערע תפיסה, אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום זענען זיי געוואָרן אַמנעסטירט. נאָך 1871 — אַז ס'איז פאָרגעקומען עסטרייכס שיידונג פון דייטשלאַנד — איז די עסטרייכישע באַוועגונג געוואָרן שוואַכער; דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פינאַנץ־און ווירטשאַפט־קריזיס, זייט 1873, וואָס האָט זיך שווער אָפּגערופן אויף דער לאַגע פון די אַרבעטער. די באַוועגונג האָט זיך דאַן געשפּאָלטן אויף צוויי ריכטונגען, ראַדיקאַלע און מעסיקע, און די שפּאַלטונג האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1888, הגם זיי האָבן געהאַט פאַר זיך דעם דייטשן ביישפּיל, ווי די אייזענאַכער מיט די לאַסאַליאַנער האָבן זיך פאַראייניקט (אין 1875) אין גאָטאַ, און הגם די עסטרייכישע רעגירונג פון 1877־78 האָט פון איר זייט יאָ נאָכגעטון דעם דייטשן ביישפּיל און האָט אויך געשטעלט די סאָציאַליסטן אונטער דער ווירקונג פון אַן אויסנאַם־געזעץ. די אומאייניקייט איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן, צוליב דער אַרבעט פון די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ביי

אַ טעראָריסטישער טאַקטיק און האָבן געהאַט היפּשן דערפֿאָלג צווישן די אַרבעטער, וואָס זענען שטאַרק פֿאַרביטערט געווען. ערשט וויקטאָר אַדלער (געשט. 1918) האָט זיך עס איינגעגעבן אָנצוהויבן, זייט 1886, צו זאַמלען די אַרבעטער, און צוויי יאָר שפּעטער צו ברענגען צו אַ פֿאַראייניקונג, אויפֿן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר אין היינפֿעלד (1888). פֿון דאַן אָן האָט זיך די פּאַרטיי גאַנץ גוט אַנטוויקלט, כאָטש עס האָט נישט געפֿעלט קיין רייבונגען צווישן די פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. די פּאַרטיי האָט פּלאַנמעסיק געטון איר אַרבעט פֿון דערציען די מאַסן: דעמאָנסטראַציעס, פֿאַרזאַמלונגען, פּרעסע און בילדונגס־שולן האָבן געמאַכט דעם עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט, מיט זיין פֿיל־פֿעלקערישן באַשטאַנד (דייטשן, טשעכן, פּאָליאַקן, סלאָווענער, קראָאַטן, סערבן), פֿאַר איינער פֿון די בעסט־דיסציפּלינירטע סעקציעס אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. די ווינער אַרבעטערשאַפֿט איז געווען די איינציקע, וואָס האָט דורכגעפֿירט ביי זיך די פֿייערונג פֿון 1 מאַי אין פֿאָרם פֿון שטרייקן, לויט דער פּאַריזער רעזאָלוציע פֿון 1889. דער פּאַרטיי האָט זיך אויך איינגעגעבן אַרויסצורייסן ביי דער רעגירונג דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט (1907). ביי די ערשטע וואַלן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אויפֿן יסוד פֿונם ניי דערוואָרבענעם וואַל־רעכט האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי באַקומען 1.042.000 שטימען און 87 מאַנדאַטן. די פּאַרטיי איז געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק רייך אויך אין אינטעלעקטועלע כוחות, צווישן זיי אָטאָ באַאוער, רודאָלף הילפֿערדינג, גוסטאַוו עקשטיין, קאַרל רענער, מאַקס אַדלער.

אין פּרט פֿון טאַקטיק האָט זיך די עסטרייכישע פּאַרטיי כמעט ווי נישט אונטערגעשיידט פֿון דער דייטשער. אָבער דער רעוויזיאָניזם איז דאָ נישט געווען אַזאַ אויסגעשפּראָכענער; דער רעזשים איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט דאָ נאָך ווייניקער געקאָנט אויסרעכענען אויף אַ פֿרידלעכן פּראָלעטאַרישן זיג, איידער אין דייטשלאַנד, און די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די אַרבעטער איז אויך נישט געווען אַזאַ גינסטיקע, ווי אין דייטשלאַנד. אַזוי ווי דער פּאַרלאַמענט האָט קיין שום איינפֿלוס נישט געהאַט אין פֿראַגן פֿון אויסערלעכער פּאָליטיק,

האָט דעריבער די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נישט געקאָנט צווינגען די עסטרייכישע דיפּלאָמאַטיע, דורך קאָנסטיטוציאָנעלן דרוק, צו אַ קלוגערער פּאָליטיק לגבי סערביען און לטובת דעם אַלגעמיינעם שלום.

אין אונגאַרן איז די באַוועגונג צוגעגאַנגען נישט פיל אַנדערש, ווי אין עסטרייך, אַ חוץ וואָס דאָרט זענען נישט געווען די אַנאַרכיסטיש־טעראָריסטישע עלעמענטן, ווי אין עסטרייך. אויך דאָ איז די אַרבעטער־באַוועגונג אַנטשטאַנען אין 1867, אָבער די רעכטלאָזע לאַגע האָט שטאַרק געשטערט איר אַנטוויקלונג. נישט געקוקט אויפן שווערן קאַמף און אויף די אָן אַ שיר קרבנות, האָט זיך ביז צו דער וועלט־מלחמה נישט איינגעגעבן צו דערשלאָגן זיך צו אַ דעמאָקראַטישן וואַל־רעכט און אפילו נישט צו לעגאַליזירן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג. דער אונגאַרישער פּראָלעטאַריאַט האָט אַוודאי קיין גרונט נישט צו בענקען נאָך דער אומגעקומענער אַלטער אָרדנונג.

5. גרויס־בריטאַניען

נאָך דעם צוזאַמענברוך פון טשאַרטיזם (1855) האָט זיך די ענגלישע אַרבעטערשאַפט מיט גרויס פלייס גענומען פאַרן אויסבוי פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און קאָאָפּעראַטיוון. דער אַנטייל פון דער ענגלישער אַרבעטערשאַפט אין ערשטן אינטערנאַציאָנאַל איז געווען נאָר אַ ספּאָראַדישער, נישט מער ווי אַן עפּיזאָד. ערשט אין יאָר 1882 האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון א סאָציאַליסטישער באַוועגונג. פּיאָנער פון אָט דער באַוועגונג איז געווען הענרי מייערס היינדמאַן (1842 — 1921), אַ ווייכער און געבילדעטער מאַן, נאָר פול מיט נאַציאָנאַל־ענגלישע פאָרורטיילן. ער האָט אויפגעזוכט מאַרקסן, נאָכדעם ווי ער האָט אַדורכגעלייענט זיין „קאַפּיטאַל" אויף פראַנצויזיש, און אין 1882 האָט ער געגרינדעט די „דעמאָקראַטישע פעדעראַציע", וועלכע האָט תחילת געהאַט אַ סאָציאַל־רעפאָרמערישע פּראָגראַם, אָבער אין גיכן האָט זי אָנגענומען אַ סאָציאַליסטישע פּראָגראַם און זיך אַ נאָמען געגעבן „סאָציאַל־דע־

מאָקראַטישע פעדעראַציע" (ס. ד. פ.) די אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעפירט אַ ברייטע אַגיטאַציע, פאַרשפּרייט מאַרקס טעאָריעס, געמאַכט דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטסלאָזע, אָבער ביי דעם אַלעם איז איר נישט געלונגען צו קריגן אַ געהעריקן איינפלוס און אָנהענגערשאַפט אין די אַרבעטער־קרייזן. צוזאַמען מיט היינדמאַנען האָבן געאַרבעט בעלפאָרט באַקס, וויליאַם מאָריס און עלעאָנאָרע מאַרקס, אַ טאָכטער פון קאַרל מאַרקס; איין צייט זענען זיי געהאַט אוועק פון דער ס. ד. פ. און האָבן געגרינדעט אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, די „סאָציאַליסטישע ליגע", אָבער אַז די „ליגע" איז אַריינגעפאַלן אין די הענט צו די אַנאַרכיסטן, האָבן זיי זיך צוריק אומגעקערט אין דער ס. ד. פ.

פּאַראַלעל מיט דער ס. ד. פ. איז אין 1884 אויפגעקומען די פאַביאַנישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט סאָציאַל־רעפאָרמערישער פּראָפּאַגאַנדע. די באַדייטנדיקסטע פאַרטרעטער פון אָט דער געזעלשאַפט זענען געווען סידניי וועב, בעאַטריטשע וועב און בערנאַרד שאָו. די טעאָריע פון די פאַביאַנער איז אַ רעוויזיאָניסטישע: סאָציאַליזם איז נישט קיין ווייטער ציל, נאָר אַ פּראָגרעסירנדיקע רייע פון סאָציאַל־פּאָליטישע מאָס־מיטלען, וועלכע מען דאַרף דורכפירן אויפן פּאַרלאַמענטאַריש־מלוכהשן וועג. אין די דעמאָקראַטישע לענדער דאַרף מען שטרעבן צו באַאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג אַז זי זאָל אָנערקענען אָט די מאָס־מיטלען; באַזונדער דאַרף מען זיך באַמיען צו געווינען פאַר אָט די מיטלען די געבילדעטע קרייזן. צי איז נויטיק אַן אַרבעטער־פּאַרטיי — דאָס איז פאַר די פאַביאַנער נישט געווען גאָר קלאָר. פון זייערע פּרינציפּן איז דאָס נישט אַרויסגעדרונגען; די עקזיסטענץ פון אַ זעלבשטענדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי האָבן זיי אין בעסטן פאַל געהאַלטן בלויז פאַר אַ שרעק־מיטל בנוגע די פּאָליטיקער, וואָס זענען קעגנער פון סאָציאַלע רעפאָרמען. אָבער דאָך האָבן די פאַביאַנער פיל מיטגעווירקט צו פאַרשפּרייטן סאָציאַל־קריטישע און סאָציאַל־פּאָזיטיווע אידייען און זיי האָבן פיל געווירקט לטובת די אַרבעטער.

דערווייל איז אריבער א צענדלינג יאָר, זינט דער גרינדונג פון דער ס. ד. פ., און אירע פירער האָט זיך נישט איינגעגעבן צו שאַפן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג און צו מאַכן די געווערקשאַפטן פאַר קלאַסן־באַוווסטע אָרגאַניזאַציעס. אָט דער דורכפאַל פון דער ס. ד. פ. האָט באַוויגן אַ רייע שאָטלענדישע און צפון־ענגלישע אַרבעטער־טוער און סאָציאַליסטישע פירער צו שאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציע מיט דעם צוועק — צו טראָגן דעם סאָציאַליסטישן גייסט אין די געווערקשאַפטן אַריין און אָפּצורייסן די אַרבעטער פון די בירגערלעכע פּאַרטייען. פאָטער פון דעם דאָזיקן געדאַנק איז געווען דער באַרג־אַרבעטער דזשעמס קעיר האַרדי (1856 — 1915). אים מיט זיינע פריינט איז עס געלונגען צו גרינדן אין 1893 די אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי (אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי — אי. ל. פּ.) און איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט פיל פון די געווערקשאַפטלעכע פירער. מיטגעהאָלפן קעיר האַרדין און זיינע פריינט האָט דאָס, וואָס מען האָט דעמאָלט גראָד געפירט אַ רייע געריכט־פּראָצעסן קעגן די געווערקשאַפטן, און זייער עקזיסטענץ איז געווען אין געפאַר. די אַרבעטער זענען דעריבער אַלץ מער געווען גענייגט צו נעמען זיך פאַר זעלבשטענדיקער פּאָליטישער אַקציע. אין יאָר 1900 איז אַנטשטאַנען די אַרבעטער־פּאַרטיי (לייבאָר־פּאַרטי) און זי איז גאָר גיך געוואָרן אַ גרויסע מיליאָנען־פּאַרטיי, ווייל איינציקווייז זענען צו איר צוגעשטאַנען אַלע גרויסע געווערקשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. איז זי געוואָרן אַ גרויסע געווערקשאַפטלעך־סאָציאַל־רעפאָרמערישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע האָט שוין פאַרדייעט דעם געדאַנק וועגן זעלבשטענדיקער פּאָליטיק און האָט אַלץ מער אָנגעהויבן צו ווערן דורכגעדרונגען אויך מיטן סאָציאַליסטישן געדאַנק. צו דער לייבאָר־פּאַרטיי געהערן אַ חוץ דער גרויסער מערהייט געווערקשאַפטן נאָך אויך די ס. ד. פ., די פאַביאַנישע געזעלשאַפט און די אי. ל. פּ. אָנגעפירט ווערט זי — זינט דעם טויט פון קעיר האַרדי — פון ראַמזיי מאַקדאָנאַלד, זייער אַ געשיקטן שריפטשטעלער און רעדנער און זייער אַ מעסיקן סאָציאַליסט, אַ מיטגליד פון דער אי.

ל. פ. די מיטגלידער־צאל איז אויסגעוואקסן פון 376,000 אין יאר 1900 ביז 1,612,000 אין יאר 1914; אין פארלאמענט האט זי אין זעלבן יאר (1914) געהאט 70 דעפוטאטן. פון דאן אן איז דער וווקס פון דער פארטיי גאר אין א שנעלן טעמפ — וועגן דעם ווייטער נאך. ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האט א גרויסער טייל פון דער ס. ד. פ., כמעט די גאנצע פאביאנער־געזעלשאפט און די לייבאר־פארטיי זיך געשטעלט אין רשות פון דער קריגס־רעגירונג. בלויז די אי. ל. פ. איז ביז א געוויסן גראד געבליבן אין א זייט פון דער אלגעמיינער פארשיכורטקייט.

6. פראנקרייך

די ערשטע סימנים פון ווידעראויפלעבונג אין דער פראנצויזישער ארבעטער־באוועגונג, נאכן פאלן פון דער קאמונע, האבן זיך געוויזן אין יאר 1876, ווען די פראפעסיאנעל ארגאניזירטע ארבעטער האבן אפגעהאלטן א קאנגרעס אין פאריז. גלייכצייטיק האט זשול געד (1846 — 1920) דעמאלט אנגעהויבן זיין טעטיקייט אלס מיטארבעטער פון דער צייטונג „דרוא דע ל'האם" (מענטשן־רעכט), מיט סאציאליסטישע ארטיקלען; דערנאך איז ער געווארן שעף־רעדאקטאר פון „עגאליטע" (גלייכהייט), האט זיך פארבונדן מיט דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע און לסוף — פערזענלעך מיט מארקסן און ענגעלסן. געדן האט געשטיצט אין זיין ארבעט פאל לאפארג (1840 — 1913), אן איידעם פון מארקסן. אז מען האט צוריקגעקערט פון פארשיקונג די פארמשפטע קאמונארן און מען האט דעם אלטן בלאנקי באפרייט פון תפיסה (1879), האט דאס אויך מיטגעהאלפן צו באלעבן די סאציאליסטישע באוועגונג, עס האט אבער אויך געבראכט מיט זיך א צעשפליטערונג פון די ארגאניזאציאנעלע כוחות. אין 1880־81 איז (פראנצויזישע ארבעטער־פארטיי); די פראגראם פון דער פארטיי האבן אנטשטאנען די „פארטי אווריער פראנסע" (פ. או. פ., פראנצויז ארויסגעארבעט געד און לאפארג, מיט דער הילף פון מארקסן. אבער שוין אין 1882 זענען פון דער פארטיי ארויס די רעפארמיסטישע

עלעמענטן, אונטער דער פירונג פון פּאָל ברוס און בענואַ מאַלאָן (1841 — 1893), און האָבן געגרינדעט אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, די מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָט מען גערופן „פּאָסיביליסטן“*), ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז די באַפרייאונג פון די אַרבעטער קאָן געשען דורך רעפאָרמען, אָן רעוואָלוציע. די פּאָסיביליסטישע פּאַרטיי האָט עקזיסטירט ביז 1899. עס זענען יענע יאָרן אויפגעקומען נאָך אַ באַזונדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אונטער דער פירונג פון זשאַן אַלעמאַן, און אַ בלאַנקיסטישע אָרגאַניזאַציע, אונטער דער פירונג פון עדואַרד וואַיאַן (1840 — 1917); אַ חוץ דעם האָט זינט 1893 עקזיסטירט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן (מילעראַן, וויוויאַני, בריאַן, אַגאַניער, זשאָרעס). ביי די וואַלן צום פּאַרלאַמענט און צו די שטאָט־ראַטן האָבן די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט און אַזוי אַרום צעשפּליטערט די סאָציאַליסטישע וויילער־שאַפט. צוליב אָט דער סאָציאַליסטישער אומאייניקייט, ווי אויך צוליב די אַלטע פּרודאָניסטישע און אַנאַרכיסטישע טראַדיציעס, האָט זיך צווישן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער געשטאַרקט די אַנטי־פּאַרלאַמענטאַרישע ריכטונג. און צום אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט האָט די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאָרגעשטעלט אַ טרויעריק בילד, בפרט ווען ס'איז אונטערגעקומען די מהומה אַרום דער דרייפוס־אַפער'ע, וועלכע האָט אויך געווירקט אויף דער באַוועגונג דעזאָרגאַניזירנדיק; בלויז איין זשאָרעס האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעוויזן פאַר אַ צעמענטירנדיקער קראַפט אין דער באַוועגונג. ערשט נאָך דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם (1904), ווו די דרעזדענער קלאַסן־קאַמף־רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן אַלס ריכטשנור, האָבן זיך אין פראַנקרייך די אַלע דערמאָנטע גרופּעס פאַראייניקט אין איין איינהייטלעכער פּאַרטיי, און אַ דאַנק דעם גרויסן רעדנערטאַלענט פון זשאָרעס (1859 — 1914), האָט די פּאַרטיי זיך קאָנסאָלידירט און געקראָגן אַ געוויסן אָנזען אין לאַנד.

*) אויף פראַנצויזיש פּאָסיבל — מעגלעך.

אלס פועל יוצא פון דער פאריייניקונג איז געווען דאס, וואס מען האט פון דער פארטיי אויסגעשלאסן מילעראנען, בריאנען און וויוויאנין, ווייל זיי האבן נישט געוואלט זיך אפזאגן פון מיניס־טעריאליזם (אנטייל פון סאציאליסטן אין בירגערלעכע רעגירונגען), ווי דאס האט זיך געפאדערט לויט דער אנגענומענער אמסטערדאם־דרעזדענער רעזאלוציע. די פאראייניקטע סאציאליסטישע פארטיי האט דאן געמאכט היפשע דערפאלגן. ביי די פארלאמענט־וואלן פון 1906 האט זי באקומען 877,800 שטימען און 54 דעפוטאטן; אין 1910 — ארום א מיליאן מיט 100 טויזנט שטימען און 76 דע־פוטאטן; אין 1914 — ארום 1,400,000 שטימען און 100 דעפו־טאטן*) און דאן איז געקומען די מלחמה: דעם 31־טן יולי האט א נאציאנאליסטישער מערדער דערשאסן אויף טויט זשארעסן. די סאציאליסטישע פירער געד און סאמבא זענען אריינגעטרעטן אין דער רעגירונג, וואס האט געפירט אן אגיטאציע פאר איטאליענס אריינטריט אין קריג אויף דער זייט פון די אנטאנט־מלוכות. די פארטיי האט זיך ארויסגעוויזן פאר שטארק נאציאנאליסטיש.

אין משך פון די יארן 1892 — 1908 איז די פראנצויזישע פראפעסיאנעלע באוועגונג, באקאנט אונטערן נאמען „סינדיקאליזם“, געווען טעארעטיש פרוכטבארער, איידער די סאציאליסטישע באוועגונג. לויט די פראנצויזישע געזעצן זענען די געווערקשאפטן גע־ווען, ביז 1884, אומגעזעצלעכע ארגאניזאציעס. ערשט אין 1884 זענען די געווערקשאפטן לעגאליזירט געווארן און האבן באקומען א מעגלעכקייט זיך צו אנטוויקלען. אין 1886 איז געגרינדעט גע־ווארן דער נאציאנאל־פארבאנד פון די געווערקשאפטן, וועלכער האט זיך געשטעלט אי פאליטישע און אי פראפעסיאנעלע און סאציאל־רעוואלוציאנערע אויפגאבן.

אויף די קאנגרעסן פונם פארבאנד האט א גרויסע ראל גע־
ריאן, און ער איז ארויסגעטרעטן פאר א גע־

---

*) ביי די וואלן פון 1919 האט די פראנצויז. פארטיי באקומען 1,730,000 שטימען (צוזאמען שוין מיט עלזאס לאטרינגען).

נעראַל־שטרייק, אַלס באַפריי־מיטל פאַרן פּראָלעטאַריאַט (1892). אַזוי ווי דער פאַרבאַנד האָט — לויט דער מיינונג פון די אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריש אָדער אַנאַרכיש־קאָמוניסטיש געשטימטע אַרבע־טער — צו פיל זיך פאַרנומען מיט פּאָליטיק, איז אין 1892 אַנט־שטאַנען, אַלס אָפּאָזיציע, דער פאַרבאַנד פון אַרבעט־בערזעס, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט פערדינאַנד פּעלוטיע, אַ אינטעלעקטוע־לער, אַן אַנאַרכאָ־קאָמוניסט, דער אייננטלעכער באַגרינדער פונם סינדיקאַליזם. אין 1895 האָט זיך איינגעגעבן איינצושטעלן פריינט־לעכע באַציאונגען צווישן דיביידע פאַרבאַנדן. עס איז געשאַפן געוואָרן די „קאָנפעדעראַסיאָן זשענעראַל די טראַוואַי“ (ס. זש. ט. — אַלגעמיינער בונד פון אַרבעטער), אין וועלכער ביידע פאַרבאַנדן האָבן זיך לסוף (1902) צונויפגעגאָסן. אונטערן איינפלוס פון פּע־לוטיע, הובערט לאַגאַרדעל און געאָרג סאָרעל — דער לעצטער איז געווען אַן אָנגעזעענער געלערנטער — איז באַשאַפן געוואָרן די סינדיקאַליסטישע טעאָריע, וועלכע האָט געוואָלט פאַרבינדן די טעאָריע פון קלאַסן־קאַמף און די מאַרקסיסטישע געשיכטס־אויפ־פאַסונג מיט דער פילאָזאָפיע פון בערגסאָן און מיט דער אַנטי־מלוכהשער לערע פון פּרודאָן און באַקונין: אָפּשאַפן לוין־סיסטעם, פירן אַ קלאַסן־קאַמף, עקספּראָפּריאירן דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן דורך רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און גענעראַל־שטרייק, די געווערק־שאַפטן זאָלן איבערנעמען די פּראָדוקציע, כדי גאָר אינגאַנצן צו באַזייטיקן און איבעריק מאַכן די מלוכה, ווייל מלוכה, צוזאַמען מיט דעמאָקראַטיע, מיליטאַריזם און פּאַטריאָטיזם זענען נישט מער ווי מיטלען אויף צו באַשווינדלען און אונטערדריקן די מאַסן, און די בורזשואַזיע נוצט אויס די דאָזיקע מיטלען, כדי צו דערשטיקן דעם פּראָלעטאַריאַט סיי מאַטעריעל, סיי גייסטיק. די סינדיקאַליס־טישע טעאָריעס און אַקציעס האָבן געהאַט אַ סך קעגנער אין דער ס. זש. ט., אַזוי אַז קיין איינשטימיקייט איז דאָרטן נישט געווען. פאַר דער מלחמה האָט די מיטגלידערשאַפט קיינמאָל נישט איבער־געשטיגן די צאָל פון אַ האַלב מיליאָן; אָבער דערפאַר האָט די קאָנפעדעראַציע זיך אויסגעצייכנט מיט איר באַגייסטערונג און

קאַמפּפלוסט, און זי האָט אָנגעפירט אַן אַנטי־מיליטאַריסטישע
צרבעט; אין אירע קאַמפּן איז זי אויסגעשטאַנען די ביטערסטע
פאַרפאָלגונגען מצד די פּרעמיער־מיניסטאָרן קלעמאַנסאָ און —
בריאַן דעם אַמאָליקן פריידיקער פון גענעראַל־שטרייק. פון 1909
אָן איז די סינדיקאַליסטישע אַגיטאַציע און אַקטיוויקייט געוואָרן
כסדר אַלץ שוואַכער און בעתן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה
איז שוין די מערהייט פון דער ס. זש. ט. געווען פאַר „אוניאָן
סאַקרע“ (בורג־פרידן); דער אָרגאַן פון דער קאָנפעדעראַציע „באַ־
טאַי“ (שלאַכט), וואָס האָט געפּריידיקט קלאַסן־קאַמף, איז איצט
געוואָרן דער קריגס־אָרגאַן פון פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם, קעגן
דייטשן אימפּעריאַליזם. דער אַמאָליקער קאַמף פון די באַקוניסטן
קעגן מאַרקסן אין ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און דאָס, וואָס מען
האָט אויסגעשלאָסן די אַנאַרכיסטן פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל
— דאָס האָט איצט געדינט דעם „באַטאַי“ אַלס שטאָף, אויף
פאַנאַנדערבלאָזן דאָס קריגס־פייער קעגן דייטשלאַנד: דער לעצטער
באַקוניסט, פּראָפ. גיליאָם, האָט קורץ פאַר זיין טויט פאַרעפנט־
לעכט אין „באַטאַי“, — די ערשטע חדשים פון דער מלחמה איז
דאָס געווען — אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „קאַרל מאַרקס,
דער אַלדייטש“, און אַ צווייטער אַנאַרכיסט, דער האָלענדער קאָר־
נעליסען, וועלכער האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם צווייטן אינטערנאַ־
ציאָנאַל לויט אַ באַשלוס פונם לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנ־
גרעס (1897), האָט געשריבן אין „באַטאַי“ אַזעלכע מלחמה־העצ־
רישע אַנטי־דייטשע אַרטיקלען וועלכע וואָלטן גוט אָנגעשטאַנען
פאַר אַ מיטאַרבעטער פון „אַקסיאָן פראַנסעז“*).

7. איטאַליען

די מאָדערנע איטאַליענישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַנט־
שטאַנען אין 1867, אונטערן איינפלוס פונם ערשטן אינטערנאַציאָ־
נאַל. עס זענען דאַן געגרינדעט געוואָרן סעקציעס אין מילאַן, פלאָ־

*) אָרגאַן פון פראַנצויזישע מאַנאַרכיסטן.

רענץ, גענוא, נעאפּאַל, קאַטאַניע, אָבער בעת דער שפּאַלטונג פונם אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיי זיך, אונטער דער פירונג פון אַנדרעאָ קאָסטאַ און קאַרלאָ קאַפּיעראָ, אָנגעשלאָסן אין דער באַקוניסטישער ריכטונג. פון אָנהויב אָן זענען זיי אויסגעשטאַנען ביטערע פאַרפאָלגונגען מצד דער מאַכט און האָבן גרויסע קרבנות געבראַכט פאַר זייערע איבערצייגונגען. צוביסלעך האָט די באַוועגונג אויך דאָ גענומען זיך באַפרייען פונם אַנאַרכיזם; דער מאַרקסיזם האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג; עס זענען אויפגעקומען פעסטערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און אין 1892, אויף אַ צוזאַמענפאָר אין גענוא, האָבן זיי געבילדעט אַן איינהייטלעכע אַרבעטער־פּאַרטיי, און אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר, אין רעדזשיאָ עמיליאַ (1893), האָט די פּאַרטיי אָנגענומען דעם נאָמען איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. קאָסטאַ איז אויך אַרייַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי. די באַדייטנדיקסטע פירער זענען געווען פיליפּאָ טוראַטי און ענריקאָ פערי. פון דאַן אָן איז די אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי און פון איר פּרעסע אַוועק מיט שנעלע שריט פאָראויס. שוין אין 1892 האָט די פּאַרטיי ביי די פּאַרלאַמענט־וואַלן געקאָנט פאַרצייכענען אַ היפּשן דערפאָלג: 26 טויזנט שטימען און 6 דעפּוטאַטן; אין 1897 — 135 טויזנט שטימען און 16 מאַנדאַטן; אין 1904 — 175 טויזנט שטימען און 32 מאַנדאַטן; און אין 1913 — 883 טויזנט שטימען און 52 מאַנדאַטן. אָבער די פּאַרטיי, ווערנדיק באַאיינפלוסט סיי פון דייטשלאַנד, סיי פון פראַנקרייך, האָט אַ סך געליטן אי פון רעוויזיאָניזם, אין פון אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם; נאָך מער צוליב דעם, וואָס די איטאַליענישע פּאַרטיי האָט געהאַט אין אירע רייען לערך אַ גרויסע צאָל אינטעליגענץ, און זי איז דעריבער פילבאַר געווען צו אַלערליי טעאָרעטישע און טאַקטישע דיסקוסיעס און שטרעמונגען. ביסאָלאַטי, באָנאָמי, קאַנעפּאַ האָבן געבילדעט דעם עקסטרעם־רעכטן פליגל; אַרטוראָ לאַבריאָלאַ (אַזוי פונם מאַרקסיסט פּראָפעסאָר אַנטאָניאָ לאַבריאָלאָ), לעאָנע, אָראַנאָ, האָבן פאַרטראָטן דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם אין דער פּאַרטיי; טוראַטי, טרעוועס, מוסאָליני און פערי זענען געשטאַנען בראש פון צענטר, רעכענער־

דיק פון רעכטס אויף לינקס. דער קריג קעגן טריפאָליטאַניע — אַ שטיקל אַריינפיר צום וועלט־קריג — איז געווען אַ ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי: אַ שטאַרקע אימפּעריאַליסטישע כוואַליע האָט פאַרפלייצט אַ סך פּאַרטיי־מיטגלידער; אָבער דאָך האָט זיך איינגעגעבן, אויפן צוזאַמענפאָר אין מאָדענא אין 1911, צו דעמפן די מלחמה־באַגייסטערונג און אַ יאָר שפּעטער גאָר אויסצושליסן פון דער פּאַרטיי די אָנהענגער פון דער מלחמה, צווישן זיי אויך ביסאָלאַטי און באָנאָמי. די דאָזיקע פּאַסירונגען האָבן גוט געדינט דער פּאַרטיי שפּעטער, בעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט־מלחמה. די פּאַרטיי האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע פון נייטראַליטעט, און האָט אויסגעשלאָסן אַלע אינטערווענציאָניסטן (אָנהענגער פון אַריינטרעטן אין דער מלחמה — איבערז.) — צווישן זיי אויך בעניטאָ מוסאָליני, וועלכער איז גאָר פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם מלחמה־פּסיכאָז און איז געוואָרן אַ פאַנאַטישער נאַציאָנאַליסט און אין גיכן — דער שפּעטער פונעם פאַשיזם.

8. רוסלאַנד — פּוילן

די מאָדערנע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג פון רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אין די 80־ער יאָרן, אָבער זי איז נישט געווען די ערשטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין דער רוסישער אימפּעריע. דער קאַמף קעגן צאַרישן אַבסאָלוטיזם האָט זיך נאָך אָנגעהויבן באַלד נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, נאָר ער האָט זיך געפירט גאַנץ ספּאָראַדיש. דער וויכטיקסטער עפּיזאָד אין דעם קאַמף איז געווען דער אויפשטאַנד פון די אַ. ג. דעקאַבריסטן (1826)*), צווישן וועלכע ס'האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט

---

*) די דעצעמבער־לייט (אויף רוסיש: דעקאַבריסטן) זענען באַשטאַנען פון הויכע אַריסטאָקראַטן און אָפיצירן, וועלכע האָבן אין דעצעמבער 1825 אונטערגענומען אַן אויפשטאַנד קעגן צאַריזם, אָבער דער אויפשטאַנד איז אויסגעגעבן געוואָרן און זיינע פירער האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט זייערע קעפּ — דעם 25 יולי 1826. אַ גרויסע צאָל דעקאַבריסטן האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר.

פּעסטעל און רעלייעוו, מיט זייערע רעפּובליקאַנישע איבערצייגונ־
גען און מיט זייערע רעפאָרם ־ פאָרשלאָגן אויפן געביט פון דער
אַגראַר־פראַגע. ביידע האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַרן אויפ־
שטאַנד.

דערנאָך איז געקומען אַ פּעריאָד, ווען סען־סימאָניסטישע און
פוריעריסטישע אידייען זענען געווען שטאַרק אָנגענומען אין דער
רוסישער ליטעראַטור (1830 — 1850). דער וויכטיקסטער סאָ־
ציאַל־רעוואָלוציאָנערער שריפטשטעלער פון יענער צייט איז גע־
ווען אַלעקסאַנדער הערצען; ער האָט תחילת געאַרבעט אין מאָס־
קווע, און איז געקומען צום געדאַנק, אַז דער קאַמף קעגן צאַריזם
מוז צוזאַמענפאַלן מיטן קאַמף פאַר סאָציאַליזם; דאָך איז זיין
שטאַנדפּונקט געווען אַ צעשוואָמענער, אַ מין אַגראַר־סאָציאַליסטי־
שער. זיין הויפּט־אויפטו איז געווען דער זשורנאַל „קאָלאָקאָל“
(גלאָק), וועלכן ער האָט אין 1857 געגרינדעט אין לאָנדאָן און מען
האָט אויף אַן אומלעגאַלן אופן אים אַריינגעפירט קיין רוסלאַנד;
דער זשורנאַל האָט פּאָליטיש רעוואָלוציאָנירט גרויסע שיכטן
פון דער רוסישער אינטעליגענץ. נאָך הערצענען האָט זיין אָרט
אין רעדאַקציע פאַרנומען באַקונין (זינט 1869). ביידע האָבן זיי
זינט די 40־ער יאָרן געלעבט אין אויסלאַנד, אַלס פּאָליטישע עמי־
גראַנטן. אין 1849 האָט אין פּעטערבורג געפירט אַ געוויסע טע־
טיקייט אַ גרופּע אינטעליגענטן — צו וועקן אינטערעס צו סאָ־
ציאַלע פראַגן, און צווישן דער גרופּע איז געווען אויך דאָסטאָ־
יעווסקי; די גרופּע איז געוואָרן פאַרראַטן מען האָט אַלעמען אַרעס־
טירט און זיי פאַרמשפּט צום טויט, נאָר מען האָט זיי באַגנע־
דיקט און פאַרביטן די טויט־שטראָף אויף יאָרן־לאַנגע תפיסה אין
סיביר.

סוף 50־ער יאָרן האָבן געפירט דעמאָקראַטיש־סאָציאַל־רעפאָר־
מערישע פּראָפּאַגאַנדע אין חודש־זשורנאַל „סאָוורעמעניק“, דער
סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיסט טשערנישעווסקי (1829 — 1889)
און דער אָנגעזעענער ליטעראַטור־קריטיקער דאָבראָליובאָוו. טשער־
נישעווסקי איז געוואָרן אַרעסטירט (1862) און איז אָפּגעזעסן צווי

יאָר ביזן פּראָצעס, און האָט דאָן אָנגעשריבן זיין באַרימטן ראָמאַן „וואָס טון?“, און דערנאָך איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צו 7 יאָר תּפיסה.

אַט אין דער אַטמאָספער, וועלכע איז נאָך דערצו פול געווען מיט פּראָבלעמען, וואָס די פּויערים־באַפרייאונג (1861) האָט דערוועקט, זענען אַנטשטאַנען געהיימע געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן געוואָלט אויסקעמפן פאַרן פאָלק ערד און פרייהייט. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפקלערונגס־פּעריאָד: פון נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פּאָזיטיוויזם און פון א. ג. פּאָליטישן ניהיליזם. עס האָט זיך געלאָזט פילן צווישן די רוסישע סטודענטן אויך דער איינפלוס פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, דורך באַקונינס געהיימער „אַליאַנס“. אין 1873 האָט לאָפּאַטין איבערגעזעצט מאַרקס' קאַפּיטאַל אויף רוסיש. אין די 70־ער יאָרן מערקן זיך שוין סימנים פון שטאַרקערן איינפלוס פון מאָדערנעם סאָציאַליזם; דער באַדייטנדיקסטער וואָרט־פירער איז דעמאָלט געווען לאַווראָוו (1823—1898). און דערווייל האָט זיך די אינדוסטריע אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. אין 1870 זענען אין פּעטערבורג אויסגעבראָכן שטרייקן. די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט ביז דעמאָלט אָפּגעגעבן איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דעם פּויערטום, האָט איצט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסקערעווען איר פּנים צום פּראָלעטאַריאַט; און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען איז זיך נישט באַגאַנגען אָן טיפע ליידנשאַפטלעכע שטרייטן מכוח דעם סאָציאַליסטישן ווערט פון דער רוסישער דאָרף־געמיינדע („אָבשטשינאַ“ — קהליש אייגנטום אויף דער ערד) און פון די קוסטאַרישע און האַנטווערקערישע קאָאָפּעראַטיוון (אַרטעלן). א טייל סאָציאַליסטן האָבן פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז רוסלאַנד האָט גאָר נישט נויטיק דורכצומאַכן דעם געוויינלעכן וועג צום סאָציאַליזם — דורך אינדוסטריאַליזאַציע און פּראָלעטאַרישע קאַמפן, נאָר אַז דער וועג פון רוסלאַנד צום סאָציאַליזם ליגט דורך די פּויערשע „אָבשטשינעס“. אַנדערע אָבער האָבן זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז די „אָבשטשינאַ“ מוז אונטערגיין, און אַז רוסלאַנד מוז, פּונקט ווי מערב־אייראָפּע,

דורכמאַכן די אינדוסטריאַליזירונג און פּראָלעטאַריזירונג, איידער מען וועט קאָנען איבערגיין צום פּראָצעס פון סאָציאַליזירונג. די ערשטע זענען, אַלזאָ, געווען אַגראַר־סאָציאַליסטן, מיט אַ טיפן גלויבן אין דער סאָציאַלי סטישער נשמה פונם רוסישן פּויער; די צווייטע פּאַרקערט, די מאָדערנע סאָציאַליסטן, האָבן אַלץ מער פאַרבונדן אַלע זייערע האָפענונגען מיט דעם אויפקומענדיקן פּראָלעטאַריאַט און דעריבער געוואָלט מאַכן אים קלאַסן־באַוווּסטזיניק און שטאַרקן זיין אָרגאַניזירטקייט. די פּראָפּאַגאַנדע אין די דערפער איז געבליבן כמעט רעזולטאַטלאָז, בעת צווישן די אַרבעטער זענען אויפגעקומען געהיימע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס. און אין 1882 האָבן זיי, אונטער דער אָנפירונג פון פּלעכאַנאָוו (געשטאָרבן 1919), אַקסעלראָד און וויערא זאַסוליטש, אָנגענומען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן מאַרקסיסטישן כאַראַקטער.

פּאַראַלעל מיט אָט די צוויי ריכטונגען — אַגראַר־סאָציאַליסטן און פּראָלעטאַרישע סאָציאַליסטן — זענען אין די זיבעציקער יאָרן אַנטשטאַנען טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען געפירט געוואָרן פון סטודענטן און בכלל אינטעליגענץ און האָבן געהאַט פאַר אַ צוועק אָנצושרעקן די רעגירונג דורך אַטענטאַטן, עווענטועל צו דעזאָרגאַניזירן זי: די מוראדיקע רעפּרעסיעס, פון וועלכע אַלע פרייהייטלעכע חברות האָבן געליטן, האָבן אַ סך קעמפער געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז רוסלאַנד וועט קיינמאָל נישט קומען צו קיין שום פרייהייט, כל זמן מען וועט נישט צעשטערן דעם אַבסאָלוטיזם מיט זיינע גרויזאַמע דינסט־אָרגאַנען. אין 1876 איז אַנטשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע „ערד און פרייהייט" (זעמליאַ אי וואָליאַ) און שפּעטער אַביסל די מערקווירדיקע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" („פאָלקס־פרייהייט"), וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אויסערסטער דרייסטקייט און אַנטשלאָסנקייט. דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָבן געבילדעט זשעליאַבאָוו, מיכאַילאָוו און סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ. די מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָבן דורכגעפירט אַ גאַנצע רייע געלונגענע אַטענטאַטן אויף הויכע מלוכה־לייט, און

ענדלעך האָט הריניעוויעצקי דעם 1|13 מערץ 1881 דערמאָרדעט דעם צאַר אַלעקסאַנדער II.

די טעטיקייט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" (1879 — 1881) האָט פאַקטיש אין אַ היפּשער מאָס דעזאָרגאַניזירט דעם צאַרישן מלוכה־אַפּאַראַט; אָבער דער אויספיר־קאָמיטעט איז באַגאַנגען דעם פעלער, וואָס ער האָט נישט גענומען אין אַכט די עווענטואַליטעט פון אַזאַ לאַגע און האָט קיין שום פּאָזיטיווע צוגרייטונגען נישט געמאַכט אויף אַזאַ פאַל. נאָך דעם איינגעגעבענעם באַמבן־אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער II האָט מען אין די רעגירונגס־קרייזן זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז דער אויספיר־קאָמיטעט וואָלט אפשר, ביי אַ געהעריקער צוגעגרייטקייט, געקאָנט איבערנעמען די מאַכט און דורכפירן די פּאָליטישע רעוואָלוציע, ווייל די ליבעראַלע עליעמענטן פון רוסלאַנד האָבן זיך באַצויגן מיט מיטגעפיל צו דער טעטיקייט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". דער דאָזיקער פעלער האָט זיך שווער נוקם געווען: די מיטגלידער פונם אויספיר־קאָמיטעט זענען אומגעקומען פון געריכטלעכע טויט־אורטיילן; אויפן טראָן איז אַרויף אַלעקסאַנדער III, אַ ברוטאַלער דעספּאָט, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פונם עקסט־רעאַקציאָנער פּאָביעדאָנאָסצעוו.

די רעגירונגס־צייט פון אַלעקסאַנדער III (1881 — 1894) איז צוגלייך אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. די אינטעליגענץ, אַלס טרעגער פון דער סאָציאַל ־ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז אָפּגעטרעטן אין הינטער־גרונט — דער אַנאַרכאָ־קאָמוניסט קראָפּאָטקין (1842 — 1920) האָט אויך געהערט צום פריערדיקן דור, הגם זיין אַקטיוויקייט פאַלט נאָך אויס אויף דעם פּעריאָד, וועגן וועלכן מיר רעדן איצט — די מיסיע פון דורכפירן די רעוואָלוציע אין דער רוסישער אימפּעריע האָט איבערגענומען דער פּראָלעטאַריאַט. אויפן גרינדונגס־קאָנגרעס פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין 1889 אין פּאַריז האָבן פּלעכאַנאָוו און לאַוראָוו פאַרטראָטן די רוסישע אַרבעטער, און זייער באַריכט האָבן זיי שוין געקאָנט

אַזוי רעזומירן: „די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ פון רוסלאַנד האָט גאָר נישט געקאָנט אויפטון קעגן דעם צאַריזם, ווייל זי איז געווען אָפּגעריסן פון דער פאָלקס־מאַסע. די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט זיגן נאָר אַלס אַרבעטער־באַוועגונג". די פאָלגנדיקע צען יאָר איז געגאַנגען אַן אומגעשטערטע אינדוסטריאַליזאַציע פון רוסלאַנד, געטריבן פאָראויס דורך אויסלענדישע קאַפּיטאַלן און דורך גרויסער מיליטערישער באַוואָפענונג און אויסשטאַטונג. צום סוף יאָרהונדערט זענען אין פּעטערבורג אויסגעבראָכן גרויסע שטרייקן. אין 1898 איז פון די פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס געגרינדעט געוואָרן די „רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקאַטישע פאַרטיי". אָבער באַלד האָבן זיך אין דער פּאַרטיי אויסגעבילדעט צוויי ריכטונגען וועלכע זענען, זינט דעם צוזאַמענפאָר פון 1903, באַקאַנט אונטערן נאָמען באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. אויף אָט יענעם צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין גענף, האָט די ריכטונג, בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען לענין, באַקומען די מערהייט (אויף רוסיש: באָלשינסטוואָ), און די צווייטע ריכטונג, מיט מאַרטאָוו־אַקסעלראָד אין דער שפּיץ, איז געבליבן אין דער מינדערהייט (אויף רוסיש: מענשינסטוואָ). פון דאַנען שטאַמען עס די נעמען פון די צוויי רוסישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. בעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 — זי איז אויסגעבראָכן נאָך דער פאַרשפּילטער מלחמה מיט יאַפּאַן — האָבן זיך דיביידע פאַרטייען ווידער פאַראייניקט, אָבער נישט אויף לאַנג. די מענשעוויקעס זענען בכלל גענומען עוואָלוציאָניסטן און די רעוואָלוציע באַטראַכטן זיי נאָר אַלס ענדציל פון אַ לאַנגן פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג; דאַקעגן די באָלשעוויקעס באַטראַכטן די רעוואָלוציע, ווי אַ פאַקטאָר אויף צו פאַרגיכערן די עוואָלוציע. די מענשעוויקעס זענען ענלעך צום לינקן פליגל פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין דער מלוכה־דומע, דעם איינציקן פּראָדוקט פון דער רעוואָלוציע פון 1905, איז געווען אויך אַן אַרבעטער־פראַקציע, און אין איר איז די מערהייט געווען אַ מענשעוויסטישע. און פאַר־

קערט, אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער איז גרעסער געווען דער באָלשעוויסטישער איינפלוס. די פּאַרטיי האָט אויסגעהאַלטן שולן אויך אין אויסלאַנד, וווהין זי האָט געשיקט די מער באַגאַבטע אַרבעטער צוליב רעוואָלוציאָנערער אויסבילדונג.

איינע פון די ענערגישסטע סעקציעס פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען דער יידישער „בונד“, וואָס איז אנטשטאַנען אין די ניינציקער יאָרן (1897) און איז באַשטאַנען פון יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס פון ליטע און טיילוויין פון פוילן.

אַ חוץ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז נאָך אין רוסלאַנד געווען זינט 1901 אַ פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (ס. ר.), וועלכע האָט געהאַלטן פון אַגראַר־סאָציאַליזם און אינדיווידועלן טעראָר. קיין מאַסן־באַוועגונג איז דאָס אָבער קיינמאָל נישט געווען. די פּאַרטיי איז געווען נאָך אַן איבערבלייבעניש פון אַן אַלטער רעוואָלוציאָנערער תקופה, דורכגעוועבט מיט נאַציאָנאַל־רוסישע און אַנטי־גערמאַנישע איבערלעבענישן און טעאָריעס.

ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט זיך די פּאַרטיי ס. ר., ווי אויך קראָפּאָטקין און דאָסגלייכן פּלעכאַנאָוו מיט זיינע פּערזענלעכע אָנהענגער, געשטעלט אויפן פּאַטריאָטישן באָדן, און די באָלשעוויקעס און דער רוב מענשעוויקעס זענען געבליבן טריי דעם אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט.

די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון פוילן איז ביז אין די אַכציקער יאָרן ענג פאַרבונדן מיט דער רוסישער באַוועגונג, סיי אידייאיש, סיי מאַטעריעל. אויך אין פוילן איז געווען אוטאָפּישער סאָציאַליזם, אַן אַגראַר־סאָציאַליסטישער און אַ טעראָריסטישער פּעריאָד. די פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציעס „זעמליאַ אי וואָליאַ“ און „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ האָבן צווישן זייערע פירנדיקע מיטגלידער געהאַט אייניקע זייער ענערגישע פּוילישע סטודענטן; הריניעוויעצקין האָבן די פּאָליאַקן אויך געהאַלטן פאַר אַ זייעריקן. אין 1878 איז אַנטשטאַנען די פּוילישע אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטאַריאַט“, אין וועלכער קוניצקי (פריער אַ מיטגליד פון

אויספיר־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ") האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קאָנספּיראַטאָרישן טאַלענט, און לודוויק וואַרינסקי, ש. מענדעלסאָן און ש. דיקשטיין — מיט זייער סאָציאַליסטישער בילדונג. די מייסטן פּיאָנערן פון אָט דער באַוועגונג זענען אומגעקומען ווי מאַרטירער, אָדער זיי האָבן לאַנגע יאָרן געשמאַכט אין די תפיסות, אָדער זיי זענען אומגעקומען אין פאַרשיקונג. ביסלעכווייז איז דער אינטערנאַציאָנאַלער שטאַנדפּונקט געוואָרן אָפּגעשוואַכט — די באַוועגונג איז געוואָרן נאַציאָנאַל; אין 1892 איז געגרינדעט געוואָרן די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), וועלכע האָט אַלץ מער פאַרבונדן דעם געדאַנק וועגן פּוילנס תחית המתים מיט דער באַוועגונג פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען. מיט דער צייט איז פּ. פּ. ס. געוואָרן ביי די מאַסן די טרעגערין פון דער נאַציאָנאַלער אידייע, און זי האָט אויף דעם באָדן זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע צו די רוסישע און דייטשע סאָציאַליסטן. אין דער מלחמה האָט זי איינגעזען אַ מיטל אויף צו באַפרייען זיך, צוערשט פון רוסלאַנד, און דערנאָך אויך פון דייטשלאַנד און פון עסטרייך. פון די רייען פון פּ. פּ. ס. זענען עס אַרויסגעקומען דאַשינסקי און פּילסודסקי, וועלכע האָבן געבילדעט די פּוילישע לעגיאָנען און האָבן דערפירט די מלחמה ביז צום סוף.

קעגן פּ. פּ. ס. איז געווען ראָזאַ לוקסעמבורג: אַלס אָפּאָזיציע האָט זי געגרינדעט (1893) די רוסיש־פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, כדי צו באַקעמפן די „סאָציאַל־פּאַטריאָטן", ווי זי האָט באַלד כאַראַקטעריזירט די פּ. פּ. ס. איינגעגעבן האָט זיך איר נאָך אָפּרייסן דעם לינקן פליגל פון פּ. פּ. ס. (1906), אָבער אויך ער האָט זיך אָרגאַניזירט אַלס זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי (לעוויצע פּ. פּ. ס.). ערשט בעת דער מלחמה שוין האָט זי זיך פאַראייניקט מיט דער ס. ד., און דערנאָך זענען זיי צוזאַמען אַריבער צום קאָמוניזם.

9. די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע

די פאַרשידענע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, וואָס הערעטיקער,

סעקטאַנטן, אוטאָפּיסטן און הומאַניסטן האָבן געגרינדעט אין צפון־אַמעריקע, גייען אונז דאָ נישט אָן. וועגן אייניקע פון אָט די קאָלאָניעס האָבן מיר, אגב, גערעדט אין III טייל פון אונזער בוך. דערמאָנען דאַרף מען נאָך די קאָלאָניע „בראָק פאַרם' (נעבן באָסטאָן), וועלכע איז אויפגעהאַלטן געוואָרן די יאָרן 1841 — 1847 פון אַמעריקאַנישע פוריעריסטן, מייסטנס געלערטע און שרייפטשטעלער, ווי דר. טשענינג, ריפליי, דאַנא א. א. „בראָק פאַרם" געהער שוין אויך צו אַ פאַרגאַנגענעם פעריאָד אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם. דאָ אינטערעסירט אונז די מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס איר טרעגער איז דער פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין דריטן פערטל פון פאָריקן יאָרהונדערט; אירע פּיאָנערן זענען געווען דייטשע קאָמוניסטן, וואָס האָבן נאָכן יאָר 1848 פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד, און אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע — זיך שאַפן אַ נייע היים, אַ נייעם ווירקונגס־געביט. אַ חוץ ווילהעלם ווייטלינג, וועלכער פאַרנעמט נאָך אַ מיטל־פּאָזיציע צווישן אוטאָפּישן און קלאַסן־קעמפערישן פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם, זענען די אַלע איבעריקע פּיאָנערן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעט אין אַמעריקע געווען פריינט און אָנהענגער פון מאַרקסן. לאָמיר דאָ אָנרופן די נעמען: יאָזעף ווײדעמייער, הערמ. מייער, פ. א. זאָרגע, יאָזעף דיצגען. די דייטשן טורן־פאַריינען זענען געווען די ערשטע טרעגער פון קאָמוניסטישן געדאַנק. די שאַפונג פון אַן אַמעריקאַנישער סעקציע פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָט אויך מיטגעהאָלפן אין דער פאַרשפּרייטונג פונם סאָציאַליזם. אין 1877 איז געגרינדעט געוואָרן די „ניו־יאָרקער פאָלקסצייטונג", און אין זעלבן יאָר — די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי (סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי — ס. ל. פּ.). די באַוועגונג איז געשטאַרקט געוואָרן אַ דאַנק דער דייטשער אימיגראַציע, אין דער צייט פון די דייטשן אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ (1878), אָבער די אימיגראַציע האָט געבראַכט אַהין אויך אַנאַרכיסטישע און לאַסאַליאַנישע עלעמענטן. דער אומדערמידלעכער יאָהאַן מאַסט, וועלכער האָט שוין פון סוף זעכציקער יאָרן

געפירט רעוואָלוציאָנערע ארבעט אין עסטרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד, איז איצט אויך געקומען קיין אַמעריקע און האָט גענומען פאַרשפּרייטן אַנאַרכיסטיש־טעראָריסטישע אידייען. אין 1866 איז אין טשיקאַגאָ, בעת אַ שטרייק, געקומען צו אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע און צו באָמבן־אַטענטאַטן, און מען האָט אַרעסטירט און אָנגעקלאָגט אין געריכט אַ גאַנצע רייע קאָמוניסטן — אויגוסט ספּייס, א. ר. פּאַרסאָנס, לואי לינג, דזשאָרדזש ענדזשל, פּעלדין, אַדאָלף פישער, אָסקאַר ניב און מיכאל שוואב. פּאַרסאָנס, ספּייס, פישער און ענדזשל זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און דעם 11 נאָוועמבער 1887 איז די טויט־שטראָף אויסגעפירט געוואָרן. לינג האָט מיט א טאָג פריער אַליין זיך גענומען דאָס לעבן.

די יאָרן 1886 און 1887 זענען נאָך באַרימט מיט דעם, וואָס דעמאָלט האָט הענרי דזשאָרדזש געפירט זיין באָדן־רעפאָרמערישע אַגיטאַציע אין ניו־יאָרק און בעלאַמי האָט פאַרעפנטלעכט זיין „צוריקבליק אויפן יאָר 2000“, די אַגיטאַציע פון דזשאָרדזשן, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין יאָר 1879 מיט זיין בוך „פּראָגרעס און אָרעמקייט“, האָט געפונען אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין גרויס־בריטאַניע; און בעלאַמיס בוך, וואָס איז געוואָרן איבערגעזעצט אויף אַלע ציוויליזירטע שפּראַכן, האָט אומעטום פּאָפּולער געמאַכט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק: אין בוך ווערן באַשריבן די וואונדער פון דער מאָדערנער טעכניק אין דינסט פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט.

אין די 80־ער יאָרן זענען צו דער ס. ל. פּ. צוגעשטאַנען שוין אַמעריקאַנישע עלעמענטן, צווישן זיי דאַניעל דע לעאָן, אַ ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט־דאָצענט, און דער שריפטשטעלער לוסיען סאַניעל, ביידע שטרענגע מאַרקסיסטן, קעגנער פון יעטוועדן קאָמפּראָמיס. נאָר דע לעאָן איז באַגאַנגען דעם פעלער, וואָס ער האָט געוואָלט שאַפן אַן אייגענע סאָציאַליסטישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, אַנשטאָט צו לאָזן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן טון זייער אַרבעט אין די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אַלס אָפּאָזיציע קעגן דעם אַמעריקאַנישן געווערקשאַפט־פאַרבאַנד (אַמעריקען פע־

דערייִשן אָף לייבאָר — א. פּ. ל.) האָט ער געגרינדעט די „סאָשעַ־ליסט טרעד ענד לייבאָר אַליאַנס“, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו ברענגען די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אויף סאָציאַליסטישע רעלסן, און אָנשטאָט פאַך־פאַריינען זאָלן געבילדעט ווערן אינדוסטריע־פאַרבאַנדן. די אַמעריקאַנישע געווערקשאַפט־פירער האָבן זיך באַנוצט מיט דע לעאָנס אַגיטאַציע, ווי מיט אַן אויסרייד אויף איינצושמועסן די אַרבעטער, אַז סאָציאַליסטן זענען בכלל קעגן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. און אויסער דעם זענען די מייסטן דייטשע עלעמענטן פון דער ס. ל. פּ. געווען קעגן דע לעאָנס טאַקטיק, און זייער אָפּאָזיציע האָבן זיי געבראַכט צום אויסדרוק אין דער „ניו־יאָרקער פאָלקסצייטונג“, בעת דע לעאָן האָט געפירט זיינע אייגענע אָנשויאונגען אין דעם וואָכנבלאַט “פּעפּל” (פאָלק). לסוף איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג. די אָפּאָזיציע האָט פאַרלאָזן די ס. ל. פּ. און האָט געגרינדעט אין 1901 די „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע“ (ס. פּ. אַ.), וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ היפּשע אַנטוויקלונג ביז 1920. די ס. ל. פּ. איז צוריקגעגאַנגען אין איר אַנטוויקלונג. ביי די פּרעזידענט־וואַלן האָבן באַקומען:

יאָר	ס. ל. פּ.	ס. פּ. אַ.
1904	31,249	402,283
1908	13,824	420,713
1912	29,259	897,011
1920	31,175	915,412

די יאָרן 1903 — 1905 האָט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויך אָנגעהויבן אויסבילדן אַ סינדיקאַליסטישע ריכטונג; עפּעס אויף אַ מערקווירדיקן אופן האָט זיך געמאַכט, אַז די דאָזיקע ריכטונג איז אַנטשטאַנען אין דעם דייטשן פאַריין פון אַרבעטער אין די ביר־ברויערייען. אין 1905 האָט דע לעאָן מיט זיינע פריינט געגרינדעט די „אינדוסטריעל וואָרקערס אָף דזע וואָרלד (אי. וו. וו.) אַ פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע רוקט אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן די עקאָנאָמישע אַקציע, אָבער זי פאַרוואַרפט נישט אינגאַנצן אויך די פּאַרלאַמענטאַרישע אַרבעט. אָבער־

אינגיבן האט זיך די דאזיקע ארגאניזאציע ווידער געשפאלטן, ווייל א טייל פון דער אי. וו. וו. האבן געהאלטן יעדע פארלאמענטארישע ארבעט פאר רעאקציאנער; דער צווייטער טייל, וועלכער איז גע־בליבן טריי דע לעאנס פראגראם, האט זיך גערופן „ווארקערס אינ־טערניישענעל אינדוסטריעל אוניאן“. בעת דער וועלט־מלחמה האבן די מיטגלידער פון דער אי. וו. וו. גרויסע קרבנות געבראכט פאר זייערע איבערצייגונגען. סעפטעמבער 1917 האט מען ארעס־טירט 95 פון אירע אנגעזעענערע מיטגלידער און מען האט זיי אלעמען פארמשפט צו לאנגע יארן תפיסה.

IX. פעלקער־קריג און רעוואָלוציע

(1920 — 1914)

1. באַנקראָט און שפּאַלטונג פון II אינטערנאַציאָנאַל

די ווידערשפּרוכן און קעגנזאַצן, וואָס ציִיטיקן זיך אין שויס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און ווייזן זיך אַלע מאָל אַרויס פון דאָס ניי אין אַ שטאַרקערער מאָס, האָבן סוף כל סוף אַרויסגערופן אַ וועלט־שרפה, וואָס אויף זי צו שילדערן אָדער צו סימבאַליזירן וואָלט שוואַך געווען אפילו די אומגעצוימטסטע פאַנטאַזיע פון די אוראַלטע לעגענדאַרישע ציִיטן.

אין יולי 1842 האָט הײַנע נביאיש פאָראויסגעזאָגט דעם קומענדיקן דור, ד. ה. זײַנע אייניקלעך, וועגן וועלט־קריג און וועלט־רעוואָלוציע: „ווילדע, פינסטערע ציִיטן רוקן אָן, און אויב אַ נביא וואָלט געוואָלט אַ נייעם אַפּאָקאַליפּס שרייבן, וואָלט ער געמוזט זייע בעסטיעס דערפינדן, אַזעלכע שרעק־וואַרפנדיקע, אַז די אַמאָליקע יאָהאַנישע חיה־סימבאָלן זאָלן זײַן קעגן זיי, ווי מילדע טויבעלעך און אַמאָרעטן...“

אַ שטורעם איז אַדורך דורך דער וועלט־געשיכטע. דער קאַמף, וואָס די אַנטאַנט (ענגלאַנד־פראַנקרייך־רוסלאַנד) מיט דער קאָאַליציע (דייטשלאַנד־עסטרייך) האָבן אָנגעהויבן אין אויגוסט 1914, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מלחמה פון אַלע קעגן אַלע.

און אין מיטן פון אָט דער קאַטאַסטראָפע זענען די מאַסן געווען ווי אָן אַ שיף און אָן אַ רודער, — וואָרום דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז זיך באַלד, ביי די ערשטע שטורם־דונערן, צעפאַלן, פּרינציפּלאָז און אָפּאָרטוניסטיש, ווי אַ קאָרטן־שטיבל.

ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָבן זיך די קריג־פירנדיקע פעלקער נישט צעטיילט אויף קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער. אינעווייניק אין די מלחמה־פירנדיקע לענדער האָט זיך איינגעשטעלט בורגפרידן; עקאָנאָמישע קאָנפליקטן האָט מען אויסגעמיטן; אויף דרויסן זענען די פעלקער־גרופּעס געשטאַנען איינע קעגן דער צווייטער, אַזוי ווי די דיפּלאָמאַטיע האָט זיי אין משך פון יאָרצענדלינגען אויסגעדרעסירט. די שייד־ליניע איז געווען, אַלזאָ, נישט לויט דעם סאָציאַליסטיש־פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, נאָר לויט דעם קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז דעם גרויסן נסיון נישט ביי־געשטאַנען: נאַציאָנאַליזם און רעוויזיאָניזם האָבן אים פאַרבונדן מיט דער היינטיקער אָרדנונג און אים מיטגעריסן אין דער מלחמה־שיכרות.

אַזוי ווי אַ טייל בעלגיע איז אין אויגוסט 1914 פאַרנומען געוואָרן פון דייטשיש מיליטער, האָט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ נישט געקאָנט ווייטער פאַרבלייבן אין בריסל. דער סעקרעטאַר הויסמאַנס איז אַריבערגעפאָרן קיין האַאַג און האָט דאָרט, צוזאַמען מיט די האָלענדישע פירער, געבילדעט די ביוראָ; אין דער זעלבער צייט איז וואַנדערוועלדע געוואָרן מיטגליד פון דער בעלגישער רעגירונג. הויסמאַנס האָט געפּרוּווט צוזאַמענרופן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ — אָבער אָן דערפאָלג; בלויז די נייטראַלע זענען זיך צונויפגעקומען ערשט אין 1917-18 אין קאָפּענהאַגען און האָבן אַפּעלירט צו די סאָציאַליסטן פון די קריג־פירנדיקע לענדער, זיי זאָלן זען אַ סוף מאַכן צו דער מלחמה. די „אַליאירטע“ סאָציאַליסטן האָבן אָפּגעהאַלטן דעם 17 פעברואַר אַ קאָנפערענץ אין לאָנדאָן און האָבן פאַרלאַנגט ווייטער צו פירן די מלחמה; נאָר די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין אָט דער קאָנפערענץ. דעם 12־טן און 13־טן אַפּריל האָבן די דייטשע און עסטרייכישע סאָציאַליסטן אויך אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ, אין ווין. ביסלעכווייז אָבער האָט פאַר פיל סאָציאַליסטן אָנגעהויבן קלאָר ווערן, אַז זיי געפינען זיך אויף אַ פאַלשן וועג, אַז זיי זענען אומטריי צו זייערע אַלטע

איבערצייגונגען; — און זיי האָבן געפּרוווט זיך אומקערן צום אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט.

די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע סימנים פון שפּאַלטונג זענען געווען די מינדערהייט־קאָנפערענצן אין צימערוואַלד און קינטאַל. סעפּטעמבער 1915 זענען זיך אין צימערוואַלד צוזאַמענגעקומען רעוואָלוציאָנערע און אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן פון רוסלאַנד (לענין, זינאָוויעוו, ראַדעק), פון דייטשלאַנד (לעדעבור, האָפמאַן א. אַ.), פון פראַנקרייך (בלאַן, בריזאָן, לאָריאָ א. אַ.) און נאָך פון אייניקע נייטראַלע לענדער — און די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן אָנווענדן דעם פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף. אַן ענלעכע קאָנפערענץ איז אין אַפּריל 1916 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קינטאַל (שווייץ). קיין ענגלישע דעלעגאַטן זענען נישט געווען נישט אויף דער ערשטער און נישט אויף דער צווייטער קאָנפערענץ; וואָרום די ענגלישע רעגירונג האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין פּעסער. נאָכן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע (מערץ 1917) האָט הויסמאַנס גערופן אַ קאָנפערענץ פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל קיין שטאָקהאָלם, אָבער אַזוי ווי די ענגלישע און פראַנצויזישע רעגירונגען האָבן נישט געגעבן קיין פּעסער די דעלעגאַטן, האָט די קאָנפערענץ נישט געקאָנט צושטאַנד קומען.

דערווייל זענען די אָפּאָזיציאָנעלע ריכטונגען אַביסל אויסגעוואַקסן אין די מלחמה־פירנדיקע לענדער גופא. אין דייטשלאַנד איז קאַרל ליבקנעכט געווען דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער פּאָליטיק פון בורגפרידן (דעצעמבער 1914). מיט אים צוזאַמען האָבן געאַרבעט אין דער זעלבער ריכטונג ראָזאַ לוקסעמבורג, לעאָ יאָגיכעס און פראַנץ מערינג; אין מערץ 1915 האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסגעבן די צייטשריפט „אינטערנאַציאָנאַל“, און אַביסל שפּעטער האָבן זיי געגרינדעט דעם ספּאַרטאַקוס־בונד, און פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט „ספּאַרטאַקוס־בריוו“. מיט איין יאָר שפּעטער איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: 18 מיטגלידער פון דער פּאַרלאַמענט־פראַקציע, אונטער דער פירונג פון האַזע האָבן געבילדעט אַ סאָצ. אַרבעט־

געמיינשאַפט, וועלכע האָט זיך דערנאָך, אין אַפּריל 1917, קאָנסטיטואירט אַלס אומאָפּהענגיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד (או. ס. פּ. ד.). די אַלטע ס. פּ. ד. האָט זיך פון דאַן אָן גערופן די מערהייט־פּאַרטיי און די או. ס. פּ. ד. — די מינדערהייט־פּאַרטיי. די או. ס. פּ. ד. און דער ספּאַרטאַקוס־בונד האָבן זיך באַמיט צו רעוואָלוציאָניזירן די געמיטער.

אין פראַנקרייך האָט זיך אויך אויסגעבילדעט אַן אָפּאָזיציע, געפירט פון זשאַן לאָנגע; די לאַגע אין דער באַוועגונג איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ וואַקלדיקע, ביז לסוף די מינדערהייט איז געוואָרן די מערהייט; אָבער די פראַנצויזישע אָפּאָזיציע איז געווען אַ סך ווייניקער רעוואָלוציאָנער, איידער די או. ס. פּ. ד. און אוודאי ווייניקער, איידער דער ספּאַרטאַקוס־בונד. נאָר די פון לאָנגע געפירטע אָפּאָזיציע איז אָבער נישט געווען די איינציקע: לינקער פון איר האָט זיך געהאַלטן אין אויסבילדן אויך אַ קאָמוניסטישע שטרעמונג.

אין ענגלאַנד האָט זיך אָפּגעריסן אַ טייל פון דער ס. פּ. ד. און האָט געקעמפט פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט; שפּעטער איז אָט דער טייל געוואָרן קאָמוניסטן.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז די מערהייט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געווען קעגן דעם, אַמעריקע זאָל אַריינטרעטן אין דער מלחמה, בלויז אַ מינדערהייט האָט זיך געשטעלט אויפן מלחמה־באָדן. נאָכן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך אין דער מערהייט גופא געבילדעט אַ קאָמוניסטישע ריכטונג און דאַן איז עס געקומען צו אַ רייע שפּאַלטונגען און אָפּשפּליטערונגען.

2. די רוסישע רעוואָלוציע

ביז אָנהויב 1917 האָט די רוסישע אַרמיי געהאַט געליטן אַ סך מפּלות און אָפּגעהאַלטן אויך היפּשע נצחונות — אָבער אין לעצטן סך הכל איז די קאַמף־קראַפט פון דער אַרמיי געווען געבראָכן. דער דייטשער און טערקישער פלאָט האָבן בלאָקירט רוסלאַנד אויפן באַלטישן ים און ביי די דאַרדאַנעלן — אַזוי אַז

רוסלאַנד האָט נישט געקאָנט באַקומען קיין שום ממשותדיקע הילף פון אירע מלחמה־פאַרבינדעטע. סוף כל סוף איז אין רוסלאַנד געקומען צו אַ מיליטערישן, פאַרקער־טעכנישן און ווירטשאַפטלעכן צוזאַמענבראָך, עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטרייקן, אומרוען, און לסוף אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע האָט אין מערץ 1917 געפירט צו דער אַבדיקאַציע פונם צאַר און צו דער אויסבילדונג פון אַ פּראָוויזאָרישער קאָאַליציע־רעגירונג. גרויסע טיילן פון דער אַרמיי און פון פויערטום האָבן פאַרלאַנגט תיכף פרידן; די פאַרבינדעטע מלוכות אָבער, געשטיצט פון די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון פראַנקרייך און בעלגיע, האָבן געדריקט און געפאָדערט ווייטער צו פירן די מלחמה. קערענסקי, דער הויפּט פון דער צייטווייליקער רעגירונג, האָט דאַן אונטערגענומען אַן אָפענסיווע אין גאַליציע קעגן עסטרייך־דייטש־טערקישן פראָנט; נאָך אַ פּאָר קליינע דערפאָלגן באַלד אין אָנהויב, האָט זיך די אָפענסיווע געענדיקט מיט אַ דורכפאַל און מיט אַ פולשטענדיקער דעזאָרגאַניזאַציע פון דעם רוסישן מיליטער. צווישן די פּראָלעטאַרישע און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד איז דערווייל געוואַקסן די באָלשעוויסטישע באַוועגונג, און דעם 7־טן נאָוועמבער 1917 האָבן די באָלשעוויקעס געזיגט אויף דער גאַנצער ליניע. אין משך פון געציילטע וואָכן איז דאַן אַריבער גאַנץ רוסלאַנד אַ פּאָליטישע און אַגראַרישע רעוואָלוציע, וואָס זעלטן ווער אין אייראָפּע האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַט די רעוואָלוציע זאָל קאָנען לאַנג אָנהאַלטן. די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט דאַן פאַרגעלייגט דער קייזערלעכער דייטשער רעגירונג צו שליסן אַ באַלדיקן שלום אָן אַנעקסיעס; די דייטשע רעגירונג האָט דעם פאָרשלאַג כלומרשט אָנגענומען, אָבער דורך שפּיצלעך, דיפּלאָמאַטישע ווינקל־גענג און קריגערישע איבערפאַלן האָט זי זיך באַמיט צו קומען צו אַ זונ־פרידן; סאָוויעט־רוסלאַנד האָט אונטערגעשריבן דעם אויפגעצוווּנגענעם בריסקער שלום (1 מערץ 1918), אָבער די מאַסן־שטרייקן פון די דייטשע אַרבעטער סוף יאַנואַר 1918, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס מען דריקט די רוסן, זענען געווען אַ שלעכטער אָנזאָג פאַר דייטשלאַנד. לפּנים זענען לענין און טראָצקי אַרויס געשלאָגענע

פון די בריסקער אונטערהאַנדלונגען, אָבער אין דער אמתן האָט דער דייטשער גענעראַל־שטאַב און די ווילהעלמישע רעגירונג אויפגעשטעלט רושטאָוואַניעס פאַרן קומענדיקן שלום־אָפּמאַך פון ווערסאַל.

פון דעם הויפן חורבות, וואָס די רוסישע אימפּעריע האָט פון זיך פאָרגעשטעלט אָנהויב 1918, אין פּאָליטישן און ווירטשאַפטלעכן זינען, האָבן לענין און טראָצקי, מיט זייערע מיטאַרבעטער, געשאַפן די ראַטן־רעפּובליק, וועלכע האָט איבערגעלעבט די אַלע קילמאַנס, האָפמאַנס און טשערנינס און האָט אויסגעהאַלטן אַלע בירגער־קריגן, וועלכע די אַנטאַנט האָט פינאַנסירט און אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע טיילן פון דער רוסישער אימפּעריע; זי איז אויסגעשטאַנען קריג־אָפּעראַציעס מיט די טשעכאָסלאָוואַקן, מיט קאָרנילאָוון, יודעניטשן, קאָלטשאַקן, דעניקינען, מיט די פּאָליאַקן און מיט וראַנגעלן און מיט אַלע זייערע פראַנצויזישע אונטערהעלפער.

אָבער אַזוי ווי דער מערב־ און מיטל־אייראָפּעאישער פּראָלעטאַריאַט איז פאַרבליבן פּאַסיוו, און דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל האָט, דאַקעגן, אַרויסגעוויזן אַ גרויסע קלאַסן־באַוואוסטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַקטיווקייט, האָט די ראַטן־רעפּובליק געמוזט פאַרהאַלטן דעם סאָציאַליזיר־פּראָצעס אין רוסלאַנד, איבערגיין צו מלוכה־סאָציאַליזם און פאַרלייגן קאָנצעסיעס דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל.

כדי צוצוגרייטן און דיסציפּלינירן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט פאַר דער וועלט־רעוואָלוציע — אַן אויפגאַבע, פאַר וועלכער דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט קאַפּיטולירט — האָבן די באָלשעוויקעס געגרינדעט, מערץ 1919, דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו דערציען די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס צו קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף סיי פאַר די טאָג־אינטערעסן פון די אַרבעטער, סיי פאַר זייער ענדגילטיקער באַפרייאונג.

3. ד׳ דריטע דייטשע רעוואָלוציע

1919 — 1918

אין אויגוסט 1914 איז דאָס דייטשע פֿאָלק אַריינגעטרעטן אין דער מלחמה, אָבער ערשט אין אויגוסט 1918 איז עס געוואָר געוואָרן, אַז עס האָט מער קיין כוח נישט צו האַלטן זיך קעגן אַ וועלט מיט קעגנער. עס האָט געמוזט קאַפּיטולירן פֿאַר דער אומ־געהייערער איבערמאַכט פֿון צוויי קעגנגעזעצטע קרעפֿטן: פֿונם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. די דייטשע רעגירונג און דער גענעראַל־שטאַב האָבן אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען, ווי צו שאַפֿן זיך שונאים אין אַלע מעגלעכע לאַגערן און ווי זיי אין געגעבענעם מאָמענט צו פֿאַרייניקן אַלע קעגן זיך. סוף סעפּטעמבער 1918 איז געווען אויס מיט דער מיליטעריש־קייזערלעכער הערשאַפֿט: פֿון דער הויפּט־קוואַרטיר האָט מען דרינ־גענדיק געפֿאָדערט מען זאָל אָנהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן וואָפֿנשטילשטאַנד; גראַף הערטלינג, דער לעצטער מלוכה־קאַנצלער פֿון אַלטן דייטשלאַנד, האָט זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע; פּרינץ מאַקס פֿאָן באַדען, געשטיצט פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן שיידע־מאַן און באַוער, האָט איבערגענומען די רעגירונג איבער אַ נייעם אויפֿגעברויזטן דייטשלאַנד, ווו עס האָט זיך דעם 30 אָקטאָבער אָנגעהויבן אַ שאַרפֿער רעוואָלוציאָנערער צושטאַנד. די אַלטע מאַכט האָט באַקומען איר ערשטן קלאַפּ אין קיל, דערנאָך אין שטוטגאַרט, אין מינכען, און דעם 9־טן נאָוועמבער — אין בערלין. דער פֿלאָט און דאָס מיליטער זענען אַריבער אויף דער זייט פֿון דער רעוואָ־לוציע. פּרינץ מאַקס האָט דאַן איבערגעגעבן די קאַנצלערשאַפֿט פֿרידריך עבערטן, דעם פֿאַרטרוי־מאַן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע. דער קייזער האָט אַבדיקירט און איז פֿון דער מיליטערישער הויפּט־קוואַרטיר אָפּגעפֿאָרן קיין האָלאַנד; שיידעמאַן האָט פּראָ־קלאַמירט די דייטשע רעפּובליק; דאָס פֿאַלן פֿון דער קייזערלעכער טרוין האָט געצויגן נאָך זיך דאָס פֿאַלן פֿון אַלע איבעריקע דייטשע דינאַסטיעס און אויטאָקראַטן. די רעוואָלוציע האָט אָן בלוט־פֿאַר־

גיסונג געזיגט אין גאנץ דייטשלאנד, פונקט ווי זי האט מיט עטלעכע טעג פריער געזיגט אין עסטרייך.

דער זיג פון דער רעוואלוציע איז געווען איינפאך די פרוכט פון דער מיליטערישער מפלה. מען האט אבער דאן באדארפט פאנאנדערוויקלען די רעוואלוציע. און דא האבן זיך ארויסגעוויזן די פאטאלע פאלגן פון דער פארנאכלעסיקטער סאציאליסטישער דערציאונג פון פאר דער מלחמה. שוין די ערשטע טעג פון דער רעוואלוציע האבן זיך אומעטום געבילדעט — לויטן מוסטער פון רוסלאנד — ארבעטער־ און סאלדאטן־ראטן, אבער עס האט אומעטום אין דייטשלאנד געפעלט איינקייט און איינהייטלעכע צילבאוווסטקייט. די פירער פון דער ס. ד., וועלכע האבן בכלל נישט געוואלט קיין שום רעוואלוציע און וואלטן זיך צופרידנגעשטעלט בלויז מיט א פארלאמענטארישן רעזשים — זיי האבן געהאלטן די דערובערונג פון דער דעמאקראטישער רעפובליק פאר דעם העכסטן פון אלע מעגלעכע צילן און האבן פארלאנגט וואלן אויף צונויפצורופן א נאציאנאל־פארזאמלונג; סאציאליזירן די קאפיטאליסטיש רייפע פראדוקציע־צווייגן, פארווירקלעכן דעם סאציאליזם — דאס איז גאר נישט געלעגן אפילו אויף דער ליניע פון זייער דענקען; די ספארטאקיסטן, מיט רוזא לוקסעמבורג אין דער שפיץ, האבן גערופן צו פראלעטארישער דיקטאטור און האבן, אלזא, געבילדעט די שארפסטע אפאזיציע קעגן דער ס. ד.; די פירער פון דער או. ס. פ. ד. (אומאפהענגיקע) האבן זיך געוואקלט צווישן דעמאקראטיע און דיקטאטור און האבן געפאדערט, מען זאל דערווייל אפווארטן מיט די וואלן. דאך האבן ס. ד. און או. ס. פ. ד. געארבעט תחילת צוזאמען (פון 9 נאוועמבער ביז 29 דעצעמבער 1918), און צו דריי פארטרעטער פוןביידע פארטייען — עבערט, לאנדסבערג, שיידעמאן, בארט, דיטמאן און האאזע — האבן געבילדעט די צייטווייליקע רעגירונג אדער דעם א. ג. ראט פון פאלקס־באפולמעכטיקטע. פון דעם מאנגל אין איינקייט, אין אן איינהייטלעכן ציל און איינהייטלעכער טאקטיק האט לסוף געוווּנען די ס. ד., און זי האט מיט אירע דעמאקראטישע לאזונגען געוווּנען אויף איר

זײט אַ סך אַרבעטער און סאָציאַליסטן און אָן אַ שיעור קלײנבירגערלעכע מיטלױפער; אפילו אַ סך בירגערלעכע האָבן זיך געשאַרט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, װײַל זײ האָבן אין איר געזען אַ שוץ־דאַמבע קעגן דער סאָציאַלער רעװאָלוציע, בפרט נאָך, אַז די צײַטװײליקע רעגירונג האָט, נאָכן אַרױסטריט פון די דרײ או. ס. פּ. ד.־מיטגלידער, אַרײַנגענומען אין איר באַשטאַנד צװײ רעכט־סאָציאַליסטן נאָסקע און װיסעל און האָט מיט דער הילף פון מאָנאַרכישן אָפיצירן־קאָרפּוס אָנגעהױבן דעם קאַמף קעגן רעװאָלוציאָנערן לינקן פליגל.

די דרײ װיכטיקסטע סאָציאַליסטישע פירער פון דער רעװאָלוציע: ראָזאַ לוקסעמבורג, קאַרל ליבקנעכט און קורט אײסנער זענען מערדעריש דערהרגעט געװאָרן און צוזאַמען מיט זײ טױזנטער בעסטע סאָציאַליסטישע קעמפער. אין די װינטער־ און פרילינג־חדשים פון 1918־19 האָט זיך אין דײַטשלאַנד איבערגעחזרט די פראַנצױזישע טראַגעדיע פון 1848 און 1793, װו מעסיקע סאָציאַלע און קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמער האָבן געפירט אַ פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן די ענערגישסטע עלעמענטן פון דער רעװאָלוציע — און האָבן דערמיט דורכגעלײגט אַ װעג פאַר דער רעאַקציע. די צײַטװײליקע רעגירונג האָט דורכגעפירט װאַלן דעם 19 יאַנואַר 1919; די ס. ד. האָט באַקומען אין די װאַלן איבער 11,5 מיליאָן שטימען, די או. ס. פּ. ד. איבער 2,3 מיליאָן שטימען; דער ספּאַרטאַקוס־בונד האָט באָיקאָטירט די װאַלן. די שטימען פון די צװײ סאָציאַליסטישע פּאַרטײען האָבן אױסגעמאַכט לערך 47 פּראָצענט פון דער אַלגעמײנער צאָל אָפּגעגעבענע שטימען, און אױף 421 מאַנדאַטן אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָבן זײ געהאַט 185. לױט די כּללים פון פּאַרלאַמענטאַריזם האָבן די סאָציאַליסטן װײַבאַלד זײ זענען אַ מינדערהײט אין פּאַרלאַמענט, נישט געקאָנט בילדן אַלײן קײן רעגירונג, און לױט די כּללים פון סאָציאַליזם האָבן זײ נישט געטאָרט זיך קאָאַלירן מיט בירגערלעכע פּאַרטײען. אױף אַזאַ אופן װאָלט עס געװען לאָגיש מצד די סאָציאַליסטן, זײ זאָלן זיך אָפּזאָגן פון צו בילדן די רעגירונג. אָבער בײ

דער דעמאָלטיקער לאַגע אין לאַנד וואָלטן די בירגערלעכע נישט געוואַגט איבערצונעמען די מלוכה־שיף אין זייערע הענט, די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבן נאָך צו הויך געשלאָגן.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געטיילט די נאַציע גישט אויף קלאַסן נאָר אויף רעפאָרם־פריינטלעכע און רעפאָרם־פיינטלעכע (אנטי־דעמאָקראַטישע) פאַרטייען, האָט געביל־עט דאַן אַ רעגירונג צוזאַמען מיטן צענטרום און מיט די בירגערלעכע דעמאָקראַטן, און האָט אַזוי ארום גענומען אויף זיך גרויסע אחריותן, גישט האַבנדיק דערביי די מאַכט אין האַנט צו פירן אַ סאָציאַליזירונג־אַרבעט, ווי די מאַסן האָבן געפאָדערט. די ס. ד. איז געזעסן אין דער רעגירונג, אָבער רעגירט האָבן מיליטער, ביוראָקראַטיע און קאַפּיטאַל. די איינציקע פרוכט פון דער רעוואָלוציע איז די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן (אין ווייַמאַר) דעם 11 אויגוסט 1919. די דאָזיקע פּאָליטיק פון דער ס. ד., צוזאַמען מיט דעם אומאויפהערלעכן דרוק פון דער אַנטאַנט, אויפן יסוד פון ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך, האָבן אוממעגלעך געמאַכט דעם ווידער־אויפבוי פון דייטשלאַנד אויף אַ סאָציאַליסטישן יסוד.

אַ סך אַנטטוישטע אַרבעטער זענען אַוועק צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (דעם פריערדיקן ספּאַרטאַקוס־בונד), און די לעצטע איז דערנאָך באַדייטנד פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער שפּאַלטונג פון דער או. ס. פּ. ד. אין 1920: אַ טייל איז דאַן אַוועק צו די קאָמוניסטן, און דער אַנדערער טייל האָט זיך אין 1922 צוריק פאַראייניקט מיט דער ס. ד.

4. די סאָציאַלע אויפרודערונג אין פראַנקרייך און גרויס־בריטאַניע

1920 — 1917

די יאָרן 1917 — 1920 זענען אויך פאַר די זיגער־לענדער פון אייראָפּע געווען יאָרן פון אינערלעכער צערודערונג; און ווען די דייטשע רעוואָלוציע וואָלט געווען זיך איינגעגעבן, וואָלט עס געקומען צו אַן איבערקערעניש אין מערב־אייראָפּע. אויף דער קאָנ־

פּערענץ פון דער פראַנצויזישער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע אין קלער־מאָן־פעראַן (דעצעמבער 1917) האָבן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן געהאַט די מערהייט, און דערנאָך, אין מערץ 1918, האָבן זיי אָפּגעהאַלטן אַן אייגענע קאָנפערענץ אין סענט־עטיען. אָנהויב 1918 זענען אין פראַנקרייך פאָרגעקומען גרויסע שטרייקן; אייגע פון די פאָדערונגען אין די שטרייקן איז געווען תיכף שליסן וואָפנשטילשטאַנד און זיך אָפּזאָגן פון יעדער מיליטערישער אינטערווענץ אין רוסלאַנד.

אויך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פראַנקרייך האָט זיך זינט 1917 געשטאַרקט דער אָפּאָזיציאָנעלער עלעמענט, און אין 1919 איז אַנטשטאַנען אַ קאָמוניסטישע ריכטונג, וועלכע האָט אויפן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין טור (דעצעמבער 1920) דורכגעפירט מיט 3252 שטימען קעגן 1450 אַ באַשלוס וועגן אַריינטרעטן אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל. די פּאַרטיי האָט זיך געשפּאָלטן.

אין גרויס־בריטאַניען זענען זינט 1917 כסדר אויסגעבראָכן שטרייקן, וועלכע האָבן צום טייל געטראָגן אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. אויף די טרעדיוניאָניסטישע צוזאַמענפאָרן האָט מען כסדר אָנגענומען רעזאָלוציעס, וואָס האָבן געפאָדערט פאַר די אַרבעטער מיטבאַשטים־רעכט אין דער אָנפירונג מיט דער פּראָדוקציע. אין צענטער פון קאַמף איז געשטאַנען די פאָדערונג וועגן נאַציאָנאַליזירן די באַרג־אינדוסטריע, און אין 1920 האָט עס שוין געהאַלטן ביי אַ גענעראַל־שטרייק אויף דעם דאָזיקן באָדן, ווען די פירער פון די אייזנבאַנער און טראַנספּאָרט־אַרבעטער האָלטן אין לעצטן מאָמענט זיך נישט געווען צוריקגעצויגן פון קאַמף, מחמת מורא, אַז דער גענעראַל־שטרייק זאָל נישט ווערן פּאַקטיש קיין אַריינפיר צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. און אַז די עקאָנאָמישע אַרויסטרעטונגען זענען שוואַכער געוואָרן, זינט 1920, האָט עס געפירט צו דעם, אַז ס'האָט זיך פאַרשטאַרקט די פּאַרלאַמענטאַרישע אַקציע, און זי האָט דער לייבאָר־פּאַרטיי געבראַכט אין 1922 אַ גאַנץ היפּשן דערפאָלג ביי די וואַלן: 4,2 מיליאָן שטימען און העכער 140 מאַנדאַטן.

VII. די קלענערע פּאַרטייען

1. אין אייראָפּע

1870 --- 1920

אין דענעמאַרק פאַרמאָגט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל
איינע פון די לערך שטאַרקסטע סעקציעס, הגם דאָס לאַנד לעבט
דער עיקר פון לאַנדווירטשאַפט. די ערשטע פּרוּוון פון פּאָליטישער
אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד איז דערווייל געוואַקסן די באָלשע־
האָבן די אַרבעטער געגרינדעט פאַך־פאַריינען, און אין די פּאַריי־
נען זיך פאַרנומען מיט סאָציאַליסטישע אידייען, און — אויך
מיט אוטאָפּיעס. אין 1878 איז די באַוועגונג שוין געווען גענוג
שטאַרק, אום צו גרינדן אַ פּאַרטיי, מיטן נאָמען „סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטישער פאַרבאַנד“. שוין אין יאָר 1884 האָט די דענישע סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטיע געהאַט צו פאַרצייכענען אַ היפּשן דערפאָלג ביי
די וואַלן צום פּאַרלאַמענט; אָבער אַזוי ווי דער דערפאָלג איז דער־
גרייכט געוואָרן אַ דאַנק דער הילף פון די ליבעראַלן, איז אין דער
פּאַרטיי אויפגעקומען אַן אָפּאָזיציע, וועלכע האָט געפאָדערט, מען
זאָל איינהיטן דעם ריין פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער פון דער באַ־
וועגונג. אָבער אַ חוץ אין 1919 — 1920 האָט די לינק־סאָציאַליס־
טישע אָפּאָזיציע אין דענעמאַרק קיינמאָל נישט געשפּילט קיין
גרעסערע ראָל. די פּאַרטיי איז פּאַקטיש אַ געווערקשאַפטלעך־סאָ־
ציאַל־רעפאָרמערישע פּאַרטיי, ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי
פון דייטשלאַנד, אָדער ווי די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי. פּרעסע,
בילדונגס־וועזן, קאָאָפּעראַציע־וועזן זענען ביי דער דענישער סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטיע ברייט און מוסטערהאַפט אַוועקגעשטעלט. אין
אָקטאָבער 1916, בעת די רעגירונג האָט פאַרקויפט די דענישע
וועסט־אינדישע אינזלען צו די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע,
האָט דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר באַשלאָסן אונטערצושטיצן די

ליבעראלע רעגירונג. דער פירער פון דער דענישער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע סטאַאונינג איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רעגירונג, — ביז די רעגירונג איז נישט געפאַלן אין מערץ 1920. ביי די וואַלן, אין סעפּטעמבער 1920, האָט די פּאַרטיי באַקומען 48 מאַנדאַטן אין פּאַרלאַמענט און 22 אין דער העכערער פּאַלאַטע.

די אַרבעטער־באַוועגונג פון נאָרוועגן איז די ערשטע צייט גע־וואַן אונטער דער השפּעה פון דער באַוועגונג אין דענעמאַרק. אויך דאָ האָט זיך די באַוועגונג אָנגעהויבן אַרום יאָר 1871; אָבער ערשט אין 1887 האָט זיך איינגעגעבן גרינדן די „נאָרוועגישע אַרבעטער־פּאַרטיי“, אין וועלכער ס'האָבן זיך אויך באַלד אויסגע־בילדעט אַ רעכטער און אַ לינקער פליגל. פון 1905 אָן האָט זיך אָנגעהויבן אין לאַנד אַ פּראָצעס פון שנעלער אינדוסטריאַליזירונג, און דאָס האָט רעוואָלוציאָניזירט אויך די אַרבעטער־מאַסע, וועלכע האָט אין טראַנמעלן געפונען אַ רעוואָלוציאָנערן פירער. אין 1912 האָט זיך דער לינקער פליגל אָרגאַניזירט, אַלס באַזונדערע גרופּע; אין 1918 האָט דער לינקער פליגל דעראָבערט די פּאַרטיי און די געווערקשאַפטן. דער רעכטער פליגל איז דאַן אַרויס פון דער פּאַר־טיי, און האָט אין 1920 געגרינדעט די נאָרוועגישע סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

אין קעגנזאַץ צו דער דענישער באַוועגונג, וועלכע טראָגט אַ געווערקשאַפטלעך־פּראַקטישן כאַראַקטער, צייכנט זיך אויס די נאָר־וועגישע אַרבעטער־באַוועגונג מיט איר העכערן טעאָרעטישן ניוואָ און האָט אין אירע רייען אַ לערך צאָלרייכע אינטעליגענץ, וועלכע לעבט מיט מיטן גאַנצן סאָציאַליסטישן דענקען פון מערב און מזרח־אייראָפּע.

שוועדן האָט באַקומען דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אָנזאָג אין 1881 פון דעם שניידער אויגוסט פּאַלם, וועלכער האָט אַ צייט גע־אַרבעט אין צפון־דייטשלאַנד און האָט דאָרט קענען געלערנט דעם סאָציאַליזם. פּאַלם איז געווען אַן אמתער אַפּאָסטעל; צו פוס האָט ער דורכגעוואַנדערט דאָס גאַנצע לאַנד און אומעטום געפּרעדיקט די נייע לערע. נאָך אים איז געקומען דער געוועזענער סטודענט

האַלמאַר בראַנטינג, וועלכער האָט זינט 1885 געאַרבעט אין דער פּאַרטיי, אַלס זשורנאַליסט, און האָט אין 1886 געגרינדעט דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט“ (פֿון 1890 דערשיינט ער טעגלעך). אין 1889 איז געגרינדעט געוואָרן די שוועדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. מיט צען יאָר שפּעטער האָט די פּאַרטיי אָנגעהויבן אַ קאַמף פֿאַר אַ וואַל־רעפֿאָרם און האָט לסוף דעם קאַמף געוווּנען. מיט דער הילף פֿון אַ גענעראַל־שטרייק. די פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטן גרויסע פּאַרלאַמענטאַרישע נצחונות, נאָר זי איז אָבער געוואָרן רעוויזיאָניסטיש, אַזוי אַז ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַ רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציע. בעת דער וועלט־מלחמה האָט בראַנטינג פֿאַרטראָטן אַן איינזייטיקן אַנטאַנט־פֿריינטלעכן שטאַנדפּונקט; אין 1917 איז ער אַריינגעטרעטן אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג, וועלכע האָט זיך געהאַלטן ביז 1920; דאַן איז די קאָאַליציע־רעגירונג געפֿאַלן, און איר אָרט האָט פֿאַרנומען אַ ריין־סאָציאַליסטישע רעגירונג (מיט בראַנטינגן אַלס פּרעמיער) — אָבער די דאָזיקע רעגירונג האָט זיך געהאַלטן בלויז עטלעכע חדשים. אַז די רעוויזיאָניסטישע ריכטונג האָט זיך געשטאַרקט אין דער שוועדישער פּאַרטיי, האָט די אָפּאָזיציע אויך אָנגעהויבן שאַרפֿער אַרויסטרעטן, ביז זי האָט זיך לסוף גאָר אָפּגעריסן פֿון דער פּאַרטיי. אין 1917 האָט זיך די אָפּאָזיציע אָרגאַניזירט אַלס לינק־סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, און ווי אַלע לינק־פּאַרטייען פֿון די צפֿון־לענדער, ווייזט זי אַרויס אַ נטיה צום קאָמוניזם און איז מער אָדער ווייניקער פֿאַרבונדן מיט דעם מאָסקווער אינטערנאַציאָנאַל.

פֿינלאַנד האָט פֿאַרמאָגט די בעסט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט. אַנטשטאַנען איז די באַוועגונג אין 1899, און אין 1903 איז געגרינדעט געוואָרן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי; אין 1907 האָט זי ביי די וואַלן שוין דעראָבערט 80 מאַנדאַטן אין פּאַרלאַמענט, אויף דער אַלגעמיינער צאָל פֿון 200 מענער־ און פֿרויען־דעפּוטאַטן). אין 1916 האָט זי שוין געהאַט אַ מערהייט אין פּאַרלאַמענט, און האָט געבילדעט, אונטער דער פּרעמיערשאַפֿט פֿון איר מיטגליד טאָקאָי, אַ סאָציאַליסטיש־ליבעראַלע

רעגירונג. די רוסישע רעוואָלוציע און די נאָכקומענדיקע דייטש־רוסישע מלחמה האָבן אומגעהייערע ליידן געבראַכט פאַר די פינלענדישע סאָציאַליסטן. די פינישע בורזשואַזיע, געשטיצט פון דער „זיגרייכער" דייטשער אַרמיי, האָט שרעקלעכע נקמה גענומען אין דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט; טויזנטער פינישע סאָציאַליסטן זענען אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט.

אין האָלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויך אין די 70־ער יאָרן, אָבער ביז אָנהויב פון די 90־ער יאָרן האָט זי געליטן פון אַלערליי קינדער־קראַנקהייטן. תחילת האָט זיך די באַוועגונג געפונען אונטער דער פירונג פון דאָמעלאַ ניעווענים, אַ געוועזענעם לוטעראַנישן גלח, וועלכער האָט זיך אַנטוישט אין פּאַרלאַמענטאַריזם, און איז געוואָרן געשטימט אַנאַרכאָ־קאָמוניסטיש. די דעמאָלטיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זענען צום טייל נאָכגעגאַנגען נאָך אים. ערשט אין 1893, אונטער דער אָנפירונג פון טרעלסטראַ און וואַן־דער־גאָו, איז אַנטשטאַנען די האָלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אַנטוויקלט די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, און אין 1903, בעת אַ שטרייק פון די אייזנבאַן־אַרבעטער, האָבן זיי אַפילו פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־שטרייק; ער האָט געקאָסט אַ סך קרבנות און איז לסוף געבראָכן געוואָרן.

נאָך אָט דער מפּלה האָט עס גענומען צייט, ביז די באַוועגונג איז ביסלעכווייז ווידער געקומען צו זיך; און זי איז דערביי, אונטער דער פירונג פון טרעלסטראַ און פליגען, געוואָרן רעוויזיאָניסטיש. דאַן זענען פון דער פּאַרטיי אַוועק אַ רייע אינטעליגענטן, ווי פרוי ראָלאַנד האָלסט, הערמאַן גאָרטער א. אַ., און זיי האָבן זיך אין 1909 קאָנסטיטואירט אַלס לינק־אָריענטירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי; נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע זענען זיי אַריבער צום קאָמוניזם.

בעלגיע איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ גן־עדן פאַר די קאַפּיטאַליסטן: אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים, אַ פרייע שפּיל פון כוחות און אַ פּאָליטיש פּאַסיווער, רעכטלאָזער און קלעריקאַליזירטער

פראָלעטאַריאַט. אַן אַקטיווע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין 1875. אין 1877 זענען אַנטשטאַנען די פלעמישע און די בראַבאַנטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און אין 1879 האָבן זיי זיך פאַראייניקט און געבילדעט די בעלגישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. אַ חוץ דעם האָבן נאָך עקזיסטירט פאַרשידענע אַרבעטער־פאַראייניקונגען און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס. אין 1885 האָבן זיי זיך אַלע אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט פון דאַן אָן געטראָגן דעם נאָמען בעלגישע אַרבעטער־פּאַרטיי. מיט איין יאָר שפּעטער זענען אין בעלגיע געווען ערנסטע אַרבעטער־אומרוען: סטיכישע אויפשטאַנדן דאָ און דאָרט, און פרוון מצד די באַרג־אַרבעטער אַרויסצורופן אַ גענעראַל־שטרייק. די אויפשטאַנדן זענען געוואָרן בלוטיק דערשטיקט. דעם עיקר קאַמף האָט די פּאַרטיי געפירט אויף צו דערגרייכן דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט. זי האָט געפרווט אָנווענדן גוואַלט־מיטלען, זי האָט געפרווט אָרגאַניזירן גענעראַל־שטרייקן (1893, 1902 1913), און האָט זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן צום ציל. סוף כל סוף האָבן די אַרבעטער באַקומען בלויז אַ באַגרענעצט וואַל־רעכט. אָבער אַ פאַרטרעטונג אין פּאַרלאַמענט האָט דאָס זיי שוין געגעבן. און ערשט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע פון 19 — 1918, וועלכע האָט זיך געטראָגן פון רוסלאַנד און האָט אומעטום אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף די באַזיצנדיקע קלאַסן, ערשט זי האָט, אין 1919, געגעבן דעם בעלגישן אַרבעטער־קלאַס דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט.

ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט זיך די בעלגישע פּאַרטיי געשטעלט אין דינסט פון דער מלחמה; דער פירער פון דער פּאַרטיי, עמיל וואַנדערוועלדע, דער דעמאָלטיקער פאָרזיצער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רעגירונג. שוין נאָך דער מלחמה זענען אַנטעלע, דעסטרע און וואַטער אויך אַריינגעטרעטן אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג, מיטן הסכם פון די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן. די אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן האָבן זיך אין 1920 אָפּגעריסן און געבילדעט אַ באַזונדערע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

אין דער שווייץ האט דער גריטלי־פאריין (אנטשטאנען אין
1838) געבילדעט דעם קערן פון א מאדערנע ארבעטער־באוועגונג.
אין 1878 האבן די גריטליאנער אנגענומען סאציאליסטישע פרינ־
ציפן, אבער זיי זענען דערביי ווייטער געבליבן שטארק שווייצעריש־
נאציאנאל און רעפארמיסטיש. ערשט ביסלעכווייז איז
אנטשטאנען א שווייצערישע סאציאליסטישע פארטיי, וועלכע האט
אנגענומען א מארקסיסטישע פראגראם. זי ציילט א 40 טויזנט
מיטגלידער און האט א רעכטן און א לינקן פליגל. א חוץ דעם איז
פאראן אין דער שווייץ א קאמוניסטישע פארטיי מיט א 5 — 6
טויזנט מיטגלידער. ביידע פארטייען האבן א געוויסן איינפלוס אויף
דער אינערלעכער פאליטיק פון לאנד.

אין שפאניען איז דער בראשית פון דער סאציאליסטישער אר־
בעטער־באוועגונג געווען ענלעך, ווי אין איטאליען: אנטשטאנען
איז די באוועגונג אין די יארן פון ערשטן אינטערנאציאנאל, און
איז באלד ארונטערגעפאלן אונטער דער אנארכא־קאמוניסטישער
השפעה פון באקונינען. בלויז א קליינע גרופע, אונטער דער פי־
רונג פון פאבלא איגלעזיאס, איז געבליבן סאציאל־דעמאקראטיש.
ערשט אין 1910 איז איגלעזיאס געוויילט געווארן אין פארלא־
מענט. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האט זיך די דאזיקע גרופע
געשטעלט אויף דער זייט פון דער אנטאנט. די פראפעסיאנעלע
באוועגונג פון די ארבעטער איז צום גרעסטן טייל סינדיקאליסטיש.

אין בולגאריע איז די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי אנט־
שטאנען אין יאר 1894. אין 1903 האט זי זיך געשפאלטן אויף
צוויי גרופעס: „ברייטע" און „ענגע" אדער רעפארמיסטן און רע־
וואלוציאנערן. אין 1913 איז די פארטיי געווען גאנץ שטארק, אז־
אז זי האט געהאט אין דער „סאבראניע" (פארלאמענט) 37 מאנ־
דאטן. בעת בולגאריע איז אריינגעטרעטן אין דער וועלט־מלחמה,
האבן זיך די רעפארמיסטן געשטעלט אויף דער זייט פון זייער
פאטערלאנד; די „ענגע" זענען געבליבן אינטערנאציאנאל, האבן
געשטימט קעגן די מלחמה־קרעדיטן און זענען אויסגעשטאנען א כך
פארפאלגונגען. צום סוף מלחמה זענען די „ענגע" באדייטנד אויס־

געוואקסן און האבן זיך אין 1919 פארוואנדלט אין א קאמוניסטישע פארטיי. פראפעסיאנעלע פאריינען און קאאפעראטיוון זענען אין בולגאריע פארהעלטניסמעסיק גאנץ שטארק.

די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי פון סערביען איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1903; אין 1912 האט זי געהאט צוויי דעפוטאטן אין דער סקופטשינע (פארלאמענט); פון אנהויב איז די פארטיי געווען מארקסיסטיש און רעוואלוציאנער, און האט בײַם אויסברוך פון דער מלחמה געשטימט קעגן מלחמה־קרעדיטן. נאך דער מלחמה האבן זיך פאראייניקט די רעוואלוציאנערע סאציאליסטן פון סערביע, קראאציע, באסניע און פון די אנדערע, פרייער עסטרייכישע פראווינצן וואס זענען איצט אריין אין באשטאנד פון דער יוגאסלאווישער מלוכה, און זיי האבן געבילדעט די „סאציאליסטישע ארבעטער־פארטיי" פון יוגאסלאוויע — זינט 1920 איז זי באקאנט אלס קאמוניסטישע פארטיי — און זיך אנגעשלאסן אין דריטן אינטערנאציאנאל. די פארטיי שטייט אויס גרויסע רדיפות. עס איז נאך דא א חוץ דעם א קלענערע פארטיי פון רעפארמיסטישע סאציאליסטן.

אין רומעניע זענען געווען איינצלנע סאציאליסטישע גרופעס אנהויבנדיק פון די 80־ער יארן אן. אבער צוליב דעם רעאקציאנערן רומענישן רעזשים האט זיך נישט געקאנט בילדן קיין סאציאליסטישע פארטיי, ביז די פראפעסיאנעלע באוועגונג איז נישט געווארן — א דאנק דעם אויפבלי פון דער נאפט־אינדוסטרי — גענוג שטארק, און דאס האט געשאפן א באדן פאר דער עקזיסטענץ פון ארבעטער־ארגאניזאציעס. נאך דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע פון 1905 און נאך דעם פויערים־אויפשטאנד פון 1907 האבן די סאציאליסטישע גרופעס, אונטער ראקאווסקיס פירונג, ווידער אנגעהויבן צו ווערן אקטיוו, און אין 1911 האבן זיי, צוזאמען מיט די פראפעסיאנעלע פאריינען, געבילדעט די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי. די פארטיי איז געווען קעגן רומעניעס אריינטריט אין דער וועלט־מלחמה. אין 1918 האט אויסגעבראכן אן אלגעמיינער שטרייק, וועלכער האט געבראכט נאך זיך אומגעהייערע

רעפּרעסיעס אויף די סאָציאַליסטן און אויף די טועד פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. דעם 13 דעצעמבער 1918 האָט די רעגירונג מאָביליזירט אַן אַרטילעריישע אָפּטיילונג מיליטער קעגן אַ פרידלעכער אומבאַוואָפנטער דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער אין בוקאַרעשט; העכער 100 אַרבעטער זענען געפאַלן דעם טאָג פון די האַרמאַטן. דער אָנשלוס פון בוקאָווינע, זיבנבירגן און באַנאַט צו רומעניע האָט פאַרשטאַרקט די מעסיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן צוזאַמען איצט געבילדעט די „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון רומעניע" און די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז באַקאַנט, אַלס אַ קאָמוניסטישע.

2. אין אויסטראַליע, דרום־אַפריקע, דרום־אַמעריקע און אַזיע

אין אויסטראַליע איז געגרינדעט געוואָרן די אַרבעטער־פּאַרטיי אין 1892, נאָך די פאַרלוירענע שטרייקן פון 1889 — 1891. די אַרבעטער האָבן זיך דאַן מיט גרויס אייפער געוואָרפן אויף פּאָליטיק, אָבער פאָרמולירט האָבן זיי בלויז אַ סאָציאַל־רעפאָרמעריש פּראָגראַם, מיטן ציל צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די לוין־אַרבעטער. די אַרבעטער־פּאַרטיי איז מיט דער צייט געוואָרן זייער שטאַרק און האָט אָפּגעהאַלטן גרויסע וואַל־נצחונות; אין 1910 האָט זי דעראָבערט די מערהייט אינם פעדעראַטיוון פּאַרלאַמענט (42 מאַנדאַטן קעגן 33 בירגערלעכע) און האָט געבילדעט אַן אַרבעטער־רעגירונג. אין די באַזונדערע שטאַטן האָט זי אויך כמעט אומעטום געהאַט די מערהייט, אָבער די מלחמה מיט איר מהומה האָט אַריינגעבראַכט אומאייניקייט און רייסעניש אויך אין די דאָרטיקע אַרבעטער־רייען, און דאָס האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די פּאַרטיי. איצט האָט די פּאַרטיי, זעט אויס, שוין גובר געווען די אָפּגעשוואַכטקייט, און מאַכט ווידער דורך אַ קרעפטיקע אַנטוויקלונג.

אין ניי־זעעלאַנד איז די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון די אַרבעטער צוגעגאַנגען ענלעך, ווי אין אויסטראַליע, נאָר דאָ איז

די אַרבעטער־פּאַרטיי מער סאָציאַליסטיש; די יאָרן 1894 —
1905 האָט דאָרט פונקציאָנירט אַן אָבליגאַטאָרישער אַרביטראַזש
פאַר קאָנפליקטן אין דער אינדוסטריע און די גאַנצע צייט איז
קיין איין שטרייק נישט פאָרגעקומען. פון דעמאָלט אָן האָט זיך
די לאַגע באַדייטנדיק געענדערט. די קרעפטיקערע ווירטשאַפטלע־
כע אַנטוויקלונג האָט אויך דאָ געפירט צו שאַרפע קלאַסן־קאַמפן,
פאַר וועלכע דער אַרביטראַזש האָט מער נישט געקאָנט פאַר־
היטן.

די דרום־אַפריקאַנישע אַרבעטער־פּאַרטיי איז געגרינדעט גע־
וואָרן אין 1909, און האָט אין 1910, ביי די פּאַרלאַמענט־וואַלן,
באַקומען 4 מאַנדאַטן. באַזונדער שטאַרק האָט זיך די פּאַרטיי
אַנטוויקלט אין טראַנסוואַל, וו זי האָט אין 1913 דעראָבערט די
מערהייט. אויך דאָ האָט די מלחמה געווירקט פאַטאַל אויף דער
פּאַרטיי: די מערהייט האָט געשטיצט די מלחמה, איז די מינדער־
הייט אוועק פון דער פּאַרטיי און האָט געגרינדעט דעם „אינטער־
נאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן בונד" — אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַ־
ניזאַציע, וועלכע האָט צווישן אַנדערן געוואָלט אויך איינשטעלן
ברידערלעכע באַציאונגען צווישן די ווייסע אַרבעטער מיט די פּאַר־
ביקע. די אַרבעטער־באַוועגונג אין דרום־אַפריקע, אויף וויפיל
זי איז קלאַסן־באַוואוסט, האָט אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף מיט
דעם דיאַמאַנטן קאַפּיטאַל, וועלכער קריגט שטענדיק אונטערשטי־
צונג פון דער רעגירונג.

די דרום־אמעריקאַנישע רעפּובליקן: אַרגענטינע, בראַזיליע,
פּערו, אורוגוואַי זענען צוקונפט־לענדער: זייי האַלטן ווירטשאַפט־
לעך ערשט אין אויסבילדן זיך. די דאָרטיקע אַרבעטער־פּאַרטייען
מיט זייערע ריכטונגען זענען בלויז א מין המשך פון די זעלבע
אָרגאַניזאַציעס אין איירָאָפּע, אין בעסטן פאַל זענען עס קעמער־
לעך פון קינפטיקע סאָציאַליסטישע קערפּערשאַפטן. אַמשטאַרקסטן,
פאַרהעלטניסמעסיק, איז די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַרגענטינע.
די אַרגענטינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אַנטשטאַנען אין
1896. ביי די וואַלן אין 1914 האָט זי באַקומען 40 טויזנט שטי־

מען און 9 מאנדאטן. די מלחמה האט אויך דארטן געבראכט א
א שפאלטונג: אין 1917 האט די אפאזיציע געבילדעט די אינטער־
נאציאנאלע סאציאליסטישע פארטיי, וועלכע איז אויך קאמוניס־
טיש, פונקט ווי דער אינטערנאציאנאלער בונד פון דרום־אפ־
ריקע.

אין אזיע קומט אין באטראכט דער וויטער מזרח. אין כינע*)
אין צווישן דער אינטעליגענץ פאראן א קאמוניסטישע שטרע־
מונג; מיט גרויס אויפמערקזאמקייט האט זי נאכגעפאלגט די גע־
שעענישן אין איראפע און אין די פאריייניקטע שטאטן פון אמע־
ריקע. אבער אונזער אויפמערקזאמקייט פאדרינט מער די סא־
ציאליסטישע ארבעטער־באוועגונג פון יאפאן. פאר די לעצטע יאר־
צענדלינגען איז יאפאן געווארן א ווירטשאפטלעך מאדערן לאנד.
סימנים פון ארבעטער־דערוואכונג זענען שוין געווען אין לעצטן
יארצענדלינג פון פאריקן יארהונדערט, אזוי אז אין 1900 האט
דער יאפאנישער פארלאמענט אנגענומען א געזעץ קעגן שטרייקן.
אין 1901 האבן קאטאקו און סען קאטאיאמא געגרינדעט די יא־
פאנישע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי, אבער באלד האט פא־
ליציי גענומען פארפאלגן די נייע פארטיי און האט זי דער־
שטיקט. אויף איר ארט איז אין 1903 געשאפן געווארן די ליגע
פון פלעבייער, א מארקסיסטישע גרופע, וועלכע איז געווען רע־
וואלוציאנער און קאנסעקווענט אנטי־אימפעריאליסטיש: זי איז
ארויסגעטרעטן קעגן דער יאפאניש־רוסישער מלחמה (1904). זי
האט אויך געהאט דעם זעלבן גורל, וואס איר פארגייערין; אין
1910 האט מען א רייע סאציאליסטישע פירער, צווישן זיי נא־
טאקון, אנגעקלאגט, אז זיי זאלן האבן ארגאניזירט א פארשווע־

---

*) די אנטוויקלונג גייט היינטיקע צייטן מיט אזא שנעלן טעמפ, אז די
שורות וועגן כינע, ווי א סך אנדערע שטעלן אין די לעצטע קאפיטלען, זענען
שוין איצט פארעלטערט — דער מחבר האט דעם בוך אפגעשלאסן אין יאר
1923.

איבערזעצער.

רונג אויפן לעבן פונם מיקאדא, און מען האט זיי פארמשפט צום טויט.

די אנטוויקלונג פון דער יאפאנישער אינדוסטריע בעת דער וועלט־מלחמה און דערנאך די רוסישע רעוואלוציע (1917) האבן אריינגעבראכט אן אויפלעבונג אין דער יאפאנישער סאציאליסטישער און פראפעסיאנעלער באוועגונג, וועלכע גיט די בעסטע האפנונגען אויף דער צוקונפט. אין די בירגערלעך־אינטעלעקטועלע קרייזן ווערט איצט אויך זייער פלייסיק שטודירט די סאציאלע פראגע. אין אלגעמיין, לויט די איצטיקע סימנים, קאן מען זיך משער זיין, אז אויב יאפאן זאל ליידן א מיליטערישע מפלה, אלט זי מסתמא איבערגעלעבט א באלשעוויסטישע רעוואלוציע.

אינהאַלט

הקדמה 3

I. דייטשלאַנד (1847 — 1800)

1. מלחמות און נאַציאָנאַלע פרייהייט און איינהייט 5
2. ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער אויפרודער 7
3. סאָציאַליסטישע שפּראַצונגען: קריטיק, דיכטונג, צייטשריפטן. (1847—1825) 13
4. סאָציאַל־קריטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּרוּוון: גאַל, ביוכנער 14

II. דייטשע רעוואָלוציאָנערע חברות אין אויסלאַנד

1. דער בונד פון פאַרפאָלגטע 20
2. דער „בונד פון די גערעכטע“: וויטלינג 22
3. וויטלינג און רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור 28
4. וויטלינגס לעבנס־סוף 30
5. פון די „גערעכטע“ צום „קאָמוניסטן־בונד“ 30

III. פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען אין דייטשלאַנד (1847 — 1840)

1. שטורמפויגל 34
2. סאָציאַלע דיכטונג: היינע, מייסנער, בעק 35
3. סאָציאַלע קריטיק: העס, גרין, ליכינג, עלקערס 39

IV. קאַרל מאַרקס

1. זיין באַדייטונג 45
2. מאַרקס און די העגעלשע דיאַלעקטיק 46
3. די מאַטעריאַליסטישע געשיכטע־אויפפאַסונג 52

4. פּלאַסן־קאַמף 56

5. דער קערן פון מאַרקס עקאָנאָמישער לערע 57

6. עוואָלוציע און רעוואָלוציע 59

7. די פריינטשאַפט מיט פרידריך ענגעלס 61

8. די גרינדונג פונם קאָמוניסטן־בונד און זיין סטאַטוט 63

9. די קאָמוניסטישע צוריקווירקונג אויף דייטשלאַנד: סטעפאַן באָרן, מענטעל — בערלין 65

V. די דייטש־קאָנסערוואַטיווע סאָציאַל־רעפאָרם

1. ראָמאַנטישער כאַראַקטער 68

2. מאַרלאָ — ווינקלבלעך 70

3. קאַרל יאָהאַן ראָדבערטוס 73

VI. די צווייטע דייטשע רעוואָלוציע

1. דער פּאָליטישער פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע 79

2. סאָציאַלע שטרעמונגען: 1848—1849 81

3. דער סוף פונם קאָמוניסטן־בונד 86

VII. ווירטשאַפט און פּאָליטיק (1850 — 1880)

1. די תקופה פון ליבעראַליזם 89

2. איבערגאַנג צו אימפּעראַליזם און צו סאָציאַליזם 91

VIII. די צייט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל

1. לאַסאַל און דער אַלגעמיינער דייטשער אַרבעטער־פאַריין 95

2. די גרינדונג פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און זיין געשיכטע 98

3. די פּאַריזער קאָמונע 101

IX. די תקופה פון אימפּעריאַליזם

1. די עקאָנאָמישע וואָרצלען פונם אימפּעריאַליזם 106

2. די פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליזם. קאַרל קויטסקי 109

X. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל

1. דערפאָלגן און דורכפאַלן 113

2. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל און די מלחמה 115

3. דייטשלאנד 120
4. עסטרייך־אונגארן 124
5. גרויס־בריטאניען 126
6. פראנקרייך 129
7. איטאליען 133
8. רוסלאנד — פוילן 135
9. דיפאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע 142

XI. פעלקער־קריג און רעוואלוציע, (1914 — 1920)

1. באנקראט און שפאלטונג פון צווייטן אינטערנאציאנאל 147
2. די רוסישע רעוואלוציע 150
3. די דריטע דייטשע רעוואלוציע 1918—1919 153
4. די סאציאלע אויפרודערונג אין פראנקרייך און גרויס־בריטאניען (1917—1920) 156

XII. די קלענערע פארטייען (1870 — 1920).

1. אין אייראפע 158
2. אין אויסטראליע, דרום־אפריקע, דרום־אמעריקע אי… 165